STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03861

FUN ONZOG TSU FARVIRKLEKHUNG

Shelomo Kaplansky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלוועלטלעכער אידישער סאָצ. אַרבעטער־פאַרבאַנד פועלי־ציון
(פאַראייניקט מיטן צ. ס. פאַרבאַנד)

שלמה קאַפּלאַנסקי

פון אָנזאָג צו פאַרווירקלעכונג

א באַנד שריפטן

מיט אַ פאָרבאַמערקונג
פון ב. לאָקער

1932 • וואַרשע • תרצ"ב

Printed in Poland.

S. KAPLANSKY

Fun Onzog cu Farwirklechung.

Zbiór Pism

Wyd.: Wszechświatowy żydowski socjalistyczny związek robotniczy Poale Sjon (Zjednoczony z C. S.)

S. KAPLANSKY

Von Verheissung zur Verwirklichung.

Herausg.: Allweltlicher Jüdischer Sozialistischer Arbeiter-Verband Poale-Zion (Vereinigt mit Z. S.)

Składano w zecerni A. Wajntrauba, Przechodnia 1. Tel. 709-81.

Druk. „Grafia" Orla 9

אינהאַלט:

פאָרבאַמערקונג — ב. לאָקער V

אנשטאַט אַ הקדמה — ש. קאַפּלאַנסקי 1

ערשטער טייל: אידישער סאָציאַליזם און ארץ־ישראל.

פראָגראַמאַטישע יסודות פונם פועלי־ציוניזם 7

פראָבלעמען פון דעם ציוניזם 16

קלאַסנקאַמף און אידנפראַגע 28

פּראָבלעמען פונם פועלי־ציוניזם 48

אַרבעטער־אינטערעסן און ציוניסטישער קאָנגרעס . . . 81

אַרום דעם שטרייק אין ראשון־לציון 93

די רעקאָמענדאַציעס פון דער אַגענץ־קאָמיסיע . . . 100

באַראָכאָוו אין דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג . . 111

צווייטער טייל: די אידנפראַגע פאַרן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דער ערשטער מעמאָראַנדום צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָצ. ביוראָ . 119

די אידן אין דער מלחמה 123

פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע 172

פאָרשלאַגן צום שלום־קאָנגרעס 182

רעדע אין לוצערן 188

רעדע אין בריטאַן 192

אַרבעטערשאַפט און ארץ־ישראל 195

פאָלקס־קאָלאָניזאַציע און סאָציאַליזם 198

די ארץ־ישראל־געשעענישן אין 1929 205

צום ראַפּאָרט פון דער שאָ-קאָמיסיע 210
נאָכן ווייס-בוך פון אָקטאָבער 1930 (בריוו צו הענדערסאָנען) . 215

דריטער טייל: ענגלאַנד, אידן און אראַבער.

דער ארץ-ישראל-מאַנדאַט 221
אידן און אראַבער 227
אַן ארץ-ישראל-פּראָגראַם פאַר דער אַרבעטער-רעגירונג . . 235
די קאָנסטיטוציע-פראַגע און דער אידיש-אראַבישער אויסגלייך . 244

פערטער טייל: פּראָבלעמען פון דער א״י־קאָלאָניזאַציע.

לאַנד-אַרבעטער-פראַגע און קאָאָפּעראַציע 253
אָרגאַניזירונג פון קאַפּיטאַל פאַר ארץ-ישראל 287
באַזעצונג פון אַרבעטנדע מאַסן אין ארץ-ישראל 296
אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע און ארץ-ישראל 304
פּראָבלעמען פון דער קבוצה 317
דער מצב און די מעטאָדן פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע . 323
ראַנדבאַמערקונגען צום בלויבוך 346
די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפנאַמס-פעיקייט פון ארץ-ישראל . . 360
צום אַנאַליז פון דעם האָפּ-סימפּסאָן-באַריכט 383

פאָרבאַמערקונג.

די אַרויסגעבער פילן דאָס באַדערפעניש, צו באַגלייטן דעם באַנד מיט עטלעכע אַריינפיר-ווערטער און האָבן מיר געגעבן דעם אויפטראַג, זיי אָנצושרייבן. קיין גרעסערן נחת-רוח האָבן זיי מיר נישט געקאָנט אָנטאָן.

די אַרבעטער-באַוועגונג איז בטבע ווייט פון פערזאָנען-קולט, אָבער עכט און אויפריכטיק איז איר ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט צו די, וואָס האָבן די זכיה און די אַחריות צו שטיין אין אירע פאָדערשטע שורות. אין דער פאַרבנרייכער גאַלעריי פון דענקער און פירער, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויפן געדאַנק און טאַט פון דער פּועלי-ציון-באַוועגונג, פאַרנעמט שלמה קאַפּלאַנסקי אַן ערשט-ראַנגיקע, יאָ, אַן איינציק-אַרטיקע פּאָזיציע.

* * *

ס'איז נישט מיין כּונה, צו געבן דאָ אַ פולע אָפּשאַצונג פון קאַפּלאַנסקיס פערזענלעכקייט און זיין ראָל אין דער ביז-איצטיקער געשיכטע פון דער באַוועגונג. ווער ס'וועט אויפמערקזאַם לייענען דעם דאָזיקן ספר וועט קריגן וועגן דעם אַ מער-ווייניקער קלאָרע השגה, בפרט ווען ער וועט דערביי אין זין האָבן, אַז די אַלע אַרבעטן — אויך יענע, וואָס קאָנען צוליב זייערע טעמעס אָדער סטיל אַרויסרופן דעם איינדרוק פון רואיקער, כמעט אַקאַדעמישער אַרבעט — זיינען אַרויסגעוואַקסן אויס די אַקטועלע באַדערפענישן פונם פילפראָנטיקן קאַמף, אין וועלכן די באַוועגונג איז געשטאַנען אין די כמעט דריי יאָרצענדליקער פון איר עקזיסטענץ. קאַפּלאַנסקיס שריפטן זיינען מער ווי די פון וועלכן ס'איז אַנדערן לערער און וואָרטפירער פון דער באַוועגונג כמעט אַ פולע אָפּשפּיגלונג פון די צאָלרייכע און פאַרשיידנאַרטיקע פּראָבלעמען, מיט וועלכע אונז איז אויסגעקומען צו ראַנגלען זיך. די גרונד-פּרינציפּן פונם פּועלי-ציוניזם, דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער אַנאַליז פונם אידישן פּראָבלעם, די פראַגן-קאָמפּלעקסן ציוניזם — סאָציאַליזם און ארץ-ישראל—גלות, דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, די פּראָבלעמען פון דער קאָנקרעטער אויפבוי-אַרבעט אין ארץ-ישראל, דער קאַמף אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַרן פאָרום פונם אינטערנאַציאָנאַל,

די אידיש-אַראַבישע באַציאונגען און די פּאָליטישע ארץ-ישראל-פּראָבלעמען— דאָס איז אַ ווייט נישט גענויע רשימה פון די פראַגן, אין וועלכע קאַפּלאַנסקי האָט געהאַט צו זאָגן זיין וואָגיק וואָרט, אָפטמאָל דאָס וואָרט פונם וועלט-פאַרבאַנד פּועלי-ציון. פון די בלעטער פון דעם דאָזיקן בוך רעדט די דרייסיק-יעריקע געשיכטע פון דער פּועלי-ציון-וועלט-באַוועגונג.

* *
*

אָבער די דאָזיקע פּילזייטיקייט איז נישט דער איינציקער סימן מובהק און אַפילו נישט דער סאַמע וויכטיקסטער עלעמענט פון קאַפּלאַנסקיס ספּעציפישער פּאָזיציע, וועלכע מיר האָבן דערמאָנט. אַ געוויסן רמז, אין וועלכער ריכטונג צו זוכן דעם שליסל צו דער באַזונדערער אינדיווידואַליטעט פונם מחבר קאָנען מיר אפשר געפינען אינם נאָמען, וואָס ער האָט אַליין אויסגעקליבן פאַר זיין בוך. „פון אָנזאָג צו פאַרווירקלעכונג" באַצייכנט נישט בלויז דעם מהלך, וועלכן די באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט פון אירע ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטישע טריט ביז צום אויפבוי-פּעריאָד פונם אַרבעטענדן ארץ-ישראל, אין וועלכן מיר שטייען די לעצטע צוועלף-דרייצן יאָר, נאָר אויך — אפשר פאַר אים אומבאַוואוסט — די ספּעציפישע גייסטיקע און אידעאָלאָגישע פיזיאָנאָמיע פונם שרייבער. דער „ריינער" אָנזאָג-פּעריאָד, ד. ה. די צייט פון בלויזער טעאָריע און פּראָפּאַגאַנדע איז ביי אים געווען זער קורץ און האָט זיך געענדיקט אַזוי פרי ווי 1906/7. זייט יענער צייט איז ביי אים דער אָנזאָג קיינמאָל נישט געווען קיין זעלבסטשטענדיקע איזאָלירטע פונקציע, נאָר זי איז שטענדיק באַשטימט און באַהערשט פונם אויסקוק אויף דער פאַרווירקלעכונג. די פאַרווירקלעכונג איז עס, וואָס פאָרמירט זיין אידעאָלאָגישן פּרצוף; זי איז דער אויסגאַנגס-פּונקט פון זיין טעאָרעטישן טראַכטן. ער איז דער טרעגער פונם פאַרווירקלעכונגס-אָנזאָג אין אַ צייט, ווען פאַר אַנדערע האָט דאָס טעאָרעטישע דערווייזן די נויטווענדיקייט און מעגלעכקייט פונם אידעאַל אויסגעוויזן צו זיין די איינציקע אויפגאַבע פונם מאָמענט. דאָס איז דער מקור פון זיין פּאָזיטיוויזם פון זיין געדאַנק וועגן דער נישט-בלויז באַפרייענדיקער נאָר אויך שאַפנדיקער ראָל פונם אַרבעטער-קלאַס אין דער רעאַליזירונג פון ציוניזם; פון דאַנען זיין קאַמף פאַר דער באַטייליקונג אינם ציוניסטישן קאָנגרעס, אין וועלכן ער זעט דעם עיקר-אינסטרומענט פון דער פאַרווירקלעכונג און דעם פאָרום פון קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער און באַזיצלאָזע אין דער פאַרווירקלעכונג. נישט לעבנדיק נאָך אַליין אין ארץ-ישראל, ווערט ער שוין אין יענער צייט דער גרינדלעכסטער טעאָרעטישער אינטערפּרעט פון די פּראָבלעמען, וואָס הויבן שוין אָן אַרויסוואַקסן פונם לעבן פון דער יונגער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און פון איר זוכן נאָך קאָנקרעטע וועגן פאַר זייער פאַרענטפערונג.

* *
*

קאַפּלאַנסקי האָט אַלס ערשטער קלאָר — און אין די גרונד־ליניעס ענדגילטיק — פאָרמולירט דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן כאַראַקטער פון דער אַראַבישער פראַגע, בפרט פון דער אידיש־אַראַבישער אַרבעטס־קאָנקורענץ און אָנגעוויזן אויף די היסטאָרישע סכּנות, סאָציאַלע ווי נאַציאָנאַלע, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער עקספּלואַטאַציע פון אַראַבישער אַרבעט דורך אידישע ערד־באַזיצער. דעם וועג צו דער פאַרענטפערונג פון אָט דעם פּראָבלעם זעט ער שוין דעמאָלט בעיקר אינעם אויסמיידן לוין־אַרבעט בכלל אין דער קאָלאָניזאַציע, אינעם אַוועקשטעלן דעם גאַנצן בנין פון דער נייער אידישער לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל אויפן פּרינציפּ פון זעלבסט־אַרבעט, וואָס זאָל ווידער באַהעפטן אידישע מאַסן מיט דער אידישער ערד. אַזוי ווערט ער דער **פּיאָנער פונם קאָנקרעטן קאַמף פאַר קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע**, סיי אין אונזערע אייגענע רייען, סיי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל. ער איז עס בעיקר, וואָס פירט אָן די אַגיטאַציע און דעם קאַמף פאַר פראַנץ אָפּענהיימערס פּלענער. ס׳איז אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן. פון אַ גרויסן טייל פון דער אייגענער באַוועגונג ווערט דער געדאַנק באַטראַכט פאַר אוטאָפּיש און נישט בהסכּם מיט די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף; אינעם אַלגעמיין־ציוניסטישן לאַגער ווערט ער אויפגענומען צום טייל מיט „פּראַקטישן״ סקעפּטיציזם, צום טייל מיט חשד פון סאָציאַליסטישער קאָנטראַבאַנדע. אָבער אין 1909 ווערט דער קאָאָפּעראַטיווער פּרינציפּ אנערקענט אַלס איינער פון די מעטאָדן פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק, יאָ, ס׳ווערט אָנגענומען דער באַשלוס צו שאַפן אַ ספּעציעלן גענאָסנשאַפטס־פאָנד און אין 1911 ווערט געלייגט דער גרונד־שטיין צום עקספּערימענט פון מרחביה.

* *
*

פון יענעם מאָמענט אָן ווערט דער קאַמף פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין אירע פאַרשיידענע פאָרמאַציעס, פון מרחביה ביז עין־חרוד, אַ שטיק פון קאַפּלאַנסקיס לעבנס־אַרבעט. מיר זעען אים אין די מלחמה־יאָרן צונויפטראָגן דעם וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל פאַר דער פאַרטיידיקונג פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן גרויס־באַטריב, וואָס איז געבויט אויף קאָאָפּעראַטיווער זעלבסטאַרבעט קעגן דער פּאָפּולערער טעאָריע וועגן דער בעסערער צוגעפּאַסטקייט פון דער פּויערישער קליינווירטשאַפט צו דער אַגראַרישער פּראָדוקציע. מיר זעען אים אין 1924 פאַרטיידיקן די קבוצה קעגן דער אויטאָריטעט פון פּראָפ. מיד, אין 1926 קעגן פּראָפ. אָפּענהיימער, וואָס זעט אין דער קבוצה נישט די העכערע ווייטער־אַנטוויקלונג נאָר אַן אָפּנויג פון זיינע אייגענע אידעען, אין 1928 קעגן דער אַמעריקאַנישער איידזשענסי־קאָמיסיע.

אין אַלע די יאָרן איז ער דער טעאָרעטיש-גרינדלעכסטער וואָרט-פירער אינם אָפּוווער-קאַמף קעגן דער אַלץ ווידער און ווידער זיך באַנייענדיקער אָפּאָזיציע אויף דער אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע ובפרט אויף דעם קבוצה-סיסטעם אין דער ציוניסטישער באַוועגונג גופא.

אַלס דער ערשטער און דערווייל איינציקער אַרבעטער-פירער וואָס איז געוועזן אַוועקגעשטעלט בראש פון דער קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט ער עס באַטראַכט פאַר זיין הויפּט-מיסיע, צו זיכערן די פולע דורכפירונג פונם קבוצהשן עקספּערימענט. דער בולטסטער אַקט פונם אַנטי-אַרבעטער-רעזשים, וואָס איז עטאַבלירט געוואָרן אין 1927, איז געוועזן קאַפּלאַנסקיס פאַרלאָזן די אָנפירונג פונם קאָלאָניזאַציע-דעפּאַרטאַמענט. קעגן אים איז בעיקר געווען געצילט דער האַס פון אַלע רעאַקציאָנערן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

* * *

זיי קאָנען אים האַסן, אָבער זיי מוזן אים אַכטן, זיי קאָנען אים נישט מבטל זיין. ווייל אינם פּראָצעס פון קאַמף, אַוועקגעשטעלט אויף דער פאָדערשטער, אַחריותפולסטער פּאָזיציע, איז ער אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די נישט צו צאָלרייכע אינם ציוניזם, וואָס קאָנען רעדן וועגן די פאַרוויקלסטע קאָלאָניזאַטאָרישע פּראָבלעמען מיט אַ הויכער מאָס פון אויטאָריטעט, וואָס שטיצט זיך אויף אַ טיפן, פילזייטיקן וויסן, אויף אַ גרינדלעכער אַדמיניסטראַטיווער ערפאַרונג. און אַזוי איז דער וואָרטפירער פון דער אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע אין ציוניזם אויך געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע וואָרטפירער פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אין אירע מעטאָדן כלפּי חוץ קעגן די אָנגרייפונגען פון די פאַרשיידענע בריטישע קאָמיסיעס. דער מעמאָראַנדום צו דער רעגירונג פון מאַי 1930, וועלכער איז צום באַדויערן נישט אַריין אין דעם באַנד, דער ענטפער צו האָפּ סימפּסאָן, די אָפּהאַנדלונגען איבער דער עקאָנאָמישער קאַפּאַציטעט פון ארץ-ישראל קאָנען אָן אַ גוזמא אָנגערופן ווערן צווישן די בעסטע אויפטוען פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַטאָרישער ליטעראַטור.

אין דער דאָזיקער גאַנצער לעבנס-אַרבעט פילט זיך אויף שריט און טריט דער טיפער אָרגאַנישער צוזאַמענהאַנג צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, צווישן אָנזאָג און פאַרווירקלעכונג. אַרויסגייענדיק פון די קאָנקרעטע פּראָבלעמען, פון די פּרטים פון דער טעגלעכער פאַרווירקלעכונגס-אַרבעט קומט קאַפּלאַנסקי שטענדיק צוריק צו דער גרויסער גרונדליניע און צו דער אַלץ אַרומנעמענדיקער וויזיע פונם גאַנצן פּועלי-ציון-געדאַנק. זיין וויזיע פאַרפירט אים נישט דערצו, צו איגנאָרירן שוועריקייטן צו באַגאַטעליזירן טייל-פּראָבלעמען; זיין אַריינדרינגען אין די פּרטים פירט נישט אַוועק זיין בליק פון פולן, ברייטן, האָריזאָנט; און אַזוי איז אַפילו זיין סטיל אַ גליקלעכע מישונג פון וויסנשאַפטלעכן ערנסט און שטילן אָבער גליענדיקן פּאַטאָס.

* * *

ס'איז נישט אָן אַ טיפערן זין, וואָס דער פּאָנען־טרעגער פונם סאָ־ציאַליסטישן קאָלאָניזאַציע־מעטאָד אינם ציוניזם האָט אַ נישט קלענערן חלק אינם אויפוויקלען דעם ציוניסטישן פּראָבלעם פונם אידישן אַרבעטער־קלאַס פאַרן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. זייט 1907 איז קאַפּלאַנסקי דער מחבר פון כמעט אַלע אונזערע וויכטיקסטע מעמאָראַנדומס צום אינטערנאַ־ציאָנאַל. בפרט זיין שריפט „די אידן און די מלחמה" („דאָס רויטע בוך", 1915) עפנט אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון אונזערע אָנשטרענ־גונגען, דורכצוברעכן די בלינדע וואַנט פון אומפאַרשטענדניש און פאָר־אורטייל, וועלכע האָבן אונז יאָרנלאַנג פאַרשפאַרט דעם וועג צו דער אַל־וועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג.

ב. באָראָכאָווס אורטייל, אַז „נאָך לעאָ פינסקערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע" און ד"ר הערצלס „יודענשטאַט" איז דאָס רויטע בוך... דער וויכטיקסטער און שטאָלצסטער פּאָליטישער מאַניפעסט פונם אידישן פאָלק" שפּיגלט אָפּ דעם ענטוזיאַזם מיט וועלכן די שריפט איז בשעתו אויפגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער באַוועגונג.

אָבער אויך אויף דעם פראָנט שעפּט זיך קאַפּלאַנסקיס ראָל ווייט נישט אויס מיטן געדרוקטן און געשריבענעם וואָרט. אין דער גאַנצער אינ־טענסיווער אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע „פון מאַן צו מאַן", וואָס דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָט דורכגעפירט אינם האַגער פעריאָד (1915 — יולי 1917) איז אויף אים אויסגעפאַלן דער לייבן־חלק פון דער אַרבעט. ער האָט פאַקטיש געשאַפן דעם ערשטן פערמאַנענטן קאָנטאַקט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָ־ציאַליסטישן ביוראָ; ס'איז געווען בעיקר זיין פערזענלעכע ווירקונג, וואָס האָט געמאַכט קאַמיל הויסמאַנס און פּ. י. טרולסטראַ פאַר איבערצייגטע און איבערגעגעבענע פריינד פון אונזער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט אין די גלות־לענדער און פאַר דער זיכערונג פון פרייער טעטיקייט פאַר דער שאַפונג פון אַ אידישן צענטער אין ארץ־ישראל. דערמיט זיינען געלייגט געוואָרן די יסודות פאַר אונזערע ערפאָלגן אין שטאָקהאָלם, בערן און אַמסטערדאַם און פאַר אונזער הייניקער פּאָזיציע אין אינטערנאַציאָנאַל, אין וועמעס עקזעקוטיווע קאַפּלאַנסקי פאַרטרעט די באַוועגונג אָן אַן איבער־רייס ביזן איצטיקן מאָמענט.

אויך אויפן ספּעציעלן באָדן פון דער בריטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט קאַפּלאַנסקי יאָרנלאַנג געווירקט און איז ביז היינט געבליבן אונזער אָנגעזעענסטער „אַמבאַסאַדאָר" וועמעס וואָרט פאַרמאָגט צוטרוי און אויטאָ־ריטעט און וועלכער האָט אין אַ באַדייטנדער מאָס משפּיע געווען די פּאָליטיק פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי אין די פראַגן פון ארץ־ישראל.

* * *

די עטלעכע, לגמרי נישט אויסשעפנדיקע באַמערקונגען, וואָלטן געּ נוג געווען צו באַרעכטיקן דאָס אַרויסגעבן דוקא אָט דעם בוך אין צוזאַ־ מענהאַנג מיטן פינפאונצוואַנציק־יאָריקן יובילייַ פונם וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ ציון. וואָרום פון די בלעטער פון דעם בוך רעדט איבער אַ פערטל יאָר־ הונדערט געשיכטע פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט די זעלטענע זכיה צו פאַרוואַנדלען וויזיע אין ווירקלעכקייט, צו מאַכן געשיכטע אינם באַגליקנ־ דיקסטן זין פון דעם וואָרט.

אָבער פון דעם בוך רעדט מער ווי געשיכטע, רעדט די לעבעדיקע, הייַנטיקסטע קעגנוואַרט. קוים איין בלאַט איז פאַרעלטערט. דער וועלט־קריי־ זיס, די גסיסה פונם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. די טראַגישע ערשיטערונג פונם אידישן לעבן, דער וואוקס פונם ישוב אין ארץ־ישראל האָבן אויפסניי— און אויף אַן אומענדלעך פאַרגרעסערטן מאַסשטאַב — געשטעלט צום היס־ טאָרישן משפט אַלע פּראָבלעמען און פלוגתות, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געראַנגלט זייט די קינדער־יאָרן פון דער באַוועגונג. ווידער — ניין, איצט ערשט רעכט, שטייט אונזער יוגנט אויפן שייד־וועג, אונטערן קאָנצענטרירטן אידעאישן אָנגריף פון אַ באַנייטן אַסימילאַטאָרישן קאָסמאָפּאָליטיזם פון איין זייט און פון אַנטיסאָציאַליסטישן היפּערנאַציאָנאַליזם פון דער צווייטער זייט. אוגאַנדא איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים אין בירא־בידזשאַן. די שווע־ ריקייטן מיט וועלכע די נאַציאָנאַלע פינאַנץ־אינסטיטוטן באַגעגענען זיך אין דער איצטיקער צייט פון עקאָנאָמישער ירידה הויבן שוין אָן אויפצואוועקן פון דער פאַרגעסנקייט די לידער פון 1925, לויט וועלכע די חלוצישע עפּאָכע אין דער אויפבוי־אַרבעט איז פאַרענדיקט, די צייט פון „עקספּערי־ מענטן“ איז פאַרבייַ און נאָר איבער „דזשיקע און נאַלעווקעס“ פירט דער וועג צום גיכן אויפבוי פון ארץ־ישראל.

אין דעם דאָזיקן פיל־פּראָנטיקן קאַמף וועט אונזער אינטעליגענץ, אונזער אַרבעטערשאַפט און יוגנט געפינען אין דעם דאָזיקן ספר אַן אַר־ סענאַל פון שאַרפע, מאַכטפולע כלי־זין, אַן אוצר פון אקומולירטן וויסן און טראַכטן, אַ קאַפּיטאַל פון פילזייטיקער קאַמף־ערפאַרונג, אַ קוואַל פון אויפ־ קלערונג, ערמוטיקונג און באַגייסטערונג.

מיט דאַנקבאַרקייט און שטאָלץ נעמען מיר אָן קאַפּלאַנסקיס מתנה צו אונזער—זייַן יובילעאום, און מיר וואַרטן אויף ווייטערע מתנות.

לאָנדאָן, יולי 1932.

ב. לאָקער

אנשטאט אַ הקדמה.

אין אויגוסט פון דעם יאָר, 1932, ווערט 25 יאָר זייט דער גרינדונג פונם אידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער-פאַרבאַנד פועלי-ציון. עס איז געווען מיין זכיה, אין האַאַג 1907, צו שטיין ביי דער וויג פון דער ערשטער וועלט-אָרגאַניזאַציע פון אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און מיטצווירקן אינטים און אַקטיוו אין דעם יאָרנלאַנגען קאַמף פון דער פאַרטיי פאַר דער דורכזעצונג און פאַרווירקלעכונג פון די נייע אמתן און ווערטן, וועלכע זי האָט אַריינגעוואָרפן אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג און פאָלקס-פּאָלי-טיק. דער באַנד שריפטן איז מיין מתנה דעם וועלט-פאַרבאַנד פועלי-ציון צו זיין יובל.

דער מצב אין דער וועלט און אינם אידישן לעבן, אינם אַרבעטער-אינטערנאַציאָנאַל ווי אין ארץ-ישראל און אין אונזער אייגענעם וועלטפאַרבאַנד באַרעכטיקן נישט קיין פייערונגען און ימים-טובים. און אפשר איז נאָך נישט געקומען די צייט אָפּצושאַצן די תקופה פון זוכענישן און גראַנגל, פון מוטיקע אָנהויבן און רעוואָלוציאָנערער העזה, וואָס זיינען די געשיכטע פון אונזער באַוועגונג. די שריפטן-זאַמלונג איז נאָר אַן אויסשניט דערפון, אַפילו פון מיין אייגענער פּובליציסטיש-פּאָליטישער טעטיקייט, אָבער זי קאָן געבן אַ השגה, בפרט דעם איגנגערן דור פונם אידישן סאָציאַליזם, פון וועלכע קוואַלן מיר האָבן געשעפּט, צו וואָס מיר האָבן געשטרעבט, ווי מיר האָבן געקעמפט און געבויט, און ווי ווייט מיר האָבן פאַראויסמאַרשירט אויפן וועג פון אָנזאָג צו פאַרווירקלעכונג. איך האָף, אַז דער באַנד וועט האָבן אַ חלק אין דער אידעאָלאָגישער באַנייאונג און פאַרטיפונג, וועלכע זיינען אַזוי נויטיק אין דער איצטיקער צייט פון בלבול המושגים און אידעאָלאָגי-שע ספקות, וועלכע עס באַמיען זיך אַרויסצורופן די קאָמוניסטן, מיט זייער אָפּענסיווע קעגן דעם אידיש-רעוואָלוציאָנערן ווערט פון ארץ-ישראל, און די רעוויזיאָניסטן, מיט זייער אַטאַקע קעגן דעם סאָציאַלן תוך פונם ציוניזם.

דער דאָזיקער באַנד נעמט אַרום אַרבעטן, געשריבן אין דער צייט פון 1906 ביז 1931. אָבער עס קאָן נישט געזאָגט ווערן, אַז די פאַרשיידענע

קאַפּיטלעך פון דעם געשיכטלעכן פעריאָד זיינען פאַרטרעטן אין אַ גלייכער און ריכטיקער מאָס. בפרט, טוט מיר באַנג, אַז די ערשטע פאַזע פון דער באַוועגונג, די פאַר־מלחמה־יאָרן 1906—1914, שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם בוך אין אַ זייער נישט גענוגנדער מאָס. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, אַז ביי זיין רעדאַקציע האָב איך נישט געהאַט ביי דער האַנט דעם „אידישן אַר־בעטער" פון יענער צייט, וואו אַ גרויסער טייל פון מיינע אַרטיקלען איז געדרוקט געוואָרן פאַר דער מלחמה. איך ווייס נישט, צי איך וואָלט געפו־נען צווישן די פּירות פון מיין יונגער פּען אַ סך, וואָס פאַרדינען איבערגע־דרוקט צו ווערן נאָך אַזוי פיל יאָרן. אָבער וואָס זייער ווערט זאָל נישט זיין, צוליב דעם חסרון גיט דער ערשטער טייל פונם באַנד נישט קיין פולשטענדיק בילד פון אונזער עוואָלוציע אין דער יוגנט־צייט פון דער באַוועגונג און פון דעם ווינער פעריאָד פון מיין אַרבעט. בעסער איז פאַרטרעטן די מלחמה־צייט און די תּקופה נאָך דער מלחמה, אָדער — אויס־געדריקט אין דער טערמינאָלאָגיע פון מיין וואַנדערלעבן — דער האַאגער, לאָנדאָנער און ארץ־ישראלדיקער פעריאָדן פון מיין טעטיקייט.

די גרופּירונג פון דעם מאַטעריאַל אין פיר טיילן רעדט פאַר זיך אליין און נויטיקט זיך קוים אין ביאורים. אין דעם ערשטן טייל זיינען אַריין בעיקר אָפּהאַנדלונגען פון אַ טעאָרעטישן און פּאָלעמישן כאַ־ראַקטער, וועלכע דעפינירן און באַגרינדן דעם ארץ־ישראל־מאָמענט אין דעם אידישן סאָציאַליזם און דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־מאָמענט אינם ציוניזם. דער צווייטער טייל נעמט אַרום מעמאָראַנדומס און רעדעס אין פאַר־בינדונג מיט אונזער אויפקלערונגס־אַרבעט וועגן דער אידישער פראַגע און ארץ־ישראל אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אין דער בריטי־שער אַרבעטער־פּאַרטיי. נאָר דאָקומענטן, וועלכע איך האָב מחבר געווען, זיינען אַריין אין דעם באַנד· דעריבער זיינען עלימינירט געוואָרן דאָקומענטן, ווי די סטאָקהאָלמער ערקלערונג, אין וועלכע איך האָב אַ חלק, וועלכע זיינען אָבער אַ פּראָדוקט פון קאָלעקטיווער אַרבעט. דער דריטער טייל אַנטהאַלט עטלעכע אָפּהאַנדלונגען צו די פּאָליטישע ארץ־ישראל־פראַגן. אַוועק־געשטעלט דורך יאָרן אויף אחריותפולע פּאָזיציעס פון פאַרטרעטונג כלפּי חוץ, האָב איך ווייניק געשריבן און נאָך ווינציקער פּובליקירט איבער די פּראָבלעמען פון אונזער אויסנווייניקער פּאָליטיק. אָבער די געציילטע עטיודן גיבן אַ קלאָרן באַגריף פון מיין שטעלונג אין די פונדאַמענטאַלע פראַגן פון אונזערע באַציאונגען צו ענגלאַנד און צו דער אַראַבישער באַוועגונג, בפרט זייט דער ערשטער אַרבעטער־רעגירונג אין 1924. אין דעם פערטן

ט י י ל זיינען אויפגענומען מיינע גרעסערע אַרבעטן איבער די עקאָנאָמישע און קאָלאָניזאַטאָרישע פּראָבלעמען פון א״י.

אַ באַדייטנדער טייל פון די אָפּגעדרוקטע שריפטן איז נאָך קיינמאָל נישט פּובליקירט געוואָרן אויף אידיש. די גרעסערע העלפט פון דעם באַנד זיינען איבערזעצונגען פון דייטש, ענגליש און העברעאיש. צום טייל האָב איך זיי אַליין געמאַכט און די שוין ערשינענע דורכגעקוקט און אָפט שטאַרק פאַרריכט. אַ גרויסן טייל פון דער איבערזעצונגס-אַרבעט – אַזוי פונם „רויט-בוך״ און פון די פאַרשיידענע ענטפערס: פּראָפ. אָפּענהיימער, פּראָפ. מיד, סער י. האָפּ-סימפּסאָן – האָט געמאַכט מיין פריינד און חבר א. ש. י ו ר י ס, וועמען עס קומט אַ גרויסער דאַנק. אָן זיין געטרייער מיטאַרבעט וואָלט דער באַנד נישט געקאָנט פאַרענדיקט ווערן אין דער צייט.

צוליב די דערמאָנטע אומשטענדן האָט דער סטיל פונם בוך נישט געקאָנט זיין קיין איינהייטלעכער, און נישט שטענדיק איז עס מיין אייגע-נער אידישער סטיל.

דעם פאַרבאַנדס-ביוראָ פּועלי-ציון דאַנק איך פאַר זיין איניציאַטיוו ביים אַרויסגעבן פון דעם דאָזיקן ערשטן באַנד פון מיינע שריפטן אויף אידיש. איך דריק אויס מיין באַזונדערע חברשע דאַנקבאַרקייט מיינע פריינד אינזש. אַ. ר י י ס און מ. נ י י ש ט אַ ד ט, וועלכע האָבן נישט גע-שאַנעוועט קיין צייט און מי, כדי מעגלעך צו מאַכן די פּובליקירונג פון דעם בוך.

ש. קאַפּלאַנסקי

חיפה, הדר הכרמל, אין פעברואר 1932
אדר א׳, תרצ״ב.

ערשטער טייל.

אידישער סאציאַליזם
און ארץ־ישראל.

פראָגראַמאַטישע יסודות פונם פועלי-ציוניזם

ביי דעם לעמבערגער צוזאַמענפאָר, אין אָקטאָבער 1906, האָט זיך די עסטרייכישע פועלי-ציון-אָרגאַניזאַציע קאָנסטיטואירט אַלס „אידישע סאָציאַליסטישע ארבעטער-פאַרטיי פועלי-ציון פון עסטרייך". די פּראָגראַמאַטישע דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן אויפן יסוד פון דעם פּראָגראַם-פּראָיעקט, וועלכן אַ ךהאָב אויסגעאַרבעט פאַר דער פאַרטיי און באַגרינדעט אין אַ רעפע-ראַט, ביי דעם צוזאַמענפאָר. דער פּראָגראַם-פּראָיעקט איז אָפּגע-דרוקט אין פאַרשיידענע זאַמלביכער, ער האָט געקאָנט דורכגעזען און פאַרריכט ווערן לויט דעם דייטשן מקור. די אומעטום נאָכגע-דרוקטע „קעפּלעך" האָבן נאָר געהאַט דעם צוועק צו פאַרלייכ-טערן די דעלעגאַטן דאָס לייענען פונם דאָקומענט. זיי געהערן נישט צום טעקסט און זיינען דאָ אַרויסגעלאָזן. אָנשטאַט דעם זע-נען די פּאַראַגראַפן נומערירט. עס איז נישט מעגלעך געווען צו געפינען אַ קאָפּיע פונם „יוד. אַרבייטער" 1906, וואו דער פּראָ-גראַם-רעפעראַט איז אָפּגעדרוקט אויף אידיש. מיר זיינען דעריבער געצוואונגען געווען צו איבערזעצן דעם רעפעראַט איבעראַניים פונם דייטשן טעקסט אין דער „וועלט" (נום. 44, נאָוו. 1906), וואָס איז אָבער לײדער אַ נישט פאַרענדיקטער פראַגמענט.

I. פּראָגראַם-פּראָיעקט

(פון דער א. ס. א. פּ. פועלי-ציון אין עסטרייך)

1. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די אידן אין דער היינטיקער צייט ווערט באַשטימט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אַנטוויקלונגס-גאַנג פון יענע לענדער, אין וועלכע די אידן געפינען זיך אין אַ באַדייטנדער צאָל. דער זיך פאַנאַנדערוואַקסנדער קאַפּיטאַליזם שטויסט זיך אָן אינם אידישן לעבן אויף ערשיינונגען, וואָס מאַכן אויס אין זייער סך-הכל דעם עצם פון דער אידישער פראַגע, וועלכע איז כאַראַקטעריזירט דורך ווירטשאַפטלעכע צוקאַ-ליעטשעטקייט, פּאָליטישע מאַכטלאָזיקייט און דורך דעם אָפּשטאַרבן פון אַלע קולטורעלע פאַרבינדונגען פון דער אידישער נאַציע.

2. די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון די אידן, וואָס זיינען אַ לאַנדלאָז פאָלק, פאַרמאָגט נישט קיין שום זעלבשטענדיקייט און הענגט אָט

פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-כּחות פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן; דערפון נעמט זיך די אַנאָמאַליע פון דער עקאָנאָמישער דיפערענצירונג און פאַנאַנדערטיילונג אינם אידישן פאָלק: דאָס פעלן פון אַ פויערן-קלאַס, די אויפגעהאַלטענע אַנטוויקלונג פון גאַנצע פאָלקס-שיכטן און דאָס איבערוועגן פון די פונם קאַפּיטאַליזם און דער נאַציאָנאַלער קאָנ-קורענץ שטאַרק געשעדיקטע, אונטערגייענדע שיכטן פון קליינהאַנדל און קליינהאַנטווערק, צו וועלכע עס געהערט די גרויסע מאַיאָריטעט פונם אי-דישן פאָלק.

3. דאָס אַרויסוואַקסן פון אַ אידישער גרויס-בורזשואַזיע פאַראורזאַכט נישט אַן איר גלייך-באַדייטנדן אידישן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. דער גרעסטער טייל פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט איז קאָנצענטרירט אין אַ באַשרענקטער צאָל פון טעכניש אָפּגעשטאַנענע פּראָדוקציע-צווייגן, וועלכע טראָגן אַ קליינהאַנטווערקערלעכן אָדער הויז-אינדוסטריעלן כאַראַקטער. דער איבערגאַנג צום גרויסבאַטריב פירט צו דער אַרויסשטויסונג פון די דאָזיקע נישט אַנטוויקלונגס-פעאיקע קליין-אינדוסטריע-באַטריבן און דורך דעם צו פאַר-אָרימטקייט און דעקלאַסירונג פון ברייטע שיכטן פונם אידישן פאָלק, בעת אין דערזעלבער צייט ווערן אַריינגעצויגן אין דער מאָדערנער פּראָדוקציע די פונם לאַנד אָפּגעריסענע, פּראָלעטאַריזירטע מאַסן פון דער היימישער באַ-פעלקערונג און האַלטן פעסט די דערגרייכטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

4. צוליב אָט דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, וועלכע ווערט פאַרשטאַרקט דורך רעאַקציאָנערע פאַראורטיילן, איז פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט כמעט אינגאַנצן אוממעגלעך אַריינצודרינגען אין דער מאָדערנער גרויס-אינדוסטריע; ער ווערט דערוויטערט פון די אַלע אויף אַ העכערער עקאָנאָמישער מדרגה שטייענדע פּראָדוקציע-צווייגן, וועלכע מאַכן דעם פּראָלעטאַריאַט צום יסוד פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און גיבן אים אין די הענט די וויכ-טיקסטע פעדעם פון דעם נאַציאָנאַלן ווירטשאַפטס- און פאַרקערס-לעבן. דורך דער אַנאָמאַלער עקאָנאָמישער דיפערענצירונג פון די אידן און דורך דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ ווערן געשטעלט גרענעצן דעם קלאַסנקאַמף פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכער פאַרגיכערט דעם אונטערגאַנג פון די אידישע מיטלקלאַסן, טראָגט אָבער נישט אין זיך דעם שעפערישן כאַ-ראַקטער פון געזעלשאַפטלעכער ניי-געשטאַלטונג.

דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, צוגעשמידט צו די פון דער גרויס-אינ-דוסטריע צוריקגעשטופּטע קליין-באַטריבן און דערפאַר מער פון אַנדערע אויסגעליפערט דער עקספּלואַטאַציע, קומט צום באַוואוסטזיין פון זיין לאַגע און אויפגאַבע — צו געפינען אַ וועג פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-כּחות פונם אידישן פאָלק דורך אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון זיינע לעבנס-באַדינגונגען.

5. די טענדענצן פון דער דאָזיקער ענדערונג ווייזן זיך אַרויס אין אַלע פאַקטן פון דעם אידישן פאָלקס-לעבן, באַזונדערס שאַרף אָבער אין דער

געוואַלטיקער, צו אַ היסטאָרישער ערשיינונג געוואָרענער אויסוואַנדערונג, וועלכע שליידערט אַריבער אויף יענער זייט ים מיליאָנען באַזיצלאָזע און אַרבעטסלאָזע אידישע פּראָלעטאַריער. די דאָזיקע עמיגראַציע פון די מזרח-אייראָפּעאישע געטאָס אין לענדער מיט אַ העכערער קולטור טראָגט נישט אין זיך אין איר איצטיקער פאָרם קיין כחות, וואָס פירן צו אַ העכערער אַנטוויקלונג; פאַרקערט, די איינוואַנדערער פאַלן אַריין אין דעם אוממענטש-לעכן „שוויץ-סיסטעם" און רופן אַרויס ביי דער היימישער אַרבעטער-באַ-פעלקערונג ענערגישע פאַרטיידיקונגס-מיטלען, ווי למשל איינוואַנדערונגס-איסורים.

נאָר די אָפּווענדונג פון דעם עמיגראַציע-שטראָם נאָך אַ נישט-אַנט-וויקלטן לאַנד, די קאָנצענטרירונג און אָרגאַניזירונג פון אידישער אַרבעט און דאָס איינגעמען פון אַלע וויכטיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין דעם דאָזיקן לאַנד אין די הענט פון די אידישע אַרבעטנדע מאַסן קאָן באַ-שאַפן דעם פונדאַמענט פאַר אַ אידישער ווירטשאַפטס-איינהייט, זיכערן די נישט-געשטערטע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-כחות און פון דער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט פונם אידישן פאָלק און דערהויבן די געקנעכטעטע אידישע נאַציע צו דער מדרגה פון אַ פאָלק וואָס באַשטימט פריי איבער זיין גורל.

6. אין זיין שטרעבן, טעריטאָריאַל צו פאַרענטפערן די אידנפראַגע, באַגעגנט זיך דער אידישער פּראָלעטאַריאַט מיט אַנדערע קלאַסן פונם אי-דישן פאָלק, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דער דאָזיקער פאַרענט-פערונג, און אַרבעט מיט זיי צוזאַמען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער נאַציאָנאַלער אויפגאַבע, נישט פאַרזעענדיק דערביי די פאַרשיידנקייט פון די מאָטיוון און אינטערעסן פון די איינצלנע פאָלקס-קלאַסן, בפרט זיינע איי-גענע קלאַסן-אינטערעסן.

7. די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע איז נישט קיין קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניאַל-אונטערנעמונג, וואָס באַצוועקט די עקספּלואַטירונג פון אַ לאַנד און די באַשאַפונג פון נייע אָפּזאַץ-מערק, זי איז אויך נישט קיין פילאַנ-טראָפּישער קאָלאָניזאַציע-פּראָיעקט. די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס זיין ריכטונג איז באַשטימט דורך דער עקאָ-נאָמישער סטרוקטור פון די פאָלקס-מאַסן, וועלכע מען דאַרף באַזעצן, און דורך דער געשיכטע פון דער אידישער נאַציע.

צוליב די שוועריקייטן פאַר די ברייטע אידישע מאַסן, וואָס זיינען זייט יאָרהונדערטער בלויז שטאָט-איינוואוינער, איבערצוגיין צו ערד-אַר-בעט, איז די באַזעצונג פון טעריטאָריעס, וואָס זיינען קרקע בתולה אָדער וואָס וועלן פאַר אַ לאַנגער צייט טויגן נאָר פאַר אַגראַרער קאָלאָניזאַציע, נישט מסוגל צו פירן צום צוועק פון נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע.

די אידישע אויסוואַנדערונג מוז געפירט ווערן אין אַזאַ לאַנד, וועל-כעס געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע לאַגע מאַכט מעגלעך אַ גרויס-פאַרמאָס-טענע אינדוסטריעלע קאָלאָניזאַציע און קאָמערציעלע קאָלאָניזאַציע און וואָס פאַרמאָגט

די צוזיאונגס-קראַפט צוצובינדן די אידישע מאַסן צו דער ערד און קאָן דורך דעם בייקומען די שוועריקייט צו באַשאַפן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט פאַר דער אידישער געזעלשאַפט.

די דאָזיקע פאַרבאַדינגונגען זיינען פאַראַן נאָר ביי דעם היסטאָרישן פאַטערלאַנד פון די אידן — ארץ-ישראל — וואָס איז אַ טייל פון אַ מדינה, וואָס געפינט זיך נאָך אין נאַטוראַל-ווירטשאַפט, ליגט אויף דער קרייצונג פון גרויסע האַנדלס-וועגן און אין דער נאָנט פון אַנטוויקלונגס-פעאיקע מערק און איז אין משך פון טויזנטער יאָרן געבליבן אין דעם באַוואוסטזיין פונם אידישן פאָלק דאָס איינציקע לאַנד פון זיין צוקונפט און פריי-הייט.

8. אין דעם באַוואוסטזיין פון זיין אַנאָרמאַלער לאַגע, וואָס שטאַמט פון די באַדינגונגען פון גלות, זעט אין דער אידישער פּראָלעטאַריאַט נישט נאָר די נויטווענדיקייט פונם קאַמף פאַר דער דערהויבונג פונם אַר-בעטער-קלאַס ביי די באַשטייענדע פּראָדוקציע-באַדינגונגען, נאָר אויך די נויטווענדיקייט פון דער פולער אָפּשאַפונג פון דער אים באַדריקנדער עקס-פּלואַטאַציע, וואָס רעזולטירט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס-אָרד-נונג, דורך דעם סאָלידאַרישן צוזאַמענגיין מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלע-טאַריאַט אין זיין ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן קלאַסנקאַמף. כדי צו דער-גרייכן דעם דאָזיקן ציל, באַדינט זיך דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין די גלות-לענדער ווי אויך אינם אידישן לאַנד מיט אַלע מאַכטמיטלען פונם קלאַסנקאַמף; דערביי קאָנען די דאָזיקע מאַכטמיטלען אין פּאַלעסטינע באַ-דייטנד פאַרמערט ווערן דורך דער מעגלעכקייט נענטער צו ברענגען די ניי-אַנטשטייענדע ווירטשאַפטס-איינהייט צו דער פאַרווירקלעכונג פונם סאָ-ציאַליזם דורך גענאָסענשאַפטלעכע איינריכטונגען, באַזונדערס אויפן אַגראַ-רישן געביט.

9. אַרויסגייענדיק פון די דאָזיקע פּרינציפּן, ערקלערט די אידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי פּועלי-ציון פון עסטרייך:

א. מיר שטייען אויפן יסוד פונם ס אָ צ י אַ ל י ז ם און שטרעבן צו דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון אַלע פּראָדוקציע-מיטלען און צו דער איבעראַנדערשונג פון דער סחורה-פּראָדוקציע אין סאָציאַליסטישע פּראָ-דוקציע, וואָס ווערט אויסגעפירט פאַר און דורך דער געזעלשאַפט.

ב. דער וויכטיקסטער פּונקט פונם פּראָגראַם-מינימום פון דער פּאַר-טיי פּועלי-ציון, וואָס איז אין אַלע אַנדערע פּאָדערונגען אידענטיש מיט די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי-פּראָגראַמען, איז די ט ע ר י ט אָ ר י אַ-ל ע פ אַ ר ע נ ט פ ע ר ו נ ג פון דער אידנפראַגע אין א ר ץ-י ש ר א ל.

ג. ביז צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן פּראָגראַם-פּונקט, שטרעבט די פּאַרטיי אין נאַציאָנאַליטעטן-מלוכות צו פולער גלייכבאַרעכטי-קונג פונם אידישן פאָלק אויפן יסוד פון ד ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר א ו י ט אָ נ אָ מ י ע, נישט באַטראַכטנדיק דערביי די דערגרייכונג פון אי-דישע נאַציאָנאַלע סיימען (וואָס זיינען אויטאָנאָם אין עקאָנאָמישע, פּאָליטישע

און קולטורעלע פראגן) פאַר די אין די גלות-לענדער לעבנדע טיילן פונם אידישן פאָלק פאַר א פאַרענטפערונג, אָדער אויך נאָר פאַר א פאַר-באַדינגונג צו דער טעריטאָריאַלער פאַרענטפערונג פון דער אידישער פראַגע.

II. פראָגראַם-רעפעראַט

די פרינציפן און געדאַנקען פון דעם פראָגראַם-פראָיעקט, וועלכן איך האָב דעם כבוד אייך פאָרצולייגן, זיינען דער פועל-יוצא פון אַן אנטוויקלונג אין צוויי מחנות, וועלכע האָבן משפיע געווען איינער אויפן אַנדערן: פון סאָציאַלדעמאָקראַטישע אידן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו כל-ערליי נישט-אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, זיינען געוואָרן אידישע סאָציאַלדעמאָקראַטן, און די ציוניסטישע פראָלעטאַריער זיינען דערוואַקסן צום פראָלעטאַרישן ציוניזם. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל, אַריינדרינגענדיק אין די אידישע מאַסן, קומט אונטער זייער השפעה, נעמט אויף אין זיך אַלץ מער עלעמענטן פונם נאַציאָנאַלן לעבן — עס אַנטשטייט דער אידישער סאָציאַליזם. די אידישע פראַגע איינמאָל אוועקגעשטעלט צום וכוח, גייט נישט אַראָפּ פונם סדר-היום ביי די אידישע אַרבעטער-פּאַרטייען, דער אידישער פראָלעטאַריאַט דער-שרעקט זיך נישט פאַר די אַנטשיידנסטע, ראַדיקאַלסטע מסקנות. און ער האָט די דאָזיקע קאָנסעקווענצן פאָרמולירט. דער פראָיעקט זאָל ליפערן א באַ-גרינדונג און רעזומירונג פון די רעזולטאַטן, צו וועלכע עס האָט אונז געפירט דאָס אָביעקטיווע שטודיום פון דער אידנפראַגע פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

די הויפט-כאַראַקטעריסטיק פון דעם פראָיעקט איז דער אַנאַליז פון דער אידישער ווירקלעכקייט, דורכגעפירט לויט עקאָנאָמישע געזיכטספונקטן. צי היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן צי נישט, מיר אַלע זיינען דערין מסכים, אַז ביי אַלע סאָציאַלע טראַנספאָרמאַציעס זיינען מכריע די עקאָנאָמישע לעבנס-באַדינגונגען.

די היינטיקע ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון אונזער פאָלק ווערט דאָמינירט פונם קאַפּיטאַליזם. זיינע ווירקונגען אויפן אידישן פאָלק קאָנען אָבער נישט אָפּגעשאַצט ווערן נאָך א באַשטימטע סכעמע. וואָרום מיר מוזן זיך רעכענען מיט ערשיינונגען פון אונזער עקאָנאָמישן לעבן, וואָס זייער אייגנ-אַרטיקייט קאָן בשום אופן נישט פאַרזען ווערן. די אידן בילדן נישט קיין באַזונדערע, אין זיך נאָרמאַל געגלידערטע עקאָנאָמישע גאַנצקייט; זייט דעם אָנווערן פון זייער לאַנד זיינען זיי תמיד נאָר א טייל פון אַנדערע ווירטשאַפטלעכע איינהייטן. מיר שטייען, ווי באַקאַנט, אויפן שטאַנדפּונקט, אַז פעלקער און נאַציעס זיינען אויך עקאָנאָמיש זעלבשטענדיקע — נישט חלילה איזאָלירטע! — ערשיינונגען. אונזערע קעגנער שמייכלען איבער דעם. זיי האָבן געלייענט אין די לערנביכער פון פאָלקס-, ריכטיקער, פון

מלוכה-ווירטשאַפטן און פון א וועלט-ווירטשאַפט. אָבער פון א נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט ווייסן זיי נישט. מילא, זיי מאַכן א קליינעם דענק-טעות. מיט זייער טענה, אז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די אידן גייט דעם גלייכן גאַנג ווי ביי אַלע אין זייער לאַנד פאַרוואָרצלטע פעלקער, שטעלן זיי זיך אויפן שטאַנדפונקט, אז דאָס אידישע פאָלק דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס אַן עקאָנאָמישע איינהייט. זיי זיינען עס אייגנטלעך, וועלכע רעדן פון א אידישער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. מיר אָבער רעדן דערפון, אז קיין אידישע נאַציאָנאַל-ווירטשאַפט איז נ י ש ט פאַראַן, ווייל אונזער אַנטוויקלונג ווערט באַשטימט פון דער אַנטוויקלונג פון דעם גאַנצן ווירטשאַפטס-סיסטעם, צו וועלכן מיר פאַסן זיך צו. דאָס איז די סיבה פון אונזערע וואַנדערונגען פון לענדער, וואו מיר האָבן געהאַט אַן עקאָנאָמישע פונקציע און האָבן זי צום סוף אָנגעוואוירן, נאָך לענדער, וואָס האָבן זיך אין אונז גענויטיקט און וואו מיר האָבן נאָך געקאָנט איבערנעמען וועלכע נישט איז ווירטשאַפטלעכע פונקציע. דאָס איז אָבער אויך די אורזאַך פון אונזער אייגענער עקאָנאָמישער צוקאַליעטשעטקייט און דעפּאָרמירונג. אין משך פון גלות האָבן מיר אָנגעוואוירן דעם פויערן-קלאַס, און דער רוב פון אונזער פאָלק באַלאַנגט צו די מיטעלע שיכטן, וועלכע זיינען דערצו פאַרמשפט צודריקט צו ווערן פונם קאַפּיטאַליזם. די דאָזיקע עקאָנאָמישע אַנאָרמאַל-קייט האָט אָבער אויך אוממעגלעך געמאַכט די פולשטענדיקע צופּאַסונג פון די אידן צו די פעלקער, וועמעס „גאַסטפריינטשאַפט" זיי האָבן גענאָסן. די באַזונדערקייטן פון אונזער ווירטשאַפטלעכער לאַגע און אַנטוויקלונג האָבן אויפגעהאַלטן אויך די נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט. דאָס עקאָנאָמישע צו-זאַמענוואַקסן וואָלט זיכער געבראַכט מיט זיך אויך גייסטיקע אַסימילאַציע. מיר קאָנען באַטראַכטן די דאָזיקע ערשיינונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער גרויס-בורזשואַזיע; זי האָט זיך נישט נאָר עקאָנאָמיש צו-גויפגעפּאַסן מיט די הערשנדע קלאַסן, זי שטרעבט דערצו, צונויפצומישן זיך מיט זיי אויך קולטורעל.

דער עקאָנאָמישער פּראָצעס, וואָס האָט געבראַכט צו דער פאָרמירונג פון דער דאָזיקער בורזשואַזיע, איז פאַרגעקומען נישט בתוך דעם אידישן ווירטשאַפטלעכן לעבן; די אידישע בורזשואַזיע איז א פּראָדוקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון דעם באַטרעפנדן לאַנד; איר בילדונג און וואוקס האָבן נישט קיין גרעסערע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן אינם אידישן פאָלק, ווי דער וואוקס פונם קאַפּיטאַליזם און די פאַרשטאַרקונג פון דער בורזשואַזיע פון דעם לאַנד בכלל, פון וועלכער די אידישע קאַפּיטאַליסטן מאַכן אויס א טייל. איך דריק עס אויס בקיצור מיט די ווערטער: די אַנטשטייאונג פון דער אידי-שער גרויס-בורזשואַזיע פאַראורזאַכט נישט די בילדונג פון א אידישן אינ-דוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, גלייך מיט איר אין ווערט און שקול כנגד איר אין כח. דער טייל פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס איז צוגעצויגן געוואָרן צו דער מאָדערנער אינדוסטריע, באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע

פון די זייער שוואַך אַנטוויקלטע קלאַסן פון אונזער פאָלק, ער וואַקסט בשום אופן נישט אַזוי גיך ווי דער אינדוסטריע-פּראָלעטאַריאַט פון אונזערע וואוינלענדער, אפילו נישט ווי אין אַזאַ אָפּגעשטאַנען לאַנד ווי גאַליציע. שוואַך אין כמות, איז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט געפּענטעט צו דער טעכניש נישט-אַנטוויקלטער, מיט האַנט-מאַשינען באַטריבענער אינדוסטריע און געפינט נישט קיין צוטריט צו דעם מאָדערנעם גרויסן באַטריב. דער דאָזיקער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט מאַכט אויס נאָר אַ קליינעם טייל פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס איז אין איר געוואַלטיקער מערהייט גאָר נאָך אויסגעליפערט דער ערגסטער עקספּלואַטאַציע אין קליין-האַנטווערק און אין היים-אינדוסטריע, אין טעכניש אָפּגעשטאַנענע, קאַרליקאָווע וואַרשטאַטן, אין וועלכע די צאָל פון די מייסטער איז גרעסער ווי די צאָל פון די געהילפן. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַרן אידישן אַרבעטערקלאַס, אַז ער איז צוזאַמענגעפּרעסט אין אַ באַגרענעצטער צאָל פון פּראָדוקציע-צווייגן. לאָמיר נאָר דערמאָנען דעם פאַקט, אַז איבער 66% פון אַלע אין דער אינדוסטריע (און מלאכה) באַשעפטיקטע אידן אין עסטרייך זיינען קאָנצענטרירט אין די דריי אינדוסטריע-בראַנזשן — באַקליידונג, לעבנסמיטלען, משקאות און גענוסמיטלען — בעת בכלל אין עסטרייך נעמען אַרום די דאָזיקע אינדוסטריען בלויז 29% פון אַלע אַרבעטער. איך ציטיר בכוונה עסטרייך, ווייל דאָ פעלט דער פּאָליטישער דרוק, וואָס אונטער אים זיפצט רוסלאַנד, און מיט וועמעס אומגליקלעכער ווירקונג אונזערע קעגנער וואָלטן גערן געוואָלט באַגרינדן אַלע באַזונדערקייטן אין אונזער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

דער פאַקט, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט ווערט דערווייטערט פון דעם מאָדערנעם גרויסבאַטריב, ווערט היינטצוטאָגס אַלגעמיין צוגעגעבן. אונזערע קעגנער גלויבן אָבער אַז זיי קאָנען דערקלערן דעם דאָזיקן פענאָמען פון גרעסטער באַדייטונג דורך טעמפּעראַרע אורזאַכן, ווי דער פּאָליטישער מצב אין רוסלאַנד. מען פאַרגעסט דערביי, אַז די עובדות זיינען ריכטיק פאַרן קאָנסטיטוציאָנעלן עסטרייך פּונקט אַזוי ווי פאַרן אַבסאָלוטיסטישן רוסלאַנד. מען פאַרגעסט אויך נאָך דערצו, אַז אונזער עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז ענג פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט די עקאָנאָמישע טראַנספאָרמאַציעס פון די גלות-לענדער. און פון די דאָזיקע פּראָצעסן זיינען קודם-כל נהנה די עקספּראָפּריאירטע, פון דער ערד אָפּגעריסענע מאַסן. עס איז אַן ערשיינונג, וואָס הענגט אין איר עצם צוזאַמען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון אונזערע וואוינלענדער, אַז די פּראָלעטאַריזירטע מאַסן פון דער לאַנד-באַפעלקערונג ווערן אַריינגעצויגן אין דער מאָדערנער גרויס-פּראָדוקציע און באַמיען זיך צו זיכערן און צו האַלטן די איינגענומענע פּאָזיציעס. אַזוי ווערן *אונזערע* פּראָלעטאַריזירטע, אָן פאַרמעגן און אָן אַרבעט געבליבענע מאַסן אָפּגערוקט אָן אַ זייט, נישט צו רעדן פון אַ שורה אומגינסטיקע מאָמענטן פון סעקונדערער באַדייטונג, וואָס קומען דערצו. אודאי, אויך די נישט-אידישע מיטלע

קלאַסן ווערן שווער געטראָפן פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, אָבער נאָר ביי אונז קאָן מען רעכענען כמעט 80 פּראָצ. פון אונזער פאָלק צו די איינזינקענדע מיטלקלאַסן, וואָס זיינען אויסגעליפערט דער פּאַראָרימונג און דעקלאַסירונג.

איז די דאָזיקע אַנאָרמאַלע עקאָנאָמישע דיפערענצירונג און אַנטוויקלונג אָן באַדייטונג פאַרן קלאַסנקאַמף פון אונזער פּראָלעטאַריאַט און פאַר די אויפגאַבן פון די אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, וואָס ווילן אָנפירן אָט דעם קלאַסנקאַמף? אַ בונדיסטישער פירער האָט (ביים 2־טן פּאַרטייטאָג פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע) זיך באַרופן אויף דער אייגנאַרטיקייט פון די סאָציאַלע באַדינגונגען אינם אידישן לעבן און אויף דער גאַנץ באַזונדערער קלאַסן־גלידערונג אַלס באַווייז פאַר דער נויטווענדיקייט פון אַ זעלבשטענדיקער אידישער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע. אָבער שאַפט מען דען אָפּ און מאַכט מען בטל די אידישע פראַגע פאַרן אידישן אַרבעטער־קלאַס דורך אַן ענדערונג פון אָרגאַניזאַטאָרישע תקנות? עס איז אונזער מיינונג, אַז אַ אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויך צו ערפילן און דורכצופירן גאַנץ באַזונדערע אויפגאַבן.

שטעלן מיר זיך אָפּ אויף דעם מיט עטלעכע ווערטער: מען האָט אויסגעטראַכט און אויסטראָמייטערט אין דער וועלט די באָבע־מעשה, אַז מיר, פּועלי־ציון, לייקענען די עקזיסטענץ פון אַ אידישן „פּראָלעטאַריאַט". דאָס איז טאַקע אַ באָבע־מעשה. עס וואָלט געווען אַ נאַרישקייט צו טענהן, אַז די הונדערט טויזנטער עקספּלואַטירטע, מערווערט שאַפנדע אידישע אַרבעטער בילדן נישט קיין פּראָלעטאַריאַט. — זיי בילדן אָבער נישט קיין מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז דערוואַקסן צו זיין היסטאָרישער אויפגאַבע.

איך האָב אַמאָל געהערט פון אַ סעפּעראַטיסטישן*) פירער, אַז אויך די אידישע בעלי־מלאכות האָבן אַ פּראָלעטאַרישן לעבנסשטייגער, אונזער גאַנצער מיטלשטאַנד איז — אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט, מיר זיינען אויף דער גלייכער מדרגה פון אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג ווי... די ענגלענדער! ס'איז קלאָר, אַז דאָ פאַרבייט מען די השגות — אָרימאַן און פּראָלעטאַריער. אונזערע אָפּאָנענטן, וואָס וויקלען זיך אַזוי גערן אין אַ מאַרקסיסטישן טלית, וואָלטן געדאַרפט לעזן, וואָס ק ו י ט ס ק י זאָגט איבער די כאַראַקטעריסטישע סימנים פונם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט (אַגראַרפראַגע, ז. 306).

„דער כאַראַקטעריסטישער דערקענונגס־צייכן פונם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט איז בשום אופן נישט די אָרימקייט... איין סימן פונם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט איז די וויכטיקע ראָל, וועלכע ער שפּילט אינם מאָדערנעם פּראָדוקציע־פּראָצעס. אויף אים שטיצט זיך די היינטצוטאָגס דעצידירנדע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־פאָרם". נאָכדעם ווי קויטסקי איז

*) גאַליציש־בונדיסטישן.

מסביר דעם צווייטן סימן — דאָס פעלן פון פראָדוקציע-מיטלען — ווייזט ער אָן אויף אַ דריטע כאַראַקטעריסטיק פונם מאָדערנעם פראָלעטאַריאַט. „ער איז אַרבעטער נישט ביי אינדיווידואַליסטישע, נאָר ביי געזעלשאַפטלעכע פראָדוקציע-מיטלען"... דאָס זיינען די אָביעקטיווע באַדינגונגען, וואָס מאַכן דעם מאָדערנעם אַרבעטערקלאַס פּעאיק צו דערפילן די היסטאָרישע שליחות, צו דערהויבן די מענטשהייט איבער דער קאַפּיטאַליסטישער תקופה. פּאַסט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק צו דער לאַגע פונם אידישן פּראָלע-טאַריאַט? באַזירט אויף אים די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אין דער אידישער געזעלשאַפט? איז ער אַ פאַקטאָר אָן וועלכן מען קאָן זיך נישט באַגיין, אין דעם מאָדערנעם פּראָדוקציע-פּראָצעס? קאָן מען אין ערנסט רעדן פון דעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע, אין וועלכער די אידישע אַרבעטערשאַפט איז באַטייליקט? האָט מען אין זינען די קויטסקישע דעפיניציע פונם פּראָלעטאַריאַט, דאַן וועט מען אויך דאָס פריער געזאָגטע ריכטיק פאַרשטיין, אַז די אידישע בורזשואַזיע האָט נישט באַשאַפן קיין א י ד י ש ן אינדוסטריע-פּראָלעטאַריאַט. דאַן וועט מען אויך פאַרשטיין, ווען מיר זאָגן, אַז די קלאַסנקאַמף-פּאָזיציע פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט ווערט אָפּגעשוואַכט דורך די דערמאָנטע אומנאָרמאַלקייטן, אַז אונזער קלאַסנקאַמף ווערן געשטעלט גרענעצן.

די אידישע פראַגע שטעלט דעם אידישן אַרבעטערקלאַס פאַר דער אויפגאַבע, צו זיכערן די פרייע, נישט-געהינדערטע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כחות פונם אידישן פאָלק דורך אַ פונדאַמענטאַלער ענדערונג פון זיינע לעבנסבאַדינגונגען. די טרייבנדע כחות וואָס פירן צו אַ העכערער אַנטוויקלונג, די טענדענצן צו אַזאַ ראַדיקאַלער איבעראַנדערשונג פון אונזער פאָלקסלעבן זעען מיר אין דער ע מ י ג ר אַ צ י ע.

פראָגראַם-רעפעראַט (סוף)

בעת דער באַנד איז שוין כמעט געווען אָפּגעדרוקט, האָט אונז דערגרייכט אַן עקזעמפּלאַר פונם „אידישן אַרבעטער" פונם יאָר 1906. דאָס מאַכט מעגלעך מוסיף צו זיין דאָ אַביסל געקירצט דעם סוף פונם פּראָגראַם-רעפעראַט.

אין די עמיגראַציע אַזאַ ערשיינונג פון אונזער פאָלקסלעבן, אַז מיר קאָנען זען אין איר אַ טענדענץ צו אַ רעוואָלוציע פונם אידישן לעבן? דאָ מוזן מיר שוין לאָזן רעדן די ציפערן. נעמען מיר נאָר די עמיגראַציע קיין אַמעריקע, פאַרגעסן מיר, אַז אין די לעצטע 25 יאָר זיינען אריין אַן ערך 250 טויזנט אידן, 30 טויזנט קיין ארץ-ישראל, 40 טויזנט קיין פראַנקרייך, 60 טויזנט קיין קאַנאַדע און דרום-אַפריקע, בקיצור, באַטראַכטן מיר נאָר די צאָלן פון דער איינוואַנדערונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. עס זיינען געקומען אידן:

אינם יאר	פון רוסלאנד	פון עסטרייך (גאליציע)	סך־הכל פון אלע לענדער	% געלערנטע ארבעטער
ביז 1898	526.120	80.000	—	—
" 1899	24.275	11.071	37.415	32,8
" 1900	37.011	16.920	60.764	34,7
" 1901	37.660	13.006	58.098	11,6
" 1902	37.846	12.848	57.608	30,9
" 1903	47.689	18.759	76.203	35,5
" 1904	77.544	20.211	106.236	42,5
" 1905	92.388	17.352	129.910	46,3
סך־הכל	880.533	190.167	526.234	

מיר זעען, אז די עמיגראציע האט נאר אין די לעצטע 7 יאר ארי־בערגעווארפן קיין אמעריקא אליין איבער א האלב מיליאן אידן. און אי די לעצטע 25 יאר זיינען פון רוסלאנד אליין אוועק קיין אמעריקא און אין אנדערע לענדער שטארק איבער א מיליאן מיט הונדערט טויזנט אידן, ד. ה. איבער א פינפטל פון אלע רוסישע אידן! אינטערעסאנט איז, אז די אידישע עמיגראציע פון עסטרייך איז פראצענטוויז (רעלאטיוו) גרעסער איידער פון רוסלאנד. ווארום מען דארף נישט פארגעסן, אז עס עמיגרירן נישט די רייכע בעהמישע אדער וויענער אידן, נאר די מאסן פון גאליציע־בוקאווינא (צוזאמען 900 טויזנט אידן). זייער נאטירלעכער צוואוקס אין א יאר איז 13 ביז העכסטנס 15 טויזנט. אזוי זעען מיר, אז די עמיגראציע פון עסטרייך־גאליציע נעמט שוין יארנלאנג אוועק מער מענטשן, ווי עס קומט־צו דורך געבורטן. פון רוסלאנד אבער זיינען נאר די לעצטע צוויי יאר ארויסגעפארן אידן אין א צאל וואס איז גרעסער, ווי דער נאטירלע־כער צוואוואוקס. דער פאקט, ווי אויך די פראפעסיאנעלע צוזאמענזעצונג פון די עמיגראנטן באווייזן, אז די עמיגראציע איז נישט קיין צייטיקע ערשיינונג, וואס ווערט ארויסגערופן דורך פאליטישע רדיפות. דער פאלי־טישער דרוק קאן פארשטארקן די אויסוואנדערונג, געבן איר א קאטא־סטראפאלן כאראקטער, אבער ער רופט זי נישט ארויס. די עמיגראציע איז א היסטארישע ערשיינונג פון אונזער לעבן. געוואלדיק נאך איר גרויס, און ארויסגערופן דורך טיפע עקאנאמישע אורזאכן, וועלכע מיר האבן פריער קורץ ערקלערט. אין איר איצטיקער פארם אבער ברענגט נישט די עמי־גראציע צו קיין ראדיקאלער ענדערונג פון אונזערע לעבנס־באדינגונגען. זי שאפט נישט קיין נייע אידישע געזעלשאפט. די עקאנאמישע אומנארמאלקייט און די באזונדערקייטן פון אונזער לעבן בלייבן אויך אין די הויך־אנט־וויקלטע עמיגראציע־לענדער. עס איז א פאקט, אז דער גרעסטער טייל פון די עמיגראנטן בלייבן ביי זייערע אלטע פרנסות (באקליידונגס־אינדוסטריע א. א. וו.) און פילן אן די ארמעע פון די שוויץ־ארבעטער. אויך אין ענג־לאנד און אמעריקא שטייט דער אידישער פראלעטאריאט אויף דעם נידע־ריקסטן טרעפל פון דעם עקאנאמישן לייטער. דער קלענסטער קריזיס, די קלענסטע איבערפראדוקציע אין דער אינדוסטריע רופן זיך קודם־כל אפ

אויף דער אידישער אַרבעטערשאַפט, נישט-רעדנדיק פון די איינפאַר-פּאַרבאַטן קעגן אונז, וואָס מען הויבט אָן דאַמאָלס צו פאָדערן דוקא אין דער אַרבעטער-באַפעלקערונג. אין דעם לעצטן יאָר, אַז דער לאָנדאָנער אַרבעטס-מאַרק איז געווען שלעכט, זיינען אַוועק פון ענגלאַנד קיין אַמעריקע (אַנשטאַט 700—800, ווי ביז אַהער) 14 טויזנט אידן! דאָס איז אַ מוראדי׳קער פּראָצעדענט. מיר ווילן נישט טראַכטן, וואָס עס וואָלט געוואָרן מיט די הונדערט-טויזנטער אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע און מיט די אידישע עמיגראַנטן, אויב אין אַמעריקע וואָלט אויסגעבראָכן אַן עקאָנאָמישער קריזיס.

די אידישע עמיגראַציע הויבט-אָן צו זוכן נייע וועגן. אנשטאַט לענדער מיט אַ הויכער קולטור און אַ אַנטוויקלטער גרויס-אינדוסטריע, ווענדט זי זיך נאָך אַנדערע לענדער. די סימנים פון דער וויכטיקער ענדערונג זיינען נאָך ווינציק, אָבער דאָס אויג פון אַ סאָציאָלאָג דערקענט שוין די נייע טענדענץ. די ביזאיצטיקע עמיגראַציע האָט נישט געבראַכט צו קיין העכערער אַנטוויקלונג. זי האָט נישט געשאַפן קיין נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט, וואָס זאָל זיך שטיצן, וואָס זאָל זיין אויפגעבויט אויף די אידישע אַרבעטנדע מאַסן. זי קאָן אָבער ווערן פון אַ קוואַל פון צרות, ליידן, נויט און עלנד צו אַ רעוואָלוציאָנערן פאַקטאָר אין אונזער לעבן און אין אונזער געשיכטע. זי קאָן דערגרייכן דעם צוועק — שאַפן אַ אידישע ווירטשאַפטס-איינהייט — אויב זי וועט געפירט ווערן אין אַן אומאַנטוויקלט לאַנד, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דעם כאַראַקטער און צו באַדערפעניש ן פון דער אידישער עמיגראַציע. דאַמאָלס וועט די עמיגראַציע פון אַ צושטערענדן פאַקטאָר ווערן אַן אויפבויענדער, פון אַ ערשיינונג, וואָס צוזייט די אידישע פאָלקס-ענערגיע, צו אַ ערשיינונג וואָס פירט צו דער בילדונג פון אַ נאַציאָנאַלן קראַפט-צענטער.

אין דעם שטרעבן צו פאַרענטפערן טעריטאָריאַל די אידנפראַגע איז פאַראינטערעסירט נישט נאָר דער פּראָלעטאַריאַט. אויך דאָס פּראָלעטאַריזירטע און נאָך-נישט-פּראָלעטאַריזירטע קליינבירגערטום דאַרף האָבן אַ אידישע ווירטשאַפט. אויך אַ טייל פון דער מיטעלער בורזשואַזיע, וואָס איז עקאָנאָמיש מער פאַרבונדן מיט די אונטערגייענדע מיטל-קלאַסן, איידער מיט דער גרויסער בורזשואַזיע, זיינען פאַראינטערעסירט אין דער טעריטאָריאַלער פאַרענטפערונג פון דער אידישער פראַגע, אַפילו די גרויסע אידישע בורזשואַזיע, וואָס האָט מורא פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכן „די עמיגראַנטן ברענגען אין זייערע פעקלעך", ווילן „רעגולירן" די עמיגראַציע. אַזוי ווערט די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע צו אַן אַרבעט פון כמעט אַלע קלאַסן און טיילן פונם אידישן פאָלק. זי ווערט אַ פאָלקס-זאַך. צי טאָר דעריבער דער אידישער פּראָלעטאַריאַט נישט מיטאַרבעטן דערביי? צי איז אַ פאַראינטערעסירטזיין פון קלאַסן מיט פאַרשיידענע אָדער גאָר קעגנערישע אינטערעסן מעגלעך? זייט מיר מוחל, אויב איך וועל נאָכאַמאָל ציטירן קויטסקין: „די שותפותדיקייט פון די אינטערעסן קאָן אַמאָל שטאַרקער ווערן, איידער דער אינטערעסן-קעגנזאַץ. דער פאַרביגדעטער פון היינט קאָן זיין דער קעגנער פון מאָרגן". אונזערע פאַרבינדעטע פון היינט, חברים, זיי זיינען אונזערע מאָרגנדיקע קעגנער!

וואוהין קאָן און וועט זיך ווענדן די אידישע עמיגראַציע, כדי צו דערגרייכן איר צוועק? די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע פון אַ לאַנד איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס ווערט באַשטימט פון עקאָנאָמישע און פּסיכישע

מאָמענטן. די ווירטשאַפטלעכע צוזאַמענזעצונג פון די אידישע מאַסן שאַפט דאָס פּראָבלעם, ווי אַזוי אויפצובויען אַן אַגראַרן יסוד, אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט פאַר דעם אידישן ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם דורך די מאַסן פון די אידישע שטעט. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז די שווערסטע, די ערנסטסטע פּראַגע פונם ציוניזם. אויב די אַרגומענטן פון אונזערע קעגנער וואָלטן געקאָנט האָבן אַ ווערט (וואָרום זיי האָבן ביז אַהער נישט געקאָנט באַווייזן די אומריכטיקייט פון דער ציוניסטישער פאַרענטפערונג פון דער אידנפראַגע, זיי האָבן שטענדיק נאָר זיך באַמיט צו באַווייזן די שוועריקייטן פון דער דורכפירונג!), אָט די דאָזיקע שוועריקייט וואָלט געווען אַן אַרגומענט: די פראַגע, ווי אַזוי מען שאַפט אַ פּויערן-קלאַס פון מענטשן, וואָס זיינען זייט הונדערטער יאָרן אָפּגעריסן פונם לאַנד. איך וואָלט געזאָגט, אַז די איז דאָס פּראָבלעם פונם ציוניזם. אויב מען קאָן בכלל רעדן פונם נישט-געלינגען פון אַ היסטאָריש נויטיקן פּראָצעס, אין דער פראַגע ליגן די געפאַרן. דעריבער מוז דאָס לאַנד פון דער אידישער איינוואַנדערונג האָבן די סגולות און מעלות, וועלכע עס זיינען אויסגערעכנט אינם פּראָיעקט; „דער אידישער עמיגראַציע-שטראָם מוז געפירט ווערן אין אַזאַ לאַנד, וועמעס געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע לאַגע מאַכט מעגלעך אַ גרויס-פאַרמאָסטענע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע קאָלאָניזאַציע, און וואָס פאַרמאָגט די צוציאונגס-קראַפט צוצובינדן די אידישע מאַסן צו דער ערד, און קאָן דורך דעם בייקומען די שוועריקייטן צו באַשאַפן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט פאַר דער אידישער געזעלשאַפט". די באַזעצונג פון שטאָט-באַוואוינער אויף „טעריטאָריעס, וואָס זיינען קרקע בתולה אָדער וואָס וועלן פאַר אַ לאַנגער צייט טויגן בלויז פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע" איז נישט מסוגל צו פירן צום צוועק פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע".

מען וועט מיך אַוודאי קריטיקירן, פאַרוואָס איך האָב אָנגעוויזן אין דעם פונקט נישט נאָר אויף עקאָנאָמישע, נאָר אויך אויף אידעאָלאָגישע מאָמענטן. נאָר אַפילו מען זאָל האַלטן די ליבע צו דער ערד, וואָס אָן איר איז נישט מעגלעך קיין פּויערן-קלאַס, וואָס זאָל זיך מקריב נפש זיין פאַר איר, אַפילו מען זאָל האַלטן די צוגעבונדנקייט פון די אידן צו דעם לאַנד, וואו זיי זיינען אַמאָל זעלבסטשטענדיק געווען און געשאַפן זיך זייער נאַציאָנאַלע און עקאָנאָמישע עקזיסטענץ — אַפילו, זאָג איך, מען זאָל דאָס אַלץ האַלטן פאַר ריינע אידעאָלאָגיעס, טאָר מען נאָך איין זאַך נישט פאַרגעסן. באַדערפענישן זיינען שטענדיק פאַרבונדן מיט געפילן, עמאָציעס. דאָס איז ריכטיק פאַר איינצלנע, ווי פאַר אַ פאָלק. מען דאַרף זיך דעריבער נישט וואונדערן, ווען דאָס באַדערפעניש טעריטאָריאַל צו פאַרענטפערן די אידנפראַגע, וואָס איז נישט קיין פּראָיעקט, אויסגעטראַכט און אַרומגערעדט ביים גרינעם טיש פון אַ קאָמיסיע, נאָר אַ היסטאָריש אויפגעוואַקסענער פאַרלאַנג נאָך פרייער אַנטוויקלונג פון אַלע כחות, אויב אָט דאָס באַדערפעניש איז פאַרבונדן געוואָרן מיט אַן אַלטן געפיל פון אַן אַלט קולטור-פאָלק, מיט דעם שטרעבן צו זיין לאַנד. מיר דאַכט זיך, אַפילו היסטאָרישע מאַטעריאַליסטן דאַרפן דענקען נישט נאָר מאַטעריאַליסטיש, נאָר אויך היסטאָריש. די איבערצייגונג פון דער נויטווענדיקייט, אויב זי ווערט נאָר וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, פירט צו אַ פאַטאַליסטישן פאַרלאָזן זיך אויף דעם גאַנג פון דער

געשיכטע (ווי, למשל, ביי די ס. ס.). צו דער וויסנשאפטלעכער איבערציי־גונג מוז צוקומען א אידעאל, וואס איז אויפגעהויבן פון דעם גרונד פון דער פאלקס-נשמה.

מיר האבן זיך ביז אהער פארנומען מיטן באווייז, אז דער אידישער פראלעטאריאט איז פאראינטערעסירט אין דער לעזונג פון דער אידנפראגע, און נאכגעוויזן, וואס פאר א כחות פון דעם אידישן עקאנאמישן לעבן פירן צו דער טעריטאריאלער פארענטפערונג פון דער דאזיקער פראגע. דערביי זיינען מיר ארויסגעגאנגען פון דעם פרינציפ, אז דער ציוניזם איז נאר די לעזונג פון דער אידנפראגע, וואס איז אבער נויטיק פארן אידישן פראלע־טאריאט, כדי צו קאנען אנטוויקלען זיינע כחות און דערפילן זיין געשיכטלעכע אויפגאבע — צו פארענטפערן די סאציאלע פראגע. אזוי ווי מיר קאנען נישט זען אין דעם גלות דאס לעצטע ווארט פון דער אידישער געשיכטע, אזוי זעען מיר אויך נישט אין דער איצטיקער קאפיטאליסטישער געזעלשאפטס־ארדנונג דאס לעצטע ווארט פון דער מענטשלעכער געשיכטע. די קאפיטא־ליסטישע געזעלשאפטס-פארם איז אזוי אייביק, ווי א סך אנדערע געזעלשאפטן פאר איר, וועלכע ליגן אצינד חרוב און צושטערט הינטער אונז.

מיר קעמפן דעם עקאנאמישן און פאליטישן קלאסנקאמף צוזאמען מיטן גאנצן אינטערנאציאנאלן פראלעטאריאט, מיר פירן אים דא אין גלות, אלס שוץ קעגן די טיפע אויסבייטונג, מיר וועלן אים פירן אינם אידישן לאנד מיט אלע מאכט-מיטלען, וואס וועלן מסוגל זיין נענטער צו ברענגען די אידישע ווירטשאפט צום סאציאליזם.

אין דעם צוזאמענהאנג דערמאנען מיר געגאנסנשאפטלעכע ארגאני־זאציע-פארמען. מיר בינדן זיך נישט מיט קיין גענאסנשאפטלעכע עקס־פערימענטן. אבער איין זאך דאכט זיך אונז זיכער: אויב די לאנדווירט־שאפט קאן קאפיטאליסטיש ארגאניזירט ווערן, קאן זי אויך גענאסנשאפט־לעך געפירט ווערן. דער רעדנער פירט א פארגלייך צווישן די צוויי ביר־גערלעכע רעוואלוציעס אין פראנקרייך און רוסלאנד און ווייזט אן אויף דעם חילוק צווישן זיי, וואס איז ארויסגערופן דורך דעם אנטייל פון א קלאסן-באוואוסטן, ארגאניזירטן פראלעטאריאט אין דער רוסישער רעוואלו־ציע. אזוי מוז אויך דער אנטייל פון א סאציאליסטישער ארבעטער-פארטיי ארויפלייגן א שטעמפל אויף דער ציוניסטישער ארבעט. דער גענאסנשאפט־לעכער פרינציפ וועט זיך קאנען האלטן, וועט קאנען אויספראבירט ווערן ביי דער רעאליזאציע פונם ציוניזם, נאר אויב די אידישע ארבעטערשאפט וועט דאס ענערגיש פארלאנגען.

איך ווייס, אז דער פראיעקט איז נישט פולשטענדיק, עס וועלן זיך זיכער געפינען אין אים נישט ווייניק פעלערן. איך אליין האב אים אויס־געבעסערט ביז צום לעצטן מאמענט. פונדעסטוועגן קאן איך אן גאוה זאגן, אז ער קאן בילדן א גוטע גרונדלאגע פאר דער ווייטערדיקער פראגראם־דיסקוסיע, ער קאן דינען אלס מאטעריאל פאר א פראגראם-וכוח ביי א קו־מענדיקן אלוועלטלעכן פועלי-ציון-קאנגרעס. און מיט דעם פראיעקט וועלן אונזערע חברים און אגיטאטארן קאנען קומען מיט א רואיק געוויסן צו די אידישע ארבעטער-מאסן און רופן זיי צום קאמף פארן פועלי-ציוניזם, פארן אידישן סאציאליזם.

פּראָבלעמען פון דעם ציוניזם

„די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע איז נישט קיין קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניאַל־אונטערנעמונג, וועלכע באַצוועקט די עקספּלואַטירונג פון אַ לאַנד און די שאַפונג פון נייע אָפּזאַץ־מערק, זי איז אויך נישט קיין פילאַנטראָפּישער קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט".

(פּראָגראַם־פּראָיעקט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּארטיי פועלי־ציון פון עסטרייך).

„די מלוכה אַנטשטייט דורך דעם לעבנס־קאַמף פון אַ פאָלק".

(טעאָדאָר הערצל: דער אידנשטאַט)

די „פּראָגראַמאַטישע אַחדות", וועלכע איז געפייערט געוואָרן דאָ נישט לאַנג פון דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אַלס אַ פאַרענדיקטער פאַקט, וועט דאָך נישט קאָנען אָפּהאַלטן דעם VIII קאָנגרעס צו באַהאַנדלען אָפן און אויספירלעך דעם צענטראַל־פּונקט פון אַלע קאַמפן אַרום דעם באַזעלער פּראָגראַם — דאָס רעאַליזירונגס־פּראָבלעם. דאָס וואָלט מען באַדאַרפט מיט פרייד באַגריסן, ווייל אויך דאָס מאָל וועט זיך בלי־שום־ספק אַרויסווייזן דער אמת פון דעם הערצלשן פּרינציפּ, אַז די עפנטלעכע דיסקוסיע פון מיינונגס־דיפערענצן קאָן נאָר ברענגען נוצן דער זאַך גופא. „בתנאי, אַז מען קעמפט נישט מיט פאַרסמטע כלי־זין" און אַז מען לאָזט נישט אַרויס פון אויג די עיקר־פראַגע. דאָס לעצטע פּאַסירט לײדער זייער אָפט. ס'איז כדאי דערפאַר דאָ איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו קאָנסטאַטירן, אַז עס האַנדלט זיך מכח דעם רעאַליזירונגס־פּראָבלעם. מען קאָן נישט און מען טאָר נישט לייקענען, אַז זייט דעם VI קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אַ שינוי אין דעם פאַרשטיין פון די מיטלען און וועגן פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק.

ווי אַזוי זאָל דער ציוניזם פאַרווירקלעכט ווערן, ווי אַזוי זאָל די אידישע געמיינשאַפט אויפגעבויט ווערן? טעאָדאָר הערצל איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט די פראַגע פאַרשטאַנען שטאַטסמעניש. ער האָט אונז געלערנט צו באַגרייפן די סאָציאַלע זייט פון דער אידנפראַגע, צו זען אין דער אידן־נויט נישט נאָר דעם עלנט, נאָר אויך די קערנדלעך פון צוקונפט, די טרייבנדע כחות פאַר אַ ראַדיקאַלן איבערבוי פון די לעבנסבאַדינגונגען פון דעם אידישן פאָלק. „אין דער נויט שטייען מיר צוזאַמען, און אַנטפּלעקן

MRS. SOLOMON OSHEROFF

מיטאָמאָל אונזער כח". ער האָט צוערשט דערקענט די אינערלעכע שייכות צווישן אונזערע פאָלקס-אינטערעסן און די פעלקער-אינטערעסן און אַוועקגעשטעלט די אידנפראַגע, וועלכע ער האָט דעפינירט אַלס „פּאָליטישע וועלט-פראַגע", צו דער אינטערנאַציאָנאַלער דיסקוסיע. אָט די געדאַנקען פון דעם מייסטער, אויפגעשטעלט און ערקלערט אינם „אידנשטאַט" און אין די קאָנגרעס-רעדעס, זיינען געוואָרן דער אייזערנער באַשטאַנדטייל פון דעם פּאָליטישן ציוניזם. די אַנדערע עלעמענטן פון דעם הערצלשן סיסטעם באַזירן אויף דעם באַגריף פון דעם שטאַט אַלס אַ רעכטלעכע געמיינשאַפט — אַ דאָקטרין, וואָס שטאַמט פון בירגערלעכע רעכטס-געלערנטע, און וועלכער טעאָדאָר הערצל האָט זיך געהאַלטן מיט אַן אומדערשיטערלעכער קאָנסעקווענץ. מיר האָבן אַן אַנדערע קאָנצעפּציע פון דעם וועזן און ווערן פון אַ שטאַט און זי צווינגט אונז צו אַ רעוויזיע פון דעם פּאָליטישן ציוניזם.

שוין ביי דער עיקרדיקער פאָרמולירונג אינם „אידנשטאַט" שטויסן מיר זיך אָן אויף דעם טעות. הערצל זאָגט: „זאָל מען אונז נאָר געבן די סואווערעניטעט איבער אַ שטיק פון דעם ערד-שטח, וואָס זאָל גענוג זיין פאַר אונזערע גערעכטע פאָלקס-באַדערפעניש, דאָס איבעריקע וועלן מיר אַליין באַזאָרגן (ט. הערצלס ציונ. שריפטן I, ז. 65). דער זאַץ דריקט אויס נישט נאָר דעם געדאַנק פון דער נויטווענדיקייט פון „אַ שטיק פון דעם ערד-שטח" פאַר דער זיכערונג פון דער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון דעם אידישן פאָלק. דער ערווערב און באַזיץ פון אַן אייגן שטיק ערד ווערט געבונדן אָן דעם **תנאי פון דער סואווערעניטעט**. די „עפנטלעך-רעכטלעכע זיכערונגען", דער „טשאַרטער", די „פּאָליטישע גאַראַנטיעס", ווי דאָס אַלץ ווערט באַצייכנט, זיינען וואַריאַנטן, זיינען דער יורידישער אויסדרוק פון דעם סואווערעניטעטס-פּרינציפּ. **טעאָדאָר הערצל** איז געווען אין זיין דענקען אַ סך מער יוריסט, ווי מען איז עס געוואוינט אָנצונעמען. אין זיין ווינער רעדע אינם יאָר 1900 האָט ער גערעדט מיט אַ שטילצער וועגן זיינע יוריסטישע אויספירונגען אינם „אידנשטאַט", וועלכע האָבן געפונען אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט ביי די רעכטס-געלערנטע. הערצל באַטראַכט דעם שטאַט אַלס אַ רעכטלעכע פאָרמאַציע, אַלס אַ פאַרבאַנד פון בירגער, וואָס פאַרמאָגט סואווערעניטעטס-רעכט איבער אַ באַשטימטן שטח. דאָס פון די פעלקער אָנערקענטע רעכט פון אַ נאַציע אויף אַ שטיק ערד איז פאַר אים דער יסוד פון יעדער שטאַטס-בילדונג. טעאָדאָר הערצל האָט פאַרזען דעם עקאָנאָמישן באַזיס פון דעם שטאַטסוועזן. דער שטאַט איז נישט קיין רעכטלעכע נאָר אַ ווירטשאַפטלעכע איינהייט. דער פאַקטישער באַזיץ פון אַ טעריטאָריע, די ווירטשאַפטלעכע באַהערשונג פון דעם לאַנד זיינען דער מקור פון אַלע הערשאַפטס-רעכט. נישט די דורך אַ סואווערעניטעט צונויפגענומענע מענטשן זיינען דער שטאַט (שריפטן, ז. 112), ווי הערצל מיינט עס. דער שטאַט איז אַ סאָציאַל-עקאָנאָמישער אָרגאַניזם, וועלכער איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער טעריטאָריע. „די מלוכה אַנטשטייט דורך דעם עקזיסטענץ-קאַמף פון אַ פאָלק" (דאָרט, ז. 113), קאָנען מיר זאָגן מיט

הערצלען די סואווערעניטעט איז די לעצטע קאָנסעקווענץ פון דעם קאַמף.
די פאַקטישע מאַכט אינם לאַנד קומט פאר דעם רעכט פון סואווערעניטעט.
הערצל ווייזט אָן אויף דעם אַנטשטיין פון נייע סואווערעניטעטן „ביי פעל-
קער, וועלכע זיינען נישט ווי מיר מיטלשטאַנדספעלקער, נאָר אָרימערע, נישט
געבילדעטע און דערפאַר שוואַכערע פעלקער״ (דאָרט, ז. 65). אָבער די דאָ
געמיינטע קליינע נאַציעס פון דעם באַלקאַן זיינען טאַקע שוין פריער גע-
ווען די פאַקטישע באַזיצער פון זייערע לענדער, וועלכע זיי האָבן באַאַרבעט,
אין וועלכע זיי האָבן זיך ווירטשאַפטלעך איינגעוואָרצלט. פאָלגנדער פון
הערצל אַליין פאָרמולירטער זאַץ באַווייזט, אַז אונטער דער השפעה פון
פאַלשע השגות פון שאַבלאָנע בירגערלעכע רעכטסגעלערנטע האָט ער נישט
גענוג גענומען אין אכט די דאָזיקע מאָמענטן, וועלכע זיינען אזוי וויכטיק
פאַרן פאַרשטיין פון דעם וועזן פון דער מלוכה: „אויב איך וואָלט דאָס
געמעגט אויסדריקן פּאַראַדאָקסאַל, וואָלט איך געזאָגט: אַ לאַנד, וואָס גע-
הערט לויט דעם עפנטלעכן רעכט צום אידישן פאָלק, וואָס געפינט זיך
אָבער ביז צו דער לעצטער פּאַרצעלע, לויט דעם גרונד-בוך, אינב אייגנ-
טום פון נישט-אידן, וואָלט באַדייט די פאַרענטפערונג פון דער אידנפראַגע
אויף שטענדיק״ (ציונ. שריפטן I, ז. 245). דער זאַץ קלינגט טאַקע פּאַראַ-
דאָקסאַל, אָבער יעדנפאַלס איז ער זייער כאַראַקטעריסטיש. — אַ לאַנד,
וואָס געהערט לויט פעלקער-רעכט צו דעם אידישן פאָלק, ווערט אָבער באַ-
אַרבעט פון נישט-אידן, איז נישט קיין פאַרענטפערונג פון דער אידישער
פראַגע. אונזערע סואווערעניטעט, אַפילו זי וואָלט געווען אנערקענט אין
דעם „ראַט פון די קולטור-פעלקער״, וואָלט געווען איליוזאָריש, אין אַ
סתירה מיט די פאַקטישע מאַכט-באַדינגונגען, אַלזאָ נישט צו האַלטן. די
אידנפראַגע הייסט נישט נאָר פּאָליטישע אָנמאַכט, וועלכע וואָלט געקאָנט
אָפּגעשאַפט ווערן דורך דער ווידער אויפריכטונג פון אַ אידישער סואווע-
רעניטעט. דער תמצית פון דער אידנפראַגע ווערט גיכער כאַראַקטעריזירט
דורך ווירטשאַפטלעכע דעפּאָרמירונג און אַרויסשטויסונג, ווי אויך דורך
שטעלן אין סכנה די עקזיסטענץ פון אונזער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט און
אינדיווידואַליטעט. קערן מיר איבער דעם פּאַראַדאָקסאַלן הערצלשן זאַץ,
דאַן מעגן מיר, הגם פּאַראַדאָקסאַל, דאָך מיט מער רעכט באַהויפּטן: אַ
לאַנד, וואָס איז פּאָליטיש אונטערדריקט און געהערט נישט פעלקער-רעכט-
לעך צו די אידן, וואָס איז אָבער ביז צו דער לעצטער פּאַרצעלע, ביז
צום לעצטן אַרבעטסגעצייג און דער לעצטער מאַשין — אידיש, באַדייט
די פונדאַמענטאַלע פאַרענטפערונג פון דער אידנפראַגע! די נאַציאָנאַלע
קאָלאָניזאַציע מוז קומען פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער סואווערעניטעט.
זי מוז ערשט שאַפן די באַזע פאַר דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען. מען
מוז אַזוי פאָרמירן די מאַכט-באַציאונגען אינם לאַנד, אַז אַן עווענטועלער
דורכפאַל פון די פאַרהאַנדלונגען זאָל נישט זיין בכח צו דערשיטערן נישט
דאָס קאָלאָניזאַציע-ווערק און נישט די באַוועגונג.

ווידערגעבורט אין ווידערעראָבערונג. אויך „הערשער איבער מיליאָנען־אָרמעען" זיינען טעטיק נישט נאָר אויף א דיפּלאָמאַטישן וועג. דער פּרינציפּ פון „פרידלעכער איינדרינגונג" איז געוואָרן א קנין־הכלל פון דער מאָדערנער דיפּלאָמאַטיע. אויך דער ציוניזם מוז שטרעבן צו פּאַקטישער באַזעצונג פונם לאַנד, מוז אַריינדרינגען און פּראָגרעסירן עקאָנאָמיש. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל און די אידישע אַרבעט מוזן וואַנדערן קיין ארץ־ישראל און אויסנוצן אַלע ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן, וועלכע עס גיט א לאַנד ווי ארץ־ישראל, מיט זיינע מעלות בנוגע לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע, מיט זיין צענטראַלער לאַגע אַלס מיטלפּונקט פון דריי וועלט־טיילן, מיט זיינע גרויסע שכנותדיקע אָפּזאַץ־מערק. ווי אַזוי קאָן מען אָבער ווענדן קיין ארץ־ישראל דעם קאַפּיטאַל, וואָס זוכט אינוועסטיציע־געלעגנהייט און וועמעס פּראָפּיט־ראַטע אין אייראָפּע ווייזט אַרויס א נישט־פריילעכע טענדענץ צום זינקען? אונטער וועלכע באַדינגונגען קאָן דער ציוניזם אפּעלירן צום וועלטקרעדיט? דער ענטפער קלינגט איינפאַך ביז צו באַנאַליטעט: ער מוז ווערן קרעדיטפעאיק. נישט דער ציוניזם אַלס באַוועגונג קאָן ווערן קרעדיטפעאיק דורך זיין גרויס און די צאָל פון זיינע אָנהענגער. דער קאָלאָניזאַציע־שטח — ארץ־ישראל — מוז ליפערן דעם קרעדיט־באַזיס. ווען די רעגירונג פון א מלוכה נעמט אויף הלוואות, אַזוי געניסט זי די טובות פון אינטערנאַציאָנאַלן קרעדיט נישט דערפאַר, ווייל זי איז סואווערען אָדער ווייל מען האָט צו איר צוטרוי, נאָר ווייל די מלוכה אַלס ווירטשאַפטס־געמיינשאַפט, ווייל איר פאָלקסווירטשאַפט טראָגט איין, איז אַלזאָ קרעדיטפעאיק. די נאָנטסטע אויפגאַבע פון א ווייטבליקנדער ציוניסטישער פּאָליטיק וואָלט אַלזאָ געווען צו לייגן די יסודות צו א אידישער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל, צו הייבן דעם ווערט פון דעם לאַנד (וועגן וואָס עס זאָרגן אַגב אויך אַנדערע פאַנטאַרען), צו באַווייזן די רענטאַבליטעט און אַנטוויקלונגספעאיקייט פון די ארץ־ישראלדיקע אונטערנעמונגען.

די אידעע פון דעם קרעדיט־באַזיס, אַרויסגעזאָגט פון פראַנץ אָפּענהיימער אין פאַרבינדונג מיט זיינע גענאָסנשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן מיט דער שאַרפקייט און קלאָרקייט, וואָס צייכענען אים אויס, שטאַמט, ווי נישט איין פרוכטבאַרער געדאַנק אינם ציוניזם, פון טעאָדאָר הערצל. אין זיין שוין דערמאָנטער ווינער רעדע, וועלכע האָט באַצוועקט צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער קאָלאָניאַל־באַנק, האָט הערצל געזאָגט: „צו דער הלוואה דאַרף מען אויך קרעדיט! יאָ, אין וואָס באַשטייט די קרעדיטפעאיקייט פון א הויז? אין זיין פאַרגאַנגענהייט, אין דער ערפילונג פון די איבערגענומענע התחייבותן, אין זיין ביזאיצטיקער לייסטונגספעאיקייט, אין דער צוקונפט וועלכע מען שטעלט זיך פאָר, — דערויף באָרגט מען. עס האַנדלט זיך איצט וועגן דעם, צו עטאַבלירן און צו באַווייזן די קרעדיטפעאיקייט פון דעם אידישן פאָלק" (ציונ. שריפטן, II, ז. 162). און הערצל האָט זיך דערצו גענומען צו שאַפן דעם נוי־

טיקן קרעדיט־באַזיס. מיט הילף פון דער אידישער הויך־פינאַנץ אָדער דורך אַ פאָלקס־סובסקריפּציע האָט באַדאַרפט אַנטשטיין די קאָלאָניאַל־באַנק. אַלזאָ ס׳האָט באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן אַ אינצווייניקע הלוואָה. די קאָלאָניאַל־באַנק וואָלט געווען אימשטאַנד צו טאָן טובות דער טערקיי, פאַרוואָס זי וואָלט באַקומען די געוואונטשע רעכטלעכע גאַראַנטיעס אין דער פאָרם פון אַ ט ש אַ ר ט ע ר. דער טשאַרטער ווידער וואָלט געגעבן דעם באַזיס פאַר אַ גרעסערער אויטעווייניקער הלוואה. דאָס איז געווען דער געדאַנקענגאַנג, ער איז אָבער אַרויסגעגאַנגען, ווי די דערפאַרונג האָט אונז געלערנט, פון אַן אומריכטיקער הנחה. „מען געפינט אידיש געלט אין שווערע מאַסן פאַר אַ כינעזישער הלוואה, פאַר נעגער־באַנען אין אַפריקע, פאַר די אַוואַנטוריסטישסטע אונטערנעמונגען — און פאַר דאָס טיפסטע, דירעקטעסטע, אָנגעווייטיקסטע באַדערפעניש פון די אידן וועט מען עס נישט געפינען?״ אַזוי האָט געשריבן ה ע ר צ ל צו באַראָן ה י ר ש (שריפטן, I, ז. 37). דער גרויסער געלד־איד האָט געשמייכלט איבער דעם נאַ... צוטרוי פון דעם גרויסן גייסט־איד. „ר אָ ט ש י ל ד וועט אונטערשרייבן 500 פראַנק״ האָט ער געענטפערט. אָבער אפילו ווען די רייכע אידן וואָלטן „געגלויבט נישט נאָר אין געשעפטלעכע אונטערנעמונגען״ נאָר אויך „אין אונזער צוקונפט״, ווי ה ע ר צ ל האָט זיי צוגערופן (שריפטן II, ז. 163), און ווען עס וואָלט אויך דערגרייכט געוואָרן דער טשאַרטער, וואָלט דערמיט געווען עטאַבלירט „די קרעדיטפעאיקייט פון דעם א י ד י ש ן פ אָ ל ק״, אָבער נאָך אַלץ נישט פון דעם א י ד י ש ן ל אַ נ ד. ווייל דער טשאַרטער „אַן און פאַר זיך״ איז נישט קיין קרעדיטבאַזיס. דער פאַקט אַז אַ רעגירונג גיט אַ קאָלאָניאַלער באַנק אַ מאָנאָפּאָל־רעכט צו עקספּלואַטירן אַ באַשטימטע טעריטאָריע, באַווייזט לחלוטין נישט די ברויכבאַרקייט פון דער טעריטאָריע פאַר קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען און זייער רענטאַביליטעט. אָט דאָס מוז באַוויזן ווערן מיט אָדער אָן אַ טשאַרטער אין פאָרויס, זאָל דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל זיך איבערצייגן, אַז עס קאָן זיך נאָרמאַל פאַרצינזן אין ארץ־ישראל — און אַהין גיין.

מיר אַבסטראַהירן דערפון, אַז מען קאָן נישט דערגרייכן קיין טשאַרטער אין דעם היקף, ווי מען האָט זיך דאָס אַ צייט לאַנג פאָרגעשטעלט אין ציוניסטישע קרייזן. דאָס האָט שוין גענוג קלאָר באַוויזן די פאַרעקסעלאַנס ריינע דיפּלאָמאַטיע פון ישראל ז אַ נ ג וו י ל. נאָך מער, אויף ווי ווייט דאָס ווינציקע מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן צו אונזער דיספּאָזיציע, דערמעגלעכט אַן אורטייל, ווייזט זיך אַפילו אַרויס, אַז טערקיי האָט געוואָלט טעאָדאָר הערצלען מאַכן אַ סך גרעסערע הנחות, איידער דאָס פרייע ענגלאַנד — ישראל זאַנגווילן. און ארץ־ישראל איז דאָך, אַבסאָלוט גענומען ווערטפולער איידער מזרח־אַפריקע אָדער וועלכע נישט איז טראָפּישע אינזל. לאָמיר אַלזאָ אַבסטראַהירן פון די דאָזיקע נעבן־אומשטענדן און זען, צי דער גרונטפּרינציפּ פון דעם טשאַרטער איז צוגעפּאַסט צו די צוועקן פון אַ נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע, ווי די, צו וועלכער מיר שטרעבן.

אויף דעם יסוד פון דעם ט ש אַ ר ט ע ר זיינען אינם XIV, XV און XVI יאָרהונדערט אַנטשטאַנען די „גענועזישע מאַגנען" פון איטאַליע און די האָלענדישע און ענגלישע טשאַרטער־קאָמפּאַניעס. דער טשאַרטער פון אָט די קאָלאָניאַל־געזעלשאַפטן באַזירט אויף דעם פּרינציפּ פון מאָנאָפּאָליזירונג און פּריווילעגירונג. דאָס קאָלאָניזירן האָט זיך געשטיצט אויף דער אומבאַגרעניצטער עקספּלואַטאַציע און דעם אויסזויגן פון גאַנצע לענדער, פאַרבונדן מיט צוואַנגס־אַרבעט און פאַרשקלאַפונג פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. די רעזולטאַטן פון אָט דער קאָלאָניאַל־ווירטשאַפט זיינען געווען פאַרוויסטונג און אַנטפעלקערונג פון גאַנצע לאַנד־שטחים, וואָס זיינען אַמאָל געגליכן צו בליענדע גערטנער און זיינען אויסגעגאַנגען פון כחות צוליב דער אויספּרעסונג מצד די אייראָפּעאישע „קאָלאָניזאַטאָרן". פאַר אַזאַ פאָרם פון „קאָלאָניזאַציע" איז דער טשאַרטער געווען די יורידישע פאָרם. — מיר אָבער (לאָמיר זיך דאָס דערמאָנען) ווילן אַ פּוסט און וויסט לאַנד אומוואַנדלען אין אַ גן־עדן, געבן אַן אויסגעליידיקטער געגנט נייע מענטשן־כחות, נישט אויסזויגן די אוצרות פון לאַנד כדי אָנצופּילן די בייטלען פון אויסלענדישע גרויסע סוחרים, ווילן מיר, נאָר אַנטוויקלען צום נוצן פון זיין באַפעלקערונג.

פּונקט אַזוי ווייניק איז מעגלעך אַ פּאַראַלעל צווישן אונזערע נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע־באַשטרעבונגען און דער מאָדערנער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק פון אינדוסטריעלע מדינות. די דאָזיקע פּאָליטיק, דערציילט ד ע ר נ ב ו ר ג, די, וועלכע ווייסן עס נאָך נישט, איז געווענדעט אויף מאָנאָפּאָליזירונג פון דעם רוישטאָף־אימפּאָרט און שאַפונג פון נייע אָפּזאַץ־מערק פאַר די אינדוסטריעלע פּראָדוקטן פון מעטראָפּאָליע, כדי צו זיכערן איר ווירטשאַפטלעכע אומאָפּהענגיקייט און די סטאַביליטעט פון איר אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. די מאָדערנע קאָלאָניעס דינען אין אַ קליינער מאָס צום אַרויספירן פון מענטשן־מאַסן פון דער מעטראָפּאָליע, זיי דינען אַ סך מער די קאַפּיטאַליסטישע עקספּאַנסיע־אינטערעסן פון דעם מוטערלאַנד. — מיר אָבער ווילן נישט שאַפן אַ קאָלאָניע אינם אינטערעס פון אַ מוטערלאַנד, נאָר ערשט באַגרינדן אַ מוטערלאַנד.

דער ראַדיקאַלער חילוק צווישן די אויפגאַבן פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע און די אויפגאַבן פון די אַלטע און מאָדערנע קאָלאָניאַל־אונטערנעמונגען וואָלטן אונז באַדאַרפט צווינגען נאָכצוקלערן וועגן דעם, צי זיינען אָנווענדבאַר פאַר אונז די שוין פאַראַנענע יוריסטישע פאָרמען, ווי דער טשאַרטער. אָדער בעסער געזאָגט, צי זיינען זיי פאַר אונז אַבסאָלוט נויטיק .

גראָד אַזוי ווי די סוּווערעניטעט איז נישט קיין יסוד פאַר דער באַשאַפונג פון אַ מלוכה, אַזוי זיינען רעכטלעכע זיכערונגען און טשאַרטער־מאָנאָפּאָלן נישט קיין תנאי מוקדם פאַר דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע. אַ רעכטלעך גאַראַנטירטער מאָנאָפּאָל איז נישט נאָר נישט קיין קרעדיט־באַזיס, ער קאָן זיך אויף לאַנג נישט האַלטן, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל

נישט קלינגען. מיר דאַרפן האָבן אַ נאַטירלעכן מאָנאָפּאָל.

מיר ווילן שאַפן אַ קאָמפּאַקטן ישוב מיט אַ אידישער מאַיאָריטעט, אַ ווירטשאַפטס־קערפּער, וואָס זיינע אַרבעטנדע מאַסן אין לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע זאָלן צום איבערוועגנדן טייל זיין אידיש. זאָל, למשל, די טעריטאָריע באַלאַנגען צו אַ גרויסאינדוסטריעלער קאָלאָניאַל־מדינה, דאַן איז אויסגעשלאָסן פאַר אַ באַשטימטער צייט די אַנטשטייאונג פון אַ אייגענער אינדוסטריע, וויל די מעטראָפּאָליע איז אויף אַזוי ווייט פאַראינטערעסירט אין דער קאָלאָניזאַציע פון דער טעריטאָריע, אויף ווי ווייט עס ליפערט איר אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר אירע אינדוסטריעלע פּראָדוקטן. דאָ העלפט נישט קיין טשאַרטער. די טענה פון אַ טשאַרטער־ענטוזיאַסט אַז מען וועט אונז דערלויבן אַרויפלייגן צאָל צום שוץ פון אונזער נאָך נישט קאָנקורענץ־פעאיקער אינדוסטריע, כדי שווער צו מאַכן דעם צוטריט פאַר דער אינדוסטריע פון דעם מוטערלאַנד, איז דאָך צו נאַאיוו, כדי צו נויטיקן זיך אין אַן ענטפער. פּונקט אַזוי ווייניק קאָן אַ טשאַרטער — כדי אָנצוכאַפּן נאָך אַ געוואונטשענעם און נויטווענדיקן מאָנאָפּאָל — זיכערן דעם אַרבעטס־פּלאַץ פאַר די אידישע אַרבעטער־מאַסן. זאָל דער טשאַרטער האָבן אַ תקנה, נאָכן מוסטער פון דעם פרעמדן־געזעץ? אָנגענומען, אַז מיר אַנטשליסן זיך דערצו. וועלן זיך די אידישע און נישט־אידישע אונטערנעמער לאָזן דיקטירן, נישט צו באַשעפטיקן קיין פרעמדע אַרבעטס־כחות, אפילו זיי זאָלן זיין בעסער און וועלוועלער ווי די אידישע? קאָן מען אָפּהאַלטן פּריצים אָדער אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטן אויף אַ אידישער טעריטאָריע אין בראַזיליע אָדער טעקסאַס, זיי זאָלן נישט אויפנעמען קיין סלאָוואַקישע אָדער איטאַליענישע אַרבעטער, הגם זיי זאָלן זיין נוצלעכער ווי די אידישע? זיי וועלן מותר זיין אויף אַ שמץ פון זייער פּראָפיט, וויל דער טשאַרטער דיקטירט עס אַזוי? זיי וועלן זיך מיט אים נישט רעכענען, אָדער זיך לגמרי דערפון אָפּזאָגן צו אינוועסטירן זייערע קאַפּיטאַלן אויף אַזעלכע שווערע באַדינגונגען. אַ מאָנאָפּאָל קאָן זיך נישט האַלטן, אויב עס איז נישט בהסכם מיט די נאַטירלעכע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען פון דעם לאַנד.

די אומהאַלטבאַרקייט פון דעם פּרינציפּ פון „אויטאָנאָם־פּאָליטישע גאַראַנטיעס”, וועלכע מען מוז באַקומען, נאָך איידער דער פוס פון אַ איד האָט באַטראָטן די פאַר באַזעצונג באַשטימטע טעריטאָריע, איז אַזוי עווידענט געוואָרן, אַז זיינע אויפריכטיקסטע פּאַרטיידיקער, די רוסישע איטאָאיסטן, לייקענען אים אָפּ. דער אופן אָבער, ווי זיי טוען עס, וואַרפט אַ שאַרף ליכט אויף דעם פולשטענדיקן פעלן פון פאַרשטענדעניש וואָס הערשט אין אָט די קרייזן. ה׳ געפּשטיין האָט ביי דער קיעווער קאָנפערענץ ערקלערט, אַז די איטאָאיסטן ווילן נישט מער דערגרייכן דעם טעריטאָריאַליזם אויפן דיפּלאָמאַטישן וועג פון רעכטלעכע קאָנצעסיעס (טשאַרטער), נאָר אויף אַן עקאָנאָמישן וועג. זיי ווילן באַקומען ווירטשאַפטלעכע פּריווילעגיעס און מאָנאָפּאָל־רעכט! איז דאָס אַ וויץ? הייסט דען שטרעבן צו אַ מאָנאָפּאָל־רעכט נישט די אייגענע זאַך

חי זוכן יורידישע הנחות? און איז דען דאָס מעגלעך אויף אַן אַנדערן וועג ווי אויף אַ דיפּלאָמאַטישן? וואָס ענדערט זיך דען אין דעם קוק אויף דעם רעאַליזירונגס-פּראָצעס, ווען מען זאָגט אָנשטאָט טשאַרטער — מאָנאָפּאָל-פּריווילעגיעס? ווען האָט געוואָלט ה׳ ג ע פ ש ט י י ן איינרעדן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ מכּח אַ „עוואָלוציע" פון השגות? דאָס איז דאָך בלויז אַ וואָרט-שפּיל.

ס׳איז נישט דער צוועק פון דעם אַרטיקל צו באַווייזן, אַז ארץ ישראל באַזיצט די דאָזיקע נאַטירלעכע גאַראַנטיעס. איך מוז מיך באַציען אויף מיינע שוין אַרויסגעזאָגטע מיינונגען בנוגע דער פראַגע *). רעזומירן מיר אונזערע באַטראַכטונגען, אַזוי קומען מיר צו פאָלגנדע מסקנות. דער פּרינציפּ פון דער נויטווענדיקייט פון דער סואווערעניטעט אָדער פון פּאָליטישע גאַראַנטיעס אַלס אַ פאָרבאַדינגונג פון יעדער פלאַנפולער אַרבעט איז נישט בהסכּם מיטן וועזן און די אויפגאַבן פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע. דער ציוניזם מוז אָננעמען דעם פּרינציפּ פון עקאָנאָמישן אַריינדרינגען, אין קעגנזאַץ צום „פרידלעכן אַריינדרינגען" פון דער דיפּלאָמאַטיע, ער מוז באַווייזן די קרעדיטפעאיקייט נישט פון דעם פאָלק, נאָר פון דעם לאַנד. די ווירטשאַפטלעכע באַהערשונג פון דעם לאַנד קומט פאַר דער פּאָליטישער.

דערמיט מיינען מיר פאַר קיין פאַל נישט אָפּעקצומאַכן מיט דער האַנט די פּאָליטיש דיפּלאָמאַטישע טעטיקייט, דאָס זאָל ווערן בפירוש אונמערגעשטראָכן, זי איז נויטיק. זעלבסטפאַרשטענדלעך זיינען אמת ה ע ר צ ל ס ווערטער: „ווער נאָר עס וויל עפּעס אויפטון אין אַ פרעמד לאַנד, וועט צוערשט מוזן באַטרעטן דעם דיפּלאָמאַטישן וועג, מעג ער זיין ווער נישט איז". נאָר זאָל מען נישט מאַכן פון דעם וועג דעם הויפּטוועג. די ענערגיע פון ווייטזעענדע פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן, וועלכע זיינען נישט מבטל אַפילו דעם קלענסטן ערפאָלג, ווען ער האָט אין זיך אַ ניצוץ פון גרויסקייט, מוז זיך פאַרבינדן מיט דער מאַכט פון דער אַרבעט, וואָס עראָבערט און באַהערשט אַלץ.

דער ציוניזם מוז זיך אָפּזאָגן פון דעם אוטאָפּישן נישט-עוואָלוציאָנערן קוק, אַז מען מוז „באַקומען" ארץ-ישראל, איידער מען קאָן דענקען מכּח אַ פּלאַנמעסיקער אַרבעט. אַ לאַנד „באַקומט" מען נישט, מען דערגרייכט עס ווי די פרייהייט דורך אַרבעט, קאַמף און ליבע. ווען מען וועט גובר זיין די דאָזיקע טעותדיקע מיינונגען, דאַן וועט דער ציוניזם אויפהערן צו זיין אַ פּאָליטיזירנדער, ער וועט ווערן פּאָליטיש.

* * *

דער VII קאָנגרעס האָט געעפנט אַ נייעם פּרק, איינגעפירט אַ פּאָליטיש-ווירטשאַפטלעכע שיטה אינם ציוניזם. נאָך האָט דער נייער סיסטעם

*) „איד. אַרבעטער" קראָקע, נר. 27, 1906. זע אויך פר. א פ ע נ ה י י מ ע ר ס רעדע „איד. אַרבעט אין ארץ ישראל".

נישט געקאָנט רוכש זיין אַלגעמיינע צושטימונג און שוין ווייזט ער אַרויס בולטע חסרונות. שוין די ערשטע פּאַרזיכטיקע פּרוואוון פון די עקזעקוטיווע אָרגאַנען פונם קאָנגרעס רופן אַרויס קעגנערשאַפט און ס'איז שוין פאַראַן אַן ענערגישער פּראָטעסט מצד דעם העלסינגפאָרסער צוזאַמענפאַר פון די רוסישע ציוניסטן קעגן מאַנכע שריט. אָבער עס ווייזט אויס, אַז קריטיקער און פּראָטעסטלער זעען נישט די פעלערן אין זייער גאַנצן היקף.

דער שאַבלאָן זעצט זיך ווידער דורך. ווי פריער אין דער דיפּלאָמאַטיע אַזוי האַלט מען זיך אין דער איצט אָנגענומענער פּאָליטיק פון ווירטשאַפטלעכן אַריינדרינגען אין דעם מוסטער פון די „הערשער איבער מיליאָנען־אַרמעען“. אונזער קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק אונטערשיידט זיך אָבער פון דער „פרידלעכער אנפילטראַציע“ פון די גרויסע מלוכות נישט נאָר דערמיט, וואָס מיר האָבן נישט הינטער אונז קיין גרויס־קאַליבריקע קולטור טרעגער פון דעם קרופּישן סיסטעם. דער חילוק איז אַ סך אַ טיפערער. מיר ווילן איינגעמען די עקאָנאָמישע הערשאַפט אינם לאַנד נישט אַזוי, למשל, ווי די פראַנצויזן אין מאַראָקאָ. מיר ווילן נישט זיין דער הערשנדער קלאַס אינם לאַנד. מיר ווילן אַרומנעמען אַלע קלאַסן און שיכטן פון דער זיך גרינדנדער געזעלשאַפט. נישט די הערשנדע עלעמענטן זאָלן זיין אידיש, נאָר די קלאַסן, וועמען עס געהערט די צוקונפט פונם לאַנד. נישט די באַנקען און די קרעדיט־אינסטיטוטן, נישט די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים, נאָר די ערדבאַאַרבעטער און פּראָלעטאַריער, די אַרבעטנדע מאַסן אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטריע מוזן ווערן אידיש.

נויטיקט זיך דער איינפאַכער, קלאָרער אמת אין אַ באַווייז? זאָלן מיר אָנווייזן אויף מזרח־גאַליציע, וואו די פּוילישע גרונד־פּאָזיציעס זיינען דער הערשנדער עלעמענט, וואו אָבער ס'איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז די צוקונפט פון דעם לאַנד געהערט די, וואָס באַאַרבעטן די ערד, די רוטענער. און איז באָהעמיע געוואָרן אַ דייטש לאַנד דאָרט, וואו נאָר די אינדוסטריע־באַראָנען זיינען דייטשן, דער פּראָלעטאַריאַט אָבער איז טשעכיש?

מיר אידן קוקן דעם אמת אין די אויגן, אַז אַזאַ מצב אין ארץ־ישראל וואָלט פאַר אונז געקאָנט ווערן קאַטאַסטראָפאַל. פונדעסטוועגן זיינען די ערשטע פּרוואוון פון אַ ראַציאָנעלער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל אַזעלכע, אַז זיי וועקן אין אונז ערנסטע זאָרגן. לאָמיר לאָזן אָן אַ זייט די געפּלאַנעוועטע, אָבער ליידער נאָך נישט רעאַליזירטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. נישט נאָר דערפאַר, ווייל ביי דער באַזעצונג פון דעם לאַנד איז אַנטשיידנד די לאַנדווירטשאַפט. אין דער אינדוסטריע פאַרמאָגן מיר, אַזוי צו זאָגן, אַ נאַטירלעכן מאָנאָפּאָל. די אין ארץ־ישראל און אין די שכנותדיקע לענדער ווירטשאַפטלעך פאַראינטערעסירטע פעלקער — ענגלענדער, דייטשן, פראַנצויזן — קומען אין באַטראַכט אַלס אונטערנעמער, נישט אָבער אַלס אַרבעטזוכנדע אימיגראַנטן. אמת, די לענדער פון דער עמיגראַציע — עסטרייך־אונגאַרן, איטאַליע — שליידערן יערלעך הונדערטע טויזנטער באַזיצלאָזע פויערים־זין איבער דעם אָקעאַן. אָבער אַט די קאָלאָסאַל

עמיגראַנטן-מאַסן מוזן זיך ווענדן אין מדינות מיט אַ הויכער אינדוסטריע-
לער אַנטוויקלונג, וואו ס'איז פאַראַנען אַ מאַסן-באַדאַרף אין אַרבעטס-
כחות, אָדער אין לענדער פון ברייטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע.
דער וואַקסנדער שטראָם פון דער אונגאַריש-איטאַליענישער עמיגראַציע
דריגגט אַריין אין דעם אינדוסטריעלן צפון, פון נאָרד-אַמעריקע, אין די
פרייע טעריטאָריעס פון קאַנאַדע, בראַזיליע, אַרגענטינע און די מערב-
שטאַטן פון נאָרד-אמעריקע. פאַר אָט די מאַסן, וועלכע ווערן צוגעצויגן
פון די הויכע אַמעריקאַנישע שכירות אָדער פון דעם פרייען לעבן און די
פאַנטאַסטישע לאַנד-שטחים פון אַן אַמעריקאַנער פערמער, וועט דאָס קליינע
ארץ-ישראל נאָך לאַנג נישט זיין קיין אַטראַקציע-פונקט. און די היימישע
פעלאַכן? פאַר זיי באַדייט דאָס וואַקסן פון די שטעט און פון דער
אינדוסטריע — שטייגנדע לאַנד-רענטע, פאַרגרעסערונג פון דעם אומזאַץ
פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן, איינפירונג פון אינטענסיווע קולטור-
מעטאָדן און מאָדערנע מאַשינען. בקיצור, דאָס אַנטשטיין פון אַ אידישער
אינדוסטריע אין ארץ ישראל וועט פאַר די איצטיקע ערד-באַזיצערס בשום
אופן נישט זיין אַ סטימול צו פאַרלאָזן דאָס אויפבליענדע דאָרף און צו
וואַרפן זיך אויף דער שטאָטישער אינדוסטריע. אויף דעם געביט זיינען
די אידישע פראָלעטאַריער אַזוי גוט ווי קאָנקורענץ-פריי.

אַנדערש אין דער לאַנדווירטשאַפט. דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט די
גרויסע שוועריקייטן פון דעם איבערגאַנג פון אידישע שטאָטישע מענטשן
צו דער ערד-אַרבעט. און די ערד-אָרימע פעלאַכן מיט זייערע קליינע באַ-
דערפענישן און פרימיטיווע אַרבעטסמעטאָדן האָבן גענוג צייט, כדי צו
שיקן זייערע פאַמיליען-מיטגלידער צו דער אַרבעט אין אידישע קאָלאָניעס.
אמת, דער אידישער פיאָנער האָט מיט גלאַנץ באַשטאַנען דעם דאָזיקן
קאָנקורענץ-קאַמף און אַ טייל קאָלאָניסטן — נישט דוקא אויס פאַטריאָטישע
מאָטיוון — נעמען אים גיכער צו דער אַרבעט איידער דעם אַראַבער, הגם
דער אידישער חלוץ פאָדערט אַ העכערן לוין *). זאָלן די רוסישע
פועלי-ציון, מאַטעריאַליסטן לויט זייער געשיכטס-קאָנצעפציע, ווי זער
אידעאַליסטיש זיין אין זייער לעבנס-פילאָזאָפיע, איז דער גורל פון אַ
לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער, פון אַ פאַראָבעק דעם לעבן לאַנג נישט איבער-
צוטראָגן. דאָס קאָן קוים ווערן אַן אידעאַל פאַר אידישע פראָלעטאַריער.
די צאָל אידן, וואָס פאַרמאָגן גענוג מיטלען און ווילן גיכער ווערן קאָלאָ-
ניסטן אָדער פאַכטער איידער פאַרנעמען זיך מיט מסחר אָדער אינדוסטריע
איז זייער קליין. אַזוי זעען מיר, אַז די פונם נאַציאָנאַל-פאָנד, פון דער
אַנגלאָ-פאַלעסטיין-קאָמפּאַני, פון דער „גאולה" געקויפטע באָדנס קאָנען
נישט געפינען קיין אידישע קונים און פאַכטערס. די ערד, כדי נישט צו
ליגן ליידיק, ווערט אַרענדירט צו די שכנותדיקע פעלאַכן. אויב עס זאָל

*) אין דער קאָלאָניע פתח-תקוה איז די לאַגע להיפך: דאָרט ווערן די אידישע אַרבעטער —
צוליב זייער גאַטלאָזיקייט — פון די קאָלאָניסטן דירעקט באָיקאָטירט.

אזוי ווייטער גיין, וועלן מיר טאקע האבן אין ארץ־ישראל אידישע גרויס־גרונדבאזיצער און בעלי־פרדסים, אבער נישט קיין אידישן פויערים־קלאס. דערווייל ווערט מיט נאציאנאלפאנד־געלטער באשאפן און אנטוויקלט אן אראבישער פאכטער. וואו איז דער אויסוועג פון דער דילעמא? די שאפונג פון אן אגראר־באנק און רעגולירונג פון דעם לאנד־קרעדיט קאן נאר צום טייל ברענגען א תיקון. די פארמעגלעכע אידן אפילו מיט קליינע מיטלען וועלן גיכער ווערן כוחרים און די באזיצלאזע קאנען זיך נישט באזעצן אויפן לאנד. מיר זיינען אויף דעם וועג צו שאפן א אידישן גרונדבאזיץ; ווי אזוי ברענגען מיר אידישע פראלעטאריער צו דער ערד־ארבעט? ווי אזוי זאל אנטשטיין א אידישע לאנדווירטשאפט אין ארץ־ישראל?

נאר א נייע איינגנטומס־פארם קאן גובר זיין אט די ענארמע שוועריקייטן. די געגנאסנשאפט! די אפענהיימערישע צי אן אנדערע, איז א נעבנזאך. אבער אפענהיימערס גרונדגעדאנק מאכט מעגלעך די פארענטפערונג פון דעם פראבלעם. לאמיר נישט האדעווען קיין אידישע פארמערס און קליינע גוטבאזיצערס, וואס האבן פארשטענדעניש נאר פאר זייער אייגענעם וואוילשטאנד און ווילן נישט ברענגען דעם קלענסטן קרבן פאר דער פאלקסזאך — זע פתח־תקוה! אבער לאמיר אויך נישט פארמשפטן אידישע פראלעטאריער דערצו צו מאטערן זיך זייער לעבנלאנג אלס לאנד־ארבעטער, נישט זיכער מיט זייער ארבעטס־געלעגנהייט, אייניקע חדשים אין יאר ארבעטסלאז, און דאס אלץ אן אן אייגן שטיקל ערד פון דעם לאנד, וואס זיי האבן מכשיר געווען און צוגעגרייט פאר לאנדווירטשאפט. קעגן אזא עלנט וועט נישט העלפן אפילו די צוגעבונדנקייט צו דער ערד פון ארץ־ישראל. די קאאפעראטיווע קאלאניזאציע גיט דעם אויסוועג.

עס איז די אויפגאבע פון דעם קומענדיקן קאנגרעס צוצוטרעטן צו דער פארווירקלעכונג פון דעם אפענהיימערישן געדאנק. די פארטרעטער פון די אין דער זאך מער פון אלע פאראינטערעסירטע, פון די ארבעטער — די פועלי־ציון — וועלן עס געוויס נישט פארזאמען צו פארלאנגען פונם קאנגרעס די באוויליקונג פון די סומען, וואס זיינען נויטיק פאר דער גרינדונג פון דער געגנאסנשאפטלעכער מוסטער־פארם.

נאר אויף אזא אופן קאן עס געלינגען צו שאפן אין ארץ־ישראל נישט נאר אידישע ערדבאזיצער, נאר אויך ערד־באארבעטער, וועלכע זיינען געזיכערט אין זייער עקזיסטענץ — און צו געבן דער אידישער געמיינשאפט א לאנדווירטשאפטלעכן יסוד.

נישט דער קאפיטאל, נאר די ארבעט אין ארץ־ישראל מוז אידיש זיין.

עס וואלט געווען, למשל, א טעות צו שטרעבן דערצו, אז דער ארץ־ישראלדיקער אינדוסטריע־סינדיקאט זאל באשטיין נאר פון אידישן קאפיטאל. אויב די אין אינדוסטריען באשעפטיקטע ארבעטער וועלן זיין אידן, דאן

וועט די באַטייליקונג פון נישט-אידישע קאַפּיטאַליסטן נישט ענדערן דעם אידישן כאַראַקטער פון דער אַנטשטייענדער ווירטשאַפט. אויב אָבער אַן אַראַבישער פּויערים-קלאַס וועט באַאַרבעטן ערד אין ארץ־ישראל, וואָס געהערט צו אידישע אייגנטימער, דאַן איז די צוקונפט פון די אידן אין זייער לאַנד געשטעלט אונטער אַ פראַגעצייכן ! די געגנאָסנשאַפט איז דערפאַר נישט נאָר די זאַך פון די פּראָלעטאַרישע, נאָר פון אַלע קלוגע און ווייטבליקנדע ציוניסטן.

די פּועלי-ציון וועלן קעמפן פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק מיט שטאַרקער התלהבות, ווייל ער איז נישט נאָר אַ לעבנספראַגע פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע. ער האָט אין זיך אַ קערן פון דער סאָציאַלער צוקונפט. אַזוי וועט דאָס נייע ארץ-ישראל שוין ביי זיין אָנהויב פאַרזייען די זריעה פון אַ נייער געזעלשאַפט אין דיגען די העכסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט.

ווין, 1907.

קלאַסנקאַמף און אידנפראַגע*).

.1

ס'איז איינער פון די עיקרים פון אונזער באַוועגונג, אַז די באַפרייאונג פונם אידישן אַרבעטערקלאַס קאָן זיין נאָר זיין אייגן ווערק. מיר ווילן נישט, אַז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע זאָל זיין אַ „יודענשוצטרופע" (אַ אידישע פאַרטיידיקונגס-אַרמעע), ווי מען רופט דאָס ביי אונז אין ווין. מיר ווילן נישט זיין קיין באַשיצטע, אָפּגעהיטע, נאָר גלייכווערטע מיטגלידער אין דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער מיר דאַרפן האָבן די סימפּאַטיע און די מאָראַלישע אונטערשטיצונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט פון אַלע פעלקער, נישט נאָר אינם קאַמף קעגן קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, נאָר אויך אינם קאַמף פאַר אונזער עמאַנציפּאַציע פון צענטנער-שווערער נאַציאָנאַלער קנעכטשאַפט. ס'איז אונז ביז אַהער נישט געלונגען צו שאַפן אַ טריבונע אין איינער פון די שפּראַכן פונם אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז צו באַדויערן, וואָרום מיר מוזן נישט בלויז באַריכטן, אינפאָרמירן איבער אונזערע באַשטרעבונגען; מיר זיינען גענויטיקט צו קעמפן קעגן איינגעוואָרצלטע פאָרשטעלונגען און פאָראורטיילן, אַפילו קעגן פאַלשע ידיעות, פּירושים און ביאורים. דאָס זאָל אונז נישט פאַרביטערן. אַ פאַרטרעטער פון די טשעכישע סאָציאַלדעמאָקראַטן אינם אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ האָט מיר אַמאָל דערציילט, ווי זיי האָבן ביי אַ מאַסן-מיטינג, פאַר דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס, „אויפגעקלערט" דעם גוטן אַלטן פאָן-קאָל, אַז די טשעכן זיינען סלאַוון, און לעבן אין באַהעמיע, ד. ה. אין עסטרייך. פונדעסטוועגן, האָט ער זיי ביי דער פאָרשטעלונג פאַרביטן מיט... אונגאַרישע ציגיינער. דאָס וואָרט „באָהעם" האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ טעות. טאָ ווי זאָל מען פון די סאָציאַליסטן

---

*) דער עטיוד איז אַ נישט-פאַרענדיקטע אַרבעט, וואָס איז געווען באַשטימט אַלס אַ פּראָפּאַגאַנדע-שריפט אין דער טשעכישער שפּראַך און איז געווען געדרוקט אין 1911 אין דעם פּראַגער טשעכישן פּועלי-ציון-אָרגאַן. דערמיט ערקלערן זיך די אָפטע פאַרגלייכן מיט טשעכישע נאַציאָנאַלע פּראָגן, וואָס זיינען אַנאַלאָג מיט אידישע פּראָבלעמען. די גרונדגעדאַנקען פונם ערשטן קאַפּיטל זיינען שוין אַנטוויקלט געוואָרן אין אַן אַרטיקל „אידישער סאָציאַליזם" אינם „אידישן אַרבעטער", 1908.

פון אַנדערע פעלקער פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן זיין באַקאַנט גאָר מיט דער
אידישער אַרבעטער-באַוועגונג ? וואונדערן מיר זיך נישט, באַמיען מיר זיך
צו שאַפן קלאָרקייט איבער אונזערע פרינציפן.

מיר מוזן פאַרלאַנגען פון יעדן אידישן און נישט-אידישן סאָציאַליסט,
וואָס וויל פאַרשטיין דעם תוך פון דער פועלי-ציוניסטישער ריכטונג פונם
אידישן סאָציאַליזם, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַ סך טראַדיציאָנעל-גע-
וואָרענע השגות, וואָס זיינען פאַלש, אַז ער זאָל אַ סך איבערשאַצן און
איבערלערנען. ווייל מיר טרעטן צו צו די פּראָבלעמען פון דער אידישער
אַרבעטער-באַוועגונג, צו דער פּראָלעטאַרישער אידנפראַגע פונם סאָציאַלי-
סטישן שטאַנדפּונקט, בשעת די באַטראַכטונגס-מעטאָדע פון די לעבנספראַגן
פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אָנגענומען אין דער סאָציאַלדעמאָ-
קראַטיע, איז די גייסטיקע ירושה פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. דאָס
איז נישט קיין פּאָלעמישער פאָרוואורף, נאָר די קאָנסטאַטירונג פון אַ
פאַקט. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס האָט געבראָכן אויף אַלע געביט
פונם דענקען און וועלן מיט די איבערליפערונגען פונם ליבעראַליזם, האָט
אין דער אידישער פראַגע איבערגענומען אָן שום קריטיק די ירושה פון
די בורזשואַ-ליבעראַלן.

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט צוויי פאָרבאַדינגונגען:
די עקזיסטענץ פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט און דעם באַשטאַנד פון אַ
פּראָלעטאַרישער אידישער פראַגע, וועלכע נויטיקט די אידישע אַרבעטער-
שאַפט, כדי צו ערפילן אירע באַזונדערע אויפגאַבן, צום קאַמף פאַר אירע
אייגענע צילן, צו פאַרבינדן זיך צו זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַטאָרישע פאָר-
מען, צו אַ אידישער אַרבעטער-פאַרטיי. זאָלן מיר באַווייזן, אַז עס עקזיס-
טירט אַ אידישער פּראָלעטאַריאַט ? עס איז נישט נאָך אונזער געשמאַק
ווייטער צו פירן דעם שטרייט, צי די אידן זיינען אַ נאַציע — די טעמע
פון אַזעלכע ליבלעכע דיסקוסיעס — וואָרום די ויכּוחים זיינען לחלוטין נישט-
פרוכטבאַר. עס וועט אונז קוים געלינגען צו באַשטימען מיט וויסנשאַפטלע-
כער גענויקייט די קאָנסטיטואירנדע עלעמענטן פון דעם באַגריף „נאַציע”.
עס איז אויך נישט נויטיק צו אַנאַליזירן „באַגריפלעך” דאָס ווען פונם
אידנטום. די עלעמענטאַרסטע באַגריפן פון דער וויסנשאַפט זיינען אָפט
נישט קלאָר. דער פיזיקער פאָרשט אויס די געזעצן פון קראַפט-ווירקונגען,
נישט וויסנדיק באַשטימט, וואָס איז אייגנטלעך אַ כח און די אויסשטראַלונג
פון כחות. זעען מיר אָבער, אַז אַ מאַסע קריגט אַ פאַרגיכערונג, אַ באַ-
וועגונג, דעמאָלט ווייסן מיר, אַז דאָ ווייזט זיך אונז די ווירקונג פון אַ
כח. אַזוי איז אויך פאַרן פּראַקטישן סאָציאַל-פיזיקער גלייכגילטיק, וואָס
איז אַ נאַציע, צי קאָן דער אַבסטראַקטער באַגריף פון אַ נאַציע אינגאַנצן
איבערגעטראָגן ווערן אויף דער אידישער געמיינשאַפט. ווען מיר זעען, אַז
די נאַציאָנאַלע באַוועגונג נעמט אַרום די אידישע מאַסע, אַז דער אידי-
שער פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן אין באַזונ-
דערע נאַציאָנאַלע פאַרבאַנדן — אויך דער טייל פון דער אידישער אַרבע

טערשאַפט, וואָס איז, ווי דער „בונד" אין רוסלאַנד, אַרויסגעוואַקסן פון אַסימילאַטאָרישע אָנהויבן — דעמאָלט פאַלט אַראָפּ די אויפגאַבע, צו באַ-ווייזן ערשט די עקזיסטענץ פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט. ער אָרגאַניזירט זיך, ער ראַנגלט זיך פאַר לופט און פרייהייט, ער באַוועגט זיך, ער באַ-ווייזט זיין ווילן צום לעבן — אַלזאָ לעבט ער.

אָבער די עקזיסטענץ פונם אידישן פאָלק און פונם אידישן אַרבעטער-קלאַס באַגרינדעט נאָך נישט די בילדונג פון אַ אידישער סאָציאַליס-טישער פּאַרטיי. אַזוי האָט דער אינטערנאַציאָנאַל אין בריסעל (1891) גאָר-נישט געצווייפלט אין דעם קיום פון „פּראָלעטאַריער פון אידישער ראַסע און שפּראַך", האָט זיי אָבער (אין אַ רעזאָלוציע) רעקאָמענדירט צוצו-טרעטן צו די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון זייערע וואוינלענדער. דער באַשלוס קאָן זיין אונשטרייטיק ריכטיק. עס אַנטשטייט אָבער די פראַ-גע, צי זאָלן די אידישע אַרבעטער פון אַ לאַנד פאַרבינדן זיך איינציק-ווייז און באַדינגונגסלאָז מיט זייערע קלאַסן-חברים; צי זאָלן זיי פאַרשווינדן אַלס יחידים אין זייערע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס; אָדער צי זאָלן זיי צוטרעטן צום אינטערנאַציאָנאַלן בונד אָרגאַניזירט, „געשלאָסן", אַלס איינ-הייט. דאָס פּראָבלעם קאָן אויך אַזוי פאָרמולירט ווערן: אינדיווידועלע אַסימילאַציע אָדער נאַציאָנאַלע פעדעראַציע.

וואָס איז דער גרונדגעדאַנק פון דעם נאַציאָנאַלן פעדעראַליזם אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אָדער אין דער עסטרייכישער סאָ-ציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס האָט אים קאָנסעקווענט פאַרווירקלעכט אין איר פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע (אַ חוץ דער אידישער אויסנאַם)? זיינען עס נאָר מאָטיוון פון צוועקמעסיקייט, זיינען עס נאָר טעכניש-אַגיטאַטאָרישע באַדערפענישן, אַרויסגערופן דורך שפּראַך-פאַרשיידנקייטן, וואָס האָבן גע-בראַכט צו אַזאַ אַנטוויקלונג? מען דאַרף נאָר לייענען די רעדעס פון וויקטאָר אַדלער און פערנעסטאָרפער אויפן סאָצ. דעמ. פּאַרטייטאָג פונם יאָר 1897, כדי צו זען, אַז די פירנדע קעפ, נישט נאָר פון דער טשעכי-שער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס איז געווען די טרייבנדע קראַפט פון דער רעאָרגאַניזאַציע, האָבן פאַרשטאַנען דאָס פּראָבלעם אַ סך טיפער. זיי זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער אינטערנאַציאָנאַליזם באַדייט נישט פעלקער-צומישונג, אַפילו נישט „אַנאַציאָנאַליזם" (נאַציעלאָזיקייט). וואָרום מיט דער אויפשטייגנדער קולטור, וואָס ווערט פאַמעלעך דער געמיינזאַמער באַזיץ פונם גאַנצן פאָלק, ווערן שטאַרקער די רעאַלע, היסטאָריש געוואָרענע, געשיכטלעך אויפגעוואַקסענע קולטור- און גורל-געמיינשאַפטן, וועלכע שטייען הינטער דער „געזעלשאַפט" און דער „מענטשהייט" — ווערן שטאַרקער די נאַציעס.

דאָך דעם איינפאַכן געדאַנק האָט שוין אַרויסגעזאָגט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פריער פערדינאַנד לאַסאַל. ער ציטירט דעם דענקער פיכטע. „עס מוז עקזיסטירן אַ געזעץ, ביז צו וועלכער מדרגה פון בילדונג די מענטשן קאָנען זיך נישט מער אויסבילדן צו אַ נייעם פאָלק, קאָן איך

דאָס געפינען ז״ און פיכטע ענטפערט: „ווען דאָס פאָלקס-זיין איז איבערגעגאַנגען אין זייער נאַטירלעך זיין און באַוואוסטזיין!... אַ פאָלק פון שקלאַפן איז נישט מעגלעך. דעריבער קאָן מען נישט מער איבעראַנדערשן אַ פאָלק, אָדער מאַכן פון אים אַן אָנהאַנג (אַ צוטשעפעניש) פון אַן אַנדערן, אויב עס איז אַריינגעקומען אין אַ רעגלמעסיקן פאָרשריט פון אַ פרייען פאָלקסלעבן. דערצו מוז עס אויסגעבילדעט ווערן, כּדי צו זיכערן זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ״. „יאָ, דאָס איז אַ הויפטגעדאַנק״, רופט לאַסאַל אויס. פונדעסטוועגן דאַרף מען אים קורץ דערקלערן. „וואָס איז אַ גרויסער אָנגעקליבענער הויפן פון דעם גלייכן און באַשטימטן גייסט, וואָס ווערט טאַקע אַנטוויקלט אין אַ פאָלק דורך אָפּשטאַמונג, געשיכטע און טראַדיציע? דאָס איז אַ פאָלק, אָבער ערשט „אַן זיך״. דאָס פאָלק דערגרייכט דאַן פולקאָמענעווירקלעכקייט, דאָס פאָלקס-זיין (די פאָלקס-עקזיסטענץ) איז דעמאָלט, ווי פיכטע זאָגט, איבערגעגאַנגען אין זיין באַוואוסטזיין און אין זיין אמתדיק זיין, אויב עס אַנטוויקלט אַליין אָט דעם געמיינזאַמען, אייגענעם, אורשפּרינגלעכן (אָריגינעלן) גייסט. די גאַנצע געשיכטע און דער דראַנג פון אַ פאָלק באַשטייט אין גאָרנישט אַנדערש, ווי אין דער פאַרווירקלעכונג פון זיין גייסט. אַ פאָלק איז פריי, ווען עס קאָן אויספירן אָט די זעלבסטפאַרווירקלעכונג אין פולן זעלבסטבאַוואוסטזיין. אַזאַ פאָלק קאָן מען קיינמאָל נישט איינגעמען אָדער מאַכן צו אַ צוטשעפעניש פון אַן אַנדער פאָלק״ *).

מיר דאַכט זיך, אַז איבער דעם סאָציאַלן קערן פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז נאָך גאָרנישט געזאָגט געוואָרן, וואָס זאָל זיין גלייך טיף, ווי די גאונישע פיכטע-לאַסאַלישע געדאַנקען. אין אַ ווינציקער פילאָזאָפישער שפּראַך אויסגעדריקט, זאָגן זיי: די נאַציעס קעמפן פאַר זייער זעלבסטפאַרווירקלעכונג, פאַר דער זעלבסטבויאונג פון זייער נאַציאָנאַלן זיין, ווייל זיי זיינען מער ווי געמיינשאַפטן פון אָפּשטאַמונג, גורל, געשיכטע און קולטור, („דאָס איז אַ פאָלק, אָבער ערשט אַן זיך״). די פעלקער זיינען סאָציאַלע איינהייטן, וועלכע קעמפן פאַר זייער „זעלבסטפאַרווירקלעכונג״, ד. ה. פאַרן רעכט פון אויטאָנאָמער, זעלבשטענדיקער פאַרענטפערונג פון זייערע סאָציאַלע אויפגאַבן. די געשיכטע שאַפט אין יעדן פאָלק אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען, זי בילדעט אויס אַן אומגלייכע קעגנזייטיקע ווירקונג און פאַרפלעכטונג פון די סאָציאַלע כּחות, פאַרשיידענע אַנטוויקלונגסשטופן. לויט די לעבנס-און אַנטווילקונגס-באַדינגונגען פון דער סאָציאַלער געמיינשאַפט, פון דעם פאָלק — צו וועלכן עס געהערט דער פּראָלעטאַריאַט, — איז פאַרשיידן זיין קאַמפס-סיטואַציע, די קלאַסנקאַמף-פּאָזיציע. ער קאָן געשטעלט ווערן פאַר באַזונדערע סאָציאַלע אויפגאַבן, וואָס זיינען שוין אפשר פאַרענטפערט געוואָרן פון דער אַרבעטערשאַפט פון אַנדערע פעלקער, אָדער וואָס זיינען איר גאָרנישט באַקאַנט, פאַר וועלכע זי איז גאָרנישט געשטעלט געוואָרן. צוליב אָט די נישט

*) פ. לאַסאַל, געזאַמלטע ווערק, באַנד 3 (פיכטעס פּאָליטישעס פערמעכטניס).

טעכנישע, נאָר סאָציאָלאָגישע אורזאכן, איז די נאַציאָנאַלע פעדעראַציע ד'
נאַטירלעכע אָרגאַניזאַציע-פאָרם פונם פּראָלעטאַריאַט *).

די אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג גייט זייט צוויי יאָרצענדליקער נישט נאָר אין דער ריכטונג צום סאָציאַליזם, נאָר צום אידישן סאָציאַליזם, ד. ה. צו דער אידישער אַרבעטער-פּאַרטיי. דאָס פאָלקס-באַוואוסטזיין האָט זיך אַנטוויקלט אַלס נאַטירלעכער רעזולטאַט פונם „נאַציאָנאַלן זיין". דאָס אידישע פאָלק פירט פּאַקטיש אַן אייגן, אָפּגעזונ-דערט פאָלקסלעבן מיט זיינע אייגענע סאָציאַלע פּראָבלעמען און אויפגאַבן. נאָר איז אָט דאָס פאָלקס-זיין נישט נאַטירלעך און נישט געזיכערט. די באַזונדערקייט פון די פראַגן פונם אידישן זיין און פונם אידישן לעבן, די אייגנאַרטיקייט פון די סאָציאַלע כחות-באַציאונגען אינם פאָלק, פון דער פאָלקס-עקזיסטענץ אַליין און פון אירע עקאָנאָמישע פונדאַמענטן — דאָס אַלץ שטעלט דעם קעמפנדן אידישן פּראָלעטאַריאַט פאַר באַזונדערע אויפ-גאַבן, שאַפט אַ אידישע פראַגע פאַרן אַרבעטערקלאַס. דעריבער איז די אָרגאַניזירונג פון די אידישע אַרבעטערמאַסן נישט געווען קיין אינדיווידו-עלע פאַרבינדונג מיט די סאָציאַליסטן פון זייערע וואוינלענדער, זי איז שטענדיק געווען דאָס שטרעבן צו נאַציאָנאַלער פעדערירונג.

ביידע ריכטונגען פונם אידישן סאָציאַליזם — די פּועלי-ציוניסטישע און די בונדיסטישע, — זיינען אייניק אין דעם לעצטן פּונקט. ווייטער אָבער באַשטייט אַ פונדאַמענטאַלער אונטערשייד צווישן ביידע שטרעמונגען. די בונדיסטן באַטראַכטן די היינטיקע פאָרם פונם אידישן פאָלקס-זיין — די צעשפּרייטקייט פון די גלות-לענדער אַלס די לעצטע און נאָרמאַלע עקזיסטענץ-פאָרם פון די אידישע מאַסן. די פּועלי-ציון דערקלערן, אַז אונזער היינטיק נאַציאָנאַל לעבן איז נישט נאַטירלעך און נישט געזיכערט, אַז דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון דער אידישער פראַגע טרייבט מיט נויטווענדיקייט צו אַן איבערבוי פון די יסודות פון אונזער פאָלקסלעבן. צו אַן איבערבוי, וואָס באַדייט אַ העכערע מדרגה פון אַנטוויקלונג.

---

*) בכלל ווערן נאָר די מלוכות באַטראַכט אַלס סאָציאַלע איינהייטן, קודם כל וויל זיי בילדן יעדנפאַלס איינהייטלעכע ווירטשאַפטס-געביטן. מען וועט דעריבער צווייפלען אין דער ריכ-טיקייט פון דער דעפיניציע — נאַציע איז אַ סאָציאַלע איינהייט — וויל זי פירט צו דעם רע-זולטאַט, אַז נאַציע און מלוכה זיינען אידענטיש. דערצו קאָן קורץ באַמערקט ווערן: 1) שפּ־רינגער אין זיין באַקאַנט בוך איבער „דער קאַמף פון די עסטרייכישע נאַציאָנען וכו'" באַווייזט מיט גרויסער קלאָרקייט, אַז דער ענדוועג פונם נאַציאָנאַלן קאַמף איז די אידענטיפיצירונג פון מלוכה און נאַציע, ד. ה. אַז די נאַציעס פילן זיך גאַנץ פריי נאָר אַלס גאַנץ אויטאָנאָמע סאָציאַ-לע געמיינשאַפטן. אַלזאָ ליגט נישט אין אונזער באַשטימונג פונם נאַציע-באַגריף קיין סתירה, 2) אַ גענויע באַטראַכטונג פון דעם עקאָנאָמיש-נאַציאָנאַלן דיפערענצירונגס-פּראָצעס פון דעם איינ-הייטלעכן צאָל- און ווירטשאַפטס-געביט עסטרייך-אונגאַרן, אפילו פון עסטרייך אַליין, וועט אונז איבערצייגן, אַז די נאַטירלעכע סאָציאַלע איינהייטן — די נאַציעס — זיינען אָפט שטאַרקער פון דער קינסטלעכער סאָציאַלער איינהייט — דער מלוכה. דאָס נאָר אַגב אורחא.

די עקזיסטענץ פון א פראָלעטאַרישער אידנפראַגע ווערט געלייקנט. אויפן 6טן פּאַרטייטאָג פון דער עסטרייכישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע (1899) האָט זיך דער דעלעגאַט ב ר אָ ד באַקלאָגט איבערן פעלן פונם אינטערעס פאַרן טאָפּלט געקנעכטעטן אידישן פּראָלעטאַריאַט. דעמאָלט האָט אים ד״ר וויקטאָר אַדלער געענטפערט, „ער זאָל אים דאָך נישט איינרעדן, אַז די אידנפראַגע איז א פראַגע פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט!״ אַלזאָ, א מאַן פון דעם ווייטנבליק פון אַדלערן האָט ערנסט געמיינט, אַז די אידישע פראַגע איז די דאגה פון אונזער בורזשואַזיע. מען מוז זיך בלויז שטעלן די באַנאַלע פראַגע, אין וואָס באַשטייט די אידנפראַגע פון די ראָטשילדס, גוטמאַנס און טויסיגס, כּדי אַרויסצופילן די שוואַכקייט פון אַדלערס אַרגומענט. ס׳איז קלאָר, אַז דער אויסגאַנגס-פּונקט פון דעם אומריכטיקן פאַרשטיין איז די איבערצייגונג, וואָס איז איבערגענומען פון די ליבעראַלן, אַז די אידנפראַגע איז דער רעזולטאַט, אָדער אַ נעבנערשיינונג פונם אַנטיסעמיטיזם, זאָגן מיר פון די עסטרייכישע קריסטלעך-סאָציאַלן. ליוועגער האָט זיך אין זיין „הערצאַישן״ אָנפאַנגס-פּעריאָד געווענדעט קעגן דעם „אידישן גרויס-קאַפּיטאַל״, איז אַדלער געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די אידנפראַגע איז אַ סכנה קודם-כּל פאַר די אָרעמע „גדולי ישראל״. ווער עס דענקט אַזוי, באַטראַכט די אידנפראַגע אַלס ערשיינונג, וואָס אירע סיבות ליגן אין די אויסערע באַדינגונגען פונם אידישן לעבן, דער פאַרבייט דעם תּוך פונם אידישן פּראָבלעם מיט איין סימפּטאָם, מיט איין אויסעווייניקן סימן.

פאַר אונז איז די אידנפראַגע אַן ערשיינונג, וואָס אירע וואָרצלען ליגן אין די אינעווייניקע באַדינגונגען פונם אידישן פאָלקסלעבן. א לאַנד קאָן באַפעלקערט זיין פון פילאָסעמיטן און פונדעסטוועגן האָבן אַ אידנפראַגע. גראָד אַזוי ווי עס עקזיסטירט נישט אין ענגלאַנד קיין שנאה קעגן אירלאַנד, דאָך באַשטייט אַ אירישע פראַגע, גראָד אַזוי ווי איך זע נישט אין ווין קיין טשעכן-פיינטשאַפט, די עקזיסטענץ פון א טשעכישער פראַגע ווערט געלייקנט פון די ווינער, בשעת אין דעם באַוואוסטזיין פון טשעכישע פּראָלעטאַריער אין ווין, ווען זיי פילן די סכנה פון אַסימילאַציע, עקזיסטירט שוין פון לאַנג א ווינער טשעכישע פראַגע. אַזוי ווי די אַנטיטשעכישע אומרוען אין ווין (1909) זיינען געווען בלויז א צופעליקע, אויסערע באַגלייטערשיינונג, בשום אופן נישט די עצם פראַגע פון דער טשעכישער מינדערהייט, אַזוי איז אויך דער אַנטיסעמיטיזם, אויך דער וואָס טרייבט צו פאַגראָמען, נישט דער אינהאַלט פון דער אידנפראַגע.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז בכלל גייט דאָס אַוועקדיסקוטירן פון דער אידישער פראַגע האַנט אין האַנט מיט דער אָנערקענונג פון דער נויטיקייט פון אַסימילאַציע. אַלס דער צוועק פון יעדער אידישער באַוועגונג, וואָס איז ווערט דערגרייכט צו ווערן, גילט די אויפגאַבע, זיך אַליין איבעריק צו מאַכן. מען באַגנוגנט זיך דערמיט אַוועקצושטעלן דאָס פאַרשווינדן פונם אידנטום אַלס פאַרענדיקטן פאַקט, אָדער אַלס דעם סוף-הכּל פון דער אידישער געשיכטס-טראַגעדיע, וואָס קאָן נישט פאַרמידן ווערן. מער נאָך, מען

פאַרלאַנגט פון די אידישע סאָציאַליסטן, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן אַט דעם ציל פון צומישן זיך; מען וויל אונז אַפילו דיקטירן מיט וועלכער נאַציע און קולטור מיר זאָלן זיך אַסימילירן! ווי אַזוי האָט זיך געקאָנט אַריינ־דרינגען אַט די משונהדיקע אידעאָלאָגיע, וואָס שטייט אינם שאַרפסטן קעגנזאַץ צו די פּרינציפּן פונם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַשטימונגסרעכט, אין די שורות פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע? ווייל מען האָט מיט קאַרל מאַרקס שטענדיק געהאַט פאַר די אויגן די אידישע בורזשואַזיע. לויט די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דעם קלאַס האָט מען געמיינט צו קאָנען אור־טיילן איבערן גורל פון גאַנצן פאָלק.

אין דער אמתן אָבער באַשטייט אַ קעגנזאַץ, נישט נאָר אַ סאָציאַלער, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלער, צווישן אַט דער בורזשואַזיע און די אידישע פאָלקסמאַסן. די קאַפּיטאַליסטישע אויבערשטע שיכט פון די אידן, עקאָנאָ־מיש און סאָציאַל צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם הערשנדן קלאַס אינם לאַנד, זעט איר לעבנס־אויפגאַבע אין דער צורייסונג פון אַלע קולטורעלע באַנדן, וואָס פאַרבינדן איר מיט איר פאַרגאַנגענהייט. זי ווינשט מיט אַלע כּחות צו פאַרענדיקן וואָס גיכער דעם פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער אַנטזאָגונג. די אידישע געלט־אַריסטאָקראַטיע האָט מורא פאַרן אַנטיסעמיטיזם, נישט ווייל ער איז אַ סכּנה פאַר איר אידישקייט, נאָר ווייל ער האַלט אויף איר אַסי־מילאַציע. אידן־פריינדשאַפט באַדייט פאַר איר אַסימילאַציע־פריינדשאַפט. איר אידנפראַגע הייסט: ווי הערן מיר אויף צו זיין אידן? די אידנפראַגע פון די אידישע מאַסן איז די פאַרקערטע, וואָרום זיי קעמפן פאַר דער מעג־לעכקייט, צו דערהאַלטן זיך דוקא אַלס אידן, זיך אַנטוויקלען און צו באַ־שטימען זייער גורל. דאָס אידנטום (אַלס פאָלקס־פּערזענלעכקייט) איז פאַר אונז נישט קיין זאַך, וואָס מיר מוזן גובר זיין, וואָס מיר מוזן „איבער־ווינדן".

דערמיט איז אָבער געוויס נאָך נישט ריכטיק ערקלערט, איז נישט אינגאַנצן דעפינירט די אידנפראַגע, בפרט די פּראָלעטאַרישע. נאַציאָנאַל־אונ־טערדריקטע פעלקער, וואָס וואָרצלען אין זייער היימאַטלעכער ערד, קעמפן פאַר מער פרייהייט אָבער אויך פאַר מער מאַכט, פאַר זייער זעלבסטבאַ־שטימונג און זעלבסטרעגירונג, אָדער אויך פאַר זייער מאַכטספערע אין דער מלוכה און אין דער מלוכה־פאַרוואַלטונג. מיר זיינען נאָך נישט אויף דער מדרגה. די אידנפראַגע איז גישט קיין נאַציאָנאַלע מאַכט־פראַגע, נאָר אַן עקזיסטענץ־פראַגע, אַ פראַגע פונם נאַציאָנאַלן זיין אָדער נישט־זיין. אין מערב־אייראָפּע ראַנגלען זיך די אידן אינסטינקטיוו און באַוואוסט מיט דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן טויט. אין די לענדער פון די אידישע פאָלקסמאַסן, וואו די באַנדן פונם גייסטיקן פאָלקסלעבן זיינען נאָך נישט איבערגעריסן, באַהערשן אין ערשטער שורה ס אָ צ י אַ ל ־ ע ק אָ נ אָ מ י ש ע מאָמענטן דעם עקזיסטענץ־קאַמף פונם אידישן פאָלק; זיי דערהויבן די אידנפראַגע צו אַ לעבנספראַגע פון די אידישע אַרבעטערמאַסן, זיי מאַכן איר אַזוי־שמערצפול. אַט די פאַקטאָרן מוזן מיר קודם כּל אונטערזוכן, כּדי צו באַ־

שטימען, וועלכע טענדענצן אינם אידישן פאָלקסלעבן זיינען די הערשנדע און אנטשיידנדע — די צושטערנדע, צי די דערהאַלטנדע.

2.

אין דעם פראָגראם-פּראָיעקט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער ארבעטער-פּארטיי פועלי-ציון, וועלכן איך האָב פאָרגעשלאָגן דעם לעמבערגער פּארטייטאג אין יאָר 1906, ווערט די סאָציאַל-עקאָנאָמישע לאגע פון די אידישע פאָלקסמאַסן און פונם אידישן פּראָלעטאריאט כאראקטעריזירט אויפן פאָלגנדן אופן:

„די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון די אידן, וואָס זיינען אַ לאַנד-לאָזן פאָלק, פארמאָגט נישט קיין שום זעלבשטענדיקייט און הענגט אָפּ פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-כּחות פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן; דערפון נעמט זיך די אנאמאליע פון דער עקאָנאָמישער דיפערענצירונג און פאנאנדערטיילונג אינם אידישן פאָלק: דאָס פעלן פון אַ פויערן-קלאַס, די אויפגעהאַלטענע אַנטוויקלונג פון גאַנצע פאָלקס-שיכטן און דאָס איבערוועגן פון די פונם קאפּיטאַליזם און דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ שטארק געשעדיקטע, אונטערגייענדע שיכטן פון קליינהאַנדל און קליינהאנטווערק, צו וועלכע עס געהערט די גרויסע מאַיאָריטעט פונם אידישן פאָלק.

דאָס אַרויסוואַקסן פון אַ אידישער גרויס-בורזשואַזיע פאַראורזאַכט נישט אָן איר גלייך-באַדייטנדן אידישן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. דער גרעסטער טייל פון דער אידישער אַרבעטערשאפט איז קאָנצענטרירט אין אַ באַשרענקטער צאָל פון טעכניש-אָפּגעשטאנענע פּראָדוקציע-צווייגן, וועלכע טראָגן אַ קליינהאנטווערקערלעכן אָדער הויז-אינדוסטריעלן כאראקטער. דער איבערגאנג צום גרויס-באַטריב פירט צו דער ארויסשטויסונג פון די דאָזיקע נישט אנטוויקלונגספעאיקע קליין-אינדוסטריע-באַטריבן און דורך דעם צו פּאַראָרימטקייט און דעקלאַסירונג פון ברייטע שיכטן פונם אידישן פאָלק, בעת אין דער זעלבער צייט ווערן אַריינגעצויגן אין דער מאָדערנער פּראָדוקציע די פונם לאַנד אָפּגעריסענע פּראָלעטאַריזירטע מאַסן פון דער היימישער באַפעלקערונג און האַלטן פעסט די דערגרייכטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

צוליב אָט דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ, וועלכע ווערט פארשטאַרקט דורך רעאַקציאָנערע פאָראורטיילן, איז פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט כּמעט אינגאַנצן אוממעגלעך אַריינצודרינגען אין דער מאָדערנער גרויס-אינדוסטריע; ער ווערט דערוווייטערט פון די אַלס אויף אַ העכערער עקאָנאָמישער מדרגה שטייענדיקע פּראָדוקציע-צווייגן, וועלכע מאַכן דעם פּראָלעטאַריאַט צום יסוד פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע און גיבן אים אין די הענט די וויכטיקסטע פעדעם פון דעם נאַציאָנאַלן ווירטשאַפטס- און פאַרקערס-לעבן.

דורך דער אַנאָמאַלער עקאָנאָמישער דיפערענצירונג פון די אידן און דורך דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ ווערן געשטעלט גרענעצן דעם קלאַסנ-קאַמף פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכע פאַרגיכערט דעם אונ-טערגאַנג פון די אידישע מיטל-קלאַסן, טראָגט אָבער נישט אין זיך דעם שעפערישן כאַראַקטער פון געזעלשאַפטלעכער ניי-געשטאַלטונג".

אין די דאָזיקע זאַצן ווערט כאַראַקטעריזירט די אייגנאַרטיקע צוזאַ-מענשטעלונג פון די פּראָפעסיעס און סאָציאַלע גרופּירונג אינם אידישן פאָלק, ווי אויך דאָס צונויפפּרעסן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין עטלעכע אָפּגעשטאַנענע פּראָדוקציע-צווייגן. דער דאָזיקער באַזונדערער סאָציאַל-עקאָנאָמישער מצב און די איזאָלאַציע, וואָס זיינען דער פּועל-יוצא פון אַ יאָרהונדערטער-לאַנגער אַנטוויקלונג, גייען איבער אין דער תקופה פון קאַפּיטאַליזם אין אַרויסשטויסונג און דעקלאַסירונג. מיר ווילן אָט די פאַקטן סטאַטיסטיש באַווייזן בנוגע צווי לענדער פון אידישן מאַסן-ישוב, רוסלאַנד און עסטרייך. מיר באַנוצן זיך מיט די רעזולטאַטן פון דער פאָלקסציילונג אין רוסלאַנד אין יאָר 1897 און אין עסטרייך פונם יאָר 1900.

די צווי טאַבעלן (א׳ און ב׳) דערמעגלעכן אַ פאַרגלייך פון דעם פּראָפעסיעס-צוזאַמענשטעל (לויט די 4 הויפּט-קאַטעגאָריעס פון דער עסט-רייכישער סטאַטיסטיק) ביי דער אַלגעמיינער און ביי דער אידישער באַפעל-קערונג אין ביידע לענדער.

פון הונדערט צוגעהעריקע צו אַ פּראָפעסיע, ד. ה. פּערזאָנען, וואָס זיינען טעטיק אין דער פּראָפעסיע צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליען-מיטגלי-דער, האָבן זיך גערעכנט צו די איינצלנע קאַטעגאָריעס פון פּרנסה:

א׳ אין רוסלאַנד.

הויפּט-קאַטעגאָריע	ביי אידן		ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג	
1. לאַנדווירטשאַפט		3,55		74,56
2. אינדוסטריע		35,43		9,77
3. האַנדל און פאַרקער:				
האַנדל	38,65	49,24	3,98	10,20
פאַרקער	3,98		1,55	
הויז- און לוין-דינסט . . .	6,61		4,67	
4. עפנטלעכער דינסט, פרייע פּראָפעסיעס א. א. וו.		11,78		5,47
סכ״ה		100,00		100,00

ב׳ אין עסטרייך (אין גאַליציע)

1. לאַנדווירטשאַפט	(14,4) 11,4	(76,82) 52,43
2. אינדוסטריע	(29,1) 28,7	(9,01) 26,78
3. האנדל און פאַרקער:	(42,8) 43,7	(7,81) 9,96
האנדל	35,2	4,48
פאַרקער	3,1	3,09
הויז- און לוין-דינסט	5,4	2,39
4. עפנטלעכער דינסט, פרייע פּראָפעסיעס א. אַ. וו.	(13,7) 16,2	(6,36) 10,83
סכ״ה	(100,00) 100,00	(100,00) 100,00

ס׳פאַלט זאָפאָרט אויף, אַז די ווירטשאַפטלעכע דיפערענצירונג פון די אידן איז אַן אַנאָרמאַלע און עיקרדיק אַנדערע ווי ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ביידע מדינות. ר ו ס ל אַ נ ד איז נאָך צום גרעסטן טייל אַן אַגראַר-לאַנד (קנאַפּע 75 פּראָצ. פּויערן), ע ס ט ר ײ ך איז אויף דעם בעסטן וועג צו אינדוסטריאַליזאַציע (כמעט 27 פּראָצ. אין אינדוסטריע); נאָר אין ג אַ ל י צ י ע איז די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג כמעט די גלייכע ווי אין רוסלאַנד (צוליב אַ בעסערן איבערבליק זיינען די רעלאַטיווע צאָלן פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג ווי אויך פאַר די אידן פון ג אַ ל י צ י ע צוגעגעבן אין די אַנטשפּרעכנדע רובריקן פון דער טאַבעלע ב׳, לינקס אין קלאַמערן). נישט קוקנדיק אויף דער פאַרשיידנקייט פון די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן איז אָבער די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די א י ד ן אין ביידע לענדער כמעט אַ גלייכע. לאָמיר פעסטשטעלן, אַז די 11,4 פּראָצ. עסטרייכישע אידן, וועלכע זיינען זיך מפרנס פון לאַנד- און וואַלד-ווירטשאַפט, זיינען צום ווינציקסטן טייל אליין-ווירטשאַפטנדע פּויערן, נאָר ס׳רוב פּעכטער (אַרענדאַרן), גוטבאַזיצער און וואַלד-הענדלער. לגבי דעם „דערנערער" ר ו ס ל אַ נ ד ס און לגבי דעם פּויערן-קלאַס פון ע ס ט ר ײ ך, וועלכער נעמט נאָך אַלץ אַרום די גרעסטע העלפט פון דער באַפעלקערונג (52,4 %), איז דער חלק פון די אידן אין דער לאַנדווירטשאַפט זייער אַ קליינער. די אידן זיינען כמעט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער ערד. מיר פאַרמאָגן דאקעגן אַ רעלאַטיוו אַ סך גרעסערע אינטעליגענץ (גרופּע 4). די מ אַ ס ע פון אידישן פאָלק איז אָבער קאָנצענטרירט אין האַנדל און א י נ ד ו ס ט ר י ע. אין רוסלאַנד באַלאַנגען 84,6 % אידן צו די צוויי קאַטעגאָריעס (פאַרגליכן מיט 20 % פאַר דער גאַנצער מלוכה), אין עסטרייך — 72,4 % פון דער אידישער באַפעלקערונג, די אייגענע פּראָפּאָרציע אויך אין גאַליציע (פאַרגליכן מיט קנאַפּע 36 פּראָצ פאַר גאַנץ עסטרייך און 16,8 פּראָצ. אין גאַליציע). דאָס איז ווי ס׳לערנען-צאָלן פאַר רוסלאַנד און גאַליציע, נישט קיין רעזולטאַט פון דער צוי-

פאַסונג צו דער מאָדערנער אינדוסטריעלער און האַנדלס-אַנטוויקלונג, נאָר הויפּטזעכלעך אַ פּראָדוקט פון אַ פריערדיקן ווירטשאַפטלעכן סיסטעם. די אידן האָבן אין אָפּגעשטאַנענע אַגראַר-לענדער איבערגענומען די עקאָנאָמישע פונקציעס פון הענדלער און בעלי-מלאכות און זיינען דערביי געבליבן עד היום. זיי האָבן זיך עקאָנאָמיש אַסימילירט מיט זייער סביבה, זיי האָבן זיך נישט איינגעוואָרצלט אין זייערע וואוינלענדער, בילדלעך אויסגעדריקט און פשוטו כמשמעו.

די טאַבעלן לערנען: די אידן בילדן נישט אַ באַזונדערע, גאַנצע, נאָרמאַל-דיפערענצירטע עקאָנאָמישע איינהייט, אָבער זיי זיינען ווירטשאַפט-לעך אָפּגעזונדערט. זייער עקאָנאָמישע פּאָזיציע איז אָפּהענגיק און באַשטימט נישט פון דער אינערלעכער אַנטוויקלונג און פאַרגרעסערונג פון די פּראָדוקטיוו-כחות אינם אידישן פאָלק, נאָר דורך די ווירטשאַפטס-כחות און באַדערפעניש, וועלכע ליגן מחוץ פון דער אידישער באַפעלקערונג. די אידן זיינען דערפאַר פון איין זייט ווירטשאַפטלעך אָוועקגעשטעלט אין אַ באַזונדערער לאַגע, פאַרמאָגן אַ באַזונדערע פּראָפעסיע-איינטיילונג און, ווי מיר וועלן עס באַלד זען, אויך אַ באַזונדערע קלאַסן-דיפערענצירונג, זיי זיינען אָבער אין דער זעלבער צייט אַריינגעפּרעסט אין דעם ווירט-שאַפטס-קערפּער פון זייערע וואוינלענדער, נישט זייענדיק מיט זיי אָרגאַ-ניש פאַרוואַקסן. די ווירקונג פון אַזאַ סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכן כחות-פאַר-העלטעניש וועלן מיר באַלד באַטראַכטן.

לאָמיר גענויער באַהאַנדלען די אידישע אינדוסטריע, כדי צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש בנוגע דער לאַגע פון דער אידישער אַרבע-טערשאַפט. נעבן דער אַלגעמיינער אַנאָרמאַלער פּראָפעסיע-איינטיילונג איז אין די גרענעצן פון דעם פּראָדוקציע-געביט פאָרגעקומען אַ ווייטערדיקער פּראָצעס פון צונויפפּרעסן זיך. די אידן פאַרטיילן זיך אויף אַ זייער אומ-גלייכן שטייגער אויף די פאַרשיידנסטע פּראָדוקציע-צווייגן פון דער אינ-דוסטריע.

כדי צו קאָנען פאַרגלייכן די צוגעהעריקייט צו די אינדוסטריע-גרופּן אין ביידע מדינות, זיינען נויטיק געוויסע קאָרעקטורן. אַזוי רעכענען מיר אָפּ די אידן, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין דער רוסישער וואַלד-ווירטשאַפט, און וועלכע זיינען אין דער רוסישער סטאַטיסטיק צוגערעכנט צו דעם ווירטשאַפטס-צווייג „אינדוסטריע". דאַקעגן מוזן מיר צורעכענען די גרופּן „אַכסניות" און „פאַרקויף פון משקאות", וועלכע זיינען אין דער רוסישער סטאַטיסטיק צוגעציילט צו דער קאַטעגאָריע „האַנדל", בשעת אין עסטרייך גייען זיי אַריין אין דער גרופּע „אינדוסטריע פון גענוס-אַרטיקלען". דאַן ווייזט זיך אַרויס, אַז אין רוסלאַנד זיינען באַשעפטיקט 1,880,792 אידן אין דער אינדוסטריע, דאָס הייסט 37,14 פּראָצ. פון דער אידישער באַפעל-קערונג. אין עסטרייך זיינען זיך מפרנס דערפון 351.212 אָדער 28,7 פּראָצ. פון אַלע אידן. זיי פאַרטיילן זיך אויף די 14 פּראָפעסיע-גרופּן פון דער עסטרייכישער אינדוסטריע-סטאַטיסטיק אויף פאָלגנדן אופן:

טאַבעלע ג׳ *)

(די אידן אין דער אינדוסטריע)

פראָפעסיע-גרופּע	רוסלאַנד: אַבסאָלוטע צאָל פון פראָפ. צוגעהעריקע.	רוסלאַנד: פון 100 אידן אין דער אינדוסטריע געהערן צו דער פראָפ. גר.	עסטרייך: אַבסאָלוטע צאָל	עסטרייך: פון 100 אין דער אינדוסטריע געהערן צו דער פראָפ. גרופּע — אידן	עסטרייך: פון 100 אין דער אינדוסטריע געהערן צו דער פראָפ. גרופּע — בכלל
1. קליידער-אינדוסטריע .	782.435	41.6	96.461	27.5	16.0
2. אינדוסטריע פון משקאות גענוס-אַרטיקלען	170.691	9.1	90.384	25.7	8.4
3. לעבנסמיטל-אינדוסטריע .	183.237	9.75	56.150	16.0	8.0
4. האָלץ-אינדוסטריע . .	139.589	7,4	20.854	6.0	8.1
5. פּאַפּיר-און לעדער-אינדוסטריע.	72.423	3.85	11.106	3.2	3.1
6. כעמישע אינדוסטריע .	20.855	1.1	7.911	2.2	1.7
7. פּאָליגראַפישע מלאכות .	41.512	2.2	3.573	1.0	1.1
8. מעטאַל-פּאַראַרבעטונג .	166.470	8.8	16.974	4.8	9.3
9. בוי-פאַך	152.565	8.1	15.601	4.4	13.3
10. טעקסטיל-אינדוסטריע .	93.414	5.0	13,585	3.9	11.8
11. מאַשינען-בוי און אינסטרומענטן	22.455	1.2	7.246	2.1	4.6
12. שטיין- און ערד-אינדוסטריע	20.698	1.1	4.582	1.3	5.9
13. באַרגבוי און מעטאַלורגיע.	5.149	0.3	4.535	1.3	7.7
14. פאַרשיידענע	9.029	0.5	2.250	0.6	1.0
אינדוסטריע בס״ה	1.880.792	100.0	351.212	100.0	100.0

אַחוץ די אַבסאָלוטע צאָלן ווייזט די טאַבעלע ג׳ אויך די פּראָצענטועלע פאַרטיילונג פון די אידן אויף די איינצלנע אינדוסטריע-גרופּן. די פּראָצענטן גיבן אונז די מעגלעכקייט צו דערקענען, וועלכע אינדוסטריען שפּילן אַ דעצידירדנע ראָל אין דעם אידישןווירטשאַפטס-לעבן, אין וועלכע פּראָדוקציע-צווייגן ס׳איז קאָנצענטרירט דער אידישער פּראָלעטאַריאַט. אין דער רובריק „עסטרייך״ האָבן מיר אין אַ דריטער קאָלאָנע, לינקס, צוגעגעבן די פּאַרטיילונג פון דער גאַנצער עסטרייכישער אינדוסטריע-

*) די צאָלן פאַר רוסלאַנד לויט „ראַסוויעט-האַנטבוך״ 1910, ז. 143—147 און „יעוו. רעיסקאַיאַ זשיזן״ 1906 (ב. גאָלדבערג: די רעזולטאַטן פון דער פּראָפעסיע-סטאַטיסטיק). פאַר עסטרייך זע „עסטרייכישע סטאַטיסטיק״, באַנד LXVI העפט 1, פון דער סטאַטיסטישער צענטראַל-קאָמיסיע, ווין, 1914; ווייטער „די אידן אין עסטרייך״, ביוראָ פאַר סטאַטיסטיק פון די אידן, בערלין 1908.

באַפעלקערונג אויף די איינצ/נע אינדוסטריע-גרופּן, כּדי צו דערמעגלעכן א פאַרגלייך מיט אַ בכלל נאָרמאַלער דיפערענצירטער באַפעלקערונג. לאָמיר איצט אַנאַליזירן די צאָלן און פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטיילונג לויט דער טאַבעלע ג'. ס'מוז פאָראויס געזאָגט ווערן, אַז דער פאַרגלייך צווישן רוסלאַנד און עסטרייך קאָן נישט פריי זיין פון פעלערן, ווייל די סטאַטיסטישע אויספרעג-מעטאָדן זיינען נישט גלייך אין ביידע מדינות. אַזוי נעמען אַרום די רובריקן „מעטאַל-פאַראַרבעטונג" און „מאַשינען-בוי" אין דער רוסישער סטאַטיסטיק אינדוסטריע-קאַטעגאָריעס, וועלכע זיינען נישט פאַראַנען אין דער גלייכער רובריק אין עסטרייך. נישט קוקנדיק דערויף קאָן מען זאָגן, אַז די רוסישע אידן זיינען אַ סך שטאַרקער פאַרטראָטן איידער די עסטרייכישע אין דער מעטאַל-אינדוסטריע, אין בוי-פאַך און פּאָליגראַפישן פאַך. בשעת, למשל, אין דער ליטע איז אַ אידישער בוי-אַרבעטער (מוליאַר) און ברוקירער אַ געוויינלעכע ערשיינונג, זיינען אין גאַליציע און אין עסטרייך אידישע בוי-אַרבעטער כּמעט נישט בנמצא. אין פּאָליגראַפישן פאַך איז די קוואָטע ביי די רוסישע אידן אַ העכערע צוליב דער גרעסערער צאָל פון אידישע דרוקערייען, אַזוי ווי רוסלאַנד איז דאָך דער צענטער פון ספרים און פון דער אידישער ליטעראַטור.

אחוץ די קליינע אונטערשיידן קאָנען מיר פעסטשטעלן אין דער אידישער אינדוסטריע פון ביידע לענדער דעם וויכטיקן פאַקט „אַז די אידן און דערמיט אויך די אידישע אַרבעטער, וואָס געפינען באַשעפטיקונג כּמעט אָן אויסנאַם נאָר ביי אידן, זיינען קאָנצענטרירט אין ד ר י י פּראָדוקציעצווייגן (3—1). אין דער קליידער- לעבנס-מיטל- און משקאות און גענוסמיטל-אינדוסטריע זיינען באַשעפטיקט אין ע ס ט ר י י ך 69.2 פּראָצ., אין ר ו ס ל אַ נ ד 60.5 פּראָצ. פון אַלע צו דער אינדוסטריע צוגעהעריקע אידן. מיר האָבן אַלזאָ אויך דאָ אַן עקאָנאָמישן „תחום המושב", וואָס באַשטייט אין עסטרייך אין אַ נאָך שטאַרקערער מאָס ווי אין רוסלאַנד, הגם די „טשערטאַ" איז אין עסטרייך לאַנג אָפּגעשאַפט. אין עסטרייך בכלל האָבן די דריי פּרנסה-צווייגן אויסגעמאַכט 32,4 פּראָצ. פון דער גאַנצער אינדוסטריע. ביי די רוסן און פּאָלאַקן אין רוסלאַנד 30,7—29 פּראָצ. אין רוסלאַנד איז דערמיט דער ג ר ע ס ט ע ר ר ו ב, אין עסטרייך — מ ע ר ו ו י צ ו ו י ד ר י ט ל פון אַלע אידישע בעלי-מלאכות און אינדוסטריע-אַרבעטער צוגעבונדן צו אָט די אינדוסטריע-מינים, וועלכע געהערן צו די טעכניש-אָפּגעשטאַנענסטע, פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג אַמווייניקסטן באַרירטע פּראָדוקציע-צווייגן. אַלע פאָרמען פון דער הויז-אינדוסטריעלער עקספּלואַטאַציע, שוויץ-סיסטעם און איבעראַרבעט געפינען אַ ברייטן פּלאַץ אין אָט די אידישע „נאָדל-אינדוסטריען", אין די שניידער-, שוסטער- אָדער קירזשנער-וואַרשטאַטן, בעקערייען, טאַבאַק-באַטריבן, שנאַפּס-ברענערייען.

נ אָ ר מ אַ ל איז דער חלק פון די אידן אין דער האָלץ-, פּאַפּיר-, לעדער- און כעמישער אינדוסטריע און פּאָליגראַפישן פאַך: די דאָזיקע, לאָמיר זי אָנרופן „מיטל-גרופּע" (7—4) נעמט אַרום אין רוסלאַנד 15 פּראָצ.,

אין עסטרייך — 13 פּראָצ. פון אַלע אינדוסטריע-צוגעהעריקע אידן. אונ-טער-נאָרמאַל, ספּעציעל אין עסטרייך, איז דער חלק פון די אידן אין די אייגנטלעכע קאַפּיטאַליסטישע, גרויס-אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (13—8). אַמגינסטיקסטן איז נאָך דער מצב אין דער מעטאַל-אינדוסטריע, אין וועלכער ס'עקזיסטירן נאָך צאָלרייכע קליין-באַטריבן (שלאָסער, בלעכער א. אַ. וו.); אַ סך קלענער איז די אידישע קוואָטע אינם בוי-פאַך און אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע, נישטיק קליין — אין דער מאַשינען-אינדוסטריע, אין דער שטיין- און ערד-אינדוסטריע (גלאָז-פאַבריקן, בוי-מאַטעריאַל-אינדוסטריע) און אינם באַרג-בוי און מעטאַלורגיע. בשעת אין עסטרייך מאַכן אויס אָט די גרויסע אינדוסטריען 52.6 פּראָצ. פון דער גאַנצער אינדוסטריע און, נעמענדיק אין אַכט די הויכע מדרגה פון זייער קאָנצענטראַציע, נעמען אַרום אַ נאָך גרעסערן פּראָצענט פון דער אינ-דוסטריעלער אַרבעטערשאַפט, באַשעפטיקן זיי נאָר 17.8 פּראָצ. פון די אינדוסטריע צוגעהעריקע אידן אין עסטרייך, און 24.5 פּראָצ. — אין רוס-לאַנד. ס'איז דערפאַר נישט קיין גוזמה צו זאָגן: דער גרעסטער טייל פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט איז קאָנצענטרירט אין דער פּראָדוקציע פון די פאַרברויכס-אַרטיקלען, בשעת די מערהייט פון דער נישט-אידי-שער אַרבעטערשאַפט איז באַשעפטיקט ביי דער פּראָדוקציע פון פּראָדוק-ציע-מיטלען (אייזן, מאַשינען, רוישטאָף א. א. וו.). דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז דערווייטערט פון דער מאָדערנער גרויס-אינדוסטריע, אין דער ענגשאַפט פון דער אונטערגייענדער. פאַר איר קיום קעמפנדער קליינפּראָדוקציע ראַנגלט ער זיך פאַר לופט און ליכט.

אַנאַלאָג איז דער מצב אינם פאַרקער. דער חלק פון די אידן אין רוסלאַנד און עסטרייך אין די פאַרשיידענע צווייגן פון דער טראַנספּאָרט-אינדוסטריע ווערט קלאָר פון דער טאַבעלע ד'.

טאַבעלע ד'

פאַרקער-צווייג	רוסלאַנד		עסטרייך	
	צאָל פון די פּראָפ. צוגע-העריקע אידן	% פון דער איד. באַפעלקערונג	צאָל פון די פּראָפ. צוגע-העריקע אידן	% פון דער איד. באַפעלקערונג
וואַסער-טראַנספּאָרט	9753	0.19	893	0.07
לאַנד-טראַנספּאָרט:				
אייזנבאַן	6846	0.14		
בעלי-עגלות	170601	3.38	37.012	3.0
אַנדערער לאַנד-טראַנספּאָרט .	12703	0.25		
פּאָסט, טעלעגראַף, טעלעפאָן	1124	0.02		
ס"ה . .	201.027	3.98%	37.905	3.07%

די עסטרייכישע סטאַטיסטישע גרופּע „לאַנד־טראַנספּאָרט" איז נישט אַזוי דעטאַלירט ווי די רוסישע. אָבער ס'איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז אַזוי ווי דער חלק פון די אידן אין דעם טראַנספּאָרט בכלל איז אין ביידע לענדער כמעט אַ גלייכער, אַזוי איז אויך דער מצב אין די איינצלנע פאַרקער־צווייגן דער אייגענער: אינם שיפס־פאַרקער, אין אייזנבאַן־, פּאָסט־ און טעלעגראַף־באַטריב איז דער חלק פון די אידן אַ מינימאַלער (אין רוסלאַנד איז עס אויך געזעצלעך נאָרמירט). די אָפּשטאַרבנדע בעלי־עגלות איז דער תחום פון די אידן. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט קיין חלק אין דער מאָדערנער גרויסאַרטיקער אַנטוויקלונג פונם טראַנספּאָרט.

מיר האָבן באַהאַנדלט די קאָנצענטראַציע פון דער אידישער אַרבעטער־שאַפט אין די אָפּגעשטאַנענע צווייגן פון דער אינדוסטריע און פאַרקער, כדי צו באַווייזן, אַז דער אויפשטייג פון דער אידישער גרויסבורזשואַזיע האָט נישט געבראַכט מיט זיך אַ גלייכווערטיקן, גלייך אַנטוויקלטן גרויס־אינדוסטריעלן אידישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער דעם קלאָרסטן באַווייז פאַר דעם קליינהאַנטווערק־כאַראַקטער פון דער אידישער אינדוסטריע ליפערט די סאָציאַלע גלידערונג פון די אידן. די אַמטלעכע רוסישע סטאַטיסטיק האָט ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכט דאָס באַטרעפנדע מאַטעריאַל. מיר פאַרמאָגן נאָר די רעזולטאַטן פון אַן אויספאָרשונג, וועלכע ס'האָט דורכגעפירט די געזעלשאַפט „איקא" אינם יאָר 1897. פון רונד 510.000 טעטיקע אין מלאכה זיינען געווען 259.396 (52%) זעלבשטענדיקע, 140.528 (28%) אַרבעטער און 101.062 (20%) לערן־אינגלעך. ס'איז קלאָר, אַז ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן גאָר קליינע וואַרשטאַטן, די צאָל פון די אידישע פאַבריקס־אַרבעטער אין רוסלאַנד ווערט אָנגעגעבן אין 1897 מיט 46,000, צווישן זיי אויך היים־אַרבעטער, מיידלעך און קינדער. דאָס זיינען 2,2% פון אַלע פאַבריקס־אַרבעטער אין רוסלאַנד, אַלזאָ רעלאַטיוו (די אידן זיינען 4.16% פון דער באַפעלקערונג) נאָנט מיט אַ העלפט ווייניקער ווי ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג, נישט קוקנדיק אויף דער הויכער אינדוסטריאַליזירונג ביי די אידן.

פאַר עסטרייך באַריכטעט די אַמטלעכע סטאַטיסטיק (זע טאַבעלע ה' זייט 43):

ווען מיר נעמען אַרויס פונם חשבון די „מיטהעלפנדע פאַמיליען־מיטגלידער", ווייזט זיך אַרויס פאַר עסטרייך דער זעלבער רעזולטאַט ווי פאַר רוסלאַנד. אין דער אינדוסטריע אַזוי ווי אין האַנדל און פאַרקער איז די צאָל פון די אידישע אָנגעשטעלטע, אַרבעטער און טאָג־לוינער צוזאַמען קלענער ווי די צאָל פון די זעלבשטענדיקע. בשעת אין דער עסטרייכישער אינדוסטריע בכלל פאַלן אויס אויף 18 אונטערנעמער 80 באַזיצלאָזע, ס'איז, אלזאָ, שוין דערגרייכט אַ זייער פאָר־געשריטענע קאָנצענטראַציע. פאַלט אויס אויף איין אידישן אונטערנעמער קוים איין אידישער פּראָלעטאַריער. אלזאָ, אויך אין עסטרייך איז די הערשנדע פאָרם פון דער אידישער אינדוסטריע דאָס קליינהאַנטווערק.

דער פאַקט דאַרף נישט פאַררעכנט ווערן אויף דער קאָנטאָ פון דער קליינער קאָנצענטראַציע אין יענע פראָדוקציע-צווייגן בכלל. דערפאַר אַ פאָר ביישפילן. אין דער עסטרייכישער לעבנסמיטל-אינדוסטריע זיינען פאַראַן 247 נישט-אידישע זעלבשטענדיקע אויף 705 שכירות-נעמער (דערפאַר 533 אידישע מייסטער אויף 351 אַרבעטער). אין דער משקאות-אינדוסטריע ציילט מען 260 זעלבשטענדיקע אויף 633 אַרבעטער (ביי די אידן אויף 518 מייסטער — 225 אַרבעטער). אין דער קליידער-אינדוסטריע קומען אויף 375 מייסטער 601 אַרבעטער (ביי די אידן אָבער אויף 485 מייסטער 474 שכירות-נעמער). די אידישע באַטריבן זיינען, אלזאָ, די אָפּגעשטאַנענסטע. וואָס מיר רופן אָן „אידישע אינדוסטריע", איז פון דער פאָרגעשריטענער קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג פאַרמשפּט צו פירן אַ לאַנגען שמערצפולן און אויסזיכטסלאָזן טויט-קאַמף מיט דעם גרויסבאַטריב.

אַן ענלעכן לעבנס-קאַמף פירט אויך דער אידישער קליינהאַנדל, וואָס קאָן פון איין זייט נישט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון די גרויסע אונטערנעמער, און פון דער אַנדערער זייט ווערט ער עלימינירט און אַרויסגעשטופּט דורך די קאָנסום-אָרגאַניזאַציעס פון דער דאָרף-באַפעלקערונג. פאַר דער צאָלרייכער אידישער לוינאַרבעטער-קאַטעגאָריע, די האַנדלס-פּראָלעטאַריער, גראָד אַזוי ווי פאַר דער אַרבעטערשאַפט אין מלאכה, באַדייט דער אונטערגאַנג פונם אידישן מיטלשטאַנד געהעכערטע עקספּלואַטאַציע און באַשווערונג פון דעם קלאַסנקאַמף קעגן דעם אין צאָל שטאַרקערן, ווען אויך צעברעקלטן קעגנער.

און נישט דאָס אַליין. מיר האָבן געזען, אַז די אידישע פּראָלעטאַריער

טאַבעלע ה'

(סאָציאַלע דיפערענצירונג ביי אידן)

פון 100 אידן אין איינער פון די פראָפ. הויפּט-קאַטעגאָריעס זיינען געווען לויט זייער סאָציאַלער שטעלונג	לאַנדווירטשאַפט	אינדוסטריע	האַנדל און פאַרקער	עפנטלעכער דינסט און פרייע באַרופן	פון 100 אידן בכלל
זעלבשטענדיקע . . .	33.8	46.1	52.9	74.5	52.9
באַזיצלאָזע :					
אַנגעשטעלטע . . .	3.3	8.1	10.0	14.7	9.5
אַרבעטער	7.6 } 25.4	34.3 } 43.6	14.4 } 36.7	10.6 } 25.3	18.3 } 34.9
טאָגלוינער. . . .	14.5	1.2	12.3	0.0	7.1
מיטהעלפנדע פאַמיליען-מיטגלידער	40.8	10.3	10.4	0.2	12.2
ס"ה .	100.0	100.0	100.0	100.0	100.0

געפינען זיך נאָר אין אַ קלענער צאָל אין די גרויסע אינדוסטריען און אינם פאַרקער, וועלכע האָבן צוגעצויגן אַן אַרמעע פון לוינאַרבעטער. דער איבער־גאַנג צום גרויסבאַטריב גיט נישט דער אידישער אַרבעטערשאַפט קיין אַר־בעטס־געלעגנהייט אין די נייע פּראָדוקציע־פאָרמען. בשעת די פון זייער לאַנד פאַרטריבענע פויערן־זין פאַרפלייצן דעם אַרבעטס־מאַרק, ווערן אויסגע־זויגן פון דער מאָדערנער אינדוסטריע, געפינען די ברויטלאָז געוואָרענע אַרבעטער פון די אידישע קליינע וואַרשטאַטן נישט קיין צוטריט צו איר. אין רוסלאַנד איז אַפילו צו זען אַן אינטערעסאַנטע ערשיינונג, אַז אידישע פאַבריקס־אַרבעטער, צום ביישפּיל וועבערס, ווערן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, ווייבאַלד דער אידישער אונטערנעמער פאַרבייט זיין האַנטוועבשטול אויף אַ מעכאַנישן וועבשטול. דער טעכנישער פאָרשריט באַדייט אַ פאַר־קלענערטע אַרבעטס־געלעגנהייט פאַר די אידישע אַרבעטער. מ'האָט די דאָ־זיקע עלימינירונג פון די אידישע פּראָלעטאַריער באַצייכנט אַלס „נאַציאָנאַלע קאָנקורענץ" — אַ נישט איבעריק געלונגענער טערמין. ווייל דער געשיכט־לעכער פּראָצעס קאָן נישט געשילדערט ווערן אַלס אַ „קאָנקורענץ־קאַמף" צווישן אידן און נישט־אידן אויף דעם אַרבעטס־מאַרק. די געזעצן פון דער סאָציאָלאָגיע זיינען נאָך נישט פאָרמולירט. אָבער ס'איז געוויס פאַראַנען אַ סאָציאַלער חוק פון אינערציע, וועלכער צווינגט דעם עקשנותדיקן קליינבאַ־טריב צוערשט צו באַקעמפן דעם גרויסבאַטריב. די אידישע האַנטווערקס־פּראָלעטאַריער זיינען נישט געלאָפן אין די ניי־אויפגעבויטע פעסטונגען פון די אינדוסטריע־פּריצים, נאָר זיי האָבן מיטגעמאַכט דעם פאַרצווייפלטן קאַמף פון זייערע מייסטער קעגן דעם פאַרהאַסטן שונא. דערווייל האָט דער פאַ־בריקאַנט געפונען אויסגעצייכנטע אַרבעטס־כחות אין די אַנטוואָרצלטע, פּראָ־לעטאַריזירטע פויערן־מאַסן, וועלכע דער גרויסגרונטבאַזיץ האָט אַריינגעוואָרפן אין די שטעט. האָבן זיך אָבער די מאַסן אָנגעהויבן צו באַוועגן, איז אויפ־געשטעלט געוואָרן דער קאָנטאַקט צווישן לאַנד און שטאָט — איז דאַן שוין קיין מאַכט נישט געווען בכח איבערצורייסן דעם דאָזיקן שטראָם פון אַזאַ געוואַלטיקער קינעטישער ענערגיע. ווען ס'האָבן זיך באַוויזן אויף דעם אַר־בעטס־מאַרק די אידישע פּראָלעטאַריער, באַזיגט און דעקלאַסירט פון דעם גרויסבאַטריב, זיינען זיי געווען איבעריק; זיי זיינען געקומען צו שפּעט און האָבן פאַרזאַמט די פאַרבינדונג. ווען די פּוילישע וועבער אין ביאַליסטאָק האָבן בערך פאַר זיבן יאָר מיט געוואַלט נישט דערלאָזן די פאַרווענדונג פון אידישע אַרבעטער ביי מעכאַנישע וועבשטולן, איז עס אפשר געווען שלעכטע פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט, אָבער דאָך טעטיקע סאָלידאַריטעט מיט די לאַנדלאָזע, פּראָלעטאַריזירטע פויערן־זין, וואָס שטייען הינטער זיי און ווילן נישט אָנווערן דעם נאָנטסטן אַרבעטס־מאַרק. דורך אָט דעם סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן געזעץ פון גראַוויטאַציע (צוזיאונגס־קראַפט) זיינען די אידן באַזיגט געוואָרן און ווערן פון אים געשלאָגן נאָכאַנאַנד.

דאָס אומגעזונטע אידישע ווירטשאַפטס־לעבן, פול יסורים פון ענגשאַפט, איז דערשיטערט. די צאָל פון די ברויטלאָז און אַרבעטלאָז געוואָרענע אידישע

פראָלעטאַריער שטייגט אָן אַן אויפהער און ווערט פאַרמערט דורך די אָן פרנסה געבליבענע, צוגרונד געגאַנגענע בעלי־מלאכות. די צאָל פון די וואָס מוזן אָנקומען צו צדקה פאַרגרעסערט זיך מוראדיק. די עקאָנאָמישע וואַנדערונג פון פרנסה צו פרנסה ווערט אַ שטענדיקע ערשיינונג. אָבער דער בולטסטער און געוואַלטיקסטער אויסדרוק פאַר דער אַלץ וואַקסנדער דעקלאַסירונג, פראָלעטאַריזירונג און ארויסשטופּונג איז די אידישע **עמיגראַציע**.

לויט די אָפיציעלע סטאַטיסטישע איינוואַנדערונגס־צאָלן האָבן עמיגרירט אין די לעצטע 30 יאָר בערך $2\,^3/_4$ מיליאָן אידן פון מזרח־אייראָפּע (טאַבעלע ו')

טאַבעלע ו'

(די אידישע אימיגראַציע)

אין די יאָרן	פאַראייניקטע שטאַטן	ענגלאַנד	מערב־אייראָפּע	ארץ־ישראל	ארגענטינע	קאַנאַדע און אַנדערע
1881 — 1885	98.243					
1886 — 1890	289.254					
1891 — 1895	440.737	45.925				
1896 — 1900	269.498	88.695				
1901 — 1905	428.133	163.468				
1906 — 1910	543.363	12.800				
ס"ה . .	2.069.735	310.888	200.000	50.000	50.000	50.000

אין דער צאָל פאַר מערב־אייראָפּע גייט אַריין **דייטשלאַנד** (1905 זיינען געווען אין **פּרייסן** אַליין 38.000 אידישע אויסלענדער), **פּאַריז**, **האָלאַנד**, **בעלגיע** און **ווין** (1900 ווייניקסטנס 100.000 אידן פון אונגאַרן און גאַליציע). די שאַצונגען פאַר מערב־אייראָפּע ווי אויך פאַר ארץ־ישראל, אַרגענטינע, קאַנאַדע. דרום־אַפריקע זיינען גיכער צו נידעריק. די צאָל פאַר די **פאַראייניקטע שטאַטן** גיט אָן נאָר די **אידיש־שפּרעכנדע** איינוואַנדערער. די אידן פון רוסלאַנד, גאַליציע, אונגאַרן און רומעניען האָבן אויף אַזאַ אופן עקספּאָרטירט אין משך פון דריי יאָרצענדליק מער ווי 2.700.000 נפשות קיין מערב און איבער דעם אָקעאַן. פון רונד 7 **מיליאָן** אידן (אין 1900) אין יענע לענדער זיינען אויסגעוואַנדערט מער ווי $2\,^1/_2$ מיליאָן. די צאָל פון די מזרח־אייראָפּעאישע אידן וואָלט געווען מיט קנאַפּע 40% העכער, ווען די מאַסן־עמיגראַציע וואָלט נישט געמינערט דעם דרוק. די צאָלן נויטיקן זיך נישט אין קיין שום קאָמענטאַרן.

נאָך אירלאַנדס אַנטפּעלקערונג וואָלט זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט דער

נייער „יציאת מצרים”. אָבער, זאָגט מען אונז, די עמיגראַציע איז אַן אַל-געמיינע באַגלייטערשיינונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. וואָנ-דערן דען נישט אויך נישט-אידן אין מיליאָנען?

מען טאָר נישט אידענטיפיצירן די אידישע אויסוואַנדערונג מיט דער נישט-אידישער. די לעצטע איז קודם-כל אַן אַנטלויפן פון מאַסן פויערן און לאַנדאַרבעטער, וועלכע זיינען עקספּראָפּריאירט און פּראָלעטאַריזירט געוואָרן פון די לאַנד-לאָרדן און גרויסע פּריצים (אויס איטאַליע, אירלאַנד, אונגאַרן, עסטרייך, סוריע). די נישט-אידישע אויסוואַנדערונג איז אַ פּראָדוקט פון די רעשטן פונם פ ע אָ ד אַ ל י ז ם אין דעם מאָדערנעםווירטשאַפטס-קערפּער. זי קומט פאָר, ווייל די אויפנאַמספעאיקייט פון דער אינדוסטריע וואַקסט נישט אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע, ווי די אַנטפּעלקערונגס-טענדענץ פון דעם גרויסן לאַנדאייגנטום, ווי זיין אַרויסשטויסונגס-קראַפט. די אונגאַ-רישע, גאַליצישע אָדער איטאַליענישע אומגעלערנטע און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, וואָס בילדן 60–80 % פון אַלע עמיגראַנטן, מוזן פאַרלאָזן זייערע היימלענדער, נ י ש ט ק ו ק נ ד י ק אויף דעם טריאומף פון דער אינ-דוסטריע. די אידן וואַנדערן צ ו ל י ב דער גרויסאינדוסטריעלער אַנט-וויקלונג. ביי די אידן זיינען מער ווי 80% פון אַלע עמיגראַנטן ג ע ל ע ר נ ט ע אַרבעטער, בעלי מלאכות. אונזער עמיגראַציע איז אַ שטאָטישע, ביי אונז איז זי לגמרי אַ דויערנדע, מיט ווייב און קינד, ביי די אַנדערע צום טייל נאָר „ס א ק ס ע נ ג ע נ ג ע ר י י” (סעזאָן-עמיגראַציע) אין אַ גרויסן מאַסשטאַב *).

די עמיגראַנטן פון אַלע נאַציעס ווענדן זיך צום גרעסטן טייל קיין קאַנאַדע, די מערב-שטאַטן פון נאָרד-אַמעריקע, אַרגענטינע, וואו ס'ווינקט זיי אַ פריי פאַרמער-לעבן, אָדער שטייגן אויף אין די אַמעריקאַנישע גרויסאינ-דוסטריע. די אידן טראָגן אַריבער דעם מזרח-אייראָפּעאישן עלנט איבער דעם ים, פילן אָן די שוויץ-וואַרשטאַטן אָדער שאַפן נייע הויז-אינדוסטריעלע באַטריב-פאַרמען.

די דאָזיקע עמיגראַציע איז בשום אופן נישט די לעצטע ליידנס-סטאַנ-ציע פון דעם אידישן פּראָלעטאַריער. אַ ווירטשאַפטלעכער קריזיס אין ענגלאַנד האָט גענוגט, כדי צו פאַרוואַנדלען גרויס-בריטאַניע אין אַ אידיש אויסוואַנ-דערונגס-לאַנד. די טאַטזאַך איז נישט גענוג פאַר דער אַרבעטער-באַפעלקע-רונג פון ענגלאַנד און אַמעריקע. אין ענגלאַנד האָט מען אין יאָר 1905 אַרויסגעגעבן אַ „פרעמדן-ביל”. אין אַמעריקע פאַרלאַנגען די געווערקשאַפטן עקשנותדיק דאָס שליסן פון די גאַסטפריינדלעכע פאָרטן אָדער פאַרשווערו-גען פאַר דער עמיגראַציע.

*) בשעת די לעצטע פארלאַמענטס-וואַלן אין אונגארן האָט א רעגירונגס-פארטרעטער פאַר-באַטן א ס ל אָ ו א ק י ש ע וואַל-רעדע. די צאָל אָבער פון די פון אמעריקע צוריקגעוואַנ-דערטער סלאָוואַקן איז געווען אזוי גרויס, אז דער קאַנדידאַט האָט געקאָנט האַלטן אַן ענגלישע רעדע.

מיר ווילן זיך דאָ אָפּשטעלן. מיר גלויבן, אַז מיר האָבן געבראַכט גענוג באַווייזן פֿאַר די אינם אָנהויב פֿון דעם קאַפּיטל ציטירטע קאָנסטאַטירונגען.

אינם עקאָנאָמישן לעבן פֿונם אידישן פֿאָלק זייַנען ווירקזאַם כּחות פֿון צושטערונג און צופֿאַלן זיך, וואָס זייַנען בכּח צו וואַרפֿן מיליאָנען פֿון ברויט-און אַרבעטסלאָזע איבער די ימים. ס'איז אוממעגלעך צו לייקענען, אַז די דאָזיקע וויכטיקע טאַטזאַכן האָבן די גרעסטע באַדייטונג פֿאַר דעם קלאַסנקאַמף און פֿאַר דער סאָציאַליסטישער אַקציע פֿונם אידישן פּראָלעטאַריאַט. ס'באַשטייט אַן עקאָנאָמישע אידנפֿראַגע פֿאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט, וויכטיקער ווי דאָס נאַציאָנאַל־קולטורעלע פּראָבלעם. די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געצוואונגען זי גובר צו זייַן, צו באַזייטיקן, צו פֿאַרענטפֿערן.

ווין, 1911

פּראָבלעמען פונם פועלי-ציוניזם.

1. כלל-ישראל-אַנשטאַלטן.

אונזער באַוועגונג איז געבענטשט מיט פּראָבלעמען, ווי דאָס אידישע און פּראָלעטאַרישע לעבן אַליין. מיר זיינען אידישע סאָציאַליסטן און קיין ואַך, וואָס איז אידיש און סאָציאַליסטיש, איז אונז נישט פרעמד. מיר האָפן אָבער, אַז אויך אָן אַ בפירושער התראה פון אונזער צד, וועט דער לעזער פאַרשטיין, אַז מיר האָבן נישט בדעה אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל אָנצורירן אַפילו די וויכטיקסטע פראַגן פון דער פועלי-ציון-באַוועגונג. נאָר איין פּראַגן-קאָמפּלעקס ווילן מיר דאָ אַרויסנעמען פון דעם קנויל פון אונזערע נויטן און קאַמפן, די פראַגע פון אונזער באַציאונג צו די אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און קערפּערשאַפטן.

פאַר דער מלחמה און ביז צו דער אַנטשטייאונג פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, האָט דאָס פּראָבלעם עקזיסטירט נאָר לאַטענט, בסתר. אויפן ערשטן בליק דאַכט זיך אַפילו אויס, אַז עס האָט בכלל נישט עקזיסטירט — וואָרום אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך באַטייליקט אין דעם אויפבוי פון די אידישע דעמאָקראַטישע קהלות אין רוסלאַנד, געגאַנגען צו אַלגעמיינע קהלות-קאָנפערענצן, האָבן גענומען אַן אַקטיוון חלק אין די וואַלן צו דעם אַלרוסישן אידישן צוזאַמענפאָר, זיינען געווען פאַרטרעטן ביי דער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין אוקראַינע. אין די פּראָגראַמען פון „בונד", פועלי-ציון און „פאַריייניקטע" איז געפאָדערט געוואָרן די אידישע נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג און ס'איז נישט געווען קיין פראַגע, אַז זיי זיינען אַלע מוכן ומזומן צו באַטייליקן זיך אין די כלל-ישראל-אינסטיטוטן.

עס זיינען אָבער געווען אויך כאַראַקטעריסטישע שוואַנקונגען, טאַקטישע אומזיכערקייטן, וואָס האָבן פון אָנהויב אָן געמאַכט דעם רושם, אַז די פּאָזיטיווע באַציאונג פון די אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען צום אויפבוי פון אַ אידישן כלל-לעבן אויף דעמאָקראַטישע יסודות איז נישט קיין געפעסטיקטע, אַז דער טעאָרעטישער אָדער טאַקטישער געוויסן איז ווי באַאומרואיקט. אַזוי האָט דער „בונד" אין פּוילן, למשל, זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו אַ אידישן קאָנגרעס. אין אַמעריקע האָבן די אידישע פעדעראַציע און די „פאָרווערטס"-ריכטונג געביטן עטלעכע מאָל זייער שטעלונג צום אַמעריקאַניש-אידישן קאָנגרעס. ביי אונז ווידער אַ גלייכע אומזיכערקייט אין דער פראַגע פונם

ציוניסטישן קאָנגרעס. די רוסישע פועלי-ציון האָבן זיך אין 1909 אָפּגעזאָגט פון
זייער פּאָזיטיווער שטעלונג, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן פון צוויי פּראָ-
גראַמאַטישע צוזאַמענפאָרן (אין 1905 און 1907) און בעת דער מלחמה זיינען
באָכגעגאַנגען נאָך זיי אויך אַנדערע טיילן פון אונזער וועלט-פאַרבאַנד.

אמת, אין אונזערע רייען איז די דיסקוסיע נישט געגאַנגען לויט דעם
אָנגעצייכנטן געדאַנקענגאַנג — פאַר אָדער קעגן דער באַטייליקונג אין אַלגע-
מיין-אידישע אַנשטאַלטן. אונזערע „אַנטי-קאָנגרעסיסטן", ד. ה. די קעגנער פון
אונזער פאַרבינדונג מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך באַגרע-
נעצט אין זייער קעגנערשאַפט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. אונזער באַ-
טייליקונג אין אַנדערע אַלגעמיין-אידישע אָרגאַניזאַציעס איז נישט פאַרמשפט
געוואָרן אַלס סתירה צו אונזער קלאַסן-אָנשויאונג. דערביי האָבן די דאָזיקע
חברים, ווי אַלע אידישע סאָציאַליסטן, געהאַלטן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך
אַ דורכאויס פּאָזיטיווע שטעלונג צו די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן.
אויך ריין פרייוויליקע כלל-ישראל-אינסטיטוטן האָבן זיי נישט געאַסרט. זיי
זיינען, צום ביישפּיל, געווען פאַר אונזער באַטייליקונג אין אַ אידישן עמי-
גראַציע-קאָנגרעס. און אַז דער צ. ק. פון דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי האָט
אין 1915 רעווידירט זיין באַשלוס וועגן באַטייליקן זיך אין דער ניו-יאָרקער
קהלה, איז ח' באָראָכאָוו געווען צווישן די, וועלכע האָבן אין דער ניו-
יאָרקער פועלי-ציון-אָרגאַניזאציע דורכגעזעצט אַ החלטה, יאָ צו גיין צו דער
קהלה-קאָנפערענץ.

אָבער די נישט-קאָנסעקווענץ פון אונזערע חברים אַנטי-קאָנגרעסיסטן,
זייער נישט דורכטראַכטן דעם גאַנצן פּראָבלעם ביזן סוף אין דער אָדער אין
יענער ריכטונג, דאַרף אונז נישט אָפּהאַלטן, אויפצושטעלן די פראַגע אין
איר גאַנצער פּרינציפּיעלער באַדייטונג. בפרט, אַז אונזער שטאַנדפּונקט —
אַז ס'איז בעיקר נישטאָ קיין חילוק צווישן די פרייוויליקע און צוואַנג-אַנ-
שטאַלטן פונם אידישן פאָלקס-לעבן — געפינט איצט זיין באַשטעטיקונג און
די הסכמה פון אונזערע קאָמוניסטישע חברים. זיי שטעלן זיך טאַקע נישט
אָפּ ביים נעגירן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. „אין אַלע פראַגן פון דער אידי-
שער... פּאָליטיק זיינען פאַראַן צוויי מיינונגען — יאָ, צוויי וועלט-אָנשוי-
אונגען: די רעפאָרמיסטישע און די רעוואָלוציאָנערע. נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע
אויף בירגערלעך-דעמאָקראַטישע יסודות פאַרלאַנגען די איינע; דיקטאַטור
פאַרלאַנגען די אַנדערע. אידישער וועלט-קאָנגרעס, אין וועלכן ס'זאָלן בשות-
פות מיטאַרבעטן אַלע קלאַסן פונם אידישן פאָלק, ווילן די איינע; אַ אידישן
אַרבעטער-וועלט-קאָנגרעס ווילן די אַנדערע. אין געמיינזאַמער אַרבעט מיט
דעם בירגערלעכן ציוניזם, ווילן די איינע אויפבויען פלשתינא; אין אַ פאַרביטערטן
קאַמף אַקעגן דעם בירגערלעכן ציוניזם ווילן די אַנדערע לעזן די אָנגע-
ווייטיקטע אידישע אַרבעטער-פּראָבלעמען" („אַוואַנגאַרד" נומער איינס). מילא
מיר זיינען מוחל דעם מחבר די טענדענציעזע פריזירונג פון די צוויי
שטאַנדפּונקטן. ס'איז אויך, אַגב אורחא, נישט אמת צו זאָגן, אַז די אָנ-
הענגער פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און פונם ציוניסטישן קאָנגרעס זיינען

קעגנער פון אַ אידישן אַרבעטער-וועלט-קאָנגרעס. די איינציקע ממשותדיקע שריט צו אַזאַ אידישער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע זיינען דאָך געמאַכט געוואָרן בעת דער מלחמה דוקא פון די פּועלי-ציון-פּאַרטייען, וועלכע ווערן אין דעם ציטאַט אָנגערופן „רעפאָרמיסטיש“. מיר האָבן נאָר געוואָלט קאָנסטאַטירן, אַז אויך אונזערע קאָמוניסטישע חברים שטעלן אין איין שורה אַלע פּרואוון פון צוזאַמענאַרבעט פון פאַרשיידענע קלאַסן פונם אידישן פאָלק אין בשותּפותע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען. ס'איז דעריבער נויטיק קודם כל אַ וכוח צווישן ביידע עקסטרעמע שטאַנדפּונקטן, דעם אַבסאָלוט פּאָזיטיוון און דעם גאַנץ נעגאַטיוון. אונזערע קאָמוניסטישע „רעוויזיאָניסטן“ שטיצן זיך אויף דער קריטיק פון דער פּאָליטיש-פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע און אויף דעם נייעם אינהאַלט, וואָס דער באַגריף פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור האָט געקריגן אין דער קאָמוניסטישער טעאָריע. לאָמיר על כן זען, ווי ווייט עס נויטיקן זיך אין אַ רעוויזיע אונזערע פריערע קאַמפּסמעטאָדן אויף דער אידישער גאַס אין דעם ליכט פון די גרויסע ערפאַרונגען און לערעס פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע מיר האָבן זוכה געווען צו דערלעבן.

2. דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע.

אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל זיינען געשטאַנען אויפן יסוד פון מאַרקס–ענגעלס „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ און האָבן געשטרעבט להלכה צו דער „דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט“. אָבער די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, די קלאַסן-מלחמה, אין וועלכער ס'איז איבערגעגאַנגען די פעלקער-מלחמה, האָבן באַוויזן, אַז די סאָציאַליסטן האָבן אינם בעסטן פאַל געהאַט פאַרשיידענע געדאַנקען און השגות וועגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אַ טייל פון זיי האָבן גאָר איינגעהזרט דעם אני מאמין אָן וועלכע עס איז געדאַנקען בכלל. עס מוז אָבער געזאָגט ווערן, אַז צום טייל האָבן מאַרקס און ענגעלס אַליין געגעבן אַ מעגלעכקייט פאַר אויסטייטשונגען און חילוקי-דעות. „דער ערשטער שריט אין דער אַרבעטער-רעוואָלוציע איז די דערהויבונג פונם פּראָלעטאַריאַט צו דעם הערשענדן קלאַס, די אויסקעמפונג פון דער דעמאָקראַטיע“ (קאָמוניסט. מאַניפעסט). אָט דער טאָפּלגעדאַנק – ממשלה פונם פּראָלעטאַריאַט און דעמאָקראַטיע – גייט דורך אַלע שריפטן פון ביידע גרויסע לערער פונם סאָציאַליזם. די רוסישע רעוואָלוציע און לענין האָבן באַשאַפן דעם עפּאָכאַלן, פון אַלע ביזאיצטיקע מעטאָדן פונם פּראָלעטאַרישן קאַמף, און רעוואָלוציאָנירענדן געדאַנק, אַז די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט מוז אָננעמען גאַנץ אַנדערע פאָרמען ווי די דעמאָקראַטישע. „די אַזויגערופענע דעמאָקראַטיע, ד. ה. די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז גאָרנישט אַנדערש ווי די באַהאַלטענע דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע“ (ריכטליניען פונם קאָמ. אינטערנאַציאָנאַל). לענינס בוך, „מלוכה און רעוואָלוציע“, איז דער מערקווירדיקער פּרואוו, צו באַווייזן מיט פּסוקים

פון די קלאַסיקער פונם סאָציאַליזם, אַז דער נייער אינהאַלט, וועלכן ער גיט דעם באַגריף פון דיקטאַטור, די נייע פאָרם פון אַרבעטער-ראַטן, איז גאָרנישט קיין נייעס, אַז מען קאָן זיי שוין געפינען אין די ספרים פון מאַרקס. קומט קויטסקי, דער צווייטער בקי פונם מאַרקסיזם, און זוכט צו באַווייזן מיט אַנדערע פסוקים, אַז לענין לערנט פאַלש דעם פשט. די פראַגע איז אָבער באמתן נישט, ווער איז גערעכט לויט מאַרקסן, נאָר ווער איז גערעכט לויט די באַדערפעניש, פון דעם באַפרייאונגס-קאַמף פונם אַרבעטערקלאַס. לויט דעם פסוק און היסטאָריש איז קויטסקי גערעכט, ווען ער שרייבט: „די דעמאָקראַטיע מיט איר אַלגעמיינעם, גלייכן וואַלרעכט איז נישט דער כאַראַקטעריסטיקום פון דער ממשלה פון דער בורזשואַזיע. זי האָט אין איר רעוואָלוציאָנערער תקופה איינגעפירט נישט דאָס גלייכע וואַלרעכט, נאָר דאָס צענזוס-וואַלרעכט, אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, בעלגיען א. אַז. וו. ערשט נאָך לאַנגען שווערן קאַמף האָט זיך דער פראָלעטאַריאַט אויסגעקעמפט דאָס אַלגעמיינע און גלייכע וואַלרעכט" (טעראָריזם און קאָמוניזם, זייט 152). מען קאָן אָן אַ שום ספק מיט אַ סך ציטאַטן פון מאַרקס שריפטן באַווייזן, אַז מאַרקס האָט נישט געטיילט לענינס פאַראַכטונג צו דער „דעמאָקראַטיע בכלל". ער האָט געגלויבט, „אַז די קלאַסן, וואָס זייער סאָציאַלע שקלאַפעריי זי (די רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציע) וויל פאַרייביקן — פראָלעטאַריאַט, פויערן, קליינבירגער — מאַכט זי דורכן אַלגעמיינעם שטימרעכט צו די בעלי-בתים פון דער פּאָליטישער מאַכט, און דעם קלאַס, וואָס זיין אַלטע געזעלשאַפטלעכע מאַכט זי סאַנקציאָנירט, דער בורזשואַזיע, נעמט זי אַוועק די פּאָליטישע גאַראַנטיעס פון אָט דער מאַכט". (קלאַסנקאַמף, ז. 52). דאָס לעצטע וואָרט פון דער „דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע" איז פאַר מאַרקסן נישט די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, נאָר „די פאַרניכטונג פונם אַלגעמיינעם וואַלרעכט" (דאָרט, ז. 97). אָבער אויך פאַר מאַרקס און ענגעלס איז די דעמאָקראַטיע נישט געווען דער איינציקער מעגלעכער און ערלויבטער וועג צום סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט.

דער קריזיס פון דער דעמאָקראַטיע אונטער דער ממשלה פונם קאַפּיטאַליזם קאָן נישט געלייקנט ווערן. דורך עקאָנאָמישן דרוק, דורך איר געקויפטער פרעסע, דורך דער אומוויסנהייט פון די מאַסן, קודם כל דורך דער פּאָליטישער עם-הארצות פון די קליינבירגערלעכע מאַסן, וועלכע די בורזשואַזיע פאַרשטייט צוצובינדן צו זיך, ווערט די דעמאָקראַטיע, די פּאָליטישע גלייכהייט און פאַרלאַמענטאַרישע פאָלקס-הערשאַפט צו אַ מיטל אין די הענט פון דער בורזשואַזיע, צו דערהאַלטן איר הערשאַפט, צו פאַרשלייערן איר דיקטאַטור דורך דער הסכמה פונם פאָלק. אויף דער דעגענעראַציע פון דער דעמאָקראַטיע שטיצט זיך די קאָמוניסטישע קריטיק. דער פאַקט, אַז אַפילו אין לענדער, וואו דער אַרבעטערקלאַס איז די מערהייט פון פאָלק, ווי ענגלאַנד און דייטשלאַנד, איז אַזוי שווער צו דערגרייכן אַ פראָלעטאַרישע מערהייט אינעם פאַרלאַמענט, שאַפט אַ סתירה צווישן דער פאַקטישער, עקאָנאָמיש באַהערשנדער פּאָזיציע פונם פראָלעטאַריאַט אין דער מלוכה און זיין

באַגרענעצטער פּאָליטישער מאַכט־פּאָזיציע. און די סתירה טרייבט דערצו, צו זוכן נייע פּאָליטישע אויסדרוקס־פאָרמען. דאָס האָט ענגעלס באַזונדערס קלאָר פּאָראויסגעזען און פאָרמולירט אין זיין פּראָיעקט צום „קאָמוניסטישן מאַני־פעסט" (די פּרינציפּן פונם קאָמוניזם, ז. 24). ער שטעלט די פראַגע, וועלכן אַנטוויקלונגס־גאַנג וועט נעמען די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע? און ענט־פערט: „זי וועט קודם כל אויפריכטן אַ דעמאָקראַטישע מ ל ו כ ה־ק אָ נ ס ט י־ט ו צ י ע און דערמיט דירעקט אָדער אומדירעקט — די פּאָליטישע הערשאַפט פונם פּראָלעטאַריאַט. דירעקט אין ענגלאַנד, וואו די פּראָלעטאַריער מאַכן־שוין אויס די מערהייט פונם פאָלק. אומדירעקט אין פראַנקרייך און דייטש־לאַנד, וואו דער רוב פונם פאָלק באַשטייט נישט נאָר פון פּראָלעטאַריער, נאָר אויך פון קליינע פּויערן און בירגער, וועלכע האַלטן גאָר איצט ביים איבערגיין צום פּראָלעטאַריאַט און ווערן דעריבער אַלץ מער אָפּהענגיק פון אים אין אַלע זייערע פּאָליטישע אינטערעסן און וועלן זיך דעריבער באַלד אונטערוואַרפן די פאָדערונגען פונם פּראָלעטאַריאַט. ד אָ ס ו ו ע ט א פ ש ר ק אָ ס ט ן אַ צ ו ו י י ט ן ק אַ מ ף, ו ו אָ ס ק אָ ן ז י ך אָ ב ע ר נ אָ ר ע נ ד י ק ן מ י ט ן נ צ ח ו ן פ ו נ ם פ ר אָ ל ע ט אַ ר י אַ ט. (אונזער קורסיוו). די דעמאָקראַ־טיע וואָלט געווען גאַנץ אָן נוצן פאַרן פּראָלעטאַריאַט, אויב זי ווערט נישט באַנוצט תיכף ומיד אַלס אַ מיטל כדי דורכצוזעצן ווייטערע רעפאָרמען, וואָס טרעפן דירעקט דאָס פּריוואַט־אייגנטום און זיכערן די עקזיסטענץ פונם פּראָ־לעטאַריאַט".

צוויי זאַכן קאָן מען לערנען פון די ווערטער פון ענגעלס. ראשית, אַז ער און מאַרקס האָבן יאָ באַטראַכט די דעמאָקראַטיע אַלס אַ פאָרם פון פּראָלעטאַרישער הערשאַפט. והשנית אָבער, אַז זיי האָבן אויך פאָראויסגעזען אירע שוועריקייטן און איר „געשיכטלעכע רעלאַטיוויטעט" דאָרט, וואו דער אַרבעטערקלאַס בילדעט נישט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג. וואָרום דאָ ליגט די צווייטע שוועריקייט פון דער דעמאָקראַטיע, דער צווייטער מקור פון איר קריזיס. דעמאָקראַטיע הייסט הערשאַפט פון דער מערהייט. זי קאָן אַלזאָ ווערן אַ מיטל פון באַפרייאונג, לפּחות טעאָרעטיש, אין אַ לאַנד פון הויכער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, אָדער דאָרט, וואו דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט געפינט אַ פאַרבינדעטן אין די לאַנד־אָרעמע פּויערן און קאָן צוזאַמען מיט זיי דערגרייכן די מערהייט אינם פּאַרלאַמענט. וואָס אָבער זאָל טאָן דער אַרבעטערקלאַס אין לענדער פון שוואַכער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג, מיט אַ זאַטן, באַפרידיקטן פּויערן־קלאַס, קורץ דאָרט, וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז צוליב היסטאָרישע טעמים פאַרמשפּט צו בלייבן אַ מיעוט? קויטסקי שרייבט: „אַזוי ווי מיר האָבן נאָר די אַלטערנאַטיווע — דעמאָקראַ־טיע אָדער בירגערקריג — איז פאַר מיר דערפון געדרונגען, אַז דאָרט וואו דער סאָציאַליזם איז נאָך נישט מעגלעך אויף דעמאָקראַטישע יסודות, וואו דער רוב פון די איינוואוינער וואַרפט אים אָפּ, איז די צייט פאַרן סאָציאַ־ליזם נאָך נישט געקומען"... (דאָרט ז. 145). קומט אויס, אַז אינם נאָמען פון דעמאָקראַטיע ווערט דער פּראָלעטאַריאַט אין לענדער ווי פראַנקרייך,

שווייץ, האָלאַנד, פוילן וכו׳ פאַרמשפּט צו אייביקער לוין-שקלאַפעריי, ווייל דאָרט ווערן אין די נאָענטסטע דורות בורזשואַזיע און פויערטום האָבן צו-זאַמען די מערהייט און „אָפּוואַרפן‟ דעם סאָציאַליזם. עס איז קלאָר, אַז אין אַזאַ מין פעטישיזם שטעקט אַ גרייז. אויך אַלס מיעוט קאָן דער אַרבעטערקלאַס נישט מאַכן שלום מיט זיין עקאָנאָמישער אומפרייהייט. ער וועט אפשר נישט זיין בכח צו מאַכן אַ רעוואָלוציע, אָבער ער וועט מוזן רעוואָלטירן. גראָד אַזוי ווי די פויערן האָבן פאַרלאַנגט זייער ערד, נישט פרעגנדיק, וועלכער טייל פונם פאָלק זיי זיינען. אַז מען קאָן נישט רעגירן אַ לאַנד אָן דער הסכמה פון דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג, פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין. דאָס פּראָבלעם פון דער דעמאָקראַטיע ליגט נישט אין גאַראַנטיעס פאַר דער הערשאַפט פון דער מערהייט, נאָר אין גאַראַנטיעס פאַר דעם שוץ פון מינדערהייט. נישט די רעאַליזאַציע פונם סאָציאַליזם מוז אָפּגעלייגט ווערן, באַשר ס׳פעלט אַ מערהייט דערפאַר אינם פאָלק, נאָר די דעמאָ-קראַטיע מוז אַזוי רעפאָרמירט ווערן, אַז זי זאָל נישט שטיין אינם וועג פאַר דער עמאַנציפּאַציע פונם פּראָלעטאַריאַט, אַפילו דאָרט וואו ער איז אַ מיעוט. די פאַריזער קאָמונע האָט באַזירט טאַקע אויפן אַלגעמיינעם וואַל-רעכט, אָבער זי האָט רעוואָלטירט קעגן אַ נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, געקליבן נאָכן גלייכן פּרינציפּ. וואָס עס האָט פאַראייניקט אַלע סאָציאַליסטן אין באַ-וואונדערונג, איז געווען די איבערצייגונג, אַז מען קאָן נישט אַוועקנעמען ביים פּראָלעטאַריאַט דאָס רעכט אויף רעוואָלוציע, אויך נישט אינם נאָמען פונם גלייכן שטימרעכט.

* *
*

ווערן אָבער פאַרענטפערט אָט די סתירות פון דער „פאָרמעלער‟ דע-מאָקראַטיע דורך דעם ראַטן-סיסטעם? אויך די פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע איז נישט מעגלעך אַנדערש ווי אַלס אַ רעזשים פון דער פאָלקס-מערהייט, פון דעם רוב פון די פּראָדוצירנדע און אַרבעטנדע מאַסן. אמת, דאָס רוסי-שע ראַטן-סיסטעם איז געבוירן אינם קאַמף קעגן אַ דעמאָקראַטישער קאָנ-סטיטואַנטע (מיט אַ סאָציאַליסטישער מערהייט!), געקליבן אונטער אַ באָל-שעוויסטישן רעזשים. אָבער די איבערקערעניש איז געשען לפּחות מיט דער הסכמה פון אַן אַלרוסישן קאָנגרעס פון אַרב.- און סאָלדאַטן-ראַטן. די קאָ-מוניסטישע פירער שטרייכן אונטער מיט וואַקסנדער דייטלעכקייט, אַז דאָס ראַטן-סיסטעם נויטיקט זיך אין דער הסכמה פון דער פאָלקסמערהייט. אַזוי זאָגט לענין אין זיין רעדע איבער „די נאָענטסטע אויפגאַבן פון דער סאָ וויעט-מאַכט‟: „די ערשטע אויפגאַבע פון יעדער צוקונפטס-פּאַרטיי איז צו איבערצייגן די מערהייט פונם פאָלק אין דער ריכטיקייט פון איר פּראָגראַם און טאַקטיק. די דאָזיקע אויפגאַבע, וואָס איז אַוודאי לאַנג נאָך נישט פאַרענדיקט און וואָס קאָן קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט ווערן ביזן גרונד, איז איצט אין אירע עיקר-פונקטן דורכגעפירט. ווארום די מערהייט פון די אַרבעטער און פויערן פון רוסלאַנד שטייט אין פוילן באַוואוסטזיין אויף

דער זייט פון די באָלשעוויקעס, ווי עס האָט באַוויזן אָן ספקות דער לעצטער סאָוויעט-קאָנגרעס אין מאָסקווע". דיפּלאָמאַטישער דריקט זיך אויס ראַדעק: „די דיקטאַטור וועט זיין די הערשאַפט פון דער מערהייט פונם אַרבעטנדן פאָלק. דערמיט איז נישט געזאָגט, אַז די מערהייט מוז מען קאָנען אויסרעכענען מאַטעמאַטיש, אָדער זי מוז זיין נויטיק אין די מאָמענטן, ווען דער נצחון ווערט דורכגעזעצט, אָדער אין יעדן מאָמענט פון דעם באַשטאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור" (די אַנטוויקלונג פון דער וועלט-רעוואָלוציע, ז. 12). די ווייטערע באַמערקונגען וועגן דער באַזונדערער ראָל פון „דער אַנטשיידנדער רעוואָלוציאָנערער מינאָריטעט פונם פּראָלעטאַריאַט" פאַרשטאַרקן דעם רושם, אַז אויף פּראָסט מאַמע-לשון פאַרטיידיקט ראַדעק די דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בתוך דער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע. דאָס איז אַ מין „עולם הזה-סוד" פון די קאָמוניסטן, גראָד ווי די אור-קריסטן האָבן געהאַט זייער „אירדישעס געהיימניס". אָבער אויך ראַדעק חזרט איבער, אַז די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע „קאָן דויערנד מנצח זיין נאָר דאַן, ווען זי שטיצט זיך אויף דער מערהייט פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק". צו די פאָלקסטיילן, וואָס זיינען עקאָנאָמיש מכריע אינם קאַמף, געהערט אַ חוץ דעם אַרבעטערקלאַס, בפרט אין די וויטאַלע פּראָדוקציע-צווייגן, קודם-כל דער פויערן-קלאַס. אין לענדער מיט אַ פּראָלעטאַרישן מיעוט און אַ געזעטיקטער, באַפרידיקטער פויערשאַפט ווערט די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור גראָד אַזוי ווייניק געזיכערט דורכן ראַטן-סיסטעם ווי דורך דער דעמאָקראַטיע. און די פראַגע שטייט נישט נאָר פאַרן פּראָלעטאַריאַט, למשל, אין פראַנקרייך, די הונגער-סכנה שטייט אויך פאַרן הויך אינדוסטריעלען אַרבעטערקלאַס פון ענגלאַנד, וואָס איז אָפּהענגיק מיט זיינע לעבנסמיטלען פון אַמעריקע און די אייגענע קאָלאָניעס. אַזוי קומען מיר ווידער צו דער אַלטער אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צו געווינען פאַר זיך די פאָלקס-מערהייט און, לפחות, צו נייטראַליזירן די קליינבירגערלעכע צווישנקלאַסן, בפרט די קליינע און מיטעלע פויערן. שוין זשאָרעס האָט דאָס באַטראַכט אַלס אַ צענטראַל-פּראָבלעם פונם סאָציאַליזם, און לענין זאָגט עס איצט מיט אַנדערע ווערטער: „די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט באַדייט די מאַכט פון איין קלאַס... וואָס באַזיגט די בורזשואַזיע און נייטראַליזירט דאָס גאַנצע קליינבירגערטום, פויערן, שפּיסער, אינטעלעקטועלן". כאָטש אין איין אָטעם ווערט חוזק געמאַכט פון דעם „מערהייטס-ווילן" און פון דער „אַלגעמיינער אָפּשטימונג", אָבער עס ווערט דערפון קלאָר, אַז ביז צו דעם מאָמענט, ווען דער קלאַסנקאַמף פאַרוואַנדלט זיך אין אַ בירגער-מלחמה, איז די מערהייטס-בילדונג און איר באַזיס אין דער פּראָלעטאַרישער פאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע אין עצם נישט קיין סך פאַרשיידן. מיט די לאָגישע און פּראַקטישע שוועריקייטן, און נישט מיט דער רעפאָרמיסטישער עקשנות פון די אָדער יענע פירער, דערקלערט זיך אויך, פאַרוואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין לענדער ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד

היטן זיך צו אקצעפּטירן דאָס ראַטן-סיסטעם אַלס דעם איינציקן וועג צו דער מאַכט. בפרט אַז די קריטיק פון דער דעמאָקראַטיע ווערט נאָר צו אָפּט אויסגעטייטשט פון קאָמוניסטן אַלס אַבסאָלוטע קעגנערשאַפט צו די דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן, אַלס אַנטי-פּאַרלאַמענטאַריזם, און דער קאַמף פאַר דער ראַטן-מאַכט — אַלס פּוטשיזם פון קליינע באַוואָפנטע גרופּן. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל הויבט שוין אַליין אָן צו פירן אַ קאַמף קעגן אַזעלכע אויסטייטשונגען פון זיין אידעאָלאָגיע און אין דעם פּראָיעקט פון די נייע „ריכטליניען" (טעזן איבער טאַקטיק) געפינען מיר אַזעלכע ניכטערע און קלאָרע דבורים:

„נאָר באַקעמפנדיק די אילוזיעס, אַז דער קאַמף קאָן גיין נאָר אין אַ גיכן טעמפּאָ, און מאַכנדיק צום אויסגאַנגספּונקט פון טאַקטיק דאָס איינזעען, אַז דער פּראָלעטאַרישער באַפרייאונגס-קאַמף טראָגט אַ פּאַמעלעכן, שווערן כאַראַקטער, קאָנען די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פונם מערב אָפּהאַלטן דעם פּראָלעטאַריאַט פון לייכטזיניקע פּרואוון, איינצונעמען די מאַכט מיט די נישט גענוגנדע מיטלען פון קליינע אומגעדולדיקע מיעוטים... דער פּראָלעטאַריאַט קאָן נישט האָבן קיין נצחון איידער עס שטעלן זיך אויף דער זייט פונם קאָמוניזם ברייטע מאַסן פון די פּראָלעטאַריער, אַריינגערעכנט די גייסטיקע אַרבעטער, און די סאָציאַל אַנטשיידנדע טיילן פונם אַרבעטער-קלאַס, ווי קוילן-, מעטאַל-, באַן- און לאַנד-אַרבעטער... אַזוי ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע פאַר איר העכסטן פּונקט — דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד — מאַכט נישט נויטיק קיין נייע רפואות, נאָר די פאַרשטאַרקונג, העכערונג, און פאַרבינדונג פון די אַלטע עקאָנאָמישע קאַמפסמיטלען, גראָד אַזוי זיינען איר נישט באַקאַנט אויפן פעלד פונם פּאָליטישן קאַמף קיין וואונדער-מיטלען, פּונקט אַזוי ווינציק ווי זי זאָגט זיך אָפּ פון וואָסערע עס איז ביז איצט געברויכטע מיטלען".

דאָס איז אַ קלאָרע התראה פאַר די אַלע קאָמוניסטן, וואָס גלויבן, אַז די דעמאָקראַטיע האָט אָנגעוואוירן יעדן ווערט פאַרן פּראָלעטאַריאַט און וואָס מיינען, אַז זיי האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ פון קלאַסנקאַמף און דערשיטערט די בורזשואַזע געזעלשאַפט, ווען זיי באָיקאָטירן אַלע קאָמונאַלע און מלוכה-אַנשטאַלטן.

ביי דעם פּונקט קאָנען מיר איבעררייסן דעם אַנאַליז פון די נייע עלעמענטן, וואָס דער קאָמוניזם האָט אַריינגעבראַכט אין דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. די קאָנקרעטיזירונג פון דעם באַגריף פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור איז אַ געוואַלטיקער געווינס פאַרן קעמפנדן אַרבעטערקלאַס, אָבער עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז רעוואָלוציאָנערע סיטואַציעס ווי אין רוסלאַנד און בעת דער מלחמה, אין אַ לאַנד פון געוואַלדיקע פּראָלעטאַרישע פויערן-מאַסן און גרויסע נאַטור-אוצרות, חזרן זיך נישט איבער אַזוי באַלד אין אַנדערע לענדער. דעריבער ווערט אַלץ קלאָרער, אַז סיי אין לענדער מיט אַ פּראָלעטאַרישער מערהייט, בפרט אָבער אין מלוכות מיט אַ

פראלעטארישער מינדערהייט האט די דעמאקראטיע נאך נישט אנגעוואוירן איר באדייטונג אלס אן איבערגאנגס-פארם צום נצחון פונם פראלעטאריאט, און אפילו דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל לייגט נישט פאר זיינע פארטייען, אפצוזאגן זיך פון איר.

3. נאציאנאלע אויטאנאמיע.

אויב דאס איז ריכטיק פאר די קאמוניסטישע פארטייען אין מערב-אייראפע, דאן האבן זיך באזונדערס באדארפט פארטראכטן וועגן דעם די אידישע קאמוניסטישע גרופן. עס טאר נישט פארגעסן ווערן אויף איין רגע, אז די קאמוניסטישע געדאנקען-גענג האבן פאר אונז נאר א רעלאטיוון ווערט. דאס זיינען טעאריעס וועגן דער טאקטיק פון סאציאליסטישע פארטייען ביי דעם איינגעמען די מאכט-ארגאנען פון א מדינה. ביי אונז האנדלט זיך ערשט וועגן אויפבויען א נייע מדינה, אדער וועגן אויפבויען ארגאנען פון אויטאנאמען נאציאנאלן לעבן. מען מוז זיך אלזא זייער היטן מיט אנאלאגיעס, אבער אויב מען קאן דא מאכן א גזרה שוה, דאן קומט מען נאר צו איין רעזולטאט, אז דאס אפזאגן זיך פונם קאמף פאר דער נאציאנאלער אויטאנאמיע אויף דעמאקראטישע יסודות איז א רעזולטאט פון לעבנס-פרעמדקייט און פון אנטי-פארלאמענטארישע, סינדיקאליסטישע איינפאלן. ס'איז נישט נויטיק דא צו באווייזן, אז די באטייליקונג פון ארבעטער-פארטייען אין די ארגאנען פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע, דאס צוזאמענזיצן פון סאציאליסטן מיט אידישע בעלי-בתים אין אירע אינסטיטוציעס, איז נישט קיין סתירה מיט אונזער איבערצייגונג, אז אויך אין נאציאנאלע ענינים צושיידט א טיפער קעגנזאץ ביידע קלאסן. מיר שיקן אפ דעם לעזער צו דער ליטעראטור פון אלע אידישע סאציאליסטישע פארטייען, וואו די נויטיקייט פון דער דאזיקער „כלל-ישראל-פאליטיק" איז צוגעגעבן און באגרינדעט געווארן סיי פונם בונד סיי פון די ארטאקסעסטע פועלי-ציון.

עס האט נאך א זין, ווען אונזערע חברים אין רוסלאנד, אין א לאנד פון סאוועט-וואל-רעכט, זאגן זיך אפ פון די נאציאנאלע קהלות אויף דעמאקראטישע יסודות, וועלכע די ראטן-רעגירונג ערלויבט סיי ווי נישט, און פארלאנגען אויטאנאמע ארבעטער-קאמיטעטן פאר נאציאנאלע ענינים. קיין אנדערע פארם פון נאציאנאלער ארגאניזאציע איז אין רוסלאנד אדער אוקראינע נישט מעגלעך. א חוץ דעם איז די דאזיקע פאדערונג ביי דער היינטיקער לאגע א גרויסער פארשריט כלפי דער ביוראקראטישער אנפירונג פון די אידישע ענינים דורך די אידישע קאמיסאריאטן, אן א שום קאנטראל מצד די ארבעטנדע אידישע פאלקסמאסן. אונזערע קאמוניסטן אבער מוזן זיין „ראדיקאלער" ווי דער קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל אליין, נישט געגוג, וואס זיי שטרעבן צו דער דיקטאטור פונם אידישן פראלעטאריאט אין דער אידישער גאס. זיי באקעמפן שוין די נאציאנאלע אויטאנאמיע אויך אין די לענדער, וואו זי קאן אינם בעסטן פאל געבויט ווערן

אויף דעמאָקראַטישע יסודות. דער III אינטערנאַציאָנאַל באַקעמפט איצט בפירוש די באַיקאָט־פּאָליטיק קעגן די אָרגאַנען פון דער דעמאָקראַטיע. די קאָמוניסטישע פּועלי־ציון באַטראַכטן אַלס אַ סכנה פאַר דער רעוואָלוציע יעדע דעמאָקראַטיזירונג פונם אידישן פאָלקסלעבן. דער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטס־רעכט, די שאַפונג פון נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אָרגאַנען זאָל בלייבן אין גאַנצן אין די הענט פון אונזערע בעלי־בתים. דער רעזולטאַט וואָלט אָבער געווען נישט חלילה די דיקטאַטור פון דער אידישער בורזשואַזיע, נאָר גאָר אַן אַנדערער. עס וועלן פאַרשימלט און חרוב ווערן אויך די רעשטן פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכע מיר רופן אַליין אָן מיטן עניוותדיקן נאָמען „די אידישע גאַס". עס וועט אויפהערן יעדע אָרגאַניזירונגס־אַרבעט אינם אידישן פאָלקסלעבן.

אונזערע „ראַדיקאַלן" פאַרגעסן שטענדיק, אַז איבערזעצנדיק אַלגעמיין־פּאָליטישע פּראָגראַמען און השגות אויף אידיש, האָבן זיי דערמיט נאָך נישט אַריבערגעטראָגן אין אידישן לעבן די פאַרהעלטענישן פון די טעריטאָריאַל און שטאַטלעך אָרגאַניזירטע פעלקער, ביי וועלכע די פּאָליטישע סיסטעמען זיינען אויסגעוואַקסן. דאָס גאַנצע אידישע לעבן, זאָלן אונזערע אַנשטאַלטן באַזירן אויפן אַלגעמיינעם אָדער סאָוויעט־וואַלרעכט, איז געבויט אויפן פּרינציפּ פון פ ר ײ װ י ל י ק ײ ט. די אידישע פאָלקסמאַסן קאָנען האָבן זייערע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען, זייער אויטאָנאָמיע נאָר דאַן, ווען זיי קאָנסטיטואירן זיך פ ר ײ װ י ל י ק אַלס נאַציע. דער פרייער צוזאַמענשלוס מוז דעריבער קומען שטענדיק פ אַ ר דער שטאַטלעכער סאַנקציאָנירונג און אַנערקענונג פון דעם צוואַנגס־כאַראַקטער פון די נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן. דערביי זיינען מיר אומעטום נאָך אין דער תקופה פונם אויפריכטן אונזערע אויטאָנאָמע אָרגאַנען. אין קיין שום לאַנד, אַמווייניקסטן אין פּוילן און רומעניע, קאָן עס קומען צו אַ אידישע אויטאָנאָמיע אָן אַ בשותפותן און עקשנותדיקן קאַמף פון אַלע קלאַסן פונם אידישן פאָלק. נאָר אַלס איינשטימיקער פאַרלאַנג פון די אידישע פאָלקסמאַסן האָט זי אַ שאַנס, אויסגעקעמפט צו ווערן. זאָלן די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט פון אונזערע קאָמוניסטישע פריינד און אָפּזאָגן זיך פון יעדער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע (ביזן נצחון פונם ראַטן־סיסטעם), דאַן וועלן די שליאַכציש־באַיאַרישע רעגירונגען פּלוצים קריגן אַ געוואַלטיקן דרך־ארץ פאַר די וואונטשן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט און די אידישע אויטאָנאָמיע וועט זיין טויט אויף יאָרן, אפשר אויף אַ דור צייט. איז דען אָפּצושאַצן אין אונזער גיכער און מעכאַניזירטער צייט, וויפיל קולטורעלע פאַרווילדערונג און נאַציאָנאַלע דעגראַדאַציע און אַסימילאַציע עס קאָן אונז ברענגען אָט דאָס אוממעגלעך מאַכן פון יעדער נאַציאָנאַלער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט אין דער אידישער גאַס?

מיינט מען דען אין ערנסט, אַז די אידישע מאַסן און מלוכות, וואָס אַרבעטן סיסטעמאַטיש אויף זייער דענאַציאָנאַליזאַציע, קאָנען זיך נאַציאָנאַל

און קולטורעל דערהאַלטן, אָדער גאַר אַנטוויקלען מיט דער הילף פון שול-קאָמיטעטן, וואָס עקזיסטירן אַ דאַנק דעם הילפסגעלטער-רעגן פון אַמעריקע.

אָבער ס'איז אומזיסט צו שטעלן אַזעלכע פראַגן צו חברים, וואָס האַלטן שוין פאַר אַ חטא קעגן דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנבאַוואוסטזיין, צו שטעלן זיך „נאַציאָנאַלע קיום-צוועקן". מיר זעען דאָ פון איין זייט אַ שטאַרקע דערנענטערונג צום אַלטן בונדישן נאַציאָנאַלן „נייטראַליזם", וואָס אין זיין קאָמוניסטישן גלגול וואַרפט ער שוין אויף דעם „בונד" אַלס חטא די בלויזע עקזיסטענץ פון אַ אידישער אַרבעטער-פּאַרטיי; פון דער אַנדערער זייט ווערט דאָ איבערגעחזרט דער גאָונישער סאָציאָלאָגישער געדאַנק, אַז מיר פירן נישט קיין קלאַסנקאַמף פאַר אונזער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג און באַפרייאונג, נאָר מיר נעמען זיך די פרייהייט צו לעבן, כּדי מקיים צו זיין די מצוה פון קלאַסנקאַמף, קעגן די דאָזיקע וואולגאַריזירונג פון דעם קלאַסנקאַמף-געדאַנק, וואָס מאַכט זיך לײדער ברייטלעך אין אונזער פּאַרטיי-פּרעסע אין דער לעצטער צייט, זיינען אפילו די געטער מאַכטלאָז.

באמתן, דאָס וואָרט פון די קאָמוניסטישע פּועלי-ציון אין רוסלאַנד וועגן די אַנדערע אידישע קאָמוניסטן פּאַסט אויסגעצייכנט אויף אָט דער דאָגמאַטישער פּסעוודאָ-ראַדיקאַלער פּאָליטיק. זיי זיינען „די ל י ק וו י ד אַ-ט אָ ר ן פונם אידישן נאַציאָנאַל-פּראָלעטאַרישן לעבן".

4. אידישער וועלט-קאָנגרעס.

אַ צווייטער ביישפּיל פון דעם סאָרט פּאָליטיק פון איבערזעצטע ווער-טער איז דאָס אַנטקעגנשטעלן פון אידישן וועלט-קאָנגרעס און אַרבעטער-וועלט-קאָנגרעס. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן אויפן פּאַקט, אַז די פּועלי-ציון-פּאַרטייען, וואָס האָבן בעת דער מלחמה אַנטוויקלט די גרעסטע אַקטיוויטעט, קודם-כּל אונזערע חברים אין אַמעריקע, האָבן געקעמפּט מיט גלייכער ענערגיע פאַר ביידע געדאַנקען. ס'איז אַלזאָ אַ פּאַרטונקלונג פון דעם אמת, אויב אונזער קאָמוניסטישער פליגל שטעלט זיך אין דער פּאָזע פון דעם אַנטדעקער און פאַרקעמפער פון דער אידעע פון אַ אידישער פּראָלעטאַרישער וועלט-אָרגאַניזאַציע.

שטעלן מיר זיך קודם די פראַגע: וואָס פאַר אַ אויסזיכטן האָבן די פּרוּוואון צו שאַפן אַ אידישע פאָלקס-פאָרשטייערשאַפט?

את חטאי אני מזכיר, ביים אָנהויב פון דער מלחמה האָבן מיר זיך באַצויגן סקעפּטיש דוקא צו דעם געדאַנק פון אַן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, בפרט אַלס פּערמאַנענטע אינסטיטוציע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער קאָן נישט ווערן מער ווי אַ דיסקוטיר-קלוב צווישן די פאַרשיידענע-ריכטונגען אינעם אידישן פאָלק. אָבער דוקא אין דער נויט און דעזאָרגאַ-ניזאַציע פון דער מלחמה האָט זיך געוויזן, אַז די אָרגאַניזירנדע, קאָנ-סטרוקטיווע כּחות פונם אידישן לעבן, זיינען אַ סך שטאַרקער. כּמעט אין אַלע לענדער מיט גרויסע אידישע ישובים — אין רוסלאַנד, אוקראַינע,

אַמעריקע, ליטע, צום סוף אין ארץ-ישראל — זיינען צוש טאַנדגעקומען אידישע צוזאַמענפאָרן און קאָנגרעסן, וואָס האָבן געשאַפן לעגיטימע פאָר-טרעטונגען פון די אידן פון די לענדער. די דעמאָקראַטישע אידישע קהלה האָט אָנגענומען ממשותדיקע פאָרמען און עס זיינען געמאַכט געוואָרן די ערשטע שריט צו דער זיכערונג פון דער אידישער אויטאָנאָמיע דורך מלוכה-סאַנקציע. אומעטום האָט דער אַרויסטריט פון די אידישע מאַסן באַ-זייטיקט אָדער שטאַרק אָפּגעשוואַכט די הערשאַפט פון אונזערע פּלוטאָ-קראַטישע בעלי-טובות און דעמאָנסטרירט, ווי טיף עס וואָרצלט ביי די אידן אין דער גאַנצער וועלט דער נאַציאָנאַלער געדאַנק און דער ווילן צו אַלוועלטלעכער איינקייט. אַזוי איז דער אידישער קאָנגרעס פון אַ פּלאַן פון יחידים געוואָרן די מעגלעכע אָרגאַניזאַציע-פאָרם פון די אידן אין דער וועלט. זיין פּיזאָנאָמיע איז געוואָרן דייטלעכער און אויפגעבויט אויף די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע, צום טייל שטאַטלעך שוין אָנערקענטע, אָרגאַניזאַציעס פון די אידן אין איינצלנע לענדער, וואָלט דער אידישער וועלט-קאָנגרעס געקריגן אויך אַ רעאַלע שטעלונג אינם אידישן פאָלקס-לעבן. וועגן זיין אינטערנאַציאָנאַלער פּאָזיציע האָט מען פריער ווייניק געטראַכט, מען האָט זיך באַנוגנט מיט זיין מאָראַליש-דעמאָנסטראַטיווער ווירקונג כלפּי חוץ.

דער צווייטער מאָטיוו, צו פאַרנעמען זיך קאָנקרעט מיט דער פראַגע פון אַ אידישן וועלט-קאָנגרעס, איז פאַר אונז געווען דער פאַקט, אַז ארץ-ישראל איז געוואָרן דער אָביעקט פון אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהאַנדלונגען און ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַ מעגלעכקייט, אַז די אידן אַלס קיבוץ זאָלן פאַרנעמען אַ באַשטימטן פּלאַץ אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך בנוגע ארץ-ישראל. ביי דער פאָרמולירונג פון אונזערע פאָדערונגען בנוגע א״י, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געווענדעט צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אינם יאָר 1919, זיינען מיר געצוויטיקט געווען דורך דער לאָגיק פון די אומשטענדן, רעדנדיק וועגן אַ אידישן פאָלק, וואָס פאַרלאַנגט די אָדער יענע גאַראַנטיעס פאַר זיין אַנטוויקלונג אין לאַנד, צו זאָגן, ווער עס איז די יורידישע פאַרטרעטונג פון דעם פאָלק, זיין באַ־כח, ווער זיינען די אויספירנדע אָרגאַנען. מיר זיינען געשטאַנען פאַר דער פּראַקטישער פּאָלי-טישער פראַגע, צי זאָלן מיר אָנערקענען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלס די איינציקע פאַרטרעטונג פון כלל ישראל בנוגע א״י, צי זאָלן מיר פאַרלאַנגען די שאַפונג פון אַזאַ פאָרשטייערשאַפט אויף דעמאָקראַטישע יסודות (דורך די באַשטייענדע נאַציאָנאַלע און אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס אָדער דורך דירעקטע וואַלן צו אַ אידישן וועלט-קאָנגרעס). דער וועלט-פאַרבאַנד פועלי-ציון האָט באַשלאָסן אין דעם לעצטן זין.

דער אידישער וועלט-קאָנגרעס בלייבט אָבער אַלץ נאָך בבחינת פּלאַן. זיין רעאַליזירונג הענגט אָפּ פון דעם גוטן ווילן, דעם פרייען באַשלוס פון די אידישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. מען זאָל נישט מיינען, אַז די אידישע בעלי-בתים ווינטשן אים מער ווי אונזערע „ראַדיקאַלן“ אָדער די

„ליקווידאַטאָרן״ פונם „פאָרווערטס״-טיפּ. כדי צו ווען אַ אידישן דעמאָקראַ-טישן קאָנגרעס דאַרף מען וועלן בויען דעם אידישן פאָלקסלעבן, האָבן צוטרוי צו די אידישע מאַסן, זיין טיף דורכגעדרונגען פון דער אַלוועלט-לעכקייט פונם אידישן פּראָבלעם און ווינטשן די אָרגאַניזאַטאָרישע איינהייט פון די אידן אין דער וועלט אויף דעמאָקראַטישע יסודות. ס׳איז דאָך נישט קיין סוד, אַז צ. ב. אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע באַשטייט פון אָנ-הויב אָן אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע צום געדאַנק פון אַ אידישן וועלט-קאָנגרעס, צוליב מאָטיוון פון פּאַרטיי-פּרעסטיזש. נישט צו רעדן פון אַנדערע, ווייניקער נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין דער אידישער וועלט.

די קעגנערשאַפט אין אונזערע רייען שטאַמט פון דער טענה, אַז מיר טאָרן נישט צוזאַמענאַרבעטן מיט בורזשואַזע עלעמענטן אין אַלגעמיין-אידישע אָרגאַניזאַציעס. ס׳איז נישט מעגלעך קיין שום געמיינזאַמקייט און שותפות צווישן אַרבעטערקלאַס און בורזשואַזיע. דאָס איז אַן אַרגומענט, וואָס קאָן לייכט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין דעם האַרץ פון יעדן סאָציאַליסט. דוקא די פון אונז, וואָס זיינען דורך די באַדערפענישן פונם רעאַלן לעבן געצוואונגען געוואָרן צו באַטעטיקן זיך אַלס אַרבעטער-פאַרטרעטער אין אַלגעמיין אידישע אַנשטאַלטן, ווייסן אַמבעסטן, ווי גרויס עס איז דער מרחק צווישן אַ סאָ-ציאַליסט און אַ אידישן בעל-הבית אין זיין באַגרענעצטקייט, פּחדנות און קליינלעכן קלאַסן-עגאָאיזם. אָבער נענטער באַטראַכט, ווייזט זיך אַרויס, אַז הינטער דעם היסטאָריש-ריכטיקן וואָרט באַהאַלט זיך נישט קיין פּאָליטישע ריכטליניע, נאָר אַ שלאַגוואָרט, מיט וועלכן מען קאָן באַגרינדן אַלץ — דעם אַנטיפּאַרלאַמענטאַריזם, די קעגנערשאַפט צו יעדער נאַציאָנאַלער אַרבעט, צו ארץ-ישראל און דערגלייכן מער. (אגב, ס׳זיינען דאָ גענוג סימנים, אַז אַ טייל קאָמוניסטישע פּועלי-ציון אַנטוויקלען זיך טאַקע אין דער ריכטונג. זייער פּועלי-ציוניזם באַשטייט אָפּט נאָר אין דעם, אַז זיי האַלטן דוקא דעם פּועלי-ציון-פאַרבאַנד פאַר דער אויסגעוויילטער באַוועגונג, וואָס איז ראוי אויפצו-נעמען אַלס ערשטע זייערע סתרי-תורה).

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, און איצט אויך איר קאָמוניסטישער פליגל, האָבן קיינמאָל נישט געטייטשט אַזוי דעם אמת, אַז ס׳איז נישט מעגלעך קיין שלום און אויסגלייך צווישן די צוויי קלאַסן-מחנות. יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז אויב מען וואַרפט אָפּ אויף דעם יסוד די באַטייליקונג אין אַ אידישן וועלט-קאָנגרעס, איז נישטאָ קיין גרונד, יאָ צו גיין צו אַ אידישן קאָנגרעס פון וואָסער עס איז לאַנד. ווייטער, ווילן מיר נישט זיצן מיט דער אידישער בורזשואַזיע אין וועלכער עס איז שותּפותדיקער פאַרטרעטונג פון אידישע פאָלקס-אינטערעסן, דאַן איז נישט איינצוזען, פאַרוואָס מיר זאָלן זיך לייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקען בעט און פאַרלאַנגען פון דער מלוכה, אַז זי זאָל אונז צווינגען צו גיין צו אַ אידישער נאַ-ציאָנאַל-פאַרזאַמלונג מיט גרויסע קאָמפּעטענצן אין אונזערע פאָלקס-ענינים. בקיצור, מיר קומען צו דעם שוין פריער געזאָגטן, אַז ס׳עקזיסטירט נישט ביי אונז קיין פונדאַמענטאַלער חילוק צווישן פּריווילִיקע און צוואַנגס-אָנ-

שטאַלטן, ווייל דער וועג צו די צווייטע פירט נאָר דורך די ערשטע. דעריבער שטייט די פראַגע פונם אידישן וועלט-קאָנגרעס פּרינציפּיעל נישט אַנדערש ווי די שוין באַהאַנדלטע פראַגע פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. פון דער אַנדערער זייט באַרירט זי זיך מיטן פּראָבלעם פון אונזער שטעלונג צו אַן אַנדערער פרייוויליקער פּאָלקס-אָרגאַניזאַציע — דער ציוניסטישער — מיט וועלכער מיר באַשעפטיקן זיך נאָך באַזונדער.

נאָר אויף איין מאָמענט פון דער נעגאַטיווער אַרגומענטאַציע ווילן מיר נאָך אָנווייזן. עס שטעקט אין איר די פאַלשע פאָרשטעלונג, אַז דאָס אידישע פּאָלק באַשטייט נאָר פון אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן. ס׳איז דאָך נישט נויטיק צו באַווייזן, אַז דאָס איז אַ פאַנטאַזיע. אונזער גרויסע בורזשואַזיע איז, ווי באַקאַנט, סיי עקאָנאָמיש, סיי נאַציאָנאַל און געזעלשאַפטלעך אַזוי גוט ווי גאָרנישט פאַרבונדן מיטן אידישן לעבן. מיר באַגעגענען איר נאָר ווינציק אין אונזער קלאַסנקאַמף אינם אידישן פּאָלק. מער פּאָליטישע פירער-אַספּיראַציעס האָט אונזער מיטעלע בורזשואַזיע. אָבער צווישן איר און דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט שטייען די ברייטע שיכטן פונם אַרבעטנדן אידישן קליינבירגערטום — קליינע בעלי-מלאכות, קליינע הענדלער, וואָס קעמפן שווער פאַר זייער קיום און שטייען אָפט ביים איבערגאַנג אין די אַרבעטסלאָזע, פּראָלעטאַריזירטע מאַסן. אויך דאס קאַרדינאַל-פּראָבלעם פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק — ווייל דער אידישער אַרבעטערקלאַס איז בערך נאָר אַ דריטל פונם פּאָלק — באַשטייט אין דעם, צו נייטראַליזירן אָט די גרויסע מאַסן, יאָ, דעם רוב פון אונזער פּאָלק, און צוצוציען זיי צו אונז. אַרויסרייסן זיי פון די פּאָליטישע אָרעמס פון אונזער בורזשואַזיע, וואָס אַפּעלירט צו זייער אייגנטומס-פאַנאַטיזם, און צו זיכערן מיט זייער הילף פאַרן סאָציאַליזם די פירונג אין דער אידישער פּאָלקס-פּאָליטיק. ווי ווילן מיר זיך גרייטן *איבערצונעמען די פירונג אינם אידישן לעבן*: בלייבנדיק מחוץ פון אים, אָדער דורך קאַמף *אין* דעם אידישן פּאָלק? ווילן מיר זיך *איזאָלירן* פון די אידישע מאַסן, באָיקאָטירנדיק קהלות, נאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן, קאָנגרעסן; אָדער ערציען, אָרגאַניזירן און געווינען זיי פאַר אונז, שטעלן זיך, ווי באָראָכאָוו זאָגט אין „אונזער פּלאַטפאָרם", „אויף דער פּאָליטישער בימה פּנים אל פּנים מיט דער בורזשואַזיע"? ווילן מיר בלויז נעגירן און קריטיקירן די פאַקטן פון אונזער פּאָלקסלעבן אין קאָפּ, אין דער טעאָריע, אָדער באַקעמפן זי אין דער ווירקלעכקייט און זוכן דעם שונא אויף זיינע אייגענע פּאָזיציעס? דאָס איז די פראַגע. זאָגן מיר זיך אָפּ פון אַ אידישן וועלט-קאָנגרעס, דאַן זיינען פאַראַן צוויי מעגלעכקייטן. אָדער ער קומט צושטאַנד אָן די אידישע אַרבעטער-פּאַרטייען. דאַן ווערן ברייטע אידישע פּאָלקסמאַסן, וואָס נויטיקן זיך אין הילף צו היילן די מלחמה-וואונדן, וואָס עמיגרירן און ווילן גיין קיין א"י, קורץ, וואָס ווען זיך מוזן ווענדן אין אַ סך שווערע לעבנס-דאגות צו די אָרגאַנען פון אַ אידישן וועלט-קאָנגרעס, אויסגעליפערט דורך אונזער פּאָליטיק אינגאַנצן אין די הענט פון די אי-

דישע בורזשואַזע פּאַרטייען. די צווייטע מעגלעכקייט איז, אַז ער קומט בכלל נישט צושטאַנד. דאַן וועלן באַנייט אָדער ווייטער געפּירט ווערן די פּרואוון, צו פּאַרענטפערן די אַלוועלטלעכע פּראָבלעמען פונם אי- דישן לעבן דורך קאָאָרדינאַציעס לויט באַדאַרף אָדער דורך באַזונדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי צ. ב. די ציוניסטישע מיט איר באַזונדערן ארץ-ישראל-צוועק.

5. אַרבעטער־וועלט־קאָנגרעס.

אַ אידישער אַרבעטער-קאָנגרעס, אַן אַלוועלטלעכער אידישער-אַרבע- טער-פאַרבאַנד איז נויטיק באַזונדערס ווען עס זאָל יאָ צושטאַנדקומען אַ אידישער וועלט-קאָנגרעס. ער וואָלט אָרגאַניזירט דעם פּראָלעטאַרישן פליגל און דערמיט פאַרגרעסערט זיין צוציאונגס-קראַפט פאַר די צווישן-שיכטן. דורך זיין זעלבשטענדיקער אַקטיוויטעט וואָלט ער פאַרגרעסערט די קאַמפּס- פעאיקייט פון די אידישע אַרבעטער און שטענדיק געטריבן דעם אידישן קאָנגרעס צו פירן זיין טעטיקייט בהסכם מיט די פאָלקמאַסן. ער וואָלט פאַרשטאַרקט די פּאָזיציע פונם אידישן אַרבעטערקלאַס אין דער אינטער- נאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג און ער וואָלט צוגעגרייט די כחות און דעם אַפּאַראַט, כדי איבערצונעמען די פירונג אינם אידישן פאָלקסלעבן אין דעם מאָמענט, ווען דער ווילן פון די אידישע מאַסן, אָדער די אַלגעמיינע אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע וועלן שטעלן די אידישע סאָציאַליסטישע פאַר- טייען פאַר דער אויפגאַבע.

קאָן אָבער אַן אַרבעטער-קאָנגרעס שוין איצט איבעריק מאַכן אַ אי- דישע פאָלקס-פאַרטרעטונג אויף דעמאָקראַטישע יסודות? אויף דעם שטאַנד- פונקט קאָנען נאָר שטיין קאָמוניסטן, וואָס טיילן נישט דעם שטאַנדפונקט פון די מחברים פון די ציטירטע „טעזן" (קאָם. אינטערנ. נום. 4—5) און לעבן אין „דער אילוזיע, אַז דער קאַמף קאָן גיין נאָר אין אַ גיכן טעמפּאָ". ווער עס מיינט אָבער מיט ראַדעקן, אַז מען דאַרף זיך רעכענען אין אונ- זערע יאָרן מיט דער מעגלעכקייט פון דער גלייכצייטיקער עקזיסטענץ פון סאָציאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע מלוכות אַלס שכנים, דער וועט מוזן צוגעבן, אַז מיר קאָנען נישט אויפריכטן די דיקטאַטור פונם אידישן אַרבע- טער-קאָנגרעס איידער די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור האָט געזיגט אין דער גאַנצער וועלט. פּראַקטיש גערעדט: מען קאָן זיך, למשל, פאָרשטעלן, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט געבן אין ארץ-ישראל אַן אַרבעטער-קאָנגרעס די גלייכע רעכט און פונקציעס, די אייגענע השפעה אויף דער ישוב-אַר- בעט, כל זמן אין ענגלאַנד הערשט די בורזשואַזיע? און אַפילו די אַרבע- טער-פאַרטיי זאָל איבערנעמען די מאַכט — מיט פרידלעכע פאַרלאַמענטאַ- רישע מיטלען — איז אַ ספק, צי זי וועט אַנערקענען אַ אידישן אַרבעטער- קאָנגרעס אַלס די פאַרטרעטונג פונם גאַנצן אידישן פאָלק. ס'איז זיכער נישט נייטיק צו ברענגען ווייטערע ביישפּילן. ס'איז קלאָר, אַז די „קאָנסטי-

טואירונג פונם אידישן פראָלעטאַריאַט אַלס נאַציע" בלייבט דערווייַלע אַ שיינע פּאַראַפראַזע פון אַ מאַרקסישן וואָרט (וואָס האָט אַגב נישט דעם מיין, וואָס די קאָמוניסטן לייגן אין אים אַריין).

צום באַדויערן האַלטן מיר אין דער דיסקוסיע פון דער פראַגע פונם אַרבעטער-קאָנגרעס בכלל נישט אַזוי ווייט. דערווייל איז נאָך אַ קשיא, ווי מען ברענגט אים צושטאַנד. דוקא די צום טייל געלונגענע פרואוון — די אידישע אַרבעטער-קאָנווענשאָנס אין אַמעריקע און ענגלאַנד — האָבן געוויזן, ווי מודאדיק שווער עס איז צונויפצוברענגען די אידישע אַרבעטער-פּאַרטייען אויף אַ בשותּפותדיקער פּלאַטפאָרם. און מיט וויפיל שפּאַלטונגען איז אַלץ געווען פאַרבונדן, און ווי אומבאַדייטנד זיינען ביז איצט די ממשותדיקע רעזולטאַטן. דער עיקר, אין די אידישע אַרבעטער צענטערן אין מזרח-אייראָפּע איז נישט געלונגען דאָס וואָס עס האָבן מיט אַזוי פיל מי און קרבנות דערגרייכט אונזערע חברים אין אַמעריקע. אפילו אין דער שווערסטער לאַגע בעת דער מלחמה, אין די איינפאַכסטע פראַגן איז נישט מעגלעך געווען צו קאָאָרדינירן בונד און פועלי-ציון. קוים קוים האָט מען זיך דאָ נישט לאַנג געאייניקט אין דער הילפס-פראַגע. אין דעם שול-קאָמיטעט זיצט מען צוזאַמען מער אונטער דעם דרוק פון אַמעריקע, און וואָס פאַר אַ שֶבֶת אחים גם יחד דאָס איז! אַ פאַרשטענדיקונג אין פוילן אָדער אוקראַינע צווישן די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַזעלכע פראַגן ווי ארץ-ישראל אָדער נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע האַלטן אַלע קענער פון די פאַרהעלטענישן פאַר אַן אוטאָפּיע. אַן אַלוועלטלעכער אידישער אַרבעטער-קאָנגרעס איז אָבער נישט מעגלעך אָן אַ פריערדיקער אייניקונג אין די איינצלנע לענדער. אונזערע קאָמוניסטישע פריינד האָבן, פאַרשטייט זיך, אַ רפואה אויך צו דער חולאת — די אַרבעטער-ראַטן, אַלס אַ „נייער יסוד" פונם קאָנגרעס און פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע. ס'איז פּרינציפּיעל נישטאָ וואָס צו זאָגן קעגן אַזאַ מעטאָד פון קאָנסטיטו-אירן דעם אַרבעטער-קאָנגרעס. בכלל האָבן מיר אויך זיך פאַרגעשטעלט, אַז ווי באַלד די פּאַרטייען (און אויך די גרויסע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן און אָרדנס) אייניקן זיך איבער דעם אַרבעטס-פּלאַן פון אַזאַ קאָנגרעס, ווערט ער געקליבן נישט פון די פּאַרטיי-גרופּן, נאָר דורך אַלגעמיינע וואַלן (אַנאַ-לאָג ווי דער אַמעריקאַניש-אידישער קאָנגרעס). די מעשה איז נאָר, אַז די רפואה איז קיין רפואה נישט. די פּאַרטיי-סכסוכים גייען ביז צום לעצטן וואָרשטאַט, און אויב די פּאַרטייען וועלן נישט געבן זייער ברכה, וועלן אויך קיין אַרבעטער-ראַטן נישט געבילדעט ווערן צו דעם צוועק. אונזערע ווינער פריינד רעדן טאַקע ווי אַמאָל פון אַרבעטער-ראַטן אָדער פון אַנדערע „איבערפּאַרטייאישע אינסטיטוציעס". מען זעט, מיר באַוועגן זיך נאָך אַלץ אין דעם פאַרכישופטן קרייז פון די פּאַרטיי-אַנטאָגאָניזמען, וואָס האָבן סיי אין פוילן, סיי אין דייטשלאַנד, געשפּאָלטן אויך די אַרבעטער-ראַטן. אַן איבעריקער באַווייז פאַר דעם אמת, אַז נישט יעדע גרינדונג פון אַרבעטער-ראַטן איז שוין רעוואָלוציאָנער, ווייל זייער רעוואָלוציאָנערן זין און תמצית

אַנטפּלעקן די סאָוויעטן נישט אין רואיקע פּרערעוואָלוציאָנערע שלום-צייטן, נאָר אין אמת רעוואָלוציאָנערע סיטואַציעס.

אַלץ צוזאַמען — נישט קיין פריילעכער סך הכל. ווי צו אַלעמען אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג איז אויך דאָ נויטיק אַ סך אָפּטימיזם און בטחון אין די קאָנסטרוקטיווע פעאיקייטן פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט און סאָציאַליזם. אַז מיר קאָנען פאַראייניקן גרויסע מאַסן אידישע אַרבעטער אַרום אונזערע פאָדערונגען, בפרט פאַר דער אויפבויענדער ארץ-ישראל-אַרבעט, האָט באַוויזן דער אַרבעטער-קאָנגרעס פאַר ארץ-ישראל אין אַמעריקע אין 1918. ס׳קאָן זיין, אַז אַ אידישער אַרבעטער-וועלט-קאָנגרעס פאַר ארץ-ישראל וואָלט געווען אַ גוטע צוגרייטונג פאַר אַן אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער-קאָנגרעס. די זאַך פאַרדינט יעדנפאַלס ערנסטע באַטראַכטונג מצד דער פינפטער פועלי-ציון וועלט-קאָנפערענץ. וואָרום דער סלע המחלוקת אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג וועט נאָך אויף אַ לענגערער צייט בלייבן ארץ-ישראל; אָבער וואָס שטאַרקער דער וועלט-פאַרבאַנד פועלי-ציון און וואָס ערפאָלגרייכער זיינע באַמיאונגען, משתף צו זיין וואָס גרעסערע טיילן פונם אָרגאַניזירטן אידישן פּראָלעטאַריאַט צו דער ארץ-ישראל-אַרבעט, אַלץ לייכטער וועט זיין צו געפינען אַ יסוד פאַר אַ בשותּפותדיקער אַקציע פון דער גאַנצער אידישער אַרבעטערשאַפט.

איין באַמערקונג פאַרדינט נאָך דער ענין. די יסודות פון אונזער וועלט-באַוועגונג, ווי זיי ווערן פּראָפּאַגירט פון אונזערע קאָמוניסטן, באַשטייען פון לויטער לא תעשׂהס. די „פּראָלעטאַרישע זעלבסטפאַרוואַלטונג" איז דאָך נישט קיין אָריגינעלער געדאַנק, נאָר אַ צופּאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג צו דעם סאָוויעט-רעזשים. און דערווייל, מחוץ פון ראַטן-רוסלאַנד בלייבט זי דאָך אַ וואָרט. בלייבט דער אידישער אַרבעטער-קאָנגרעס, טאַקע נישט קיין נייער געדאַנק, אַן אַלטער לאָזונג פונם פועלי-ציוניזם, אָבער יעדנפאַלס דאָס איינציקע פּאָזיטיווע אין דעם גאַנצן פּראָגראַם. גיט מען זיך אָבער אָפּ דין וחשבון פון דער פּראָבלעמאַטישער לאַגע פון דעם ענין, פון די אומגעהייערע א י נ ע ו ו ײ נ י ק ע שוועריקייטן פון זיין דורכפירונג, דאַן פרעגט מען זיך אין אויפריכטיקער פאַרוואונדערונג, ווי קאָנען דען מענטשן, וואָס ווילן גערעכנט ווערן פאַר ערנסטע פּאָליטיקער וועלן אויפבויען, ריכטיקער איבערבויען אַ מאַסן-באַוועגונג פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט אויף אַזאַ שוואַכן, שמאָלן יסוד! און עס פלאָגט איינעם די פראַגע, פאַרוואָס מיר זיינען אַזוי אָרים אין שעפערישע אידעען און אונזער גרעסטע רעוואָלוציאָנערע התלהבות דריקט זיך אויס אין ריין דעמאָנסטראַטיווע „נידערס". מען קאָן זיך שטעלן צום קאָמוניזם, ווי מען וויל, מען קאָן אָבער נישט לייקענען זיין שעפערישן רצון. פאַרוואָס פאַרוואַנדלט ער זיך אויף דער אידישער גאַס אין גאָלע אומפּרוכטבאַרקייט.

6. דער ציוניסטישער קאָנגרעס.

דעם רוף, אַוועק׳ און אַרויסצוגיין פון אַלע דעמאָקראַטישע אידישע פאָלקס־אַנשטאַלטן, אָט די נייע פאָרם פון פּסעוודאָ־ראַדיקאַליזם און נאַציאָנאַלער ליקווידירונגס־פּאָליטיק, איז, ווי מיר האָבן געוויזן, נישט נאָר אַ סכנה פאַר דער אָרגאַניזירונג פונם אידישן לעבן; זי איז סותר אַפילו דעם קאָמוניסטישן שטאַנדפונקט, ווי ער קריסטאַליזירט זיך איצט אויס, בנוגע די אַנשטאַלטן פון דער דעמאָקראַטיע ביזן פולן נצחון פונם אַרבעטער־קלאַס. אָבער די שטעלונג האָט די מעלה פון קאָנסעקווענץ. אין לנו חלק ונחלה! איש לאהליך ישראל! אויב אַוועק, איז פון אומעטום. דערפאַר איז ווייניקער קאָנסעקווענט די עלטערע פאָרם פונם פּסעוודאָ־ראַדיקאַליזם אין אונזער באַוועגונג — די קעגנערשאַפט צו דער פאַרבינדונג צווישן דעם פּועלי־ציון־פאַרבאַנד און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מען איז מתיר דאָס צוזאַמענזיצן מיט דער אידישער בורזשואַזיע אין קהלות, נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונגען און פאַרשיידענע קאָנגרעסן — עמיגראַציע־קאָנגרעס, אַלוועלטלעכע הילפס־קאָנפערענצן, אידישער וועלט־קאָנגרעס. מען פּסקנט אָבער אַלס טרפה שבטרפה צו באַגעגענען זיך מיט איר ביי אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. אָן ספק, דוקא אין דער פראַגע איז די מחלוקת אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג אַם שטאַרקסטן און די סכנה פאַר דער גאַנצקייט פונם וועלט־פאַרבאַנד אַם גרעסטן. די „קאָנגרעסיסטן״ האָבן יאָרנלאַנג געלאָזן אָנגיין אָט די כלומרשט ראַדיקאַלע אַגיטאַציע כמעט אָן אַ פּרואוו צו דערקלערן זייער שטאַנדפונקט די חברים אין מזרח־אייראָפּע. אין דער אייגענער צייט האָבן די „אַנטי־קאָנגרעסיסטן״ געהאַט אַ לייכטע אַרבעט. וואָרום פּסיכאָלאָגיש איז די קעגנערשאַפט צו וואָסער עס איז שידוך מיט די ציוניסטן נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך. די „אַלגעמיינע״ ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער בהסכם מיט זייער סאָציאַלער צוזאַמענזעצונג אַנטוויקלט אַלץ דייטלעכער צו פּאָליטישע פּאַרטייען פון דעם אידישן מיטעלן און קליינעם בירגערטום. דער „אַלגעמיינער״ ציוניסט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער בירגערלעכער ציוניסט. קיין סאָציאַליסט, בפרט אַ מאַרקסיסטיש־געשולטן, האָט דאָס נישט געקאָנט און נישט באַדאַרפט איבערראַשן. וואָרום מיר האָבן קיינמאָל נישט געקענט קיין ציוניזם מחוץ פון דער קלאַסן־גלידערונג פונם אידישן פאָלק און האָבן אַליין באַגריסט די דאָזיקע אַנטוויקלונג. אָבער אין דעם אָרטיקן פּאָליטישן קאַמף צווישן אונז און די ציוניסטן האָט זיך אָנגעקליבן גענוג פאַרביטערונג און פיינטשאַפט, און ס׳איז געווען קינדערלייכט איבערצוטראָגן די געפילן פון קעגנערשאַפט אויך אויף דער פראַגע פון אונזערע באַציאונגען צו די ציוניסטן אין דער ארץ־ישראל־אַרבעט.

אָט שרייבט ח׳ עריק אין זיין אינטערעסאַנטן אַרטיקל אינם „אַרבייטער־וואָרט״ (נום. 18). ער האַלט אונז, זעט אויס, פאַר גרויסע תמימים, וועלכע מען דאַרף ערשט דערציילן, אַז די „ציוניסטן זיינען די מאָדערנע

פאַרטיי פון דער קעגנוואַרט און צוקונפט פון דער אידישער בורזשואַזיע״? אַז זיי נעמען אַרום „דעם רוב מנין פון דעם אידישן בעלי־בתישן המון״. טאָ ווי קאָנען מיר שטעלן זיך צו איין און דערזעלבער אָרגאַניזאַציע אין פאַרשיידענע קאַמפּס־פּאָזיציעס? דער אידישער אַרבעטער „קאָן נישט צו די ציוניסטן אין גלות־פראַגן באַציען זיך אַזוי, און אין פּאַלעסטינע־פראַגן — אַנדערש״. דער אַפּעל צו „מאָניזם״ ווירקט שטענדיק אויף אידן, די איינגעפליישטע מאָניסטן־דאָגמאַטיקער. ח׳ עריק איז אַזוי פאַרליבט אין זיין קאָנסטרוקציע, אַז ער באַמערקט גאָרנישט, אַז נישט די „קאָנגרעסיסטן״ זיינען „דואַליסטן״, נאָר טאַקע ער אַליין, אָדער די מערסטע „מאַרקסיסטישע״ קאָנגרעס־קעגנער. וואָרום ווי באַציען זיך דען די פּועלי־ציון אין רוסלאַנד, פּוילן וכו׳ צו די ציוניסטן אין די גלות־פראַגן: זאָגן זיי זיך אָפּ, צו זיצן מיט זיי צוזאַמען אין אַלגעמיין אידישע אַנשטאַלטן, זיינען זיי נישט געגאַנגען מיט זיי צו די אידישע קאָנגרעסן?

אָבער קערן מיר זיך אום צו די סבות פונם אַנטיקאָנגרעסיזם. אין דער אייגענער צייט האָבן געמוזט ווערן אַלץ שאַרפער די קאָנפליקטן צווישן אונז און די בעלי־בתישע ציוניסטן אין ארץ־ישראל גופא. זיי האָבן באַרייכערט דעם אַגיטאַציע־מאַטעריאַל אין חוץ־לארץ, בעת דוקא די פּועלי־ציון־פּאַרטייען, וואָס זיינען פּאַקטיש באַטייליקט אין דער ארץ־ישראל־אַרבעט, פירן איר אָן נישט נאָר מיט דעקלאַמאַטאָרישע רעזאָלוציעס און שטייען אין דעם דירעקטן קאַמף מיטן בירגערלעכן ציוניזם אין דער ישוב־אַרבעט, דוקא ביי דעם טייל פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג איז די אויפהאַלטונג פון דעם צוזאַמענהאַנג מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געוואָרן אַלץ מער אַן ערנסטע צוקונפטס־פראַגע.

די לייכטעסטע מלאכה צו „צושלאָגן״ אַ קעגנער איז פון תמיד אָן צו קאַריקירן זיין שטאַנדפּונקט. דערמיט הויבן טאַקע אָן די אַנטיקאָנגרעסיסטן, בפרט פונם נייעסטן פאָרמאַט. אָט שרייבט למשל דער „אַוואַנגאַרד״ (נומ. 7) פון דער „קאָנגרעסיסטישער״ שיטה. „זי וויל דעם ציוניזם אָפּגעבן דעם כבוד פון אַן איבערקלאַסן־אידעאַל, ד. ה. אַן אידעאַל, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע קלאַסן... און צוזאָגן אַלעמען אַ יעדן די איינציקע, גלייכע און אמתע באַפרייאונג... מהא טעמא איז די ציוניסטישע באַוועגונג פריי פון אלע קלאַסן־סתירות״. ווייטער ווערט דערציילט, אַז אונזער פּאַלעסטינע־פּראָגראַם „אַנטהאַלט אין זיך דעם קלאַסן־שלום אין ציוניזם״. נאָך די באַוואוסטע פאַרפאַלשונגען פון דעם שטאַנדפּונקט פון פיר וועלט־קאָנפערענצן ווערן דערציילט געוואַלטיקע נייעסן, פון וועלכע מיר האָבן נעבעך קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז די ציוניסטישע בורזשואַזיע איז פאַר פּריוואַט־אייגנטום און „פרייער״, ד. ה. וואָלוועלער אַרבעט, און נאָך אַזעלכע ניי־אַנטדעקטע אַמעריקעס. און צום סוף ווערט, מען מוז שוין זאָגן, אינסינואירט אַ „רעאַל־פּאָליטישער״ אַרגומענט פאַרן גיין צום ציוניסטישן קאָנגרעס. מיר מוזן „אין און מחוץ פּאַלעסטינע איינהאַלטן אַ מיטעלערע און געמעסיקטע ליניע״, מאַכן אַ פּאָליטיק בהסכם מיט דעם פּאַקט, אַז ענגלאַנד באַהערשט ארץ־

ישראל און קאָן אונדז שטערן רעאַליזירן דעם ציוניזם. מיר ווייסן נישט פון וואָס פאַר אַ וואָרט ס'איז געמאַכט אָט די דעמאַגאָגישע קוואָרט, אָבער אין דער פועלי-ציוניסטישער ליטעראַטור האָבן מיר אַזאַ אַרגומענטאַציע נישט געזען.

דער אמת איז, אַז קיינמאָל האָט נישט געהערשט קיין אומקלאָרקייט ביי די פועלי-ציון, וואָס זיינען פאַר דעם פאַרבלייבן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איבער די טיפע קלאַסן-סתירות אינם ציוניזם און אין דעם פּראָצעס פון זיין רעאַליזירונג. נאָך מער, דער היסטאָריקער פונם פועלי-ציוניזם וועט זיכער קאָנסטאַטירן, אַז דוקא די „קאָנגרעסיסטן" האָבן דעם גרעסטן חלק אינם אומברחמנותדיקן אויפדעקן פון דעם קעגנזאַץ צווישן די אינטערעסן פון די באַזיצנדע און באַזיצלאָזע אין דעם ישוב פון ארץ-ישראל. ווער עס האָט שטודירט די טעטיקייט פון אונזער פּראַקטיע ביי די ציוניסטישע קאָנגרעסן, מוז וויסן, אַז די פועלי-ציון האָבן אָן אויפהער דעמאַסקירט די נאַציאָנאַל-פאַררעטערישע ראָל, וואָס דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל, דער ריוח-דורשט פון די פאַרמעגנדע קלאַסן שפּילט אין דער ארץ-ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע. מיר האָבן נאָכאַנאַנד אָנגעוויזן אויף דעם אַנטי-נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער בעלי-בתּישער ישוב-פּאָליטיק, וואָס שאַפט נישט קיין אַרבעטס-פּלאַץ פאַר אידישער אַרבעט און טראָגט קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע אין די אַראַבישע דערפער. מיר זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דער כלומרשט סאָציאָלאָגישער טעאָריע, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ חילוק צווישן „אַלט" און „יונג" און אויפגעקלערט די ציוניסטישע מאַסן איבער די אמתע קלאַסן-אינטערעסן און קלאַסן-סתירות, וואָס באַהערשן די פּראָבלעמען פון ארץ-ישראל. אויב מען ווייסט היינט אינם ציוניזם, אַז ס'איז דאָ אַ פּראַגע פון פּריוואַטן און נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, אַ פּראַגע פון אידישער אַרבעט, ריכטיקער פון אידישער אַרבעטסלאָזיקייט אין דעם „אידישן" ישוב, קורץ, אַז ס'איז פאַראַן אַ גרויסער קריזיס פון דער קאָלאָניזאַציע, געבויט אויף קאַפּיטאַליסטישע פּרינציפּן און פּריוואַטן אייגנטום — אויב מען ווייסט דאָס שוין אין דער אידישער עפנטלעכקייט און די פּראָבלעמען עגבערן אין די מחות, איז דאָס דער אויפטו פון די פּועלי-ציון, וואָס שטייען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ווייל די פּועלי-ציון, וואָס האָבן אָנגעוואוירן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן קאָנטאַקט מיטן ציוניזם, האָבן פּאַקטיש אָנגעוואוירן אויך דעם קאָנטאַקט מיט דער ארץ-ישראלדיקערווירקלעכקייט, און וואָס ס'איז נאָך וויכטיקער, ווייל אונזערע אַנטי-קאָנגרעסיסטן, וואָס רעדן פון אונזערע אילוזיעס בנוגע דעם בירגערלעכן ציוניזם, האָבן פּאַקטיש אַ גאָר גרויסן דרך-ארץ פאַר זיין פעאיקייט אויפצובויען אַ אידיש ארץ-ישראל, פאַר דער „שאַפנדער ראָל" פון דער בורזשואַזיע אין דער רעאַליזירונג פונם טעריטאָריאַליזם. דוקא די פּועלי-ציון, וואָס גייען צו ציוניסטישע קאָנגרעסן, האָבן אָנגעווענדעט די מעטאָדן פון דער סאָציאַליסטישער קריטיק כלפּי דער ציוניסטישער אַרבעט און צעאַנאַליזירט אירע טרייבנדע כחות פונם פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט.

אז דער וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון האָט ביי זיין צווייטער וועלט קאָנפערענץ אין 1919 באַשלאָסן צו בלייבן אין אַ פעדעראַטיווער פאַר־בינדונג מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז ער דערמיט טריי גע־בליבן דעם שטאַנדפונקט פון די רוסישע פועלי־ציון, ווי ער איז, למשל, פאָרמולירט אינם פּאַרטיי־פּראָגראַם פון 1905. „דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם אָנערקענט פאַר ווירקלעך נאָר יענע וועגן צו דער רעאַליזירונג פונם ציוני־זם, וועלכע זיינען צוזאַמענגעבונדן מיטן פּרינציפּ פונם קלאַסנקאַמף און מיט דער פּראָגרעסירנדער דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט אין גלות ווי אויך אין א״י. די רוסישע חברים האָבן בהסכם מיט דעם פּרינציפּ אַזוי פאָרמולירט זייער שטעלונג צו די אַלגעמיין ציוניסטישע אינסטיטוטן.

1) דער פּראָלעטאַרישער ציוניזם געפינט פאַר נויטיק צו קאָאָרדינירן זיין טעטיקייט מיט דעם בורזשואַזן ציוניזם אין די פראַגן, וועלכע זיינען שייך צו רעאַלער אַרבעט אין פּאַלעסטינע, נאָר מיטן תנאי, אַז ער זאָל אויף זיך נישט נעמען קיין אחריות פאַר אַזעלכע מעשים, וועלכע ווידער־שפּרעכן דער פּראָלעטאַרישער טאַקטיק...

2) די פּראָלעטאַרישע ציוניסטן נוצן אויס זייער אָנטייל אין קאָנגרעס צוליב קאָנטראָלירן די ערפאַרונגען אין א״י, צוליב דעמאָקראַטיזירן די נאַציאָנאַלע אונטערנעמונגען אין דעם לאַנד און אויך צוליב דער פּאָליטי־שער ערציאונג פון דעם אַלוועלטלעכן אידישן פּראָלעטאַריאַט.

3) די פּאַרטיי איז אינגאַנצן זעלבשטענדיק און נישט אונטערגעוואָרפן דעם קאָנגרעס אין אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אָרגאַניזירונג פונם פּראָלעטאַריאַט און צו זיין קלאַסנקאַמף סיי אין גלות סיי אין פּאַלעסטינע.

מיר ווילן נישט זאָגן, אַז די פאָרמולירונג באַפרידיקט אונז איצט אינגאַנצן, און נאָך ווייניקער קאָנען מיר עס זאָגן פון דער באַגרינדונג, ווי זי איז געגעבן אין דעם פּראָגראַם און פון באָראָכאָוו אין „אונזער פּלאַטפאָרם״. אָבער דער געדאַנק איז ריכטיק, אַז די טעטיקייט פונם פועלי־ציוניזם אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געפינט זיך אויף דער ליניע פונם פּראָלעטאַרישן קאַמף.

געוויס קומען די פאַרשיידענע קלאַסן אַרויסגייענדיק פון פאַרשיידענע אינטערעסן צו דער ציוניסטישער פאַרענטפערונג פון אונזער נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. אודאי שטעלן זיי זיך פאַרשיידן פאָר דעם וועג צו אַ אידישער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל. יעדער האָט זיינע קלאַסן־מאָטיוון און יעדער זיין קלאַסן־פּערספּעקטיוו. יעדער קלאַס וויל בויען א״י בצלמו ובדמותו. אָבער דעריבער הערט נישט אויף דער ציוניזם צו זיין אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס וויל פאַרענטפערן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע נויט פון אַ גאַנצן פאָלק. נישט קוקנדיק אויף אַלע קלאַסן־סתירות, בלייבט די בשותפותדיקע פאַראינטערעסירטקייט פון אַלע פאָלקסטיילן אין אַן עקאָנאָמיש, קולטורעל און פּאָליטיש געזיכערטער און פרייער אידישער געזעלשאַפט אין ארץ־ישראל. דערביי שטרעבט די ציוניסטישע באַוועגונג נישט נאָר צו

באַפרייען אַן אונטערדריקט פאָלק, נאָר צו באַשאַפן אַ נייעם פאָלקס-ישוב. דער ציוניזם איז אַ געזעלשאַפטס-בילדנדע, מלוכה-בויענדע באַוועגונג.

זי איז קודם מעגלעך נאָר אויפן יסוד פון פרייער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו און שאַפט דעריבער פרייוויליקע אָרגאַנען. אָבער דערמיט אונטערשיידן זיך נישט די אינסטיטוטן פון דעם ציוניזם פּרינציפּיעל פון אַנדערע אינסטיטוטן און אָרגאַנען פון נאַציאָנאַלן לעבן. אין זיי קומט צום אויסדרוק די געמיינזאַמע פּאַראינטערעסירטקייט אין באַשטימטע פּרייע פאָרמען פונם נאַציאָנאַלן לעבן, אין זיי שפּילט זיך אויך אָפּ דער קאַמף פון די קלאַסן און פּאַרטייען פאַר דער אָנפירונג אין דער נאַציאָנאַלער אַרבעט און פּאָליטיק. נישט אין דעם צופאַלן זיך פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס קומט צום אויסדרוק דער קעגנזאַץ פון די קלאַסן-אינטערעסן, דער צוזאַמענשטויס פון די אַנטקעגנווירקנדע כחות. נאָר אין דעם קאַמף פאַר דער שליטה איבער די אינסטיטוציעס. נאָר אין דער תקופה פונם בירגערקריג צופאַלן זיי זיך.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז נישט דער בירגערלעכער ציוניזם, נאָר דער אינסטרומענט, דורך וועלכן די אידישע בורזשואַזיע פּרובירט צו ווערן דער אָנפירנדער כח אין דער שאַפונג פון אַ אידישער ארץ-ישראל. אָן אַ דעמאָקראַטישער פאָלקס-באַוועגונג קאָנען נישט מאָביליזירט ווערן די פאָלקס-כחות פאַר ארץ-ישראל. די כחות זיינען אַרבעט, קאַפּיטאַל און די נאַציאָנאַלע קרבנות-גרייטשאַפט. די פראַגע פון אַרבעט אינטערעסירט די בורזשואַזיע ווייניקער, ווייל איר אינטערעסירט דער מקח פון דער אַרבעט מער ווי איר נאַציאָנאַליטעט. אָבער אויך זי מוז האָבן די מאַטעריעלע כחות פון די פאָלקסמאַסן, ווייל אַפילו די מיטעלע אידישע בורזשואַזיע, בפרט נאָך דעם מלחמה-חורבן, קאָן נישט קאָלאָניזירן ארץ-ישראל מיט אייגענע קאַפּיטאַלן. זי מוז האָבן נאַציאָנאַלע פינאַנץ-אינסטיטוטן, פאָנדן, הלוואות. דעריבער מוז אויך דער בירגערלעכער ציוניזם אַפּעלירן צו די ברייטע אידישע מאַסן. די פאָלקס-קאַפּיטאַלן קאָן מען אָבער נישט קריגן אָן די מאַטעריעלע כחות פון אַן אידעע, אָן דער התלהבות פונם פאָלק, וואָס זעט אינם ציוניזם זיין אייגענע באַפרייאונג. אָן דער באַגייסטערונג קאָן מען אויך נישט געווינען און דערהאַלטן די סימפּאַטיעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט, אָן וועלכע דער ציוניזם קאָן קוים גובר זיין זיינע שוועריקייטן. דעריבער זאָגט זיך אויך די ציוניסטישע בורזשואַזיע נישט אָפּ פון די דעמאָקראַטישע פאָרמען פונם ציוניזם, זי גייט איצט נאָך ווייטער און איז גרייט צו אקצעפּטירן אַ אידישן וועלט-קאָנגרעס. אויף דעם באָדן אָבער קאָן דער אידישער אַרבעטערקלאַס זיכערן זיך אַ שטאַרקע קאַמפּס-פּאָזיציע. ער איז דער וועכטער פון דעם סאָציאַלן תוך פונם ציוניזם, וועלכן אונזערע בעלי-בתים זיינען נוטה צו פאַרפאַלשן. דורך שטענדיקער קריטיק און אויפקלערונג פון די ברייטע פאָלקסמאַסן, וואָס זיינען דער יסוד פונם ציוניזם און זיינען פאַרבונדן מיטן פּראָלעטאַריאַט דורך אַ בשותפותדיקן אַרבעטס.

אינטערעס אין א"י, קאָנען די פּועלי-ציון צווינגען די ציוניסטישע באַוועגונג צוצופּאַסן אירע ישוב-מעטאָדן אַלץ מער צו די באַדערפעניש פון דער מערהייט פונם פאָלק, פון די מאַסן, וואָס לעבן פון זייער פּראַצע, און נישט צו ווערן אַן אינסטרומענט פון די באַזיצנדע עלעמענטן. דורך דער טעטיקייט פון די פּועלי-ציון ביי די ציוניסטישע קאָנגרעסן, ביי דער וואַל-אַגיטאַציע א. אַ. וו. ווערט אויפגעטאָן אַ גרויסע ערציערישע און אָרגאַניזירנדיקע אַרבעט. אין דער אייגענער צייט קריגן מיר אַליין אַ טיפערע און בעסערע השגה פון דעם קאָלאָניזאַציע-אַפּאַראַט פונם ציוניזם, פון די אַדמיניסטראַטיווע, טעכנישע, פינאַנציעלע און פּאָליטישע מעטאָדן פון די בורזשואַזע ציוניסטן, קליבן וויסן, ערפאַרונגען און פ ע א י ק ײ ט ן, א י ב ע ר צ ו נ ע מ ע ן ד י פ י ר ו נ ג פון דער ציוניסטישער אַרבעט, ווען די צייט וועט זיין רייף דערפאַר.

7. קלאַסנקאַמף אין קאָנגרעס און פּאַרלאַמענט.

מען וואַרפט אונז געוויינטלעך אויף, אַז מיר פאַרגלייכן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס מיט אַ פּאַרלאַמענט. דאָס האָבן די „קאָנגרעסיסטן" קיינמאָל נישט געטאָן. מיר ווייסן גאַנץ גוט דעם חילוק צווישן דער פאָלקספאַרטרעטונג פון אַ מלוכה-פאָלק און דער פאַרטרעטונג פון אַ פאָלק, וואָס שטרעבט ערשט צו אַ מלוכה-לעבן. אָבער מיר האָבן יאָ פאַרגליכן דעם אַנטיקאָנגרעסיזם מיטן אַנטי-פּאַרלאַמענטאַריזם. נעמען מיר צ. ב. פאָלגענדע ווערטער פון אַן אַרטיקל אינם ווינער זשורנאַל „קאָמוניזם" (נומ. 17—16, מאַיהעפט): „דאָס פּאַרלאַמענט (איז) אַן איינריכטונג, וואָס פאַרטונקלט דעם מאַסנבאַוואוסטזיין, ווייל עס א י י נ י ק ט — ווען אויך כלומרשט צום קאַמף — דעם פּראָלעטאַריאַט און די בורזשואַזיע אויף אַ פּשרה-באַזיס". אַלס אַ „קאַמפּס-מיטל, וואָס פאַרווישט לויט זיין כאַראַקטער", געפינט עס זיך אין אַ סתירה „צו דעם קלאָר מאַכן פון די קלאַסן-קעגנזאַצן". שטעלט מען אַריין אָנשטאָט דעם וואָרט „פּאַרלאַמענט" דאָס וואָרט „ציוניסטישער קאָנגרעס" און מיר האָבן פאַר אונז דעם נוסח פון דער אַנטי-קאָנגרעסיסטישער טעאָריע. דער קאָנגרעס פון אַ פרייוויליקער פאָלקס-אָרגאַניזאַציע, וואָס קומט צונויף אויף איין וואָך איינמאָל אין אַ יאָר אָדער צוויי, וואָס נעמט נישט אָן קיין געזעצן, איז נישט קיין פּאַרלאַמענט, אויך נישט קיין נאַציאָנאַלער סיים. אָבער די אויפגאַבן פונם אַרבעטערקלאַס אין אַזאַ קערפּערשאַפט, זיינען גראָד די אויפגאַבן פון די סאָציאַליסטן אין פּאַרלאַמענטן און נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן.

מיר מיינען, אַז די דאָזיקע מעטאָדן זיינען דורכאויס צוזאַמענגעבונדן מיטן פּרינציפּ פונם קלאַסנקאַמף, און ביים לייענען פון דער נייעסטער דיסקוסיע אינם קאָמוניסטישן לאַגער איבער דעם ווערט פון אָנטיילנעמען אין פּאַרלאַמענטן האָבן מיר נישט געפונען קיין אַנדערע אָדער בעסערע

ארגומענטן פארן פארלאמענטאריזם פונם סאציאליסטישן שטאנדפונקט, ווי אונזערע ארגומענטן פארן גיין צום ציוניסטישן קאנגרעס.

יא, וועט מען זאגן, אבער דער קאמף אינם פארלאמענט האט א ממשותדיקן יסוד, דעם כח פונם פראלעטאריאט אין דער ווירטשאפט פונם לאנד און אויף דעם גאס. אמת. אבער אויך דער קאמף פונם ארבעטער-קלאס אינם ציוניזם הענגט נישט אין דער לופט. ער שטיצט זיך אויף דער עקאנאמישער אומעטבערלעכקייט פונם אידישן ארבעטער, ד. ה. אויף דעם פאקט, אז מען קאן זיך אן אים נישט באגיין, אן זיין ארבעט נישט בויען קיין אידיש ארץ-ישראל. דערצו קומט די השפעה אויף דער אידישער עפנטלעכער מיינונג, ד. ה. איינווירקונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי אויף די צווישנקלאסן, צוליב דער נאנטקייט פון די עקאנאמישע אינטערעסן. און צום סוף איז אויך א מקור פון קראפט פארן ארבעטערקלאס אינם ציוניזם זיין אינטערנאציאנאליטעט, די באנדן פון פראלעטארישער סאלידאריטעט, וואס פארבינדן אים מיט דער אויפגייענדער מאכט פון דער וועלט — מיטן וועלט-פראלעטאריאט. דאס איז דער באזיס פון אונזער קאמף אויף ציוניסטישע קאנגרעסן, אינם ציוניזם בכלל, און דער יסוד ווערט אלץ רעאלער, וואס אינטענסיווער עס ווערט דאס אידישע לעבן אין ארץ-ישראל, וואס גרעסער דער ישוב. דאן ווערן די עלעמענטן פון אונזער קאמפס-שטעלונג פארשטארקט דורך דעם רעאלן עקאנאמישן כח פונם ארבעטער אין דער אידישער ווירטשאפט פון ארץ-ישראל. פון דער אנדערער זייט וואקסט אונזער כח מיט דער שטארקייט פון די אידיש-פראלעטארישע פאזיציעס אין די דעמאקראטישע אנשטאלטן פון דער אידישער נאציאנאלער אויטאנאמיע אין אלע לענדער.

אונזער קאמף אינם ציוניסטישן קאנגרעס האט, פארשטייט זיך, זיינע גרענעצן. ווי עס האט זיינע באגרענצונגען דער קלאסנקאמף פונם אידישן ארבעטערקלאס אין די נאציאנאלע אינסטיטוטן בכלל. באראכאוו האט אין „אונזער פלאטפארם" אנגעוויזן אויף דעם, אז די „הסרונות פון דער סטראטעגישער באזע פונם אידישן פראלעטאריאט מוזן זיך... אפשפיגלען אויפן סיים". ער ענטפערט די סיימיסטן, וועלכע טענהן, שפאטנדיק פונם ציוניסטישן קאנגרעס, אז אינם קאנגרעס איז נישט מעגלעך קיין קלאסנקאמף, דערפאר אינם סיים וועט דער קלאסנקאמף באקומען א ברייטן פלאץ. באראכאוו ווייזט אן, אז בעת דער אידישער ארבעטער איז פארנומען אין קליינער פראדוקציע, עקספלואטירט דער אידישער גרויס-בורזשואז נישט-אידישע ארבעטס-כחות. „פונקט ווי אינם לעבן, אויסער די ווענט פונם סיים, וועט אויך אינם סיים די אידישע גרויסע בורזשואזיע פארבלייבן אומצוגענגלעך פאר די אנפאלן פונם אידישן באוואוסטזיניקן ארבעטער". (דארט. ז. 60).

באמתן, איז דער פאקט צו ווייניק באקלערט געווארן, אז נאר צווישן דעם פאליטישן קאמף פונם פראלעטאריאט אין דער מלוכה און זיין עקאנאמישן קלאסנקאמף באשטייט א דירעקטער צוזאמענהאנג. זיי שטיצן

איינער דעם אַנדערן, ווייל דאָס פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבן פון אַ שטאַט, פון אַ טעריטאָריע, העגגען צוזאַמען. אָט דער דירעקטער צוזאַמענהאַנג באַשטייט אָבער נישט צווישן דעם עקאָנאָמישן קלאַסנקאַמף פון אידישע ארבעטער און זייער פּאָליטישן קאַמף אין אַ נאַציאָנאַלן סיים. ווייל זיינע פּאַרטיי-קעגנער אין דער נאַציאָנאַלער אַנשטאַלט זיינען נאָר צום טייל אידענטיש מיט זיינע עקאָנאָמישע קלאַסן-קעגנער.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן איז אָרגאַניזירט טעריטאָריאַל, דאָס אידישע לעבן איז עקסטעריטאָריאַל. וואָס ווייניקער לאָקאַל, וואָס אַלגעמיין נאַציאָנאַלער די אידישע אַנשטאַלטן זיינען, אַלץ ווינציקער דעקן זיך די עקאָנאָמישע מיט די פּאָליטישע כלי-זיין. דעריבער זעט אויס בלאָס און ווייניק רעאַל דער פּראָלעטאַרישער קלאַסנקאַמף אין אַלע אידישע אַנשטאַלטן. דעריבער אָט די אומזיכערקייט אין דער שטעלונג פון די אידישע ארבעטער-פּאַרטייען צו די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס פון אונזער כלל-לעבן, דער-פון די נטיה איבערצורייסן דעם דינעם פאָדים, וואָס פאַרבינדט זיי.

אָט די אַלגעמיינע שוואַכקייט פון אונזער סאָציאַלן בוי און לעבן מוזן האָבן אין זינען די אַלע, וואָס רעדן פון דער „אומפּרוכטבאַרקייט" פון אונזער קאַמף אויף ציוניסטישע אָדער אידישע קאָנגרעסן בכלל. זיי פאַרבייטן דעם קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט אין אַ פּאַרטיקער ווירטשאַפט און מלוכה מיט דעם קאַמף ביי דעם אויפבוי פון אַ נייער ווירטשאַפט און מדינה. זיי פאַרגעסן זייער אייגענע תורה פון די חסרונות פון דער סטראַטעגישער באַזע און די אַלגעמיינע אומפּרוכטבאַרקייט פונם ציוניזם אין פריערע יאָרן.

אַז מיר באַווייזן די מעגלעכקייט פאַרן אידישן ארבעטערקלאַס, אריבערצוציען אויף זיין זייט גרויסע אידישע פאָלקסמאַסן און אַרויסרייסן אויף אַזאַ אופן די פירונג פונם ציוניזם פון די הענט פון דער בורזשואַזיע, פאַרדרייט מען אונזערע רייד מיט דער משונהדיקער טענה, אַז מיר ווילן „מאַכן סאָציאַליסטיש די בורזשואַזיע", אָדער אַז מיר לעבן אין דעם טעות, אַז די אידישע בורזשואַזיע „וועט פאַרראַטן אירע קלאַסן-אינטערעסן". מיר האָפן על כל פנים, אַז ס'איז אונז געלונגען צו צורייסן דעם קנויל פון דעמאַגאָגיע, מיט וועלכער ס'איז געוואָרן אַ מאָדע צו אָפּעררירן אין דער פראַגע. מיר קאָנען זיך אָבער נישט אָפּהאַלטן צו ציטירן ביי דער געלעגנהייט ווידער די רוסישע פועלי-ציון: „די פּראָלעטאַריש-ציוניסטישע פּאַרטיי (פאָרמולירט) אירע פאָדערונגען צו דער טאַקטיק און צו די אינסטיטוטן פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אַלס אַזעלכע פאָדערונגען, וועלכע מוזן פריער אָדער שפּעטער אָנגענומען ווערן פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע, ווען דאָס לעבן וועט זי נויטיקן צו פאַרשטיין אירע אייגענע אינטערעסן". מיר גייען גאָרנישט אַזוי ווייט, מיר ערוואַרטן נישט קיין הנחות מצד דער בורזשואַזיע, ווייל „אירע אייגענע אינטערעסן" זיינען נישט די אינטערעסן פונם ציוניזם. מיר זעען אינם ציוניזם, גראָד ווי אין דעם אידישן פאָלק בכלל, נישט נאָר פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע, נאָר אויך

די גרויסע אַרבעטנדע, דער פּראָלעטאַריזירונג און פּראָדוקטיוויזירונג באַנטע, צווישן-מאַסן. מיר האָבן שוין באַרירט די זייט פונם פּראָבלעם ביי דער פראַגע פונם אידישן וועלט-קאָנגרעס.

8. פּרייוויליקע און מלוכה-אַנשטאַלטן

גוט, הערן מיר זאָגן, עס קאָן זיין, אַז דער קאַמף פון די אַרבעטער-פּאַרטרעטער אינם ציוניזם איז נישט ווינציקער קלאַסנקאַמף ווי די טעטיקייט פון סאָציאַליסטן אין אַנדערע פּאַרלאַמענטאַרישע קערפּערשאַפטן. אָבער איין חילוק איז דאָך נישט צו לייקענען. דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז אַ פּרייוויליקע אינסטיטוציע אָן געזעץ-קראַפט, די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אַנשטאַלטן (ווי פּאַרלאַמענטן) זיינען מלוכה-אינסטיטוציעס מיט צוואַנגס-קראַפט. קריגן מיר די מערהייט אין זיי דאַן וועלן מיר האָבן שפּעטער דער שכר אין אונזער הערשאַפט איבער דער בורזשואַזיע. אין אַ ציוניסטישן קאָנגרעס העלפט אונז אויך קיין מערהייט נישט, די בורזשואַזיע וועט זיך נישט אונטערוואַרפן און אַרויסגיין. ווי דאַן ?

שוין דער אויסגאַנגספּונקט פון דער טענה האַלט נישט אויס קיין לאָגישע קריטיק. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין דעם לויף פון אונזערע באַטראַכטונגען, אַז מען קאָן אין דעם אידישן לעבן גאָרנישט ציען קיין גרענעץ צווישן די צוויי טיפּן אינסטיטוציעס. פּאַקטיש האָבן מיר כמעט אין ערגעץ נישט קיין נאַציאָנאַלע פּאַרטרעטונגס-קערפּערשאַפטן מיט צוואַנגס-קראַפט. אַפילו די פּאָר קהלות, וואָס באַשטייען שוין יאָ, זיינען דערווייל ריין רעליגיעזע אַנשטאַלטן. מיר מוזן אומעטום ערשט פּאַרלאַנגען די שאַפונג פון נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגס-אָרגאַנען אויף דעמאָקראַטישע יסודות. נאָך מער — מיר מוזן זען צו שאַפן דורך פרייען צוזאַמענבונד פּאַרטיקע פּאַקטן אין אונזער פּאָלקסלעבן, כדי לייכטער צו דערגרייכן די מלוכה-סאַנקציע. מען האָט אין רוסלאַנד און אוקראַינע געשאַפן קהלות, געקליבן גרינדונגס-אסיפות, נאָך איידער די מלוכה האָט אָנערקענט דורך געזעץ די נאַציאָנאַלע רעכט פון דער אידישער מינדערהייט. אָבער מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דער וועג צו דער מלוכה-אָנערקענונג גייט דורך דעם פרייוויליקן צוזאַמענבונד.

פרעגט זיך, וועלכער חילוק איז צווישן דעם פרייוויליקן צונויפבינדן זיך מיט נישט-פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין אַ פּאָלקס-אָרגאַניזאַציע און דעם פרייוויליקן פּאָדערן פון דער מלוכה, אַז זי זאָל אונז צווינגען צונויפבינדן זיך ? ס'איז קלאָר, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד. די צוואַנגס-אינסטיטוציעס זיינען אין זייער באַשאַפונגס-תקופה געווען פרייוויליקע. פּאַרקערט, פרייוויליקע אָרגאַניזאַציעס קאָנען זיך אַנטוויקלען צו צוואַנגס-אָרגאַנען.

שוין באָראָכאָוו האָט אָנגעוויזן אויף אַזאַ אַנטוויקלונג פון פרייוויליקע

צו „סאַנקציאָנירטע" אינסטיטוטן און וואָס ס'איז באַזונדערס ווייטזיכטיק, ער האָט פּאָראויסגעזען די מעגלעכקייט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט קריגן אַ געוויסע רעכטלעכע אָנערקענונג. ער שרייבט אין „אונזער פּלאַטפאָרם" (ז. 113): „די סיימיסטן, וואָס האָבן דערפירט דעם טעריטאָ־ריאַליסטישן אוטאָפּיזם ביזן סוף, ווילן גאָרנישט וויסן וועגן דער ראָל פון דער פרייער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו. צווינגען, דאָס איז זייער פילאָזאָפישער פּרואוו־שטיין... פאַרשטייט זיך, אַז אַן אָפיציעלע סאַנקציע פונם פאַרבאַנד איז נוצלעך, זי גיט אים צו אַ מער אָרגאַניזירטן כאַראַקטער. נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ, און אויך אָן דעם קאָן מען זיך באַגיין. די סאַנקציע איז נישט נויטווענדיק כאָטש זי איז *נוצלעך*. אין אונזערע וואונטשן שטעלן מיר אויך אַרויס די *אינטערנאַציאָנאַלע לעגאַליזירונג פונם ציוניזם*, און רעכענען, אַז די עקזיסטירנדע פּאַראינטערעסירטקייט פון די אַרומיקע פעלקער אין דער ראַדיקאַלער לעזונג פון דער אידנפראַגע, וועט פריער אָדער שפּעטער ברענגען צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער לעגאַליזירונג פונם ציוניזם". פּופּצן יאָר נאָך דעם, ווי דאָס איז געשריבן געוואָרן, שטייען מיר טאַקע פאַר דער מעגלעכקייט, אַז ביי דער אינטערנאַציאָנאַלער רעגולירונג פון דער פּאָזיציע פון ארץ־ישראל זאָל די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע קריגן באַשטימטע פונק־ציעס און רעכט אין דער ישוב־אַרבעט, וואָס גיבן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אַ געוויסע אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענטע קאָמפּעטענץ. ס'קאָן זיין, אַז די רעכט זאָלן שפּעטער איבערגיין צו אַן אַלגעמיינעם אידישן קאָנגרעס. אָבער קיין פּרינציפּיעלער חילוק איז דאָ נישטאָ, ווייל אַ אידישער וועלט־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל איז גראָד אַזאַ פּריוויליקע אַנשטאַלט ווי דער ציוניסטן־קאָנגרעס, און עס בלייבט פאַר אונז אַ סוד גמור, ווי מען קאָן זיין פאַר אַ אידישן קאָנגרעס און קעגן דעם ציוניסטישן.

בלייבט די טענה וועגן דעם שפּעטערן קריגן אַ רוב. אויך זי צורינט ביי נעענטערער באַרירונג מיט דערווירקלעכקייט. קריגן די סאָציאַליסטן די מערהייט אין אַ נאַציאָנאַלן סיים, בעת אין דער מלוכה הערשט נאָך די בורזשואַזיע, קאָן מען זיך שוין פאַרלאָזן אויף די הערשנדע קלאַסן, אַז זיי וועלן נישט פאַרלאָזן זייערע אידישע פריינד און נישט אויסליפערן זיי אין די הענט פון די סאָציאַליסטן. די אידישע בורזשואַזיע וועט שוין געפינען אַ פאָרם אָדער אַ הינטערטירל (למשל, טאַקע די פאָרם פון רעליגיעזער אויטאָנאָמיע), כדי אַרויסצודרייען זיך פון דער פּריצייטיקער דיקטאַטור פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט. פאַרקערט, זאָלן מיר קריגן די מערהייט אינם ציוניסטישן קאָנגרעס, איז אונזער ערפאָלג נישט אַנולירט דורך אַ סאַבאָטאַזש מצד די ציוניסטן. דער ציוניסטישער קאָנגרעס הערט דעריבער נישט אויף צו זיין דער לעגאַלער בעל־הבית איבער אַ שורה וויכטיקע ישוב־אינסטי־טוטן — ווי בענק, נאַציאָנאַלפאָנד — וואָס קומען דאָך דאַן אין די הענט פון די פּועלי־ציון און זייערע פאַרבינדעטע; און אַפילו אין ענגלאַנד זאָל נאָך דעמאָלס הערשן די בורזשואַזיע, ווערן נישט אַזוי גיך בטל די אָפּמאַכן

צווישן ענגלאַנד און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בנוגע דער ארץ־ישראל־אַרבעט, נאָר באשר דער רעכטער פליגל איז אַרויס פונם קאָנגרעס.

פון וועלכער זייט מיר טרעטן צו צו דער פראַגע, באַשטעטיקט עס זיך, אַז עס באַשטייט אַ דייטלעכער פּאַראַלעליזם צווישן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע איינריכטונגען. ס׳איז נישטאָ קיין שום יסוד צו שטעלן זיך צום ערשטן אַנדערש ווי צו די לעצטע. און ס׳איז טאַקע צייט, אַז דער „דואַליזם״ זאָל נעמען אַ סוף. עס וואָלט געווען אַ משונהדיקע וועלט־פּרעמדקייט, אַז מיר זאָגן זיך אָפּ פון דער מעגלעכקייט משפּיע צו זיין אויף די אַרבעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דוקא אין דעם מאָמענט, בשעת די רעזאָלוציעס פונם קאָנגרעס קריגן אַ ממשותדיקע באַדייטונג פאַר דער ישוב־פּאָליטיק אין א״י, בשעת די רעגירונג פון פּאַלעסטינע־ענגלאַנד הויבט אָן צו באַטראַכטן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אַלס די לעגיטימע פאַרטרעטונג פון דעם ציוניסטישן פּאָלקס־ווילן. די אַנט־וויקלונג האָט גענומען דעם גאַנג, וועלכן מיר האָבן פאָראויסגעזען. וועלכן יסוד האָבן מיר זיך אָפּצוטרייסלען פון די רעזולטאַטן? דער אַרגו־מענט, אַז אונז געפעלט נישט דער נייער בעל־הבית פון א״י, אָדער זיינע אימפּעריאַליסטישע כוונות, איז דאָך נישט ווערט, ערנסט באַטראַכט צו ווערן. איז דער טערקישער רעזשים געווען פּראָגרעסיווער, האָבן מיר זיך צוליב אים אָפּגעזאָגט פון יעדער קאָאָרדינירטער אַקציע מיטן ציוניזם? בעת די רוסישע סאָוויעט־רעגירונג, וואָס שוועבט אין איר אויסערן־פּאָליטיק בשום אופן נישט אין וואָלקן, פאַרהאַנדלט מיט ענגלאַנד און וויל נושא ונותן זיין מיט אַלע אַליאירטע רעגירונגען, איז עס לעכערלעך פאַר אונז צו ציטערן איבער אונזערע פּאָליטישע בתולים און מורא צו האָבן צו גיין צום ציוניסטישן קאָנגרעס, ווייל דאָס קאָן פירן צו אַ פּאָליטישן קאָנטאַקט מיט אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען. דער קלאַסנקאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט באַשטייט נישט אין דעם, אַז ער פאַרמיידט דעם קאָנטאַקט מיט זיינע קעגנער.

9. ציוניסטישער אין אידישער וועלט־קאָנגרעס.

אָבער איז דער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס פאַרלאַנגט אַ פּאָליטישן אני־מאמין — די אָנערקענונג פונם באַזעלער פּראָגראַם — נישט קיין פּאַרטיי־קאָנגרעס, און האָבן מיר אַליין, פאַרלאַנגענדיק אַן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס, נישט מודה געווען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַנען זיינען נישט קיין אַלגעמיין אידישע? ס׳איז דאָך מערקווירדיק, אַז אַפילו די רו־סישע פּועלי־ציון, וועלכע ס׳האָט אין די רעוואָלוציע־יאָרן 1905—1907 זיכער נישט געפעלט קיין חוש פאַר קלאַסן־קריטיק, האָבן קיינמאָל נישט באַמערקט, אַז דאָס באַזעלער פּראָגראַם איז „בירגערלעך״. וואָרום וואָס איז אַ פּאַרטיי? די פּאָליטישע פאַרטרעטונג פון אַ קלאַס. איר פּראָגראַם איז אין תוך אַ קלאַסן־פּראָגראַם. זאָגט מען, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע (נישט אירע

איינצלנע טיילן) איז פּאַרטייאיש, דאַן מוז מען באַווייזן, אַז דאָס באַזונדער פּראָגראַם דריקט אויס די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אידישער בורזשואַזיע, און נישט אַ באַשטרעבונג פונם גאַנצן אידישן פאָלק. פאַר אַ בונדיסט, וואָס האַלט דעם ציוניזם אין עצם פאַר אַ בירגערלעכער אָדער קליינבירגערלע־כער באַוועגונג, איז אויך דאָס באַזונדער פּראָגראַם אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם. אָבער מיר וואָלטן פּאַרלייקנט אונזער גאַנצן קוק אויפן ציוניזם, אויב מיר גיבן צו, אַז די שאַפונג פון אַ אידישער ארץ־ישראל דורך דער אָרגאַניזאַ־טאָרישער, קאָלאָניזאַטאָרישער און פּאָליטישער אַקציע פונם אידישן פאָלק — וואָרום נאָר דאָס שטייט אינם באַזונדער פּראָגראַם — איז אַ פּאַרטיי־ציל, אַ בורזשואַזער קלאַסן־פּראָגראַם. אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אויף דער פרייער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו און דערצו מיטן ציל, צו ווערן אַן אינטערנאַציאָנאַל אָנערקענטער פאַקטאָר, מוז דאָך האָבן וואָס פאַר עס איז פאָרמולירונג פון איר ציל און אַ מיטל צו ציילן אירע אָנ־הענגער, צו בויען אירע פאַרטרעטונגס־אָרגאַנען. אויך צו נאַציאָנאַל־אויטאָ־נאָמע אינסטיטוציעס האָבן וואלרעכט נאָר די אידן, וואָס גיבן אָפּ אַן אני־מאמין, וואָס ערקלערן זייער צוגעהעריקייט צום אידישן פאָלק.

מיר זיינען פאַר אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס, ראשית, נישט פאַר ארץ־ישראל אליין. ער זאָל אויך אָנפירן אונזער געזעלשאַפטלעכע אַקציאָן אין דער עמיגראַציע־פראַגע, איבערנעמען די עקאָנאָמישע אויפבוי און איבער־בוי־אַרבעט אין די מלחמה־לענדער, זאָל קאָאָרדינירן אונזער קאַמף פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט אומעטום. אונזער צווייטער טעם איז, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז איבערגעוואַקסן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דער ציוניזם איז שוין אין אַזאַ מאָס אַ פאָלקס־זאַך, אַז די אָרגאַנען פאַר דער ארץ־ישראל־אַרבעט קאָנען געבויט ווערן נישט נאָר אויף רעגיסטרירטע אָנהענ־גער פונם ציוניזם, נאָר אויף דער אידישער פאָלקסמאַסע בכלל. ווייטער האַלטן מיר עס פאַר העכסט וויכטיק צו שאַפן אַן אָרגאַניזאַטאָרישע פאַר־בינדונג צווישן די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אידישע אָרגאַניזאַציעס אין גלות ווי אין א״י און דעם אַלגעמיין־אידישן אָרגאַן פאַר ארץ־ישראל. דאָס איז אָבער נישט גוט מעגלעך, אויב דער אָרגאַן בלייבט דער ציוניסטישער קאָנגרעס מיט זיין היינטיקן אָרגאַניזאַציע־יסוד. דאַן ווערט נויטיק אַן איבער־בוי אויף בערך גלייכע אָרגאַניזאַטאָרישע פּרינציפּן.

די פראַגע פון אונזער פאַרבלייבן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָלט פאַר אונז געוועזן אַקטועל, ווען עס באַשטייט שוין אַ אידישער נאַציאָ־נאַל־קאָנגרעס פאַר ארץ־ישראל, אָבער נישט פריער. ביז דאַן איז די עק־זיסטענץ פון אַ אידישער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע פאַר דער רעאַליזירונג פונם ציוניזם אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט.

פון די ביז איצטיקע באַטראַכטונגען רעזולטירט שוין ממילא אונזער ענטפער אויף אַזעלכע אַרגומענטן, ווי למשל, אַז די באַטייליקונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז אַ „קאָאַליציע מיט בורזשואַזע פּאַרטייען״ און אַז מיר „טראָגן די אחריות״ פאַר אירע מעשים, באשר מיר געהערן

איר אָן פרייווילּיק. אונטער אַ קאָאַליציע פאַרשטייט מען אין דער פאָליטיק אַ רעגירונגס-קאָאַליציע. דער אַרגומענט וואָלט נאָר דאַן געהאַט אַ זין, ווען מיר וואָלטן אַריינגעטרעטן צוזאַמען מיט בירגערלעכע ציוניסטן אין די אויספירנדע ציוניסטישע אָרגאַנען אויפן יסוד פון אַ נישט-סאָציאַליסטישער פשרה. דאָס האָבן מיר קיינמאָל נישט געטאָן און אפילו זיך אָפגעהאַלטן ביז אַהער פון אָנטייל אין קאָנטראָלירנדע און פאַרוואַלטונגס-אָרגאַנען, אויף וועלכע דער איסור איז נישט חל. האָבן מיר נישט קיין חלק אין דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער פאָליטיק, דאַן איז נישטאָ וואָס צו רעדן פון אחריות. קיין אָפאָזיציע איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ פאָליטיק, קעגן וועלכער זי קעמפט. מיר גייען צום ציוניסטישן קאָנגרעס נישט פון וואוילטאָג, נאָר גענויטיקט דורך די רעאַליטעטן פונם אידישן לעבן און פון ארץ-ישראל.

10. זעלבשטענדיקע קלאַסן-אַקטיוויטעט און ציוניזם.

א

די פראַגע פון אונזערע באַציונגען צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז ענג פאַרבונדן מיט דער השגה, וועלכע מען האָט פון איר ראָל אין דעם פראָצעס פון דער דורכפירונג פונם ציוניזם און פון אונזער זעלבשטענדיקער פראָלעטאַרישער אַקציע אין דעם פראָצעס. און דאָ שטויסן מיר זיך אָן אָן אַ מערקווירדיקער סתירה. מען האָט געקענט גלויבן, אַז די קאָנגרעס-קעגנער זיינען מבטל די קאָנסטרוקטיווע פעאיקייטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און לייגן אַלע האָפנונגען אויף די פראָלעטאַרישע קאָלאָניזאַציע-מעטאָדן. פאַרקערט, די „קאָנגרעסיסטן" האָבן באַדאַרפט זיין קנאַפע מאמינים אין די אייגענע כחות פונם אַרבעטער-קלאַס. לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז פונקט קאַפויער. ח' רעוואוצקי פראָבירט אפילו צו פאַרזען דעם זייער וויכטיקן פאַקט. ער טענהט, אַז די זעלבשטענדיקייט פון אונזער ארץ-ישראל-אַרבעט מאַכט איבעריק, אפילו שעדלעך, דאָס צושטיין צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מיט דער שאַפונג פונם פאַלעסטינע-אַרבעטער-פאָנד איז בטל געוואָרן די פריערדיקע פאָזיטיווע באַציאונג פון די רוסישע פועלי-ציון צום ציוניסטישן קאָנגרעס. אין יאָר 1907 האָט מען נאָך געמוזט גיין אַהין! ווייל דער פועלי-ציוניזם האָט נאָך נישט געהאַט געפונען זיינע אייגענע מעטאָדן פון ארץ-ישראל-אַרבעט. איצט אין דער אָנטייל אינם ציוניזם אַ „פסיכאָלאָגישע מניעה" פאַר אונזער זעלבשטענדיקער אַקטיוויטעט. אזוי דערוויסן מיר זיך גאַנץ אומגעריכט, אַז דער כבוד פון געפינען דעם זעלבשטענדיקן מעטאָד פון פראָלעטאַרישער פאַלעסטינע-אַרבעט געהערט גאָר דער צווייטער וועלט-קאָנפערענץ פונם פועלי-ציון פאַרבאַנד. און מיר האָבן שטענדיק געמיינט, אַז דער מעטאָד איז שוין אַנטדעקט געוואָרן אין די יאָרן 1905—1907, בעת עס זיינען געשריבן געוואָרן די פראָגראַמאַטישע ווערטער: „די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע (פאַר דעם אידישן פאָלק) איז מעגלעך נאָר אין ארץ-ישראל און

צו דערגרייכן דעם פּונקט פון זיין פּראָגראַם־מינימום, ווי אויך פון די איבעריקע פּונקטן, דינט דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט דער קלאַסנקאַמף".

עס קומט אויס אַז די אַנטי־קאָנגרעסיסטן לייגן דעם גרעסטן געוויכט אויף אַ זעלבשטענדיקן פּראָלעטאַרישן סיסטעם פון ישוב אַרבעט אין א"י. דער היסטאָרישער אמת באַשטעטיקט נישט די מיינונג. זייט דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ גייט אָן אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אַ וכּוח וועגן די פּראָלעטאַרישע מעטאָדן פון דער רעאַליזירונג פונם ציוניזם. מיר זיינען מיט דער צייט געקומען צו דער אויפשטעלונג ווען נישט פון אַ סיסטעם פון סאָציאַליסטישער ישוב־אַרבעט, דאָך ווייניקסטנס פון עלעמענטן פון אַזאַ סיסטעם. די באַזעצונג אויף נאַציאָנאַליזירטער ערד, געזעצלעכע מינימום־שכירות פאַר אַלע אַרבעטער אינם לאַנד, קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטס־ און ישוב־פאָרמען — זיינען די גרונדגעדאַנקען פון דער פּראָלעטאַרישער אַקציע אין א"י. די איניציאַטיוו אין דער אויסאַרבעטונג פון די מעטאָדן, די ערשטע פּרואוון זיי אָנצואווענדן אין דער פּראַקטיק פון א"י. — דאָס אַלץ איז געקומען פון דעם טייל פון אונזער באַוועגונג, וואָס האָט אין דער אייגענער צייט פּראָפּאַגאַנדירט די אויפהאַלטונג פון דער פאַרבינדונג מיטן אַלגעמיינעם ציוניזם. די אַנטי־קאָנגרעסיטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן לחלוטין אומפּרוכטבאַר אין דער קלאָרמאַכונג פון די פּראָלעטאַרישע מעטאָדן; נאָך מער, זיי זיינען צום גרעסטן טייל געווען קעגנעריש צו די דערמאָנטע גרונדגעדאַנקען. זיי האָבן געקעמפט קעגן „קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן" און זיך שטענדיק געשטעלט קעגן דער קריטיק פון דער פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן נישט געהאַלטן בסוד, אז אין דעם גרונד פון זייער האַרצן דערוואַרטן זיי אַלץ פון דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, וואָס וועט שאַפן אַ אידיש ארץ־ישראל. זייער געדאַנק גייט נישט איבער די אַלגעמיין אָנגענומענע מעטאָדן פון פּראָפּעסיאָנעלן און פּאָליטישן קאַמף, וועלכן די אידישע אַרבעטער אין א"י וועלן פירן, וויבאַלד זיי זיינען דאָרט. זיי זיינען אָבער הילפלאָז, ווען מען פרעגט זיי, וואָס דאַרף טאָן דער אידישער אַרבעטער, כּדי איינצונעמען אַ פּלאַץ אין דערווירטשאַפט פון א"י, אַלזאָ איידער ער קאָן פירן דעם אַלגעמיינעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף. און צו וואָס באַהאַלטן דעם אמת! האַנט אין האַנט מיט דער אומפּרוכטבאַרקייט פון אונזערע „ראַדיקאַלן" ביי דער ערפאָרשונג פון די פאָרמען פון אונזער קלאַסנקאַמף אין דעם פּראָצעס פון קאָלאָניזאַציע גייט זייער אומטעטיקייט פאַר די אינסטיטוטן, וואָס פירן אָן די זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע אַקציע אין ארץ־ישראל. די פאַקטן שטייען אין אַזאַ שרייענדער סתירה צו ה' רעוואוצקיס באַהויפּטונגען, אַז זיין אַרגומענטאַציע קאָן נישט זיין ריכטיק.

דער רעאַליזירונגס־פּראָצעס פונם ציוניזם קאָן נישט פאָראויסגעזען ווערן אין אַלע פּרטים, ווי ביי יעדן פאַרוויקלטן היסטאָרישן פּראָצעס. מיר קענען די טרייבנדע כּחות, מיר ווייסן דעם זין, דעם ציל פון דעם פּראָצעס, מיר קאָנען אָבער נישט קלאָר זען די איינצלנע פאַזן פון זיין אַנטוויק־

לונג. פון צוויי פּאָראורטיילן מוזן מיר זיך אָבער יעדנפאַלס באַפרייען: א) פון דער פאָרשטעלונג, אַז דער אידישער אַרבעטערקלאַס קאָן גאַנץ אַליין, דורך זיין דיקטאַטור, רעאַליזירן דעם ציוניזם; ב) פון דער השגה, אַז די שאַפנדע ראָל אין דעם אויפבוי פון א"י געהערט אייניציק און נאָר דער בורזשואַזיע — מיר קומען צום גרייטן און „באַפרייען", דערקעמפן די טעריטאָריאַל־פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. די מחברים פון דער ערשטער טעזע פאַרזען, אַז אינם ציוניזם איז פאַראינטערעסירט נישט דער פּראָלעטאַריאַט אַליין, און זאָגן אונז נישט, ווי מיר קאָנען אָפּהאַלטן די נישט־פּראָלעטאַרישע מאַסן פון ארץ־ישראל־אַרבעט, בעת אין דער וועלט הערשט נאָך נישט די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט (בעת אין מזרח פעלן נאָך אַלע פאָרבאַדינגונגען פאַרן נצחון פונם סאָציאַליזם). די פריינד פון דער צווייטער טעזע פאַרגעסן דעם קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער פונם קאַפּיטאַל. דער אידישער קאַפּיטאַל, אנטוויקלענדיק די פּראָדוקטיוו־כחות פון ארץ־ישראל, מוז נישט צוציען דווקא די אידישע אַרבעט און בויען דווקא א אידישע געזעלשאַפט. דער אַרבעטערקלאַס האָט אין דעם ציוניזם א שאַפנדע און א באַפרייענדע ראָל. זיין באַפרייענדע אויפגאַבע דערפילט ער אין ארץ־ישראל גופא, קעמפנדיק אויף די פּאָזיציעס, אין וועלכע ער איז שוין אריינגעדרונגען מיט די גוטע אַלטע מיטלען פונם פּראָפעסיאָנעלן און פּאָליטישן קאַמף. ער ערפילט איר גראָד אַזוי אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, שטופּנדיק איר — דורך זיין קריטיק, דורך זיין אָרגאַניזירנדיקן כח, דורך אויפקלערונג פון די מאַסן איבער דעם קלאַסן־עגאָאיזם פון דער בורזשואַזיע — אויפן וועג פון דעמאָקראַטישער און סאָציאַלער ישוב־אַרבעט, בהסכם מיט די אינטערעסן פון די מאַסן. דערמיט זאָרגט ער דערפאַר, אַז וואָס גרעסערע אַרבעטערמאַסן זאָלן קאָנען אריינדרינגען אין דער נייער ווירטשאַפט, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן א „גרויסע אַרבעטס־געלעגנהייט פאַרן אידישן פאָלק". זיין שאַפנדע אויפגאַבע ערפילט דער אַרבעטערקלאַס, שטאַרקנדיק דורך זיין אייגענער פרייער איניציאַטיוו די עלעמענטן פון קאָאָפּעראַציע אין דעם אידישן ישוב, סיי אין דער אַרבעט, סיי אין דער פּראָדוקציע, סיי אין דעם קאָנסום. ער שטעלט דער „פּריוואַטער איניציאַטיוו", דעם אָפּגאָט פון אַלע קאַפּיטאַליסטן, אנטקעגן די קאָלעקטיווע איניציאַטיוו פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווערט אַלץ מער קאָלעקטיוויסטיש אין איר עצם און אין אירע ווירקונגען.

די צוויי אויפגאַבן און קאַמפּס־מעטאָדן פונם פּועלי־ציוניזם קאָנען נישט שאַרף אָפּגעגרענעצט ווערן איינע פון דער אַנדערער. זיי זיינען משפיע איינע אויף דער אַנדערער. דער ערפאָלג פון ביידע הענגט אָפּ, פאַרשטייט זיך, אין א גרויסער מאָס פון אונזער אָרגאַניזירנדן כח, אָבער קודם כל פון דעם גאַנג פון דעם גרויסן לעצטן אנטשיידונגס־קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט אין דער גאַנצער וועלט. וואָס נעענטער דער נצחון פונם סאָ-

ציאַליזם, אַלץ מער וועט אונזער שאַפנדע אויפגאַבע איבערוועגן די באַפריי-ענדע, די דירעקטע אַקציע — די אומדירעקטע.

וואָס קלאָרער מיר זעען די פאַרהעלטעניש און טענדענצן פון דער אַנטוויקלונג, אַלץ גיכער וועלן מיר זיך באַפרייען פון דער אומפּרוכטבאַר-קייט אויף ביידע קאַמפּס-געביטן, וואָס איז ליידער דערוויל דער כאַראַקטער-צוג פון דער ארץ-ישראל-אַרבעט פון די פּועלי-ציון-פּאַרטייען אין מזרח-אייראָפּע. די פּועלי-ציון מוזן האָבן גענוג שעפערישע כחות, סיי פאַר זייער קאַמף אינם ציוניזם, סיי פאַר זייער זעלבשטענדיקער פּראָלעטאַרישער אַקציע אין א"י.

* *
*

סוף דבר. מיר הערן שוין דעם קבלת פּנים, וואָס אונזער „פּאָזיטי-וויזם" וועט אַרויסרופן אין געוויסע קרייזן. שטאַרק זיינען די משכּילישע טראַדיציעס אינם אידישן סאָציאַליזם, און אונזער „ראַדיקאַלעכץ" מיינט, אַז וואָס ווייניקער שייכות מען האָט מיט אידישקייט און מיטן אידישן לעבן, אַלץ מער רעוואָלוציאָנער איז מען. בשעת ס'איז געשריבן געוואָרן „אונזער פּלאַטפאָרם", האָט באָראָכאָוו געהאַט די אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע, מיטן רעוואָלוציאָנערסטן מעטאָד פון קריטיק צו פאַרטיידיקן אַלטע אמת'ן. לגבי דעם בונדישן גלות-רעאַליזם איז דער ציוניזם געווען אַ קליינבירגערלעכע אוטאָפּיע, די „טעריטאָריע" איז געווען מאָדערן, ארץ-ישראל — „רעאַקציאָנערער היסטאָריזם"; דער „סיים" האָט געפינקלט אין אַלע פאַרבן פונם קלאַסנקאַמף, דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז געווען די פאַרטונקעלונג פונם קלאַסן-באַוואוסטזיין. אָבער דעמאָלט האָבן באָראָכאָוו און די רוסישע פּועלי-ציון געפונען דעם מוט, צו בלייבן ביי זייער אמת, נישט שרעקנדיק זיך פאַרן געשריי איבער אָפּאָרטוניזם, קליינבירגערלעכקייט, קאָנטר-רעוואָלוציע. די פּועלי-ציון מוזן אויך אין דער היינטיקער תּקופה פון רעוואָלוציאָנערער איבערשאַצונג פון אַלע אמתן באַווייזן זייער פעאיקייט צו טראַכטן מיטן איי-גענעם קאָפּ. עס קאָן זיין, אַז אין געוויסע גוט-סאָציאַליסטישע קרייזן, וואָס מיט זייער מיינונג רעכענען מיר זיך זער, וועט מען אַרויסברענגען אונזער גזר דין לחובה אַז מיר זיינען אוטאָפּיסטן אָדער רעפאָרמיסטן. ס'איז דאָ גענוג שרעקלעכע ווערטער. אָבער אויב מיר וואָלטן זיך גערעכנט נאָר מיט „מה יאמרו הגויים", האָבן מיר שוין אין 1903 געוואוסט, אַז דער רוב רוסי-שע סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן אפילו נישט פאַרטראָגן דעם נאַציאָנאַליזם פונם בונד. טראָצקי האָט געהאַט דעם הויפּט-חלק אינם אַרויסשטופן אים פון דער רוסישער פּאַרטיי. קיין שום פאַרדינסטן פון סאָציאַליסטישע פּאַר-טייען פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע קאָנען נישט מבטל זיין דעם פאַקט, אַז די פּראָבלעמען פונם אידישן סאָציאַליזם האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען. נאָר מיר לעבן זיי איבער, און נאָר מיר אַליין קאָנען דורך אונזערע יסורים געפינען דעם וועג צום אמת און צום נצחון.

בערלין, אין יוני, 1920

אַרבעטער־אינטערעסן און ציוניסטישער קאָנגרעס.

דער ציוניסטישער וועלט-קאָנגרעס, וואָס וועט צוזאַמענקומען אין סעפּטעמבער 1921 וועט זיין אַ נישט געוויינלעכע פּאַסירונג אינם אידישן לעבן. ער וועט פאַרנעמען אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וויל ער איז דער סוף פון אַ פאַרגאַנגענער און דער אָנהויב פון אַ נייער תּקופה. די ערשטע האָט זיך אָנגעהויבן מיט 25 יאָר צוריק, מיט דער פּובליקאַציע פון הערצלס „יודענשטאַט" און מיטן ערשטן באַזעלער קאָנגרעס. עס איז געווען דער פּעריאָד פון דער אָ ר ג אַ-נ י ז י ר ו נ ג פון דער פּאָליטישער ארץ־ישראל-באַוועגונג, פון דער פּ ר אָ-ק ל אַ מ י ר ו נ ג פון די אידישע פאָדערונגען בנוגע ארץ־ישראל כּלפּי דער אידישער און אינטערנאַציאָנאַלער וועלט, און פון באַגרענעצטער קאָלאָניזאַ-טאָרישער צ ו ג ר י י ט ו נ ג ס - אַ ר ב ע ט אין ארץ-ישראל.

אין אַ פונדאַמענטאַל פאַרשיידענער לאַגע וועט זיך צונויפקומען דער צוועלפטער קאָנגרעס.

דער ציוניזם אַלס פּאָליטישע באַוועגונג האָט זיך געשטעלט דעם ציל, צו מאַכן די פראַגע פון ארץ־ישראל און פון די אידישע תּביעות אויף ארץ־ישראל צו אַן אינטערנאַציאָנאַלער פראַגע, צו שטעלן די אידישע קאָ-לאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע אונטער אינטערנאַציאָנאַלן שוץ און קאָנטראָל, אָדער ווי מען האָט געזאָגט בשעת דעם טערקישן רעזשים, אונטער עפנט-לעך־רעכטלעכע זיכערונגען קודם כּל מצד דער מאַכט, וואָס האָט די סואווע-רעניטעט איבער א"י. דער ציל איז אין אַ גרויסער מאָס דערגרייכט. ארץ-ישראל איז אַלס אַ רעזולטאַט פון דער וועלט־מלחמה אַרויס פונם רשות פון דער פעאָדאַלער טערקיי, איז געוואָרן אַ מאַנדאַט-טעריטאָריע פונם אַזוי-גע-רופענעם פעלקער-בונד. ווער עס גלויבט אויפן וואָרט די אָפּמאַכן פון די היינט-הערשנדע אימפּעריאַליסטישע וועלט-רעגירער, האַלט דעם מאַנדאַט-סיסטעם פאַר אַ רעזשים פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַדמיניסטראַציע. מער קריטישע מענטשן זעען אין דעם מאַנדאַט דעם איבערגאַנג פון א"י אין דעם רשות און אונטער דער פאַקטישער סואווערעניטעט פון ענגלאַנד. אָבער ווי קריטיש און מיסטרויאיש מען זאָל נישט אָפּשאַצן דעם „גרונדגעזעץ", לויט וועלכן ענגלאַנד וועט פאַרוואַלטן א"י, בלייבט דער פאַקט, אַז די אי-דישע קאָלאָניזאַציע האָט געקריגן גאָר נייע מעגלעכקייטן.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מאַניפעס-טאַציע פון אידישער שטרעבונג צו א"י, זי איז אין דעם מאַנדאַט אינטער-

נאַציאָנאַל לעגאַליזירט און אנערקענט געוואָרן אלס די פאַרטרעטונג פונם אידישן פאָלק כלפּי ארץ-ישראל.

דערמיט קריגט אויך דער ציוניסטישער קאָנגרעס אַן אַנדערן ווערט און באַדייטונג. ער הערט אויף צו זיין די טריבונע פון ציוניסטישע מאַניפעס-טאַציעס און פּראָגראַמאַטישע דיסקוסיעס. עס איז געקומען די אמתע בוי-צייט פון אַ אידיש א"י. דער ציוניזם שטייט פנים אל פנים פאַר זיין אייגנטלעכער געזעלשאַפטס-בילדנדער, לאַנד-אויפבויענדער אויפגאַבע. ריכטי-קער, דאָס אידישע פאָלק שטייט פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע צו שאַפן אַ גרויסן, שטאַרקן צענטער פון אידישער אַרבעט און קולטור אין ארץ-ישראל. די ציוניסטישע באַוועגונג און אירע אָרגאַנען גיבן אים שוין איצט די מעג-לעכקייט, משפּיע צו זיין אויף דעם פּראָצעס, צו רעגולירן אים, צו פאַר-גיכערן, אַריינצוטראָגן וואָס מער פּלאַנמעסיקייט און אָרגאַנישן וואוקס בהסכם מיט די אינטערעסן פון די אידישע פאָלקסמאַסן.

די פראַגע, וועלכע שטעלט זיך פאַר אונז פּועלי-ציון, איז קודם-כל די: ווי פאַרזיכערט מען דעם איינפלוס פונם אידישן אַרבעטערקלאַס אויף דעם גרויסן פּראָצעס פון בויען אַ אידיש ארץ-ישראל. ווי מאַכט מען די אינטערעסן פון די אַרבעטנדע מאַסן פאַר די עיקרדיקע אין דער ארץ-ישראל-אַרבעט, דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק פאַר דעם אָנפירנדן אינם אויפבוי פון דער נייער אידישער געזעלשאַפט.

אָבער איידער מיר גייען איבער צו דער עצם פראַגע, מוזן מיר נאָך קלאָר מאַכן פאַר די אידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן די נויטיקייט צו ווירקן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דורך איר אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישן ישוב אין ארץ-ישראל.

* * *

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז נישט קיין פּאַרטיי. הערצל האָט דאָס וואָרט „פּאַרטיי" קיינמאָל נישט באַנוצט, ער האָט שטענדיק און מיט אַ כיוון גערעדט נאָר פון אַ ציוניסטישע באַוועגונג. אַ פּאַרטיי איז דער אויסדרוק פון באַשטימטע קלאַסן-אינטערעסן, וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אין איר פּראָגראַם. דאָס באַזעלער פּראָגראַם, דער אַני-מאַמין פון יעדן שקל-צאָלער, איז נישט קיין קלאַסן-פּראָגראַם, עס איז די פאָרמולירונג פון אַן אַלגעמיין-נאַציאָנאַלער שטרעבונג צו שאַפן אין ארץ-ישראל אַ פרייען און אויטאָנאָמען אידישן ישוב.

אַ נאַציאָנאַלע פרייהייטס-באַוועגונג, מעג זי זיין ווי רעוואָלוציאָנער אין אירע צילן און מעטאָדן, איז דעריבער נישט קיין איבער-קלאַסן באַוועגונג, איז נישט פריי פון קלאַסן-סתירות און שטייט נישט מחוץ פונם קלאַסנקאַמף. יעדער קלאַס קומט פון זיינע אייגענע אינטערעסן און מאָטיוון, פון זיין סאָציאַלער נויט, צום קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט, יעדער קלאַס האָט זיין קוק אויף דעם וועג צו איר, זיין פאָרשטעלונג פון איר רעאַלי-זירונג. אַזוי אויך ביים אידישן פאָלק און זיין שטרעבונג צו אַ אידישער

אויטאָנאָמער געזעלשאַפט אין ארץ-ישראל. מיר וועלן ווייטער זען, ווי שטאַרק עס איז די פאַרשיידנקייט פון אינטערעסן צווישן אַרבעטערשאַפט און בורזשואַזיע אין דעם פּראָצעס פון דער באַשאַפונג פון דער אידישערווירטשאַפט, אָבער ביי די אַלע אינטערעסן-קעגנזאַצן בלייבט די בשותּפותדיקע פאַראינטערעסירטקייט אין דעם מאַקסימום פון עקאָנאָמישער, קולטורעלער און פּאָליטישער זיכערקייט און אויטאָנאָמיע פאַר דעם וואַקסענדן אידישן ישוב; בלייבט דער געמיינזאַמער אינטערעס פון אַלע פאָלקסטיילן, וואָס נויטיקן זיך אין ארץ-ישראל, אַריינצוטראָגן וואָס מער אָרגאַניזירטקייט און עקאָנאָמיע פון כּחות אין דער ארץ-ישראל-אַרבעט, צו מאָביליזירן וואָס מער קרעפטן און צו פאַרגיכערן דעם וואוקס פון אַ אידישער געזעלשאַפט אינעם לאַנד.

דערפון נעמט זיך פון איין זייט, אַז דער ציוניזם האָט אָנגענומען אָרגאַניזירטע פאָרמען. דער ווילן פון די אידישע פאָלקסמאַסן צו ארץ-ישראל האָט געפירט צו דער בילדונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אָרגאַניזאַציע. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך די באַוועגונג זעַגיך דיפערענצירט, צוטיילט נאָך פאַרטייען לויט פאַרשיידענע קלאַסן-אינטערעסן און קלאַסן-אידעאָלאָגיעס. היינט איז די ציוניסטישע וועלט-אָרגאַניזאַציע אַ פאַרבאַנד פון פאַרטייען: פון בירגערלעך-ציוניסטישע וואָס זיינען, בפרט אין מזרח-אייראָפּע, די פאַרטייען פון דער אידישער מיטעלער און קליינער בורזשואַזיע; פון מזרחי, וואָס רעפּרעזענטירט דעם קלעריקאַלערן בירגערטום; פון די פּועלי-ציון, ד. ה. פון דער פאַרטיי פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אַרבעטער. די דיפערענצירונג איז נאָך ביים אָנהויב. די רעאַלע אינטערעסן פון דער ארץ-ישראל-קאָלאָניזאַציע וועלן ערשט אַרויסרופן גרופּירונגען אין דער נאָך נישט באַוואוסטער ציוניסטישער מאַסע. אַזוי נעמט אָן דער קלאַסנקאַמף אין דעם ציוניזם אַלץ מער אָרגאַניזירטע באַוואוסטזיניקע פאָרמען.

ווי עס פירט זיך אויף דער וועלט ביי יעדער נייער געזעלשאַפטלעכער ערשיינונג, האָט מען אויך פאַר דער אידישער באַוועגונג געזוכט אַנאַלאָגיעס, פאַרגלייכן. מען האָט פאַרגליכן די ציוניסטישע באַוועגונג מיט די נאַציאָנאַלע פרייהייטס-באַוועגונגען ביי אַנדערע פעלקער, דעם ציוניסטישן קאָנגרעס — מיט די פאָלקס-פאַרטרעטונגען, אָדער פאַרלאַמענטן ביי די אומות העולם. מען פאַרגעסט דערביי צו אָפט, אַז קיין פולע אַנאַלאָגיע צווישן אידישע און נישט-אידישע פּראָבלעמען איז נישט מעגלעך.

די אידישע פראַגע, כאָטש זי איז אַ נאַציאָנאַלע פראַגע, איז בשום אופן נישט געראָטן אין דער נאַציאָנאַלער נויט פון אַן אַנדער פאָלק. דער קאַמף פונם לאַנדלאָזן אידישן פאָלק פאַר זיין קיום און פאַר זיין סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַנייאונג אין ארץ-ישראל איז נישט צו פאַרגלייכן מיטן קאַמף קעגן פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון פעלקער, וואָס זיצן אויף זייער ערד. ממילא איז נישט מעגלעך קיין אַנאַלאָגיע צווישן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס — דער פאַרטרעטונג פון אַ פרייוויליקער פאָלקס-אָרגאַ-

ניזאַציע — און דעם פּאַרלאַמענט פון אַ מלוכה מיט אַלע אירע מאַכט־און צוואַנגסמיטלען. ס׳איז נישט סאָציאַלאָגיש און נישט לאָגיש צו באַשטיין דוקא אויף דעם פאַרגלייך און צו דרינגען דערפון סיי אַ היתר פאַר סאָציאַליסטן צו גיין צו דעם אידישן „פּאַרלאַמענט״, סיי אַן איסור צו באַטייליקן זיך אין אַ „כלל־ישראל־אַנשטאַלט״, אָן געזעצלעכער צוואַנגס־מאַכט.

אויב דער ציוניסטישער קאָנגרעס קאָן מיט עפּעס פאַרגליכן ווערן, איז שוין אַמבעסטן מיט די פאַרטרעטונגען אָדער אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אויך דער קאַמף פון די אידישע פאָלקסמאַסן פאַר זייערע נאַציאָנאַלע רעכט הויבט זיך אָן מיט דער פ ר ײ װ י ל י ק ע ר אָר־ג אַ נ י ז י ר ו נ ג פון אַלע פאָלקסטיילן, כדי דורכצוזעצן די ק אָ נ ס ט י־ט ו א י ר ו נ ג פון דער אידישער מינדערהייט אין א מלוכה א ל ס א נ א־צ י ע און די אנערקענונג פון איר רעכט אויף זעלבסטפאַרוואַלטונג. אומע־טום — אין רוסלאַנד (אַפילו אין 1918), אוקראַינע, ליטע, אַמעריקע, ארץ־ישראל — האָבן זיך פאַרבונדן אַ ל ע אידישע פּאַרטייען, פון די אָרטאָ־דאָקסן ביז צו די סאָציאַליסטן, געשאַפן אידישע קהלות, אַלס יסוד פון דער פאַרלאַנגטער אויטאָנאָמיע, אָרגאַניזירט קהלות־פאַרבאַנדן, נאַציאָנאַלע פאַרזאַמ־לונגען, צוזאַמענפאָרן, קאָנגרעסן. דערמיט האָט מען געוואָלט דעמאָנסטרירן די איינהייט פון די אידישע מאַסן און זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, און טאַקע שוין קאָנסטיטואירן זיך אַלס נאַציע, וואָס איז מוכן ומזומן צו פאַר־וואַלטן זעלבשטענדיק אירע נאַציאָנאַלע ענינים. אַלע אידישע פּאַרטייען האָבן פאַרשטאַנען, אַז געזעצלעכע אנערקענונג קעמפט מען אויס אַמלייכטסטן אַלס סאַנקציאָנירונג פון אַ פאַקט. ווערט געשאַפן דער פאַקט פון נאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג דורך די אידישע פאָלקסמאַסן אַליין, וועט ממילא קומען די מלוכה־סאַנקציע און מאַכן דערפון די רעכטלעך־אָנערקענטע נאַציאָנאַלע אוי־טאָנאָמיע מיט צוואַנגס־רעכט. אין דעם זיינען נישט געווען קיין חלוקי־דעות צווישן ציוניסטן, בונד און פּועלי־ציון. אַוואו עס עקזיסטירן התחלות פון אַ אידישער אויטאָנאָמיע — איצט אין ליטע און ארץ־ישראל, פריער אַ קורצע צייט אין אוקראַינע — זיינען זיי דערגרייכט געוואָרן אויף דעם וועג. קודם די שאַפונג פון אַ דעמאָקראַטישער פאַרטרעטונג פון דער אידישער באַפעל־קערונג אָן שום צוואַנג, נאָר דורך דעם פרייען ווילן פון די אידן אַליין, דורך אַן אָפּמאַך פון אַלע אידישע פּאַרטייען. דאַן איז געקומען שריט ביי שריט די אנערקענונג מצד דער רעגירונג.

אַזוי איז געקומען די אַנטוויקלונג אויך בנוגע דעם קאַמף פאַר דער אויטאָנאָמער אידישער געזעלשאַפט אין א״י. קודם האָט מען געמוזט שאַפן אַ פרייוויליקע פאַראייניקונג פון אַלע פּאַרטייען, וואָס שטרעבן דערצו. ס׳האָט געמוזט דורכגעפירט ווערן די ק אָ נ ס ט י ט ו א י ר ו נ ג פון אידן פון פאַר־שיידענע לענדער אַ ל ס א י י ן פ אָ ל ק, דעמאָנסטרירט ווערן סיי דורך פּאָלי־טישע פ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן, סיי דורך פ אַ ק ט ן אין א״י. דער ווילן פון די אידישע פאָלקסמאַסן צו דער טעריטאָריאַלער פאַרענטפערונג פון דער אידי־שער פראַגע. ס׳האָט געמוזט קודם דורך פרייוויליקער איניציאַטיוו באַשאַפן

ווערן דער טרעגער פון די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָ-נאַלע רעכט, וואָס זיינען נויטיק, כּדי צו גאַראַנטירן די פּלאַנמעסיקע, נישט-געשטערטע באַזעצונג פון א״י דורך מיליאָנען אידן.

דער היסטאָרישער פאַרדינסט און אויפטו פון הערצל באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דורך דער שאַפונג פון דער פּאָליטישער ארץ-ישראל-באַוועגונג, דורך דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געגעבן אַן ענטפער אויף די צוויי גרונד-פּראָבלעמען. ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ אי-דישע טריבונע, פון וועלכער ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער ווילן פון אַ געאייניקטן אידישן פאָלק צו ארץ-ישראל.

די ערנסטקייט פון דעם ווילן איז באַוויזן געוואָרן דורך רעאַלער, קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט אין א״י. אין דער אייגענער צייט איז אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געשאַפן געוואָרן אַ פאַרהאַנדלונגס-פעאיקע פאַרטרעטונג פון דעם אידישן פאָלקס-ווילן. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט געפירט צו איר עפנטלעכע סאַנקציע. די ציוניסטישע אָרגאַני-זאַציע איז איצט אנערקענט געוואָרן, לויט דעם בריטישן מאַנדאַט איבער א״י, אַלס די אידישע פאַרטרעטונג פאַר פּאַלעסטינע. מיט די ווערטער פונם מאַנדאַט הייסט עס: „אַלס אַן עפנטלעכע קערפּערשאַפט צום צוועק, צו באַ-ראַטן די פאַרוואַלטונג פון א״י און צו קאָאָפּערירן מיט איר אין אַזעלכע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און אַנדערע ענינים, וואָס קאָנען באַרירן די עטאַב-לירונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אָדער די אינטערעסן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין א״י, און צו העלפן און באַטייליקן זיך אין דער אַנטוויקלונג פונם לאַנד.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט האָבן אַ דעה בפרט אין אַלע פראַגן פון קאָלאָניזאַציע, קריגן לענדערייען פאַר אידישער באַזעצונג. ווי אויך ביי קאָנצעסיעס אויף דער דורכפירונג פון עפנטלעכע אַרבעטן און אונטערנעמונגען, אָדער ביי דער אַנטוויקלונג פון די נאַטור-אוצרות פונם לאַנד.

ס׳איז קלאָר, אַז דערמיט האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויפגע-הערט צו זיין אַ סתם פאַרבינדונג פון אידן, אָן אַ דירעקטער, לעגאַלער השפעה אויף דעם גאַנג פון די געשעענישן אין א״י. די ציוניסטישע אָרגאַ-ניזאַציע איז איצט, ווי בער באָראָכאָוו האָט פאָראויסגעזאָגט מיט 15 יאָר צוריק, אינטערנאַציאָנאַל לעגאַליזירט. זי איז איצט דער פעלקער-רעכטלעך אַנערקענטער אָרגאַן, דורך וועלכן די אידישע פאָלקסמאַסן האָבן די מעגלעכ-קייט משפּיע צו זיין אויף דער אַנטוויקלונג פון א״י. זי איז איצט דער באָדן אויף וועלכן אויך מיר, אַלס סאָציאַליסטן, קאָנען און מוזן קעמפן פאַר אונזערע פאָדערונגען אין א״י כּלפּי דער רעגירונג פונם לאַנד.

ס׳איז איבעריק געוואָרן די אַלטע יאָרנלאַנגע דיסקוסיע, צי טאָר מען און צי לוינט זיך פאַר אונז, אַלס אַרבעטער-פּאַרטיי צו גיין צום ציוניסטישן קאָנגרעס! ס׳איז פריער געווען די באַליבטסטע שיין-ראַדיקאַלע טענה: אין אַ פּאַרלאַמענט, וואָס האָט מאַכט, און אַ נאַציאָנאַלן סיים, וואָס האָט צוואַנגס-רעכט, מעג מען זיצן מיט בעלי-בתים, מוז מען עס טאָן; אָבער אין אַ

ציוניסטישן קאָנגרעס, אין אַ אידישער אסיפה אָן רעכטלעכע אויטאָריטעט, אין אַ בלויזן דיסקוסיע-קלוב טאָרן קיין סאָציאַליסטן נישט קומען אין מגע ומשא מיט דער בורזשואזיע. נישט דאָ איז איצט דאָס אָרט איבערצוחזרן אונזערע אַרגומענטן דערפאַר, אַז אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָלט נישט באַשטאַנען, וואָלט מען זי געמוזט באַשאַפן! דער גאַנצער ויכוח איז איצט בטל געוואָרן. די געשעענישן האָבן באַשטעטיקט אונזער בליק אויף די פאַקטן.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז נאָך אַלץ נישט קיין פּאַרלאַמענט. פּאָליציי און שטייער-עקזעקוטאָרן שטייען נישט הינטער אים. אָבער ביים גרעסטן דרך ארץ פון געוויסע „ראַדיקאַלן" פאַר די עמבלעמען פון מלוכה-מאַכט און אָרדנונג, קאָן נישט געלייקנט ווערן, אַז דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט לכל הדעות אויפגעהערט צו זיין אַ דיסקוסיע-קלוב. ער ווערט דער שטאַרקסטער פאַקטאָר פון דער אידישער ישוב-אַרבעט אין ארץ-ישראל, מיט קאָמפּעטענצן און רעכט אין אַ שורה פראַגן ווי לאַנד-פראַגע, עפנטלעכע אַרבעטן, רעגולירונג פון עמיגראַציע — וואָס פון זייער פאַרענטפערונג העגנט אָפּ אין גאָר אַ גרויסע מאָס די לאַגע און די אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַרבעט און אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל. ס'איז איצט נישטאָ קיין שום פּראַקטישער חילוק צווישן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און די אָרגאַנען פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. גראָד אַזוי ווי אַלע אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן קיינמאָל נישט געשוואַנקט אין זייער חוב, צו באַטייליקן זיך אין די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אָרגאַנען — קהלה, סיים — אַזוי מוז עס איצט קלאָר זיין פאַר אַלע אידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן, אַז עס וואָלט הייסן טרייבן אַן אַבסאָלוט שעדלעכע אַנטיפּאַרלאַמענטאַרישע באָיקאָט-פּאָליטיק, ווען מיר נוצן נישט אויס די קאַמפּס-פּאָזיציעס, וועלכע די ציוניסטישע באַוועגונג גיט אונז, כדי צו ווירקן אין פּראָלעטאַרישן און סאָציאַליסטישן גייסט אויפן וואוקס פון דער אידישער געזעלשאַפט אין ארץ-ישראל.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז נישט די איינציקע טריבונע פון וועלכער מיר קאָנען און מוזן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדע מאַסן. נישט ווייניקער וויכטיק זיינען די אידישע נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג פון א״י, די אָרגאַנען פון דער אָרטיקער אויטאָנאָמיע — אין וועלכע עס קאָן ווירקן די אידישע אַרבעטער-שאַפט פון א״י אַליין, — ווי אויך דער ענגלישער פּאַרלאַמענט, אין וועלכן מיר קאָנען ווירקן נאָר דורך דער סאָלידאַרישער הילף פונם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט. דאָס זיינען אַלץ וויכטיקע קאַמפּס-פּלעצער. אָבער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע בלייבט פאַר אַ לאַנגער צייט אַ קאַמפּס-פראָנט, אויף וועלכן עס קאָן געוואָרפן ווערן דער פאַראייניקטער כח פונם אידישן אַרבעטער-קלאַס פון אַלע לענדער.

דער וועלט-פאַרבאַנד פּועלי-ציון האָט אָט די אויפגאַבע, צו אָרגאַניזירן דעם סאָציאַליסטישן- און אַרבעטער-פראָנט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון די ברייטע אידישע פאָלקסמאַסן, וואָס שטרעבן

אין א״י צו אַ נייעם לעבן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט. נישט אין דעם איגנאָרירן און שטיין מחוץ פון די דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן, נישט אין זייער אויסליפערונג אין די הענט פון דער בורזשואַזיע און אירע נאָכלויפער קומט צום אויסדרוק, אַז מען שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פונם קלאַסנקאַמף. מען דאַרף גיין אויפן וועג פונם קלאַסנקאַמף. און דער פאַרלאַנגט פון אונז, צו באַקעמפן די אידישע בורזשואַזיע אויף די פּאָזיציעס פונם אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואו מיר קאָנען זי באַגעגענען. די דעמאָקראַטיע האָט נאָך נישט אויסגעשפּילט איר היסטאָרישע ראָל אינם אידישן לעבן. דער קעגנזאַץ פון די קלאַסן-אינטערעסן אויך אין די פּראָבלעמען פונם אידישן נאַציאָנאַלן לעבן דריקט זיך אויס אין דעם קאַמף פון די פּאַרטייען פאַר דער אָנפירונג פון דער אידישער פּאָליטיק, פאַר דער שליטה איבער די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. אָבער נישט אין דעם צופאַלן זיך, אין דער צושטערונג פון די אינסטיטוציעס גופא. דאָס קאָן ווערן מעגלעך אין אַקוטע רעוואָלוציאָנערע סיטואַציעס, בשעת אַ בירגער-מלחמה. אָבער מיר האַלטן נישט דערביי אין אַ היפּש ביסל לענדער, וואו עס וואוינען אידישע מאַסן. און וואָס עס אינטערעסירט אונז דאָ קודם-כל — דער אויפבוי פון א״י, די באַשאַפונג פון אַ אידישער אַרבעטס-נאַציע, איינגעוואָרצלט אויף אַ נייעם לאַנד — איז נישט קיין בירגער-קריג נאָר אַן אָרגאַנישער פּראָצעס פון באַשאַפן אַ נייע ווירטשאַפט, אַ נייע געזעלשאַפט.

* *

*

עס באַשטייט אין דעם פּראָצעס אַ פונדאַמענטאַלער חילוק צווישן ד אינטערעסן פון די באַזיצנדע, פאַרמאָגנדע איינוואַנדערער און קאָלאָניסטן און פון די עמיגראַנטן אָן באַזיץ און אָן פאַרמעגן. די ערשטע ווילן מאַכן פון א״י אַ לאַנד פון פּראָפיטן פאַר זייערע קאַפּיטאַלן און אינוועסטיציעס. זיי זוכן דעריבער גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון געדונגענער אַרבעט. די צווייטע זוכן אין א״י אַן אַרבעטס-פּלאַץ, די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן פון דער אַרבעט פון זייערע אייגענע הענט. צווישן די צוויי פאַרשיידענע באַדערפענישן, איז נישט מעגלעך קיין אויסגלייך, ווייל ס'איז אַ טעות צו מיינען, אַז דער אידישער קאַפּיטאַל, גייענדיק קיין א״י, מוז ציען נאָך זיך די אידישע אַרבעט. ער קאָן עס טאָן, ער מוז אָבער נישט ברענגען דערצו שטענדיק. דער אידישער קאַפּיטאַל זוכט אַרבעט אין א״י, וואָלוועלע, לייכט עקספּלואַטירבאַרע אַרבעט. דאָס מוז נישט זיין דוקא א י ד י ש ע אַרבעט. יאָ, צום גרעסטן טייל וועט עס זיין, ווי מיר ווייסן פון די ביזאיצטיקע ערפאַרונגען, דוקא נישט-אידישע אַרבעט. מען קאָן געפינען לוין-שקלאַפן, ווייניקער קולטורעלע און אָרגאַניזירטע ווי אידישע פּראָלעטאַריער, צום טייל אין א״י גופא, נאָך מער בשכנות — אין סוריע, מצרים, ארם-נהרים, און אפילו פון עק וועלט. אַזוי קאָן דער קאַפּיטאַליזם עקאָנאָמיש אויפבויען פּאַלעסטינע, אָבער עס וועט נישט מוזן זיין א״י, ד. ה.

אַ לאַנד אויסגעפּילט פון דער אַרבעט און פונם לעבן פון אידישע אַר-בעטנדע מאַסן.

דעריבער האָבן די קאַפּיטאַל-שוואַכע און פאַרמעגנסלאָזע עלעמענטן אַנדערע אינטערעסן אין א״י, ווי די קאַפּיטאַליסטישע. זיי שטרעבן צו אַן אַרבעטנדער, אידישער א״י. נויטיקט מען זיך דאָרטן אין קאַפּיטאַלן, ד. ה. אין פּראָדוקציע-מיטלען, אָבער מען נויטיקט זיך נישט דערצו אין קאַפּיטאַ-ליסטן און קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע-מעטאָדן, וואָס פאַרלייקענען נישט נאָר די סאָציאַלע אינטערעסן און באַדערפעענישן פון די ברייטע אידישע פאָלקסמאַסן, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע שטרעבונג צו אַן אמת אידיש לאַנד.

דאָס איז דער וואָרצל פונם קלאַסנקאַמף אינם ציוניזם. די בורזשואַזע עלעמענטן באַמיען זיך אַרונטערצוּוואַרפן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אונ-טער זייער השפעה, מאַכן פון איר אַן אינסטרומענט פון זייערע ריוח-אינ-טערעסן, אויסנוצן איר שטעלונג אַלס אידישע פאַרטרעטונג אין א״י פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון זייערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאָזיציעס. די אידישע בורזשואַזיע קעמפט פאַר די צילן, פאַרשטייט זיך, נישט אָפן, זי מאַסקירט אירע שטרעבונגען אַלס די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונם גאַנצן אי-דישן פאָלק. זי מיינט חלילה נישט איר טובה, זי מיינט שטענדיק די טובה פונם כלל. זי רעדט נישט פון פּראָפיטן, פון וואָלוועלער אַרבעט. זי שטעלט זיך נאָר איין שטאָל און אייזן פאַר דער פרייהייט פון דער „פּריוואַטער איניציאַטיוו", ד. ה. פאַר דער פרייהייט פון די אונטערנעמער צו עקספּלו-אַטירן און צו מאַכן געלט, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום נאַציאָנאַלע אינטערעסן אָדער וועלט-פאַרבעסערונגס-עקספּערימענטן. זי ווייזט אָן אויף דער נויטיקייט צו מאָביליזירן גרויסע קאַפּיטאַלן פאַר א״י און נעמט זיך אונטער צו ברענגען דעם קרבן און צוצושטעלן די דאָזיקע גרויסע מיטלען, אויב יאָ, אויב די נאַציאָנאַלע אינסטיטוטן, וואָס ווערן געשאַפן פון דער ציוניס-טישער אָרגאַניזאַציע — באַנקן, נאַציאָנאַל-פאָנד, קרן-היסוד, נאַציאָנאַלע הלואה א. ד. ג. — וועלן שטיצן זייער ישוב-פּאָליטיק.

קעגן די טענדענצן און תשוקות שטעלט זיך מיט זיין גאַנצן כח קודם כל דער אידישער אַרבעטערקלאַס. ווייל ער איז דער פּאָליטיש געשול-טעסטער, רעוואָלוציאָנערסטער, קאַמפּס-פעאיקסטער טייל פונם אידישן פאָלק. די כחות צו דעם קאַמף ציט ער פון עטלעכע קוואַלן. ער שטיצט זיך קודם-כל אויפן פאַקט, אַז אַ אידיש ארץ-ישראל קאָן נישט געבויט ווערן אָן אידישע אַרבעטער. דער ציוניזם אַלס באַוועגונג, כל-זמן ער בלייבט זיך טריי, קאָן זיך נישט באַגיין אָן דעם אַרבעטערקלאַס, ווייל דער בעל-הבית פון אַ לאַנד איז דער טרעגער פון איר פּראָדוקציע, דער וואָס אַרבעט אויף איר ערד און אין אירע וואַרשטאַטן. דער כח פונם אידישן אַרבעטער אינם ציוניזם וועט נאָכאַנאַנד וואַקסן מיט דער צאָל פון אידישע אַרבעטער, וואָס דרינגען פאַקטיש אַריין אין דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע פון ארץ-ישראל. זיי וועלן מיט דער פּראָפעסיאָנעלער און קאָאָפּעראַטיווער אַקציע שטאַרקן די פּאָזיציע פונם אַרבעטער-פליגל אויפן קאָנגרעס. אַ ווייטערער

קוואַל פון כחות איז פאַרן סאָציאַליסטישן פליגל די אינטע־נאַציאָנאַלע סאָ־לידאַריטעט פון די פראָלעטאַריער פון אַנדערע לענדער, בפרט פון ענגלאַנד. וואָס גרעסער די מאַכט פונם אַרבעטערקלאַס אין דער גאַנצער וועלט, אַלץ בעסער פאַרן אידישן פראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף אַרויפצודריקן דעם שטעמפּל פון זיינע אידעאַלן אויף דער אידישער ארץ־ישראל. וואָרום א״י קאָן נישט ווערן קיין אידיש לאַנד אָן דער מאָראַלישער הסכמה און הילף פון דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט; דעריבער מוז וואַקסן אין ציוניזם די באַדייטונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַליסטן־קלאַס און פון זיין פּאָליטישער פאַרטרעטונג — פון די פּועלי־ציון.

די וויכטיקסטע גאַראַנטיע פון אונזער נצחון איז אָבער דער פאַקט, אַז די אינטערעסן פונם אידישן אַרבעטער דעקן זיך מיט די אינטערעסן פון דער גרויסער מערהייט פונם גאַנצן פאָלק — דערביי האָבן מיר בפרט אין זינען די אַרבעטנדע עלעמענטן, וועלכע שטייען צווישן בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט; דאָס זיינען די גרויסע מאַסן פונם אַרבעטנדיקן קליינבירגער־טום, ווי קליינע בעל־מלאכות, קליינהענדלער, אינטעליגענטע פּראָפעסיעס. די בורזשואַזיע אַפּעלירט צו זייער אייגנטום־פאַנאַטיזם, אימפּאָנירט זיי מיט איר פעאיקייט צו רעגירן, צו פירן. אָבער די אמתע אינטערעסן פון די צווישנ־קלאַסן, וועלכע שטייען תּמיד ביים אָפּגרונד פון פּראָלעטאַריזאַציע, עמיגראַ־ציע און אַרבעט־זוכעניש, זיינען אידענטיש מיט די אינטערעסן פונם אַרבע־טערקלאַס אין א״י; זיי זוכן נישט קיין עקספּלואַטאַציע־מעגלעכקייטן, נאָר אַרבעטס־געלעגנהייטן. בפרט איצט, נאָכן עקאָנאָמישן חורבן פון מזרח־אייראָ־פּע, צוליב דער קאַטאַסטראָפע פון די וואַלוטעס, איז אַפילו אַ גרויסער טייל פון דער מיטעלער בורזשואַזיע שטאַרק פאַראָרימט, נישט צו רעדן פון דעם אַרבעטנדן מיטלקלאַס. ער קומט קיין א״י אַבסאָלוט אָן מיטלען און גראָד ווי דער אַרבעטער איז ער פאַראינטערעסירט, צו האָבן פרייען צוטריט צו דער ערד אויף צו באַזעצן זיך, צו געפינען געגוג אַרבעטס־מעגלעכקייטן, צו קריגן קרעדיטן פון נאַציאָנאַלע מיטלען.

עס באַשטייט אַלזאָ אַ נאַטירלעכע אינטערעסן־געמיינשאַפט צווישן פּראָלעטאַריאַט און אַרבעטנדיקן קליינבירגערטום בנוגע די מעטאָדן פון דער ישוב־אַרבעט. געלינגט עס אונז צו באַפרייען די ברייטע פאָלקס־מאַסן פון דער פאַרפירערישער השפּעה פון דער בורזשואַזיע, צו ברענגען זיי אונטער דער סאָציאַליסטישער פירונג, דאַן וועט קומען די צייט ווען דער אידישער אַרבעטערקלאַס וועט זיין בכח איבערצונעמען די פירונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער ארץ־ישראל־אַרבעט.

דאָס זיינען די וויכטיקסטע מאָמענטן, וואָס באַווייזן די נויטיקייט פאַרן וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון און פאַרן אידישן אַרבעטערקלאַס בכלל, צו אָרגאַניזירן אַ וואָס שטאַרקערע פאַרטרעטונג ביים ציוניסטישן קאָנגרעס. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע באַזירט אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. פאַקטיש קאָן יעדער איד דורך אַ קליינע באַשטייערונג — דעם שקל — ווערן אַ וויילער צום קאָנגרעס. די פאַרשפּרייטונג פון די שקלים און די וואַלן צו

אַ קאָנגרעס גיבן אַלזאָ די מעגלעכקייטן צו טאָן אַ גרויסע אויפקלערנדע, אָרגאַניזאַטאָרישע און פּאָליטיש-ערציערישע אַרבעט אין די אידישע מאסן.

איין באַמערקונג איז נאָך נויטיק. דער ציוניסטישער קאָנגרעס איז בשום אופן נישט דאָס איינציקע מיטל פון דער פּועלי-ציון-באַוועגונג, כּדי צו ווירקן אויף דער א"י-ארבעט. ווי ס'ווערט געזאָגט אין דער רעזאָלוציע פון דער פינפטער פּועלי-ציון-קאָנפערענץ: „ד ע ר ע ר ש ט ע ר ת נ א י פאַר דער השפעה פונם אידישן אַרבעטערקלאַס אופן גורל פונם ישוב, איז זיין ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ק ע א ר ב ע ט אין א"י. אונזער קאָנגרעס-אַקציע האָט קיינמאָל נישט פאַרקלענערט אונזער ענערגיע ביי דער אָנפירונג פון דער אייגענער, דירעקטער פּאַלעסטינע-אַרבעט. נישט דאָ איז דאָס אָרט צו שיל-דערן די לייסטונגען — פונם פּאַלעסטינע-אַרבעטער-פאָנד, אָדער די געווערק-שאַפטלעכע און קאָאָפּעראַטיווע אַקציע פונם אידישן אַרבעטערקלאַס אין א"י. אָבער עס דאַרף נישט בלייבן קיין ספק, אַז וואָס גרעסער ס'וועט זיין די זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע ישוב-אַרבעט אין א"י, וואָס ממשותדיקער אירע רעזולטאַטן, וואָס רייכער די געמאַכטע ערפאַרונגען, אַלץ גרעסער און געזיכערטער איז אונזער השפעה אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, אַלץ מער שאַנסן געווינען מיר, כּדי צו זיכערן גרויסע ציוניסטישע מיטלען פאַר די צוועקן פון דעם אַרבעטער ישוב, אַלץ לייכטער ווערט עס, צו צווינגען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אָנצונעמען די ישוב-מעטאָדן פונם אַרבעטערקלאַס. אייגענע אַקטיוויטעט און שאַפונגס-פעאיקייט בלייבט דער לעבעדיקער קוואַל פון וועלכן דער אידישער פּראָלעטאַריאַט שעפּט שטענדיק נייע כּחות צום קאַמף קעגן די אַנטי-סאָציאַלע און אַנטי-נאַציאָנאַלע טענדענצן אינם ציוניזם.

די דירעקטע קאָלאָניזאַטאָרישע און די קאָנגרעסיסטישע אַקציע פונם אידישן אַרבעטער שטיצן און זיינען ממלא איינע דער אַנדערער. גלאָד אַזוי ווי ביידע פאָרמען פונם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף אין דער מלוכה — דער עקאָנאָמישער און דער פּאָליטישער

* *
*

מען זוכט אָפּט צו פאַרקלענערן די באַדייטונג פון אונזער באַטייליקונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט דער טענה, אַז מיר האָבן ביז אַהער גאָרנישט אָדער גאָר ווינציק דערגרייכט ביי ציוניסטישע קאָנגרעסן. מיר ווילן בשום אופן נישט איבערשאַצן די לייסטונגען פון די פּועלי-ציון-דעלעגאַציעס, אָבער די טענה איז נישט גערעכט. אַחוץ דעם, וואָלטן מיר אַפילו ביז אַהער גאָרנישט געהאַט געפועלט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָלט עס געווען אַ קנאַפּע ראיה אויף שפּעטער, ווייל די ציוניסטישע קאָנגרעסן און קאָנפערענצן האָבן ביז אַהער געטראָגן אַן אַנדערן כאַראַקטער. די אַרבעטס-מעגלעכקייטן אין א"י זיינען געווען קליין, מען האָט נאָך נישט געפילט דעם ריח פון דער א"ידיקער ערד, די באַוועגונג איז געווען אין איר אַגיטאַציע-סטאַדיום, די קאָנגרעסן האָבן מער דעמאָנסטרירט און דעקלאַ-

דירט, ווי געטאָן ממשותדיקע אַרבעט. דערצו קומט, אַז די פּועלי־ציון־דעלע־גאַציעס זיינען תּמיד געווען זער קליין.

פונדעסטוועגן איז אונזער השפעה אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן און אין דער באַוועגונג בכלל בשום אופן נישט געווען אָן רעזולטאַטן.

קודם האָבן מיר דורכגעזעצט איינע פון די וויכטיקסטע דעמאָקראַטישע רעפאָרמען פון דער אָרגאַניזאַציע. די דורכפירונג פון דעם פ ע ד ע ר אַ־ט י וו ן פּ ר י נ צ י פּ, די מעגלעכקייט צו שאַפן אינטערטעריטאָריאַלע פעדעראַציעס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט באַשטעטיקט איר כאַראַקטער אַלס אַ פּאַרטייען־פאַרבאַנד און מעגלעך געמאַכט די פּאַרטייען צו געהערן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, נישט זייענדיק פאַרבונדן מיט די אָרטיקע ציוניסטישע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס.

מיר האָבן גענומען אַן אַקטיוון חלק אין דעם קאַמף צווישן דער פּאָ־ליטיש־דיפּלאָמאַטישער און רעאַל־קאָלאָניזאַטאָרישער ריכטונג, וואָס האָט זיך צופּלאַקערט נאָך הערצלס טויט און האָבן ענערגיש מיטגעהאָלפן, אַז דער ציוניזם זאָל איבערגיין דערצו, צו שאַפן פאַקטן און ישוב־פּאָזיציעס אין א״י. דערביי האָבן מיר אָבער פון אָנהויב אָן א ו י פ ג ע ה ו י ב ן ד י ס אָ־צ י אַ ל ע פ ר אַ ג ע אינם ציוניזם. מיר האָבן דורך אונזער סאָציאַליסטישער קריטיק אויפגעדעקט די נאַציאָנאַלע סכנות און סאָציאַלע סתירות פון דער פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכער קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע. מיר האָבן אַוועק־געשטעלט די ארץ־ישראלדיקע אַ ר ב ע ט ע ר־פּ ר אַ ג ע אין איר גאַנצער גרויס פאַר דער ציוניסטישער און אידישער עפנטלעכקייט און פאַרלאַנגט ב יי ע מעטאָדן פון ישוב־אַרבעט. ס'איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אויב מען ווייסט איצט אין דער ציוניסטישער וועלט, אַז עס באַשטייט אַ קרי־זיס פון דעם ביזאיצטיקן, אויף פּריוואַט־אייגנטום אויפגעבויטן ישוב; אַז עס איז דאָ אַן אָנגעווייטיקטע אַרבעטער־פראַגע, וואָס קאָן נישט און טאָר נישט פאַרענטפערט ווערן דערמיט, אַז דער אידישער אַרבעטער זאָל אַראָפּ־זינקען אויף דער מדרגה — פון דעם אַראַבישן פעלאַך; אַז די באַציאונגען צווישן אידן און אַראַבער אין א״י, קאָנען נאָר רעגולירט ווערן אויף יסודות פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג, נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג און אַבסאָ־לוטער אַנערקענונג פון די רעכט פון דער אַרבעטנדער באַפעלקערונג — איז דאָס אַלץ אַ רעזולטאַט פון דער עפנטלעכער און נישט עפנטלעכער, אויפקלערנדער און פּראָטעסטירנדער טעטיקייט פון די פּועלי־ציון פאַרטרעטער אין די ציוניסטישע אַנשטאַלטן.

זי האָט געפירט אויך צו געוויסע פּראַקטישע רעזולטאַטן. די נ אַ־צ י אָ נ אַ ל י ז אַ צ י ע פ ו ן ד ע ר א״י־ע ר ד, דער גרונדגעדאַנק פונם נ״פ, איז פון אַ שלאָגוואָרט, אָדער פון אַ פאַרגעסענער קאָנגרעס־רעזאָלוציע, געוואָרן אַן ערנסטע פראַגע פון דער ציוניסטישער ישוב־פּאָליטיק. מיר האָבן דורך אונזער קאַמף פאַר דעם געדאַנק קודם כל אוממעגלעך געמאַכט די אַמאָליקע פּרואוון צו מיסברויכן דעם נאַצ.־פאָנד פאַר פּריוואַט־ווירטשאַפט־לעכע צוועקן. מיר האָבן געזיכערט דעם כאַראַקטער פונם נ״פ אַלס נאַציאָ־

נאַלן לאַנד-פאָנד און אַחוץ דעם געוואונען גרויסע טיילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרן געדאַנק פון לאַנד-נאַציאָנאַליזאַציע.

די קאָאָפּעראַטיווע ישוב-מעטאָדע איז אַ דאַנק אונזער אַגיטאַציע אויפגענומען געוואָרן (1909) אין דעם ישוב-פּראָגראַם פון דער באַוועגונג. ס׳איז לויט אונזער פאָדערונג געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווער פאָנד אַלס טייל פונם נ״פ, וואָס האָט פינאַנסירט די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע מרחביה. ס׳איז געווען דער רעזולטאַט קודם כל פון אונזער קריטיק און אַגיטאַציע, וואָס די קאָאָפּעראַציע איז באַלד געוואָרן כמעט די איינציקע ווירטשאַפטס-פאָרם אויף דער ערד פונם אידישן נאַצ.-פאָנד. אַזוי אַז היינט צו טאָגס געפינען זיך ווירטשאַפטן אינם ווערט פון עטלעכע מיליאָן פראַנק אין דעם רשות פון אַרבעטער-קאָאָפּעראַציעס. אַ ווייטערער רעזולטאַט פון אונזערע באַמיאונגען איז די באַטייליקונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דער אַרבעטער-באַנק. זי געפינט זיך אין די הענט פון די אַרבעטער און וועט ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער פאַרשטאַרקונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אינם לאַנד.

מיר לאָזן אויס אַ שורה קלענערע ערפאָלגן (ווי, די צום טייל דורכגעפירטע רעאָרגאַניזאַציע פון די פּאַלעסטינע-אַמטן לויט די פאָדערונגען פון די אַרבעטער א. אַ.), כּדי נישט צו פאַרלירן זיך אין פּרטים.

מען זעט פון דעם קורצן איבערבליק, אַז די ווירקונג פון אונזער פאַרבאַנד אויף די שטרעמונגען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויף איר פּראַקטישער אַרבעט אין א״י, איז גאָרנישט אַזוי קליין, ווי עס מיינען די קריטיקער, וועלכע גיבן זיך נישט די מי צו בלעטערן אין דער ציוניסטישער געשיכטע.

(נישט פאַרענדיקטער כּתב יד).

וויען. יוני 1921.

אַרום דעם שטרייק אין ראשון-לציון.

אין אַ טיי׳, פון דער ציוניסטישער און דער פּועלי-ציוניסטישער פּרעסע ווערט זייט וואָכן געפירט אַ דיסקוסיע, וואָס פאַרדינט אין אַ הויכער מאָס אונזער אויפמערקזאַמקייט. אַ שטרייק אין דעם יקב פון ראשון-לציון האָט געגעבן אַ שטויס צו אַ הייסער פּאָלעמיק. דער קאָנפליקט האָט על כל פּנים שוין געהאַט איין גוטן רעזולטאַט. ער האָט געמאַכט אַ סוף צו אַ טעאָרעטישן ויכּוח, וועלכער איז געפירט געוואָרן מיט גרויסער גייסטיקער חריפות, צי עס קאָן עקזיסטירן אַ בירגערלעכער און פּראָלעטאַרישער ציוניזם. די פראַגע איז פון איצט אָן אַנטשיידן. אַרום די שטרייטנדע קאָלאָניסטן און אַרבעטער פון ראשון גרופּירן זיך ציוניסטן און פּועלי-ציון. ס׳קאָן נישט זיין קיין ספק, אַז עס האַנדלט זיך דאָ מכּח צוויי זיך אַנטקעגנשטייענדע פּאַרטייען. אויך די פּרואוון פון אַ פּאָר מענטשן מיט גוטע כּוונות, וועלכע ווילן געבן דער דיסקוסיע אַ פריינדשאַפטלעכן כאַראַקטער, קאָנען אונז נישט ברענגען אין טעות.

ס׳איז בולט געוואָרן אַ קעגנזאַץ, איבער וועלכן מען קאָן נישט לייכט בויען אַ בריק, אַ מחלוקת, וואָס מען קאָן נישט באַגראָבן. מען מוז אָבער נישט שטענדיק און אָן אויפהער סטראַשען מיטן שווערד. די גאַסט-פריינדלעכע אויפנאַמע פון אָט די שורות אין דער „וועלט" איז דער בעסטער באַווייז, אַז עס באַשטייט ביי ביידע צדדים דער ווּאונש אויסצוגלייכן ווי ווייט מעגלעך די דיפערענצן.

די דיסקוסיע באַוועגט זיך אָבער גאָר ווייניק אַרום דעם קאָנקרעטן פאַל. קיין וואונדער. וואָרום ביידע צדדים שילדערן די פאַקטן פונקט פאַרקערט. דעם אמת קען מען נישט אַזוי גיך אַרויסגעפינען, אָבער מ׳קאָן לגמרי נישט פאַרבייגיין מיט שווייגן דעם אַלאַרמירנדן אַרטיקל פון הער לודוויפּאל, וועלכער האָט געגעבן דעם שטויס צו דער דיסקוסיע. אמת, מיט הער לודוויפּאל צו דיסקוסירן האַלט איך פאַר צוועקלאָז. זיינע „סאָציאָלאָגישע" אויפפאַסונגען, — אַז ביי אידן זיינען נישט פאַראַן קיין קלאַסן, אַז דער פון די אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען קינסטלעך אַרויסגערופענער קלאַסנקאַמף „האָט צושטערט דאָס אידישע ווירטשאַפטלעכע לעבן", און צום סוף, אַז ס׳איז פּשוט אַ שלעכטקייט צו האַלטן פאַר פּראָלעטאַריער די אין אַזאַ מאָדערנעם אינדוסטריעלן באַטריב ווי דער יקב אָדער גאָר די ביי די קאָלאָניסטן אין טאָג-לוין באַשעפטיקטע אַרבעטער — אָט די אַנשויאונגען פון הער לודוויפּאל זיינען נישט פון דעם מין, וואָס זאָלן

נויטווענדיק מאַכן אַן ערנסטע דיסקוסיע. אָבער דער אַרטיקל, אַזוי ווי ער איז, איז כאַראַקטעריסטיש. אין אויפגעבלאָזענע ווערטער ווערט געמאָלדן דער אידישער עפנטלעכקייט, אַז דאָס גאַנצע קאָלאָניזאַציע-ווערק געפינט זיך אין „סכנה", אַז אַ נייער „שונא" איז אויפגעשטאַנען, וואָס זוכט צו צושטערן „מיט רויע פיס די צאַרטע שפּראָצונגען" פון דעם נייעם לעבן, אַז ס'גייט צו גרונד די פון די קאָלאָניסטן אויסגעקעמפטע זעלבשטענדי-קייט. מיט שטוינען פרעגן מיר, ווער זיינען די דאָזיקע ביטערע שונאים? די פועלי-ציון, אינפאָרמירט אונז הער לודוויפּאַל, אָט די „אינגלעך", וואָס פאַרראַטן אַלץ, וואָס איז נאַציאָנאַל און ציוניסטיש, וועלכע ווערן פאַר-פירט פון אַ „פאַרברעכער-באַנדע" אין יפו. מיר זיינען נישט ווייניק אי-בערראַשט צו הערן, אַז די פועלי-ציון וואָס גייען קיין ארץ-ישראל אויס איידעלער באַגייסטערונג פאַר דעם ווידעראויפבוי פון ציון און אַרבעטן דאָרטן פאַר אַ קלאָגעדיקן לוין, זאָלן זיך פּלוצים אַרויסווייזן אַלס באַהאַל-טענע שונאים פון דער נאַציאָנאַלער זאַך. אָבער הער לודוויפּאַל ווייסט און דערציילט עס אונז גאַנץ גענוי. די פון די פועלי-ציון פאַרפירטע אידישע אַרבעטער אין דעם קעלער פון ראשון לציון האָבן נעמלעך צוויי מאָל, צוליב אַ נישט מאָטיווירטן אָפּזאָג פון זייערע אַרבעטס-חברים, פּראָקלאַמירט אַ שטרייק און האָבן פאַרלאַנגט אויפקלערונג און עווענטועל סאַטיספאַקציע (צוריק אויפנעמען די אומשולדיק אָפּגעזאָגטע). זיי האָבן פאַרלאַנגט צו באַשטימען אַ בוררות פון אַרבעטסגעבער און אַרבעטסנעמער. די דאָזיקע פאָדערונג האַלט הער לודוויפּאַל פאַר אַ מוראדיקע זאַך. מיר גיבן פון אונזער זייט בפירוש צו: אויב די אַרבעטער האָבן געסטראַשעט מיט געוואַלט אָנווענדונג, ווי הער לודוויפּאַל רעפּאָרטירט, דאַן פאַראורטיילן מיר עס אָן שום טענות. די איינציקע גאַראַנטיע פאַר דעם ערפאָלג פון אַ גע-רעכטן קאַמף קאָן זיין נאָר מאַכט, אָבער נישט געוואַלט! דאָס ווען מוזן געדענקען אונזערע פאַרטיי-פריינד אין ארץ-ישראל. אָבער די דערמאָנטע פאָדערונג איז גאָרנישט אַנדערש, ווי די שטרעבונג צו מילדערן דעם אין מאָדערנע אונטערנעמונגען הערשנדן אַבסאָלוטיזם דורך אַזוי צו זאָגן קאָנ-סטיטוציאָנעלע אינסטיטוציעס. אַז דאָס שטייט, ווי הער לודוויפּאַל באַטאָנט, אין אַ סתירה צו די תקנות און דעם אָפּמאַך פון דער קאָלאָניסטן-געגנאָ-סענשאַפט מיט דער איקא-אַדמיניסטראַציע, באַזירט, ווי איך גלויב, אויף אַ פאַלשער אויסטייטשונג פון אָט דעם אָפּמאַך און, וואָס ס'איז די הויפּט-זאַך, גייט די אַרבעטער גאָרנישט אָן. עס זיינען דאָך אומעטום פאַראַן אונטערנעמער-פאַרבאַנדן (דהיינו אין „ציוויליזירטע" לענדער, אויף וועלכע עס ווייזט אונז נאָכאַנאַנד אָן הער ל.), וועלכע פאַרפליכטן זיך סטאַטוטאַ-ריש אָדער מאָראַליש, נישט צו פאַרהאַנדלען מיט די אַרבעטער-אָרגאַני-זאַציעס, — קאָנען די לעצטע זיך רעכענען דערמיט און ציען דערפון קאָנסעקווענצן?...

לאָמיר לאָזן אין אַ זייט די פּרטים. אונז אינטערעסירט נאָר דער עיקר, די פאָדערונג פון די אידישע אַרבעטער איז נישט געווען קיין אומ-

געוויינלעכע, זייער קאַמף איז געפירט געווען אין גוטער אָרדנונג און האָט נאָר געקאָנט האָבן דעם דעזולטאַט, ווי עס האָט געזאָגט דער לייטער פון דעם יקב, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן מוזן אַליין איבערנעמען די אַרבעט; די זעלבע קאָלאָניסטן, וועלכע זיינען ס׳רוב נישט שלעכט סיטואירטע, קליינע גרונדבאַזיצער און ערציען זייערע קינדער נאָך אָפט געננג אין אַנטיפּאַטיע קעגן ערד־אַרבעט און מאַכן זיי עמפּפענגלעך פאַר פּאַריז (אַזוי דערציילט אונז נעמלעך הער שיינקין). אַז די דאָזיקע קאָלאָניסטן וואָלטן געמוזט בשעת דעם שטרייק אַליין אַרבעטן, דערין קאָן איך נישט זען קיין נאַציאָנאַלן אומגליק. קורץ, ווען הער לודוויפּאָל האַלט פאַר ריכטיק, אַזאַ אומשולדיקן, יעדנפאַלס נישט אויסערגעוויינלעכן קאָנפליקט צו באַצייכענען אַלס סכנה פאַר דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק און צו אַפּעלירן צום נאַציאָנאַלן אינטערעס, דאַן זאָל ער זיך נישט וואונדערן, אַז מיר ווערן דערפילט מיט אומצוטרוי קעגן דעם שטענדיק נעמען אין מויל די נאַציאָנאַלע אידעע, וואָס ווערט אויף אַזאַ אופן צו אַ נאַציאָנאַלער פראַזע. אונז איז דער נאַציאָנאַלער אינטערעס צו הייליק, אַז מיר זאָלן קאַלטבלוטיק צוקוקן, ווי ביי יעדער נישטיקער געלעגנהייט אַפּעלירט מען צו אים און פאַלסיפיצירט אים.

הער זשאַבאָטינסקי, וועלכער איז אין אַלגעמיין מסכּים מיטן הער לודוויפּאָל, געפינט אויך, אַז לודוויפּאָל איז מגזם. הער זשאַבאָטינסקי נוצט אויס די געלעגנהייט, כּדי צוצוגיין צו דער זאַך פון אַן אַנדער זייט (דאָס אידישע פאָלק, נר. 11) „ווי אַזוי זאָלן מיר זיך באַציען צו קלאַסן־קאָנפליקטן, וועלכע ברעכן אויס אין דער יונגער אידישער אינדוסטריע”, פרעגט הער זשאַבאָטינסקי. זיין ענטפער איז פונקט אַזוי קורץ ווי שאַרף. מיר זוכן אָבער אומזיסט אין זיין ענטפער סיי די געווינענדע פּאָלעמישע עלעגאַנץ, וואָס צייכנט אויס בדרך כּלל זיין פּובליציסטיק, סיי די באַגרינדונג, וואָס זאָל קאָנען אויסהאַלטן קריטיק. הער זשאַבאָטינסקי מיינט בקיצור פאָלגנדעס: די קאָלאָניזאַציע נויטיקט זיך אין אָנהויב אין פּיאָנערן פון קאַפּיטאַל און אַרבעט. דאָס הויפּט־באַשטרעבן „פון די איינע ווי פון די אַנדערע מוז זיין צו ערמעגלעכן, אַז דער קאַפּיטאַל זאָל זיך קאָנען נאָרמאַל אַנטוויקלען און פאַרצינזן”. צו די גינסטיקע באַדינגונגען געהערט אויך — ביליקע אַרבעט. בקיצור, מיט אַן אָפנקייט, וואָס פאַרדינט דאַנק, ערקלערט הער זשאַבאָטינסקי אַז מיר מוזען האָבן וואָלוועלע אידישע אַרבעטער. „וואָלוול, נישט נאָר אין דעם זין פון אַרבעטסלוין, נאָר אויך אין דעם זין פון אַ גרעסערער נאָכגיביקייט אינם קלאַסנבאַוואוסטזיין. . . אָדער מיר וואָלטן געמוזט מותּר זיין אויף רעאַלער אַרבעט אין ארץ־ישראל”... די פּיאָנערן פון דער אַרבעט מוזן שטענדיק „זיין גרייט מקריב צו זיין זייערע קלאַסן־אינטערעסן”. הער זשאַבאָטינסקי פאַרלאַנגט פון אונז פּועלי־ציון אַ קלאָרע תּשובה. ער האָט זי באַקומען אין דער פּועלי־ציוניסטישער פּרעסע. עס האָט זיך דערביי אויסגעוויזן, אַז די קוים מאַסקירטע פּראוואָן פון הער לודוויפּאָל, אויסצושפּילן די אויסלענדישע פּוע״צ קעגן די ארץ־ישראלדיקע, זיינען דורכגעפאַלן. אינם „אידישן

קעמפּער״, דעם אָרגאַן פון די אַמעריקאַנער פּועלי-ציון, שרייבט אַ „פּועל-עברי״: „מיר זיינען אַהערגעקומען נישט צופעליק, מיר זיינען נישט קיין אַראַבישע פעלאַכן, נאָר אידישע אַרבעטער, וועלכע שטרעבן דערצו, אַז די קאָלאָניזאַציע אינם אידישן לאַנד זאָל ווערן אינטענסיווער, רייכער, ברייטער. מיר פאַרשטייען די היסטאָרישע באַדייטונג פון אונזער טאָג-טעגלעכער טעטיקייט. מיר ווייסן, אַז מיר בויען די אידישע צוקונפט און זיינען דערפאַר גרייט צו ברענגען קרבנות. אָבער מיר ווילן נישט דערלאָזן, אַז קליינע מענטשעלעך זאָלן אויסנוצן די גרויסע קרבנות פאַר זייערע קליינע צוועקן און טרעטן מיט די פיס אונז און אונזער מענטשלעכן כבוד... די פרייהייט פון דעם אידישן פאָלק וועט נישט דערגרייכט ווערן פון קריכערישע, אונטערטעניקע גלות-שקלאַפן נאָר פון פרייע אומבויגזאַמע מאַקאַבישע מענטשן״... דער „אידישער אַרבעטער״, דער אָרגאַן פון די פּועלי-ציון אין עסטרייך „אונטערשרייבט פול און גאַנץ״ אָט די ווערטער, און „באַגריסט די דאָזיקע געזונטע באַשטרעבונגען פון אונזערע ארץ-ישראלדיקע פאַרטיי-חברים״. די איינשטימיקייט אין פּועלי-ציוניסטישע קרייזן איז נישט צו לייקענען. הער זשאַבאָטינסקיס בעלנות באַקומט אַלס ענטפער אַ נ י י ן! מיר ווילן צוגעבן צו דעם אַ פּאָר אויפקלערנדע ווערטער, כּדי ביים הער זשאַבאָטינסקי זאָל נישט אַנטשטיין דאָס געפיל, אַז מען מוז זיך מיאש זיין און לגמרי, מותר זיין אויף דער רעאַלער אַרבעט אין ארץ-ישראל״.

ס׳איז שטענדיק נישט קיין גלאַטער ענין צו פאַרלאַנגען פון אַ גרויסער פאָלקס-שיכט קרבנות פון אָנשויאונגען אָדער ותורים אויף מאַטעריעלע און וויטאלע גרופּן-אינטערעסן. צו אַזאַ אידעאַלער התרוממות הנפש און בטול עצמו לטובת הכלל איז פעאיק נאָר אַ יחיד און דערצו אויך נאָר אין אויסנאַמס-פאַלן. נאָך ווייניקער קאָן די זאַך מצליח זיין, ווען מען אַפּעלירט נאָר צו איין טייל פונם כּלל, ער זאָל אויספירן אָט דעם ביטול עצמו; מען ערוועקט דאַן דעם חשד, אַז די „כּלל-אינטערעסן״, פון וועלכע מען רעדט, קאָנען אויך שטיין אין אַ סתירה צו די גרופּן-אינטערעסן, אַז זיי הערן בכן אויף צו זיין כּלל-אינטערעסן. ווען הער זשאַבאָטינסקי פאַרלאַנגט פון די אידישע אַרבעטער, טייטלענדיק אויפן נאַציאָנאַלן ציל, זיי זאָלן זיך לאָזן דיקטירן פון די קאַפּיטאַליסטן זייער לעבנס-סטאַנדאַרד און לעבנס-שטייגער, אַזוי אידענטיפיצירט ער באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון דער אונטערנעמער-גרופּע. דאָס איז די אומפאַרמיידלעכע לאָגישע מסקנה. מיר האָבן אָבער קיינמאָל נישט געהערט, אַז הער זשאַבאָטינסקי אָדער אַן אַנדער ציוניסט מיט שכל הישר זאָל אַזוי אינטערפּרעטירן אָדער באַגרינדן דעם ציוניזם. אָט דער געדאַנקענגאַנג פון הער זשאַבאָטינסקי איז סותר נישט נאָר זיין אייגענע אויפפאַסונג וועגן די צוועקן און אויפגאַבן פונם ציוניזם; ער באַווייזט אויך עווידענט, און דאָס איז דער קערן פון דער זאַך, אַז די אינטערעסן, אויף וועלכע עס באַרופן זיך לודוויפּאָל און זשאַבאָטינסקי, זיינען נישט און קאָנען נישט זיין די אינטערעסן פונם אידישן פאָלק. מיר לאָזן אַן אַ זייט יעדן מאָראַלישן מאַ-

מענט; אויף דעם האָט נעמלעך שוין אָנגעוויזן דער געזיגונגס-חבר פון זשאַבאָטינסקי, הער גארעליק. אין זיין פּאָלעמיק קעגן זשאַבאָטינסקי שרייבט גארעליק: „אויך מיר גלויבן, אַז דער אַרבעטער אין ארץ-ישראל מוז מקריב זיין אַ טייל פון זיינע אינטערעסן פאַר די אינטערעסן פון דעם געמיינשאַפטלעכן נאַציאָנאַלן אידעאַל; אָבער מיר בלייבן נישט דערביי, מיר פאַרלאַנגען דאָס זעלבע פון די קאַפּיטאַליסטן... קיין ציוניסט, קיין מענטש, וואָס שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון דעם „רעכט" און נישט פון דער „מאַכט"..., דאַרף אויף זיך נעמען די מאָראַלישע אַחריות אַרויפצולייגן נאַציאָנאַלע התחייבותן און קרבנות נאָר אויף איין קלאַס"... דערמיט זיינען טאַקע די אויספירונגען פון זשאַבאָטינסקי עטיש פאַרמשפט, אָבער נאָך לאַנג נישט פאַרענטפערט לעצם ענין. דאָס אַנטשטיין פון אַ אידישער נאַציאָנאַל-ווירטשאַפט אין ארץ-ישראל וואָלט געבליבן אַ רעטעניש, אויב מען וואָלט פאַרלאַנגט פון די אונטערנעמער קרבנות, ד. ה. אָפּצוזאָגן זיך פון אַ רענטאַבלער אינוועסטיציע פון זייערע קאַפּיטאַלן. לגבי הער גארעליקן געפינט זיך הער זשאַבאָטינסקי אין אַ געזיכערטער פּאָזיציע. אָבער וויבאַלד ער פאַרשטייט, אַז מען קאָן נישט [illegible]רן פון די אונטערנעמער מבטל צו מאַכן דעם תנאי מוקדם פון זייער ווירטשאַפטלעכער אַקטיוויטעט — דעם ריוח — און דערמיט בטל מאַכן זיך אַליין אַלס אונטערנעמער, דאַן וואָלט אים דאָך באַדאַרפט קלאָר זיין, אַז אויך די אַרבעטערשאַפט קאָן נישט מותר זיין אויף איר עקזיסטענץ-קאַמף. אויף איר קאַמף פאַר אַ מענטשלעכן קיום. יאָ, מיינט אָבער הער זש., דער קאַפּיטאַליזם דאַרף האָבן אין זיינע ערשטע סטאַדיען נידעריקע לוינען, די פּועלי-ציון זאָלן זיך בויגן פאַר דער נאַטור-נויטווענדיקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. ס'איז נישט קיין שלעכטער געדאַנק צו אַקצעפּטירן די פּועלי-ציוניסטישע טעאָריע פון דער „נאַטור-נויטווענדיקער, סטיכישער" אַנטוויקלונג, כדי אויסצודרייען דעם שפּיז קעגן די פּועלי-ציון. אויב עס זיינען פאַראַן צווישן די פּועלי-ציון מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען דעם געשיכטלעכן מאַטעריאַליזם אַלס אַ מין היסטאָרישן פאַטאַליזם, אַלס אַ „פּאַסיוו אונטערווארפן זיך אונטער דאָס כּלומרשט אומפאַרמיידלעכע" (כּדי צו רעדן מיט קאַאוטסקיס ווערטער), דער תּכלית, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט געמאַכט פון דער דאָזיקער טעאָריע, האָט זיי געוויס איבערצייגט פון איר אומריכטיקייט. מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַלטן פון אָט די „טעאָריעס". מיר האָבן שטענדיק געגלויבט, אַז אינטערווענירן, אַריינמישן זיך אין דעם זין פון דער אַנטוויקלונג איז מעגלעך, איז אַפילו נויטווענדיק. מיר לייקענען נישט די ראָל פון דעם אָרגאַניזירטן פאָלקס- און מאַסן-ווילן אין דער געשיכטע. דערפאַר טאַקע מוז מען זיך היטן אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם דראַנג פון מאַסן-באַדערפענישן נאָך באַפרידיקונג. הער זש. מוז אַוועקוואַרפן דעם לגמרי פאַלשן געדאַנק, אַז באַוועגונגען און טענדענצן, ווי די ביי די אַרבעטער אין ראשון, ווערן פּראָוואָצירט אָדער געהאָדעוועט פון „פאַרטייען" פון „אָרגאַניזאַציעס". עס מאַכט אַ מאָדנעם רושם, אַז הער זש.

אַפּאָסטראָפירט די פּאַרטיי פּועלי-ציון, גלויבנדיק על פּי טעות, אַז עס הענגט אָפּ פון דעם גוטן אָדער שלעכטן ווילן פון אונזער פּאַרטיי אָפּצוהאַלטן אָדער אַרויסצורופן אַזעלכע באַוועגונגען. צי מיר ווילן, צי מיר ווילן נישט, עקספּלואַטאַציע איבער דער מאָס און דאָס טרעטן דעם מענטשלעכן כּבוד וועלן שטענדיק פירן צו קעגן-אַקציעס, רעוואָלטן און קעגן-דרוק. דער אַנטשטייענדער קאַפּיטאַליזם, זאָגט מען, באַזירט אויף מיזעראַבלע שכירות? הער זש, וואָלט זיך באַדאַרפט שטעלן די פראַגע, אויב די נידעריקע באַלוינונג ביים אָנהויב פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע איז נישט געווען דער רעזולטאַט פון דער שוואַכקייט פון דער אַרבעטערשאַפט. די וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַ העכערן לעבנס-שטייגער האָט מען שטענדיק אויפגעוואָרפן, אַז זיי צושטערן די פּראָדוקציע. וואָלט דער קעמפנדער פּראָלעטאַריאַט געגלויבט אין אָט די טענות, וואָלטן די לוינען שטענדיק געבליבן די גלייכע. הויבן די לעבנס-מדרגה פון דער אַרבעטערשאַפט מוז נישט שטענדיק געשען אויפן חשבון פון דעם פּראָפיט. אין די מאָדערנסטע גרויס-קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען איז דער לוין תּמיד העכער, ווי עס באַשטעטיקט די לעצטנס פּובליצירטע אַמעריקאַנישע סטאַטיסטיק. דער זאַץ פון הער זשאַבאָטינסקי איז דערפאַר פאַר קיין פאַל נישט קיין אַקסיאָמאַטישער אמת. און די אידישע אַרבעטער אין ארץ-ישראל קאָנען רואיק איבערלאָזן די דאגה פאַר דער סטאַביליטעט פון דעם פּראָפיט די אונטערנעמער אַליין. זיי דאַרפן זיך אין דעם קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ נישט בינדן די הענט.

צוליב דעם דאַרף קיינעם נישט באַנג ווערן פאַר דער צוקונפט פון דער אידישער נאַציאָנאַל-ווירטשאַפט אין ארץ-ישראל. עס זיינען פאַראַנען באַשטימטע נאַטירלעכע גרענעצן פאַרן קאַמף פון דער אַרבעטערשאַפט צו דערהויבן איר לעבנס-מצב; זיין ערפאָלג ווערט באַשטימט דורך די באַציאונג פון באַדאַרף און אָנבאָט אויף דעם אַרבעטס-מאַרק, דורך דער אייניקייט פון די אַרבעטער, דורך לאַגע און ווייטבליק פון די אונטערנעמער. דער קאַמף קאָן נישט אַזוי ווייט גיין, אַז ער זאָל פּאַראַליזירן אַ פּראָדוקציע-צווייג און מאַכן אים קאָנקורענץ-אומפעאיק; דערמיט וואָלטן די אידישע אַרבעטער זיך אַליין באַרויבט פאַר אַ באַשטימטער צייט די עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן אין ארץ-ישראל. די פּועלי-ציון זיינען אָבער פּונקט אַזוי ווי די אידישע אונטערנעמער פאַראינטערעסירט אין דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט אינעם אידישן לאַנד. הער זשאַבאָטינסקי און אַלע גלייכדענקענדע ציוניסטן דאַרפן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז דער אידישער אַרבעטער איז קיינמאָל נישט קיין מיטל צו שאַפן דעם אָדער יענעם פּראָדוקציע-צווייג, נאָר שטענדיק אַ צוועק פאַר זיך אַליין. עס ווערט איינעם מאָדנע אויפן האַרצן, אַז מען מוז נאָך אויפשרייבן אַזעלכע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן. מען מוז אָבער וואָרענען קעגן אַ פאַלשער קאָנצעפּציע פון דעם נאַציאָנאַלן אינטערעס.

די הערן-מאָראַל פון דעם הער לודוויפּאַל וואָלט קיינמאָל נישט באַ-

דאַרפט געפינען קיין אָפּקלאַנג אינם ציוניזם. די בירגערלעכע ציוניסטן וואָלטן באַדאַרפט לערנען פון די פּראָלעטאַרישע. האָבן מיר, למשל, ווען נישט איז געפאָדערט, אַז די אידישע קאָלאָניסטן און אונטערנעמער זאָלן זיך אָפּזאָגן, צו באַשעפטיקן נישט-אידישע אַרבעטער, הגם דאָס וואָלט גע־וויס אַנטשפּראָכן אַן עמינענט נאַציאָנאַלן אינטערעס*)!... יאָ, ווען די אין נאַציאָנאַלע פאַרבן זיך פּוצנדע אידישע אונטערנעמערשאַפט אין ארץ-ישראל וואָלט געווען גרייט צו אַזאַ קרבן, ווען זי וואָלט לחלוטין מותר געווען, ביי קאָנפליקטן מיט אידישע פּראָלעטאַריער צו רופן צו הילף דעם פעלאַך קעגן דעם אידישן אַרבעטער, — דאַן וואָלט מען אויך געקאָנט פאָדערן קרבנות פון דער אַרבעטערשאַפט. די ציוניסטן און די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע אָבער דאַרפן זיך גוט היטן ביי פאַלן פון דעם סאָרט צו באַקרוי־נען מיט נאַציאָנאַלער קדושה די אינטערעסן פון איינעם פון די קעמפנדע צדדים, אויב מען וויל זען פאַראייניקט דעם בירגערלעכן און פּראָלעטאַרישן ציוניזם אין איין קאָנגרעס-אָרגאַניזאַציע.

ווין, יוני 1907.

---

*) כדי צו פאַרשטיין דעם אַרגומענט, דאַרף מען זיך דערמאָנען, אַז די פּועלי-ציון, צום אונטערשייד פונם הפועל-הצעיר, האָבן נישט געהאַלטן פון כבוש עבודה דורך אַפּעל צו די נאַ־ציאָנאַלע געפילן פון די קאָלאָניסטן. זיי האָבן שוין דאַמאָלט באַטראַכט דאָס אַריינדרינגען פונם אידישן לוין-אַרבעטער אין דער קאָלאָניע אַלס אַן עקאָנאָמישע פראַגע און נישט אַלס אַ מוסר-פראַ־גע; אַלס אַ פּראָבלעם פון זיכערן אים דעם אַרבעטס-פּלאַץ אין דער נייער אידישער ווירטשאַפט נישט פון פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם שטענדיקן אַראַבישן אַרבעטער.

ש. ק.

די רעקאָמענדאַציעס פון דער אַגענץ־קאָמיסיע.

(רעפעראַט, געהאַלטן אינם פּאַרטייראַט פון אחדות-העבודה, דעם 5 יולי, 1928)

ווער עס וויל זיך פּאַרטיפן אין דעם ראַפּאָרט פון דער אַזוי גערו־פענער אַגענץ־קאָמיסיע און פאַרשטיין אירע קאָנקלוזיעס און רעקאָמענדאַציעס, מוז שטודירן זייער מקור, — די באַריכטן פון די עקספּערטן, וועלכע זיינען פאַרגעלייגט געוואָרן דער קאָמיסיע און געדינט איר אַלס באַזיס. די שוועריקייט פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט באַשטייט אין דעם, אַז זי קען נישט דעם דאָזיקן מקור, פון וועלכן די מיטגלידער פון דער קאָמי־סיע האָבן געשעפּט זייער וויסנשאַפט, ווייל די ראַפּאָרטן פון די עקספּערטן זיינען נאָך נישט פּובליצירט *).

צווישן די מסקנות זיינען דאָ זאַכן, וואָס זיינען נישט ניי — אַן איבערחזרונג פון פאָדערונגען און פאָרשלאָגן, וועלכע זיינען נישט איינמאָל געזאָגט און געשריבן געוואָרן אויף ציוניסטישע אספות און אין דער פּרעסע. ס'איז נישט כדאי אָפּצושטעלן זיך אויף פּונקטן, ווי למשל, אַז ס'איז נויטיק אַן אינפאָרמאַציע־ביוראָ פאַר פּערזאָנען, וואָס ווילן אינוועסטירן געלט אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, און דוקא דערביי דאַרף מען געבן דער אַרבעטערשאַפט אַ פאַרטרעטונג. ס'איז געוויס גוט און אינטערע־סאַנט, אַז די קאָמיסיע פאָדערט פון דער רעגירונג לאַנד, שטייער־פרייהייט פאַר קאָלאָניסטן אין די ערשטע 5 יאָרן, באַטייליקונג פון דער רעגירונג אין דעם אידישן שולן־בודזשעט לויט דער צאָל פון די תּלמידים, און דערגלייכן פאָרלאַנגען. אָבער דאָס אַלץ איז נישט ניי.

מיר דאַרפן זיך אָפּשטעלן אויף די פראַגן, אין וועלכע די קאָמיסיע האָט מחדש געווען.

אָט ווערט געפאָדערט אין פּונקט ג' פונם קאַפּיטל איבער א י י נ־וואַ נ ד ע ר ו נ ג, „אַ גרינדלעכערער אויסוואַל ווי ביז אַהער פון די אימי־גראַנטן אָן מיטלען, לויט די באַדערפענישן פונם לאַנד". עס ווערט נישט ערקלערט, צי אין געמיינט דערמיט אַן עקאָנאָמישע קאָנטראָל, אָדער אַ

---

*) דאָס איז געשען ערשט סוף 1928, ווען ס'איז ארויס אין באָסטאָן אויף ענגליש דאָס בוך Reports of the Experts. Submitted to the Joint Palestine Survey Commission. דער באַריכט איז באַזירט אויף די כתבֿ־ידן פון די ראַפּאָרטן פון פּראָפ. מ י ד און ד"ר. ל י פּ מ אַ ן און אויפן דו"ח פון דער אַגענץ־קאָמיסיע.

פּאָליטישע. אַז די כונה איז יעדנפאַלס אָפּצושוואַכן די השפעה פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אויף דעם אויסקלייבן די איינוואַנדערער, איז קלאָר פון פּונקט ו׳, וועלכער רעדט וועגן דער „באַפרייאונג פון די פּאַלעסטינע-אַמטן פון דער באַטייליקונג פון די ציוניסטישע פעדעראַציעס אין יעדעס לאַנד, כדי צו מאַכן זיי אומאָפּהענגיק פון דער אָרטיקער פּאָליטיק״.

דער קאַפּיטל איבער אינדוסטריע באַשטייט פון לויטער באַנאַליטעטן, וואָס קאָנען נישט אַרויסרופן קיין קריטיק. אינטערעסאַנטער איז שוין דער אָפּשניט איבער אַרבעט. מיר אַלע האָבן געלייענט מיט רירונג און באַזונדערער באַפרידיקונג די סימפּאַטיע-ערקלערונגען פון דער קאָמיסיע פאַר דער אַרבעטערשאַפט און די פאַרזיכערונגען פון איר וואונטש צו פאַרבעסערן די לעבנס-באַדינגונגען פון די אַרבעטער. אָבער באַלד קומט אַ וואָרנונג: אַ פאַרבאַדינגונג דערצו איז אַ געזונטנדער ריוח פאַרן קאַפּיטאַל. ווייטער: מען דאַרף שטיצן די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. אָבער אויך דאָ קומט באַלד דער תנאי, אַז זיי זאָלן געפירט ווערן אויף „געזונטע״ יסודות און נישט חלילה לויט „דאָקטרינאַרע טעאָריעס״. דער מיין איז קלאָר: אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אָן סאָציאַליזם, אָן קלאַסן-באַוואוסטזיין, אָן היסטאָרישע אויפגאַבן, אָבער עס איז אין ערגעץ נישט געזאָגט, וואָס וועט זיין די שטעלונג פון דער פאַרברייטערטער אַגענץ אַפילו צו אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן נושא חסד זיין אין די אויגן פון לאָרד מעלטשעט.

אָבער די וויכטיקסטע זאַכן זיינען געזאָגט געוואָרן אין דעם פּרק איבער לאַנדווירטשאַפט; וויכטיק פאַר זיך אַליין, ווי אויך צוליב דער וויכטיקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט און צוליב דעם אָרט, וואָס זי פאַרנעמט אין דעם פּראָגראַם פון דער קאָמיסיע גופא. פּונקט א׳ — איבער דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויפנאַמספּעאיקייט פון ארץ-ישראל — פאַרדינט אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג, און מיר וועלן זיך צו אים אומקערן. דער קאַפּיטל אַלס גאַנצער שטרייכט אונטער אָן אַ שאָטן פון ספק די אַנטי-סאָציאַלע איינשטעלונג פון דער קאָמיסיע. אַלע סאָציאַלע עלעמענטן פון אונזער לאַנדווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אין א״י, וועלכע זיינען געוואָרן דער אויסגאַנגספּונקט נישט נאָר פון דער אַרבעטער-באַוועגונג, נאָר דער באַזיס פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג און געגעבן איר גאַנצן קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק זיין שטעמפּל און כאַראַקטער — זיי אַלע האָבן נישט זוכה געווען בדין ביי דער קאָמיסיע. נישט נאָר קריטיקירט זי די דאָזיקע גרונדלאַגן, זי פאַרמשפּט זיי צום אונטערגאַנג.

ווי די עקספּערטן פאַרלאַנגט אויך די קאָמיסיע קאָנסאָלידירונג איידער מען נעמט אונטער בייע קאָלאָניזאַציע. זי לייגט צו — עס זאָלן קאָנסאָלידירט ווערן די ווירטשאַפטן, וואָס „זייער קאָנסאָלידירונג איז ווינשענסווערט״. דאָס הייסט, די אַגענץ איז באַרעכטיקט צו רעווידירן און ביי געוויסע ווירטשאַפטן צו באַשליסן, אַז זיי זיינען נישט ראוי קאָנסאָלידירט צו ווערן און מען דאַרף זיי בטל מאַכן. אָבער דאָס איז נאָר אַ וואונק. ווייטער באַגנוגנט זיך די קאָמיסיע שוין נישט מיט רמזים, נאָר רעדט מיט

אַן אָפּנהאַרציקייט, וועלכע מען מוז לויבן. זי פּראָקלאַמירט איר הסכמה צו דער מיינונג פון די עקספּערטן, אַז מען דאַרף פאַרענדיקן דעם אויפבוי פון די באַשטייענדיקע קבוצות, אָבער מען טאָר מער נישט גרינדן קיין נייע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, און די קבוצות פונם יאָר תרפ״ז (נייע קאָלאָניזאַציע, 1927) דאַרף מען לאָזן באַשטיין נאָר אויב מען קאָן זיי פאַרוואַנדלען אין מושבים אָדער אין לערן-פאַרמעס. אין דעם פונקט גייט שוין די קאָמיסיע ווייטער ווי אירע מומחים. די עקספּערטן האָבן געזאָגט:

„דער דויערהאַפטער ערפאָלג פון די קאָלאָניעס אויף קאָמוניסטישע יסודות (קבוצות) איז אין ספק. די קאָמיסיע לייגט פאַר אָפּצולייגן די גרויסע אַסיגנירונגען פאַר הייזער און שטאַלן לויט די אָנגענומענע פּלענער אין די קבוצות. די פּלענער פאַר בנינים דאַרף מען ענדערן אויף אַזאַ אופן, אַז אויך אינדיווידועלע קאָלאָניסטן זאָלן זיי קאָנען באַנוצן, אין דעם פאַל ווען די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטס-פאָרם זאָל זיך בייטן״ (פּראָפ. מיד, ראַפּאָרט, ז. 41).

דערפון איז צו זען, אַז די פאָדערונג אומצוענדערן די קבוצות פון יאָר תרפ״ז אין מושבים איז אַן אייגענער, אָריגינעלער איינפאַל פון דער אַגענץ-קאָמיסיע *). דאָס איז נישט דער איינציקער פונקט, אין וועלכן זי גייט ווייטער ווי די עקספּערטן. די פראַגע פון לאַנדאייגנטום האָבן די מומחים נישט באַהאַנדלט און נישט אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג, סיי פּאָזיטיוו סיי נעגאַטיוו. פאַרקערט, זיי לויבן דעם נאַציאָנאַל-פאָנד, ווייל ער האָט ערוואָרבן לענדערייען אין גרויסע, צוזאַמענהענגענדע קאָמפּלעקסן. אָבער די אַגענץ-קאָמיסיע האָט פּראָקלאַמירט איר קעגנערשאַפט צו דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלן ערד-אייגנטום. זי פאַרלאַנגט נישט אָפּצושאַפן דעם נאַציאָנאַל-פאָנד, אָבער זי פאַררוקט אים אין אַ ווינקל. עס ערשיינט כמעט זעלבסט-פאַרשטענדלעך, אַז די אַגענץ-קאָמיסיע פאַרלאַנגט קאָנטראַקטן מיט די קאָלאָניסטן, אָן דער באַטייליקונג פון דער אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע-געזעל-שאַפט „ניר״, און צוזאַמען מיט די עקספּערטן וואַרפט זי אָפּ אַלס „אומ-האַלטבאַר״ דעם פּרינציפּ פון אייגענער אַרבעט אין קבוצות און מושבים — דעם געמיינזאַמען יסוד פון ביידע פאָרמען פון אַרבעטער-ווירטשאַפט און קאָלאָניזאַציע.

אין איר קעגנערשאַפט צו דער אַרבעטער-באַוועגונג און אַלע אירע מאַניפעסטירונגען באַווייזט די קאָמיסיע אַ מערקווירדיקע בקיאות. ס'איז כמעט נישטאָ קיין שום ערשיינונג פון זעלבסט-טעטיקייט מצד דער אַרבעטער-שאַפט, וואָס זאָל באַשטיין אין אירע אויגן. ס'איז פאַראַן אַ באַזונדערער פונקט וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע פונם קאָלאָניזאַציע-דעפּאַרטאַמענט אויפן יסוד „פון פּראַקטישער פאַרוואַלטונג און געזונטע עקאָנאָמישע פּרינציפּן״. אויך דאָס איז איבערגענומען פון די עקספּערטן. יענע האָבן עס לפּחות

*) פון דעם דערמאָנטן געדרוקטן ראַפּאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער קאָמפּליצענט פון אָריגינאַליטעט איז נישט קיין פאַרדינטער. דער פאָרשלאַג שטאַמט פון דעם ענגלישן עקספּערט, סער דזשאָן קעמפּבעל.

געשריבן בשעת די אָנפירונג פון דער קאָלאָניזאַציע איז געווען אין די הענט פון אַ מאַן, וועלכער איז פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. בכלל באַשעפטיקן זיך די עקספערטן אַ סך אין זייער באַריכט מיט דעם איינפלוס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. זיי שרייבן: „ערנסטע באַטראַכטונג פאַרלאַנגט די השפּעה פון דער אידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין א״י אויפן כאַראַקטער און ערפאָלג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגען. די קאָמיסיע דענקט, אַז דער שטענדיקער דרוק מצד דער דאָזיקער איינפלוסרייכער אָרגאַניזאַציע פאַר דער גרינדונג פון נייע ווירטשאַפטן און פאַר דער באַזעצונג אויף דער ערד פון נייע גרופּן, וואָס וואַרטן אויף קאָלאָניזירונג, האָט געפירט צו איבערגעאײַלטער, נישט ראַציאָנאַלער און פּלאַנלאָזער אַנטוויקלונג. געלט איז פאַרשווענדעט געוואָרן און אויך דאָס געזונט און ענערגיע פון די קאָלאָניסטן זיינען געשעדיקט געוואָרן. ס'איז נויטיק אַ מער באַרעכנטע און פּלאַנפולע פּאָליטיק פון אַגראַרער קאָלאָניזאַציע. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דאַרף מען רעאָר־גאַניזירן דעם קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט און ווידמען אים צו זיין אייגנטלעכן ציל — צו שאַפן אַ לאַנדווירטשאַפט, וואָס טראָגט זיך אליין, און נישט באַשעפטיקן זיך מיט דער שאַפונג פון אַ נייער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אָרדנונג". (פּראָפ. מיד, ראַפּאָרט, ז. 40).

איינער פון די עקספערטן, פּראָפ. ליפּמאַן, האָט געשריבן אַ באַזונ־דערן מעמאָראַנדום אויף דער איינלאַדונג פון דער מאַרשאַל־גרופּע; אויך ער באַשעפטיקט זיך מיט דער אָנפירונג פון דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג. כאָטש איך האָב נישט געהאַט דעם כבוד צו טרעפן זיך מיט אים, און ער האָט פון מיר נישט געקריגן קיין שום אינפאָרמאַציעס וועגן מיין אַרבעטס־מעטאָדע, געפינט דער הער פּראָפעסאָר פאַר נויטיק צו שרייבן:

„עס איז צו באַדויערן, אַז דער קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, ווי ער איז היינט אָרגאַניזירט, גיט זיך גערן אונטער פּאַרטייאישן דרוק און לאָזט זיך לייכט באַאיינפלוסן פון טאַקטישע מאָטיוון. ס'איז וויכטיק, אַז די רעאָרגאַניזאַציע פון דער קאָלאָ־ניזאַציע־אָפּטיילונג זאָל פירן צו דעם שטרענגען אויסשלוס פון יעדער פּאַרטייאישקייט אין דעם אויסקלייבן פון קאָלאָניסטן".

דער פּאַסיקער אָרט פאַר אַזאַ באַשולדיקונג, אויב זי זאָל האָבן אַ יסוד, וואָלט געווען דער ציוניסטישער קאָנגרעס. איז עס נישט מערקוויר־דיק, אַז נישט קוקנדיק אויף די שאַרפע פּאַרטיי־דיפערענצן ביים לעצטן קאָנגרעס, איז דאָרט אַזאַ מין קריטיק נישט געהערט געוואָרן?

אויך דער פּונקט וואָס זאָגט, אַז מען דאַרף „זיך באַמיען צוציען פאַרמעגנדע קאָלאָניסטן", איז דער פּראָדוקט פון דער פאָרשטעלונג, אַז בעת דער „אַרבעטער־הערשאַפט" אין דער קאָלאָניזאַציע האָט מען כלומרשט דערפאַר נישט געזאָרגט. דערזעלבער חשד אַפילו ביים פּונקט, וועלכער רע־קאָמענדירט צו קאָנצענטרירן זיך בעיקר אויף די דיסטריקטן וואָס זיינען פּאַסיק פאַר עקספּאָרט־קולטורן. ס'איז אגב אינטערעסאַנט, אַז די אַגענץ־

קאָמיסיע ווייס שוין, אַז די גאַנצע א״י־דיקע אַגריקולטור וועט געבויט ווערן אויף ציטרוס און דערגלייכן עקספּאָרט־פּלאַנצונגען. אין אַן אַנדערן פּונקט אָנערקענט די קאָמיסיע די נויטיקייט צו אָרגאַניזירן דעם קויף און פאַרקויף אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אָבער תיכף קומט אַ שטאָך דעם „המשביר" — ער דאַרף זיך באַפרייען פון „סאָציאַלע טעאָריעס". די איינ־ציקע אַרבעטער־אינסטיטוציע, וואָס איר רעכט אויף באַשטאַנד ווערט אַזוי צו זאָגן צוגעגעבן איז די קופּת־חולים, אָבער ערשט נאָכדעם ווי מען נעמט פון איר אַרויס איר וויכטיקסטן טעטיקייטס־אינהאַלט.

וואָס זאָל מען זאָגן צו די מסקנות, ווי אָפּשאַצן די פאָרשלאַגן פון דער קאָמיסיע? איך בין נישט געוואוינט צו באַנוצן שאַרפע ווערטער. אָבער מיר האָבן אַ רעכט צו זאָגן, אַז דער דאָזיקער דאָקומענט איז דער גרעסטער פּאָליטישער און מאָראַלישער פּאַטש אין פּנים, וועלכן די ציוניס־טישע באַוועגונג האָט געקריגן אין די לעצטע יאָרן. אין דער געשיכטע פונם ציוניזם קאָן מען געפינען ווייניק פּאַסירונגען, וואָס האָבן געמאַכט אַזאַ דעפּרימירענדן, נידערשלאָגענדן איינדרוק ווי די דאָזיקע באַציאונג מצד אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן ביז אַהער גאָרנישט געטאָן פאַר דער אויפריכטונג פונם אידישן לאַנד און נעמען זיך דאָס רעכט מבטל צו מאַכן, אָפּפּסקענען, פון אויבן אַראָפּ אָפּמשפּטן אַ גרויסע באַוועגונג, וואָס אַרבעט שווער און געדולדיק צענדליקער יאָרן און האָט אויפגעריכט אַ ווערק, וועגן וועלכן זיי מוזן אַליין מודה זיין, אַז דאָס וועט זיין דער יסוד פאַר דער צוקונפטיקער טעטיקייט פון דער אַגענץ. די דאָזיקע שלוספאָל־גערונגען און רעקאָמענדאַציעס זיינען נישט נאָר אַ קלאַפּ קעגן דער אַר־בעטער־באַוועגונג. געוויס, דער סאָציאַלער כאַראַקטער פון דעם דאָקומענט איז קלאָר. מען מוז דאַנקבאַר זיין דער קאָמיסיע, וואָס זי האָט נישט באַ־האַלטן איר שטאַנדפּונקט. זיי זיינען געווען אָפנהאַרציק ביז צו קלאָציקייט. אָבער דער ביטול איז נישט נאָר קעגן דער אַרבעטערשאַפט. די געדאַנקען פון קאָלאָניזאַציע אויף נאַציאָנאַלער ערד, קעגנערשאַפט צו פּריוואַטן אייגנ־טום אויף לאַנד און צו לאַנד־ספּעקולאַציע, אַליין־אַרבעט, פרייהייט פון די סאָציאַלע פאָרמען אין דער קאָלאָניזאַציע, קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע, דאָס בירגער־רעכט פאַר די געדאַנקען פון סאָציאַלער באַנייאונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין איר ווערק — דאָס אַלץ זיינען געוויס די פּירות פון אונזער אַרבעט, דער רעזולטאַט פון אַ לעבעדיקער, קעמפנ־דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דעם ציוניזם. אגב, דער היסטאָרישער אמת איז, אַז דער געדאַנק פון לאַנד־נאַציאָנאַליזאַציע איז אָנגענומען געוואָרן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג נאָך איידער עס האָבן עקזיסטירט פּועלי־ציון! אָבער אָן דער אַרבעטערשאַפט וואָלטן די געדאַנקען נישט געהאַט קיין באַשטאַנד, אָבער זיי זיינען אָנגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג און זיינען געוואָרן דער פונדאַמענט פון איר טעטי־קייט אין א״י. און די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס האָט אין קנאַפּ צען יאָר זייט נאָך דער מלחמה אינוועסטירט אין לאַנד און אין קאָלאָניזאַציע־קרע־

דיטן, דורך קרן-היסוד און דורך קרן-הקימת, 5 מיליאָן פונט, האָט אַריינ-
געבראַכט אין א"י 100.000 אידן, דירעקט און אומדירעקט כמעט פאַרדריי-
פאַכט דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב אינם לאַנד, האָט אין 6 יאָר געשאַפן
אינם עמק אַ אידישן קאַנטאָן פון 6000 נפשות — מער ווי עס האָבן
געשאַפן די פיק"א און אירע פאָרלויפער אינם לויף פון 40 יאָר אין גליל
העליון און התחתון צוזאַמען; די באַוועגונג, וואָס האָט איינגענומען פאַרן
אידישן פאָלק אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע פּאָזיציעס, וואָס מיט יאָרן צו-
ריק האָט מען דאָס געהאַלטן פאַר אַן אוממעגלעכקייט; די ציוניסטישע
אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט מיט איר כח און מיט דעם שם המפורש פון א"י
אויפגעריכט אַ נייעם דור אינם אידישן פאָלק — אַ דור פון יוגנט, חלוצים,
אַרבעטער — וועלכער האָט געזאָגט עדות פאַר דער גאַנצער וועלט,
אַז דאָס אידישע פאָלק האָט נאָך כח, פעאיקייט און מוט צו בויען אַ ניי
לאַנד און ווידעראויפצוריכטן אַ פאָלק — די דאָזיקע באַוועגונג, מיט אַלע
אירע פאַרטייען און פליגלען, און מיר צווישן זיי, וועלן שטיין פאַר דער
אַגענץ-קאָמיסיע ווי אַ באַשטראָפטער לערן-אינגל?! די ציוניסטישע אָרגאַני-
זאַציע האָט נישט קיין גרונד אָנצונעמען דעם פסק-דין פון פיר הערן,
וואָס האָבן ביז אַהער נישט אַריינגעלייגט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער
פאַר אונזער אויפבוי אין א"י, און וואָס זייער קאָלאָניזאַטאָרישע ערפאַרונג
קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער קאָנצענטרירטער און קריסטאַליזירטער
ערפאַרונג, געוואונען דורך יסורים און מפלות, וואָס איז דער רכוש פון
דער ציוניסטישער באַוועגונג מיט אַלע אירע שטרעמונגען

אמת, מען מוז אין אַ געוויסער מאָס מלמד זכות זיין אויף דער
אַגענץ-קאָמיסיע. ווי עס זעט אויס, האָט זיך דאָ איבערגעחזרט אַ
באַקאַנטע ערשיינונג פון אונזער געשיכטע; אַ סך פורעניות וואָס זיינען גע-
קומען איבער אידן, האָבן אידן געהאַט אַ חלק אין זיי. יד ישראל באמצע!
אויך דער דאָזיקער אומגליק, וואָס הייסט ראַפּאָרט פון דער אַגענץ-קאָמי-
סיע, זעט אויס, אַז ציוניסטן האָבן אַ חלק אין אים. די מיטגלידער פון
דער קאָמיסיע וואָלטן נישט גענומען אויף זיך אַרויסצולאָזן אַזאַ גזר-דין,
צו פאַרמשפטן צום טויט אַלץ וואָס איז ביז אַהער געווען די נשמה פון
דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט, אויב זיי וואָלטן נישט געוואוסט,
אַז דאָס וועט אויפגענומען ווערן מיט צופרידנהייט פון גרויסע און וויכטי-
קע טיילן — זיי דענקען אַוודאי פון דער גרויסער מערהייט — פון דער
ציוניסטישער באַוועגונג. אַלס מענער פון פּאָליטישער שולע און פּאָליטישן
טאַקט וואָלטן זיי זיך נישט ערלויבט מבטל צו מאַכן מיט איין האַנט-
באַוועגונג דעם יסוד פון אונזער קאָלאָניזאַציע-ווערק, אויב זיי וואָלטן נישט
געוואוסט, אַז אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַליין וועט מען אין
דעם נישט זען קיין באַליידיקונג און קיין פחיתת הכבוד.

דער חשד, אַז די אונטערזוכונגס-קאָמיסיע פון דער אידישער אַגענץ
איז געוואָרן אַ כלי-זיין פון דער אַנטיפּראָלעטאַרישער העצע אין דער
ציוניסטישער באַוועגונג גופא, איז אַנטשטאַנען אַ לאַנגע צייט פאַר דער

זיצונג אין לאָנדאָן, ביים לעזן די ראַפּאָרטן פון די עקספּערטן. איך קאָן דאָ נאָר געבען אַן אַלגעמיינעם באַגריף פון דעם געדאַנקענגאַנג ביי די וויכטיקסטע מומחים, איך האָב שוין דערמאָנט זייער מיינונג וועגן דער הסתדרות און איר השפעה אויף דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. דערמיט האָבן זיי זיך נישט באַרואיקט, זיי קומען אָפט צוריק צו דער טעמע און שטרייכן אונטער, ווי זער עס ליידט די קאָלאָניזאַציע-אַרבעט אין א״י פון די משונהדיקע סאָציאַלע אָנשויאונגען — אַליין-אַרבעט, קאָ-לעקטיוויזם א. אַז. וו. — וואָס די אַרבעטער טראָגן אין איר אַריין. לעזן מיר צום ביישפּיל אַזאַ פּערל:

„אַן אַנדער באַהאַלטענע, אָבער ערנסטע שוועריקייט פאַר דער שאַ-פונג פון אַ רענטאַבלער אידישער לאַנדווירטשאַפט איז די צוציאונגס-קראַפט פון דער (ציוניסטישער) באַוועגונג אויף מענטשן פון שטאַרקע געפילן — פּאָעטן, רעפאָרמאַטאָרן, אַרבעטער-פירער, געזעלשאַפטלעכע טוער, — מענער מיט טיפע גייסטער און לעבעדיקער פאַנטאַזיע, אָבער אָן דאָרפישער טראַ-דיציע, פּראַקטישער ערפאַרונג און אָפּגעוואויגענע מיינונגען, וואָס זיינען אַזוי נויטיק פאַר הצלחה אין פירן אַ פאַרם. די טענדענץ פון אַזעלכע מענטשן איז צו פּראָבירן עקספּערימענטן״...

מיט אַנדערע ווערטער: ס׳איז אַ שאַד, וואָס מען מוז קאָלאָניזירן א״י ראשית מיט אידן, צווייטנס מיט ציוניסטן, דריטנס מיט אַרבעטער-סאָציאַליסטן.

ס׳איז אָבער פאַראַן אַ נאָך טייערערער פּערל:

„די השפעה פון דער אידישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע גיט די ווירטשאַפטן אַ כאַראַקטער, וועלכער איז נישט אין האַרמאָניע מיט די אידעאַלן און באַשטרעבונגען פון דער אידישער ראַסע״...

נישט מער און נישט ווייניקער! דער פּסקדין איז אַרויסגעבראַכט פון אַ קאָמיסיע, וואָס באַשטייט פון די הערן: עלוואוד מיד, פרענק אַדאַמס, א. ט. סטרייהאָרן, נאַלס רייעדסאָן, י. ג. ליפּמאַן און קיריל העענריקעס. עס זעט אויס, אַז די צוויי לעצטע האָבן געשפּילט דערביי די ראָליע פון „אוטשאָניע יעווריעאי״, וועלכע האָבן סמיכות אויף צו פּסקענען, וואָס איז אין האַרמאָניע מיט אידישקייט, און די ערשטע פיר, וואָס זיינען נישט מאחב״י, האָבן באַשטעטיקט דעם פּסק-דין.

דער סך-הכל פון דעם ראַפּאָרט פון דער מיד-קאָמיסיע איז בערך אַזאַ: א) ווי זיי זיינען אַליין מודה, האָבן זיי נישט געהאַט קיין מעגלעכ-קייט און נישט קיין צייט צו אונטערזוכן די קאָלאָניזאַטאָרישע מעגלעכקייטן פון א״י; דעריבער האָבן זיי דעם טייל פון זייער באַריכט איבער די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען און די מעגלעכקייטן פונם לאַנד געשריבן אין דער פאָרם פון אַ קאָמפּילאַציע, געשעפּט פון מאַטעריאַלן און פאָר-שונגען, וועלכע מען האָט זיי ציגעשטעלט. ב) קיין קאָלאָניזאַציע-פּלאַן פאַר די קומענדיקע יאָרן האָבן זיי נישט אויסגעאַרבעט, כּון דער וויכטיק-

סטער אויפגאַבע האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. ג) זיי האָבן אונטערזוכט די ציוניסטישע קאָלאָניעס און זיי שאַרף קריטיקירט, אַנטקעגן דעם האָבן זיי שטאַרק געלויבט די קאָלאָניעס פון דער פּיק״א, וועלכע זיי האָבן נישט אונטערזוכט.

דער ראַפּאָרט איז פול מיט פונדאַמענטאַלע טעותן און צייכנט זיך אויס דורך פולשטענדיקע אומוויסנהייט אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין א״י. די עקספּערטן זיינען לכתחילה פעסט דערפון איבערצייגט, אַז אונזערע קאָלאָניזאַציע-פאָרמען און זייערע פּרינציפּן זיינען נישט קיין רעזולטאַט פון געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און ערפאַרונג, נאָר די פּרוכט פון אימפּאָרטירטע אידעאָלאָגיעס פון די איינגעוואַנדערטע אַרבעטער. זיי זיינען זיכער, אַז דער מושב און די קבוצה זיינען געשאַפן געוואָרן בלויז אויס קעגנערשאַפט צום קאַפּיטאַל. אַזוי שרייבט פּראָפ. מיד:

„אַלס אַן אַלגעמיינער געזעץ, איז די לייטענדע טרייבקראַפט אין קאָלאָניזאַציע אויפצובויען אַ פּערמאַנענטן דאָרפישן וואוילשטאַנד, מיט ברייטע מעגלעכקייטן פאַר קוואַליפיצירטע פּערזאָנען מיט קליינע מיטלען צו ווערן בעלי נחלאות. אין די ציוניסטישע קאָלאָניעס איז דאָ אַן אַנדער צוועק. דער קאָלאָניזאַטאָרישער ערפאָלג ווערט אין אַ סך פאַלן סובאָרדינירט דעם צוועק פון שאַפן אַ נייע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אָרדנונג, מיט אַ שטאַרקן אַנטאַגאָניזם צום קאַפּיטאַל״ (דאָרט, ז. 38).

פאַר די מומחים עקזיסטירט גאָרנישט די פראַגע פון דעם באַשטאַנד פון דער אידישער ווירטשאַפט ביי דער זייט פון דער אַראַבישער, אָדער די פראַגע פון אידישער אַרבעט אין די ווירטשאַפטן, וואָס באַזירן אויף לוינאַרבעט — די פראַגע ווילן זיי פאַרענטפערן מיט אַ פּאַראַגראַף אינם קאָנטראַקט. זיי זיינען איבערצייגט, אַז דער פאַקט, וואָס דער אַרבעטער איז געוואָרן דער הויפּטרעגער פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע איז נאָר דער פּועל-יוצא פון פּאָליטישע פאַקטאָרן. זיי דענקען, זעט אויס, באמתן, אַז אינם אידישן פאָלק זיינען פאַראַן געגוג מענטשן מיט לאַנד-ווירטשאַפטלעכער צוגרייטונג און מיט אייגענע מיטלען, אָבער די אַרבעטער האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אינם ציוניזם און געמאַכט פון דער קאָלאָניזאַציע אַ מאָנאָפּאָל פאַר זיך אַליין:

„צו געבן איין צד (ד. ה. די אַרבעטער) אַזאַ אַנטשיידנדע קאָנטראָל, הייסט דאָך אויסשליסן אַ סך עלעמענטן, וואָס קאָנען באַרייכערן דעם אַגריקולטור לעבן פון א״י.

אַ ביסל פּילט שוין די קאָמיסיע אַליין דאָס באַדערפעניש צו פאַרענטפערן איר אַטאַקע קעגן דער אַרבעטערשאַפט, און לייגט צו אַ פייגנ-בלאַט פון זאַכלעכקייט:

„(די קאָמיסיע) איז קעגן אַרבעטער-הערשאַפט אין דער א״י-קאָלאָניזאַציע פּונקט ווי זי וואָלט זיין קעגן דער הערשאַפט פון באַנקירן, אַדוואָקאַטן, אָדער פון וועלכער נישט איז פּאַרטיי אָדער עקאָנאָמישער גרופּע״...

ס'איז קלאָר, אַז די עקספּערטן־קאָמיסיע האָט געאַרבעט אין אַן אַטמאָספער פון אַרבעטער־פיינטשאַפט. אַזוי איז צושטאַנדגעקומען אַ ראַפּאָרט פון דריי טיילן: א) אַ קאָמפּילאַטיווער טייל, וועלכן מען קאָן געפינען אין יעדן האַנטבוך איבער א״י; ב) אַ קריטישער טייל, וועלכן מען קאָן געפינען אין דער ציוניסטישער ליטעראַטור און פּרעסע פון די לעצטע יאָרן — אַ מין זאַמלונג פון אַרטיקלען קעגן דער „אַרבעטער־הערשאַפט", קעגן דער קבוצה, „ניר" א. א. וו. ג) אַ לויבגעזאַנג אויף פּיק"א, איר אַדמיניסטראַציע און אירע קאָלאָניעס. נישט ווילנדיק דערמאָנט מען זיך אָן היינעס וואָרט: „איך קען דאָס לידל, איך קען דעם טעקסט, איך קען אויך דעם הער מחבר"...

אויב עקספּערטן האָבן געקאָנט ברענגען דעם דאָזיקן פּאָליטישן באַריכט אָנשטאָט אַ קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, אויב דזשענטלמען פון קאַליפאָרניע האָבן זיך אונטערגענומען צו פּסקענען, אויב די באַשטרעבונגען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט פּאַסן צו די אידעאַלן פונם אידישן פאָלק — איז עס נאָר מעגלעך געוואָרן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז מען מעג מאַכן פון דעם ראַפּאָרט אַן אָנפאַל קעגן דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און קעגן די סאָציאַליסטישע שטרעמונגען אינם ציוניזם, אַז מען וויל הערן פון זיי קאָנקלוזיעס, וואָס זאָלן צושמעטערן די אַרבעטער־באַוועגונג.

די גויים האָבן לפּחות פאַרשטאַנען, אַז עס פּאַסט נישט פאַר זיי אַרויסצוטרעטן קעגן דעם ציוניזם און א״י בכלל, אַז זיי מעגן גיין ביז צו דעם גרענעץ פון קעגנערשאַפט צו די אַרבעטער. אָבער דער איד ליפּמאַן, אַז ער האָט באַדאַרפט אויסאַרבעטן אַ באַזונדערן קאָלאָניזאַציע־פּלאַן פאַר דער מאַרשאַל גרופּע, האָט זיך שוין ערלויבט צו קריטיקירן דעם ציוניזם אַליין.

שטעלן מיר זיך אָפּ אויף זיין געדאַנקענגאַנג, וואָס באַלייכט דעם פּונקט א' אין דעם קאַפּיטל לאַנדווירטשאַפט אין דעם דו"ח פון דער אַגענץ־קאָמיסיע — וועגן דער אַגריקולטורעלער קאַפּאַציטעט פון א״י.

ליפּמאַן שטיצט זיך אויף די צאָלן פון אונזער דירעקטאָר פאַר לאַנדווירטשאַפט, קאָל. סאָער, פאַרקלענערט זיי אַביסל און שאַצט דעם גאַנצן באַאַרבעטן און באַאַרבעטונגספּעאיקן שטח פון א״י מיט 8 מיליאָן דונאַם. ער נעמט אָן, אַז נאָר 10% פון דעם שטח איז לאַנד, וואָס קאָן באַוואַסערט ווערן, ד. ה. 800.000 דונאַם. די פאַמיליען־נאָרם פאַר נישט באַוואַסערטער ערד נעמט ער אָן מיט 140 דונאַם, אויף איריגירטער ערד — מיט 24 דונאַם. אויפן יסוד פון די צאָלן רעכנט ער אויס 33.330 איריגירטע ווירטשאַפטן און 51.460 טרוקענע ווירטשאַפטן. די דאָזיקע צאָלן, וועלכע מיר געפינען אויך אין דעם ראַפּאָרט פון דער אַגענץ־קאָמיסיע, זיינען אַלזאָ לויט פּראָפ. ליפּמאַנס חשבון דער סכום פון לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטריבן וואָס קאָנען בכלל עקזיסטירן אין מערב זייט פון ירדן! כדי עס זאָלן נישט זיין קיין ספקות, וואָס ער מיינט, רעזומירט ליפּמאַן ווי פאָלגט: 85.000 ווירטשאַפטן, אין יעדער משפּחה 6 נפשות, דאָס איז אַ לאַנדווירט־

שאַפטלעכער ישוב פון 500.000 נפשות. נאָך 100.000 קאָנען זיך מפרנס זיין פון שאָף־צוכט אין די בערג. צוזאַמען 600.000 מענטשן. די אַקערבוי־באַפעלקערונג איז 40 פראָצ. פון דער אַלגעמיינער, הייסט עס אַז סך־הכל קאָנען עקזיסטירן אין א״י אַנדערהאַלבן מיליאָן מענטשן, בתנאי אַז אַלע אַגריקולטורעלע מעגלעכקייטן פונם לאַנד זאָלן פול אַנטוויקלט ווערן. נאָך זיין רעכענונג וועט די אַראַבישע באַפעלקערונג אינם יאָר 1940 דערגרייכן ביז צו איין מיליאָן, הייסט עס, אַז אין א״י (פון דער מערב זייט ירדן) קאָנען זיך באַזעצן מאַקסימום אַ האַלבער מיליאָן אידן. אמת, וועלן זיך אַנטוויקלען אויך האַנדל, אינדוסטריע, טוריסטיק, מינעראַל־רייכטימער און דאָסגלייכן, דאַן קאָן די באַפעלקערונג וואַקסן ביז 3 מיליאָן (2 מיליאָן אַראַבער און 1 מיליאָן אידן). און פראָפ. ליפמאַן פירט אויס: „די אַלע אויסרעכענונגען באַזירן צום טייל אויף השערות. פונדעסטוועגן דינען זיי אַ נוצלעכן צוועק, אָנווייזנדיק די מעגלעכקייטן פון דער אויסברייטערונג פון די אידישע אינטערעסן אין א״י. זיי ווייזן אויך אָן, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין דער סטאַטוס פון א״י אַלס אידישע היים, דאָס לאַנד איז נישט אימשטאַנד צו געבן אַ שטענדיקע היים פאַר די אידישע מאַסן אין פוילן און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע ווערן געטריבן דורך פּאָליטישער אָדער סאָציאַלער אַנטרעכטונג צו זוכן אַ היים ערגעץ וואו״. מיט אַנדערע ווערטער — דער ציוניזם איז נישט קיין פאַרענטפערונג פון דער אידישער פראַגע. מיר ווילן דאָ נישט פּאָלעמיזירן מיט פראָפ. ליפמאַן, מיר ווילן נאָר פעסטשטעלן זיין שטאַנדפּונקט.

אַז עס איז פּובליצירט געוואָרן דער ראַפּאָרט פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע, איז די ציוניסטישע פרעסע נתפעל געוואָרן — פון די 85.000 לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטריבן. מען האָט געזען אין זיי דעם פּראָגראַם פון דער אַגענץ־קאָמיסיע פאַר דער צוקונפט — צו באַזעצן אַ האַלבן מיליאָן אידן אין דער לאַנדווירטשאַפט. דער ראַפּאָרט פון די עקספּערטן צושטערט די אילוזיע. אין דער דאָזיקער מאַטעמאַטישער פאָרמולע פון דער קאָמיסיע זיינען איינגעוויקלט די אידעאָלאָגיע פון פראָפ. ליפמאַן... *)

עס בלייבט נאָך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן די ציוניסטישע אָרגאַנען, וועלכע טראָגן די אַחריות פאַר דער מפלה, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געליטן דורך דער אַגענץ־קאָמיסיע, וואָס טראָגן די אַחריות פאַר דער אויסליידיקונג פונם ציוניזם און פון א״י אין דעם דאָזיקן פּלאַן. עס קאָן זיין, אַז די כונה איז געווען צו טרעפן בלויז די אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן נישט געהאַט גענוג ווייטבליק צו פאַרשטיין, אַז די פייל, וואָס זיי ריכטן קעגן דער אַרבעטערשאַפט, וועט דורכלעכערן דאָס האַרץ פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג.

פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר איז קודם־כל די פּאָליטישע פירונג, די

*) אין דעם פּובליצירטן עקספּערטן־ראַפּאָרט איז דער ציטירטער מעמאָראַנדום פון פראָפ. ליפמאַן נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן.

אחריות טראָגט דער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע, דר. ווייצמאַן. ער האָט געחתמעט דעם הסכם מיט מאַרשאַלן, געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער עקספּערטן-קאָמיסיע און פון דער אַגענץ-קאָמיסיע. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער צוזאַמענזעצונג. דער פאַרבאַנד פּועלי-ציון האָט מיט אים פאַרהאַנדלט און פאַרלאַנגט די באַטייליקונג פון פּערזענלעכקייטן, וואָס שטייען נאָענט צו דער אַרבעטער-באַוועגונג. מיר האָבן פאָרגעלייגט לעאָן בלום פון פראַנקרייך און עמנואל שינוועל פון ענגלאַנד. מיט ווייצמאַנס הסכמה האָבן מיר פאַרהאַנדלט וועגן דעם מיט בלומען און מיט הענדערסאָנען, דעם סעקרעטאַר פון דער ענגלישער אַרבעטער-פּאַרטיי. די ציוניסטישע לייטונג האָט אונז געמאַכט צום געלעכטער, וואָרום זי האָט נישט ערפילט איר הבטחה. מען זאָגט אונז: די אַמעריקאַנער האָבן נישט געוואָלט. ס'איז קלאָר, פאַרוואָס זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז אין דער קאָמיסיע זאָלן זיצן סאָציאַליסטן. אין דעם פאַל וואָלט דער ראַפּאָרט נישט אויסגעזען, ווי ער איז, אָדער ער וואָלט ערשינען אַלס מערהייטס-באַריכט פון דעם קאַפּיטאַליסטיש אָריענטירטן טייל פון דער קאָמיסיע.

די פּאָליטישע לייטונג איז אויך פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, וואָס מען האָט אָרגאַניזירט דעם באַזוך פון די הויפּטמיטגלידער פון דער עקספּערטן-קאָמיסיע אין א"י אין אַ צייט, ווען דר. רופּין און איך זיינען נישט געווען אינם לאַנד (צוליב דעם ציוניסטישן קאָנגרעס). אַזוי איז עס געקומען, אַז די פירנדע עקספּערטן זיינען אַפילו נישט געקומען אין באַרירונג מיט די אָנפירער פון דער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט אין די לעצטע יאָרן, וועלכע טראָגן די אחריות פאַרן סיסטעם, וואָס מען האָט זיך אונטערגענומען צו קריטיקירן און מבטל צו מאַכן.

מען פרעגט אונז, וואָס איז דער רעש און דער גרימצאָרן. זיינען דען די אָנשויאונגען אין דעם אַגענץ-ראַפּאָרט נייַ? זיינען דען נישט פאַראַן אינם ציוניסטישן לאַגער גענוג מענטשן, וואָס וועלן אים חתמענען מיט ביידע הענט? געוויס זיינען זיי פאַראַן, און קיינער פון אונז וואָלט זיך נישט אויפגערעגט, ווען זיי קומען צום קאָנגרעס און לייגן פאָר אַזעלכע פאָרשלאָגן. איז דען נישט געקומען הער חפץ פון פתח-תקוה צום 15-טן קאָנגרעס מיט דעם קאָלאָניזאַציע-פּלאַן פון ה' משה סמילאַנסקי, לויט וועלכן מען דאַרף פון די קבוצות מאַכן מושבים, און פון די מושבים מאַכן מושבות, קאָלאָניעס ווי גאָט האָט געבאָטן, אָן אַזעלכע משונהדיקע פּרינציפּן ווי אַליין-אַרבעט, אַז מען קאָן אַ סך לייכטער לעבן פון לוין-אַרבעט. זיי האָבן אויך פאָרגעשלאָגן איינצופירן דעם אַדמיניסטראַטיוון סיסטעם פון פּיק"א, וואָס איז אַזוי סימפּאַטיש די עקספּערטן און דער אַגענץ-קאָמיסיע. אָבער ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס אַזעלכע פאָרשלאָגן ווערן נישט אָנגענומען פונם ציוניסטישן קאָנגרעס. זיי געפינען אונטערשטיצונג, אָבער נישט קיין מ ע ר ה יי ט. ווייל דער קאָנגרעס ווייס, אַז אויב מען וויל די באַטייליקונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויב מען וויל אַז דער ציוניזם זאָל געפינען סימפּאַטיעס און אונ-

טערשטיצונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג, — מוז דער ציוניזם אַקצעפּטירן די אידישע אַרבעטערשאַפט ווי זי איז, אויפנעמען איר מיט אַלע אירע אידעאַלן און שטרעבונגען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווייס דאָס, און דעריבער קאָנען מיר זיצן אין איר צוזאַמען מיט אונזערע קעגנער. דער ציוניזם ווערט פאַרווירקלעכט דורך קלאַסנקאַמף. דאָס איז נישט קיין פראַזע, נישט קיין טעאָריע, דאָס איז ווירקלעכקייט.

אַנדערש איז עס מיט דער אַגענץ-קאָמיסיע. פאַר אונז שטייען נישט קיין פאַרטרעטער פון אַ באַשטימטער ריכטונג, וואָס וויל זיך באַטייליקן אין דער אַגענץ, פּראָקלאַמירט איר ״אַגראַם און ערקלערט, אַז זי איז קעגן קבוצות און קעגן דעם סאָציאַלן אינהאַלט פון דער קאָלאָניזאַציע בכלל. צו אַזאַ גרופּע וואָלטן מיר גאָרנישט געהאַט, מיר וואָלטן זיך פאַרלאָזן אויפן געראַנגל פון די מיינונגען און כחות אין דער אַגענץ, ווי מיר פאַרלאָזן זיך אויף דעם אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער די הערן פון דער אַגענץ-קאָמיסיע שטייען נישט אויף אַזאַ פּאָזיציע. דאָס פּראָגראַם, וואָס זיי לייגן פאַר דאַרף זיין דער באַזיס פאַר דער אַגענץ, אַ פאַרבאַדינגונג פאַר דער גרויסער טאַט, וואָס זיי זאָגן צו צו טאָן פאַר א״י — פאַר דעם אויפרוף, וואָס זיי זיינען גרייט צו חתמענען. מיט אַנדערע ווערטער, די אַגענץ ווי זיי שטעלן זיך זי פאָר, זאָל לכתחלה באַגרינדעט ווערן אויף דער נעגירונג פון אַלע פּרינציפּן, אויף וועלכע עס באַזירט די ציוניסטישע באַוועגונג. דער דאָזיקער דאָקומענט איז נישט נאָר אַ שווערד געצויגן קעגן דער אַרבעטערשאַפט אין א״י, דאָס איז אַ קריגס-ערקלערונג קעגן דער אַרבעטער-באַוועגונג אינעם ציוניזם, דאָס איז אַ פאָדערונג אויסצושליסן די אַרבעטער-פּאַרטייען פון דער צוקונפטיקער אַגענץ. דער דאָקומענט זאָגט, אַז די קאָמיסיע אַקצעפּטירט נישט די באַדינגונגען פונם 14-טן קאָנגרעס אין ווין — וועלכע האָבן אונז נישט באַפרידיקט — און שטעלט גאַנץ אַנדע׳ע באַדינגונגען.

איך בין זיכער צו רעדן אינם נאָמען פון דער א״ידיקער פּאַרטיי און פונם פאַראייניקטן וועלט-פאַרבאַנד פּועלי-ציון, ווען איך זאָג, אַז מיר וואַרפן אָפּ דעם דאָזיקן דאָקומענט, וואָס איז געווענדעט קעגן דעם ווערק פון דער אַרבעטערשאַפט, קעגן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן תוך פונם ציוניזם, און פאָדערן פונם ציוניסטישן אַקציאָנס-קאָמיטעט צו ערקלערן, אַז דאָס פּראָגראַם פון דער אַגענץ-קאָמיסיע קאָן נישט בילדן קיין יסוד פאַר דער אויפשטעלונג פון דער פאַרברייטערטער אידישער אַגענץ. אויב די ציוניסטישע עקזעקוטיווע וועט אָנערקענען דעם דאָזיקן פּלאַן אַלס אַ צוטרוי-פראַגע, אויב זי האָט אים שוין אַקצעפּטירט אָדער זיך מתחייב געווען אים דורכצופירן — ווי עס זעט אויס פון הער סאַקערס אַרטיקל אין „ניו-דזשיודיאַ״*) — דאַן וועט זי מוזן ציען דערפון קאָנסעקווענצן.

*) „ניי יהודה״, דער ענגלישער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן

אויב מיר וועלן דאַרפן קלייבן צווישן דער צוקונפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איר נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן אינהאַלט, און דער ציוניסטישער אָנפירונג מיט חיים ווייצמאַן אָן דער שפּיץ, דאַן וועלן מיר טריי בלייבן נישט צו דעם מאַן, וואָס איז נישט טריי צו זיך אַליין, צו אונז און צו זיין ווערק, מיר וועלן טריי בלייבן דעם אויפטו, דעם געדאַנק, די פונדאַמענטן פון דער באַוועגונג און איר נשמה, פאַר וועלכע מיר האָבן געאַרבעט און געקעמפט אונזער גאַנץ לעבן.

באָראָכאָוו איז דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג

איך האָב געפּרואווט זיך פאַרטיפן אין באָראָכאָווס שריפטן, אויסצוגעפינען, וועלכע ווערטן אין זיינע שאַפונגען טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אייביקייט, און וועלכע טיילן פון זיין געדאַנקען-בנין זיינען בלויז קינדער פון זיין צייט און תקופה און וועלן מיט זיי אַוועקגיין. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן פּרואוו. לייענענדיק, וואָס באָראָכאָוו האָט געשריבן מיט צוואַנציק יאָר און נאָך מער צוריק, האָב איך זיך פון דאָס ניי איבערצייגט, אַז אַ סך פון באָראָכאָווס געדאַנקען, וועלכע האָבן אונז דעמאָלט, און אפילו ערשט מיט צען יאָר צוריק, אויסגעזען זייער ווייט פון דער ווירקלעכקייט, ווי אַ פאָריבערגייענדיקער טריבוט פון דעם דענקער און קעמפער צום גייסט פון זיין צייט און צו די באַדערפענישן פון פּאָלעמיק, — האָבן שפּעטער באַקומען אַ נביאישן ווערט. און פונקט ווי אין טאָג פון באָראָכאָווס טויט איז געווען צו-פרי אָפּצושאַצן אים און זיין היסטאָריש ווערק, אַזוי, דוכט זיך מיר, פאַרמאָגן מיר נאָך היינט אויך נישט די בויטיקע דיסטאַנץ צו זיין גייסטיקער אַרבעט, וואָס זאָל מאַכן מעגלעך פאַר אונז צו באַטראַכטן זיין פּערזענלעכקייט און זיינע אויפטואונגען אין זייער אמתן היסטאָרישן ליכט.

מיר וועלן נישט געטריי זיין צום גייסט פון אונזער פאַרשטאָרבענעם פירער, אויב מיר לאָזן זיך אויפן וועג פון קאַנאָניזירן, פון פאַרשפּרייטן אַ טלית פון קדושה און פון אייביקן אמת איבער אַלץ, וואָס באָראָכאָוו האָט געשריבן און געזאָגט. פאַר מיר איז קלאָר, אַז פונקט ווי מיר, וועלן די קומענדיקע דורות אין דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נישט נאָר לערנען פון באָראָכאָוון, נאָר אויך קריטיש זיך ראַנגלען מיט אים. אויך היינט איז פאַר אונז נישט פאַרבאָרגן, אַז נישט אַלע טיילן פון באָראָכאָווס תורה זיינען פון אַ גלייכן ווערט, און אויפן שטח פון אייביקייט זיינען דאָ תחומים און גרענעצן. אָפטמאָל דוכט זיך מיר, אַז די אויספאָרשונג, די פאַנאַנדערשיידונג פון דעם דענקער און דעם מסביר, פון דעם ווייטן אויסקוקער און דעם סביבה-צוגעבונדענעם צייט-מענטשן אַז דוקא די היסטאָרישע און וויסנשאַפטלעכע קריטיק וועט פאַר אונז אויפדעקן די אמתע גאונות פון באָראָכאָוו.

אויב מיר ווילן דאָך זיך אַליין זאָגן, וואָס איז באָראָכאָוו געווען פאַר

אונז און פאַר אונזער דור, וואָלט איך געזאָגט, אַז ער איז געווען ד ע פ אָ ר ש ע ר א ו ן ד ע ר ד ע נ ק ע ר פ ו ן ד ע ר אָ נ ז אָ ג תקופה אין דער פועלי־ציוניסטישער באַוועגונג. דער גורל האָט איבערגעריסן זיין לעבן אינם מאָמענט, ווען מיר זיינען געשטאַנען אויפן שוועל פון דער תקופה פון פאַרווירקלעכונג. מיר קענען דעריבער נישט וויסן, צי די אויבן־כאַראַקטעריזירטע ראָל איז געווען דער רעזולטאַט פון זיין פערזענלעכן מהות, אָדער פון אַ היסטאָרישער סיטואַציע. אין דער געשיכטע פונם אידישן סאָציאַליזם וועט אָבער באָראָכאָוו פאַרנעמען בעיקר דעם דאָזיקן אָרט. אין דער אָנזאָג־תקופה, אין די צען יאָר פון זוכן, פון דיפערענציאַציע און קאָנצענטראַציע פון די צו־שפרייטע כחות אין אַלע גלות־לענדער, אין די צען אָרגאַניזירונגס־יאָרן פונם וועלט־פאַרבאַנד פועלי־ציון, האָבן מיר פאַרמאָגט צוויי פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן סימבאָליזירט די עיקרדיקע עלעמענטן פון דער תקופה — דעם גייסט פון ר ע וו ו אָ ל ט אַנטקעגן דער אידישער און סאָציאַליסטי־שער ווירקלעכקייט און דעם גייסט פון ר ע וו ו אָ ל ו צ י אָ נ ע ר ע ר פ אָ ר ש ו נ ג.

נ ח מ ן ס י ר ק י ן איז געווען דער אָנזאָגער פון רעוואָלט קעגן דעם גלות און קעגן דער געזעלשאַפט, וואָס לעבט אויף עקספּלואַטאַציע; דער קעמפער קעגן די אַלטע מענטשלעכע לעבנס־פאָרמען און קעגן דער קראַנקהאַפטער ירושה פונם אידישן פאָלק. ער איז געווען דער פלאַמענדיקער פאַקל פונם סאָציאַליסטישן ציוניזם, דער טרעגער פונם מ אָ ר אַ ל י ש ן פ אַ ט אָ ס פונם נייעם שטראָם אין אידישן סאָציאַליזם, וועלכן ער האָט פאַרבונדן מיט די טיפענישן פון דער אידישער געשיכטע ביז צו די וואָרצלען פון דער אידישער נבואה. ב אָ ר אָ כ אָ ו ו א י ז ג ע ו ו ע ן ד ע ר ט ר ע ג ע ר פ ו נ ם א י ד ע א י ש ן א ו ן א י נ ט ע ־ ל ע ק ט ו ע ל ן פ אַ ט אָ ס פונם פּראָלעטאַרישן ציוניזם. די ערשטע טריט פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג זיינען פאַרבונדן מיטן אַנטפּלעקן די אידישע עקאָנאָמיק, מיטן אַנאַליז פון אונזער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק אין גלות דורכן מעסער פון סאָציאַליסטישער קריטיק. באָראָכאָוו האָט די דאָזיקע פועלי־ציוניסטישע קריטיק דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ שיטה און מיט זיין מאַרקסיסטישער חריפות און בקיאות האָט ער אונז געגעבן אַן עקאָנאָמישן פירוש צום ציוניסטישן געדאַנק און האָט באַלויכטן דעם וועג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע דערקענט אירע קלאַסן־ און נאַציאָנאַלע אויפגאַבן. ס'איז אַ פאַרדינסט פון באָראָכאָוון און פון זיין גרויסער גייסטיקער אַרבעט, אויב דאָס סאָציאַליסטישע ארץ־ישראל איז געוואָרן אין באַוואוסטזיין פון טויזנטער אידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט.

אפשר קענען בלויז יענע פון אונז, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן און ערצויגן געוואָרן אין יענער תקופה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און פון דער גאָלדענער צייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער

באַוועגונג אין מערב-אייראָפּע, אָפּשאַצן, וואָס דער פאָרשער און דענקער באָראָכאָוו האָט אויפגעטאָן פאַר דער פועלי-ציון-באַוועגונג און אין אַ הויכער מאָס אויך פאַר דער גאַנצער אַרבעטער-באַוועגונג, וואָס זוכט איר נאַציאָנאַלן תּיקון. דער רעוואָלוציאָנערער רצון איז אין יענער צייט סטימולירט געוואָרן דורך דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג; דאָס דערקענען די כחות, וואָס באַ-הערשן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, איז געוואָרן אַ קוואַל פון אמונה אינם באַפרייאונגס-קאַמף. דער אינטעלעקטועלער פּאַטאָס האָט געבוירן דעם רע-וואָלוציאָנערן פּאַטאָס און האָט געגעבן די קעמפער כח צו שטאַרקן זיך איבער דעם אכזריותדיקן שונא. דעם דאָזיקן פעסטן גלויבן אין דעם וויסנ-שאַפטלעכן און היסטאָרישן אמת פון פועלי-ציוניזם האָט באָראָכאָוו דערמאָלט געגעבן זיינע חברים. דעריבער איז באָראָכאָוו נישט געבליבן בלויז דער באַשאַפער פון אַ שיטה, דער פאָרשער, וואָס איז איינגעשלאָסן אין זיין אַרבעטס-צימער — ער איז געוואָרן אַ לערער און קעמפער, אַ פירער און וועג-ווייזער. אין דער צייט פון דער טעריטאָריאַליסטישער און סיימיסטי-שער פאַרווירונג האָט ער זיך באַוויזן צווישן אונז און איז געוואָרן דער רעטער פונם פועלי-ציוניסטישן געדאַנק אין רוסלאַנד און דער גרינדער פון דער רוסלענדישער פאַרטיי. די קוואַליעס פון גלויבן און בטחון, וואָס באָ-ראָכאָוו האָט אַרויסגערופן אין דער מעטראָפּאָליע פון דער אידישער אַרבע-טער-באַוועגונג, האָבן זיך פאַרשפּרייט אויך איבער עסטרייך און אַמעריקע און האָבן געשטאַרקט די הענט פון אונזערע חברים אין די דאָזיקע לענדער. און ווען מיר האָבן זיך מיט צוואַנציק יאָר צוריק צוזאַמענגעקליבן אין האַג, צו גרינדן דעם אַלוועלטלעכן פועלי-ציון-פאַרבאַנד, איז שוין ביי זיין וויגעלע געשטאַנען דער אינגסטער און צאַרטסטער צווייג פון דער באַוועגונג — די ארץ-ישראלדיקע פועלי-ציון-פּאַרטיי, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך באָראָכאָווס תּלמידים און טרעגער פון זיין וואָרט.

אַזוי זיינען מיט באָראָכאָווס נאָמען פאַרבונדן אויך די ערשטע טריט פון אונזער רעאַליזירונגס-אַרבעט אין ארץ-ישראל. אמת, עס וואָלט געווען אַ נישט-היסטאָרישע גוזמא צו זאָגן, אַז דער פּראָצעס פונם ווערן פון דער אידישער געזעלשאַפט אין ארץ-ישראל אַנטוויקלט זיך פּינקטלעך, ווי באָראָ-כאָוו האָט פאָראויסגעזען, אָדער אַז מיר גייען שטענדיק אין די וועגן, וואָס באָראָכאָוו האָט אָנגעוויזן. אין די פראַגן פון פאַרווירקלעכונג זיינען מיר זיך זייער אָפּט, נאָך ביי זיין לעבן, פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אונזער גרויסן חבר. דער גאַנג פון די געשעענישן האָט שטאַרק געענדערט דעם אויסזען פון די ענינים, וועגן וועלכע מיר פלעגן זיך מיט אים מתווכח זיין. עס וואָלט געווען אַן אַקט פון תמימות אָדער פון סעקטאַנטישער איינזייטיקייט, היינט צו ערקלערן מיט זיכערקייט, וואָס עס וואָלט געווען באָראָכאָווס שטעלונג אין דער אָדער יענער אַקטועלער סיטואַציע. די שווערע און אחריותפולע אויפגאַבע, צו רעאַליזירן די בשורה פון רעוואָלוציע, וואָס מיר האָבן געבראַכט דעם אידישן אַרבעטער און דעם אידישן פאָלק אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, צו געבן אַ ממשותדיקן אויסדרוק צו די אידעאַלן

וועלכע מיר האָבן פּראָקלאַמירט אין דער תקופה פון אָנזאָג, אין אַ ווירק-לעכקייט, וואָס ווערט אויסגעהאַקט פון די שטיינער פון ארץ-ישראל, — די דאָזיקע אויפגאַבע ליגט אויף אונז. מיר וועלן אַ סך לערנען פון באָ-ראָכאָווס גייסטיקער ירושה. מיר וועלן אָבער זיין שלעכטע און לא-יוצלחדיקע יורשים, אויב מיר וועלן זיך אָפּזאָגן פון אונזער חוב צו פאַרשטאַרקן, צו פאַרפעסטיקן מיט אונזערע אייגענע כּחות דעם פאַרמעגן, וואָס אונז האָט איבערגעלאָזן יענער מענטש, וואָס האָט געטראָגן אונזער פאָן, דער מענטש, וואָס איז געווען דער הערשער אין אונזער געדאַנקען-וועלט אין דער תקופה פון בשורה און אָנזאָג פונם סאָציאַליסטישן ציוניזם.

צווייטער טייל.

די אירנפראגע פארן סאציא-ליסטישן אינטערנאציאנאל.

דער ערשטער מעמאָראַנדום

צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן ביוראָ.

די איד. סאָצ. אַרב. פּאַרטיי פּועלי-ציון האָט באַפּולמעכטיקט די אונטערגעחתמעטע קאָמיטעטן פון אירע פעדעראַציעס אין רוסלאַנד, עסטרייך און אַמעריקע צו בעטן אַריינצונעמען זי אינם אַרבעטער-אינטערנאַציאָנאַל.

די איד. סאָצ. אַרבעטער-פּאַרטיי פּוע״צ שטייט אויפן יסוד פון די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, שטעלט זיך פאַר אַ ציל די פאַרגעזעלשאַפטונג פון די פּראָדוקציע-מיטלען און באַטראַכט אַלס אַ מיטל פאַר דער פולער פאַרניכטונג פונם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים און פאַר דער קלאַסן-הערשאַפט פון דעם פּראָלעטאַריאַט — דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קלאַסנקאַמף און די דערגרייכונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורכן פּראָלעטאַריאַט.

די איד. ס. ד. אַ. פּ. פּועלי-ציון איז די אַלוועלטלעכע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און האָט אירע פעדעראַציעס אין אַלע לענדער, וואו עס איז קאָנצענטרירט אַ גרויסע צאָל אידישע אַרבעטער — קודם-כל אין רוסלאַנד (אַ. ס. ד. אַ. פּ. פּועלי-ציון), אין עסטרייך, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע, ווייטער אין קאַנאַדע, אין ענגלאַנד און אין ארץ-ישראל. אונזער אָרגאַניזאַציע איז נישט באַגרענעצט מיט קיין מלוכה-ראַמען; זי נעמט אַרום אַלע פּראָלעטאַריער, וועלכע געהערן צו דעם אידישן פאָלק.

דאָס אידישע פאָלק וואוינט נישט נאָר אין פאַרשיידענע מלוכות, אונטער פאַרשיידענע רעגירונגען, נאָר עס איז דערצו אויך טעריטאָריאַל צוזייט און צושפּרייט, זייענדיק פונדעסטוועגן פאַראייניקט נאַציאָנאַל דורך די ענלעכע אַנטוויקלונגס-באַדינגונגען פונם פּראָדוקציע-לעבן, דורך געשיכטע, עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, מנהגים, קולטור. אונטער דער השפּעה פון די דאָזיקע באַדינגונגען האָט זיך אויסגעבילדעט דער אידישער אַרבעטער-קלאַס, וועלכער האָט אומעטום געמיינזאַמע אויפגאַבן, מחמת דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און דער אידנפראַגע.

עס עקזיסטירט אַ אידנפראַגע פאַר דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט — אַ פּועל-יוצא פון דער מאַטעריעלער אָפּהענגיקייט און עקאָנאָמישער שוואַכקייט פונם אידישן פאָלק. די אומנאָרמאַלע קלאַסן-סטרוקטור פונם אידישן פאָלק, דאָס פעלן פון אַ גרויס-אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, דאָס איבערוועגן פון קליינאינדוסטריע, האַנדל און האַנטווערק און לסוף די קאָנצענטרירונג פון דעם אידישן אַרבעטערקלאַס אויסשליסלעך אין דער קליינער

אידישער אינדוסטריע — דאָס אַלץ שאַפט ספּעציפישע סאָציאַלע אַנאָמאַ-ליען ביים אידישן פאָלק, און שוין דאָס אליין וואָלט גענוג געווען צו באַרעכטיקן די פאַראייניקונג פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַ באַזונדע-רער אַרבעטער-פּאַרטיי. נאָר די לאַגע פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַלע לענדער, וואו ער געפינט זיך ביי אַלערליי פּאָליטישע באַדינגונגען, ווייזט אַרויס נאָך אַ סך מער אַנטשיידענע באַזונדערקייטן. מיר וועלן זיי דאָ אין קורצן אויסרעכענען, כדי קלאָר צו מאַכן אונזער שטאַנדפּונקט.

די פאַרשמעלצונג פונם אידישן האַנדלס-קאַפּיטאַל אינם אינטערנאַציאָ-נאַלן אונטערנעמער-קאַפּיטאַל און די אַנטשטייאונג פון דער אידישער גרויס-בורזשואַזיע, וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן — האָט נישט געשאַפן קיין גלייכווערטיקן אידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער אידישער אַרבעטערקלאַס איז קאָנצענטרירט אין די וויניקע און טעכניש-אָפּגעשטאַנענע פּראָדוקציע-צווייגן, וועלכע טראָגן דעם כאַראַקטער פון קליין-אינדוסטריע, האַנטווערקעריי און הויז-פּראָדוקציע. בעת די קליין-אינדוסטריע איז אין איר האָפענונגסלאָזן קאַמף קעגן דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס-אינדוסטריע פאַרמשפּט צום אונטערגיין; אין דער זעלבער צייט ווען די פון לאַנד אָפּגעריסענע, זיך פּראָלעטאַריזירנדע פויערישע מאַסן ווערן אַריינגעצויגן אין דעם זיגרייכן גאַנג פונם קאַפּיטאַליזם, ווערן זיי שטעלן צו אַ מחנה לוין-שקלאַפן — זיינען די אידישע האַנטווערק-פּראָלע-טאַריער, וועלכע האָבן נישט קיין אייגנטום און נישט קיין אַרבעט, דער-ווייטערט פון דער מאָדערנער גרויסאינדוסטריע, און ממילא אויך פון יענע פּראָדוקציע-צווייגן, וועלכע גיבן דעם פּראָלעטאַריאַט אין די הענט אַריין די צום מערסטן וויכטיקע פּעדים פונם עקאָנאָמישן לעבן.

דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, עסטרייך, אַמעריקע און ענגלאַנד האָט נישט קיין צוטריט צו דער אורפּראָדוקציע, צו דער אויס-אַרבעטונג פון די מיטלען פון פּראָדוקציע און פאַרקער — בכלל, צו אַלע יענע פּראָדוקציע-געביטן, וועלכע שטייען אויף אַ העכערער מדרגה פון עקאָנאָמישער און טעכנישער אַנטוויקלונג. צוליב דער אומנאָרמאַלער עקאָ-נאָמישער דיפערענצירונג פונם אידישן פאָלק, דער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ מצד די נישט-אידישע זיך פּראָלעטאַריזירנדע מאַסן, ביי וועמען עס גילטן אויך נאָך רעאַקציאָנערע אַבערגלויבונגען, צוליב דער אומבאַדייטנדער און לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג פונם אינדוסטריע-פּראָלעטאַריאַט, וואָס גייט צוזאַמען מיט דער דעקלאַסירונג פון די ברייטע שיכטן פונם אידישן פאָלק, אַנט-שטייען פאַרשיידענע מניעות פאַרן קלאַסנקאַמף פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע שוואַכן אָפּ באַדייטנד זיין סטראַטעגישע באַזע.

דער אידישער אַרבעטערקלאַס, וואָס איז צוגעשמידט צו די אָפּגע-שטאַנענע פּראָדוקציע-געביטן און מוז אויסשטיין די סאַמע גרענעצלאָזע עקספּלואַטאַציע, הויבט אָן צו דערקענען, אַז ס'איז נויטיק אַ סוף צו מאַכן צו דער לאַגע, וועלכע קאָן באַטראַכט ווערן אַלס די אידנפראַגע פון אידישן פּראָלעטאַריאַט. דער באַוואוסטזיניקער אידישער פּראָלעטאַריאַט

שטרעבט ראַדיקאַל אומצוואַנדערשן די לעבנס-באַדינגונגען פון אידישן פאָלק.

די אָביעקטיווע טענדענצן פון דעם דאָזיקן שנוי ווייזן זיך אַרויס אין אַלע לעבנס-ערשיינונגען פונם אידישן פאָלק, בעיקר, אין דער אידישער מאַסן-אויסוואַנדערונג. אין משך פון די לעצטע 25 יאָר האָבן בערך אַ מיליאָן מיט 600 טויזנט אידן, מערסטנס בעלי-מלאכות, פאַרלאָזט דאָס געטאָ פון רוסלאַנד, עסטרייך (גאַליציע) און רומעניע, זוכנדיק אַרבעט אויף יענער זייט לאַ-מאַנש און אָקעאַן.

דער מוראדיקער עמיגראַציע האָבן מיטגעהאָלפן אין רוסלאַנד לפנים די פּאָליטישע רדיפות, נאָר באמת איז זי אַ ריין עקאָנאָמישע ערשיינונג, וואָס עס ווערט באַשטעטיקט דורך דעם פאַקט, אַז די אידישע אויסוואַנדערונג פון די עסטרייכישע פּראָווינצן, גאַליציע און בוקאָווינע, איז פאַרהעלטנישמעסיק גרעסער, איידער די אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד, און אויך דורך דעם, וואָס די אויסוואַנדערונג, נישט קוקנדיק אויף דעם אַז עס פעלן געזעצלעכע באַגרענעצונגען, ווענדעט זיך נישט צו די נאָנטע פּראָווינצן פון בעהמען און מעהרען נאָר צו דעם ווייטן ניו-יאָרק.

די עקזיסטירנדע אידישע עמיגראַציע פאַרענטפערט נישט די אידנ-פראַגע, זי פירט נישט צו קיין העכערער אַנטוויקלונג. די אידישע איינוואַנדערער ווערן גאַנץ אָפט אין די נייע לענדער קרבנות פון דעם שוויץ-סיסטעם און וועקן אויף שנאה צו זיך מצד דער ענגלישער און אַמעריקאַנישער אַרבעטער-באַפעלקערונג, וועלכער עס דראָען סכנות פון דער דאָזיקער אינוואַזיע. די עמיגראַציע פון אידן אין די לענדער מיט אַ העכערער קולטור און מיט אַן אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וועלכע ווערט אַלץ מער באַשרענקט דורך די געזעצן קעגן אויסלענדער (למשל אין ענגלאַנד), בייט אום איר ריכטונג און ווענדעט זיך אין די לענדער מיט אַ ווייניקער אַנטוויקלטער קולטור. די קאָלאָניזירונג פון אַ ווייניק אַנטוויקלט לאַנד, דאָס איינעמען דורך אידישע אַרבעטערמאַסן פון אַלע וויכטיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און די שאַפונג פון אַ אידישער ווירטשאַפטס-איינהייט — נאָר דאָס קאָן גאַראַנטירן די אומגעשטערטע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו-כחות פונם אידישן פאָלק.

די אידישע עמיגראַציע קאָן זיך נישט ריכטן, ווי די עמיגראַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פעלקער, אין די לענדער מיט אַ מער אַנטוויקלטער אַגראַר-קאָלאָניזאַציע. איר ריכטונג ווערט באַשטימט דורך דער ספּעציפישער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די צוקונפטיקע אידישע קאָלאָניסטן, וועלכע זיינען אין משך פון הונדערטער יאָרן געווען אויסשליסלעך שטאָטיקע איינוואוינער. די אידישע עמיגראַציע הויבט זיך אָן צו ווענדן אין אַזאַ לאַנד, וואָס זיין געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע לאַגע ערמעגלעכט די קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע קאָלאָניזאַציע אין אַ גרויסן מאַסשטאַב און פאַרלייכטערט די שווועריקייט איבערצוגיין פון שטאָט צו לאַנדווירטשאַפט דורך צופירונג צו אינטענסיווע קולטורן, וועלכע זיינען מער צוגע-

פאסט צו די שטאטיקע איינוואוינער — אין א לאנד וואס פארמאגט צוציאונגס-קראפט, בכדי צוצובינדן די אידישע מאסן צו דער ערד.

אט דאס לאנד איז ארץ-ישראל, די היסטארישע היימאט פונם אידישן פאלק. די אידישע עמיגראציע קיין ארץ-ישראל וואקסט זיך אלץ מער פאנאנדער. אין דעם דאזיקן לאנד זיינען שוין אנטשטאנען א לאנד-ארגאניזאציע פון דער א. ס. ד. א. פ. פועלי-ציון און אויך א פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע פון די אידישע ארבעטער פון דעם לאנד.

די אידישע סאציאליסטן, וועלכע זיינען ארגאניזירט אין דער פארטיי פועלי-ציון, זעען די איינציקע און נויטווענדיקע תשובה אויפן אידן-פראבלעם אין דער טעריטאריאלער פארענטפערונג פון דער אידנפראגע, אינם שאפן פון א אידישן ישוב (געמיין-וועזן) אין ארץ-ישראל. אט די שטרעבונג איז דער וויכטיקסטער פונקט אין דעם מינימום-פראגראם פון דער פארטיי פוע"צ. אין יענע לענדער, וואו עס לעבט דער אידישער פראלעטאריאט, קעמפט אונזער פארטיי האנט ביי האנט מיט די באוואוסטזיניקע פראלעטאריער פון אלע שפראכן: אויף די באריקאדן אין רוסלאנד — פאר דער באפרייאונג פון די קייטן פונם צאריזם, אין עסטרייך — פאר דעם אלגעמיינעם וואל-רעכט, אין אמעריקע — פאר דער אנטוויקלונג פון דעם סאציאליסטישן באוואוסטזיין.

לויט דער לעצטער רעזאלוציע פון דעם אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן ביורא ווערט די פארשטייערשאפט אין דעם ביורא פון איצט אן רעגולירט נישט לויט די מלוכות, נאר לויט די נאציעס. די אידישע סאציאליסטישע ארבעטער-פארטיי פועלי-ציון וועלכע ציילט מער ווי 19.000 ארגאניזירטע אידישע ארבעטער אין רוסלאנד, עסטרייך, אמעריקע, ענגלאנד און ארץ-ישראל, פארלאנגט פונם אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן ביורא, עס זאל איר, אלס א סאציאליסטישער פארטיי פון די פראלעטאריער פון דער אידישער נאציאנאליטעט, געבן א פארטרעטונג אינם אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן ביורא *).

וויען, אין מערץ, 1907.

---

*) דער דאקומענט איז נאכגעדרוקט פונם „איד. ארבעטער-פנקס" (ווארשע, 1928), אך האב געמאכט קליינע סטיליסטישע אויסבעסערונגען און פאררעכט די גרעבסטע גרייזן פון דער לײדער שלעכטער איבערזעצונג. איך האב נישט דעם דייטשן אריגינאל און נעם דעריבער נישט איבער קיין אחריות פאר דער גענויאיקייט פונם טעקסט.

ש. ק.

די אידן אין דער מלחמה.

„דאָס רויטבוך״, פאַרגעלייגט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָ־ציאַליסטישן ביוראָ דורך דעם אידישן סאָצ. אַרב. פאַרבאַנד פּועלי־ציון, סוף 1915, אין די דריי שפּראַכן פונם אינטערנאַציאָנאַלער מעמאָראַנדום ווערט דאָ צום ערשטן מאָל פּובליצירט אויף אידיש.

הקדמה

די שריפט, וועלכע מיר גיבן איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-פאַראייניקונג, האָט פאַר זיך אַ גאַנץ באַגרענעצטן צוועק. זי וויל אינפאָרמירן די פּראָלעטאַרישע עפנטלעכקייט איבער די ווירקונגען פון דער מלחמה-קאַטאַסטראָפע אינם לעבן פון דעם אידישן פאָלק. דערצו האָבן מיר געזאַמלט אַ שורה פון דאָקומענטן, וועלכע נויטיקן זיך נישט צום גרעסטן טייל אין קיין שום קאָמענטאַר. די זאַמלונג איז לגמרי נישט פולשטענדיק. געוויסע דאָקומענטן, ווי די געהיימע באַפעלן פון די מיליטערישע און ציווילע ערטער, זיינען בשעת דער מלחמה בכלל נישט דערגרייכבאַר, אַנדערע פעלן צוליב די קאָמוניקאַציע-שוועריקייטן מיט די קריגס-פירנדע לענדער. ליידער איז דאָס זאַמלען פון אידישע מלחמה-דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ באַדייטונג פאַר די שפּעטערע געשיכטס-שרייבער, נאָך נישט סיסטעמאַטיזירט, און מיר אַליין זיינען ערשט אין די לעצטע חדשים צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. מיר האָבן אריינגענומען נאָר אַזעלכע דאָקומענטן, וואָס אַנטהאַלטן אויטענטישע ערקלערונגען אָדער פאַקטן און וואָס זייער ריכטיקייט איז גאַראַנטירט דורך זייער אַמטלעכן כאַראַקטער אָדער דורך דער שטעלונג פון די מחברים אָדער רעדנער. כדי צו כאַראַקטעריזירן דעם שטאַנדפונקט פון די קעגנער פון דעם אידישן פאָלק אָדער פון די אידישע פאָדערונגען, האָבן מיר די קעגנער אַליין געגעבן דאָס וואָרט.

ס׳איז געווען נויטווענדיק צו ברענגען אין אַ קאַוזאַלן צוזאַמענהאַנג די דורך דער מלחמה מיט אַן עלעמענטאַרן כח אויפגעדעקטע סתירות פון דעם אידישן לעבן מיט דער לאַגע פון די אידן אין די מלחמה-פירנדע לענדער נאָך פאַר דער מלחמה. די דענקשריפט גיט אַן איבערבליק, און ווי מיר גלויבן, די נויטיקע אויפקלערונגען איבער דער שטעלונג פון דעם אידישן פאָלק צו זיינע שכנים-פעלקער. דערביי פּרעטענדירט די דאָזיקע

שריפט בשום אופן נישט דערויף צו שילדערן די אידנפראַגע אין איר גאַנצקייט. דאָס איז נישט מעגלעך געווען אין די גרענעצן פון אַ מעמאָראַנדום איבער דער אַקטועלער סיטואַציע. דאָך אין אייניקע טיילן גיט עס אויפקלערונגען, וועלכע זיינען מסביר, ווען אויך נאָר פאַרבייגייענדיק אונזער קאָנצעפּציע פון דער אידישער פראַגע. הגם מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער אידישער לאַגע אין די איינצלנע לענדער, דרינגט דאָך פון דער דענקשריפט מיט גענוגענדער קלאָרקייט איין וויכטיקער פאַקט — ד י א יי נ ה יי ט ל ע כ ק יי ט פון דער אידנפראַגע אין אַלע לענדער. ס׳באַשטייט אַ טיפער קעגנזאַץ צווישן די לעבנס-באַדינגונגען פון די אידן פון מזרח-איירָאָפּע ביז ארץ-ישראל (מיר וואָלטן אויך צוגעגעבן — פון ווילנע ביז טשיקאַגאָ) און זייערע באַדערפעניש נאָך עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. די מלחמה האָט אָט די טיף איינגעוואָרצלטע סתירה גאָר שאַרף באַלויכטן, זי האָט מיט אכזריותדיקער דייטלעכקייט באַוויזן, אַז ביי דער רעגולירונג פון די נאַציאָנאַלע פראַגן אין איירָאָפּע און אינם נאָענטן אָריענט נאָך דער מלחמה טאָר מען נישט פאַרבייגיין אָדער פאַרשווייגן די אידישע פראַגע. דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַל האָט ביי די שלום-אונטערהאַנדלונגען די היסטאָרישע אויפגאַבע אַרויסצוזאָגן אויך אין דער אידישער פראַגע דאָס באַפרייענדע וואָרט פון רעכט און אמת.

מיר ווייסן, אַז אין דער אַרבעטער-באַוועגונג פון מערב-איירָאָפּע באַגעגנט מען די פּרואוון צו געווינען די אַקטיווע סימפּאַטיע פון דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר דער אידישער זאַך, צומאָל מיט דעם פאַרקלעמטן געפיל, אַז מען וויל פאַרוואַנדלען די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין אַ „יודען-שוץ-טרופּע". דער פאַקט אָבער איז, אַז עס איז נישט דוקא אַ כבוד-זאַך זיך אָנצונעמען פאַר דאָס גערודפטע אידיש פאָלק — ס׳איז גענוג זיך נאָר צו דערמאָנען אָן דער רעזאָלוציע פונם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסעל, וועלכע וואַרפט אָפּ דעם פּילאָסעמיטיזם פונקט אַזוי, ווי דעם אַנטיסעמיטיזם. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין דער איירָאָפּעאישער אַרבעטערשאַפט איז מען געוואוינט צו אורטיילן וועגן די אידן לויט דעם קליינעם טייל פון זיי אין מערב-איירָאָפּע. דערפון שטאַמט די פאָרשטעלונג, אַז די אידן זיינען אַ קאַסטע פון פינאַנצלייט, סוחרים און אינדוסטריעלער, וועלכע מ׳נעמט אין שוץ קעגן רדיפות צוליב דעם קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן אַלע ראַסן-פאָראורטיילן, וועלכע האָבן אָבער באמת גאָרנישט צו טאָן מיטן פּראָלעטאַריאַט אַלס קלאַס. עס וואָלט געווען דער גרעסטער טעות צו משפטן איבערן גאַנצן פאָלק לויט אָט דער פּלוטאָקראַטישער אויבער-שיכט. די מאַסן פונם אידישן פאָלק געהערן צום אַרבעטנדן מיטלשטאַנד און צום פּראָלעטאַריאַט, וועלכע קעמפן שווער פאַר זייער עקזיסטענץ. דאָס איז ס׳רוב אומבאַקאַנט, זאָל דערפאַר אילוסטרירט ווערן מיט אייניקע צאָלן.

פון 5.063.000 אידן, וועלכע זיינען געציילט געוואָרן אין 1897 אין רוסל. א.ד. האָבן זיך 1.957.000 מפרנס געווען פון מסחר. אַנטקעגן זיי שטייען 2.774.000 אידן, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין מלאכה און אינ-

דוסטריע (1.794.000), אין לוין-דינסט מכל המינים (335.000), אין פרייע פראָפעסיעס (265.000), אין פאַרקער (201.000) און אין דער לאַנדווירטשאַפט (179.000). אָבער פונקט ווי די „אינדוסטריע-סטטיקע" אידן זיינען כמעט אויסשליסלעך זעלבסטאַרבעטנדע בעלי-מלאכות אין אַ זער געדריקטער לאַגע, טאָר מען זיך נישט פאָרשטעלן די אין האַנדל באַשעפטיקטע אַלס רייכע סוחרים. דאָס זיינען צומייסט אָרעמע הענדלער און קרעמער, וועלכע געפינען זיך אין אַ שטענדיקער סכנה אַראָפּצוזינקען צו דעקלאַסירטע באַשעפטיקונגסלאָזע. געהערן אַלזאָ לפחות צוויי דריטל פון די רוסישע אידן צו די שיכטן, וואָס לעבן פון דער אַרבעט פון זייערע הענט. אַזוי בילדעט דער פּראָלעטאַריאַט מער ווי אַ דריטל פון דער אידישער באַפעלקערונג. לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק און פריוואַטע אנקעטן, אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַרלאָזן, זיינען אינם יאָר 1897 געווען צווישן די רוסישע אידן מער ווי 275.000 האַנטווערק- און אינדוסטריע-אַרבעטער, 175.000 אין פאַרשיידנאַרטיקן לוין-דינסט, ביי 150.000 האַנדלס-פּראָלעטאַריער, אַלזאָ צוזאַמען 600.000 באַשעפטיקטע אַרבעטער; די פאַמיליעס צוגערעכנט, קומט אויס אַן אַרבעטער-באַפעלקערונג פון $1^1/_2$ מיליאָן ביז אַ 1.800.000 נפשות. זייט דעם יאָר 1897 האָבן זיך די באַדינגונגען לויט אַלע סמנים געענדערט. גיכער אין דעם זין פון אַ שטאַרקערער פּראָדוקטיווירונג און פאַרגרעסערונג פון דעם לוין-פּראָלעטאַריאַט. אַלזאָ, אַ דריטל פון די רוסישע אידן באַלאַנגט צו דער אַרבעטערשאַפט.

נישט אַנדערש זיינען די באַדינגונגען אין עסטרייך, וואו די אינם יאָר 1900 געציילטע 1.225.000 אידן פאַרטיילן זיך לויט פאָלגענדע פּראָפעסיעס: 430.000 אין האַנדל טעטיקע אידן, לגבי 676.000, וואָס האָבן זיך מפרנס געווען פון מלאכה און אינדוסטריע (357.000), לוינדינסט (67.000), פאַרקער (38.000), פרייע פּראָפעסיעס (80.000) און לאַנדווירטשאַפט (140.000 *). וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן מכח דעם שווערן לעבנס-קאַמף פון דעם אידישן מיטלשטאַנד אין רוסלאַנד, גילט אפשר אין אַ נאָך גרעסערער מאָס מכח דעם טייל פון עסטרייך, וואו אידן וואוינען אין מאַסן — גאַליציע און בוקאָווינע. אויך אין עסטרייך האָבן מיר אַ צאָלרייכן אידישן פּראָלעטאַריאַט; 81.500 האַנטווערק- און אינדוסטריע-אַרבעטער, 42.000 האַנדלס-געהילפן, 48.000 לוין-אַרבעטער פון פאַרשיידענעם מין. אַט די 172.000 פּראָלעטאַריער מאַכן אויס מיט זייערע פאַמיליעס אַן אַרבעטס-באַפעלקערונג פון 350.000 ביז 450.000 קעפּ, אָדער אַ דריטל פון די עסטרייכישע אידן.

וואַרפן מיר אַ בליק איבער דעם ים, אויף די פ א ר א י י נ י ק ט ע ש ט א ט ן, וואו ס'איז אין משך פון צוויי יאָרצענדליק אַנטשטאַנען דער צווייט-גרעסטער אידישער ישוב, אַזוי געפינען מיר קאָנצענטרירט נאָך גרעסערע אידישע אַרבעטערמאַסן. ווייניקסטנס 60% פון די איינוואַנדערער

---

*) אין רוסלאַנד געהערן צו דער וואַלד- און לאַנדווירטשאַפט צום גרעסטן טייל פויערן (אין דרום-רוסלאַנד), אין עסטרייך אָבער איז די צאָל פון די גוטס-פאַכטער זער באַדייטנד.

זיינען ארויסגעשטופטע האנטווערק-פראלעטאריער, וואס ווערן אויפגעזויגן דורך די געוואלטיקע „אידישע נאדל-אינדוסטריען". אזוי זיינען פון די $2^1/_2$ מיליאן זייט 1881 ניי איינגעוואנדערטע אידן לפחות אנדערהאלבן מיליאן ארבעטער אין פארשיידענע אינדוסטריען. באמת רעכנט מען אין נארד-אמעריקע בערך 350,000 ארגאניזירטע אידישע ארבעטער (אין ניו-יארק אליין ביי א פערטל מיליאן); רעכנט מען צו די צומינדעסט 150,000 נאך נישט ארגאניזירטע און די פאמיליען-צוגעהעריקע, קומט מען צו דעם זעלבן רעזולטאט. אלזא, די העלפט פון די נארד-אמעריקאנער אידן גע-הערן צו דעם ארבעטערקלאס.

מיר ווילן אונזער הקדמה נישט באשווערן מיט טרוקענע צאלן. די אויבן ציטירטע באווייזן מיט נענוגנדער דייטלעכקייט, אז די אידן זיינען א פאלק פון ווירטשאפטלעך שוואכע און געדריקטע און פון פראלעטאריער. דערפאר איז די אידישע ארבעטער-באוועגונג פון שטענדיק אן געווען אן איבערגעגעבענע טרעגערין פון די סאציאליסטישע אידעאלן, און נישט קוקנדיק אויף איר יוגנט איז זי געווארן א וויכטיקער פאקטאר אין דער פאלקס-פאליטיק; דערפאר זעען גרויסע מאסן פונם אידישן פאלק אין דעם ארבעטער-אינטערנאציאנאל זייער נאנטסטן פריינד און פארטיידיקער. מען מוז ווייט צוריקגיין אין דער אידישער געשיכטע, ביז צו די קרייץ-צוגן אדער דעם לעצטן טויט-קאמף מיט די רוימער אויף אייגענער ערד, כדי צו טרעפן אזעלכע פארוויסטונגען, ווי די, וועלכע די וועלט-מלחמה לאזט איבער אינם אידישן לעבן. דאס אידישע פאלק נויטיקט זיך אין דער פריינדשאפט פון די בעסטע און איידלסטע פון אלע פעלקער, אבער עס האט זי אויך פארדינט.

1

דער אידישער פראלעטאריאט און דער אינטערנאציאנאל

די פארגעלייגטע דאקומענטן-זאמלונג אונטערשיידט זיך עיקרדיק פון די פיל-פארביקע „ביכער", וואס אנטהאלטן אין זיך דיפלאמאטישע שריפט-שטיק מכל המינים. זי האט נישט דעם צוועק צו באווייזן דאס רעכט פון וועלכן נישט איז פאלק, צו נעמען זיך צום שווערד, כדי צו פארענטפערן זיינע קיום-פראגן דורך שטראמען בלוט פון זיינע אייגענע זין און פון זיינע שונאים און דורכן אייזן פון רציחה-געצייג. נישט דער צוואנג צו מלחמה, נישט דאס רעכט פון נאציאנאלער בויט-ווער זאל דא באהאנדלט ווערן.

ווייל דאס אידישע פאלק אין זיין גאנצקייט זעט נישט אין קיינעם פון די קעמפנדע פעלקער א שונא, וועלכן מען מוז באזיגן; עס דענקט נישט דערפון אריבערצוגיין די גרענעצן פון וועלכער נישט איז מדינה, כדי זיי צו ענדערן מיט באוואפנטער מאכט. ס'האט אויך נישט קיין טע-ריטאריאלע גרענעצן, וועלכע מ'וואלט באדארפט פארטיידיקן. די אידישע

נאציע אלס געמיינשאפט פירט נישט קיין עראָבערונגס- און קיין נויטוועער־קריג. אונזערע פאָלקס-אינטערעסן האָבן קיינמאָל נישט געהאט צו טאָן מיט די אימפּעריאליסטישע תשוקות פון וועלכער נישט איז מדינה. מיר זיינען אן אומבאטייליקטער אין דעם געוואלטיקן פעלקער-געראנגל.

טראָצדעם האט קיין פאָלק נישט אזוי שווער צו ליידן פון זיינע פורכט־באַרע ווירקונגען — קיין פאָלק ברענגט נישט אזוינע קרבנות אָן א צאָל אויף דעם מזבח פון דער מלחמה.

די שריפט און די איבערגעגעבענע דאָקומענטן זיינען נאָר א שוואַכער פּרוואוו צו ברענגען צום באוואוסטזיין פון דער קולטורעלער מענטשהייט דאָס מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע מאַרטירערטום פון דעם גרעסטן רוב פון דעם אידישן פאָלק, פון נ יי ן מ י ל י א ָ ן אידן אין אייראָפּע און נאָענטן מזרח.

דאָך איז די שריפט נישט קיין אַפּעל צו דעם „געוויסן פון די קול־טור־פעלקער", ווי ס'באַצייכנט זיך צומאָל עניוותדיק אַליין די בירגערלעכע עפנטלעכע מיינונג. די מלחמה האָט אונז באַרייכערט מיט דער ערפאַרונג, אַז אין דעם פּאָליטישן רעכט־קאָדעקס פון אונזער צייט זיינען מענטשהייט און מענטשלעכקייט נישט קיין יוריסטישע פּערזאָנען. די אין דעם ווייטער־באַשטאַנד פון דער היינטיקער געזעלשאַפט פאַראינטערעסירטע קלאַסן און הערשנדע גרופּן, וואָס זיינען מכריע אין דעם לעבן און האַנדלען אויך פון די אַמהעכסטן שטייענדע קולטור־נאַציעס, זיינען טויב פאַר די הילפס-געשרייען פון אַ פאָלק, וואָס באָדט זיך אין זיין בלוט, וואָס באַטייט גאָרנישט אויף דער לאַנדקאַרטע, וואָס קאָן נישט איבערצייגנד באַווייזן זיין קולטור־ווערט מיט קרופּ־קאַנאָנען אָדער מיט מאַשינען־געווער, וואָס קומט נישט אין באַטראַכט אינם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם נישט אַלס אָפּזאַץ־מאַרק פון סחורות און נישט אַלס ליפערונגס-קוואַל פאַר רוי־שטאָפן. וואָס פאַר קאַפּי־טאַליסטישן אָדער פּאָליטישן קאָמפּטווערט האָבן די אידן אַלס נאַציע? מיר שטעלן צו הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן, אונזער פּלוטאָקראַטיע איז באַטייליקט אין דער פינאַנסירונג פון דער מלחמה איןביידע מאַכט-גרופּן. אָבער די אידן אַלס פאָלק זיינען פּאָליטיש מאַכטלאָז און בלוטאָרים.

דאָס איינציקע לאַנדלאָזע, באַגזלטע און באַזיצלאָזע פאָלק אויף דער ערד זעט אין די באַגזלטע און באַזיצלאָזע פון אַלע פעלקער, אין דעם אַר־בעטערקלאַס, וואָס קעמפט פאַר די אייגענע רעכט, דעם כבוד און דער פרייהייט פון דער מענטשהייט, זיין נאַטירלעכן פאַרבינדעטן. די אידישע אַרבעטער-באַוועגונג איז פון שטענדיק אָן געווען דורכגעדרונגען פון די בעסטע סאָציאַליסטישע טראַדיציעס. מיר האָבן געזען אין דעם אָרגאַניזירטן סאָציאַליזם נישט נאָר אונזער וועגווייזער אינם קאַמף קעגן סאָציאַלער קנעכטשאַפט. מיר האָבן תמיד געהאָפט, אַז דער סאָציאַליסטישער אינטער־נאַציאָנאַל וועט באַגרייפן אויך די ליידן און האָפנונגען פון דעם אידישן פאָלק און וועט אונז, ווי אַלע אונטערדריקטע „קליינע" נאַציעס ביישטיין אין אונזער לעצטער אָנשטרענגונג צו זיכערן די פרייהייט און צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק. דערפאַר איז אין ערגעץ נישט געווען דער טרויער

אַלגעמיינער און אויפריכטיקער, ווי אין די שורות פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע פּאַרטייען, ווען דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז געפאַלן אַ קרבן פון דער פּאַנאַנדערגעפלאַקערטער פעלקער-שנאה. געוויס, מיר האָבן געוואוסט, אַז די אינסטיטוציעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם האָבן נאָר אַ מאָראַלישן ווערט און נאָך נישט קיין רעאַלע מאַכט, אַז די האַרטע נויטווענדיקייטן פונם פעלקער-לעבן האָבן זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער, ווי די לייטענדע געדאַנקען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-פּאַראייניקונג. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען מער אַ סימבאָל פון דער קומענדער מלכות פון פרייער אַרבעט און גלייכהייט. אָבער פאַר דעם סימבאָל האָבן געקעמפט אין משך פון אַ דור הונדערטער טויזנטער אידישע אַרבעטער, און טויזנטער האָבן מקריב געווען זייער לעבן, זייער פרייהייט.

טיף איז דערפאַר געווען די אַנטוישונג און אויפרעגונג אינם אידישן פּראָלעטאַריאַט, ווען דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז נישט געווען אימשטאַנד צושטאַנדצוברענגען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַקציע פון דער אַרבעטערשאַפט, כדי נישט צו דערלאָזן צו דער קאַטאַסטראָפע. נאָך שמערצלעכער האָבן מיר עס געפילט, ווען דער אומווילן צו שלום און די מלחמה-אידעאָלאָגיע, יאָ אַפילו שאָוויניסטיש-קלינגענדיקע איבערטרייבונגען האָבן באַוויזן, אַז אויך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין די קריג-פירנדע לענדער האָט זיך נישט אינגאַנצן געקענט דערווייטערן פון די בירגערלעכע פאַרהעצונגס-השפעות.

כּונדעסטוועגן לעבט אין אונזער באַוואוסטזיין ווייטער דער געאייניקטער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל. מיר צווייפלען נישט קיין רגע, אַז ער וועט ווידער אויפלעבן, פאַראייניקט און אינערלעך געשטאַרקט, אויס דער דאָזיקער קולטור-צושטערנדער פעלקער-שחיטה צו אַ נייעם לעבן. נישט אימפּעריאַליסטישע מאַכט-תשוקות האָבן אים צושפּאַלטן; מיר זיינען איבערצייגט, אַז די סאָציאַליסטן פון קיין שום לאַנד האָבן מיט אים נישט שלום געמאַכט. זיי האָבן זיך גענומען צום שווערד אין דער ערלעכער איבערצייגונג, אַז זייער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט געפינט זיך אין אַ סכנה. און מיט דעם אויפריכטיקן ווילן, צו זיכערן די פרייהייט און גלייכהייט פון די פעלקער, אַלס פאַרבאַדינגונג פאַר אַ פרייען בונד פון פעלקער. דער קריג וועט די איבערצייגונג פאַרטיפן, אַז נישט דער קאַפּיטאַליזם און זיינע ווערקצייג — דער מיליטאַריזם און אימפּעריאַליזם — וועלן קאָנען פאַרווירקלעכן אָט דעם ציל פון דעם אַרבעטערקלאַס. די נויטווענדיקייט פאַר אַ דירעקטער פאַרשטענדיקונג פון די אַרבעטנדע מאַסן פון אַלע פעלקער, כדי צו רעגולירן זייערע קאָנפליקטן אין דעם גייסט פון מענטשלעכקייט און פרייהייט וועט דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל צוריקגעבן זיין אַקציאָנס-פעאיקייט.

צו אָט דעם טריבונאַל פון דער אַרבעטנדער מענטשהייט אַפּעלירן מיר. דער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס קעמפט פאַר דער באַזייטיקונג פון קנעכטשאַפט און הערשאַפט אין פעלקס-לעבן, וועט אויך אונז פאַרשטיין.

די אידישע טראַגעדיע

אין מיטן פון דער וועלט-טראַגעדיע, וועלכע האָט גלייך שווער געטראָפן אַלע פעלקער, שפּילט זיך אָפּ אַ אידן-טראַגעדיע אין אַ ביז איצט נאָך נישט געוועזענעם מאַסשטאַב, פון אַ אומערהערטער שמערצלעכקייט און גרויסקייט. מיר ווילן נישט רעדן וועגן דער ערשיטערנדער טראַגיק פון דעם פאַקט, אַז זין פון דעם זעלבן פאָלק, אידן פון צוויי קריג-פירנדע לענדער-גרופּן, מוזן איינער דעם אַנדערן אויסהרגענען. די גאַנצע באַרבאַריי און ערנידעריקונג פון דער מלחמה קומט אונז צום באַוואוסטזיין, ווען מיר שטעלן זיך פאָר מיט שוידער, אַז אידן פון רוסלאַנד און עסטרייך, וועלכע זיינען נישט נאָר צוזאַמענגעבונדן נאַציאָנאַל, נאָר אויך דורך צאָלרייכע באַציאונגען פון קרובהשאַפט, שטייען זיך אַנטקעגן מיט כּלי-זין אין דער האַנט. אָט דעם גורל טיילן מיר מיט אַנדערע פעלקער — מיט די פּאָלאַקן און סערבן, אַרמענער און אוקראַינער — בקיצור מיט אַלע נאַציעס, וועלכע זיינען שטאַטלעך צוטיילט.

אויך ווילן מיר נישט קלאָגן איבער דערווירטשאַפטלעכער קאַטאַ-סטראָפע, וואָס האָט געמאַכט מיליאָנען פון אונזער פאָלק, די אָרעמסטע פון די אָרעמע, ברויטלאָז, אַרבעטסלאָז, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָפענונגס-לאָז. הגם אונזער ווירטשאַפטלעכער צוזאַמענבּרוך האָט נישט קיין גלייכן צו זיך, און מיר האָבן אין דעם פאַל אפילו נישט די מאָדנע נחמה, אַז מיר זיינען נישט די איינציקע. די מלחמה בּושעוועט אויף די עקאָנאָמישע חורבות פון די אידן אין מזרח-אייראָפּע. דער פּויער קאָן פאַרלירן זיין געדעטעניש און בהמות, קו און הויף, אָבער דעם וויכטיקסטן יסוד פון זיין עקזיסטענץ — די ערד — קאָן מען ביי אים נישט צונעמען. די אידן זיינען כּמעט אויסשליסלעך אַ שטאָט-פאָלק, דערביי ס'רוב צוזאַמענגעפּרעסט אין די אָפּגעשטאַנענע פּראָדוקציע-צווייגן פון האַנדל און אינדוסטריע. די יסודות פון זייער ווירטשאַפטלעכער עקזיסטענץ זיינען זייט יאָרן שווער ערשיטערט. די מלחמה, וואָס איר שוי-פּלאַץ זיינען גאַליציע, רוסיש-פּוילן און ליטע, אַלזאָ לענדער פון אידישער מאַסן-ישוב, האָט באַדייט פאַר די מאַסן פונם אידישן פאָלק דעם פולן ווירטשאַפטלעכן צוזאַמענבּרוך, — מיט אויסנאַם פון אַ קליינער גרופּע, וועלכער, ווי אין אַלע לענדער, ס'זיינען צונוץ געקומען די מלחמה-אינדוסטריען. מ'קאָן נאָך נישט האָבן קיין איבער-בּליק איבער די רעזולטאַטן. אין אַ סך ערטער האָט דאָס אָפּשטעלן זיך פון דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן מיט זיך געבראַכט אַ בּיישפּיללאָזע נויט, מאַסן-הונגער און זיינע באַגלייטערס — דעגענעראַציע און מאָראַלישע גע-פאַלנקייט. הונדערטער טויזנטער פון אַנטוואָרצלטע שטייען גרייט אויס-צוּוואַנדערן.

דאָך אַלע די ליידן שעפּן נישט אויס די מאָס פון נסיונות, וועלכע זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף כּמעט ניין מיליאָנען פון דעם אידישן דרייצנמיליאָנען-פאָלק. אינמיטן פון דער מלחמה האָט דאָס אידישע פאָלק אויסצושטיין אַ פאַרניכטונגס-קאַמף אין מדינות, פאַר וועלכע הונדערט-טויזנ-טער אידישע סאָלדאַטן פאַרגיסן זייער בלוט, פאַר וועמענס מאַכט-פּאָליטיק

מיליאָנען אידן באַצאָלן מיט זייער עקזיסטענץ. דעם אידישן פאָלק האָט מען קריג ערקלערט מצד מעכטיקע רעגירונגען און גרויסע איינפלוסרייכע טיילן פון זיינע נישט-אידישע מיטבירגער.

די טראַגעדיע פונם אידישן פאָלק פאַרגרעסערט זיך, ווען מען נעמט ווייטער אין באַטראַכט, אַז זיינע אומגעציילטע קרבנות ווערן געבראַכט אָן אַ זין און אָן אַ צוועק, אָן יעדע געשיכטלעכע און נאַציאָנאַלע באַרעכטיקונג. מיר זיינען נישט קיין חסידים פון דער „באַפרייאונגס-לעגענדע", פון דעם גלויבן, אַז דאָס בלוטיקע ראַנגלען זיך פאַר מער מאַכט און העגעמאָניע האָט אין זיך אַ באַפרייענדע שליחות. מיר גלויבן נישט, אַז מ'קאָן פאַרענטפערן די לעבנספראַגן פון די אונטערדריקטע נאַציעס דורך שלאַכטן. מיר זאָגן זיך אָפּ צו אַקצעפּטירן דעם אָרגאַניזירטן פעלקער-מאָרד אַלס אַ היסטאָריש נויטווענדיק מיטל פאַר דעם מענטשלעכן פראָגרעס. דאָס שטערט אונז נישט צוצוגעבן, אַז די דורך אַ מלחמה פאַראורזאַכטע געוואַלטיקע ערשיטערונגען קאָנען ברענגען גוטס אינם לעבן פון אַ מדינה אָדער פאָלק. אַזוי האָט אויך דער טיטאַנישער קאַמף פון די פעלקער דערוועקט אַ סך דרימלענדע האָפנונגען. אונטערדריקטע, דורך לענדער-גזלות צושטיקלטע נאַציעס, דורך יאָר-הונדערטער-לאַנגע קנעכטשאַפט צו געשיכטסלאָזע שבטים דערנידעריקטע פעלקער, ערוואַרטן פון דעם איצטיקן קאַמף ווידערבאַפרייאונג צו נייעם נאַציאָנאַלן לעבן, דערגרייכונג פון דער אויסגעבענקטער זעלבסטבאַשטימונג פון דעם אייגענעם גורל, באַזייטיקונג פון אָפּהענגיקייט מצד מעכטיקע שכנים. אַזוי דענקען און גלויבן, האָפן און געפינען טרייסט אין אָט דער ערוואַרטונג פּאָלאַקן און אוקראַינער, סערבן און בעלגיער, טערקן און אַרמענער, ליט-ווינער און לעטן, נאָר אונז אידן פעלט אויך די טרייסט-אילוזיע. מיר, געלייטערט דורך יאָרטויזנטער לאַנגע יסורים, ווייסן, אַז אונזער נאַציאָנאַלער גורל ווערט נישט אַנטשיידן אויף שלאַכט-פעלדער. דאָס אידישע פאָלק האָט אויסגעשטראָכן פון זיין פּאָליטישן ווערטערבוך שפיכת דמים, דאָס אויס-שלאַכטן דעם קעגנער. מיר קוקן מיט אַ דערשטיקטער פאַרצווייפלונג אויף אונזערע הויפנס מתים, אויף די געאָפּפערטע יוגנט פון אונזער פאָלק. די מלחמה וועט נישט רעוואָלוציאָנירן די יסודות פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום, וועט קוים באַרירן די שרעקלעך פאַרוויקלטע פּראָבלעמען פון אונזער לעבן אין זייער עצם. זי וועט אונז נישט צוריקגעבן די פרייהייט צו אַנטוויקלען אונזער אייגנאַרט, די זיכערונג פון אונזער פאָלקס-עקזיסטענץ. אַזוי זינקען מיר אַראָפּ צו אַ פרעמדן-לעגיאָן, וואָס קעמפט אין אַלע אַרמעען פאַר פרעמדע אינטערעסן אָדער האָפנונגען. אַזוי ווערט אַן אַלט קולטור-פאָלק פון 13 מיליאָנען, וואָס האָט געלייסטעט מוסטערהאַפטעס אין אַלע ספערן פון דענקען און וויסן, קונסט און געזעלשאַפטלעכן שאַפן, דעגראַדירט צו אַ געשיכטסלאָזער נאַציע.

ווייל אַזוי ווערן מיר אויך אָפּגעשאַצט פון די בעסטע פון אונזער צייט. די אַלגעמיינע עיקרים פון שוץ פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, פון רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג און זעלבסטפאַרוואַלטונג גילטן

נישט מער, ווען מיר פאַרלאַנגען זייער אָנווענדונג אויף די אידישע פאָלקס־מאַסן. נישט נאָר די רעגירונגען אַכטן נישט אויף די רעכט און פאָדערונגען פון דעם אידישן פאָלק, אויך ביי די אונטערדריקטע נאַציעס, וועלכע קעמפן פאַר זייער אייגענער פרייהייט, אפילו ביי די באַעוולטע און באַגזלטע פון די אַנדערע פעלקער געפינט נישט דאָס אידישע פאָלק גענוג פאַרשטענדעניש פאַר זיינע נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָדערונגען.

.2

רוסלאַנד. די מלחמה האָט מיט גלייכער שאַרפקייט באַלויכטן די מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע רעכטלאָזיקייט פון די אידן דער מלחמה־טומל איז נישט געווען בכח איבערצושרייען די הילפסרופן, וועלכע די העלפט פון דעם אידישן פאָלק, די רוסישע אידן, שרייען אַרויס אין זייער פאַרצווייפלונג אָן אַ ברעג. ווייל די מיטלאַלטערלעכע גרוילן זיינען געשטעלט אין שאָטן. יאָ, פאַרברעכן אין אַזאַ מאַסשטאַב, באַגאַנגען קעגן שוצלאָזע מענטשן, זיינען אומבאַקאַנט אין דער געשיכטע פון מיטלאַל־טער. די לאַגע פון די אידן אין רוסלאַנד איז געווען שוין זייט יאָרצענדלי־קער אַ חרפה פאַר דער קולטור־מענטשהייט. מ׳האָט זי אויס מורא פאַר דער געוואַלטיקער, וועלט־בעהערשנדער צאָרן־דעספּאָטיע געזוכט צו פאַרפאַרבן אָדער צו פאַרשווייגן. אַ באַדייטנדער איד פון אונזער צייט האָט כאַראַקטע־ריזירט די באַציאונג פון די רוסישע מאַכטהאָבערס צו דער אידישער באַפעלקערונג אין פאָלגנדע דורכאויס צוגעטראָפענע ווערטער:

„דאָרט אַרבעט מען מיט דער ווילדער ענערגיע פון רציחה אונז פול־שטענדיק צו פאַרניכטן. „די זאָזיקע מיאוסע באַנדע מוז פאַרניכטעט ווערן״ איז דער לייט־געדאַנק, וועלכער באַשטימט אַלע רעגירונגס־דעקרעטן קעגן אונזערע אומגליקלעכע ברידער. מען כאַראַקטעריזירט די באַהאַנדלונג, פון וועלכער זיי ליידן, אין אַלגעמיינעם מיט די ווערטער, אַז מען וויל די אידן רעכטלאָז מאַכן און פראָלעטאַריזירן. די אויסדרוקן זיינען ווייט צו שוואַך. אַ געבילדעטער זון פונם 20־טן יאָרהונדערט וועט קיינמאָל נישט פאַרשטיין דאָס וואָרט אַנטרעכטונג אין דעם שרעקלעכן מיין, וועלכן זי האָט פאַקטיש אין די באַטרעפנדע לענדער. די אידן טאָרן נישט האָבן נישט נאָר קיין שטאַטס־בירגער־רעכט, מ׳זאָגט זיי אָפּ אויך אין מענטשן־רעכט. יאָ, אַפילו אין די רעכט, וועלכע מען גיט אַפילו דער חיה. דער איד איז הפקר. מען מעג אים באַליידיקן, שלאָגן, באַגנבענען, באַגזלען, אַפילו הרגענען און ס׳איז נישטאָ פאַר אים קיין שוץ ביי דעם געזעץ אָדער ביי די רעגירונגס־אַנשטאַלטן. און ווילן זיי זיך פאַרטיידיקן, אַזוי ווערט די דער־וועקונג פון נאַטירלעכן זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט באַשטראָפט ווי דער חוצפהדיקער בונט. דער איד מוז זיך הכנעהדיק לאָזן באַראַבעווען, ער מוז זיין האַלז אויסשטרעקן אָן ווידערשטאַנד אונטער דעם מעסער פון די רוצחים. זיינען די פאַרברעכער באַאַמטע, אַזוי איז נישטאָ קעגן זיי קיין תביעות און

קיין ריכטער. זיינען זיי פּריוואַטע פּערזאָנען, אַזוי ווערן זיי צומאָל פאַר-
משפט צוליב אַ געוויסן אויטאָמאַטיזם פון די שטאַטלעכע אינסטיטוציעס,
וועלכע אַרבעטן אויף אַ באַשטימטן אופן, אָבער דאָך נאָר, כדי באַלד ווי-
דער אַמנעסטירט צו ווערן. ווען מען טוט נישט אָן אידן קיין אכזריות,
אַזוי פרעסט מען אויס פון זיי צומינדעסטנס אַן אומגעזעצלעכן אויסלייז-
געלט, וויפיל און ווען דאָס האַרץ גלוסט, און האַלט אויף אין זיי מיט
אַלע מיטלען פון ראַפינירטעסטן אָנשרעקן אַ דויערנדן מצב פון מורא און
ציטערן פאַר די מעגלעכקייטן פון די נאָנטסטע שעהן, וועלכער דערשיטערט
זייער מוח און נערוון-סיסטעם צו דער גרויסער פרייד פון זייערע פייניקערס.

דאָס איז דערווירקלעכער זין פונם וואָרט רעכטלאָזיקייט, וואָס פאַר
דעם אויער פון אַ נישט-געוואָרנטן קולטור-מענטש קלינגט עס נישט מער
אַזוי מוראדיק. און נישט אַנדערש איז עס בנוגע דער כלומרשטער פּראָ-
לעטאַריזירונג פון די אידישע מאַסן. אונטער פּראָלעטאַריזירונג פאַרשטייט
מען געוויינלעך דאָס אַראָפּדריקן פון יחידים און פון באַפעלקערונגס-קבוצים
צו דעם אונטערן געזעלשאַפטס-קלאַס, זייער פאַרוואַנדלען אין אָפּהענגיקע
שכירות-נעמערס אָן דער ווירטשאַפטלעכער זיכערקייט פון דעם מאָרגנדיקן
טאָג, זיי אויסשליסן פון די העכערע פּראָפעסיעס און פון דער רייכערער
גייסטיקער בילדונג מיט דער אינערלעכער מאָראַלישער באַפרידיקונג, כבוד
כלפּי חוץ און מאַטעריעלער הצלחה, וועלכע זיי פאַרשאַפן. פון אַ פּראָלע-
טאַריזירונג אין דעם זין, קאָן ביי דער באַהאַנדלונג פון די אידישע מאַסן
קיין רייד נישט זיין. מען שליסט זיי אויס פון אַלע העכערע פּראָפעסיעס,
מען פאַרשליסט פאַר זיי יעדע בילדונג, דאָס איז אמת; אָבער מען פאַר-
וואַנדלט זיי נישט אין לוין-אַרבעטער, להיפך, מ'דערלאָזט נישט, אַז זיי
זאָלן ווערן לוין-אַרבעטער. נישט געבנדיק זיי קיין וואוינרעכט אין כמעט
אַלע אינדוסטריע-באַצירקן, וואו זיי וואָלטן געקאָנט פאַרדינען לוינען, און
פאַרמאַכנדיק פאַר זיי כמעט אַלע געווערבלעכע אונטערנעמונגען אויף דאָרט,
וואו מען דולדעט זיי. ס'איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז מיליאָנען אידן
האָבן היינט קיין גרעסערן וואונש נישט, ווי צו קאָנען ווערן פּראָלעטאַר-
יער. אָבער מ'לאָזט אויך דאָס נישט צו. פּאַריאַס אין בילדונג און גייסטי-
קער אַנטוויקלונג, פּאַריאַס, דערנידעריקטע און דעגענערירטע זאָלן זיי ווערן,
געוויס; אָבער נישט פּראָלעטאַריער אין דעם מאָדערנעם ווירטשאַפטלעכן
זין פונם וואָרט. נישט די איינפאַכע רעכטלאָזיקייט, נישט בלויזע פּראָלע-
טאַריזירונג איז זייער צוועק, נאָר די שענדונג, די פאַרווילדערונג, דאָס
לאַנגזאַמע דערווערגן איז די כוונה. אַן מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן
ווערט דאָ באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, וואָס האָט קיין ביישפּיל נישט אין דער
געשיכטע, וואָס איז אַזוי רייך מיט מאַסן-רציחות" *).

*) ד"ר מאַקס נאָרדוי. רעדע, געהאַלטן אין אויגוסט 1911, אויף דעם 10-טן ציוניסטישן
קאָנגרעס אין באַזעל. אַז נאָרדויס שילדערונג באַזירט נישט אויף אומגעוויינלעכע געהאַלט-אַקטן
אָדער באַזונדערס אויפרעגנדע אינצידענטן, נאָר כאַראַקטעריזירט אומברחמנותדיק דעם ווירקלעכן

גילט די שילדערונג פאַר דער אזויגערופענער שלום-צייט, אזוי מוז מען באַזיצן דעם גאַנצן צאָרן און די גאַנצע וואָרטמאַכט פון א נביא, כּדי צו מאָלן די איצטיקע קאַטאַסטראָפע. זיינען אויך פריער מיליטעריש-אָרגאַניזירטע פּאָגראָמען געוואָרן א אינטעגראַלער טייל פון דער אינעווייניקער מלוכה-פּאָליטיק אין רוסלאַנד, אזוי האָט מען זיי דאָך נאָר אינסצעניזירט פון צייט צו צייט, און נאָר אינם יאָר 1905 אין א סך שטעט אויף אַמאָל. וואָס עס האָט זיך אָבער אָפּגעשפּילט אין דער מאַכט-ספערע און אָפּעראַציע-טעריטאָריע פון דער רוסישער אַרמעע אינם לעצטן יאָר, איז א אָרגאַניזירטע, מעטאָדישע, ווען אויך פּשוט משוגענע קאַמפּאַניע קעגן מיליאָנען אידישע בירגער, אזוי אין רוסלאַנד, ווי אין דער אָקופּירטער גאַליציע. ז ע ק ס ה ו נ ד ע ר ט ט ו י ז נ ט רוסישע אידן זיינען פ א ר ט ר י ב ן געוואָרן דורך דער רעגירונג פון זייערע וואוינערטער, בשעת צומינדעסט פּונקט אזוי פיל האָבן געמוזט אנטלויפן פון זייערע וואוינפּלעצער צוליב דעם גאַנג פון דער מלחמה.

צוערשט האָט מען „עוואַקואירט" אַלע אידן פון די פּונקטן אין פּוילן, ליטע, גאַליציע, וואָס האָבן זיך געפונען אין די גרענעצן פון אַ פּופציק קילאָמעטער-פּאַס הינטער דעם פראָנט. דער פּאַס האָט זיך פאַררוקט מיט דעם צוריקגיין פון דער רוסישער אַרמעע נאָך די מאַי-שלאַכטן אין גאַליציע אַלץ מער צום צענטער פון דעם תּחום-המושב. דאַן איז געקומען די מאַסן-פאַרטרייבונג פון 280.000 אידן אין 48 שעה פון די גובערניעס קאָוונע און קורלאַנד. ערשט ווען ס'איז שוין געווען דערגרייכט אַ ה אַ ל ב מ י ל י אָ ן פ אַ ר ט ר י ב ע נ ע א י ד ן, האָט מען צוגעלאָזט זיי איינצוואָרדנען אין אייניקע גובערניעס מחוץ דעם אידישן וואוין-געביט.

די רוסישע אַרמעע-אָנפירונג האָט ערקלערט אין אָפיציעלע קאָמוניקאַטן און אין זייער פּרעסע אַלע אידן פאַר שפּיאָנען און מרגלים אין דעם דינסט פון די צענטראַל-מלוכות און האָט דערמיט אַוועקגעשטעלט הונדערטער טויזנטער מחוץ פון דעם געזעץ. דער אויפמאַרש פון דער רוסישער אַרמעע האָט פאַרוואַנדלט אין אַ אומאונטערגעבראָכענע קייט פון בזיונות, צוראַבירונגען, מכּות-רצח, פרויען-שענדונגען, עינויים, טויט-שטראָפן, מאַסן-שחיטות, באַגאַנגען אין אַלע ערטער מיט אַ גרעסערער אידישער באַפעלקערונג קעגן הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע שוצלאָזע אידישע מענער און פרויען

צושטאַנד, באַווייזן פאָלגנדע ציפערן: ביי די פּאָגראָמען אויף אידן אין די יאָרן 1905 און 1906 וועלכע די רוסישע אדמיניסטראַציע האָט טאָלערירט אָדער, כּמעט אָן אַ פּרואוו צו פאַרדעקן דעם אמת, דירעקט אָרגאַניזירט, זיינען רעגיסטרירט פאָלגנדע קרבנות; זיי זיינען באַטירלעך נאָר אַ טייל פון די ווירקלעך געשעדיקטע:

ג ע ה ר ג ע ט ע — מערער ווי 1000, פ אַ ר וו אַ ו נ ד ע ט ע — ביי 2000, געשעדיקט אין זייער פאַרמעגן (אויסגערויבט, צושטערט א. א. וו.) בערך 214,000 אידן. דער שאָדן ווערט געשאַצט אויף 6 6 מ י ל י אָ ן ר ו ב ל (די אידן-פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. בערלין, 1910. אידישער פאַרלאַג).

זקנים און קינדער. די איינצלהייטן זיינען צו שרעקלעך, צו פיינלעך, כּדי זיי דאָ איבערצוגעבן.

רוסלאַנד האָט ערקלערט מלחמה אויף איר אידישער באַפעלקערונג און פירט אַ גרויזאַמען, אומברחמנותדיקן פאַרניכטונגס-קאַמף קעגן אַ זעקס-מיליאָנען-פאָלק. די געמיינהייטן און אוממענטשלעכע שאַנד-טאַטן פון דער אַרמעע און פון די רעגירונגס-אַנשטאַלטן האָבן אַפילו פון דער רוסישער צענזור נישט געקאָנט אונטערדריקט ווערן אין דער פרעסע; דער עלנט האָט זיך געוואַלגערט אויף אַלע גאַסן, האָט געשריגן פון די פאַרזיגלטע בהמות-און לאַסט-וואַגאָנעס, אין וועלכע מ'האָט פאַרשפאַרט די אידישע פאַרטריבענע, האָט געבראַכט אַלץ וואַקסנדע נויט און קראַנקהייט-עפּידעמיעס אין די וואוינערטער, וואוהין מען האָט זיי פאַרשיקט; דאָס בלוט פון די אומשולדיק מיט טויט באַשטראָפטע און פון נאָגייקע-העלדן ביז צום טויט געפייניקטע האָט געשריגן נאָך נקמה. אַזוי איז דער אמת שוין זייט חדשים אַריבער די רוסישע גרענעצן. די רעדעס פון די דעפּוטאַטן אין דער לעצטער דומע-סעסיע האָבן געבראַכט אויפדעקונגען און פעסטשטעלונגען, וועלכע מען האָט זיך אַפילו נישט באַמיט דעמענטירן פון דער רעגירונגס-באַנק. מ'ווייס נישט איבער וואָס מען זאָל מער שטוינען, — איבער די אומגעהייערלעכקייטן פון די אָן אַ צאָל באַגאַנגענע פאַרברעכנס, אָדער איבער דער געמיינער צביעות און אומפאַרשעמטקייט פון דער רוסישער רעגירונג, וועלכע האָט פון דער דומעפּלאַטפאָרם אָדער דורך אירע אַמבאַסאַדאָרן און פרעסע-אַגענטן אין אַליאירטן און נייטראַלן אויסלאַנד געלאָזט ביז איצט געוויסנלאָז דעמענטירן אַלע אידן-רדיפות. יאָ, זי האָט אַפילו געלאָזט אָפיציעל ערקלערן, אַז די לאַגע פון די רוסישע אידן האָט זיך זייט אָנהויב מלחמה געבעסערט! עס מוז למען האמת קאָנסטאַטירט ווערן, אַז די רעאַקציאָנערע מערהייט פון דער רוסישער דומע אונטערשטיצט מיט פולער סימפּאַטיע די כּלפּי חוץ צווייפּנימדיקע, כּלפּי פּנים אָן ענדערונגען ברוטאַלע פּאָליטיק פון דער רעגירונג; זי האָט אין איר צוטרוי-וואָטום פונם 5-טן אויגוסט אַקצעפּטירט די יעזואיטישע איינטיילונג פון די בירגער רוסלאַנדס, אין טרייע און פאַרדעכטיקע, האָט אָפּגעוואָרפן דעם צוזאַצאַנטראַג פון דער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט געפאָדערט די באַזייטיקונג פון אַלע אויסנאַמס-געזעצן קעגן די נישטרוסישע פעלקער, און האָט נישט דערלאָזט די דרינגלעכקייט פון דער אינטערפּעלאַציע פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פראַקציע און פון די טרודאָוויקעס וועגן דער אידן-פּאָליטיק פון דער רעגירונג. אַזוי זיינען די רוסישע דומע-פּאַרטייען פון די „עכט-רוסישע” נאַציאָנאַליסטן ביז צו די אָקטיאַבריסטן מיטשולדיק אין דעם פאַרניכטונגס-קריג פון זייער רעגירונג קעגן דאָס אידישע פאָלק.

די געשיכטע ווייס נישט פון אַ גלייכן ביישפּיל, אַז אַן אַרמעע זאָל ווילדעווען אינם אייגענעם לאַנד, קעגן די „אייגענע בירגער” ערגער ווי אין דעם שונאס לאַנד. מען שאַצט די צאָל פון די אידן, וועלכע זיינען

פאַרטריבן געוואָרן פון זייער הויז, האָב און גוטס און זיך געלאָזט אויף דער וואַנדערונג, אויף *אַנדערטהאַלבן מיליאָן נפשות*, די אַלגעמיינע צאָל מענטשן, וואָס זיינען היימלאָז דורך דער גרויספירשטלעכער אָפּטרעטונגס־סטראַטעגיע, שוואַנקט לויט פאַרשיידענע אינפאָרמאַציעס צווישן 6 און 12 מיליאָנען! די געוואַלטיקע כוואַליע פון אַנטלויפנדע און פאַרטריבענע האָט סוף־כל־סוף צובראָכן דעם אייזערנעם רינג, אין וועלכן מען האָט אַריינגעפּרעסט די רוסישע אידן. ווען אַלע לאַנד־וועגן זיינען געווען אָנגעפילט מיט געוואַלטיקע מחנות פון היימלאָזע אידישע „ביעזשענצעס", ווען טויזנטער האָבן קאַמפּירט אונטערן פרייען הימל, געטראָגן הימלשרייענדע נויט און עפּידעמיעס אין די שטעט; ווען אָן אַ צאָל לאַסטצוגן מיט פאַרשיקטע אידן, פאַרמאַכט און פאַרזיגלט, אַרומגעשיקט פון איין אָרט צום אַנדערן, האָבן נישט געקריגן קיין ערלויבעניש פון די גובערנאַטאָרן „אַראָפּצולאָזן זייערע סחורות" און האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט וואָכנווייז אויף זייטיקע באַן־ליניעס; ווען אָט די אַלע געשעענישן דירעקט הינטער דעם פראָנט זיינען געוואָרן אַ מיליטערישע צרה — ערשט דאַן האָט זיך די רוסישע רעגירונג אַנטשלאָסן, נישט חלילה אָפּצושאַפן, אָבער דאָך צו פאַרברייטערן די תפיסה פון דעם תחום־המושב. דאָס מענטשלעכע נאַטור־רעכט פון באַוועגונגס־פרייהייט האָט מען די אידן בשום־אופן נישט באַוויליקט, מ'האָט נאָר די „טשערטאַ" פאַרגרעסערט. די לופט פון פּעטראָגראַד און מאָסקווע, פון קאָזאַקישן דאָן־געביט אָדער די רעזידענצן פונם צאַר טאָר דער איד נישט אָטעמען, איצט פונקט ווי פריער. אויך די דערפער, דאָס אייגנטלעכע לאַנד, בלייבן פאַר די אידן אַ פאַרבאָטענע טעריטאָריע. נאָר אין די מויערן פון די שטעט קאָנען זיי פון איצט אָן וואוינען.

אזוי זאָגט דער מיניסטעריעלער דעקרעט. ס'איז אָבער דערווייל אַ פאַקט, אַז דער „חסד" פון דער צאַרישער רעגירונג וועט קוים זוכה זיין דורכגעפירט צו ווערן אין דער פּראַקטיק אָן הגבלות. די גובערנאַטאָרן רעוואָלטירן דעמאָנסטראַטיוו און מאַכן דעם רעגירונגס־פּראָיעקט פּאַקטיש נישט ווירקזאַם דורך אויספירונגס־צוגאַבן, און די נידעריקערע פאַרטרעטער פון דעם „טשין", פונם באַאַמטנטום, ערקלערן עפנטלעך, אַז זיי וועלן נישט אַזוי באַלד אויפגעבן דעם „קאַמף" מיט דער רעגירונג, וועלכע האָט צוליב אַ פּלוצימדיקן אָנפאַל פון „ליבעראַליזם" צוגענומען ביי זיי דעם נישט אויסצושעפנדן מקור פון הכנסות — די אידישע רעכטלאָזיקייט. לעת עתה שטייען די אַרומבלאָנדזשענדע אידן, וועלכע טרויענדיק דער „רעפאָרם" האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אין רוסישע שטעט, פאַר די זעלבע שוועריקייטן און דערנידערונגען ווי פריער. די גירושים נעמען נישט קיין סוף און פאַרשוינען נישט איצט ווי פריער אַפילו פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן. און אַלץ דאָס — עטלעכע וואָכן נאָך דער כלומרשטער „אָפּשאַפונג פון דער טשערטאַ".

קוים איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרויסע „רעפאָרם", די אייגנאַר־

טיקע אידישע עמאַנציפּאַציע, האָבן שוין רוסישע רעגירונגס-דעלעגאַטן געקלאַפּט אין די טירן פון דער אידישער הויכפינאַנץ אין לאָנדאָן און ניו-יאָרק, כדי ציניש צו פאַרלאַנגען די באַלוינונג פאַר דער אַזוי ווייט גייענדער אידן-פריינדלעכקייט. איצט ערשט זיינען פאַרשטענדלעך געוואָרן די סודותדיקע קאָנפערענצן פון דעם רוסיש-אַמעריקאַנישן קאָמיטעט מיט די רוסישע מיניסטאָרן איבער די אידן-רעכט, ווי אויך די טעלעגראַמען פון דעם הער ווישנעגראָדסקי צו די מעכטיקע פינאַנץ-אידן אין לאָנדאָן. מאַסן-הונגער, עפּידעמיעס, מאָראַלישע ירידה אין אירע שאַרפסטע פאָרמען, אָנדערטהאַלבן מיליאָן אידישע פרויען, מיידלעך, קינדער, זקנים אין טיפסטער פאַרצווייפלונג, גאַנץ ביים תהום פונם לעבנס-וועג, איבערגעלאָזט דער פּריוואַטער פילאַנטראָפּיע פון אידישע הילפס-קאָמיטעטן — די רעגירונג האָט באַוויליקט אַ סובווענץ פון, זאָג און שרייב, 500.000 רובל*) — הונדערטער צושטערטע אידישע שטעטלעך, טויזנטער אידישע קרבנות פון דער בעסטיאַליטעט מצד אַ צוואווילדצוועטער סאָלדאַטעסקא — דאָס אַלץ האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט וואַקלדיק מאַכן די רוסישע מאַכטהאָבער אין זייערע פּרינציפּן. אָבער די געלט-נויט, די מעגלעכקייט אַרויסצושווינדלען אַ פּאָר מיליאַרדן מיט דער הילף פון דער אידישער הויכפינאַנץ — זיי האָבן פאַרטריבן אַלע ספקות. רוסלאַנד האָט זיך געעפנט פאַר דער „אידישער אינוואַזיע”. נאָך קיין מאָל האָט אַ רעגירונג, וואָס וויל זיין אייראָפּעאיש, נישט געשאַכערט אָפענער מיט מענטשן-רעכט.

ס'איז געווען פון שטענדיק אָן אַ סימן פון פּאָליטישער רייפקייט ביי די רוסישע אידן, אַז זיי האָבן געוואוסט מבדיל צו זיין צווישן די צאַרישע תּלינים און דעם רוסישן פאָלק. טראָץ די טייכן בלוט, וואָס זיינען גערונען צווישן די אידן און דעם רוסישן „פאָלק אין וואָפן”, האָט זיך דער האַס נישט נאָר פון דער אידישער דעמאָקראַטיע, נאָר פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק געווענדעט איינציק און אַליין קעגן דער קליינער אָבער מעכטיקער גרופּע, וועלכע האַלט אַ אומגעהייערע מלוכה און איר אייגן פאָלק אין קייטן פון גייסטיקער, פּאָליטישער און סאָציאַלער קנעכטשאַפט, האָט עס מפקיר געווען דער „חערשאַפט פון פינסטערניש”. מיר ווייסן, אַז מיר פאַרמאָגן אין די קלאַסנבאַוואוסטע סאָציאַליסטישע פּראָלעטאַריער, ווי אויך אין די ראַדיקאַלע, לאַנדהונגעריקע פויערן פון רוסלאַנד טרייע פאַרבינדעטע און קאַמפּס-חברים. דאָס מוטיקע איינשטעלן זיך מצד דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און דער אַרבעטס-פּאַרטיי אין דער דומע פאַר דעם כבוד פונם אידישן פאָלק, האָט געפונען אַ דאַנקבאַרן אָפּקלאַנג בכל תפוצות ישראל. דער צוליב זיין אמתער און ריינער מענטשלעכקייט רירנדער אופן, מיט וועלכן די גייסטיקע בלום פונם רוסישן פאָלק, גרופּירט אַרום די דריי דיכטערישע שטערן — אַנדרעיעוו, גאָרקי, קאָראָלענקא — האָט

*) דער פון דער דומע געשאַפענער „באַזונדערער ראַט פאַר פליכטלינגס-פאַרזאָרגונג” האָט זיי געהעכערט ביז אויגוסט 1916 אויף עלף מיליאָן רובל.

געמאַכט די זאַך פון דער אידישער נאַציע צו אַן ערן-זאַך פון דעם פרייהייטס-דורשטיקן רוסלאַנד, איז געווען פאַר אונז א טרייסט אין דער שעה פון טיפסטער דערנידעריקונג.

ס'איז נישט דאָ אונזער אויפגאַבע, אויפצודעקן די וואָרצלען פון דער אידישער רעכטלאָזיקייט אין רוסלאַנד. דערצו וואָלט נויטיק געווען צו אונ-טערזוכן די גרונד-יסודות פון דעם גאַנצן רוסישן מלוכה-אָרגאַניזם און פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דער דאָזיקער אימפעריע. נאָר איינס מוז דאָ באַמערקט ווערן, כדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדענישן: די אידנפראַגע אין רוסלאַנד איז נישט אַ פאָרם פון רעליגיעזע רדיפות. דער אידישער גלויבן, די פאַרשיידענע רעליגיעזע כּתות און קולטן אינם אידנטום, דער גאָטעס-דינסט, די רעליגיעזע ערציאונג האָבן אין רוסלאַנד שטענדיק געפונען די ווייטסטע טאָלעראַנץ. נישט אַלס מיטגליד פון אַ באַשטימטער רעליגיעזער געמיינשאַפט איז דער איד אין רוסלאַנד באַרויבט געוואָרן פון זיינע רעכט. נאָר אַלס אַ צוגעהעריקער צו אַ באַשטימטן פאָלק. די אידישע רעכט-באַגרענעצונגען האָט מען לעצטנס מיט אַ וואַקסנדער שטרענגקייט אָנגעווענ-דעט אויך אויף געשמדטע אידן. פון דער אַנדערער זייט פאַלט אויף, אַז די רוסישע רעגירונג אונטערדריקט נעבן יעדן אויסדרוק פון רעוואָלוציאָ-נערער אָדער סאָציאַליסטישער איבערצייגונג אין דער אידישער געזעלשאַפט אויך יעדן פרואוו צו פּראָפּאַגאַנדירן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע. ס'איז דערביי כאַראַקטעריסטיש, אַז די נאַציאָנאַלע באַוועגונג ביי די אידישע מאסן ווערט פּאָליצייאיש שיקאַנירט מיט דער באַגרינדונג, אַז זי אונטערשטיצט די „נאַציאָנאַלע סעפּאַרירונג" און דעם „אומפרידן צווישן די פאָלקס-שבטים"! — די אונטערדריקונג פון די אידן אין רוס-לאַנד איז די מיט עקסטרעמסטער גרויזאַמקייט, וואָס מאַכט כּמעט דעם רושם פון משוגעת, דורכגעפירטע נאַציאָנאַלע אַנטרעכטונג פון א ראַסע. מיר וועלן נאָך האָבן געלעגנהייט, קלאָר צו מאַכן, אַז צווישן די צוויי פאָרמען פון רעכט-גזלה — דער בירגערלעכער און נאַציאָנאַלער — איז פאַראַנען אַן ענגער צוזאַמענהאַנג.

רומעניע. די רוסישע אידנפראַגע איז נישט אויפגעדעקט געוואָרן ערשט דורך די מלחמה-געשעענישן. דער עיקר פון „מענטשנרעכט", פון דער „גלייכהייט פאַר דעם געזעץ" וואָרצלט אַזוי טיף אין דעם באַ-וואוסטזיין פון די קולטור-פעלקער, אַז די בירגערלעכע רעכטלאָזיקייט פון די רוסישע אידן איז שוין פריער באַקאַנט געוואָרן. די זעלבע צוויפל-האַפטע מעלה געניסן די אידן פון דער שכנהשער ר ו מ ע נ י ע. זייער רעכט-באַרויבונג איז אַן אָפענער ברוך פון אַ קאָנטראַקט, וועלכער איז פון אַלע רעגירונגען אונטערגעשריבן געוואָרן — פון דעם בערלינער טראַקטאַט. דעם דאָזיקן נישט רעכענען זיך מיט דעם פסק-דין פון אייראָפּע פאַרדאַנ-קען די רומענישע אידן, אַז זייער גורל קומט אַמאָל צום וואָרט אין די פּאַרלאַמענטן, בעת קיין איין רעגירונג מעכטיקט זיך נישט זיך איינצו-שטעלן פאַר דאָס באַליידיקטע רעכט. די רומענישע רעגירונג האַלט עס

אונטער איר ווערדע אַרויסצוגעבן אויסנאַמס-געזעצן קעגן אירע אייגענע בירגער, ווי עס טוט רוסלאַנד. זי האָט דערפֿאַר די אידן בכלל נישט אויפגענומען אין דעם רומענישן מלוכה-פֿאַרבאַנד, זי האָט זיי פּראָקלאַמירט פֿאַר „פֿרעמדע", וואָס זייַנען אונטערגעוואָרפֿן אויסנאַמס-געזעצן, וועלכע ווערן צוגעגעבן צו יעדן געזעץ אַלס סעיף קטן און האָבן דעם צוועק צו מאַכן די „פֿרעמדע" די עקזיסטענץ אינם לאַנדווירטשאַפֿטלעך אוממעגלעך. די אידישע „פֿרעמדע" געניסן דאָך די פּריווילעגיע צו ערפֿילן זייער מי־ליטער-פֿליכט אין דער רומענישער אַרמעע. בשעת דער איצטיקער מלחמה, אַז די רומענישע אַרמעע איז געבראַכט געוואָרן אין אַ צושטאַנד פֿון גרייטשאַפֿט, האָט מען די אידן מאָביליזירט זעלבסטפֿאַרשטענדלעך צוזאַמען מיט אַלע רומענער, אָבער איידער רומעניע האָט נאָך באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין דער מלחמה, האָט מען די אידן פֿון אַלע ערטער אויף דער אונגאַרישער גרענעץ, וועלכע מען באַטראַכט, ווייזט אויס, אַלס מעג-לעכן פֿראָנט, לויט דעם רוסישן מוסטער אַרויסגעשיקט און משלח געווען אינעווייניק אין לאַנד אַריין.

3

נאַציאָנאַל־ע אַנטרעכטונג.

דאָס באַרויבן די אידן אין רוסלאַנד און רומעניע פֿון זייערע בירגערלעכע, יאָ פֿון די פּרימיטיווסטע מענטשנ-רעכט איז אויך דערפֿאַר אַן אוממגליק פֿאַר די אידן פֿון דער גאַנצער וועלט, ווייל מען האָט זיך צוגעוואוינט צוצוגעבן די עקזיס-טענץ פֿון אַ אידנפֿראַגע נאָר דאָרט, וואו די אידן ווערן רעכטלאָז געמאַכט און ברוטאַל באַהאַנדלט אַלס איינצלנע בירגער. די רעכטס-אוממגלייכהייט פֿון דעם אידישן פֿ אָ ל ק איז נאָך אַ קוים באַקאַנטער באַגריף. אין דער אמתן, באַשטייט אַ אידנפֿראַגע אויך אין די לענדער פֿון קאָנסטיטוציאָנעל גאַראַנטירטער בירגערלעכער גלייכהייט. מיר האָבן דערביי נישט אין זינען די געזעלשאַפֿטלעכע דיסקרימינאַציע, וועלכע איז אויך נאָך דער בירגער-לעכער עמאַנציפּאַציע פֿאַרבליבן אומעטום אין מערב-אייראָפּע, דעם פֿאַקט, אַז אידן האָבן נישט קיין צוטריט צו געוויסע ערן-אַמטן און באַאַמטן-שטעלונגען, דעם ווייטערבאַשטאַנד און דעם אויפֿפֿלאַקערן פֿון מיטלאַלטער-לעכע פֿאָראורטיילן, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט אַ דרייפֿוס-אַפֿערע אין פֿראַנקרייך, אַ יוסטיץ-מאָרד הילזנער אין עסטרייך, דעם טראַגישן טויט פֿון אַ לעאָ פֿראַנק אין אַמעריקע. הגם מיר ווייסן אָפּצושאַצן די עפּיזאָדן אין זייער סימפּאַטאָמאַטישער באַדייטונג, באַרירן די דערמאָנטע געזעלשאַפֿט-לעכע שמערצן פֿון דעם אידישן בירגערטום אין מערב-אייראָפּע צו ווייניק די אידישע פֿאָלקס-אינטערעסן, כדי מיר זאָלן זיך דערמיט דאָ ווייטער באַשעפֿטיקן. מיר האָבן אין ערשטער ליניע פֿאַר די אויגן די לאַגע פֿון די אידן אין לענדער ווי עסטרייך און אונגאַרן, וואו אינמיטן פֿון בירגער-לעכער גלייכבאַרעכטיקונג ווערט אונטערגעגראָבן די עקזיסטענץ פֿון די

אידן אַלס נאַציאָנאַלע געמיינשאַפט. איז אָבער די לאַגע אין אַ נאַציאָנאַליטעטן-מלוכה, ווי עס לערנט אונז בפירוש די געשיכטע פון די נאַציאָנאַל נישט אייגהייטלעכע מדינות, אַזאַ אַז בירגערלעכע רעכט אָן גאַראַנטיעס פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זיינען אילוזאָריש. די נעגירונג פון נאַציאָנאַלער גלייכבארעכטיקונג פאַרן אידישן פאָלק פירט דערפאַר אין לעצטער ליניע צו אַ פאַרשמעלערונג אָדער אָפּשאַפונג פון דער בירגערלעך-פּאָליטישער רעכט-גלייכהייט. מיר קאָנען זיך צוקוקן צו די ערשיינונגען באַשייפּערלעך אין דעם טייל פון עסטרייך, וואו די אידן געפינען זיך אין געדיכטע מאַסן — אין גאַליציע און בוקאָווינא.

עסטרייך. דער אַריינטריט פון די עסטרייכישע אידן אין דעם נאַציאָנאַלן קאמף פון די פעלקערשאפטן אין דער מדינה איז פאָרגעקומען צוערשט אין די דאָזיקע לאַנד-טיילן, ווייל דאָרט וואוינט כמעט אַ מיליאָן אידן, וואָס האָבן אָפּגעהיט זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט און אייגהייטלעכקייט. פאַר דער אייגנטימלעכער שטעלונג פון די אידן אין דער מלוכה איז שוין דער אומשטאַנד כאַראַקטעריסטיש, אַז מען וועט אומזיסט זוכן אין דער עסטרייכישער סטאטיסטיק אויך נאָר די קאָנסטאטירונג פון דעם פאקט, אַז די אידן רעדן אַן אייגענע שפּראַך. די אידן ווערן נישט באטראכט אלס פאָלק אין דעם זין פון דער עסטרייכישער קאָנסטיטוציע; די אידישע שפּראַך, הגם זי ווערט גערעדט פון א מיליאָן מענטשן, דאַרף נישט סטאַטיסטיש פיגורירן אַלס „אומגאנגס-שפּראך" ביי דער פאָלקסציילונג. די אמעריקאנישע רעגירונג רעגיסטרירט די „אידיש"-רעדענדע אין די פאראייניקטע שטאטן, אפילו די רוסישע סטאטיסטיק פארשוויגט נישט דעם פאקט. אין עסטרייך אָבער מוזן די אידן ערשט קעמפן פאר דער אָנערקענונג פון דעם פאקט גופא, אַז זיי עקזיסטירן.

מ'האָט די אידן פּראָקלאמירט בלויז אַלס „גלויבנס-געמיינשאַפט" און מען רעכנט זיי צו צו פרעמדע נאַציעס. אָט דאָס איגנאָרירן פון דעם פונדאמענטאַלן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער טאָלעראַנץ — פון דעם רעכט צו פרייער דעקלאַרירונג פון דער נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט — האָט ארויפגעלייגט אויף דער שטעלונג פון די אידן דעם שטעמפּל פון פאַלשקייט. זיי דינען דערצו צו מאכן די הערשנדע נאציעס גרעסער אין צאָל. פאַר 1867 האָבן כמעט אַלע אונגאַרישע אידן גערעדט כּלומרשט דייטש, ווייל די צענטראַלע רעגירונג איז געווען דייטש. תיכף נאָך דעם דואַליסטישן אויסגלייך און דער בילדונג פון דער אונגארישער מדינה הויבן אָן פּלוצים די 800.000 אונגארישע אידן צו רעדן מאַדיאַריש. אין דער בוקאָווינע שטאַרקן די אידן דאָס דייטשטום, און אין גאַליציע דינען זיי דערצו צו זיכערן פאר די פּוילישע הערשער די פּוילישע מערהייט אין אַ לאַנד, וואו פּאָלאַקן און אוקראַינער האַלטן זיך פּאַקטיש די וואָג. דערצו ווערט אַלזאָ דער ליגן פון דער נישט-עקזיסטענץ פון אַ אידיש פאָלק אין עסטרייך פאַראייביקט מיט אַלע מאכט-מיטלען פון דער מלוכה. די אידן זיינען קעגן זייער ווילן דעגראַדירט געוואָרן צו פּאָליטישע נושאי-כלים

פון די הערשנדע גרופן, צו א ווערקצייג פון נאציאָנאלער מאיאָריזירונג און אונטערדריקונג. זיי טאָרן נישט דורך דעקלארירונג צו אייגענעם פאָלקסטום און דורך פארטיידיקונג פון זייערע לעבנס-אינטערעסן פּראָקלאַמירן נאציאָנאלע נייטראליטעט. זיי קאָנען זיך נישט אוועקשטעלן מחוץ פון די קאמפן צווישן דייטשן און טשעכן, מאדיארען און רומענען, פּאָלאקן און אוקראינער. זיי ווערן מיט געוואלט צוגערעכנט צו דער שטארקערער נאציע.

די דאָזיקע פּאָליטיק פון אָפּנארעריי איז אויסגעבויט געוואָרן אין וואל-פּראקטיק צו דער אנולירונג פון די רעכט פון די אידישע וויילער. כדי די אידן זאָלן נישט באַנוצן זייער וואל-רעכט לויט זייערע אייגענע אינטערעסן, האָט ספּעציעל די פּוילישע שלאכטע אין גאליציע שטענדיק דערפאר געזאָרגט, ווי ווייט מעגלעך אויסצומיידן וואל-קרייזן מיט א אידישער מאיאָריטעט. די אזוי גערופענע „וואל-געאָמעטריע" איז געוואָרן אין עסטרייך א ווירטואָז אויסגענוצטער פּאָליטישער קאמפּס-אינסטרומענט. קעגן די אידן האָט דאָס געקאָנט געשען מיט א גרעסערן ערפאָלג שוין דערפאר, ווייל די צוזייטקייט פון די אידן, טראָץ זייער קאָנצענטראציע אין די שטעט, פארמשפּט זיי כמעט אומעטום צו דער ראָל פון א מינדערהייט. די פארגיפטונג פון דעם פּאָליטישן וואל-קאמף ארום די נאציאָנאלע קאָנפליקטן האָט ארויסגערופן אין עסטרייך סוף כל סוף די טענדענץ צו בילדן נאציאָנאל-איינהייטלעכע וואל-גרופן. אזוי זיינען ביי דער גאליצישער סיים-וואל-רעפאָרם אינם יאָר 1913 געבילדעט געוואָרן נאציאָנאלע וואל-קערפּער, אָבער נאָר פאר פּאָלאקן און אוקראינער. די אידן האָט מען אפילו נישט איבערגעלאָזט די ברירה צו פארשרייבן זיך אין איינעם פון ביידע וואל-קאטאסטערס. די 870.000 אידן אין גאליציע זיינען איינפאך אריינגעשטופּט געוואָרן אין דער פּוילישער קוריע, וואו זיי בילדן א באַדייטונגסלאָזע מינדערהייט. אזוי האָט מען פאקטיש בטל געמאכט דאָס קאָנסטיטוציאָנעל געזיכערטע וואלרעכט פון די אידישע בירגער. ווען דער בוקאָווינער לאנדטאג אינם יאָר 1910 האָט באשלאָסן ביי דער נאציאָנאלער וואל-אפּגרענעצונג די שאפונג אויך פון א אידישן וואל-קערפּער, האָט זיך דער דאָזיקער פּרואוו צו אַנערקענען די אידישע נאציאָנאליטעט נישט איינגעגעבן צוליב דעם וועטאָ פון דער ווינער רעגירונג, פון וועלכער עס האָט דאָס געפאָדערט די אַסימילאטאָרישע אידישע פּלוטאָקראַטיע פון ווין. די אידן זיינען צוגערעכנט געוואָרן צו דער דייטשער קוריע.

אַמשווערסטן זיינען די פאָלגן פון דער סיסטעמאַטישער דענאַציאָנאַליזירונגס-פּאָליטיק נאַטירלעך אויף דעם קולטורעלן געביט. די אידן פאַרמאָגן נישט קיין נאַציאָנאַלע שולע. אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער נישט-אָנערקענונג פון דער אידישער פאָלקסשפּראַך איז געווען דאָס אָנווערן דאָס רעכט פון ערציאונג אין דער מוטער-שפּראַך. די אידישע יוגנט ווערט אַסימילירט מאונס אין די דייטשע, פּוילישע, מאדיארישע שולן, צו איר פאָלקסטום פאַרפרעמדט; זי פאַרלירט יעדן צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַציאָ-

נאַלער טראַדיציע, מיט די אוצרות פון דער דורך יאָרטויזנטער געשאַפענער אידישער קולטור און ווייס נישט פון דעם גייסטיקן לעבן און די נייערע קולטור-שאַפונגען פון איר פאָלק אויך אין דער אידישער שפראַך. עס זיינען נישט פאַראַן קיין אידישע מלוכה-שולן, די אידן מוזן אַליין פינאַנסירן זייערע נאַציאָנאַלע קולטור-אַנשטאַלטן, בשעת מיט זייערע שטייערגעלטער ווערן געגרינדעט און בודזשעטירט פרעמד-נאַציאָנאַלע שולן. אַזוי ווערן די אידן דערין געשטערט צו פאַרבינדן דעם צוטריט צו דער מאָדערנער קולטור מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור. די שטיל-שווייגנדע טאָלערירונג פון די טראַדיציאָנעלע, ס'רוב אָפּגעשטאַנענע רעליגיעזע ערציאונגס-אַנשטאַלטן פון די אָרטאָדאָקסישע אידן פירט פשוט צו דעם בטל מאַכן פון דעם שול-צוואַנג פאַר די אידן פון גאַליציע און בוקאָווינע. מיט דער צורייסונג פון די גייסטיקע צוזאַמענהאַנגען אינם אידישן פאָלק גייט האַנט ביי האַנט מיט די קולטיווירונג פון עם-הארצות און רעליגיעזן פאַנאַטיזם.

ווע‏לכעס געביט פונם מלוכה- און נאַציאָנאַלן לעבן מיר זאָלן נישט באַרירן, אומעטום שטויסן מיר זיך אָן אויף עובדות פון ביר‏געגרלעכער דעגראַדאַציע צוליב נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט. אידיש אָדער העברעאיש געשריבענע כתב-ידן אָדער דאָקומענטן האָבן נישט קיין רעכטס-גילטיקייט. דער איד קאָן נישט גיין צום משפט אין זיין מוטערשפּראַך. אונטער דעם אויסרייד, אַז אידישע פאָדערונגען זיינען קאָנפעסיאָנעלע, ווערן די אידן אַרויסגעשטופּט פון דער באַאַמטנשאַפט, ווייל די באַאַמטן-שטעלעס ווערן פאַרטיילט נישט לויט רעליגיעזע, נאָר לויט נאַציאָנאַל-פּאָליטישע אויסרעכענונגען, וועלכע גילטן נישט פאַר די אידן.

טענדענצן פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

מען דאַרף קוים אונטערשטרייכן, אַז די פּאָליטישע אָפּהענגיקייט און קולטורעלע אָפּגעלאָזנקייט פון די אידן אין גאַליציע זיינען באַגלייט-ערשיינונגען פון זייער ווירטשאַפטלעכער ערשיטערונג. די עקאָנאָמישע קאָנסטיטוציע פון די עסטרייכישע אידן ווייזט אויף א כמעט פולשטענדיקן פאַראַלעל צו די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן פון די רוסישע אידן. אַ באַווייז פאַר דער וויכטיקער קאָנסטאַטירונג, אַז די ווירטשאַפטלעכע לאַגע און אַנטוויקלונג פון די אידן איז כמעט אומאָפּהענגיק פון די פּאָליטישע באַדינגונגען אין זייערע וואוין-לענדער. דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעטראָפן די אידן אין ביידע מדינות אין אַן עקאָנאָמיש אָפּגעזונדערטער שטעלונג. די כמעט פולשטענדיקע אָפּגעריסנקייט פון דער אורפּראָדוקציע, דאָס פעלן פון אַ אידישן פויערן-קלאַס און די היפּערטראָפיע פון קליינהאַנטווערק און קליינהאַנדל האָבן אַרויפגעלייגט אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די מזרח-אייראָפּעאישע אידן. די עקאָנאָמישע אָפּגעזונדערטקייט פון א אין אינדוסטריע און האַנדל באַשעפטיקטן פאָלק בתוך אַן אַגראַר-שטאַט האָט פאַרוואַנדלט זיך אין דער תקופה פון קאַפּיטאַליזם אין אַ לאַנגזאַם אָדער גיך איינזינקען פון די אידישע מיטל-שיכטן. ספּעציעל

אין אַן אַרויסשטויסונג פֿון די בעלי־מלאכות און זייערע אַרבעטער. דער איבערגאַנג צו גרויס־אינדוסטריע האָט געבראַכט דאָס אידישע האַנטווערק אין אַ אַלץ גרעסערע אָפּהענגיקייט, האָט געשטייגערט די אומזיכערקייט פֿון דער עקזיסטענץ, די ווירקונג פֿון קריזיסן, האָט אָבער נישט געעפֿנט פֿאַר די פּראָלעטאַריזירטע אידישע מאַסן דעם צוטריט צו די העכער־אַנטוויקלטע פּראָדוקציע־צווייגן. בשעת די אָפּגעשטאָרבענע קליין־אינדוסטריע האָט געפּרואווט מחמת איר אינערציע אויפֿצוהאַלטן דעם טריאומף־מאַרש פֿונם קאַפּיטאַליזם, האָט דער לעצטער צוגעצויגן צו זיך אַלס לוין־פּראָלעטאַריער אַן אַרמעע פֿון לאַנדלאָזע, פֿונם דאָרף אַרויסגעשטויסענע פּויערן. קומט אין באַוועגונג אָט דער מאַכטפֿולער שטראָם פֿון דאָרף אין די אינדוסטריעלע צענטרען, דאַן בלייבט פֿאַר די אידישע אַרבעטס־זוכנדע מאַסן פֿאַרשלאָסן דער צוטריט צו די מאָדערנע אינדוסטריע־צווייגן, אויף וועלכע עס באַזירט די מאַכט און די צוקונפֿט פֿונם פּראָלעטאַריאַט. מ'קאָן שטודירן די עלימינירונג פֿון די אידישע פּראָלעטאַריער־מאַסן אין די צענטרען פֿון דער גרויס־אינדוסטריע, אינם רוסישן תּחום־המושב — אין דרום־רוסלאַנד און פּוילן. אין עסטרייך קומט עס צום אויסדרוק אין דעם פֿאַקט, אַז דאָס אינדוסטריעל־אַנטוויקלטע מערב־עסטרייך האָט בשום אופֿן נישט צוגעצויגן די פֿאַראָרימטע אידישע מאַסן פֿונם שכנישן גאַליציע. די אידן זיינען, נישט קוקנדיק אויף געזעצלעכער באַוועגונגס־פֿרייהייט, געבליבן קאָנצענטרירט אין זייער אַלטן גאַליצישן מאַסן־ישוב־געביט.

די עקאָנאָמישע איזאָלירונג פֿון די אידן האָט זיך דערווייל פֿאַרטיפֿט. דורך דער קאָנצענטרירונג אין באַשטימטע צווייגן פֿון דער אינדוסטריע די אידישע אַרבעטערמאַסן זיינען געבליבן כּמעט אויסשליסלעך אין די פֿאַרברויכס־אינדוסטריען, וועלכע זיינען אַמווייניקסטן באַרירט פֿון דער באַטריבס־טעכנישער איבערקערעניש. פֿון די כּמעט צוויי מיליאָן רוסישע אידן, וואָס זיינען טעטיק אין מלאכה און אינדוסטריע, לעבט די גרעסערע העלפֿט פֿון דער באַקליידונגס־ און לעבנסמיטל־אינדוסטריע; פֿון 350.000 אין עסטרייך — כּמעט צוויי דריטל. בשעת דער צוריקגאַנג פֿון די דאָזיקע פּראָדוקציע־צווייגן ברענגט אין סכּנה פֿון דעקלאַסירונג די אין זיי צוזאַמענגעפּרעסטע אידישע מאַסן, וואַקסט מיט שנעלע טריט די ירידה פֿונם קליינהאַנדל, ספּעציעל צוליב דער גיגאַנטישער אַנטוויקלונג אינם דאָרף. אַזוי איז דאָס גאַנצע אידישע עקאָנאָמישע לעבן אַרויס פֿונם גלייכגעוויכט און אָנגעהויבן איינצופֿאַלן.

דער פּועל־יוצא פֿון די אַרויסשטויסונגס־ערשיינונגען איז געווען די טענדענץ צו אַ פּראָפּעסיאָנעלער ניי־גלידערונג. זי קומט צוערשט צום אויסדרוק אין דער געוואַלטיקער אידישער אויסוואַנדערונג, וועלכע טראָגט אַריבער דעם שווערפּונקט פֿון דעם אידישן פֿאָלקס־לעבן אין נייע וואוינלענדער. די עקאָנאָמישע ערשיטערונג איז אַזוי גרויס, אַז אין משך פֿון די לעצטע דריי יאָרצענדליק איז אין נאָרד־אַמעריקע אַליין אַנטשטאַנען אַ ישוב פֿון דריטהאַלבן מיליאָן אייראָפּעאישע אידן, אַחוץ עטלעכע הונדערט

טויזנט אין מערב־אייראָפּע, אַרגענטינע און ארץ־ישראל. 60 פּראָצ. פון די אויסוואַנדערער זיינען איבעריק געוואָרענע האַנטווערקס־אַרבעטער און פּראָלעטאַריזירטע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן באַשאַפן די גרויסאַרטיקע באַקליידונגס־אינדוסטריע (אידישע נאָדל־אינדוסטריען) אין אַמעריקע. אין דער אייגענער צייט קומט פאָר אַ פּראָדוקטיווירונגס־פּראָצעס אין די ביז־איצטיקע וואוינלענדער — אַ אינערלעכע מיגראַציע אין די גרויס־שטעט און אַן אומאויפהערלעכער איבערגאַנג פון מסחר צו מלאכה און אינדוסטריע. אין זייערע אָנשטרענגונגען פון עקאָנאָמישער צופּאַסונג זיינען די אַרבעטנדע אידישע מאַסן געשטעלט אויף זיך אַליין. עס וואָלט געווען די אויפגאַבע פאַר די אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג צו אָרגאַניזירן פּלאַנמעסיק די נויטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע הילף. די נאַציאָנאַלע דעזאָרגאַניזאַציע מאַכט אוממעגלעך די רעגולירונג פון די אייגנאַרטיקע פּראָבלעמען פונם פאָלקסלעבן. דער עקאָנאָמישער אונטערגאַנג נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ צוזאַמענברוך וואָס זיינע הויפּט־סמנים זיינען דעקלאַסירונג און אַנטשטייאונג פון אַ אומפּראָפּאָרציאָנעל צאָלרייכן לומפּן־פּראָלעטאַריאַט.

מ׳דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די בירגערלעך־פּאָליטישע אויסנאַמס־שטעלונג ווערט אונטערשטיצט דורך טראַדיציאָנעלע אַנטיסעמיטישע פאָראורטיילן און געטאָ־רעמיניסצענצן. אַן אַנקעטע, וואָס איז באַשלאָסן געוואָרן פונם גאַליצישן סיים און דורכגעפירט פון דער רעגירונג פונם לאַנד אינם יאָר 1911, איבער דער נויטלאַגע פון די גאַליצישע אידן האָט באַשטעטיקט די דערמאָנטע פאַקטן פול און גאַנץ, הגם די באַטייליקטע אין איר זיינען ס׳רוב געווען רעגירונגס־טרייע מיטגלידער פון די „איזראַעליטישע״ נגידים. די זייער איינגעהאַלטן און שוינענד פרעזענטירטע תּרעומות האָבן געגעבן אַזאַ מין בילד: אידישע לערער־קאַנדידאַטן געפינען נישט קיין אָנשטעלונג אין די שולן, פּונקט אַזוי איז פאַר די אידישע יוריסטן פאַרשפּאַרט די ריכטער־און באַאַמטן־קאַריערע, אַ איד האָט איבערהויפּט נישט קיין צוגאַנג צו די עפנטלעכע אַמטן. דאָס געזעץ פון זונטאָג־רו ווערט דערצו אויסגענוצט, כּדי צו רואינירן די אידישע הענדלער, בעלי־מלאכות און אַרבעטער, וועלכע רוען שבת. די פּוילישע געווערבע־גענאָסנשאַפטן, קרעדיט־פאַראיינען, צעכן און אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון דעם מיטלשטאַנד זאָגן זיך אָפּ אַריינצונעמען אידישע האַנטווערקער. בשעת די קאָנסום־און אָפּזאַץ־קאָאָפּעראַטיוון שטויסן אַרויס נאָכאַנאַנד דעם אידישן האַנדל. בשעת אָט די קערפּערשאַפטן באַקומען די ווייטגייענדסטע אונטערשטיצונג און פינאַנציעלע הילף מצד דעם סיים, קומט מען אָפּ די אידישע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס מיט ברעקלעך, וועלכע שטייען אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו דער צאָל פון די אידן און זייער שטייער־לייסטונג. איז דער עקאָנאָמישער פּראָצעס סיי ווי געווענדעט קעגן די אין זייער עקזיסטענץ ערשיטערטע שיכטן פון אידישער מלאכה און קליינהאַנדל, אַזוי האָט די „אַסעמיטישע״ פאַרוואַלטונגס־פּראַקטיק פון די אויטאָנאָמע לאַנד־אַדמיניסטראַציעס באַשאַפן אויסנאַמס־

באַשטימונגען און אומגעזעצלעכקייטן, וועלכע האָבן דערפירט די פּראָלעטאַריזירונג פונם מיטלשטאַנד און דעקלאַסירונג פונם פּראָלעטאַריאַט און אינטעליגענץ ביז צו אַ קאַטאַסטראָפע. אַט די פעסטשטעלונגען פון אַ אַמטלעכער אַנקעטע נויטיקן זיך נישט אין קיין פּירושים. זיי ערקלערן, ווי אַזוי גאַליציע איז אינמיטן פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג געוואָרן פאַר די אידן אַ קלאַסיש לאַנד פון פּאָליטישער שוואַכקייט, קולטורעלער פאַראָרימונג און ווירטשאַפטלעכער ארויסשטופּונג און דעקלאַסירונג.

אויך בשעת דער מלחמה האָבן זיך ארויסגעוויזן די אייגענע דיסקרימינירנדע טענדענצן. די אידישע אַנטלאָפענע פון גאַליציע, וועמענס זין האָבן מיט זייערע לייבער געשיצט אונגאַרן קעגן דער רוסישער אינוואַזיע, זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן פון אונגאַרן אין די טויזנטער אַלס אויסלענדער. אויך אין ווין און אַנדערשוואו איז מען געווען באַמיט אייגנצוצוימען דעם צושטראָם פון די אידישע פּליטים און מען האָט אינמיטן נישט געהאַט קיין אַנדערע דאגות, ווי צו אסרן די אידישע אַדוואָקאַטן פון גאַליציע צו פּראַקטיצירן אין ווין.

אין די באַזעצטע געביטן פון רוסיש-פּוילן אונטער עסטרייכישער אַדמיניסטראַציע זיינען איינגעהאַלטן געוואָרן אַלע פאַר די אידן אין רוסלאַנד גילטיקע באַגרענעצונגען. אַלס אויסרייד ווערט פון די ס'רוב פּוילישע לייטנדע באַאַמטע ציטירט די האַגער קאָנווענץ איבער דער געזעצלעכער פּראַקטיק אין אָקופּירטע טעריטאָריעס, כאָטש די קאָנווענץ שטערט נישט דער רעגירונג דורכצופירן גענוג ראַדיקאַלע פאַרוואַלטונגס-ענדערונגען. אַזוי איז איינגעפירט געוואָרן דער טאַבאַק-מאָנאָפּאָל, דורך וואָס טויזנטער אידן זיינען געבליבן אָן פּרנסה. אנטקעגן אַלע עפנטלעכע הבטחות מצד די פאַרבינדעטע אַרמעען ווערן אויף די אידן אין דעם עסטרייכישן פאַרוואַלטונגס-טייל אַרויפגעלייגט אַ סך העכערע קאָנטריבוציעס איידער אויף דער אַנדערער באַפעלקערונג. אַ באַקאַנט געוואָרענער באַפעל איבער די אָנשטעלונגס-באַדינגונגען פאַר לערן-כחות אינם באַזעצטן געביט באַווייזט, אַז אויך בעת דער מלחמה ווערט ווייטער געפירט די „אידן-ריינע" אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק.

4.

פּאָלאַקן און אידן

ס'איז נישט מעגלעך צו רעדן וועגן דער נאַציאָנאַלער דערנידעריקונג פון די עסטרייכישע, בפרט פון די גאַליצישע אידן, נישט אַריינגייענדיק אין דער פראַגע פון דער באַציונג פון דעם פּוילישן פאָלק צום אידישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

ביי דריי מיליאָנען אידן לעבן אויף פּוילישער ערד, ריכטיקער אין די גרענעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער מאַכטספערע פון די פּאָלאַקן. די שכנות פון פּאָלאַקן און אידן דויערט כמעט זיבן יאָרהונדערטער און הגם זי איז אויך נישט געווען וואָלקנלאָז, האָט זי דאָך

באזירט אויף אווירטשאפטלעכער אינטערעסן־געמיינזאמקייט, וועלכע האט געמאכט נויטווענדיק און מעגלעך א פארשטענדיקונג צווישןביידע פעלקער. די אידן זיינען געווען א קלאס פון סוחרים און בעלי־מלאכות אין א ריין אגרארישער מלוכה. זיי זיינען געווען, צום טייל געמיינזאם מיט די דייטשן, די שטעט־בויערס פון פוילן, די ערשטע און דורך יאהרהונדערטער איינציקע טרעגער פון האנדל און האנטווערק אין דער פויליש־ליטווישער מדינה. די פוילישע מלוכה־מענער זיינען טראץ די קעגן־השפעות מצד דער קירכע אזוי טיף איבערצייגט געווען דערפון, אז מען קאן זיך אן די אידן נישט באגיין, אז זיי האבן באקומען אין פוילן אויך נאציאנאל־פאליטיש א איינציקארטיקע שטאטס־רעכטלעכע שטעלונג. מיר קאנען זי באצייכענען אלס נאציאנאלע אויטאנאמיע אינמיטן בירגערלעכע רעכטס־באגרענעצונגען. הגם די אידן זיינען נישט געווען קיין פולבארעכטיקטע בירגער פון די פוילישע שטאט־געמיינדן און פון דער מלוכה, אבער די ווירטשאפטלעכע באוועגונגס־פרייהייט איז זיי געווען געזיכערט, דער שוץ קעגן אומגעזעצלעכקייטן איז געווען גאראנטירט. דערביי האבן די פוילישע אידן פארמאגט אין די גרענעצן פון זייערע נאציאנאל־אויטאנאמע קהלות, וועלכע האבן געבילדעט א מלוכה־פארבאנד מיט א נאציאנאלער קאמער אן דער שפיץ („ועד ארבע הארצות"), א אינערלעכע יורידיקציע לויט דעם אידישן רעכט, שטייער־אויטאנאמיע, פרייהייט פון דער נאציאנאל־קולטורעלער אנטוויקלונג פון זעלבסטפארוואלטונג אין אלע נאציאנאלע ענינים. די נאציאנאלע מינדערהייטס־רעכט, וועלכע זיינען באוויליקט געווארן די פויליש־ליטווישע אידן, האבן ערמעגלעכט אט דעם קערן פון דעם אידישן פאלק די דערהאלטונג פון דער נאציאנאלער צוזאמענגעבונדנקייט און קולטור. די אידן האבן באדאנקט דעם פוילישן פאלק פאר דער רעספעקטירונג פון זייערע רעכט דורך נעמען אן אקטיוון אנטייל אין דעם טויט־קאמף פון דער פוילישער מלוכה און אין די בלוטיקע פרואוון זי ווידער אויפצוריכטן.

די וועלט־מלחמה, וועלכע האט אריינגעבראכט די ווידערגעבורט פון פוילן און די פאראייניקונג פון דעם צושטיקלטן פאלק אין דער ספערע פון פאליטישע מעגלעכקייטן, האט באשאפן א משונהדיקע סיטואציע. פאלאקן און אידן, שכנים־פעלקער, וואס האבן דורכגעמאכט די שווערע נסיונות און זיינען אמשמערצלעכסטן געטראפן געווארן פון דער מלחמה, שטייען גארנישט אין א געמיינזאמען קאמף. אנטפרעמדונג און אפענע פיינטשאפט כאראקטעריזירן די קעגנזייטיקע באציאונגען. די אידן קוקן אויפן יסוד פון פאסירונגען פון דעם נאנטסטן עבר מיט חשד און זארג אויף זייער צוקונפט אין א פרייען, זיך אליין רעגירנדן פוילן.

די פוילישע עפנטלעכקייט באטראכט יעדן פרואוו פון אן אפנהארציקער דיסקוסיע איבער דער פויליש־אידישער פראגע אלס א אנגריף אויף די נאציאנאלע האפנונגען און באשטרעבונגען פון דעם פוילישן פאלק. מיר מוזן קודם כל אפווארפן די באשולדיקונג, וואס האט נישט קיין יסוד און

קיין טעם, אז די אידן זוכן דורך זייערע אנקלאגן קעגן די פוילישע אנטיסעמיטישע העצערייען צו שעדיקן די סימפאטיעס פון דער קולטורע־לער מענטשהייט פאר דעם פרייהייטס־קאמף פון דעם פוילישן פאלק.

די שטעלונג פון דער אידישער דעמאקראטיע צו דער פוילישער זאך האט זיך נישט געענדערט. מיר פארשטייען די גרויסקייט פון די ליידן פונם פוילישן פאלק; אלס א אונטערדריקטע און צושפרייטע נאציע קאנען מיר זיי אויפריכטיק מיטפילן; מיר פארפאלגן מיט א טיפער סימפאטיע דעם קאמף פון די פאלאקן פאר זייער פאראייניקונג און פרייהייט. איצט, ווי פריער, באטראכט דאס אידישע פאלק די ערפילונג פון דער דורות־לאנגער בענקשאפט פון פוילישע פרייהייטס־קעמפער אלס א געבאט פון גערעכטי־קייט און אלס א פאדערונג פון דער אייראפעאישער דעמאקראטיע. די אידישע פרעסע און די אידישע סאציאליסטישע און בירגערלעכע ארגאני־זאציעס האבן נישט איינמאל געפונען די געלעגנהייט, כדי צו ברענגען צום אויסדרוק אט די איבערצייגונגען פון דער אידישער געזעלשאפט. עס מוז אבער געזאגט ווערן, אז די איבערלעבונגען פון די לעצטע יארצענד־ליקער האבן די אידן געלערנט, אז א פריי פוילן איז דאך פאראיינבאר מיט דער נאציאנאלער רעכטלאזיקייט פון די אידן אין דעם לאנד. ווייל דער פאליטישער גורל פון דעם פוילישן פאלק און די עקאנאמישע אנט־וויקלונג פון דעם לאנד האבן פאראורזאכט אין די לעצטע יארצענדליקער א ראדיקאלע איבערקערעניש אין דער שטעלונג פון דער פוילישער געזעל־שאפט צו דער אידישער פראגע.

נאציאנאל צוריסן, דערנידעריקט און געדריקט, פאראייניקן זיך אלע טיילן פונם פוילישן פאלק אין א שטילשווייגנדן אנטשלוס ווידער אויסצו־קעמפן די שטאטלעכע זעלבסטשטענדיקייט. די אידעע פונם נ א צ י א נ א ל ן ש ט א ט, וואס האט מכריע געווען אין דער פאליטישער פארמירונג פון אייראפע אין 19-טן יארהונדערט, איז אין ערגעץ נישט געפאלן אויף א מער פרוכטבארן גרונד ווי אין פוילן. אבער אויך די בעסטע און פרא־גרעסיווסטע טיילן פון דער פוילישער געזעלשאפט האבן אריבערגעטראגן דעם דאזיקן געדאנק אויף פוילישע ערד סכעמאטיש, נישט צופאסנדיק אים צו די באדינגונגען פונם לאנד, וואס האבן זיך היסטאריש אנטוויקלט. זיי האבן פארזען, אז די פאראייניקונג פון אלע פאלאקן אין איין מלוכה־קערפער מיינט נישט די בילדונג פון אן איינהייטלעכן נאציאנאל־שטאט, נאר פון א קאמפליצירטן נאציאנאליטעטן־שטאט. ווייל אין די היסטארישע גרענעצן פון דער פוילישער מלוכה וואוינען נישט נאר פאלאקן, נאר אויך אוקראינער און ליטווינער, אידן און דייטשן. אין דעם דורך יארנלאנגע אונטערדריקונג פארוואונדעטן, ביז צו שאוויניזם געשטייגערטן נאציאנאלן זעלבסטגעפיל, קודם כל אין דער דעצידירנדער השפעה פון דער שלאכטע אויף דער פוילישער נאציאנאלער פאליטיק, ליגט די סיבה דערפון, וואס די פוילישע געזעלשאפט האט זיך ווייניק באשעפטיקט מיט דעם געדאנק פון א גערעכטן אויסגלייך מיט די נאציאנאלע מינדערהייטן אין פוילן.

היפך, ווייזט די פוילישע פאָליטיק, ספּעציעל אין דעם אויטאָנאָמען גאַליציע — דעם „פּוילישן פּיעמאָנט" — די טענדענץ, צו זיכערן מיט געוואַלט די סופּרעמאַטיע פונם פּוילנטום. די פּוילישע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס-באַשטרעבונגען זיינען אין אַ הויכער מאָס באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער קלאַסן-אידעאָלאָגיע פון די הערשנדע פּאָלקסטיילן, וועלכע האָבן איבערגענומען די פירונג אין דעם קאַמף — פון דער שלאַכטע און דער אויפשטרעבנדער שטאָטיקער בורזשואַזיע. אפשר אין קיין פאָלק איז דער גרונד-אַדעל נישט אַזוי גרויס אין צאָל און האָט אַזאַ טיפגייענדע השפעה אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן און די אָנשויאונגען פון דער נאַציע, ווי דאָס איז געגליקט דער שלאַכטע אינם פוילישן פאָלק. זי האָט דורכגעזעצט דאָס נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס-אידעאַל מיט שטאַטסרעכטלעכע עלעמענטן, האָט נאָך בשעת דעם אויפשטאַנד פון 1863 געשטרעבט נישט בלויז צו דער באַפרייאונג פון פרעמדן יאָך פון די טעריטאָריעס, וואָס זיינען בעיקר באַזעצט פון פּאָלאַקן, נאָר האָט אויך אויפגעהויבן שטאַטסרעכטלעכע פּרעטענזיעס אויף ליטע און אוקראַינע, וועלכע זיינען פריער געווען טיילן פון דער פּוילישער מדינה און צאָלן נאָך היינט צום גרעסטן טייל ווירטשאַפטלעכן טריבוט צו די פּוילישע גרונט-באַזיצערס. אַז די אַזוי צו זאָגן פעאָדאַל-רעכטלעכע באַגריפן זיינען נאָך היינט לעבעדיק אין דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע פון די פּאָלאַקן, באַווייזט דער מאַניפעסט פונם אויבערשטן פוילישן נאַציאָנאַל-קאָמיטעט פון 8-טן אויגוסט 1915 אין וועלכן ס'ווערט געפאָדערט די פעראייניקונג פון דעם אומגעטיילטן קאָנגרעס-פּוילן מיט דער אומגעטיילטער גאַליציע.

ס'איז נישט אונזער אויפגאַבע, אָנצווייזן אויף די סתירות צווישן די גרויס-פוילישע טענדענצן און דער אידעע פון אַ נאַציאָנאַל-שטאַט. מיר ווילן נישט באַהויפּטן, אַז אינם פוילישן פאָלק, וואָס האָט געקעמפט מער ווי אַ יאָרהונדערט פאַר זיין נאַציאָנאַלער זעלבסטדערהאַלטונג און זעלבסטרעגירונג, איז נישט פאַראַנען קיין פאַרשטענדניש פאַר די זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט פון די אַנדערע פעלקער, וועלכע באַוואוינען פּוילן. עס האָט נישט קיין צוועק אַרויסצוזאָגן השערות בנוגע דער קאָנסטעלאַציע פון די נאַציאָנאַלע כחות אינם צוקונפטיקן פּוילן, גאַליציע מוז נישט פאַרבלייבן אַלס מוסטער פון פּוילישער אַליין-פאַרוואַלטונג. מיר האָבן צוטרוי צו דעם ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג און דעם וואַקסנדן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער-דעמאָקראַטיע אינם פוילישן פאָלק.

ס'איז אָבער טאַקע קלאָר, אַז דער געדאַנק פון דעם נאַציאָנאַלן שטאַט איז ביי אַלע שיכטן פון דער פוילישער געזעלשאַפט — פון דער קאָנסערוואַטיווער שלאַכטע ביז צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — פאַרבונדן מיט דער פאַרשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער אסימילאַציע פון די אידן אין פּוילן. די באַרימטע טראַדיציעס פון דעם זעלבסטשטענדיקן פּוילן, וואָס האָט געגעבן די אידן זיכערקייט פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונגען זייגן פאַרגעסן. די פוילישע געזעלשאַפט, וואָס ציטערט אייפערזיכטיק,

איבער איר אַבסאָלוטער באַהערשונג פון דעם פוילישן לאַנד, זעט אין דעם ווייטערדיקן קיום פון אַ אידישער מינאָריטעט פון קנאַפּע דריי מיליאָנען אַ סכנה פאַר א פרייען פוילן. די פוילישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס ערקלערן זיך גרייט צו באַוויליקן בירגער-רעכט פאַר די אידן, וועלכע זיינען אָבער אָפּן אָדער פאַרשטעקט געבונדן אָן דעם תנאי פון אַסימילאַציע, פון באַדינגונגסלאָזן צוזאַמענמישן זיך מיט דער פוילישער סביבה. מ׳קאָן האָבן פאַרשיידענע מיינונגען מכח דער צוקונפט פון די אידן אין פוילן, פונקט ווי אין אַנדערע לענדער. מיר ווילן דאָ נישט אַנאַליזירן די אומריכטיקע אָנשויאונג, אַז די אידן, עקאָנאָמיש-אָפּהענגיק פון די „ווירטס-פעלקער”, טעריטאָריאַל צוברעקלט, זיינען אויך נאַציאָנאַל-קולטורעל פאַרמשפּט צום טויט, צום אונטערגאַנג. זי באַזירט אויף אילוזאָרישע אַנאַלאָגיעס מיט די קליינע אידישע קבוצים אין מערב-אייראָפּע און אויף דער אומבאַקאַנטשאַפט מיט די אין דעם לעבן פון די אידישע פאָלקסמאַסן ווירקנדע כחות, הגם די קאָנצעפּציע ווערט געשטיצט אויך פון אייניקע ערנסטע סאָציאָלאָגן. די פוילישע פּאַרטייען באַטראַכטן אָבער די נאַציאָנאַלע אַסימילאַציע פון די אידן נישט אַלס דעם ערוואַרטעטן רעזולטאַט פון אַ לאַנג-דויערנדן היסטאָרישן פּראָצעס. זיי פ א ד ע ר ן דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט, זיי ד י ק ט י ר ן די אַסימילאַציע צו דעם פוילנטום. זיי פאַרלאַנגען די אידן פאַר זיך ווי אַ קנין, ווי ס׳ווייזט דאָס גאַליצישע ביישפּיל, קעגן דעם מאַניפעסטירטן ווילן פון די פאָלקסמאַסן און אַפילו אין לאַנדטיילן, ווי דאָס אוקראַאינישע מזרח-גאַליציע אָדער די ליטווישע ניעמאַנגעגנט, וואו די פּאָלאַקן אַליין בילדן אַ מינדערהייט.

די געשיכטע קען קוים אַן אַנדער ביישפּיל פון אַזאַ אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט פון אַן אַליין אונטערדריקטן פאָלק צו דעם עקזיסטענץ-קאַמף פון אַ געמאַטערטער נאַציע, וואָס ראַנגלט זיך מיט די לעצטע כחות. מיט קאַלטער ברוטאַליטעט, איגנאָרירנדיק לחלוטין דעם פּרינציפּ צו לאָזן יעדער נאַציע די פרייע באַשטימונג איבער איר גורל, פאַרמשפּט די פוילישע געזעלשאַפט, פון דער שלאַכטע ביז צו דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, דאָס אידישע פאָלק צום טויט. איז עס מזכה נאָר מיט איין לעבנס-צוועק: פאַרשלונגען צו ווערן אינעם פוילישן פאָלק, כדי צו זיכערן זיין העגעמאָניע אין די טיילן פון פוילן וואָס זיינען נאַציאָנאַל „אין סכנה” צו דער שוין פון לאַנג מצד דער שלאַכטע אָפּן אַרויסגעוויזענער פאַראַכטונג פאַר אידישע מנהגים און קולטור איז צוגעקומען אין דער היינטיקער פוילישער געזעלשאַפט אַ נישט-פאַרשטעלטע אַנטיפּאַטיע און שנאה קעגן יעדן אויסדרוק פון אידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, קעגן יעדן פּרואוו פון אָרגאַניזאַציע אויף אַ נאַציאָנאַלן יסוד. די פוילישע געזעלשאַפט איז אַזוי פעסט אַנטשלאָסן דאָס אידישע פאָלק אין פוילן נאַציאָנאַל צו דערשטיקן, אַז אינעם קאַמף קעגן אונזער נאַציאָנאַל רעכט האָט מען נישט מורא אַפילו מבטל צו מאַכן די עלעמענטאַרע בירגערלעכע רעכט. אויך די פ ו י ל י ש ע ס אָ צ י אַ ל ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע אין ג אַ ל י צ י ע רעדט נישט אַנדערש, ווי נאָר וועגן

צ ו ו י י נאַציעס, וואָס וואוינען אינם לאַנד, — פּאָליאַקן און אוקראַינער — זי האָט געשוויגן, ווען מ׳האָט פאַרוואַנדלט די פאָלקסציילונג אין עסטרייך (1910), לויט אַ וואָרט פון דעם טשעכישן סאָציאַלדעמאָקראַט ווי נ ט ע ר, אין אַ אייראָפּעאישן סקאַנדאַל און פאַרמשפט טויזנטער אידן אין גאַליציע צו געלט-שטראָפן און תפיסה, ווייל זיי האָבן אָנגעגעבן אידיש אַלס זייער מוטערשפּראַך; — זי האָט נישט געפונען קיין וואָרט פון פּראָטעסט, ווען מ׳האָט ביי דער נאַציאָנאַלער טיילונג פון די גאַליצישע סיים-ווילער אַריינ-געשטופּט די אידן אָן טענות אין דעם פּוילישן קאַטאַסטער, זי האָט באַ-קעמפט די פאָדערונג פון אידישע שולן און אידישער אויטאָנאָמיע אין עסטרייך, אָדער גאָר די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט פון די אידן אויף איי-גענער ערד — אַלס אַ „קאָנפעסיאָנעלע” רעאַקציע און נאַציאָנאַליסטישע חוצפה. קיין וואונדער, אַז די שלאַכטע און דאָס בירגערטום זיינען געגאַנגען אַ שריט ווייטער און האָבן געשאַפן פאַר די אידן אין גאַליציע דעם אויס-נאַמס-צושטאַנד, וועלכן מיר האָבן אויבן געשילדערט. די פּוילישע בורזשואַזיע אין רוסיש-פּוילן פילט זיך אויך נישט געבונדן אָן דעם פּאַסאַד פון „גלייכע מענטשנרעכט”. ביי דער איינפירונג פון דער מוניציפּאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין פּוילן האָט זי זיך גערן פאַרבונדן מיט דער רוסישער רעאַקציע און האָט געשטימט אין דער דומע פאַר דער באַגרענעצונג פון דער צאָל אידי-שע מיטגלידער אין די שטאָט-ראַטן מיט 10—20 פּראָצענט, אויך אין די שטעט מיט אַן אַבסאָלוטער אידישער מערהייט.

די שטאַרקסטע טרייבקראַפט פונם קאַמף קעגן די אידן איז געווען די פאַרטיפונג פון די עקאָנאָמישע קעגנזאַצן. שוין אין דער צייט פון דער פּוילישער זעלבסטשטענדיקייט האָבן די אידן געהאַט פאַרביטערטע שונאים אין די שטאָטיקע ברודערשאַפטן און צעכן פון דעם פּוילישן בירגערטום. אָבער זיי זיינען נישט געווען גרויס אין צאָל. ערשט דער קאַפּיטאַליזם האָט באַשאַפן אַ פּוילישע האַנדלס- און אינדוסטריע-בורזשואַזיע, וועלכע פילט די קאָנקורענץ פון דעם אידישן מיטלשטאַנד. מיר האָבן געזען, ווי זי האָט אין גאַליציע סיסטעמאַטיש דערפירט צו דער עקאָנאָמישער עלימינירונג פון די אידן, זיך פאַרבינדנדיק דערצו מיט די פאַרטרעטער פון די פרייע פּראָ-פעסיעס, וועלכע ווילן זיכערן פאַר זיך דעם אַליינקן צוטריט צו די ערטער, און מיט די קאָנסום-און אָפּזאַץ-אָרגאַניזאַציעס פון די פּויערן. אין רוסיש-פּוילן האָט די תשוקה אַרויסצושטויסן די אידן געפירט צום אַרויסלאָזן דעם לאָזונג פון דער נאַציאָנאַליזירונג (דאָס הייסט פּאָלאָניזירונג) פון אינדוסטריע, האַנדל און קרעדיט, און געשטעלט אין זייער דינסט די פּאָליטישע אָרגאַני-זאַציעס פון דער בורזשואַזיע און פון פּויערן-קלאַס. זי האָט געשיקט אויס-גענוצט די וואַקסנדע פּאָליטישע שפּאַנונג צווישן די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן פּלוצים מיט שרעק אַנטדעקט, אַז די אידן אַסימילירן זיך גאָרנישט, און די צום נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין דערוואַכטע אידן, כדי צו מאַכן אויס דעם קאָנקורענץ-קאַמף אַ נאַציאָנאַלן קרייץ-צוג קעגן די אידן. ס׳איז כאַראַקטע-ריסטיש פאַר דעם מהות פון דער פּוילישער אידן-העצע, אַז דער באַקאַנטער

באָיקאָט קעגן די אידן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן נאָך די דומע-וואַלן,
ווען די אידישע וויילערשאַפט אין וואַרשע האָט מאַניפעסטירט איר פּאָליטישע
זעלבסטשטענדיקייט און רייפקייט און מכריע געווען קעגן דעם בירגערלעכן
אַנטיסעמיטישן קאַנדידאַט און לטובת דעם פּוילישן סאָציאַלדעמאָקראַט.
שלאַכצישע הערשזוכט און אומטאָלעראַנץ, נישט-אַכטונג פאַר פרעמדע רעכט,
קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענץ-קנאה און פּראָפּיט-תשוקה האָבן זיך געגעבן די
הענט אין אַ האַרציקן בונד, כדי אויפצופּייטשן אַ שטורם פון בלינדער קנאה
און שנאה קעגן די אידן, ווי מ׳קאָן זיי ערגער נישט באַגעגענען אַפילו אין
רוסלאַנד. די רוסישע רעאַקציע האָט געפונען אין דעם אַמאָל רעוואָלוציאָנערן
פּוילן אירע וויליקסטע אליאירטע. אין דער געשטיקטער אַטמאָספער פון
אידנהאַס האָבן געבליט די גיפטיקסטע פלאַנצן. בשעת דער ביילים-אַפערע איז
געשטאַנען כמעט די גאַנצע פּוילישע פרעסע, מיט אויסנאַם פון דער סאָ-
ציאַליסטישער, אין דעם דינסט פון דעם עלילת-דם; דער געזעלשאַפטלעכער
באָיקאָט, דער אַנטיסעמיטיזם אין די שולן האָבן אָנגענומען אָפּשטויסנדע
פאָרמען. פּאָליטיש איז דורך דער מוניציפּאַלער רעפאָרם איבערגענומען גע-
וואָרן פון די פּאָלאַקן דער רוסישער מעטאָד פון בירגערלעכער רעכטלאָזי-
קייט, דערווירטשאַפטלעכער באָיקאָט האָט אָנגענומען אַ נישט-פאָראויסגעזע-
ענעם פאַרנעם און האָט זיך געשטעלט אַלס ציל אויסצוהונגערן און פאַר-
טרייבן צוויי מיליאָן אידן, וועלכע האָבן אין משך פון 7 יאָרהונדערטער
געבראַכט צום בליען די שטאָטיקע ווירטשאַפטס-צווייגן.

מען דאַרף נישט ערשט זאָגן, אַז די מיט אַלע מיטלען פון געזעל-
שאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע קעגן די אידישע פּראָדוצענטן אָנגעפירטע מלחמה
האָט אויך אונטערגעגראָבן די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון דער אידישער
אַרבעטערשאַפט. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז געבליבן צום גרעסטן
טייל צוזאַמענגעפרעסט אין די אָפּגעשטאַנענע אינדוסטריע-צווייגן, אין וועלכע
עס דאָמינירט דאָס ווערקצייג און די האַנט-מאַשין און וועלכע זיינען אויס-
שליסלעך אין אידישע הענט. אַזוי מוז דער באָיקאָט סוף כל סוף פירן צו
אַ פאַרשנעלערטער דעקלאַסירונג פון די אידישע פּראָלעטאַריער, בשעת ער
בלייבט אומגעפערלעך פאַר דער אידישער גרויס-בורזשואַזיע, וועלכע איז
אָדער נעלם געוואָרן אין אַנאָנימע אַקציען-געזעלשאַפטן אָדער באַשעפטיקט
פּוילישע אַרבעטער. פּונקט אַזוי האָט די פון די פּאָלאַקן פאַרלאַנגטע באַ-
דינגונגסלאָזע פּאָליטישע און קולטורעלע אונטערוואַרפונג אָנגעטראָפן אויף אַן
אַנטשלאָסענער קעגנערשאַפט מצד דער אידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכע
אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק פון אַסימילאַציע אַלס
אַן אומסאָציאַלן, קולטור-פּיינטלעכן עקספּערימענט.

אין אָט דעם קאַמפס-מצב האָט פּאָליאַקן און אידן געפונען די וועלט-
מלחמה, וועלכע האָט פאַרוואַנדלט די טעריטאָריע, וואוביידע פעלקער וואוי-
נען אין אַן אַרענע פון בלוטיקע שלאַכטן. אַלגעמיין איז געווען ביים אי-
דישן פאָלק די ערוואַרטונג, אַז די גרויסקייט פון דעם מאָמענט, דער איי-
נערנער שריט פון די זיך דערנענטערנדע היסטאָרישע אַנטשיידונגען, די

בשורה פון דער קומענדיקע גאולה און פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסן חלום פון דעם פוילישן פאָלק — וועלן מאַכן אַ סוף צו דעם מיאוסן און פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם אידישן שכן־פאָלק. מיט גרויל און געוואַלטיקער אַנטוישונג האָבן זיך אַלע פריינד פון דער פוילישער רענעסאַנס געמוזט איבערצייגן, אַז דער אָנזאָג פון אַ בעסערער און שענערער צייט פאַרן פוילישן פאָלק, האָט אַרויסגערופן אַ יללה פול שנאה און כעס, אַן אַלגעמיינע דענונציאַציע־קאָמפּאַניע און אַ אומברחמנותדיקן פאַרניכטונגס־קריג קעגן די אידן, וועלכער איז אין נידערטראַכט און גרויזאַמקייט קוים הינטערשטעליק לגבי דעם רוסישן פאַרניכטונגס־קאַמף. מיר ווייזן אָן אויף די קאָנסטאַטירונגען פון געאָרג בראַנדעס, וועלכער איז ביז צו דער קאַטאַסטראָפע פון דער וועלט־מלחמה ווייט געווען פון די ליידן און קאַמפן פון דעם אידישן פאָלק, דערפאַר אָבער פון שטענדיק אָן געווען אַ בעגייסטערטער פריינד פון דעם פוילנטום, ווי אויך אויף די ערקלערונגען פון די פועלי־ציון־פאַרטייען אין עסטרייך און רוסלאַנד און פון דעם „בונד”. אַלס דערגענצונג ווילן מיר נאָר דערמאָנען פאָלגנדע טאַטזאַכן. נישט נאָר די בירגערלעכע פוילישע פרעסע אין רוסיש־פוילן האָט דורך סענסאַציעס אָן אָן אויפהער געקאָרמעט די לעגענדע, אַז די אידן זיינען בוגדים במלכות און פריינד פון דייטשלאַנד און עסטרייך. דאָס נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע „סלאָווא פאָלסקיע” אין לעמבערג האָט בשעת דער רוסישער אָקופּאַציע געהעצט אויך קעגן די גאַליצישע אידן וועגן דער אַנטי־רוסישער איבערצייגונג. גאַנץ קאָנגרעס־פוילן הילכט פון די תרעומות מצד דער אידישער באַפעלקערונג קעגן די פוילישע בירגער־קאָמיטעטן. זיי זיינען אומעטום געווען ריין פון אידן (למשל, אין וואַרשא מיט 300,000 אידן), אָדער זיי נעמען אַריין איינצלנע דורכאויס פּאָלאָניזירטע פאַרטרעטער פון דער אידישער פלוטאָקראַטיע. די אידישע טענות זיינען אומעטום די זעלבע. ביי דער פאַרטיילונג פון אונטערשטיצונגען ווערט די אידישע באַפעלקערונג שטאַרק געשעדיקט; וויבאַלד ס׳ווערט איינגעפירט אַ באַצאָלטע מיליץ, ווערן די אידן פון איר אַרויסגעשטויסן און פּאָליצייאישע שיקאַנעס און אפילו גראָבע בזיונות פאַר די אידישע איינוואוינער זיינען אויף דער טאָגאָרדנונג. די אידישע שולן מוזן פּאָלאָניזירט ווערן אָדער זיי באַקומען נישט קיין שום מוניציפּאַלע סובווענץ. די העכסטע נאַציאָנאַלע אינסטאַנץ פון די פאָלאַקן אין קאָנגרעס־פוילן, דער צענטראַלער בירגער־קאָמיטעט, האָט געהאַנדלט לויט די גלייכע פרינציפּן: ס׳איז אין אים נישט געווען קיין פאַרטרעטער פון אַרבעטער און פון אידן; פון די פיל מיליאָנען, וועלכע זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן פון אַלע טיילן פון רוסלאַנד און פון דער רוסישער רעגירונג, כדי צו לינדערן די נויט (אָן חילוק פון גלויבן און פון ראַסע), האָבן די אידן, וואָס בילדן 14 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, געקריגן ווייניקער ווי 1% בשעת לפחות 200,000 פוילישע אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע וואוינפלעצער. דער צענטראַלער בירגער־קאָמיטעט האָט נישט געפונען קיין וואָרט פון פּראָטעסט קעגן די יסורים אָן אַ צאָל, וועלכע

מ׳האָט אָנגעטאָן די פּליטים, דערפאַר אָבער האָט ער ציניש באַטראַכט אַ פּלאַן, צוזוציען פּוילישע הענדלער פון ק א נ א ד ע, כּדי איינצונעמען די פּלעצער פון די פאַרטריבענע אידן. ענדלעך איז עס געווען דער אָרגאַן פון די נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטן, וועלכער האָט אויסגעגראָבן אַן איסור אויף דער אידישער און העברעאישער שפּראַך אין פּוילן און האָט פאַרלאַנגט די אָפּשטעלונג פון דער גאַנצער אידישער פּרעסע. דער פּאַקטיש אַרויסגעלאָזענער איסור און די אויף אַזאַ אויפן דערגרייכטע שטום-מאַכונג פון אַ זעקס-מיליאָנען-פאָלק איז באַגריסט געוואָרן מיט שמחה פון דער וואַרשעווער פּוילישער פּרעסע.

„ליטוואַקעס" די וואָרטפירער פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, נישט קוקנדיק אויף זייער אַנטוויקלונג אויף צוריק אין די וועגן פון דער רוסישער רעאַקציע, זיינען דאָך פאַרדאגהט וועגן זייער גוטן נאָמען ביי דער מערב-אייראָפּעאישער דעמאָקראַטיע; זיי פּראָבירן דעריבער אין פאַרשיידענע טענער אָוועקצושטעלן דעם קאַמף קעגן די אידן אַלס אַ אויפגעצוואונגענעם פאַרטיידיקונגס-קאַמף. ס׳וואָלט צו ווייט געפירט, צו אַנאַליזירן אַרגומענטן פון דעם מין, וועלכע טראָגן דייטלעך אויף דעם שטערן דעם שטעמפּל פון צביעות. נאָר איין טענה מוז דאָ דערמאָנט ווערן, ווייל זי פאַרנעמט אַזאַ ברייטן פּלאַץ אין דער פּאָליטישער פּוילישער ליטעראַטור, דאָס איז די פראַגע פון די אַזוי גערופענע „ליטוואַקעס". אָט די רוסיש-ליטווישע אידן זאָלן אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, לויט אַ פערפידן קאָלאָניזאַציע-פּלאַן פון דער רוסישער רעגירונג, ממש פאַרפלייצן פּוילן און טעטיק זיין אין אַ פיינטליכן זין לגבי די פּויליש-נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען.

ס׳קלינגט אפשר זייער ראַדיקאַל, צוצושרייבן יעדעס אומגליק די צאַרישע מאַכטהאָבערס. אין דעם פאַל אָבער הייסט עס זיי אומפאַרדינטערהייט חושד זיין אין פּאָליטישן ווייטבליק, וועלכן זיי פאַרמאָגן נישט פאַר קיין פאַל. די ליטווישע אידן וואַנדערן קיין פּוילן, ווייל דאָס אינדוסטריעל אויפגעבליטע לאַנד, וועלכעס איז צום טייל אויסגעוואַקסן צו אַ וואַרשטאַט פאַר דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע, פאַרמאָגט אין זיך נאַטירלעך אַ גרויסע צוציאונגס-קראַפט. ווי נישט אויפריכטיק עס זיינען די רייד פון „ליטוואַקישער" אינוואַזיע, רעזולטירט פון דער איינפאַכער קאָנסטאַטירונג, אַז די ליטווישע אידן בילדן קוים $1\frac{1}{2}$ פּראָצ. פון דער לאַנדבאַפעלקערונג, און אַז די פּראָפּאָרץ פון דער אידישער צו דער גאַנצער באַפעלקערונג אין פּוילן האָט זיך אין משך פון די לעצטע 15 יאָר נישט פאַרענדערט. פון דער אַנדערער זייט ווערט מען קוים לייקענען, אַז די ליטווישע אידן האָבן אַ גרויסן חלק אין עפענען די רוסישע אָפּזאַץ-מערק פאַר דער פּוילישער אינדוסטריע.

אַ ויכוח איבער דער כּלומרשט צושטערנדער קולטורעלער השפּעה פון די „ליטוואַקעס" איז איבעריק שוין צוליב דעם, ווייל די פּוילישע באַהויפּטונגען אין דעם פּונקט גייען זיך ווייט פאַנאַנדער און זיינען זיך סותר קעגנזייטיק. איינמאָל זיינען די „ליטוואַקעס" טרעגער פון דער רוסי-

שער קולטור — אַזוי ווערט באַהויפּטעט אין די פּוילישע פּובליקאַציעס, וועלכע ערשיינען אין ווין אָדער קראָקע. אין דער װאַרשעווער פּוילישער פּרעסע זיינען די „ליטוואַקעס" די פּאָרפּאָסטנס פון גערמאַניזירונג, און אין די אויסגאַבן פון דעם פּוילישן פּרעסע-ביוראָ אין פּאַריז טענהט מען צוליב פּאַרזיכטיקייט ביידע זאַכן אויף אַמאָל. דער אמת איז, אַז די ליטווישע אידן זיינען פּונקט אַזוי ווייניק באַאיינפלוסט פון דער דייטשער קולטור, ווי די פּוילישע; צו דער רוסישער קולטור זיינען זיי אין זייער מאַסע אַזוי נאָנט, ריכטיקער געזאָגט, אַזוי פרעמד, ווי די פּוילישע אידן צו דער פּוילישער קולטור. די ליטווישע אידן זיינען פאַרעקשנט געטריי זייער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט און האָבן מסתמא מיטגעהאָלפן צו שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין אויך ביי די פּוילישע אידן און צו מאַכן פון וואַרשע אַ באַדייטנדן צענטער פון דער אידישער קולטור און ליטעראַטור. אַ דאַנק די פּלומרשטע רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצן פון די ליטווישע אידן איז נישט אַנטשטאַנען אין פּוילן קיין איינציקע רוסישע ציַיטונג. ס'איז אָבער אַנטשטאַנען אין וואַרשע אין די לעצטע יאָרצענדליקער אַ טאָג-פּרעסע אין דער אידישער און העברעאישער שפּראַך, וועלכע איז אַרויס אין אַ האַלב-מיליאָן-אויפלאַגע. די דאָזיקע פּרעסע האָט די נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען און האָפנונגען פון די פּאָלאַקן שטענדיק באַהאַנדלט מיט דעם גרעסטן דרך-ארץ און אויפריכטיקער סימפּאַטיע. אַלע באַשולדיקונגען קעגן דעם כּלל פון די ליטווישע אידן, אַז זיי זיינען שולדיק אין וועלכע נישט איז פיינטלעכע אַקטן קעגן דער פּוילישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, ערקלערן מיר פאַר בייזוויליקע ערפינדונגען אָן אַ שמץ פון באַווייז.

ס'איז אַגב אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די ליטווישע אידן ווערן רע-פּרעזענטירט אַלס לאַנד-פרעמדע אין פּוילן. ליטע איז אין משך פון יאָר-הונדערטער געווען אַ טייל פון דער פּוילישער רעפּובליק; ווילנע, גראָדנע, ביאַליסטאָק א. א. וו. ווערן דאָך פאַרלאַנגט אַלס פּוילישע שטעט פאַר פּוילן. נאָר די ליטווישע אידן האָבן גאָרנישט בשותפות נישט נאָר מיט פּוילן, נאָר אַפילו מיט די פּוילישע אידן! ס'קאָן נישט זיין קיין גוטע זאַך, וואָס ווערט פאַרטיידיקט מיט אַזעלכע סאָפיזמען.

די בירגערלעכע פּוילישע פּאַרטייען טראָגן די אחריות פאַר די רעכט-פאַרלעצונג, פאַרן אָנצינדן פון אַן אוממענטשלעכן האַס, פאַר דער שענדונג פון דעם פּוילישן נאָמען. זיי האָבן געבראַכט דערצו, מען זאָל חושד זיין דאָס פּוילישע פאָלק אַז עס וויל אויפריכטן זיין פרייהייט אויף דער רעכט-לאָזיקייט און אונטערדריקונג פון די אידן. אָבער אויך ערלעכע פּוילישע דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן זיינען מאָראַליש מיטשולדיק אין אָט דעם שענדלעכן מצב. דער ווירטשאַפטלעכער באָיקאָט — צי דער שטילער, ווי אין גאַליציע, צי דער ברוטאַלער, ווי אין רוסיש-פּוילן — די פאַרפּלאַנ-צונג פון די רוסיש-רעאַקציאָנערע מעטאָדן פון רעכטס-אומגלייכהייט, די שרעקלעכע דענונציאַציע, די אויפהעצונג צו מיליטערישע פּאָגראָמען, די אַטיַיליקונג פון דעם פּוערן-המון ביים ראַבעווען און שלאָגן אידן, די

פאַר אַ קולטור־פאָלק אומווירדיקע האַלטונג פון דער פוילישער פרעסע — דאָס אַלץ האָט געקאָנט אויסוואַקסן נאָר אויף דעם באָדן פון דעם אַסימי־לאַציע־שקר. ווען די אידן ווערן רעפּרעזענטירט אלס אַ אינפעריארע, קול־טורלאָזע נאַציע, וואָס איז דערצו פאַרמשפּט זיך צו אַסימילירן, ווען די עקזיסטענץ פון אַ נאַציאָנאַל־אָפּגעזונדערטער, איר אינדיווידואַליטעט אָפּ־היטנדער אידישער מינדערהייט ווערט באַטראַכט אַלס אַ מניעה פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט, אַלס אַ סכנה פאַר פוילנס ווידערגעבורט, ווען מען לאָזט צו בשתיקה צוזונעמען ביי די אידן אויך אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מדינה די פּרימיטיווסטע רעכט פון נאַציאָנאַלער אַליין־באַשטימונג פון שפּראַך און שולע, ווען יעדער אויסדרוק פון אידישן זעלבסט־ און נאַציאָנאַל־גע־פיל ווערט פּראָקלאַמירט אַלס טויט־זינד קעגן דעם מענטשלעכן פּראָגרעס — דאַן זאָל מען זיך נישט וואונדערן, ווען די מאַסן גייען איבער צו זעלבסט־הילף, ווען עס פאַרשווינדט יעדעס נאַטירלעך רעכטס־געפיל לגבי די אידן און די בירגערלעכע רעאַקציע שפּאַנט איין די בעסטיע פון אידן־שנאה אין איר רייט־וואָגן. די פוילישע דעמאָקראַטיע מוז זיך דערמאָנען אָן דאָס וואָרט פון לאַסאַל: „אַ דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אין דער פרייהייט, וואָס זי פאָדערט פאַר איר אייגענער נאַציאָנאַליטעט, נישט דערזען איני־איינעם די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט צו געבן די זעלבע פרייהייט אויך פאַר די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן; אַ דעמאָקראַטיע, וועלכע פאַרשטייט איר נאַציאָנאַליטעט אין דעם פינסטערן, באַרבאַרישן, מיטלאַלטערלעכן, עקס־קלוזיוון זין פון וועלן איינעמען און באַהערשן נאַציאָנאַליטעטן, וועט זער באַלד ווערן אַ קרבן פון אַן עראָבערער, וועלכער וועט אויפשטיין אין איר פון אַ „גלי־קלעכן סאָלדאַט"... מיר ערוואַרטן נישט פון דער שליאַכטע און פון דעם בירגערטום, אַז זיי זאָלן קומען צו זיך. ס׳וואָלט אָבער געוועזן די אויפגאַבע פון דעם פוילישן סאָציאַליזם צו באַטרעטן דעם וועג פון נאַציאָנאַלער גלייכווערטיקייט און גלייכבאַרעכטיקונג אויך לגבי די אידן. נאָר אַן ערלעכער נאַציאָנאַלער אויסגלייך מיט דעם אידישן פאָלק קאָן באַ־זייטיקן די סכנה, אַז דאָס פאַר פרייהייט קעמפנדע פוילן זאָל קומען אין אַ סתירה מיט זיך אַליין און אָפּזעגן דעם צווייג, אויף וועלכן עס שטיצט זיך.

5

ארבעטערשאַפט און אַסימילאַציע. די ברוטאַלע דענאַציאָנאַליזירונגס־פּאָליטיק פון כמעט אַלע רעגירונגען און אַפילו פון אונטער־דריקטע פעלקער לגבי די אידן וואָלט קוים מעג־לעך געווען אָן אינעווייניקע בגידה, אָן פאַרבינדעטע אין דער אידישער מחנה אַליין. אין דער אמתן באַשטייט אין דער אידישער געזעלשאַפט זייט די אָנהויבן פון דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע אַן אַסימילאַציע־באַווע־גונג, וועלכע שטעלט אַוועק די נאַציאָנאַלע ליקווידאַציע, דאָס צומישן זיך

מיט דער הערשנדער נאַציאָנאַלער סביבה אַלס די אומפּאַרמיידלעכע און לעצטע פאַזע פון דער אידישער פאָלקס-געשיכטע. די אַסימילאַציע-אידעאָלאָגיע איז נאָר געווען דער אויסדרוק פון אַ אַסימילירונגס-פּראָצעס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גרויסן אימפּעט ביי די אויבערשטע בירגערלעכע טיילן פונם אידנטום אין די לענדער מיט אַ רעלאַטיוו שיטערער אידישער באַפעלקערונג, וואָס ווייזט זיך אָבער אויך אין לענדער פון אידישן מאַסן-ישוב, ווען אויך אַ סך פּאַמעלעכער. די עקאָנאָמישע באַהעפטונג מיט דער הערשנדער בורזשואַזיע, די פּלוטאָקראַטישע נאַטוראַליזאַציע האָבן געפירט אַלס פועל-יוצא צו דער צורייסונג פון דעם קולטורעלן צוזאַמענהאַנג מיט די אידישע פאָלקסמאַסן און פון דער פאַרבינדונג מיט דעם היסטאָרישן פאָלק ישראל. די אַסימילאַציע האָט זיך סומך געווען אויף די אידעען פון הומאַניזם און וועלט-בירגערטום, אָבער אָן שום יסוד, ווייל זי איז אין איר עצם שטענדיק געווען דורכאויס אימפּעריאַליסטיש און האָט געשטרעבט אָנצונעמען די נאַציאָנאַליטעט פון דער בורזשואַזיע, וואָס האָט געהערשט אויף דעם שטח פון איר ווירטשאַפט.

אַזוי האָט זיך דער סאָציאַלער קעגנזאַץ צווישן דער אידישער גרויס-בורזשואַזיע און די מיט איר צונויפגעוואַקסענע קרייזן פון אינטעליגענץ און קליינבירגערטום פון איין זייט און די אידישע פאָלקסמאַסן פון דער אַנדערער, פאַרברייטערט צו אַ פאַרביטערטן נאַציאָנאַלן קאָנפליקט. די אַרבעטנדע, אין אַ שווערן לעבנסקאַמף שטייענדע מאַסן פון דעם אידישן פאָלק זיינען געבליבן ווייט פון דעם פּראָצעס פון דענאַציאָנאַליזירונג. זייער באַזונדערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציע און אייגנטימלעכע פּראָפעסיאָנעלע דיפערענצירונג האָבן אָפּגעהיט די קולטורעלע אינטעגריטעט פון דעם פאָלקסלעבן. די פאָלקסמאַסן האָבן אויפגעהאַלטן דעם צוזאַמענהאַנג מיט די דורך יאָרטויזנטער אָנגעזאַמלטע אוצרות פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, די אידן זיינען געבליבן אין דער נישט-אידישער סביבה אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, געאייניקט דורך עקאָנאָמיק, געשיכטע, מנהגים, שפּראַך און קולטור. געוויס ווירקן אינם אידישן לעבן נעבן די כחות פון איזאָלירונג און אַרויסשטויסונג אויך טענדענצן פון אַבסאָרבירונג און אַסימילירונג מיט דער ווירטשאַפטלעך און קולטורעל שטאַרקער, נאַציאָנאַל פרעמדער סביבה. אָבער זיי ווירקן נאָר אין די ווירטשאַפטלעך צוגעפּאַסטע אויבערשיכטן פון דער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ.

מיר באַטראַכטן די אַסימילאַציע-באַוועגונג אָן מאָראַלישער עמפּערונג. פּונקט אַזוי ווי אַ מענטש האָט דאָס רעכט צו דעקלאַרירן פריי זיין צוגעהעריקייט צו דער אייגענער נאַציע, באַשטייט אויך דאָס רעכט צוצוטרעטן צו אַן אַנדערער קולטור- און פאָלקס-געמיינשאַפט. ווער עס פילט זיך דורך ערציאונג און קולטור פאַרפרעמדט צו דער אידישער פאָלקס- און גורל-געמיינשאַפט, מעג ציען דערפון די קאָנסעקווענצן. די אַסימילאַציע איז אָבער געוואָרן איינע פון די רעאַקציאָנערע ערשיינונגען אין אונזער פאָלקסלעבן, ווייל די אַסימילירטע אידן האָבן זיך נישט באַגנוגנט דערמיט, וואָס

זיי האָבן אויפגעגעבן זייער צוגעהעריקייט צו דער אידישער נאציאנאליטעט. זיי האָבן פראקלאמירט זייער פערזענלעכן גורל אלס דעם היסטאָריש נישט אויסצומיידענדן גורל פון דעם גאנצן אידישן פאָלק. זיי האָבן פראָקלאמירט דעם צוואנג צו אסימילאציע. די אידישע גרויס-בורזשואזיע און די מיט איר פארבונדענע קרייזן קויפן אָפּ זייער פאָליטישע און געזעלשאפטלעכע עמאנציפאציע דורך דעם, וואָס זיי שטעלן אין אויסזיכט צו פארשמעלצן די אידישע פאָלקסמאסן מיט דער הערשנדער נאציאנאליטעט.

צו דעם צוועק האָט געמוזט דאָס אידישע פאָלק ווערן א בלויזע „גלויבנס-געמיינשאפט", עס זיינען אויפגעקומען פאלאקן, דייטשן, רוסן, מאדיארן, ענגלענדער א. א. וו. פון „מאזאישער קאנפעסיאָן" (בני דת משה), די אידישע נאציאָנאל-קולטור איז רעדוצירט געוואָרן צו אן ארכיוואַרישער „חכמת ישראל", דאָס העברעאישע איז פארטריבן אין דעם „טעמפעל" און אויף דער אָרגל-גאלעריע, די אידישע פאָלקס-שפראך איז מען מבזה אלס „זשארגאָן".

די „באהעפטונג מיט דער נאציאָנאלער קולטור" פון דער הערשנדער סביבה איז געוואָרן אן אָביעקט פון באזונדערער דאגה מצד דער אידישער פלוטאָקראטיע. די אנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור אין אייגענע שולן האָט מען צום טייל נישט דערלאָזן מיט דער הילף פון דער מדינה, צום טייל דענונצירט אלס רעליגיעזע אָפּגעשטאנענקייט. די אסימילאציע האָט פארכאפט די הערשאפט אין די אידישע אָרגאניזאציעס און קהלות, וועלכע זי האָט אויפגעבויט אויף א פאָלקס-פיינטלעכן צענזוס-וואלרעכט, און האָט אויף אזא אופן געגומען אין אירע הענט די איינציקע פאָרשטייערשאפט פון דעם אידישן פאָלק. די אויסליפערונג פון די אידישע מאסן צו דער שליטה פון דער אסימילירטער פלוטאָקראטיע איז פאָרגעקומען שטענדיק בתנאי, אז זי וועט מאכן אויס די אידן א ווילנלאָזן אָנהאנג פון די הערשנדע קלאסן. זי האָט דאָס באמת געטאָן. די אסימילאציע האָט זיך פארבונדן מיט די רעאקציאָנערסטע עלעמענטן אינם אידנטום, האָט אונטערשטיצט די פארפינסטערונג פון די מאסן דורך וואונדער-רביס און אנדערע טונקעלע כחות, כדי מיט זייער הילף צו דעגראדירן די אידן צו פאָליטישע נושאי כלים פון דער פוילישער שלאכטע, די מאדיארישע מאגנאטן, דייטשע גרויס-אינדוסטריעלער, בקיצור, תמיד פון די קלאסן, וואָס האָבן די מאכט.

הגם די אסימילאציע שטעלט זיך אין די איינצלנע לענדער אנדערע „נאציאָנאלע" צילן, דארף מען נישט פארזען דעם נאך נישט גענוג אָפּגעשאצטן פאקט, אז זי האנדלט לויט אלגעמיינע אינעווייניקע געזעצן, וועלכע מאכן אויס איר אן איינהייטלעכן פאקטאָר אינם אידישן לעבן. די אידישע פלוטאָקראטיע פון די פארשיידענע לענדער איז נישט נאָר געאייניקט דורך א געמיינזאמע אסימילאטאָרישע אידעאָלאָגיע, נאָר אויך דורך געזעלשאפטלעכע באטעטיקונג פון גלייכער נאטור אין א סך ספערן פונם אידישן

לעבן, ווי אויך דורך אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרבינדונגען פֿון אָרגאַניזאַטאָרישן כאַראַקטער.

לאָמיר באַטראַכטן די אַזוי גערופֿענע „גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציעס", ריכטיקער, די אָרגאַניזאַציעס פֿון די גרויסע אידישע גבירים, זאָל עס זיין די „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" אין פּאַריז, אָדער „דער הילפֿספֿעראיין דער דייטשען יודען" אין בערלין, די „אַנגלאָ-דזשואיש אַסאָסייישאָן" אין לאָנדאָן, אָדער דאָס „אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטי" אין ניו-יאָרק, די „איזראַעליטישע אַליאַנץ" אין ווין אָדער די תּקיפֿים פֿון די אידישע קהלות אין וואַרשע און פּעטערבורג — אומעטום קומען די גלייכע טענדענצן צום אויסדרוק: צדקה און קולטיווירונג פֿון אָפּהענגיקע נדבה-נעמער, אנשטאט געזעלשאַפֿטלעכער זעלבסטהילף; פֿילאַנטראָפּיע און צושפּרייטונגס-פּאָליטיק אין דער עמיגראַציע, אנשטאט געזעלשאַפֿטלעכער רעגולירונג און פּראָדוקטיווער נאַציאָנאַל דערהאַלטנדער קאָנצענטראַציע; פּאָליטישע אַפּיטרופּסות און פֿאַרטרעטונג פֿון די אידישע מאַסן דורך פּלוטאָקראַטישע קליקעס, וואָס באַמינירן זיך אַליין און מיידן אויס פֿאָלקס-קאָנטראָל; נאַציאָנאַלע אַטאָמיזירונג אין אַלע לענדער, קאַמף קעגן יעדע אנערקענונג פֿון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט, קעגן יעדע פֿאָרם פֿון אידישער אויטאָנאָמיע אויף אַ נאַציאָנאַלן יסוד. באמת, ס'באַשטייט אַן אינטערנאַציאָנאַל פֿאַראייניקטע אידישע פּלוטאָקראַטיע, וועלכע זוכט ביי זיך אין דער היים אפילו צו מאַכן פּאָליטישן קאַפּיטאַל פֿון איר השפּעה אין דער אידישער וועלט. אָבער זי איז נישט דער אויסדרוק פֿון דער אידישער סאָלידאַריטעט אין גאַר דער וועלט, נאָר פֿון דער אידענטיטעט פֿון דעם קאָנפֿליקט צווישן די פֿאָלקס-מאַסן און אונזער גרויס-בורזשואַזיע אין אַלע לענדער. די אַסימילאַציע איז די שרעקלעכסטע מניעה פֿאַר דעם קולטורעלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן פּראָגרעס פֿון די אידישע פֿאָלקסמאַסן. איר הערשאַפֿט באַדייט קולטורעלע פֿאַראָרימונג, פֿעלן פֿון עקאָנאָמישער זעלבסטהילף און פּראָדוקטיווירונג, דעגראַדירונג פֿון די אידן צו אַ װערקצייג פֿון פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. די אַסימילירטע פּלוטאָקראַטיע און אינטעליגענץ פֿאַרגיפֿטן די באַציאונגען פֿון די אידן צו זייערע שכנים-פֿעלקער, פֿאַרפֿירן די עפֿנטלעכקייט, ערקלערנדיק פֿאַר טויט אַ צו נייעם לעבן אויפֿוואַכנד פֿאָלק, מאַכן די ברוטאַלע אַסימילירונג פֿון די אידישע מיעוטים צו אַ באַשטאַנדטייל פֿון דער פּאָליטיק פֿון כמעט אַלע רעגירונגען און הערשנדע קלאַסן. דעריבער האָט די אידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין די לעצטע יאָרצענדליקער געמיינט נישט נאָר אַנטיויקלונג צום סאָציאַליזם, נאָר אויך אַנטשיידענעם קאַמף קעגן דער פֿאָלקס-פֿיינטלעכער און פֿאָלקס-פֿאַרפֿינסטערנדיקער אַסימילאַציע-באַוועגונג, אויך ווען זי פֿונקלט אין פּראָגרעסיווע קאָלירן. אירע אומגליקלעכע ווירקונגען האָבן מיר פֿאַרצייכנט אין דעם לעבן פֿון די אידן אין אַלע לענדער, וועלכע זיינען אַנטהאַלטן אין אונזער איבערבליק.

6

די טערקיי און די אידן.

אויך אין דער אָטאָמאַנישער מדינה, וועלכע מיר זעען זייט דער יונג-טערקישער רעוואָלוציע אין אַ פּראָצעס פון מאָדערניזירונג און פאַריונגונג, האָט די אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע אומגליק געבראַכט. די טערקיי איז נישט קיין לאַנד פון אידישן מאַסן-ישוב אין דער זעלבער מאָס ווי רוסלאַנד, פּוילן און עסטרייך-אונגאַרן. אָבער מיט איר האַלבן מיליאָן אידן, וואָס געניסן בירגערלעכע און צום טייל נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג, פאַרנעמט זי אַ חשובן פּלאַץ אינם אידישן פאָלקסלעבן. די שטעלונג פון דעם דאָזיקן קריגפירנדן לאַנד צו די אידן האָט אַ באַזונדער וויכטיקייט, ווייל צו זיינע פּראָווינצן געהערט אַ לאַנד מיט אַ רעלאַטיוו באַדייטנדער אידישער באַפעלקערונג, וועלכעס פאַרנעמט אַ חוץ דעם אַ באַזונדערן פּלאַץ אינם באַוואוסטזיין פון דעם אידישן פאָלק. מיר מיינען ארץ-ישראל, מיט אירע מער ווי 100.000 אידן און די אָנהויבן פון אַ פּלאַנמעסיקער אידישער קאָלאָניזאַציע. די אידן זיינען געוואוינט צו באַציען זיך צו דעם גורל פון דער טערקיי מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט און סימפּאַטיע. וואָרום זי האָט געעפנט גאַסטפריינדלעך אירע טויערן פאַר די פאַרטריבענע שפּאַנישע אידן, האָט זיי באַוויליקט, אויף ווי ווייט ס'איז געווען אין איינקלאַנג מיט דעם קאָראַן און דעם פריערן אַבסאָלוטיסטישן רעזשים, גלייכהייט פאַר דעם געזעץ און די זעלבע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פּ ר י ו ו י ל ע ג י ע ס, וועלכע ס'האָבן פאַרמאָגט אויך די אַנדערע פעלקער פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה. די נאַציאָנאַלע געזעצגעבונג פון דער טערקיי באַזירט אויף דער אויטאָנאָמיע פון די רעליגיעזע געמיינשאַפטן, אָבער מאַטעריעל מיינט זי אויך פאַר דער אידישער באַפעלקערונג זעלבסטבאַשטימונג אין דער נאַציאָנאַלער קהלה און שולע, ווי אויך אַ נאַציאָנאַלן מלוכה-פאַרבאַנד מיט זעלבסט-פאַרוואַלטונגס-רעכט אין אינעווייניקע ענינים, וועלכע טאַנגירן נישט די סואווערענע רעכט פון דעם שטאַט. די ערשטע אויסנאַמס-געזעצן קעגן אידן זיינען אַרויס אין דעם יאָר 1890, בשעת מען האָט געצאַמט די איינוואַנדערונג און באַזעצונג אין ארץ-ישראל פאַר אידן פון פרעמדער בירגערשאַפט. זייט די ערשטע אידן-פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אינם יאָר 1881 איז אַ, אמת, דינער שטראָם פון דער אידישער אויסוואַנדערונג געגאַנגען קיין ארץ-ישראל, וואו ס'זיינען אַנטשטאַנען די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע אידישע ישובים. אויס מורא פאַר דער אַבסאָלוטיסטישער הערשאַפט האָבן זיך די אידן אין אַ קליינער צאָל אָטאָמאַניזירט און האָבן דורך דעם דערוועקט אומצוטרוי ביי דער טערקישער רעגירונג, וועלכע האָט חושד געווען, אַז די אידן זיינען אַ ווערקצייג פון פרעמדע — רוסישע — פּאָליטישע השפּעות. די יונג-טערקישע באַשאַפער פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער תקופה, וועלכע האָט צום טייל ערמעגלעכט אַן אויפקלערנדע דיסקוסיע, האָבן צום אָנהויב, ווי ס'ווייזט אויס, איינגעזען די גרונדלאָזיקייט פון אַזעלכע קאָמ-

בינאַציעס. צו שילדערן די אידן אַלס פריינד און פאַרבינדעטע פון די לענדער, וועלכע זיי האָבן פאַרלאָזן צוליב בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רדיפות אין טיפסטער פאַרביטערונג, צוצושרייבן זיי די כּונה צו אונטער־שטיצן די הערשאַפטס־תּשוקות פון די דאָזיקע פרעמדע רעגירונגען אין ארץ־ישראל — איז אויך באמת געווען אַ פאַנטאַזיע־ווערק פון ריינסטער איגנאָראַנץ. פונדעסטוועגן האָט די מלחמה געבראַכט פאַר די ארץ־ישראל־דיקע אידן סיסטעמאַטישע רדיפות. די פּלוצימדיקע פאַרשלעכטערונג פון דער לאַגע וואָלט געווען נישט צו פאַרשטיין, אָבער די האַלטונג פון דער אַסימילאַטאָרישער אידישער פּלוטאָקראַטיע אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד וואַרפט אַן אייגנאַרטיק ליכט אויף די פּאַסירונגען אינם לאַנד. וואָרום זי האָט מיט אַלע מיטלען פון עפנטלעכע ענונציאַציעס און צוגעשושקעטע דענונציאַציעס „געוואָרנט" די טערקיי פאַר די כּלומרשטע סכּנות פון אַ אידישער קאָנצענטראַציע אין ארץ־ישראל פאַר אירע מלוכהשע אינטערעסן, זייט יאָרן ווערט געפירט אַן אָפענער און אונטערערדישער קאַמף קעגן דער אַנטשטייאונג פון אַ אָרגאַניזירטן פּראָדוקטיוון אידישן ישוב אין און אַרום ארץ־ישראל. ס'איז נאָר איין פאַזע אין דעם קאַמף אויף טויט און לעבן צווישן די אידישע פאָלקסמאַסן און דער אַנטי־נאַציאָנאַלער „איזראַעלי־טישער" גרויסבורזשואַזיע.

אידנפראַגע און ארץ־ישראל.

וואָס עס גיט דעם לאַנד ארץ־ישראל זיין באַדייטונג, דאָס זיינען נישט די הונדערט טויזנט אידישע איינוואַנ־דערער, הגם זיי בילדן כּמעט 20% פון דער באַפעל־קערונג, אויך נישט די געשיכטלעכע זכרונות און טראַדיציעס, וואָס זיי־נען פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, נאָר די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פונם לאַנד. די אידנפראַגע, ווי מיר האָבן פאַרבייגייענדיק שוין אָנגעוויזן, איז נישט קיין ריין נאַציאָנאַלע פראַגע. זי איז אַ פאַרוויקלט סאָציאַל פּראָבלעם, וואָס לאַסטעט מיט זיין גאַנצער דערדריקנדער שווערקייט אויף די אַרבעטנ־דע מאַסן פונם פאָלק. די פאַר דער סאָציאַליסטישער באַטראַכטונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע פונדאַמענטאַלע ווערק פון קאַרל ר ע נ ע ר און אָטאָ ב ױ ע ר פאַרדאַנקען מיר די דערקענטניש, אַז דער קאַמף פון די „גע־שיכטסלאָזע" און אונטערדריקטע נאַציעס איז בעיקר אַ סאָציאַלער קאַמף. ער מיינט דאָרט, וואו ער ווערט נישט אויסגענוצט צו פאַרשלייערן הער־שאַפטס־תּשוקות, דאָס שטרעבן צו דעמאָקראַטישער זעלבסטרעגירונג, אויפ־שטייג פון דעם פאַרקנעכטעטן המון פון דער נאַציע צום מיטשאַפער פון דער קולטור פונם פאָלק, זיין קאַמף פאַר דעם אומגעשטערטן צוגאַנג צו די אוצרות פון מענטשלעכן שאַפן, דעם קאַמף פאַרן רעכט פון דער אויטאָנאָ־מער פאַרענטפערונג פון די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער נאַציע, פון „דער זעלבסטרעאַליזירונג פון דעם נאַציאָנאַלן גייסט", ווי ל אַ ס אַ ל וואָלט געזאָגט. דער סאָציאַלער תּוך פון די נאַציאָנאַלע קאַמפן קומט באַ־זונדערס דייטלעך דאָרט צום אויסדרוק, וואו די פאָלקסמאַסע האָט אַנטקעגן זיך אַ פרעמדן קלאַס פון פּריצים אָדער קאַפּיטאַליסטן (ווי דאָס איז,

למשל, דער פאַל ביי די לעטן, אוקראַינער, צום טייל ביי די טשעכן), אָדער וואו די בורזשואַזיע פאַרבינדט זיך מיט די הערשנדע קלאַסן אינם לאַנד און שטעלט זיך נאַציאָנאַל אַנטקעגן די „אייגענע" פאָלקסמאַסן, אַזוי איז עס, ווייזט אויס, ביי די פלאַמען אין בעלגיע, צום טייל ביי די אוקראַינער אין רוסלאַנד. די ממש קלאַסישע אילוסטראַציע דערצו בילדן אָבער די אידן. אין די דאָזיקע פאַלן איז דער נאַציאָנאַלער קאַמף נישט נאָר אַ פּאָליטישער קאַמף פאַר מער מאַכט אין דער מלוכה, פאַר איינגעמען זיינע מאַכטמיטלען, ער איז דאַן אַ קאַמף פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה, אָדער פאַר לאַנד און ערד, אָדער פאַר דער אומגעשטערטער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס-קולטור.

די אידנפראַגע איז אין ערשטער שורה אַ רעזולטאַט פון אַזעלכע סאָציאַלע סתּירות, וואָס האָבן זיך אַרויסגעבילדעט דורך יאָרהונדערטער. זי איז די עקזיסטענץ-פראַגע פון אַ פאָלק, וואָס זיין שטעלונג צווישן די פעלקער און די אינעווייניקע סאָציאַל-עקאָנאָמישע סטרוקטור זיינען בלי שום ספק אייגנאַרטיק. עס איז טעריטאָריאַל צוריסן, קולטורעל אין סכנה, פּאָליטיש אָנמעכטיק און אַחוץ דעם ווירטשאַפטלעך איינגעקלעמט, דעפּאָרמירט און איזאָלירט. דערפאַר האָט דער באַפרייאונגס קאַמף פון די אידישע פאָלקסמאַסן אַ צווייפאַכיקן צוועק — די א ו י ט אָ נ אָ מ י ז י ר ו נ ג און פ ר אָ ד ו ק ט י ו י ז י ר ו נ ג פון דעם אידישן לעבן. מיר קעמפן אין אַלע לענדער מיט אַ גרעסערער אידישער באַפעלקערונג, וועלכע שטרעבט צו דערהאַלטן איר נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, פאַר רעכטלעכע גאַראַנטיעס פון דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד און נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די פאַרענטפערונג פון דער אידישער פראַגע אין איר פולן פאַרנעם קאָן אָבער דורכגעפירט ווערן נאָר דורך אַן איבערבוי פון די ווירטשאַפטלעכע יסודות פון דעם פאָלקס-קיום — דורך עקאָנאָמישער רעאָרגאַניזאַציע. דורך צוריק-געווינען דעם פאַרלוירן געגאַנגענעם אַגראַרישן פונדאַמענט, אויף וועלכן עס בויט זיך אויף אַ נאָרמאַל געגלידערטע ווירטשאַפטס-געמיינשאַפט, אין וועלכער ס'איז געזיכערט פאַר די אַרבעטנדע אידישע מאַסן דער צוטריט צו אַלע צווייגן פון דער פּראָדוקציע און די אומגעשטערטע אַנטוויקלונג פון אַלע כחות. די קאָלאָסאַלע אידישע אויסוואַנדערונג, אַ פועל-יוצא פון די צושטערנדע כחות, וואָס זיינען ווירקזאַם אינם אידישן ווירטשאַפטס-לעבן, וואָס האָט אין משך פון דריי יאָרצענדליקער איבערגעוואָרפן מיליאָנען דעקלאַסירטע אידישע פּראָלעטאַריער פון מזרח-אייראָפּע קיין מערב און איבערן ים, טראָגט שוין אין זיך די עמבריאָס פון דעם נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישן געזונטונגס-פּראָצעס. די טענדענץ גובר צו זיין דעם ווירטשאַפטלעכן געטאָ, אין וועלכן ס'זיינען איינגעשפאַרט די פאָלקסמאַסן, דורך פּראָדוקטיווער רעאָרגאַניזאַציע קאָן מען זען אין אַלע אידישע וואַנדערלענדער, ספּעציעל אין לענדער פון דער איינוואַנדערונג. די נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגס-אָרגאַנען, צו וועלכע מיר שטרעבן, וועלן דאַרפן דעם פּראָצעס פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירן און אָנפירן. די פולע אַנטוויקלונג וועט ער דאָרט

דערגרייכן, וואו די אידישע איינוואַנדערונג איז פאַרבונדן מיט דער באַזעצונג און ווירטשאַפטלעכער אויפשליסונג פון אַ נישט אַנטוויקלטער טעריטאָריע.

דערין באַשטייט די באַדייטונג פון ארץ־ישראל און זיינע שכנישע לענדער פאַר דעם גורל פון דעם אידישן פאָלק. אין דער קאָלאָניזאַציע פון דעם לאַנד דורך די אידישע אַרבעטנדע מאַסן, אין זייער פאַרבינדונג מיט דער ערד, זעען מיר דעם אָנהויב פון אַ אידישער ארבעט־און קולטור־געמיינשאַפט, וועלכע איז מיט איר וואוקס דערצו באַשטימט צו זיין אַ צוציאונגס־פונקט פון דער אידישער עמיגראַציע און אַ פּלאַץ פון פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון אַ געזונט געוואָרענעם פאָלק.

מיר האָבן די דאָזיקע טעריטאָריאַלע פאַרענטפערונג פון דער אידישער פראַגע, די שאַפונג פון אַ ווי ווייט מעגלעך קאָמפּאַקטן אידישן ישוב אין און ארום ארץ־ישראל, געשטעלט אין מיטלפּונקט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באוועגונג. אונזער שטרעבן צו אזא העכערער לעבנספאָרם פארן אידישן פאָלק דורך זיין איינוואָרצלונג אין אַ טעריטאָריע, וואָס בילדעט אַ געאָגראַפישע און ווירטשאַפטלעכע בריק צווישן דריי וועלט־טיילן, שטימט לויט אונזער טיפער איבערצייגונג אין פולן הסכם מיט די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפגאַבן פון דעם סאָציאַליזם. מען טאָר זיי בשום אופן נישט פאַרבייטן מיט דער אויך פון סאָציאַלדעמאָקראַטן פארטיידיקטער, אַזוי אָנגערופענער „סאָציאַליסטישער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק”. קאָלאָניאַל־פּאָליטיק איז אין איר עצם — מאַנאָפּאָליסטישע עקספּלואַטאַציע פון אַ לאַנד, פון זיינע נאַטירלעכע רייכטימער און פון זיין באַפעלקערונג צו נוצן פון דעם מוטערלאַנד. דאָ זעען מיר נישט קיין שום מעגלעכקייט פון אַן אויסגלייך מיט די פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. עס איז אָבער יאָ פאַראַנען אַ סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק, וועלכע באַצוועקט צו עפענען פאַרוואָרלאָזטע אָדער נאָך נישט קולטיווירטע געוואַלטיקע שטחים פון דער ערד פאַר מענטשלעכן ישוב און ציוויליזאַציע, זיי אַריינצוציען אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס פון דער אַרבעטנדער מענטשהייט. די סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק איז פונקט אַזוי נויטווענדיק ווי די אַריינמישונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע־באַדינגונגען פון דער געזעלשאַפט. זי איז אַ טייל־אויפגאַבע פון דעם סאָציאַליזם איבערצונעמען די אָרגאַניזירונג פון דער וועלט און פון דער וועלט־ווירטשאַפט.

אויף דעם וועג צו דער העכערער אַנטוויקלונג ליגט אויך די ציוניסטישע (פּאַלעסטיניש־טעריטאָריאַלע) פאַרענטפערונג פון דער אידישער פראַגע — די איינוואָרצלונג פון די וואַנדערנדע אַרבעטנדע מאַסן פון דעם אידישן פאָלק אין אַלטן לאַנד דורך זיין פאַרבינדונג מיט דער מאָדערנער ווירטשאַפט.

ארץ־ישראל און די אידישע אַרבעטערשאַפט.

די פאַרענטפערונג פון דער אידישער פראַגע איז געווען די סיבה פון טיפגייענדיקע די־פערענצן און אָפטע שפּאַלטונגען אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. מען קאָן אָבער זאָגן, אַז די חלוקי־דעות, וואָס זיינען אַמאָל באַטראַכט געוואָרן כמעט אַלס אַ תהום אָן אַ בריק, באַשטייען נישט מער אין זייער פריערדיקער שאַרפקייט. די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן אין די אָנהויבן פון דעם אידישן סאָציאַליזם זיינען כמעט אָן אַ רעש פאַר־שוואונדן, כמעט אַלע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אַריינגענו־מען אין זייער פּראָגראַם די פאַרענטפערונג פון דער אידישער פראַגע, דהיינו, אין דעם זין פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג און זיכערונג פון אויטאָ־נאָמע פאָרמען פונם פאָלקסלעבן. דער חילוק איז פאָלגנדער: בשעת די־אַזוי גערופענע „בונדיסטישע“ ריכטונג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג זעט אין דעם היינטיקן מצב פון דער צוזייטקייט דאָס לעצטע וואָרט פון דער אידישער געשיכטע, פאַרטרעט די „פועלי־ציוניסטישע“ (סאָציאַליס־טיש־ציוניסטישע) די דאָ סקיצירטע קאָנצעפּציע פון אַ ראַדיקאַלן איבערבוי פון די יסודות פון אונזער פאָלקס־קיום. דער אין סעפּטעמבער 1915 אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטענער אידישער אַרבעטער־קאָנגרעס פון אַמעריקע, די אין איר אַרט ערשטע צוזאַמענקונפט פון אַלע צווייגן פון דער אידישער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, באַווייזט, אַז ביידע ריכטונגען פון דעם אידישן סאָציאַליזם קאָנען זיך אייניקן איבער די נאָענטסטע פאָדערונגען און נויטווענ־דיקייטן פון דעם אידישן פאָלקסלעבן. דער קאָנגרעס האָט נישט געהאַט אונזער בליק אויף דער רעוואָלוציאָנערער באַדייטונג פון דער קאָנצענטרירונג פון אידישע פאָלקסמאַסן אין ארץ־ישראל; אָבער אַלע אידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך פאַראייניקט אין דער פאָדערונג, אַז עס מוז געזיכערט ווערן פאַר די אידן די פרייהייט פון דער איינוואַנדערונג און נישט געשטערטער באַזע־צונג אין ארץ־ישראל ווי אויך די רעכט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג. דורך די החלטות פון דער אַרבעטער־קאָנווענשאָן פון אַ לאַנד מיט דער גרעסטער און בעסט־אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכע די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַמעריקע האָט מיט אמת פּראָלעטאַרישער סאָלידאַרי־טעט אינדאָסירט, איז צושטערט געוואָרן די לעגענדע, אַז אונזער פאַרשטייען פון דער אידנפראַגע איז נישט צו פאַראייניקן מיט די סאָציאַליסטישע אָנ־שויאונגען. מען קאָן און מען וועט וועגן דעם דיסקוטירן, צי אין אונזער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו באַשטימען מיר דעם ריכטיקן פּלאַץ פאַר דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון די אידישע מאַסן. אָבער אַזוי ווי מען האָט גובר געווען די דורך יאָרצענדליק הערשנדע קאָנצעפּציע, אַז דער סאָציאַליזם איז מחייב צו אָן אַסימילאַטאָרישן בליק אויף דעם אידישן פּראָבלעם, אַזוי וועט אויך פעלן דער זינלאָזער טעזיס, אַז דער סאָציאַליזם פאַרלאַנגט די אויפהאַלטונג פון די באַשטייענדע פאָרמען פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום און נעגירט יעדע ניי־געשטאַלטונג אינם ציוניס־טישן זין.

ארץ-ישראל און די אידישע פלוטאָקראַטיע.

אויב בתוך דער אידישער אַרבעטערשאַפט און דעמאָקראַטיע איז מעגלעך געווען אַ פאַרשטענדיקונג איבער די נאָנטסטע נויטן פון דעם פאָלקסלעבן, האָבן אַפילו די שרעקן פון דער מלחמה נישט געקאָנט באַזייטיקן דעם תהום צווישן די אידישע פאָלקסמאַסן און דער אַסימילאַטאָרישער פלוטאָקראַטיע. די אידישע אַסימילאַציע האָט פון שטענדיק אָן געזען אין דער נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע און באַנייאונג אין ארץ-ישראל אַ טויטקלאַפּ פאַר איר פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער ליקווידאַציע. זי האָט מורא, מיט רעכט, אַז אַ אידישע געמיינשאַפט אין ארץ-ישראל, וואָס לעבט אין נאַציאָנאַלער פרייהייט, קאָן ווערן אַ קראַפט-צענטער אויך פאַר די אידן פון די אַנדערע לענדער. זי איז אַפריאָרי אַנטשלאָסן צו פאַראַליזירן די מעגלעכע גראַוויטאַציע-ווירקונגען פון אַזאַ צענטער. אַזוי זעען מיר דעם משונהדיקן פענאָמען, אַז די אידישע אַסימילאַטאָרן פון פאַרשיידענע מלוכות, וועלכע ווילן נישט וויסן פון קיין גורל-געמיינשאַפט פון די אידן פון אַט די לענדער, וועלכע ווינשן נאָר צו זיין דייטשן, פראַנצויזן, ענגלענדער, אַמעריקאַנער א. אַז. וו. קאָנצענטרירן זייער באַטעטיקונגס-ברען אויף אדרץ-ישראל. צום טייל איז דער קאָלאָניאַל-פּאָליטישער דראַנג פון אונזערע גבירים צו ערקלערן דורך זייער וואונש צו אונטערשטיצן די אימפּעריאַליסטישע איינפלוס-ספערן-פּאָליטיק פון זייערע רעגירונגען און צו ווערן אויף אַזאַ אופן אַ פאַקטאָר אויף דעם געביט פון אויסנווייניקער פּאָליטיק. פון דער אַנדערער זייט איז די באַטעטיקונג אין ארץ-ישראל אַ קאַמף פאַר ארץ-ישראל, ריכטיקער קעגן אַ אידיש-פּראָדוקטיווער ארץ-ישראל.

די פון אונז שוין קאָנסטאַטירטע האַרמאָניע אין די אָנשויאונגען און האַנדלונגען צווישן די אַסימילאַטאָרישע אידן אין פאַרשיידענע לענדער איז באַזונדערס בולט אין דעם קאַמף אַרום ארץ-ישראל. די אַסימילאַנטן פון אַלע מערב-אייראָפּעאישע מלוכות זיינען באַמיט אַנטקעגנצושטעלן דער פּלאַנמעסיקער ישוב-אַרבעט און ווירטשאַפטלעכער זעלבסטטעטיקייט — אַ סיסטעם פון סובווענצן און פילאַנטראָפּיע, כּדי צו האָבן אין ארץ-ישראל עקאָנאָמיש-אָפּהענגיקע נדבה-נעמער און נישט קיין זעלבסטבאַוואוסטע אידן. די באַשטרעבונגען, צוזאַמענצוגיסן די פאַרשיידענע טיילן פון דעם אידישן ישוב צו אַ קולטורעלער איינהייט אויפן יסוד פון דער אידישער נאַציאָנאַלער קולטור, שטויסן זיך אָן אויף דעם שאַרפסטן ווידערשטאַנד פון דער אַסימילאַציע, וועלכע ברענגט קיין ארץ-ישראל אירע „נאַציאָנאַלע" קולטורן און טראָגט דערמיט אַריין גייסטיקע צוריסנקייט און פאַקטישע קולטורלאָזיקייט אין די פאַרשיידענע עדות. מען האָט דערצו געשטרעבט, דורך פראַנצויזישע שולן פון דער „אַליאַנס", דייטשע פון דעם „הילפס-פעראיין", ענגלישע פון דער „אַנגלאָ-דזשואיש-אַסאָסייישאָן" — אַריינצוטראָגן אין די אידישע מאסן די זעלבע קולטורעלע צופאַלנקייט, ווי זי ווערט געשאַפן דורך די קריסטלעכע אָרדנס און „קולטור-טרעגער" פון די אייראָפּעאישע מלוכות אין אַלע קאָלאָניאַלע לענדער. אַ רעזולטאַט פון דער שנאָרער-פּאָליטיק און פון די אימפּעריאַלי-

סטישע קולטור-עקספּערימענטן איז אויך געווען די פּאָליטישע צוברעקלונג פונם ישוב און דאָס פעלן פון אַ אָרגאַניזאַציע פון די קהלות. דער קאַמף פון די פּלוטאָקראַטישע קליקעס איז אָבער געפירט געוואָרן נישט נאָר מיט דעם מיטל פון אינערלעכער דעזאָרגאַניזירונג. אויס שנאה קעגן די אָנהייבן פון אידישער אַרבעט און אידישן לעבן אין ארץ-ישראל איז מען געגאַנגען אַזוי ווייט, אויף די יונג-טערקישע קרייזן סיסטעמאַטיש משפּיע צו זיין קעגן די פּאָר דער טערקיי מסוכנדיקע און „מלוכה-פיינטלעכע" נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען פון די אידן. אין די לעצטע יאָרן האָט מען „אַפּעלירט" נישט נאָר צו דעם נישט אומפאַרשטענדלעכן אומצוטרוי פון די הערשער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, מען האָט „קלאָר געמאַכט" אין וואָרט און שריפט אויך די אַראַבישע פעאָדאַלן און פירער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אַז אַ אידישע איינוואַנדערונג אין ארץ-ישראל וואָלט געמיינט די „אַרויסשטופּונג" פון דער איינגעזעסענער באַפעלקערונג.

די פאַרביסענע פיינטשאַפט פון דער קעמפערישער אַסימילאַציע ווענדעט זיך נאַטירלעך ספּעציעל קעגן דער אַרבעטערשאַפט. נישט מיט אומרעכט זעט זי אין די באַזיצלאָזע, וועלכע זיינען אין ארץ-ישראל געוואָרן פּיאָנערן פון אַרבעט און זעלבסטהילף, אירע ערגסטע שונאים, ספּעציעל אין די קלאַסן-באַוואוסטע סאָציאַליסטן (פּועלי-ציון). אין די ווייניקע יאָרן פון איר עקזיסטענץ קאָן אונזער באַוועגונג אין ארץ-ישראל אָנווייזן אויף אייניקע דערגרייכונגען, וואָס פאַרדינען אויפמערקזאַמקייט. עס איז אַנטשטאַנען אַ אידישער לאַנדאַרבעטער-קלאַס, און אויך אין דער שטאָט האָט דער אידישער פּראָלעטאַרישער איינוואַנדערער זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו נייע צווייגן פון אַרבעט. דער געווערקשאַפטלעכער צוזאַמענשלוס האָט ספּעציעל אינם דאָרף פּראָגרעסירט, די לאַנדאַרבעטער-פאַרבאַנדן זיינען געוואָרן די לעגיטימע פאַרטרעטונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, האָבן איר געזיכערט אַ מינימאַל-לוין צוגעפּאַסט צו איר העכערן לעבנס-שטייגער לגבי דעם פעלאַך, האָבן געשאַפן קאָאָפּעראַטיווע קאָנסום-אַנשטאַלטן, אַרבעטער-בילדונגס-קלובן און האָבן געקריגן אַ וואַקסנדע השפּעה אויף דעם גאַנג פון דער נאַציאָנאַלער ישוב-אַרבעט. דער סאָציאַליסטישער גייסט פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין ארץ-ישראל האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרשיידענע פאָרמען: אין דער אומקאָמפּראָמיסלעכער אָפּאָזיציע קעגן דעם קולטורעל-אַסימילאַטאָרישן און פּאָליטיש-צושטערענדן אימפּעריאַליזם פון די אַפּוטרופּסים און „גדולים"; אין דער באַקעמפונג פון אויפטרעטענדע טענדענצן, אַריינצוטראָגן אין דעם אויף אַרבעט באַזירענדן ישוב-ווערק קאָלאָניאַל-פּאָליטישע, אויף באַזיץ באַגרינדעטע עקספּלואַטאַציע-עלעמענטן; אין דער בילדונג פון אַרבעטס-גענאָסנשאַפטן, כדי אויסצומיידן צווישן-אונטערנעמער, און אין דעם אַנטשטיין פון נישט אומבאַדייטנדע, מאָדערנע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-גענאָסנשאַפטן; צום סוף, אין דער קאָנסעקווענטער פאַרטרעטונג פון דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַל-אייגנטום פון לאַנד. קיין וואונדער, אַז די פון היוכער מאָראַלישער ערנסטקייט, פונם באַוואוסטזיין פון אירע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אויפ-

גאַבן, פונם גייסט פון סאָציאַליסטישער יצירה ערפילטע אַרבעטערשאַפט איז שוין אין שלום-צייטן געווען פאַר די אַסימילאַטאָרישע וועג-אויסטרעטער פון דער „פרידלעכער אינפילטראַציע" אַ רעוואָלוציאָנערער „עלעמענט", וועמעס „געפערלעכע טעטיקייט" מען האָט נישט געקאָנט גענוג באַשמוצן און דע-נונצירן *).

די טערקיי און דער ציוניזם.

די גיפטיקע זריעה פון דעם לויערענדן חשד קעגן טונקעלע מלוכה-צושטערער האָט געמוזט אין מלחמה-צייטן טראָגן אירע פירות. אַזוי איז געקומען אין דעם יאָר אַ ראַדי-קאַלע ענדערונג אין דער באַציאונג פון די טערקישע מאַכטהאָבערס צו די אָנהויבן פון דעם אידישן ישוב אין ארץ-ישראל. אמת, די טערקישע רע-גירונג האָט זיך נישט באַנוצט מיט די מעטאָדן פון רדיפות, וועלכע מיר האָבן מיט שוידער דערלעבט אין רוסלאַנד. זי האָט אַפילו ביים אָנהויב מלחמה ערלויבט די אידן פון פרעמדער שטאַטס-בירגערשאַפט זיך צו אָטאָמאַ-ניזירן און צו בלייבן אין ארץ-ישראל. אָבער מיר זיינען נישט אַזוי באַשיידן אויסצודריקן אָנערקענונג רעגירונגען, נאָר ווייל זיי לאָזן אונז נישט אויס-הרגענען אָדער באַראַבעווען.

מען איז בלי שום ספק באַשטרעבט צו „רייניקן" ארץ-ישראל פון די פּראָדוקטיווסטע כחות, פון דער אינטעליגענץ און פון די פירנדע גייסטער פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. און דאָס אין אַ צייט, ווען די אַבסאָלוטע איזאָלאַציע פונם לאַנד, דאָס אויפהערן פון יעדן עקספּאָרט און אימפּאָרט, דאָס אָפּשטעלן זיך פון אַלע שטאָטיקע און דאָרפישע ישוב-אונטערנעמונגען, די סטאַגנאַציע אינם געלט-פאַרקער האָבן אַרויסגערופן אין דעם אָפּגעשטאַ-בענעם לאַנד, וואָס קאָן זיך אַליין נישט אויסהאַלטן, אַ שווערן ווירטשאַפט-לעכן קריזיס, דריקנדע אַרבעטסלאָזיקייט. גראָד אין דעם אויגנבליק האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות קעגן אַלע פערזאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין דעם מיטלפונקט פון דער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטהילף. ווי אַ מין וואַריאַ-

---

*) אָט לעזט מען, למשל, אין „Palästina und Palästinensischer Zionismus" („ארץ-ישראל און ארץ-ישראלדיקער ציוניזם", בערלין 1913) פון ד״ר פאול נאטאן: „די דרייסט-קייט, די חוצפה, די ברוטאליטעט, וועלכע יענער קליינער קרייז אין ארץ-ישראל... ערלויבט זיך ארויסצואווייזן... קומען אויך צום אויסדרוק כלפי די מחמדאנער... דער רעזולטאט דערפון זיינען רייבונגען, דער רעזולטאט איז פיינטשאפט און דער ווייטערער רעזולטאט איז געווען די אָרגאני-זאציע פון א באזונדערן אידישן שומרים-קאָרפוס, וואָס ליפערט שוין קליינע צוזאמענשטויסן מיט די אראבער, און פון וואָך צו וואָך זיינען דאָ דערשאָסענע אראבער און געהרגעטע אידן. פאראלעל צו די סכנות אינם דאָרף ווערט אַרויסגע־וופן דורך די פועלי-ציון אומפרידן ספעציעל אין די שטעט. זיי פארטרעטן די מאמע עקסטרעמסטע ווירטשאפטלעכע אָנשויאונגען, זיי בראָכן אונטער די גוטע באציאונגען צווישן אַרבעטסנעמער און ארבעטסגעבער און שעדיקן דערמיט ערנסטלעך די ווירטשאפטלעכע אנטוויקלונג פונם לאנד". א פאלעמיק איז נעווים איבעריק.

ציע פון דעם רוסישן מוסטער האָט מען אין ארץ-ישראל אויפגעהויבן די באַשולדיקונג קעגן דעם נייעם אידישן ישוב, אַז ער שטרעבט אָפּצורייסן דאָס לאַנד פון דער טערקישער מלוכה. אין דער באַשטימטער פאָרם איז די אָנקלאַגע אויפגעהויבן געוואָרן קודם כל קעגן אונזער פאַרטיי, דהיינו, אויפן יסוד פון דעם פאַרטיי-פּראָגראַם פונם יאָר 1910. אַ סך פּלומרשטע באַטייליקטע פון אָט דער פאַרטיי-קאָנפערענץ זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן. דער אָרגאַן פון דער פאַרטיי, די וואָכנשריפט „האחדות" אין ירושלים, ווי אויך די דרוקעריי זיינען פאַרמאַכט געוואָרן, דריי רעדאַקטאָרן פונם בלאַט פאַרמשפּט יעדער איינער צו צוויי חדשים תּפיסה און געלט-שטראָפן, צוויי פון זיי פאַרשיקט פונם לאַנד, אַ פערטער פאַרמשפּט צו אַ יאָר תּפיסה*). אַן אַנדערע נישט סאָציאַליסטישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע אין ארץ-ישראל ווערט געררודפט אויף אַן ענלעכן אופן. פּונקט אַזוי זיינען די אידישע אינטעלעקטועלע דאָס ציל פון אומאונטערבראָכענע פּאָליטישע רעפּרעסאַליעס. ווען אָבער די אידן ווערן סיסטעמאַטיש געהעצט און ערנידעריקט, ווען די אַרמעע און די דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער הייליקער מלחמה פאַנאַטיזירטע מחמדאַנישע באַפעלקערונג זעט, אַז מ'באַהאַנדלט די אידן אַלס מורדים במלכות, ווער קאָן דאַן גאַראַנטירן, אַז עס וועט נישט געשען אויך ערגערס. טערקיי גרענעצט נאָך אַלץ מיט רוסלאַנד, און דאָס גרענעץ-לאַנד הייסט אַרמעניע...

ס'איז נישט נויטיק אָפּצוענטפערן אויף די ספּעציעלע קעגן אונזערע פאַרטיי-חברים אין ארץ-ישראל אויפגעהויבענע באַשולדיקונגען. דאָס פּראָגראַם פון אונזער דאָרטיקער לאַנד-פאַרטיי רעדט פאַר זיך אַליין. עס איז גראָד אַזוי ווייניק געווענדעט קעגן דעם באַשטאַנד און די אינטעגריטעט פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה, ווי, למשל, דאָס ברינער פּראָגראַם פון דער עסטרייכישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע באַצוועקט דעם פאַנאַנדערפאַל פון עסטרייך. מיר האָבן אַלס רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי קיינמאָל זיך נישט צוריקגעהאַלטן אָפן אַרויסצוזאָגן אונזערע צילן. מיר האָבן אין רוסלאַנד און אין דער טערקיי דעקלאַרירט אונזער סאָציאַליזם אין אַ צייט, ווען דאָס איז לגמרי נישט געווען אָן סכנה. אונזער נאַציאָנאַלער אידעאַל האָט קודם כל אַ סאָציאַל-עקאָנאָמישן און נאַציאָנאַל-קולטורעלן אינהאַלט. אין דער מלוכהשער אָפּגעזונדערטקייט זעען מיר נישט די איינציקע און אַנטשיידנדע פאָרם פון נאַציאָנאַלער סואווערעניטעט, מיר האָבן אויך אין אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן-שטאַטן, ווי רוסלאַנד און עסטרייך, נישט פאַרטראָטן די מיינונג, אַז זיי מוזן פאַנאַנדערפאַלן אין זייערע נאַציאָנאַלע באַשטאַנדטיילן. די נאַציאָנאַל צוזאַמענגעזעצטע שטאַטן האָבן פאַר אונז אַלס סאָציאַליסטן די וויכטיקע היסטאָרישע שליחות צו באַווייזן למעשה די מעגלעכקייטן פון אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון פאַרשיידענע פעלקער. די פאַראייניקונג פון עטלעכע פעלקער צו אַ פרייען בונד אין איין מלוכה איז גיכער אַ שריט

*) שפּעטער צו לעבנסלענגלעכער שטראָף-אַרבעט.

צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פעלקער־פעדעראַציע, איידער די אויפטיילונג פון די נאַציאָנאַליטעטן־מלוכות אין נאַציאָנאַלע קליין־שטאַטן. אַזאַ געשיכטלעכע שליחות ליגט אויך אויף דער אטאמאַנישער מלוכה; פון דעם גייסט זיינען ערפילט די פרינציפיעלע פאָדערונגען פון אונזער פאַרטיי אין ארץ־ישראל. געפירט פון דעם געדאַנק האָט זי אינם יאָר 1912 געחתמעט דעם מאַניפעסט פון די באַלקאַן־סאָציאַליסטן קעגן דער מלחמה.

די טערקיי אַלס באַהערשערין פון די אומגעהויערע שטחים אין נאָנטן מזרח האָט אָבער אויך אַ צווייטע ברענענדיקע אויפגאַבע — צו עפענען די פאַרנאַכלעסיקטע פון מענטשן ליידיקע שטחים פאַר דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. ס׳קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן אַרויסשטויסן וועלכן נישט איז טייל פון דער באַפעלקערונג פון די סיי ווי שיטער באַזעצטע לענדער. עס גייט וועגן אַ געדיכטערער באַפעלקערונג און פראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט דורך דעם שטראָם פון נייע אַרבעטס־כחות. ספּעציעל די אידישע אַרבעטנדע כחות קומען קיין ארץ־ישראל און די שכנישע לענדער נישט אַלס לווינדריקער נאָר אַלס פאַרטרעטער פון דער פראָגרעסיווער טעכניק, פון דעם העכערן לעבנסשטייגער, פון בעסערע שכירות. אַזאַ איינוואַנדערונג איז שטענדיק אַ טרייבנדער כח צו פראָגרעס.

יעדע מאַכט, וועלכע באַהערשט די טעריטאָריעס פונם נאָנטן מזרח, וואָס שרייען נאָך מענטשן, און פאַרשטייט איר אויפגאַבע אין אַ עגאָאיסטישן, אימיגראַציע־פיינטלעכן זין, שטעלט זיך אַנטקעגן דער נאַציאָנאַלער בויט פון די אידישע מאַסן, האַנדלט אויך אַנטקעגן אַ קולטור־באַדערפעניש פון דער מענטשהייט, איז סותר די גרונד־יסודות פון איר אייגענער עקזיסטענץ און שטעלט דעם נאָנטן מזרח אין סכנה צו בלייבן אַ ציל פון דער אימפעריאַליסטישער פאָליטיק פון איינפלוס־ספערן.

אויב די דעקרעטן פון די סורישע מיליטער־אַמטן האָבן די כונה צו שאַפן אַ פערמאַנענטן אויסנאַמס־צושטאַנד פאַר די אידן אין ארץ־ישראל, דאַן ווערט אין דעם נאָך קליינעם אידישן ישוב טיף אָנגערירט אַ לעבנס־אינטערעס פון אונזער גאַנצן פאָלק, אָבער אויך די פרינציפּן פון פרייער איינוואַנדערונג, אַרבעט און קאָלאָניזאַציע זיינען געבראָכן.

אין דער נויט ווענדן מיר זיך צו די סאָציאַלדעמאָקראַטן פון די מיט דער טערקיי פאַרבינדעטע מלוכות. גראָד אַזוי ווי מיר מאַכן אויפמערקזאַם די סאָציאַליסטן און אַרבעטער־פאַרטייען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע אויף די געשעענישן אין רוסלאַנד. מיר ווייסן נישט, צי אַ פריינדשאַפטלעכע אינטערווענץ מצד די מיטלאייראָפּעאישע רעגירונגען אין דער טערקיי און פון די מערב־רעגירונגען אין רוסלאַנד וועט פירן צו ממשותדיקע רעזולטאַטן. אָבער די רעגירונגען פון די מדינות, וואָס ווילן ווערן באַטראַכט אַלס קולטור־שטאַטן, מוזן ווייסן, אַז זיי מאַכן זיך מיטשולדיק פאַר אַלע אַטענטאַטן קעגן רעכט און פרייהייט, ווען זיי ערלויבן זייערע „פריינד״ צו טאָן וואָס זיי גלוסטן. דאָס מוזן די סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער אַרויסזאָגן, גאַנץ גלייך צי זיי האָבן אויף דער רעגירונג פון זייער לאַנד אַ דירעקטע אָדער אומדירעקטע השפעה.

7

אידנפראגע און אינטערנאציאנאל די אויפגאבע פון דעם פראלעטארישן אינטערנאציאנאל באשטייט נישט בלויז דערין צו באזייטיקן די די-רעקטע סכנות, וועלכע הענגען איבער די אידן פון רוסלאנד און ארץ-ישראל. מיר ערווארטן פון דער סאלידאריטעט פונם אינ-טערנאציאנאלן פראלעטאריאט, אז ער וועט אויפהויבן די אידישע פראגע אין די ראמען פון די נאציאנאלע פראגן, וואס זייער פארענטפע-רונג איז דורך דער מלחמה געווארן אומפארמיידלעך. נישט קוקנדיק אויף די גרויסע חלוקים פון קולטור און פאליטישן מצב אין רוסלאנד, פוילן, עסטרייך און טערקיי, דרינגט פון אונזער איבערבליק, אז די פאליטישע קאמפן, וועלכע עס רופט ארויס די עקזיסטענץ פון ניין מיליאן אידן אין די לענדער, האבן נאר איין זין. ס׳איז א קאמף פון די הערשנדע גרופן פון נאציעס, צווישן וועלכע די אידן לעבן, קעגן דעם באשטאנד, פאר דער ארויסשטויסונג אדער נאציאנאלער אויפזויגונג פון די אידישע מינדערהייטן, בשעת די אידישע פאלקסמאסן פארטיידיקן און היטן אפ זייער נאציאנאלע אינדיווידואליטעט מיט דער אנשפארונג פון אלע לעבנס-כחות, ביי די שווערסטע עקאנאמישע און קולטורעלע קרבנות. בהסכם מיט דער איבער-וועגנדער מאיאריטעט פון דער אידישער ארבעטערשאפט און, מיר זיינען איבערצייגט, אויך פון דעם גאנצן אידישן פאלק, פארלאנגען מיר דאס רעכט פון דער נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג פאר די אידישע מיעוטים אין אלע לענדער. מיר פאדערן ספעציעל אין די נאציא-נאליטעטן-מלוכות, וואו די אידן בילדן א זעלבסטשטענדיקע קולטור-געמיינשאפט און שטרעבן צו דערהאלטן זייער נאציאנאלן אייגנלעבן, רעכטלעכע גאראנ-טיעס פאר אונזער נאציאנאלן קיום און אונזערע אומגעשטערטע קולטורעלע אנטוויקלונג, זעלבסטפארוואלטונג אין נאציאנאלע ענינים און די נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג אין דער מלוכהשער, פראווינציעלער און מוניציפאלער פאר-וואלטונג. מיר ווייסן, אז די טעריטאריאלע צוריסנקייט פון די אידן שאפט שוועריקייטן פון א באזונדערן מין און רוקט ארויס פראבלעמען, אויף וועל-כע מיר ווילן דא נישט איינגיין. ס׳איז אבער קלאר, אז ס׳וועלן זיך לאזן געפינען די פארמען פון נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג און פון רעכט-לעכן שוץ פאר דער אידישער מינדערהייט, וויבאלד מען וועט מסכים זיין צו דעם פרינציפ פון דער נאציאנאלער גלייכבארעכטיקונג פון די אידן. ווען די בירגערלעך-ליבעראלע מדינה האט געפונען מיטלען און וועגן צו פאר-ענטפערן דאס פראבלעם פון דער רעליגיעזער טאלעראנץ און אויטאנאמיע פון די רעליגיעזע געמיינשאפטן, אזוי וועט דער דעמאקראטישער פאלקס-שטאט, צו וועלכן מיר דערנענטערן זיך, מוזן געפינען דעם כח צו פאר-ענטפערן דאס פארוויקלטע פראבלעם פון פרייען דעקלארירן זיך צו דער נאציע און פון דער נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג אין לענדער פון עט-לעכע נאציאנאליטעטן.

הגם עס איז נאָר אַ פּרט פון דעם דאָזיקן כּלל, מוז דאָך בפירוש פּראָקלאַמירט ווערן דאָס רעכט פון די אידן אויף פרייע איינוואַנדערונג, קאָלאָניזאַציע און נאַציאָנאַלע קאָנסטיטואירונג און אַנטוויקלונג אין ארץ־ישראל און די שכנישע לענדער. מיר פאָדערן געוויס נישט קיין אומגעוויינלעכע זאַכן, נאָר די אָנווענדונג פון די אַלגעמיינע עיקרים פון דעם נאַציאָנאַלן רעכט, ווי ס׳איז פון שטענדיק פּראָקלאַמירט און פאַרטרעטן געוואָרן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, אויך אויף די אידישע פאָלקסמאַסן. זיי וואוינען צומייסט אין לענדער, וואו עס באַרירן זיך און שטויסן זיך צונויף נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון עטלעכע פעלקער. ס׳איז נאָר אַ גערעכטער פאַרלאַנג, אַז די לעבנס־פראַגן פון ניין מיליאָן דירעקט באַרירטע אידן זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דעם תּחום פון דער פּאָליטיק פונם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל, ווי די פּוילישע אָדער אוקראַינישע, לעטישע אָדער ארמענישע פראַגע. דערביי איז די אידנפראַגע נישט נאָר אַ אייראָפּעאיש פּראָבלעם, זי איז אַ וועלט־פראַגע, וועלכע שניידט זיך טיף אַריין אין די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון אַ סך מדינות.

די דערמאָנטע אויפגאַבן פון דעם סאָציאַליזם און פון דער דעמאָקראַטיע לגבי דעם אידישן פאָלק, כאָטש זיי ווייזן זיך אויס אַלס זעלבסטפאַרשטענדלעך, מוזן דייטלעך פאָרמולירט ווערן, ווייל ביז איצט האָט געהערשט אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אַ קאָנצעפּציע פון דער אידנפראַגע, וועלכע איז געשטאַנען ממש אין אַ סתירה צו די לעבנסבאַדערפענישן פון די אַרבעטנדע מאַסן פון דעם אידישן פאָלק. מען האָט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בנוגע דער אידישער פראַגע זער אָפט איבערגענומען קריטיקלאָז די בירגערלעך־ליבעראַלע אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע. מיר האָבן געזען, אַז די דאָזיקע טענדענץ איז אַ רעזולטאַט פון דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן צוטריט פון דער אידישער בורזשואַזיע צו די הערשנדע קלאַסן פון איר אינטערעסן־ספערע. אַז די אַסימילאַציע האָט שפּעטער פאַרכאַפּט די פונם אידישן בירגערטום אַרויסגעגאַנגענע אינטעליגענץ און דורך איר משפּיע געווען אויך אויף די התחלות פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ענדערט נישט דעם פאַקט פון איר פּלוטאָקראַטישן מהות און כאַראַקטער. דער קאַמף פאַר דער „בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע" פון די אידן, אין וועלכן עס האָבן זיך אויך באַטייליקט די סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער, האָט זיך מיט דעם אויפשטייגן פון די אידישע פאָלקסמאַסן און מיט דער פּאָליטישער אַריינמישונג פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע פון די אידן. ס׳איז נישט קיין צופאַל, אַז די חברים ד״ר דיאַמאַנד און ד״ר ליבערמאַן, מיטגלידער פון דעם פּוילישן סאָציאַלדעמאָקראַטישן קלוב אין דעם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט די רעאַקציאָנערסטע פאַרטרעטער פון דער אידישער פּלוטאָקראַטיע אין גאַליציע צו אַן אַסימילאַטאָרישער דעקלאַראַציע איבער דער פּויליש־אידישער פראַגע. די קאָאַליציע איז ממש סימבאָליש און וואַרפט

אין דעם עצם פֿון דער פֿאָלקספֿרעמדער ריכטונג. דערפֿאַר ערוואַרטן מיר פֿון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל די אויסדריקלעכע אנערקענונג פֿון דעם רעכט פֿון דעם אידישן פֿאָלק אויף באַשטאַנד און אַנטוויקלונג, ווי אויך אויף שוץ קעגן אויפֿגעצוואונגענע אַסימילאַציע.

כּדי צו קאָנען אויפֿהויבן איר קול פֿאַר דעם נאַציאָנאלן רעכט פֿון די אידן, מוז די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-פֿאַראייניקונג צום אויסדרוק ברענגען אין איר אייגענער אָרגאַניזאַציע די אַכטונג צו דער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט פֿון די אידן. אין די פֿאַרטרעטונגס-קערפּערשאַפֿטן פֿון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל מוז מען אנערקענען דאָס רעכט פֿון דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט אויף אַ *נאַציאָנאַלער סעקציע*, פּונקט ווי פֿאַר אַנדערע פֿעלקער, וועלכע האָבן נישט קיין שטאַטלעכע זעלבסטשטענדיקייט אָדער זיינען אונטערגעוואָרפֿן עטלעכע רעגירונגען. אין דעם באַשלוס (פֿון 4 מערץ 1906) בנוגע דער פֿאַרטרעטונג ביי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן און אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ ווערט אַלס *נאַציע* באַצייכנט אַ באַפֿעלקערונגס-גרופּע „וועמעס שטרעבן צו זעלבסטשטענדיקייט און גייסטיקער איינהייט דאַרפֿן באַטראַכט ווערן אַלס פּועל-יוצא פֿון אַ לאַנגדויערנדער היסטאָרישער טראַדיציע, מעג זי שטיין אונטער איינער אָדער עטלעכע רעגירונגען". די פֿאַרפֿאַסער פֿון דער פֿאָרמול האָבן דערביי זיכער נישט געקלערט וועגן דעם אידישן פֿאָלק, אָבער עס קאָן קוים געלייקנט ווערן, אַז זי באַגרינדעט אויך פֿאָרמעל אַ אידישע סעקציע אין דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל. די צוגעהעריקייט פֿון די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו דער סעקציע דאַרף מען נישט אָפּהענגיק מאַכן פֿון זייער בליק אויף דער אידנפֿראַגע, ווי לאַנג זיי זיינען נישט סותר די אַלגעמיינע פּרינציפּן פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. אויב ס'וועט נישט מעגלעך זיין ביי די ערשטע שריט פֿון ווידעראויפֿשטעלן די אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרבינדונגען דורכצופֿירן די דרינגענדע רעפֿאָרם, דאַן מוז פֿאַר יעדן פֿאַל אַ *באַזונדערע דעלעגאַציע* פֿון די אידישע סאָציאַליסטישע און געווערקשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס זיך באַטייליקן אין די באַראַטונגען פֿון די סאָציאַליסטישע און אַרבעטער-פּאַרטייען פֿון אַלע לענדער איבער דער שלום-אַקציע פֿונם פּראָלעטאַריאַט, סיי אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ, אָדער ביי אַ אויסעראָרדענטלעכן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס. נאָר אַזאַ מין באַזונדערע פֿאַרטרעטונג פֿון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע לענדער וועט קאָנען אינפֿאָרמירן דעם אינטערנאַציאָנאַל וועגן דער לאַגע און די פֿאָדערונגען פֿון דעם אידישן פֿאָלק אין די פֿאַרשיידענע לענדער. און נאָר די ווילנס-דעמאָנסטראַציע פֿון אַזאַ מין ברייטער אידישער פֿאַרטרעטונג קאָן זיין דער יסוד פֿאַר אַ פּאָליטישער אַקציע פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

די האָפֿנונגען פֿון דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט זיינען פֿאַרבונדן מיט דער שלום-אַקציע פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. די מלחמה האָט באַוויזן, אַז די אַרבעטנדע מאַסן אין קריג ווי אין פֿרידן בילדן דעם אומבאַדינגט נויטיקן פֿונדאַמענט פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿון איר מלוכה-

שער אָרגאַניזאַציע. אָן דער באַטייליקונג פון דעם פראָלעטאַריאַט, נישט נאָר אויף די שלאַכטפעלדער, נאָר אויך אין די קוילנגרובן און מעטאַלורגישער פראָדוקציע, אין קאָמוניקאַציע און אין דער פראָדוקציע פון קריגס-מיטלען, איז נישט דענקבאַר די מאָדערנע מלחמה-פירונג. אויף דער דאָזיקער אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט באַזירט די אומבאַזיגבאַרע מאַכט פון דער אַרבעטער-שאַפט. זי וועט זי סוף-כל-סוף אויסנוצן אין דעם זין פון פרייהייט, מענטשלעכקייט, און פון אַ באַלדיקן שלום, וועלכער האָט נישט אין זיך קיין זריעה צו נייע פעלקער-קאָנפליקטן. דאָס קאָן נאָר דערגרייכט ווערן, ווען מען וועט דעם פעלקער-פאַרשקלאַפנדן אימפעריאַליזם אַנטקעגנשטעלן די פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויף דעם יסוד פון פרייער זעלבסט-באַשטימונג און דעמאָקראַטישן רעכט. דער סאָציאַליסטישער שטאַטן-בונד קאָן נאָר זיין אַ פעדעראַציע פון פרייע און גלייכע פעלקער.

האַאַג, אין נאָוועמבער 1915.

פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

הקדמה צו אַ געזעץ־פּראָיעקט פון נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

עס קאָנען זיין חלוקי דעות אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-וועלט וועגן די סיבות פון דער וועלט-מלחמה. אַ טייל זעען איינעם פון די טרייבנדע כחות פון דער מלחמה — נעבן דער אימפּעריאַליססישער קנאה-שנאה פון די קאַפּיטאַליסטישע גרויס-מלוכות — אין דער שטרעבונג פון די אונטערדריקטע, צוברעקלטע, פון מעכטיקע שכנים אין שטענדיקער סכנה געהאַלטענע פעלקער צו פולער זעלבסטבאַשטימונג. אַנדערע באַטראַכטן דעם צובושעווען פעלקער-קאַמף לויט סיבה און צוועק אַלס אַ ריין אימפּעריאַליסטישן געראַנגל. אָבער אויך זיי לייקענען נישט, אַז דער קריג האָט וויִדער אויפגעוועקט די אַלטע נאַציאָנאַלע תּביעות און אויפגעהויבן זיי צו דער מדרגה פון פּאָליטישע פראַגן, וועלכע מוזן אומבאַדינגט פאַרענטפערט ווערן.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל שטייט איצט, ביי דער אויסאַרבעטונג פון זיין שלום-פּראָגראַם, פאַר דער אויפגאַבע צו געבן אַ תּשובה אויף די לעבנס-פראַגן פון די פעלקער, וואָס האָבן אָנגעוואוירן זייער פרייהייט און וואָס זייער קיום איז אין סכנה. ווי איינפאַך דאָס זאָל נישט אויסזען אויפן ערשטן בליק, אויפן גרונד פון די פּרינציפּן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, אַזוי שווער איז פונדעסטוועגן די פּראַקטישע פאַרענטפערונג. קודם כל דערפאַר, ווייל די נאַציאָנאַלע פראַגע איז בעיקר אַקטועל אין מזרח- און דרום-מזרח-אייראָפּע און אין נאָענטן מזרח — אין רוסלאַנד, עסטרייך-אונגאַרן, אין די באַלקאַן-לענדער און דער טערקיי — אַלזאָ אין מלוכות, וואָס זייערע באַדינגונגען זיינען זער פאַרשיידן פון די אין מערב-אייראָפּע און ווינציק באַקאַנט דער מערהייט פונם אינטערנאַציאָנאַל. והשנית, אויך דערפאַר, ווייל די נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין אָט די מדינות איז אין משך פון די לעצטע יאָרצענדליקער, אונטער דער השפּעה פון די מאַסן פונם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָבן זיך אין איר באַטייליקט, דערגאַנגען צו נייע פאָרמען פון זיכערן די נאַציאָנאַלע זעלבסטרעגירונג, פאָרמען, וועלכע זיינען ס׳רוב נאָך נישט אויספּראָבירט. כדי צו פאַרשטיין דעם פּראָיעקט פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע מיר פאַרלאַנגען פאַר די אידן אין די לענדער, וואו זיי שטרעבן צו דערהאַלטן זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן,

איז נויטיק אַ איבערבליק איבער די מעטאָדן צו פאַרענטפערן די נאַציאָנאַלע פראַגע, וועלכע ווערן דיסקוטירט אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די נאַציאָנאַל-געמישטע מלוכות.

מען דאַרף אונטערשיידן דריי פאָרמען פון נאַציאָנאַלער אַליין-רעגירונג:

א) די אומאָפּהענגיקע (סואווערענע) נאַציאָנאַל-מלוכה;

ב) די פעדעראַטיווע נאַציאָנאַליטעטן-מלוכה, אָדער די נאַציאָנאַל-טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע;

ג) די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

די סואווערענע נאַציאָנאַל-מלוכה. די טראַדיציאָנעלע פּאָליטיק פון דעם אינטערנאַציאָנאַל שטיצט זיך אויף דער אָנערקענונג פון די רעכט פון יעדער נאַציע אויף אַן אייגענע זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע מדינה. „בשעת דער קאַפּיטאַליסטן-קלאַס שטרעבט צו אַ גרויסער, פון איין נאַציע באַהערשטער נאַציאָנאַליטעטן-מלוכה, האָט דער אַרבעטערקלאַס איבערגענומען דעם אַלטן בירגערלעכן געדאַנק פון דער פרייער נאַציאָנאַל-מלוכה" (אָטאָ בויער). די אָפּטע מאַניפעסטאַציעס פון דעם אַלטן און נייעם אינטערנאַציאָנאַל פאַר דער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט פון די אונטערדריקטע פעלקער זיינען אַלגעמיין באַקאַנט און דאַרפן דאָ נישט ציטירט ווערן. אין דער לעצטער צייט האָבן די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין עסטרייך, פּרייסן און רוסלאַנד (די רעוואָלוציאָנערע פראַקציע) אָנגענומען דעם פּרינציפּ אָן שום רעזערוואַציעס. „דער זין און די פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע באַשטייען אין דעם, אַז יעדעס פאָלק, וואָס וואוינט אויף אַ באַשטימטער טעריטאָריע און איז דורך שפּראַך, כאַראַקטער און היסטאָרישן גורל פאַרבונדן אין זיין באַוואוסטזיין צו אַ נאַציע, מוז באַזיצן זיין אייגענע מלוכה-אָרגאַניזאַציע" (דענקשריפט פון די דעלעגאַטן פון פּ. פּ. ס. אין דעם אינטערנ. סאָצ. ביוראָ צו דער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ פון די נייטראַלע לענדער אין האַאַג, 1916). „בתוך אַזאַ נאַציאָנאַלער מלוכה איז מעגלעך די פולע, נישט בלויז פאָרמעלע, נאָר אויך ווירקלעכע און ווירקזאַמע דעמאָקראַטיע" (ק. קויטסקי: נאַציאָנאַלשטאַט, אימפּעריאַליסטישער שטאַט און שטאַטן-בונד). אַלס ראַציאָנאַלסטע לעזונג פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם ווערט בכן גערעכנט די שטאַטלעכע זעלבסטשטענדיקייט. אָבער די החלטות פון דעם אויסעראָרדענטלעכן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין באַזעל (1912), דער געמיינזאַמער מאַניפעסט פון די באַלקאַנישע סאָציאַליסטן, פון די אַרמענישע און אידישע סאָציאַליסטן אין ארץ-ישראל (פּועלי-ציון) קעגן דער באַלקאַן-מלחמה, און צום סוף די נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד און עסטרייך, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרן אין די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער, באַווייזן אַ קלאָרע אַנטוויקלונג צום געדאַנק פון דעם פעדעראַליסטישן שטאַטן-בונד אָדער נאַציאָנאַליטעטן-פעדעראַציע.

די נאציאנאליטעטן-מלוכה.

פארשיידענע סיבות האבן גורם געווען צו אט די עוואלוציע-אויסרעכענונגען פון צוועקמעסיקייט און אויספירבארקייט, ווי אויך די פאקטן פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג. די אבסאלוטע פארווירקלעכונג פון דעם פרינציפ פון שטאטלעכער אומאפהענגיקייט פאר יעדער נאציע וואלט געמיינט דאס אפרייסן פון גרויסע טעריטאריעס פון א סך אייראפעאישע מדינות, אפילו דאס פאנאנדערפאלן זיך פון גרויסע מלוכות. ווארום די גרענעצן פון די אייראפעאישע מדינות שניידן זיך אריין אין דעם קערפער פון א סך נאציעס. באגנוגענען מיר זיך מיט פאלגנדע ביישפילן. די פאלאקן זיינען צוריסן אין דריי חלקים פון רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך; די אוקראינער זיינען צוטיילט צווישן רוסלאנד, עסטרייך און אונגארן; די רומענער פארמאגן גרויסע טיילן פון זייער פאלק מחוץ פון זייער לאנד, אין רוסלאנד, עסטרייך און אונגארן; די סערבא-קראאטן זיינען דעסגלייכן צוברעקלט איבער פיר מדינות — סערביע, באסניע, עסטרייך און אונגארן. אין אלע אויסגערעכנטע מדינות זיינען פאראן גרעסערע אדער קלענערע חלקים פונם אידישן פאלק. פון דער אנדערער זייט וואוינען אין די גרענעצן פון רוסלאנד, עסטרייך, אונגארן, טערקיי פארשיידענע נאציעס, און אין אזעלכע מאסן, אז די פירנדע, ד. ה. די הערשנדע נאציעס פון אט די אימפעריעס מאכן אויס אפילו נישט א העלפט פון דער באפעלקערונג.

אין רוסלאנד האט מען געשאצט אינם יאר 1908 (אויפן יסוד פון דער פאלקסציילונג פון 1897) די גרויס פון די וויכטיקסטע פעלקער: רוסן 66 מיליאנען, אוקראינער — 27, פאלאקן — 9, ווייסרוסן — 7, אידן — 6, פינען (אין פינלאנד) — 3, דייטשן — 2, ליטווינער — קרוב צו 2, לעטן — 1,5, ארמענער — 1,5, גרוזיער—1,5, טערקיש-טאטערישע פעלקער — 15 מיליאנען. די אנווענדונג פון דעם פרינציפ פון נאציאנאל-שטאטלעכער אומאפהענגיקייט וואלט באדייט פאר רוסלאנד — פארלירן אלע מערב-פראווינצן ביז צום דניעפר, כמעט אין גאנצן אפגעשניטן ווערן פונם באלטישן ים, אפזאגן זיך פון א גרויסן טייל פונם שווארצן ים-ברעג און פון קאווקאז, שוין נישט צו רעדן פון די גיגאנטישע טעריטאריעס צו מזרח-זייט פון וואלגע און אין אזיע. אזא איבערבוי וואלט נישט נאר געווען א ערשיטערונג פון דער רוסישער אימפעריע, נאר אויך א איבערקערעניש אין די לעבנס-באדינגונגען פון דעם רוסישן פאלק, וועלכע קאנען נישט אויסגעפירט ווערן אן א קאמף אויף לעבן און טויט.

אין עסטרייך לעבן 10 נאציעס, זייער צאל אין מיליאנען: דייטשן— 9,5; טשעכן — 6,5; פאלאקן — 4,2; אוקראינער — 3,5; אידן — 1,3; סלאווענן — 1,25; סערבא-קראאטן — 0,8; איטאליענער — 0,8; רומענער — 0,3. די אפיציעלע סטאטיסטיק גיט אן אנדערע צאלן, ווייל די אידן ווערן נישט געציילט אלס א פאלק און ווערן צוגערעכנט אין גאליציע צו די פאלאקן, אין מערב — צום גרעסטן טייל צו די דייטשן.

אין אונגארן לעבן 8 נאציעס צוזאמען, דהיינו: אונגארן (מא-

דיאַרן) — 9,1 מיליאָנען; רומענער — 3; אוקראַינער — 0,5; דייטשן — 2; סלאָוואַקן — 2; קראָאַטן — 1,8; סערבן — 1,1; אידן — 0,9; אַנדערע— 0,5 מיליאָנען. אויך דאָ ווערן די אידן נישט געציילט אַלס באַזונדערער פאָלקס־שבט, נאָר צוגערעכנט צו די אונגאַרן, וועלכע דערגרייכן אויף אַזאַ אופן אַ קנאַפּע אַבסאָלוטע מערהייט.

אין דער טערקיי לעבן אַראַבער, טערקן, גריעקן, אַרמענער און אידן. ס'איז נישטאָ קיין גענויע באַפעלקערונגס־סטאַטיסטיק.

די מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט, ווי אויך די נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון אַלע אויפגעציילטע נאַציאָנאַליטעטן און פאָלקסטיילן וואָלט פאַקטיש דערפירט צו דעם פאַנאַנדערפאַל פון די אָנגערופענע מלוכות אָדער זייער אָפּטיילונג אין קליינע מלוכהשע קערפּער. דערביי וואָלטן, למשל, די דייטשן פון עסטרייך, די טשעכן און די מאַדיאַרן אָנגעוואוירן דעם צוגאַנג צום אדריאַטישן ים.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען געמוזט דערמיט רעכענען, אַז די קאָנסעקווענטע דורכפירונג פון דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע מלוכות וואָלט געעפנט אַ תקופה פון בלוטיקע מלחמות. ווייל די פאַרענטפערונג פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע פראַגן וואָלט געווען נישט דענקבאַר אָן דעם שאַרפסטן ווידערשטאַנד פון די נאַציאָנאַליטעטן־שטאַטן און פון די נאַציעס, וועמעס „באַזיץ" דאַרף רעדוצירט ווערן. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט נישט געוואָלט גיין אויף אַזאַ קריגערישן וועג, כּדי צו באַפרייען די אונטערדריקטע פעלקער, ווייל ער האָט נישט ערוואַרט פון אַזאַ אַלגעמיינעם צוזאַמענשטויס פון די אייראָפּעאישע פעלקער און מלוכות קיין נצחון פאַר דער זאַך פון דער פרייהייט, נאָר אַן אַלגעמיינע פאַרקלענערונג פון דער מאַכט פון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע און אַ באַפעסטיקונג פון דעם מיליטאַריזם און אימפּעריאַליזם אין אַלע לענדער. אַזוי האָט זיך פאַרשטאַרקט דער געדאַנק אויסצוקעמפן די זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די אונטערדריקטע פעלקער אין די גרענעצן פון די באַשטייענדע נאַציאָנאַליטעטן־מדינות. די פאַראייניקונג פון די פּאָליטיש־צוטיילטע נאַציעס וואָלט דאַן פאַרווירקלעכט געוואָרן אַלס פּועל־יוצא פון דער בילדונג פון אַ דעמאָקראַטישן אייראָפּעאישן שטאַטן־בונד.

די טאַטזאַכן פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג האָבן געווירקט אין דער גלייכער ריכטונג לטובת אַ פעדעראַליסטיש־דעמאָקראַטישן נאַציאָנאַליטעטן־בונדעסשטאַט. אין עסטרייך אַזוי גוט ווי אין רוסלאַנד האָט די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג שטאַרק געאייניקט און צוזאַמענגעגאָסן די איינצלנע נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס. פּוילן איז אין אַ געוויסן זין געוואָרן דער וואָרשטאַט פון דער רוסישער מלוכה. דעסגלייכן ווי דאָס ס'רוב טשעכישע לאַנד באַהעמיע איז געוואָרן דער העכסט אַנטוויקלטער אינדוסטריע־שטח פון עסטרייך און אונגאַרן. די מיט געוואַלט איינגענומענע טעריטאָריעס פון די פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן, וואָס זיינען אַמאָל געלעגן איינע נעבן דער אַנדערער ווי פאַרמלאָזע, רויע מאַסן, זיינען צוזאַמענגעוואַקסן צו איין עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, וואָס זיינע גלידער זיינען פאַרבונדן איינס מיטן

אַנדערן דורך טויזנטער פעדעם פון פּראָדוקציע, סחורות-אויסבייט און קאָמוניקאַציע. נישט איין פּאָלק אין עסטרייך אָדער רוסלאַנד וואָלט דורך שטאַטלעכע צוטיילונג אַנגעוואוירן די מעלות פון באַלאַנגען צו אַ גרויסן, קויף-פעאיקן, ווירטשאַפטלעכן שטח, גראָד אַזוי ווי דעם פרייען צוגאַנג צו די פאַרקערס-אַרטעריעס פונם ים. „דער צענטראַליזירנדער כח פון דעם עקאָנאָמישן מלוכה-לעבן באַצווינגט אויך די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען (זעמקאָווסקי, רוסלאַנד אַלס נאַציאָנאַליטעטן-שטאַט, „נייע צייט", 1915).

די פעדעראַטיווע נאַציאָנאַליטעטן-מלוכה אָדער די טעריטאָריאַל-נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. די נייע נאַציאָנאַלע פּראָגראַמען פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די נאַציאָנאַל געמישטע מלוכות שטיצן זיך דעריבער נישט מער אויפן געדאַנק פון דער מלוכהשער סאָוועראַניטעט פאַר די איינצלנע נאַציעס, נאָר אויף דעם געדאַנק פון דער ברייטסטער אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַל אָפּגעגרענעצטע טעריטאָריעס. דעם אָנהויב האָט געמאַכט די עסטרייכישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע מיט איר ברינער פּראָגראַם (1889). ער באַזירט נישט אויף דעם גרונד-פּרינציפּ פון דער נאַציאָנאַל-שטאַטלעכער זעלבסטשטענדיקייט. דער פּאַרטייטאָג האָט נאָר ערקלערט „פייערלעך, אַז ער אנערקענט דאָס רעכט פון יעדער נאַציאָנאַליטעט אויף נאַציאָנאַלן באַשטאַנד און אַנטוויקלונג". די פאָרמען פון דער נאַציאָנאַלער אָפּגרענעצונג און זעלבסטפאַרוואַלטונג זיינען באַשטימט געוואָרן לויט די פאָלגנדע ריכטליניעס:

א) עסטרייך דאַרף איבערגעבויט ווערן אין אַ דעמאָקראַטישע פעדעראַטיווע נאַציאָנאַליטעטן-מלוכה.

ב) אנשטאט די היסטאָרישע קרוין-לענדער ווערן איינגעפירט נאַציאָנאַל אָפּגעגרענעצטע אויטאָנאָמיע-טעריטאָריעס; זייער געזעצגעבונג און פאַרוואַלטונג ווערט באַזאָרגט דורך נאַציאָנאַלע קאַמערן, געקליבן אויפן יסוד פון דעם אַלגעמיינעם, גלייכן און דירעקטן וואַל-רעכט.

ג) אַלע אויטאָנאָמע טעריטאָריעס פון איין און דער זעלבער נאַציע פאַראייניקן זיך אין איין נאַציאָנאַל-איינהייטלעכן פאַרבאַנד, וועלכער באַזאָרגט זיינע נאַציאָנאַלע ענינים פולשטענדיק אויטאָנאָם.

ד) דאָס רעכט פון די נאַציאָנאַלע מיעוטים ווערט גאַראַנטירט דורך אַ באַזונדער געזעץ, וואָס דער פּאַרלאַמענט פון דער גאַנצער מדינה דאַרף אַרויסגעבן.

אויף יסודות ענלעך צו די דאָזיקע האָבן זיך געשטעלט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד. די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אינם יאָר 1907 פאַרביטן די אַלטע פאָדערונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן מיט דער פאָדערונג פון דער אויטאָנאָמיע פון פּוילן אין די גרענעצן פון רוסלאַנד (צוליב דעם האָט זיך די פּוילישע פּאַרטיי געשפּאָלטן אין „רעוואָלוציאָנערע פראַקציע" און „לינקע"). אויך די ליטווישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט לכתחילה פאַרלאַנגט די אויפטיילונג פון רוסלאַנד און די שאַפונג פון אַ „זעלבסטשטענדיקער דעמאָקראַטישער מדינה, וואָס באַ-

שטייט פון ליטע, פוילן, אוקראַינע, און אַנדערע לענדער, צוזאַמענגעבונדן אויף פעדעראַטיווע יסודות". אינם יאָר 1907 האָט זי זיך אין איר נייעם פּראָגראַם געשטעלט אויף דעם באָדן פון דער אויטאָנאָמיע פון ליטע אין די גרענעצן פון דער רוסישער מלוכה. אויך ביי די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד האָט דער געדאַנק פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג געפונען אַ אויסדרוק אין דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

איר גרונדגעדאַנק איז, אַז יעדער נאַציאָנאַליטעטן-שטאַט מוז אויפסניי איינגעטיילט ווערן אין נאַציאָנאַל-איינהייטלעכע טעריטאָריעס, וועלכע פּאַרוואַלטן זיך אַליין. דער פּאַרלאַמענט פון דער גאַנצער מלוכה באַשליסט אין די אַלגעמיינע מלוכהשע ענינים, די נאַציאָנאַלע אָנגעלעגנהייטן ווערן באַזאָרגט פון יעדן פאָלק אין זיין נאַציאָנאַלן סיים אויטאָנאָם. אין דער פּאָליטישער פּראַקטיק איז די טעריטאָריאַלע נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמיע בלויז אַ פראַגע פון פּאַרוואַלטונגס-אויטאָנאָמיע; נאָר מיט דעם חילוק, אַז די פּאַרוואַלטונגס-איינהייטן (פּראָווינצן, קאַנטאָנס, דעפּאַרטאַמענטס, שטאַטן, גראַפשאַפטן) ווערן פאָרמירט אין דעם פאַל לויט עטנאָגראַפישע אָדער שפּראַכלעך-נאַציאָנאַלע סימנים.

די באַציאונגען צווישן די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען צו דער מלוכה, ווי אויך צווישן די נאַציאָנאַלע קאַמערן און דעם מלוכה-פּאַרלאַמענט פאַרשאַפן נישט קיין אַנדערע און נישט קיין גרעסערע שוועריקייטן ווי יעדע פעדעראַטיווע מלוכה-קאָנסטיטוציע (למשל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אין בריטישע דאָמיניעס אָדער אין דער שווייץ).

דאָס פּראָבלעם פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אָבער אויך די טעריטאָריאַלע נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמיע נויטיקט זיך אין קאָרעקטורן. ווייל ביי דער גענויסטער אָפּגרענעצונג פון די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען איז עס אוממעגלעך צו שאַפן נאַציאָנאַל אַבסאָלוט איינהייטלעכע, איינשפּראַכיקע דיסטריקטן. ס'איז נישט אויסצומיידן, אַז אין יעדן אויטאָנאָמען ראַיאָן וועלן פאַרבלייבן מינדערהייטן פון אַן אַנדערער נאַציאָנאַליטעט, ווייל די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פאַררוקט די נאַציאָנאַלע גרענעצן, שאַפט אַ שטראָם פון אַרבעט-זוכנדע פּראָלעטאַריער, וועלכע וואַנדערן פון זייער עקאָנאָמיש ווייניקער געבענטשטער היים אין די שכנותדיקע פרעמדשפּראַכיקע ראַיאָנען און באַזעצן זיך דאָרט. אַזוי וואַקסט די פּוילישע מינדערהייט אינם דייטשן וועסטפאַלן, די טשעכישע – אין ווין און דייטשער באָהעמיע, די אוקראַינער דרינגען אַריין אין די אידיש-פּוילישע שטעט פון מזרח-גאַליציע, די לעטן – אין די אַמאָליקע דייטשע שטעט פון קורלאַנד. דערמיט זאָל נישט געזאָגט ווערן, אַז מ'קאָן בכלל נישט פעסטשטעלן קיין נאַציאָנאַלע גרענעצן. להיפּך, נישט קוקנדיק אויף דער אָרגאַניזירונג פון דער באַפעלקערונג און פון די דורך דעם קאַפּיטאַליזם אַרויסגערופענע וואַנדערונגען, קאָן מען אונטערשיידן אין יעדן נאַציאָנאַליטעטן-שטאַט נאַציאָנאַל-איינהייטלעכע קאָמפּאַקטע געגנטן, וועלכע קאָנען ווערן פּאַרוואַל-

טונגס-טעכניש אָפּגעגרענעצט און איינגעטיילט. דער ריינער טעריטאָריאַליטעט-פּרינציפּ פאַרענטפערט די פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר דער גרויסער מערהייט פון יעדער נאַציע, וועלכע זיצט אויף איר לאַנד אין קאָמפּאַקטע מאַסן. עס שאַפט אָבער נישט קיין שוץ קעגן דער נאַציאָנאַליזאַציע און דיסקרימינאַציע בנוגע נאַציאָנאַלע רעכט פאַר די פאָלקסטיילן, וועלכע זיינען אָפּגעריסן פון זייער נאַציאָנאַלער מאַסע און בילדן „שפּראַך-אינזלען" אין אַ נאַציאָנאַל פרעמדן ראַיאָן. נאָך וויניקער קאָן מען אָנווענדן די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע פאַר נאַציאָנאַל שטאַרק געמישטע באַצירקן אָדער פאַר נאַציעס, וועלכע זיינען אַזוי צעזייט, אַז זיי זיינען אַ מיעוט אין אַלע פאַרוואַלטונגס-קרייזן. די שוועריקייטן באַשטייען קודם כל אין די קאַנטן, וואָס ליגן אויפן גרענעץ צווישן צוויי פעלקער, וואו די שפּראַכלעכע צו-שיידונגס-ליניעס שניידן זיך אין אַ סך פּונקטן און די טעריטאָריעס פון די פאַרשיידענע פעלקער דעקן זיך אין זיגזאַגן. ווייטער זיינען די שטעט די מיטלפּונקטן פון אָט די מישונגען פון לשונות און ראַסן און דערפאַר פון דעם פּראָבלעם פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אַזוי, צ. ב., איז עס כמעט אוממעגלעך צו ציען אַ שפּראַכלעכן גרענעץ צווישן דייטשן און טשעכן אין מאָראַוויע, ענלעך זיצן געמישט דייטשן און סלאָווענען אין דעם דרום-טייל פון עסטרייך. ס'איז גענוג באַקאַנט, וואָס פאַר אַ פאַרפּלאָנטערטן קנויל עס בילדן סערבן, בולגאַרן, גרעקן און אידן אין מ אַ ק ע ד אָ נ י ע, אָדער בולגאַרן, גרעקן, טערקן און אידן צווישן דער מאַריצא און דעם באָספאָר. דער וויכטיקסטער באַפעלקערונגס-עלעמענט אין די ש ט ע ט פון דער א ו ק ר א י נ ע זיינען די אידן: אין דער עסטרייכישער אוקראַינע (מזרח-גאַליציע) בילדן זיי 38%, אין דער רוסישער אוקראַינע — איבער 40%, אין אייניקע גובערניעס (וואָלין, קיעוו) אפילו מער ווי 50% פון דער שטאָט-באַפעלקערונג. נעבן זיי וואוינען אין די שטעט פון מזרח-גאַליציע אוקראַינער, פּאָלאַקן און דייטשן, אין די שטעט פון קליינרוסלאַנד — רוסן, אוקראַינער, פּאָלאַקן. אין ל י ט ע און ו ו ייס ר ו ס ל אַ נ ד לעבט אַ אידישע מינדערהייט פון איבער 14%, אָבער די אידן בילדן די אַבסאָלוטע מערהייט אין די ש ט ע ט, אין וועלכע עס וואוינט חוץ דעם אַ פאַרביקער מישמאַש פון ליטווינער, פּאָלאַקן, רוסן און דייטשן. אין ק אָ נ ג ר ע ס - פּ ו י ל ן ציילט די אידישע מינדערהייט 15%, אָבער אין די שטעט זיינען די אידן צירקאָ 38%, אין מאַנכע גובערניעס — די העלפט פון דער שטאָטיקער איינוואוינערשאַפט, וועלכע באַשטייט אַחוץ דעם פון פּאָלאַקן, דייטשן, אוקראַינער.

די ביישפּילן באַווייזן מיט גענוגנדער דייטלעכקייט, אַז די איינטיילונג פון די נאַציאָנאַליטעטן-מלוכות אין נאַציאָנאַלע ראַיאָנען באַזייטיקט נישט אין גאַנצן די קאָנפליקט-שטחים צווישן די פעלקער, ווייל אין יעדן פון די דאָזיקע ראַיאָנען בלייבט אַ מיעוט, וועמעס פאָלקס-ברידער קאָנען אין דעם שכנותדיקן זעלבסטפאַרוואַלטונגס-ראַיאָן גריילעך זיין אין דער מאַיאָריטעט. קיין שום נאַציע וועט נישט מפקיר זיין איר אָפּגעשפּאַלטענעם חלק צו נאַ-

ציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט און אַסימילאַציע. זי וואָלט גענומען נקמה אָן דער מינאָריטעט אויף איר אייגענער טעריטאָריע, און דער קאַמף פון אַלע קעגן אַלע וואָלט זיך פונסניי אָנגעהויבן. באַזונדערס געפערלעך איז די לאַגע פון אַ מינאָריטעט, ווי די אידישע, וועלכע שטייט אומעטום אַנטקעגן אַ מאַיאָריטעט און קאָן נישט אַרויפצווינגען דעם פּרינציפּ פון קעגנזייטיקייט (רעציפּראָציטעט), ווייל זי האָט נישט קיין אייגענע אויטאָנאָמע פּראָווינץ.

די דאָזיקע טענה גילט נישט נאָר לגבי דער טעריטאָריאַלער נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמיע, נאָר אין אַ נאָך העכערער מאָס לגבי דער נאַציאָנאַלער מלוכה. ווייל בשעת דער באַשטימונג פון אירע גרענעצן רוקן אַרויס די בירגערלעכע פּאַרטייען היסטאָרישע אַזוי אָנגערופענע שטאַטסרעכטלעכע תביעות, וועלכע באַצוועקן אַנצושליסן צו דער נאַציאָנאַלער מלוכה פרעמד-נאַציאָנאַלע הערשאַפטס-טעריטאָריעס. אַזוי האָט זיך געענדיקט די באַלקאַן-מלחמה דערמיט, אַז סערביע, רומעניע און גריכנלאַנד האָבן געקריגן שליטה איבער בולגאַרישע מיעוטים; די רעסטאַווראַציע פון אונגאַרן האָט געפירט צו דער עטאַבלירונג פון דער העגעמאָניע פון אַ מאַדיאַרישער מינדערהייט איבער אַ מאַיאָריטעט פון רומענער, סלאָוואַקן, דרום-סלאַוון, דייטשן און אידן; די מערהייט פון די פּוילישע פּאַרטייען פאַרלאַנגען אַריינצונעמען אוקראַאינישע, ליטווישע און ווייסרוסישע געגנטן אין דאָס צוקונפטיקע פּוילן.

דער איבערבוי פון די נאַציאָנאַליטעטן מלוכות אין פעדעראַטיווע מלוכות, אין אַ פעדעראַציע פון נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגס-פּראָווינצן פּאָדערט על כּן אַ עיקרדיקע ערגענצונג — די גאַראַנטירונג פון די רעכט פון אירע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. — די פערטע טעזע פון דעם ברינער פּראָגראַם האָט שוין אין זיך אַ רמז דערויף. די פאַרענטפערונג פון דעם פּראָבלעם ווערט געזוכט אין אַ נייער פאָרם פון דעם נאַציאָנאַלן רעכט, וואָס זיכערט די עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג פון די פאָלקס-מינאָריטעטן, אומאָפּהענגיק פון דער טעריטאָריע.

די פערסאָנאַלע נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמיע. קאַרל רענער האָט אַלס ערשטער געקעמפט פאַר דעם שטאַנדפּונקט, „אַז די נאַציע אין איר געזעלשאַפטלעכן קיום, גאַנץ רעאַל באַטראַכט, איז אַ נאַציאָנאַלע גענאָסנשאַפט, אַז די נאַציע איז נישט באַהעפט צום לאַנד אָדער צו גשמיותדיקע אויסערלעכקייטן, נאָר צו דער פּערזאָן, אַז זי איז אין שפּראַך, קולטור און געשיכטע אַ געמיינשאַפט פון פּערזאָנען... אומעטום זעצט זיך דורך די פּערזאָנען-גענאָסנשאַפט קעגן דער אַלטער טעריטאָריאַלער קערפּערשאַפט, איר היסטאָרישער נצחון איז אַמבולטסטן אין דעם איבערבוי פון די רעליגיעזע מדינות און רעליגיעזע גענאָסנשאַפטן"... גראַד אַזוי ווי מען האָט גובר געווען דעם פּרינציפּ: cuius regio, eius religio (ווי דער שררה, אַזוי דער גלויבן), וואָס האָט פאַרוויסט גאַנצע מדינות — דורך דער סעפּאַראַציע פון דער אָרגאַניזאַציע פון די גלויבנס-געמיינשאַפטן פון דער טערי-

טאָריאַלער, שטאַטלעכער פֿאַרוואַלטונג, אַזוי פֿאָדערט די פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע צו געבן דאָס זעלבסטפֿאַרוואַלטונגס-רעכט אין נאַציאָנאַלע ענינים די נאַציע-געמיינשאַפֿטן, אומאָפּהענגיק פֿון זייערע טעריטאָריאַלע וואוין-באַדינגונגען.

אויף דעם ברינער פּאַרטייטאָג פֿון דער עסטרייכישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע (1899) האָבן די סלאַווענען פּראָקלאַמירט די פּערסאָנאַלע נאַציאָנאַל אויטאָנאָמיע אפילו אַלס די אַלגעמיינע פּאַרטייפֿאָדערונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. די מיינונג האָט אַ סך אָנהענגער. ס'איז נישט מעגלעך אין דעם צוזאַמענהאַנג צו באַהאַנדלען די פֿראַגע. בכלל שטייען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די נאַציאָנאַליטעטן-מדינות אויפֿן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם איז נישט בלויז אַ פֿראַגע פֿון די שפּראַכן-רעכט אין אַמט און שולע. עס איז שטאַרק פֿאַרבונדן מיט פֿראַגן פֿון ווירטשאַפֿט, קאָמוניקאַציע, באַזעצונג פֿון באַאַמטן-שטעלן א. א. וו., בקיצור, מיט דעם שטרעבן פֿון יעדער נאַציע צו באַזיצן אַ רעכטלעך געזיכערטע מאַכט-ספֿערע, ווי ווייט מעגלעך צו זיין אידענטיש מיט דער מלוכה און איר אָרגאַניזאַציע. מען זאָל אויך ווי ווייט מעגלעך אויסמיידן, וואו דאָס איז נישט אומבאַדינגט נויטיק, צו שאַפֿן אַ טאָפּלטע פֿאַרוואַלטונג — אַ שטאַטלעך-טעריטאָריאַלע און אַ נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע. אָבער עס הערשט כמעט אַן אַלגעמיינער הסכם דעריבער, אַז אין די גרענעצן פֿון דעם פֿעדעראַטיוון נאַציאָנאַליטעטן-שטאַט קאָנען די רעכט פֿון די מינדערהייטן, אַליין צו אָרדנען זייערע נאַציאָנאַלע הצטרכותן, דעסגלייכן אין שולע און אַמט, אַמבעסטן גאַראַנטירט ווערן דורכן פּערסאָנאַליטעטס-פּרינציפּ. אָטאָ בויער שלאָגט פֿאָר אין זיין באַקאַנטן בוך איבער דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אָנשטאָט די טעזע 4 פֿון דעם ברינער פּראָגראַם אָנצונעמען פֿאָלגנדע תּקנה: „די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די גרענעצן פֿון יעדער אויטאָנאָמער טעריטאָריע דאַרף מען קאָנסטיטואירן אַלס עפֿנטלעך-רעכטלעכע קערפּערשאַפֿטן, וועלכע זאָרגן לחלוטין אויטאָנאָם פֿאַרן שולוועזן פֿון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט און געבן רעכטשוץ זייערע פֿאָלקס-מיטגלידער אין די אַמטן און געריכטן".

ווי אַזוי עס זאָל דורכגעפֿירט ווערן אָט דער גרונדגעדאַנק אין דער פֿאַרוואַלטונגס-פּראַקטיק, האָבן מיר געפּרוּווט צו פֿאָרמולירן אין קאָנקרעטע תּקנות אין דעם געזעץ-פּראָיעקט פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסטפֿאַרוואַלטונג. ער איז בעיקר באַאיינפֿלוסט פֿון די פֿאַרוואַלטונגס-פֿאָרשלאָגן פֿון רענער. דער פּרינציפּ פֿון דער פּערסאָנאַלער נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמיע איז פֿון אַ באַזונדערער וויכטיקייט פֿאַר די אידן אין די נאַציאָנאַליטעטן-מלוכות, ווי רוסלאַנד אָדער עסטרייך; ווייל נישט קוקנדיק אויף זייערע קאָמפּאַקטע ישובים, ספּעציעל אין די שטעט פֿון מזרח-אייראָפּע, מאַכן אויס די אידן אין די פֿאַרשיידענע פֿאַרוואַלטונגס-ראַיאָנען נאָר מינדערהייטן פֿון 8% ביז 20% פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג.

הגם די נאַציאָנאַלע זעלבסטפֿאַרוואַלטונג לויט דעם פּערסאָנאַליטעטס-פּרינציפּ איז היינט נישט בנמצא אין אייראָפּע, אָדער נאָר פֿאַראיינצלט און

נאָר אין רודימענטן, אַזוי קאָן מען זי נישט באַטראַכטן אַלס אַ פּאָליטישן עקספּערימענט, ווייל זי האָט עקזיסטירט במשך פון יאָרהונדערטער אַלס די נאַציאָנאַלע קאָנסטיטוציע פון די אידן אין פוילן. דעסגלייכן איז די נאָך עקזיסטירנדע „מילעט"-קאָנסטיטוציע אין דער טערקיי (פאַר די אַרמענער איז זי בשעת דער מלחמה בטל געוואָרן) אַ דורכאויס פּראַקטישע, ווען אויך רע־ליגיעז געפאַרבטע פאָרם פון דער נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג. זי האָט נאַטירלעך נישט געקאָנט זיין עפעקטיוו אין די גרענעצן פון דעם אַלגעמיי־נעם אַטאמאַנישן רעזשים. אָבער פאַקטיש האָט זי ווירקזאַם געשיצט די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן פון דער טערקיי קעגן נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג און האָט שטאַרק פאַרקלענערט דעם נאַציאָנאַלן קאָנפליקט-שטח.

רעזומירנדיק קען מען זאָגן, אַז די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין זיי־ער מערהייט האַלטן דעם נאַציאָנאַל-שטאַט אָדער די פעדעראַציע פון אוי־טאָנאָמע נאַציאָנאַלע פּראָווינצן פאַר דער פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַ־לער פראַגע, אָבער אין די געמישטע גרענעץ-דיסטריקטן און צוליב דעם שוץ פון נאַציאָנאַלע מיעוטים דאַרף מען באַטראַכטן די פּערסאָנאַלע נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמיע אַלס אַ נויטיקע און גענוגנדע דערגענצונג פון די צוויי ערשטע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער זעלבסטרעגירונג.

האַאַג, מערץ, 1917.

פאַרשלאָגן צום שלום-קאָנגרעס.

צו דער פראגע פון א אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ-ישראל.

מעמאָראַנדום צו דער פערמאַנענטער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע.

I.

דער שלום-קאָנגרעס אָנערקענענדיק,

אַז דאָס לאַנדלאָזע אידישע פאָלק האָט אַ רעכט אויף דער פאַרזיכערונג פון זיין נאַציאָנאַלן קיום דורך דער ווידעראויפריכטונג פון זיין שטאַטס-לעבן; אַז אַלע פעלקער און באַזונדערס דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערקלאַס זיינען פאַראינטערעסירט צו זיכערן די וואַנדערנדע אידישע פאָלקסמאַסן אַ פלאַץ פון פרייער אַרבעט און עקאָנאָמישער באַנייאונג;

באַשליסט צו העלפן דעם אידישן פאָלק ווידעראויפצובויען ארץ-ישראל צו זיין נאַציאָנאַלער היים.

צו דעם צוועק ווערט ארץ-ישראל ערקלערט אַלס אומאָפּהענגיקער שטאַט, אונטער דער סוֹאווערעניטעט פונם פעלקערבונד, מיט גאַראַנטיעס פאַר זעלבסטשטענדיקייט, אינטעגריטעט און נייטראַליטעט.

II.

די גרענעצן פון ארץ-ישראל זיינען:

א) אין צ פ ו ן - ז י י ט — דער נהר זהרני (אין דרום פון צדון) ביז צו דער דרום-גרענעץ פון דער אויטאָנאָמער פראָווינץ לבנון מיט דעם ווילאַיעט בירות, דאַן די ליניע פון דער גרענעץ, זי שניידט דורך דעם טייך ליטאַני העכער פון גדידה (דזשעדיידא) און גייט קיין מזרח איבער חצביה (האַסבייאַ), דעם הר חרמון און מיט דעם נהר פרפר (נהר-אל-עוג), וואָס טיילט אָפּ דעם סאַנדזשאַק דמשק פונם סאַנדזשאַק חורן;

ב) אין מ ע ר ב - ז י י ט — דער מיטללענדישער ים צווישן 31^0 און 33^0 30 צפון-ברייט, דאָס איז פון על-עריש ביז צום פונקט, וואו דער טייך זהרני פליסט אין ים אריין;

ג) אין דרום-זייט — מיט מצרים: דער נחל מצרים (וואדי-על-ערִיש) אין אַ ליניע ביז דער אַלטער טערקיש-מצרישער גרענעץ אויפֿן ים-סוף; מיט אַראַביע: די אַדמיניסטראַטיווע גרענעץ צווישן דעם סאַנדזשאַק קעזאַק (קיר-מואָב) און העדזשאַס — פֿון עציון-גבר (אַקאַבאַ) איבער מען ביז צום מדבר;

ד) אין מזרח-זייט — די סורישע מדבר.

III.

ווערן פֿונם פֿעלקערבונד געשאַפֿן אָרגאַנען פֿאַר דער אַדמיני-סטראַציע פֿון טעריטאָריעס, וואָס זיינען אונטער זיין סואווערעניטעט, דאַן זאָל געגעבן ווערן דער פֿאַרטרעטונג פֿונם אידישן פֿאָלק (דערמאָנט ווייטער אונטער פּונקט VI) אַ פֿאַרשטייערשאַפֿט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָרגאַן פֿאַר דער אַדמיניסטראַציע פֿון ארץ-ישראל.

וועט דער פֿעלקער-בונד אָננעמען דעם סיסטעם פֿון מאַנדאַטאַרן (טראַסטיס) פֿאַר דער אַדמיניסטראַציע פֿון טעריטאָריעס אונטער זיין סואווערע-ניטעט, דאַן זאָל ביי דער וואַל פֿון דעם מאַנדאַטאַר פֿאַר ארץ-ישראל גע-הערט ווערן די באַפֿעלקערונג פֿונם לאַנד און די אידישע אָרגאַניזאַציעס, דערמאָנט אין אַרט. VI, די טראַסטישיפּ אָדער מאַנדאַטס-צייט סיי פֿון דעם פֿאַרוואַלטונגס-אָרגאַן פֿונם פֿעלקערבונד, סיי פֿון אַ טראַסטי, זאָל דויערן ביז דער אינם ערשטן פּונקט פֿון דעם טראַקטאַט אָנגעצייכנטער צוועק איז געזיכערט דורך אַ אידישער מערהייט אינם לאַנד; אָבער נישט לענגער ווי אַ צייט פֿון 50 יאָר. נאָך דער צייט ווערט ארץ-ישראל אַ סואווערענע רע-פּובליק.

VI.

די פֿונדאַמענטאַלע אויפֿגאַבע פֿון דער פֿאַרוואַלטנדער מאַכט (פֿון דעם אָרגאַן פֿונם פֿעלקערבונד אָדער פֿון דער טראַסטי-מאַכט) איז די דורכפֿירונג פֿון דעם צוועק אָנגעצייכנט אינם פּונקט I פֿון דעם טראַקטאַט, ווי אויך די שוץ פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פֿון דער אידישער און אַראַ-בישער נאַציע און פֿון די רעכט פֿון די אַנדערע נאַציאָנאַלע און רעלי-גיעזע געמיינשאַפֿטן אינם לאַנד.

V.

צו דער נישט געשטערטער און עפֿעקטיווער דורכפֿירונג פֿון דער דעקלאַראַציע פֿונם שלום-קאָנגרעס, בנוגע דעם ווידעראויפֿבוי פֿון ארץ-ישראל צו דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, זיינען נויטיק פֿאָלגנדע מיט-לען און גאַראַנטיעס: —

א) פולע פרייהייט פון איינוואנדערונג, פונם באזעצן זיך און פון באשעפטיקונג פאר די אידן פון אלע לענדער; יעדע באגרענעצונג, סיי פון אינדיווידועלן, סיי פון קאלעקטיוון כאראקטער, צוליב פאליטישע, נאציאנאלע, רעליגיעזע אדער עקאנאמישע טעמים איז נישט מעגלעך. די רעגולירונג און קאנטראל פון דער אידישער איינוואנדערונג אינם לאנד ווערט איבערגעגעבן אין די הענט פון אימיגראציע-ארגאנען, וועלכע ווערן איינגעזעצט פון דער פארטרעטונג פונם אידישן פאלק (דערמאנט ווייטער אונטער פונקט VI) און שטייען אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג.

ב) יעדער דערוואקסענער איד, מאן צי פרוי, וואס באזעצט זיך אין ארץ-ישראל האט א רעכט, נאכדעם, ווי ער וואוינט נאכאנאנד 6 חדשים אינם לאנד, נאטוראליזירט צו ווערן. די נאטוראליזאציע באציט זיך אויך אויף זיינע נישט פול-יעריקע פאמיליע-מיטגלידער. דערביי ווערט פארשטאנען, אז אלע איינוואוינער פון ארץ-ישראל, מענער און פרויען, איינגערעכנט די פערזאנען, וואס האבן פארלאזן דאס לאנד בעת דער מלחמה, צוליב רדיפות מצד דער אטאמאנישער רעגירונג, ווערן נאטוראליזירט אלס בירגער פון ארץ-ישראל לויט די אלגעמיינע כללים פונם שלום-טראקטאט בנוגע טעריטאריעס, וואס קומען אונטער א נייער סואווערעניטעט.

ג) אלע אינסטיטוציעס, ארגאניזאציעס און אונטערנעמונגען פאר די צוועקן פון דער אידישער קאלאניזירונג פון ארץ-ישראל געניסן אלע רעכט און פולע פרייהייט פון טעטיקייט אינם לאנד.

ד) די דורכפירונג פון עפנטלעכע אונטערנעמונגען, ווי קאמוניקאציע-מיטלען אויף ים און יבשה, עקספלואטאציע פון נאטירלעכע רייכטימער, באלייכטונג און וואסער-פארזארגונג, און אנדערע ארבעטן פון א כלל נוצלעכן כאראקטער, דארף די רעגירונג פון ארץ-ישראל צוערשט פארלייגן דער פארשטייערשאפט פון דעם אידישן פאלק (דערמאנט אונטער פונקט VI), דערביי זאל אפגעהיט ווערן דער פרינציפ פון נאציאנאלן אייגנטום איבער אלע אינדוסטריעלע און קאמוניקאטיווע אונטערנעמונגען פון א כלל-נוצלעכן כאראקטער.

ה) די ערד און די נאטירלעכע רייכטימער פון ארץ-ישראל ווערן נאציאנאליזירט; די ערד זאל, רעספעקטירנדיק די היינטיקע רעכט פון זעלבסטשטענדיקע פויערן און פון די דארף-קהלות, געגעבן ווערן אין פאכט אויף לאנגער צייט אדער בירושה.

עס זאל געבילדעט ווערן א קאלאניזאטארישער לאנד-רעזערוו פון די נישט באארבעטע, שטאטלעכע, פוסטע לענדערייען און פון אזעלכע אן לעגאלע בעלי-בתים, ווי אויך דורך דער ליקווידירונג פונם גרויסן ערד-באזיץ, וואס שטייגט איבער א באשטימטן מאקסימאלן שטח.

דער לאנד-רעזערוו זאל באנוצט ווערן סיי פאר דער קאלאניזאציע פון אידישע איינוואנדערער, סיי פאר דער איינלענדישער לאנדווירטשאפט-לעכער באפעלקערונג פון ארץ-ישראל, וואס האט צו ווייניק לאנד.

ביים אָנווענדן דאָס רעכט פון עקספּראָפּריאַציע מוזן די פריערע בעלי-בתים פון לאַנד קריגן אַ גערעכטע אָנטשעדיקונג. גראָד אַזוי זאָלן געשיצט ווערן די אינטערעסן פון די אַליין-אַרבעטנדע פּעכטער אויף די פונם לאַנד-רעזערוו איבערגענומענע ערד-שטחים. דהיינו, ס'מוז זיי געגעבן ווערן אַ חזקה-פּאַכט-רעכט אויף באַשטימטע מינימאַלע ערד-שטחים.

אַ א י ד י ש ע ר ל אַ נ ד - פ אָ נ ד, וואָס ווערט דערצו באַשטימט פון דער פאָרשטייערשאַפט פונם אידישן פאָלק (דערמאָנט אונטער פּונקט VI) און וועלכער באַזירט זיך אויף די פּרינציפּן פונם נאַציאָנאַלן ערד-אייגנטום, און פון לאַנג-דויערנדיקער פּאַכט, נעמט איבער די פאַרוואַלטונג פון דער ערד פונם לאַנד-רעזערוו, נאָכדעם ווי אַ לאַנד-קאָמיסיע איינגעזעצט פון דער רעגירונג פאַר דער דורכפירונג פון דער לאַנד-רעפאָרם, האָט געזאָרגט פאַר דער אָפּהיטונג פון דעם זין און צוועק פונם טראַקטאַט און פון די אינטערעסן פון דער אינלענדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג, — דער אידישער לאַנד-פאָנד האָט דאָס רעכט דורכצופירן אַלע אַרבעטן פון ערד-אויפשליסונג, אַמעליאָראַציע, איריגאַציע, אַנטוואַסערונג, באַוועלדערונג און אַלע אַנדערע אַרבעטן, וואָס זיינען נויטיק, כּדי די ערד זאָל טויגן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע.

ו) עס זאָלן איינגעפירט ווערן אין אַ ברייטער מאָס ס אָ צ י אַ ל-פּ אָ ל י ט י ש ע ג ע ז ע צ ן בנוגע די באַוועגונגס-פרייהייט פון די אַרבעטער, אַרבעטס-צייט, קוואַליפיצירטע-רעכט, היים-אַרבעט, אַרבעטער-, אַרבעטערינס און קינדער-שוץ, און סאָציאַלע פאַרזיכערונג. גראָד אַזוי זאָל ארץ-ישראל צוטרעטן צו אַלע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל-פּאָליטישע אָפּמאַכן, עס זאָל געזעצלעך באַשטימט ווערן אַ ש כ י ר ו ת-מ י נ י מ ו ם פאַר אַרבעטער אין פּריוואַטע און עפנטלעכע אונטערנעמונגען, בהסכּם מיט די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער אינם לאַנד.

VI

אַלס פ אָ ר ש ט יי ע ר ש אַ פ ט פ ו נ ם א י ד י ש ן פ אָ ל ק ווערט באַטראַכט די עקזעקוטיווע קערפּערשאַפט, אויסגעקליבן פון אַן אַלוועלטלעכן אידישן קאָנגרעס.

ביז דער אַלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס ווערט קאָנסטיטויִרט, זאָל די פאָרטרעטונג פונם אידישן פאָלק צייטווייליק צוזאַמענגעשטעלט ווערן פון פאָלגענדע אָרגאַניזאַציעס (אויף וויפיל זיי זיינען גרייט מיטצוווירקן דערביי):

1. פאַר אַמעריקע — פון דעם אַמעריקאַניש-אידישן קאָנגרעס;
2. פאַר רוסלאַנד — פון דעם קאָנגרעס פון די אידישע קהלות;
3. פאַר אוקראַינע — פון דעם אידישן נאַציאָנאַל-ראַט;
4. פאַר דער טערקיי — פון דער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג (מידזשעליסי אמומי);

5. פאר ארץ־ישראל – פון דער העכסטער קערפערשאפט פון דער אידישער נאציאנאלער אויטאנאמיע;

6. פאר אלע אנדערע לענדער – ווי פוילן, ליטע, ענגלאנד און אנדערע, – פון אנאלאגע דעמאקראטישע פארטרעטונגען פון דער אידישער באפעלקערונג פון די רעספעקטיווע לענדער;

7. פון דעם ציוניסטישן קאנגרעס.

VII

אלע איינוואוינער פון ארץ־ישראל אן חלוק פון גלויבן און נאציע, ווערט גאראנטירט פולע בירגערלעכע, פאליטישע און רעליגיעזע פרייהייט און גלייכהייט;

אלע פארוואלטונגס־ארגאנען – מוניציפאלע, קאנטאנאלע און אנדערע – זאלן אויפגעבויט ווערן אויף יסודות פון ווייטגייענדער דעמאקראטישער זעלבסט־רעגירונג.

VIII

ביידע פעלקער פונם לאנד, אידן און אראבער, ווערט גאראנטירט נאציאנאלע אויטאנאמיע אויפן יסוד פונם פערסאנאל־פרינציפ און נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג אין לאנד, קאנטאן און מוניציפאליטעט.

איר זיכערונג זאל געשען אויף פאלגענדע יסודות:

1. אלע נאציאנאלע ענינים ווערן ארויסגענומען פון דער קאמפעטענץ פון דער שטאטלעכער, קאנטאנאלער און מוניציפאלער געזעצגעבונג און פארוואלטונג און זיינען אונטערגעווארפן נאר דער קאמפעטענץ פון די ארגאנען פון דער נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג – נאציאנאל־קאמער, נאציאנאלע קאנטאנען און נאציאנאלע קהלות.

2. צו דער קאמפעטענץ פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע באלאנגט: די אנפירונג פון אלע אינעווייניקע נאציאנאלע ענינים; די אויסהאלטונג און אנפירונג פון דעם גאנצן שול־ און ערציאונגס־אפאראט, ווי אויך פון אלע אנשטאלטן פון קולטור, פאלקס־געזונט און פארזארגונג; די אויפגאבן פון סאציאל־עקאנאמישער פארזארגונג אויף וויפיל זיי ווערן נישט ערפילט פון שטאטלעכע ארגאנען; דאס משפטן אין ציווילע זאכן (דיני־ממונות) נאך אייגענעם רעכט ביי פראצעסן צווישן מיטגלידער פון איין נאציאנאלער געמיינשאפט, און, ווען נויטיק, דאס געבן פון יורידישער הילף צו די מיטגלידער פון דער נאציע פאר שטאטלעכע געריכטן און אמטס־אנשטאלטן.

3. די אדמיניסטראציע פון די וואקוף־לענדערייען (הקדש), זייער באנוצונג פאר די צוועקן פון אינעווייניקסטער קאלאניזאציע, ווי אויך די פאר־

וואַלטונג פון אַנדערע מחמדאַנישע פאָנדן אינם לאַנד איז די אויפגאַבע פון די אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פון די אַראַבער.

4. די נאַציאָנאַלע שפּראַכן פון די אידן און אַראַבער זיינען גלייכבאַרעכטיקט אינם לאַנד.

5. אַלע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע קהלות אינם לאַנד – ווי די קריסטלעך-אַראַבישע, אַרמענישע, גריכישע און אַנדערע — וועלכע בלייבן מחוץ פון דער אידישער און אַראַבישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, געניסן אויך ווייטער אַלע רעכט פון זעלבסט-פאַרוואַלטונג, וועלכע זיי האָבן געהאַט ביז אַהער אויפן יסוד פון דער מילעט- און דזשעמאַאַט-קאָנסטיטוציע פון דער אטאמאַנישער מלוכה.

IX

דער טייל פון דער העדזשאַס-באַן, וואָס שניידט דורך ארץ-ישראל צווישן דמשק און מען, ווערט געשטעלט, צוליב דער רעליגיעזער באַדייטונג פון דער העדזשאַס-באַן, אונטער דער בשותפותדיקער אַדמיניסטראַציע פון די רעגירונגען פון ארץ-ישראל, סוריע און אַראַביען.

X

די קאָנסטיטוציע פון ארץ-ישראל, גילטיק פאַר דער מאַנדאַטס-צייט, זאָל אויסגעאַרבעט ווערן פון דער פאַרוואַלטנדיקער מאַכט (אָרגאַן פונם פעלקערבונד, אָדער טראָסטי-מאַכט) בהסכם מיט דער אידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג פונם לאַנד, און מיט דער פאָרשטייערשאַפט פון אידישן פאָלק. די באַשטימונגען פון דעם טראַקטאַט מוזן אויפגענומען ווערן אלס אינטעגראַלער טייל אין דער קאָנסטיטוציע.

לאָנדאָן, מאַי, 1919.

רעדע אין לוצערן.

געהאלטן ביי דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ, אין אויגוסט, 1919. די רעדע הויבט זיך אָן מיט אַ קורצער ערקלערונג, אַז ביי דעם טייל פון דער פּאָליטישער רעזאָלוציע, וואָס איז נוגע די אָפּשאַצונג פונם ווערסאַלער טראַקטאַט און די אינטערווענץ אין רוסלאַנד, וועלן די פּועלי-ציון שטימען פאַרן טעקסט לאָנגע-הענדערסאָן, בנוגע דער נאַציאָנאַליטעטן-פראַגע — פאַר דער רעזאָלוציע רענאָדעל.

אין איין פונקט איז עס נויטיק צו שאַפן מער קלאָרקייט. עס ווערט אין דער רעזאָלוציע רענאָדעל גאַנץ ריכטיק געזאָגט, אַז די נייע אומאָפּהענגיקע מלוכות דאַרפן באַשטימען זייערע גרענעצן לויט עטנאָגראַפישע פּרינציפּן און אויפן יסוד פון פאָלקס-אָפּשטימונגען. מיר וואָלטן געוואונשן, אַז אין דער צווייטער רעזאָלוציע, וואָס פאַרלאַנגט די אָנערקענונג פון די נייע מדינות, זאָל קומען אַ בפירושער צוזאַץ, אַז אין די דאָזיקע שטאַטן, וואָס זיינען בהסכם מיטן סאָוועראַנעם ווילן פונם פאָלק, ווערן די גרענעצן באַשטימט ענדגילטיק אויפן יסוד פון אַ פּלעביסציט פון דער איינוואוינערשאַפט פון די לאַנד-טיילן, וואָס זיינען אַן אָביעקט פון מחלוקת. מיר אידן האָבן אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס אין דער פראַגע פון די גרענעצן צווישן די מלוכות פון די „ראַנד-פעלקער“ פונם אַמאָליקן רוסלאַנד. צוליב דער בילדונג פון די נייע מדינות ווערט צוריסן דער גרויסער בלאָק פונם אידישן זעקסמיליאָנען-פאָלק אין רוסלאַנד. מיר באַהאַלטן נישט דעם אמת, אַז די דאָזיקע צוררייסונג פאַרשאַפט אונז ווייטיק, וואָרום דאָס רוסישע אידנטום, ערפילט מיט די מאָדערנע אידעען פונם רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף און באַגייסטערט פון האָפענונגען אויף נאַציאָנאַלער רעגענערירונג, איז דער קערן פונם אידישן פאָלק. עס איז די טראַגיק פון אַ מינדערהייטס-פאָלק ווי דאָס אידישע, אַז עס מוז זיין באַדערפעניש פון איינהייט סובאָרדינירן די באַשטרעבונגען פון זיינע שכנישע פעלקער צו נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט. מיר באַגריסן, ווי מיר האָבן שטענדיק אָן באַגריסט דאָס שטרעבן פון די פּאָלאַקן, אוקראַינער, ליטווינער, ווייסרוסן, לעטן און עסטן צו נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, עס איז אָבער פאַר אונז אַ לעבנספראַגע, אַז די גרענעצן פון די נאַציאָנאַלע מלוכות זאָלן באַשטימט ווערן נאָך אַ

גערעכטן פרינציפ, כדי צוקונפטיקע קאָנפליקטן צווישן די דאָזיקע „קליינע" נאַציעס זאָלן נישט אויסגעקעמפּט ווערן אויפן רוקן פונם אידישן פאָלק, גראָד אַזוי ווי די וועלט־מלחמה איז געפירט געוואָרן אויפן רוקן פונם אידישן פאָלק און פון די אַנדערע גרענעץ־פעלקער פון רוסלאַנד און עסטרייך. די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט דאַרף מען ממלא זיין מיטן געדאַנק פון פרייער פעדעראַציע. דאָס אידישע פאָלק אין די „קליינע" נאַציאָנאַלע מלוכות וועט זיך שטענדיק איינשטעלן פאַר פאַרשטענדיקונג, בהסכם מיט די לעבנס־אינטערעסן פונם אידישן אַרבעטערקלאַס און פאָלק.

די נאַציאָנאַלע סואווערעניטעט בויטיקט זיך אין אַ צווייטער ערגענצונג — אין באַוואָרענישן פאַר די נאַציאָנאַלע מיעוטים, לויט די החלטות פון דער פערמאַנענטער קאָמיסיע אין אַמסטערדאַם. מיר פאָדערן, אַז די אַלע נאַציאָנאַלע שטאַטן, אויף וויפיל זיי האָבן אידישע מינדערהייטן, זאָלן זיי זיכערן דאָס רעכט פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אין אייניקע מלוכות, ווי צום ביישפּיל אין דער אוקראַינע, איז עס שוין געשען, און מיר אָנערקענען עס מיט דאַנק.

דער פּאַריזער טראַקטאַט בנוגע די רעכט פון מינדערהייטן באַפרידיקט אונז בשום אופן נישט, אָבער ער איז על כל פנים אַ אינטערעסאַנטער פּרואוו צו שטעלן די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מיעוטים אונטער דעם שוץ פון אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן. מיר ווינשן אָבער, אַז די באַשיצונג פון די אויטאָנאָמיע־רעכט פון די מיעוטים זאָל נישט בלייבן אַ ענין פון די אין דער מלחמה באַטייליקטע צדדים, נאָר זאָל זיין די זאַך פון אַן אמת דעמאָקראַטישן פעלקערבונד. קומט עס דערצו, דאַן שטעלן מיר אַרויס אונזער תּביעה, אַז דאָס אידישע פאָלק, דאָס קלאַסישע מינדערהייטס־פאָלק, וואָס זיין נאַציאָנאַלער קיום איז שטענדיק אין סכנה, זאָל קריגן די מעגלעכקייט צו פאַרטרעטן זיינע קריוודעס אין דעם פעלקערבונד, ד. ה. אַז ער זאָל באַקומען אַ פאַרטרעטונג אינם פעלקערבונד.

אַזאַ מינדערהייטס־טראַקטאַט איז אָפּגעמאַכט געוואָרן אויך מיט פּוילן. צום באַדויערן, מוזן מיר קאָנסטאַטירן, אַז פּוילן האָט געחתמעט דעם אָפּמאַך אונטערגעבנדיק זיך דעם צוואַנג, נישט פון אייגענעם ווילן. דער פּוילישער פּאַרלאַמענט האָט, איידער מען האָט אָנגענומען דעם אָפּמאַך, קעגן אים פּראָטעסטירט; אַלע פּאַרטייען, בתוכם אויך די פּ. פּ. ס., האָבן געגעבן צו פאַרשטיין גאָר דייטלעך, אַז זיי ווינשן נישט דעם דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַלן שוץ פון די מיעוטים. פאַר אונז אידן איז די שטימונג, אין וועלכער פּוילן האָט אַקצעפּטירט דעם דאָזיקן טראַקטאַט, אַ מקור פון גרויסער אומרואיקייט, וואָרום עס איז נישט קיין סוד, ווי די וואָס האָבן די מאַכט אין פּוילן האָבן בדעה צו רעגולירן די רעכט פון דער אידישער מינדערהייט, אויב מען פאַרלאָזט זיך אויף זיי אַליין. זיי האָבן נישט איבערגעלאָזן קיין ספקות וועגן דעם, אַז זיי ווילן די אידישע נאַציע מאַכן רעכטלאָז, אַז זיי ווילן דעגראַדירן די אידן צו אַן אינסטרומענט פון פּוילישער מאַיאָריזירונג אין די טעריטאָריעס, אויף וועלכע זיי האָבן תּביעות און וואו

זיי פירן א קאמף קעגן אנדערע נאציעס. דאס אידישע פאלק, און בפרט די אידישע סאציאליסטישע פארטייען האבן זיך תמיד געווערט קעגן אזא ראל. די געשעענישן אין לעמבערג פאראיארן נאוועמבער, אין פינסק און ווילנע אין מערץ און אפריל פון דעם יאר זיינען סימבאלן; לעמבערג איז דער עונש פאר דער אידישער נייטראליטעט אין דעם קאמף צווישן פאלאקן און אוקראינער, און פינסק און ווילנע זיינען א באשטראפונג דערפאר, ווייל די אידן לאזן זיך נישט עקספלואטירן לטובת די שלאכטשיצישע פרעטענזיעס אויף ליטע און ווייסרוסלאנד.

איבער די דאזיקע געשעענישן מוזן נאך געזאגט ווערן עטלעכע ווערטער. ביז אהער האבן אידן געליטן אין בערך צוויי הונדערט שטעט פון פוילן, ליטע און גאליציע. מיר אליין באטראכטן עס אלס א חרפה, צו זיין געצוואונגען אין צוואנציקסטן יארהונדערט, אויף א סאציאליסטישער קאנפערענץ צו קומען אלס פארטרעטער פון דער אידישער ארבעטערשאפט מיט קלאגן און אנקלאגן קעגן דער גרויסער מערהייט פון דער פוילישער געזעלשאפט און אפילו קעגן די פוילישע סאציאליסטן, אנשטאט צו רעדן איבער דעם בשותפותדיקן קאמף פון די אידישע און פוילישע פראלעטאריער פאר זייער עמאנציפאציע. ווארום די דאזיקע פאסירונגען זיינען נישט בלויז אויסברוכן פון אנארכיע, זיי זיינען דער רעזולטאט פון אן אלטער פאליטיק פון אונטערדריקונג און דערנידעריקונג, זיי זיינען דער פועל־יוצא פון נאציאנאלער רעכטלאזיקייט, וועלכע שטעמפלט די אידן צו א פאלק פון צווייטער מדרגה, וואס טויג דערצו פון אנדערע פעלקער פארשלונגען צו ווערן, איגז אבער נישט גוט גענוג ווייטער צו באשטיין אלס אידיש פאלק. נאטירלעך זיינען זיך די דאזיקע נאציאנאליסטישע און שאוויניסטישע אידעאלאגיעס מזדיו מיט מאטיוון פון עקאנאמישער קאנקורענץ מצד דער פוילישער בורזשואזיע קעגן דער אידישער, און דערצו קומט דער וואונש, דורך נאציאנאלע קאמפליקטן אפצוציען די אויפמערקזאמקייט פונם פראלעטאריאט פון דעם קאמף פאר סאציאלער באפרייאונג.

נישט נאר אין פוילן זיינען געווען קרבנות; עס זיינען פארגעקומען זער בלוטיקע פאגראמען אין אוקראינע. אין פוילן האבן מיר טויטע, פארוואונדעטע, רואינירטע; אין אוקראינע, זאגט מען, איז עס געווען א סך בלוטיקער, מען רעדט פון צענטויזנטער געהרגעטע און פארוואונדעטע. מען הערט פון שחיטות, וואס דערמאנען אן די אכזריותדיקע גזירות פון כמיעלניצקי. מיר פאדערן פון דער קאנפערענץ צו שיקן אן אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאמיסיע, כדי ארויסצוגעפינען די פאקטן.

מען פרואווט אפט אין פוילישע קרייזן צו לייקענען דעם פאגראם־כאראקטער פון די פאסירונגען, צו טענהען, אז דאס זיינען אנארכישע אומרוען, יקרות־קראוואלן, צו־

זאַמענשטויסן, אַרויסגערופן פון די אידן אַליין, וועלכע אונטערשטיצן דעם באָלשעוויזם. מען אַרבעט, ווי איר זעט, מיט אַלטע און נייע תּירוצים. צווישן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, וואָס האָבן געפאָדערט אַזעלכע מורא-דיקע קרבנות, און די פּוילישע איז דאָ אַ חילוק אין איין באַציאונג. די אוקראַאינישע מאסאקערס זיינען בעסטיאַלישע אָנפאַלן פון אַ דיסציפּלינלאָזער סאָלדאַטעסקאַ. די קרימינאַלע באַטייליקונג פון אוקראַאינישן מיליטער אין אויסשחטן גאַנצע אידישע קהלות איז נישט אָפּצולייקענען. די רעגירונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אומפּעאיק צו באַקעמפן די אַלגעמיינע אַנאַרכיע און צו באַהערשן איר מיליטערישע מאַכט. צי זי איז מער שולדיק ווי אין שוואַכ-קייט און איר דירעקטע אחריות איז גרעסער, דאָס וועט קלאָרמאַכן די אונ-טערזוכונג. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז די פּאָגראָמען אין אוקראַינע געפינען נישט קיין יניקה אין אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט פון די אידן, און אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען באַטייליקט אין דער אוקראַאינישער רעגירונג, באַמיען זיך צו מאַכן אַ סוף צו דער שפיכת דמים.

די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, וועלכע מיר בעטן אייך צו שיקן, וועט געפינען דעם אמת. ה׳ רענאָדעל האָט אַריינגעבראַכט אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע, איך דאַנק אים און האָף, אַז איר וועט זי אָננעמען איינשטימיק גראָד אַזוי ווי אונזער פאָרשלאַג פון אַ אונטערזוכונגס-קאָמיסיע.

רעדע אין בריטאַן.

(נאָכן ראַפּאָרט פון דער 21-טער קאָנפערענץ פון דער בּריטישער ארבעטער-פּארטיי, אָפּגעהאַלטן אין ברייטאָן, אין יוני 1921)

רעזאָלוציע פאָרגעלייגט פון דער איד. סאָצ. אַרב.-פּאַרטיי פּועלי-ציון:

„די קאָנפערענץ פּ רצייכנט מיט צושטימונג דאָס איבערנע-מען פון דער מאַנדאַט-מאַכט איבער ארץ-ישראל דורך גרויס-ברי-טאַניע, מיטן צוועק צו פארזיכערן די אנטוויקלונג פון אַ אידישן אויטאָנאָמען געמיינוועזן, און פארלאַנגט, אַז דער אויפבּוי פון דעם לאַנד — די פּארענטפערונג פון דער לאַנדפראַגע, די איינריכטונג פון עפנטלעכע ארבעטן, פון לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריע-לע אונטערנעמונגען — זאָל דורכגעפירט ווערן נישט אויף יסודות פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, נאָר אין די אינטערעסן פון דער ארבעטערשאַפט.

די קאָנפערענץ באַדויערט, אַז מען האָט מקריב געווען די עקאָנאָמישע און אַדמיניסטראַטיווע איינהייט פון ארץ-ישראל צו דער אימפּעריאַליסטישער ריוואַליטעט צווישן ענגלאַנד און פראַנק-רייך, אָן יסוד רעדוצירט איר טעריטאָריע און געשטעלט אין ע"נ-סטער סכּנה אידע קאָלאָניזאַציע-מעגלעכקייטן דורכן אָפּשניידן פון חורן און כמעט פון גאַנצן גליל העליון. די קאָנפערענץ פאָדערט פון דער רעגירונג צו מאַכן אַ סוף צו דער נישט-נאַטירלעכער און שעדלעכער צוטיילונג פון דער ב"ריטישער מאַנדאַט-טעריטאָריע און צו פאַראייניקן דעם מזרח-טייל מיטן מערב-טייל פון ארץ-ישראל.

די קאָנפערענץ גלויבט, אַז עס איז נויטיק אין די אינטערעסן פון דער קאָלאָניזירונג און דעם פרידלעכן וואוקס פון א"י און פדי מיטצוהעלפן דער אנטוויקלונג פון אינסטיטוציעס פון זעלבסט-פארוואַלטונג, אַז אידן און אראַבער זאָלן באַזיצן פולע, דעמאָקראַ-טיש אָרגאַניזירטע אויטאָנאָמיע אין זייערע אינעווייניקע ענינים, מיט רעכט פון באַשטייערונג פאַר זייערע ספּעציפישע באַדערפענישן".

די פּראַגע, וואָס ווערט באַהאַנדלט אין דער רעזאָלוציע, באַרירט נישט נאָר די אידישע אַרבעטער אין ענגלאַנד, נאָר אויך די אידישע אַרבעטער־שאַפט אין ארץ־ישראל און צענדליקער טויזנטער אידישע ארבעטער און סאָציאַליסטן אין דער גאַנצער וועלט. דער פאַקט אַז ארץ־ישראל איז געקומען אונטער ענגלישער הערשאַפט, האָט אַרויפגעלייגט אַ נייע און גרויסע אחריות אויף דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג. עס וועט זיין איינע פון אירע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען צו וואַכן איבער דעם צי ס'ווערט געשאַפן אין ארץ־ישראל בלויז אַ נייער צענטער פון קאָלאָניאַלער עקספּלואַטאַציע, אָדער צי דאָרט אַנטשטייט אַ נייער פלאַץ פון אַרבעט, פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער רעגענעראַציע פאַר מיליאָנען היימלאָזע אידן.

פון דער ביטערער נויט פון אַ לאַנדלאָז, צוזייט פאָלק איז אַרויסגעוואַקסן דער ווילן ווידעראויפצושטעלן זיין נאַציאָנאַל און פּאָליטיש לעבן אויף אייגענער ערד. די אידישע פּראַגע איז נישט בלויז אַ פּראַגע פון פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. ס'איז אַ פּראַגע פון נאַציאָנאַלן קיום און באַשטאַנד. ס'איז אַ פּראָדוקט פון די סאָציאַלע נויטן פונם אידישן פאָלק, וואָס איז אָפּגעשניטן פון די לעבנס־קוואַלן פון דער ווירטשאַפט און קעמפט פאַר זיין רעכט אויף אַרבעט. וואָס איז די אידישע עמיגראַציע? איינציק און אַליין די באַוועגונג פון אידישע אַרבעטסזוכנדע מאַסן. און פון דער דאָזיקער וואַנדער־באַוועגונג איז אַרויסגעוואַקסן דער געדאַנק, אַז אין וואָס עס נויטיקט זיך דאָס אידישע פאָלק זיינען נישט קיין נייע פּאַטערלענדער, נאָר איין מוטערלאַנד.

אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישראל פאַר דער מלחמה אַ ישוב פון קנאַפּע הונדערט טויזנט נפשות, פון וועלכע 12.000 לעבן און אַרבעטן אויפן לאַנד. די אידישע אַרבעטער האָבן געבראַכט קיין א״י די איבערצייגונג, אַז אין ארץ־ישראל מוז געשאַפן ווערן נישט נאָר אַ נייע, נאָר אַ באַנייטע געזעלשאַפט, געגרינדעט אויף גערעכטיקייט און פרייהייט. די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג האָט שוין זייט יאָרן איינגעזען, אַז די אידישע קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג אין א״י האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קאָלאָניאַלער פּאָליטיק.

די אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אַ גרויסן חלק אין דער אָנערקענונג פון אונזערע רעכט און אַספּיראַציעס דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־שאַפט. די אידישע אַרבעטער וועלן נישט פאַרגעסן, אַז די ענגלישע אַרבעטער־פּאַרטיי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אין אויגוסט 1917, אין איר מעמאָראַנדום איבער די מלחמה־צילן אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז די פּאַרענטפערונג פון דער פּאַלעסטינע־פּראַגע איז פאַרבונדן מיט דער פאַרענטפערונג פון דער אידישער פּראַגע, און אַז די אידישע מאַסן מוזן קריגן אַ מעגלעכקייט אויפצובויען אַ נייע געזעלשאַפט פון אַרבעט אין ארץ־ישראל.

מיר באַגריסן דעם איבערגאַנג פון ארץ־ישראל אונטער בריטישע פאַרוואַלטונג, נישט ווייל מיר האָבן באַזונדערן צוטרוי צו די היינט־הערשנ־

דע קלאסן פון ענגלאנד, נאר ווייל מיר האבן בטחון אין דעם ענגלישן פאלק, אין דער בריטישער ארבעטערשאפט; מיר זיינען איבערצייגט, אז די ענגלישע ארבעטערשאפט וועט דערגרייכן איר חלק, וואס קומט איר, אין דער רעגירונג פון דעם לאנד, און מען דארף נישט טראכטן וועגן א דורות לאנגער תקופה, כדי צו זען א אויטאנאמע אידישע געזעלשאפט אין א״י, אונטער דעם שוץ און דער פירונג פון דער ענגלישער ארבעטערשאפט.

א ווארט צו די באציאונגען צווישן אידן און אראבער אין ארץ-ישראל. קיינער איז נישט עמפינדלעכער פאר אונז, אידן, בנוגע דעם רעכט פון נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג. מיר זיינען אויך א צו שוואך פאלק, כדי צו זיין אזוי נאריש און האנדלען אגרעסיוו כלפי די אראבער פון א״י. אונזער רעזאלוציע פארלאנגט דעריבער זעלבסטפארוואלטונג פארביידע פעלקער. אויב ארץ-ישראל וועט נישט קינסטלעך צושניטן און פארקלענערט ווערן אין שטח, דאן האט עס פלאץ גענוג פאר 6 ביז 8 מיליאנען מענטשן, בעת זיין איצטיקע באפעלקערונג באטרעפט קוים איין מיליאן.

מיר נויטיקן זיך אין דער הילף פון דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער-באוועגונג און, קודם כל, אין דער אונטערשטיצונג פון דער בריטישער ארבעטערשאפט. מיט רעכט הערט מען זיך צו אינם מזרח מיט צוטרוי צו דעם ווארט פון דער ענגלישער ארבעטער-פארטיי. מיר האפן, אז ווען דאס אידישע פאלק וועט קריגן די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זיינע כחות אינם אידישן לאנד וועלן מיר באווייזן, אז אויך א קליין פאלק קאן שאפן א גרויסע קולטור*).

---

*) די רעדע איז בעווען צוגעגרייט פון מיר בכתב און איז פארצייכנט אינם פראטאקאל אויף מיין נאמען, אלס דעלעגאט פון דער ענגלישער פועלי-ציון-פארטיי צו דער קאנפערענץ. אבער פאקטיש איז זי געהאלטן געווארן דורך מיין פריינט מ. שרתוק, וועלכער האט אינם לעצטן מאמענט פארנומען מיין ארט, ווייל איך האב געמוזט אוועקפארן צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאנער פועלי-ציון-פארטיי, אין ראטשעסטער.

ש. ק.

ארבעטערשאַפט און ארץ־ישראל.

אפּעל צו דער בריטישער ארבעטער־פּאַרטיי.

די דעבאַטע אינם אונטערהויז איבער דעם בודזשעט פונם קאָלאָניאַלאַמט באַקומט אַ באַזונדערע וויכטיקייט צוליב דעם וואָטום אינם לאָרדן־הויז קעגן דעם ארץ־ישראל־מאַנדאַט, וואָס וואַרט אויף זיין באַשטעטיקונג דורכן ראַט פונם פעלקערבונד. הגם מיר זיינען איבערצייגט, אַז די אָפּשטימונג אינם אונטערהויז וועט באַווייזן, אַז די 60 לאָרדן פאַרטרעטן נאָר נאָבעלע הערן, אָבער נישט דאָס ענגלישע פאָלק; הגם מיר האָבן נישט דעם קלענסטן ספק, אַז די ארבעטער־פּאַרטיי וועט בלייבן אַבסאָלוט געטריי אירע אָפטע דעקלאַראַציעס לטובת דער אידישער ווידערבאַזעצונג פון ארץ־ישראל — ווי אויסגעדריקט אין איר מעמאָראַנדום איבער די מלחמה־צילן פון 1917, אין דער רעזאָלוציע אָנגענומען פון דער קאָנפערענץ אין בריטאַן אין 1921, און אין פאַרשיידענע החלטות פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע און ארבעטער־קאָנפערענצן — האַלטן מיר עס פאַר אונזער חוב צו דערמאָנען די בריטישע ארבעטער־באַוועגונג אָן פאָלגענדע פאַקטן.

1. עס ווערט געמאַכט אַ בייזוויליקער פּרוואו צו פאַרפירן דאָס בריטישע פאָלק צו אַ פאַרראַט אָן בושה, צו דעם אָפּזאָגן זיך פון אינטערנאַציאָנאַלע התחייבותן, וועלכע זיינען איבערגענומען געוואָרן דורך דער בריטישער רעגירונג כלפּי דעם אידישן פאָלק מיט דער איינשטימיקער הסכמה פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען. פינף יאָר שפּעטער מאַכט מען פּלוצים די אַנטדעקונג, אַז עס זיינען פאַראַן אַנדערע הבטחות, וועלכע זיינען געבראָכן געוואָרן און מוזן ערפילט ווערן. די דאָזיקע אַטאַקע ווערט אונטערגענומען, ווייל מען מיינט, אַז דאָס שלאָגוואָרט פון דער אידישער ווידעראויפריכטונג אין ארץ־ישראל האָט שוין דערגרייכט זיין צוועק, און אַז דאָס אידישע פאָלק איז צו שוואַך זיך אַנטקעגנצושטעלן.

2. די אידישע אָנשטרענגונג צו קאָלאָניזירן איבעראַנייס ארץ־ישראל האָט זיך אָנגעהויבן מיט כמעט פערציק יאָר צוריק, לאַנג פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און קאָן נישט אויפגעהאַלטן ווערן דורך פּאָליטישע אינטריגעס. די נויט פון די וואַנדערנדע אידישע מאַסן איז צו גרויס, די אַנטשלאָסנקייט פון דעם איינציקן לאַנדלאָזן פאָלק צו זיכערן זיין נאַציאָנאַלן לעבן איז צו מעכטיק, די פראַגע איז נאָר פאָלגענדע: זאָל די אידישע איינוואַנדערונג זיין כאַאָטיש, זאָלן מיר שטיין ביי די טויערן פון

ארץ־ישראל ווי פֿרעמדע, וואָס פֿאַרלאַנגען אַריינגעלאָזן צו ווערן, און זיין אָפּהענגיק פֿון דעם חסד פֿון בריטישע קאָלאָניאַל־באַאַמטע און פֿון די אַראַבישע הערשנדע קלאַסן? אָדער זאָל די אידישע אימיגראַציע און קאָ־לאָניזאַציע זיין אָרגאַניזירט, און זאָל דאָס אידישע פֿאָלק, דורך דעמאָ־קראַטישע פֿאַרטרעטונגס־אָרגאַנען, זיין אַ גלייכבאַרעכטיקטער פּאַרטנער אין דעם אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל און אין דער אויפֿשליסונג פֿון אירע רעסורסן, פֿאַרזיכערנדיק אויף אַזאַ אופֿן נישט נאָר דעם וואוילשטאַנד פֿון איר איצטיקער קליינער באַפֿעלקערונג, נאָר אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן אַ פּלאַץ פֿון עקאָנאָמישער רעגענערירונג און ווידעראויפֿגעריכטעטן שטאַטלעכן לעבן פֿאַר מיליאָנען אידן.

דער ארץ־ישראל־מאַנדאַט, ווי ער איז, אַנטהאַלט נאָר ווינציק גאַ־ראַנטיעס פֿאַר אַזאַ אָרגאַניזירטן ווערק פֿון ווידערבאַזעצונג פֿון אַ צעזייטן און אַנטוואָרצלטן פֿאָלק. אָבער אַפֿילו די דאָזיקע מיט אַ האַלבן האַרצן געגעבענע קאָנצעסיעס האָבן אַרויסגערופֿן דעם כּעס פֿון אַלע שונאים פֿונעם אידישן פֿאָלק. זיי פֿאַרלאַנגען זייער עלימינירונג, ווייל זיי ווינשן צו דעזאָרגאַניזירן און אוממעגלעך צו מאַכן די אידישע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל.

3. דער אַטענטאַט פֿון די בריטישע אולטראַקאָנסערוואַטיוון (דייהאַרדס) האָט פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן דעם וואַטיקאַן, די פֿראַנצויזישע שאָוויניסטן און אימפּעריאַליסטן, ווי די אַראַבישע לאַנד־לאָרדן. די ערגסטע שונאים פֿון ענגלישער פֿרייהייט אין דער היים, פֿון נאַציאָנאַלער פֿרייהייט אין איר־לאַנד, אינדיע אָדער מצרים, די אייגענע מענטשן וועלן רעגירן אין סוריע מיט אַ געפּאַנצערטן קולאַק, דיזעלבע עפֿענדיס, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די טערקישע הערשער דעגראַדירט די אַראַבישע אַרבעטנדע מאַסן פֿון א״י צו דער מדרגה פֿון שטומע שקלאַפֿן — זיי אַלע זיינען פּלוצים געוואָרן די פֿאָרקעמפֿער פֿון פֿרייהייט און זעלבסטבאַשטימונג אין פּאַלעסטינע. עס איז אַ קאָנספּיראַציע פֿון רעאַקציאָנערע כּחות פֿון מיטלאַלטערלעכע פֿאָראורטיילן און תשוקה צו קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן און פֿעאָדאַלער עקספּלואַטאַציע, געווענדעט קעגן די אידישע אַרבעטנדע מאַסן אין ארץ־ישראל. געוויסע קרייזן זעען איין, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפֿט איז דער דאָמינירנדער פֿאַקטאָר אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע און אַז אַן אַרבעטנדע ארץ־ישראל ווערט געשאַפֿן אויף דער קרייצונג פֿון דריי קאָנטינענטן. אַראַבישע פֿעאָדאַל־הערן און ענגלישע אולטראַקאָנסערוואַטיוון אין אַ גלייכער מאָס זיינען מלא חמה אויף אידישן טרייד־יוניאָניזם און קאָאָפּעראַטיווע אידעען און מעטאָדן, וואָס ווערן נישט נאָר פּראָפּאַגאַנדירט, נאָר רעאַליזירט אין דער פּראַקטיק פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין א״י. אין דער אידישער קאָ־לאָניזאַציע זעען זיי אַ סכּנה פֿאַר דעם נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרד, אַרויפֿ־געצוואונגען אויף די אַראַבישע מאַסן דורך זייערע גרונדבאַזיצנדע הער־שער. די אידישע איינוואַנדערונג שטעלט אין פֿראַגע די פּאָליטישע הע־געמאָניע פֿון דעם עפֿענדי־קלאַס און זיין מאָנאָפּאָל אויף אַמטן, פֿאַרוואַל־

טונג און פראפיטאבלע קאנטראקטן. דאס איז די סיבה פון זייער פיינט־שאפט, וועלכע ווערט פארשלייערט דורך טערמינאלאגיע געבארגט פון דער שפראך פון מאדערנער דעמאקראטיע.

4. ערלעכע אראבישע נאציאנאליסטן וועלן פארשטיין, אז די פאראייניקטע אנשטרענגונג פון אידן און אראבער אין א״י, די קאאפעראציע פון די ארבעטנדע מאסן פון ביידע פעלקער וועט פארגיכערן די דערוועקונג און באפרייאונג פונם מזרח. דאס געשריי איבער אידישער אגרעסיוויטעט און הערשאפט אין א״י צום שאדן פון אראבישע און קריסטלעכע מיעוטים איז ריינסטע צביעות. אפילו מיליאנען אידן זאלן זיך באזעצן אין ארץ־ישראל און דערמיט איבערוואקסן אין צאל דעם רעשט פון די געמיינשאפטן, מיליאנען אידן וועלן נאך אלץ בלייבן מחוץ פון א״י, אויסגעליפערט דער מעגלעכקייט פון רעפרעסאליעס מצד די קריסטלעכע און מחמדאנישע נאציעס. דער פאקט אליין וואלט אפגעהאלטן דעם אידישן שאוויניזם פון מעשים תעתועים. אויב די אידן זאלן זיין אזוי נאריש און שטרעבן צו נאציאנאליסטישער באהערשונג. אבער די זיכערסטע גאראנטיע קעגן אזעלכע תשוקות איז די אידישע ארבעטערשאפט. מיר האבן מיטגעקעמפט אין אלע פרייהייטס־שלאכטן, וואו נאר מיר לעבן אין מאסן, פאראייניקנדיק אונזערע כחות מיט אונזערע חברים־ארבעטער. מיר וועלן נישט פארראטן אונזערע אידעאלן אין דעם לאנד, אין וועלכן די בשורה פון פעלקער־שלום און אינטערנאציאנאלער ברידערלעכקייט איז פראקלאמירט געווארן פון אידישע נביאים.

מיר גייען קיין ארץ־ישראל פעסט אנטשלאסן צו באזירן אונזערע באציאונגען צו אונזערע אראבישע מיטבירגער אויף דער נאציאנאלער זעלבסטפארוואלטונג פון ביידע פעלקער און אויף אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט. א חוץ דעם, דער מאנדאט שאפט א פארם פון אינטערנאציאנאלן רעזשים, וואס גיט דעם היינטיקן פעלקערבונד, ווי דער צוקונפטיקער געמיינשאפט פון פרייע פעלקער, און דער בריטישער ארבעטערשאפט בפרט, גענוג מעגלעכקייטן פון עפעקטיווער קאנטראל.

מיר אפעלירן צו דער בריטישער ארבעטער־באוועגונג און צום גאנצן ענגלישן פאלק צו זיכערן דעם אידישן פאלק זיין לעצטע מעגלעכקייט פון נאציאנאלער און סאציאלער רעגענערירונג אויף אייגענער ערד

לאנדאן, דעם 1־טן יולי, 1922.

פאָלקס־קאָלאָניזאַציע און סאָציאַליזם.

הקדמה צו דער שריפט „די אידישע אַרבעטערשאַפט אין א"י, איר אויפגאַבע און ווערק", פאָרגעלייגט דעם אינטערנ. סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריסל, 1928, דורכן איד. סאָצ. אַרב. פאַרבאַנד פועלי־ציון (פאַריינ. מיט צ. ס. פּ.).

זייט דער צוטריטס־ערקלערונג פון דעם אינם יאָר 1907 געגרינדעטן אידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד פועלי־ציון צום סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט ביז צו זיין פאָרמעלן אַריינטריט אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אינם יאָר 1917 זיינען פאַרגאַנגען צען יאָר. אין יענער צייט, גראָד אַזוי ווי אין די ערשטע יאָרן פון אונזער אָנשלוס אָן דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָבן מיר געהאַט די אויפגאַבע אויפצוקלערן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג וועגן דעם, וואָס ארץ־ישראל באַדייט פאַרן אידישן סאָציאַליזם. די מעגלעכקייטן פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין א"י אונטער דער טערקישער ממשלה זיינען געווען באַגרענעצטע. די התחלות פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג — פון אַ בלויז סימבאָלישן ווערט. אונזער שטעלונג האָט ממילא געהאַט דעם כאַראַקטער פון פּראָגראַמאַטישע דעקלאַראַציעס, וואָס קומען אַ סך פריער ווי די געשעענישן. אין געוויסע קרייזן איז מען נוטה געווען אָפּצופּטרן זיי מיט געהעריקער גרינגשעצונג אַלס „אידעאָלאָגיעס". דערווייל זיינען זייט די איבערקערענישן אין דער לאַגע פון די אידן אין מזרח־אייראָפּע און אין דעם מצב פון ארץ־ישראל, וואָס זיינען געקומען מחמת דער מלחמה, פאַרגאַנגען בערך אַכט יאָר, וועלכע מיר קאָנען באַצייכענען אַלס יאָרן פון רעאַליזירונג. זיי גיבן אונז די מעגלעכקייט פאָרצולייגן דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל דעם דאָזיקן קורצן איבערבליק איבער די לייסטונגען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין א"י. איצט קאָנען מיר דערפון רעדן, וואָס דער סאָציאַליזם באַדייט פאַרן אידישן ארץ־ישראל.

די בשורה פון דער פועלי־ציון־ריכטונג פונם אידישן סאָציאַליזם האָט קיינמאָל נישט געהאַט די מעלה פון פּשוטקייט. די פועלי־ציון פּאַרטייען האָבן ביי זייער פאָרמירונג געפונען פאַר זיך אַ בירגערלעך־ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט באַזירט איר אידעאָלאָגיע אין אַ גרויסער מאָס אויף נישט ריכטיקע אַנאַלאָגיעס מיט די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פון אייראָפּע,

האָט די גזרה־שוהס פֿאַרבונדן מיט דער יאָרטויזנטער אַלטער בענקשאַפֿט פֿונם אידישן פֿאָלק נאָך דער אָנגעוואוירענער היימאַט, און האָט, אַחוץ דעם, נישט געוואָלט הערן פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אויף דער אַנדערער זייט אַ אידישע אַרבעטער-באַוועגונג פֿון דער „בונד"-ריכטונג, וואָס האָט נישט געוואָלט הערן פֿון אַ רעוואָלוציאָנע־רער פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער אידישער פֿראַגע, האָט געזען אין דעם היינ־טיקן מצב פֿונם אידישן פֿאָלק די לעצטע פֿאַזע פֿון זיין היסטאָריע, און וואָס האָט געקוקט אויף דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג און געוויסע נאַציאָנאַל-קולטורעלע באַוואָרענישן ווי אויף דער פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער אידנפֿראַגע.

עס איז געוואָרן די אויפֿגאַבע פֿונם פּועלי-ציוניזם, דורך דער אָנווענ־דונג פֿון מאַרקסיסטישע מעטאָדן טיפֿער אַריינצודרינגען אין דעם מהות פֿון דער אידישער פֿראַגע און צו אַנטדעקן די אידישע עקאָנאָמיק. מיר האָבן אַנאַליזירט די אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע סטרוקטור און די באַזונדערע סאָציאַלע פֿאַנאַנדערטיילונג פֿון די אידן אין די לענדער, וואו זיי לעבן אין מאַסן, און אָנגעוויזן אויף פֿאַקטן, וועלכע מען האָט ביז דאַן פֿאַרקוקט מסתמא צוליב זייער וואָכעדיקייט און אַלגעמיינער גילטיקייט. דער רעזולטאַט איז געווען דאָס בילד פֿון אַן עקאָנאָמיש איזאָלירט פֿאָלק, אַן וואָרצלען אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, נישט באַטייליקט אין דער מאָדערנער אינדוסטריע, אַריינגעשטופּט אין מסחר און מלאכה, באַגרענעצט אויף באַשטימטע אונטער־גייענדע פּראָדוקציע-צווייגן. אין דער תקופה פֿון קאַפּיטאַליזם פֿאַרוואַנדלט זיך די דאָזיקע עקאָנאָמישע איזאָלירונג און אונטערגאַנג פֿון דעם פֿון דער אַנטוויקלונג איבערגעיאָגטן מיטלקלאַס, אין אַנטוואָרצלונג און דעקלאַסירונג, בעת די פּראָלעטאַריזירטע מאַסן זיינען נישט אומשטאַנד צו געפֿינען קיין צוגאַנג צו די נייע צווייגן און פֿאָרמען פֿון דער פּראָדוקציע, די ערשי־טערונג פֿון דעם אידישן ווירטשאַפֿטלעכן לעבן האָט געשאַפֿן געוואַלטיקע כּחות פֿון אַרויסשטויסונג. עס איז אַנטשטאַנען די מאָדערנע אידישע עמי־גראַציע, וועלכע האָט אין עטלעכע יאָרצענדליקער אַריבערגעוואָרפֿן אין אַנדערע לענדער מיליאָנען אידן, וואָס זוכן אַרבעט און נייע מעגלעכקייטן פֿון עקזיסטענץ. אַזוי זעען מיר ביים סוף פֿונם לעצטן און ביים אָנהויב פֿונם 20-טן יאָרהונדערט דאָס עקאָנאָמישע לעבן פֿון די אידישע פֿאָלקסמאַסן פֿון אייראָפּע באַהערשט פֿון צוויי גרויסע טרייבנדע כּחות: פֿון דעם דראַנג צו דער רעאָרגאַניזאַציע פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער סטרוקטור אויף נייע פּראָדוקטיווע יסודות, צו עקאָנאָמישן איבערבוי, בקיצור, צו דער פּ ר אָ־ ד ו ק ט י ו ו י ר ו נ ג פֿון די דעקלאַסירטע מאַסן; פֿון דער אַנדערער זייט, פֿון דעם באַדערפֿעניש צו שאַפֿן נייע אידישע צענטערן, צו מ י ג ר אַ צ י ע פֿון די עקאָנאָמיש אויסגעוואָרצלטע.

דער דאָזיקער פּראָצעס, וואָס האָט אַרומגענומען די אידישע פֿאָלקס־מאַסן, האָט נישט געקאָנט בלייבן אָן ווירקונג אויפֿן מצב פֿון די אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען פֿון אים טיף אָנגערירט געוואָרן. ער האָט גע־

מוזט משפיע זײַן אויפן קלאַסנקאַמף פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין די ראַמען פון דער אידישער ווירטשאַפט, גראָד אַזוי ווי אויף די מעגלעכ־קייטן פון זײַן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קלאַסנקאַמף אין דער מלוכה. דעריבער איז עס געוואָרן דער חוב פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צו געבן אַן ענטפער נישט נאָר אויף דער פּאָליטישער רעכט־לאָזיקייט און די קולטורעלע נויטן פון אַ פאָלק, וואָס איז אין סכנה פון אַסימילאַציע און דענאַציאָנאַליזירונג, זי האָט געמוזט ווײַזן די מאַסן, וועל־כע די עקאָנאָמישע אידן־נויט האָט געבראַכט אין באַוועגונג, אַ וועג און אַ ציל.

די נײַע אידישע עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג איז געקומען אַלס אַ רע־אַקציע קעגן די צענטריפוגאַלע כּחות פונם אידישן פאָלקסלעבן, וואָס צו־שטערן עס עקאָנאָמיש און צורײַסן עס טעריטאָריאַל. בהסכּם מיט יענע צוויי עיקר־טענדענצן פון דער אידישער ווירקלעכקייט איז די אידישע פרײַהייטס־באַוועגונג געוואָרן דאָס שטרעבן צו עקאָנאָמישער באַנײַאונג, פאַרבונדן מיט טעריטאָריאַלער קאָנ־צענטראַציע און נאַציאָנאַלער אַליין־באַשטי־מונג. אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די ארץ־ישׂראל־באַוועגונג, וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגערופן ציוניזם, אַלס די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזירונג פונם אידישן פאָלק. די דאָזיקע קאָנצעפּציע פון דער אידישער געשיכטע, אָט די פאַרענטפערונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע פונם אידישן פאָלק, איז געוואָרן דער צענטראַלער פּונקט אין דעם נאַציאָנאַלן אַקציע־פּראָגראַם פון די פּועלי־ציון. מיר האָבן זיך אָבער נישט באַגנוגנט דערמיט, צו אינ־טערפּרעטירן און צו ערקלערן די אידישע געשיכטע, די פּועלי־ציון־באַווע־גונג האָט זיך באַלד דערצו גענומען זי צו מאַכן, נײַ צו געשטאַלטן.

די אויפגאַבע פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטײַ אין דעם פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע איז געוויס נישט קיין אײַנפאַכע. קודם כּל האָט אונז לגמרי געפעלט פּראַקטישער נסיון און הדרכה מצד אַנדערע ברודער־פּאַרטייען. דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם האָט אַ באַשטימטע שטעלונג צו די באַפרײַאונגס־שטרעבונגען פון אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע זיצן אויף זייער ערד און קעמפן קעגן פּאָליטישער הערשאַפט אָדער אויך קעגן עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע דורך פרעמדע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן. אָבער אַ נאַציאָנאַלע באַפרײַאונגס־באַוועגונג, וואָס נעמט אָן די פאָרם פון דער באַזעצונג פון אַ טעריטאָריע און דער עטאַבלירונג פון אַ נײַער עקאָנאָ־מישער און קולטורעלער געמיינשאַפט, איז נײַ און פּונקט אַזוי אײַגנאַרטיק ווי דאָס גאַנצע אידישע פּראָבלעם. דערצו קומט דער אומשטאַנד, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג באַזיצט נאָך נישט קיין קאָלאָניזאַציע־פּראָגראַם. מען ווייסט שוין היינט דעם חילוק צווישן קאָלאָניאַלער עקספּלו־אַטאַציע פון אַ לאַנד און דער קאָלאָניזירונג פון נײַע טעריטאָריעס. מען האָט אָבער זייער אָפט באַטראַכט קאָלאָניזאַציע אַלס אַ סטיכישן פּראָצעס, אין וועלכן דער אַרבעטערקלאַס קאָן זיך נישט אַרײַנמישן. ערשט אין דער

לעצטער צייט, נאָך דער צוטרייסלונג פון דער אייראָפּעאישער ווירטשאַפט דורך דער מלחמה, הויבט מען אָן, אין דער ענגלישער אַרבעטער-פּאַרטיי למשל, צו אינטערעסירן זיך מיט מיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, בהדרגה שלאָגט זיך דורך די דערקענטניש, וועלכע באַדייטונג עס האָט באַזעצונג און אויפשליסונג פון נייע לענדער דורך אַרבעט — נישט דורך אימפּעריאַליסטישער עקספּלואַטאַציע — פאַר דער אַנטוויקלונג און אָרגאַניזירונג פון דער וועלט-ווירטשאַפט. מען הויבט אָן איינצוזען, אַז די קאָלאָניזירונג פון אָפּגעשטאַנענע און נישט קולטיווירטע לענדער וועט פאַרנעמען אַן אָרט אויך אין דעם אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער וועלט-ווירטשאַפט.

דערוויייל אָבער זיינען מיר פּועלי-ציון געשטעלט געווען נאָר אויף זיך אַליין. אונזער גרונדגעדאַנק איז קודם געווען די אָרגאַניזירונג פונם אידישן אַרבעטערקלאַס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיינע אינטערעסן אין דער זיך באַשאַפנדער אידישער ווירטשאַפט אין ארץ-ישראל, געשטיצט אויפן סאָלידאַרישן קאַמף פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין די גלות-לענדער און אויף דער סאָלידאַריטעט פונם פּראָלעטאַריאַט אין דער וועלט. די ערשטע באַגעגעניש מיט דער ארץ-ישראלדיקערווירקלעכקייט האָט אונז אַנטפּלעקט נייע פונדאַמענטאַלע פאַקטן און אונז געלערנט, אַז די אָנגענומענע מעטאָדן פונם קלאַסנקאַמף קלעקן נישט אין אַ נייער, זיך ערשט פאָרמירנדער געזעלשאַפט. ארץ-ישראל איז שיטער באַזעצט און פאַרוואָרלאָזט, אָבער עס איז נישט קיין קרקע בתולה. עס געהערט צום אָריענטאַלישן ווירטשאַפטס-סיסטעם. אינמיטן פון אָט דער אָפּגעשטאַנענער ווירטשאַפט, וועלכע באַזירט אויף דער מוראַדיקער אָרימקייט און באַדערפעניש-קליינקייט פון אירע פעלאַכן און געציילטע אַרבעטער, זאָל אויפוואַקסן אַ מאָדערנע אידישע ווירטשאַפט, וואָס גאַראַנטירט אירע פויערן און אַרבעטער אַ מענטשלעכע עקזיסטענץ און, לפּחות, די אויפהאַלטונג פון זייער לעבנס-סטאַנדאַרד, וועלכן זיי האָבן מיטגעבראַכט פון מזרח-אייראָפּע. דער אָפּגעזונדערטער באַשטאַנד פון די צוויי עקאָנאָמישע סיסטעמען איינער נעבן דעם אַנדערן איז נישט מעגלעך. זיי בילדן קאָמוניצירנדע כּלים, און די פראַגע איז געווען: זאָלן די אידישע אַרבעטער אַראָפּגליטשן זיך צו דער מדרגה פון דער געניוגזאַמער, אומאָרגאַניזירטער, וואָלוועלער אַראַבישער אַרבעט, אָדער זאָלן מיר זיי דערהויבן צו אונז. מיר האָבן נאַטירלעך אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג.

די אָנגעצייכנטע סכּנות באַשטייען נישט נאָר להלכה. אין דער באַרירונג פון מזרח און מערב לויערט דער נסיון פאַרן אידישן פּריוואַט-קאַפּיטאַל אָפּצוטרעטן פון דעם קאָלאָניזאַטאָרישן ציל, וואָס האָט אים געבראַכט אין לאַנד אַריין, און איבערצוגיין צו קאָלאָניאַל-פּאָליטישע מעטאָדן פון עקספּלואַטירן וואָלוועלע אַרבעט. די אידישע פּלאַנצונגס-קאָלאָניעס פון דעם פאַר-מלחמה-פּעריאָד און די דערפער פון דער ראָטשילד-אַדמיניסטראַציע האָבן באַוויזן, אַז אידישער פּראָפּיט-זוכנדער קאַפּיטאַל, אויף זיך אַליין געשטעלט, שאַפט נישט קיין אַרבעטס-געלעגנהייט פאַר אידישער אַרבעט, ער איז אָבער

בכח צו שאַפן אין ארץ-ישראל אַ קלאַס פון אידישע אייגנטימער, וואָס טראָגט אַריין קאַפּיטאַליסטישע דיפערענצירונג אין דעם פּרימיטיוון אַראַבישן דאָרף, בינדט צו בעדואינער צום לאַנד און ציט צו וואָלוועלע לוין-שקלאַפן אויך פון ווייטע שכנותדיקע לענדער. אויף אַזאַ אופן וואָלט געקאָנט באַשאַפן ווערן אין ארץ-ישראל אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער עס שטייט אַנטקעגן אַ אויבערשטער שיכט פון אידישע באַזיצער און אַראַבישער לוין-אַרבעטער-קלאַס, אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער דער סאָציאַלער קעגנזאַץ איז פאַרשאַרפט און פאַרטיפט דורך נאַציאָנאַלע פאַרשיידנקייט.

עס איז נאָך געווען צייט זיך אַנטקעגנצושטעלן די דאָזיקע סכנות. וואָרום דער אידישער פּריוואַט-קאַפּיטאַל האָט זיך נישט געאיילט צו זוכן אינוועסטיציעס אין ארץ-ישראל. פאַרשטייט זיך נישט אין דער טערקישער צייט, אָבער אויך נישט נאָך דער מלחמה, ווייל דער אַלגעמיינער מצב אין מזרח, דאָס פעלן פון טראַנספּאָרט-מיטלען, די קליינקייט פונם פאַרנעם און דערגרייכן מער האָבן געהאַט אַ קנאַפּע אָנציאונגס-קראַפט פאַר אים. די יונגע אידישע ווירטשאַפט, קודם כל די לאַנדווירטשאַפט, אָבער אויך די אינדוסטריע זיינען געבויט געוואָרן פונם נאַציאָנאַלן און האַלב-נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. זיי הענגען אָפּ על כל פנים פון זיין הילף און דעריבער גרייט אָנצונעמען נאַציאָנאַלע אָדער געזעלשאַפטלעכע קאָנטראָל. דערפון האָט זיך גענומען די מעגלעכקייט פון **נאַציאָנאַלער פּלאַן-ווירטשאַפט** און פון דער השפעה פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אויף איר אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנדע און אַרבעטסזוכנדע פאָלקסמאַסן.

דער פאַרדינסט פונם פּועלי-ציון-פאַרבאַנד באַשטייט קודם כל אין דער קלאָרער פאָרמולירונג פונם פּראָבלעם, אין דער אויפדעקונג פון די קאַפּיטאַליסטישע סכנות פאַרן ציוניזם, אין דער אַנטפּלעקונג פון דער באַהאַלטענער סתירה צווישן די ריכטיק פאַרשטאַנענע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און די פונם פּריוואַטן ריוח. און ווייטער נאָך — אין אויסאַרבטן שריט ביישריט אַ סיסטעם פון פאָלקס-קאָלאָניזאַציע, וואָס פאַרמיידט און איז גובר די סכנות פון אַזאַ קאָלאָניאַלער דעגענעראַציע.

דער היסטאָרישער אמת פאַרלאַנגט צו קאָנסטאַטירן, אַז מיר האָבן דעם דאָזיקן סיסטעם נישט אויסגעטראַכט. מיר זיינען קיינמאָל נישט צוגעטרעטן צו אונזער אויפגאַבע במחשבה תחילה צו שאַפן אין ארץ-ישראל אַ סאָציאַליסטישע אוטאָפּיע. אונזער שיטה איז נישט געווען סאָציאַליסטישע דעדוקציע, נאָר סאָציאַליסטישע קריטיק און פּראָלעטאַרישע אינדוקציע. טאַפּנדיק, זוכנדיק, דורכלעבנדיק, לערנענדיק פון דורכפאַלן און מפּלות, אַזוי האָט די אידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל, און מיט איר די גאַנצע פּועלי-ציון-באַוועגונג, צוזאַמענגעבראַכט די בוישטיינער און מאַטעריאַלן צו דעם ווערק, וועלכן מיר באַטראַכטן אַלס דעם יסוד פאַר אידישער פאָלקס-קאָלאָניזאַציע אין א"י. זיינע עיקרדיקע שטריכן זיינען: כלל-אייגנטום פון לאַנד, נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע-קאַפּיטאַל; אַליין-אַרבעטנדע קאָלאָניסטן אָן עקספּלואַטאַציע פון לוין-אַרבעט; אַריינמישונג פון דעם

אַרבעטערקלאַס אין דעם עקאָנאָמישן אויפבוי-פּראָצעס דורך קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט און פּראָדוקציע; קאָנטראָל פון די אונטערנעמער-אינסטיטוציעס פון אַרבעטער-קאָלעקטיוון דורך דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער-צבור; פאַראייניקונג פון דער אַרבעטערשאַפט אין אַ מעכטיקער קלאַסן-אָרגאַניזאַציע; איר אָנערקענונג דורך אונטערנעמער, קאָלאָניזאַציע-אינסטאַנצן, ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און רעגירונג; דורכדרינגונג פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע מיט סאָציאַליסטישן רצון און קלאָרקייט פון ציל דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון ארץ-ישראל — דער צום וועלט-פאַרבאַנד פּועלי-ציון אַפיליאירטער „אחדות-העבודה“.

זייט סוף מלחמה זיינען פאַרגאַנגען קוים צען יאָר, זייט דער באַנייאונג פון דער אידישער ישוב-אַרבעט אין א"י — אַכט יאָר בערך. אַ קורצע תקופה פון שווערער אַרבעט. אירע באַדייטענדסטע רעזולטאַטן פאַרן אידישן אויפטו בכלל זיינען: די איינוואַנדערונג פון 100.000 אידן, אַזוי אַז זייער צאָל איז געוואַקסן אויף 160.000, די פאַרגרעסערונג פונם אידישן לאַנדבאַזיץ פון 400.000 אויף 1 מיליאָן דונאַם (100.000 העקטאַר), דער וואוקס פון דער דאָרף-באַפעלקערונג פון 12.000 אויף 31.00C נפשות, דער קליינער קוואַרטאַל תל-אביב וואַקסט צו אַ אידישער שטאָט פון 40.000 איינוואוינער, בערך 7 מיליאָנען פונט ווערן אינוועסטירט פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין אַגריקולטורעלער און שטאָטישער קאָלאָניזאַציע, כמעט אַ גלייכער סכום ווערט אַריינגעלייגט פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין אינדוסטריע און בנינים.

אירע רעזולטאַטן פאַרן אידישן סאָציאַליזם: אַ אידישע אַרבעטערשאַפט פון איבער 30.000 מענער און פרויען; די אַלגעמיינע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע (הסתדרות) מיט 25.000 מיטגלידער און איר נעץ פון אינסטיטוציעס — ווי אַרבעטער-באַנק, פּאַלעסטינע-אַרבעטער-פאָנד, איינקויף און פאַרקויף-קאָאָפּעראַציעס (המשביר און תנובה), ועדת התרבות, קופּת חולים — בערך 3.000 לאַנדאַרבעטער באַזעצט אויף נאַציאָנאַלער ערד אַלס פרייע, אַליין-אַרבעטנדע פּויערן, דערפון די העלפט אין פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציעס אָדער אַגראַרע קאָמונעס; די בוי-קאָאָפּעראַציע „סולל בונה“, וואָס האָט באַשעפטיקט 2.500 אַרבעטער און אויסגעפירט קאָנטראַקטן אויף אָנדערהאַלבן מיליאָנען פונט; אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס פירט אָן מיט דעם דאָזיקן אָן ספק שטאַרקסטן אָרגאַניזירטן כח אינם לאַנד און איז אַליין די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין דעם אידישן ישוב פון ארץ-ישראל. עס האָט זיך באַשאַפן אַ נייער אידישער מענטשן-טיפּ, אַ נייער אַרבעטער-טיפּ: אַ אידישער לאַנדאַרבעטער, בויאַרבעטער, אייזנבאַנער, און אַלס זיין געטרייע באַגלייטערין און חברטע, די אידישע אַרבעטערין. דער אידישער איינוואַנדערער, גאַנץ גלייך צי ער שטאַמט פונם אַרבעטערשטאַנד אָדער פונם פּראָלעטאַריזירטן מיטלשטאַנד, האָט באַוויזן די פעאיקייט אַריינצודרינגען אין נייע צווייגן פון אַרבעט און ווירטשאַפט, האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון חלוציזם. און וואו ס'איז נויטווענדיק געווען צו שאַפן נייע פאָרמען פון אַרבעט און

פראָדוקציע, האָט דער סאָציאַליסטישער ווילן פונם אידישן אַרבעטער גע־ווירקט באַפרוכטנדיק און באַשעפעריש.

מיר זיינען ווייט פון יעדער גוזמא אין דער אָפּשאַצונג פון דער דאָזיקער לייסטונג. מיר ווייסן אַז אין כמות איז דער אויפטו אַ באַשיידענע התחלה, הן פונם שטאַנדפונקט פון די נויטן פון די אידישע מאַסן, הן געמאָסטן מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאָס. אויך איבער דעם סאָציאַליסטישן ווערט פון די עלעמענטן פון קאָאָפּעראַטיווער אַליינפאַרוואַלטונג אין דער נייער ארץ־ישראלדיקער ווירטשאַפט האָבן מיר נישט קיין אילוזיעס. איר גורל איז ענג פאַרבונדן מיטן גרויסן געראַנגל צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם אין דער וועלט. אָבער מיר גלויבן, אַז מיר שטייען אינמיטן דעם איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליסטישע ווירטשאַפטס־פאָרמען, און דעריבער קאָנען די קאָאָפּעראַטיווע קערנדלעך אין א״י האָבן אַ קיום. על כל פנים וועט דער קאַפּיטאַליזם אין ארץ־ישראל זיך אָנשטויסן אויף אַן אָרגאַניזירטן אַרבעטערקלאַס, וואָס איז געקומען צום באַוואוסטזיין פון זיין לאַגע און שליחות.

דעריבער ווערט אַלץ העפטיקער דער קאַמף פון דער בורזשואַזיע אין ארץ־ישראל און אינם ציוניזם קעגן דער השפעה פון דער אַרבעטער־שאַפט אויפן אויפבוי פונם לאַנד. בשעת מיר שרייבן די דאָזיקע שורות, איז פובליצירט געוואָרן דער ראַפּאָרט פון אַ „פאַראייניקטער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פאַר ארץ ־ ישראל", וועמעס פאָרזיצער ס'איז געווען לאָרד מעלטשעט (פריער סער אַלפרעד מאָנד), און צו וועלכער עס האָבן באַלאַנגט די באַנקירן מר. פעליקס וואַרבורג, ניו־יאָרק, און ד־ר. וואַסערמאַן, בערלין. די פאַרטרעטער פון דער אידישער גרויסער בורזשואַזיע אין אַמעריקע און ענגלאַנד שטעלן אַלס תנאי פאַר זייער מיט־אַרבעט אין דעם אידישן ישוב־ווערק אין ארץ־ישראל דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַלע פּרינציפּן, וואָס די אַרבעטערשאַפט האָט אַריינגעטראָגן אין דעם ציוניזם. זיי נעמען שטעלונג קעגן נאַציאָנאַלן לאַנד־אייגנטום, קעגן אַליין־אַרבעט אַלס יסוד פון אַגראַרער קאָלאָניזאַציע, קעגן קאָאָפּעראַטיווע פאָרמען פון לאַנדווירטשאַפט (קבוצות), קעגן דעמאָקראַטישע פאָרמען פון אדמיניסטראַציע. זייער פּראָגראַם איז דורכגעזאַפּט מיט אָפענער פיינטשאַפט צו דער אַרבע־טערשאַפט. עס קאָן קומען אַ מאָמענט, ווען מיר וועלן אַפּעלירן צו דער אַקטיווער הילף פונם אינטערנאַציאָנאַל. מיר גלויבן, אַז זי וועט אונז גע־געבן ווערן, ווען דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם וויס, וואָס די אידי־שע אַרבעטערשאַפט, דורכגעדרונגען פון זיין גייסט, האָט אויפגעטאָן אין ארץ־ישראל.

תל־אביב, יולי, 1928.

די ארץ־ישראל־געשעענישן אין 1929.

(מעמאָראַנדום צו דער בריטישער ארבעטער־פּאַרטיי).

לאָנדאָן, דעם 2. סעפּטעמבער 1929

1. די שווערע געשעענישן אין ארץ־ישראל פאַרלאַנגען די תיכפדיקע און זער ערנסטע אויפמערקזאַמקייט מצד דער פּאַרטיי. די זיכערקייט מיטן לעבן איז נאָך נישט צוריקגעשטעלט און די סיטואַציע איז נאָך אַלץ פול סכנות. אָבער עס איז וויכטיק אָפּצושאַצן די פולע באַדייטונג פון די לעצטע פּאַסירונגען.

2. מיר האָבן נישט בדעה צו פאַרצייכענען דעם גאַנג פון די געשע־ענישן אין די לעצטע צען טעג פון בלוטפאַרגיסונג און שוידערלעכקייטן. מיר האַלטן עס אויך נישט פאַר נויטיק אָפּצולייקענען דאָ די אַבסורדע באָבע־מעשיות, וועלכע האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין קאַהיר, באַגדאַד און אינדיע, אַז די אידן זיינען אַנגעפאַלן אויף די אַראַבער, כדי אויפצוריכטן אַ אידישע הערשאַפט איבער ארץ־ישראל, אָדער אַז די אידן האָבן בייזע כונות קעגן די הייליקע פלעצער פונם איסלאַם. די דאָזיקע איינפאַלן זיינען טאַקע דער וואָרצל פון אַ פּראָוואָקאַטאָרישער אַגיטאַציע געפירט מיטן בפירושן צוועק אויפצורייצן די מחמדאַנער פון פאַרשיידענע לענדער און די אַראַבער פון ארץ־ישראל קעגן דער אידישער ארץ־ישראל־באַוועגונג.

3. דער אויסברוך איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ פּלאַנמעסיק צו־געגרייטן, באַקלערטן, אַנטשלאָסענעם פּרוּאוו צו עקספּלואַטירן די רעליגיעזע געפילן און פאַנאַטיזם פון די מוסולמענישע אַראַבער. מען האָט פאַרשפּרייט ווילדע קלאַנגען, און די ליגנערישע באַשולדיקונגען אין פאַרבינדונג מיט דעם סכסוך אַרום דעם כותל מערבי האָבן צובושעוועט ליידנשאַפטן — וואָס מען האָט טאַקע געוואָלט דערגרייכן — ביז דער דאָזיקער אַכזריותדיקער אָנפאַל אויף דער אידישער באַפעלקערונג איז סוף כל סוף דורכגעפירט געוואָרן.

די צילן, צו וועלכע עס שטרעבן די העצער, וועלכע האָבן געבראַכט צו דעם אומגליק, זיינען אָבער נישט קיין רעליגיעזע, נאָר פּאָליטישע. דאָס איז קודם כל אַ פּרוּאוו אָנצושרעקן די אידן און צושטערן די וואַקסנדע דערנעענטערונג, וועלכע אַכט יאָרן פון אומגעשטערטן שלום, וואוילשטאַנד און פאַרגרעסערטער קאָאָפּעראַציע צווישן די פאָלקסמאַסן פונם לאַנד האָבן גע־האָלפן צו דערגרייכן; אין דער צווייטער שורה, צושטאַנדצוברענגען אַ דרוק

אויף דער אַרבעטער-רעגירונג, אַז זי זאָל מבטל מאַכן אַ פּאָליטיק, וועלכע האָט שאַנסן צו ברענגען פּירות אונטער איר רעזשים; און צום סוף, ווידער-אויפצוריכטן די פּאָליטישע השפּעה פון דער הוסייני-„דינאַסטיע", וואָס באַהערשט די עקזעקוטיווע פונם „אַראַבישן קאָנגרעס" און דעם אויבערשטן מחמדאַנישן ראַט. די פירער פון דער גרופּע, דיסקרעדיטירט ביי די אַראַבער אַליין, האָבן געהעצט צו די דאָזיקע פּאַסירונגען, האָפנדיק צוריקצוגעווינען אינמיטן פון שפיכת-דמים און מהומה עטוואָס פון זייער פאַרלוירענעם פּרעסטיזש.

4. די דאָזיקע פאַקטן פאַרקלענערן בשום אופן נישט די אחריות פון דער ארץ-ישראלדיקער אַדמיניסטראַציע. איר ערשטווינלעכע נישט-אינפאָרמירטקייט און קורצזיכטיקייט, איר זאָרגלאָזיקייט בנוגע די דרינגענד נויטווענדיקע פאַרהיטונגס-מיטלען, באַזונדערס נאָך די דעמאָנסטראַציעס פונם 15-טן און 16-טן אויגוסט, צוליב דער וואַקסנדער, אַלגעמיינער אומרואיקייט, איז פאַראורטיילט געוואָרן פון דער עפנטלעכער מיינונג אין ענגלאַנד און אין דער וועלט. זי איז באַשולדיקט אין אומפּעאיקייט און אין דיסקרעדיטירן דעם גוטן נאָמען פון בריטישער פאַרוואַלטונג. נאָך קיינמאָל זיינען ענגלישע באַאַמטע נישט באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי האָבן דערלאָזן צו אַ מצב, וואָס מאַכט מעגלעך פּאָגראָמען און רציחות פון דעם צאַריש-רוסישן טיפּ.

דער שורש פון דעם בייז איז אָבער טיפער און וועט נישט אויסקורירט ווערן דורך דעם אַראָפּזעצן אַפילו פון די העכסטע באַאַמטע. דאָס סיסטעם, וואָס זיי האָבן פּראָבירט איינצופירן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש.

5. זייט יאָרן, און ערשט לעצטנס אין יולי ווידעראַמאָל כּלפּי לאָרד פּאַספילד, האָבן מיר אָנגעוויזן אויפן פאַקט, אַז עס באַשטייט אַ תהום צווישן די דעקלאַרירטע כּוונות פון דער מאַנדאַט-רעגירונג אין לאָנדאָן און דער האַלטונג פון דער אַדמיניסטראַציע אויפן אָרט, כּל זמן אַ סך איינפלוסרייכע באַאַמטע אין ארץ-ישראל זיינען אינדיפערענט אָדער אַפילו פיינטלעך צו די אויפגאַבן און כּוונות פונם מאַנדאַט. זייער דאגה איז מער געווען מפּצה צו זיין די שונאים פונם מאַנדאַט ווי צו ערמוטיקן די קאָלאָניזירונג פון די אידן.

ס'איז נישט געווען קיין באַווייז, אַז די א"י-רעגירונג האָט בדעה צו פאַרווירקלעכן דעם מאַנדאַט. אין איר האַלטונג אין עקאָנאָמישע, באַשטייערונגס- און אַרבעטער-פראַגן האָט זי זיך ווינציק גערעכנט מיט די באַזונדערע נויטן פון ארץ-ישראל אַלס אַ לאַנד פון אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פאַר די אידישע אַרבעטזוכנדע מאַסן.

דער ענטפער אויף אונזער קריטיק און פאָרשלאַגן איז געווײנלעך געווען, אַז די איצטיקע פּאָליטיק האָט גאַראַנטירט דעם שלום און די זיכערקייט פון ארץ-ישראל אַפילו אין אַ צייט, ווען סוריע האָט געהאַט אַן אויפשטאַנד און מצרים האָט געטליעט מיט אומרו. דער ווירטשאַפטלעכער פּראָגרעס, דער פּועל-יוצא פון דער אידישער אַקטיוויטעט, דער שטענדיקער

צושטראָם פון אַ באַפעלקערונג מיט אַ העכערן לעבנסשטייגער און פון אידיש געלט — דאָס אַלץ האָט מען איגנאָרירט. אין דער אייגענער צייט, נישט קוקנדיק אויף די הבטחות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן בעת דעם פאַנאַנדערלאָזן די פריערדיקע זשאַנדאַרמעריע, איז די צאָל אידן אין דער פּאָליציי רעדוצירט געוואָרן און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ גרענעץ־קאָרפּוס, פון וועלכע אידן זיינען פּאַקטיש אויסגעשלאָסן. די טרויעריקע געשעענישן פון די לעצטע טעג האָבן צושטערט די לעגענדע וועגן דער געזיכערטער רואיקייט און דער פּאָליטישער קלוגשאַפט פון דער אָנגענומענער ליניע.

6. זעענדיק דעם פולשטענדיקן דורכפאַל פון די הערשנדע רעגירונגס־מעטאָדן, ווילן מיר אָנצייכענען די תיכפדיקע פּאָליטישע שריט, וועלכע דאַרפן אָנגענומען ווערן:

די ערשטע וועזנטלעכע פאָדערונג איז צו ענדערן די א"י־אַדמיניסטראַציע, צו ענדערן איר גייסט און האַרץ. די דורכפירונג פון דעם מאַנדאַט קאָן נישט אָנגעטרויט ווערן באַאַמטע, וואָס האָבן נישט קיין גלויבן אין זיין גערעכטיקייט און דורכפירבאַרקייט. פון אַזעלכע מענטשן קאָן מען נישט ערוואַרטן, אַז זיי וועלן אַרויסגעפינען די ריכטיקע מעטאָדן צו רעאַליזירן די מאַנדאַט־פּאָליטיק.

7. די רעאָרגאַניזירונג פון די שוץ־כחות פונם לאַנד איז דער נעכסטער נויטווענדיקער שריט. די אידן דאַרפן בילדן 50% פון דער א"י־פּאָליציי און אַ געהעריקע פּראָפּאָרץ פון דעם גרענעץ־שוץ־קאָרפּוס. מען קאָן נישט פאַרזען דעם פאַקט, אַז די אַראַבישע פּאָליציי האָט צום טייל דעזערטירט פון אירע פּאָזיציעס בעת דעם אויסברוך, און אַז אויף דעם גרענעץ־קאָרפּוס האָט מען זיך נישט געקאָנט פאַרלאָזן.

8. מיר פאָדערן דרינגענד אַ רעוויזיע אין דער באַציאונג פון דער רעגירונג צו דער פרייוויליקער אידישער זעלבסטשוץ. עס האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן, אַז אין אייניקע פאַלן איז דער רעגירונגס־שוץ נישט געקומען באַצייטנס און אַז אידן זיינען פשוט אויסגעשעכטן געוואָרן, ווען זיי האָבן נישט געקאָנט זיך אַליין שיצן. אין אייניקע ערטער האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט פאַר זעלבסטפאַרטיידיקונג, אָבער די דאָזיקע גרופּן, נישט געהעריק באַוואָפנט און ווייניק טרענירט, זיינען אַנטוואָפנט און אַרעסטירט געוואָרן דורך דער מיליטערישער מאַכט אויף די ערטער, אין דער צייט, ווען די אַדמיניסטראַציע האָט נישט געקאָנט אָפּהאַלטן די שחיטה און צושטעלן גענוגענדע שוץ. באַזונדערס דערבידעריקנד און נישט צו פאַרשטיין איז געווען דאָס פאַנאַנדערלאָזן אַפילו די אידישע נויט־פּאָליציסטן, וועלכע זיינען מאָבּיליזירט געוואָרן דורך דער רעגירונג, בעת דער קריזיס איז אויסגעבראָכן. דער פאַקט איז אַ באַזונדערס דעפּרימירנדער, ווייל לויט די באַריכטן האָט די אַדמיניסטראַציע נאָכגעגעבן אין דער אָנגעלעגנהייט די סטראַשונקעס פון „פּראָמינענטע מוסולמענער". מיר מוזן זאָגן, אַז די ווירקונג פון אַזעלכע מיטלען קעגן דער אידישער זעלבסטשוץ, אַחוץ דעם וואָס עס פאַרלייכטערט דעם פאַרלוסט פון אידישע לעבנס, מוז זיין מאָראַליש אַ צושמעטערנדער.

9. מיר שטימען צו צו דער פאָדערונג פון דעם ועד-לאומי פון קאַמ־פענסאַציע פאַר פארלוסט פון לעבן און אייגנטום. דאָס איז אַ דירעקטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער א״י-רעגירונג. מיר ווילן אָבער אָנווייזן, אַז דאָס איז אַ פאַל, ווען די שייכן און עפענדיס וואָלטן געדאַרפט געצוואונגען ווערן צו צאָלן פאַר די חורבנות, וואָס זיינען געשען אין זייער סביבה. אַז זיי וועלן מוזן באַצאָלן פאַר זייער אייגענער פּאָליטיק, וועט עס זיין אַ לעקציע פאַר זיי, צו וואָס זי ברענגט.

10. אַלס אַ הקדמה צו די דאָזיקע מעשים דאַרף קומען אַ נייע פאָר־מולירונג און ווידערבאַשטעטיקונג פון דער בריטישער פּאָליטיק אין א״י. ווי אין פריערדיקע יאָרן, ווען עס זיינען אַנטשטאַנען שוועריקייטן, אַזוי ווערט אויך איצט אין אַ געוויסן טייל פון דער ענגלישער פרעסע אויפגעהויבן דאָס געשריי פאַר „אַרויספּעקלען זיך פון א״י״. די דאָזיקע ס׳רוב געלע פרעסע מיינט נישט באמת, אַז ענגלאַנד דאַרף פאַרלאָזן א״י: זי מיינט נאָר, אַז ענגלאַנד דאַרף פאַרלאָזן די אידן.

וואָס עס זאָלן נישט זיין די מאָטיוון, וועלכע האָבן געבראַכט בריטי־שע מלוכה-מענער פון פאַרשיידענע פאַרטייען צו אַקצעפּטירן די אידעע און די פאַרפליכטונג פון אידישער ווידערבאַזעצונג אין א״י, דער פאַקט בלייבט, אַז דער א״י-מאַנדאַט איז אפשר דער איינציקער, וועלכער פאַרקערפּערט דעם געדאַנק פון ערפילן אַן אינטערנאַציאָנאַלן חוב. ער זאָגט צו הילף אַ פאַרפאָלגט און לאַנדלאָז פאָלק. ער פירט איין אינטערנאַציאָנאַלע שוץ פאַר אידישער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין א״י אויף נאַציאָנאַלע יסודות. דאָס איז דער גייסט, אין וועלכן דער מאַנדאַט-רעזשים אין א״י איז פאַר־שטאַנען געוואָרן דורך דער אַרבעטער-פאַרטיי הן פאַר, הן נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, און איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער גאַנצער אינטערנאַ־ציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג.

מיר באַטראַכטן עס פון דער גרעסטער באַדייטונג, אַז די אַרבעטער־רעגירונג זאָל אין דער דאָזיקער שעה פון נסיון און טרויער פאַרן אידישן פאָלק איבערחזרן איר אַנטשלאָסנקייט אויסצופירן אויך ווייטער די פאַרטרע־טערשאַפט פון דער פעלקער-ליגע און צו ערפילן די דאָזיקע אינטערנאַציאָ־נאַלע התחייבות כלפי דעם אידישן פאָלק און כלפי א״י. די רעגירונג דאַרף קלאָר מאַכן איר באַשלוס אויסצופירן דעם מאַנדאַט מיטן גאַנצן האַרצן, לויט זיין בוכשטאַב און גייסט, און צו שאַפן אין א״י אַזעלכע אַדמיניסטראַ־טיווע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע וועלן מיטהעלפן און זיכערן די באַזעצונג פון גרויסע אידישע מאַסן אין א״י און די גרינדונג פון אַ אידישן היימלאַנד.

11. אַן אויספאָרשונג דאַרף דורכגעפירט ווערן פון די אומשטענדן, וואָס האָבן געבראַכט צו די איצטיקע אומאָרדנונגען, און אויסגעפינען זיי־ערע סיבות. צוליב איר זאָלן אָבער נישט אָפגעלייגט ווערן די שריט, וואָס זיינען נויטיק, כדי צו רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט יענע באַאַמטע, וועלכע זיינען שולדיק אין באַגאַנגענע טאַטן אָדער אין אומטעטיקייט. די אויספאָר־

שונג דאַרף געמאַכט ווערן אין א״י דורך אַן אומפּאַרטייאישער קערפּערשאַפט פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן, וועמעס רעקאָמענדאַציעס וועלן האָבן גרויס געוויכט אין דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט.

די דאָזיקע אויספאָרשונג דאַרף נישט אָפּהאַלטן די רעגירונג פון אָננעמען די תּיכּפדיקע מיטלען, וואָס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אין דעם מעמאָראַנדום.

12. מיר זיינען איבערצייגט, אַז די פרידלעכע אַנטוויקלונג פון א״י הענגט אָפּ קודם כּל און בעיקר פון אַ פאַרשטענדיקונג און קאָאָפּעראַציע צווישן אידן און אַראַבער. און נישט אָפּגעשראָקן פון די טראַגישע געשעענישן, וואָס האָבן פאַרטונקלט די קעגנזייטיקע באַציאונגען, ווילן מיר ערקלערן אונזער גרייטקייט צו טאָן אַלץ, וואָס מיר קאָנען, כּדי צושטאַנדצוברענגען אַזאַ פאַרשטענדיקונג. דער קוק פון אַ טייל פון דער בריטישער פּרעסע, וועלכע גלויבט אין אַ טראַדיציאָנעלער פיינטשאַפט צווישן די צוויי ראַסן, איז עם-הארציש און האָט נישט קיין גרונד. ער איז עלול צו שטאַרקן די קעגנער פון פרידלעכער אַנטוויקלונג. דער אמת איז, אַז די אַרבעטער פוןביידע פעלקער האָבן אָנגעהויבן צו קאָאָפּערירן אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, און די געשעפטס-לייט — אין האַנדלס-קאַמערן. אידישע שפּיטאָלן טוען זייער אַרבעט פאַר אידן און אַראַבער גלייך. דער באַזוכער פון דעם לאַנד האָט ביז די דאָזיקע געשעענישן געקאַנט זען צוויי פעלקער, וואָס לעבן איינער נעבן דעם אַנדערן, לערנען צו רעספּעקטירן איינער דעם צווייטן, און צו אַרבעטן פאַרן וואוילשטאַנד פון זייער לאַנד. פעאָדאַלע פירער, אָנגעשראָקן פון דער וואַקסנדער דערנענטערונג, האָבן באַנוצט דעם לעצטן פאַרצווייפלונגס-מעטאָד — דאָס אויפוועקן פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם — כּדי צו דערווייטערן איין פאָלק פונם צווייטן.

צום אומגליק זיינען די אַראַבישע אַרבעטערמאַסן נאָך שטום, און די וואָס פּרעטענדירן צו זיין זייערע פירער שטעלן אין זייער נאָמען אומבאַרעכטיקטע פאָדערונגען. דאָך זיינען מיר איבערצייגט, אַז אַפילו אין די דאָזיקע אומשטענדן קאָן דערגרייכט ווערן אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די צוויי פעלקער, אויב די וואָס רעדן כּלומרשט אינם נאָמען פון די אַראַבער וועלן וויסן, אַז די בריטישע רעגירונג שטייט פעסט ביי איר אַנטשלוס צו העלפן דעם אידישן פאָלק זיך ווידער אויפצוריכטן אין ארץ-ישראל.

צום ראַפּאָרט פון דער שאָ-קאָמיסיע.

דער ראַפּאָרט פון דער אונטערזוכונגס-קאָמיסיע איבער די ארץ-ישראל-אומרועז פון אויגוסט 1929, וואָס איז נאָר וואָס פּובליצירט געוואָרן, פאַרלאַנגט אַ תּיכּפדיקע קורצע תּשובה.

די קאָמיסיע איז פּאַקטיש איינשטימיק נאָר בנוגע איין פּונקט: אַז דאָס וואָס איז געשען אין א"י דעם לעצטן אויגוסט איז געווען פון אָנהויב ביזן סוף אַ נישט-פּראָוואָצירטער אָנפאַל פון אַראַבער אויף אידן. אָבער געשטעלט פאַר דער אויפגאַבע צו באַשטימען, ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אויסברוך, איז דער רוב פון דער קאָמיסיע אימשטאַנד צו אַנטדעקן נאָר איין שולדיקן, דהיינו, די אידן אַליין.

די א"י-אַדמיניסטראַציע איז פריי פון אַחריות. איר געהיים-פּאָליצײַ איז דורכגעפאַלן. אָבער איר שטאַנדפּונקט ווערט אָנגענומען, אַז קיין שום קאָנספּיראַציע און קיין שום צוגעגרייטע אַקציע איז נישט געווען. דער מופטי און די אַראַבישע א"י-עקזעקוטיווע ווערן ערקלערט פאַר נישט שולדיק.

לויט דער מיינונג פון דער מערהייט פון די קאָמיסאַרן ליגט די פונדאַמענטאַלע סיבה פון די אומרועז אין „דעם אַראַבישן געפיל פון אַנטיפּאַטיע און פיינטשאַפט קעגן די אידן", אַ געפיל, וואָס „באַזירט אויף דעם צווייפאַכן פּחד פון די אַראַבער, אַז אידישע איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע קאָנען אַוועקנעמען ביי זיי זייער חיונה, און אַז זיי קאָנען מיט דער צייט אַרונטערפאַלן אונטער דער פּאָליטישער הערשאַפט פון די אידן". מיט אַנדערע ווערטער, די סיבה פון אַלע שוועריקייטן איז די אידישע אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע און די אינטערנאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס פאַר דער עטאַבלירונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים, וועלכע זיינען אַנטהאַלטן אינם מאַנדאַט. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אַראַבישע וואָרטפירער זיינען נישט געווען בכּח צו באַווייזן, אַז דאָס אידישע ווערק אין ארץ-ישראל האָט געבראַכט עקאָנאָמישן שאָדן צו דער אַראַבישער געמיינשאַפט, ערמוטיקט די מאַיאָריטעט פון דער קאָמיסיע די אַראַבישע באַפעלקערונג (צו רעדן מיט די ווערטער פון מר. ס נ ע ל אין זיין „באַזונדערער מיינונג") דערין, „צו גלויבן, אַז זי האָט געליטן אַ גרויס אומרעכט, און אַז דער איינוואַנדערנדער איד בילדעט אַ שטענדיקע סכּנה פאַר איר עקזיסטענץ-מעגלעכקייט אין דער צוקונפט".

דער רוב פון דער קאָמיסיע באַטראַכט גאָרנישט דעם מיין פון די התחייבותן, וועלכע זיינען אַרויפגעלייגט אינם מאַנדאַט כּלפּי דעם אידישן

פאָלק. זייער איינציקע דאגה איז די אויסגאַבע פון דער מאַנדאַטאָר-מאַכט צו באַרויִקן די חשדים און די מורא פון די אַראַבער. דער אויסוועג פון אַלע שוועריקייטן, ווי די מערהייט פון דער קאָמיסיע שטעלט זיך אים פאָר, איז דעריבער טאַקע זייער איינפאַך. דאָס איז אין תּוך אַריין, צו באַגרענעצן די אידישע איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע, אַזוי אַז דער עיקר טייל פונם מאַנדאַט, וואָס באַציט זיך אויף דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, זאָל ווערן אָן אינהאַלטסלאָזער, טויטער אות.

די אויספאָרשונג פון פונדאַמענטאַלע פראַגן פון דער ארץ-ישראל-פּאָליטיק, ווי איינוואַנדערונג און לאַנד-באַזעצונג, איז נישט געווען אין די קאָמפּעטענץ-ראַמען פון דער אונטערזוכונג. די עדות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר דער קאָמיסיע איבער אַזעלכע עיקר-פראַגן פון עקאָנאָמישער פּאָליטיק, איז געווען אַ פּרואוו מצד דער אַראַבישער עקזעקוטיווע צו שטופּן די אונטערזוכונג אויף אַ זייטיקן וועג. עס איז געווען פראַגמענטאַריש, צופעליק און איינזייטיק. די קאָמיסיע האָט נישט פאַרלאַנגט קיין פולשטענדיקערע באַווייז-מאַטעריאַלן, און דער אידישער צד האָט נישט באַגרינדעט זיין שטאַנדפּונקט אין די פראַגן פון הויכער פּאָליטיק.

נישט קוקנדיק אויף דעם, פילט זיך די מערהייט פון דער קאָמיסיע באַרעכטיקט צו פסקענען אין דער פראַגע פון אידישער איינוואַנדערונג און אַריינצוציִען אין דעם גאַנצן פּראָבלעם פון לאַנד-פּאָליטיק, אַריינגערעכנט אַזעלכע טעכנישע פראַגן ווי די גרויס פון ווירטשאַפטן אין פאַרשיידענע טיילן פון ארץ-ישראל, די מעגלעכקייטן פון באַוואַסערונג און פון אינטענסיווער באַווירטשאַפטונג.

די קאָמיסיע-מערהייט באַהויפּטעט גאַנץ ערנסט, אַז די אידישע איינוואַנדערונג אין די יאָרן 1924/25, פון וועלכער זי האַלט, אַז זי איז געווען צו גרויס, איז געווען איינער פון די פאַקטאָרן, וואָס האָט גורם געווען צו דעם אויסברוך אין 1929. כדי צו באַגרינדן דעם דאָזיקן באַשיינפּערלעך משונהדיקן צוזאַמענהאַנג, טענהט די קאָמיסיע, אַז די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע און די צייט פון אידישער אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע זיינען געקומען נאָכדעם אין די יאָרן 1926/27, האָבן פאַרגרעסערט די באַלאַסטונג פון דעם ארץ-ישראלדיקן שטייערצאָלער.

דאָס איז אַ באַהויפּטונג אָן שום פאַקטישן יסוד. די לאַסט פון צוויי יאָר אַרבעטסלאָזיקייט איז געפאַלן לחלוטין אויף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אויסגעגעבן אין יענער תקופה איבער 200.000 פונט אויף אַרבעטסלאָזע-אונטערשטיצונג און בויִ-אַרבעטן. דער רעגירונגס באַטייליקונג אין אָפּשוואַכן דעם קריזיס איז באַשטאַנען אין דער באַשעפטיקונג פון אידישע אַרבעטער ביי עפנטלעכע אַרבעטן אין אַ היקף פון 136.000 פונט, אַ סכום, וואָס איז 15% פון דער גאַנצער הוצאה אויף עפנטלעכע אַרבעטן אין די יאָרן 1927/28. די אידן בילדן 20% פון דער באַזעצטער באַפעלקערונג. זייער חלק אין די הכנסות פון ארץ-ישראל איז 40 פראָצ., און זיי מאַכן אויס 50 פראָצ. פון דער באַפעלקערונג, וואָס לעבט פון שכירות. די

אויסשליסונג פון אידישער אַרבעט פון די רעגירונגס-אַרבעטן, וואָס האָט געהערשט ביז צום יאָר 1927, איז געווען אַן אומגערעכטיקייט און אַן אַנט-רעכטונג כלפי דער אידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָבן געמוזט פאַרריכט ווערן. עס הייסט צוגעבן אומכבוד צו אומרעכט, ווען די דריי קאָמיסאַרן קוואַליפיצירן די נישט-גענוגנדע מיטלען אָנגענומען מצד דער רעגירונג, כדי גוטצומאַכן יענע עוולה, אַלס אַ לאַסט אַרויפגעוואָרפן אויפן ארץ-ישראלדיקן שטייערצאָלער.

נישט קוקנדיק אויף מר. סנעלס פולע און אָביעקטיווע אויפקלערונג, בלייבן די קאָמיסיע-מיטגלידער ביי דער אַבסאָלוט נישט-באַגרינדעטער ערקלע-רונג, אַז די אימיגראַציע-סערטיפיקאַטן פון דער אַרבעטער-רשימה ווערן צו-געשטעלט אין בלאַנקאָ צו דער הסתדרות (אַלג. איד. אַרב. אָרג.), וועלכע פאַרטיילט זיי לויט פּאָליטישע טענדענצן. דאָס איז אַ באַהויפּטונג לחלוטין אָן יסוד. די אַרבעטער-סערטיפיקאַטן, וועלכע די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אין ארץ-ישראל קריגט, ווערן פאַרטיילט צווישן די פּאַלעסטינע-אַמטן אין די פאַרשיידענע לענדער, וועלכע ווערן אָנגעפירט פון קאָמיטעטן, וואָס באַשטייען פון פאַרטרעטער פון אַלע מיט דער אידישער אַגענץ פאַרבונדענע אָרגאַני-זאַציעס, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער סעלעקציע און הכשרה פון די אַרבעטער-אימיגראַנטן, און זי באַנוצט איר גאַנץ לעגיטימע השפעה אויף די ביי אָנגעקומענע, אַז זיי זאָלן צוטרעטן צו דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

וואָס איז נוגע דעם פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע, צו באַלעבן דעם אימיגראַציע-באָרד, געפּלאַנעוועט אין יאָר 1922, גלויבן מיר נישט, אַז עס וואָלט געווען גערעכט צו באַנייען אַ פּלאַן, וואָס קאָן נאָר דינען אַלס אַ שטענדיקע אָבסטרוקציע, בפרט פאַר דער אידישער אַרבעטער-איינוואַנדערונג.

מיר וואַרפן אָפּ די האַסטיקע אויסרעכענונגען פון דעם רוב פון דער קאָמיסיע בנוגע די מעגלעכקייטן פון געדיכטער לאַנד-באַזעצונג אין א״י, אַלס מסקנות, וועלכע זיינען צושטאַנדגעקומען אָן קענטניש פון די פאַקטן, אָן גענוגענדן באַווייז-מאַטעריאַל, אָן אַ ריכטיקער אויספאָרשונג פון פּראָבלעמען, וועלכע זיינען צום טייל זייער טעכנישע און פאַרלאַנגען אונטערזוכונג דורך עקספּערטן. מיר לייקענען די ריכטיקייט פון דער קאָנסטאַטירונג, וואָס שטיצט זיך נאָר אויף די עדות פון דער אַראַבישער עקזעקוטיווע, אַ קער-פערשאַפט, וועלכע באַשטייט פון די ערגסטע עקספּלואַטאַטאָרן פון די אַראַבישע אַרבעטנדע מאַסן, אַז דורך דער אידישער לאַנד-קאָלאָניזאַציע „ווערט באַשאַפן אַ לאַנדלאָזער און אומצופרידענער קלאַס מענטשן". פון ווייניקער ווי 700 פעכטערס אין עמק יזרעאל און עמק עכו זיינען 90 פּראָצ. געבליבן פויערן-אַרענדאַטאָרס אין שכנישע דערפער. קיין איינציקער פויער-אייגנטימער איז נישט אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין לאַנד. אַזעלכע פויערן-יאַזיצער פאַרקויפן נאָר אַ טייל פון זייער לאַנד און באַנוצן דאָס געלט פאַר דער אינטענסיפיקאַציע פון זייערע ווירטשאַפטן.

אין אַלגעמיינע שטריכן זיינען די פאַקטן די, אַז בערך 11 מיליאָנען מעטרישע דונאַם פון קולטור-פעאיקע ערד אין מערב ארץ-ישראל ווערט נאָר

אַ העלפט פערמאַנענט באַאַרבעט דורך אַראַבישע פעלאַכן, בעת 5 מיליאָנען דונאַם זיינען נישט-קולטיווירט בראָך-לאַנד אָדער גאָרנישט באַאַרבעט, און 1 מיליאָן דונאַם איז אין אידישן אייגנטום. דער איבערגאַנג פון די פרימיטיווע און אָפגעשטאַנענע מעטאָדן פון עקסטענסיווער ווירטשאַפט פון דעם אַראַבישן פויער צו פאַרבעסערטע און מאָדערנע מעטאָדן פון לאַנדווירטשאַפט וועט נישט נאָר פריימאַכן די אָקופירטע, אָבער נישט פערמאַנענט קולטיווירטע 5 מיליאָנען דונאַם פאַר געדיכטער קאָלאָניזאַציע, נאָר וועט מעגלעך מאַכן די עקזיסטענץ פון אַ געדיכטערער און וואוילשטאַנד לעבנדער באַפעלקערונג אויף דער ערד, וואָס ווערט איצט באַאַרבעט פון די פעלאַכן.

אָט איז די ברעג-פלאַך פון עכו ביז עזה פון $3^{1}/_{2}$ מיליאָנען דונאַם, דערפון $2^{1}/_{2}$ מיליאָנען באַוואַסערבאַרע ערד, פון וועלכער אַ העלפט איז איינער פון די פיינסטע פלאַנצונגס-שטחים אין דער וועלט; דאָרט עקזיסטירט היינט-צו-טאָג אַן אַראַבישע פויערן-באַפעלקערונג פון בערך 20 טויזנט משפחות, וועלכע לעבן פון נישט רענטאַבלער תבואה-ווירטשאַפט. לויט אַן אויספאָרשונג דורכגעפירט פון עקספערטן, איז דאָ פלאַץ אין עמק השרון און עמק פלשתים פאַר מער ווי 30 טויזנט ווייטערע קאָלאָניסטן פאַרזיכערנדיק אין דער אייגענער צייט אַ העכערן לעבנס-סטאַנדאַרד פאַר די שוין פאַראַנענע באַאַרבעטער פון דער ערד. אָט זיינען דאָ 400 טויזנט דונאַם אין דעם אויבערשטן עמק הירדן געדעקט דורך דעם בית-שאָן-אָפמאַך, די העלפט דערפון באַוואַסערבאַר, וואָס זיינען בכח מפרנס צו זיין אַן אַגריקולטור-באַפעלקערונג פון בערך 10000 פאַמיליעס, בעת איצט וואוינען אין דעם דיסטריקט נאָר 1500 פעלאַכן און בעדואינער-משפחות. אָט איז די חולה-פלאַך אַרום מי-מרום, איצט אַ גרויסע זומפּ פון בערך 150 טויזנט דונאַם, באַפעלקערט פון עטלעכע וואַנדערנדע שבטים, וואו עס וואָלט געקאָנט באַשטיין אַ באַפעלקערונג פון טויזנטער קליין-פויערן. עס איז דאָ דער קולטיווירבאַרער טייל פון נגב, צו דרום פון באר-שבע, 3 מיליאָן דונאַם גרויס, איצט שיטער באַזעצט פון בעדואינער. עס זיינען פאַרהאַן נאָך טיילן פון באַרגיק לאַנד אין מערב א״י וואָס טויגן פאַר טרוקענער לאַנדווירטשאַפט. עס זיינען דאָ די באַדייטנדע רעזערוון פון קולטור-פעאיקער ערד אין עבר-הירדן, אַזוי גרויס ווי די פון מערב ארץ-ישראל, מיט אַ באַפעלקערונג וואָס איז ווייניקער ווי אַ דריטל פון דער איינוואוינערשאַפט פון ארץ-ישראל צו מערב פונם ירדן.

ארץ-ישראל קאָן אָן אַ שום ספק מפרנס זיין אַ גרעסערע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג, אויב אירע „מעטאָדן פון לאַנד-באַאַרבעטונג וועלן דורכמאַכן אַ ראַדיקאַלע אומענדערונג, עס איז דער תכלית און תמצית פונם מאַנדאַט צושטאַנדצוברענגען אַזאַ ענדערונג. אָבער די מערהייט פון דער קאָמיסיע איז, זעט אויס, מער פאַראינטערעסירט אין לאָזן די זאַכן ביים אַלטן.

מיר וועלן באַגריסן יעדן פרואוו פון דער רעגירונג אויסצואַרבעטן אַ לאַנד-פאָליטיק, וואָס וועט אָפהיטן די אינטערעסן פון די אַראַבישע פויערן-

מאסן, פארזיכערנדיק אין דער אייגענער צייט פאר די אידישע ארבעטנדע מאסן אלע מעגלעכקייטן פון געדיכטער קאלאניזאציע, וועלכע עס פארמאגט די מאנדאט-טעריטאריע פון ארץ-ישראל. מיר באהויפטן, אז סיי די רעגירונג פון א ארץ-ישראל, וואס ווערט נישט אנטוויקלט דורך אידישע לייסטונגען, סיי דער אינטערנאציאנאלער קאפיטאל וועלן פאר א לאנגער צייט נישט זיין אימשטאנד אדער גרייט צו טראנספארמירן די ארץ-ישראלדיקע לאנדווירטשאפט און צו באפרייען דעם אראבישן פעלאך פון זיין ארעמקייט אין דער אייגענער מאס ווי דאס ווערט צושטאנדגעבראכט און וועט אויך אין דער צוקונפט געטאן ווערן דורך דער אידישער לאנדווירטשאפטלעכער קאלאניזאציע. עס איז די אידישע אימיגראציע און קאלאניזאציע, וועלכע ליפערן דעם אראבישן לאנדווירט נייע מיטלען, נייע מעטאדן און נייע מערק — באדינגונגען, אן וועלכע מען קאן זיך נישט באגיין, פאר דער טראנספארמירונג פון דער ארץ-ישראלדיקער לאנדווירטשאפט אויף מאדערנע יסודות.

מיר קאנען זיך אויך פאר איין מאמענט נישט פארשטעלן, אז די ארבעטער-רעגירונג זאל גרייט זיין צו שטיצן אדער צו באטראכטן פארשלאגן ווי די פארגעלייגטע פון דער מערהייט פון דער קאמיסיע, מיטן צוועק צו באגרענעצן אידישע איינוואנדערונג און קאלאניזאציע. אין דעם אינטערעס פון צוקונפטיקן שלום צווישן אידן און אראבער ערווארטן מיר פון דער ארבעטער-רעגירונג קלאר צו מאכן אן א ברעקל ספק, אז זי וועט נישט נאר ווייטער האלטן דעם מאנדאט, ווי ערקלערט אין לאנדאן, זשענעווע און בערליין, נאר אז זי ווארפט אפ דעם געדאנק, אז ס'איז נישטא קיין פלאץ פאר אידן און אראבער אין ארץ-ישראל. אידן און אראבער און די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט מוזן וויסן, אז נישט נאר בלייבט עס ביים מאנדאט, נאר אז אין ארץ-ישראל ווערט איינגעזעצט אן אדמיניסטראציע, וועלכע איז אנטשלאסן דורכצופירן אים אין לעבן פארן נוצן פוןביידע פעלקער.

עס וועט זיין א גרויסע נחמה פאר דער אידישער ארבעטער-באוועגונג און פארן גאנצן אידישן פאלק, אז דער פארטרעטער פון דער ארבעטער-פארטיי אין דער קאמיסיע, מר. הענרי סנעל, האט זיך אפגעטיילט אזוי קלאר און אנטשיידן פון די אנשויאונגען פון איר מערהייט. מיר וויסן אז מר. סנעל האט געהאנדלט לויטן דיקטאט פון זיין געוויסן און אז ער ערווארט נישט קיין דאנק. אבער מיר פילן עס אלס אונזער חוב אויסצודריקן אונזער טיפע סאטיספאקציע, אז ווייניקסטנס דער ווארט-פירער פון דער ארבעטער-פארטיי אין דער קאמיסיע האט באוויזן אזוי פיל פארשטענדעניש פאר די נויטן און שטרעבונגען פון דעם היימלאזן אידישן פאלק.

לאנדאן, 1-טן אפריל, 1930.

נאָכן ווייסבוך פון אָקטאָבער 1930.

(בריוו צו אַרטור הענדערסאָן).

די נאָר-וואָס פּובליצירטע רעגירונגס-ערקלערונג איבער דער בריטישער פּאָליטיק אין ארץ-ישראל איז אַן אומערוואַרטעטער קלאַפּ פאַר אונז, וועלכע האָבן געלערנט דעם אידישן פאָלק צו האָבן צוטרוי צו דער בריטישער אַר-בעטער-רעגירונג. די קאָנפערענץ פון דער אַרבעטער-פּאַרטיי אין ללאנדאַדנאָ האָט ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וועלכע פאַר-לאַנגט דרינגענד פון דער מאַנדאַטאַר-רעגירונג, אַז די צייט איז געקומען צו ערמוטיקן אידישע איינוואַנדערונג און אינטענסיווע לאַנד-קאָלאָניזאַציע. די שטים פון דאוינינג סטריט איז נישט די שטים פון ללאנדאַדנאָ.

די נייע ערקלערונג מיינט, אַז ס'איז איצט נישטאָ מער קיין לאַנד פאַר אידישער באַזעצונג און אַז די אידישע אַרבעטער-איינוואַנדערונג זאָל באַ-גרענעצט ווערן נאָך מער ווי ביז אַהער. דער וואוקס פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים זאָל על כן אויפגעהאַלטן ווערן. מיר לייקענען די ריכטי-קייט פון די פאַקטן און פון די מסקנות.

דער אַקוטער לאַנד-מאַנגל, וואָס באַשטייט לויטן ווייסבוך, איז אויסגע-רעכנט נאָר אויף דעם אופן, אַז מען האָט נישט גענומען אין אַכט די גרוי-סע לאַנד-רעזערוון פון עבר-הירדן. מען האָט עלימינירט דעם קולטור-פעאיקן שטח פון דעם באר-שבע-דיסטריקט, און מען האָט אָן יסוד רעדוצירט דעם קולטיווירבאַרן שטח פונם באַרג-לאַנד פון ארץ-ישראל מיט מיליאָנען דונאַם. אין דער אייגענער צייט באַנוצט מען דעם עקאָנאָמישן קריזיס, אַרויסגערופן דורך אַ שלעכט געראַטעניש און דעם פאַלן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּרייזן אין דער גאַנצער וועלט, כּדי צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די דורך דעם פאַראורזאַכטע אַרבעטסלאָזיקייט איז אַ רעזולטאַט פון צו גרויסער אידישער איינוואַנדערונג. צו בויען אַ דויערהאַפטע פּאָליטיק אויף איינזייטיקע און נישט-גענוגנדע ציפערן און אויף אַ פאַרביי-גייענדער דעפּרעסיע, הייסט צו הינדערן בייזוויליק די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל. קיין שום פּלפּול וועט נישט מבטל מאַכן דעם פאַקט, אַז די אַראַבישע באַפעלקערונג פון א"י איז אַלס רעזולטאַט פון אידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע-אַרבעט געוואַקסן אין צאָל און אין וואוילשטאַנד, פאַרגליכן מיט די אַראַבער אין שכנישע לענדער.

מיר באַגריסן עס, וואָס די רעגירונג האָט אָקצעפּטירט אונזער שטאַנדפּונקט, אַז דורך אינטענסיווע אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט דאַרפן געהאָלפן ווערן די פון זייערע אַראַבישע לאַנד-פּריצים פאַראָרעמטע און געדריקטע פעלאַכן און דאַרף איניציאירט ווערן די געדיכטע באַזעצונג פון אידן אויף דער ערד. אָבער וועלכן צוטרוי קאָן האָבן דאָס אידישע פאָלק צו דער פון דער רעגירונג אָנגעזאָגטער לאַנד-אַנטוויקלונגס-פּאָליטיק, ווען האָט בײ האָט דערמיט ווערט געלייקנט דאָס רעכט פון אידן אויף וועלכן נישט איז חלק אין די נאָך פאַראַנענע מלוכה-לענדערייען און אַלע פּרינציפּן, אויף וועלכע עס איז באַזירט די אידישע אַרבעטער-קאָלאָניזאַציע, ווערן אַבסאָלוט אָפּגעוואָרפן.

אידישע קאָלאָניזאַציע, געבויט אויף פּריוואַט-אייגנטום פון לאַנד און דער באַשעפטיקונג פון וואָלוועלער אַראַבישער אַרבעט דורך אידישע ערד-באַזיצער, ווערט באַטראַכט אַלס אַ נוצן פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג. אידישע קאָלאָניזאַציע, באַזירט אויף עפנטלעכן אָדער קאָאָפּעראַטיוון אייגנטום פון לאַנד און אויף דער באַזעצונג פון מענטשן, בעיקר פונם אַרבעטער-קלאַס, וועלכע לעבן פון זייער אייגענער פּראַצע, ווערט אָפּגעוואָרפן אַלס אַ שאָדן פאַר די אַראַבער. די אידישע אַרבעטערשאַפט פאַרטרעט אין ארץ-ישראל פּרינציפּן און מעטאָדן, וועלכע זיינען דער רכוש פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג, און עס איז צום שטוינען, אַז זיי ווערן פאַרמשפּט פון אַן אַרבעטער-רעגירונג.

די פאַר דער רעגולירונג פון אידישער איינוואַנדערונג גילטיקע פאָרמולע איז ביז אַהער געווען, אַז די נייע אימיגראַנטן זאָלן נישט אַוועקנעמען קיין אַרבעט פון קיין שום חלק פון דער באַשטייענדער באַפעלקערונג. די נייע פאָרגעלייגטע אינטערפּרעטאַציע אַנטהאַלט נישט נאָר וייטערע באַגרענעצונגען, נאָר אין איר כוונה צו פאַרקלענערן די אידישע אַרבעטער-אימיגראַציע גייט זי ווייטער ווי די פאָרשלאָגן וואָס זיינען געמאַכט פון דעם עקספּערט פון דער רעגירונג *). נאָך מער די רעגירונג פאַרלאַנגט פאַר זיך דאָס רעכט צו באַגרענעצן און אָפּצושטעלן די אידישע איינוואַנדערונג צוליב רײן-פּאָליטישע מאָטיוון, ווי למשל, כדי צו באַרואיקן חשדים, „אַזוי לאַנג ווי עס באַשטייט וועלכער נישט איז יסוד, דורך וועלכן מען קאָן מסביר זיין דעם חשד אַלס גוט באַגרינדעט". עס איז קלאָר, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען הערט אויף די אידישע אַרבעטער-איינוואַנדערונג צו זיין אַ זאַך פון רעכט און ווערט לחלוטין אָפּהענגיק פונם חסד פון דער אַדמיניסטראַציע און פון אַראַבישע פירער, וואָס זייער צוועק איז אויפצורייצן „חשדים".

דורך דער נייער רעגירונגס-ערקלערונג זיינען מיר דערנידעריקט געוואָרן פון דער אַרבעטער-רעגירונג. אָבער מיר זיינען נישט געשלאָגן. מיר אָקצעפּטירן נישט דעם נייעם פּירוש צום מאַנדאַט און וואַרפן זיך נישט

---

*) סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן.

אונטער. מיר וועלן אים באַקעמפן פאַר יעדן טריבונאַל פון דער וועלט און אַפּעלירן צו דעם געוויסן פון דער ענגלישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַר-בעטער-באַוועגונג. מיר פאַרלירן נישט אונזער גלויבן אין די אידעאַלן פון דער אַרבעטערשאַפט און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון דעם אַרבעטערקלאַס. עס קאָן אויך נישט ערשיטערט ווערן אונזער אמונה אין דעם רעכט פונם אידישן פאָלק צו פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און סאָ-ציאַלער ווידעראויפלעבונג אין ארץ-ישראל און אין דעם ענד-נצחון פון אונזערע באַשטרעבונגען, געבוירן פון יסורים און אַן אומבאַזיגבאַרן ווילן צו לעבן.

לאָנדאָן, דעם 23-טן אָקטאָבער, 1930.

ע נ ג ל א נ ד,
איז און אראבער.

דער ארץ־ישראל־מאַנדאַט.

די ענגלישע רעגירונג האָט סוף כּל סוף פאָרגעלייגט דעם פּאַרלאַמענט די מאַנדאַט־פּראָיעקטן פאַר ארץ־ישראל און מעסאָפּאָטאַמיע.ביידע מאַנדאַטן האָבּן וויכטיקע פּונקטן, אין וועלכע זיי זיינען גלייך און אין וועלכע זיי גייען זיך פאַנאַנדער. דער פאַרגלייך פון די אַלגעמיינע באַשטימונגען פון ביידע „גרונדגעזעצן" איז דעריבּער נישט אָן נוצן. עס באַשטייט אַ חלוק צווישן ביידע לענדער קודם כּל אין זייער שטעלונג צום מאַנדאַטאַר. אין מעסאָפּאָטאַמיע האָט די מאַנדאַט־מאַכט די אויפגאַבּע צו שטיצן און צו באַראַטן אַדמיניסטראַטיוו די רעגירונג פונם לאַנד, בּיז צו דער צייט ווען מעסאָפּאָטאַמיע „קאָן באַשטיין פאַר זיך". מעסאָפּאָטאַמיע קריגט באַלד, אָדער אין לויף פון 3 יאָר, אַן אייגענע רעגירונג און ווערט שוין איצט פּראָוויזאָריש אָנערקענט אַלס אַ זעלבּסטשטענדיקע מדינה. די שטעלונג פונם מאַנדאַטאַר אין א״י איז אַן אַנדערע. דאָ געניסט ענגלאַנד די רעכט פון סואווערעניטעט. דאָס וואָרט „רעגירונג פון א״י" ווערט אין דעם מאַנדאַט נישט באַנוצט. עס עקזיסטירט אַ „פאַרוואַלטונג פון פּאַלעסטינע". מיט אַנדערע ווערטער, די רעגירונג פונם לאַנד איז די בּריטישע אַליין.

אויך די אויפגאַבּע פונם מאַנדאַטאַר איז פאַרשיידן פאָרמולירט פאַר ביידע טעריטאָריעס. אין ארם־נהרים זאָל ער דערלייכטערן די שטופנווייזע אַנטוויקלונג פונם לאַנד צו אַן אומאָפּהענגיקן שטאַט. אין א״י האָט דער מאַנדאַטאַר אַ דרייפאַכע אויפגאַבּע: א) צו שאַפן באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיכערן די עטאַבּלירונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַ־לער היים; ב) די אַנטוויקלונג פון זעלבּסטפאַרוואַלטנדע אינסטיטוציעס; ג) דעם שוץ פון די בּירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט פון אַלע איינוואוינער פון א״י.

כּמעט אידענטיש זיינען ביידע מאַנדאַטן אין פאָלגנדע ענינים. אין מעסאָפּאָטאַמיע ווי אין א״י גאַראַנטירט דער מאַנדאַטאַר די גאַנצקייט פונם לאַנד און פירט אָן די אויסנווייניקע באַציאונגען. צום שוץ פון אָרדנונג און פון די גרענעצן פונם לאַנד קאָן געבּילדעט ווערן אַ אָרטיקע מיליץ פון די לאַנד־בּירגער. ביי ארץ־ישראל ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די רעקרוטירונג איז אַ פרייוויליקע. מיט דער הסכּמה פון דער לאַנד־אַדמיני־סטראַציע קאָן דער מאַנדאַטאַר באַנוצן די אָרטיקע מיליץ אויך פאַר אַנדערע צוועקן. אין ביידע לענדער קאָן ענגלאַנד אויסהאַלטן אויך אייגענע טרופּן און פירן מיליטערישע טראַנספּאָרטן דורכן לאַנד.

סיי אין א״י, סיי אין ארם נהרים, ווערן גאַראַנטירט די בירגער פון אַלע מלוכות, וואָס געהערן צום פעלקערבונד, די גלייכע רעכט בנוגע האַנדל, אינדוסטריע, אַנדערע באַשעפטיקונגען, באַנוצונג פון ים- און לופט-שיפן. ס׳זיינען נישט מעגלעך קיין שטייער-פּריווילעגיעס פאַר ענגלענדער, אָדער אונטערשיידן אין דער באַהאַנדלונג פון סחורות אָדער אין די רעכט פון פרייען טראַנזיט. דערמיט וויל ענגלאַנד בפרט באַרואיקן די אַמעריקאַנער אינטערעסאַנטן אויף מעסאָפּאָטאַמישן נאַפט און די פאָספאַט-לאַגערן אין עבר-הירדן.

געוויסע רעכטלעכע באַשטימונגען חזרן זיך איבער ווערטלעך אין ביידע מאַנדאַטן. די קאַפּיטולאַציעס ווערן אָפּגעשאַפט. אין דעם נייעם רעכט-סיסטעם דאַרפן באַשיצט ווערן די אינטערעסן פון די פרעמדע, ווי אויך די יורידישע אויטאָנאָמיע פון די באַשטייענדע געמיינשאַפטן (געמיינט זיינען די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע ווי אין דער אַלטער טערקיי) אין רעליגיעזע און פאַמיליע-ענינים. (פאַר די מחמדאַנער קומט צו די אויטאָנאָמיע פון דער פאַרוואַלטונג פון די רעליגיעזע שטיפטונגען, הקדשים). ווייטער געניסן אַלע נאַציאָנאַלע געמיינשאַפטן אינם לאַנד דאָס רעכט אויסצוהאַלטן אייגענע שולן אין זייער שפּראַך. די פונקטן זיינען רעשטן פון דער פריערער נאַציאָנאַל-רעליגיעזער אויטאָנאָמיע אין טערקיי, אַנטהאַלטן אין דער אייגענער צייט עלעמענטן פאַר אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין בריטערן זין פונם וואָרט.

דער וויכטיקסטער חלוק צווישן די מאַנדאַטן זיינען די באַשטימונגען פונם ארץ-ישראל-מאַנדאַט וועגן דער שאַפונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער (אָדער שטאַטלעכער) היים. די הויפּט-פּאַראַגראַפן זיינען באַקאַנט. די הקדמה צום מאַנדאַט חזרט איבער די באַלפור-דעקלאַראַציע און עס ווערט געזאָגט דערצו, אַז דערמיט ווערן אָנערקענט די היסטאָרישע פאַרבינדונג פונם אידישן פאָלק מיט פּאַלעסטינע און די טעמים פאַר דער ווידעראויפריכטונג פון זיין שטאַטלעכער היים. עס איז כדאי צו אונטערשטרייכן, אַז דער מאַנדאַט רעדט בפירוש נישט פון היסטאָרישע רעכט, נאָר פון דער געשיכטלעכער פאַרבינדונג צווישן אידן און א״י.

וויכטיקער ווי דער אַלגעמיינער נוסח זיינען די קאָנקרעטע שריט, צו וועלכע דער מאַנדאַטאַר איז זיך מתחיב בנוגע דער אידישער קאָלאָניזאַציע, צוזאַמענגענומען זאָגט דער מאַנדאַט וועגן דעם נאָר אַזוי פיל: די אידישע איינוואַנדערונג זאָל דערלייכטערט ווערן, עס זאָל דערמוטיקט ווערן (בהסכם מיט דער אידישער פאַרטרעטונג) די געדיכטע באַזעצונג פון אידן אויפן לאַנד, אַריינגערעכנט מלוכה-ערד און וויסטע לענדערייען; די אידישע עמיגראַנטן זאָל דערלייכטערט ווערן דער איבערגאַנג אין א״י׳דיקע שטאַטסבירגערשאַפט. די פאַרוואַלטונג פון א״י האָט דאָס רעכט איינצופירן געמיינאייגנטום (נאַציאָנאַליזאַציע) אָדער עפנטלעכע קאָנטראָל פון אַלע נאַטור-אוצרות פונם לאַנד און פון אַלע עפנטלעכע און כלל-נוצלעכע אַרבעטן און אונטערנעמונגען. דאָס איינצו-

פירנדע **אַגראַר-סיסטעם** זאָל שטיצן געדיכטע באַזעצונג און אינטענסיווע באַווירטשאַפטונג. די פאַרוואַלטונג קאָן (מוז אָבער נישט) איבערגעבן די דורכפירונג פון עפנטלעכע אַרבעטן און אונטערנעמונגען, אָדער די אַנטוויקלונג פון נאַטור-אוצרות צו דער אידישער פאַרטרעטונג.

די שוין צוויי מאָל דערמאָנטע אידישע פאַרטרעטונג איז אָן אַ שום ספק אַן אַבסאָלוטער יורידישער חידוש. ס'איז דעריבער כּדאַי צו ציטירן דעם וויכטיקן פאַראַגראַף ווערטלעך: „אַ פּאַסיקע אידישע פאַרטרעטונג זאָל אַנערקענט ווערן אַלס אַן עפנטלעכע קערפּערשאַפט צו דעם צוועק, צו באַראַטן די פאַרוואַלטונג פון א"י און צו קאָאָפּערירן מיט איר אין אַזעלכע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און אַנדערע ענינים, וואָס קאָנען באַרירן די עטאַבלירונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אָדער די אינטערעסן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין א"י, און צו העלפן און באַטייליקן זיך אין דער אַנטוויקלונג פונם לאַנד, שטענדיג אונטער דער באַדינגונג פון דער קאָנטראָל דורך דער אַדמיניסטראַציע". אַלס אַזאַ אידישע פאַרטרעטונג ווערט אַנערקענט אינם מאַנדאַט די **ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע**. דערביי ווערט געמאַכט די וויכטיקע באַמערקונג: „אַזוי לאַנג ווי איר אָרגאַניזאַציע און קאָנסטיטוציע זיינען געהעריק, לויט דער מיינונג פון דעם מאַנדאַטאַר".

מען זעט, דער דאָקומענט איז זייער דיפּלאָמאַטיש, זייער עלאַסטיש פאָרמולירט. ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס איז וויכטיקער — צי דאָס וואָס ער זאָגט, צי דאָס, וואָס ער פאַרשווייגט. וואָס ער זאָגט איז שוין דעריבער וויכטיק, ווייל ס'איז קלאָר אויפן ערשטן בליק, אַז ענגלאַנד וואַרפט זיך **נישט** אין דעם מאַנדאַט מיט צו גרויסע הבטחות. אויב דער משולח פונם „לינקן" אָ. ב. האָט דערציילט פאַראַיאָרן דעם מאָסקווער קאָמוניסטישן קאָנגרעס, אַז ענגלאַנד האָט צוגעזאָגט דער אידישער בורזשואַזיע „אַלס לוין פאַר איר קאַמף-גרייטקייט קעגן די אַראַבער די שאַפונג פון אַ **אידישער מלוכה** מיט אַן אייגענער ביוראָקראַטיע, זשאַנדאַרמעריע, מיליטער וכדומה"*) האָט ער איבערגעשאַצט די גוטהאַרציקייט פונם בריטישן אימפּעריאַליזם, און גראָד אַזוי ווי אַ סך בירגערלעכע ציוניסטן האָבן צופיל געגלויבט אין באַלפורס דעקלאַראַציע. דער פאַקט איז, אַז וואָס דער מאַנדאַט זאָגט צו קאָנקרעט איז **פרייהייט פון איינוואַנדערונג** און **קאָלאָניזאַציע, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע**. די איינציקע רעאַלע גאַראַנטיע, וואָס ווערט געגעבן, אַז די דורכפירונג פון די הבטחות וועט נישט בלייבן לחלוטין אין די הענט פון דער פּאַלעסטינע-אַדמיניסטראַציע, איז די אַנערקענונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַלס די אידישע פאַרטרעטונג כּלפּי ארץ-ישראל, מיט די דערמאָנטע רעכט.

עס איז מסתמא דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פון אינטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטן, אַז אַן אָרגאַניזאַציע פון בירגער פון פאַרשיידענע

---

*) זע רעדע, פּאַבריצירט אין חין מערץ 1921, לויט „ידיעות" נומ. 9—10.

לענדער קריגט באַשטימטע רעכט און קאָמפּעטענצן אין דער פאַרוואַלטונג פון אַ לאַנד. ס'איז זיכער צום ערשטן מאָל, אַז אַ אידישע וועלט-אָרגאַני-זאַציע ווערט אינטערנאַציאָנאַל לעגאַליזירט און קריגט די רעכט פון אַ פאַרטרעטונג פון דער אידישער נאַציע פון דער וועלט. דאָס איז אַ באַ-דייטנדער פעלקער-רעכטלעכער פּרעצעדענט און אַ גרויסער שריט אויפן וועג צו דער אָנערקענונג פון די נאַציאָנאַלע רעכט פונם אידישן פאָלק אומעטום. נאָר בלינדע ציוניסטן-שנאה קאָן נישט זען דעם ווערט פון דעם ציוניסטישן ערפאָלג. ער שאַפט דעם יסוד אויף וועלכן אין שפּעטע-רע אומשטענדן וועט אויך אַ אידישער אַרבעטער-וועלט-קאָנגרעס קאָנען שטיצן זיין אידישע פּאָליטיק.

עס מוזן אויך אויסגענוצט ווערן אַלע מעגלעכקייטן, וואָס דער מאַנ-דאַט גיט, אָדער אויף וועלכע ער איז מרמז, צו געבן אַ חלק אין דער אידישער פאַרטרעטונג פאַר א״י אויך אַנדערע אידישע קערפּערשאַפטן. דאָס איז אַ רעשט פון דער פאָדערונג פון אַ „אידישן „ראַט״, וואָס ווערט גע-קליבן פון אַ אידישן וועלט-קאָנגרעס. מיר מוזן זאָרגן דערפאַר, אַז דערפון זאָל נישט ווערן קיין שידוך מיט פאַרשיידענע פּלוטאָקראַטישע און פילאַנ-טראָפּישע קרייזן, נאָר דער איבערגאַנג פון אַ ציוניסטישער פאַרטרעטונג צו אַ דעמאָקראַטישער רעפּרעזענטאַנץ פונם גאַנצן אידישן פאָלק. יעדנפאַלס איז עס העכסט וויכטיק, אַז דער אידישער אַרבעטער-קאָנגרעס זאָל אַרויס פון דעם סטאַדיום פון פרומע רעזאָלוציעס, נאָר ווערן אַן אָרגאַניזירטער פאַקט פונם אידישן אַרבעטער-לעבן, כדי צו קאָנען זיכערן פאַרן אידישן אַרבעטערקלאַס דעם געהעריקן איינפלוס אין דער אידישער פאַרטרעטונג און אויף איר אַרבעט אין ארץ־ישראל.

ביי דער אָפּשאַצונג פון דער שטעלונג און ראָל פונם אָרגאַניזירטן ציוניזם לויט דעם מאַנדאַט מוז מען, פאַרשטייט זיך, האָבן אין זינען די ציטירטע באַגרענעצונג. וואָס הייסט עס, כל זמן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַ-ציע און קאָנסטיטוציע זיינען „געהעריק" לויט דעם מאַנדאַטאַרס מיינונג? דערוויל קאָן מען נאָר מאַכן סברות. אויב דערמיט וואָלט זיין געמיינט, אַז כל זמן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע בלייבט, ווי זי איז לפּחות טעאָ-רעטיש, אַן אַלוועלטלעכע און דעמאָקראַטישע, וואָלט מען געקאָנט אין דער באַדינגונג זען אפילו אַ מעלה — אַן אָפּהאַלט קעגן רעאַקציאָנערע פּרוּוון, צו ענדערן די דאָזיקע יסודות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער די היינטיקע ענגלישע רעגירונג האָט זיכער נישט אַזעלכע דאגות און די כּוונות זיינען מסתמא אַנדערע. גיכער איז דאָס אַ באַוואָרעניש אָדער אָנ-צוהערעניש קעגן צו שטאַרקע סאָציאַליסטישע השפּעות אינם ציוניזם. אָבער מיר באַטראַכטן דעם פּרט מיט דער גלייכער רוּאיקייט ווי אַלע אַנדערע מעגלעכע קאָמענטאַרן פונם מאַנדאַט. מיר האָבן צוטרוי צו דעם ענגלאַנד פון מאָרגן, צו דער וואַקסנדיקער מאַכט פון דער בריטישער אַרבעטערשאַפט.

לאָזן מיר איצט די צום טייל פּאַרטיי-פּאָליטישע באַטראַכטונגען און קערן מיר זיך אום צום מאַנדאַט. מיר האָבן געזען וואָס ער זאָגט צו,

הרים וגבעות זיינען עס נישט. מיר האָבן זיי אויך קיינמאָל נישט ערוואַרט. דער פּראַקטישער ווערט פונם מאַנדאַט וואָלט אויך נישט געווען גרעסער, אויב עס שטייט אין אים מער. נישט ווייל מיר מיינען, אַז יעדע קאַפּי־טאַליסטישע, אימפּעריאַליסטישע רעגירונג מוז תמיד זאָגן ליגנס. אָבער מיר זיינען זיכער, אַז קיין בורזשואַזע רעגירונג וועט זיך נישט פילן געבונדן דורך טראַקטאַטן, מאַנדאַטן וכדומה, אויב אין זיי שטייען זאַכן וועלכע לוינען זיך נישט אויף שפּעטער און וועלכע מען קאָן איר נישט צווינגען צו האַלטן. די פראַגע איז נאָר וועלכע אָנזאַמלונג פון ממשותדיקע כּחות מאַכט דער מאַנדאַט מעגלעך.

די רעכט, ווי אַלע באַשטימונגען פונם מאַנדאַט, קאָנען געטייטשט ווערן זייער ברייט ביים גוטן ווילן כּלפּי דער אידישער אַנטוויקלונג אינם לאַנד. זיי קאָנען געטייטשט ווערן אַ סך ערגער, זיי קאָנען פּראַקטיש בטל ווערן, אויב דער גוטער ווילן זאָל נישט זיין. וואָס דער מאַנדאַט פאַר־שווייגט, וואָס אָבער יעדער פּאָליטיקער מיט אַ קריטישן בליק מוז פאַר־שטיין, איז, פון וואָס די אויסטייטשונגען וועלן אָפּהענגען. ווי געזאָגט, נישט דערפון, וואָס עס שטייט אין דעם מאַנדאַט.

ווי יעדע קאָנסטיטוציע, וועט די פּראַקטישע דורכפירונג פונם מאַנדאַט אָפּהענגען פון די ממשותדיקע כּחות אין ארץ־ישראל און אין דער וועלט. דער מאַנדאַט איז פאָרמולירט בכיון עלאַסטיש, ווייל ענגלאַנד וויל האָבן פרייע הענט. פון דעם וואוקס פון די אידישע כּחות אין א״י, פון אונזער פעאיקייט צו קאָלאָניזירן דאָס לאַנד, צו אַנטוויקלען זיינע פּראָדוקטיוו־כּחות און צו פאַרגרעסערן די אידישע באַפעלקערונג אין א״י וועט אָפּ־הענגען די פּאָליטיק פון ענגלאַנד אין א״י. דאָס איז אַ טרויאיזם, אַ גע־מיינפּלאַץ. אָבער דוקא אַזעלכע פּשוטע אמתן פאַרגעסן בפרט אונזערע בירגערלעכע פּאָליטיקער, וועלכע מיינען, אַז זיי קאָנען איינרעדן ענגלאַנד מער, ווי עס וויל אַליין, וועלכע גלויבן צו זיין שטאַטסמענער, אַז זיי „פאָדערן" פון ענגלאַנד אַ „אידישע מלוכה" און קריצן מיט די ציין אויף אַ „סעמיטישער שווייץ" אין א״י. דעם אמת האָט איבערגעחזרט די טעג טשערטשיל אין זיין ענטפער צו דער אַראַבישער דעפּוטאַציע אין ירושלים.

כּל זמן ענגלאַנד ווערט רעגירט פון די היינט הערשנדע קלאַסן, וועט עס באַטראַכטן א״י קודם כּל אַלס די סטראַטעגישע פאַרבינדונגס־בריק צווישן מצרים און מעסאָפּאָטאַמיע, אַלס די שוועל פונם סועץ־קאַנאַל. עס וועט שטענדיק רעכענען זיך מיט זיינע אינטערעסן אַלס מחמדאַנישע מאַכט און מיט דעם כּח פון די אַראַבער, וואָס רינגלען אַרום ארץ־ישראל. עס וועלן שטענדיק זיין שטרעמונגען אין דער ענגלישער פּאָליטיק, אָפּצוזאָגן זיך פון יעדער הילף דער אידישער קאָלאָניזאַציע, כּדי צו פאַרמיידן רייבונגען מיט די אַראַבישע צפּענדיס און שייכן, אָדער מיט דער קריסט־לעכער שטאָט־באַפעלקערונג. אפילו די ענגלישע אַרבעטער־פּאַרטיי, זייענדיק ביי דער מאַכט, וועט נישט קאָנען שטיצן די אידישע אַרבעטנדע מאַסן

אין א״י, אויב די מאסן זאָלן נישט קומען און נישט זיין אינם לאנד.

דער זין פון דעם, וואָס עס ווערט געזאָגט און פארשוויגן אין דעם מאנדאט, איז אָט דער פרימיטיוועד אמת: ארץ־ישראל איז אָפן פאר אונז. אָבער נאָר דער דראנג פון די אידישע מאסן, וואָס שטראָמען אריין אין לאנד, וועט האלטן די טויערן אָפן.

און לאָמיר איבערחזרן די ווערטער, געזאָגט מיט א יאָר צוריק, נאָך זאן־רעמא, (יא״ק, מאי 1920): ג

„עס איז דער עצם פון אימפעריאַליסטישע רעגירונגס־מעטאָדן, צו סובאָרדינירן די אינטערעסן פון די פעלקער צו די הערשאפטס־ און מארק־אינטערעסן. עס וועט זיין קודם כל די שווערע און אחריותפולע אויפגאבע פון די אידישע ארבעטער, צו זיכערן ביי דעם אויפבוי פון א״י די לעבנס־נויטיקע פארשטענדיקונג צווישן די ארבעטנדע מאסן פוןביידע פעלקער אינם לאנד און אויף אזא אופן נישט צו דערלאָזן, אז זיי זאָלן מיסברויכט ווערן פאר וואָסערע נישט איז הערשאפטס־און עקספלואטאציע־פלענער סיי דורך די בריטישע אימפעריאַליסטן, אראבישע גרונטהערן, אָדער אידישע קאפיטאַליסטן“.

וויןן, מאי, 1921

אידן און אַראַבער

מוז די ווידערבאַזעצונג פון ארץ-ישראל דורך אידן אָננעמען די פאָרם פון אַ קאָנפליקט צווישן אידן און אַראַבער? באַשטייט אַ רעאַלער קעגנזאַץ צווישן די אידישע און אַראַבישע פאָלקסמאַסן אין ארץ-ישראל?

מיט איבער אַ יאָר צוריק האָט זיך אין חיפה קאָנסטיטואירט אַ קאָנגרעס פון דעלעגאַטן פון די אַזוי גערופענע קריסטלעך-מוסולמענישע חברות, כדי צו רעפּרעזענטירן די אַראַבישע באַפעלקערונג אין פאַלעסטינע, און אַצינד פאַרפלייצן זיי די בריטישע רעגירונגס-אַנשטאַלטן, צייטונגען און פּאָליטישע אינסטיטוציעס מיט פּראָטעסטן אַנטקעגן דער „אידישער ממשלה" איבער ארץ-ישראל. אמת, די „ממשלה" באַשטייט דערווייל אין דעם, וואָס די צאָל אידן אין א"י איז געוואָרן מיט 20.000 קלענער ווי פאַר דער מלחמה, וואָס מיר מוזן קעמפן פאַר יעדן אידישן איינוואַנדערער איידער ער באַקומט די ערלויבניש אַריינצוקומען אין לאַנד, און וואָס אין פיר יאָר פון פּאָליטישער אָקופּאַציע האָבן מיר געהאַט דריי פּאָגראָמען אין ירושלים און אין יפו און אַ שורה גוט אָרגאַניזירטע באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף אַ צאָל אידישע קאָלאָניעס. אַלץ אין דעם בעסטן רוסיש-פּוילישן סטיל: מיטן פּאַסיוון צוקוקן פון דער מאַכט, מיט דער אַקטיווער הילף פון דער פּאָליציי און מיט דראַקאָנישע באַשטראָפונגען פון יענע אידן, וואָס האָבן זיך דערוואַגט צו שטעלן זיך אַקעגן דעם „אויסברוך פונם פאָלקס-צאָרן".

מיר לאָזן זיך נישט אַריין אין דער פראַגע, צי די אַזוי גערופענע אַראַבישע פאַלעסטינע-דעלעגאַציע איז אַ ריכטיקע פאַרטרעטונג פון דעם אַראַבישן פאָלק אינם לאַנד. מיר לאָזן איבער פאַר אַנדערע אויך די פלוגתא וועגן דער גילטיקייט און פּריאָריטעט פון די פאַרשיידענע בריטישע רעגירונגס-הבטחות צו אַראַבער און אידן.

לאָמיר אויף אַ מינוט אָננעמען, אַז די אַראַבער אין פאַלעסטינע שטעלן זיך אַקעגן דער אידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אינם נאָמען פון דעמאָקראַטיע און פון זעלבסטבאַשטימונגסרעכט. וואָס האָבן מיר אידישע סאָציאַליסטן דערצו צו זאָגן? די ערשטע זאַך איז אויסצופאָרשן, צי באַזירט אַזאַ ווידערשטאַנד אויף באַרעכטיקטע עקאָנאָמישע תביעות און

מאָטיוון. מיט אַנדערע ווערטער, צי איז מעגלעך אַן איינוואַנדערונג פון גרויסע אידישע מאַסן קיין א״י און זייער עקאָנאָמישע איינוואָרצלונג אין לאַנד, נישט אַרויסשטופנדיק אָדער נישט שעדיקנדיק די היינטיקע אַראַבישע מאַיאָריטעט. די צאָלן גיבן אויף דעם אַ קלאָרן ענטפער. פּאַלעסטינע אין אירע נאַטירלעכע און היסטאָרישע גרענעצן — צווישן דעם מיטללענדישן ים און דעם סורישן מדבר, פון די בערג פון חרמון ביז צום גאלף פון עקבה — איז אַ שיטער באַפעלקערט לאַנד, וואָס הונגערט נאָך מענטשן און אַרבעט. אויף אַ שטח פון אַן ערך 22.000 ענגלישע קוואַדראַט-מיילן איז פאַראַן אַ באַפעלקערונג פון בערך 950 טויזנט איינגעזעסענע און הונדערט טויזנט בעדואינער. דאָס איז ווייניקער ווי 50 מענטשן אויף איין קוואַדראַט-מייל, בעת אין שכנותדיקן א סך מער באַרגיקן לבנון וואוינען 170 נפשות, אין איטאַליע, וואָס האָט אַן ענלעכן קלימאַט, לעבן מער ווי 300, און אין ענגלאַנד א סך מער ווי 600 אויף א קוואדראט-מייל. די אינזל סיציליע, וואָס איז זייער ענלעך צו א״י און איז האַלב אזוי גרויס, האָט, נישט קוקנדיק אויף דער צושטערנדער ווירקונג פון די גרויסע לאַטיפונדיעס, א באַפעלקערונג פון דריי און האַלב מיליאָן; האָלאַנד, וואָס פאַרנעמט, ליגנדיק צווישן גרויסבריטאַניע און דעם קאָנטינענט, אַן ענלעכע פּאַרקערספּאָזיציע ווי א״י צווישן אייראָפּע, אזיע און אפריקע, האָט אויף א שטח פון אַן ערך 14 טויזנט קוואדראט-מיילן א באַפעלקערונג פון 6 מיליאָן מענטשן, אָן קיין שום סימן פון עמיגראַציע. פאַרוואָס זאָלן מיר, מיט דער הילף פון מאָדערנע טעכנישע מעטאָדן אין דער לאַנדווירטשאַפט, מיט די היינטיקע מעגלעכקייטן פון אינדוסטריע און פון קאָמוניקאַציע, נישט זיין בכח לויט די דערמאָנטע ביישפּילן צו ברענגען פינף, זיבן און אַפילו מער מיליאָן מענטשן קיין ארץ-ישראל? געוויס זיינען דערצו נויטיק צענדליקער יאָרן, און דערווייל וועלן די 800.000 א״י׳דיקע אראַבער געהעריק וואקסן אין צאָל. אָבער עס בלייבט נאָך אַלץ אָרט פאר מיליאָנען נייע איינוואנדערער.

לאָמיר באַטראַכטן דאָס פּראָבלעם פון דער עקאָנאָמישער אויפנאַמספּעאיקייט פון ארץ־ישראל פון אַן אנדער שטאַנדפּונקט. מען שאַצט, אַז אין גאַנץ פּאַלעסטינע זיינען אַן ערך 10 טויזנט קוואדראט-מיילן מסוגל צו קולטיווירונג. מיט הילף פון אינטענסיווע אויסבעסערונגס-אַרבעטן, באַוואַסערונג, טעראַסירונגען וכדומה איז מעגלעך געהעריק צו פאַרגרעסערן די שטחים, וואָס קאָנען באַנוצט ווערן פאַר לאַנדווירטשאַפט. די שטחים, וואָס זיינען אַצינד באַאַרבעט פון די פעלאַכן סיי אין מזרח סיי אין מערב-זייט פון ירדן, זיינען אין גאַנצן (שוין נאָך א געהעריקער פאַרגרעסערונג פון די אַמטלעכע צאָלן) בערך 3 טויזנט קוואדראַט-מיילן, דאָס הייסט, אַז צוויי דריטל פונם לאַנד, וואָס איז מסוגל צו לאַנדווירטשאַפטלעכער באַאַרבעטונג, ליגט איצט נישט באַנוצט און וויסט. דערצו איז נאָך צו באַאַכטן, אַז די פעלאַכן באַאַרבעטן זייער ערד זייער פּרימיטיוו, מיט פאַראַלטעטע געצייג און אַרבעטס-מעטאָדן און דערגרייכן א זייער נידעריקע פּראָדוקטיוויטעט,

אזוי אז ביי מער פראָגרעסיווער קולטיווירונג, גענוגענדן קרעדיט און א ביסל לאנדווירטשאפטלעכער אויפקלערונג וואָלט מעגלעך געווען א גרעסערע געדיכטקייט פון דער אגריקולטורעלער אראבישער באפעלקערונג, אָן א ממשותדיקער פארגרעסערונג פון איר לאנדבאזיץ. עס איז דעריבער אויך פון דעם שטאנדפונקט משונהדיק צו רעדן פון ארץ-ישראל ווי פון א שוין באזעצט לאנד אָן פלאץ פאר נייע איינוואנדערער. די אידישע איינוואנדערונג מיינט נישט ארויסצושטופן די ארבעטנדע באפעלקערונג, נאָר זי געדיכטער צו מאכן. „דער פרעמדער ארבעטער-איינוואנדערער" קאָן נישט צונעמען ביי קיין אראבער זיין „טעגלעך ברויט", כדי צו רעדן אין דער מליצה פון דער אראבישער דעלעגאציע, ווייל דער איד, ווי זי אליין ערקלערט, ווערט „באצאָלט נאָך א העכערן מאסשטאב פון שכירות ווי דער אראבער, פארן האלבן סכום ארבעט, וועלכע ער, דער אראבער, קאָן אויספירן". יעדער טרייד יוניאָניסט וועט תיכף דערקענען, ווי נישט לאָגיש עס איז צו באקלאָגן זיך, אז א טייער באצאָלטער ארבעטער קאָנקורירט מיט א ביליגערן.

עס ווערט אָבער אָפט אַלס אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פאַקטן געזאָגט, אַז דער קעגנזאַץ פון די אינטערעסן ליגט נישט אויף דעם עקאָנאָמישן געביט, נאָר אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ קאָנפליקט פון נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און אַז די אַראַבער, וועלכע וואוינען אין ארץ-ישראל פון כמה הונדערט יאָרן, האָבן אַ גרעסערן און אַ לעבעדיקערן רעכט אויפן באַזיץ פון פאַלעסטינע, ווי די אידן וועלכע מוזן גיין טויזנטער יאָרן צוריק, כדי צו באַגרינדן זייער היסטאָריש רעכט.

דאָס באַרופן זיך אויפן רעכט פון דער מאַיאָריטעט צו באַשטימען איר אייגענעם עתיד און דעם גורל פון איר לאַנד, קלינגט זייער היימיש פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַליסט און מוז ביי אים שטאַרק אויסנעמען. אין דער אמתן אָבער האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרפירערישער וואולגאַריזאַציע פון דעם באַגריף פונם זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט.

נישט אינם נאָמען פון היסטאָרישע רעכט האָבן מיר זיך געווענדעט צו דער סאָלידאַריטעט פונם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטערקלאַס אינם קאַמף פאַר אַ אידישער פאַלעסטינע. מיר שטיצן זיך אויף דעם רעכט פון דעם איינציקן פאָלק אָן אַ לאַנד צו באַוואָרענען זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, וואָס איז אין אַ אייביקער סכנה, דורך דער ווידעראויפריכטונג פון זיין שטאַטלעכן לעבן, דורך נאַציאָנאַלער קאָנצענטרירונג אין ארץ-ישראל. מיר באַרופן זיך אויפן רעכט פון די אויסגעוואָרצלטע, אַרבעטזוכנדע אידישע מאַסן, וואָס וואַנדערן אין מיליאָנען, אויף אַן אָרט פון פרייער אַרבעט און עקאָנאָמישער באַנייאונג. מיר האַלטן, אַז עס איז אינם אינטערעס פונם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטערקלאַס, צו מאַכן פריי דעם וועג פאַר קאָנסטרוקטיווער, שאַפנדער, געזעלשאַפטס-בויענדער אַרבעט, פאַר דעם אומבאַצווינגבאַרן דראַנג פונם אידישן פאָלק נאָך אַ לאַנד און נאָך אַרבעט. עס איז אַ

פראַגע, אַרויסגעוואַקסן פון אַלטן אומרעכט, אָבער פאַרשאַרפט דורך קאַפּיטאַליזם און נאַציאָנאַלן אימפּעריאַליזם צו אַ מצב, וואָס איז נישט איבערצוטראָגן. ס'איז אַ נויט פון אַ פאָלק, וואָס מוז גענומען ווערן אינאיינעם מיט דער נויט פון ארץ-ישראל און פון דער גאַנצער וועלט. פּאַלעסטינע זייט דורות פאַרוויסט און אָפּגעלאָזן שרייט נאָך מענטשן, וואָס זאָלן דאָרט אַרבעטן. און די וועלט, פאַראָרעמט אין לעבנסמיטלען און רויע מאַטעריאַלן, ערשיטערט אין איר ווירטשאַפטס-סטרוקטור דורך דער מלחמה, קאָן נישט צוקוקן גלייכגילטיק, ווען גאַנצע לענדער און ערד-טיילן בלייבן עקאָנאָמיש פאַרשפּאַרט, אנשטאט צו נעמען אַן אנטייל אין דער רעאָרגאַניזאַציע און שטייגערונג פון דער וועלט-פּראָדוקציע. די רעגולירונג פון דער איינוואַנדערונג און פון דער קאָלאָניזאַציע פון די שיטער באַפעלקערטע לענדער איז איינע פון די אויפגאַבן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-פּאָליטיק, וועלכע איז אויסן צו אָרגאַניזירן די וועלט-ווירטשאַפט. דער קאָלאָניאַל-פּאָליטיק פונם אימפּעריאַליזם, וואָס איז אויסן צו עקספּלואַטירן פעלקער און לענדער, מוז דער פּראָלעטאַריאַט אַנטקעגנשטעלן זיין אייגענע סאָציאַליסטישע קאָלאָניזאַציע-פּאָליטיק.

פונם שטאַנדפּונקט פון דער דאָזיקער אויפגאַבע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-דעמאָקראַטיע קאָנען עטלעכע הונדערט-טויזנט אַראַבער נישט פאָדערן קיין אייגנטומס-רעכט איבער ארץ-ישראל. זיי האָבן אַ רעכט צו באַאַרבעטן די לענדערייען וואָס זיינען פון זיי באַזעצט. זיי קאָנען אָבער נישט פאַרווערן אַנדערע לאַנד- און אַרבעט-זוכנדע מענטשן דעם צוטריט צו דער פרייער ערד. אַן אייגנטומס-רעכט פון נאַציעס אָדער ברעקלעך פון נאַציעס איבער נישט באַפעלקערטע, אומקולטיווירטע לענדערייען, וועלכע זיי באַאַרבעטן נישט, איז פונם שטאַנדפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלער עטיק פּונקט אַזאַ זינד ווי דאָס „רעכט" פון פעאָדאַלע פּריצים אינם נאָמען פון זייער באַזיץ-מאָנאָפּאָל צו פאַרמאַכן גרויסע לאַנד-שטחים פאַר מענטשלעכע אַרבעט און פּראָדוקציע. געוויס, די באַזעצונג פון נייע טעריטאָריעס איז אַן אָרגאַנישער, אָפט פּאַמעלעכער פּראָצעס. די אויפנאַמספעאיקייט פון אַ לאַנד פאַר איינוואַנדערונג איז נישט קיין אומבאַגרענעצטע. זי שטייט אין אַ באַשטימטער באַציאונג צו דער מדרגה פון אַנטוויקלונג פון זיינע פּראָדוקטיוו-כחות. אָבער די אַרבעטערשאַפט האָט זיך תמיד און אומעטום מיט רעכט געווערט קעגן יעדע באַגרענעצונג פון איר באַוועגונגס-פרייהייט. מיר האָבן אַ אינטערעס נישט צוצולאָזן, אַז די קאַפּיטאַליסטן זאָלן מיסברויכן דאָס רעכט פון פרייער איינוואַנדערונג, כדי צו אימפּאָרטירן לוין-דריקער און צו שטעלן אין סכנה די לעבנס-מדרגה און די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אינם אימיגראַציע-לאַנד. אָבער דער אינטערנאַציאָנאַל האָט שטענדיק פאַרמשפּט יעדן פּרוּוו צו באַנוצן יענעם רעכט פון לעגיטימען שוץ, כדי איבערצוגיין צו דעם מעטאָד פון פאַרמאַכן די טויערן פאַר איינוואַנדערונג. אינם נאָמען פון דער סאָלידאַריטעט פון אַלע אַרבעטנדע מענטשן האָט ער באַקעמפט אַלע פרעמדן-געזעצן און באַגרענעצונגען פון אימיגראַציע. מיר זעען נישט קיין

באַרעכטיקונג צו קוקן אַנדערש אויף די פרעמדנפיינטלעכע און אידן-פרעסע-דישע פאָדערונגען פון די כלומרשטע פאַרטרעטער פון די ארץ-ישראלדיקע אַראַבער.

עס איז אָבער בכלל נישט ריכטיק, אַז די אַרבעטנדע מאַסן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ארץ-ישראל האַלטן די אידישע קאָלאָניזאַציע פאַר אַ סכנה. מיר לייקענען בשום אופן נישט, אַז די פעלאַכן קאָנען אויפ-געהעצט ווערן קעגן די אידן. קיין זאַך איז נישט לייכטער ווי פאַנאַ-דערצובלאָזן די שנאה און עמפערונג פון אַ פרימיטיוון פויער קעגן פרעמדע, אומגעבעטענע מענטשן. מ׳דאַרף זיי נאָר דערציילן, אַז די אידן ווילן ביי זיי אַוועקראַבעווען זייער ערד, אַז די וואונדערבאַרע אמאַר-מאשעע וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ אידישן בית-המקדש, און זיי וועלן זיך תיכף אַ הויב טאָן צו פאַרטיידיקן זייער לאַנד און זייער אמונה און צו הרגענען די פרעמדע. אַזאַ אַגיטאַציע ווערט טאַקע אין דער אמתן געפירט צווישן די לייכט-גלויביקע פעלאַכן דורך די אַראַבישע שייכס און עפענדיס. אירע שפורן דערקענט מען פאַר יעדן פאָגראָם. אָבער ווי אַזוי זעען די פאַקטן אין דער אמתן אויס? די אידישע איינוואַנדערונג פאַרגרעסערט דעם ווערט פונם לאַנד און די קרעדיטפעאיקייט פונם פויער. אין די וואַקסנדע שטעט געפינען די פעלאַכן אַ פאַרגרעסערטן מאַרק פאַר זייערע פּראָדוקטן; די אידן ברענ-גען נייע קולטורן און מאָדערנע אַרבעטס-מעטאָדן אין לאַנד; פון די אידן לערנען די אַראַבער ווי אַזוי צו מיסטיקן די ערד און צו באַנוצן די מאַ-שינען, בקיצור די אינטענסיווירונג פון זייער פרימיטיווער לאַנדווירטשאַפט; דאָס אַריינברענגען פון אַ מאָדערנעם קרעדיט-סיסטעם, וואָס באַפרייט זיי פון וואוכערער, און די גרינדונג פון פאַרשיידענע פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע — פאַר פאַרבראויך, פּראָדוקציע, עפנטלעכע אַרבעטן — דאָס אַלצדינג ווערט גע-בראַכט צום פעלאַך פון דעם אידישן איינוואַנדערער. דער אידישער פלאַנ-צער און קאפיטאַליסט האָבן אָפט געבראַכט די פעלאַכן גוט באַצאָלטע אַר-בעט, זיי האָבן אַפילו באַזעצט וואַנדערנדע בעדואינער אַרום זייערע נחלות. איבעראַל, וואו דער אידישער אַרבעטער באַווייזט זיך אויף דעם אַרבעטס-מאַרק, ברענגט ער דעם פאַרלאַנג נאָך אַ העכערער לעבנס-מדרגה און נאָך העכערע שכירות. מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז די אַראַבישע מאַסן זעען דאָס אַלצ-דינג קלאָר. אָבער זיי פילן בחוש די דאָזיקע ווירקונג און זיי וועלן עס שאַצן אַלץ מער, וואָס מער עס וועט וואַקסן די אידישע קאָלאָ-ניזאַציע.

גאַנץ אַנדערש פאַרהאַלטן זיך די הערשנדע קרייזן, די גרויסע לאַנד-באַזיצערס, די נאָטאַבלען און די שטאָטיקע עפענדיס. ביז איצט האָבן זיי געהערשט און עקספּלואַטירט דאָס לאַנד און דאָס פאָלק אָן אַ שום שטערונג. עס זיינען נישטאָ קיין גענויע דאַטן מכח דער ערדפאַרטיילונג אין פּאַלע-סטינע, אָבער מיר באַקומען אַ פאַרשטעלונג וועגן דעם מצב פון פאָלגנדע צאָלן. אין מערב א״י זיינען פאַרהאַן 17000 ווירטשאַפטן, וואָס ווערן באַאַר-בעט פון פעלאַכן און נעמען אַרום ווייניקער ווי 800.000 דונאַם. פון דער

אַנדערער זייט פאַרמאָגן 144 לאַנדבאַזיצערס איבער דריי מיליאָן איינהונדערט פופציק טויזנט דונאַם. ד. ה. דער פעלאַך אַרבעט און לעבט אין שרעקלע־כער דחקות אויף קוים מער ווי 50 דונאַם (ביי מאָדערנע מעטאָדן וואָלט דאָס געווען נענוג), בעת דער פעאָדאַלער לאָרד פאַרמאָגט אין דורכשניט כמעט 22.000 דונאַם. אינם עבר הירדן זיינען, ווי עס הייסט, 60% פון דער ערד אין די הענט פון די גרויסע לאַנדבאַזיצער. אָט די געוואַלטיקע עקאָ־נאָמישע מאַכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ געוואַלטיקער פּאָליטישער השפּעה, וואָס ברענגט פון דער אַנדערער זייט מאַטעריעלע רוחים. די גרויסע פּריצים האָבן געהאַט אַ מאָנאָפּאָל איבער אַלע וויכטיקע אַמטן, וואָס ברענגען גרוי־סע פאַרדינסטן. זיי זיינען געווען די שטייער־פּעכטערס, וואָס האָבן אויסגע־פּרעסט דעם פעלאַך, און אין דער אייגענער צייט זיינען זיי געווען די וואוכערער, וואָס האָבן אים צום סוף אַוועקגעראַבעוועט זיינע עטלעכע דונאַם. זיי זיינען געווען די איינציקע אונטערנעמער פאַר אַלע עפנטלעכע אַרבעטן און די הויפּט־סוחרים אין די פּאָרטן. איצט זעען זיי אַ סכנה פאַר זייער עקאָנאָמישן און פּאָליטישן מאָנאָפּאָל אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע. דער עפענדי האָט מורא פאַר דער קאָנקורענץ פון די אידן אַלס באַאַמטן און אין די ליבעראַלע פּראָפעסיעס, דורך דעם וואָס ס'ווערן איינגעפירט מאָ־דערנע מעטאָדן אין דער אַדמיניסטראַציע פאַרלירט ער געוויסע קוואַלן פון עשירות (צוליב דעם זעלבן טעם ווייזט ער אַרויס אין אַ הייסער שעה אַן אָפענע אַנטיפּאַטיע אויך צו דעם בריטישן מאַנדאַט). ער זעט ווי די אידישע קאָלאָניזאַציע פאַרשטאַרקט דעם ווידערשטאַנדס־כח פון די פעלאַכן אַקעגן זיין פעאָדאַלער פּאָליטיק פון עקספּלואַטאַציע און עקספּראָפּריאַציע. די לוין־העכערנדע ווירקונג פונם אידישן אַרבעטער פאַרקלענערט זיינע פּראָפיטן עס נעמט אים אָן אַ פּחד ביים געדאַנק, אַז די פעלאַכן קאָנען אָנגעשטעקט ווערן פון די געווערקשאַפטלעכע און סאָציאַליסטישע אידעען פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט, ווען ער זעט, אַז אידישע קאָאָפּעראַטיוון טרעטן אַרויס אַלס קאָלעקטיווע אונטערנעמער, קאָנקורירן מיט אים און בויען אויס שאָסייען און באַנען ביז צו אַ ווערט פון 200 000 פונט; ווען ער הערט אָדער ווען ער לייענט, אַז די אידישע סאָציאַליסטן פאַרלאַנגען אינם אינטערעס פון דער קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט און פון די פעלאַכן, אַז די גרויסע לאַטיפונדיעס זאָלן אויסגעקויפט ווערן דורך דער מלוכה צו פאַרמלחמהדיקע מקחים — דעמאָלט פילט זיך דער עפענדי באַרעכטיקט צו פּראָקלאַמירן אַ הייליקע מלחמה קעגן די אידן און צו אָרגאַניזירן אויף זיי פּאָגראָמען. נישט צום ערשטן מאָל קעמפן די לאַנדבאַזיצנדע און הערשנדע קלאַסן אין נאָמען פון נאַציאָנאַלער פרייהייט פאַר זייער אייגענער פרייהייט צו עקספּלואַטירן די אַרבעטנדע מאַסן פון זייער אייגענעם פאָלק.

פאַרשטייט זיך, דער פּחד איז אַ שלעכטער בעל־יועץ. היסטאָרישע געשעענישן קומען נישט פאַר מיט מאַטעמאַטישער גענויאיקייט. אַ סך אַנגסטן פון די אַראַבישע פּריצים זיינען דערווייל נישט באַגרינדעט, און אַזוי לאַנג ס'איז נישט פאַראַן קיין סאָציאַליסטישער היי־קאָמישאָנער אין ארץ־ישראל,

וועלן די עפענדיס זיין בכח צו ציען פראפיטן אפילו פון דער אידישער קאלאניזאציע. זיי ווערן אבער דערמוטיקט אין זייער אקטיווער פיינטשאפט דורך דרויסנדיקע פאקטארן — דורך פראנצויזישע אימפעריאליסטן, וואס האבן זיך נאך נישט אפגעזאגט פון אן „אינטעגראלער סוריע״, דורך קלע-ריקאלע אינטריגעס, וואס געפינען הילף צווישן קריסטלעכע אראבער, מסתמא פון קעמאליסטישע עמיסארן און צום סוף פון בריטישע טאריס און „דיי-הארדס״. וועגן די לעצטע ווילן מיר נאך זאגן א פאר ווערטער, ווייל זיי זיינען פארטרעטן אין א בערך גרויסער צאל אין דער פאלעסטינע-אדמיניסטראציע און זיי העלפן שטארק אונטער צו פארשארפן דעם קאנפליקט.

זאל מען פון דעם קרייז ארום דער „מארנינג פאסט״, פון די לארדן סידענהעם און לעמינגטאן, פון סער דזשאנסאן-היקס און אנדערע גלויבן, אז זיי באגייסטערן זיך פאר דער נאציאנאלער פרייהייט פון די אראבער, אדער פאר דעם פארלאמענטאריזם אין פאלעסטינע? די קלענסטע רעפארם אין אינדיע איז פאר זיי א צושטערונג פון דער בריטישער אימפעריע, אין אירלאנד און מצרים קאנען זיי נישט זען גענוג אונטערדריקונג. אט די רעאקציאנערע פאליטיקער און באאמטע ווערן געפירט פון פארשיידענע מאטיוון. די באאמטע, וואס זיינען ערצויגן אין די טראדיציעס פון אינדישן און עגיפטישן דינסט, האבן ליבער א לאנד מיט לויטער „נייטיווס״; זיי באטראכטן די אידן מיט זייערע אייראפעאישע פרעטענזיעס פאר אן אנשי-קעניש, פאר עפעס פרעמדס, אפט אלס רעוואלוציאנערן פונם פארסמטן מזרח. די קאנסערוואטיווע אימפעריאליסטן זעען אין א שותפות מיט די הערשנדע אראבישע פעאדאלן די בעסטע גאראנטיע פאר א זיכערער בריטישער הער-שאפט איבער דעם אראבישן אריענט. זיי האבן מורא, אז א שטארקער אידישער ישוב אויף דער בריק צווישן אזיע און אפריקע וועט פארגיכערן דאס אויפוואכן פונם מזרח, א טייל קאנסערוואטיוון, ווי למשל לארד דארבי, זיינען אפילו גרייט אינם אינטערעס פון א ענגליש-פראנצויזישער אליאנץ אפצוגעבן פראנקרייך דעם פאלעסטינע-מאנדאט.

שוין דער פאקט אליין, אז עס זיינען פאראן אזעלכע טענדענצן, האט ביי דעם אראבישן אויבער-קלאס געשאפן דעם גלויבן, אז ס׳איז מעגלעך דורך א ביסל אויפשטאנד, דורך אויפרייצן די אראבישע מאסן צו פאגראמען משפיע צו זיין אויף דער בריטישער פאליטיק אין פאלעסטינע, אז זי זאל מבטל מאכן אירע התחיבותן בנוגע דעם אידישן ישוב. אבער דער ענין האט זיך ווייטער אנטוויקלט, די אראבישע פרעסע אין א״י, און געוויסע גע-שעענישן, וואס זיינען דערוויל באהאלטן פון דער עפנטלעכקייט, באווייזן, אז ס׳איז פאראן אן ארגאניזירטע פארבינדונג צווישן די פאלעסטינער נאטא-בלען און צווישן געוויסע רעאקציאנערע, מיליטאריסטישע קרייזן אין ענגלאנד, וואס גיבן צו די אראבער מוט צום ווידערשטאנד. אויב די קרייזן רעכע-נען דערמיט אפצושרעקן די אידן, זיינען זיי אינגאנצן אין א טעות.

מ׳דאַרף זען די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל ביי דער אַרבעט, מ׳דאַרף זיי זען אויף זייער ליידנספולער וואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע ביז צו די פּאָרטן פון יפו אָדער חיפה, כדי צו דערקענען וואָס פאַר אַ נישט באַזיג־באַרער כח עס ווירקט אין דעם דראַנג פון די דאָזיקע מאַסן צו לאַנד און אַרבעט, און וואָס פאַר אַ נישט אויסשעפּנדיקער מוט און ענערגיע עס ליגט אין זייער נויט און ווילן צו שאַפן נייע לעבנספאָרמען.

אַן ארץ־ישראל־פּראָגראַם פאַר דער אַרבעטער־רעגירונג.

דער מעמאָראַנדום איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַר די מיט־גלידער פונם פאַרבאַנדס־ביוראָ פּועלי־ציון און איז געווען דער יסוד פון מיין רעפעראַט ביי דער עין־חרודער ועידה פון „אחדות־העבודה", אין מאי 1924. ער ווערט דאָ צום ערשטן מאָל פּובליצירט.

ש. ק.

I. אַלגעמיינע פאַרבאַמערקונגען

דער איבערגאַנג פון דער רעגירונג אין ענגלאַנד אין די הענט פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי קען ווערן אַ ווענדפּונקט אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון א"י. צום ערשטן מאָל שטייט ביים רודער אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך אַלס אַזעלכע מתחייב געווען צו שטיצן דאָס אידישע ישוב־ווערק און די עטאַבלירונג פון אַ אידישער היים אין ארץ־ישראל. די אַרבעטער־פּאַרטיי איז געבונדן, דורך די רעזאָלוציעס פון אַמ־סטערדאַם (1919), גענף (1920) און ברייטאָן (1921), ווי אויך דורך עפנט־לעכע ערקלערונגען פון אַ גרויסער צאָל באַדייטנדע פירער, וועלכע זיינען איצט מיטגלידער פונם קאַבינעט. די אַקטיוויטעט פון דער פּאַרטיי אין דעם פּאַרלאַמענט און איבערן לאַנד באַווייזט, אַז זי פאַרשטייט צו רעאַ־ליזירן ווערטער אין מעשים. עס הענגט איצט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פון אונז, פּועלי־ציון, און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צי די נייע סיטואַציע וועט ברענגען א"י וועלכע נישט איז ממשותדיקע געווינסן.

וואָרום דער גרעסטער חסרון פון דער ביז איצטיקער ציוניסטישער פּאָליטיק איז געווען דאָס פעלן פון איניציאַטיוו. די ציוניסטישע אָנפירונג איז קיינמאָל נישט געגאַנגען בראש פון די פּאַסירונגען. איר פּאָליטישע טעטיקייט איז נישט געווען באַזירט אויף אַ פּאָליטישן אָדער קאָלאָניזאַ־טאָרישן פּראָגראַם. אויף וויפיל איך ווייס, האָט מען דער רעגירונג זייט יאָרן נישט פאָרגעלייגט קיין עקאָנאָמישע פאָדערונגען, און פּאָליטיש האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געשפּילט די ראָל פון אַ פּאַרדראָסיקן צו־הערער פונם ענגליש־אַראַבישן דיאַלאָג. מיר האָבן שטענדיק שאַרף קריטי־זירט די סכנותפולע פּאַסיוויטעט פון דער ציוניסטישער ליטונג; מיר

האָבן פאַרלאַנגט אַ פּראָגראַם פון אַ דירעקטן אידיש-אַראַבישן אויסגלייך און מתרה געווען די ציוניסטישע באַוועגונג, אַז מען וועט אָפּשאַצן אונזער שטאַטסמענישע באַגאַבונג בעיקר אויפן יסוד פון אונזערע קאָנקרעטע פאָר־שלאָגן צו אַ פאַרענטפערונג פון דעם אידיש-אַראַבישן קאָנפליקט. ביי דער לעצטער אַקציאָנס-קאָמיטעט-זיצונג האָבן מיר אָנגעבאָטן דער ציונ. אָרגאַ־ניזאַציע, אויב זי איז גרייט צו גיין אויף דעם וועג, צו פּרואוון געווינען די אַרבעטער-פּאַרטיי אַלס פאַרמיטלער. מען האָט אונזער פאָרשלאַג מיט תירוצים און פאַרשעמט אָפּגעוואָרפן. די געשעענישן האָבן אָבער גיכער מאַרשירט ווי מיר אַליין האָבן פעראויסגעזען. איצט איז די אַרבעטער-פּאַרטיי אימשטאַנד מכריע צו זיין בנוגע דער לאַגע אין א״י.

הגם מיר זיינען זיכער מיט דער אַקטיווער סימפּאַטיע פון דער אַר־בעטער-פּאַרטיי, הייסט עס נאַטירלעך נישט, אַז זי וועט זיך פאַרנעמען מיטן ארץ ישראל-פּראָבלעם פון זיך אַליין, אָן אונזער אינטערווענץ. דערצו איז ארץ-ישראל צו ווייט און צו קליין. די אַרבעטער-רעגירונג האָט צו פאַרענטפערן זייער שווערע און דרינגלעכע פראַגן פון אינעווייניקער און אויסנווייניקער פּאָליטיק בעת דער מסתמא נישט זייער לאַנגער רעגירונגס-תקופה, וואָס איז איר באַשערט. אַ חוץ דעם, בנוגע א״י וועלן נישט פעלן קיין שטערונגען אין דעם קאַבינעט גופא און אין דער קאָלאָ־ניאַלער ביוראָקראַטיע. ס'איז אונזער זאַך דורכצוזעצן. אַז מען זאָל אונז אויסהערן, אָבער נישט בלויז דורך תרעומות איבער דעם היינטיקן מצב, נאָר דורך פאָרלייגן פּאָזיטיווע פאָרשלאַגן צו דער פאַרענטפערונג פון די שוועריקייטן, ווי ווייט עס גייט, אין פאַרבינדונג מיט דער רעגולירונג פון אַקטועלע פראַגן אין ענגלאַנד אַליין.

נאָך איין פּונקט ווילן מיר אויף פריער אָפּראַמען. ווי לאַנג די אַרבעטער-רעגירונג וועט מסתמא עקזיסטירן, געהערט נישט צום ענין. אונ־זערע פאָדערונגען און פאָרשלאַגן בלייבן אָן אַ שינוי, ווער עס זאָל נישט זיין ביים רודער. איך רעכן דערמיט, אַז די מאַקדאָנאַלד-רעגירונג וועט באַשטיין בערך אַ יאָר (אפשר עפּעס לענגער); דאָס הייסט. עס באַשטייט די מעגלעכקייט דורכצופירן אַ פּראָגראַם, וואָס זי נעמט אָן. וואָס איך לייג פאָר ווייטער אונטן, איז נישט אַ דעטאַלירט פּראָגראַם. עס איז אַן ערשטער פּראָיעקט, אַלס באַזיס פאַר אַ דיסקוסיע.

II. קאָלאָניזאַטאָרישע פאָדערונגען.

די האַלטונג פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג אין עקאָנאָמישע פראַגן איז געווען ביז אַהער כאַראַקטעריזירט דורך אומפריינדלעכע נייטראַליטעט. מיר מוזן פאַרלאַנגען, אַז אויף איר אָרט זאָל קומען אַקטיווע אונטערשטי־צונג. מיר מוזן קלאָר מאַכן, אַז אַן אָנגעוועגטע פאַרגרעסערונג פון דער צאָל אידישע איינוואַנדערער און זייער עקאָנאָמישע איינוואָרצלונג איז אַ תנאי מוקדם פאַר יעדער פּאָליטישער רעגולירונג און סטאַביליזירונג.

דערצו זיינען נויטיק באַשטימטע מעשים אויפן געביט פון לאַנדפּאָליטיק, עפנטלעכע אונטערנעמונגען און אינדוסטריע.

1. לאַנדפראַגע. אַ געהעריקער טייל פון די מלוכה־ און הפקר־לענדערייען זאָל געשטעלט ווערן פון דער רעגירונג אין רשות פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

פּרינציפּיעל דאַרפן מיר זיך שטעלן אויפן באַזיס פון אונזער מע־מאָראַנדום צום אינטערנאַציאָנאַל פון מאַי 1919, אין וועלכן מיר האָבן פאָרלאַנגט די בילדונג פון אַ קאָלאָניזאַטאָרישן לאַנד־רעזערוו, סיי פאַר אי־דישער לאַנד־באַזעצונג, סיי לטובת לאַנד־אָרעמע פעלאַכן. דער לאַנד־רעזערוו דאַרף געשאַפן ווערן פון די נישט קולטיווירטע מלוכה־ און הפקר־לענדע־רייען, ווי אויך דורך עקספּראָפּריאַציע פון די גרויסע לאַנד־אייגנטימער (זע פּאַראַגראַף V ה), אָבער צוליב פּראַקטישע טעמים דאַרפן מיר איצט פאָ־דערן, אַז, לאָמיר זאָגן, אַ העלפט פון די מלוכה־לענדערייען, וואָס ווערן געשאַצט אויף 800.000 דונאַם, זאָל תיכף ומיד, אָן שום קאָמפּענסאַציע, רעזערווירט ווערן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע, אַמבעסטן אויף דעם אופן, אַז דאָס לאַנד ווערט איבערגעגעבן דעם איד. נאַציאָנאַל־פאָנד אין אייגנטום אָדער אין לאַנגיאָריקער פאַכט. מען וועט דאַן מוזן זוכן אַ וועג צו קריגן אן אַמעליאָראַציע־הלוואָה. דער ווערט פון די רעגירונגס־לענדערייען זאָל נישט זיין זער גרויס, ווייל זיי זיינען ס׳רוב זומפּיק און פאַרלאָזן און וועלן זיך נויטיקן אין באַדייטנדע אינוועסטיציעס; אָבער עס וועט האָבן אַ מאָראַלישע און פּאָליטישע באַדייטונג. ווען עס וועלן אנערקענט ווערן אונזערע תביעות אויף זיי, און יעדער לאַנד־רכוש איז סוף־כל־סוף אויך אַ קרעדיט־באַזיס.

עס זאָל אויסגעפאָרשט ווערן, ווי ווייט די בריטישע רעגירונג קאָן פינאַנציעל מיטהעלפן ביי דער גרינדונג פון אַ פּויערן־ און קאָלאָניזאַציע־באַנק אין ארץ־ישראל.

2. קאָנצעסיעס און עפנטלעכע אונטערנעמונגען. די דורכפירונג פון עפנטלעכע ארבעטן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב (צווישן זיי אויך לאַנד־אַמעליאָראַציעס) בלייבט פאַר דער נאָענטער צוקונפט די וויכטיק־סטע מעגלעכקייט צו אַבסאָרבירן אומגעלערנטע ארבעטער־אימיגראַנטן. מיר מוזן דעריבער פאָדערן צוויי זאַכן:

א) די אידישע ארבעטס־קאָאָפּעראַציעס אין א״י (קבוצות קבלנות) מוזן קריגן צוגעטיילט אַ געהעריקן טייל פון די עפנטלעכע ארבעטן, וואָס ווערן אונטערגענומען פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג. מיטן תירוץ, אַז די אידישע קאָנטראַקט־געזעלשאַפטן זיינען נישט קאָנקורענץ־פעאיק ביי עפנטלעכע סובמיסיעס, ווערט דער משרד לעבודות צבוריות שוין לאַנג באַיקאָטירט פונם דעפּאַרטאַמענט פאַר עפנטלעכע ארבעטן, און דאָ נישט לאַנג איז מען גאָר דערצו איבערגעגאַנגען, אָפּצוגעבן ארבעטן פון אַ באַ־דייטנדן היקף צו אַראַביש־מצרישע פּריוואַט־אונטערנעמער אָן סובמיסיע (טענדער, טאַרג).

עס מוזן געמאַכט ווערן ערנסטע שריט צו מאַכן אַ סוף צו דער אימפּאָרטירונג פון לוין-שקלאַפן פון מצרים און אַנדערע לענדער דורך פּריוואַטע אונטערנעמער.

ב) קאָנצעסיעס פון אַנשיידנדער באַדייטונג פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונם לאַנד זאָלן געזיכערט ווערן פאַר פינאַנץ-אינסטיטוטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין דער אייגענער צייט זאָל געזוכט ווערן די אַקטיווע מיטהילף פון דער בריטישער רעגירונג אָדער אינדוסטריע ביי דער פינאַנצירונג פון די דאָזיקע קאָנצעסיעס, אין הסכּם מיט די באַמיאונגען פון דער נייער רעגירונג, צו פאַרשאַפן דורך אירע קרעדיט-פאָנדן באַשטעלונגען פאַר דער ענגלישער אינדוסטריע און אויף אַזאַ אופן צו פאַרקלענערן די אַרבעטסלאָזיקייט.

די וויכטיקסטע קאָנצעסיעס פאַר עפנטלעכע אַרבעטן און פאַר דער אויסנוצונג פון די נאַטור-אוצרות פון א״י, וואָס קומען אין רעכענונג היינט-צו-טאָג, אַ חוץ דער ירדן-קאָנצעסיע, וואָס איז שוין אין די הענט פון דער ארץ-ישראלדיקער עלעקטריציטעטס-געזעלשאַפט, וואָלטן געווען אַזעלכע פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון מינעראַל-אוצרות — ים-המלח, נאַפט, פאָספּאַטען, אַספאַלט, פעך-האַלטיקער קאַלך-שטיין, קופּער, זאַלץ א. אַ. — פאַרן בוי פון אַ פּאָרט און אפשר נאָך פאַר באַנען-בוי. עס וואָלט געווען פון דער גרעסטער חשיבות נישט צוצולאָזן, אַז וואָסער נישט איז פון די קאָנצעסיעס זאָל קומען אין די הענט פון פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן. אָבער אין דער פראַגע פון נאַפט האָבן, ווי באַקאַנט, די גרויסע פּעטראָל-סינדיקאַטן, קודם-כּל די סטאַנדאַרד אויל קאָמפּאַני, שוין פאַרלאָפן דעם וועג; אַ חוץ דעם דאַרף מען פאַר די עקספּערימענטן אויף זוכן נאַפט ענאָרמע קאַפּיטאַלן, וועלכע אונזערע פינאַנץ-אינסטיטוטן ביי זייער אָרעמקייט קאָנען נישט ריזיקירן.

איך וואָלט קאָנצענטרירט אונזערע באַמיאונגען קודם-כּל אויף צו קריגן אַ קאָנצעסיע פאַרן ים-המלח (פּראָדוקציע פון קאַלי) און אַ צווייטע פאַרן בוי פונם פּאָרט; די קאָנצעסיע דאַרף געגעבן ווערן דער אידישער אַגענץ אָדער אַ סינדיקאַט וואָס ווערט געגרינדעט מיט איר הסכּמה.

דער קאַפּיטאַל פאַרן פינאַנצירן פון די דריי קאָנצעסיעס (ירדן, ים-המלח, פּאָרט) ווערט געשאַצט אויף 1 מיליאָן פונט פאַר יעדער פון זיי. אַ טייל פון דעם קאַפּיטאַל וועט באַזאָרגט ווערן פון אידישע נאַציאָנאַלע אָדער כּלל-נוציקע אינסטיטוציעס, ווי עס איז שוין געשען ביי דער עלעקטריציטעטס-געזעלשאַפט; ביי דעם אַנדערן טייל איז מעגלעך די פינאַנצירונג אויפן ענגלישן אָדער אינטערנאַציאָנאַלן געלט-מאַרק אין דער פאָרם פון פּרעפערענץ-אַקציעס אָדער אָבליגאַציעס.

דערביי קאָן מכריע זיין די דירעקטע אָדער אומדירעקטע אונטערשטיצונג פון דער ענגלישער רעגירונג. מיר וואָלטן זיך דערביי מוזן מתחייב זיין צו מאַכן די וויכטיקסטע באַשטעלונגען אויף מאַשינען, בוי-מאַטעריאַלן, טראַנספּאָרט-מיטלען — וואָס ווערן געשאַצט ביי אַלע דריי קאָנצעסיעס אויף

750,000 ביז 1 מיליאָן פונט — אין ענגלאַנד. צוליב דעם ווערט פון אַזעלכע באַשטעלונגען פאַר דער באַלעבונג פון דער ענגלישער מעטאַל-אינדוסטריע, שיינט עס מיר דורכאויס צו זיין מעגלעך, אַז די רעגירונג זאָל זיך מעכטיקן צו העלפן אונז פינאַנציעל: אָדער דורכן איבערנעמען די גאַראַנטיע פאַר דער פאַרצינזונג פון די אָבליגאַציעס, אָדער דורכן קויף פון אָבליגאַציעס פון דעם קרעדיט-פאָנד פאַר דער אונטערשטיצונג פון דער עקספּאָרט-אינדוסטריע (טרייד פאַסיליטיס קדעדיט פאנד).

III. פּאָליטישע פאָדערונגען.

1. **קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגע און אידיש-אַראַבישער אויסגלייך.** איך באַטראַכט דעם רעזשים פון אַן אַרבעטער-רעגירונג פאַר דעם פּאַסיקסטן מאָמענט פאַר עפענען פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבער, כדי צו דערגרייכן אַ דויערהאַפטן אויסגלייך. אַודאי, דער פאַקט, אַז אין דער רעגירונג זיצט אַ לאָרד פּאַרמאָר, וועלכער האָט געשטימט אין יוני, 1922, צוזאַמען מיט די דייהאַרדס (אולטרא-טאָריס) אינם לאָרדן-הויז קעגן דעם ארץ-ישראל-מאַנדאַט, ווי אויך אַנדערע מאָמענטן אין דער סיטואַציע קאָנען אויך איצט דערמוטיקן די קריסטלעך-מחמדאַנישע פאַראייניקונג צו ווייטערער קעגנערשאַפט. אָבער בסך-הכל האָבן מסתמא די אַראַבער דעם רושם, אַז אָן דער שפּיץ שטייט אַ דעפיניטיוו אידן-פריינדלעכע רעגירונג. זאָל דער נייער רעזשים זיך אויסדריקן אין אַ סיסטעמאַטישער אָפּרייניקונג פון דער אַדמיניסטראַציע פון אַנטי-ציוניסטישע עלעמענטן און אין דער עקאָנאָמישער שטאַרקונג פון דער אידישער פּאָזיציע, ווי אָנגעצייכנט אינם פּונקט II, דאַן וועט אונזער פאַרהאַנדלונגס-באַזיס מיט די אַראַבער געפעסטיקט זיין אויף אַן אופן, וואָס מאַכט מעגלעך אַ הצלחה.

פון דער אַנדערער זייט קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן, אַז די אַרבעטער-רעגירונג וועט אָננעמען דעם נייעם קורס, נישט פאַרלאַנגענדיק פון אונז, ווי פון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע, קיין קאָנקרעטע הצעות אויף צו באַזייטיקן דעם אידיש-אַראַבישן קאָנפליקט. מיר וועלן אַלזאָ מוזן זאָגן דער רעגירונג קלאָר און דייטלעך, ווי מיר שטעלן זיך פאָר די פאַרוואַלטונג און קאָנסטיטוציע פון ארץ-ישראל אין דער נאָענטער תקופה. וואָרום דער שטח פונם קאַמף פון דער אַראַבישער קאָנגרעס-פּאַרטיי איז ביז אַהער געווען די פראַגע פון דער קאָנסטיטוציע און פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פון א״י.

די כסדרדיקע אָפּשוואַכונג פון אונזער פּאָזיציע אין ארץ-ישראל און אין דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג שטאַמט פון צוויי סבות:

ראשית דערפון, וואָס דער פּאָליטישער ויכוח האָט זיך ביז אַהער געפירט נאָר צווישן דער ענגלישער רעגירונג און די אַראַבער. אַלע געמאַכטע הנחות, ווי דאָס געבן פון דער קאָנסטיטוציע, דער אָנבאָט פון דעם אימיגראַציע-אַמט (1922), דער פאָרשלאַג פון אַן אַראַבישער אַגענץ

די אויסשליסונג פון עבר הירדן פון דער נאַציאָנאַלער היים, די הבטחה פון זעלבסטשטענדיקייט פאַר דער דאָזיקער טעריטאָריע וכו׳ — זיי אַלע זיינען באַשלאָסן און אָנגענומען געוואָרן פון דער רעגירונג. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז כסדר געשטעלט געוואָרן פאַר פאַרטיקע פאַקטן. די אַלע קאָנצעסיעס טראָגן דעריבער דעם כאַראַקטער פון הנחות אויפן חשבון פון די אידן, זיי האָבן נישט געקאָנט ברענגען די אַראַבער דערצו צו געבן אונז קאָנפּענסאַציעס.

והשנית, האָט דער אמת נישט געקאָנט באַהאַלטן בלייבן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט נישט קיין שום פּלאַן אין דער פראַגע פון דער קאָנסטיטוציע. דאָס האָט אונז געמוזט שעדיקן בפרט ביי דער ענגלישער עפנטלעכקייט, וועלכע איז געוואָרן מיד צו הערן אונזערע שטענדיקע טענות קעגן דער ארץ-ישראלדיקער אַדמיניסטראַציע, אָבער אָן שום פּאָזיטיווע קאָנטער-פאָרשלאָגן. די אַראַבישע פאָדערונג פון אַ „נאַציאָנאַלער רעגירונג״ איז אַ קלאָרע. די ענגלישע רעגירונג, געטריי איר טראַדיציע, האָט געזוכט צו פאַרמיטלען און האָט אויסגעטראַכט איין פאָרשלאָג נאָכן אַנדערן. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט פּראָטעסטירט בקול רם אָדער שטילערהייט, אָבער זי האָט קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט דעם סוד, ווי זי ווינשט צו רעגירן אין ארץ-ישראל. סיידן מען באַטראַכט דעם ווייסבוך און די קאָנסטיטוציע פון 1922 אַלס די אַקצעפּטירטע ציוניסטישע פּלאַטפאָרם.

אַן ענדערונג פון דער לאַגע מוז דעריבער געזוכט ווערן אויף צוויי אופנים: ערשטנס, דאַרפן מיר בעטן די בריטישע רעגירונג איינצושטעלן דערוויילע אירע באַמיאונגען מפשר צו זיין און צו שטיין אָן אַ זייט. דער אויסגלייך מיט די אַראַבער מוז פון היינט אָן געזוכט ווערן אויפן וועג פון אַ דירעקטן משא-ומתן צווישן אידן און אַראַבער. צווייטנס, מוז פון אונז אויסגעאַרבעט ווערן אַ קלאָר דורכגעטראַכטער באַזיס פאַר די דאָזיקע אויסגלייכס-פאַרהאַנדלונגען. די דעקלאַראַציעס איבער דעם בשלומדיקן צוזאַמענלעבן פון ביידע פעלקער, איבער בשותפותדיקער אַרבעט וכו׳ מוזן איבערגעגאָסן ווערן אין ממשותדיקע פּאָליטישע פאָרמולעס, זאָקן זיי נישט קלינגען ווי פּוסטע רייד. מיין מיינונג איז, אַז עס איז די אויפגאַבע פונם פּועלי-ציון-פאַרבאַנד אויסצואַרבעטן דעם פּלאַן פון פּאָליטישער פאַרשטענדיקונג און צו קעמפן פאַר דער הסכמה הן מצד דער אַרבעטער-רעגירונג, הן מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו דעם פּלאַן. דאַן וואָלט געקאָנט געעפנט ווערן אַ נישט-פאַרבינדענדער משא-ומתן מיט אַראַבישע פּאָליטישע גרופּן מיט פּערספּעקטיוון אויף ערפאָלג. זאָלן די אַראַבער בלייבן ביי זייער אַבסאָלוט נעגאַטיווער האַלטונג, דאַן וועלן מיר כלפּי דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג האָבן געליפערט דעם באַווייז, אַז מיר זיינען גרייט געווען צו אַן אויסגלייך, וועלכן די אַרבעטער-רעגירונג האָט באַטראַכט פאַר גערעכט און פּראַקטיש, פאַרקערט, די אַראַבער וועלן זיין אין אַ מאָראַליש און פּאָליטיש געשוואַכטער פּאָזיציע.

בנוגע דעם באַזיס גופא פאַר אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען, זיינען מעגלעך

דריי אַלטערנאַטיוון: א) ווייטערבאַשטאַנד פון דעם היינטיקן רעזשים פון אַ קרוין־קאָלאָניע; ב) די גילטיקע, ריכטיקער, די אין 1923 פּראָקלאַמירטע קאָנסטיטוציע; ג) נייע רעגולירונג פון דער קאָנסטיטוציע־פראַגע אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישער רעפּרעזענטאַציע און נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

די אַלטערנאַטיווע א) איז מסתמא דער אויסוועג, וואָס איז נאָכן הארצן פון דעם רוב בירגערלעכע ציוניסטן. זי באַזירט אויף כמעט אומ־באַגרענעצטן צוטרוי צו דער ענגלישער ביוראָקראַטיע און אויף דער הנחה, אַז די אַראַבער וועלן משלים זיין מיט דעם אַבסאָלוטיזם. איך האָב נישט דעם דאָזיקן צוטרוי, און אַ בליק אויף דער מיטגלידער־רשימה פון דעם ריין ביוראָקראַטישן „אַדווייזאָרי קאָנסיל״ (באַראַטונגסראַט פונם נציב העליון) לערנט, אַז ער האָט שוין היינט אַ בפירושע אַנטי־אידישע מערהייט. נאָר אויב די אַרבעטער־רעגירונג זאָל זיין נעזיכערט אויף יאָרן, וואָלט זי געקאָנט ברענגען אַ בעסערונג אין דער באַציאונג; אָבער גראָד די אַרבעטער־פּאַרטיי וועט אַמווייניקסטן נוטה זיין צו דערהאַלטן אַן אַבסאָלוטיסטישן רעזשים, וואָס קאָן האָבן קיום בתנאי, אַז די אַראַבישע קעגנערשאַפט ווערט אונטערדריקט מיט בריטישע באַגנעטן. אַ חוץ דעם, עס איז אַן אוטאָפּיע צו גלויבן, אַז א״י, ארומגערינגלט מיט גאַנץ־ אָדער האַלב־פּאַרלאַמענטאַריש רעגירטע אַראַבישע לענדער, קאָן רעגירט ווערן אַבסאָלוטיסטיש לאורך ימים. דאָס וואָלט צוגעצויגן צו די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער פּאַרבינדעטע נישט נאָר אין דער אַראַבישער וועלט, נאָר אין ברייטע דעמאָקראַטישע קרייזן און געשטעמפּלט דעם ציוניזם צו אַ באַוועגונג, וואָס קאָן נישט געבראַכט ווערן אין הסכם מיטן געדאַנק פון דער אַליין־פאַרוואַלטונג פון דער באַפעלקערונג פונם לאַנד.

די אַלטע אַלטערנאַטיווע ב) איז גראָד אַזוי ווייניק לעבנספעאיק. אַ געזעצגעבנדער ראַט, אין וועלכן 10 ענגלישע באַאַמטע האַלטן די וואָג צווישן 10 אַראַבער און 2 אידן, באַדייט די גלייכע אויסליפערונג פונם לאַנד אין די הענט פון דער דאָזיקער ביוראָקראַטיע; באַדייט אַ חוץ דעם, אַז אידן און אַראַבער וועלן נאָכאַנאַנד אויסגעשפּילט ווערן איינע קעגן די אַנדערע. על־כל־פנים איז יענער עקספּערימענט פאַרמשפּט צום טויט דורך זיין געשיכטע און זיין אומגעלונגענע דורכפירונג דורך דער א״י־רעגירונג. די סיטואַציע איז געקומען אויף אַ טויטן פּונקט, וועלכן מען קאָן גובר זיין נאָר דורך אַ רוק אויף רעכטס אָדער אויף לינקס.

נאָך מיין מיינונג עפנט נאָר די אַלטערנאַטיווע ג) אַן אויסוועג. מיר מוזן אָננעמען דעם מוטיקן באַשלוס, איינצושטעלן זיך צוזאַמען מיט די אַראַבער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג פונם לאַנד און פאַר דער עלימינירונג פונם ביוראָקראַטישן צווישנגליד. דערביי מוזן געגעבן ווערן גענוגנדע גאַראַנטיעס פאַר דער גלייכשטעלונג פון ביידע פעל־קער און פאַר דער נישט־געשטערטער אידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָ־ניזאַציע. בשעת ביז אהער האָט מען געזוכט די גלייכשטעלונג אין דער

גלייכער רעכטלאָזיקייט, מוז מען זי איצט געפינען אין דעם געניוס פון גלייכע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט.

די דאָזיקע נישט-קורצע הקדמה איז נויטיק געווען, ווייל די פראגע איז גאָר ווינציק אויפגעקלערט. איצט לאָמיר אָנצייכענען, אָן יעדע ווייטערע באַגרינדונג דעם קאָנסטיטוציאָנעלן פּלאַן, וועלכן מיר שטעלן זיך פאָר אַלס א באַזיס פון אַ אידיש-אַראַבישן הסכם.

א) די פאַרוואַלטונג פון די אינעווייניקע נאַציאָנאַלע ענינים פון ביידע נאַציאָנאַלע געמיינשאַפטן אינם לאַנד — דער אידישער און דער אַראַבישער — ווערט איבערגעגעבן די דעמאָקראַטיש-אָרגאַניזירטע אָרגאַנען פון זייער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע באַזיצן שטייער-רעכט (נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג). זייער קאָמפּעטענץ ווערט רעגולירט בערך לויט פּונקט 8 פון דעם דערמאָנטן מעמאָראַנדום איבער דעם א״י-מאנדאט פונם יאָר 1919.

ב) די געזעצגעבנדע קערפּערשאַפט פון א״י באַשטייט פון א קאַמער און א סענאַט. די קאַמער ווערט געקליבן דורך דעמאָקראַטישע וואַלן (וועט אלזאָ קודם האָבן אן אַראַבישע מערהייט). דער סענאַט באַשטייט אויס צוויי אין צאָל גלייכע קוריעס — א אידישער און אן אַראַבישער — און איז דערמיט דער בולטער אויסדרוק פון דער גלייכבאַרעכטיקונג און פּאַריטעטישער שטעלונג פון ביידע פעלקער אינם לאַנד (דען די מעגלעכקייט פון מאַיאָריזירונג פון איין פאָלק דורכן אנדערן איז אויסגעשלאָסן). די נאַציאָנאַלע קוריעס אינם סענאַט ווערן געקליבן פון זייערע נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונגען און שטימען אָפּ אינם סענאַט אַלס איינהייטן.

ג) די באַשטימונגען פונם מאַנדאַט בנוגע דער אידישער נאַציאָנאַלער היים (אָבער אין אַ מער קלאָרער און אָבליגאַטאָרישער פאָרמולירונג) קומען אַריין אַלס גרונדגעזעץ אין דער קאָנסטיטוציע. די קאָמפּעטענץ-פאַרטיילונג צווישן מאַנדאַטאַר-מאַכט, פאַרלאַמענט און נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג מוז ניי רעגולירט און רעווידירט ווערן. דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס מוז אונטערזוכט ווערן סעפּאַראַט און מיט ישוב-הדעת. געוויסע פּרעראָגאַטיוון (רעכט) וועלן אויף יעדן פאַל מוזן בלייבן רעזערווירט פאַר דער מאַנדאַטאַר-מאַכט. אַזוי, למשל, די באַפעלס-געוואַלט איבער אַרמעע און פּאָליציי, אָדער די שוץ פון די הייליקע מקומות.

ד) דער אויסגלייך מוז גיין האַנט אין האַנט מיט אַ אידיש-אַראַבישן פּאַקט. דער מוז אַריינגעמען אַן אָפּמאַך איבער די כחות-פאַרטיילונג צווישן אידן און אַראַבער אין דער אַדמיניסטראַציע, ד. ה. ער מוז צוגרייטן דעם בהדרגהדיקן איבערגאַנג פון די דעפּאַרטאַמענטן אין די הענט פון פּערזאָנען, וואָס האָבן דעם צוטרוי פונם פאַרלאַמענט. דערביי מוזן עטלעכע דעפּאַרטאַמענטן, וואָס האָבן א באַזונדערע באַדייטונג פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע, ווי אימיגראַציע, עפנטלעכע אַרבעטן, רעזערווירט ווערן פאַר

אידן, בעת אלגעמיין וועט מען מסתמא אָנווענדן דעם פרינציפּ, אז יעדער דירעקטאָר קריגט אַן אסיסטענט פון דער אנדערער נאציאָנאליטעט.

2. אקטועלע פּאָליטישע פראגן. צו דעם פונקט וויז איך אָן אויף אונזער מעמאָראנדום פון יוני, 1923, צו דער פארלאמענטאַרישער פראקציע פון דער ארבעטער-פּארטיי, וואָס אנטהאלט אונזערע טענות קעגן דער היינטיקער א״י-אדמיניסטראציע און אונזערע אקטועלע פאָדערונגען. געוויסע דאָרט אָנגערירטע פראגן זיינען נאָר א טייל פון דעם גרעסערן פּראָבלעם, וואָס איז אַרומגערעדט אינם פריערדיקן פונקט, און וואָלטן זיך אויטאָמאַטיש רעגולירט דורך אַן אלגעמיינעם אויסגלייך. אַזוי ווי אָבער דער אויסגאַנג פון דעם משא-ומתן הענגט אָפּ נישט פון אונז אליין, און די פאַרהאַנדלונגען וועלן דויערן געווים לאַנג, איז עס נישט איבעריק צו שטעלן דער רעגירונג די דאָזיקע פּאָדערונגען איבעראַנייס. מיר ווילן זיי דאָ אויפצייל̇ן אָן שום ביאורים:

א) אָפּרייניקונג פון דער אַדמיניסטראַציע פון אַנטי-אידישע, אָדער אַנטי-ציוניסטישע עלעמענטן;

ב) שטייער-רעכט פאַרן ועד הלאומי;

ג) אַ פּראָפּאָרציאָנעלע קוואָטע פונם שול-בודזשעט פאַרן העברעאישן שול-סיסטעם;

ד) אָפּשאַפונג פון די אימיגראַציע-באַגרענעצונגען.

3. עבר-הירדן. די פּאַקטישע אָפּרייסונג פון עבר-הירדן פון דער טעריטאָריע פון ארץ-ישראל טאָר נישט באַהאַנדלט ווערן אַלס אַ פאַרענדיקטע פראגע. מיר מוזן באשטיין פּרינציפּיעל אויף דער פּאָליטישער, אדמיניסטראטיווער און עקאָנאָמישער גאנצקייט פון מזרח- און מערב-ארץ-ישראל. געוויס, מוז מען דערביי נעמען אין אכט, אז פאר אזא מין קאָנצעסיע פון אראבישער זייט וועט מען מוזן געבן קאָמפּענסאציעס, מסתמא אין דער ריכטונג פון אַן אראבישער קאָנפעדעראציע. די פראגע איז אָבער קוים אקטועל, כל זמן ס'איז נישט דערגרייכט קיין הסכם אין די פריערדיקע פונקטן, און קאָן איבערגעלאָזן ווערן פאר אַ שפּעטערדיקער באַטראכטונג.

לאנדאָן, פעברואַר, 1924.

די קאָנסטיטוציע־פראַגע און דער אידיש־אַראַבישער אויסגלייך.

(תמצית פון אַ רעפעראַט, געהאַלטן אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע פון דער איד. אַגענץ, אין נאָוועמבער 1919).

נישט אַריינגייענדיק אין אַ היסטאָרישע אָפּשאַצונג פון די לעצטע געשעענישן אין ארץ־ישראל, קאָן מען זאָגן, אַז זיי ווייזן אָן אין זייערע קאָנטורן, אין וועלכער ריכטונג עס וועט זיך אין דער נאָנטסטער תקופה אַנטוויקלען די פּאַלעסטיניש־אַראַבישע באַוועגונג, וועלכע מעטאָדן און מיטלען זי וועט אָנווענדן. מיר אונטערשיידן דאָ דעם אָנהויב פון אַן אָרגאַניזירטער אַראַבישער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ב אַ ו ו ע ג ו נ ג. דאָס באַנוצן זיך מיט דעם אינסטרומענט פון ר ע ו ו אָ ל ט, דעם אַפּעל צו דער ס אָ ל י ד אַ ר י ט ע ט פ ו ן ד י אַ ר אַ ב ע ר פון די אַנדערע לענדער און צו פּאַנאיסלאַמישע סימפּאַטיעס, די אָרגאַניזירונג פון דעם ווירטשאַפטלעכן אַנטי־אידישן ב אָ י ק אָ ט אין ארץ־ישראל, ווי אויך אין די שכנותדיקע לענדער.

קאָנען מיר איגנאָרירן די אַראַבישע באַוועגונג און זיך פאַרלאָזן איינציק און אַליין אויף די אינטערנאַציאָנאַלע התחיבותן און די אונטערשטיצונג מצד דער מאַנדאַט־רעגירונג, אָדער זאָלן מיר שטרעבן צו אַן אויסגלייך מיט די אַראַבער? שוין אין דער סעפּטעמבער־זיצונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט איז אין דער דעבאַטע געקומען צום אויסדרוק די מיינונג, אַז מיר קאָנען נישט אַרבעטן אין ארץ־ישראל אין אַן אַטמאָספער פון פערמאַנענט פיינטלעכע באַציאונגען. דאָס וואָלט אַנטמוטיקט באַשטימטע קרייזן אינם אידישן פאָלק און געשוואַכט אונזער אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע, ווי אויך אונזערע באַציאונגען צו ענגלאַנד. די בשעת דעם קריזיס ספּאָנטאַן צום אויסדרוק געקומענע שטעלונג פון דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג באַווייזט, כדי צו רעדן מיטן לשון פון „ניו־סטייטסמען", אַז וויבאַלד די אויפהאַלטונג פון דעם ארץ־ישראל־מאַנדאַט זאָל פאַרלאַנגען פון ענגלאַנד קרבנות אין געלט און בלוט, וועלן אויך פריינד פון ציוניזם רעווידירן זייער שטעלונג צום מאַנדאַט. דערפאַר ווערט רייף אין ווייטע קרייזן פון דער באַוועגונג דער געדאַנק, אַז ס'מוז געמאַכט ווערן דער פּרואוו, באַוואָרענענדיק און אָפּהיטנדיק פול און גאַנץ אַלע אין מאַנדאַט

גאַראַנטירטע רעכט, צו קומען צו אַ מאָדוס וויוועגדי, צו אַ פאַרשטענדי-קונג מיט די אַראַבער.

אַנטשליסט מען זיך אָבער צו גיין צום פאַרהאַנדלונגס-טיש, מוז מען גרייט זיין צו פאַרהאַנדלען איבער די ענינים, וועלכע אינטערעסירן דעם אַנ-דערן צד. די מענטשלעכע, קולטורעלע אוןווירטשאַפטלעכע זייט פון די אידיש-אַראַבישע באַציאונגען זאָל נישט פאַרזען ווערן. ס׳איז דאָ אַ סך צו טאָן אויף די אַלע געביטן, כדי צו קולטיווירן דעם גייסט פון קעגנזייטיקער אַכטונג און קאָאָפּעראַציע צווישן אידן און אַראַבער אין ארץ-ישראל. אָבער דאָס זיינען ס׳רוב ענינים, וועלכע הענגען אָפּ פון אונזער איניציאַטיוו. אין דעם מיטלפּונקט פון די פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבער וועט בלי שום ספק שטיין די פראַגע פון דער פאַרוואַלטונגס-פאָרם פון ארץ-ישראל, די פראַגע פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

דעריבער האָבן מיר צו אַנאַליזירן, צי איז פאַר אונז מעגלעך און געוואונשן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער אויפן באַזיס פון איינפירן קאָנסטיטוציאָנעלע אינסטיטוציעס אין ארץ-ישראל. די אַרגומענטן קעגן דער עטאַבלירונג פון רעפּרעזענטאַטיווע אַנשטאַלטן לאָזן זיך איינטיילן אין דריי גרופּן: אַרגומענטן פונם שטאַנדפּונקט פון דעמאָקראַטיע, אַזעלכע פון טאַק-טישן מין און מאָטיוון זאַכלעכע. לאָמיר זיי קורץ רעזומירן. די פּרינציפּיעל דעמאָקראַטישע אַרגומענטאַציע זאָגט בערך:

1) מיר קאָנען נישט פאַרהאַנדלען מיט די איצטיקע פירער פון די אַראַבער, מיט די מופטיס און עפענדיס, וועלכע פאַרטרעטן נישט דאָס פאָלק. מיר מוזן וואַרטן, ביז ס׳אַנטשטייט אַ באמת פאָלקסטימלעכע אַראַבישע באַוועגונג.

2) מיר וועלן מוזן פאַרלאַנגען אין יעדן קאָנסטיטוציע-פּלאַן גאַראַנטיעס פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, וועלכע וועלן אויסזען ווי פאַרשמעלערונגען פון דער ריינער דעמאָקראַטיע. די זעלבסט-פאַרוואַלטונג, וועלכע וואָלט געווען אין האַרמאָניע מיט די אידישע אינטע-רעסן וועט דערפאַר נישט באַפרידיקן נישט די אַראַבער און נישט די פריינד פון דער דעמאָקראַטיע, בשעת מיר גייען אַרויף אויף אַ גליטשיקן וועג פון פשרות.

3) די פאָרמעלע דעמאָקראַטיע אין ארץ-ישראל וועט זיין אַ דעמאָ-קראַטיע צום שיין, וועלכע וועט זיכערן די הערשאַפט פון די אַראַבישע פעאָדאַלן און איינהאַלטן דעם סאָציאַלן פּראָגרעס פון ארץ-ישראל.

4) די ערפאַרונגען מיט דעם פאַרלאַמענטאַריזם אין די אַראַבישע שכנותדיקע לענדער באַווייזן, אַז אייראָפּעאישע קאָנסטיטוציע-פאָרמען זיינען נישט לעבנספעאיק אינם אָריענט.

דאַן קומט די צווייטע גרופּע פון מאָטיוון, וועלכע מיר באַצייכענען אַלס טאַקטישע:

5) אַ פאַרשטענדיקונג וועגן דער זעלבסטפאַרוואַלטונג איז אוממעגלעך

ווייל די וואָרטפירער פון די אַראַבער וועלן קיינמאָל נישט אויפגעבן זייער קעגנערשאַפט צום מאַנדאַט און צו דער באַלפור-דעקלאַראַציע.

6) יעדע דיסקוסיע איבער איינצלהייטן פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעפאָרם פאַרווישט די פונדאַמענטאַלע קעגנזאַצן צווישן די אידישע אַספּיראַציעס און דער אַראַבישער אָפּאָזיציע, און שוואַכט דעריבער אונזער אינטערנאַציאָנאַלע פּאָזיציע, דערפאַר בעסער אָפּוואַרפן די אַראַבישע פאָדערונגען אינגאַנצן.

7) אַ פאָלקספאַרטרעטונג וועט ווערן דער מיטלפּונקט און די טריבונע פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

8) אין דעם ארץ-ישראל-מאַנדאַט איז נישטאָ קיין התחייבות איינצופירן קאָנסטיטוציאָנעלע אינסטיטוציעס. די פאַרפליכטונג אויפצוריכטן די אידישע נאַציאָנאַלע היים האָט פּריאָריטעט איבער אַלע אַנדערע פליכטן פון דער מאַנדאַטאַר-מאַכט.

די זאַכלעכע אַרגומענטן לאָזן זיך אַזוי פאָרמולירן:

9) אַ הסכם בנוגע זעלבסטפאַרוואַלטונג נעמט אין זיך אַריין די אנערקענונג פון ארץ-ישראל אַלס אַ בינאַציאָנאַלע מדינה — אַ קאָנצעסיע, וואָס וועט אונטערגראָבן דעם ציוניסטישן פּאַטאָס און די התלהבות פון די אידישע פאָלקסמאַסן.

10) אַ פאָלקספאַרטרעטונג קאָן זיך באַנוצן נישט נאָר מיטן שווערד פון געזעצגעבונג, נאָר אויך מיט די כלי-זין פון פאַרלאַמענטאַרישן סאַבאָטאַזש, מיט דעם מעטאָד פון „נאָן-קאָאָפּעריישאָן".

11) יעדע דעמאָקראַטישע פאָלקספאַרטרעטונג איז אַ כלי-זין אין דער האַנט פון איר אַראַבישער מאַיאָריטעט, מסוגל צו שעדיקן און צו שטעלן אין סכנה דעם מאַנדאַט, די אידישע אימיגראַציע און די אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים.

דער שטאַנדפּונקט פון די, וואָס זיינען פאַר אַ אידיש-אַראַבישער פאַרשטענדיקונג וועגן דער פאָרם פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווערט אַמבעסטן קלאָר געמאַכט דורך דעם, ווי זיי זיינען סותר און ענטפערן אויף די אויבן אָנגעפירטע 11 פּונקטן.

איך מוז מודה זיין, אַז איך באַלאַנג כמעט זייט זעקס יאָרן צו די אָנהענגער פון אַן אויסגלייך אין דער קאָנסטיטוציאָנעלער פראַגע, און באַטראַכט קודם כל די אַרגומענטן, וועלכע באַזירן אויף דעמאָקראַטישע און טאַקטישע טענות, פאַר וויניק אויסגעהאַלטן. איך קאָן פאַרשטיין דעם שטאַנדפּונקט, אַז יעדע פאָרם פון פאָלקספאַרטרעטונג איז קעגן די אידישע אינטערעסן און דעריבער וואַרפן מיר זי אָפּ. אָבער צו וואָס פאַרשלייערן די שטעלונג דורך פּרינציפּיעל-דעמאָקראַטישע און יוריסטישע מאָטיוון? גייען מיר פּונקט פאַר פּונקט.

1) די אַראַבישע פּריצים זיינען נישט דאָס פאָלק. די עפענדים פאַרטרעטן געוויס נישט די אינטערעסן פון די אַראַבישע פאָלקסמאַסן, אָבער זיי באַזיצן גענוג השפעה און אויטאָריטעט כדי זיי צו פירן און צו פאַר-

פירן. נישט איין נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אין איר אָנהויב געווען בלויז אַ באַוועגונג פון די באַזיצנדע און הערשנדע קלאַסן. זיינען זיי גרייט צו אַ פאַרשטענדיקונג, דאַן זיינען זיי אויך בכח „צו ליפערן די סחורה". און יע־דער רעאַלפּאָליטיקער מוז מיט זיי פאַרהאַנדלען.

2) מיר וועלן מוזן חלילה פאַרבויגן ריין-דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. די זאָרג פאַר דער ריינער דעמאָקראַטיע קלינגט ווייניק איבערצייגנד אינם מויל פון די, וועלכע ווילן זיי גיכער גאָרנישט האָבן, אַבי זיי נישט צו פאַרשמעלערן. די אויפגאַבע פון דער דעמאָקראַטיע איז נישט אַזוי צו אָר־גאַניזירן די הערשאַפט פון דער מערהייט, ווי צו זיכערן די שוץ פון דער מינדערהייט. דערפאַר וועלן אונזערע דעמאָקראַטישע פריינד אין דער וועלט זייער גוט פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר מוזן פאַרלאַנגען ערבות און גאַ־ראַנטיעס אינם אינטערעס פון דער אידישער פּאָזיציע און אַנטוויקלונג אין ארץ-ישראל, און פאַרוואָס מיר קאָנען נישט דערלאָזן אַ מאַיאָריזירונג אין נאַציאָנאַלע לעבנס-פראַגן.

3) אמתע און שיין-דעמאָקראַטיע. יעדע קאָנסטיטוציע קומט צונויף צו־עושט די הערשנדע און צו הערשן געוואוינטע קלאַסן. די מאַכט פון דעם אראַבישן פעאָדאַל-אַדעל אין ארץ-ישראל באַזירט אויף דעם ווירטשאַפטס־סיסטעם פון דעם לאַנד און באַשטייט מיט צי אָן דעם פאַרלאַמענט. דער קעגנזאַץ פון זיינע סאָציאַלע אינטערעסן צו די פון דער אידישער אימי־גראַציע און קאָלאָניזאַציע און די נויטווענדיקייט דעם קעגנזאַץ גובר צו זיין, איז אויך היינט פאַראַנען אונטער דעם ביוראָקראַטישן אַבסאָלוטיזם. איז אונז דער קאַמף אונטער דעם ביזאַיצטיקן פאַרוואַלטונגס-סיסטעם לייכ־טער געוואָרן ?

4) דער קריזיס פון דעם פּאַרלאַמענטאַריזם אין מצרים, איראַק, סוריע איז אַ קאָניונקטור-זאַך, קיין דויערערשיינונג, און איז נישט קיין ראיה קעגן פּאָלקספאַרטרעטונגען אין מזרח.

5) דער אַרגומענט, אַז די פאַרשטענדיקונג איז אוממעגלעך, איז אַ היפּאָטעטישער, אַ סוביעקטיווע סברה. ס'קאָן זיין, אַז די איצטיקע וואָרט־פירער פון די אַראַבער ווילן נישט משלים זיין מיט דעם מאַנדאַט און זיי־נע אימפּליקאַציעס בנוגע דער אידישער נאַציאָנאַלער היים, דאַן וועלן מיר טאַקע וויסן, אַז דערווייל איז נישט פאַראַנען קיין פאַרהאַנדלונגס-באַזיס. אָבער אויפן יסוד פון אַזאַ סברה אויסשליסן די מעגלעכקייט פון אַ פאַר־שטענדיקונג בנוגע דער פאַרוואַלטונגס-פראַגע, הייסט גיסן וואַסער אויף די מילן פון עקסטרעמיסטן אין דעם אַראַבישן לאַגער. ס'איז דאָך קרוב לשער, אַז די שלום-פריינד פון דעם צד שכנגד וועלן אויך נישט מאַכן קיין שריט, ווייל ס'ווערט אָנגענומען, אַז אויף דער אידישער זייט איז פאַראַנען אַ גלייכע אינטראַנסינגענץ אין דער פאַרוואַלטונגס-פראַגע. פאַרוואָס זאָלן די אַראַבער אַ פּריאָרי שוואַכן זייער פּאָזיציע דורך אָננעמען דעם מאַנדאַט־רעזשים ? אַזוי, מער אָדער ווייניקער, הייסט עס אויף דער אַנדערער זייט. דאָס איז דער מעטאָד, דורך וועלכן ס'איז נאָך קיינמאָל נישט ליקווידירט

געוואָרן קיין קאָנפליקט אין דער וועלט. פּאָליטיק איז נישט קיין אַקסיאָמאַטישע וויסנשאַפט. וואָס עס שיינט היינט אוממעגלעך, קאָן מאָרגן ווערן מעגלעך. די פראַגע איז, אויב מיר זיינען גרייט צו קאָנצעסיעס און — כדי צו געבּרויכן אַ מאַקדאָנאַלדיש וואָרט — אויב מיר ווילן נעמען אויף אונז די ריזיקע פון שלום.

6) די סכּנה פון אָפּשוואַכן אונזער אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק דורך פשרות אין דער קאָנסטיטוציע-פראַגע איז אַ סך קלענער, איידער די סכּנה, וועלכע שטייט פאַר אונז אינם פעלקער-בונד און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער עפנטלעכקייט, אויב די לאַגע אין ארץ-ישראל ווערט צו אַ כראָנישן קאָנפליקט, וועלכער קאָן נאָר אונטערדריקט ווערן דורך געברויך פון וואָפן.

7) געוויס וועט די אַראַבּישע באַוועגונג געווינען אין דעם פּאַרלאַמענט אַן אַגיטאַטאָרישע טריבונע. אָבער די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג וואַקסט אין ארץ-ישראל אַ דאַנק דעם נייעם שול-וועזן, אַ דאַנק אונזער אייגענעם ביישפּיל, צוליב דער אַנטשטייאונג פון אַראַבישע נאַציאָנאַלע מלוכות און פּאַרלאַמענטן אַרום ארץ-ישראל; זי האָט אין דעם קאַמף פאַר דער זעלבּסטפאַרוואַלטונג גופא אַ מעכטיקן, צוציאונגס-פעאיקן לאָזונג. מען מוז געדענקען, אַז אַ פּאַרלאַמענט וועט דאָך אויך זיין אַ ווענטיל, אַ זיכערונגס-מיטל צום אַרויסלאָזן איבעריקן דאַמף.

8) בנוגע דער פּריאָריטעט פון די מאַנדאַט-התחיבותן. איך האָב נישט קיין פּאַרשטענדעניש פאַר יוריסטישע אינטערפּרעטאַציעס פון דעם מאַנדאַט. קאָנסטיטוציע-פראַגן זיינען מאַכט-פראַגן. די כּחות-פאַרטיילונג וועט זיין אַנטשיידענד פאַר דער מאַנדאַט-רעגירונג; ס'וועלן זיך שוין געפינען לעגאַלע עקספּערטן, וועלכע וועלן באַווייזן, אַז די אַנטוויקלונג פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג איז פּונקט אַזאַ פאַרפליכטונג, ווי די אויפריכטונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים. און איז דער געזעצגעבּנדער ראַט פון 1923 נישט קיין פּרעצעדענט? מיר האָבן אים דאָך נישט אָפּגעוואָרפן אַלס סתירה צום מאַנדאַט. מיר האָבן אים בפירוש אַקצעפּטירט אינם ווייסבוך פון 1922.

בלייבן נאָר די לעצטע דריי פּונקטן: מען קאָן נישט לייקענען, אַז דאָס זיינען אַרגומענטן צום עצם ענין, וואָס דריקן אויס ערנסטע חששות. אָבער נענטער באַטראַכט, אויך זיי שטיצן זיך אויף הנחות, וועלכע שטימען נישט מיט די רעאַליטעטן פון דער סיטואַציע.

9) דאָס אַרויסזאָגן דעם אמת, אַז ארץ-ישראל וועט שטענדיק זיין אַ לאַנד פון צוויי פעלקער, זאָל אונטערגראָבן דעם ציוניסטישן פּאַטאָס? זאָל עס באַזירן אויף זעלבּסט-אָפּנאַרעריי? האָבן נישט ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו אין זייערע רעדעס, האָבן מיר אַלע נישט פאַרגליכן ארץ-ישראל מיט דער שווייץ און קאַנאַדע? אויך ווען מ'גייט ווייטער ווי די באַרעכענונגען פון רופּין און מען נעמט אָן, אַז די נאָענטע צען יאָר וועלן איינוואַנדערן קיין ארץ-ישראל 200.000 אידן און אין ווייטערדיקן יאָרצענדליק 300.000 אידן, דאַן וועלן מיר אינם יאָר 1950 צוזאַמען מיטן נאַטירלעכן צוואוקס האָבן

אין לאַנד אַרום 750.000 אידן, אַנטקעגן בערך 1.000.000 אַראַבער. ערשט אינם דריטן יאָרצענדליק וואָלטן מיר געקאָנט אַריבערוואַקסן אין צאָל די אַראַבער אין מערב־ארץ־ישראל. ביז דאַן אָבער וועט די עקאָנאָמישע אַנט־וויקלונג עס פאַר אונז נויטווענדיק מאַכן, אַריבערצוגיין דעם ירדן, און די סעפּאַרירונג פון עבר־הירדן פון אונזער ישוב־טעריטאָריע וועט בטל ווערן. דאָס הייסט, אַז אויך נאָך 30 יאָר וועלן מיר האָבן קעגן אונז אַ מערהייט פון אַראַבער.

I) די טענה, אַז אַ פּאַרלאַמענט קאָן אויסגענוצט ווערן פאַר אַ פּאָליטיק פון „נאָן־קאָאָפּערייש‏אָן", גייט אַריין אין דער גלייכער קאַטעגאָריע ווי פּונקט II; ס'איז איין פּרט פון דעם אַלגעמיינעם אַרגומענט, אַז אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער רעפאָרם שטעקן פאַר אונז אַ סך סכנות. אָבער איך שטעל מיר פאָר די איינפירונג פון אַ פאָלקספאַרטרעטונג אין ארץ־ישראל נישט אַלס אַ פּועל־יוצא פון אַ פאָרמעלן הסכם, נאָר אַלס אַן אַקט פון אַ אידיש־אַראַבישן שלום, אַלס אַ פּאַקט צווישן אונז און די אַראַבער איבער דעם, ווי אַזוי אויסצונוצן די נייע רעכט, ווי אַזוי צו טיילן די קאָנ־צעדירטע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט. אויף דעם אופן פאַלט אַראָפּ די סכנה פון נישט־וואָטירן דעם בודזשעט און פון אַנדערע אָבסטרוקציאָניסטישע מעטאָדן.

II) בלייבט די טענה, וואָס איר ריכטיקייט זאָל נישט פאַרלייקנט ווערן, אַז די איינפירונג פון אַ פאָלקספאַרטרעטונג, אפילו זי זאָל אַרומ־געצוימט זיין מיט ווירקזאַמע גאַראַנטיעס, האָט אין זיך אַ סך סכנות. אַנט־קעגן דעם שטעלט זיך די פראַגע אויב די סכנות זיינען נישט גרעסער, ווען מיר זאָגן זיך אָפּ צו גיין אויף דעם וועג. און די עיקר־פראַגע בלייבט, צי הענגט דען אָפּ די אַנטשיידונג פון אונז אַליין. קאָנען מיר דען אויפהאַלטן די אַנטוויקלונג ווי לאַנג מיר ווילן? דאָס כּחות־פאַרהעלט־ניש אינם אָריענט און אינם פעלקערבונד אַנטוויקלט זיך נישט תמיד צו אונזער טובה. דעריבער בין איך פאַר דער ריזיקע פון אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער, אויב זי איז דערגרייכבאַר אויף דעם באַזיס פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

די עפנטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד וואָלט משלים געווען מיט דער לאַגע, כּל זמן זי וואָלט געווען אַ רואיקע. וויבאַלד די ענינים אַנטוויקלען זיך נישט אַזוי רואיק וועט שטענדיק איבעראַנייס אויפגעהויבן ווערן אין ענגלאַנד די פראַגע, אויב ס'לוינט זיך איינצוהאַלטן דעם ארץ־ישראל־מאַנדאַט.

אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבער אין ארץ־ישראל איז אויך נויט־ווענדיק אינם אינטערעס פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונם לאַנד. ארץ־ישראל האָט אין די שכנישע אַראַבישע און מחמדאַנישע לענדער דעם וויכטיקסטן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר זיינע פּראָדוקטן. אין איניקע יאָרן וועלן די אַראַבישע נאַציאָנאַל־שטאַטן, ווי איראַק און מצרים, פאַרטראָטן זיין אין פעלקערבונד. דערפאַר איז די סכנה, צו לאָזן וויטערבאַשטיין די

איצטיקע סיטואַציע, גרעסער ווי די סכנה אַריינצולאָזן זיך אין פאַרהאַנד-לונגען מיט די אַראַבער.

פון אַן אַנקעטע איבער דער זעלבסטפאַרוואַלטונגס-פראַגע (אָרגאַני-זירט פאַראַיאָרן פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע) זע איך, אַז אַ פּראָ-יעקט, וועלכן איך האָב אויפגעשטעלט אינם יאָר 1924, האָט געפונען אַ היפּש ביסל אונטערשטיצונג. לויט יענעם פאָרשלאָג זאָל דער פּאַרלאַמענט באַשטיין פון אַן אונטערשטער קאַמער און אַ סענאַט אָדער „פעדעראַל קאָנ-סיל", אין וועלכן אידן און אַראַבער זיינען פאַרטראָטן אין גלייכער צאָל. ס'איז נישט די איינציקע מעגלעכקייט פון אַ פאָלקספאַרטרעטונג מיט גע-בונגדע גאַראַנטיעס פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים. זיין פאַר פאַרהאַנדלונגען מיט די אַראַבער הייסט נישט, אַז מיר פאַרהאַנדלען מיט יענע, וועלכע זיינען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם בלוטפאַרגיסן פון אויגוסט. ס'האַנדלט זיך וועגן אַ ריכטליניע נישט פאַר די נאָנטסטע וואָכן, נאָר פאַר דער קומענדיקער אקציאָנס-תקופה. ד"ר ווייצמאַן האָט אין אונזער נאָמען פאַרזיכערט די רעגירונג וועגן אונזער פאַרהאַנד-לונגס-גרייטשאַפט און האָט איינגעלאַדן די פאַרמיטלונג פון דעם פּרעמיער. ס'איז נויטיק צוגעגרייט צו זיין צו אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען און אויסצו-אַרבעטן קאָנקרעטע פאָרשלאָגן.

פערטער טייל.

פראבלעמען פון דער ארץ-ישראל-קאלאניזאציע.

לאַנדאַרבעטער-פראַגע און קאָאָפּעראַציע.

פרעגט מען אונז אָבער, וואָס מיר ווילן טאָן מיט די קאָלאָניסטן, אַזוי זיינען מיר נישט אין קיין ספקות. מיר ווילן זיי פאַרבינדן מיט דער ערד, מאַכן זיי צו אמתע דאָרף-מענטשן. זיי זאָלן לעבן אויף דער ערד און פון דער ערד און נישט ארויסקוקן פאַרדאַנגהט אַלס הענדלער אויפן מאַרק-פּרייז. אויפן מאַרק זאָלן זיי נאָר קומען מיט פּראָדוקטן, וועלכע זיי האָבן איבער זייער אייגענעם באַדאַרף. יעדע קאָלאָניע זאָל זיך לויט די פּרינציפּן, וועלכע די ערפאַרונג און די וויסנשאַפט גיבן אונז שוין היינט, אַליין פאַרוואַלטן אַלס **לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע**. אַזוי קענען געשאַפן ווערן די יסודות פאַר אַ שטענדיקער רו, נאָך וועלכער דאָס אַזויפיל ארומגעיאָגטע אידישע פאָלק בענקט אַזוי מיט דער גאַנצער נשמה. וואָס ס'וועט זיך אויפהייבן אויף דעם דאָזיקןברייטן פעסטן אונטערבוי פון אַן ארבעטנדיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג, וואָס פאַר אַ מאָדערנער און באַקוועמער בנין, דאָס וועט זיין אָפּהענגיק פונם פאָלק גופא, נאָכדעם ווי מיר וועלן איבערגעבן אין זיינע אייגענע הענט די באַשטימונג פון זיין גורל.

טעאָדאָר הערצל,

5. קאָנגרעס-רעדע, 26 דעצעמבער 1901.

I. די לאַנדאַרבעטער-פראַגע אין ארץ-ישראל

קריטישע פאָר-באַמערקונג.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע אין ארץ-ישראל איז נישט קיין קאָלאָניזאַטאָרישער עקספּערימענט, וואָס ווערט דורכגעפירט צוליב סאָציאַלע מאָטיוון און פּאָליטישן רעכענען זיך מיט די ארבעטער, וואָס וואָלט אָבער פונקט אַזוי געקאָנט נישט דורכגעפירט ווערן, ווי ס'מיינען אַ טייל פריינד פונם ציוניזם, וועלכע וואָרענען דערפאַר, ארויפצולייגן אויף דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג די „משא" פון סאָציאַלע פּרוּוון. די פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע פון לאַנדאַרבעטער האָט זיך נישט נאָך איינגעגעבן אין איינצלנע פעלן אין אירלאַנד, איטאַליע און אנדערע לענדער. די קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע פון באַזיצלאָזע אָדער ערד-אָרעמע פויערן האָט אין די לעצ-

טע יאָרצענדליקער געמאכט אזעלכע גרויסע שריט פאָראויס, ספּעציעל אין איטאַליע און רומעניע, אז די דאָרפישע ארבעטער־קאָאָפּעראַציע ווערט אין אן אלץ וואקסנדער מאָס באטראכט פאַרן זיכערסטן מיטל צו פארענטפערן די לאנדארבעטער־פראגע. נאָך נויטיקער איז אויסצופּרואוון די קאָ־אָפּעראַטיווע ווירטשאַפטס־פאָרם פאר דער אידישער קאָלאָניזאציע אין ארץ־ישראל.

בעת הערצל האָט ערקלערט די פּראָדוקטיוו־קאָאָפּעראַציע פאַר דער פאָרם פון דער נאַציאָנאַל־קאָלאָניזאציע, בעת אָפּענהיימער האָט אויפן זעקסטן קאָנגרעס אויפגעוויקלט זיין פּלאַן, בעת דער סאָציאַליסטישער פליגל פון דער ציוניסטישער באוועגונג האָט פארלאנגט, אז דער קאָאָפּעראַ־טיווער מעטאָד פון קאָלאָניזאציע זאָל אריינגענומען ווערן אינב קאָלאָני־זאציע־פראָגראם פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דעמאָלט זיינען עס נאָך נישט געווען די פאקטן פון דער ווירקלעכקייט אין ארץ־ישראל, וועל־כע האָבן געפירט צו די דאָזיקע פאָרשלאָגן. ביי הערצלען איז עס געווען געניאַלע אינטואיציע, ביי אָפּענהיימערן און די פּועלי־ציון די אָנווענדונג פון מיינונגען איבער אגראר־פראגע און קאָלאָניזאציע, וועלכע זיינען ארויס־געוואקסן אויס דער וויסנשאַפט און די ערפארונגען פון אנדערע פעלקער. דאָס אָבער, צו וואָס מיר זיינען מיט יאָרן צוריק געקומען צום טייל אויף א ריין דעדוקטיוון וועג, קאָנען מיר איצט אונטערזוכן אויפן אינדוקטיוון וועג, דורך די פאקטן און דערווייליקע רעזולטאטן פון דער אידישער קאָ־לאָניזאציע אין ארץ־ישראל.

דער אָביעקטיווער באַטראַכטער קאָן בלייספּק זאָגן א סך גוטס אי־בער די ערפאָלגן פון דער אידישער ישוב־ארבעט אין ארץ־ישראל. מ׳דארף געדענקען, אז ס׳האנדלט זיך וועגן א לאנד, וואָס איז צום טייל פּאַרוויסט, צום טייל אויסגעזויגן, אָן א רעגולירטער פאַרוואַלטונג, אָן א גרונד־בוך, אָן קרעדיט־אָרגאַניזאַציעס, אָן מיטלען פון קאָמוניקאַציע, און וואָס ס׳איז נאָך וויכטיקער, ס׳האנדלט זיך וועגן א קאָלאָניסטן־מאַטעריאַל פון שטאָט־מענטשן, וואָס מוזן זיך ערשט צופּאַסן צו דער לאנדווירטשאַפט. נעמט מען דאָס אַלץ אין באטראכט, אַזוי וועט מען נישט קאָנען לייקענען, אז די אידן האָבן ארויסגעוויזן אין ארץ־ישראל אויסהאַלטונגס־כח, מוט, פּיאָניר־טאַלאַנט. אָבער דוקא ווייל די אידישע ניי־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל געפינט אַלץ מער אנערקענונג, מעגן מיר — נישט רעכענענדיק זיך מיטן שבח אָדער מיטן גנאי מצד די קעגנער — רואיק קוקן אויף די פאַקטן און מודה זיין, אז די ביז־איצטיקע ישוב־אַרבעט פאַרדינט נישט דעם ערן־נאָמען, וועלכן הערצל האָט געשאַפן: נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאציע. דאָס איז פאַר אונז א מעטאָד פון קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט דעם ציל, צו שאַפן א וואָס גרעדיכ־טערע, קאָמפּאַקטע אידישע באַפעלקערונג אין לאַנד און קודם־כל אויפן לאַנד; א קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק, וועלכע שטייט אין הסכם מיט די באַדערפעניש פון די מאַסן פון די אידישע אויסוואַנדערער. און דאָס וועט דאָך יעדער מודה זיין, אז דער גרויסער רוב פון די אידישע אויסוואַנדערער זיינען באַזיצ־

לאָזע, וועלכע זוכן אַ פּלאַץ פאַר זייער אַרבעטס-כח. מיט זיי באַטראַכטן מיר יעדן מעטאָד פון קאָלאָניזאַציע פון דעם שטאַנדפּונקט, צי גיט זי די אַרבעטנדיקע פאָלקסמאַסן מעגלעכקייטן פון עקזיסטענץ און פון שטענדיקער אַרבעט. די דאָזיקע קריטישע אָפּשאַצונג קענען נישט אויסהאַלטן די רעזולטאַטן פון דריי יאָרצענדליקער פון אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל. נישט, ווייל זיי זיינען צו קליין אין כמות. ס'ליגט אין עצם פון יעדער קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט, אַז זי קאָן נישט ברענגען קיין גיכע הילף פאַר נויטליידנדע מאַסן. אָבער אין אירע טענדענצן און מעטאָדן מוז זי אַרויסגיין פון דער דאָזיקער נויט. אירע טרייבנדע כחות מוזן דער קאָלאָניזאַציע אָנווייזן איר ריכטונג. די ביז-איצטיקע קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט האָט אונז געבראַכט אַ סך ערפאַרונגען פון אַ גרויסן ווערט, אָבער זי האָט אונז נישט געגעבן אַזאַ מין סיסטעם. פאַרקערט, זי האָט אונז— פּאַראַדאָקס אויסגעדריקט — געוויזן, ווי אַזוי מ'דאַרף נישט קאָלאָניזירן. די אַנטוויקלונג פונם ישוב אין ארץ-ישראל לאָזט צו די פאָלגנדע פועלי-יוצאס און פעסטשטעלונגען:

א) די מיינונג, אַז שטאָט-מענטשן קענען תיכף און אויף אַ גיכן אופן ווערן לאַנדווירטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. די הויפּט-פעלערן פון דער קאָלאָניזאַציע נעמען זיך צום גרויסן טייל דערפון, וואָס מ'האָט איבערגעגעבן די באַווירטשאַפטונג פון אַ פויערן-הויף צו קאָלאָניסטן, וועלכע זיינען נישט געווען באַקאַנט מיט דער לאַנדווירטשאַפט און האָבן נישט דורכגעמאַכט די שול פון לאַנד-אַרבעט.

ב) די אידישע לאַנדווירטשאַפט בכלל איז דורכאויס איינזייטיק, דער תבואה-בוי איז דערצו נאָך טעכניש אָפּגעשטאַנען, ווייל ער שטיצט זיך אויף אַראַבישע אַרבעטס-מעטאָדן און איז דעריבער נישט רענטאַבל פאַר אייראָפּעאישע קאָלאָניסטן. דער דאָזיקער מצב וועט נישט אַנדערש ווערן, ביז ס'וועט נישט קומען אַ לחלוטינדיקער שנוי אינם אַקערבוי דורכן איבערגאַנג פון דער עקסטענסיווער אַראַבישער ערד-אַרבעט צו אינטענסיווע, אייראָפּעאישע, ראַציאָנעלע מעטאָדן פון באַאַרבעטונג.

ג) דער סאָציאַלער יסוד פונם גרעסטן טייל פונם ישוב איז אַ שוואַכער און נישט נאָרמאַלער, ווייל ס'שטייען איינע אַקעגן די אַנדערע אידישע ערד און פּלאַנטאַציע-באַזיצער און אַראַבישע לוין-אַרבעטער. דערמיט ווערט אַרויסגערופן אַ נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער קעגנזאַץ, וועלכער קאָן ברענגען די גרעסטע סכנה איבערן אידישן ישוב אין לאַנד; ס'ווערט אַריינגעטראָגן קאַפּיטאַליסטישע צושטערונג אין אַראַבישן דאָרף, די פּראָלעטאַריזירונג פון די פעלאַכן ווערט פאַרגיכערט, אין דער זעלבער צייט ווערט אָבער זער שטאַרק פאַרקלענערט די פעאיקייט פונם לאַנד, אַריינצונעמען באַזיצלאָזע אידישע איינוואַנדערער.

די דאָזיקע פאַקטן, וועלכע די קריטיקער פון דער ארץ-ישראל-אַרבעט, און צווישן זיי אויך אַחד-העם, האָבן דורך גאַנצע יאָרצענדליקער פאַרזען, כאַראַקטעריזירן לויט אונזער מיינונג די שווערסטע פעלערן פון

אונזער קאָלאָניזאַציע. זיי צווינגען אונז, זיך אָפּצוזאָגן פון אַ מעטאָד פון קאָלאָניזאַציע, אויס וועלכן אַזעלכע פעלערן האָבן געקאָנט אַרויסוואַקסן. איינע פון אירע אָנגעוויטיקטסטע רעזולטאַטן איז די לאַנדאַרבעטער-פראַגע.

באַזיצלאָזע איינוואַנדערער.

דאָס וואָרט „לאַנדאַרבעטער-פראַגע“ באַדייט אין ארץ-ישראל נישט דאָס זעלבע וואָס אין אייראָפּע. דאָס פּראָבלעם פונם אַגראַר-פּראָלעטאַריאַט איז געוואָרן אַ לעבנספראַגע פון דער לאַנדווירטשאַפט אין די אַלטע קולטור-לענדער זייט דאָרפישע טאָג-אַרבעטער, פּאַראָבקעס, האַלב-פויערן, פויערן מיט אַ מיני־מאַלן ערד-באַזיץ האָבן אָנגעהויבן זיך צו ראַטעווען אויס זייער סאָציאַלער נויט דורכן אַנטלויפן פונם דאָרף. די דאָזיקע „מענטשן-נויט“, דער דאָזי־קער „exode rural“ (די יציאה פונם דאָרף), הערשט נאָך נישט אין די אי־דישע קאָלאָניעס. די קאָלאָניסטן קלאָגן זיך בשום אופן נישט, אַז ס׳פעלן זיי אידישע אַרבעטער, כאָטש די אידישע אַרבעטער גייען זייער אָפּט אַוועק פונם דאָרף. פאַרקערט! די אידישע איינוואַנדערער, וועלכע זוכן אַרבעט, קלאָגן זיך, אַז זיי קאָנען זי נישט געפינען. די צאָל פון די אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געפונען אַרבעט אין די פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכע ישובים, איז זער קליין. אינם יאָר 1913 האָבן אין אַזעלכע קאָלאָניעס געאַרבעט בערך 400 אַשכנזישע אַרבעטער און בערך אַזוי פיל תימנער. בסך-הכל איז די צאָל פון די אידישע לאַנדאַרבעטער אין ארץ-ישראל אין יאָר 1915 געשאַצט געוואָרן אויף בערך 1500; אינאיינעם מיט די משפחות איז דאָס אַ באַפעלקערונג פון בערך 3000 נעשות. די דאָזיקע צאָל איז זייער נידעריק אין פאַרגלייך מיט די 6000 ביז 8000 נישט-אידישע אַר־בעטער און כאַראַטן (אַרבעטער-פעכטערס), וועלכע אַרבעטן שטענדיק אָדער צייטווייליק אין די אידישע קאָלאָניעס. זי איז קליין אין פאַרגלייך מיט די טויזנטער אידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אומזיסט געזוכט אַרבעט אין ארץ-ישראל און זיינען פאַרלוירן געגאַנגען פאַרן לאַנד.

די לאַנדאַרבעטער-פראַגע איז אייגנטלעך נאָר אַ טייל פונם אַ סך ברייטערן פּראָבלעם פון קאָלאָניזירן עלעמענטן מיט ווייניק אָדער אָן קאַ־פּיטאַל. ווייל נאָר פאַר אַ טייל פון די איינוואַנדערער קען די לוין-אַרבעט זיין אַ יסוד פון זייער עקזיסטענץ, אונטער דעם באַדינג, אַז ס׳קענען גע־פונען ווערן מיטלען און וועגן, לייכטער צו מאַכן פאַרן לאַנדאַרבעטער צו בלייבן אויף תמיד אָן אייגענער ערד און אין שטענדיקער עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט. אַ לאַנדאַרבעטער-קלאַס אַלס אַ שטענדיקע ערשיינונג וועט זיך נאָר קענען האַלטן אין די צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע אַר־בעטן מיט אַ סך קאַפּיטאַל און נויטיקן זיך שטענדיק אין מענטשלעכע אַרבעטס-כחות. אין ארץ-ישראל זיינען עס קודם-כל די „טרוקענע“ און באַ־וואַסערטע פלאַנצונגען, וועלכע וועלן מחמת זייער רענטאַביליטעט צוציען דעם קאַפּיטאַל, וואָס זוכט פּראָפיטן. די פּלאַנטאַציעס קאָנען דעריבער ברענ־גען מיט זיך דאָס אַרויסוואַקסן פון אַ שטענדיקן לאַנדאַרבעטער-קלאַס. די

אנדערע צווייגן פון דער לאנדווירטשאפט — ווי דער תבואה־בוי, בהמות־ און מילך־ווירטשאפט, גרינס־בוי — וועלכע צאלן זיך נאר אויס ביי אן אינטענסיווער אייגענער ארבעט, וועלן נאר אין א קלענער מאס צוציען די דאזיקע פארמעגלעכע שטאטישע איינוואנדערער, וועלכע זיינען ע״פ רוב אפגעוואוינט פון פיזישער ארבעט. די דאזיקע ארבעט פון די אינטענסיווע ווירטשאפטס־צווייגן פארלאנגען א פויערן־עלעמענט, וועלכער קאן ארויסקומען נאר פון די אויסגעבילדעטע לאנדארבעטער. אזוי ווערט פאר א טייל פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער די לוין־ארבעט נאר צו א פרוזדור צו דער ווירטשאפטלעכער זעלבסטשטענדיקייט, אלס איינצלנער פויער אדער אלס מיטגליד פון א קאאפעראציע.

אין תוך אריין וואלט מען בכן געדארפט אפטיילן די אייגנטלעכע לאנדארבעטער־פראגע, ווי זי באווייזט זיך איז די קאפיטאליסטיש־געפירטע צווייגן פון דער לאנדווירטשאפט, פון דער פראגע וועגן באזעצן פון באזיצלאזע, ד. ה. וועגן ארויפשטייגן פון לאנדארבעטער צו עקאנאמישער זעלבסטשטענדיקייט. פונדעסטוועגן איז עס ריכטיק, צו נעמען אלס אויסגאנגס־פונקט פון אונזערע באטראכטונגען דעם מצב פון די לוין־ארבעטער אין די קאפיטאל־אינטענסיווע קאלאניעס.

פיר פאקטן זיינען עס קודם־כל, וואס מאכן אין א זער הויכער מאס שווערער די צופאסונג פונם אידישן לאנדארבעטער; **די נידעריקע שכירות**, **דער מאנגל אין פאך־קוואליפיקאציע**, **דער סעזאן־כאראקטער** פון דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, **די אוממעגלעכקייט צו גרינדן א משפחה**.

די שכירות־פראגע.

דער טאג־לוין פון א אידישן לאנדארבעטער האט פאר דער מלחמה באטראפן — אויב מיר זאלן אויך אריינרעכענען די שכירות פון די תימנער — דורכשניטלעך 1.50 פר. ביז 2 פר. בכלל ווערט א טאג־פארדינסט פון צוויי פראנק באטראכט פארן מיני־מאל־לוין פון א מזרח־אייראפעאישן ארבעטער. באמת איז ער לחלוטין נישט גענוג אויף צו לעבן. פון די 300 ארבעטס־טעג אין יאר מוז מען אראפרעכענען די רעגן־טעג און דורכשניטלעך 30 טעג פון קראנקייט (אן ערשיינונג, וועלכע מ׳קען נישט אויסמיידן ביי דער אקלימאטיזירונג און ביי דער שלעכטער ערנערונג), און אזוי קומט ארויס אפילו ביי א מינימאל־פארדינסט פון 2 פר. א טאג א יערלעכע הכנסה פון 400—500 פר., אדער בערך 40 פר. א חודש. נאך נאווראצקין זיינען די הוצאות פארן עסן אין ארץ־ישראל געוואקסן פון 30 פר. אין די יארן 1904—1907 אויף דורכשניטלעך בערך 45 פר. אין די יארן 1907—1909. פאר די ארבעטער־קיכן קומט אונז אפילו אויס די דאזיקע צאל א ביסל צו הויך. אויף יעדן פאל אבער וואלט דער אידישער לאנדארבעטער אן די שותפותדיקע קיכן און ביליקע דירות בכלל נישט געקאנט עקזיסטירן. אביסל בעסער גייט עס דעם ארבעטער מיט א דורכשניטלעכער קוואליפיקאציע אין די פערמע־באטריבן, וועלכער באקומט בערך 50—55 פר. א חודש שכירות און א חוץ

דעם פרייע דירה. די נידעריקייט פון די דאָזיקע שכירות ווערט נאָך קלאָרער, ווען מ׳נעמט אין באַטראַכט, אַז דער אידישער איינוואַנדערער איז א שטאָט־פּראָלעטאַריער מיט בערך הויכע קולטורעלע באַדערפעניש, צוגעוואוינט צו אנדערע מלבושים ווי אַנדערע לאַנדאַרבעטער, צו מעדיצינישער הילף אין פאַל פון אַ קראַנקייט, צום לייענען צייטונגען און ביכער, ווייטער צו זיין א מיטגליד אין א פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער מוז געבן אָפּצאָלונגען. אויך אין פארגלייך מיט די שכירות פון לאַנדאַרבעטער אין אנדערע לענדער מיט בערך די זעלבע אויסהאַלטונגס־הוצאות אויפן דאָרף ווי אין ארץ־ישראל, געפינט זיך די שכירות פונם אידישן אגראר־ארבעטער אויף א נידעריקער מדרגה.

אין סיציליע „באַוועגן זיך די שכירות פאַר נישט געלערנטע אַרבעטער צווישן 1.60 און 2 לירא, פאַר געלערנטע צווישן 3 און 3.50... אין די דאָזיקע ציפערן איז דער לוין אין פּראָדוקטן איבערגערעכנט אין געלט און צוגערעכנט צום געלט־לוין״*).

אין בעלגיע, וואו די הוצאות פון אַ לאַנדאַרבעטער פאַר עסן און דירה ווערן גערעכנט אויף 1 פר. אַ טאָג (לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק נאָר 0.77 פר.), באַוועגן זיך די לאַנדווירטשאַפטלעכע טאָגלוינען צווישן 2 און 5 פר. אין זומער, און 1.50 און 4 פר. אין ווינטער (פאַר מענער און פרויען)**). אַרבעטער און אַרבעטערינס, וועלכע אַרבעטן אויף חודש־ אָדער יאָר־שכירות, פאַרדינען דורכשניטלעך צו 3 אָדער 2 פר. אַ טאָג אַחוץ אויסהאַלטונג.

„דער זומער־טאָג־לוין פון 6 פוילישע גובערניעס אין רוסלאַנד איז פון 1890 ביז 1900 געוואַקסן אין דורכשניט פון 41 אויף 57 קאָפּעקעס (1.50 פר.) ד. ה. בערך מיט 30% ״***). מ׳קען מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז דערווייל האָבן די שכירות אין הסכם מיט דער שטענדיקער וואַקסנדער טענדענץ דערגרייכט אַ דורכשניט פון בערך 2 פר. אין קורלאַנד באַטרעפט דער לוין פאַר נישט באַווייבטע פּראָבקעס ביי 150 רובל (בערך 400 פר.) אַ יאָר און דערצו פרייע אויסהאַלטונג, אַן אַזוי גערופענער דעפּוטאַט־קנעכט פאַרדינט כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל****).

אין דייטשלאַנד, האַלטן די שכירות פון די לאַנדאַרבעטער אין

---

*) Dr. A Sartorius von Waltershausen, Sizilianische Agrarverfassung S. 284.

**) B. Bouche, Les ouvriers agricoles en Belgique. P. 200. (Instituts Solvay) 1913.

***) Prof. Dr. W. Wygodzinski, Agrarwesen und Agrarpolitik, II. באנד, (Göschen) זייט 68.

****) B. Marquart. Der Betrieb der Landwirtschaft in Kurland, Mitteilungen der Deutschen Landwirtschafts-Gesellschaft No. 51, 1916.

וואַקסן און זיינען אין אַ סך פאַלן העכער ווי למשל אין בעלגיע *).

ס׳איז בכן קלאָר, אַז די שכירות פון די אידישע לאַנדאַרבעטער אין ארץ־ישראל שטייען אויף אַ זער נידעריקער מדרגה. די סיבה ליגט ווי באַקאַנט אין דער קאָנקורענץ מצד די אַראַבישע פעלאַכן. זיי האָבן זער ווייניק קולטור־באַדערפענישן און — דאָס איז זער וויכטיק — זיי פאַרמאָגן אַן עקאָנאָמישע שטיצע אין זייערע דערפער, וואו זיי האָבן אַן אייגענע נחלה. די אַרבעט אין די שכנותדיקע אידישע קאָלאָניעס איז בכן פאַר די פעלאַכן ע״פ רוב נאָר אַ ביי־הכנסה. דער ביליקייט פון די אַראַבער שטייען אפילו אַקעגן אַ סך מעלות פון דער אידישער אַרבעט — דאָס געדיכטער ווערן פון דער באַפעלקערונג אין די אידישע קאָלאָניעס, דאָס פאַרבלייבן פון די שכירות אין דער קאָלאָניע, וואו זיי ווערן אויסגעגעבן, די העכערע זיכערקייט, די גרעסערע אינטעליגענץ פון די אידישע אַרבעטער. אָבער דער פריוואַט־ווירטשאַפטלעכער אינטערעס אין נידעריקע שכירות האָט זיך נאָך אַלץ אַרויסגעוויזן פאַר שטאַרקער. דערביי דאַרף מען מאַכן אַ חילוק צווישן די אַקערבוי־און די פלאַנצונגס־קאָלאָניעס. די אידישע תבואה־ווירטשאַפטן קאָנען זיך ביים היינטיקן מצב פון זייער טעכניק און פון זייער אָרגאַנישן אויפבוי האַלטן נאָר מיט אַראַבישע שכירות אָדער כצראַטן. אַן אַריינדרינגן פון אידישע אַרבעטער וואָלט נאָר מעגלעך געווען ביי אַ לחלוטינדיקן אָפּזאָגן זיך פונם אַראַבישן ווירטשאַפטס־אופן. נאָר אַ ראַציאָנעלע, אייראָפּעאיזירטע און אינטענסיווירטע אַקערבוי־ווירטשאפט וואָלט געקאָנט צאָלן אייראָפּעאישע שכירות, צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון אידישע אַרבעטער.

אַנדערש איז דער מצב אין די קאַפּיטאַל־אינטענסיווע פלאַנטאַציע־באַטריבן. ד״ר רופּין האָט דאָ נישט לאַנג באַרעכנט, אַז ביי אַ העכערונג פון די אַרבעטער־שכירות מיט 40 פּראָצ. (פונם אַראַבישן דורכשניטס־לוין פון 35 פּר. אויפן אידישן פון 50 פּר. אַ חודש) וואָלט די רענטאַבליטעט פון די פלאַנצונגען אין ארץ־ישראל געפאַלן פון 10 פּר. אויף דורכשניטלעך 8,5 פּר. דאָס וואָלט געווען אַ גענוג הויכער פּראָצענט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע אינוועסטיציעס. אויב דער אידישער קאַפּיטאַל וויל זיך דערמיט נישט באַגנוגענען, אַזוי ווייזט זיך דאָ די אַלגעמיינע טענדענץ פונם קאַפּיטאַל, וואָס זוכט פאַרדינסטן אין קאָלאָניאַל־לענדער, וואָס מער צו העכערן די פּראָפיטן דורך מאַקסימאַלער אויסנוצונג פון היימישע אַרבעטס־כּחית. ס׳דאַרף זיין די אויפגאַבע פון די נאַציאָנאַלע פינאַנץ־אינסטיטוציעס, אויף וויפיל זיי קאָנען רעגולירן און משפּיע זיין אויף דער באַוועגונג פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, צו זאָרגן דערפאַר, אַז ארץ־ישראל זאָל נישט ווערן אַ גן־עדן פון אַזעלכע עקסטראַ־פּראָפיטן, צום שאָדן סיי פון די אַראַבישע פעלאַכן, סיי פון די אידישע איינוואַנדערער.

1) זע: A. Buchenberger, Agrarwesen und Agrarpolitik, זייט 478, 2 אויפלאַגע, לייפּציג, 1914.

פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג.

צו די סיבות פון די נידעריקע שכירות דאַרף מען אויך רעכענען, די אומבאַקאַנטקייט מיט דער לאַנדווירטשאַפט, דעם מאַנגל פון וועלכער ס'איז פּאָרבילדונג ביי די אידישע אַרבעטער. די ערד־אַרבעט די „עלטסטע און בכבודיקסטע פון אַלע מענטשלעכע אַרבעטן" (לאַיד דזשאָרזש) דאַרף און מוז געלערנט ווערן. דער איבערגאַנג פון שטאָט־מענטש צו דער לאַנדווירטשאַפט, דאָס אומקערן זיך פון אינדוסטריע־אַרבעטער אין דאָרף אַריין איז דערייבער זער אַ זעלטענע זאַך. ס'איז שווער צו זאָגן, ווי אַזוי מ'קען באַקומען די פעאיקייט צו דער לאַנדווירטשאַפט. „גאַנץ פון זיך אליין לערנט זיך אויס דער לאַנדאַרבעטער און גרייט זיך צו פאַר זיין אויפגאַבע" זאָגט בּושע. „מ'קען זער שווער אָננעמען, אַז א יונגער פּויער נעמט איבער בירושה פון זיינע עלטערן די אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען דער יסוד פון דער אַגריקולטורעלער טעכניק אָבער גאַנץ זיכער איז, אַז די סביבה ערציט דעם דאָזיקן יונגען פּויער. ער זעט, ער הערט, ער פאַרשטייט, ער פּרוּאווט זיך, צי כּדי צו שפּילן, צי כּדי צו העלפן. דער קליינער פּויער ווערט אויפן דאָרף נוצלעך שוין דורכדעם אליין, וואָס ער איז דאָרט אויפגעוואַקסן. די סביבה האָט געגעבן זיינע מוסקולן און נערוון השפּעות פון צופּאַסונג אָן א צאָל". צום סוף שטעלט בּושע אויף די פאָלגנדע 3 עיקרים:

1) די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן מוז מען אויסלערנען;
2) אין דער פּראַקטיק קומט דאָס דאָזיקע אויסלערנען פאַר נישט סיסטעמאַטיש; עס ווערט צוגעגרייט דורך דער השפּעה פון דער פיזישער און סאָציאַלער סביבה;
3) אַן אויפגעוואַקסענער און דערוואַקסענער, וועלכער ווערט פּלוציג אַריבערגעפירט אין אַ דאָרפישער סביבה, ווייזט נישט אַרויס קיין נטיה און נישט קיין פעאיקייטן, זיך צו נעמען צו לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן.

די ערפאַרונגען פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין פאַרשיידענע לענדער באַווייזן, אַז מ'קאָן גובר זיין די מניעות. אָבער זיי לאָזן נישט איבער קיין שום ספק, אַז דאָס איז אַ שווערער און לאַנגער פּראָצעס. דער פּראָצעס איז אַ קורצער אין לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטריבן מיט אַ גרעסערער אַרבעטס־טיילונג און מעגלעכקייטן פון ספּעציאַליזירונג — אין ארץ־ישראל גייען קודם כּל די פּלאַנצונגען אַריין אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. דער איבערגאַנג איז אַ סך שווערער אין דער פעלד־ווירטשאַפט און אין צווייגן פון דער ערד־קולטור, וועלכע פאַרלאַנגען אַ פאַרשיידנאַרטיקע קוואַליפיקאַציע און טעטיקייט און פעאיקייט צו דיספּאָנירן. די לאַנדאַרבעטער און אַפילו די פאַרטיקע פּויערן אויס דרום־רוסלאַנד, וועלכע זיינען באַזעצט אין מתולה, קסטיניה און עקרון, זיינען אַ התראה, אַז די בלויזע געניטקייט אין געוויסע האַנט־אַרבעטן איז נאָך נישט גענוג, כּדי אָפּגעהיט צו ווערן פון פאַרגליווערטער אָפּגעשטאַנענקייט. דער חילוק צווישן די

פּלאַנטאַציע־ און אַקערבוי־באַטריבן, ווי אויך צווישן די צוגרייטונגס־ אָדער איינאָרדנונגס־אַרבעטן ביי דער גרינדונג פון אַ קאָלאָניע פון איין זייט און דער שטענדיקער באַאַרבעטונג פון דער ערד פון דער אַנדערער זייט מאַכט דערביי נאָך שווערער די פּאַרענטפערונג פונם פּראָבלעם פון ערציאונג צו דער לאַנדווירטשאַפט. וואָרום על פּי רוב האָט דער ניי אָנגעקומענער אַרבעטער די מעגלעכקייט צו לערנען זיך דוקא ביי די ערשטע פון די אָנגערופענע אַרבעטן. זיי האָבן זיכער אַ גרויסן ווערט, זיי גרייטן אָבער דעם פּראָלעטאַרישן איינוואַנדערער נאָר אין אַ קליינער מאָס צו צו זיין אייגנטלעכער אויפגאַבע, צו ווערן אַן אַליין־ווירטשאַפטנדער פויער. נאָך ווייניקער נוצלעך איז דער דורכגאַנג דורכן פּלאַנטאַציע־באַטריב אָדער דורכ צוגרייטונגס־פּעריאָד פאַר דער אידישער אַרבעטערין, אויב מ׳באַטראַכט פאַר איר אויפגאַבע צו טאָן אַלע יענע אַרבעטן אין דער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע די פויערן־פרוי טוט אַנדערשוואו.

און אויב דער אידישער אַרבעטער זאָל שוין אפילו דורך זיין אינטעליגענץ און אַרבעטס־חשק, מיט דער הילף פון פּראָפעסיאָנעלע און קאָנסום־אָרגאַניזאַציעס, דורך געזעלשאַפטלעכער דירה־און קראַנקען־פאַרזאָרגונג, גובר זיין די געשילדערטע מניעות און זיכערן זיך אַ געהעריקן לוין, שטרויכלט ער זיך איבער צוויי אַנדערע אבני נגף — דער נישט־שטענדיקייט פונם פאַרדינסט, מחמת דעם סעזאָן־כאַראַקטער פון דער אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט, און דער אוממעגלעכקייט צו גרינדן און צו דערהאַלטן אַ משפּחה מיט די פאַרדינסטן פון אַ לאַנדאַרבעטער, די דאָזיקע לעצטע מנעות זיינען אַזוי קלאָר, אַז ס׳איז איבעריק זיי נעענטער אַרומצורעדן.

מיר האָבן דאָ בכן צו טאָן מיט זער אַ פאַרוויקלט פּראָבלעם, וואָס קען אין זיין גאַנצער שאַרפקייט פאָרמולירט ווערן בערך אויף אַזאַ מין אויפן דער אידישער איינוואַנדערער, פאַר וועלכן זיין אַרבעט איז דער איינציקער יסוד פון זיין עקזיסטענץ, קען אין די פאַראַנענע, קודם כל פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס און באַטריבן נאָר מיט שווערער מי ווערן אַ לאַנדאַרבעטער. ער קאָן אָבער נישט בלייבן קיין לאַנדאַרבעטער, אויף יעדן פאַל נישט אָן די גרעסטע קרבנות, וועלכע מאַכן פון אָנהויב אָן אוממעגלעך די איינוואַנדערונג פון גרעסערע מאַסן קיין ארץ־ישראל. אפילו אַזוי גערופענע אידעאַליסטישע אַרבעטער קענען נישט אייביק דערטראָגן אַזאַ מצב, ווייל די ליידן פון נישט דערעסן און פון דער פּעריאָדישער אַרבעטסלאָזיקייט און דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַן אייגענער משפּחה, זיינען נישט קיין סאָציאַלע און נישט קיין נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייטן. די מעגלעכקייט, צו מאַכן פון די דאָזיקע פּראָלעטאַרישע איינוואַנדערער פרייע, אַליינווירטשאַפטנדיקע פויערן, איז זער אַן ענגע, מחמת די אויבנדערמאָנטע שוועריקייטן.

האַלב־פּויערן ס׳הויבט זיך בכן אויף די פראַגע, ווי אַזוי קען מען דאָך גובר זײַן די דאָזיקע געוואַלטיקע מניעות און פאַרענטפערן דאָס פּראָבלעם פון צוציען נישט־פאַרמעגלעכע עלעמענטן צו דער לאַנדווירטשאַפט. די פאָרשלאָגן, וועלכע זײַנען געשטעלט צו דער דיסקוסיע, באַוועגן זיך אין צוויי ריכטונגען: פון איין זײַט נעמט מען אָן די שטענדיקע עקזיסטענץ פון אַ קלאַס פון לאַנדאַרבעטער און מ׳זוכט מיטלען, כּדי לײַכטער צו מאַכן זייער מצב אַלס לוינאַרבעטער. פון דער אַנדערער זײַט באַטראַכט מען די צוגעהעריקייט צום אַגראַר־פּראָלעטאַריאַט פאַר אַ צײַטווײַליקער ערשײַנונג, פאַר אַ נויטיקן דורכגאַנג־סטאַדיום פאַר אײַנוואַנדערער אָן מיטלען, וועלכע ס׳מוז פאַרזיכערט ווערן דאָס אַרויפשטײַגן צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט. מ׳קאָן איצט מיט רעכט רעדן וועגן צוויי מעטאָדן צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע, וועלכע שטייען אויפן סדר היום פון דער טעאָרעטישער דיסקוסיע און פון די פּראַקטישע פּרוּוון אין ארץ־ישראל. איינע איז דער מעטאָד פון שאַפונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־קליינווירטשאַפטן, „הײַזלער”, אָדער ה א ל ב ־ פּ ו י ע ר ן; די אַנדערע איז די ק אָ אָ פּ ע ר א ט י ו ו ע פאָרם פון אַרבעט און פּראָדוקציע.

אומעטום, וואו די לאַנדאַרבעטער אַנטלויפן פונם דאָרף, איז אויפגעקומען דער געדאַנק, צו באַווײַזן די לאַנדאַרבעטער, העלפנדיק זיי צו באַקומען אַן אייגן הײַזל און אַ קליין שטיקל ערד. ס׳איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער כּלל פון דער בירגערלעכער און פעאָדאַלער אַגראַר־פּאָליטיק, אַז קעגן דעם „ציען זיך אין שטאָט אַרײַן”, וואָס איז נאָך וויגאָדזינסקין „די פאָרם, אין וועלכער דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער קעמפט דורך זײַן קלאַסנקאַמף”, קאָן מען נאָר דעמאָלט עפּעס אויפטאָן, „אויב מ׳גיט דעם פרײַען אַרבעטער־שטאַנד די מעגלעכקייט, צו האָבן אַ קליין שטיקל ערד אין אייגנטום” *). דער אַגראַרישער אַרבעטער זאָל דורך דעם דאָזיקן אייגנטום צוגעבונדן ווערן צום גרויסן ערד־באַזיץ; ווײַל צום כּל־זמן ער פאַרמאָגט גאָרנישט, געפינט ער זיך שטענדיק אונטערן דרוק פון דער אָפּהענגיקייט און איז אייביק נישט זיכער מיט זײַן עקזיסטענץ, וועלכע גיט אים אויך נישט קיין שום אויסזיכטן אויף שפּעטער, און דעריבער לויפט ער אין שטאָט אַרײַן. אַנדערש „ביים טאָגלוינער, וועלכער פאַרמאָגט אַ שטיקל ערד. אין זײַן קליין שטיקל ערד, וואָס ער באַאַרבעט מיט זײַן משפּחה, האָט ער אַ זיכערן יסוד און ער מעג זיך טראָגן מיט דער האָפענונג, אַז בײַ פלײַס, ניכטערקייט און שפּאָרעוודיקער באַלעבאַטישקייט וועט זײַן שטיקל ערד שטענדיק גרעסער ווערן” **). אַז דאָס וואַקסן פונם ערד־באַזיץ בײַ שטענדיק וואַקסנדע פּרײַזן פון ערד און בײַ אַ קליינעם אָנבאָט איז זער אין אַ ספק, זײַנען בכלל אַלע מודה. פון דאַנען נעמט זיך עס מסתּמא טאַקע, וואָס נאָוראַצקי פאַרלאַנגט פאַר אַזעלכע אַרבעטער־ישובים אין דער

*) א. בוכענבערגער, זייט 480.

**) בוכענבערגער, זייט 481.

סביבה פון קאלאניעס מיט א גרויסן באדארף אין ארבעטער די ירושה-
פאכט. ווארום בכלל האלט ער פארן בעסטן מיטל צו פארבינדן לאנדאר-
בעטער מיט דער ערד די „האלב-קאלאניסטן", „וועלכע פארדינען זייער
חיונה אין דער שכנותדיקער קאלאניע בעת דאס קליינע שטיקל ערד פאר
גרינס און פלאנצונגען, וואס קאן באוואסערט ווערן, שאפט אים א קליינע
נעבן-הכנסה און פארביליקט זייןווירטשאפט אין א הויכער מאס". דאס
„צוגעקלעפט זיין צו דער ערד" מצד דעם געבוירענעם לאנדארבעטער איז
א מעלה פאר דער דאזיקער פאליטיק. בושע שרייבט וועגן די בעלגישע
לאנדווירטשאפטלעכע טאג-ארבעטער: „...וואס זיי האלט צוריק, איז דאס
פארדינגען פון א הויז אדער פון ערד, און די האפענונג, אמאל צו ווערן
א זעלבסטשטענדיקער פויער". און ווייטער: „...דער לאנדארבעטער איז ביי
אונז א קאנדידאט אויף קאלאניזירט צו ווערן. קיין שום יונגער ארבעטער
האט נישט דאס אקציע-פראגראם, צו פארבעסערן זיין מצב אלס לאנדאר-
בעטער; ער קעמפט אייגנטלעך נישט אלס לוין-ארבעטער, נאר אלס א
שפעטערער זעלבסטשטענדיקער פויער; ...ער האלט זיך דורך דער מאכט פון
זיין אידעאל, דורכן מיטהאס פונם באזיץ..."*) שוין דא איז דא א רמז,
אז די עקזיסטענץ אלס האלב-פויער איז שוין אויך נישט גענוג, כדי צו-
צובינדן דעם לאנדארבעטער צו דער ערד און אפצושאפן דעם ארבעטער-
מאנגל פון די גרויסע פלאנצער און ערד-באזיצער. וויגאדזינסקי,
ווייזט אויסדריקלעך אן אויף דעם אין א הערה צו בוכענבערגערס אויס-
פירונגען איבער דעם „מעגלעך מאכן, צו באקומען ערד-באזיץ" פארן אר-
בעטער. „אמת, לויט די נייערע ערפארונגען זעט אויס, אז דער עיקר איז
קודם-כל, מעגלעך צו מאכן דאס ארויפשטייגן צום זעלבסטשטענדיקן קליינעם
פויער". ווארום די לאגע פון האלב-פראלעטארישע פארצעלן-באזיצער איז
א סך מאל ערגער, ווי די לאגע פון די פרייע אגראר-ארבעטער, וועלכע
ס'בינדט נישט צום גרויסן ערד-באזיצער קיין שום פארלאקנדיקער באזיץ
און קיין שום האפענונג, מיט וועלכער „ער מעג זיך טראגן". בוכענ-
בערגער אליין איז מודה, אז צווישן די גרויסע ערד-באזיצער און
די האלב-פויערן ליגט „סאציאל און עקאנאמיש א טיפער תהום", וועלכער
„ברענגט מיט זיך פארדראסנקייט און פארביטערטקייט. ווי אזוי אין געגענטן
מיט אזא פארטיילונג פונם באזיץ זאל זיך קענען אנטוויקלען א געמיינדע-
לעבן, איז שווער צו זאגן". אויך דא אנטלויפן די לאנדארבעטער פונם
דארף **). עקאנאמיש ווידער איז דאס „ארויפשטייגן" לרוב א גרויסער
ספק. בוכענבערגער דערציילט וועגן די פארצעלן-פעכטערס אין בא-
דען: „לויט אויפגעשטעלטע בארעכענונגען איז קאנסטאטירט געווארן, אז אין
א סך פאלן ציט דער פעכטער אויף די דאזיקע פאכט-פארצעלען נישט
ארויס אפילו די העלפט פונם ארטיקן טאג-לוין". אויך וויגאדזינסקי

*) בושע, זייט 55, 87.

**) בוכענבערגער, 2. אויפלאגע, זייט 482 און זייט 333.

קאָנסטאַטירט, אַז דער קלײנפּויער לעבט פאַר זיך און פאַר זײן משפּחה על פּי רוב אַ סך „שלעכטער, װי אַן אַרבעטער װאָלט איבערגעטראָגן״ *). אויך בּ ו ש ע, װעלכער שטײט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אַן קלײנקולטור איז זער שװער צו גלױבן אינם װײטערן באַשטאַנד פון אַ לאַנדאַרבעטער־קלאַס״ איז אָפן מודה: ...„די קלײנפּויערן זײנען (אין זײער שטײגער לעבן) נאָנט צום אַרבּײטער, און די אַרבעטער, װעלכע זײנען נאָך טויזנט אָנגעשטרענגונגען געװאָרן קלײנע קאָלאָניסטן, געפינען נישט אין זײער נײעם מצב דעם סכום פון װאוילשטאַנד, זעלבסטשטענדיקײט און פרײהײט, אויף װעלכע זײ האָבן זיך גערעכנט״**). צום סוף דערמאָנען מיר נאָך, אַז סײ די אַרבעטער־רענטן־גיטער אין דײטשלאַנד, סײ די „אַללאָטמענטס־אַקטס״ אין ענגלאַנד, סײ די „װאָרקמענס האָס׳ס״ אין נײ־זעעלאַנד, װעלכע האָבן אַלע דעם צװעק, צו באַזעצן אַרבעטער, האָבן נישט געבראַכט קײן צופרידנשטעלנדע רעזולטאַטן און זײנען מער אויסגענוצט געװאָרן פון אינדוסטריע־אַרבעטער אין לאַנדװירטשאַפטלעכע אָדער באַרגבוי־דיסטריקטן, כּדי צו קומען צו אַן אײגן הײזל מיט אַ גאָרטן.

בעת די אַגראַר־פּאָליטיק אין אַלע קולטור־לענדער באַטראַכט שוין די האַלב־פּויערן נישט פאַר קײן מיטל צו פאַרענטפערן די לאַנדאַרבעטער־פראַגע, בעת דאָרט איז מען שוין שטאַרק מסופק אין דער װירקונג פון דער שאַפונג פון קלײנע פּויערן־עקזיסטענצן, װערן די דאָזיקע פאָרמען פון קאָלאָניזאַציע אין דער ציוניסטישער ליטעראַטור ערקלערט פאַרן אײנציקן מעגלעכן װעג, צו באַזעצן פּראָלעטאַרישע אײנװאַנדערער. מיר װילן דאָ נישט נענטער מפרש זײן, פאַר װאָס מיר באַציען זיך זײער סקעפּטיש צו די דאָזיקע פאָרשלאַגן.

נישט קוקנדיק אויף די זער נישט פרײלעכע אויסזיכטן און אויפן קלײנעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן װערט פאַר די אידישע אַרבעטער װילן מיר נישט לײקענען, אַז די אַרבעטער־קלײן־װירטשאַפטן און אַרבעטער־ישובים װעלן פאַרנעמען אַ נישט קלײנעם פּלאַץ אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. זײ װעלן אַרויסװאַקסן קודם כּל אין דער סביבה פון פּלאַנצונגס־קאָלאָניעס מיט אַ שטאַרקן באַדאַרף אין אַרבעטער. זײער לעבנס־פעאיקײט איז אָבער אָפּהענגיק פון באַשטימטע באַדינגונגען, און ספּעציעל פון דער ברײטסטער אָנװענדונג פון ק אָ אָ פּ ע ר אַ ט י װ ע פ אָ ר מ ע ן פון אָרגאַניזאַציע און אַרבעט.

II. די אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע.

די אידישע לאַנדאַרבעטער־פראַגע אין ארץ־ישראל איז סאָציאַל־עקאָנאָמיש אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון צװײ הויפּט־פאַקטן: פונם כאַראַקטער

*) װיגאָדזינסקי, אגראַר־װעזן אונד אגראַר־פּאָליטיק, באַנד 2, זײט 76.

**) בּושע זײט 89.

פון דער פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, וועלכע זוכט לויט איר נאַטור פאַרדינסט און ריוח, און פון דער שווערקייט, איבערצובייטן שטעטישע פּראָלעטאַריער מיט העכערע לעבנס-באַדערפענישן אין לאַנדאַרבעטער. ס'ליגט אין דער נאַטור פונם קאַפּיטאַל, וואָס זוכט זיין פעלד אין ישוב-אונטערנעמונגען, און פון די קאָלאָניזאַטאָרישע מעטאָדן, וועלכע גייען אַרויס פון זיינע אינטערעסן, צו שאַפן אינם פּראָצעס פון דער קאָלאָניזאַציע די געשילדערטע סתירות צווישן פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע אינטערעסן, צו שאַפן דעם תהום צווישן די פאַרמעגלעכע און נישט-פאַרמעגלעכע עלעמענטן. זיי קאָנען נישט גובר זיין די דאָזיקע סתירות. דאָס קאָן נאָר געשען דורך דער ווירקונג פון אַ פּרינציפּ, וואָס וואַקסט אַריבער איבערן היינטיקן סיסטעם פון דער קאָלאָניזאַציע. דאָס איז דער **קאָאָפּעראַטיווער** פּרינציפּ.

די גענאָסנשאַפטלעכע פאַראייניקונג קאָן באַנוצט ווערן פאַר ביידע צוועקן: פאַר דער פאַרבעסערונג אָדער אויפהויבונג פונם מצב פון די אַגראַר-אַרבעטער אַלס אַ לוין-קלאַס און אויך אַלס אַ מיטל, לחלוטין איבערצובייטן זייער סאָציאַלן מצב, זיי צו באַזעצן און צו מאַכן עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק. אין ערשטן פאַל איז די קאָאָפּעראַציע אַ **פאָרם פון אַרבעט**; ביי דער קאָלאָניזאַציע פון אַרבעטער באַווייזט זיך די קאָאָפּעראַציע אַלס אַ נייע פאָרם פון פּראָדוקציע. לויט די דאָזיקע פאַרשיידנאַרטיקע אויפגאַבן אונטערשיידן מיר **דריי** פאָרמען פון קאָאָפּעראַציעס, וועלכע זיינען מעגלעך אין ארץ-ישראל, האַלטן שוין צום טייל אין שאַפן זיך אָדער זיינען טאַקע שוין פאַראַן. לויט דער איטאַליענישער טערמינאָלאָגיע, וועלכע אויך **פרייער** האָט איבערגענומען *), רופן מיר זיי אָן **אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס**, **פאַכט-קאָאָפּעראַציעס** און **ישוב-קאָאָפּעראַציעס**.

אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס.

די צוויי ערשטע מינים פון קאָאָפּעראַציעס האָבן אַ שותּפותדיקן צוועק: צו קעמפן קעגן צוויי הויפּט-חסרונות פונם לאַנדאַרבעטער-לעבן, קעגן די נידעריקע שכירות און דער פּעריאָדישער אַרבעטסלאָזיקייט דורך אַ בעסערע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט. „אַן **אַרבעטס-קאָאָפּעראַציע** (cooperativa di lavoro) שטעלט פאָר די פאַראייניקונג פון — עפּ"י רוב נישט געלערנטע, דאָרפישע — אַרבעטער, וועלכע נעמען זיך צונויף, כדי... איבערצונעמען און אויסצופירן מעליאָראַציעס און ענלעכע אַרבעטן, ווי בויען וועגן, רעגולירן טייכן א. אַז. וו. אָן אַ פּריוואַטן אונטערנעמער, אויפן וועג פון **סובמיסיע**"**). דורך דער קאָאָפּעראַטיווער פאַראייניקונג דערגרייכן די אַרבעטער דריי זאַכן: ביים זוכן אַרבעט שטייען זיי נישט מער אַלס יחידים אַקעגן דעם

*) ה. ד. פרייער. די אַרבעטס- און פאַכט-גענאָסנשאַפטן איטאַליענס. יענא, 1319. פאַרלאַג ג. פישער.

**) פרייער, זייט 3.

אונטערנעמער נאָר געשלאָסן, אַלס אַ קאָנטראַקט-פּעאיקע פּאַרטיי. דער ווידערשטאַנדס-כח פון אַזאַ פּאַראייניקונג פּאַר צוועקן פון פּראָדוקציע ביים באַשטימען די אַרבעטס-באַדינגונגען איז צומאָל גרעסער ווי ביי אַ ריין געווערקשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. יעדע אַקאָרד-גרופּע פון דעם מין האָט אַ געוויסע צאָל פון געניטע חברים, וועלכע זי גיט איבער דורך וואַל די אָנפירונג פון די אַרבעטן. גרעסערע אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס אָדער פאַרבאַנדן ציען צו טעכנישע פאַכמענער צו דער אָנפירונג. אַזוי שטופּן די קאָאָפּעראַציעס אַרויס דעם צווישן-אונטערנעמער אויסן אַרבעטס-פּראָצעס. זיין ריווח און די הוצאות פון זיין פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַט ווערן באַנוצט צו העכערן די שכירות. ווייטער גיבן די קאָאָפּעראַציעס זייערע מיטגלידער לפּחות פאַר אַ געוויסער צייט זיכערע אַרבעטס-מעגלעכקייט. אַזוי ווי דער ווירטשאַפטלעכער הויפּט-צוועק פון די דאָזיקע קאָאָפּעראַציעס איז די דורכפירונג פון אַ באַשטימטער אַרבעט, קאָן מען זיי רופן אַרבעטס-קאָאָפּעראַציע (קבוצות עבודה).

אין ארץ-ישראל זיינען שוין מיט יאָרן צוריק סטיכיש געשאַפן געוואָרן אַזעלכע קאָאָפּעראַציעס, נאָך איידער מ'האָט געוואוסט פונם איטאַליענישן מוסטער, צום טייל אונטער דער השפּעה פונם געדאַנק פון די רוסישע אַרטעלן. די דאָרפישע אַ"בעטס-קאָאָפּעראַציעס, וועלכע אינטערעסירן אונז דאָ, זיינען אַרויסגעוואַקסן אויס די ספּעציעל לאַנדווירטשאַפטלעך-טעכנישע אויפגאַבן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל. די דירעקטע סיבה פון זייער שאַפונג איז געווען די נויטיקייט, תיכף אָנצוהויבן מיט דער באַווירטשאַפטונג פון ניי געקויפטע שטחים, זיי צו „אָקופּירן". פון דאַנען נעמט זיך דער נאָמען אָקופּאַציאָנס-קאָאָפּעראַציעס (קבוצות כבוש) פאַר די קאָאָפּעראַציעס, וועלכע האָבן דעם צוועק, צו נעמען די ערד אין באַזיץ. נאָר פאַמעלעך האָט מען אין ארץ-ישראל אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז די פּראָוויזאָרישע באַבויאונג פון נייע ערד-שטחים איז נישט נאָר אַ מיטל פון זיכערקייט; סוף כל סוף האָט מען דערקענט, אַז די ערד פון ארץ-ישראל, וועלכע איז אויסגעשעפּט דורך עקסטענסיווער ווירטשאַפט, נויטיקט זיך צוליב עקאָנאָמישע טעמים אין אַ פּעריאָד פון צוגרייטונג פון העכערונג פון דער פּראָדוקציע ביז צו אַ געוויסער מינימאַלער מאָס, איידער זי קען באַנוצט ווערן פאַר צוועקן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע. פּונקט ווי דער אידישער קאָלאָניסט מוז זיך דורך עטלעכע יאָר ערנסט צוגרייטן און אויסלערנען פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, פּונקט אַזוי מוז אויך די ערד פונם לאַנד געהיילט ווערן פון די ערגסטע שאָדנס פון יאָרנלאַנגער פאַרוויסטונג און אויסזויגונג און דערגרייכן אַ פּראָדוקציע-כח, וועלכע זאָל מעגלעך מאַכן, מפרנס צו זיין קאָלאָניסטן מיט העכערע, אייראָפּעאישע באַדערפענישן. די אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס זיינען מסוגל, דורכצופירן די אַרבעטן פון אַסאַנאַציע, אַמעלאָראַציע און אויפשליסונג פון דער ערד, וועלכע פאַלן אין דעם דאָזיקן צוגרייטונגס-פּעריאָד. באמת האָבן עקזיסטירט און עקזיסטירן אַזעלכע קאָאָפּעראַציעס אין דער צייט פון דער

„אקופאציע" אויף דער ערד פון מרחביה, מזרע, כרכור, כפר־אוריה און אנדערע. סיי דער אידישער נאציאנאל־פאנד, סיי פריוואטע ערד־געזעלשאפטן און ערדבאזיצער וועלן אין דער צוגרייטונגס־צייט און ביים איינארדנען נייע קאלאניעס צוציען ארבעטס־קאאפעראציעס און איבערגעבן זיי קעגן פעסטע שכירות די דורכפירונג פון קולטור־טעכנישע, אמעלאראציע־ און איינארדנונגס־ארבעטן, וועלכע זיינען נויטיק ביי נייע ערד.

כדי די דאזיקע קאאפעראציעס זאלן קאנען ארבעטן מיט ערפאלג וועט קודם כל נויטיק זיין, צו דעפינירן ברייטער דעם באגריף פון די צוגרייטונגס־ אדער אויפשליסונגס־ארבעטן אין עקאנאמישן און טעכנישן זין. ס'וועט זיין די אויפגאבע פון די אגראנאמען און אינזשיניערן אין ארץ־ישראל, אויסצואַרבעטן פלענער פון אסאנאציע אין הסכם מיט די ארטיקע באדינגונגען און מיט דער שפעטערער באנוצונג פון דער ערד — די צוגרייטונג פון ערד פאר פלאנצונגען איז דאך מסתם אין א היכער מאס אנדערש ווי פאר אקערבוי. ביז איצט האט זיך עס בכלל געפירט אן וועלכן ס'איז פלאן. ביי דער ערשטער באארבעטונג פון נייע ערד זיינען למשל נישט דורכגעפירט געווארן נישט קיין אויסטריקענונגס־און נישט קיין מיסטיקונגס־ארבעטן. די פארבעסערונג פון דער ערד איז געווען א מינימאלע און די קאלאניסטן אויף דער נייער ערד זיינען ביים סוף פונם צוגרייטונגס־פעריאד נאך אלץ געשטאנען פארן קנויל פון לאנדווירטשאפטלעך־טעכנישע פראבלעמען פון ארץ־ישראל.

די קלארע באשטימונג פון די אויפגאבן פונם צוגרייטונגס־פעריאד וועט אויך האבן זער א גוטע השפעה אויף דער אינערלעכער ארגאניזאציע פון די ארבעטס־קאאפעראציעס. דעמאלט וועט מען אויך מיט א גרעסערער זיכערקייט קאנען געבן א תשובה אויף דער פראגע, אין וועלכער מאס די דאזיקע ארבעטס־פארם גיט די אידישע ארבעטער, אחוץ די איבעריקע אויבן דערמאנטע מעלות, אויך די מעגלעכקייט, זיך אויסצולערנען און איינצו־ארבעטן אין דער לאנדווירטשאפט. אז די ארבעטס־קאאפעראציע איז פארן נישט־געלערנטן אידישן שטאט־ארבעטער אויף יעדן פאל א צוגרייטונגס־שול, וועלכע דערנענטערט אים צו דער דארפישער סביבה, אז זי מאכט אים לייכטער צו געפינען ארבעט אין פריוואטע קאלאניעס און אריינצוטרעטן אין קאאפעראטיווע קאלאניעס, אין דעם זיינען אלע מודה.

די פארם פון שכירות אין ארץ־ישראל איז ביז איצט געווען דער צייט־לוין. די ארבעטס־קאאפעראציע האט עפ"י רוב געשלאסן א קאנטראקט אויף א יאר, און די שטענדיקע מיטגלידער האבן באקומען א פעסטן לוין, וועל־כער איז געוויינלעך געווען גלייך פאר אלע; די באנוצונג פון סעזאן־אר־בעטער פארן ארטיקן מינימאל־לוין פאר אידישע ארבעטער איז רעגולירט גע־ווארן מיטן הסכם פון ביידע צדדים. דעם ווירטשאפטס־אינווענטאר און דעם באטריבס־קאפיטאל שטעלט צו אין ארץ־ישראל דער ערד־באזיצער. לויטן קאנטראקט זיינען די ארבעטס־קאאפעראציעס באטייליקט אין ריוח; אזוי ווי

אָבער פּאַקטיש קומען אינם צוגרייטונגס־פּעריאָד עפּ״י רוב אַרויס דעפיציטן, איז די באַטייליקונג אין ריוח נאָר אַ פּאָרמאַליטעט.

איז עס נויטיק, צו געפינען עפּעס אַן אַנדערע הכנסה אויפן אָרט פונם אַוועקגעפאַלענעם ריוח־אַנטייל, כדי צו שטאַרקן דעם אינטערעס פון די אַרבעטער אינם ערפאָלג פון די צוגרייטונגס־אַרבעטן? לויט די ערפאַרונגען פון די איטאַליענישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַציעס קאָן מען זיך באַגיין אָן אַזאַ מיטל אויף צו ברענגען די אַרבעטער צו אַ העכערער לייסטונג. די פאַרשיידענע מעלות בנוגע דעם לוין, דער זיכערקייט פון דער אַרבעט, דעם אויסלערנען זיך, דער זעלבסטפאַרוואַלטונג זיינען גאַנץ גענוג. דערצו קומט די פרייד פון די אַרבעטער אין דער אויפשליסונג פון ניי לאַנד, אין דער אויסברייטונג פון די גרענעצן פונם אידישן ארץ־ישראל. ווי אַזוי די קאָאָפּעראַציעס איבערוואַכן און פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון זייערע מיטגלידער, דאָס מוז מען איבערלאָזן זייער אינערלעכער אַרבעטס־אָרדנונג. וואָס מער די דאָזיקע אַרבעטס־פאָרם וועט זיך פאַרשפּרייטן און אירע אויפגאַבן וועלן פעסטגעשטעלט ווערן, וועט מסתּם אויך אין ארץ־ישראל ווי אין איטאַליען דער צייט־לוין מאַכן פּלאַץ דעם סיסטעם פון איבערגעבן אַרבעטן אויפן וועג פון סובמיסיע.

ספּעציעל איז זער וויכטיק, צו שאַפן פאַר די אַרבעטס־קאָאָפּעראַציעס אין ארץ־ישראל די מיטלען, אַז זיי זאָלן קאָנען גיין דעם זעלבן וועג פון אַנטוויקלונג ווי די איטאַליענישע און דערגרייכן אַ גרעסערע פרייהייט פון באַוועגונג. דערצו איז קודם כל נויטיק, אַז זיי זאָלן **האָבן אייגענעם אינווענטאַר**. דער עול פון די לאַנדגעזעלשאַפטן וואָלט לייכטער געוואָרן, אָבער אויך פאַר די אַרבעטס־קאָאָפּעראַציעס וואָלט עס געווען אַ גרויסע מעלה, ווען זיי זאָלן קאָנען באַקומען זייערע אַרבעטס־מכשירים פונם קאָאָפּעראַטיוון־פאָנד געליען אָדער אויף אויסצוצאָלן, שפּעטער אפשר אויך באַטריבס־הלואות. אין איטאַליען זאָרגן פאַר דעם קאָאָפּעראַטיווע בענק.

פאַכט־קאָאָפּעראַציעס

די אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע קאָן באַשטיין נאָר אַ געוויסע צייט. ווי לאַנג, איז אָפּהענגיק דערפון, וואָס פאַראַ אַרבעטן זי נעמט איבער אויסצופירן. נאָכן אָפּענדיקן די צוגרייטונגס־ אָדער איינאָרדנונגס־אַרבעטן פון אַ קאָלאָניע קען די קאָאָפּעראַציע אַוועקגיין אַרבעטן אויף אַן אַנדער אָרט. זי קאָן זיך אויך פאַנאַנדערגיין און איבערלאָזן אירע מיטגלידער די ווייטערע דאגה פאַר זייער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. זי קאָן אָבער אויך באַשליסן, זיך צו באַזעצן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ פאַר אַ געוויסער צייט אָדער אויף תּמיד און צו געבן אירע מיטגלידער אַ געזיכערטע אַרבעט. די נאָנטסטע פאָרם, אין וועלכער די אַרבעטס־קאָאָפּעראַציע קאָן און וועט טאַקע אָפט אַריבערגיין, איז די **פאַכט־קאָאָפּעראַציע** (קבוצת אריסות). ס'פאַרשטייט זיך, אַז די פאַכט־קאָאָפּעראַציע מוז נישט דוקא אַרויסקומען פון אַן אַרבעטס־קאָאָפּעראַציע. זי קען אויך צו יעדער צייט געשאַפן ווערן דורכן

צונויפנעמען זיך פון איינצלנע אַרבעטער, וועלכע האָבן אַ געוויסע מאָס
פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קוואַליפיקאַציע.

„אַ פּאַכט־קאָאָפּעראַציע (affittanza collettiva) איז אַ פאַראייניקונג פון
לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער און קליינע פויערן, כּדי איבערצונעמען
פונעם ערד־אייגנטימער, אויסשליסנדיק דעם גרויסן פּעכטער, איינעם אָדער
עטלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטריבן און זיי צו פירן. עפּ״י רוב קומט
דאָס פאָר אין דער פאָרם פון פּאַכט, אָבער אויך אין דער פאָרם פון מעצ־
צאַדריאַ (טייל־פּאַכט) און עמפיטעאוזע (ירושה־פּאַכט *)... די פּאַכט־קאָאָ־
פּעראַציע טראָגט אין זיך אַליין דעם מאָמענט פון שטענדיקייט און דויער־
האַפטיקייט״ **). די דאָזיקע דעפיניציע איז נישט אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו
די פאַרהעלטענישן אין ארץ־ישראל. דאָ זיינען נישט פאַרהאַן קיין גרויסע
פּעכטערס (gabellotto), וועלכע מ׳וואָלט געדאַרפט אַרויסשטופּן אויסן פּראָ־
דוקציע־פּראָצעס. דערפאַר זיינען אָבער דאָ פאַרוואַלטערס און אדמיניסטראַ־
טאָרן עפּ״י רוב פון פּלאַנטאַציעס און גאָרטנס, וואָס זייערע אייגנטימערס
וואוינען נישט אין דער קאָלאָניע און אָפט אַפילו נישט אינם לאַנד. ביי
דער באַווירטשאַפטונג און פאַרזאָרגונג פון די באַזיצונגען, וועלכע זיינען
זיי איבערגעגעבן, האָבן די פאַרוואַלטערס די הילף פון משגיחים און אַנ־
דערע אַרבעטס־אָנפירער, וועלכע איבערוואַכן די טאָג־אַרבעטער. אויפן אָרט
פון דער דאָזיקער אַדמיניסטראַטיווער ווירטשאַפט מיט איינצלנע לוין־אַרבע־
טער קאָן קומען די אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע. דורך אירע אייגענע פּראָפע־
סיאָנעלע ידיעות אָדער דורך דער פאַרזיכערונג פון אַ פאַכמענישער פירונג
(עטלעכע קאָאָפּעראַציעס נעמען למשל אויף איין טעכנישן דירעקטאָר) קע־
נען זיי זיכערן דעם ערד־אייגנטימער פּונקט אַזאַ גוטע און צוועקמעסיקע
באַהאַנדלונג פון זיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזיצונגען. דאָס אַוועקפאַלן
פונם טייערן אַפּאַראַט פון פאַרוואַלטערס און משגיחים רופט זיך אָפּ אויף
די לוינען פון די מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַציע. אויך אין די איבע־
ריקע פּרטים קאָן מען וועגן די מעלות פון דער פּאַכט־קאָאָפּעראַציע זאָגן
דאָס זעלבע, וואָס מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט וועגן דער אַרבעטס־קאָ־
אָפּעראַציע. כּדי צו זיכערן אירע מיטגלידער גענוג אַרבעט פאַר אַ גאַנץ
יאָר, קען די קאָאָפּעראַציע איבערנעמען צו באַווירטשאַפטן די באַטריבן פון
ע ט ל ע כ ע אייגנטימער. לויט איר הויפּט־צוועק שטייט די פּאַכט־קאָאָפּע־
ראַציע צווישן דער אַרבעטס־קאָאָפּעראַציע און דער פּראָדוקטיוו־קאָאָפּע־
ראַציע. וואָרום איר אַרבעט טראָגט שוין דעם כאַראַקטער פון אַ רעגולירי־
טער באַווירטשאַפטונג, פון אַ געאָרדנטער פּראָדוקציע. זי איז אָבער נישט
די אייגנטימערין פון דער ווירטשאַפט, מיט וועלכער זי איז נאָר צוגעבונדן
דורך אַ קאָנטראַקט על פּי רוב פון עטלעכע יאָר. דער באַאַרבעטונגס־קאָנ־
טראַקט איז אַ פּ אַ כ ט ־ ק אָ נ ט ר אַ ק ט, וועלכער זיכערט דעם אייגנטי־

---

*) כּרייער, זייט 4.

**) דערזעלבער זייט 43.

מער פון דער ערד אָדער פון דער פּלאַנצונג אַ באַשטימטע הכנסה אויף יעדער שטח־איינהייט אין דער פאָרם פון אַ פּאַכט־אָפּצאָל. פון דאַנען נעמט זיך דער נאָמען פון די דאָזיקע קאָאָפּעראַציעס.

ווי אַזוי ס׳וועלן אויסזען די פּרטים פון די פּאַכט־קאָנטראַקטן אין ארץ־ישראל, ווי אַזוי די קאָאָפּעראַציעס וועלן פאַרענטפערן די פראַגע פון באַטריבסי אין לוין־הלוואות, וואָס פאַר פאָרמען פון ווירטשאַפט זיי וועלן אויסקלויבן, דאָס אַלץ קען מען איצט נאָך נישט וויסן. מחמת דער גרויסער פאַרשפּרייטונג פון די פּאַכט־קאָאָפּעראַציעס אין איטאַליע און רומעניע וועט מען נישט איינמאָל קענען אויסנוצן זייערע ערפאַרונגען אויך אין ארץ־ישראל. וואָרום דאָ איז די דאָזיקע פאָרם פון קאָאָפּעראַציע זער שוואַך אַנטוויקלט. דער מאַראַנצן־גאָרטן פונם אידישן נאַציאָנאַל־פאָנד, גן שמואל אין חדרה, ווערט באַווירטשאַפט פון אַ פּאַכט־קאָאָפּעראַציע. אין אַ סך פּרטים איז אויך די קאָאָפּעראַציע אויף דגניה אַ פּאַכט־קאָאָפּעראַציע אויפן יסוד פון דער טייל־פּאַכט. בעת דער מלחמה זיינען אין פתח תקוה עטלעכע גאָרטנס איבערגעגעבן געוואָרן צו אַרבעטס־קאָאָפּעראַציעס אויף צו באַאַרבעטן אין אַקאָרד. ס׳איז מעגלעך, אַז פון די דאָזיקע אַרבעטס־פאַרהעלטענישן וועלן זיך דערנאָך אַנטוויקלען פּאַכט־קאָאָפּעראַציעס. אויף יעדן פאַל מיינען מיר, אַז די דאָזיקע אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע איז מסוגל, צו זיכערן אידישע אַרבעט ביי דער פּריוואַטער קאַפּיטאַליסטישער קאָלאָניזאַציע. אַרבעטס־ און פּאַכט־קאָנטראַקטן אויף לאַנגע צייטן און די שאַפונג פון אַרבעטער־קליינווירטשאַפטן אָדער ישובים פאַר די מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַציע אין דער שכנות פון דער קאָלאָניע, וואָלט געגעבן די פּאַכט־קאָאָפּעראַציעס די שטענדיקייט און דויערהאַפטיקייט, וועגן וועלכע פריער רעדט.

די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע.

איר העכסטן סאָציאַלן ווערט ווייזט די קאָאָפּעראַציע אַרויס אַלס הויפּט־פּרינציפּ פון קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט. אַלס העכערע פאָרם פון פּראָדוקציע עפנט זי פאַר נישט פאַרמעגלעכע איינוואַנדערער דעם צוטריט צו דער ערד, און גיט זיי די מעגלעכקייט צו באַזעצן זיך און צו דערגרייכן אַ קאָלעקטיווע עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט. זי מאַכט די פאַרבינדונג פון פּראָלעטאַרישע שטאָט־מענטשן מיט דער לאַנדווירטשאַפט פון ארץ־ישראל צו אַן אָרגאַנישן פּראָצעס, וועלכער קומט פאַר לויט זיינע אייגענע געזעצן, נישט אָפּהענגיק פון דער בילדונג פון פּריוואַטן גרויסן גרונדבאַזיץ אינם לאַנד. דעריבער איז דער קאָאָפּעראַטיווער מעטאָד פון קאָלאָניזאַציע אַן אינסטרומענט פון אַ הויכן ווערט פאַר דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע.

די וואָרצלען און סיבות פון דער לאַנדאַרבעטער־פראַגע אין ארץ־ישראל ווייזן אויף די ריכטונג, אין וועלכער ס׳איז נויטיק אַ געזעלשאַפטלעכע אַריינמישונג. אירע סתירות און שאַרפקייטן ווייזן שוין אָן אויף די אַגראַר־עקאָנאָמישע און אַגראַר־טעכנישע באַדינגונגען, צו וועלכע ס׳מוז זיך

צופּאַסן אַ מעטאָד פון קאָלאָניזאַציע, פון וועלכער מ׳פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל צונויפבינדן גרויסע מאַסן פון נישט פאַרמעגלעכע איינוואַנדערער מיט דער לאַנדווירטשאַפט פון ארץ-ישראל און זיי מעגלעך מאַכן אַרויפצושטייגן צו עקאָנאָמישער פרייהייט.

די געזוכטע פאָרם פון קאָלאָניזאַציע מוז קודם כּל באַפרייען דעם אַרבעטער פון דער אָ פּ ה ע נ ג י ק ײ ט פונם אַרבעטס-מאַרק אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס; זי מוז זיך, פאַרשטייט זיך, רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז מיר האָבן נישט צו טאָן מיט פאַרטיקע פויערן אָדער געבוירענע לאַנד-אַרבעטער, נאָר מיט שטאָטישע פּראָלעטאַריער, וועלכע מוזן ערשט אַ ר י ־ ב ע ר ג ע פ י ר ט ווערן צו דער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע מוזן ערשט זיך אויסלערנען, זעלבסטשטענדיק צו ווירטשאַפטן; דערביי מוז די דאָזיקע ווירטשאַפטס-פאָרם שטיין אויף אַ טעכנישער מדרגה, ביי וועלכער זי זאָל קענען פאַרענטפערן די אַגראַר-טעכנישע פּראָבלעמען פון דער ארץ-ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט און דערגרייכן אַ הויך פון פּראָדוקציע, וואָס זאָל מאַכן דעם באַטריב רענטאַבל, נישט קוקנדיק אויף די העכערע שכירות פון די אידישע אַרבעטער; צום סוף מוז זי באַווייזן די ק ר ע ־ ד י ט ־ פ ע א י ק ײ ט פון די נישט פאַרמעגלעכע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן נאָר זייער אַרבעטס-כּח. אַלע די באַדינגונגען איז ממלא די אַרבעטער-פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע. זי איז אַ דורכגעבילדעטער לאַנדווירטשאַפטלעכער גרויס-באַטריב, וועלכער ווערט באַאַרבעט בשותפות, קאָאָפּעראַטיוו, פון אַ פרייער פאַראייניקונג פון לאַנדאַרבעטער אונטער אַן אייגענער, געוויילטער אָנפירונג. דאָס איז אַ גרויסע ווירטשאַפט, ביי וועלכער דעם פולן פּראָדוקט פון דער אַרבעט באַקומען די, וועלכע באַאַרבעטן די ערד, און נישט אַן ערד-באַזיצער, וועלכער לעבט פון רענטן. די פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע שטיצט זיך אויף דער ש ו ת פ ו ת ד י ק ײ ט פ ו נ ם ב אַ ז י ץ און פ ו נ ם ב אַ ט ר י ב. אָפּענהיימער האָט נאָכגעוויזן, אַז די דאָזיקע לאַנדווירטשאַפט-לעכע קאָאָפּעראַציעס זיינען אין זייער עיקר אַנדערש ווי שטאָטישע אַרי-בעטער-פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציעס, אַז אויף זיי האָט נישט קיין שליטה דאָס „געזעץ פון טראַנספאָרמאַציע” אָדער קאַפּיטאַליסטישער ירידה, אונטער וועלכן די לעצטע פאַלן אַרונטער ביים איצטיקן ווירטשאַפטס-סיסטעם. דער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון דער ישוב-קאָאָפּעראַציע וועט צוליב די באַדינגונגען פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע און פון ארץ-ישראל מסתּם אין אַ סך פּרטים זיין אַן אַנדערער, ווי אָפּענהיימער האָט פאָראויסגעזאָגט. אַזוי דאַרף מען אין אונזער פאַל, למשל, נישט ערשט שטרעבן צו דער שותּפותדיקייט פונם ערד-באַזיץ אַלס דעם קאָאָפּעראַטיוון יסוד פון ישוב. וואָרום די אַרבעטער-קאָאָפּעראַציעס אין ארץ-ישראל אַנטשטייען אַלע אויף ערד פונם נאַציאָנאַלפאָנד. דאָס באַזעצן זיך אויף נאַציאָנאַלפאָנד-ערד האָט אויך די וויכטיקע מעלה, וואָס די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל דאַרפן נישט אָפּצאָלן די ערד. מיר באַנוצן בכן דעם נאָמען ישוב-קאָאָפּע-ראַציע (קבוצת התישבות) נישט אינם ערשטן אָפּענהיימערישן זין פון אַ

באַזיץ-קאָאָפּעראַציע, ווייל דאָס איז ביי אונז נישט מער קיין ציל, נאָר אַן אויסגאַנגס-פּונקט. אונז האַנדלט זיך וועגן אַ פאַראייניקונג פון אַרבעטער, פאַר וועלכער דער הויפּט-צוועק איז צו באַזעצן אירע מיטגלידער, און וועלכע טראָגט אַ חוץ דעם אַ קאָאָפּעראַטיוון כאַראַקטער אין דער פּראָדוקציע און אין איר ווירטשאַפטס-אופן.

די אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע.

ווי באַקאַנט, טיילט אָפּענהיימער איין די אַנטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין דריי תקופות *). אין דעם ערשטן סטאַדיום אָרגאַניזירט די קרעדיט-געבנדע אינסטיטוציע — אין אונזער פאַל דער קאָאָפּעראַטיווער פאָנד — אויף דער אַמעלאָרירטער און פון אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס אויף פריער צוגעגרייטער ערד פונם נאַציאָנאַלפאָנד, אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן גרויס-באַטריב אונטער פאַכמענישער אָנפירונג. דעם אָנפירער פונם באַטריב באַשטימט די קרעדיט-געבנדע געזעלשאַפט. ער האָט די אויפגאַבע, אַמבעסטן בהסכם מיט אַ בייראַט פון די אַרבעטער, אָפּצוהיטן די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, צו זאָרגן פאַר דער צוועקמעסיקער באַנוצונג פונם קאַפּיטאַל און פאַרן ראַציאָנעלן אויסבוי פון דער ווירטשאַפט. די אַרבעטער מוזן אין דער צייט פון דער אַדמיניסטראַטיווער פירונג דערציגן ווערן צו זעלבסטשטענדיקער פירונג פון דער ווירטשאַפט און צו זעלבסטפאַרוואַלטונג און דאַרפן פאַמעלעך איבערנעמען די אחריות פאַר דער אַרבעט. זיי באַקומען פעסטע לוינען, וועלכע זיינען העכער אָדער נידעריקער, לויט דער טיכטיקייט, און ווערן באַשטימט פון די אַרבעטס-חברים אַליין אין די ראַמען פון דעם סכום, וואָס ווערט אָפּגעמאַכט אינם בודזשעט; אַ חוץ דעם זיינען זיי נאָך בעטייליקט אין ריוח, כדי צו פאַרשטאַרקן זייער אינטערעס אין דער ווירטשאַפט. נאָך וויכטיקער ווי דער מאַטעריעלער מאָמענט פונם אָנטייל אין ריוח און דאָס באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער, אַז וואָס העכער דער איינטראָג און דער ריוח פונם באַטריב, אַלץ גיכער וועלן זיי ווערן די זעלבסטשטענדיקע פאַרוואַלטער און באַזיצער פון דער ווירטשאַפט. וויבאַלד די ווירטשאַפט ברענגט שוין אַ געוויסע רענטע, לאָמיר זאָגן אַ ריינעם ריוח פון 4 פּראָצ. פונם קאַפּיטאַל, וואָס איז אַריינגעלייגט אין די בנינים און אינם טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר, אַחוץ דער ערד-רענט פונם נאַציאָנאַלפאָנד, איז דער קאָאָפּעראַטיווער פאָנד אַלס קרעדיט-געבנדע געזעלשאַפט מחויב, צוריקצורופן זיין פאַרטרעטער. די אַרבעטער נעמען איבער דעם באַטריב אין אייגענער פאַרוואַלטונג, ס׳הויבט זיך אָן דאָס צווייטע סטאַדיום, די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע.

קענען די אַרבעטער נישט אַליין פירן אַ פאַרצווייגטן גרויסן באַטריב, אַזוי קענען זיי ווי די איטאַליענישע קאָאָפּעראַציעס צוציען אַ פאַכמאַן אַלס

---

*) זע דר. פראַנץ אָפּענהיימער. מרחביה, אַ אידישע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אין ארץ-ישראל. ניו-יאָרק, 1914.

וויסנשאַפטלעכן בעל-עצה אָדער טעכנישער דירעקטאָר; אפשר בשותפות מיט אַנדערע קאָאָפּעראַציעס. זיי קענען צו דעם צוועק ווייטער האַלטן דעם פריערדיקן אָנפירער פונם באַטריב, אָבער ער איז פון איצט אָן שוין נישט דער באַאַמטער פון דער קרעדיט-געבנדער געזעלשאַפט, נאָר דער אָנגע-שטעלטער פון די אַרבעטער. האָט אָבער די גענאָסנשאַפט גוט אויסגעלערנ-טע ערשטע אַרבעטער, וויילט זי זיך אַן אַחריותדיקע פירונג פון אירע חברים.

אין דער תקופה מוז די קאָאָפּעראַציע פּאַרצינזן און צוריקצאָלן דעם אַריינגעלייגטן קאַפּיטאַל. די קרעדיט-געבנדע געזעלשאַפט האָט איצט נישט קיין אַנדערע רעכט, ווי יעדע אַגראַר-באַנק אַנטקעגן אירע בעלי-חובות. אָפּענהיימער רעכנט, אַז די אַרבעטער וועלן דורך עטלעכע יאָרן פון זייער באַטייליקונג אינם ריוח געניג אָפּשפּאָרן, אַזוי אַז ביים איבערנעמען די ווירטשאַפט וועט די קאָאָפּעראַציע זיין בכח איינצוצאָלן אַ טייל פון דעם ווערט פונם אינווענטאַר. נאָכן צוריקצאָלן פונם קרעדיט הערט דער קאָאָפּע-ראַטיווער פאָנד אויף צו זיין אַ מיט-באַשטימענדער פאַקטאָר און ס'בלייבן נאָר איבער דער אידישער נאַציאָנאַלפאָנד אַלס ערד-באַזיצער און די אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע אַלס קאָלעקטיווער פּעכטער.

אויך די קאָאָפּעראַציע צאָלט אירע מיטגלידער פעסטע לוינען, לויט זייערע לייסטונגען. וואָס ס'בלייבט איבער נאָך אַלע ווירטשאַפטס-הוצאות און נאָך די יערלעכע צינזן און צוריקצאָלונגס-ראַטעס, איז דער ריוח, וועלכער געהער צו אַלע אַרבעטער (אויך די סעזאָן-אַרבעטער) און ווערט פאַרטיילט לויטן ערך פון די פאַרדינטע לוינען. אָפּענהיימער האַלט פאַר זייער וויכטיק, אַז דער לוין זאָל זיין פאַרשיידן לויט דער געטאָנער אַרבעט און אַז דער געווין זאָל פאַרטיילט ווערן אויף דעם זעלבן אופן. אין גלייכע שכירות און גלייכע געווין-חלקים זעט ער אַ טובה פאַר די, וועלכע קענען ווייניקער לייסטן, און פאַר די פוילע, און ער האַלט דאָס פאַר אַ שטערונג און אַ סכנה פאַר דער קאָאָפּעראַציע. די ערפאַרונגען פון פראָדוק-טיווי-קאָאָפּעראַציעס אין איטאַליע און רומעניע, וועלכע שטיצן זיך אויפן פּרינציפּ פון גלייכע שכירות, ווייזן, אַז אָפּענהיימערס טענות קעגן דעם דאָזיקן סיסטעם זיינען, זעט אויס, גערעכטע.

ס'איז נישט די אויפגאַבע פון דעם אַרטיקל, ווייטער צו שי-דערן דעם אינערלעכן אויסבוי פון דער פּראָדוקטיווי-קאָאָפּעראַציע. די אַנטוויקלונג וועט אויך דאָ נישט תמיד און נישט אין אַלע פּרטים גיין לויט דער טעאָרע-טישער סכעמע. מ'קען נאָר זאָגן, אַז די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער-פּראָדוקטיווי-קאָאָפּעראַציע וועט זיין אַן אָרגאַניזם פון פאַרשיידענע „אונ-טער-קאָאָפּעראַציעס", וועלכע וועלן זיין פאַרבונדן צווישן זיך. אחוץ דער צענטראַלער באַטריבס-קאָאָפּעראַציע, וועלכע איז אין דער זעלבער צייט אַן איינקויף-, אויסנוצונגס- און פאַרקויף-קאָאָפּעראַציע, וועלן די מיטגלידער בילדן אַ קאָנסום-קאָאָפּעראַציע, אַ קרעדיט-קאָאָפּעראַציע פאַר באַטריבס- און אַמעלאַראַציע-הלוואות, אַ קאָאָפּעראַציע פאַר הייזער-בוי, למשל פאַרן אויס-

בוי פון זייערע וואוין- און ווירטשאַפטס-בנינים א. אַז. וו. בקיצור דער געדאַנק פון פּריווילעגירטער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע ווערט דורכגעפירט אומעטום, וואו ער ברענגט נוצן.

אין דעם ד ר י ט ן סטאַדיום באַזעצן זיך פאַרטרעטער פון שטאָטישע און פרייע פאַכן אויף דער ערד פון דער קאָאָפּעראַציע אַלס ירושה-פּעכטער, דהיינו בעלי-מלאכות, סוחרים, לערער א. אַז. וו. אויף דעם אופן קאָן זיך די פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע אַנטוויקלען צו אַ ישוב-קאָאָפּעראַציע ווי אָפּענהיימער רופט עס אָן. די דאָזיקע אויסברייטונג פון דער קאָלאָניע מוז נישט זיין געטרענט אין דער צייט פון דעם וואוקס פון דער פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע. ביידע לעצטע תקופות קאָנען דורכגעמאַכט ווערן אויך אין דער זעלבער צייט.

מ׳דאַרף נישט באַווייזן, אַז די פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע זיכערט אירע מיטגלידער גוטע שכירות נאָך אין אַ העכערער מאָס ווי די אַרבעטס- און פאַכט-קאָאָפּעראַציעס. וואָרום דער געווין, וועלכער בלייבט נאָכן אָפּצאָלן די ערד-רענט און די טילגונגס-ראַטעס, בלייבט נישט אין די הענט פון אַ באַזיצער פון דער גאַנצער ווירטשאַפט, נאָר פאַר די אַרבעטער גופא. פונקט אַזוי איז אויך קלאָר, אַז פאַר דער קאָאָפּעראַציע איז נישט פאַראַן קיין אָפּהענגיקייט פונם אַרבעטס-מאַרק און קיין פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזיקייט. צווישן די מיטגלידער איז פאַראַן אַ גענוג גרויסער קערן פון געניטע ערשטע אַרבעטער און דער רוב זיינען לאַנדאַרבעטער מיט די ערשטע קענטעענישן, וועלכע מ׳קאָן רוכש זיין אין די פּלאַנצונגס-קאָלאָניעס און אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס. דורך דער אַרבעט אין אַן אויסגעבויטן גרויסן באַטריב אונטער אַ פאַכמענישער פירונג, נישט קיין חילוק ווי אַזוי זי איז אָרגאַניזירט, ווערן די אַרבעטס-חברים פאַמעלעך צוגעוואוינט צו אַ ראַציאָנעלער זעלבסטשטענדיקער פירונג פון דער ווירטשאַפט. אַזוי געפינט דאָס פּראָבלעם פון דער ערציאונג צו דער לאַנדווירטשאַפט זיין פאַרענטפערונג. די פאַרבינדונג פון אַלע מעלות פונם גרויסן באַטריב מיטן אייגענעם אינטערעס און דער איבערגעגעבנקייט פון מיטבאַטייליקטע אַרבעטער, וועמעס צוקונפט איז ענג צונויפגעבונדן מיטן ערפאָלג פון דער ווירטשאַפט, גיט דער פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע דעם העכערן אַגראַר-טעכנישן כח, וועלכער איז נויטיק פאַר דער גוטער פאַרענטפערונג פון די אַגראַר-עקאָנאָמישע פראַגן: זי מאַכט מעגלעך פאַר די אַרבעטער, צו גרינדן זיך אַן אייגענע חיים און שאַפט דורך דער נאָכגעוויזענער רענטאַביליטעט אַ פעסטן יסוד פאַר דער קרעדיט-פעאיקייט פון קאָלאָניסטן אָן אייגענע מיטלען.

וואָרום וויבאַלד די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציעס האָבן זיך איינגעגעבן, וועלן שוין נישט נויטיק זיין דוקא כללישע אינסטיטוציעס, ווי דער קאָאָפּעראַטיווער פאָנד, כדי מעגלעך צו מאַכן די גרינדונג פון אַזעלכע קאָאָפּעראַציעס. יעדע פאַראייניקונג פון לאַנדאַרבעטער, אויב זי ערפילט נאָר געוויסע באַדינגונגען בנוגע דער אַרבעטס-פעאיקייט, קוואַליפיקאַציע און דויערהאַפטיקייט, וועט געפינען אויפן

געלט-מאַרק אָדער אין אינסטיטוציעס פאַר אַגראַר-קרעדיט די נויטיקע לאַנגצייטיקע קרעדיטן, כּדי צו אָרגאַניזירן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע אויף דער ערד פונם נאַציאָנאַלפאָנד.

ערשטע פּרוּוון. אין ארץ-ישראל באַשטייען צוויי אַזעלכע אַרבעטער-קאָאָפּעראַציעס מיט ישוב-צוועקן: מרחביה אין עמק יזרעאל און דגניה ביים אַרויסטריט פונם ירדן אויסן ים טבריה. די ערשטע איז לויט אַ באַשלוס פונם האַמבורגער ציוניסטן-קאָנגרעס געגרינדעט געוואָרן פונם קאָאָפּעראַטיוון פאָנד בשותפות מיטן נאַציאָנאַל-פאָנד, וועלכער האָט געגעבן 3500 דונאַם ערד. די קאָאָפּעראַציע מרחביה איז אין די ערשטע דריי יאָר פון דער ווירטשאַפט (תרע"ב–תרע"ד) געשטאַנען אונטער דער פירונג פון אַ שטענדיקן אַדמיניסטראַטאָר; מחמת דער אויסגעשעפּטקייט פון איר ערד און נישט-עקאָנאָמישע צופאַלן, ווייטער מחמת איר לאַגע אַלס פאַראיינזאַמטע פּאָזיציע אין עמק, האָט זי געמוזט גובר זיין גרויסע שוועריקייטן. זייט אויגוסט 1914 האָט די קאָאָפּעראַציע אַן אייגענע געוויילטע פירונג. שוין פאַר דער מלחמה און נאָך מער בעת דעם שווערן מלחמה-מצב האָבן די אַרבעטער פון מרחביה אַרויסגעוויזן זייער פעאיקייט צו אייגענער פאַרוואַלטונג. די קאָאָפּעראַציע צאָלט אירע מיטגלידער (35) שכירות לויט זייער לייסטונג.

דגניה איז אַרויסגעוואַקסן אויס אַ קליינער אָקופּאַציע-גרופּע, וועלכע איז פּאַמעלעך אויסגעוואַקסן אויף 25 מיטגלידער און האָט געגומען באַאַרבעטן אַ שטח פון 3000 דונאַם. דער באַטריבס-קאַפּיטאַל האָט דאָ אויסגעליגט דער נאַציאָנאַלפאָנד גופא. די קאָאָפּעראַציע דגניה האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַדמיניסטראַטיווע פירונג. זי צאָלט אַלע אַרבעטער גלייכע שכירות. אַ דאַנק איר גוטע ערד, דער איינפאַכקייט פונם באַטריב און די קליינע הוצאות האָט די קאָאָפּעראַציע שוין צוויי מאָל געהאַט קליינע רוחים.

ביידע קאָאָפּעראַציעס זיינען אין אַ סך פּרטים פון אַ גרויסן ווערט און מ'קען האָפן, אַז זיי וועלן זיך גוט אַנטוויקלען. אָבער זיי גיבן נאָך נישט די מעגלעכקייט, אָפּצושאַצן אויפן יסוד פון זייערע ערפאַרונגען די ווירקונג פונם פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַטיוון פּרינציפּ. ביידע ווירטשאַפטן געפינען זיך ערשט אויף דער שוועל פון זייער אַנטוויקלונג, וועלכע איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן דורך יאָרן פון מלחמה-ווירטשאַפט. סיי מרחביה, סיי דגניה שטייען נאָך אין זייער צוגרייטונגס-פּעריאָד. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז ערשט אין די גאָר לעצטע יאָרן האָט מען אין ארץ-ישראל דערקענט די נויטיקייט פון אַן עקאָנאָמישער צוגרייטונגס-צייט, ספּעציעל פאַר אַקרעבוי-באַטריבן. ביי דער גרינדונג פון די צוויי פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציעס איז די דורכאויס נויטיקע שיידונג צווישן דעם פּעריאָד פון צוגרייטונג און דעם אויסבוי פון דער רעגלמעסיקער ווירטשאַפט נאָך נישט דורכגעפירט געוואָרן. ערשט נאָך דער דורכפירונג פון קולטור-טעכנישע אַרבעטן, כּדי צו ברענגען די ערד אין אַ באַאַרבעטונגס-פעאיקן מצב, נאָך דער זיכערונג פון אַ באַשטימטער הויך פונם איינטראָג און פון דער פּראָ-

דוקציע וועט זיך קאָנען אַרויסווייזן די ווירקונג פון דער באַטייליקונג אינם ריוח און פון דעם טעכנישן אויסבוי פון דעם קאָאָפּעראַטיוון באַטריב.

פּראָבלעמען פון דער קאָאָפּעראַציע. נעבן דער דאָזיקער הויפּט-פּראַגע, וואָס פון איר סיסטעמאַטישער פאַרענטפערונג איז אין אַ הויכער מאָס אָפּהענגיק דער ערפאָלג פון דער קאָאָפּעראַציע, האָבן די פראַגן וועגן אַ פאַכמענישער פירונג און וועגן דער פאַרטיילונג פון די לוינען לויט דער אַרבעט אַ קלענערע באַדייטונג. אין ארץ-ישראל אָבער האָבן זיי זער דערהיצט די מחות. יעדע „אַדמיניסטראַציע" וועקט דאָרט אויף זכרונות פונם פילאַנטראָפּישן פּעריאָד, און יעדער קריטיקער, וועלכער נוצט אויס די דאָזיקע פאַלשע אידעען-פאַרבינדונג, איז זיכער, אַז דער עולם וועט מיט אים סימפּאַטיזירן. דער סימן מובהק פונם ערשטן סטאַדיום פון דער קאָאָפּעראַציע איז נישט דער שטענדיקער אַדמיניסטראַטאָר, נאָר די פאַכמענישע הדרכה. אויך די בעסטע לאַנדאַרבעטער פון ארץ-ישראל מיט די גרעסטע פּראַקטישע ידיעות קענען נישט אויסבויען אַ מאָדערנעם גרויסן באַטריב און פאַרענטפערן די פאַרוויקלטע אַגראַר-טעכנישע פּראָבלעמען, אויב זיי האָבן נישט קיין געניטן באַראַטער. די איטאַליענישע פאַכט-קאָאָפּעראַציעס באַשטימען אַפילו ביי געטיילטער ווירטשאַפט אין באַזונדערע פויערן-באַטריבן פאַכמענישע דירעקטאָרן. נאָך ווייניקער וועט מען זיך קאָנען באַגיין אָן זיי אין די קאָאָפּעראַציעס אין ארץ-ישראל. — די קעגנערשאַפט צו נישט גלייכע לוינען, וועלכע שטאַמט פון פאַלש פאַרשטאַנענע גלייכהייטס-פּרינציפּן, איז שוין אין די לעצטע יאָרן געוואָרן וואָס אַמאָל קלענער; זי וועט אינגאַנצן פאַרשווינדן, וויבאַלד מיטן פּראָגרעס פון דער קאָאָפּעראַציע וועט קלאָר ווערן דער חילוק צווישן אַרבעטס-גרופּן פון חברים מיט דורכשניטלעך גלייכער קוואַליפיקאַציע און לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציעס מיט זייער גרויסן קרייז פון פאַרשיידנערליי אויפגאַבן.

גרויס- און קליינבאַטריב אַ ביסל ברייטער מוזן מיר זיך פאַרנעמען מיט די קריטיקער, וועלכע זאָגן זיך אַרויס קעגן דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע און שטעלן איר אַנטקעגן די פּראָדוצענטן-קאָאָפּעראַציע פון איינצלנע פויערן-באַטריבן. מ'איז אַפילו מודה, אַז ס'איז נישט מעגלעך, צו באַזעצן אידישע לאַנדאַרבעטער אָן אַ געהעריקער קוואַליפיקאַציע און אָן מיטלען אויף פויערישע נחלאות; אַ טייל פון די קעגנער פון דער קאָאָפּעראַציע זעט איין, אַז מ'קען נישט אויסמיידן דעם דורכגאַנג דורך אַ גרויס-באַטריב, אַמבעסטן אַ קאָאָפּעראַטיוון. אָבער דער קאָאָפּעראַטיווער גרויסער באַטריב איז לויט דער דאָזיקער מיינונג טאַקע נאָר אַן איבערגאַנגס-באַשעפעניש, וואָס דאַרף אויפגעטיילט ווערן אין קליינע באַטריבן, וויבאַלד די ווירטשאַפט דערגרייכט אַ באַשטימטע מדרגה פון אינטענסיוויטעט. דערביי ווערט פון אָנהויב אָן אָנגענומען, אַז דער פויערישער קליינבאַטריב האָט געזינטערע יסודות ווי די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע, אָדער מ'זוכט דאָס צו באַווייזן אויס די מעלות פונם קליינבאַטריב אַנטקעגן דעם פּריצישן גרויסבאַטריב. אונז

דאַכט זיך, אַז די אַפּאָדיקטישע זיכערקייט, מיט וועלכער די דאָזיקע באַהויפּטונגען ווערן אויפגעשטעלט, שטייט נישט אין הסכם מיט די רעזולטאַטן פון דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג אויפן געביט פון דער אַגראַר-פראַגע. מ'קען פאַרשטיין, אַז די אָפּשאַצונג פון די סאָציאַלע שאָדנס פונם גרויסן ערד-באַזיץ ווערט פאַרבונדן מיט אַ קריטישער און אַפילו נעגאַטיווער שטעלונג צו דער באַטריבס-פאָרם, אין וועלכער ער פירט זיין ווירטשאַפט. אָבער ס'איז נישט וויסנשאַפטלעך, צו פאַרבייטן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן גרויסן באַזיץ מיטן גרויסן באַטריב, אָדער צו האַלטן זיי פאַר איין און דער זעלבער זאַך. ווייטער, אַפילו ווען ס'זאָל שוין זיין נאָכגעוויזן, אַז דער קליינבאַטריב איז געזינטער ווי דער פריצישער גרויס-באַטריב, וועלכער אַרבעט מיט נישט אינטערעסירטע, אומצופרידענע לוין-אַרבעטער און ליידט שטענדיק מאַנגל אין מענטשן, וואָלט דערמיט נאָך לאַנג נישט געווען באַוויזן דאָס זעלבע פאַרן קאָאָפּעראַטיוון גרויסבאַטריב, וועלכער ווערט געפירט מיט פרייע אַרבעטער, וועלכע געניסן אַליין דעם איינטראָג פון זייער אַרבעט און ווירטשאַפטן אין פולער אייגענער פאַרוואַלטונג. ס'איז אָבער גאָר נישט נויטיק אָנצואווייזן אויף דער פאַלשקייט פון אַזעלכע אַנאַלאָגיעס און אויף דער נישט באַרעכנטקייט פון אַזעלכע פועל-יוצאס, ווייל באמת איז די פראַגע, וועלכע פאָרם פון באַטריב איז עקאָנאָמיש די שטאַרקערע, נאָך לאַנג נישט ענדגילטיק פאַרענטפערט. לאָמיר אויפמישן ביכער, וועלכע זיינען געשריבן פון קלאַסיקער, לפּחות פון דער דייטשער אַגראַר-וויסנשאַפט. בוכענבערגער זאָגט אין זיין באַקאַנטן בוך:

„אַז דער גרויסבאַטריב איז שטאַרקער פון... פויערישע ווירטשאַפטן, אויב מ'גייט פון דער באַדינגונג פון אַ געביטער פירונג, קען נישט זיין קיין ספק; אַלע שריט פאָראויס אין דער ערד-קולטור און בהמות-האַלטונג אָן אויסנאַמען זיינען אַרויסגעגאַנגען פון גרויסע ווירטשאַפטן... דעריבער ברענגען די גרויסע... גיטער מחמת דער על פּי רוב אַ סך פּינקטלעכערער און בעסערער באַאַרבעטונג פון דער ערד (דורך דער באַנוצונג פון די בעסטע מאַשינען און גענוג אַרבעטס-בהמות), מחמת דער שטאַרקערער... מיסטיקונג, דער באַנוצונג פון דער בעסטער זריעה א. אַז. וו., רעגלמעסיק סיי העכערע סיי בעסערע איינטראָגן ווי די קלענערע ווירטשאַפטן... און ענלעך איז עס אויפן געביט פון פּאַשע-פּראָדוקציע (פוטערמיטל), ספּעציעל ביי דער אַזוי וויכטיקער אַקער-פּאַשע. יאָ, אַפילו ביי אַזעלכע קולטורן, וואָס זיינען מחמת דעם נויטיקן הויכן סכום אַרבעט באַזונדערס פּאַסיק פאַרן קליינבאַטריב, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער גרויסבאַטריב איז לחלוטין נישט שוואַכער... ענלעך אויפן געביט פון מילך-ווירטשאַפט. אין אַ בערך בעסערן מצב געפינען זיך די קלענערע באַטריבן אויפן געביט פון בהמות-האַלטונג, ווייל דוקא דאָ האָט דאָס „אויג פונם האַר” אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן ערפאָלג, אויב עס קען שטענדיק אַכטונג געבן אויפן האָדעווען און אַרומגיין אַרום די בהמות

אָבער אויך דאָ איז דאָס ריכטיק קודם כּל בנוגע דער האַלטונג פון פערד... ; גאָר ווייניק אין דער שאָף-האַלטונג... ; פאַרקערט, די אַזוי גערופענע קליינע בהמות-האַלטונג (עופות, בינען-האַלטונג)... און פאַרן גרויסבאַטריב פּונקט אַזוי נישט פּאַסיק, ווי זי איז צוועקמעסיק און עקאָנאָמיש פאַרן קליינבאַטריב. די דאָזיקע באַהויפּטונגען... שטייען נישט אין קיין סתירה מיטן קלאָרן פאַקט, אַז... די פויערן... האַלטן זיך פּונקט אַזוי גוט און צומאָל נאָך בעסער ווי גרויסע באַזיצער. וואָרום דאָ קומט נישט נאָר אין באַטראַכט, וואָס די הוצאות פאַר אַרבעט פאַרגרעסערן נישט אין פויערישע באַטריבן דעם געלט-חשבון... נאָר אויך דאָס, וואָס די תביעות בנוגע דעם לעבנס-שטייגער זיינען דאָרט מיט אַזוי פיל קלענער..."*)

ווינאָדזינסקי**) שרייבט :

מ'איז... אין דער איצטיקער צייט נוטה, אָפּטמאָל אונטערצושאַצן די פאַרשיידענע סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע מעלות פונם גרויסבאַטריב ; ספּעציעל שאַצט מען נישט איינמאָל צו נידעריק אָפּ די פירנדע ראָל, וועלכע דער גרויסבאַטריב האָט ביזאיצט געהאַט אויפן געביט פונם מעכנישן פּראָגרעס. די גאָר גרויסע אויפטוען פון דער לאַנדווירטשאַפט אין דעם 19-טן יאָרהונדערט, איר אַרויסוואַקסן פון בלויזער רוטין און אָפּגעלאָזנקייט צו אַ ווירטשאַפטס-צווייג, וועלכער ווערט אָנגעפירט ראַציאָנעל און מיט אַלע הילפס-מיטלען פון דער וויסנשאַפט, וואָלט נישט מעגלעך געווען אָן דער דאָזיקער פירנדער ראָל פונם גרויסבאַטריב. אומעטום, אויפן געביט פון בהמות-האַלטונג און פון פלאַנצנבוי, פון דער אָרגאַניזאַציע פונם באַטריב און פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע נעבנצווייגן, איז דער ערשטער שטויס אַרויסגעגאַנגען פונם גרויסבאַטריב און אויך איצט איז עס נישט אַנדערש... די פראַגע „גרויס- אָדער קליין-באַטריב אין דער לאַנדווירטשאַפט" האָט אָבער בכלל פּונקט אַזוי ווייניק אַ זין, ווי למשל די פראַגע „גרויסע אינדוסטריע אָדער האַנטווערק". ביידע האָבן זייערע אויפגאַבן און זייער אַרבעטס-פעלד."

מיר האָבן דאָ נישט איבערגעגעבן קיין סוביעקטיווע מיינונגען פון איינצלנע געלערנטע ; דאָס איז דער אונטערגעפירטער סך הכּל פון די ביז איצטיקע רעזולטאַטן פון וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען דורך מענער, וועלכע האָבן אַן איבערבליק איבערן געוואַלטיקן מאַטעריאַל און זוכן דעם אָביעקטיוון אמת. צו רעדן פון שטאַרקערע יסודות פונם קליינעם באַטריב, איז נישטאָ פאַרוואָס. אין היפּוך צו דער אינדוסטריע, וואו ער איז אין די וויכטיקסטע צווייגן פון פּראָדוקציע איבערגעיאָגט און צוריקגעוואָרפן פון דעם גרויסבאַטריב, ווייזט ער זיך אין דער לאַנדווירטשאַפט אַרויס פאַר קאָנקורענצפעאיק. אויף וויפיל ס'קומט אין באַטראַכט די אייראָפּעאישע אַגראַר-ווירטשאַפט איז דערווייל אין אַלגעמיין זיכער, אַז דער גרויסער באַטריב איז מחמת זיין טעכנישער מדרגה שטאַרקער אין דער פּראָדוקציע פון ברויט-תבואה, פלייש און צוקער-ריבן ; דער קליינבאַטריב איז שטאַר-

*) בוכענבערגער, זייט 328 און ווייטער.

**) וויגאָדזינסקי, אגראַרוועזן עטצ., באַנד I, זייט 49.

קער אין **כמות** אויפן געביט פון דער מילך-ווירטשאַפט און חזרים-האַלטונג. די לעצטע מעלה פאַלט אַוועק פאַר דער אידישער לאַנדווירטשאַפט אין א״י. אָבער אַפילו דאָרט, וואו דער פויערישער איינצלנער באַטריב איז פּראָדוקטיווער, האַנדלט זיך עס וועגן די רויע איינטראָגן. בנוגע די ריינע איינטראָגן, דער רענטאַביליטעט, דער פּראָפּאָרץ פון דער אַריינגעלייגטער אַרבעט צום איינטראָג פון דער ווירטשאַפט, איז נאָך אַ גרויסע שאלה, צי קען זיך דער קליינבאַטריב מעסטן מיטן לאַנדווירטשאַפטלעכן גרויסבאַטריב. וואָרום באמת גלייכט דער פויער אויס די טעכנישע **אָפּגעשטאַנענקייט פון זיין ווירטשאַפט דורך איבעראַרבעט און פאַרשטאַרקטער אויסנוצונג פון זיין משפחה**. די דאָזיקע אָנשטרענגונג פון דער גאַנצער ענערגיע, וועלכע האָט שוין געהאַט אַ שלעכטע השפּעה אויפן מצב פונם געזונט אויפן דאָרף, ווייטער די **קאָאָפּעראַטיווע** אָרגאַניזאַציע, זיי גיבן עס דער פויערישער איינצל-ווירטשאַפט איר גלייכווערטיקייט. אין דעם קאָן מען אָבער קוים זען מעלות פון דער „אינדיווידועלער שאַפונגס-פרייד", פון דער „אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט" און ווי די שיינע ווערטער הייסן נאָך. אַז דער „קאָנסערוואַטיווער פויערישער קאָפּ" בלייבט ביי דער אינדיווידועלער פּראָדוקציע, איז נישט קיין וואונדער. ער וואָלט קודם כל געמוזט זען אין אַ קאָנקרעטער נאָענטקייט אויפן אָרט פון זיין שונא, דער פּעאָדאַלער גרויסער ווירטשאַפט, די פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע, כדי צו קומען אויפן געדאַנק, אַז ער מוז נישט באַצאָלן זיין עקאָנאָמישע פרייהייט דורך איבעראַרבעט און דורכן אָפּזאָגן זיך פון אַ סך אוצרות פון דער קולטור. דאָס פּאַרעקשנטע האַלטן זיך ביי דער אייגענער ווירטשאַפט איז נישט קיין רעאַקציע, איבער וועלכער מ'זאָל מוזן קלאָגן, אָבער אויך נישט דווקא דער גן-עדן אויף דער ערד. ווען מ'הערט חוזק מאַכן, אַז די מענטשן ווערן אין לאַנדווירטשאַפטלעכן גרויסבאַטריב צו אַ „סטאַדע", אַזוי ווילט זיך שטאַרק אָנווייזן דערויף, אַז אין קליינבאַטריב דערנענטערט זיך דער פויער צום מצב פון דער „בהמה".

די פויערטע. כמעט דעם גרעסטן טייל פון דער איבעריקער משא פון אַרבעט, וועלכע דער פויער נעמט אויף זיך פרייוויליק אינם קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, פאַלט אויף זיין פרוי. מ'זאָגט אונז אָבער, אַז די פרויען פון די מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַציע וועלן נישט האָבן קיין אַנדערן וואונש, ווי צו ווערן פויערטעס אויפן אַלטן שטייגער און טראָגן אויף זיך דעם עול פון הויז און הויף. ס'איז אַן אומזיסטע אַרבעט, זיך אַריינצולאָזן אין פּסיכאָלאָגישע באַטראַכטונגען איבער דער אידישער לאַנדאַרבעטער-פרוי. די פאַקטן פונם אידישן לעבן גיבן נאָך נישט קיין יסוד פאַר באַשטימטע פעסטשטעלונגען, גיכער ווייזן זיי, אַז ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, טאָמער וועט די אידישע פויערטע צורייסן די קאָאָפּעראַציע. ס'איז תמיד געווען אַ סימן פון דער קולטורעלער הויך פונם אידישן פאָלק, אַז ס'האָט געזוכט ווי ווייט מעגלעך אָפּצוהיטן די פרוי און מוטער פון אָנשטרענגונגען פון דער אַרבעט פאַר פּרנסה. אין אייראָפּע און

אַמעריקע באַפרייט די חתונה דאָס אידישע אַרבעטס-מיידל פונם וואַרשטאַט און פון דער פאַבריק. מ׳קאָן נישט זען, פאַרוואָס די לאַנדאַרבעט זאָל אַנ׳דערש מאַכן דעם דאָזיקן שטייגער פונם אידישן פאַמיליען-לעבן. מ׳קאָן זיך גאָר נישט ווינשן, אַז אין דער אידישער פויערישער משפחה זאָל די פרוי זיין ווייניקער פאַרנומען מיט דער זאָרג פאַר די קינדער, ווי ס׳איז בכלל איינגעפירט ביי אידן; אַז די הויזווירטשאַפט זאָל אין דער קאָלאָניע בכלל אַראָפּדריקן די קולטור-מדרגה. די פרוי פונם מיטגליד פון דער לאַנד-ווירטשאַפטלעכער פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע וועט געוויס האָבן צו טאָן מיט דער פירונג פונם הויז, מיט דער אויפציאונג פון אירע קינדער — ביי אונזערע קאָאָפּעראַציעס האַנדלט זיך דאָך וועגן יונגע משפחות, וועלכע האַלטן ערשט אין וואַקסן — מיט דער באַאַרבעטונג פון איר גרינס-גאָרטן, מיט די עופות, אפשר אויך מיט די בין-שטאָקן. זי וועט מסתם נישט אַזוי שטאַרק בענקען, איבערצונעמען אַ חוץ דעם די זאָרג פאַר די בהמות. און צום סוף וועלן דאָך די פרויען אין דער שניט-צייט און אויך אַן אַנדער-מאָל ביי אַ גרעסערן באַדאַרף אין אַרבעטס-כחות צוגעצויגן ווערן פונם קאָאָפּעראַטיוון גרויסבאַטריב צו דער אַרבעט. די מעלות פון דער העכערער פּראָדוקציע-פאָרם פון דער קאָאָפּעראַציע, וועלכע איז מער צוגעפּאַסט צו די קולטורעלע באַדערפענישן פון פריערדיקע שטאָט-מענטשן, קאָן פון דער אַרבעטער-פרוי גיכער מאַכן אַ פריינדין ווי אַ קעגנערין פונם קאָאָפּעראַטיוון גרויסבאַטריב. דאָ שטייט איין מיינונג קעגן דער צווייטער. מיר ווילן נישט זאָגן, אַז די אַנטוויקלונג וועט אויף זיכער גיין דעם וועג, וועלכן מיר זאָגן פאָראויס. אָבער נאָך ווייניקער קאָן מען פּראָקלאַמירן דעם היפּוך דערפון פאַר אַ נויטווענדיקייט און אויפן יסוד פון סוביעקטיווע מיינונגען פאַרלאַנגען, אַז די אַרבעטער-פּראָדוקטיוו-גענאָסנשאַפט זאָל דוקא אָפּטרעטן איר פּלאַץ דער פּראָדוצענטן-קאָאָפּעראַציע. און איז עס נישט אַ מאָדנע מעשה, אַז אפילו די פּאַכט-קאָאָפּעראַציעס, סיי אין איטאַליע סיי אין רומע-ניע, וועלכע באַשטייען אויס אָפּגעזונדערטע איינצלנע ווירטשאַפטן, פירן דוקא די בהמות-ווירטשאַפט קאָלעקטיוו? דוקא דעם צווייג פון דער ווירטשאַפט, וועלכער בליט, דאַכט זיך, אַמבעסטן אין קליינבאַטריב. נישט קענענדיק אַלע פּרטים ווילן מיר אויס דעם דאָזיקן פאַקט נישט אַרויסציען קיין ווייטערע קאָנסעקווענצן. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז ער דאָך, בפרט דאָס, וואָס ער קומט פאָר איןביידע לענדער. אויך די גרינס-ווירטשאַפט ווערט אין רומעניע אָפטמאָל געפירט אויף אַ פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַטיוון אופן.

דער פויערישער קליינבאַטריב, וואָס זאָל געפירט ווערן פון שטאָטיקע עלעמענטן איז פאַר אונז נאָך פונקט אַזוי אַ פּרוּוו ווי דער קאָלעקטיווער גרויסבאַטריב. בעת אָבער אין דער פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע אַנטוויקלט זיך דער נישט געלערנטער אָדער האַלב-געלערנטער שטאָטיקער פּראָלעטאַריער פאַמעלעך צו אַ פויער און קען העכערן די קרעדיט-פעאיקייט פון דער קאָלעקטיווער אַרבעט דורך זיינע אָפּשפּאָרונגען פונם ריוח-אַנטייל. ווייזן אונז

די אָנהענגער פֿונם קליינבאַטריב נישט די שטאַפּלען פֿון דער לייטער,
וועלכע פֿירט אַרויף פֿון דעם דאָזיקן שטאָט־מענטש צום באַזיצער פֿון אַ
פּויערישער איינצל־ווירטשאַפֿט. אַזוי איז אויפֿגעקומען דער געדאַנק, דעם
דאָזיקן פּלאַץ אויסצופֿילן דורך דער קאָאָפּעראַציע.

איבערגאַנגס־פֿאָרם. מיש־פֿאָרם.

אין ארץ־ישראל, וואו די אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע
האָט זיך אונטער די שווערסטע באַדינגונגען אויס־
געהאַקט אַ וועג אויף די פֿאַרשיידנסטע געביטן,
קאָן מען זי שוין נישט פּשוט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. אַזוי באַקומט
זי פֿריינד, פֿאַר וועלכע זי מוז זיך זער היטן. א ג ר. ווילקאַנסקי
איז אַזאַ אָנהענגער פֿון דער קאָאָפּעראַציע, פֿאַר וועלכן איר צוועק איז
זיך אַליין צו מאַכן איבעריק. ער איז מסכּים צו דער קאָאָפּעראַציע אַלס
אַן איבערגאַנגס־סטאַדיום. דערגרייכט אָבער די ווירטשאַפֿט אַ באַשטימטע
מדרגה פֿון אינטענסיוויטעט, דאַרף זי אָפּטרעטן איר פּלאַץ פֿאַר דער פּויערי־
שער איינצל־ווירטשאַפֿט. מ׳מוז אָננעמען, אַז אונטער דער איבערגאַנגס־צייט
איז דאָ נישט געמיינט דער קורצער פּעריאָד פֿון צוגרייטונג, ווי ער
איז איצט געוואָן איינגעפֿירט אין פּאַלעסטינע. ביים בּיז איצטיקן אופֿן פֿון
צוגרייטן די ערד קאָן מען זיכער נישט תּיכּף באַזעצן לאַנדאַרבעטער אַלס
איינצלנע פּויערן. אָבער אַפֿילו נאָך אַ צוגרייטונגס־פּעריאָד, ווי ער איז פֿון
אונדז געמיינט, פֿעלן די מייסטע באַדינגונגען דערפֿאַר, צו מאַכן פֿון די
באַטייליקטע לאַנדאַרבעטער זעלבסטשטענדיקע פּויערן: ס׳פֿעלט די פֿאַסיקייט
פֿון די קאָלאָניסטן פֿאַר אַן אייגענער ווירטשאַפֿט, דער פֿינאַנציעלער קרע־
דיט־יסוד, די פּויערטע. דעריבער מוז די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּראָדוקטיוו־
קאָאָפּעראַציע אַ צייט לאַנג אויסהאַלטן אַ רעגולירטן באַטריב, פֿאַר וועלכן
ס׳מוזן געמאַכט ווערן געהעריקע אינוועסטיציעס פֿאַר בנינים, אינווענטאַר
א. אַז. וו. ס׳איז קלאָר, אַ שפּעטערער איבערגאַנג פֿונם גרויסבאַטריב צום
קליינבאַטריב וועט זיין פֿאַרבונדן מיט נישט קליינע היזקות, ווייל דערביי
וועלן לכל הפּחות די שטאַלן און די ווירטשאַפֿטס־בנינים צום גרעסטן טייל
פֿאַרלירן זייער ווערט. אַלס אַ דורכגאַנגס־פֿאָרם קאָסט די קאָאָפּעראַציע צו
טייער, אַזוי ווי אַלע מאָל, ווען מ׳וויל מרכּיב זיין איין סאָציאַלן פּראָוואָ
אויפֿן צווייטן. דער פּראָיעקטירטער וועג זעט זער שטאַרק אויס ווי אַ
קרומער וועג. וואָרפֿט מען נישט אָפּ דעם קאָאָפּעראַטיוון גרויס־באַטריב פֿאַרן
אָנהויב־סטאַדיום, אַזוי איז נישט צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דער פּראָוואָ זאָל
דווקא איבערגעריסן ווערן איידער זיין ערפֿאָלג קאָן זיך אינגאַנצן אַרויס־
ווייזן. אויב מ׳איז מודה, אַז נאָר די קאָאָפּעראַטיווע פֿאָרם פֿון אַרבעט קאָן
די ערד פֿון ארץ־ישראל מאַכן קולטור־פֿעאיק פֿאַר דער אידישער קאָלאָני־
זאַציע, אויב מ׳האַלט די קאָאָפּעראַציע פֿאַר דורכאויס נויטיק פֿאַר דער
צוגרייטונג פֿון אַ פּויערן־קלאַס, אויב מען זעט איין, אַז אַפֿילו דער מכּלומרשט
שטאַרקערער פּויערן־באַטריב קען נישט עקזיסטירן אָן די מעלות פֿונם
גרויס־באַטריב, דהיינו אָן דער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע און קאָלעקטיוו־
אַרטיקע איינריכטונגען, — אַזוי מוז מען גובר זיין די מורא פֿאַרן שט

פון סאָציאַליזם, אַזוי דאַרף מען זיך היטן, שוין פאָראויס צו לייקענען די מעגלעכקייט פונם קאָאָפּעראַטיוון געדאַנק אויפן געביט פון פּראָדוקציע און אָפּוואַרטן רואיק דעם רעזולטאַט פון די פּרוּוון אויפן געביט פון פּראָדוקטיווער קאָאָפּעראַציע.

די קאָאָפּעראַציע מוז, פאַרשטייט זיך, בלייבן אָפן און פריי, זי מוז קענען אַריינגעמען נייע חברים, און נישט לייגן אירע מיטגלידער, וועלכע ווילן אַרויסטרעטן, קיין איבעריקע מניעות אין וועג. אויב דער אָדער יענער אַרבעטער פילט, אַז די פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע שטערט אים אין זיין אינדיווידועלער פרייהייט, אָדער אויב ער וויל צוליב דער פרוי אַרויסטרעטן אויס דער קאָאָפּעראַציע, מוז אים דאָס שטיין פריי. אָ פּ ע נ ה ײ מ ע ר האָט פון אָנהויב אָן גענומען אין באַטראַכט די מעגלעכקייט, אַז איינצלנע מיטגלידער זאָלן זיך אָפּרייסן פון דער קאָאָפּעראַציע און זיך באַזעצן אויף אייגענע ווירטשאַפטן אָדער אַלס „הויערלינגע"*). ער האַלט אַפילו פאַר זער גוט, אַז אַרום דעם קאָאָפּעראַטיוון גרויס-באַטריב זאָל זיך געפינען אַ קראַנץ פון איינצל-הויפן. אָבער דאָס דאָזיקע רעכט זאָל אויך נישט באַנוצט ווערן צום שלעכטן. ספּעציעל אין די ערשטע יאָרן פונם עקספּערימענט און פון דער זיכערונג, וועלכע אינטערעסירן אונז דאָ קודם־כל. די ישוב־קאָאָפּעראַציע איז אַ קאָנטראַקט פּאַרטיי כלפּי דעם אידישן נאַציאָנאַלפאָנד און דעם קאָאָפּעראַטיוון-פאָנד. דאָס אַרויסטרעטן פון חברים דאַרף זיין מעגלעך אויף אַזויפיל, אויף וויפיל ס'ווערט דורכדעם נישט אָפּגעשוואַכט די פעאיקייט פונם כלל נאָכצוקומען די איבערגענומענע התחיבותן אַנטקעגן דעם ערד-באַזיצער און דער קרעדיט-געזעלשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער, ווער ס'וויל אַרויסטרעטן אויס דער קאָאָפּעראַציע מוז קודם כל ממלא זיין די איבערגענומענע התחיבותן. פון דער צווייטער זייט קאָן מען אויפן רעכט פונם יחיד אַרויסצוטרעטן אויס דער קאָאָפּעראַציע, נישט שטיצן אַ התחיבות פונם קאָאָפּעראַטיוון-פאָנד אָדער פון אַן אַנדערער קרעדיט-געבנדער אינסטיטוציע, אַריינצולייגן אין אַזעלכע פּריוואַטליק געגרינדעטע אייגענע ווירטשאַפטן פרישע קרעדיטן אָדער אַנדערע נייע אינוועסטיציעס. ווער ס'וויל האָבן אַן אייגענעם באַטריב, זאָל אים שאַפן אויף זיין אייגענעם חשבון אָדער מיט דער הילף פון אַ קרעדיט פון אַן אַנדערער זייט. די קאָאָפּעראַציע אָבער מוז זיין געשיצט קעגן אַן אומגערעכטן פינאַנציעלן עול און קעגן שאָדנס.

אַ חוץ דער קאָאָרדינאַציע פון קאָאָפּעראַטיוון גרויסבאַטריב און פּויערישן קליינבאַטריב, ד. ה. אַ קאָמבינאַציע פון באַטריבס-טיפּן, וועלכע זיינען אָפּגעטיילט אויף פאַרשיידענע שטחים אָדער ליגן קאָנצענטריש, ווערט אויך גענומען אין באַטראַכט אַ קאָמבינאַציע פון באַטריבס-פ אָ ר מ ע ן אין דער קאָאָפּעראַציע גופא. די קאָאָפּעראַציע זאָל זיין אַ פאַראייניקונג פון אַ פּראָ-

*) „הויערלינגע" זיינען לאַנדאַרבעטער-משפחות, וועלכע אַרענדירן פון אַ פּויערישן אַרבעטסגעבער אַ שטיק ערד מיט אַ קליין הייזל און זיינען דערפאַר מחויב צו אַרבעטן אַ באַשטימטע צאָל פון טעג אויף דער ווירטשאַפט פונם פּויער פאַר אַ פאָראויס באַשטימטן לוין.

דוקטיוו- און פּראָדוצענטן-קאָאָפּעראַציע, פאַר יעדן צווייג פון דער פּראָדוקציע זאָל מען אויסקלויבן די ווירטשאַפטס-פאָרם, פון וועלכער מ׳קאָן זיך ריכטן אויפן העכסטן איינטראָג. אַזוי וואָלט מען אין איין קאָאָפּעראַטיוו געקאָנט אָרגאַניזירן דעם תבואה-בוי אין אַ גרויסבאַטריב, די בהמות-האַלטונג אין קליינע באַטריבן. אַ קאָמיסיע פון פּאַלעסטינער פאַכמענער האָט קודם געמאַכט אַזאַ פאָרשלאַג דער אַמעריקאַנער „אַחוה"*). ס׳איז אַ פאַרפירערישער געדאַנק, צו פאַרשמעלצן ביידע פאָרמען פון פּראָדוקציע צו אַ פּראָדוקטיווער איינהייט לויטן פּרינציפּ פונם העכסטן עקאָנאָמישן נוצן און איינטראָג, צו ווילן פאַר יעדן צווייג פון דער ווירטשאַפט די שטאַרקערע פאָרם פון באַטריב. אָבער אונז דאַכט זיך, אַז די דאָזיקע קאָמבינאַציע וועט נישט אַזוי לייכט קאָנען איינגעפירט ווערן אין לעבן. ווי יעדע פּשרה טראָגט זי אין זיך די סכנות פון פאַנאַנדערפאַל. דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַטריב איז אַן אָרגאַניזם, וועלכער פאַרטראָגט נישט אַזוי לייכט די דאָזיקע צווייזייטיקייט אין זיינע יסודות, אין די הויפּט-צווייגן פון זיין פּראָדוקציע. וואָרום אַלע צווייגן פון דער ווירטשאַפט זיינען אין אַ מאָדערנעם באַטריב צונויפגעוואַקסן, זיי שטיצן און האַלטן אונטער איינער דעם אַנדערן. אַזוי, למשל, קען די אינדיווידועלע בהמות-האַלטונג צווינגען די קאָאָפּעראַציע, אויסצוטיילן דעם פאַשע-בוי אויס דער שותּפותדיקער ווירטשאַפט, דער רעגל-מעסיקער זריעה-בייט ווערט געשטערט. אין דער זעלבער צייט קומען אַרויס שוועריקייטן אין דער פאַרזאָרגונג פון מיסט. די אינדיווידואַליזירונג פון איין צווייג פון דער ווירטשאַפט קאָן ברענגען צו דעם פאַנאַנדערפאַל פון דער גאַנצער קאָאָפּעראַציע. בכל־ל וואָלט מען עס געקאָנט איבערלאָזן דער אַנטוויקלונג, צו ציען די גרענעץ צווישן דער שותּפותדיקער און געטיילטער ווירטשאַפט. אויב די קאָאָפּעראַציע איז געזיכערט אין איר עקזיסטענץ און ערפילט אירע התחיבותן לגבי דער קרעדיט-אינסטיטוציע, מעג זי אויספּראָוון יעדע קאָמבינאַציע אָדער מיש-פאָרם, פון וועלכער זי ריכט זיך אויף אַ געווין. זי קען אויך באַשליסן, זיך פאַנאַנדערצוגיין, צי זיך צו פאַרטיילן אין איינצלנע באַטריבן. דערווייל אָבער וואָלט עס לויט אונזער מיינונג געווען דורכאויס צו פרי, צו איילן זיך מיט אַזעלכע קאָמבינאַציעס. ס׳האַנדלט זיך וועגן דעם, צו זיכערן דעם יסוד פון דעם עקספּערימענט. אַריינטראָגנדיק צו פרי וואָסערע ס׳איז מיש-פאָרמען, וואָלטן מיר נאָר אַרויפגעלייגט אויף די יונגע קאָאָפּעראַציעס צו גרויסע פינאַנציעלע לאַסטן און פאַרטונקלט דעם „ריינעם עקספּערימענט".

דער ריינער עקספּערימענט. ס׳איז פאַרשטייט זיך, נאָך נישט מעגלעך, צו זאָגן, צי דער קאָאָפּעראַטיווער ישוב-מעטאָד פאַרלאַנגט וויניקער איינאָרדנונגס קאַפּיטאַל ווי די איינאָרדנונג פון איינצלנע פויערן-ווירטשאַפטן. ס׳זעט אָבער אויס, אַז ס׳איז אַזוי. אויס ווילקאַנ-

*) זע „האחדות" נומער 25, 1914; זע אויך עטינגער: „די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער-פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע".

ס ק י ס פּרואוו, דאָס אָפּצולייקענען *), ווייזט זיך אַרויס, אַז אַפילו ביי די שוין פאַראַנענע גרויסע באַטריבן אין ארץ־ישראל, שוין אַריינגערעכנט די נאָך נויטיקע אינוועסטיציעס, איז אַ סך א יי נ ג ע ש פּ אָ ר ט געוואָרן ביים טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר. אויב דאָס איז, ווי ס'ווייזט אויס, נישט ביי די בנינים, אַזוי מוז מען אָנווייזן דערויף, אַז לאָקאַלע און צופעליקע מאָמענטן, וועלכע האָבן גאָרנישט צו טאָן מיטן פּרינציפּ פונם גרויסבאַטריב צי פון דער קאָאָפּעראַציע, פאַרטונקלען דעם פאַקטישן מצב. וואָרום באמת וואָלט עס דאָך געווען אַ מאָדנע זאַך, ווען די מעלה פונם גרויסבאַטריב אויף דער גאַנצער וועלט, איינצושפּאָרן ביי די ווירטשאַפטס־בנינים, זאָל דוקא אין ארץ־ישראל נישט קאָנען דערגרייכט ווערן. די קאָאָפּעראַציע מוז זיך, אמת, רעכענען מיט אַ סך אַ גרעסערן קאַפּיטאַל פאַר בנינים ווי דער פּריצישער גרויסבאַטריב, וואָרום זי גיט אירע מיטגלידער גאַנץ אַנדערע דירות, ווי יענער זיינע אַרבעטער. אָבער פונדעסטוועגן וואָלט געקאָנט אַרויסקומען אַ געווין אין אינווענטאַר־ און בוי־קאַפּיטאַל. ווערן אָבער פון אָנהויב אָן איינגעפירט קאָמבינירטע פאָרמען פון באַטריב, אַזוי זאָגט זיך די קאָאָפּעראַציע שוין פאַראויס אָפּ פון אַ גרויסן טייל פון די אָפּשפּאָרונגען, וועלכע וואָלטן אפשר אַרויסגעקומען ביי אַ פּלאַנמעסיקער פירונג. ביי די קליינע מיטלען, וועלכע זיינען פאַראַן פאַר די צוועקן פון אידישער קאָלאָניזאַציע, ספּעציעל פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון עלעמענטן אָן מיטלען, קאָנען מיר נישט פּשוט אָפּזאָגן זיך פון דער דאָזיקער מעגלעכער מעלה פון די ישוב־קאָאָפּעראַציעס — דעם קלענערן קאַפּיטאַל־באַדאַרף.

די דיסקוסיע איבער ישוב־קאָאָפּעראַציע איז נישט קיין ריין־טעאָרעטישע. מיר האָבן אין גליל צוויי לאַנדווירטשאַפטלעכע גרויסבאַטריבן, וועלכע דאַרפן באַווייזן די מעגלעכקייט פון דער אַרבעטער־פּראָדוקטיוו־קאָאָפּעראַציע. דער נאַציאָנאַלפאָנד, דער קאָאָפּעראַטיווער פאָנד און די אַרבעטער זיינען פאַראייניקט אין דעם דאָזיקן אַנטשלוס. ווער ס'האָט אַן אינטערעס פאַר דעם דאָזיקן ברייטן, גרויסאַרטיקן סאָציאַלן פּרואוו, דער קאָן זיך נאָר ווינשן, אַז ער זאָל דורכגעפירט ווערן אין דער ר יי נ ס ט ע ר פ אָ ר ם, אויף וויפיל די באַדינגונגען פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע לאָזן דאָס צו. דערצו זיינען אָבער נויטיק עטלעכע באַדינגונגען.

א) די ישוב־קאָאָפּעראַציע דאַרף באַפרייט ווערן פון די אַגראַר־טעכנישע פראַגן, וועלכע שטערן דעם ראַציאָנעלן אויסבוי פונם גרויסן באַטריב און די אַנטוויקלונג פון זיינע מעלות. דערצו איז נויטיק, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, וואָס גיכער איבערצוקומען די צוגרייטונגס־צייט, דורכצופירן די ערד־צוגרייטונגס־אַרבעטן, וועלכע פאַלן אויס אויף דעם פּעריאָד.

ב) די קאָאָפּעראַציע מוז האָבן אַ גענוג גרויסע צאָל פון געניטע אָנפירנדע אַרבעטער, די צאָל פון די נישט געלערנטע זאָל נישט אַריבערשטייגן אַ באַשטימטן מאַקסימום, וועלכער ווערט פעסטגעשטעלט פון פאַכ

---

*) יצחק ווילקנסקי, המשק הגדול, „בדרך", דף 109.

מענער. די דאָזיקע באַדינגונג איז ביי די קאָאָפּעראַציעס דגניה און מרחביה צום טייל דורכגעפירט. אָבער די באַטריבן וואָלטן געמוזט געבן די חברים, וועלכע זיינען דערצו באַשטימט, די מעגלעכקייט, זיך אויסצובילדן און צו ספּעציאַליזירן אין דיווירטשאַפטס-צווייגן, ביי וועלכע דאָס איז נויטיק און וועלכע זיינען וויכטיק פאַר דער צוקונפט פון דער קאָאָפּעראַציע. די פראַגע פון דער פאַכמענישער, טעכנישער פירונג מוז פאַרענטפערט ווערן אויף אַן אופן, וואָס זאָל שטיין אין הסכם מיטן קאָאָפּעראַטיוון גייסט פון די מיטגלידער און זיכערן דעם טעכנישן פּראָגרעס פון דער ווירטשאַפט.

ג) דער באַטריב מוז זיין אָרגאַניזירט אַלס אַ ריינע אַרבעטער-פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע, כדי אויסצונוצן אַלע מעלות פון דער דאָזיקער באַטריבס-פאָרם און פעסטצושטעלן אירע מעגלעכע חסרונות. ערשט נאָך אַ געוויסער צייט, אויב ס'זאָל זיך אַרויסווייזן די נויטיקייט פון שנויים אין באַטריב אָדער אַ צו שוואַכער פּראָגרעס אין דער פּראָדוקטיוויטעט, וואָלט מען געקאָנט איינפירן אויסנאַמען פון דער שותּפותדיקער ווירטשאַפט. ביז דעמאָלט ווערן אַלע וויכטיקע צווייגן פון דער ווירטשאַפט געפירט אויפן פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַטיוון אופן; נאָר די אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין דער אינדיווידועלער בעלי-בתּישקייט, ווי גרינס פאַרן אייגענעם באַדאַרף, עופות א. אַז. וו., קאָן יעדע משפּחה טאָן באַזונדער און זי באַקומט צו דעם אַ שטיקל ערד.

צו די עקספּערימענטן אָדער מיש-פאָרמען, וועלכע מאַכן שווערער די דורכפירונג פונם „ריינעם" פּרואוו פון דער פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע און די אָפּשאַצונג פון אירע רעזולטאַטן, רעכענען מיר אויך דעם גלייכן לוין און די פּרואוון, איינצופירן דעם קאָמוניסטישן לעבנס-אופן און אָפּצושאַפן די באַזונדערע בעל-הבתּישקייט, ווי אין דגניה. מיר האָבן דעם גרעסטן דרך ארץ פאַר די געפילן, אויס וועלכע די דאָזיקע פּלענער זיינען אַרויס-געוואַקסן, אָבער ס'ליגט דורכאויס אינם אינטערעס פון די אַרבעטער און פון דער קאָאָפּעראַציע אין ארץ-ישראל, אַז דער קאָאָפּעראַטיווער מעטאָד פון קאָלאָניזאַציע זאָל נישט צונויפגעמישט ווערן מיט אידעען וועלכע שפּרייזן אַריבער דעם קאָלעקטיוון ווירטשאַפטס-אופן. אַפילו ווען זייערע רעזולטאַטן זאָלן זיין די בעסטע, שוואַכן זיי אָפּ דעם ווערט פונם פּראַק-טישן קאָאָפּעראַטיוון פּרואוו, וועלכער ווערט נישט דורכגעפירט פאַר זיך, אָן זייטיקע מאָמענטן.

צום סוף ווילן מיר נאָך אַרויסזאָגן די האָפנונג, אַז נאָך דער וועלט-מלחמה וועט דער פּרואוו פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע קענען ווייטער געפירט ווערן אונטער בעסערע באַדינגונגען ווי ביז אַהער. קודם-כּל רע-כענען מיר, אַז אַלע, וועלכע אינטערעסירן זיך מיטן קאַמף פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט פאַר נייע, בעסערע פאָרמען פון אַרבעט און לעבן, וועלן העלפן דעם קאָאָפּעראַטיוון פאָנד צו זיכערן דעם מאַטעריעלן יסוד פון דער אַרבעט, וועלכע שטייט פאַר אים.

בעת די דאָזיקע שורות ווערן געשריבן גייט אַ נייע האָפנונג דורך

דער וועלט. דאָס גענואַלטיקע געשעעניש פון דער רוסישער רעוואָלוציע זאָגט אָן דעם סוף פון אַ בלוטיקער צייט, פון דער פאַרוויסטונג פון דער קולטור דורכן פעלקער־מאָרד און אפשר טאַקע דעם אָנהויב פון אַ נייער אָרדנונג אויף דער וועלט, פונם סאָציאַלן איבערבוי, פון דער באַנייאונג פון די פעלקער. פון דעם גייסט פון דעם קומענדן פעלקער־פרילינג מוז אויך ערפילט זיין און געטראָגן ווערן די ציוניסטישע ישוב־אַרבעט אין ארץ־ישראל, אויב זי וויל באַפרייען און דערוועקן אַלע ענערגיעס, וואָס שלומערן אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט און יוגנט פון מזרח־אייראָפּע. וועלכע איבערקערענישן ברענגט דער נאָנטסטער עתיד דעם אידישן פאָלק, וועמעס לעבנסשטאַרקסטער טייל ס׳לעבט אין רוסלאַנד, וואָס ברענגט דער דאָזיקער עתיד פאַרן לאַנד פאַלעסטינע? אָבער וואָס דער „יום הרת עולם״ זאָל אונז נישט ברענגען, אין קאַמף פונם אידישן פאָלק מיט די בשלומדי־קע מיטלען פון אַרבעט פאַר דער זעלבסטבאַשטימונג פון זיין גורל וועט דאָס ראַנגלען זיך נאָך נייע, העכערע פאָרמען פון מענטשלעכן לעבן אין ארץ־ישראל זיין איינער פון די שענסטע אויסדריקן פון זיין לעבנס־ווילן.

האַאַג, 1917.

די אָרגאַניזירונג פון קאַפּיטאַל פאַר ארץ-ישראל.

לויט דער נאַטור פון דער זאַך שטייט אינם מיטלפּונקט פון דעם ויכּוח איבער ארץ-ישראל-קאָלאָניזאַציע די פראַגע, ווי אַזוי די פאָרמען און מעטאָדן פון דער קאָלאָניזאַציע זאָלן צוגעפּאַסט ווערן צו די סאָציאַל-עקאָנאָמישע באַדערפענישן פון אונזער מענטשן-מאַטעריאַל, און פאַרקערט, ווי די מענטשן קאָנען זיך אַמבעסטן צופּאַסן צום לאַנד. עס איז אָבער כּדאי צו ברענגען עטלעכע באַטראַכטונגען איבער דער נישט ווייניקער אַק-טועלער פראַגע — פון דער אָרגאַניזירונג און מאָביליזירונג פונם ישוב-קאַ-פּיטאַל. מיר האָבן נישט בדעה אַרומצורעדן דאָ אַפילו די ראשי-פּרקים פון דעם פאַרוויקלטן פּראָבלעם. נאָר איין זייט פון דער שווערער פראַגע ווילן מיר פּראָבירן צו באַלויכטן. עס איז די קשיא, צי קאָן די אידישע ארץ-ישראל-קאָלאָניזאַציע פינאַנסירט ווערן אויפן געשעפטלעכן וועג, ד. ה. דורך אונטערנעמער-קאַפּיטאַל, וואָס זוכט זיין ריוח לויט דער אויף דעם וועלט-מאַרק אָנגענומענער פּראָצענזונג, אָדער צי קאָן זיך אונזער ישוב-אַרבעט שטיצן נאָר אויף נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן, ד. ה. פאָנדן, וואָס די נאַציאָנאַ-לע קאָלאָניזאַציע איז פאַר זיי דער תּכלית, די פּראָצענזונג אָבער אַ פראַגע פונם צווייטן ראַנג. פון דעם ענטפער אויף דער פראַגע הענגט אָפּ, אין וועלכער ריכטונג זי' ענערגיע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג דאַרף זיך ווענדן — פאַר דער אָרגאַניזירונג פון ריוח-זוכנדן אונטערנעמער-קאַפּיטאַל, צי פאַר דער מאָביליזירונג פון נאַציאָנאַלע פאָנדן.

אויך אין דער דאָזיקער פונדאַמענטאַלער פראַגע פון דער רעאַליזי-רונג פונם ציוניזם, גראַד ווי אין דער פּאָליטישער קאָנצעפּציע און אין געוויסע סאָציאַלע לייט-אידעען פון דער באַוועגונג, האָט הערצלס גאָו-נישע אינטואיציע מיט יאָרן צוריק פאָראויסגעזען דעם ריכטיקן וועג. הערצלס מיינונג אין דער קאַפּיטאַל-פראַגע האָט אָבער דורכגעמאַכט אַ גע-וויסע אַנטוויקלונג און פאַרטיפונג ביז ער איז געקומען צו דעם שטאַנד-פּונקט, אַז פאַר דער אידישער קאָלאָניזירונג פון א״י זיינען נויטיקביידע פאָרמען פונם קאַפּיטאַל — דער ריוח-ברענגענדער אינוועסטיציע-קאַ-פּיטאַל און דער געזעלשאַפטלעכער אָדער פאַר נאַציאָנאַלע צוועקן דינענ-דער פאָנד-קאַפּיטאַל. דער ערשטער קומט צושטאַנד אויפן געשעפט-לעכן וועג, דורך אַקציען-געזעלשאַפטן, סינדיקאַטן, א. ד. גל., דער צווייטער דורך פרייוויליקע ביישטייערן פון די פאָלקסמאַסן. ביידע סאָרטן פונם קאַ-

פיטאַל זיינען אָבער נויטיק פאַר דער דורכפירונג פון פאַרשיידענע צווייגן פון דער ישוב-אַרבעט. זיי ערפילן יעדער פאַר זיך, אָפט קאָמבינירט, פאַרשיידענע פונקציעס אין דעם פראָצעס פון דעם אויפבוי פון אַ אידישער פאָלקסגעמיינשאַפט אין ארץ-ישראל.

פון אָנהויב האָט הערצל געטראַכט נאָר וועגן דעם ערשטן וועג פון קאַפּיטאַל-באַשאַפונג. אין זיין אונטערהאַלטונג מיט באַראָן הירש זאָגט ער: „איך וועל צושטאַנדברענגען אַ אידישע נאַציאָנאַלע הלואה פון צען מיליאַרד מאַרק" (הערצלס ציוניסטישע שריפטן, ז. 31). אַז ער האָט דערביי געהאַט אין זינען געשעפטס-קאַפּיטאַל, זעט מען פונם „יודענשטאַאַט". דער פינאַנציעלער אינסטרומענט פון דער „אידישער געזעלשאַפט" (סאָסייעטי אָף דזשויס) האָט באַדאַרפט זיין די „דזשואיש קאָמפּאַני". הערצל שרייבט: „די דזשואיש קאָמפּאַני שטעל איך מיר פאָר צום טייל נאָכן ביישפּיל פון די גרויסע לאַנדבאַזעצונגס-געזעלשאַפטן — אַ אידישע טשאַרטער-קאָמפּאַני, אויב מען וויל. נאָר האָט זי נישט קיין סואַווערעניטעטס-רעכט און זי האָט נישט בלויז קאָלאָניאַלע אויפגאַבן. די דזשואיש קאָמפּאַני ווערט געגרינדעט אַלס אַן אַקציען-געזעלשאַפט. די קאָמפּאַני איז אַן איבערגאַנגס-אינסטיטוט. זי איז אַ ריין געשעפטלעכע אונטערנעמונג, וואָס מוז דייטלעך אָפּגעשיידט בלייבן פון דער סאָסייעטי אָף דזשויס". און אויף אַן אַנדער אָרט (שריפטן ז. 93): „ס'זיינען פאַראַן דריי פאָרמען פון קלייבן דעם אַקציען-קאַפּיטאַל: 1. דורך די גרויסע בענק; 2. דורך די מיטעלע בענק; 3. דורך אַ פאָלקסטימלעכע סובסקריפּציע". אָט די סוחריש, מיט רוחים אַרבעטנדיקע אַקציען-געזעלשאַפט האָט באַדאַרפט, נאָך הערצלס ערשטן פּלאַן, ערפילן אַלע קאָלאָניזאַטאָרישע פונקציעס; אויך דורכפירן לאַנד-קניות, דאָס האָט אַפילו באַדאַרפט זיין איר הויפּט-מקור פון הכנסה.

מיט דער שאַפונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך הערצלס פּלאַן פיינער דיפערענצירט. אויפן אָרט פון דער דזשואיש קאָמפּאַני, ריכטיקער, אַלס אַ צוגרייטנדער אָרגאַן פון דער געפּלאַנעוועטער טשאַרטער-געזעלשאַפט פאַר דער קאָלאָניזאַציע אין גרויסן מאַסשטאַב, איז געשאַפן געוואָרן די אידישע קאָלאָניאַל-באַנק.

איר אויפגאַבע איז נישט די פינאַנסירונג פון דער קאָלאָניזאַציע, נאָר קודם-כל פונם טשאַרטער, ד. ה. פון די שריט, וואָס זיינען נויטיק, כדי צו קריגן די ערלויבעניש פאַר אַ גרויסער ישוב-אַרבעט. דאַן זאָל זי אָרגאַניזירן די קאַפּיטאַל-געזעלשאַפטן, וואָס זיינען בכח צו באַלעבן די פּראָדוקטיווע כחות פונם לאַנד. אָבער אַלץ אויף אַ געשעפטלעכן יסוד. הערצל זאָגט בפירוש איבער די אויפגאַבן פון דער באַנק: „זי וועט פאַרמיטלען דאָס קריגן פון דער קאָלאָניזאַציע-טעריטאָריע און דאַן פינאַנסירן די קאָלאָניזאַציע... וויבאַלד די פירער פון דער באַנק וועלן האָבן אין די הענט די נויטיקע צושטימונגען, וועלן זיי טאָן דעם ווייטערן שריט און גרינדן די לאַנד-געזעלשאַפט. די עמיסיע פון אַנטייל-שיינען (אַקציעס)

פון דער לאַנד־געזעלשאַפט נאָכן מוסטער פון א טשאַרטער־קאָמפּאַני וועט מסתמא זיין דאָס גרעסטע געשעפט, וואָס די אידישע קאָלאָניאַל־באַנק וועט מאַכן״ (שריפטן, 2, ז. 77). די ישוב־ארבעט מוז אָבער נישט דוקא מאָנאָפּאָליזירט ווערן פון איין טשאַרטער־געזעלשאַפט. הערצל האָט, זעט אויס, אויך געטראַכט וועגן א קאָמבינאַציע פון עטלעכע קאַפּיטאַל־שטאַרקע אונטערנעמונגען מיט דער קאָלאָניאַל־באַנק אַלס א מוטער־אינסטיטוט, אַלס א פאַרבינדענדן צענטער: „דער אינסטיטוט (די באַנק) זאָל פאַרמיטלען דאָס אויפנעמען פון הלואות אונטער די בעסטע באַדינגונגען און געבן די איניציאַטיוו צו אַגריקולטורעלע, טעכנישע, אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע אונטערנעמונגען — דאָס זיינען די מילן, וועלכע דאָס טייכל וועט טרייבן״. (שריפטן, 2, ז. 86).

אין דער אייגענער צייט ציט הערצל א דייטלעכע שיידונגס־ליניע צווישן די אַלע מינים אונטערנעמונגען, וואָס ווערן פינאַנסירט דורך דער באַנק, אָדער דורך א טשאַרטער־געזעלשאַפט, אָדער דורך אַנדערע אַקציען־געזעלשאַפטן, וואָס באַזירן אַלע אויף א געזונטער פּאַרצינזונג פונם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל, און דעם פאָנד, וואָס דאַרף פאַרענטפערן די לאַנד־פראַגע. דער געדאַנק פונם „יודענשטאַאַט״, צו מאַכן די ערד פאַר אַן אָביעקט פון גרויסע געשעפטן (פון דער דזשואיש קאָמפּאַני), קומט מער נישט פאָר אין די שפּעטערע אַרטיקלען און רעדעס פון הערצל. די לאַנדפראַגע איז איינע פון די וויכטיקע קאַרדינאַל־פּונקטן, אין וועלכע דער פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט זיך אין גאַנצן דערווייטערט פון דעם מחבר פונם „יודענשטאַאַט״. די לאַנד־קניות האָט הערצל שפּעטער לחלוטין אויסגעטיילט פון די אויפגאַבן, וואָס זאָלן און קאָנען פאַרענטפערט ווערן דורך פּראָפיט־זיכערן אונטערנעמער־קאַפּיטאַל. דערצו זיינען נויטיק נאַציאָנאַלע פאָנדן. אין א געוויסער צייט האָט הערצל גערעכנט אויף די שוין פאַראַנענע גרויסע אידישע ישוב־פאָנדן. אַזוי שרייבט ער ביי דער גרינדונג פון דער קאָלאָניאַל־באַנק:

„פאַר די סובסקריבענטן פון דער קאָלאָניאַל־באַנק האָט עס (דאָס צייכענען אויף אַקציעס) צו זיין נאָר א געשעפט. זיי וועלן זיך מישב זיין, צי מען קאָן דאָ ערוואַרטן א ריוח, צי אַן אַנשטאַלט, וואָס וויל געבן אידן, וועלכע זיינען גרייט צו עמיגרירן, באַנקמעסיקע שטיצע — באַנק־קרעדיט און אַנדערע באַנק־הילף אויפן יסוד פון ראַיעלער זיכערקייט און צו גערעכטע באַדינגונגען — צי אַזאַ אַנשטאַלט... האָט שאַנסן צו פּראָגרעסירן? שטעלט מען זיך אפשר פאָר, אַז די דאָזיקע באַנק מיט אַן אַקציען־קאַפּיטאַל פון נאָר צוויי מיליאָן פונט שטערלינג ווערט געשאַפן פאַר דעם דירעקטן אָפּקויפן פון די לאַנדשטרעקעס, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע? ניין, דערצו וואָלט דער קאַפּיטאַל בודאי נישט געווען גענוג. עס זיינען פאַראַן א סך גרעסערע אידישע ישוב־פאָנדן, וואָס וואַרטן אויף דער ערפילונג פון דער אויפגאַבע און וואָס וועלן דינען, וויבאַלד די עפנטלעך־רעכטלעכע פאַרבאַדינגונגען

וועלן זיין געשאַפן, צו פּריוואַט־רעכטלעכע ערד־קניות (און פילאַנטראָפּישע אַקערבוי־אונטערשטיצונגען)..." (שריפטן, 1, ז. 302). הערצל מיינט דערמיט מסתמא די יק"א. אָבער זער באַלד איז ער אויך אין דער פראַגע פונם לאַנדפאָנד געקומען צו דער החלטה, נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף אונזערע גדולים און גבירים. אויף דעם אייגענעם פינפטן קאָנגרעס אויף וועלכן זאַנגוויל האָט געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע קעגן די יק"א, האָט הערצל דורכגעזעצט די שאַפונג פון דעם נאַציאָנאַלן לאַנדפאָנד — דעם אידישן נאַציאָנאַלפאָנד. זיין יסוד איז נישט דער האַנדל מיט ערד, נישט ספּעקולאַטיווע רווחים, נאָר לחלוטין פאַרקערט, דער פולער איסור איבערצוגעבן ערד פונם רשות פון כלל, פונם פאָלק, אינם רשות פונם יחיד, אין פּריוואַט־אייגנטום.

אונז דאַכט זיך, אַז די גרונדגעדאַנקען פון הערצל מוזן אויך היינט בילדן דעם אויסגאַנגספּונקט אין דער קאַפּיטאַל־פראַגע. ס'איז אָן אַ שום ספק, אַז ביי דער אַנטוויקלונג פון לאַנדווירטשאַפט, מסחר און אינדוסטריע קאָן מען זיך נישט באַגיין אָן אינוועסטיציע־קאַפּיטאַל, וואָס זוכט ריוח. ראשית כל איז אַ געזונטער פּראָגרעס פון די אַלע צווייגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט נישט מעגלעך אָן זייער לעבנסנערוו — דעם קרעדיט. גראָד אַזוי פאַרלאַנגען אינדוסטריעלע און אַגראַרע אונטערנעמונגען פון כל המינים געוואַלטיקע אינוועסטיציעס. ביידע קאָן מען קריגן אויף דעם געלט־מאַרק. מען קאָן אָן אַ גוזמא זאָגן, אַז פאַר האַנדלס־, אינדוסטריע און אַגראַר־קרעדיט, באַוואַסערונגס־ און עלעקטרישע ווערק, פאַרן בוי פון באַנען, טראַמוועגן און פּאָרטן, פאַר דער פאַרזאָרגונג פון די אויפבליענדע שטעט מיט וואַסער, ליכט און טעלעפאָן וכו' זיינען נויטיק מיליאַרדן. אָבער די מיליאַרדן קאָנען געזיכערט ווערן דורך דער מאָביליזירונג פונם אונטערנעמער־קאַפּיטאַל, וואָס זוכט אַזעלכע אינוועסטיציעס. בוי־טעכנישע, קאָמוניקאַטיווע און אינדוסטריעלע אַרבעטן זיינען אַ גוטע קאַפּיטאַל־אינוועסטיציע, וואָס באַצאָלט זיך. צו זייער דורכפירונג קאָן מען קריגן הלוואות, עס וועלן זיך בילדן אַקציען־געזעלשאַפטן, סינדיקאַטן, באַנק־קאָנצערנען, וואָס וועלן ליפערן אויף אַ געשעפטלעכן באַזיס די נויטיקע גרויסע קאַפּיטאַלן. די קאָלאָניאַל־באַנק אָדער, ווען נויטיק, אַ נייע טשאַרטער־געזעלשאַפט קאָן איבערנעמען די אויפגאַבע פון דער מוטער־אינסטיטוציע פאַר די אַלע אונטערנעמונגען. פאַר אַזעלכע אינוועסטיציעס צו קלייבן אַ פאָנד פון נדבות וואָלט געווען אומנויטיקע פאַרשווענדונג פון כחות און אַ טעות. וואָרום ביי דער גרעסטער קרבנות־גרייטשאַפט פון אונזערע מאַסן קאָן מען פון פרייוויליקע ביישטייערן נישט צונויפברענגען די געוואַלטיקע סכומים, וואָס זיינען נויטיק דערצו. פון דער אַנדערער זייט פאַרקלענערן מיר דערמיט די פינאַנציעלע באַטייליקונג דוקא פון די קאַפּיטאַל־שטאַרקע עלעמענטן אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. עס איז דאָך קלאָר, אַז à fonds perdu ד. ה. פאַר אַ קאַפּיטאַל־אינוועסטיציע, וואָס קערט זיך נישט אום, וואָס ברענגט דעם געבער נישט קיין צינזן און נישט קיין אַמאָרטיזאַציע, גיבן אַפילו די אידעאַליסטישע מענטשן נאָר אַ בער־

קליינעם טייל פון זייער פאַרמעגן, על כּל פּנים, אַ סך ווייניקער ווי זיי וואָלטן געבן פאַר אונטערנעמונגען אָדער אינסטיטוציעס, וואָס זיכערן זיי אַ באַשטימטן ריוח פון זייער קאַפּיטאַל. דערפון איז געדרונגען, אַז פאַר די ישוב-אַרבעטן, וואָס זיינען אַ ראַיעלע, געזיכערטע קאַפּיטאַל-אינוועסטיציע, זיינען נויטיק נישט נדבות-פאָנדן, נאָר פּריוואַט- און אונטערנעמער-קאַפּיטאַלן.

פונקט פאַרקערט איז די לאַגע ביי דער לאַנד-פראַגע. כּדי צו זיכערן ערד פאַר אַ אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַ גרויסן מאסשטאַב, איז נויטיק נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ל אַ נ ד פ אָ נ ד. ווייל די ערד זאָל ווי ווייט מעגלעך באַהאַנדלט ווערן נישט ווי אַן אָביעקט פון פּראָפיטן, נישט ווי אַ קאַפּיטאַל-אינוועסטיציע פון פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן אָדער געזעלשאַפטן. געשעפטלעכע טראַנזאַקציעס מיט ערד, נישט צו רעדן פון ספּעקולאַציעס, צו וועלכע זיי מוזן סוף כּל סוף פירן, ברענגען צו אַ דורכאויס אַנטי-סאָציאַלן און אַנטי-נאַציאָנאַלן מצב. דער גרויסער רוב פון די אידישע איינוואַנדערער, וואָס ווילן זיך פאַרבינדן מיט דער ערד פון ארץ-ישראל און זיך מפרנס זיין פון לאַנדאַרבעט, זיינען אָדער לחלוטין אָן קאַפּיטאַלן אָדער זיי האָבן זער קליינע פאַרמעגנס. זאָלן זיי געצוויטיקט זיין צו קויפן די ערד, פאַרשטייט זיך, אויף קרעדיט, ווייל זייער אייגענעם קאַפּיטאַל דאַרפן זיי האָבן פאַר די לויפנדע ווירטשאַפטס-הוצאות, דאַן קאָנען זיי גאָר שווער קריגן ווייטערע קרעדיטן פאַר דער ווירטשאַפט גופא (בנינים, אינווענטאַר, פלאַנצונגען וכו'). אין די לענדער פון קאָלאָניזאַציע גיט דערייבער די מלוכה די ערד פאַר ביידע קאָלאָניסטן צום גרעסטן טייל אומזיסט, אָדער אין ירושה-פאַכט, אָדער צו זער לייכטע אָפּצאָלונגס-באַדינגונגען מיט אַ שורה פון שטייער-פּריווילעגיעס און ערלייכטערונגען אין די ערשטע יאָרן. נאָך מער מוזן מיר זען לייכטער צו מאַכן דעם צוגאַנג צו דער ערד אונזערע קאָלאָניסטן און לאַנד-אַרבעטער, וואָס האָבן צו קעמפן נאָך מיט גאָר אַנדערע שוועריקייטן, אַ חוץ מאַנגל אין קאַפּיטאַל. מאַכן די ערד פאַר אַ קעגנשטאַנד פון מקח וממכר הייסט אַלזאָ: 1) אויסצושליסן פאַקטיש די ברייטע מאַסן איינוואַנדערער פון דער איינוואָרצלונג אין דער לאַנדווירטשאַפט; 2) קאָנצענטרירן די ערד אין די הענט פון ערד-הענדלער און ספּעקולאַנטן און שאַפן גרויסע ערד-באַזיצער; די ערשטע מאַכן פּראָפיטן פון דעם וואוקס פון די שטעט און דער געדיכטקייט פון דעם לאַנד-ישוב, ד. ה. ווערן רייך אויפן חשבון פון כּלל; די צווייטע שאַפן אַ לאַנד-פּראָלעטאַריאַט, וואָס פאַרלאָזט דאַן די ערד און דאָס לאַנד, און זיינען נוטה צו וואָלוועלער, ד. ה. נישט-אידישער אַרבעט; 3) די שליטה און די קאָנטראָל איבער דעם יסוד פון דער ישוב-אַרבעט — די ערד — גייט איבער אין די הענט פון יחידים און געזעלשאַפטן, וואָס ריכטן זיך נאָך פּראָפיט-אינטערעסן און נישט נאָך נאַציאָנאַלע און כּלל-אינטערעסן. מיר אָבער מוזן זען, אַז דער פאַקטישער בעל-הבית איבער דעם ווייט גרעסטן טייל פון דער ארץ-ישראל-ערד זאָל זיין דאָס אידישע פאָלק.

דעריבער האָט די ציוניסטישע באַוועגונג מיט רעכט איבערגעגעבן די פאַרענטפערונג פון דער לאַנדפראַגע נישט קיין געזעלשאַפטלעכע לאַנדגעזעלשאַפט, אָדער אַ לאַנד-באַנק. זי האָט אַרויסגענומען די ערד-פּאָליטיק פונם רשות פון דער פּריוואַטער אָדער סוחרישער איניציאַטיוו און געשאַפן אַ

נאַציאָנאַלן לאַנדפאָנד. דאָס באַדייט, ראשית, אַ פאָנד, וואָס ווערט געקליבן פון פרייוויליקע פאָלקסמיטלען און איז נישט מחויב צו געבן פּראָפיטן. והשנית, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג געמאַכט די ערד־נאַציאָנאַליזירונג צום עיקר פון דעם אידישן נאַציאָנאַלפאָנד. מיר זיינען, אמת, נישט אַזאַ רייך פאָלק, אַז מיר זאָלן קאָנען געבן אין נוצונג אונזער נאַציאָנאַלע ערד אומזיסט. דער נ״פ וועט זיין ערד נישט פאַרקויפן, נאָר געבן זי אין ירושה־פאַכט; יעדער פאַכטער איז זיכער פאַר זיך און זיינע קינדס־קינדער מיט די פירות פון זיין אַרבעט אויף דער ערד; ער מוז אָבער צאָלן אַ פאַכט־צינז, וואָס וועט מוזן זיין אַ מעסיקער, כדי צו העכערן די קרעדיט־פעאיקייט פון די נ״פ־פאַכטער און צוליב די אַלגעמיינע שוועריקייטן פון אַ אידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. אַלזאָ דער קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין דער ערד, ווערט נישט אַמאָרטיזירט אין זיין פאַרצינזונג (דורך דער אַרענדע) מוז זיין נידעריקער ווי די רוחים פונם אונטערנעמער־קאַפּיטאַל בכלל. דעריבער קאָן אַ נאַציאָנאַלער לאַנדפאָנד נישט צושטאַנדקומען אויפן געשעפטלעכן וועג. ער איז נישט קיין „רענטאַבלע אינוועסטיציע״ פאַר אונטערנעמער. דער נאַציאָנאַלפאָנד מוז אַפּעלירן צו די פאָלקסמאַסן, פאַר וועלכע ער איז געשאַפן, און צו די פאַרמעגנדע, וואָס פאַרשטייען זיין נויטיקייט, אַז זיי זאָלן זיך פרייוויליק באַשטייערן לטובת זייער נאַציאָנאַלן לאַנדפאָנד.

דערביי ווילן מיר אונטערשטרייכן, אַז לויט אונזער מיינונג איז דערמיט נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט צו מאָביליזירן אויך געשעפטלעכן קאַפּיטאַל פאַרן נ״פ, אויב ער נויטיקט זיך אין גרויסע סכומים אויף איינמאָל. מיר דענקען דערביי (צוליב פאַרשיידענע טעמים פון דער קרעדיט־פּאָליטיק פונם נ״פ לטובת זיינע פעכטער) נישט אין ערשטער שורה וועגן דער מעגלעכקייט אויפצונעמען היפּאָטעקן אויף דער נ״פ־ערד. מיר האַלטן אָבער פאַר זער גוט דיסקוטאַבעל דאָס צונויפברענגען פון נ״פ־הלואות. ביי אַ געזיכערטער יערלעכער הכנסה פון עטלעכע מיליאָן פראַנק (און דאָס איז דאָך נישט מער קיין סברא, נאָר אַ זיכערע מעגלעכקייט) קאָן דער נ״פ באַשטימען, למשל, איין מיליאָן פראַנק אַלס פאַרצינזונג פאַר 5־פּראָצענטיקע אָבליגאַציעס, וואָס ער גיט אַרויס. אויף אַזאַ אופן וואָלט ער געקאָנט אונטער דער גאַראַנטיע פון זיינע הכנסות קריגן אַ הלואה פון 20 מיליאָן פראַנק. דערגרייכן צ. ב. די נ״פ־הכנסות אַ געזיכערטן מינימום פון 10 מיליאָן און רעזערווירט ער די העלפט פאַר צינזן־צאָלונגען, דאַן קאָן דער נ״פ (ביי 5%) מאָביליזירן פאַר זיינע צוועקן דורך אַ הלואה 100 מיליאָן פראַנק.

אָבער, ווי די לעזער האָבן זיכער נישט פאַרזען, דער יסוד פון דער קאַפּיטאַל־מאָביליזירונג און פון דעם צוטרוי פונם פובליקום זיינען אויך ביי דער געשעפטלעכער אָפּעראַציע די הכנסות פונם א. נ. פ., וואָס קומען צו אויף פון נדבות און פון דער פרייוויליקער באַשטייערונג פאַר אים, אַלזאָ

דער נ"פ בלייבט אין זיין פינאַנץ-פּאָליטיק אָפּהענגיק פון דעם נדבות קאַפּיטאַל.

אַזוי קומען מיר צו אַ מין פאַרטיילונג פון די פאַרשיידענע טעטי-קייטס-ספערן פון ביידע סאָרטן קאַפּיטאַל, וואָס קאָנען אָרגאַניזירט ווערן פאַר דער ישוב-אַרבעט אין א"י. בעת פאַר רענטאַבלע אונטערנעמונגען איז אַ חסרון צו קלייבן פאָנדן, און ס'איז נויטיק און אויך גוט מעגלעך צו מאָ-ביליזירן פאַר זיי אינוועסטיציע-קאַפּיטאַל, איז פאַרקערט, פאַר נאַציאָנאַלע פאָנדן נישט מעגלעך קיין געשעפטלעכע פינאַנסירונג און מען מוז זיי באַזירן אויף דער פרייוויליקער באַשטייערונג פון די פאָלקסמאַסן.

דער וועג פון פרייוויליקער באַשטייערונג פון אַ פאָלק איז געוויס נישט קיין איינפאַכער. ס'איז אודאי לייכטער צוצוציען געשעפטס-קאַפּיטאַל, ווי צו אַפּעלירן צום גוטן ווילן, צום אחריות-געפיל און צו דער קרבנות-גרייטשאַפט פון די פאָלקסמאַסן. נאָך אַלעמען האָט אויך דאָס קלייבן פון פאָנדן געוויסע גרענעצן. יעדער יחיד קאָן געבן נאָר אַ באַשטימטן טייל פון זיין פריוואַט-בודזשעט פאַר נדבות; דעריבער ווערן אויך די הכנסות פונעם נאַציאָנאַלפאָנד שטענדיק בלייבן אין אַ באַשטימטער פאַרהעלטעניש צום וואוילשטאַנד פון די אידישע פאָלקסמאַסן. זאָל דער נ"פ נישט ליידן ערנסט פון די שוועריקייטן, מוז ער באַוואָרנט ווערן פון צוויי זייטן. עס מוז גע-שטרעבט ווערן דערצו, אַז די צוויי פונדאַמענטאַל פאַרשיידענע צווייגן פון דער ישוב-אַרבעט זאָלן נישט משיג גבול זיין איינער דעם אַנדערן. אין סכנה איז דערביי באמת נאָר דער נ"פ, וואָרום ס'איז דאָך נישט מעגלעך צו קלייבן אַ נאַציאָנאַלן לאַנדפאָנד אויף אַקציעס; מען דאַרף זיך אָבער אויך היטן צו קלייבן פאָנדן פאַר צוועקן, וואָס קאָנען יאָ פינאַנסירט ווערן דורך אַקציעס. פאַר די צוועקן, ווי מיר האָבן שוין געוויזן, איז דאָס קיין טובה נישט. דערפאַר אָבער ווערט פאַרקלענערט די פאָלקס-ענערגיע, וואָס וואָלט געקאָנט אויסגענוצט ווערן פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן.

די מיטלען, וואָס זיינען נויטיק, כדי צו זיכערן גרויסע שטרעקעס ערד פאַר אַ ברייטער פאָלקס-קאָלאָניזאַציע, בילדן נאָר אַ טייל פון די קאַפּיטאַלן, וואָס די ישוב-אַרבעט בכלל פאָדערט; אָבער זיי זיינען גרויס גענוג. אַפילו מען זאָל אָננעמען, אַז גרויסע שטרעקעס לאַנד קאָנען ווערן אייגנטום פונעם נ"פ אָן באַצאָלונג, וועט ער נאָך זיכער מוזן אַ סך קויפן און אין יעדן פאַל וועט זיך דער נ"פ נויטיקן אין גרויסע מיטלען, כדי צוצוגרייטן די ערד פאַר קאָלאָניזאַציע, מאַכן זי אייגטראָגס-פעאיק פאַר אידישע קאָלאָניסטן. כדי צו קריגן אַ השגה פון די קאַפּיטאַלן, וואָס דער אידישער נאַציאָנאַלפאָנד דאַרף צונויפברענגען, ווילן מיר זיך באַגרענעצן מיט דער לאַנדווירטשאַפט און באַנוצן די אויסרעכענונגען פון א. ג. ר. עקיבא עטינגער אין זיין באַקאַנטער אַרבעט איבער „מע-טאָדן און קאַפּיטאַל-באַדאַרף". מיר נעמען דערביי אַ טאָפּל גרויסע צאָל פון קאָלאָניסטן- און אַרבעטער-ווירטשאַפטן, ווי דער געשעצטער מחבר. שטעלן מיר זיך אַלזאָ פאַר די אויפגאַבע צו שאַפן צוויי הונדערט טויזנט

אַזעלכע ווירטשאַפטן. דאָס באַדייט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג פון איין מיליאָן נפשות, און דערצו קומען בערך נאָך איין מיליאָן לאַנדאַרבעטער, בעלי-מלאכות, פאַרטרעטער פון פרייע פּראָפעסיעס א. א. וו. בסך הכל אַ דאָרפישער ישוב פון צוויי מיליאָנען אידן. די פאַרטיילונג פון די 200.000 ווירטשאַפטן קאָן זיין בערך אויף אזא אופן:

1) 30.000 ריינע אַקערבוי-ווירטשאַפטן צו 20 העקטאַר, ס״ה 600,000 העקטאַר.

2) 40.000 ווירטשאַפטן מיט אינטענסיווער בהמות-האַלטונג צו 10 ה. אַ., ס״ה 400.000 ה. א.

3) 30.000 ווירטשאַפטן מיט נישט באַוואַסערטע פלאַנצונגען צו 7,5 ה. א., ס״ה 225.000 ה. א.

4) 20.000 ווירטשאַפטן מיט באַוואַסערטע פלאַנצונגען צו 4 ה. א., ס״ה 80.000 העקטאַר.

5) 20.000 ווירטשאַפטן מיט איריגירטער גרינס-גערטנעריי צו 2 ה. א., ס״ה 40.000 ה. א.

6) 60,000 אַרבעטער-קליין-ווירטשאַפטן (40.000 צו $1/2$ ה. א., 20.000 צו 2 ה. א.) ס״ה 60,000 העקטאַר.

ע ט י נ ג ע ר נעמט אָן ערד-פרייזן ווי פאַר דער מלחמה: 50 ביז 75 פראַנק אַ דונאַם נישט באַוואַסערטע ערד. 150 פראַנק אַ דונאַם ערד, וואָס קאָן איריגירט ווערן. מיר קומען דאַן צום רעזולטאַט, אַז די 1.400.000 העקטאַר (אָדער 15 מיליאָן דונאַם) דאַרפן קאָסטן כמעט א י י ן מ י ל י א ר ד (גענויער 950 מיליאָן) פ ר א נ ק. אייַנגערעכנט צום טייל די נויטיקע ערד-אַמעליאָראַציעס (פאַרבעסערונגען) און לאַנד-רעזערוו פאַר די קאָלאָניעס*). רעכנט מען דערצו הוצאות אויף באַוועלדערונג און אַרבעטער-הייזער, קומט מען צו אַ קאַפּיטאַל פון בערך 1.300 מיליאָן פראַנק. מיר נעמען אָבער נישט אָן, אַז דער ב״פ אַליין וועט אויסקויפן אָט די גרויסע שטחים לאַנד. מיר ווילן דאָ נישט באַטראַכטן פּרינציפּיעל די פראַגע, וועלכער טייל פון דער ארץ-ישראל-ערד מוז ווערן דער רכוש פונם אידישן נאַציאָנאַלפאָנד, כדי די נאַציאָנאַלע לאַנד-פּאָליטיק זאָל זיין געזיכערט, און וועלכע מאָס פון פרייער טעטיקייט קאָן מען איבערלאָזן דער פּריוואַטער איניציאַטיוו. מיר גייען אַרויס פון אַ ריין פּראַקטישן שטאַנדפונקט און מאַכן אַזאַ מין הנחה: אַלע „טרוקענע״ און „באַוואַסערטע״ פלאַנצער, ד. ה. די קאַפּיטאַל-אינטענסיווסטע ווירטשאַפטס-טיפּן, ביי וועלכע דער אייגענער קאַפּיטאַל איז גענוג

*) דער גאַנצער חשבון מוז באַטראַכט און קאָריגירט ווערן אינם ליכט פון אונזערע שפּעטערדיקע און גענויערע אויסרעכענונגען איבער דעם קולטור-פעאיקן שטח פון ארץ-ישראל און דער צאָל פאַמיליען-ווירטשאַפטן, וואָס עס קאָן מפרנס זיין. בפרט, איז נישט רעאַל די הנחה פון אַזאַ גרויסן אידישן לאַנדבאַזיץ. זע „די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפנאַמס-פעאיקייט פון ארץ ישראל, ניי קאָנטראָלירט״.
ש. ק.

הויך (נאָך עטינגער 15 און 21 טויזנט פראַנק) און דער ווערט פון דער ערד בערך נישט גרויס (6000—7000 פר.), באַזעצן זיך אויף אייגענער ערד, ד. ה. 300.000 העקטאַר פאַר די 50.000 פלאַנצער ווערן געקויפט דורך לאַנד-געזעלשאַפטן און בלייבן פּריוואַט-אייגנטום. אויף נאַציאָנאַלפאָנד-ערד באַזעצן זיך די אַקער-פויערן, פיה-האַלטונגס-פאַרמער, גרינס-גערטנער און אַרבעטער — אַלץ עלעמענטן, וואָס מוזן אַליין אַרבעטן אין זייערע ווירטשאַפטן און האָבן אַן אייגענעם קאַפּיטאַל פון 3 ביז 5 טויזנט פראַנק, אָדער נאָר אַ פאָר הונדערט פראַנק (אַרבעטער). פאַר די 150.000 קאָלאָניסטן דאַרף דער נ״פ צושטעלן 1.100.000 העקטאַר, וואָס דאַרפן קאָסטן 700 מיליאָנען פר. מיט אַנדערע ווערטער ביי אַזאַ מין „ספּערן-פאַרטיילונג" צווישן נאַציאָנאַלער און פּריוואַטער איניציאַטיוו מוז דער נ״פ באַזיצן 80% פון דער ערד אונטער לאַנדווירטשאַפט און מוז צושטעלן 75% פון דעם גאַנצן לאַנד-קאַפּיטאַל *). דערביי איז נישט מיטגערעכנט די באַטייליקונג פונם נ״פ אין דער שטאָטיקער קאָלאָניזאַציע, וואו מען וועט זיך זיכער נישט קאָנען באַגיין אָן אַ נאַציאָנאַלן רעגולאַטאָר. ס'איז בכן גאָר נישט צופיל געזאָגט, ווען אין דעם מאַניפעסט פון דער פאַרוואַלטונג פונם אידישן נאַציאָנאַלפאָנד צו די אידן פון אַלע לענדער איז אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז דער נאַציאָנאַלפאָנד דאַרף האָבן הונדערטער מיליאָנען, כדי צו ערפילן זיין היסטאָרישע שליחות.

דער פועל-יוצא ליגט אויף דער צונג. ווילן מיר באמתן פאַרענטפערן אונזער לאַנדפראַגע אין ארץ-ישראל אין נאַציאָנאַלן זין און בהסכם מיט די אינטערעסן פון אונזערע ברייטע אַרבעטנדע מאַסן, דאַן מוזן מיר זען אַפּצורוימען אַלע שוועריקייטן פונם וועג פון דעם אידישן נאַציאָנאַלפאָנד און קאָנצענטרירן אויף אים די גאַנצע קרבנות-גרייטשאַפט פון דער אידישער געזעלשאַפט.

האַאַג, 1918.

---

*) דערמיט זאָל בשום אופן נישט געזאָגט ווערן, אַז די אָנגענומענע „ספּערן-פאַרטיילונג" איז צוועקמעסיק אָדער געוואונטשן. פאַרקערט, דער געמאַכטער חשבון באַווייזט, ווי ווייניק מען געווינט דורך אַזאַ קאָנצעסיע כלפּי דער פּריוואַטער איניציאַטיוו, — אַ קאַפּיטאַל-עקאָנאָמיע פון קוים 25 פּראָצ. באמתן זיינען אָבער די סכנות פון פּריוואַטן אייגנטום, אין פּרינציפּ און אין דער פּראַקטיק, באַזונדערס גרויס דווקא ביי פּלאַנצונגסלאַנד. דאָ איז אַמשטאַרקסטן ביישטיין דעם נסיון פון האַלוועלער, נישט-אידישער לוינאַרבעט און פון שפּעקולירן מיט גוט רענטאַבלע ווירטשאַפטן. דער נאַציאָנאַלפאָנד האָט דעריבער צוליב די דערמאָנטע ווי אויך צוליב אַנדערע טעמים נישט קיין יסוד, צו עלימינירן פון זיין טעטיקייטס-ספערע די לענדערייען וואָס טויגן פאַר פּלאַנטאַציעס.

באַזעצונג פון אַרבעטנדע מאַסן אין ארץ־ישראל*

1. לאַנדפּאָליטיק

עס איז אַ קוים אויספירבאַרע אויפגאַבע צו זאָגן אין אַ צייטונגס־אַרטיקל, וואָס דאַרפן זיין די פאָדערונגען און מעטאָדן פון דער אַרבעטער־שאַפט בנוגע דער ישוב־אַרבעט אין ארץ־ישראל. מען קומט אין סכּנה אַריינ־צופאַלן אין אַ מאַניפעסט־טאָן, וואָס דעקלאַרירט אָבער באַווייזט נישט, אָדער צו באַרירן אויבערפלעכלעך בלויז ראשי־פּרקים.

קודם־כּל זאָל פעסטגעשטעלט ווערן, אַז מיר, פּועלי־ציון, טרעטן צו צו די פּראָבלעמען פון דער א״י־קאָלאָניזאַציע נישט מיט אַ פּאַרטיקער סאָ־ציאַליסטישער סכעמע, ווי אַ סך מיינען. מיר זיינען געקומען צו אונזער ישוב־פּראָגראַם נישט פון דעם גרינעם טיש, נאָר אויפן יסוד פון די פאַקטן פון דער ארץ־ישראל־קאָלאָניזאַציע און פון די באַדערפענישן פון די ברייטע מאַסן, וואָס זוכן אין א״י אַן עקזיסטענץ פון אַרבעט.

דער ערשטער לייטנדער געדאַנק פון אַ געזונטן ישוב־פּלאַן מוז זיין די דערמעגלעכונג פון אַ גרויסער, שטענדיק־וואַקסנדער איינוואַנדערונג פון אידישע פאָלקסמאַסן קיין ארץ־ישראל. דאָס מיינט די באַשאַפונג פון געזי־כערטע אַרבעטס־געלעגנהייטן פאַר זיי. דאָס פאַרלאַנגט די לאַגע פון די רו־אינירטע מאַסן, ווי די אַלגעמיינע גיכע אַנטוויקלונג פונם מזרח; אַנדערש איז נישט מעגלעך צו שאַפן אין ארץ־ישראל, נאָך אין אונזערע טעג, אַ אידישע מערהייט. די קאָמיסיע פונם וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון האָט אויפ־געשטעלט אַ פּלאַן צו באַזעצן אין א״י אין די ערשטע צען יאָר איין מיל־יאָן אידן. ד״ר רופּין רעכנט, אַז דערצו וועלן נויטיק זיין בערך 20—25 יאָר. אָבער אויך ער רעכנט מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון צוויי מיל־יאָן נאָך דרייסיק יאָר.

די טענדענץ פון אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע דאַרף אָבער נישט פאַררוקן אין אַ זייט דאָס באַדערפעניש פון אַ סיסטעמאַטישער קאָלאָניזאַציע, פון אַ פּלאַנמעסיקער ישוב־אַרבעט, צוגעפּאַסט צו די נויטן פון דעם אידישן לעבן און די מעגלעכקייטן פון ארץ־ישראל. עס וואָלט געווען דער גרעסטער פע־לער, אויב יאָגנדיק זיך נאָך גרויסע צאָלן און נאָך באַלדיקער הילף, זאָלן מיר אַריינפאַלן אין אַ פּרינציפּלאָזן מאָמענטאַליזם און פאַרזען פונדאַמענ־טאַלע פאַקטן און אמתן.

אַ פאָר פון זיי איז כדאַי דאָ צו דערמאָנען. ראשית, אַז צוליב אונזער אייגענער עקאָנאָמישער אויפלעבונג און כדי צו באַהערשן ממשותדיק ארץ־ישראל, מוזן מיר קודם־כל געווינען וואָרצלען אין דער ערד און אויפבויען אַ מעגלעכסט ברייטן לאַנדווירטשאַפטלעכן יסוד; מוזן מיר קריגן אין אונזער באַזיץ די וויכטיקסטע קאָמוניקאַציע־פעדעם און אויפבויען די אינדוסטריע־צווייגן, וואָס באַשטימען דעם כאַראַקטער פונם לאַנד. אַ צווייטער וויכטיקער פאַקט איז דער באַנאַלער אמת, אַז עס באַזיצן אַ לאַנד נישט די גרונדבאַזיצער, די אַקציאָנערן פון באַן־ און פאָרט־סינדיקאַטן, אָדער די פאַבריקאַנטן, נאָר דאָס לאַנד געהערט עקאָנאָמיש, קולטורעל און פאָליטיש צו די, וואָס באַאַרבעטן די ערד, בויען די באַנען און פאָרטן, און אַרבעטן אין די פאַבריקן. אַזוי פירן ביידע באַדערפענישן — דער אַרבעטס־דורשט פון דער אידישער מאַסע און די זיכערונג פון א״י אַלס אַרבעטס־אייגנטום פון אידישן פאָלק — צו איין רעזולטאַט: צו דער פאָדערונג פון אַן אַרבעטס־קאָלאָניזאַציע, וואָס איר אויסגאַנגספונקט און ציל איז די באַשאַפונג פון אַ אידישן אַרבעטס־פאָלק אין ארץ־ישראל.

עס באַשטייען נישט קיין חלוקי דעות דעריבער, אַז סיי פונם שטאַנדפונקט פון פלאַנמעסיקייט, סיי כדי צו שאַפן תיכף באַשעפטיקונג פאַר צענדליקער טויזנטער איינוואַנדערער, דאַרף מען באַלד צוטרעטן צו דער צוגרייטונג פון גרויסע שטרעקעס ערד פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע און צו גרויסע עפנטלעכע אַרבעטן.

עס שווימט אַרויף תיכף די פראַגע, וואָס פאַר אַ ערד־אייגנטום זאָל איינגעפירט ווערן אין פאַלעסטינע. פון אונזער אַגראַר־פאָליטיק הענגט אויך אָפ אין אַ גרויסער מאָס די אַנטוויקלונג פון די אידיש־אַראַבישע באַציאונגען.

שוין ביי דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, אינם יאָר 1919, האָבן מיר, קעגן די קאָלאָניסטישע פאַנאַטיקער און דעם מזרחי, דורכגעזעצט לפחות די פאָדערונג, אַז די מלוכה־ און הפקר־לענדערייען, ווי אויך די ערד פון די גרויסע גרונדבאַזיצער, וואָס ווערן עקספראָפריאירט אין די אינטערעסן פון קאָלאָניזאַציע, זאָלן ווערן נישט פריוואַט־אייגנטום פון יחידים, נאָר אידיש פאָלקס־אייגנטום, באַזיץ פונם נאַציאָנאַלפאָנד. אַפילו די בעלי־בתים האָבן געפילט, אַז עקספראָפריאירן אַן עפענדי, כדי אויף זיין אָרט אַוועקזעצן אַ אידישן עפענדי, איז אוממעגלעך פאָליטיש און סאָציאַל. אָבער די מערהייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג ערוואַרט נאָך אַלץ, אַז דער פרייער האַנדל מיט ערד, איר אויפקויפן דורך פריוואַטן קאַפיטאַל וועט פאַרגרינגערן די „גאולת־האָרץ״.

וועמען קאָן צונוצקומען דער פרייער מקח וממכר מיט ערד? נישט דער ברייטער מאַסע אידישע קאָלאָניסטן. זיי קומען קיין א״י אָן קיין שום קאַפיטאַלן, אָדער מיט זייער קנאַפע מיטלען. בפרט איצט נאָכן מזרח־אייראָפעאישן חורבן. זייער פאַרלאַנג מוז זיין פרייער צוטריט צום לאַנד. קויפן ערד אַלס פריוואַט־אייגנטום וועלן זיד נאר פאַרגינען רייכע אידן. וועל־

כע וועלן באַארבעטן דאָס לאַנד ווי זייער האָרץ גלוסט, ד. ה„ מיט די וואַלוולסטע לוין-שקלאַפן, וואָס זיי קאָנען קריגן. די אידישע פריצישע לענ-דערייען און פלאַנטאַציעס וועלן גראָד אַזוי ווייניק זיין אָן אַרבעטס-פלאַץ פאַר אידישע לאַנדאַרבעטער, ווי די הייַנטיקע פריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע קאָ-לאָניעס, וואו אויף טויזנט אידישע בעלי-בתים זייַנען פאַראַן קוים טויזנט אידישע לאַנדאַרבעטער, אָבער פינף ביז זעקס מאָל אַזוי פיל פעלאַכן, בע-דואינער, מאַראָקאַנער א. א. ווייטער וועלן פונם פרייען האַנדל מיט ערד פּראָפיטירן אידישע און נישט-אידישע — קודם-כל מצרישע — ספּעקולאַנטן, וואָס וועלן אויפקויפן שטיקער לאַנד, כדי צו אויפוואוכערן די לאַנד-הונגע-ריקע אייַנוואַנדערער און כדי צו עקספּלואַטירן די דירות-נויט אין די וואַקסנדע שטעט.

דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער שאָדן פון פּריוואַטן ערד-אייגנטום איז אָן אַ שיעור גרויס. ער פאַרשפּאַרט די אידישע פאָלקסמאַסן דעם צוגאַנג צום לאַנד און צו דער לאַנדווירטשאַפט, שאַפט אַ קלאַס פון אידישע לאַנד-באַזיצער אַנטקעגן אַ מאַסע נישט אידישע אַגראַרע לוין-אַרבעטער. וועלכן ווערט האָט דאַן די „מעלה״, אַז דער פּריוואַט-קאַפּיטאַל וועט מאָבילעזירן גרויסע סומעס אויף „אויסצולייזן״ די ערד? אין ניין פון צען פאַלן וועט זי זיין נישט אידיש אַרבעטס-אייגנטום, און אַ חוץ דעם איז די גאַנצע „מאָבילעזאַציע״ אין אַ גרויסן ספק.

וואָס מער געלט אונזערע אייגנטומס-פאַנאַטיקער לייגן אַריין אין לאַנד, אַלץ ווייניקער בלייבט פאַר די אייגנטלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע אינוועסטי-ציעס, אַלץ גרעסער דער קרעדיט פון בענק און ישוב-אינסטיטוציעס, וועלכן זיי דאַרפן דאַן האָבן. דאָס מיינט, אַז נאָך אַלעמען קויפן זיי זייער נחלה דאָך מיט כלל-געלטער, און זיי „דעמאָבילעזירן״ מיט איין האַנט דאָס וואָס זיי האָבן כלומרשט „מאָבילעזירט״ מיט דער אַנדערער האַנט.

דעריבער איז די פאָדערונג פון נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד אַ קאַרדינאַלע אין אונזער ישוב-פּראָגראַם. זי וואָלט געדאַרפט און געקאָנט דורכגעפירט ווערן אַלגעמיין. אָבער כדי נישט צו געבן די עפענדיס די מעגלעכקייט אויפצוהעצן די פעלאַכן, מוז מען דערווייל אויסשליסן פון דער ראַדיקאַלער לאַנד-רעפאָרם די אַראַבישע פויערן-דערפער, וואו עס הערשט פּרימיטיווער קאָמוניזם אָדער פּריוואַט-באַזיץ. אָבער דער פרייער האַנדל מיט ערד מוז גענזלעך פאַרבאָטן ווערן, און אַ געזעץ פון עקספּראָפּריאַציע מוז מעגלעך מאַכן איבערצונעמען גרויסע לענדערייען איבער אַ געוויסן מאַקסי-מום-שטח (מיט אַנטשעדיקונג). פון די פוסטע, נישט קולטיווירטע, הפקר- און מלוכה-לענדערייען און פון עקספּראָפּריאירטער פּריצישער ערד וועט געשאַפן ווערן דער ק אָ ל אָ נ י ז אַ ט אָ ר י ש ע ר ל אַ נ ד - ר ע ז ע ר וו וואָס דאַרף באַנוצט ווערן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע, ווי אויך פאַר דער לאַנד-אָרע-מער אָרטיקער פויערן-באַפעלקערונג. די אַראַבישע פעכטער אויף פּריצישער ערד דאַרפן קריגן אַ פאַכט-רעכט אויף אַ מינימום שטח לאַנד.

דאָס זייַנען די הויפּט-פּונקטן פון אַ לאַנדפּאָליטיק, וואָס זיכערט די

אידישע פאָלקסמאַסן ערד פאַר זייער באַזעצונג און באַשיצט אין דער אייגענער צייט די אַרבעטנדע אַראַבישע פויערן. דער צווייטער שריט איז די צוגרייטונג פון דער ערד פאַר באַזעצונג. דאָס זיינען אַמעליאָראַציע-און ווירטשאַפטס-אַרבעטן, וואָס קאָנען באַשעפטיקן באַדייטנדע אַרבעטערמאַסן. דערביי מאַכן מיר די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס אָדער קבוצות פאַר דעם צוועק. וואָרום דאָס ווערט אַלגעמיין צוגעגעבן, אַז די דאָזיקע אָקופּאַציע-אַרבעטן ווערן אַמבעסטן דורכגעפירט פון אַזעלכע קאָאָפּעראַציעס. די קאָאָפּעראַציע איז אָבער די לעבנס-פעאיקסטע פאָרם פון ווירטשאַפט אויך אין דעם ווייטערדיקסטן פּראָצעס פון קאָלאָניזאַציע. מיר האָבן נישט קיין פּאַרטיקן אידישן פויער, וועלכן מען קאָן באַזעצן אויף זיין אייגענער פאַרם. נאָך ווייניקער האָבן מיר די אידישע פויערן-פרוי. דער אידישער לאַנדאַרבעטער מוז אַלזאָ גיין דורך דעם קאָאָפּעראַטיוון גרויס-באַטריב, כדי אויסצולערנען זיך די לאַנדווירטשאַפט. עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז ווען די אַרבעטן וועלן קומען צו דער מדרגה, וועלן זיי אויפטיילן די קאָאָפּעראַטיווע גרויסווירטשאַפט און ווערן אינדיווידועלע פאַרמער, קליין-פויערן. פּרינציפּיעל קאָן מען קעגן דעם גאָרנישט האָבן. עס געהערט צום פּרינציפּ פון דער קבוצה, אַז די חברים מוזן האָבן די פרייהייט אַרויסצוגיין פון איר. אָבער מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער קאָאָפּעראַטיווער גרויס-באַטריב איז טעכניש פּראָגרעסיווער פאַר דער איינצל-ווירטשאפט און, ווי עס זאָל נישט קלינגען ווי אַ סתירה צום אידישן אינדיווידואַליזם, אויך פּסיכאָלאָגיש צוגעפּאַסטער צום אידישן אַרבעטער, בפרט צו דעם לעבנסשטייגער פון דער אידישער פרוי, ווי די איינצלווירטשאַפט, וואָס מאַכט פון דעם פויער און זיין פרוי האַלבע אַרבעטס-בהמות.

מיר זעען אַלזאָ אַז נישט בלויז סאָציאַליסטישע וואונשן אָדער ביבלישע ראָמאַנטיק, נאָר די לאָגיק פון די פאַקטן, דער אַרבעטס- אַזוי גוט ווי דער נאַציאָנאַלער אינטערעס פון די אידישע מאַסן צווינגען אונז צו בויען די אידישע לאַנדווירטשאַפט אויף די יסודות פון ערד-נאַציאָנאַליזאַציע און קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט. נאָר די קבוצה קאָן צוגרייטן די ערד פון א״י, ברענגען איר אויף אַ מדרגה פון פּראָדוקטיוויטעט, וואָס וועט מאַכן מעגלעך און רענטאַבל די באַזעצונג פון אידישע קאָלאָניסטן מיט קולטורעלע תביעות פון אַן אייראָפּעער. נאָר די פּאַרצווייגטע פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע וועט אונז צוגרייטן דעם אידישן לאַנד-אַרבעטער, מאַכן פון דעם שטאָט-פּראָלעטאַריער אַ גוטן פאַרמער.

באַדייט דער אָנגעצייכנטע ישוב-מעטאָד, אַז מיר דענקען צו בויען די א״י-דיקע לאַנדווירטשאַפט נאָר מיטן נדבות-קאַפּיטאַל פון אַ נאַציאָנאַלן לאַנדפאָנד? דאָס איז אַ טעות. עס בלייבט אויך גענוג פּלאַץ פאַרן פּריוואַטן קאַפּיטאַל. נאָך מער, מיר מוזן אים האָבן. מיר מוזן אים מאָביליזירן אין דער פאָרם פון אַקציען-קאַפּיטאַל און אָבליגאַציעס פאַר אַגראַר-בענק און ענלעכע אינסטיטוטן, וואָס מוזן פאַרזאָרגן מיט אַגראַר-קרעדיט סיי אונזערע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, סיי אונזערע איינצל-פויערן. מיר מוזן אים מאָביליזירן

אַלס באַנק-קרעדיט פאַר אונזערע אַרבעטס-קבוצות פאַר דער אַמעליארירונג פון דער ערד. ער האָט אויך פּלאַץ – אין דער פאָרם פון אַחוזה-געזעלשאַפטן, למשל – אַלס אינוועסטיציע-קאַפּיטאַל אין געוויסע קאַפּיטאַל-אינטענסיווע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, אויב ער וואַרפט זיך אונטער די צוויי באַדינגונגען: נאַציאָנאַליזירטע ערד און – אָנשטאָט אַדמיניסטראַטיווער באַווירטשאַפטונג דורך לוינאַרבעטער אונטער דער בייטש פון אַ משגיח – לאַנגיאָריקע קאָנטראַקטן מיט קאָאָפּעראַטיוו-אָרגאַניזירטע אידישע לאַנדאַרבעטער.

2. עפנטלעכע אונטערנעמונגען.

לויט די אויסרעכענונגען פון דער ארץ-ישראל-קאָמיסיע פונם וועלט-פאַרבאַנד פועלי-ציון און פון ד״ר רופּין דאַרף מען האָבן פאַר די עפנטלעכע אַרבעטן, וואָס זיינען נויטיק ביי דער באַזעצונג פון אַ מיליאָן מענטשן, 150 ביז 200 טויזנט אַרבעטער *). פאַרטיילן זיך די אַרבעטן אויף בערך צען יאָר, דאַן הייסט עס, אַז מען דאַרף האָבן בערך צוואַנציק טויזנט אַרבעטער אַ יאָר. אויף אויסצובויען די נויטיקע דירות און ווירטשאַפטס-בנינים פאַר אַ מיליאָן נייע איינוואַנדערער דאַרפן בערך 50 טויזנט מענטשן אַרבעטן צען יאָר. באמתן וועלן ביי די אַלע אַרבעטן באַשעפטיקט זיין די גאַנצע צייט נישט די אייגענע 70 טויזנט מענטשן, נאָר אַ סך מער. די קוואַליפיצירטע אַרבעטער קאָנען צום טייל בלייבן דורך יאָרן די אייגענע; זיי זיינען אָבער העכסטנס אַ דריטל. די אַנדערע אַרבעטער וועלן זיך עטלעכע מאָל בייטן. ווייל איינע פון די הויפּט-אויפגאַבן פון אַ פּלאַנמעסיקער ישוב-אַרבעט איז, אַריבערצופירן די איינוואַנדערער פון די עפנטלעכע אַרבעטן, וואָס נויטיקן זיך נאָר אַ קורצע צייט אין אַ סך הענט, צו שטענדיקע, פּערמאַנענטע ווירטשאַפטס-צווייגן.

ביי די עפנטלעכע אַרבעטן, גראָד אַזוי ווי ביי דער לאַנדפראַגע, הויבט זיך אויף דאָס פּראָבלעם פון פּריוואַט-אייגנטום און נאַציאָנאַלן באַזיץ. נאָר איז די קלאָרשטעלונג אין דעם פאַל לייכטער. דער דורכשניטלעכער קליינבירגער האָט פאַר זיינע אויגן נאָר ערד. אויף פּריוואַטן באַזיץ, ער קאָן קוים משיג זיין אַזאַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג ווי די נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ערד. ער טענהט דעריבער, אַז דאָס איז קעגן דער פּסיכאָלאָגיע, קעגן דער מענטשלעכער נאַטור, אויב נישט קעגן גאָטס וועלט-אָרדנונג אַליין. אַנדערש ביי די קאָמוניקאַטיווע אונטערנעמונגען, וועלכע מען האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו באַטראַכטן נישט אַלס רשות היחיד, נאָר אַלס רשות הרבים, אַלס כּלל-נוצלעכע אונטערנעמונגען. זיי זיינען אין נאָר אַ סך לענדער פאַרשטאַטלעכט, אָדער מוניציפּאַליזירט. געוויס, מלוכה-

---

*) די ארץ-ישראל-אַרבעט, זייט 8—127, יפו, 1920.

Dr. A. Ruphin. Der Aufbau des Landes Israel, S. 101 ff, Berlin, 1919.

אייגנטום איז נאך נישט נאציאנאליזאציע אין אונזער זין. ס'איז גיכער שטאטס-קאפיטאליזם, אבער א שריט צו סאציאליזאציע איז עס דאך א גרויסער. ווייל עס בלייבט דאן נאר דער קאמף פאר גרעסערע פראדוקציע-קאנטראל מצד די ארבעטער, פאר וואס מער זעלבסטפארוואלטונג אינם באטריב. די קאפיטאליסטן פארשטייען גאנץ גוט, אז די פארשטאטלעכונג איז א גרויסע הנחה דעם סאציאליזם. דעריבער גייט איצט אן אומעטום א שטורמישער קאמף קעגן דער פלומרשטער שלעכטקייט און טייערקייט פון דער מלוכה-פארוואלטונג. די „פרייע אונטערנעמער-איניציאטיוו" האלט דעם אנפאל פאר דעם בעסטן פארטיידיקונגס-מעטאד און איז איבערגעגאנגען צו דער אפענסיווע.

די קאנטראל פון דעם טראנספארט-סיסטעם, פון דער איריגאציע און פון די מאטארישע כחות פונם לאנד, איז פאקטיש די קאנטראל איבער דעם עקאנאמישן וואוקס פון א"י, קודם-כל אבער איבער דעם פראצעס פון קאלאניזאציע. ס'איז אלזא א נויטוועדיקייט, אז אלע עפנטלעכע, כלל-נוציקע אונטערנעמונגען זאלן נישט זיין אין די הענט פון פריוואטע סינדיקאטן אדער אונטערנעמער, וואס קאנען אויסנוצן זייער מאכט, כדי צו פארטייערן און צו פארשווערן די אידישע קאלאניזאציע. אין ארץ-ישראל קאן מען זיך, נאך ווייניקער ווי אנדערשוואו, פארלאזן אויף דעם, אז די רעגירונג וועט פארטיידיקן די עפנטלעכע אינטערעסן כלפי די פריוואטע קאנצעסיאנערן, ווייל מיר קאנען קיינמאל נישט וויסן, וואס די שטעלונג פון דער רעגירונג וועט זיין צו אונז. און אפילו די גרעסטע חסידים פון פריוואטער איניציאטיוו וועלן צוגעבן, אז מען קאן נישט אפזאגן זיך געבן קאנצעסיעס אויף עפנטלעכע ארבעטן צו אראבישע, מצרישע אדער אייראפעאישע אונטערנעמער-סינדיקאטן, און געבן זיי נאר צו אידישע קאפיטאליסטן. ווילן זיי אלזא נישט, אז די קאמוניקאציע-ינעץ, די וואסער- און קראפט-ווערק פון ארץ-ישראל זאלן ארייגפאלן אין די הענט פון אינטערנאציאנאלע אונטערנעמער-גרופן, דאן מוזן זיי אננעמען אונזער פרינציפ, אז אלע עפנטלעכע אונטערנעמונגען מוזן פון אנהויב אן זיין אין רשות פון כלל, אייגנטום פון דער געזעלשאפט.

די פראקטישע דורכפירונג וועט אין א"י אננעמען צוויי פארמען — פון מלוכה-אייגנטום און פון קאנצעסיעס צו דער אידישער פארטרעטונג, אונטער דעם באדינג, אז זי וועט אירע רעכט נישט אפטרעטן צו פריוואטע אונטערנעמער. איינע פון די נאנטסטע אויפגאבן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע מוז אלזא זיין, צו זיכערן זיך אשורה פון **קאנצעסיעס אויף עפנטלעכע** ארבעטן און אונטערנעמונגען.

דאן קומט די צווייטע פראגע פון **רעזשי**. וועמען זאל מען איבערגעבן די דורכפירונג פון די ארבעטן — דעם בוי פון די באנען, שאסעען, פארטן א. א. וו.? אייגענע אדמיניסטראציע איז אזוי גוט ווי אוממעגלעך. די ציוניסטישע ארגאניזאציע גראד אזוי ווי די א"י-רעגירונג וועט על כן דארפן קלייבן צווישן פריוואטע אונטערנעמער (פאדריאטשי-

קעס) און אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס (קבוצות קבלנות). ס'איז נישט נויטיק צו באַווייזן, וואָס פּריוואַט-אונטערנעמער קאָנען מאַכן פון די עפנטלעכע אַרבעטן. זיי וועלן פאַרפלייצן א״י מיט וואָלוועלע לוין-שקלאַפן. די 8000 מצרים, וואָס זיינען בעת דער מלחמה געטריבן געוואָרן אין אַרבעטס-באַטאַליאָנען, כדי צו בויען באַנען און וועגן אין א״י, און וועלכע שטייען נאָך איצט אינם לאַנד, זיינען אַ לעבעדיקע התראָה. פון דער אַנדערער זייט האָבן אַרבעטער-קבוצות בפרט אין איטאַליע, באַוויזן, אַז זיי קאָנען דורכפירן אויפן בעסטן אופן עפנטלעכע אַרבעטן אויף הונדערטער מיליאָנען פראַנק. אויך אין ארץ-ישראל האָבן מיר געמאַכט גוטע ערפאַרונגען מיט אַזעלכע קאָאָפעראַציעס (זע שאָסעע צמח-טבריה-טפחה). אויב נישט אַלע אַרבעטן זיינען צופרידנשטעלנד, דאַרף מען געדענקען, אַז מיר הויבן ערשט אָן און אַז צוליב פאַרטיי-קאָנקורענץ האָבן זיך אָפט גענומען אָרגאַניזירן קבוצות עלעמענטן, וואָס טויגן נישט דערצו.

דער קאָאָפעראַטיווער מעטאָד וועט זיך גראָד אַזוי דורכזעצן אין דעם בוי-פאַך. די „בילדינג-גילדס״ אין ענגלאַנד האָבן באַשטעטיקט די אויסגעצייכנטע איטאַליענישע ערפאַרונגען. נאָר איז דער הייזער-בוי נישט אַזוי געבונדן אָן עפנטלעכע קאָנצעסיעס, נישט אַזוי אָפּהענגיק פון די אידישע קאָלאָניזאַציע-אַנשטאַלטן. דאָרט וועט דער פּריוואַטער אונטערנעמער שטאַרקער קאָנקורירן מיט דער קאָאָפעראַציע, ווי ביי עפנטלעכע אַרבעטן. איר ערפאָלג וועט אָפּהענגען פון איר אייגענעם אָרגאַניזאַציע-כח, פון אירע טעכנישע מעטאָדן און פון דער קרעדיט-הילף, וואָס זי וועט קריגן. מיר מוזן אָנווענדן אונזער גאַנצן דרוק אויף די ציוניסטישע פינאַנץ-אינסטיטוטן, אַז זיי זאָלן זיך נישט פאַרוואַנדלען אין איינזייטיקע הילפס-אינסטרומענטן פונם אונטערנעמער-קאַפּיטאַל.

אַזוי זעען מיר, ווי דער אַרבעטער-אינטערעס פון די איינוואַנדערנדע אידישע מאַסן און די נאַציאָנאַלע צילן פאַרלאַנגען די אָנווענדונג פון נישט-קאַפּיטאַליסטישע מעטאָדן אין צוויי אַזעלכע וויכטיקע צווייגן פון קאָלאָניזאַציע, ווי לאַנדווירטשאַפט און עפנטלעכע אַרבעטן. עס זעצט זיך דורך דאָס נאַציאָנאַלע אייגנטום, און די אַרבעטערשאַפט זיכערט זיך איר אַרבעטס-פּלאַץ דורך דעם, וואָס זי אָרגאַניזירט זיך אַלס קאָלעקטיווער פּראָדוצענט און אונטערנעמער.

דער אייגענער פּראָצעס וועט אָנגיין אויך אין דער אינדוסטריע. דער חילוק איז נאָר דער, אַז בנוגע דער אינדוסטריעלער קבוצה זיינען מיר כמעט לחלוטין פּיאָנערן אין ארץ-ישראל און קאָנען נישט אָנווייזן אויף ממשותדיקע ערפאָלגן פון דער שטאָטיקער קאָאָפעראַציע אין אַנדערע לענדער. אָבער אין אַ ניי לאַנד, ווי א״י, פאַלט אַראָפּ די גרעסטע שוועריקייט — די קאָנקורענץ פון דער שוין באַשטייענדער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע. די צווייטע מניעה — דער קרעדיט-באָיקאָט פון די קאַפּיטאַליסטישע בענק — וועלן מיר באַקעמפן סיי דורך אייגענע אַרבעטער

קרעדיט-אינסטיטוטן, סיי דורך אונזער דרוק אויף די ציוניסטישע און ישוב-אַנשטאַלטן.

אויפן אינדוסטריעלן געביט טוט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווייניקער דירעקטע קאָלאָניזאַציע-אַרבעט און האָט אַ קלענערע דעה, ווי אין אַגריקולטור און כלל-נוצלעכע אונטערנעמונגען. די אינדוסטריע-פּראָבלעמען וועלן דעריבער שפּילן מסתמא אַ קלענערע ראָל ביי דעם צוועלפטן קאָנגרעס, אָבער עס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן, אַז די אינדוסטריעלע קאָלאָניזאַציע וועט מוזן ערפילן אַ גרויסע אויפגאַבע אין א״י. אין די נאָענטסטע יאָרן וועט זיך גיכער אַנטוויקלען די אינדוסטריעלע קאָאָפּעראַציע, ווייל דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל איילט זיך נישט צו ריזיקירן אין א״י. ער וואַרט ביז די נאַציאָנאַלע אַקציע וועט פאַרשטאַרקן דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן פונדאַמענט, אויסבויען גוטע טראַנספּאָרט-באַדינגונגען, צוגרייטן אַ מאַרק, שאַפן זיכערקייט. דאַן וועט ער קומען און וועלן שניידן די פּרוכט פון דער פאָלקס-אָנשטרענגונג. דעריבער דאַרפן מיר דורכזעצן, אַז די ציוניסטישע פינאַנץ-אינסטיטוציעס זאָלן באַהאַנדלען די שטאַטיקע קאָאָפּעראַציעס נישט ווי עקספּערימענטן וואָס פאַרדינען נישט קיין קרעדיט, נאָר ווי פּיאָנערן פון דער א״י׳דיקער אינדוסטריע. פון דער אַנדערער זייט מוזן די ציוניסטישע ישוב-אָרגאַנען און אינסטיטוטן אויסנוצן, וואו און ווי זיי קאָנען, זייער השפעה אויף אַלע פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען אין דעם אינטערעס פון אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר ק אָ נ ט ר אָ ל.

די קורצע באַמערקונגען זיינען נישט קיין אָפּהאַנדלונג איבער די פּראַקטישע מעטאָדן פון קאָלאָניזאַציע. מיר האָבן געהאַט אין זינען אַ פּראַקטישן צוועק — צו געבן אַ השגה פון די אויפגאַבן פון דער פּועלי-ציון-דעלעגאַציע צו דעם קומענדן קאָנגרעס ביי דער באַשטימונג פון די ריכטליניעס פון דער ציוניסטישער ישוב-אַרבעט. אַ סך הענגט אָפּ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע. דער קאַמף פאַר דעם, ווי די חרוב געוואָרענע וועלט-ווירטשאַפט זאָל אויפגעבויט ווערן, אויף קאַפּיטאַליסטישע צי סאָציאַליסטישע יסודות, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. אויף וויפל די צוויי פּרינציפּן ראַנגלען זיך אין דער וועלט, וועלן זיי קעמפן אויך אין דער א״י׳דיקער קאָלאָניזאַציע. דער אויסגאַנג פון דעם קאַמף איז נישט בספק. אונזער אויפגאַבע איז אַרויפצולייגן דעם שטעמפּל פון אונזער סאָציאַליסטישן ווילן אויף דער נייער אידישער געזעלשאַפט.

ניו-יאָרק, אין אויגוסט, 1921.

אַרבעטער־קאָאָפּעראַציעס אין ארץ־ישראל.

I.

די געזעלשאַפטלעכע פאָרם פון אַרבעט, פּראָדוקציע און קאָלאָניזאַציע איז אינם א״י־אויפבוי געוואָרן אַ פאַקטאָר, וואָס זיין באַדייטונג האַלט אין וואַקסן. אין 1912 זיינען אין אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון און אַקאָרד־גרופּן פון ארץ־ישראל געווען באַשעפטיקט בסך־הכל ביי 100 לאַנד־אַרבעטער, וואָס האָבן צוזאַמען באַאַרבעט קאַרגע צען טויזנט דונאַם. היינט, אין צען יאָר אַרום, געפינען זיך אין ארץ־ישראל 20 געזעלשאַפט־לעכע ישובים (אין 5 קלענערע גרופּעס) מיט אַן אַרבעטערשאַפט פון 830 מאַן, וואָס באַאַרבעטן אַ שטח פון 27 טויזנט דונאַם אין פאַרשיי־דענע געגענטן פון לאַנד, זיי מאַכן אויס מער ווי אַ דריטל פון אַלע אידישע לאַנדאַרבעטער אין ארץ־ישראל. אַ חוץ דעם עקזיסטירן מער ווי 10 אינדוסטריעלע פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטן וואָס נעמען אַרום בערך 150 חברים. אויפן געביט פון עפנטלעכע אַרבעטן האָבן זיך די געזעלשאַפטן אין 1921 שטאַרק אַנטוויקלט. זיי האָבן דורכ־געלייגט וועגן און שאָסייען וואָס האָבן באַשעפטיקט איבער 2000 אַרבעטער. אַ טייל פון זיי איז איבערגעגאַנגען אינם לעצטן ווירטשאַפטס־יאָר צו לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אַמעליאַראַציע־אַרבעט וואָס דאַרף זיי מכשיר זיין צו פּער־מאַנענטער באַזעצונג. אַ טייל פון זיי האָט אַנטדעקט פאַר דער א״י־דיקער קאָאָפּעראַציע אַ ניי אַרבעטסגעביט — די בוי־אַרבעט. אין משך פון 2 יאָר האָבן זיי אויסגעפירט הייזער־ און שאָסיי־קאָנטראַקטן אויף איבער 400.000 פונט. די צאָל פון די אידישע אַרבעטער אין א״י האָט סוף 1922 דערגרייכט בערך צוועלף טויזנט מאַן. פון די אויבנגעבראַכטע ציפערן איז על־כּן קלאָר, אַז די געזעלשאַפטלעכע אַרבעטס־פאָרם נעמט אַרום אַזוי גוט ווי 30 פּראָצ. פון דער אַרבעטערשאַפט.

הגם עס איז נישט אַלע מאָל גרינג אָנצומעסטן אויף א״י די קלאַסי־פיקאַציע וואָס שטאַמט פון דער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעאישער קאָאָפּעראַציע, פונדעסטוועגן איז דאָך גלייכער, לשם אָריענטאַציע, איינצו־טיילן די אַרבעטער־געזעלשאַפטן אין ארץ־ישראל, לויט זייערע צילן, אין דריי גרופּן, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט דער טערמינאָלאָגיע פון דער איטאַליענישער קאָאָפּעראַציע: אין אַרבעטס־געזעלשאַפטן, פּאַכט־געזעלשאַפטן און פּראָדוקטיוו־געזעל־שאַפטן. אין א״י זיינען די דאָזיקע געזעלשאַפטן אויסגעוואַקסן כּמעט אָן שום שייכות צו זייערע אייראָפּעאישע פאָרבילדער.

צו די אַרבעטס־געגנאָסנשאַפטן (קבוצות־קבלנות) געהערן די אַקאָרד־גרופּן ס׳רוב נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער וואָס נעמען זיך אונטער דורכצופירן אונטער דער אָנפירונג פון פריי אויסגעווײלטע, פאַכלעך אויסגעבילדעטע הויפּט־אַרבעטער, געוויסע אַרבעטן, ווי די אַמעליאָראַציע (צוגרייטונג) פון ערד־שטחים פאַר קאָלאָניזאַציע (די אַזוי גערופענע „קבוצות הכבוש״), באַפלאַנצונגען, באַוועלדערונגען, דורכלייגונג פון שאָסייען, בוי פון אײַזנבאַנען און פאָרטן. אין אָנהויב 1920 האָבן עקזיסטירט בערך אַ 20 אַזעלכע אַרבעטס־געגנאָסנשאַפטן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע צוועקן וואָס האָבן אַרומגענומען העכער 300 חברים, און 6 אַרבעטס־געגנאָסנשאַפטן פאַר שטאָטישע באַשעפטיקונגען מיט 150—100 חברים, לויט די אַרבעטס־מעגלעכקייטן. אין יאָר 1921 זײַנען די דאָזיקע געגנאָסנשאַפטן באַדײַטנד אויסגעוואַקסן. אין זומער 1920 האָט „אחדות העבודה״ איבערגענומען בײַ דער רעגירונג די דורכלייגונג פון אַ שאָסיי אין דער לענג פון 13 קילאָמעטער: פון דער אײַזנבאַן־סטאַציע צמח (בײַם ירדן) ביז טבריה. אויף דורכצופירן די דאָזיקע עפנטלעכע אַרבעטן אויף דער סומע פון 60.000 פונט, איז געשאַפן געוואָרן אַ קבוצה פון 300 אַרבעטער, וועלכע איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אויף 600. דער ערפאָלג פון דער דאָזיקער ערשטער, פאַר די א״ידיקע באַדינגונגען גאַנץ גרויסער קבוצה איז געווען ערשטוינלעך. נישט קוקנדיק אויף די אומגעהויערע שוועריקייטן פון אָט דעם שפּאָגל נײַעם פּרואוו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט לגמרי נישט־געשולטע כחות — שוועריקייטן בנוגע אָרגאַניזאַציע און אַרבעטס־דיסציפּלין, קאַלקולאַציע און טעכניק, לעבנסמיטל־פאַרזאָרגונג און קראַנקענהיילונג, באַשאַפונג פון אינווענטאַר און באַטריבס־קאַפּיטאַל — האָט די קבוצה פונדעסטוועגן פאַרענדיקט איר אַרבעט מיט ריוח. דערבײַ איז די קוואַליטעט פון דער אַרבעט געווען אַזוי צופרידנשטעלנד, אַז דער דעפּאַרטאַמענט פאַר עפנטלעכע אַרבעטן און די מיליטער־אַדמיניסטראַציע, די קאָלאָניזאַציע־אַנשטאַלטן, קהלות און פּריוואַטע פּערזאָנען האָבן אָנגעהויבן איבערגעבן פּאָדריאַד־אַרבעט צו אַזעלכע אַרבעטער־קבוצות. איצט עקזיסטירט אַ געווערקשאַפט פון אַרבעטער פאַר הייזער־בוי און עפנטלעכע אַרבעטן, די לייטונג פון וועלכער ס׳טראָגט דעם נאָמען „אַמט פאַר עפנטלעכע אַרבעטן און הייזער־בוי״ און איז די צענטראַלע פון אַלע געגנאָסנשאַפטן אויף אָנצונעמען פאַר זיי קאָנטראַקט־אַרבעטן*). דורכשניטלעך זײַנען אין יאָר 1921 באַשעפטיקט געווען אין די דאָזיקע „קבוצות קבלנות״ 2000 אידישע אַרבעטער, אַממייסטן ניי־אָנגעקומענע חלוצים. זיי האָבן דער עיקר געאַרבעט פאַר דער רעגירונג און דורכגעלייגט 75 קילאָמעטער שאָסיי, 15 קילאָמעטער אײַזנבאַן, איין בריק איבערן ירדן, און אויסערדעם דורכגעפירט אויך אַנדערע בוי־ און ערד־אַרבעטן. אין לעצטן יאָר זײַנען די עפנטלעכע אַרבעטן צײַטווײַליק אָפּגעטראָטן אויפן צווייטן פּלאַן. דערפאַר האָט אָבער די געווערקשאַפט

*) „משרד לעבודות צבוריות ובנין״ איז געווען דער קערן פון וועלכן ס׳האָט זיך אַרויסגעבילדעט אין 1924 דער „סולל־בונה״. — ש. ק.

שנעל אָפּגעשאַצט די סיטואַציע און זיך ענערגיש גענומען צום וואַקסנדן הייזער-בוי-צווייג און איז געוואָרן אין משך פון אַ קורצער צייט דער גרעסטער קאָלעקטיווער בוי-אונטערנעמער אין א״י. ס׳איז אַ זער חשובער אויפטו מצד די פּאַלעסטינער אַרבעטס-גענאָסנשאַפטן, וואָס זיי האָבן טויזנ-טער פון אומגעשולטע אימיגראַנטן אַריינגעצויגן צוערשט אין דער שווערער אַרבעט פון שאָסיי-בוי, כדי זיי שפּעטער צום גרעסטן טייל, פאַרוואַנדלען אין האַלבי אָדער גאַנץ-קוואַליפיצירטע בוי-אַרבעטער.

פון אַ באַריכט פון משרד פאַר אויגוסט 1922 נעמען מיר די פאָלגנ-דע ידיעות וועגן דעם מצב און דער טעטיקייט פון די דאָזיקע גענאָסנ-שאַפטן: ס׳זיינען אויסגעפירט געוואָרן שאָסיי- און באַן-אַרבעטן אויף אַ סכום פון 215.000 פונט, ערד- און באָדן-אַמעליאַראַציע-אַרבעטן (די לעצטע, אין עמק-יזרעאל זיינען נאָך נ״שט פאַרענדיקט) אויף אַ סכום פון 40.000, הייזער-בוי אויף אַ סכום פון 160.000 פונט. דאָס הייסט, אַז אין קאַרגע צוויי יאָר זיינען דורך די קבוצות דורכגעפירט געוואָרן, אָדער ווערן באַלד פאַר-ענדיקט, אַרבעטן אויף אַ סכום פון איבער צען מיליאָן גאָלד-פראַנק. ביי 2200 אַרבעטער זיינען פאַראייניקט אין די גענאָסנשאַפטן, פון זיי זיינען בערך 700 באַשעפטיקט מיט שאָסיי-אַרבעטן און אַסאַנירונגען און אַ 1500 ביים הייזער-בוי. גאַנצע שטאָט-קוואַרטאַלן ווערן דורך זיי אויפגעבויט אין תל-אָביב, חיפה און טבריה, זיי האָבן אָבער אָנגענומען אויך אַ מאַסע איינצלנע באַשטעלונגען פון רייכע בעלי-בתים.

די לייטונג פון אַ גענאָסנשאַפט באַשטייט פון אַ גלייכער צאָל פאָר-שטייער פון די אַרבעטס-חברים און פון „אמט״ און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן באַשטעלער ווי אַ קאָלעקטיווער אונטערנעמער. יעדע גרעסערע קבוצה טיילט זיך אין קלענערע אַקאָרד-גרופּעס (חבורות) אויף אויסצופירן די טיילן פון דער אַרבעט וואָס מ׳גיט זיי איבער. די לייטונג פירט אָן, אין פאַרבינדונג מיט די פאַכלייט און טעכניקער פון „אמט״, מיט דער גאַנצער אַרבעט און באַשטימט די אַקאָרד-לוינען אָדער לוין-שטופעס פאַר פאַרשיי-דענע אַרבעטן און גרופּעס. די לוינען ווערן אַזוי באַרעכנט, אַז ס׳איז מעגלעך אַראָפּצוציען פון זיי פאַר פאַרוואַלטונגס-אויסגאַבן, קראַנקענהיילונג, וואוינונג (אין געצעלטן), ווי אויך פאַרן רעזערוו-פאָנד פון דער גענאָסנ-שאַפט, דער ריוח אָדער היזק ווערט אַרויפגעטראָגן אויפן חשבון פון „אמט״ אַלס גענאָסנשאַפט-צענטראַלע (די צוועקמעסיקייט פון אַזאַ ריוח-צוטיילונג אַנשטאַט אים צו פאַרטיילן צווישן די חברים רופט אַרויס ביי אונז ספקות. די איז אין אָנפאַנגס-סטאַדיום געוויס געווען נויטווענדיק. אָבער די ווייטערע אַנטוויקלונג ווערט מסתמא, אַזוי ווי אין איטאַליע, באַווייזן די מעלות פונם צווייטן מאָדוס).

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די צוגרייטונג פון נייע ערד-שטחים פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע, דער אויסבוי פון קאָמוניקאַציע, דער אויפבוי פון שטעט, ווי אויך אַלע עפנטלעכע אַרבעטן, וואָס זיינען אומ-באַדינגט נויטיק ביים אויפבוי פון אַ לאַנד, עפענען אַ ברייט פעלד פאַר

דער פאַרווענדונג פון אַזעלכע אַרבעטער-געזעלשאַפטן. זייער צוועק איז מעלה באַשטייט אין דעם, וואָס זיי שטויסן אַרויס דעם פּריוואַטן אונטער-נעמער וואָס אַרבעט מיט לוין-אַרבעטער און אַ געוויסן אַדמיניסטראַטיון-און אויפזיכטס-אַפּאַראַט, און וואָס זוכט צו פאַרגרעסערן זיינע רווחים דורכן אַראָפּדריקן די שכירות און אַלע אַנדערע אַרבעטס-באַדינגונגען. אין א״י דריקט זיך עס פּראַקטיש אויס אינם באַשעפטיקן און עקספּלואַטירן די ביליקסטע אַראַבישע אַרבעטס-קראַפט — און אויב די היימישע כחות קלעקן נישט, קאָנען אַראָפּגעבראַכט ווערן מצרישע אָדער אַנדערע קוליס — אָבער אַלנפאַלס אינם אַרויסשטויסן דעם אידישן אַרבעטער וואָס שטייט אויף אַ העכערער מדרגה און איז מער פעאיק זיך צו אָרגאַניזירן. די אַרבעטס-געזעלשאַפט טרעט אַרויס ווי אַ קאָנטראַקט-פעאיקער, קאָלעקטיווער אונטערנעמער און דורך פאַרטיילונג פינם אונטערנעמער-ריווח און דורך איינשפּאָרן אויף אַדמיניסטראַטיווע הוצאות איז זי ביכולת אָן אַ ממשותדיקער העכערונג פונם קאָסטן-בודזשעט אָנצופּאַסן די אַרבעטס-לוינען צו די אייראָפּעאישע באַדערפענישן פון דעם אידישן אַרבעטער.

אויף די געביטן פון אינערלעכער קאָלאָניזאַציע און עפנטלעכע אַרבעטן האָבן זיך די אַרבעטס-געזעלשאַפטן אין אַ סך לענדער אַרויסגעוויזן פאַר צוגעפּאַסטער ווי דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמער. באַזונדערס האָבן מיר אַ סך צו לערנען פון זייער אַנטוויקלונג אין איטאַליע. אין 1910 האָבן דאָרט עקזיסטירט מער ווי 1000 אַזעלכע געזעלשאַפטן מיט מער ווי 100.000 חברים. פון זיי האָבן 754 רעגיסטרירטע געזעלשאַפטן (מיט 95.000 אַרבעטער) געהאַט אַ קאָאָפּעראַטיוון פאַרמעגן פון 3 מיליאָן לירעס און אַ רעזערוו-פאָנד פון 1 און אַ האַלבן מיליאָן לירעס. דער פאַרמעגן איז על פּי רוב באַשטאַנען אין אייגענע געצייג און מאַשינען. זייער באַטריבס-קאַפּיטאַל פלעגן זיי באַקומען דורך באַנק-קרעדיט, פאַר וועלכן זיי פלעגן צאָלן פון 5 ביז 8 פּראָצענט צינזן. זיי האָבן דעריבער געפאָדערט פון דער רעגירונג זי זאָל שאַפן אַ געזעלשאַפטס-באַנק. די שטאַרקסטע גרופּע זיינען די אַרבעטס-געזעלשאַפטן פאַר לאַנד-אַרבעטן — פאַר לאַנד-אַמעליאָראַציעס, הידראָטעכנישע ווערק, באַוועלדערונג, בכלל פאַר קאָלאָניזאַטאָרישע צוועקן. 250 אַזעלכע געזעלשאַפטן מיט 55.000 חברים האָבן דורכגעפירט אין משך פון 20 יאָר 3370 מלוכה-באַשטעלונגען אויף אַ סכום פון 70 מיליאָן לירעס. געמיינדעס, פּראָווינצן, און געזעלשאַפטן האָבן ביי די דאָזיקע געזעלשאַפטן געמאַכט אין די פינף יאָר פון 1904—1909 1000 באַשטעלונגען אויף אַ סכום פון 18 מיליאָן לירעס. די אַנטוויקלונג פון די ארץ-ישראלדיקע קבוצות-קבלנות הענגט אָפּ, אַזוי ווי אין איטאַליע, פון דער מעגלעכקייט צו האָבן אַן אייגענעם אינווענטאַר און צו באַקומען פון אַ געזעלשאַפטס-באַנק אַ ביליקן קרעדיט. דער מאַשינען-לאַגער פונם פּאַלעסטינע-אַרבעטער-פאָנד און די נישט-לאַנג געגרינדעטע אַרבעטער-באַנק זיינען די ערשטע שריט אויף צו באַפרידיקן די דאָזיקע באַדערפעניש.

די פּאַכט-געגאָסנשאַפטן קומען פאָר אין דער לאַנד-ווירטשאַפט. דאָס זיינען אַרבעטער-גרופּן, וואָס נעמען איבער צו פאַרוואַלטן מיט נחלאות אָדער פּאַרטיקע פּלאַנטאַציעס. זיי הייסן אַזוי צוליב די פּאַכט-קאָנטראַקטן וואָס זיי שליסן מיט דעם ערד-בעל-הבית. אַ געגאָסנשאַפט פון דעם דאָזיקן טיפּ איז געווען די „אחוה" וואָס האָט בעת דער מלחמה באַאַרבעט גערטנער און פּרדסים אין פּתח תקוה; צו דער זעלבער קאַטע-גאָריע געהערט די געגאָסנשאַפט „גן שמואל", וואָס האָט איבערגענומען צו באַאַרבעטן דעם אַפּעלסינען-גאָרטן פונם נ״פ.

ביי היינטיקן טאָג זיינען באַשעפטיקט אין אַזעלכע פּאַכט-געגאָסנ-שאַפטן ביי אַ הונדערט אַרבעטער. זיי וואָלטן געקאָנט האָבן אַ גרויסע צוקונפט, ווען די קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפטן — ווי „אחוזות", „קהלת ציון", וועמעס מיטגלידער ס׳וואוינען נישט על-פּי-רוב אין לאַנד, אָדער קאָנען אַליין נישט באַאַרבעטן זייערע נחלות — וואָלטן זיי פאַרפּאַכטעט צו אַזעלכע אידישע אַרבעטער-געגאָסנשאַפטן אויף אַ וואָס לענגערן טערמין *).

אַ סך וויכטיקער און אויך טיפער אין זייער השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניזאַציע זיינען די פּראָדוקטיוו-געגאָסנשאַפטן. די וויכטיקסטע זיינען די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציעס. אַזוי באַצייכענען מיר אַגראַרע גרויס-ווירטשאַפטן וואָס ווערן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות באַאַרבעט און האָבן דעם צוועק צו קאָלאָניזירן מיטללאָזע לאַנד-אַרבעטער און צו דערהויבן זיי צו קאָלעקטיווער ווירטשאַפטלעכער זעלבסט-שטענדיקייט. צום דאָזיקן טיפּ געהערן דער רוב ווירטשאַפטן פונם אידישן נאַצ. פאָנד און די אַרבעטער-ווירטשאַפטן אין גליל-העליון אויפן לאַנד פון יק״א. בסך-הכל 20 קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, חוץ דעם עקזיסטירן ביי אַ צען שטאָטיקע פּראָדוקטיוו-געגאָסנשאַפטן; די וויכטיקסטע פון זיי זיינען די בוכדרוקערייען „אחדות" און „הפּועל-הצעיר" אין יפו, די סטאָלעריי „כרמל" און די שלאָסעריי „עמל" אין חיפה — בסך-הכל מיט הונדערט חברים.

די וויכטיקסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע געגאָסנשאַפטן אין יהודה זיינען בן-שמן און חולדה (אויף דער באַן-ליניע יפו—ירושלים), וועלכע פאַרנעמען זיך מיט תּבואה און מילך-ווירטשאַפט, דאַן קרית-ענבים ביי ירושלים, וואו ס׳איז געמאַכט געוואָרן אַ האָפנונגספולער פּרואוו פון טעראַסן-באַפלאַנצונג. אין עמק-יזרעאל און גליל-התחתון געפינען זיך די דריי עלטסטע אַגראַר-קבוצות — דגניה, כנרת און מרחביה — מיט 175 אַרבעטער, ווי אויך די דריי אינגסטע קבוצות אויף דעם נוריס-שטח פון עמק-יזרעאל; די קבוצה

*) בערך 5 יאָר נאָכדעם ווי דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן, איז באַשלאָסן געוואָרן פונם לאַנדאַרבעטער-פאַרבאַנד צו גרינדן די קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט „יכין" וועלכע אַנטוויקלט זיך זייער באַפרידיקנד. „יכין" איז אַ קאָמבינירטער טיפּ פון אַן אַרבעטס-קאָאָפּעראַציע, בעיקר פאַר דער צוגרייטונג פון פּלאַנטאַציעס, און פון אַ פּאַכט-געגאָסנשאַפט; וועלכע נעמט איבער אויך זייער באַאַרבעטונג, אויפן יסוד פון לאַנגיאָריקע קאָנטראַקטן, נאָכדעם ווי זיי טראָגן פרוכט.

הגבעה, עין-חרוד און תּל-יוסף. די צוויי לעצטע זיינען וויכטיק צוליב צוויי טעמים. ערשטנס זיינען זייערע חברים כּמעט אַלע חלוצים וואָס האָבן אין פּאַריקן יאָר געאַרבעט ביים דורכלייגן שאָסייען און צווייטנס זיינען זיי דער ערשטער פּרואוו צו שאַפן גרויסע קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן; שוין איצט דערגרייכט זייער צאָל חברים 150—100, בתוכם אַ חוץ לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער אויך בעלי מלאכות. אין גליל העליון עקזיסטירן די פיר קבוצות — מחנים, אילת-השחר, תּל-חי און כּפר-גלעדי — וואָס זיינען צושטערט געוואָרן, נאָך אַ העלדישן ווידערשטאַנד אָנהויב 1920, בעתן פראַנצויזיש אַראַבישן קאָנפליקט. אַ חוץ עטלעכע קליינע גרינס- און באַוועלדערונגס-גרופּעס, נעמען אַרום אַלע 20 לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו-גענאָסנשאַפטן, אַ טייל פון זיי נאָך אין צוגרייטונגס-סטאַדיום, בסך הכּל 800 חברים וואָס באַאַרבעטן אַ שטח פון 26.000 דונאַם. די ערד, די בנינים, דער אינווענטאַר און אינוועסטיציעס פון די ווירטשאַפטן שטעלן פאָר מיט זיך אַ קאַפּיטאַל פון בערך 300.000 פונט.

II.

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ פאַרצווייגטע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג מוז טיף וואָרצלען אין די באַדינגונגען פון דער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט גופא. מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס אַנטשטיין און די אַנטוויקלונג פון די קאָאָפּעראַציעס האָבן זיך נישט געשטיצט אויף רייכע פאָנדן אָדער אויף אַ באַזונדערס גוטער באַציאונג צו זיי מצד די אָנפירער פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט. אדרבה, אַלע ציוניסטישע קרייזן, וואָס קאָנען זיך פאָרשטעלן אַ אידיש ארץ-ישראל נאָר אויף די „גוט-אויסגעפּרואווטע" יסודות פונם קאַפּיטאַליסטישן אונטערנעמער-סיסטעם, דאָס וואַרטן אויף דער ישועה מצד דער פּראָפיט-זוכנדער איניציאַטיוו פון דעם קאַפּיטאַל-שטאַרקן פּלאַנטאַטאָר אָדער אינדוסטריעלער, זיי אַלע באַציען זיך פיינטלעך צו דער קאָאָפּעראַציע. און נישט קוקנדיק אויף דעם זיינען די ציוניסטישע ישוב-אַמטן געצוואונגען געווען צו אונטערשטיצן די גרינדונג פון גענאָסנשאַפטן און אפילו אַליין זיין די גרינדער. דאָס איז דער בעסטער באַווייז פאַר זייער נויטווענדיקייט און לעבנספעאיקייט.

די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע טרייב-כּחות פון דער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער-באַוועגונג אין ארץ-ישראל האָבן מיר אונטערזוכט אויף אַן אַנדער אָרט (פאַרגל. „לאַנדאַרבעטער-פראַגע און קאָאָפּעראַציע"). דאָ ווילן מיר נאָר סקיצירן דעם פּראָבלעם. צוויי מאָמענטן האָבן באַווירקט די בילדונג פון דער קאָאָפּעראַציע אין ארץ-ישראל. ערשטנס די אינטואיטיווע איבערצייגונג, וועלכע איז על פּי רוב נישט געקומען קלאָר צום באַוואוסטזיין און איז נישט פאָרמולירט געוואָרן, אַז די גרויסע רעוואָלוציע פון פאַרוואַנדלען שטאָט-פּראָלעטאַריער אין לאַנדאַרבעטער קאָן נישט פאַרווירקלעכט ווערן אָן אַ דערהויבונג צו העכערע פאָרמען פון אַרבעט און פּראָדוקציע, וואָרום אָן

דעם וואָלט דער דאָזיקער איבערגאַנג געבראַכט צום אַראָפּזינקען צו די נידעריקערע קולטור-פאָרמען, צום נידעריקערן לעבנס-שטייגער פון דער אַרומיקער ראַיענטאַלישער ווירטשאַפט. אויף דעם אופן וואָלט די שאַפונג פון אַ אידישן פויערן-קלאַס געווען, ווי יעדע מינדערונג פון דער לעבנס-מדרגה און דעם קולטור-ניוואָ פון פאָלקסמאַסן, אַן אוטאָפּיע און דערצו נישט קיין שיינע — ווען זי זאָל נישט זיין פאַרבונדן מיט אַן אַרבעט — און קאָלאָניזאַציע-סיסטעם, וואָס מאַכן מעגלעך דעם אידישן קאָלאָניסט אויפצושטייגן צו העכערע לעבנס-פאָרמען. די קאָאָפּעראַציע שטעלט פאָר מיט זיך אַזאַ העכערע פאָרם פון אַרבעט און פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, ווייל זי פאַראייניקט די יתרנות און די טעכנישע ערונגענשאַפטן פון דער מאָדערנער גרויס-ווירטשאַפט מיט אַ גרעסערער מאָס פון זעלבסטשטענדיקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דערצו איז נאָך צוגעקומען אַלס צווייטער מאָמענט דער דורכפאַל פון די „גוט אויסגעפּרוּווטע” קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניזאַציע-מעטאָדן. די רעאַלע ווירקלעכקייט פון דער א״י-קאָלאָניזאַציע האָט בולט באַוויזן די פולשטענדיקע אומפעאיקייט פון די פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס צו געבן אַרבעט און עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן דעם אידישן אַרבעטער. אין 1000 אידישע קאָלאָניסטן-ווירטשאַפטן זיינען באַשעפטיקט נאָר קנאַפּע טויזנט אידישע לאַנד-אַרבעטער, בעת 6-8000 אַראַבער פון די שכנותדיקע דערפער, אָדער בעדויִנער, וואָס די אידישע קאָלאָניזאַציע האָט אַרויסגעפירט פונם נאָמאַדן-צושטאַנד, אַרבעטן אין די אידישע דערפער. די קולטור- און באַדערפעניש-לאָזיקייט פונם פעלאַך ערלויבן אים צו אַרבעטן פאַר אַזאַ לוין וואָס מ׳קאָן אַ אידישן אַרבעטער גאָרנישט אָנבאָטן. די מלחמה און איר פועל-יוצא — דער יקרות — האָבן נאָך פאַרשאַרפט דעם דאָזיקן מרחק. אויב פריער האָט דער אידישער מינימאַלער לוין באַטראָפן 2 פראַנק אַנטקעגן דעם אַראַבישן פון 1,50—1 פראַנק, דאַרף איצט דער אידישער לאַנדאַרבעטער האָבן 4—5 שילינג, בעת דער פעלאַך באַגנוגנט זיך מיט 3—2 שילינג. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַזאַ קאַרדינאַלע באַדייטונג, אַז מ׳פאַרשפּאַרט שוין אויסצורעכענען די אַנדערע ווייניקער וויכטיקע זאַכן. עס איז אויך איבעריק מסביר צו זיין, אַז די דאָזיקע לוין-אַראָפּדריקונג קאָן ווערן פאַטאַל פאַר די אַרבעטס-זוכנדע אידישע אימיגראַנטן אויב ביי דער דורכפירונג פון עפנטלעכע אַרבעטן און אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וואו מ׳נויטיקט זיך אין אומקוואַליפיצירטע אַרבעטס-כחות, און מוז ווירקן ווי די שליסונג פון ארץ-ישראל פאַר די פּראָלעטאַרישע אידישע פאָלקסמאַסן.

די באַוויזע פאָרשטעלונג, אַז די אידישע אַרבעט וועט מוזן נאָכגיין דעם אידישן קאַפּיטאַל קיין ארץ ישראל איז אַ פאַלשע השערה. ס׳איז זיכער, אַז דער אידישער קאַפּיטאַל קאָן אויפּוועקן פון זייער שלאָף די פּראָדוקציע-קוואַלן פון ארץ-ישראל. אָבער אַן אויפגעבליט ארץ-ישראל מוז נישט דוקא זיין אַ אידיש ארץ-ישראל, בפרט אין אַ צייט ווען הינדוסן אַרבעטן אין דרום-אַפריקע און איטאַליענער וואַנדערן אַלס סעזאָן-אַרבעטער איז די הונדערט-טויזנטער איז ארגענטינע. אזוי איז רייף געוואָרן ביי דער

אידישער ארבעטערשאַפט די איבערצייגונג, אַז די פּריוואַט-ווירטשאַפטלעכע איניציאַטיוו שטייט אין אַן אומפאַרווישבאַרער סתירה צו די ריכטיק-פאַר-שטאַנענע אינטערעסן פונם אידישן פאָלק אין א״י. די ווירקלעכקייט פון א״י האָט געפאָדערט אַ נייעם מעטאָד פון קאָלאָניזאַציע. דער אידישער אַרבעטער מוז געפינען אַן אָרט אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער און אינ-דוסטריעלער פּראָדוקציע פון ארץ-ישראל, אומאָפּהענגיק פונם אריינדרינגען פונם פּריוואַטן אונטערנעמער וואָס גיט אים נישט דעם דאָזיקן אַרבעטס-אָרט. דער איינציקער אויסוועג איז איבערצונעמען די איניציאַטיוו אין דער פּראָדוקציע; צו עלימינירן, ווי ווייט עס לאָזט זיך, דעם ערדבאַזיצער און דעם אונטערנעמער, און צו אָרגאַניזירן די אַרבעט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין אַזאַ פאַל איז נויטיק קאַפּיטאַל. ס׳קאָן אויך זיין אינוועסטיציע-קאַפּיטאַל, וואָס פאָדערט געהעריקע צינזן. אָבער עס דאַרף זיין אַ געזעלשאַפטלעכער, אַ נאַציאָנאַל-פאַרוואַלטעטער קאַפּיטאַל וואָס דינט נישט צו שטילן דעם פּראָפיט-דורשט פון איינצלנע און זוכט נישט אין ארץ ישראל קיין „קאָלאָניאַלע עקסטראַ-פּראָפיטן״ דורך באַנוצונג פון וואָלוועלע אַרבעט.

אויך אַנדערע באַדינגונגען, וואָס וואָרצלען אין די ספּעציפישע סגולות פון דעם אידישן קאָלאָניסטן-עלעמענט און פון ארץ-ישראל האָבן געשטאַרקט דעם קאָאָפּעראַטיוון געדאַנק, בפרט אין דער לאַנדווירטשאַפט-לעכער קאָלאָניזאַציע. ביים שאַפן פון אַ אידישן פּויערן-קלאַס אין א״י מוזן מיר זיך רעכענען מיט צוויי וויכטיקע פאַקטן: מיר האָבן נישט קיין פּאַרטיקן אידישן פּויער און מיר האָבן אין אָנהויב נישט קיין לאַנד וואָס טויג פאַר קאָלאָניזאַציע.ביידע, אי דער באָדן אי די מענטשן נויטיקן זיך אין הכשרה. די פירונג פון אַ מאָדערנער קאָמפּליצירטער פּויערן-ווירטשאַפט, וואָס באַזירט אויף אַקערבוי, מילך-ווירטשאַפט, פּלאַנטאַציעס און גרינס-צוכט, פאָדערט אַ לאַנגיאָריקע ערציאונג פון דעם קאָלאָניסט און זיין פרוי. וואו קאָנען די איינוואַנדערער געפינען די דאָזיקע מעגלעכקייט זיך אויס-צובילדן אַלט גוטע פּויערן, ווען נישט אין אַ מאָדערנער גרויס-ווירטשאַפט? די מאָדערנע פּראָדוקטיוו-גענאָסנשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר די דאָזיקע געמישטע גרויס-ווירטשאַפט, וואו דער שטאָטיקער פּראָלעטאַריער ווערט אַ געשולטער לאַנדאַרבעטער, וואָס איז מסוגל צו באַטייליקן זיך אַלס גלייכ-באַרעכטיקטער מיטגליד פון דער קאָאָפּעראַציע אין דער אַדמיניסטראַציע און ווירטשאַפטלעכער אָנפירונג פונם באַטריב. איז די פּויערישע איינצל-ווירטשאַפט מער לויט זיין געשמאַק, קאָן ער די קבוצה פאַרלאָזן און ווערן אַ זעלבסטשטענדיק ווירטשאַפטנדער פּויער. גראָד אַזוי מוז די ארץ-ישראלדיקע ערד, וואָס גיט קליינע געררעטענישן ווייל זי איז יאָרנלאַנג פאַר-לאָזן געווען און באַאַרבעט געוואָרן מיט די מיטלען פון דער פּרימיטיווער אַראַבישער תבואה-ווירטשאַפט, דערהויבן ווערן צו אַ העכערער פּראָדוקציע-מדרגה, כדי זי זאָל קאָנען באַפרידיקן די העכערע לעבנס-באַדערפענישן פון דעם אידישן קאָלאָניסט. אין ארץ-ישראל זיינען אַלע מודה, אַז די

דאָזיקע לאַנד-צוגרייטונג קאָן דורכגעפירט ווערן אַמבעסטן דורך אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס.

אַזוי איז די קאָאָפּעראַציע אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט אין דער לאַנדווירטשאַפט פאַר דער פאַרענטפערונג סיי פון דעם ערציאונגס-פּראָבלעם, סיי פון דעם פּראָדוקציע-פּראָבלעם, וואָס איז ווידער ענג פאַרבונדן מיט דער פראַגע פון רענטאַבּיליטעט. די אַלע פאַקטאָרן ערקלערן דעם פאַקט, אַז דער קאָאָפּעראַטיווער מעטאָד האָט פאַרנומען אַזאַ חשובן אָרט אין דער באַזעצונג פון די אידישע לאַנדאַרבעטער

פון אונזער איבערבליק איז צו זען, אַז אין צאָלן אויסגעדריקט איז די אַרבעטס-גענאָסנשאַפט וויכטיקער פאַר דער אַרבעטערשאַפט פון ארץ-ישראל ווי די פּראָדוקטיוו-גענאָסנשאַפט, און אַלס מיטל צו שאַפן אַרבעט פאַר גרויסע איינוואַנדערנדע מאַסן, וועט זי נאָך אַ סך יאָרן בלייבן די וויכטיקערע פון די צוויי פאָרמען. פונדעסטוועגן קאָן קיינער נישט לייקענען אַז פאַר דער געשטאַלטונג פון דער אידישער ווירטשאַפט אין ארץ-ישראל האָבן די פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציעס אַ גרעסערן צוקונפטס-ווערט. ווייל די עפנטלעכע אַרבעטן, קודם-כל דער אויסבוי פון די פאַרקערס-מיטלען, נויטיקן זיך אין אַ גרויסער צאָל אַרבעטער נאָר פאַר אַ קורצער צייט, דערנאָך מוזן די אַרבעטער זוכן אַ וועג צו לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע. מ'דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז אַ גרויסער טייל פון די חלוצים זיינען מקבל באַהבה אַלע אָנשטרענגונגען און אָפּקומענישן פון בויען וועגן און דערגלייכן אַרבעטן, כל-זמן זיי זעען אין דעם אַ צוגרייטונג פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע.

III

אונזערע קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן אין ארץ-ישראל זיינען נאָך יונג און שוואַך. זיי קרענקען נאָך דורך זייערע קינדער-קראַנקייטן, וואָס זיינען על פּי רוב נישט זייערע אייגענע חולאתן נאָר די פון דער א"י-דיקער קאָלאָניזאַציע. אָבער צו אָפט ווערט עס פאַרזען און אפילו מיט אַ כיון פאַרטונקלט. אַזוי האָט זיך געשאַפן די לעגענדע וועגן דער ד ע פ י-צ י ט - ו י ר ט ש אַ פ ט פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע, איר כלומרשטע אומרענטאַבּיליטעט. נאָך קיינמאָל זיינען פאַקטן נישט פאַרדרייט געוואָרן מיט ווייניקער אָריענטירטקייט און מיט ווייניקער גוטער כונה. אמת, אפילו אונזערע בעסטע קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן — מרחביה און דגניה — האָבן געהאַט באַטריבס-דעפיציטן. ס'לוינט אָבער זיך נענטער צו באַקענען מיט די ציפערן.

אַגר. עטינגער (אינם דין-וחשבון פון דעפּאַרטאַמענט פאַר לאַנדווירטשאַפט און קאָלאָניזאַציע צום 12-טן ציונ. קאָנגרעס, 1921) רעכנט אויס, אַז די אינוועסטיציעס פון אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע גענאָסנשאַפטן האָבן באַטראָפן סוף 1920 דעם סכום פון 226.000 פונט. פון דעם דאָזיקן סכום

קומט אויס אויף היזקות 47.000 פונט, אָדער בערך 20 פּראָצענט. פון וואַנעט שטאַמען די דאָזיקע היזקות? זיינען עס דורכאויס ווירטשאַפטס-דעפיציטן? די פאָלגנדע אויסרעכענונג גיט אויף דעם אַ תשובה. דער געוויס באַדייטנדער סכום שטעלט זיך צונויף אויף פאָלגענדן אופן:

1. היזקות פון דער כבוש-צייט	8.300	פונט.
2. מלחמה-היזקות	11.200	„
3. קורס-היזקות (צוליב דעם וואָס דאָס טערקישע פּאַפּיר-געלט האָט פארלוירן אין ווערט).	7.900	„
4. פאַרוויסטונגען בעתן אָנפאַל אין גליל-העליון	8.600	„
5. באַטריבס-דעפיציטן גופא	10.900	„
בסך-הכל —	46.900	פונט.

אין די ערשטע אומפאַרמיידלעכע, און אומווירטשאַפטלעכע כבוש-הוצאות זיינען די קאָאָפּעראַציעס אין דער זעלבער מאָס אומשולדיק ווי אין מלחמה-צושטערונגען אָדער אין דער געלט-אַנטווערטונג. דאָס וואָס מען קאָן באַצייכענען אַלס ווירטשאַפטס-דעפיציטן מאַכט קוים אויס אַ פערטל פון דעם גאַנצן היזק. און אַרום און אַרום מאַכן די דאָזיקע 10.900 פונט, וואָס צוטיילן זיך אויף צען יאָר און אויף אַ טוץ קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטן, נאָך נישט אויס קיין 5 פּראָצענט פון דעם גאַנצן אינוועסטיציע-קאַפּיטאַל פון בסך-הכל 225,000 פונט. ס'איז באמת אַ זער ביליק באַצאָלטער אָנהויב, ווען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די באַזעצונג פון איבער 1000 לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. ווייל אויך די קאָלאָניסטן אין די „מושבי-עובדים", שטאַמען אַלע פון די קבוצות, וואו זיי האָבן זיך אויסגעבילדעט צו טיכטיקע פּויערן. לאָמיר אילוסטרירן און קלאָר מאַכן די פראַגע פון דער דעפיציט-ווירטשאַפט מיט אַ קאָנקרעטן ביישפּיל.

מיר נעמען די אַזוי פיל געלעסטערטע קאָאָפּעראַציע מ ר ח ב י ה. די באַלאַנסן ווייזן, אַז די קאָאָפּעראַציע האָט אין די ערשטע 3 יאָר פאַר דער מלחמה (1912—1914) געהאַט יערלעכע ווירטשאַפטס-דעפיציטן פון 32—42,000 פראַנק. די קאָלאָניע איז דערנאָך געשטאַנען אונטער אַ פאַרוואַלטער. אין יאָר 1915, שוין ביי אַן אייגענער פאַרוואַלטונג, האָט דער היזק נאָך אַלץ באַטראָפן 28.000 פר., אין די יאָרן 1916—1917 צו 11.500 פר., און אין די ווייטערדיקע 2 יאָרן (1918—1919) צו 6.700 פר. דאָס איז אַ בולטער פּראָגרעס. און מ'קאָן עס נישט ערקלערן בלויז מיט דעם שטייגן פון די תבואה-פרייזן, ווייל אין דער זעלבער מאָס זיינען אויך געוואַקסן די הוצאות.

די פאַרמינערונג פון די דעפיציטן איז אַ פועל יוצא פון די פאַרגרעסערטע איינטראָגן: 950 קג. ווייץ פער העקטאַר און 1500 קג. גערשטן פער הא. — אָנשטאָט 700 קג. פער העקטאַר אין פריערע יאָרן. דאָס הייסט, אַז די קאָאָפּעראַציע האָט זיך געפונען אויפן וועג זיך צו באַפרייען פון דעפיציטן. דאָס האָט זי דערגרייכט אין יאָר 1920 מיט אַ ריוח פו

300 פונט (בערך 7500 גאָלד פראַנק). אַנאַליזירט מען גענויער אירע יערלעכע באַלאַנסן קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז אויך פריער האָט מען די ווירטשאַפט אין מרחביה נישט געקאָנט באַטראַכטן אַלס בעצם פאַסיוו.

לאָמיר נעמען די 3 יאָר פון 1916—1918 וועגן וועלכע מיר האָבן גענויע ציפערן. זיי ווייזן בסך־הכּל אַ היזק פון 20.000 פר.

אין די שפּעטערדיקע באַלאַנסן זיינען צוגעקומען אָפּשרייבונגען פון נאָך 50.000 פר. אַנטקעגן דעם דאָזיקן דעפיציט געפינען זיך פאָלגנדע נישט עקאָנאָמישע הוצאות און היזקות, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די קריגס־שאָדנס און דער טערקישער פאַרוואַלטונג, אָבער נישט מיט דער קאָאָפּעראַ־טיווער ווירטשאַפטס־פאָרם:

	1916	1917	1918
1. שטייערן	7200	8800	18100
2. הוצאות און ליפערונגען פאַר דער מאַכט	2100	5500	1100
3. מלחמה־היזקות	7600	16700	16100
4. קורס־היזקות	—	2300	55300 פאַר 3 יאָר
	16900	33300	90600

בסך־הכּל מאַכט עס אויס 140.000 פר. אַזוינע לאַסטן. הייסט עס, אַז ווען נישט דער עושר און אַנדערע געזעצלעכע און נישט־געזעצלעכע אָפּצאָלן, ווען נישט די מלחמה־נויט, וואָלט שוין די קאָאָפּעראַציע מרחביה זייט 1916 נישט געהאַט קיין היזקות. דערביי שעפּט נישט אויס דער געבראַכטער אויסצוג אַלע ליידן און לאַסטן פון מרחביה. ס'קומען נאָך צו גרויסע הוצאות אויף שמירה, צוליב דער אומזיכערער לאַגע, און הוצאות אויף מעדיצינישע הילף, צוליב די שלעכטע סאַניטאַרע באַדינגונגען. יאָרנלאַנג האָט די קאָאָפּעראַציע געליטן פון אַ ברונעם וואָס איז געווען אַ מקור פון טיפוס און מאַלאַריע. דורכשניטלעך האָט יעדער אַרבעטער אין מרחביה געהאַט פולע 30 קראַנקהייטס־טעג אין יאָר. און דאָך האָט זיך די דאָזיקע קאָאָפּעראַציע געפונען אין רעלאַטיוו גינסטיקערע, מער רעגולירטע באַדינגונגען ווי אַנדערע כּבוש־גרופּן. נאָר די קאָאָפּעראַציע דגניה, מיט איר אויסגעצייכנטער ערד און נייע בנינים געפינט זיך אין אַ בעסערער לאַגע, און זי האָט טאַקע געאַרבעט מיט קליינע היזקות — בסך־הכּל מיט 2000, 5000 און 4500 פר. אין די יאָרן 1913, 1915 און 1916; דערפאַר האָט זי געהאַט אין 1914 6750 פר. און אין די יאָרן 1917־1918 54.000 און 70.000

פר. ריוח. אויך אַנדערע קאָאָפּעראַציעס, ווי אין מחנים אָדער באר-טוביה, האָבן געהאַט יאָרן אָן דעפיציטן און יאָרן מיט ריוחים.

אָבער נישט די דאָזיקע מער אָדער ווייניקער גינסטיקע באַלאַנסן האָבן צו זאָגן דאָס לעצטע וואָרט ביים משפטן וועגן די קבוצות. ווייל ס'הייסט נישט האָבן קיין השגה פון דער לאַנדווירטשאַפט פון ארץ-ישראל און פון די גרונד-באַדינגונגען פון דער קאָלאָניזאַציע, ווען מ'פאָדערט בכלל פון די קאָאָפּעראַציעס רוחים. דער ארץ-ישראלדיקער תבואה-בוי מיט זיין געראַטעניש פון 700—900 קג. פּער העקטאַר, קאָן בלויז אויסהאַלטן אַ פעלאַכישע פאַמיליע אין דחקות (איר יאָר-בודזשעט איז פאַר דער מלחמה באַרעכנט געוואָרן מיט 400 פר.). ער איז אַבסאָלוט נישט רענטאַבל פאַר אַ אידישן קאָלאָניסט, וואָס קומט מיט אייראָפּעאישע באַדערפענישן. די א"י'דיקע תבואה-ווירטשאַפט מוז דערפירט ווערן צו דער אייראָפּעאישער מדרגה מיט אַ געראַטעניש פון 15, 20 און 25 קווינטאַלס פון העקטאַר (ווי אין בעלגיע, דייטשלאַנד און ענגלאַנד) *). כדי דאָס צו דערגרייכן איז נישט גענוג צו פאַרבייטן די פּרימיטיווע פעלאַכישע אַקעראייזנס מיט איי-ראָפּעאישע מאַשינען. זיי פאַרטייערן בלויז די ווירטשאַפט, און בפרט פאַר די זומער-קולטורן זיינען די אייראָפּעאישע ווירטשאַפטס-מעטאָדן אין דער רעגן-אָרעמער ארץ-ישראל אומנוצבאַר. כדי צו „אייראָפּעאיזירן" די ארץ-ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפט מוז מען דאָרט אריינברענגען אַלע דערגריי-כונגען און כבושים פון דער אייראָפּעאישער לאַנדווירטשאַפט; נישט נאָר די אַרבעטס-כלים, נאָר אויך דאָס מיסטיקן דעם פּרוכט-וועקסל און די מילך-ווירטשאַפט. מיט איין וואָרט, דעם פּילזייטיקן העכערן אָרגאַנישן אויפ-בוי פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן באַטריב.

דאָס איז אַ לאַנגיאָריקער פּראָצעס און נאָר נאָך אַ סך יאָרן קאָן די פּראָדוקטיווע קראַפט פון דער ערד אויף אַזוי פיל פאַרגרעסערט ווערן, אַז די געראַטענישן זאָלן ברענגען ריוח אויך אין ווירטשאַפטן מיט אידי-שע אַרבעטס-כחות. ביז ס'ווערט איינגעשטעלט אַזאַ נאָרמאַלע ווירטשאַפט, געפינען זיך די קבוצות אין אַ כבוש-מצב, אין אַ צוגרייטונגס-סטאַדיום און מוזן ברענגען דעפיציטן. דאָס זיינען נישט קיין היזקות נאָר הוצאות אויף לאַנד-אַמעליאַראַציעס, אומבאַדינגט נויטיקע אינוועסטיציעס, כדי צו פאַר-גרעסערן די פּראָדוקטיווע קראַפט פון דער ערד. גראָד אַזוי ווי ביי פּלאַנצן אַ פּלאַנטאַציע אין ארץ-ישראל — אויף דעם דאָזיקן לאַנדווירטשאַפטלעכן געביט זיינען די אידן פון אָנהויב אָן נישט געווען אַזוי היגטערשטעליק ווי ביי אַקערבוי — פאָדערט זיך אריינצולייגן קאַפּיטאַל, כדי צו זיכערן גוטע הכנסות.

אַלע געגנאָסנשאַפטן אין א"י געפינען זיך נאָך אין דער דאָזיקער צוגרייטונגס-סטאַדיע. נישט נאָר די שטחים, וואָס ווערן פּראָוויזאָריש באַ-אַרבעט דורך קבוצות-כבוש, נאָר אויך די אַזוי צו זאָגן איינגעאָרדנטע

*) 1 קווינטאַל (אָדער דאָפּלצענטנער) — 100 ק"ג.

ווירטשאַפטן, ווייל זיי זיינען נישט בכח דורכצופירן אין איין יאָר די אויבן סקיצירטע „אייראָפעאיזירונג״. עס איז אַ גרויסע עוולה אַרויפצו־וואַרפן אויפן חשבון פון מרחביה די 160.000 פר. (6.500 פונט) ווירטשאַפטס־היזקות פון די ערשטע זעקס יאָר (אין וועלכע ס׳גייען אריין, אגב אורחא, 3 פראָצ. פאַכט־געלט פארן נאצ. פאָנד). אַ קאָאָפּעראַציע פון אידישע אַר־בעטער קאָן געדייען און אַנטוויקלען די יתרנות פון דער קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט נאָר דאַן, ווען זי באַזעצט זיך אויף ערד וואָס איז ראוי צו באַארבעטן און מסוגל צו ברענגען גערעטענישן פון אַ באַשטימטער הויך. די 160.000 פר. זיינען הוצאות, וועלכע דער ערד־אייגנטימער — אין אונ־זער פאַל דער אידישער נאַציאָנאַלפאָנד — מוז טראָגן, כדי לאַנד זאָל ווערן פאַסיק פאַר די צוועקן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע. די ערד פון מרחביה, וואָס האָט געקאָסט בערך 7.500 פונט איז בלתי ספק אויף דער דאָזיקער סומע געשטיגן אין ווערט. מען צאָלט איצט אין עמק־יזרעאל צוויי־ און דריי־פאַכע פרייזן ווי אין 1910, אָבער פאַר ערד־שטחים, וואָס געפינען זיך היינט אין דעם זעלבן מצב ווי די ערד פון מרחביה מיט 10 יאָר צוריק...

די פרואוון צו מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפטס־פאָרם פאַר די אומפאַרמיידלעכע היזקות פון די אַקערבוי־ווירטשאַפטן, זיי־נען נאָך בייזוויליקער צוליב דעם, ווייל אַפילו די סאַמע אומוויסנדע קרי־טיקער ווייסן גאַנץ גוט, אז אויך די קאָלאָניסטן־ווירטשאַפטן, וואָס באַזירן אויף תבואה־ווירטשאַפט ברענגען עד היום נישט קיין ריוח. זיי האַלטן זיך אויף נאָר אַ דאַנק דער עקספּלואַטאַציע פון וואָלוועלע אַראַבישע כאַראַטן (אַרבעטער־פעכטערס) און דער שטיצע פון דער פיק״א, וואָס זיי באַקומען ביודעים ובבלי יודעים.

פאַר די אַרבעטנדע אידישע מאַסן וואָס גייען קיין ארץ־ישראל איז די קאָאָפּעראַציע דער עפעקטיווסטער מיטל צו פאַרזיכערן זייער אַרבעטס־פּלאַץ, צו עפענען פאַר זיי א וועג צו נייע צווייגן פון פּראָדוקציע: אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין בוי־פאַך, אין טראַנספּאָרט. די קאָאָפּעראַציע באַדייט פאַרן אידישן אַרבעטער אויך די באַפרידיקונג פון זיין שטרעבן צו ווירטשאַפטלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג און צו קאָלעקטיוויזם. זי שאַפט כחות, אָן וועלכע ארץ־ישראל קאָן זיך נישט באַגיין.

לאָנדאָן, סעפּטעמבער 1922

פּראָבלעמען פון דער קבוצה.

די נאָך־מלחמה־צייט האָט אַרויפגעבראַכט אויפן סדר־היום צוויי נייע ישוב־פאָרמען: דעם מושב־עובדים און די קבוצה גדולה. דער אונטערשייד צווישן זיי און די עלטערע אַרבעטער־ישובים (קליין־פויערן־קאָלאָניע און קאָאָפּעראַציע) איז ראשית כל אַ חילוק אין כמות; זיי זיינען גרעסער לויט זייער פּלאַן. ביידע פאָרמען זיינען ביים אָנהויב פון זייער אַנטוויקלונג און ראַנגלען זיך מיט זייערע פּראָבלעמען.

אויפן ערשטן בליק זעט עס אויס, אַז אַ טייל קאַמף־פראַגן, וואָס האָבן אין פריערדיקע יאָרן צוטיילט די אָנהענגער פון דעם קאָאָפּעראַטיוון קאָלאָניזאַציע־מעטאָד, זיינען פאַרענטפערט געוואָרן. מעטאַפאָריש גערעדט, די מחלוקת צווישן דגניה און מרחביה האָט זיך געענדיקט מיטן נצחון פון דער ערשטער. די דיפערענץ־פונקטן זיינען געווען: גלייכע שכירות אָדער לייסטונגס־שכירות, אַליין־פאַרוואַלטונג תיכף ומיד, אָדער פּאַכמענישע לייטונג אין דער ערשטער סטאַדיע. אַלע קבוצות, און מרחביה בתוכן, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער ערשטער שיטה. הגם איך בין געווען אַן אָנהענגער פון דעם צווייטן מעטאָד און בין עס נאָך בעצם געבליבן, זע איך נישט קיין יסוד צו עגמת־נפש וועגן דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. וואָרום זי באַזירט אויף די באַזונדערע באַדינגונגען פון ארץ־ישראל און די סגולות פון אונזער מענטשן־מאַטעריאַל.

טעאָרעטיש זיינען שכירות לויט דער לייסטונג דאָס עפעקטיווסטע מיטל פאַר דער פאַרגרעסערונג און פאַר דער קאָנטראָל פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט, אין א״י האָבן זיי זיך נישט געקאָנט איינבירגערן צוליב צוויי טעמים: א) די קבוצה קאָן דוקא אין די ערשטע יאָרן נישט איינפירן קיין לוין־שטופן, וואָס זעען זיך אָן. פאַר דער מלחמה איז דער העכסטער לוין אין מרחביה געווען 70 פראַנק (אַ חודש) בערך, בעת אויך דעם נישט־געלערנטן נאָר וואָס אָנגעקומענעם אַרבעטער האָט מען געמוזט צאָלן דעם מינימום פון 50 פראַנק. אַזוי ווי אין דער תקופה איז נישט מעגלעך קיין באַטייליקונג אינם ריוח, בלייבט די שכירות־סקאַלאַ אַזוי גוט ווי אָן שום ווירקונג. ב) דערפאַר אָבער שטערט זי די איגעווייניקסטע דיסציפּלין. מען זאָגט אַז פון די צוויי לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע האָט דער פראַנצויז מער ליב די פרייהייט, דער ענגלענדער — די גלייכהייט. עס זעט אויס, אַז דער אידישער ארבעטער זוכט אין דער קבוצה קודם כל די ברידערלעכקייט,

זאָל ער זיין גרייט צו צאָלן דעם פּרייז פון דיסציפּלין. די הויפּט־אַרבעטער און אָנפירער קאָנען נישט, אינם אינטערעס פון זייער אויטאָריטעט, פאַר־לאַנגען העכערע שכירות ווי זייערע חברים. אַזוי האָט מנצח געווען דער גלייכער לוין אַלס אַ מ י ט ל צו זיכערן ד י ס צ י פּ ל י ן און קאָנטראָל פון ל יי ס ט ו נ ג אויפן וועג פון מאָראַלישער צוואַנג.

די טעכנישע אָנפירונג האָט פון אָנהויב אָן געהאַט צו קעמפן קעגן דעם פּאָראורטייל, אַז זי איז די אייגענע זאַך ווי „אַדמיניסטראַציע". די נישט־הצלחה אין מרחביה, וואו די אָנפירונג איז פונם שטאַנדפּונקט פון „מענטשנפירונג" נכשל געוואָרן, האָט דעם געדאַנק נאָך מער דיסקרעדיטירט. פון דער אַנדערער זייט זיינען דערווייל אין משך פון 10 יאָר אויפגעוואַקסן טיכטיקע לאַנדאַרבעטער, מיט אַ סך פּראַקטיק, וועלכע קאָנען גאַנץ גוט אָנפירן אַ גרויסבאַטריב אין דער ערשטער פאַזע פון אַנטוויקלונג. פאַרענט־פערן די קבוצות דאָס פּראָבלעם פון לייטונג דורך דעם, וואָס זיי זיכערן זיך אַ קערן פון געשולטע חברים און ספּעציאַליסטן.

פונדעסטוועגן גלויב איך נישט, אַז עס מוז דערביי בלייבן. אָן עקאָ־נאָמישע און אָרגאַניזאַטאָרישע מיטלען, מיטן צוועק צו הויבן און צו ק אָ נ ט ר אָ ל י ר ן די אַרבעטס־לייסטונג קאָן די קבוצה נישט דערגרייכן איר העכסטע פּראָדוקטיוויטעט, נישט קוקנדיק אויף דעם חלוצים־גייסט פון די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער. אויף מיינע שאלות צווישן מושב־קאָלאָניסטן, וואָס זיינען געקומען פון קבוצות (און דאָ ווי דאָרט גערעכנט זיך צו די בעסטע חברים), איבער די סיבות פון זייער אַרויסטריט, האָב איך שטענדיק געהערט אַלס איינעם פון די עיקר אַרגומענטן, אַז די גלייכע שכירות גאַ־ראַנטירן נישט קיין גלייכע לייסטונג און דיסציפּלין. אויב אַ טייל עלטערע און ערפאַרענע אַרבעטער פילן זיך דורך דעם אויסגענוצט, טענהן אַנטקעגן דעם די אינגערע, אַז זיי מוזן אַרבעטן פאַר די גרעסערע הוצאות פון די פאַמיליעס. אַזעלכע דיספּוטן קאָנען פונקט אַזוי גוט פירן צו אַן אויסגלייך ווי צו אַרויסטריטן. דאָס הענגט אָפּ פון אינדיווידועלע נטיות און בעיקר פון דער עקאָנאָמישער הצלחה פון דער קבוצה.

גראָד אַזוי איז נאָך נישט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט אין דער פראַ־גע פון פ אַ כ מ ע נ י ש ע ר אָ נ פ י ר ו נ ג. מען קאָן זיך אין דער ערשטער סטאַדיע אפשר באַגיין אָן איר, ווייל אין ארץ־ישראל, אויב מ'טאָר אַזוי זאָגן, איז עס די סטאַדיע „פאַר דער ערשטער". אָבער וואָס מער די קבוצה גייט איבער צו אַן איינגעאָרדענטן ווירטשאַפטס־באַטריב און פאַרצווייגט זיך, אַלץ דרינגענדער נויטיקט זי זיך אין טעכנישער און קויפמענישער לייטונג. אַ טייל קבוצות וועלן זיך באַגנוגענען מיט די אַרומפאָרנדע אינסטרוקטאָרן פון דעם קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט און מיט וואַנדער־לערער, בפרט די קלענערע; אַנדערע, ווי למשל, די קבוצות פונם גדוד־עבודה, מיט זייער שטאַרקערן חוש פאַר דיסציפּלין, וועלן זיך נישט איבערשרעקן פאַר דער באַשטעלונג פון א טעכנישן דירעקטאָר. אויב נויטיק, אַבער מען מוז לאָזן

די באַדערפענישן רייף ווערן; אויפגעצוואונגענע וועגן און פאָרמען דערגרייכן נישט זייער צוועק אין דעם אָרגאַנישן פּראָצעס פון קאָלאָניזאַציע.

עס איז על כל פנים אינטערעסאַנט, אַז די נייע קבוצה האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער נטיה צו אינטימיטעט און פון דער מורא פאַר דעם באמת גרויסן באַטריב. די גענאָסנשאַפטן אויף נוריס האָבן צושטאַנדגעבראַכט אין אַ קורצער צייט און מיט הצלחה דעם איבערגאַנג פון הונדערטער פריערע שאָסיי- און בוי-אַרבעטער צו דער לאַנדווירטשאַפט און האָבן, ווי עס זעט אויס, אויסגעבויט זייער אינעווייניקע אָרגאַניזאַציע אויף אַ צופרידנשטעלענדן אופן, נישט קוקנדיק אויף זייער היקף (ביי 200 אַרבעטער אויף 6.500 דונאַם). אויך די פּרינציפּיעלע קעגנער פון דער קבוצה לייקענען נישט, אַז דאָרט ווערט געאַרבעט אינטענסיוו און מיט מסירות-נפש. דאָך מוז דאָ אַרויסגעזאָגט ווערן אַ וואָרט פון התראה קעגן אַ סכנה, וואָס פאַרשווערט דעם קיום פון דער ארץ-ישראלדיקער קאָאָפּעראַציע אין שטאָט און אויפן לאַנד. דאָס איז די טענדענץ, צו פאַרבינדן דעם אויפבוי פון דער קבוצה מיט די נויטן פון דער עליה. דעריבער ליידן די שטאַטיקע אַרבעטס-קאָאָפּעראַציעס פון דער זאָרג פאַר די אַרבעטסלאָזע, וועלכע זיי נעמען אויף זייערע פּלייצעס. דערפון נעמט זיך די שטערעבונג פון דער אַגראַרער קבוצה, צו האַלטן אירע טויערן ווייט אָפן, כדי צו באַפרידיקן דעם לאַנדהונגער פון די נייע אייַנוואַנדערער. דאָס פירט צו דער סכנה פון טרייבן אָן אַ סוף, אָן אַ ברעג. אודאי מוז די קבוצה זיין אַן „אָפענע קאָאָפּעראַציע", אויב זי וויל ערפילן איר קאָלאָניזאַטאָרישע און סאָציאַלע אויפגאַבע. אָבער דער פאַר זיך געזונטער פּרינציפּ טאָר נישט צוגעשפּיצט ווערן ביז צום אַבסורד. די קבוצה קאָן נישט נאָכאַנאַנד זיין אין וועג, אין וואַקסן. עס מוזן זיין ע ט אַ פּ ן פ ו ן ג ל יי כ ג ע וו י כ ט, פּעריאָדן פון קאָנסאָלידירונג און באַפעסטיקונג. ביי אונזערע באַגרענעצטע רעזערוון פון לאַנד און געלט, באַשווערט ווי מיר זיינען מיט אַזוי פיל נישט-פאַרענטפערטע פּראָבלעמען, מוזן מיר אונז אַליין שטעלן גרענעצן. די קבוצות אינם נוריס-טאָל קאָנען באַווייזן אַלע זייערע טעכנישע מעלות ביי דער היינטיקער גרויס פון 100 פאַמיליעס. איך האַלט, אַז דער פּרוּאוו אין עין-חרוד און תל-יוסף דאַרף קודם דורכגעפירט ווערן ביז צו אַ גוטן סוף אין דעם דאָזיקן היקף.

די ארץ-ישראלדיקע קבוצה האָט נאָך איין שווערע פראַגע, וואָס האָט פאַרמידן די פּראָדוקטיוו-קאָאָפּעראַציע אין אַנדערע לענדער (איטאַליע, רוסלאַנד), דאָס פּראָבלעם פון דער פ אַ מ י ל י ע. דער היינטיקער מצב איז ק אָ נ ס ו ם - ג ע מ יי נ ז אַ מ ק יי ט און ק י נ ד ע ר - ע ר צ י א ו נ ג. די משפחות פירן נישט קיין אייגענע הויז-ווירטשאַפט, נאָר עסן אין דער בשותפותדיקער קיך; די קינדער ווערן אויסגעהאַלטן און אויפגעצויגן אויפן חשבון פון דער גענאָסנשאַפט. כדי ווי ווייט מעגלעך אינטענסיוו אויסצוניצן די אַרבעטס-קראַפט פון די פרויען פאַר דער ווירטשאַפט, באַפרייט מען זיי פון פאַרזאָרגן די קינדער נישט נאָר אינם שול- און קינדער-גאָרטןעלטער, אויך די פאַרזאָרגונג פון די זויג-קינדער איז קאָלעקטיוו אין די

הענט פון דערצו געשולטע פרויען אָדער מיידלעך. די קבוצה האָט אין דער פראַגע אויסגעקליבן אַ געוויס אייגנאַרטיקן וועג, דעם וועג פון דער ק אָ נ-ס ו ם ק אָ מ ו נ ע. דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם היינט אָנגענו-מענעם מיין פון דעם וואָרט „קאָמוניזם״, און עס איז צו באַדויערן, אַז אין געוויסע קרייזן פּראָבירט מען צו פאַרטונקלען די זאַכלעכע דיסקוסיע איבער דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע דורך שלאָגווערטער, פון וועלכע ביי פיליסטער שטעלן זיך די האָר קאַפּויער.

די איבערטראָגונג פונם קאָלעקטיוויזם אויף דעם געביט פון לעבנס-פירונג און קאָנסום איז אייגנטלעך נישט קיין געזעלשאַפטלעכער פּרינציפּ. מיין פּערזענלעכע מיינונג האָט זיך נישט געענדערט, אַז מען דאַרף נישט קאָמפּליצירן די גענוג שווערע אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן די קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט דורך עקספּערימענטן אין דער ספערע פונם פאַמיליען-לעבן. דער קבוצה גייען צוליב דעם לאיבוד ווערטפולע מיטגלידער, וועמעס פרויען האַלטן מער פון אַן אייגענער הויז-ווירטשאַפט. דעריבער קאָן דער היינטיקער מצב נאָך נישט באַטראַכט ווערן אַלס אַ פאַרענטפערונג פון דער פראַגע. איך בין איבערצייגט, אַז אין געוויסע קבוצות וועט מען נאָך דורכפירן אַ רעוויזיע. וואָרום הגם די דאָזיקע לעבנספאָרם ווערט געפריידיקט מיט אַ דאָגמאַטיזם, צו וועלכן אידן זיינען מסוגל, אַלס אַ עיקר פון דער קבוצה, נאָך מער, אַלס אַן אני-מאמין, איז זי באמת אַ רעזולטאַט פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען און קאָן זיך מיט זיי ענדערן.

די קבוצה איז ס׳רוב אַ איזאָלירטע גרופּע פון בחורים. זי מוז נאַטיר-לעך אָרגאַניזירן אַליין און קאָלעקטיוו די פאַרזאָרגונג פון אירע חברים. מען וואוינט אין די ערשטע יאָרן אין אַראַבישע כושעס, אין געצעלטן און באַראַקן, און עס וואָלט געווען איינפאַך משונהדיק צו דיסקוטירן מיט עין-חרוד אָדער בית-אלפא, פאַרוואָס זיי גיבן נישט זייערע פאַמיליעס אייגענע הייזער מיט אַן אייגענעם הויזהאַלט. אין מרחביה, צום ביישפּיל, האָט מען בשעתו געבויט 4 משפחה-הייזער מיט 8 קליינע דירות (מיט 24 צימערן דאַכט זיך). איצט מוזן זיי קלעקן פאַר 44 מענער און פרויען. קאָן מען געבן אַ פאַמיליע מער ווי איין צימער? דערצו קומען נאָך אַנדערע טעמים. כל זמן דער מאַן אַליין פאַרדינט נישט גענוג, מוז די פרוי מיטאַרבעטן, און אַ סך פרויען ווילן גיכער אַרבעטן לאַנדווירטשאַפט איידער אין דער קיך.

אַזוי איז דער „קאָנסום-קאָמוניזם״ אַ נויטווענדיקער רעזולטאַט פון דער יונגקייט און פון דער צוגרייטונגס-תקופה, אין וועלכער די קבוצה געפינט זיך. וואו ער קאָן זיך נישט האַלטן עקאָנאָמיש אָדער מענטשלעך, וועט אים דאָס לעבן גובר זיין. נעמען מיר, למשל, די קינדער-ערציאונג. די פאַרזאָרגונג איז, זעט אויס, אויסגעצייכנט און וואו עס זיינען פאַראַן גרעסערע קינדער (ווי אין כפר-גלעדי), וואַקסן זיי אויף אין אַן אינטימער פאַרבונדנקייט מיט דער ערד. אָבער די זאַך איז טייער, אַ קינד קאָסט אַזוי פיל ווי אַ גרויסער (בערך 4 פונט אַ חודש). דאָס איז נאָך צו דערטראָגן כל זמן די קינדער-צאָל איז קליין און די הוצאה פאַרטיילט זיך אויף אַ

גרויסע צאָל פון הברים. דער אַנטשיידנדער פונקט איז דער, אַז די קבוצות אַליין זאָלן נישט מאַכן קיין דאָגמע פון זייערע היינטיקע לעבנסבאַדינגונגען און זאָלן מעגלעך מאַכן חברים, וואָס ווילן עס, אַן אייגענע הויזווירטשאַפט. די גרויסע בשותפותדיקע וואוינהייזער שרעקן מיך נישט. לעבן דען לוין־אַרבעטער אויף אַ גוטס־הויף יעדער אין אַן אייגן פאַמיליען־הויז אָדער אַזוי ווי אין דגניה? אָבער די קבוצה דאַרף נישט דיקטירן אירע מיטגלי־דער אַ באַשטימטע פאָרם פון פאַמיליען־לעבן. בויט מען די וואוין־בנינים אַלס פאַמיליען־הייזער, זאָגן מיר, אַזוי ווי אין מרחביה אָדער כפר־גלעדי, דאַן קאָן מען זיי באַנוצן פאַר יעדער פאָרם. נישט אָנרירנדיק דעם קאָ־אָפּעראַטיוון כאַראַקטער פון דער ווירטשאַפט· עס וועט נישט זיין שווער, צו קריגן דערצו די הסכמה פון די מתישבים.

דער מושב האָט אין פאַרגלייך מיט דער קבוצה ווייניקער און אַ סך איינפאַכערע פּראָבלעמען. קאָן אידישע לאַנדווירטשאַפט אין א״י ווערן רענטאַבל, דאַן איז נישט איינצוזען, פאַרוואָס אַ געלערנטער לאַנדאַרבעטער מיט אַ טיכטיקער פרוי אַלס עזר כנגדו, אויף אַ געהעריק עקוויפּירטער ווירט־שאַפט זאָל נישט קאָנען עקזיסטירן אַלס פויער. געוויסע שוועריקייטן באַגעגנט דער מושב ביי דער באַזעצונג פון בעלי־מלאכות. ער וויל זיי ערמעגלעכן אַ האַלב־אַגראַרע עקזיסטענץ און דערפאַר רעגולירן זייערע פּרייזן אומאָפּ־העגגיק פונם שטאָטיקן מאַרק. פון אַ גרעסערער פּרינציפּיעלער באַדייטונג איז די פראַגע פון הילפסאַרבעט. דער מושב באַזירט אויף דעם פּרינציפּ פון דער אייגענער אַרבעט פון דער פאַמיליע און וואַרפט אָפּ יעדע לוין־אַרבעט. דאָס קאָן פירן צו שוועריקייטן אין דער סעזאָן־צייט. סעזאָן־אַרבעטער ווערן אָבער באַטראַכט אינם מושב אַלס the thin end of the wedge (דער שאַרפער קאַנט פונם קלין), דער משופּע־דיקער וועג צו די אַלטע, סאָציאַל און נאַציאָנאַל ווערטלאָזע קאָלאָניעס. בכלל, האָבן די צוויי ביז דריי יאָר אַלטע מושבים זער שיין פּראָגרעסירט. ביי די נייעסטע מושבים האָב איך צומאָל געהאַט דעם רושם, אַז די מתישבים זיינען געקליבן געוואָרן מיט ווייניקער געניויאַקייט און גלייכמע־סיקייט.

בכלל מוז געזאָגט ווערן, אַז אויך דער מושב איז מעגלעך געוואָרן נאָר אַ דאַנק דער קבוצה. זי האָט געליפערט די בעסטע אַליין־ווירטשאַפטנדע פויערן, גראָד אַזוי ווי מיר פאַרדאַנקען איר די אָקופּאַציע און די הכשרה פון גרויסע לענדערייען. די קאָלאָניזאַטאָרישע באַדייטונג פון דער קבוצה, איר דינאַמישער ווערט זיינען בשום אופן נישט געמינדערט דורך דער אַנט־וויקלונג פון די לעצטע 10 יאָרן. די ליקווידירונג פון דער קבוצה וואָלט געווען דאָס אָנווערן פון דער הון, וואָס לייגט אונז גאָלדענע אייער. די געזעלשאַפט בלייבט דער פולשטענדיקסטער פּרוואו צו שאַפן אַ שטאַנד פון פרייע אידישע לאַנדאַרבעטער און פויערן. אָבער דער פּרוואו מוז דורכגע־פירט ווערן מיטן גאַנצן האַרצן און געניסן אַלע שאַנסן פון ערפאָלג. די ציוניסטישע פאַרוואַלטונג מוז זיך באַציען אַבסאָלוט אָביעקטיוו צוביידע

ישוב-פאָרמען — איינצלבאַטריב און געגאָסנשאַפט — און נישט פאַוואָריזירן ווי ביז אַהער דעם מושב אויפן חשבון פון דער קבוצה. אַלע אונזערע קבוצות ווערן דורך יאָרן געהאַלטן אין אַ קוים דערטראָגבאַרן פּראָוויזאָרישן מצב. מען מאַכט זיי אומנויטיקע יסורים, און קעגן אונזער טייערסטן קנין, די מענטשן און זייער אידעאַליזם, ווערט באַגאַנגען דער חטא פון פאַר-שווענדונג. די קבוצות אויפן לאַנד פון דער פּיק״א ווערן אַ סך בעסער פאַרזאָרגט מיט בנינים איידער די פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס איז נישט מעגלעך צו באַהאַנדלען די קבוצה נאָר אַלס אַן איבערגאַנג צו אַ קאָלאָניע פון אינדיווידועלע פויערן. דערצו איז די גענאָסנשאַפט צו טייער. אין עין-חרוד און תל-יוסף האָט מען אַריינגעלייגט אין די ערשטע 2 יאָרן אַ סכום פון 32.000 פונט. אַן אויפטיילונג (אין אַ מושב) וואָלט אין דער סטאַדיע שוין דעריבער נישט געווען מעגלעך, ווייל נאָך צוויי יאָר אָקופּאַציע-קאָאָפּעראַטיוו האָט מען נאָך נישט קיין פויערן. אָבער אַ חוץ דעם וואָלט עס געפאָדערט אַ ליקווידאַציע-היזק פון 10.000 פונט. די קבוצה קאָן גע-דייען נאָר אַלס אַ צוועק פאַר זיך.

אַלס אַ רעזומע לאָמיר וואַריאירן דאָס באַקאַנטע וואָרט פונם אויס-טראַלישן פּרעמיער, מר. בריום. מיר דאַרפן האָבן פאַר אונזער קאָלאָניזאַציע זעקס „מ״ען": men, money, markets, methods, managemeul, manure ד. ה. מענטשן, מיטלען, מערק, מעטאָדיק, פירונג און מעליאַראַציע, די לעצטע אין דעם ברייטסטן זין פון פּראָדוקטיוויטעטס-שטייגערונג. פון דעם אַלעמען האָבן מיר קודם כל די מענטשן. דאָס אַנדערע איז צו דערגרייכן דורך אָרגאַניזאַציע, פאָרשונג און טאַט.

לאָנדאָן, יוני 1924.

דער מצב און די מעטאָדן פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אין א"י.

(אויסצוג אויס דעם ענטפער צו פראָפ. דר. פר. אָפּענהיימער).

פאָרבאמערקונג: דער פון פּראָפ. אָפּענהיימער נאָך זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל אין 1926 געשריבענער באַריכט זאָל לויט דעם וואונש פון דעם מחבר נישט פּובליצירט ווערן. ער האָט אָבער מסכים געווען צו דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם פאַקטישן טייל פון מיין ענטפער, וועלכער איז באַזונדערס נויטיק געוואָרן, ווייל דער אינהאַלט פון דער אָפּענהיימערישער עקספּאָזע איז נישט געבליבן קיין סוד און איז אין דער פרעסע איבערגעגעבן געוואָרן צום גרעסטן טייל אין א גוזמאדיקער פאָרם און מיט טענדענציעזע קאָמענטאַרן. די פאָלגנדע שילדערונג גיט אויך פאַר זיך אַליין מאַטעריאַל צום באַקענען זיך מיט אונזער קאָלאָניזאַטאָרישן אויפטו אין א"י.

ירושלים, תלפיות, אין פעברואַר, 1927.

1. וועגען דער אינדוסטריע־פראַגע.

מיר שטייען אין ארץ ישראל פאַר דער אויפגאַבע אויפצובויען אינמיטן פון אַ פעאָדאַלן, פרימיטיוון ווירטשאַפטלעכן געביט פון קאַפּיטאַליסטישע התחלות און פון אַ נידעריקער, אפילו נידעריקסטער לעבנס־מדרגה אַ מאָדערנעם עקאָנאָמישן בנין, וואָס קאָן טראָגן און ערפילן די באַדערפענישן פון מענטשן מיט אַ העכערן לעבנס־שטייגער און העכערער קולטור. די פאַקטן זאָלן באמתן מיט געוואַלט איבערגעאַנדערשט, רעוואָלוציאָנירט ווערן. נישט אַלס אַ פועל יוצא פון אַבסטראַקטע אידעען, נאָר פון רעאַלע באַדערפענישן פון דער אידישער איינוואַנדערונג. די פראַגע איז פאָלגענדע: זאָלן מיר אַראָפּזינקען אויף דער מדרגה פון דער ארץ־ישראלדיקער פעלאַכן־ווירטשאַפט און אָפּגעשטאַנענער מלאכה, וועלכע מיר האָבן אָנגעטראָפן אַלס אַ באַשטייענדע עובדא, אָדער זאָלן מיר בויען אויף נייע יסודות און העכער? עס וואָלט געווען אַ העזה צו דענקען, אַז אַ מאַן ווי אָפּענהיימער זעט נישט דעם דאָזיקן פראָצעס. ער דערמאָנט עס עטלעכע מאָל אין זיין

באַריכט און פאָרענטפערט עס טעאָרעטיש אין אונזער רעוואָלוציאָנערן ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן זין...

פונדעסטוועגן מאַכט אָפּענהײמער חוזק פון דער „פולער געווערקשאַפט-לעכער באַוואָפענונג״, מיט וועלכע די אידישע אַרבעטערשאַפט שטעלט זיך אַנטקעגן דעם „נישט-עקזיסטירענדן קאַפּיטאַליזם״. דער אַגראַרער קאַפּיטאַליזם פון די אַראַבישע פּריצים און אידישע לאַנד-שפּעקולאַנטן — דאָס איז, לויט זײַן מיינונג, דער שונא. באַקעמפן אים און פון דער אַנדערער זײַט „אונטערשטיצן דעם אַראַבישן אינדוסטריע-אַרבעטער... און קודם כּל דער-הייבן דעם אַראַבישן לאַנדאַרבעטער און קלײנפּויער״, מחוץ דעם אָבער לאָזן גרעסטע באַוועגונגס-פרייהייט פאַר דער „מיזעראַבל שוואַכער אידישער אונטערנעמערשאַפט״ — דאָס איז אָפּענהײמערס שיטה פון אַנטוויקלען די אינדוסטריע. כּמעט אַלע ריכטונגען, וואָס קריגן זיך אַרום די פראַגן פון אונזער אינדוסטריעלן אויפבוי, וועלן אין אָפּענהײמערס מיינונגען געפינען עפּעס פון זייער אייגענעם אַרסענאַל, אָבער אין זייער סך-הכּל גיבן זיי נישט קיין קלאָרקייט איבער די יסודות פון אונזער שטאָטיקער ישוב-פּאָליטיק.

קודם כּל עלימינירן מיר פון דעם וכּוח אַ פראַגע, איבער וועלכע עס קאָנען נישט זײַן קיין חלוקי-דעות — די פראַגע פון לאַנדפּאָליטיק. עס איז געוויס אַ היסטאָרישער פאַרדינסט פון אָפּענהײמערן כּלפּי דער ציוני-סטישער באַוועגונג און ארץ-ישראל, אַז זײַט זײַן ערשטן אַרויסטריט אויפן 6-טן קאָנגרעס האָט ער אַוועקגעשטעלט די לאַנדפראַגע אין דעם צענטער פונם ציוניסטישן געדאַנק. זײַן טעאָריע פון דער דעצידירנדער השפּעה פון דעם סיסטעם פון לאַנדבאַזיץ אויך אויף דעם אויפבוי און דער אַנטוויקלונג פון די שטעט האָט באַפרוכטעט אַלע ריכטונגען אינם ציוניזם נישט ווייני-קער ווי זײַנע אידעען פון קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע. נאָר פאַרשטאַרקטע פּאַנאַטיקער פון פּריוואַט-אייגנטום קאָנען פאַרהערן אָפּענהײמערס קראַפטפולע התראה קעגן לאַנדוואָכער און קעגן דער אויסליפערונג פון שטאָטיקע און פאַרשטאָטיקע בויפּלעצער צו פּריוואַטער פּראָפיטזוכט. עס איז אָן ספק ריכטיק, אַז איינער פון די וואָרצלען פון דעם הײַנטיקן קריזיס פון תּל-אָביב און פון דער פערטער עליה איז דער מסחר מיט לאַנד און דער שפּעקולאַטיווער הײַזעריבוי, וואָס האָבן געהערשט אין די יאָרן 1924 און 1925 בפרט אין תּל אביב. דערמיט איז פאַרשטיינערט געוואָרן קאַפּיטאַל, וואָס האָט געקאָנט אינוועסטירט ווערן פּראָדוקטיוו אין לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע. די פּרײַזן פון לאַנד און דירות זײַנען אומדערטראָגבאַר געהעכערט געוואָרן, די רעאַלע שכירות פון די אַרבעטער זײַנען רעדוצירט געוואָרן בײַ גלײַכצײַטיקער אינפלאַציע פון די געלט-שכירות, און די אינדוסטריע איז אויף אַזאַ אופן געשעדיקט געוואָרן טאָפּלט און דרײַפאַך. פּנים אל פּנים מיט אונזער איצטיקן קריזיס פון אַרבעטסלאָזיקייט איז נישט נויטיק צו רעדן פון די שמערצפולע קאָנוואולסיעס, וואָס זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן אין אונזער ווירטשאַפטס-אָרגאַניזם דורך די עקסצעסן פון אַ פראַנק-און-פרייער, נאַציאָנאַל נישט קאָנטראָלירטער פּריוואַטער איניציאַטיוו. די

שטייער-פּאָליטישע קעגנמיטלען פון דער תל אביבער מוניציפּאַליטעט, אין דער צייט פון איר אַרבעטער-רעזשים, זיינען צו שפּעט געקומען און אויסגעטייטשט געוואָרן פון דער רעגירונג צו זער לטובת די לאַנדבאַזיצער, כדי צו האָבן אַ פּעולה.

מיר ווייסן, ווי שווער עס איז פאַרן נאַציאָנאַלפאָנד צו אינטערווענירן אין דעם פּראָצעס, אָבער אָפּענהיימערס פאָדערונג, אַז דאָס זאָל געשען אין אַ גרעסערער מאָס, ווערט זייט יאָרן פאַרטראָטן אין אונזערע שורות. גראָד אַזוי פאַרלאַנגען מיר זייט אַ לאַנגער צייט אַן עפעקטיווערע קאָנטראָל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איבער די פאַרשיידענע לאַנדגעזעלשאַפטן. עס איז אַמווייניקסטן נויטיק, „וואָס שטאַרקער איינצוהאַמערן די פירער פון דער אַרבעטערשאַפט, און דורך זיי דער אַרבעטערשאַפט גופא, דעם פאַקט, אַז דער דאָזיקער וואָכער מיט ערד איז דער אמתער שונא, וואָס מוז באַקעמפט ווערן". זיי ווייסן עס און זיינען לויט דעם טעטיק. גראָד אַזוי וואָלט זיך געוואָלט קאָנסטאַטירן, אַז שוין פאַראַיאָרן פרילינג (1926), ביי דעם מו"מ פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ארץ ישראל מיט הער דר. ווייצמאַן איבער די מיטלען צו פאַרהיטן דעם קריזיס, האָב איך אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, צו פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַלע קאָנטראָל איבער דער חברת מפרץ חיפה דורך דער פאַרגרעסערונג פון דעם נ"פ-חלק אין ג'ידרו אויף 50 פּראָצענט.

אָבער מיר קאָנען נישט זאָגן, אַז „דער לאַנדקאַפּיטאַליזם איז איינציק און אליין שולדיק" אין דעם תל-אביבער קריזיס, און מיר קאָנען נישט זען אין אַ פּאָליטיק פון אַגראַרער רעפאָרם פאַר זיך אַליין די פאַרענטפערונג פון דער רענטאַביליטעטס-פראַגע פון אונזער אינדוסטריע, אָדער אַ פּאַנאַצעע און תרופה, וואָס מאַכט איבעריק די שכירות-פּאָליטיק פון דער אַרבעטערשאַפט.

ווייל דער שטילשטאַנד אין אונזער אינדוסטריע האָט אויך אַנדערע אורזאַכן. מען האָט באַלאַסטעט אונטערקאַפּיטאַליזירטע אונטערנעמונגען מיט צו גרויסע אַדמיניסטראַטיווע הוצאות, מען האָט זיי געשאַפן אָפּט אָן פאַכמענישע ידיעות, ס'רוב — אָן אַ השגה פון דעם מאַרק. ביי דער ערשטער שוועריקייט האָט מען בקולי קולות פאַרלאַנגט קרעדיט און נידעריקע שכירות. ארץ ישראל איז אודאי נישט דאָס איינציקע לאַנד, וואו די אונטערנעמער זעען אין דער פאַרקלענערונג פון די פּראָדוקציע-קאָסטן דורך לוין-דרוק דעם בעסטן און קירצסטן וועג, ווי אַזוי צו העכערן די קאָנקורענץ-פעאיקייט און די רוחים פון דער אינדוסטריע. אין א"י איז נאָך שווערער בייצושטיין דעם נסיון, ווייל מיר האָבן נעבן אונז, און אין קאָמוניצירנדער פאַרבינדונג מיט די כלים פון אונזער א"י ענעם ווירטשאַפטס-סיסטעם אַ ספערע פון טיפערן לעבנס- און לוין-ניוואָ. און אַזוי ווי אין קאָמוניצירנדע כלים איז מעגלעך נאָר אַ ניוואָ-אויסגלייך, הויבט זיך אויף די פראַגע: אַן אויסגלייך מיט די העכערע לוין-תביעות פון די אימיגרירנדע אידישע אַרבעטער, אָדער מיט דעם טיף געזונקענעם

ניוואָ פון דעם אַראַבישן לוין-דריקער? מיט אַנדערע ווערטער, וואו ליגט די רענטאַביליטעט און קאָנקורענץ-פעאיקייט פון דער אידישער אינדוסטריע; אין די נידעריקע שכירות פון אַ געווערקשאַפטלעך דעזאָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, צו וועלכע עס שטרעבט דער „קליינער און קאַפּיטאַלשוואַכער" ארץ-ישראלדיקער קאַפּיטאַליסטן-קלאַס, אויף וועלכן אָפּענהיימער האָט כמעט רחמנות? אָדער אויפן שווערערן וועג, אויף וועלכן עס גייט דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן-קלאַס: דעם וועג פון העכערער „אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע", וועלכע אָפּענהיימער אַליין באַצייכנט אַלס נידעריק, ד. ה. פון דער טעכנישער פאַרבעסערונג פון די אינדוסטריעלע באַטריבן, ווי אויך פון דער זיכערונג און פאַרברייטערונג פון אַ ק אָ נ ס ו ם-ש ט א ר ק ן א י נ ע ו ו י י נ י ק ן מ אַ ר ק, דערצו איז נויטיק צו צאָלן שכירות, וואָס ערמעגלעכן אידישע אַרבעטער אַ מענטשלעכע עקזיסטענץ און געבן אויף אַזאַ אופן דעם אימפּולס צו ווייטערער אימיגראַציע פון אַרבעטסזוכנדע עלעמענטן. עס איז פאַר אונז קלאָר, אַז די אינטערעסן פונם ציוניזם דיקטירן צו גיין דעם צווייטן וועג, וועלכער איז דער איינציקער גאַנגבאַרער.

אָפּענהיימער שטייט, זעט אויס, אויף דעם גלייכן שטאַנדפּונקט, לאָזט זיך אָבער אַריין אין לאַנגע התראות קעגן דעם פּראָפּעסיאָנעלן קאַמף פון די אידישע אַרבעטער — מען זאָל נישט אַרויספּרעסן פון די אונטערנעמער מער ווי דער קאָנסומענט קאָן באַצאָלן, די תּביעות פון די אַרבעטער קאָנען אַמאָל אויפּעסן דעם ריוח און פירן דערמיט צום פאַרמאַכן פון פאַבריקן אָדער אָפּהאַלטן זייער גרינדונג און דערגלייכן מער איבער די סכנות פון אַ לוין-פּאָליטיק, וואָס שעדיקט דעם אַרבעטער אי אַלס קאָנסומענט, אי אַלס פּראָדוצענט, ווייל זי פאַרטייערט די סחורות און פאַרשמעלערט דעם אַרבעטס-מאַרק. די ארץ-ישראלדיקע געווערקשאַפטס-פירער וועלן זיך צוהערן מיט פאַרוואונדערונג צו די דאָזיקע סקאַרבאָווע אמתן און פרעגן, צי די דאָזיקע מוסר-דרשה איז בכלל נויטיק. מיר האָבן די עצה צו זאָגן, אַז די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט פון א״י וויס די גרענעצן פונם פּראָפּעסיאָנעלן קאַמף און די גרונדבאַדינגונגען פון קאַפּיטאַליסטישער סחורות-פּראָדוקציע. די מינימאַלע שכירות, וועלכע זי האָט אויסגעקעמפט זיינען בשום אופן נישט קיין גוזמאַדיקע פאָדערונגען. אָפּענהיימער ווייזט אַליין אָן, אַז דער פּרייז פון פּראָדוקטן ווערט אין ארץ-ישראל באַשטימט דורך די פּרייזן אויפן וועלטמאַרק פּלוס טראַנספּאָרט-הוצאות און צאָל. די ריוח-מעגלעכקייט אין א״י וועט על כּן נישט קיין סך מאָגערער זיין ווי אין אונזערע וויכטיקסטע אימפּאָרט-לענדער — ענגלאַנד, דייטשלאַנד — אויב אונזערע אַרבעטער-שכירות זיינען נישט העכער ווי דאָרט. אַ צוזאַמענשטעלונג פון שכירות אין פאַרשיידענע לענדער און פאַכן לויט דער סטאַטיסטיק פונם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס-אַמט גיט אויף דעם אַן ענטפער.

מיר זעען, צ. ב., אַז אינם בויפאַך פאַרדינען ביי אונז די גוט-קוואַליפיצירטע אַרבעטער בערך דעם גלייכן לוין ווי אין דייטשלאַנד (דאָס

פּאַרדינען אויך די אַראַבישע בוימייסטער). דערפאַר אָבער זיינען ביי אונז די שכירות פון נישט-געלערנטע אַרבעטער נידעריקער ווי אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און עסטרייך. דאָס גלייכע איז ריכטיק בנוגע דער טעקסטיל-אינדוסטריע און דעם דרוקעריי-פאַך, דערפאַר אין דער האָלץ-אינדוסטריע שטייען מיר צווישן דייטשלאַנד און ענגלאַנד. א בליק אויף א ליסטע פון די וויכטיקסטע לעבנסמיטל-פּרייזן זאָגט אונז אין דער אייגענער צייט, ווי הויך זיי זיינען אין א״י (פלייש, מילך און פּוטער זיינען מיט 50 פּראָצ. ביז 100 פּראָצ. טייערער ווי אין לאָנדאָן און בערלין). דאָס מיינט, אז אונזערע רעאַלע שכירות זיינען אויף אַזויפיל נידעריקער. דערצו קומט דאָס פעלן פון יעדער סאָציאַלער הילף און שטאַטלעכער דאגה פאַר אַרבעטסלאָזע. אין דעם מאָמענט באַטייליקט זיך נאָר די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין דער קופּת חולים און צום טייל אינם קאַמף קעגן דער אַרבעטסלאָזיקייט. די שווערסטע לאַסט טראָגט די הסתדרות אַליין. ביי די שווערע באַדינגונגען איז דער געווערקשאַפטלעכער קאַמף נישט ווערטלאָז און נישט קיין פאַרבלענדונג און סיי די דערווייליקע שוואַכקייט פון דער אידישער אינדוסטריע, סיי די דערקענטניש פון די סכנות פונם לאַנד-וואָכער קאָנען אים נישט מאַכן איבעריק.

די אונטערשטיצונג פון דעם באַפרייאונגס-קאַמף פונם אַראַבישן אַרבעטער אין מלאכה און אינדוסטריע קעגן דעם אַראַבישן אונטערנעמער, פאַר וועלכן אָפּענהיימער שטעלט זיך ענערגיש איין, איז אודאי א ווירקזאַם מיטל כּדי צו זיכערן די פּאָזיציע און דעם אויפשטייג פונם אידישן אַרבעטער. אָבער דאָס איז א פּאַמעלעכער, היסטאָרישער און אָרגאַניזאַטאָרישער פּראָצעס, וואָס זיין ווירקונג קאָן זיך נישט אַזוי באַלד ווייזן. אגב, ווי זאָל די אידישע אַרבעטערשאַפט שטופּן דעם פּראָצעס פאָרויס, נישט לערנענדיק דעם אַראַבישן פּראָלעטאַריער די באַנוצונג פון דעם נישט-כּשרן מיטל פון געווערקשאַפטלעכער אָרגאַניזירונג און פּראָפעסיאָנעלן קאַמף? עס איז אַ גוואַלטיקע סתירה, פון איין זייט צו פּראָקלאַמירן אָט די סאָלידאַרישע הילף אַלס אַן אויפגאַבע פון דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג, און אין דער אייגענער צייט צו פאַרלאַנגען פון איר. אַז זי זאָל זיך אָפּזאָגן פון „דער געבונדנקייט מיט די אידעען פון קלאַסנקאַמף, וועלכע מען האָט געבראַכט אין לאַנד אַריין פון דער גאַנץ אַנדערש פאָרמירטער אייראָפּעאישער ווירטשאַפט״.

אין דעם צוזאַמענהאַנג נאָך איין פּאַקטישע באַמערקונג. פּראָפ. אָפּענהיימער מיינט, אַז די שטרעבונג פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אויפצוהאַלטן א „ליווינג ווידזש״, א לוין גענוג צום לעבן, „געליגנט צום גרעסטן טייל נאָר צוליב דעם נישט-עקאָנאָמישן טעם, ווייל די וויכטיקסטע באַשטעלער פון די אידישע מלאכות זיינען ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס מוזן נישט קאַלקולירן זער גענוי, און אויך ביים פּריוואַטן עולם איז דער נאַציאָנאַלער געדאַנק אַזוי שטאַרק, אַז זיי זיינען גרייט צו מאַכן באַשטעלונגען צו העכערע מקחים...״ די שילדערונג פּירט אַראָפּ פונם גלייכן וועג.

נעמען מיר, למשל, דעם סולל-בונה, די ציוניסטישע אינסטיטוציעס זיינען בשום אופן נישט זיינע וויכטיקסטע קונדן. די גאַנץ באַדייטנדע בוי־קאָנטראַקטן פון דעם קאָלאָניזאַציע-דעפּאַרטאַמענט אין די לעצטע יאָרן מאַכן אויס נאָר 15—20 פּראָצ. פון דעם אומזאַץ פון דער דאָזיקער בוי-קאָאָפּעראַציע. און איך קאָן פאַרזיכערן פּראָפ. אָ., אַז ביים מאַכן די קאָנטראַקטן קאַלקולירט מען זער געגנוי און מען דינגט זיך גאָר עקשנותדיק. דער נאַציאָנאַלפאָנד פאַרטיילט זיינע קאָנטראַקטן אויפן יסוד פון אַן עפנטלעכער קאָנקורענץ צווישן אַ געקליבענער צאָל פירמעס און דער סולל בונה האָט דאָ נישט לאַנג געקריגן די הכשרה-אַרבעט אויפן קישון, ווייל זיין אָנבאָט איז געווען דער וואָלוולסטער. געוויס, מיר קאַלקולירן אַזוי, אַז דער אידישער אַרבעטער זאָל נישט דאַרפן „פרעסן גראָז", כדי צו האַלטן אונזערע הוצאות וואָס נידעריקער. גראָד אַזוי איז עס אַ טעות, חושד צו זיין דעם פּריוואַטן עולם אין פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון. עס זיינען פאַראַן גוטע מאַטעריעלע מאָטיוון, וואָס קאָנען אויך פּריוואַטע מענטשן דערצו ברענגען, צו צאָלן דעם אידישן אַרבעטער העכערע שכירות. נישט נאָר קריגן זיי דערפאַר אָפטמאָל בעסערע אַרבעט; דעצידירנד איז דער פאַקט, אַז די מענטשלעך באַצאָלטע און מענטשלעך לעבנדע אידישע אַרבעטערשאַפט איז דער פונדאַמענט פונם אינעווייניקן מאַרק, וועמעס קויף-כח איז דער תנאי מוקדם פאַר דעם אויפבליען פון אידישע מלאכות און אינדוסטריעס. די אידישע אַרבעטער-שכירות בלייבן אין דעם צירקולאַציע-סיסטעם פון דער אידישער עקאָנאָמיק און קומען גריילעך צוריק צום אידישן סוחר, בעל-מלאכה און אינדוסטריעלן אונטערנעמער. דעריבער זאָגן מיר צו דער אידישער אינדוסטריע, וואָס אָפּגעהיימער זאָגט פון דער אידישער לאַנד-ווירטשאַפט: מיר זעען נישט קיין „מעשה נסים" אין העכערן די ריוח-מעגלעכקייט אויף דעם אופן, אַז מען צווינגט דעם אידישן אַרבעטער צו „פרעסן גראָז". אונזער אינדוסטריע זאָל „זיך מטריח זיין און ווירטשאַפטן אַזוי, אַז זיי זאָלן קאָנען רעגלמעסיק עסן ביפשטעקס, אָנשטאָט צו רואַי-נירן זיך אַליין און איר ווירטשאַפט דורך נישט דערעסן און די דערפון שטאַמענדע שלעכטע קוואַליטעט פון דער אַרבעטסלייסטונג".

נאָך אַלעמען, איז עס באמת נויטיק צו דיסקוטירן, צי עס איז גע-חאַנשן די געווערקשאַפטלעכע אַנטוואָפּעלונג פון דער אידישער אַרבעטער-שאַפט און איר אַראָפּגליטשן זיך אויפן „נול-ניוואָ" פון דעם לוין-דריקענדן אַראַבישן אַרבעטער אויפן שטאָטיקן מאַרק? עס איז נישט דורכפירבאַר און קעגן די ציוניסטישע אינטערעסן. דער ציוניזם קאָן נאָר רעאַליזירט ווערן, כדי צו רעדן מיט הערצלס ווערטער, אַלס אַן „אויפשטייגנדע קלאַסן-באַוועגונג".

2. די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע. די קבוצה.

אין דעם דאָזיקן טייל פון זיין קריטיק באַרופט זיך פּראָפ. אָפּענהיימער און שטיצט זיך זער אָפט אויף דער עקספּערטיזע פון אַגר. דיק, וועמען מיר האָבן אין אַפּריל 1926 איינגעלאַדן צו אַן אינספּעקציע פון דעם טעכנישן מצב פון אונזערע ישובים. פונדעסטוועגן זיינען די מיינונגען פון פּראָפ. אָ. נישט שטענדיק פּועל־יוצאָס פון יענעם באַריכט. ער אונטערשיידעט זיך אויך פון דעם לעצטן אין איין פונדאַמענטאַלן פונקט. בשעת דיק וואַרפט אַבסאָלוט אָפּ די קבוצה, די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטיוו־גענאָסנשאַפט אין דער ארץ־ישראלדיקער פאָרמאַציע, גרויס צי קליין, איז פּראָפ. אָפּענהיימער אין זיין שטעלונג צו דער „קליינער קבוצה“, ד. ה. צום מיטלגרויסן גענאָסנשאַפטלעכן באַטריב פון 25—30 פאַמיליעס אויף אַ שטח פון 250 העקטאַר בערך, אַ סך נאָכגיביקער. ער באַצייכנט זי אַלס „יעדנפאַלס מעגלעך“. דער משפּחהדיקער צוזאַמענהאַנג צווישן די פאַכמענעריש אויסגעבילדעטע מיטגלידער און די אידענטיטעט פון זייערע אידעאַלן מאַכן די קבוצה צו „אַ מין רעליגיעזער סעקטע, וועלכע לויט דער עדות פון דער ווירטשאַפטס־געשיכטע קאָן האָבן ערפאָלג ביז צו אַ געוויסן פונקט“ אַלס גרענעץ באַצייכנט אָ. די איינפאַכקייט און לייכטע דיספּאָנירבאַרקייט פון דער ווירטשאַפט, ווי אויך נישט קיין צו גרויסע שטייגערונג פון די הכנסות. מיט אַנדערע ווערטער, ער האָט מורא, אַז זי קאָן אויפגעריסן ווערן אָדער אַרונטערפאַלן אונטער דעם געזעץ פון „טראַנספאָרמאַציע“ (דעגענעראַציע) צוליב צו גרויסן וואוילטאָג. הגם מיר זיינען מלא בטחון בנוגע די מעגלעכקייטן פון דער לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל, האָבן מיר דאָך קיין מורא נישט פאַר אַזעלכע סכנות פאַר אונזערע קבוצות, און זיינען מסכּים מיט פּראָפ. אָפּענהיימערס מיינונג, אַז מען קען „אָפּוואַרטן די ווייטערע אַנטוויקלונג פון אָט דער פאָרם מיט אַ געוויסן צוטרוי“. „וואָס ס׳איז אין זיי פאַרזאַמלט“ — גיט צו אָ. — „נעמט אַרום די בעסטע פאַכמענישע לאַנדאַרבעטער פון ארץ־ישראל“. אין דער אַלגעמיינער פאָרם וואָלטן מיר אַליין אַפילו נישט געחתמעט אויף דעם שבח, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז אין דער ערציאונג פון דעם אידישן מענטש צו אַ ווירטשאַפטלעכער טיכטיקייט, וועלכע בילדעט לויט אָ. דעם עצם פון אונזער אַגראַרפּראָבלעם אין ארץ־ישראל, האָט די קבוצה אויפגעטאָן גרויסע און דויערהאַפטע זאַכן.

גאַנץ אַנדערש שטעלט זיך פּראָפ. אָפּענהיימער צו די גענאָסנשאַפטלעכע גרויסווירטשאַפטן, די „גרויסע קבוצות“. ער מיינט געוויס די אויף 9000 דונאַם און 120 פאַמיליעס באַרעכנטע צוויי גרויסבאַטריבן עין־חרוד און תל־יוסף (געגרינדעט סוף 1921) און מעגלעך אויך די „השומר־הצעיר“־קאָלאָניע בית־אלפא (געגרינדעט אין זומער 1923), וועלכע איז באַרעכנט אויף 50—60 פאַמיליעס (בערך 4000 דונאַם). אַנדערע ווירטשאַפטן פון דער גרויס זיינען, ווי באַקאַנט, נישט פאַראַנען.

אָפּענהיימער ערקלערט, אַז „די דאָזיקע פּאַרבאַנדן קאָנען אויך אונ־טער די גינציקסטע אויסנווייניקסטע תּנאים נישט געבראַכט ווערן צו אַן ערפאָלג", ווייל „זיי ליידן פון צוויי אומהיילבאַרע קרענק" — דעם פעלן פון אַן אָנפירונג, און פון דעם קאָמוניסטישן אויפבוי; דאָס לעצטע מיינט לוין-צאָלונג לויט באַדאַרף און קאָנסום-קאָמונע. ווי באַוואוסט, זיינען פאַכ־מענישע לייטונג ביז צו דער רענטאַבּיליטעט און שכירות לויט לייסטונג די גרונד-יסודות פון דער אָפּענהיימערישער קאָנצעפּציע פון אַ לענדלעכער פּראָדוקטיוו-געזעלשאַפט, וועלכע איז פאַר אים פון אָנהויב אָן געווען אַ „מיטל גובר צו זיין דעם קאָמוניזם". קיין וואונדער, אַז אָפּענהיימער, פאַר וועלכן מיר אַלע האָבן יראת הכבוד ווי פאַר דעם וועגווייזער אויף דעם געביט פון געזעלשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע-מעטאָדן, קאָן נישט מסכּים זיין מיט עיקרדיקע שנויים אין זיין שיטה און זאָגט די נישט פאָלגזאַמע תּלמידים פאָראויס אַ מיאוסן דורכפאַל.

עס ווייזט שוין אַרויס אַ גרויסע מאָס פון אָביעקטיוויטעט, אַז אָפּענ־היימער, נישט קוקנדיק אויף זיין טעאָרעטישע שטעלונג, בענטש די אין תּוך אַריין גלייך אָרגאַניזירטע קליינע קבוצה. מען קאָן אָבער נישט לייקענען דעם פאַקט, אַז אָ. איז צוגעטראָטן צו דער גרויסער קבוצה מיט אַ פאַרטיקער מיינונג, דהיינו, אין דעם זין ווי אָ. זאָגט עס אַליין, אַז זיין שטעלונג איז געדרונגען פון אַ „גוט באַקלערטער איבערצייגונג, וועלכע באַזירט אויף דער קריטיש אויסגעפאָרשטער און סיסטעמאַטיזירטער ערפאַ־רונג פון אַלע מאָדערנע קולטור-פעלקער אין משך פון עטלעכע יאָרהונ־דערטער". אָ. שטרייכט אַליין אונטער, אַז ס'איז נישט דער ווירטשאַפטלעכער מצב פון די גרויסבאַטריבן, וועלכע פירט אים צו אַזעלכע מסקנות, ער גיט צו, אַז מען האָט זייער אויסבוי אומדערטראָגבאַר לאַנג פאַרצויגן און קיינמאָל נישט „אויסגעצאָלט אין צייט" די באַווילליקטע קאָלאָניזאַציע-בודזשעטן. ער ווייס, אַז מען קאָן פון זיי דערווייל נאָך נישט ערוואַרטן קיין רענטאַבּיליטעט. לאָמיר זיך נעענטער אָפּשטעלן אויף די צוויי גרונד-פראַגן — לייטונג און לייסטונגס-קאָנטראָל דורך באַטייליקונג אינם ריווח.

נישט אין איין קריטישער שילדערונג פון די אָרגאַניזאַציע-פאָרמען פון אונזערע גרויסבאַטריבן ווערן געשריבן פּאַראַדיעס אויף דער קבוצה. ס'איז אַ פאַרקריפּלונג פון דער ווירקלעכקייט, אַז אין קבוצות הערשט „ווירטשאַפטלעכע אַנאַרכיע" און אַ גרויסע גוזמה, וואָס פּראָפ. אָ. זאָגט, אַז די גרויסע קבוצות האָבן „נישט נאָר נישט קיין איינהייטלעכע לייטונג, זיי האָבן בכלל נישט קיין לייטונג". ווי זעט עס אויס באמת?

אָן דער שפּיץ פון אַ גרויסער קבוצה שטייט אַ ווירטשאַפטס-לייטונג (הנהלת המשק), וועלכע באַשטייט פון 7—11 חברים און ווערט געקליבן פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט פאַר איין ווירטשאַפטס-יאָר. איר אויפגאַבע איז די פינאַנציעלע אָנפירונג, די פאַרוואַלטונג פונם רכוש, פאַרטרעטונג כּלפּי חוץ, די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט. נעבן איר איז פאַראַנען אַ באַטריבס- אָדער אַרבעטס-לייטונג

(הנהלת העבודה, אָדער סדור העבודה), וועלכע באַשטייט פון די אָנפירער אָדער הויפּטאַרבעטער פון די איינצלנע באַטריבס-צווייגן. פאַר דער אָנפירונג פון יעדן צווייג אין דערווירטשאַפט — אַקערבוי, פלאַנצונגען, מילך-בהמות, גרינצייג, עופות א. אַז. וו. — ווערט פון די צו דעם צווייג צוגע-טיילטע חברים געקליבן אַ לייטער אָדער אַן ענגע לייטונג (אין תל-יוסף בדרך כלל 1 אָדער 2; עין-חרוד 3—5). זיי גויטיקן זיך אין אַ באַשטע-טיקונג מצד דער ווירטשאַפטס-לייטונג. די אַרבעטס-לייטונג ווילט פון זיך אויס אַ קליינע דריי-גלידעריקע אַרבעטס-אָנפירונג, וועלכע פירט אָן מיט דער אַרבעט בפועל ממש. זי באַשטייט פון דעם הויף-פאַרוואַלטער (חצרן), דעם אָנפירער פון אַקערבוי (פלחה) און דעם אָנפירער פון דעם צווייט-וויכטיקסטן ווירטשאַפטס-צווייג (למשל מילך-בהמות אָדער פלאַנצונגען) אָדער גלאַט פון אַ חבר, וועלכער צייכנט זיך אויס אַלס פאַרוואַלטונגס-טאַלאַנט און צענ-טראַלע פערזענלעכקייט. דער סדור העבודה איז על פי רוב פאַרבונדן דורך פערזאָנאַל-אוניאָן מיט דער הנהלת המשק, אַ פעסטער כלל איז עס נישט.

אין די קליינע קבוצות איז דער אַפּאַראַט איינפאַכער, ווייל ביי זיי איז די לייטונג פון דער ווירטשאַפט און פונם באַטריב אידענטיש. זי באַשטייט בדרך כלל פון דעם חצרן (הויף-פאַרוואַלטער), דעם מנהל חשבונות (בוכהאַלטער) און דעם לייטער פון איינע פון די וויכטיקסטע ווירטשאַפטס-צווייגן (געוויינלעך אַקערבוי). די הויפּט-אַרבעטער פון די איינצלנע באַ-טריבס-צווייגן ווערן דאָ נישט געוויילט, נאָר נאָמינעל באַשטימט פון דער ווירטשאַפטס-לייטונג. אין ווירקלעכקייט קומט פאַר אַ נאַטירלעכע וואַל — דער ערפאַרנסטער און טיכטיקסטער אין יעדן אַרבעטס-צווייג ווערט אָנער-קענט פון זיינע חברים אַלס הויפּט-אַרבעטער און אָנפירער.

דערפון איז קודם כל געדרונגען, ווי אומגערעכט עס איז די טענה, אַז די בעסטע רעדנער אָדער די חברים, וואָס האָבן זיך פאַרדינט געמאַכט ביי דער גרינדונג פון דער קאָלאָניע ווערן באַשטימט אַלס לייטער פון דער טעכנישער אַרבעט, נישט אַכטנדיק אויף זייער קוואַליפיקאַציע. די קבוצה, בפרט די גרויסע, אונטערשיידעט, ווי מיר זעען, גענוי צווישן דער אָנפירונג פון דער קאָלאָניע און דער פירונג פון דער אַרבעט. איך קאָן אויפן יסוד פון מיינע ערפאַרונגען אין דער אָנפירונג פון דער קאָלאָניזאַ-ציע-אַרבעט עדות זאָגן און מיך דערביי פאַררופן אויף מיינע פאַרגענגער אין דעם אַמט, די הערן ד״ר רופּין און אַגר. עטינגער, אַז שטענדיק זיינען די טיכטיקסטע און בעסטע געקומען בראש פון אונזערע קבוצות. ס׳איז מיר נישט באַקאַנט קיין איינציקער פאַל, אַז קאַריעריסטן אָדער דורך אויסנווייניקע פעאיקייטן בלישטשענדע חברים זאָלן פאַרכאַפּן די פירונג און פאַרטרעטונג פון דער קבוצה. מיר ווייסן נישט ווער האָט עס פּראָפ. אָ. דערציילט די באָבע-מעשה, אַז מ׳וויל צוציען „צוליב כלומרשטער גערעכ-טיקייט אַלע חברים כסדר צו אַלע אַרבעטן״ און דערפאַר לאָזט מען „אויך דעם אַמט פון די אָנפירער פון אָפּטיילונגען איבערגיין פון איינעם צום אַנדערן״. ס׳איז אמת, אַז מען גיט די איינגערע כחות אין דער קבוצה

אַ געלעגנהייט צו אַרבעטן אין איינציקע באַטריבס־צווייגן, איידער זיי ספּע־ציאַליזירן זיך, ס׳איז אמת, אַז אַלע מיטגלידער פון דער גענאָסנשאַפט, אויף די בעסטע פאַללייט, מוזן אַ געוויסע צייט זיין טעטיק אין דער געמיינזאַמער הויזווירטשאַפט. עס איז, גריילעך, נישטאָ קיין יסוד צו רעדן איבער דער דאָזיקער אין די גרענעצן פון שכל הישר איינגעפירטער אַלגעמיינער אַרבעטספליכט אַזוי ווי עס וואָלטן אין עין־חרוד גוטע גערטנער נאָכאַנאַנד געאַרבעט אין דער קיך און אויספראַבירטע לאַנדאַרבעטער — כסדר אין דער זאָטלעריי. ס׳איז אָבער אַן אַבסאָלוט אויסגעטראַכטע מעשה, אז מען לאָזט די לייטונג פון די באַטריבס־צווייגן איבערגיין „פון איינעם צום אַנדערן“. ווער עס קען אונזערע קבוצות, ווייס, אַז אין משך פון יאָרן ווערן שטענדיק די זעלבע מענטשן באַשטימט פאַר דער לייטונג: מרחביה איז כמעט אידענטיש — מיט יזרעאלי, דגניה — מיט באַראַץ, כנרת — מיט בן־ציון, עין־חרוד — מיט לביא (לעווקאָוויטש), תל־יוסף — מיט העפּטער—עלקינד א. אַז. וו. מיר האָבן פאַר אונז אַ ליסטע פון די חברים, וועלכע האָבן אין משך פון די לעצטע דריי יאָר באַלאַנגט צו די ווירטשאַפטס־לייטונגען פון עין־חרוד און תל־יוסף און זיינען אויך גע־שטאַנען בראָש פון איינצלנע אַרבעטס־צווייגן. דערביי איז פאַרצייכנט, וויפיל יאָרן יעדער פון זיי איז געווען טעטיק אין זיין פאַך. דערפון איז גע־דרונגען, אַז די טענה איבער דער דיסקאָנטינויאיטעט פון דער לייטונג איז אומבאַגרינדעט. פאַקטיש איז די פירונג פון די ענינים און פון דעם באַ־טריבן סטאַביל זייט זיין גרינדונג, מען לאָזט נאַטירלעך צו אויך אינגערע טאַלאַנטן. פונקט אַזוי באַווייזט די דאָזיקע טאַבעלע יעדן איינעם, וועלכער קען ־די מענטשן, אַז נישט שיינע רעדנער אָדער דיאַלעקטיקער ווערן פאַר דער לייטונג באַשטימט, נאָר כמעט אָן אַן אויסנאַם די אויספּראָבירטעסטע חברים און חברות מיט 10, 15 און 20 יאָר לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט אין ארץ־ישראל הינטער זיך.

מיר ווילן גאָרנישט לייקענען, אַז בדרך כלל באַזיצן אויך די גע־שולטעסטע לאַנדאַרבעטער, יחידים אָדער אַלס קאָמיטעט, נאָך נישט די קוואַליפיקאַציע צו פירן אַ פאַרצווייגטן גרויסבאַטריב. ס׳איז אָבער נישט ריכטיק צו שילדערן דעם מצב, ווי די קבוצות וואָלטן געשטעלט געווען אַך ורק אויף זיך אַליין. אין ווירקלעכקייט איז ביי דער אויסאַרבעטונג פונם פּלאַן, גרינדונג און אויספירונג פון אַ ישוב־פונקט **פאַראַנען אַ פאַכמענישע לייטונג**, וועלכע ווערט צוגעשטעלט פון דעם **קאָ־לאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט**, פון זיין **אינסטרוקציע־אָפּטיילונג** און פון דער **לאַנדווירטשאַפטלעכער תחנת הנסיונות.**

דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין אַלע זיינע טיילן: ווירטשאַפטס־פּלאַן, קאַפּיטאַל־באַדאַרף, בוי־פּלאַן און פּראָיעקטן פון בנינים, עווענטועל באַוואַסערונגס־פּלאַן א.אַ.וו. — דאָס אַלץ ווערט אויסגעאַרבעט פון מומחים אין דעם דעפּאַרטאַמענט און קאָן נאָר מיט זיין צושטימונג אויסגעפירט

ווערן. דער פרוכט-וועקסל, דער באַמיסטיקונגס-פּלאַן א. אַ. וו. דאָס אַלץ ווערט אָנהויב יאָר באַראַטן מיט די מומחים פון דער אינסטרוקציע-אָפּטיילונג (מחלקת הדרכה). די עקספּערטן פון אונזער פּלאַנצונגס-סעקציע באַשטימען, וואָס און וואו עס זאָל געפּלאַנצט ווערן. דער אַרבעטס-פּלאַן און דער חשבון פון די צו ערוואַרטנדע הכנסות און הוצאות ווערן פעסטגעשטעלט אין אַ געניטען משא ומתן איבער דעם יאָר-בודזשעט מיט דעם קאָלאָניזאַציע-דעפּאַרטאַמענט. איבער דעם היקף פון דער טעכנישער הדרכה, וועלכע ווערט פון אונז געלייסטעט, גיט אַ באַגריף דער וואוקס פון דעם בודזשעט און פּערסאָנאַל פון אונזער אינסטרוקציע-אָפּטיילונג און פּלאַנצונגס-סעקציע. אין יאָר 1924 האָבן מיר דערפאַר געהאַט אַ הוצאה פון קוים 2000 פונט און 6 וואַנדער-לערער; אינם יאָר 1927 שטייגט דער בודזשעט איבער 7000 פונט און אַ שטאַב פון מער ווי 20 אינסטרוקטאָרן זיינען באַמיט דורך זייער אַרבעט פול מסירות-נפש צו פאַרשפּרייטן טעכנישע אויפקלערונג און הדרכה אין אונזערע ישובים. פאַכלייט פאַר אַקערבוי, בהמות-צוכט, גרינצייג, עופות-צוכט, קאָנסערוון, פּלאַנצונגען, בוים-שולען (משתלות) אונטערשטיצן די קרייז-אינסטרוקטאָרן; בעת די תחנת הנסיונות באַאַרבעט די פּראָבלעמען פון אונזער טעכנישן פּראָגרעס אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן און שטעלט אונז צו אירע מומחים צו באַקעמפן קראַנקייטן און מזיקים, פאַר קולטיווירונג פון זריעות און אַנדערע אויפגאַבן. מיר אַרבעטן נאָכאַנאַנד דערויף צו פאַרשטאַרקן דעם אינסטרוקציע-אַפּאַראַט און די אינספּעקציע, ספּעציעל אין נייע קאָלאָניעס. אין דעם מושב החסידים, למשל, פירט אָן אַ שטענדיקער אַדמיניסטראַטיווער באַאַמטער אויפן אָרט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט געשטיצט אויף אַ הויפּטאַרבעטער. אין דעם דיסטריקט פון דער נייער קאָלאָניזאַציע ביים נחל קישון האָבן מיר נאָמינירט אַ באַזונדערן לאָקאַלן אינסטרוקטאָר, ווי אויך אַ פאַרוואַלטונגס-באַאַמטן.

אין אַלע קאָלאָניעס באַשטייט אַן איינהייטלעכע, פון דעם קאָלאָניזאַציע-דעפּאַרטאַמענט פאָרגעשריבענע בוכפירונג, אַ שטענדיקע בודזשעט-קאָנטראָל און אַ רעגלמעסיקע אינספּעקציע פון די חשבונות ווערן באַזאָרגט פונם פינאַנץ-דעפּאַרטאַמענט.

וועגן דער גרויסער קבוצה איז כדאי דאָ נאָך צו דערמאָנען, אַז פּראָפ. אָ. געפינט זיך אין אַ טעות, ווען ער באַטאָנט די פאַרשיידנאַרטיקייט און פאַרצווייגטקייט פון די גרויסווירטשאַפטן. זיי איבערשטייגן די קליינע קבוצות נאָר אין דעם שטח פון די תבואה-פעלדער (ביי 5000 ד.) און אין עין-חרוד איז חוץ דעם באַפּלאַנצט אַ גרעסערער שטח מיט וויינטרויבן (טיש-טרויבן). די אַנדערע ווירטשאַפטס-צווייגן אין עין-חרוד און תל-יוסף זיינען צוליב דער שוין אויבן דערמאָנטער גרויסער פאַרשפּעטיקונג אין זייער אויסבוי דערווייל נישט מער אַנטוויקלט ווי אין אַ פול עטאַבלירטער קליינער קבוצה; די מילך-ווירטשאַפט און די גרינצייג אין די געגנאָסנשאַפטן פון דעם עמק-הירדן זיינען דערווייל אינטענסיווער אַלס די זעלבע צווייגן אין די גרויסווירטשאַפטן אין נוריס. די שולונג און טיכטיקייט,

וועלכע זיינען גענוג צו לייטן אַ נאָרמאַל איינגעריכטעטע קליינע קבוצה, קלעקן דערוייל אויך פאַר דער אָנפירונג אין דער גרויסער.

דערמיט ווילן מיר נישט באַהויפּטן, אַז די קבוצה, און ספּעציעל די גרויסע קבוצה, האָט געפונען אַ לגמרי צופרידנשטעלנדע פאַרענטפערונג פון דער לייסטונגס-פראַגע. דער סיסטעם פון דער באַטריבספירונג דורך אַ קערן פון גוט אויסגעבילדעטע חברים אונטער דער לייטונג, קאָנטראָל און הדרכה פון דעם קאָלאָניזאַציע-דעפּאַרטאַמענט און אינסטרוקציע-סעקציע איז ניי, און די צוקונפט וועט ערשט ווייזן, צי דערמיט איז געפונען אַ נייער וועג. די אַנטוויקלונג פון די קבוצות, וועלכע מען האָט ערמעגלעכט צו קומען צו אַ געגרעגלטן ווירטשאַפטס-באַטריב באַווייזט, אַז דער מעטאָד איז מצליח אין דער גרינדונגס-סטאַדיע. מיר זיינען נישט אַזוי נאַאיוו צו גלויבן, אַז אַלץ געפינט זיך אויפן בעסטן וועג. נאָר מיר מיינען, אַז דער חשש, וועלכן פּראָפ. אָפּענהיימער זאָגט אַרויס, גילט ערשט פאַר דער צוקונפט, ווען די ווירטשאַפטן וועלן קומען צו זייער פולער אַנטוויקלונג און וועלן אַרויסוואַקסן פון אונטער דער פּלאַנמעסיקער השגחה און קאָנטראָל פון דעם קאָלאָניזאַציע-דעפּאַרטאַמענט.

מיר פאַרזעען נישט דעם פאַקט, אַז דער איבערגאַנג פון אַ גענאָסנשאַפטלעכן באַטריב פון 50—60 מיטגלידער אויף אַ שטח פון 200—250 העקטאַר צו אַ ווירטשאַפט פון 200—250 אַרבעטער אויף 800—900 הא. איז געווען אַ מוטיקער, יאָ אַ געוואַגטער שריט, וועלכער האָט געשטעלט די קבוצה פאַר נייע פּראָבלעמען פון אָרגאַניזאַציע, מאַסן-דיסציפּלין, צוזאַמענלעבונג און לייטונג. פון דעם רעזולטאַט און ערפאָלג פון די ערשטע צוויי פּרוואָון וועט אָפּהענגען די שטעלונג פון דער אַרבעטערשאַפט אַליין ווי אויך די שטעלונג פון די קאָלאָניזירנדע אינסטאַנצן צו זיי. מען מוז אָבער שטענדיק ווידער קאָנסטאַטירן, אַז מען האָט די דאָזיקע פאַרבאַנדן ביז איצט נישט אָוועקגעשטעלט אין גלייכע באַדינגונגען ווי די אַנדערע ישובֿ-פאָרמען, און דערפאַר איז עס נישט דערלאָזבאַר שטענדיק צו מאַכן אומבאַרעכטיקטע פאַרגלייכן און ציען מסקנות בנוגע זייער צוקונפט. אַזאַ אומפריינדלעכע קריטיק שאַפט אַ באַציאונג פון אומצוטרוי, יאָ אַ פיינדלעכע עפנטלעכע מיינונג אינם ציוניזם, וועלכע שטעלט אין סכנה אָדער פאַרציט לפּחות די אויך פון פּראָפ. אָפּענהיימער פאַרלאַנגטע פאַרענדיקונג פון די דאָזיקע ווירטשאַפטן.

בשעת מיר און מיט אונז דער רוב פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון דער פּראָדוקטיוו-גענאָסנשאַפטלעכער באַוועגונג אין ארץ-ישראל באַטראַכטן דעם מעטאָד, וועלכער האָט זיך אַרויסגעבילדעט אויס די באַדינגונגען פון אונזער ווערק אין ארץ-ישראל, אַלס אַ האָפענונגספולן פּרוואוו, אָבער דאָך נאָר אַלס אַ פּרוואוו, איז פּראָפ. אָ. איבערצייגט, אַז די פון אים פאַרלאַנגטע אַדמיניסטראַציע דורך פאַכמענער, איז די איינציקע גאַראַנטיע פון הצלחה. מיר זיינען נישט קיין פּרינציפּיעלע קעגנער פון אַט דער איבערגאַנגס-שיטה אין דער פאַרוואַלטונג. ס'איז באַקאַנט, אַז מיר

האָבן יאָרנלאַנג פּראָפּאַגירט אָפּענהיימערס אידעען אינם ציוניזם און מיר האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם ערשטן עקספּערימענט אין מרחביה. מיר וואַרפן אָפּ דעם וואָלוועלן אַרגומענט, אַז די נישט-הצלחה פון אָט דעם אונטער דער פּערזענלעכער לייטונג פון אַגר. דיק אונטערגענומענעם פּרואוו האָט געמאַכט אַ סוף מיט דעם ענין. אָבער דער קאָנפליקט, מיט וועלכן עס האָט זיך געענדיקט די אַדמיניסטראַטיווע תקופה אין מרחביה, צווינגט זיך צו פאַרטראַכטן און אויך דער ערפאָלג פון דער געווין-באַטייליקונגס-ווירטשאַפט אין בערענקלוי *), וועלכן מיר ווילן אַבסאָלוט נישט פאַרקלענערן, איז נאָך נישט אַן ענדגילטיקער. נישט דערפאַר וואָס נאָך 6 יאָר פון איר באַשטאַנד ווייזט זי נאָך אַלץ קליינע דעפיציטן און פאַרטיילט נאָך נישט קיין רוחים, נאָר ווייל אויך אין בערענקלוי, ווי פּראָפ. אָ. דריקט זיך אויס אַביסל טונקל, איז „צוליב דעם פעלן פון די נויטיקע מיטלען פאַר דער אייגנטלעכער פאָלקס-ערציערישער אַרבעט די פּסיכאָלאָגישע ניי-אָריענטירונג פון דער אַרבעטערשאַפט נאָך לאַנג נישט אַזוי ווייט דערגאַנגען, ווי איך בין זיכער זי צו אַנטוויקלען״. איבערזעצט אויף אַ פּשוטערן לשון הייסט עס אַזויפיל, אַז נאָך 6 יאָר פון אַדמיניסטראַטיווער פאַרוואַלטונג פון אַ גוטסווירטשאַפט מיט דייטשע לאַנדאַרבעטער ווייזט אַרויס די אַנטוויקלונג צו גענאָסנשאַפטלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג זער קליינע פאָרשריטן. די פראַגע איז, אויב די מעלות פון דער קוואַליפיצירטער לייטונג דורך אַ באַאַמטן, וועלכער האָט פולע פרייהייט אין זיינע דיספּאָזיציעס און איז פאַרזאָרגט מיט אַלע פולמאַכטן, שטייען באמת מחוץ פון יעדן ספק, ווי עס ווערט פון דער דאָזיקער זייט באַהויפּטעט; אויב דער שיר השירים אויף דעם אַלמעכטיקן אַדמיניסטראַטאָר איז אַזוי איבערצייגנד, אַז מיר זאָלן פון דער שיטה פון ערציאונג צו לייטונג אַנטשלאָסן און אָן ספקות איבערגיין צום צוואַנג צו אַדמיניסטראַציע.

ס'איז נישט קיין סוד מער, אַז די פאַרוואַלטונג דורך פאַכלעך פאָרגעבילדעטע אַדמיניסטראַטאָרן האָט אויך אירע שאָטנזייטן און גרענעצן. פּראָפ. אַרעבאָא, געוויס אַן אויטאָריטעט אויף דעם געביט פון באַטריבס-וויסנשאַפט, דריקט שוין אויס אין דער ריכטונג ספקות. נאָכדעם ווי ער ווייזט אָן דערויף, „אַז דער מענטש שאַפט דעם ריוח פון לאַנדגוטסווירטשאַפט, און עס איז ספּעציעל דער באַטריבס-לייטער, וועלכער שפּילט דערביי אַ דעצידירנדע ראָל״, פירט ער אויס (אַלגעמיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטריבסלערע, ז. 590, בערלין 1923): „ביי אַ פּראָגרעסירנדער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט שטייגט ווייטער דער סכום פון קענטעניש און ערפאַרונגען, וועלכע עס קאָן אָנווענדן דער לאַנדווירט אין זיין ווירטשאַפט. עס מוז דערפאַר אַלץ שווערער ווערן רוכש צו זיין אַלע די קענטענישן און ערפאַרונגען. בתכלית השלימות איז עס שוין אויף אַ עפּעס העכערער מדרגה אפילו פאַר דעם טאַלאַנטפולסטן נישט

*) אַ גוטסהויף ביי בערלין, אָרגאַניזירט נאָך פּראָפ. אָפּענהיימערס שיטה.

מ ע ר מ ע ג ל ע ך...״ און ווייטער „מען קאָן רעדן פון אָביעקטיוו צוועק-מעסיקע אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרמען אין דער לאַנדווירטשאַפט שטענדיק נאָר בתנאי פון גלייכע אייגנשאַפטן פון אירע באַטריבסלייטער און פון די אַנ-דערע אינם באַטריב באַטייליקטע מענטשן. אַזוי ווי אָבער מען קאָן אין ערגעץ נישט אין לעבן געפינען גלייכע סגולות ביי די מענטשן, אַזוי זיינען אויך נישטאָ קיין אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע - פ אָ ר מ ע ן, וועלכע מען וואָלט געקאָנט באַצייכענען פאַר באַשטימטע אָביעקטן אַלס די אַ ל ג ע מ יי ן ב ע ס ט ע״.

ביי אונז קומט נאָך צו דער אומשטאַנד, אַז אונזערע פאַכמענער' וועלכע האָבן גענאָסן זייער אויסבילדונג אין לענדער מיט אַן אַנדערן קלי-מאַט און מיט אַן אַנדער מין לאַנדווירטשאַפט, געפינען זיך אין אַ נאָך שווערערע לאַגע און נויטיקן זיך נישט ווייניקער ווי אונזערע קאָלאָניסטן אין צייט, כדי צו לערנען און צופאַסן זיך צו ארץ-ישראל. ס'איז נישט קיין צופאַל, אַז פראָפ. מ י ד האָט זיך ביי דעם קאָלאָניזאַציע-עקספּערי-מענט אין דערהעם באַגנוגנט מיט איין פאַרוואַלטונגס-באַאַמטן (סופּעראינ-טענדענט) און ביי אַלע פאַכלעכע פראַגן האָט ער זיך באַראַטן מיט די ספּעציאַליסטן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער הויך-שולע און עקספּערי-מענטן-סטאַציע. האָט מען אַזאַ ווירטשאַפטלעך אָרגאַניזירטן און פאַכלעך אויסגעבילדעטן אַפּאַראַט אין זיין רשות, דאַן איז נישט אַזוי דעצידירנד די באַטריבסלייטונג, ווי די לויפנדע באַטריבספירונג. „די שענסטע אָרגאַניזאַ-ציע-פאָרמען נוצן נישט קיין סך, אויב זיי ווערן נישט אויסגענוצט דורך אַ צוועקמעסיקע באַטריבספירונג״, כדי ווידער אַמאָל צו ציטירן פראָפ. ארעבאַ. דאָס הייסט, אַז וויבאַלד ס'איז איינמאָל געמאַכט געוואָרן דער גרונד פון אַ נייער קאָלאָניע און ס'איז פעסטגעשטעלט דער יערלעכער ווירטשאַפטס-פּלאַן, הענגט די אַרבעט שוין קודם כל אָפּ פון די הילפס-כחות פון דעם באַטריבס-לייטער, פון די הויפּטאַרבעטער פון די איינצלנע ווירטשאַפטס-צווייגן, קורץ פון דער לויפנדער באַטריבס-פירונג. די איז פאַראַנען אין די קבוצות, אין די גרויסע נישט ווייניקער ווי אין די קליינע. עס פרעגט זיך איצט, אויב דאָס וועט שטענדיק און אומעטום ברענגען מזל ברכה, אריינ-צוקייטלען אַן אַדמיניסטראַטאָר אַלס באַטריבסלייטער צווישן דעם לייטונגס-אַפּאַראַט פון דעם דעפּאַרטאַמענט און דער באַטריבספירונג פון דער קבוצה. די פראַגע איז, אויב דורך אַזאַ צווישנגליד וועט נישט ליידן די אויסנו-צונג פון די אַרבעטס-כחות אינם באַטריב. וואָס מען געווינט אין אַדמיני-סטראַטיווער שטרענגקייט, קאָן צומאָל פאַרלוירן גיין צוליב דעם געמינערטן אחריות-געפיל פון דער אַרבעטערשאַפט.

עס איז נישט קיין באַזונדערע „אידישע פּסיכאָלאָגיע״, פון וועלכער ס'איז דאָ די רייד, ס'איז נישט קיין מענטאַליטעט און סענטימענטאַליטעט. אַ קאָלאָניזאַטאָר מוז זיך באַמיען צו פאַראייניקן די קונסט פון דעם נויט-ווענדיקן מיט דער קונסט פון דעם מעגלעכן. „די קונסט פון דער לאַנד-ווירטשאַפט״, זאָגט א ר ע ב א, „איז עבצן צו זיין צענטל מ ע נ ט ש נ ב א -

האַנדלונג״. אַ גאַנץ אָביעקטיווער און פון דער אידישער פּסיכאָלאָגיע אומבאַאיינפלוסטער ווי קאָל. יאשיה וועדזשוואוד, אינפאָרמירט פון דעם ויכוח, האָט ערקלערט ספּאָנטאַן: „איך האָף, אַז אָפּענהיימערס פאָרשלאַג אַרויפצוצווינגען אויף אַזעלכע קאָלאָניעס אַ ביוראָקראַטישן קאָפּ, וועט מען נישט פאָלגן, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז דער איינציקער שאַנס פון הצלחה פאַר די קאָלאָניעס איז, אַז זיי וואַקסן אויס פון אונטן, ווי ס'איז איצט דער פאַל״. ווי געזאָגט, מיר וואָלטן פונקט אַזוי ווי דער לאַנדאַרבעטער־פאַרבאַנד, מיט וועלכן פּראָפ. אָ. האָט פאַרהאַנדלט אין דעם ענין, היינט ווי פאַר 16 יאָר מסכים געווען און רעקאָמענדירט אַן עקספּערימענט אויף אָפּענהיימערס יסוד. אַנטקעגן וואָס מיר טרעטן אויף איז די נישט־אָנערקענונג פון די געזונטע עלעמענטן אין דער באַשטייענדער קבוצה־שיטה, איר פאַרקריפּלונג צו אַ קאַריקאַטור, ווי אויך קעגן דעם בלינדן גלויבן, אַז דער וועג פון דער פאַכלעכער אַדמיניסטראַציע איז אָן שום חסרונות.

מיר האָבן אַזוי אויספירלעך באַהאַנדלט די לייטונגס־פראַגע, ווייל דער צווייטער עלעמענט אין די אָפּענהיימערישע פאָרשלאַגן -- די ריוח באַטייליקונג — האָט נישט קיין רעאַלע באַדייטונג. מיר האָבן וועגן דעם געשריבן אין אַ באַריכט פון יולי 1924: „טעאָרעטיש זיינען שכירות לויט דער לייסטונג דאָס עפעקטיווסטע מיטל פאַר דער פאַרגרעסערונג און פאַר דער קאָנטראָל פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט. אין ארץ־ישראל האָבן זיי זיך נישט געקאָנט איינבירגערן צוליב צוויי טעמים: א) די קבוצה קאָן דוקא אין די ערשטע יאָרן נישט איינפירן קיין לוין־שטופן, וואָס זעען זיך אָן. פאַר דער מלחמה איז דער העכסטער לוין אין מרחביה געווען 70 פראַנק (אַ חודש) בערך, בעת מען האָט געמוזט צאָלן דעם מינימום פון 50 פראַנק אויך דעם נישט־געלערנטן נאַר־וואָס אָנגעקומענעם אַרבעטער. אַזוי ווי אין דער תקופה איז נישט מעגלעך קיין באַטייליקונג אין ריוח, בלייבט די לוין־סקאַלא אַזוי גוט ווי אָן שום ווירקונג. ב) דערפאַר אָבער שטערט זי די אינעווייניקע דיסציפּלין. די הויפּטאַרבעטער און אָנפירער קאָנען נישט, אינם אינטערעס פון זייער אויטאָריטעט, פאַרלאַנגען העכערע שכירות ווי זייערע חברים. אַזוי האָט מנצח געווען דער גלייכער לוין אַלס מיטל צו זיכערן דיסציפּלין און קאָנטראָל פון דער לייסטונג אויפן וועג פון מאָראַלישער צוואַנג״. אין די קליינע קבוצות ווערט אגב פאַרענטפערט די באַלוינונג על פּי לייסטונג דורך דעם, וואָס די קבוצה לאָזט ביי זיך בדרך כלל הברים פון מער ווייניקער גלייכער לייסטונגס־פעאיקייט.

מיר האָבן דערווייל אויפגעשטעלט באַרעכענונגען איבער דער רענטאַביליטעט פון באַטריבן פון „געמישטערווירטשאַפט״: פאַר אַ קבוצה פון דעם טיפּ א׳, (2500 דונאַם אָן באַוואַסערונג) און טיפּ ב׳, (2000 דונאַם, דערפון 10 פּראָצ. באַוואַסערט) *). די חשבונות באַווייזן, אַז ביי אַ מעסיקער

*) דו״ח המחלקה לחתישבות חקלאית של ההנה״צ בארץ־ישראל. לוטה 1, דף 85, ירושלים, תרפ״ו.

שטייגערונג פון די תבואות — אַריינגעטראָגן אויף 125 ק״ג פער דונאָם (אָדער 1250 ק״ג פער הא.) און אַ באַטײדענעם לעבנסשטייגער (יערלעכע הוצאות פון 100 פונט פראָ פאַמיליע), וואָלטן אַזעלכע באַטריבן 5 יאָר נאָך זייער פולן אויפבוי געוועזן בכח צו צאָלן די ישוב־הלואה פון דעם קרן־היסוד מיט 2,5 פראָצ. צינזן (פּלוס 1 פראָצ. אַמאָרטיזאַציע) און אַ לאַנד־רענטע פון 1,5 פראָצ. צום נאַציאָנאַלפאָנד (ביי דעם טיפּ א׳, איז דאָס נאָר מעגלעך ביי אַ הוספה פון אַ לאַנד־רעזערוו פון 20 פראָצ. אָדער 500 דונאָם). אויב עס וועלן זיין עודפים, דאַן וועלן זיי דינען דערצו, אויסצופילן די לעכער אין דער קנאַפּ אויסגעמאָסטענער עקוויפּירונג פון דער ווירטשאַפט, ווי אויך צו הויבן דעם פונקט אַזוי שטאַרק געדריקטן לעבנס־ניוואָ פון די דערוויילן אויסגעוואַקסענע משפחות. מען קאָן זיך דערפאַר קוים פאָר־שטעלן, אַז די געמישטע ווירטשאַפט פון דעם עמק יזרעאל, אָדער אַפילו פון דעם וואַסער־רייכן עמק הירדן וועט נאָך אַחוץ דעם מעגלעך מאַכן די פאַרטיילונג פון רוחים צווישן דער אַרבעטערשאַפט. אויף אַזאַ אופן ווערט די ריוח־באַטייליקונג אין די גרינדונגס־ און פריי־יאָרן אילוזאָריש און עס פאַלט אַוועק אָט דער אימפּולס פאַר לייסטונגס־שטייגערונג און קאָנטראָל. אַזוי צווינגט די ארץ־ישראלדיקע רעאַליטעט צו מאָדיפיקאַציעס, וועלכע די טעאָריע האָט נישט געקאָנט פאָראויסזען. זי צווינגט אונז אויך צו מער געדולד. ווען אַן איינגעאָרדנטער דייטשער גרויסבאַטריב, וועלכער ווייסט נישט פון קיין פּראָבלעמען פון מענטשן־ און לאַנד־צוגרייטונג, און ביי אַ מהלך פון עטלעכע קילאָמעטער פון בערלין — אויך נישט פון קיין מאַרק־פראַגן, ווי מיר האָבן זיי צו פאַרענטפערן אין ארץ־ישראל, גיט נישט נאָך 6 יאָר קיין ריינעם ריוח, אַ פאַקט וועלכן מיר פאַרצייכענען בשום אופן נישט אין דעם זין פון קריטיק, ווי קאָן פראָפ. אָ. אַזוי זיכער ערקלערן: „ס׳איז נישטאָ פאַר מיר קיין ספק, אַז... אַזאַ באַטריב וועט אין אַ ק ו ר־צ ע ר צ י י ט דערגרייכן רענטאַביליטעט, יאָ אַפילו פאַר צינזן און אַמאָרטיזירן דעם אינוועסטירטן קאַפּיטאַל״ ?

נאָך אייניקע ווערטער צום קאַפּיטל „פלוקטואַציע פון דער אַרבעטער־שאַפט״ אין די קבוצות. צוליב אויפקלערונג שיקן מיר אָפּ דעם לעזער צו דער פּובליקאַציע פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלאָניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט איבער די ציילונג אין די קאָלאָניעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער געפינט דאָרט אַ טאַבעלע איבער די פאַרטיילונג פון דער קבוצה־מיט־גלידערשאַפט נאָך דער צייט פון זייער זיין אינם באַטריב. זי ווייזט, אַז פון 1281 חברים (אין 17 קבוצות) זיינען געציילט געוואָרן 130 אָדער 10% בערך, וועלכע זיינען געוועזן ביז צו איין יאָר אין דער ווירטשאַפט; דערפון אַ העלפט פרויען און מיידלעך. צווישן 1—2 יאָר זיינען געווען 280 מענער און פרויען, אויך אין אַ גלייכער צאָל. אַלזאָ צוזאַמען 410 אַרבעטער, אָדער 32% פון דער מיטגלידערשאַפט האָבן געהערט צו די קבוצות ביז 2 יאָר און ווייניקער, 68% אָדער איבער 2/3 פון די חברים זיינען 2—7 יאָר און לענגער אין דער קבוצה. ס׳איז דערביי צו באַדענקען, אַז נישט

אַלע אין באַטריב טעטיקע זיינען קאָלאָניסטן. עס זיינען צווישן זיי בעלי-מלאכות און אַרבעטער, וועלכע זיינען באַשעפטיקט ביי די בנינים אָדער לערנען זיך די לאַנדאַרבעט. זיי פאַרגרעסערן נאַטירלעך די צאָל פון די יעניקע, וועלכע זיינען בערך אַ קורצע צייט אויפן אָרט. ווייטער טאָר מען אויך נישט פאַרגעסן, אַז די מייסטע געגאַנשאַפטלעכע ווירטשאַפטן זיינען נישט עלטער ווי 5 יאָר. יעדע שיינפאַרבעריי איז אונז פרעמד. די אומ-באַשטענדיקייט אין דעם צוזאַמענשטעל פון די קבוצות איז אַ חסרון, וועלכער ווערט פון דעם קאָלאָניזאַציע-דעפּאַרטאַמענט און קודם-כל פון דער אַרבעטערשאַפט אַליין קריטיקירט, פאַרמשפט און פאַרפאָלגט. ס'איז נישטאָ היינט אין דער געגאַנשאַפטלעכער באַוועגונג אַליין און ביי אַלע פאַר-אַנטוואָרטלעכע אינסטאַנצן קיין צוויי מיינונגען איבער דער אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט פון באָדנשטענדיקייט און סטאַביליטעט אין דעם צוזאַמענ-שטעל פון דער קבוצה. די 30% נייע חברים אונטער 2 יאָר זיינען אַ סימן, אַז די אין לעצטע יאָרן בלי שום ספק פּראָגרעסירנדע געזונטונג אויף דעם געביט איז נאָך נישט קיין פולשטענדיקע. אָבער מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די שווערע לעבנס-באַדינגונגען פון די מייסטע קבוצות, די פּאַציאונג פון דעם אויסבוי, די צופּאַסונגס-שוועריקייטן מאַכן אומפאַרמייד-לעך אַ געוויסע סעלעקציע און דעם אַרויסטריט פון די נישט צופּאַסונגס-פעאיקע. אויך אין די מושבים זיינען פאַראַנען פלוקטואַציעס און אויס-טריטן; זיי באַטרעפן 5% ביז 25%. מען דאַרף נישט צוליב די 30% אינגערע מיטגלידער פאַרזען די 70%, וועלכע זיצן שוין און זיינען פאַרוואָרצלט אין זייערע קבוצות איבער 2 ביז 7 און מער יאָרן.

מען חזרט אָפט איבער די טענה, אַז אונזערע גרויסבאַטריבן האָבן פּערמאַנענט נישט באַפרידיקנדע רעזולטאַטן און דערגרייכן נישט קיין רענטע. אויך פּראָפ. אָפּענהיימער רעדט וועגן דער „קליינקייט פון די רויע איינטראָגן”. מיר ווילן אָט די באַהויפּטונג באַהאַנדלען נענטער אין צוזאַ-מענהאַנג מיט אַנדערע טעכניש-לאַנדווירטשאַפטלעכע פראַגן.

3. טעכנישע פראַגן.

אונזער מיטאַרבעטער אַגר. צמח, שעף פון דער אינסטרוקציע-סעקציע (מחלקת ההדרכה) באַהאַנדלט די פונדאַמענטאַלע פראַגן פון אונזער לאַנד-ווירטשאַפטלעכער טעכניק אין זיינע אין דער ארץ־ישראלדיקער פּרעסע פּובליצירטע „באַמערקונגען” צום ראַפּאָרט פון אַגר. דיק. מיר רעקאָמענ-דירן דאָס שטודירן פון די זאַכלעכע און טיפע באַטראַכטונגען די אַלע, וועלכע ווילן געוואָר ווערן, מיט וועלכע פּראָבלעמען פון דער לאַנדווירט-שאַפט מיר האָבן זיך דאָ צו ראַנגלען, און מיט וועלכע מיטלען מיר שטרעבן צו דעם ציל צו ברענגען איר פּראָדוקטיוויטעט און רענטאַביליטעט אין הסכם מיט די באַדערפענישן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע. זיי וועלן דערביי זען, אַז אויך דער בעסטער טעכניקער, וועלכער איז אויפ-

געוואַקסן אין די טראַדיציעס פון דער מיטלאייראָפעאישער לאַנדווירטשאַפט מוז נאָך אַ סך צולערנען, כדי דורכצופירן מיט הצלחה די „אייראָפעאיזירונג" פון דער אָריענטאַלישער לאַנדווירטשאַפט. מיר זיינען נאָך ווייט פון אונזער ציל, אָבער גאָרנישט באַרעכטיקט אונזערע קריטיקער אַזוי צו רעדן, ווי מיר וואָלטן נישט געמאַכט קיין שריט פאָרווערטס.

מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ סטאַטיסטיק פון גערעטענישן פון די וויכטיקסטע תבואה־מינים אין די לעצטע 3 יאָר (תרפ״ד—תרפ״ו)*). אינם יאָר תרפ״ה (1924/25) האָט צוליב וויניק רעגן שטאַרק געליטן די פּאַשע־תבואה, אינם לעצטן יאָר תרפ״ו האָט דער ווייץ געליטן פון דער קאָרן־טרוקעניש. פונדעסטוועגן באַווייזט די סטאַטיסטיק, אַז מיר האָבן דערגרייכט אינם יאָר 1925 אַ ווייץ־פּראָדוקציע פון מינימום 1000 קילאָגראַם פון העקטאַר (תל־יוסף, מושב מרחביה) ביז צו 1300 (נהלל), 1400 (עין־חרוד) און 1500 ק״ג פער הא. (גבע). אינם יאָר 1926 שוואַנקען די אייַנטראָגן צווישן 600—800 ק״ג (אין תל־יוסף און גבע) און 1200 (נהלל) 1300 (כנרת) און 1450 ק״ג פער הא. (עין־חרוד). דער דורכשניט פון דער ווייץ־פּראָדוקציע אין אַלע קאָלאָניעס איז געווען, ווי געזאָגט, אַ נידעריקער, עפּעס איבער 800 ק״ג פער הא. די גערשטן האָבן געבראַכט אין תרפ״ה אַ דורכשניטלעכן אייַנטראָג פון 1000 ק״ג פון העקטאַר. אינם לעצטן יאָר תרפ״ו האָבן מיר דערגרייכט פּראָ העקטאַר אין דורכשניט פון אַלע קאָלאָניעס איבער 1200 ק״ג. אין די מושבים מרחביה און תל־עדשים איז געפאַלן די פּראָדוקציע אויף רונד 800 ק״ג פּ. הא., דערפאַר האָט זי דערגרייכט 1700 ק״ג פּ. הא. (תל־יוסף) 1900 ק״ג פּ. הא. (בית־אלפא, נהלל) און 2100 ביז 2270 ק״ג פּ. הא. (צריפין און גניגר). פּונקט אַזעלכע רעזולטאַטן פער העקטאַר באַווייזט דער האָבער. (מינימום 900 ק״ג אין כפר יחזקאל און מאַקסימום 2800 אין גבע). דער דורכשניט אין 10 קבוצות, וועלכע געפינען זיך אין מער אָדער וויניקער רעגולירטע באַדינגונגען, באַטרעפט 1700 ק״ג פּ. הא. גערשטן און בערך 1200 ק״ג פּ. הא האָבער אין תרפ״ז. בקיצור קאָן מען זאָגן, אַז וועטער־באַדינגונגען קאָנען ברענגען אַ ירידה ביז צו אַראַבישע גערעטענישן (פון 700—900 ק״ג פער הא). אָבער בכלל איז נישט צו לייקענען אַ שטייגערונג אויף רונד 50% און מיר דערנענטערן אונז, ווען נישט צו דייטשע גערעטענישן, דאַן דאָך צו דעם פראַנצויזישן דורכשניט. מען קאָן אים נישט פיקסירן, ווייל דער רוב פון די קאָלאָניעס איז נאָך יונג, און גרויסע שטחים געפינען זיך נאָך מחוץ פון פרוכט־וועקסל און באַמיסטיקונג. אַ פאַרגלייך פון די רויע הכנסות פון אַ צאָל קבוצות אין די יאָרן תרפ״ד, תרפ״ה, תרפ״ו באַווייזט אַ צוזוואוקס אין יאָר 1925 פון בערך 20% לגבי פאַראַיאָרן; דער צוזוואוקס אינם יאָר 1926 באַווייזט אַ ווייטערן פּראָגרעס פון בערך 30% לגבי 1925.

נאָך דעם אַקערבוי לאָמיר באַטראַכטן די מילך־ווירטשאַפט. ס׳איז אַ

*) דו״ח המחלקה להתישבות וכו׳, לוטה 3, ז. 92—90.

פאַראורטייל אָן שום יסוד, אַז מיר פאַרסירן דעם אימפּאָרט פון אייראָפּעאישע ראַסן־קי. מיר האָבן נאָך אַ גענויער באַראַטונג מיט די בעסטע ספּעציאַליסטן אין האָדעווען בהמות אינם לאַנד, וועלכע איז פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון דעם ערשטן רעגירונגס־פאַכמאַן, מאַיאָר סמיט, אין פעברואר 1925, געוויילט אַלס באַזיס פאַר אונזער בהמות־האַלטונג די ביירותער קו, וועלכע מיר באַמיען זיך צו פאַרבעסערן דורך קרייצונג מיט האָלענדישע און אָסטפריזישע בולן. פאַראיינצלט געפינען זיך האָלענדישע קי אין אונזערע באַטריבן. נאָר אין ק ר י ת ־ ע נ ב י ם און ע ט ר ו ת מיט זייער קאָנטינענטאַלן קלימאַט פון די הרי יהודה און הויכע ירושלימער מילך־פרייזן האַלטן מיר אייראָפּעאישע ראַסן. פון 1428 קי (און יאַלאָוועס) פון אַ נישט אָרטיקן מין אין אונזערע ישובים זיינען געווען נאָר 36 האָלענדישע (ציילונג פון סעפּט. 1926) אַלזאָ בערך 7 פּראָצ. דעם גרעסטן טייל בילדן ביירותער, דמשקער און געמישטראַסיקע קי. מיר זיינען אויך אין דער פראַגע נאָך לאַנג נישט אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג. דער סורישער מאַרק איז אַזוי קליין, אַז אונזער נאָכפראַגע שרייבט די קי־פרייזן צו אַ נישט עקאָנאָמישע הויך, און אַ חוץ דעם האָבן אין די לעצטע יאָרן דער דרוזן־אויפשטאַנד און די רינדער־פּעסט געמאַכט אַזוי גוט ווי אוממעגלעך די קניות פון בהמות אין ביירות און דמשק. אַזוי שטייען מיר, ווי עס זעט אויס, פאַר אַ רעוויזיע פון דער פראַגע פון אונזער קרייצונגס־באַזיס.

די מילך־פּראָדוקציע אין אונזערע ווירטשאַפטן דערנענטערט זיך צו דער אין אייראָפּע, מיר לייקענען דערביי לגמרי נישט די מעגלעכקייט און נויטווענדיקייט פאַר דער פאַרבעסערונג פון אונזער לאַנדראַסיקער קו. אונזערע נייע מתישבים באַקומען כמעט אָן אויסנאַם די אַזויגערופענע אראַבישע קי, וועלכע מיר קרייצן מיט ראַסע־בולן און גרייטן צו אויף אַזאַ אופן אַ דור פון אַ גוטער ראַסע. ס׳איז אָבער נישט מעגלעך, אויפצובויען אַ רענטאַבלע מילך־ווירטשאַפט אין אונזערע קאָלאָניעס אויף דער דעגענערירטער היימישער קו־ראַסע. און וואָס זאָל ווערן פון אונזערע באַמיאונגען, צו העכערן די תבואה־איינטראָגן דורך ראַציאָנעלן פרוכט־וועקסל און שטאַל־מיסט, ווען מיר וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט פון דער בעסערער קו און דערמיט לרוב אויך פון דער פאַשע־ווירטשאַפט?

דער לויט זיין נאַטור פאַמעלעכער פּראָגרעס אין די צוויי הויפּטצווייגן פון אונזער לאַנדווירטשאַפט איז נאָך נישט גענוג, כדי צו גאַראַנטירן די רענטאַביליטעט פון די ווירטשאַפטן. ערשט די אַנטוויקלונג פון די פלאַנצונגען און גרינס וועט מיט זיך ברענגען אַלע מעלות פון דער געמישטער ווירטשאַפט. אָבער שוין איצט איז עס אַ לעגענדע, וועלכע מען מוז צושטערן, צו רעדן מכח דער שטענדיקער דעפיציט־ווירטשאַפט פון אונזערע גרויסבאַטריבן. פאַר אונז איז אַ צוזאַמענשטעלונג פון דעם ריוח און היזק אין די לעצטע 3 יאָר פון 12 קבוצות, וועלכע מען קאָן אנערקענען אַלס מער אָדער ווייניקער איינגעאָרדנטע ווירטשאַפטן. בשעת אינם יאָר

1923—24 (תרפ״ד) האָבן אַלע גענאָסנשאַפטן געהאַט דעפיציטן, זעען מיר אין די יאָרן תרפ״ה און תרפ״ו אַ גרעסערע צאָל פון באַטריבן, וועלכע פאַרענדיקן זייער באַלאַנס אָן היזק און מיט ריוח. ביי די עלטערע קבוצות ווי דגניה, כנרת, מרחביה) זיינען די באַטריבס-דעפיציטן צום רוב בוכמע-סיקע, בעצם פאַראורזאַכט דורך אָפשרייבונגען אויף דעם אינווענטאַר צוליבן שטאַרקן פאַלן פון די פרייזן אין די לעצטע יאָרן. דאָס מיינט בשום אופן נישט, אַז די ווירטשאַפטן האָבן פון אונז באַקומען הוספות. אַ צאָל קבוצות, וואָס זייער אויסבוי איז אין לעצטן יאָר פון אונז פאַרענדיקט געוואָרן (עס קומען זיי נאָך עטלעכע רעשטן און איריגאַציע), באַקומען זייט יאָרן קיין שום בודזשעטן פון דעם קאָלאָניזאַציע-דעפאַרטאַמענט און האַלטן זיך אַליין אויס. צום סוף, באַטראַכטן מיר די צוזאַמענשטעלונג פון די אינוועסטיציעס אָון באַטריבס-פאַרלוסטן פון די אויביקע 12 קבוצות זייט זייער גרינדונג ביז סוף תרפ״ו *). זי ווייזט אויף אַן אינוועסטיציע־קאַפיטאַל פון רונד 275.000 פונט, אַ היזק פון קרוב צו 76.000 פונט, און ווען מיר גיבן נאָך צו 7000 פונט היזק פון דער אַדמיניסטראַטיווער און אָקופּאַציע-תקופה אין מרחביה און כנרת (מיר אבסטראהירן פון די מלחמה-היזקות, זע דו״ח פון דעם קאָל. דעפּ. פונם יאָר 1921, טאַבעלע 5), אַזוי באַטרעפט דער סך הכל 53.000 פונט אָדער איבער 19 פראָצ. פון די אינוועסטיציעס מצד דעם קרן-היסוד און נ״פ, אַ חוץ לאַנד. מיר גלויבן, אַז אַ דעפיציט פון 19 פראָצ. ערשיינט געגנוג באַרעכטיקט דורך די אומפאַרמיידלעכע הוצאות פון דער אָקופּאַציע פון אַ ניי לאַנד, פאַר דער אַמעליאָראַציע פון אויסגעשעפּטער ערד, הכשרה פון די מענטשן, די ווערט-פאַרלוסטן פון דעם טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר לגבי די אינפלאַטירטע פרייזן פון די נאָך מלחמה-יאָרן, דורך דער אַלגעמיינער דעפּרעסיע אין דער לאַנדווירטשאַפט, ווי אויך דורך דער נישט רעגלמעסיקער אויסצאָלונג פון די נויטיקע מיטלען. אַזעלכע דעפיציטן זיינען נישט קיין באַזונדערע סגולה פון קבוצות, מען קאָן זיי קאָנסטאַטירן אונטער גלייכע באַדינגונגען אויך ביי איינצל-פויערישער קאָלאָניזאַציע. די אַלס פּראָבע דורכגעפירטע אָפּשאַצונגען פון די קרן-היסוד אינוועסטיציעס אין די מושבים און קבוצות, וועלכע דער קאָלאָניזאַציע-דעפאַרטאַמענט האָט געמאַכט און צוזאַמענהאַנג מיט דעם משא-ומתן איבער די קאָנטראַקטן, באַווייזן, אַז די מושבים שטייגן בשום אופן נישט איבער די קבוצות בנוגע דער הויך פון זייער אַקטיוו. די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע און ארץ-ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט מאַכן נויטיק ביי ביידע באַטריבס-פאָרמען גרעסערע אָפּשרייבונגען, און גאָר נישט באַרעכטיקט די הנחה, אַז די קבוצות וועלן דערביי האָבן אַן ערגערן אָפּשניט איידער די מושבים.

*) דו״ח המחלקה להתישבות וכו׳, ז. 93, 94.

4. וועגן דעם מושב

די קריטיק פון דעם אינדיווידועלן טיפ אין או קאָלאָניזאַציע — פון דעם מושב — איז אויסגעפאַלן אַ סך מילדער. ז קאָנען אויך מיר מקצר זיין. פראָפ. אָ. זעט אַ חסרון אין דעם פרינציפ פון אייגענער אַר־בעט, פאַרבונדן מיט דעם איסור אויף לוין־אַרבעט, אויף וועלכער עס באַ־זירן די מושבים. ער גיט צו, אַז דאָרט, וואו ס'זיינען פאַראַנען דערוואַק־סענע קינדער און אַן אַרבעטספעאיקע פרוי, „וועלן די אַרבעטס־כחות פון אַ פאַמיליע נישט נאָר קלעקן פאַר אַ ווירטשאַפט, וואָס איז בערעכנט אויף 100 דונאַם, נאָר וועלן זער אָפט אַפילו זיין צו גרויס״. אָבער ער גלויבט, אַז ווי לאַנג די קינדער זיינען קליין, ליידט „דער באַטריב פון אונטערי באַזעצונג (צו ווייניק אַרבעטס־כחות) און דער קאָלאָניסט פון איבעראַרבעט״. אין איינצלנע פאַלן קאָן עס ריכטיק זיין, בדרך כלל טאָר מען נישט פאַרי געסן, אַז נישט נאָר די פאַמיליעס, נאָר אויך די ווירטשאַפטן זיינען נאָך יונג. די קו־שטאַל געפינט זיך פונקט אין איר אָנהויב ווי די פלאַנצונ־גען, און דער גרינס־גאָרטן קאָן זיך צוליב פעלן פון באַוואַסערונג אין דעם רוב מושבים נישט שנעל אַנטוויקלען. אַזוי זעען מיר, אַז די קאָלאָניסטן פון נהלל האָבן אַ חוץ זייער אייגענער ערד נאָך געקאָנט באַאַרבעטן 3500 דונאַם, די קאָלאָניסטן פון כפר־יחזקאל — בערך 1000 ד., די פון מושב מרחביה — 3300 דונאַם, פון בלפוריה — איבער 2500 דונאַם א. אַ. וו. דער פאַקט, אַז אַ קאָלאָניסט האָט געקאָנט באַאַרבעטן 120 און אויך 150 דונאַם, האָט אין אייניקע מושבים אַפילו דערצו געפירט, אַז די מתישבים האָבן געפאָדערט אַ גרעסערע לאַנדי־איינהייט. די סטאַטיסטיק באַווייזט, אַז די צאָל פון די שטענדיקע אַרבעטס־כחות (איבערגערעכנט אין מענלעכע) אין די איראָפּעאישע פויערן־ווירטשאַפטן באַטרעפט פער הונדערט דונאַם: אין ענגלאַנד — 1,15, אין דייטשלאַנד — 1,55, אין דענעמאַרק — 1,4 אין בעלגיען—2,5 (Agricultural Tribunal of Investigation. p. 125, London, 1924) אַזוי ווי די אינטענסיוויטעט פון אונזערע מושב־ווירטשאַפטן איז קלענער ווי די פון די ענגלישע און דייטשע פויערן־ווירטשאַפטן, אַזוי קאָן מען דערווייל נישט רעדן וועגן אַן אונטערבאַזעצונג. דערפאַר איז אויך נישט ריכטיק, ווען פראָפ. אָפּענהיימער רעדט וועגן „צוציען״ קרובים אַלס נויט־וועג און אַלס אומדירעקט בטל מאַכן פונם איסור אויף לוין־אַרבעט. עס האַנדלט זיך בכלל וועגן אַ נאַטירלעכן פּראָצעס, אַז פאַראָרעמטע עלטערן און פרנסהלאָזע געשוועסטער זאָלן קומען צו זייערע קאָלאָניזירטע קרובים אין דאָרף און זיך באַמיען נוצלעך צו מאַכן אין דער ווירטשאַפט. מיר זעען נישט קיין שום יסוד צו באַטראַכטן די תקנה אַלס „אומגליקלעך״ און אויסצולאַכן די „בראַווע פויערן אין די מושבים״, ווייל זיי האָבן מורא „אריינצופאַלן אין אַן עקספּלואַטאַ.אָרישער פסיכאָלאָגיע״. אונזערע קאָלאָניסטן זאָגן מיט רעכט, אַז זיי אַלס מענטשן זיינען נישט בעסער ווי די ערשטע קאָלאָניסטן פון דער פילאַנטראָפּישער תקופה. זיי זעען די סבה פון דער

אַריינדרינגונג פון אַראַבישער לוין־אַרבעט אין די עלטערע אידישע קאָלאָניעס נישט אין דער „עקספּלואַטאַטאָרישער״ איבערצייגונג, נאָר אין די ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען און אין דער נישט גענוגנדער נאַציאָנאַלער קאָנטראָל. דערפון נעמט זיך דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלן לאַנד־אייגנטום, ווייטער דער פּרינציפּ פון באַשטימען אַ ווירטשאַפטס־איינהייט, וועלכע קאָן אויסגעפילט ווערן מיט דער אַרבעט פון דער פאַמיליע, און אַלס רעזולטאַט דערפון די פאָדערונג פון אומבאַדינגטער אַליין־אַרבעט. איז לוין־אַרבעט ערלויבט, דאַן מוז דער נאַטירלעכער לוין־אינטערעס פון דעם יחיד אים דערצו טרייבן, ער זאָל גיכער נעמען דעם ביליקן פעלאַך איידער דעם אידישן אַרבעטער. און עס קאָן זיך דאָ אָנהויבן די זעלבע ירידה, וועלכע האָט אַרויסגעריסן פון אָפּענהיימערן דעם באַרימטן אויסדרוק, אַז מען וואָלט געקאָנט בוכן די מייסטע אַלטע קאָלאָניעס אויף דער „נאַציאָנאַלער דעפיציט־קאָנטע״.

דערמיט ווילן מיר גאָרנישט זאָגן קעגן פּראָפ. אָ. פּאָדערונג, אַז עס זאָלן געפונען ווערן מיטלען און וועגן, כדי צו באַנוצן די מושבים פאַר דער אויסבילדונג פון יונגע לאַנדאַרבעטער. אויך אין די קרייזן פון דער אַרבעטערשאַפט באַשטייט דערפאַר פאַרשטענדעניש. אַזוי אַנטהאַלט דער פון דעם לאַנדאַרבעטער־פאַרבאַנד פאָרגעשלאָגענער פּראָיעקט פון תקנות פאַר די מושבים אַ פּונקט, וועלכער איז זיי מחייב אויף פאַרלאַנגען פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט „ניר״ אויפצונעמען מענטשן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסבילדונג. צי דער לערן־מעטאָד וועט ביליקער זיין, ווי אין די קבוצות, איז נאָך אַן אָפענע פראַגע. ווירקזאַמער וועט ער שוין צוליב דעם נישט זיין, ווייל די צאָל פון די קאַנדידאַטן, וועלכע זיינען צוגעגרייט צו קאָלאָניזאַציע אַלס זעלבסטשטענדיקע פויערן, ווערט אַלץ קלענער, זייט דער רעזערוואואַר פון די לאַנדאַרבעטער, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען דורך דער שולע פון די קבוצות שעפּט זיך לאַנגזאַם אויס.

אַזוי קומען מיר ווידער צום אויסגאַנגספּונקט פון דער פּאָלעמיק איבער די מעטאָדן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. איצט ווי פריער איז ריכטיק די טעזע פון פּראָפ. אָפּענהיימער, אַז מען קאָן ערציען באַזיצלאָזע אידישע שטאָטיקע מענטשן אַלס טיכטיקע פויערן און זיי פאַרוואָרצלען אויף דער ערד נאָר דורך דעם גענאָסנשאַפטלעכן גרויס־באַטריב. מיט וועלכער סאָציאַלער וויזיע עס זאָלן נישט פאַרבינדן די אידישע אַרבעטער אָט די קאָלאָניזאַציע־פאָרם -- און קיין אַנדערער ווי פּראָפ. מ י ד שטרייכט אונטער, אַז אַ קאָלאָניזאַציע־ווערק איז נישט מעגלעך אָן ס אָ צ י אַ ל ע ר ו י ז י ע — די שטאַרקייט פון דער קבוצה וואָרצלט דערין, וואָס זי איז נישט קיין פּרוכט פון דער אידעאָלאָגיע, נאָר אַ פּראָדוקט פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען און נויטווענדיקייטן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל. אָבער פאַר ביידע פאָרמען פון אונזער קאָלאָניזאַציע — פאַר דעם מושב אַזוי גוט ווי פאַר דער קבוצה — גילט דאָס, וואָס דער אַמאָליקער דייטשער רייכסקאַנצלער ד״ר ווירט האָט לעצטנס

געזאָגט וועגן שטאַטס־פאָרמען. אַ קאָלאָניזאַציע־פאָרם דעגענערירט ווען זי ווערט נאָר טאָלערירט. „זי וויל פאָזיטיוו אָנגענומען ווערן מיט דער גאַנצער קראַפט פון אַ פּאָליטישן מענטשן, ווייל נאָר וואָס מיר נעמען פאָזיטיוו אָן, וועלן מיר אַרויפפירן אויף אַ העכערער מדרגה, וואָס מיר דולדן, וועט אונטערגיין”.

דער אידישער לאַנדאַרבעטער, דער דאָזיקער נייער מענטשן־טיפּ פון ארץ־ישראל, און די פון אים געשאַפענע אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע־פאָרם, די קבוצה, מוזן אָנגענומען ווערן פאָזיטיוו, כדי אַרויפגעפירט צו ווערן צו פולער הצלחה.

ראַנדבאַמערקונגען צום בלויבוך *).

1. דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע־סיסטעם, וואָס ווערט באַקעמפט פון די מומחים אין אַ סך פונקטן, איז נישט אַרויסגעשפּרונגען פון דעם קאָפּ פון אַ גאון און נישט פון אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם. ער איז היסטאָריש אויפגעוואַקסן. ער איז אַנטשטאַנען אַלס פּועל־יוצא פון אַ באַשטימטער סיטואַציע אינם אידישן ישוב־ווערק אין ארץ־ישראל אינם ערשטן יאָרצענדליק פון דעם יאָרהונדערט. ער איז געווען אין דער גלייכער מאָס אַ רעזולטאַט פון באַשטימטע באַדערפענישן און פון אַ געשיכטלעך געגעבענער סיטואַציע אינם אידישן פאָלק.

אונזער קריטיק פון דער ארץ־ישראל־קאָלאָניזאַציע, ווי מיר האָבן זיך מיט איר באַקאָנט מיט 20 יאָר צוריק, האָט זיך געווענדעט קעגן אירע טעכנישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות.ביידע פאַקטאָרן — די טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אידישער אַקערבוי־ווירטשאַפט און די סאָציאַלע חסרונות פון די אויף אידישן באַזיץ און אַראַבישער אַרבעט אויפגעבויטע קאָלאָניעס, זער אָפּט זיך קעגנזייטיק באַווירקנד — האָבן געפירט צו דעם גלייכן רעזולטאַט: צו דער נאַציאָנאַלער הינטערשטעליקייט פון אָט דעם פּראָ־ציוניסטישן קאָלאָניזאַציע־מעטאָד. בהסכּם דערמיט האָט דער ציוניסטישער סיסטעם זיך באַזירט אויף צוויי עלעמענטן: אויף דעם טעכנישן איבערבוי פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט און אויף איר סאָציאַל־עקאָנאָמישער טראַנספאָרמאַציע. ביידע האָבן געהאַט דעם צוועק צו מאַכן די ארץ־ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפט רענטאַבל פאַר אידישע קאָלאָניסטן, און די אידישע קאָלאָניעס — צו פלעצער פון אידישער אַרבעט, נישט נאָר פון אידישן באַזיץ.

ס'ווערט נישט געלייקנט, אויך נישט פון די אַמעריקאַנישע מומחים, אַז די ציוניסטישע אָנפירונג פון דער קאָלאָניזאַציע פאַר און נאָך דער מלחמה האָט ריכטיק פאַרשטאַנען די לאַנדווירטשאַפטלעך־טעכנישע פּראָבלעמען פון דער ארץ־ישראל־קאָלאָניזאַציע און בעצם זיי פאַרענטפערט אָדער

---

*) אזוי איז דאָ באַצייכנט דער ראַפּאָרט פון דער פאַראייניקטער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פאַר ארץ־ישראל (Joint Palestin Survey Commission), פּובליצירט זומער 1928. א ווייטערער גרויסער באַנד מיט די ראַפּאָרטן פון די מומחים איז אַרויס סוף 1928. (Report of the Experts, J. P. S. C., Boston).

דערנענטערט זייער פארענטפערונג. דער פון אונז געשאפענער געמישטער ווירטשאפטס-טיפּ, ספּעציעל אין דעם ראַיאָן פון „שווערער" ערד, ווערט איצט אַלגעמיין אָנערקענט אַלס די באַזע פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט אין דעם נישט באַוואסערטן טייל פון ארץ-ישראל. די מומחים האָבן אויף דעם געביט נישט געהאַט צו זאָגן, קיין פונדאַמענטאַלערע זאַכן און האָבן עס אויך אָפן און פריי מודה געווען.

פאַר די סאָציאַלע עלעמענטן פון אונזער קאָלאָניזאַציע-ווערק האָבן זיי נישט קיין פארשטענדעניש און נעגירן זיי. געוויס, די ריכטיקייט פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע-פּאָליטיק אויפן טעכניש-לאַנדווירטשאַפטלעכן געביט זאָגט נאָך נישט, אַז אויך אירע סאָציאַל-עקאָנאָמישע וועגן זיינען געווען די ריכטיקע. אָבער ס'איז פאַרט אַ פּליאה, אַז די מומחים האָבן זיך נישט געגעבן קיין מי, זיך אָפּצושטעלן אויף די סיבות און טרייבנדע כחות פון די אייגנאַרטיקע קאָלאָניזאַטאָרישע פאָרמען, וועלכע זיי האָבן געפונען. זיי ווייסן גאָרנישט פון דער געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל, זיי ווייסן גאָרנישט פון די באַזונדערע פראַגן, אויף וועלכע די אידישע קאָלאָניזאַציע האָט געמוזט געבן אַן ענטפער. ס'ווייזט אויס, אַז זיי האָבן אַפילו נישט קיין קלאָרע השגה פון די באַזונדערקייטן פון אונזער קאָלאָניסטן-מאַטעריאַל.

אַזאַ אומוויסן קאָן מען נישט אויפוואַרפן מענטשן, וואָס שטייען פון דערווייטנס. אָבער אַז זיי האָבן נישט געפּרואווט זיך צו פאַרשאַפן אינפאָרמאַציע איבער די באַדינגונגען, וועלכע האָבן באַשאַפן די מעטאָדן און פאָרמען, וועלכע ווייזן זיך זיי אויס צו זיין פאַלשע, איז אַ קוואַל פון שווערוואָגיקע פעלערן אין זייערע באַריכטן.

2. אַ צווייטער קוואַל פון טעותן, וועלכער ערקלערט לכל הפּחות, פאַרוואָס איז די אונטערזוכונג אַזוי אויסגעפאַלן, נעמט זיך פון דער אפּריאָריסטישער מיינונג פון די עקספּערטן איבער דעם מקור פון די סאָציאַל-עקאָנאָמישע חידושים אין דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע. זיי זיינען נעמלעך דערפון איבערצייגט, אַז דאָס זיינען אַך ורק פון מזרח-אייראָפּע אימפּאָרטירטע רעוואָלוציאָנערע טעאָריעס. זיי זיינען אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף דער ציוניסטישער לייטונג דורך פּאָליטישן דרוק מצד דער אַרבעטערשאַפט. אַזוי קומט צו צום פאָראורטייל וועגן אימפּאָרטירטע אידעען נאָך אַ צווייטער וועגן דער העגעמאָניע, יאָ, דער אַליינהערשאַפט פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער ציוניסטישער ישובֿ-אַרבעט, און דאָס אַלץ דורך מיטלען פון פּאָליטישן צוואַנג.

דער עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַל-קאָלאָניזאַטאָרישער מקור פון דער קבוצה און פון דעם מושב איז אַלזאָ נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. דער היינטיקער מצב פוןביידע טיפּן קאָלאָניעס האָט נישט ערמעגלעכט אַן אָביעקטיוון, וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטן פּסק-דין איבער די ווירטשאַפטלעכע מעלות פון איינער פון די באַטריבס-פאָרמען. וואָס מיר ווערן געוואָר פון די עקספּערטן, זיינען על כן נישט מער ווי סוביעקטיווע מיינונגען איבער

קאָלעקטיווע ווירטשאַפטס- און לעבנספאָרמען, ווי אויך אַלגעמיינע רעדוקציעס און באַטראַכטונגען איבער דער מעגלעכקייט פון אַ פאַמיליען-ווירטשאַפט אָן לוין-הילף. דאָס זיינען מיינונגען, וועלכע מ׳קאָן אין ארץ-ישראל גופא הערן אין די דיסקוסיעס צווישן די אָנהענגער פון ביידע פאָרמען פון קאָלאָניזאַציע און וואָס זיינען דערפאַר בשום אופן נישט ניי. ביי דעם גאַנצן רעספּעקט פאַר די באַטרעפנדע מומחים, קאָנען מיר דאָך אויף זייער מיינונג נישט לייגן מער געוויכט, ווי אויף די ספקות, וועלכע מען געפינט בכלל אין דער באַקאַנטער פאַך-ליטעראַטור און וואָס זיינען אונז זער גוט געווען באַקאַנט, בשעת מיר האָבן געהאַט צו באַשליסן איבער די גרונדליניעס פון אונזער אַגראַר-קאָלאָניזאַציע.

3. ווי ווייט די דאָזיקע טענע וועגן אימפּאָרטירטע אידעאָלאָגיעס איז אַ טעות, באַווייזט אפשר אַמשטאַרקסטן גראָד די פאָרגעשיכטע פון דער קבוצה. ס׳איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז גראָד די מאַרקסיסטישע פועלי-ציון אין רוסלאַנד און אין ארץ-ישראל זיינען געווען יאָרנלאַנג דירעקטע קעגנער פון דער גענאָסנשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע-שיטה, וועלכע איז אין זייערע אויגן געווען אוטאָפּיזם. ווי באַקאַנט האָט זיך די אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל באַצויגן קיל און קריטיש לגבי דעם אָפּענהיימערישן עקספּערימענט. איך דערמאָן מיך אָן מיינע ערשטע דיסקוסיעס אין יפוער אַרבעטער-קלוב אינם יאָר 1912, בעת אַ באַקאַנטער הפועל-הצעיר-פירער האָט שאַרף קריטיקירט מיינע אַגראַר-קאָאָפּעראַטיווע אידעען אַלס אַן אַנטי-לויפן פאַר דעם קלאַסנקאַמף! די אידישע אַרבעטער האָבן דעמאָלט גאָר נישט געוואָלט קיין אַנדער זאַך, ווי אַריינצודרינגען אין די קאָלאָניעס און שאַפן אַ אַגראַרן לוין-אַרבעטער. ערשט די האַרטע עקאָנאָמישע ווירקלעכקייט פון אָט דעם פאַרצווייפלטן קאַמף און די ספּאָנטאַן אַנטשטאַנענע קבוצות כבוש האָבן געענדערט די שטעלונג פון דער ארץ-ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט צו די גענאָסנשאַפטלעכע פאָרמען פון אַרבעט און פּראָדוקציע.

4. וואָס האָט געפירט צו דער אַנטשטייאונג פון דער קבוצה? מיר האָבן נישט קיין פאַרטיקע אידישע פויערן. אַמוויניקסטן — פאַר דער שווערער לאַנדווירטשאַפט, ד.ה. פאַר דעם געמישטן אַקערבוי-באַטריב אויף שווערער ערד. אויך לויט פּראָפ. ליפּמאַנס באַרעכענונגען בילדעט דער טיפּ 60 פּראָצ. פון דער ארץ-ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט (51.000 פון 84.000 ווירטשאַפטס-איינהייטן). דער פּראָצענט ווערט נאָך העכער, ווען מ׳רעכנט צו די קולטורפעאיקע פּלאַטאָס אויף אונזערע בערג, און די הויך-פּלאַך פון עבר-הירדן, אויף וועלכע מיר קאָנען נישט מותר זיין. די ערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן האָט שטענדיק געליפערט באַוויז-מאַטעריאַל פאַרן פאַקט, אַז דער איד מיט עפּעס קאַפּיטאַל טראַכט גאָרנישט וועגן באַזעצן זיך אין עמק אָדער אַנדערשוואו אויף שווערער ערד, כדי איר צו באַאַרבעטן אינם שווייס פון זיין פּנים. סאָסקין האָט בעיקר צוליב דעם נישט געפונען קיין קאַנדידאַטן; אונזער מיטלשטאַנדס-קאָלאָניע אין כפר-ברוך געפינט אויך נישט קיין מתנחלים מיט 200 פונט אייגן קאַפּיטאַל; די חסידים זיינען געבליבן אין

בחלת-יעקב אָבער נישט אײן אײנציקער פֿון זײ האָט געהאַט די צוגעזאָגטע 200 פֿונט. דער אַלײן-אַרבעטנדער פּױער פֿון דעם אַקערבױ-ראַיאָן — װײל נאָר אַלס פֿאַמיליען-װירטשאַפֿט קאָן די געמישטע װירטשאַפֿט װערן רענטאַבל — קאָן נאָר אַרױסװאַקסן פֿון דעם לאַנדאַרבעטער-שטאַנד.

מיר האָבן אָבער אױך נישט קײן לאַנדאַרבעטער. טראָץ ענאָרמע אָנשטרענגונגען איז נאָך אַלץ נישט אַנטשטאַנען קײן אידישער לאַנדאַרבעטער קלאַס אין די אידישע קאָלאָניעס, װעלכע באַזירן אױף לױן-אַרבעט. און די אַרבעטער, װעלכע זײנען אַרײנגעדרונגען אין די פּלאַנצונגס-קאָלאָניעס, געװינען דערמיט אַ גאַנץ קלײנע צוגרײטונג פֿאַר דער אָנפֿירונג פֿון אַ פּױערן-װירטשאַפֿט אין עמק. אמת, זײ געװאױנען זיך דערבײ צו שװערער קערפּערלעכער אַרבעט און לערנען זיך אױס צו אַרבעטן בײ פּלאַנצונגען; דאָס הײסט נאָך לאַנג נישט, אַז זײ קאָנען דיספּאָנירן מיט אַ װירטשאַפֿט, װאָס שטיצט זיך אױף תּבֿואה-בױ, מילך-װירטשאַפֿט, עופֿות, גרינצײג, א. אַ. װ. נאָך װײניקער הכשרה גיט די פּלאַנצונגס-קאָלאָניע דער פּױערן-פֿרױ. צוליב אָט דעם כּמעט נישט פֿאַרענטפֿערנדען ממה-נפֿשך (דילעמאַ) איז אַנטשטאַנען דער **קאָאָפּעראַטיװער גרױסבאַטריב**. ער איז אײן און דערזעלבער צײט הכשרה-פֿאָרם און קאָלאָניזאַציע-פֿאָרם פֿאַר באַזיצלאָזע אַרבעטער. זײן װערט ליגט אין זײן דינאַמישער װירקונג, אַלס טראַנספֿאָרמאַטאָר פֿון שטאָט-מענטשן און פּױערן, און אין דער אידעע פֿון װירטשאַפֿטלעכער זעלבסטפֿאַרװאַלטונג, װעלכע באַפֿרידיקט דעם פֿרײהײטס-דראַנג פֿון די אידן אין אַ הױכער מאָס און רופֿט אַרױס ענערגיעס, װעלכע אַ לערן-באַטריב אָדער אַן אַדמיניסטראַטיװ פֿאַרװאַלטעטע פֿאַרם װאָלט קײנמאָל נישט געקאָנט אַרױסרופֿן.

איך װײס זער גוט די שװעריקײטן פֿון אָנפֿירונג, דיסציפּלין, און לײסטונגס-קאָנטראָל אין אַ קבוצה-װירטשאַפֿט. אױך די געמײנזאַמקײט פֿון דער לעבנס-פֿירונג שטעלט די קבוצה פֿאַר נײע פּראָבלעמען, הגם פֿון דער אַנדערער זײט אַנטלאַסטעט זי זער די פֿרױ און די מוטער. עס טאָר אָבער נישט פֿאַרגעסן װערן, אַז יעדע באַזעצונגס-פֿאָרם אין ארץ-ישׂראל האָט נאָך אירע נישט פֿאַרענטפֿערטע פֿראַגן. אין דעם מושבֿ, למשל, װי אין יעדן פּױערן-באַטריב, איז די איבעראַרבעט פֿון דער יונגער, מיט דעם האָדעװען פֿון קלײנע קינדער באַשעפֿטיקטער פֿױערטע אַ שװערע באַלאַסטונגס-פּראָבע. דער דײטשער קאָלאָניסטן-באַטריב, װעלכן די עקספּערטן באַטראַכטן, װי מען קאָן זען, פֿאַר אַן אידעאַל, עקזיסטירט נאָר אַ דאַנק דער נידעריק באַצאָלטער אַראַבישער לױן-אַרבעט. דער אידישער אַקערבױער אין גליל, אונטער דער שטאַרק געלױבטער פּיק״א-פֿאַרװאַלטונג, קאָן, נישט קוקנדיק אױף דער באַשעפֿטיקונג פֿון אַראַבישע „כאַראַטן", נאָך אַלץ נישט עקזיסטירן.

אַלע װירטשאַפֿטס-פֿאָרמען ראַנגלען זיך נאָך מיט זײערע אײגנאַרטיקע פֿראַגן. אױך די קבוצה האָט נאָך נישט געזאָגט איר לעצט װאָרט. זי קאָן אױך נאָך דורכמאַכן טראַנספֿאָרמאַציעס. אָבער ס'איז נישטאָ קײן ספֿק, אַז

ביי אונז אידן איז פאראנען נעבן דעם אינדיווידואליסטישן אויך א קאלעק־טיוויסטישער פויערן־מח. א סך לאנדארבעטער ווילן גיכער לעבן אין א קבוצה, ווייל די באטייליקונג אין דער לייטונג פון א גרויסן באטריב איז מער צוגעפאסט צו זייער דראנג נאך אקטיוויטעט, ווי דער באזיץ פון א קליינער פויערן־ווירטשאפט. אנדערע ווידער ווילן גיכער זיין „געפירטע", ווייל ווי פראפ. מ י ד דריקט זיך אויס: „א טייל פון די טיכטיקסטע און געשיקטעסטע לאנדארבעטער געפינען עס פאר בעסער צו ארבעטן... נישט איבערנעמענדיק די ריזיקע און אחריות פון אן אייגענער ווירטשאפט און פון איר אנפירונג".

מען אפערירט אפט מיט דעם ארגומענט, אז צאלרייכע מושבניקעס, און געוויס נישט די שלעכטעסטע צווישן זיי, קומען פון דער קבוצה. ריכ־טיק, האט אבער דער מעדאל אויך נישט אן אנדערע זייט? באמתן, וואו וועלן מיר געפינען גוטע פויערן פאר מושבים אדער אנדערע קאלאניזאציע־פארמען, אויב די קבוצה ווערט ליקווידירט? מ׳זוכט אומזיסט אן ענטפער אויף דער פונדאמענטאלער פראגע ביי די עקספערטן. זיי זיינען אזוי שטארק באהערשט פון דעם אבסורדן פאראורטייל, אז אונטער דער השפעה פון די ארבעטער איז באשטאנען א „סיסטעם וואס האט געקריוודעט דעם קאלאניסט מיט קליינע קאפיטאלן", אז זיי ערווארטן, ווייזט אויס, די ישועה פון דער באזייטיקונג פון אט דער השפעה. דאן וועלן שוין קומען די פאסנדע קאנ־דידאטן מיט אייגענעם קאפיטאל!...

מיר אבער ווייסן דאך דעם אמת, אז ס׳איז קיינמאל נישט געווען אין דער ציוניסטישער לייטונג אזא פאליטיק פון עלימינירן דעם מיטלשטאנד, און אז די פאקטן, וועלכע האבן מיט 17 יאר צוריק געפירט צו דער אנט־שטייאונג פון דער קבוצה, באשטייען נאך היינט אן שנויים. דערפאר קאן נישט די ציוניסטישע באוועגונג זיך אפזאגן פון אט דעם קאלאניזאציע־מעטאד, ווי לאנג ס׳איז נישט באוויזן געווארן, אז ער קאן זיך עקאנאמיש נישט האלטן.

5. ס׳איז נישט מיין כונה אין די ראמען פון דער ארבעט צו באריגן דעטאל־פראגן. איך מוז אבער מתרה זיין קעגן אומפראקטישע רעקאמענדא־ציעס פול מיט סתירות; פון דעם מין זיינען די פארשלאגן, אזוי צו בויען די הייזער אין די קבוצות, אז מען זאל זיי אויך קאנען באנוצן אינם פאל פון אומוואנדלונג פון דער קבוצה אין א מושב. שוין אין דער צייט פון מיין אנפירונג מיטן קאלאניזאציע־אמט זיינען נאר אין עמק־הירדן געבויט געווארן, צוליב קלימאטישע טעמים, צוויי־שטאקיקע הייזער מיט 8 און 10 צימערן. בכלל זיינען די וואוינהייזער אין די קבוצות 6־ אדער 4־צימערדיקע און אזוי קאנסטרואירט, אז מ׳קאן זיי טיילן אין צוויי אדער דריי צוויי־צימערדיקע דירות. איך האב עס דורכגעפירט בהסכם מיט די חברים פון די קבוצות. אויך אין גריכנלאנד וואוינען ווייניקסטנס צוויי, לרוב פיר ביז זעקס משפחות אין איין הויז. מיר האבן זיך אלזא גערעכנט אין אונזערע פלענער מיט דער באדערפעניש נאך רואיקער אפגעזונדערטקייט. דערפאר

איז עס אויסגעשלאָסן, צו פאַרזאָרגן אַ גרויסבאַטריב מיט ווירטשאַפטס-בנינים, וועלכע זאָלן פּאַסן פאַר אַ מושב.

קיין זאַך איז נישט מסופּנדיקער אין דער קאָלאָניזאַציע-פּאָליטיק — איך גלויב אין יעדער פּאָליטיק — ווי צווייפּנימדיקייט. מען קאָן נישט אויסבויען די קבוצה און זיכערן אירע ערפאָלג-שאַנסן, ווען מ'טרעט צו איר צו מיט זייטיקע מחשבות, מיט „דעם דאָלך אין געוואַנדע" (מיטן קינזשאַל אונטער דער פּאָלע). ס'מוז זיין אַ ריינער פּרוואוו, ערלעך געפּלאַנט און דורכגעפירט. מען מוז מחייב זיין די קבוצה בשלימות, סיידן דער דורכפאַל פון די מייסטע גענאָסנשאַפטלעכע ווירטשאַפטן וועט אוממעגלעך מאַכן דעם המשך פון דעם פּרוואוו. פּונקט אַזוי אומדורכפירבאַר, אַן ענגלענ-דער וואָלט געזאָגט אומפּראַקטיש, איז דער פאָרשלאָג אומצוואַנדלען די אינגסטע, אינם יאָר 1927 געגרינדעטע קבוצות אין מושבים. איך רעד שוין נישט פון דער אינערלעך-ציוניסטישער אוממעגלעכקייט, האָבנדיק אין זינען די באַזעלער ערקלערונגען. גראָד די דאָזיקע קבוצות באַשטייען, אַרום אַ קערן פון ערפאַרענע לאַנדאַרבעטער, בעיקר פון קאָלאָניע-אַרבעטער, וועל-כע האָבן געמוזט זיין ווייניקסטנס דריי יאָר אינם לאַנד און צוויי יאָר ביי דער לאַנדאַרבעט, כדי צו ווערן אַקצעפּטירט פון דעם קאָלאָניזאַציע-דעפּאַר-טאַמענט אַלס קאַנדידאַטן, וועלכע מ'קאָן אָבער אוממעגלעך אָנטרויען אַ מושב-ווירטשאַפט. אויך פון דעם ביישפּיל קאָן מען זען, ווי ס'פירט אַראָפּ פונם גלייכן וועג די ריין דעדוקטיווע אַנטיפּאַטיע צו דער קבוצה, אַן אַפּריאָרי-שטעלונג, וואָס איגנאָרירט די באַדינגונגען פון ארץ-ישראל און פון אונזערע מתישבים.

6. די גרינגלעכקייט, מיט וועלכער די עקספּערטן באַמיען זיך צו דעמאָלירן דעם פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט אין די מושבים, דערמאָנט מער אָן פּראָפעסאָריש אַרומרייטן אויף פּרינציפּן, ווי אָן דעם ענגליש-אַמעריקאַ-נישן חוש פאַר דאָס פּראַקטישע און לעבנסוויכטיקע. קודם כל דאַרף מען נישט פאַרקריפּלען אָט דעם פּרינציפּ, וואָס איז דער בשותפותדיקער באַזיס פאַר קבוצות ווי פאַר מושבים. זיין מיין איז נישט, אַז „זייטיקע אַרבעטער פון וועלכן נישט איז מין טאָרן נישט באַשעפטיקט ווערן דורך די קאָלאָ-ניסטן", אין ערגעץ און קיינמאָל נישט, ביי קיינע אומשטענדן. אַזוי איז עס נישט געמיינט און נישט געשריבן. מען מעג שמייכלען איבער די מיטהעל-פנדע קרובים און זיי דעמאַסקירן אַלס פאַרדעקטע אַנולירונג פון דעם זעלבסטאַרבעטס-פּרינציפּ; יעדנפאַלס באַווייזן זיי, אַז נישט י ע ד ע הילפס-אַרבעט איז געאַסרט אינם מושב. ווייטער, אין דעם פון מיר ציטירטן § 12 פון דעם קאָנטראַקט (צווישן קרן-היסוד און די מתישבים) הייסט עס בפירוש, אַז מיט דער ערלויבעניש פון דעם ועד-המושב, אָבער נאָר מיט זיין ער-לויבעניש, קאָן מען נעמען צו הילף לוין-אַרבעט. אין דער דיסקוסיע איבער דער פראַגע אין דעם ועד-החקלאות, האָט ערקלערט ש ק אָ ל נ י ק, אַ פירער פונם לאַנדאַרבעטער פאַרבאַנד: „פון דעם וואָס מיר האָבן דאָ געהערט קומט אויס, אַז אונזערע קאָלאָניסטן זאָגן זיך אָפּ אַבסאָלוט צו באַשעפטיקן געדונ-

גענע אַרבעט. פּאַקטיש, גלויב איך, אַז ס'איז נישטאָ קיין איין ישוב-פּונקט, וועלכער זאָל האָבן אַזאַ מיינונג. ווען ס'איז נויטיק, קומען מיר אָן צו קאָנזייטיקער הילף (עזרה הדדית), צו דער הילף פון קרובים, און אין דרינגענדע פאַלן וועלן מיר אויך מסכים זיין צו באַשעפטיקן געדונגענע אַרבעטער פאַר אַ באַשרענקטער צייט — מיר וועלן נישט דערפירן דעם פּרינציפּ צום אַבסורד". (איבערזעצט פונם העברעאישן פּראָטאָקאָל). ס'איז נישטאָ קיין שום יסוד פאַר דער פון די עקספּערטן און דער אַגענץ-קאָמי-סיע אַרויסגעזאָגטער אינטערפּרעטאַציע, אַז „צו דער צייט ווען די פּרוכט פון אַלע אָנשטרענגונגען פון דעם קאָלאָניסט שטייט אין קאָן, איז ער נישט בכח צו דינגען די נויטיקע אַרבעטער, אָן וועלכע ס'וועט זיין אוממעגלעך... אַריינצוברענגען זיין גערעטעניש..." ס'איז לייכט צו פּאָלעמיזירן קעגן אַזאַ גוזמה, דאָס הייסט אָבער נישט רעדן צו דער זאַך. ווען און אין וועלכן מושב איז אַ גערעטעניש פאַרפאַלן געגאַנגען?

די עקספּערטן זיינען מסכים מיט דעם פּרינציפּ פון פאַמיליען-אַרבעט. אויך זיי ווילן האָבן זעלבסטאַרבעטנדע פּויערן, וועלכע באַשעפטיקן לוין-אַרבעטער נאָר אַלס יוצא מן הכלל, נאָר אינם פאַל פון נויט. דער חילוק ווייזט אויס דאָן דער צו זיין, אַז זיי וואָלטן געוואָלט, אַז די צוציאונג פון לוין-אַרבעטער זאָל זיין אַ פּריוואַטזאַך פון דעם קאָלאָניסט, בשעת מיר ווילן אַוועקשטעלן די דערלאָזבאַרקייט פונם אָפּטרעטן פון דעם כלל אונטער אַ שטרענגער געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל. איז דאָס אַזוי אומלאָגיש, אַזוי דענערווירנד? ווידעראַמאָל מוז עס געזאָגט ווערן: וואָלטן די הערן זיך אָפּגעגעבן מיט די געשיכטלעכע וואָרצלען פון דעם פּרינציפּ פון זעלבסט-אַרבעט, וואָלטן זיי זיך איבערצייגט, אַז מיר האָבן וואָגיקע מאָטיוון אים אייפערזיכטיק אָפּצוהיטן. אויך די עקספּערטן האָבן, דאַכט זיך, דערפון געהערט, אַז לוין-אַרבעט איז געוואָרן אין אידישע קאָלאָניעס פון אַ סעזאָן-ערשיינונג אַ שטענדיקער עלעמענט פון דער ווירטשאַפט, און אַז זי באַדייט בדרך כלל ביליקע אַראַבישע אַרבעט. איך בין נישט זיכער, אויב זיי שאַצן ריכטיק אָפּ די נאַציאָנאַלע סכנות פון אָט דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. ווייל וואָס זיי שלאָגן פאַר אַנטקעגן דעם — אַ פּונקט אינם קאָנטראַקט מיט דער ווייטער קאָלאָניזירנדער אינסטאַנץ — איז אַ מיטל, וואָס איז פון דער פּיק"א שוין פון לאַנג אויספּראָבירט און וואָס זיין נישט-ווירקזאַמקייט איז נאָטאריש. נאָר געזעלשאַפטלעכע דיסציפּלין און עקאָנאָמישע מיטלען — לאַנדינאַרמען פאַר דער פאַמיליען-ווירטשאַפט — קאָנען עפעקטיוו העלפן.

פּראָפעסאָר מיד פאַרשטייט זער גוט די נויטווענדיקייט פון אַזעלכע מיטלען אויף אַנדערע געביטן. אַזוי רעקאָמענדירט ער אין זיין בוך *), אַז אין די פון דער מלוכה אונטערשטיצטע אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס זאָל דאָס ערד-אייגנטום בלייבן אין די הענט פונם שטאַט אויף וויניקסטנס צען יאָר. „די נויטווענדיקייט פאַר באַגרענעצונגען פונם באַזיץ-רעכט איז גרונ-

*) Elwood Mead. Helping men own farms. New York, 1920.

סער אין אַמעריקע... ווייל דער ערשטער חטא פון דעם אַמעריקאַנער לאַנד־קויפער איז זיין פּראַקטיק צו דענקען וועגן אַ פאַרם ווי וועגן אַ זאַך, וואָס מ'דאַרף פאַרקויפן מיט ריוח.״ (דאָרט, ז. 189). אָבער אויך דער אידישער קאָלאָניסט האָט זיין יצר הרע. אויך ער איז גיכער נוטה צו ווערן פון אַ פויער אַ פאַרם־פאַרוואַלטער און „בועז״, וועלכער גיט אַכטונג אויף זיינע אַרבעטער. און פונקט אַזוי דענקט זיין פרוי, וועלכע איז אויך נישט קיין געבוירענע פויערטע. קיין וואונדער, אַז אויך אירע קינדער וואַקסן אויף מיט דעם זעלבן געדאַנקענגאַנג.

אונזערע לאַנדאַרבעטער האָבן אַבסאָלוט רעכט, זיך נישט צו האַלטן פאַר בעסער ווי די אַלטע פּיאָנערן; און ווען זיי זיינען גרייט זיך אונטערצואוואַרפן באַזונדערע רעסטרוקציעס און נאַציאָנאַלע קאָנטראָל, צוליב וועלכע סיבות זאָל די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דערויף מותר זיין אין אַזאַ עמינענט וויכטיקער נאַציאָנאַלער פראַגע!

7. דער באַריכט איז מרמז אויף ווירטשאַפטלעכע מאָטיוון. אָן אַן אויסהילף פון לוין־אַרבעטער וואָלט מען נישט געקאָנט פּראַקטיק ווערן אין דעם סעזאָן, אָדער אָבער דער פויער וועט אַ טייל פונם יאָר נישט זיין גענוג באַשעפטיקט.

איך האָב שוין אויסגעפירט, אַז ס'איז גרונדלאָז די הנחה, אַז מען וועט לאָזן פאַרפאַלן גיין דאָס גערעטעניש צוליב דעם פּרינציפּ. אַ חוץ דעם ווייזט עס אויס, אַז אַנאַלאָגיעס מיט לענדער פון קאָנטינענטאַלן און געמעסיקטן קלימאַט האָבן אַ צו גרויסע השפעה אויף די עקספּערטן. ביי אונזער תבואה־ווירטשאַפט איז נישטאָ קיין סעזאָן פון עטלעכע טעג אָדער וואָכן — אַ קורצע, גרויסע אָנשטרענגונג, כדי אַריינצובריינגען דעם שניט פאַרן רעגן א. א. וו. אונזער הויפּטסעזאָן דויערט פיר חדשים (אַפּריל — יולי); די רעגנלאָזע צייט מאַכט מעגלעך אין ארץ־ישראל אַ גלייכמעסיקערע פאַרטיילונג פון דער אַרבעט. אגר. קראַוזע האָט גערעדט וועגן 30 ביז 50 הילפסטעג, וועלכע אַ קאָלאָניסט וואָלט באַדאַרפט פאַר דעם תבואה־ און ווייַנטרויבן־שניט. ס'איז קלאָר, אַז אַ אידישער לאַנדאַרבעטער וואָלט נישט געקאָנט עקזיסטירן פון אַזאַ קורצער נעבנאַרבעט. און דער פאַרשלאַג פון פּראָפ. מיד צו שאַפן אַרום די מושבים אַרבעטער־הילפס־ווירטשאַפטן הענגט לגמרי אין דער לופט. וועט נויטיק זיין אויסהילף אין אַזאַ מאָס, וועלן די יונגע פאַמיליען־מיטגלידער אימשטאַנד זיין זי צו ליפערן.

ס'איז אַ שאָד, וואָס די עקספּערטן האָבן נישט דיסקוטירט די פראַגע פון דער אונטערבאַזעצונג (אויספעלן פון אַרבעטס־כחות) פון דער ווירטשאַפט און פון דער השפעה פון דער אייגנאַרבעט אויף דעם ווירטשאַפטס־פּלאַן מיט דער באַטריבס־אָפּטיילונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער עקספּערימענטן־סטאַציע. זיי וואָלטן געקאָנט באַקומען פון אגר. ווילקאַנסקי דעם אַרבעטס־לוח פון אַ געמישטער אַקערבוי־ווירטשאַפט אויף

125 דונאַם, וועלכן ער האָט נישט לאַנג פּובליצירט אין „השדה״ *). דאָרט ווערט ריין טעכניש אויסגערעכנט, אַז אַ דייטשע ווירטשאַפט אויף אַזאַ שטח וואָלט זיך געניטיקט אין 344 אַרבעטסטעג פון מענטשן און 298 אַרבעטסטעג פון בהמות. דאָס הייסט, אַז עס פעלן איר 113 אַרבעטסטעג פון מענטשן און 89 אַרבעטסטעג פון בהמות (דערפון די העלפט אין אַפּריל—יולי). מיט אַנדערע ווערטער, אַזאַ ווירטשאַפט נויטיקט זיך נישט אין אַ שטענדיקן הילפס־אַרבעטער, זי קאָן געפירט ווערן פון פויער און זיין פרוי מיט דער צוציאונג פון אַ פאַמיליען־מיטגליד אין אַרבעטס־עלטער פאַר געוויסע חדשים. די זעלבע ווירטשאַפט אָרגאַניזירט לויט די פון אונז איינגעפירטע מעטאָדן (אַנדערער פרוכטוועקסל א. אַ. וו.), באַדאַרף נאָר 268 אַרבעטסטעג פון דעם קאָלאָניסט און 218 פון בהמות. ער האָט 23 פרייע טעג אין דער צייט דעצעמבער—אַפּריל, ס׳פעלן אים 58 אַרבעטסטעג פון מענטשן און 26 פון בהמות אינם יאָר (כמעט אינגאַנצן אין אַפּריל—יולי). ער איז אַלזאָ נאָך אַ סך ווייניקער אָפּהענגיק פון אויסהילף. מיט אַנדערע ווערטער, מיר האָבן אונזער טעכניק נישט נאָר צוגעפּאַסט צו דער באַדערפעניש, צו דערגרייכן העכערע איינטראָגן און איינצופירן אַרבעטס־שפּאָרנדע מאַשינען, נאָר אויך צו דער אויפגאַבע צו שאַפן אַ ווירטשאַפט, וועלכע קאָן אויסקומען מיט די אַרבעטס־כחות פון דער משפחה. אָט די צאָלן באַווייזן, אַז דאָס איז מעגלעך נישט מינדערנדיק דערביי דעם פּראָגרעס און די רענטאַביליטעט פון דער ווירטשאַפט. קאַפּויער, די זעלבע באַרעכענונגען באַווייזן, אַז אי־דישע לוין־אַרבעט וואָלט געמאַכט אילוזאָריש די רענטאַביליטעט, וועלכע איז מעגלעך אין אַ קליינבאַטריב. די צאָלן פון ווילקאַנסקי באַשטעטיקן פאַר ארץ־ישראל דאָס, וואָס די לאַנדווירטשאַפטלעכע סטאַטיסטיק זאָגט בנוגע די פויערן־ווירטשאַפטן אין אייראָפּע. לויט איר איז די צאָל פון די שטענדיקע אַרבעטס־כחות (איבערגערעכנט אין מענלעכע) אין אַ באַטריב פון הונדערט דונאַם: אין ענגלאַנד 1,15, אין דייטשלאַנד 1,55 אין דענעמאַרק 1,4. וויבאַלד די קינדער וואַקסן אונטער וועט דער מושב על כן נישט האָבן קיין פּראָבלעם פון סעזאָן־אַרבעט. אָבער נאָך אַלעמען, ווי אַזוי שטעלן זיך פאַר אונזערע קריטיקער די פויערן־ווירטשאַפט אין אַ לאַנד אָן לאַנדלאָזע אַרבעטער אָדער אָן לאַנדאָרעמע קליין־פויערן? קאָן זי דען אין ערהויפּט נישט מער עקזיסטירן? זי קאָן און וועט באַשטיין, און די לאַנדווירטשאַפטלעכע טעכניק און אַגראַר־אָרדנונג וועלן זיך מוזן צופּאַסן צו די באַדערפענישן פון פרייע פויערישע ווירטשאַפטן.

8. קבוצה ווי מושב זיינען אין אייניקע הינזיכטן נייע, ווייניק אויסגעפּראָבירטע באַטריבס־פאָרמען. זיי טראָגן אין זיך עלעמענטן פון סאָציאַלער באַנייאונג. פונדעסטוועגן איז פּראָפּ. מידס השערה קאָמפּלעט פאַלש, אַז אין די ציוניסטישע קאָלאָניעס „ווערט דער ערפאָלג אין דער ווירטשאַפט

*) זע די פּובליקאַציע פון דער תחנת הנסיונות החקלאית: יצחק אלעזרי, המשק המעורב המתוקן.

אין אַ סך פאַלן סובאָרדינירט צו דער בילדונג פון אַ נייער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אָרדנונג מיט אַ שטרענגען אַנטאַגאָניזם צום קאַפּיטאַל". דאָס שטרעבן צו סאָציאַלער טראַנספאָרמאַציע איז ביי אַ גרויסן טייל פון אונזערע מתישבים געוויס אַן אינטעגראַלער טייל פון זייער ציוניסטישן גלויבן. אָבער די פאַראַנטוואָרטלעכע אָנפירער, וועגן וועלכע ס'האַנדלט זיך, האָבן זיך קיינמאָל נישט געמאַכט קיין אילוזיעס, אַז וועלכע נישט איז קאָלאָניזאַציע־פאָרם, אַלט אָדער ניי, קאָן עקזיסטירן אָן אַ דויערהאַפטן ווירטשאַפטלעכן ערפאָלג. די טעכנישע ווי סאָציאַל־עקאָנאָמישע מעטאָדן זיינען שטענדיק געווען סובאָרדינירט די גוטפאַרשטאַנענע צילן פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע.

איינס פון די ווירקזאַמסטע מיטלען דערצו איז דאָס נאַציאָנאַלע ערד־אייגנטום, און אויף דעם פּרינציפּ באַזירט דער נאַציאָנאַלפאָנד. דאָסמאָל איז עס באמתן אַן „אימפּאָרטירטער" פּרינציפּ, איינגעפירט אויף דעם יסוד פון די ערפאַרונגען קודם כּל פון דער ענגלישער קאָלאָניזאַציע אין עטלעכע שטאַטן פון אויסטראַליע, אין ניי־זעלאַנד און אין ענגלאַנד גופא. די קעגנערשאַפט פון דער אַגענץ־קאָמיסיע צו לאַנגיאָריקער פאַכט אויף נאַציאָנאַלער ערד, די פאָדערונגען פון פּריוואַט־אייגנטום אויף לאַנד האָט דעריבער אַרויסגערופן אַלגעמיינע פאַרוואונדערונג.

9. לאַנד־אייגנטום אָדער לאַנדפאַכט. אַזוי הייסט אַ קאַפּיטל אין דעם באַריכט פון אַן ענגלישער פּאַרלאַמענט־קאָמיסיע (Departmental Committee on Setlement for Sailors and Soldiers, London, 1916) די קאָמיסיע האָט אונטערזוכט די מעטאָדן פון דער אינערלעכער קאָלאָניזאַציע אין ענגלאַנד (Small Holdings Act) און איז געקומען צו דעם דעפיניטיוון פּועל־יוצא, „אַז... פונם שטאַנדפּונקט סיי פון דער מלוכה, סיי פון דעם קליין־פּויער האָט דאָס סיסטעם פון פאַכט גרעסערע מעלות איידער דאָס סיסטעם פון אייגנטום". ס'איז גוט, קורץ צו רעקאַפּיטולירן זייערע מאָטיוון: א) נאַציאָנאַלע השגחה איבער דער צוועקמעסיקער אויסנוצונג פון דעם לאַנד איז ביי פּריוואַט־אייגנטום אוממעגלעך; ב) פריי אייגנטום פאַרפירט צום פאַרקויף פון דער פאַרם צוליב ריוח און ספּעקולאַציע. נחלות אין אייגנטום גייען איבער בירושה אין דער זעלבער משפּחה אַ סך ווייניקער און ווערן אַ סך אָפטער פאַרשלונגען איידער נחלות אין פאַכט. ג) די לאַנגטערמיניקע פאַכט מאַכט מעגלעך עלאַסטישע צופּאַסונג פון דעם שטח צו דער זיך בייטנדער גרויס פון דער פאַמיליע. ד) נאַציאָנאַל לאַנד־אייגנטום באַפרייט דאָס גאַנצע קאַפּיטאַל פון דעם קאָלאָניסט פאַר דעם אויסבוי פון דער ווירטשאַפט. „קאַפּיטאַל אַריינגעלייגט אין דער באַאַרבעטונג פון דער ערד, ברענגט אַ סך העכערע צינזן איידער ווען מען פאַרווענדעט אים פאַר לאַנדקויף". ה) עס האַנדלט זיך גאָרנישט וועגן אויסקלייבן צווישן לאַנדפאַכט און אַבסאָלוטן אייגנטום, נאָר „צווישן פאַכט אין אַ שאַרף לימיטירטער און באַגרענעצטער פאָרם און אייגנטום". ווייל ביי יעדן סיסטעם פון נאַציאָנאַלער אָדער מלוכהשער הילף מוז די פרייהייט פונם

אייגנטימער צו מאַכן הלואות אויף זיין לאַנד, צו פאַרפאַכטן עס, צו באַנוצן באַשרענקט ווערן פאַר דער צייט פון דעם הלואה-טערמין. אלזאָ דורך 40 און מער יאָר, ד. ה. צו לעבנס-צייטן, געניסט דער נייגעשאַפענער לאַנד-באַזיצער קוים די פרייד פון פולן אייגנטום. זיין כשוף איז דערפאַר אָפּטמאָל אַן איינגערעדטער. ו) די ערפאַרונג פון 7 יאָר מיטן געזעץ איבער קליינע פאַרמס (סמאָל האָלדינגס אַקט) האָט באַוויזן, אַז נישט קוקנדיק אויפן ענגלישן אינדיווידואַליזם און הגם לויט דעם דאָזיקן געזעץ צאָלט אָפּ דער קאָלאָניסט נישט נאָר רענטע, נאָר אויך דעם פולן פּרייז פונם לאַנד צום גראַפשאַפטס-ראַט, האָבן נאָר 2 פּראָצ. פון די קאָלאָניסטן זיך באַנוצט מיט דעם רעכט צו ווערן אייגנטימער פון דער ערד. דער גאָר גרויסער רוב האָט זיך אַנטשיידן פאַר לאַנגיאָריקע פאַכט.

די אַלע מאָטיוון גילטן פאַר אידישע קאָלאָניסטן אין ארץ-ישראל אין אַ נאָך העכערער מאָס, ווי פאַר ענגלענדער. ביי אונז קומען נאָך צו די סכנות פון ד ע נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז י ר ו נ ג דורך צוציאונג פון וואָלוועלער, נישט-אידישער אַרבעט און די סכנה פון פאַרקלענערן דעם ישוב צוליב דעם „אבסענטי-לענדלאָרדיזם”. מיר האָבן ערשט נישט לאַנג דערלעבט, וואָס פאַר אַ שאָדן ס׳קאָן אָנריכטן לאַנד-ספּעקולאַציע. אָנשטאַט צוגעבונדנקייט צו דער ערד שטאַרקט דאָס לאַנדאייגנטום דעם לאַנד-מסחר, וואָס טרייבט גיך צו לאַנד-יקרות. עס פאַרפירט אויך מענטשן מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל זייער גאַנץ געלט אַריינצולייגן אין לאַנד און דאַן צו פאַרלאַנגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ 100-פּראָצענטיקע קאָלאָניזאַציע-הלואה. נאָר דער נאַציאָנאַלער באַזיץ פון לאַנד גאַראַנטירט אַ ווירקזאַמע קאָנטראָל פון זיין פאַרווענדונג און פון דער באַשעפטיקונג פון אידישע און אַראַבישע אַרבעטער.

צום סוף איז כדאי צו דערמאַנען, אַז אונטער דער השפעה פון אויסטראַליע זאָגט אויך מיד, אַז „שטענדיקע פאַכט, וואָלט געהאַט דעצידירנדע מעלות” (Helping men etc, p. 190) ער האָט נאָר מורא, אַז דאָס פאַכט-פאַרהעלטעניש זאָל נישט אָפּשוואַכן די אַרבעטס-פרייד, וועלכע די אייגנטומס-ליבע באַשאַפט. מילא, דער פּסיכאָלאָגישער חסרון איז נאָך זער בספק. יעדנפאַלס זיינען די חסרונות און סכנות פון דעם ערד-אייגנטום אַ סך שווערערע. ווער עס קאָן אַליין באַצאָלן פאַר זיין אייגנטומס-פאַנאַטיזם, דעם שטייט דאָך אין ארץ-ישראל דער וועג דערצו, ליידער, אָפן. אָבער מיט די מיטלען פון דער אַלגעמיינהייט צו שאַפן פּריוואַטן גרונדבאַזיץ, איז נישט גערעכט און נישט ווייטבליקנד. די ערד פון ארץ-ישראל איז פאַר אונז אַזאַ טייערער קנין, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרמערן, אַז ס׳איז נישט מעגלעך סותר צו זיין די נויטווענדיקייט פון עפנטלעכן אייגנטום און נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג פון לאַנד.

10. אָבער לויט דעם היינטיקן מצב פון די ענינים קאָן דער נאַציאָנאַלפאָנד נאָר אין אַ באַשרענקטער מאָס דורכפירן די נאַציאָנאַלע לאַנד-פּאָליטיק — איז די גרענעצן פון זיינע מיטלען. עס שטייט פריי פאַר

פאַרמעגלעכע אידן און לאַנדגעזעלשאַפטן צו ערווערבן ערד אַלס אייגנטום׳ זיי טוען עס אויך אין אַ ברייטער מאָס. פון אַרום איין מיליאָן דונאַם אין אידישע הענט געהערן נאָר 20 פּראָצ. דעם קרן־קימת. נעמען מיר נאָר דעם צוואוקס פון די לעצטע 10 יאָר, איז דער חלק פון ק. ק. ל. בערך 30 פּראָצ.. אויף דעם שטאָטיקן גרונדשטיק־מאַרק פּילט מען אים קוים. אין אַזאַ סיטואַציע איז עס אַן אימפּעראַטיווע פאָדערונג, אַז ווייניקסטנס עפּנטלעכע מיטלען, די מיטלען פון דער אידישער אַגענץ זאָלן געווידמעט ווערן דעם אינסטרומענט פון דער נאַציאָנאַלער לאַנדפּאָליטיק, און נישט פאַרקערט, דינען דערצו צו פאַרגרעסערן די סכנות פון דעם פּריוואַטן אייגנטום, ווי עס איז דער זין פון דעם פאָרשלאַג מצד דער אַגענץ־קאָמיסיע.

איך האָב אין בערלין (בעת דער זיצונג פונם ציונ. אַקציאָנס־קאָמיטעט) געהערט דעם אַרגומענט, אַז ס׳איז נויטיק אַ לאַנדפאָנד, וואָס איז פריי פון די „סגנים" פונם נאַציאָנאַלפאָנד, און מעג קויפן און פאַרקויפן ערד, כדי אַמאָל צו ווירקן אויף די פּרייזן פון לאַנד, אַראָפּדריקן און רעגולירן זיי דורך פאַרקויף־אָפּעראַציעס. דאָס איז אַ ווירקלעכקייטס־פרעמדע קאָנסטרוקציע. ס׳איז נישטאָ אין ארץ־ישראל קיין מאַרק פאַר אַזעלכע טראַנזאַקציעס. זאָל מען נאָר פרעגן די פון „סגנים" פרייע פּיק״א, אויב זי האָט ריזיקירט ווען עס איז אַזעלכע זאַכן.

מען זאָגט ווייטער, אַז ביים קויפן לאַנד אַלס אייגנטום קומט דער אין דער ערד אַריינגעלייגטער קאַפּיטאַל צוריק און מאַכט מעגלעך נייע קניות. די „צירקולאַציע" פונם לאַנדקאַפּיטאַל איז אויך זער בספק. אמתע קאָלאָניסטן וועלן ערשט אין יאָרצענדליקער קאָנען אויסצאָלן זייער ערד, אויב מ׳וויל נישט באַלאַסטן זייער ווירטשאַפט אויף אַן אומעקאָנאָמישן אופן (אין דערהעם זיינען עס 37 און אַ האַלב יאָר *). ביי אַ רענטע פון אַנדערהאַלבן ביז 2 פּראָצ. פון דעם לאַנד־ווערט, וואָס ווערט ניי אָפּגעשאַצט איינמאָל אין 20 ביז 25 יאָר, באַקומט צוריק דער נ. פ. זיין קאַפּיטאַל אויך אין 40 יאָר בערך, ווען אויך אָן צינזן. קונים פון לאַנד, וועלכע קאָנען קויפן פאַר מזומן אָדער אָפּצאָלן אין אַ קורצער צייט, דאַרפן נישט האָבן קיין לאַנדפאָנד נעבן קרן־קימת, נאָר אַ לאַנדקויפס־געזעלשאַפט מיט אַ געהעריקן באַטריבסקאַפּיטאַל, ווי עס באַדאַרף צו זיין די חברת הכשרת הישוב.

11. צום סוף זאָל נאָך איין פונקט באַרירט ווערן, וועלכער איז נישט פאָרמולירט אין די פאָרשלאָגן פון דער אַגענץ־קאָמיסיע, אָדער אין די רעזאָלוציעס פונם אַקציאָנס־קאָמיטעט. איך מיין דאָס פאַרהעלטעניש פון די קאָלאָניזאַציע־אָרגאַנען צו די קאָלאָניסטן. ס׳איז אַ טעמע, וואָס איז שטאַרק משפיע אויפן געדאַנקענגאַנג פון די עקספּערטן. זיי זיינען בולט אומצופרידן מיט דעם גייסט פון דעמאָקראַטיע און קאָאָפּעראַציע, וועלכער האָט ביז איצט געהערשט אין דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע־פּאַרוואַל-

*) דערהעם איז די פון פּי״אָס. מיד געשאַפענע אַמעריקאַנישע פאַרמער־קאָלאָניע.

טונג. זיי ווינשן אַ מער שטרענגען, אַדמיניסטראַטיוון סיסטעם. קאָלאָניסטן וואָס דענקען און דיסקוטירן צופיל, זיינען זיי אומסימפּאַטיש; זייערע וואונשן וואָלטן באַדאַרפט האָבן די קלענסטע השפּעה אויף די החלטות פון די „קאָמפּעטענטע אינסטאַנצן".

ס׳וואָלט זיך שטאַרק געוואָלט ווייזן, ווי אַנדערש עס דענקען און האַנדלען די זעלבע עקספּערטן אין זייער אייגענער ווירקונגס-ספערע, ווי זיי פאַרשטייען אַנדערש — ווי צו שעצן און צו אונטערשטיצן די מיט-פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די קאָלאָניזירטע. איך וויל מיך באַגנוגענען מיט אַ ציטאַט פון מיד (Helping men ect., p. 203):

„ס׳איז פאַראַן אַ פאַלשער גלויבן, אַז פאַרשווענדונג און אונטיכטיי-קייט זיינען נישט אָפּצוטיילן פון זעלבסטפאַרוואַלטונג; אַז דאָס איז דער פּרייז, וועלכן מיר מוזן צאָלן פאַר פּאָליטישער פרייהייט..." ס׳איז אַ שאָד, אַז ביי דער אָפּשאַצונג פון דער ציוניסטישער פאַרוואַלטונג און פון די זעלבסטפאַרוואַלטונגס-אידעען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט איז פּראָפּ. מיד אַריינגעפאַלן אין די זעלבע פאָראורטיילן, וועלכע ער קריטיקירט אַזוי שאַרף ביי זיינע לאַנדסלייט.

איך האָב אין מיינע באַטראַכטונגען נישט באַנוצט קיין פּסיכאָלאָגישע אַרגומענטן. אָבער אַדמיניסטראַציע און קאָלאָניזאַציע זיינען אין אַ הויכער מאָס – מענטשן-פירונג. זי איז אָן קענטשאַפט פון דער פּסיכאָלאָגיע פון די געפירטע אוממעגלעך. אידישע קאָלאָניזאַציע איז אַלס אַדמיניסטראַציע פון אויבן אַראָפּ אוממעגלעך אָן שאָדן פאַר דער זאַך. אַלע פּרוואוון, אידישע קאָ-לאָניסטן צו קאָמאַנדירן אַלס אונטערטאַנען, זיי אַדמיניסטראַטיוו צו פירן, וועלן נישט מצליח זיין. נאָר ביי אַ באַציאונג פון בשותפותער אַחריות, פון „קאָפּאַרטנערשיפּ" צווישן קאָלאָניזאַציע-אינסטאַנצן און קאָלאָניזירטע, קאָן אי-דישע קאָלאָניזאַציע געדייען. די אויפגאַבע איז נישט לייכט, קיינער ווייס עס נישט בעסער, ווי די פון אונז וואָס זיינען געווען באַלאַסטעט מיט דער פאַראַנטוואָרטונג. „אַך, שווער ביסטו, מאַנאַמאַכס היטל". אָבער ס׳איז פאָרט נישטאָ קיין אַנדער וועג, און די געשיכטע פון דער „אַדמיניסטראַציע" (פּקידות) אין אַרגענטינע און ארץ-ישראל באַווייזט דאָס.

דאָס האַרץ פון די עקספּערטן געהערט דער פּיק"א. איך פאַרגין איר דעם שבח. זי איז נישט נאָר פריי פון סאָציאַלע טעאָריעס. אירע אַקערבוי-קאָלאָניעס אין ביידע גלילס זיינען נאָך דרייסיק און פערציק יאָר שולדיק געבליבן דעם באַווייז פון רענטאַבילּיטעט. דאָס טעכנישע פּראָבלעם פון דער אידישער ארץ-ישראל-קאָלאָניזאַציע איז איר פונקט אַזוי פרעמד געבליבן, ווי די אידישע לאַנדאַרבעטער-פראַגע. לאָז מען נאָר פאַרגלייכן די נאַציאָנאַל-פּאָליטישע באַדייטונג פון דעם פּיק"א-שטח אין גליל התחתון אָדער אין צפון פון עמק השרון מיט דעם נייעם אידישן קאַנטאָן אין עמק יזרעאל. דערפאַר פאַרמאָגט זי אַ באַאַמטן-פאַרוואַלטונג, וואָס איז פריי פון יעדער געזעלשאַפטלעכער השפּעה און קאָנטראָל — די עקספּערטן רופן דאָס „פּאָלי-טישער דרוק".

די קאָמיסיע וועט ביי דער אויפשטעלונג פון דעם בודזשעט, וועלכן דאָס אידישע פאָלק דאַרף צושטעלן, זיך באַדאַרפט שטעלן די פראַגע: וועלכע פאָלקסבאַוועגונג, וועלכע שטרעמונגען אין דער אידישער יוגנט, אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט האָט די דאָזיקע פּיק"א אַרויסגערופן? וועט זי געקאָנט הייבט פאַרלאַנגען פון די אידישע מאַסן אויך נאָר אַ האַלבן מיליאָן פונט אַ יאָר?

די פאָרשלאגן פון די עקספערטן זיינען מסוגל צו פאַרוואַנדלען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַ גרעסערע פּיק"א. דערמיט וועט מען אָבער אָפּגעזעגט דעם צווייג, אויף וועלכן די דאָזיקע פּיק"א וועט זיך באַדאַרפט שטיצן — די ציוניסטישע באַוועגונג.

תל־אָביב, אָקטאָבער, 1928.

די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפנאַמספּעאיקייט פון ארץ-ישראל.

(ניי קאָנטראָלירט)

דער ויכּוח איבער דער פעאיקייט פון א״י „צו ווערן די היים פון באַדייטענדן טייל פון אידישן פאָלק״, איז אַלט, ווי דער מאָדערנער, פּאָליטישער ציוניזם און איז שטענדיק געווען באַזונדערס העפטיק אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג. די דעבאַטע צווישן די אידישע סאָציאַליסטן פון דער פּועלי-ציוניסטישער און דער בונדישער ריכטונג, און נאָך דער מלחמה צווישן אונז און די קאָמוניסטן, האָט זיך שטענדיק געדרייט אַרום צוויי פּראָבלעמען. פון איין זייט האָבן זיך אונזערע קעגנער באַמיט צו באַווייזן, אַז א״י איז צו קליין און אָרים, כּדי אַריינצונעמען אידישע אַרבעטס-זוכנדע מאַסן אין אַן אָנגעזעענעם אומפאַנג. די באַדייטונג פון דער ארץ-ישראל-קאָלאָניזאַציע פאַר דער אויפהאַלטונג און באַנייאונג פונם אידישן פאָלקס-לעבן ווערט באַקעמפט אָדער אָפּגעשאַצט זער לייכט. פון דער אַנדערער זייט האָב איך שוין מיט פופצן יאָר צוריק זיך געמוזט ווענדן קעגן דעם פּרואוו פון אונזערע אידישע קעגנער צו באַצייכענען די ווידערבאַזעצונג פון א״י דורך אידן, אַלס אַן עקספּראָפּריאירונג און אַרויסשטויסונג פון די אַראַבישע פעלאַכן און „דעם ציוניזם אַלס אַ נאַציאָנאַליסטישן דעראָבערונגס-צוג״.*) דער צווייטער פונקט איז אין גרונד פון אַן אַנטשיידנדער באַדייטונג. ווייל ווען עס וואָלט געווען ריכטיק, אַז דאָס איינוואָרצלען זיך פון אידישע קאָלאָניסטן-מאַסן אין א״י וואָלט געווען מעגלעך נאָר דורך דער אויסוואָרצלונג פון אַראַבישע מאַסן, דאַן וואָלטן מיר געשטאַנען פאַר אַן אויפגאַבע, וואָס איז אומלעזבאַר, מאָראַליש, אַזוי גוט ווי פּאָליטיש, און עס וואָלט געווען איבעריק צו קעמפן איבער דעם היסטאָרישן ווערט פון אַ אידיש ארץ-ישראל.

די דיסקוסיע, בפרט איבער דעמדאָזיקן צווייטן אַספּעקט פונם אידישן קאָלאָניזאַציע-ווערק, איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן פון אַן אינערלעך-אידישער — אַן אינטערנאַציאָנאַלע. די טעזע, אַז א״י איז אייגנטלעך אַ גענוג געדיכט באַזעצט לאַנד, און אַז די באַזעצונג פון אידן וועט דעריבער

---

*) S. Kapłansky, Probleme der Palästina-Kolonisation. Verlag Oster tag, Berlin, 1923.

ווערן אַווירטשאַפטלעכע סכנה פֿאַר דער שוין באַשטייענדער אַראַבישער באַפֿעלקערונג, האָט געפֿונען די אָנערקענונג פֿון דער מערהייט פֿון דער באַקאַנטער שאָ-קאָמיסיע. דער באַריכט פֿון דער דאָזיקער אונטערזוכונגס-קאָמיסיע האָט ערקלערט, קעגן דער אָפּווייכנדער מיינונג פֿונם אַרבעטער-דעפּוטאַט האַרי סנעל:

„ווי עס זאָל נישט זיין, שיינט די לאַגע צו זיין אַזאַ, אַז נעמענדיק א״י אַלס גאַנצעס, קאָן דאָס לאַנד נישט אויסהאַלטן אַ גרעסערע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַפֿעלקערונג, ווי עס באַזאָרגט איצט, סיידן די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מעטאָדן וועלן דורכמאַכן אַ ראַדיקאַלן שנוי. עס איז בלי ספק אַן אמת, אַז די ווירקונג פֿון לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אויספּאַרשונג, קאַפּיטאַל-אינוועסטיציעס און קרעדיט-פֿאַרלייכטערונגען גיט אין געוויסע דיסטריקטן באַדייטנדע מעגלעכקייטן פֿאַר מער אינטענסיווע מעטאָדן פֿון קולטור, און אַז כּוף-כּל-סוף וועט די ערד פֿון ארץ-ישראל קאָנען אויסהאַלטן אַ גרעסערע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַפֿעלקערונג.

אין דער פֿאַרגאַנגענהייט זיינען אומפֿאַרמעגלעכע פֿעראַנען אויפֿגענומען געוואָרן אין די שכנותדיקע דערפֿער; מען האָט אונז אָבער דערציילט, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס, הגם ער האָט מיט פֿיר אָדער פֿינף יאָר צוריק געקאָנט זיין מעגלעך, איז איצט מער נישט מעגלעך; דער זעטיקונגס-פּונקט איז שוין דערגרייכט געוואָרן. די קלאָרע פֿאַקטן אין דער פֿראַגע זיינען, ווי מיר באַטראַכטן עס, אַז עס איז מער נישטאָ קיין נוצבערער באָדן, וואָס זאָל קאָנען פֿאַרנומען ווערן דורך נייע איינוואַנדערער, נישט אַרויסשטויסנדיק די איצטיקע באַפֿעלקערונג״ *).

ווילן מיר אַלזאָ פֿונדאָסניי אונטערזוכן, צי אונזער ווערק אין א״י באַדייט אַ פֿאַרדרענגונג אָדער אַ פֿאַרדיכטונג פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון א״י, אַ דעראָבערונג מיטן צוועק צו עקספּלואַטירן אָדער אַ דערוועקונג פֿון די שלומערנדע פּראָדוקטיוו-כּחות צו אַ נייעם אין העכערן וואוילשטאַנד פֿאַר אַ ווייט צאָלרייכערער באַפֿעלקערונג אינעם לאַנד.

ווען מיר פֿרעגן זיך, וואָס פֿאַראַ באַפֿעלקערונג קאָן א״י מפרנס זיין גייען מיר אַרויס פֿונם תּנאי מוקדם, אַז זיינע ווירטשאַפֿטלעכע מעגלעכקייטן דאַרפֿן פֿולשטענדיק אויסגענוצט און אַנטוויקלט ווערן לויט דעם איצטיקן מצב פֿון דער וויסנשאַפֿט און טעכניק. אָן אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פֿון די עקאָנאָמישע- און פּראָדוקציע-פֿאַרהעלטענישן פֿונם לאַנד, וועגן וועלכער אויך דער שאָ-באַריכט רעדט אַגב אורחא, איז נישט מעגלעך, סיי אויפֿהויבן באַדייטנד די ווירטשאַפֿטלעכע אויפֿנאַמספּעאיקייט פֿון א״י, סיי צו הויבן דעם לעבנס-מצב פֿון די אַראַבישע אַרבעטנדע מאַסן. אַ גרויס פֿאַר-

*) Report of the Commission on the Palestine Disturbances of August 1929. Cmd. 3530.

מאָסטענע איינוואַנדערונג פון אידן מיט אייראָפּעאישע באַדערפענישן רופט אַרויס אַן אייראָפּעאיזירונג פון דער אָריענטאַלישער ווירטשאַפט פון א״י און ווערט דורך איר מעגלעך.

זייט איך האָב געפּרואווט אין יאָר 1915 צו מאַכן אַן אויסרעכענונג פון דער דערגרייכבאַרער באַזעצונגס-געדיכטקייט פון א״י, האָבן זיך די גרענעצן פון א״י עטוואָס איבערגערוקט. אין דער גלייכער צייט איז וועזנטלעך באַרייכערט געוואָרן אונזער קענטעניש פונם לאַנד און קודם-כל פון זיינע לאַנד-פאַרהעלטענישן און פון דער ריכטונג פון זיין לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. עס איז דעריבער נויטיק צו קאָנטראָלירן די עיקרדיקע צאָלן. צום גליק זיינען מיינע דעמאָלטיקע השערות געווען זער פאָרזיכטיקע און צוליב זיכערקייט — גיכער צו נידעריק ווי צו הויך.

ד ע ר ש ט ח פ ו ן א ר ץ - י ש ר א ל. די היינטיקע פּאָליטישע גרענעצן פונם מאַנדאַט-געביט אין א״י פאַלן נישט צונויף מיט די היסטאָרישע גרענעצן פון א״י. דאָס אַראָפּרוקן דעם צפון-גרענעץ מיט לבנון פון נהר ליטאַני צו ראס-על-נאַקורא קאָן מען נאָך דורכלאָזן. שווערער איז דער פאַרלוסט צו סיריע פון דער הויך-פלאַך פון גולן און חורן, אַ געביט פון 5 ביז 7 טויזנט קוואַדראַט-קילאָמעטער, צווישן ירדן און דעם הויך-לאַנד פון די דרוזן. די דאָזיקע קינסטלעכע פּאָליטישע טיילונג פון א״י, קעגן וועלכער מיר האָבן בשעתו פּראָטעסטירט פון דער טריבונע פון דער ברייטאָן-קאָנפערענץ פון דער ענגלישער אַרבעטער-פּאַרטיי, דאַרף נישט אויסשליסן יעדע אידישע קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט אינם אַלטן בשן. עס ערשיינט אָבער צוועקמעסיק צו באַשרענקען אונזערע אונטערזוכונגען פון די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן אויפן פּאָליטישן מאַנדאַט-געביט פון ארץ-ישראל. מיר אונטערשיידן נישט דערביי צווישן מערב-ארץ-ישראל, וועלכע געפינט זיך אונטער דער דירעקטער פאַרוואַלטונג פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע און דעם מזרח-ירדן-לאַנד, וואו עס איז פאַראַן אַ באַזונדערער אָפּמאַך, צווישן דער מאַנדאַט-רעגירונג און דעם עמיר עבד-אַללה. וואָרום נישט געקוקט אויף די אויסנאַמען, וואָס זיינען אַקצעפּטירט געוואָרן דורכן פעלקער-בונד אין יאָר 1922, גאַראַנטירט אונז דער מאַנדאַט דאָס רעכט און די פרייהייט פון ווירטשאַפטלעכער און קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט אין עבר-הירדן.

לויט די צאָלן פון דער א״י-רעגירונג, באַטרעפט דער שטח פון מערב-א״י, פון מתולה ביזן גאָלף (ים-איינשניט) פון אַקאַבאַ, 26.330 קוואַדראַט-קילאָמעטער, בעת דער שטח פון עבר-הירדן ווערט אָפּגעשאַצט אויף 40.000 קוו. קמ*). אָבער די דאָזיקע 66 טויזנט קוו. קילאָמעטער שליסן איין גרויסע לאַנד-טיילן, וועלכע דאַרפן באַטראַכט ווערן אַלס נישט פּאַסיקע פאַר קאָלאָניזאַציע. צו זיי געהערט אין מערב דער זער אָרימער אין רעגן און מדבר-אַרטיקער טייל פונם נגב צו דרום פון דער פּאַראַלעל-ליניע

*) קרן-היסוד, סטאַטיסטיש האַנטבוך, ירושלים, 1929.

אין 31°, וועלכער דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן אויף 8 מיליאָן דונאַם, אָדער 8 טויזנט קוו. קמ. די מזרח-גרענעץ פון עבר-הירדן איז אַרויסגערוקט ווייט אין דעם סירישן סטעפּ און מדבר. שוין א ו י ה א ג ן האָט באַצייכנט דעם סטעפּן-געביט צו מזרח פון דער העדזשאַס-באַן, אַלס לחלוטין קולטור-פּעאיק. פּונקט אַזוי האָבן עקספּערטן פון דער א״י-עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענץ, וועלכע האָבן דאָ נישט לאַנג אויסגעפּאָרשט דאָס אַלטע גלעד און מישור, אָנגעוויזן אויף דער גוטער קולטור-פּעאיקייט פון אויסגעשפּרייטע לאַנד-שטרעקעס צו מזרח פון דער באַן-ליניע, ווען עס וועט געפונען ווערן אַ פּאַרענטפערונג פון דער וואַסער-פּראַגע, ווי דאָס איז זעט אויס געלונגען אין אַלטערטום, אורטיילנדיק לויט די חורבות פון אַלטע ישובים. דאָך ווילן מיר בלייבן אין די גרענעצן פון דעם, וואָס קאָן היינט דערגרייכט ווערן, און ציען די מזרח-גרענעץ פון עבר-הירדן בערך לויט דער לענג פון דער העדזשאַס-באַן, אָדער פונם מערידיאַן 36° O. L. לויט דעם איז דער שטח פון א״י, וואָס טויג פאַר קאָלאָניזאַציע: אין מערב — 18.330 קוו. קילאָמעטער (פון דעם געהערן 15.570 קוו. קמ. צו די היינטיקע פאַרוואַלטונגס-ראַיאָנען צפון און דרום, בערך ביז צו דער ליניע עזה—באר-שבע, און 2.760 קוואַדראַט-קילאָמעטער — צום נגב); אין מזרח — אַ הויך-פלאַך פון ירמוק ביז מען, פון בערך 300 קמ. אין דער לענג און 50 קמ. אין דער ברייט, אַלזאָ אַ שטח פון 15.000 קוו. קמ. צוזאַמען 33.330 קוו. קילאָמעטער.

ד י ג ע ד י כ ט ק י י ט פ ו ן ד ע ר ב א פ ע ל ק ע ר ו נ ג. די צאָל איינוואוינער אין גאַנץ א״י איז אין יאָר 1930 אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף רונד 1.200.000 נפשות. דערין זיינען אַריינגערעכנט געוואָרן אין לאַנד אויפן מערב פון ירדן — איבער 100 טויזנט בעדואינער און אין עבר-הירדן 170 טויזנט נאָמאַדן און האַלב-נאָמאַדן, וועלכע וואַנדערן אין די סטעפּ-געביטן אויפן דרום און מזרח פון דער מאַנדאַט-טעריטאָריע. דאָס גיט אַ באַפעלקערונגס-געדיכטקייט פון 18 מענטשן אויף אַ קוואַדראַט-קילאָמעטער פאַר גאַנץ א״י, ריכטיקער איז אָבער צו באַרעכענען די געדיכטקייט פון דער באַזעצטער באַפעלקערונג אין פאַרהעלטעניש צו דעם באַוואוינבאַרן שטח פון א״י. ווערן דאַן אַראָפּגענומען די 75 טויזנט בעדואינער פון באר־שבע־ראַיאָן, די העלפט פון די האַלבע נאָמאַדן און די בעדואינער פון עבר־הירדן, דאַן באַטרעפט די באַזעצטע באַפעלקערונג פון א״י רונד 1 מיליאָן מענטשן, וואָס עס אַנטשפּרעכט אַ געדיכטקייט פון דרייסיק פערזאָן אויף אַ קוו. קמ.

ד ע ר ק ו ל ט י ו ו י ר ב א ר ע ר ש ט ח פ ו ן ל א נ ד. מיר גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז די ווירטשאַפטלעכע אויפנאַמספּעאיקייט פון אַ לאַנד באַזירט אין דער ערשטער ריי אויף זיין ל א נ ד ו ו י ר ט ש א פ ט ל ע כ ע ר ק א פ א צ י ט ע ט. נישט וועלנדיק פאַרלויפן דעם וועג דער פראַגע, וועלכעס אָרט עס וועט פאַרנעמען אין דעם אויפבוי פון דער אידישער געמיינשאַפט אין א״י דער איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט, איז דאָך קלאָר אָן אַ ווייטערער באַגרינדונג, אַז די פאַרברייטערונג פונם אַגראַר-באַזיס פון א״י

וועט אויף יאָרן פאָרויס בלייבן דער ערשטער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פונם אידישן קאָלאָניזאַציע־ווערק אין לאַנד. ביים פעסטשטעלן די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאַפּאַציטעט פונם לאַנד זיינען באַשטימענד דער שטח פון זיין קולטור־פעאיקן באָדן און די דערגרייכבאַרע מדרגה פון דער אינטענסיווירונג פון זיין לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. עס איז אַלזאָ נויטווענדיק צו באַרעכענען דעם קולטיווירבאַרן שטח פון ארץ־ישראל.

די א״י־רעגירונג האָט אין מאַי, 1925, אין אַ תשובה, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין לאָרדן־הויז, אָפּגעשאַצט דעם קולטור־פעאיקן שטח פון מערב־א״י אויף 12 און אַ האַלבן מיליאָן טערקישע דונאַם, דאָס זיינען בערך 11,4 מיליאָן מעטרישע דונאַם (אָדער 1.140.000 העקטאַר). די רעגירונג האָט צוגלייך געגעבן גענוי דעטאַלירטע צאָלן איבער דער פאַרטיילונג פון באַזיץ און דער באַאַרבעטונג פונם באָדן. לויט דעם זיינען פון די דאָזיקע 12,5 מיליאָן (אַלטע) דונאַם געווען: 1 מיליאָן אין באַזיץ פון אידן און אַנדערע נישט־אַראַבער; 2,5 קולטור־פעאיק, אָבער לגמרי נישט באַאַרבעט; 9 מיליאָן אין אַראַבישן באַזיץ, פון וועלכע 6 מיליאָן זיינען פערמאַנענט באַאַרבעט און 3 מיליאָן נישט באַאַרבעט. אַלזאָ, נאָר אַ העלפט פונם באָדן, וואָס די רעגירונג האָט באַצייכנט אַלס קולטור־פעאיק, ווערט באַאַרבעט פון די אַראַבישע פּריצים און פעלאַכן. אַ כּמעט גלייכער שטח פון 5,5 מיליאָן ליגט פאַרוואָרלאָזט, אָדער ווערט נישט באַאַרבעט. צו דעם מוז צוגעגעבן ווערן, אַז פונם רונד איין מיליאָן דונאַם, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען אין אידישן באַזיץ, איז אַ באַדייטנדער טייל נאָך נישט באַזעצט.

די אָפּשאַצונג פונם שטח פון דער ערד, וואָס ווערט באַאַרבעט פון די פעלאַכן, איז גיכער צו הויך, ווי צו נידעריק. וואָרום די סטאַטיסטיק פון די נעררעטעניש, וואָס נעמט אַרום איבער צען יאָר, באַווייזט, אַז די ארץ־ישראלדיקע לאַנדווירטשאַפט ברענגט אַ ברוטאָ־הכנסה פון 200 טויזנט טאָן תבואה פון אַלע מינים, ווינטער־ און זומער־קולטורן צוזאַמענגענומען. נעמט מען אַלס יסוד די געוויינלעך קליינע גערעטעניש פון 60 קילאָ פּר אַ דונאַם, דאַן באַקומט מען אַ קולטור־שטח פון קוים 3,5 מיליאָן דונאַם. און די פאַרהעלטנישמעסיק קליינע פלאַנצונגס־שטחים וועלן דעם גאַנצן שטח וואָס ווערט באַאַרבעט פון אַראַבער און אידן, נאָך נישט ברענגען צו 4 מיליאָן דונאַם. עס איז אַלנפאַלס נישט אוממעגלעך, אַז די עושר־שאַצונגען, אויף וועלכע עס באַזירט די איינטראָג־סטאַטיסטיק, זיינען קלענער פון דער ווירקלעכקייט אויף אַ באַדייטענדן פּראָצענט. די רעגירונגס־שאַצונג פונם שטח, וואָס ווערט באַאַרבעט פון די אַראַבער, איז בכן אפשר נענטער צום אמת און וואַרפט אַ שאַרפע שיין אויפן מצב, אין וועלכן עס געפינט זיך דער באָדן אין א״י.

מיר זיינען אָבער נישט אָנגעוויזן בלויז אויף די שאַצונגען פון דער א״י־רעגירונג. די וויכטיקסטע פאָרשונגס־אַרבעט, וועלכע איז געלייסטעט געוואָרן

וואָרן אין די לעצטע יאָרן, איז די באָדן-אונטערזוכונג פונם אַמעריקאַנער עקספּערט, מר. א. ט. סטרעהאָרן, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1927, לויטן אויפטראג פון דער „פּאַראייניקטער פּאַלעסטינע אונטערזוכונגס-קאָמיסיע" (Joint Palestine Survey Commission). די דאָזיקע באַרייכערונג צו דער באָדן-וויסנשאַפט פון ארץ-ישראל וועט איינהאַלטן איר ווערט אויך נאָך דעם, ווי דער אַלגעמיינער באַריכט פון דער קאָמיסיע וועט, ווי ער האָט עס באמת פאַרדינט, פאַרגעסן ווערן.

סטרעהאָרן האָט אונטערזוכט כמעט אַלע פלאַכן און טאָלן פון מערב-א״י. נאָר די אויספאָרשונג פון עמק-הירדן איז געווען נישט קיין פולשטענדיקע, צוליב מאַנגל אין צייט און צוליב דער אומגינסטיקער צייט פון יאָר. אין לעצטן יאָר איז, אין צוזאַמענהאַנג מיט די אָנפאַלן פון דער שאָ-קאָמיסיע און די אונטערזוכונגען פון סער דזשאָן האָפּ סימפּסאָן, דורכגעפירט געוואָרן אַ דערגענצנדע אונטערזוכונג דורך עקספּערטן פון דער אידישער אַגענץ. זי האָט בעיקר געהאַט דעם צוועק, אויספאָרשן די פאַרהעלטענישן פון דער באַאַרבעטונג פון באָדן אין געוויסע טיילן פון א״י. זי האָט אָבער געפירט צו אַ קאָנטראָלירונג און, אינם אויסנאַמספאַל פון עמק-הירדן, צו אַ וויכטיקע קאָרעקטור פון די פעסטשטעלונגען פון סטרעהאָרן. אויפן יסוד פון די דאָזיקע אונטערזוכונגען פון סטרעהאָרן און דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע קומען מיר צו פאָלגנדער פאַרטיילונג פון די קולטור-פעאיקע שטחים אין די פלאַכן און טאָלן פון מערב-א״י. (זע טאַבעלע א׳).

דערביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די טיילן, וועלכע זיינען נישט קולטור-פעאיק צוליב לאַנדווירטשאַפטלעכע אָדער טאָפּאָגראַפישע סיבות, ווי דיונען, פאַרזאַלצטער באָדן, באַרג-אָפּהאַנגען, זיינען אַראָפּגערעכנט געוואָרן פון דעם אַלגעמיינעם שטח.

די גרעסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַדייטונג באַזיצט די ב ר ע ג-פ ל א ך, וועלכע נעמט אַרום פון עזה ביז נאקורא די פלאַכן פון פלשת, שרון און עכו און האָט 3 מיליאָן מעטרישע דונאַם (300 טויזנט האַ.) קולטור-פעאיקע ערד. פון דעם איז רונד אַ העלפט עקאָנאָמיש באַוואַסערבאַר (טעכניש גיט סטרעהארן אָן בערך 70 פּראָצ. אַלס באַוואַסערבאַר). די פלאַך י ז ר ע א ל (דער עמק) און דער נ ו ר י ס - ט א ָ ל באַזיצן איבער 48 טויזנט האַ. (488 טויזנט מעטרישע דונאַם) קולטור-פעאיקן באָדן, וועלכע קאָנען צום גרעסטן טייל נישט באַוואַסערט ווערן. די פלאַך פון חולה איז היינט אַ שווער פאַרזומפּטער רעזערוו פון גוט באַוואַסערטן באָדן פון כמעט 13 טויזנט האַ. (128 טויזנט מעטרישע דונאַם). אינם אויבערשטן און אונטערשטן ע מ ק - ה י ר ד ן (מערב-זייט פון ירדן) באַטרעפט דער קולטור-פעאיקער שטח 57 טויזנט האַ. (573 טויזנט מ. ד.), פון דעם איז די גרעסטע העלפט צום באַוואַסערן. דער נ ג ב צווישן באר-שבע און דער פאַראַלעל-ליניע 310 איז אַ נידערונג פון 2 מיט 3 פערטל מיליאָן מ. ד. מיר נעמען אָן, אַז זיין קולטור-פעאיקער טייל דאַרף באַרעכנט ווערן מיט 80 פּראָצ. פונם שטח און באַטרעפט אַזוי אַרום 2,200,000 מ. ד. (220 טויזנט האַ.).

טאַבעלע א׳

דער קולטור-שטח פון די פלאַכן און טאָלן פון מערב-א"י (אין מעטרישע דונאַם).

פלאַכן	אַלגעמיינער שטח	קולטור-שטח	פון דעם באוואַסע-רונגס-פעאיק	פון דעם נישט באוואַסע-רונגס-פעאיק
1) דער ברעג-פלאַך (עמק עכו, השרון, פלשת)	3.398.600	3.032.300	2.178.550	853.750
2) יזרעאל-פלאַך (עמק)	437.700	394.100	348.200	45.900
3) טאָל יזרעאל (גוריס)	105.100	94.600	82.700	11.900
4) אויבערשטער עמק-הירדן (בית-שאן און צמח)	443.900	341.200	128 800	212.400
5) אונטערשטער עמק-הירדן	352.100	231.800	231.800	—
6) חולה	138.000	128.800	128.800	—
7) נגב	2.760.000	2.200.000	—	2.200.000
צוזאַמען	7.635.400	6.422.800	3.098.850	3.323.950

באַמערקונג: די צאָלן פאַר 1, 2 און 3 זיינען געבראַכט לויט די צאָ"ן פון סטרע-האַרן (Reports of the Experts, J. P. S. C., Boston 1918, p. 222). די צאָלן פאַר 4, 5 און 6 לויט די עקספּערטן פון דער אידישער אַגענץ (Palestine Land Settlement, Memorandum to Sir John Hope Simpson, London, 1930). אונטער דעם אַלגעמיינעם שטח פון נגב איז אַריינגערעכנט געוואָרן נאָר דער קאָלאָניזאַציע-פעאיקער טייל צום צפון פון 31°N; דער קולטור-פעאיקער שטח איז אָפּגעשאַצט געוואָ"ן מיט 80 פּראָצענט.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די פלאַכן אין מערב-ארץ-ישראל פאַרנע-מען אַ שטח איבער 7 און אַ האַלבן מיליאָן דונאַם, פון וועלכע רונד 6.400.000 מ. ד. (640 טויזנט האַ.) זיינען קולטור-פעאיק. עס ווייזט זיך ווייטער אַרויס, אַז דער קולטור-פעאיקער באָדן אין בערגלדיקן (שפלה) און באַרגיקן טייל (הר) פון א"י-דאַרף, לויט דער אויבנדערמאָנטער רעגירונגס-שאַצונג, דאַרף באַרעכנט ווערן מיט 500 טויזנט האַ. (5 מיליאָן מ. ד.). דאָס וואָלט געווען 40—50 פּראָצענט פונם באַרגיקן באָדן; לויט דער מיינונג פון פיל פאַכמענער אַ גענוג פאַרזיכטיקע שאַצונג.

וועגן עבר-הירדן זיינען נישטאָ קיין זיכערע ציפערן. מערב-א"י איז טאָפּאָגראַפיש מער צובראָכן און האָט שאַרפערע איבערגאַנגען ווי מזרח-א"י, וואו עס איבערוועגן פלאַכן און הויך-פלאַכן (פּלאַטאָס). מיר גייען אַרויס פון דער השערה, אַז נאָר 2 דריטל פון די 15 טויזנט קוו. קמ. וועלכע מיר האָבן באַצייכנט אַלס קאָלאָניזאַציע-פעאיק, זיינען קולטיוויר־

באַר; דאָס וואָלט געווען רונד 10 טויזנט קוו. קמ. (אָדער 1 מיליאָן העק־טאַר). פון דעם זיינען, לויט דער לעצטנס פּאָרגעקומענער ערשטער אונ־טערזוכונג פון א״יפּאַכמענער, 4C טויזנט הא. באוואַסערבאַרער באָדן אינם מזרח־טייל פונם ירדן־טאָל, בעת די רעשט פון 960 טויזנט הא. (9.600.000 מ. ד.) קלאַסיפיצירן מיר אַלס תבואה־ און פלאַנצונגס־באָדן אָן באוואַ־סערונג.

טאַבעלע ב

דער גאַנצער קולטור־שטח פון ארץ־ישראל (אין מעטרישע דונאַם און העקטאַרן).

	קולטור־שטח		
	אין מעטרישע דונאַם	אין העקטאַר	צוזאַמען אין העקטאַר.
מערב־ארץ־ישראל:			
פלאַכן	6.420.000	642.000	
באַרגיק־לאַנד. . . .	5.000.000	500.000	1.142.000
עבר־הירדן:			
עמק־הירדן	400.000	40.000	
הויך־פלאַכן	9.600.000	960.000	1.000.000
סכ״ה . .	21.420.000	2.142.000	2.142.000

דער גאַנצער קולטורישטח פון א״י באַטרעפט אַזוי אַרום 11,4 מילי־יאָן מ. ד. אין מערב, 10 מיליאָן מ. ד. צו מזרח פון ירדן, צוזאַמען 21,4 מיליאָן מ. ד. אָדער 2.140.000 העקטאַר. (לויט טאַבעלע ב׳).

אַרבעטס־נאַרם און קאָלאָניזאַציע־געדיכטקייט. וואָס פאַרא לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג קאָן זיך באַזעצן און לעבן אויף דעם דאָזיקן נוצבאַרן שטח? כדי אויסצורעכענען די צאָל פון די משפחה־ווירטשאַפטן, וואָס קאָנען עקזיסטירן פון דער א״י־דיקער לאַנדווירטשאַפט, גייען מיר אַרויס, לויט דער רוסישער טערמינאָלאָגיע, פון דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער אַרבעטס־נאָרם. אין דייטשלאַנד רעדט מען פון דער „זעלבסט־שטענדיקער אַקער־נאַרונג“. איך פאָלג דערביי נאָך פּראָפעסאָר פּראַנץ אָפּענהיימער. אָ. האָט כידוע נאָך אין יאָר 1913 אויפגעשטעלט דעם כּלל, אַז ביי די היינטיקע אינטענסיווע מעטאָדן פון באָדן־באַאַרבעטונג, דאַרף די דורכשניטלעכע גרויס פון אַ פויערישער משפחה־ווירטשאַפט אָנגע־נומען ווערן מיט 5 העקטאַר. „דער שטח פון דורכשניטלעך 5 העקטאַר, זאָגט אָפּענהיימער, דאַרף באַטראַכט ווערן, ווי דער מינימום פונם באַדאַרף, אַזוי אויך בערך די העכסטע מאָס פון דער לייסטונגס־פעאיקייט פון אַ

פויערן־משפחה אָן געדונגענע פּאַראָבקעס און הילפס־כּחות״ *)· עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס דער דאָזיקער כּלל איז פיל מאָל שלעכט פאַרשטאַנען און באַקעמפט געוואָרן. וואָיטינסקי **) ווייזט אָן מיט רעכט, אויף דעם, אַז בעת אַ ווירטשאַפט פון 5 ביז 10 האַ. ווערט באַטראַכט אין אַמעריקע אַלס אַ קאַרליקן־ווירטשאַפט, גילט זי אין אייראָפּע אַלס אַ קליינע מיטל־ווירטשאַפט און שטעלט מיט זיך פאָר אין יאַפּאַן אַ פּריצישן באַזיץ, וואָס קאָן פאַרטיילט ווערן אויף עטלעכע משפּחות. די לאַנד־נאָרם פון 5 העקטאַר. איז אַ דורכשניטס־מאָס, וואָס איז מעגלעך געוואָרן דורך דער דער־גרייכטער אין די פאָרגעשריטענע לענדער פון אייראָפּע אינטענסיוויטעט פון פּילזייטיקייט פון דער לאַנד־באַאַרבעטונג. ווי אָפּענהיימער ווייזט אָן אויפן יסוד פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער סטאַטיסטיק אין דער פאַר־מלחמה־צייט, איז די אַרבעטס־נאָרם שוין דערגרייכט געוואָרן אין רוב לענדער. דער באַ־קאַנטער רוסישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָם, פּראָפעסאָר טוגאַן־באַראַנאָווסקי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ איבער דער 5־העקטאַר־נאָרם, אָנווייזנדיק אויף דעם מצב אין דער רוסישער לאַנדווירטשאַפט. ביי דער פאַרטיידיקונג פון דער אָפּענהיימערישער טעזע, האָב איך זיך געקאָנט פאַררופן אויף די בעסטע קענער פון דער רוסישער פויערן־ווירטשאַפט — אָגאַנאָווסקי, קויפמאַן, מאַ־סלאָוו. זיי אַלע פירן דורך אַ דייטלעכע דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דעם אַבסאָלוטן, אמתן באָדן־מאַנגל און דער רעלאַטיווער באָדן־נויט, וועלכע איז בלויז אַ רעזולטאַט פונם קריזיס פון דער עקסטענסיווער לאַנדווירטשאַפט. דערווייל איז אין רוסלאַנד פאָרגעקומען איינע פון די גרעסטע אַגראַר־אי־בערקערענישן פון דער געשיכטע, און די לאַנדווירטשאַפטלעכע ציילונג פון יאָר 1922 באַווייזט, אַז דער באַאַרבעטער שטח פון אַ מיטעלער פויערישער ווירטשאַפט (די צאָל מענטשן 5,5) האָט זיך, ווי עס איז צו זען, פאַר־קלענערט אין דער רוסישער ראַטן־רעפּובליק פון 4,3 דעסיאַטינעס (אין יאָר 1917) אויף 2,2 ד. (אין יאָר 1922); אין אוקראַינע — פון 3,7 דעסיאַטין אויף 3,4 דעס., און אין דעם גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד — פון 4,2 אויף 3,2 דעס. (בערך דריי און אַ האַלב האַ.). וואָיטינסקי קומט צום שלוס, אַז דער הערשנדער טיפּ אין רוסלאַנד איז אַ פויערישע ווירטשאַפט פון 2 דעס (2,2 האַ.) באַאַרבעטן שטח, מיט איין פערד און איין קו. עס איז אַפילו שווער צו גלויבן, אַז די דאָזיקע געוואַלדיקע רעדוקציע פונם גרויס פון דער ווירטשאַפט איז אַ רעזולטאַט פון אַ ווירקלעכער אינטענסיווירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט. זייט 1922 האָט זיך אַ סך געקאָנט ענדערן. אָבער עס איז נישט קיין ספק, אַז אויך די אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד באַווייזט אַ גרויסע דערנענטערונג צו דער אָפּענהיימערישער נאָרם.

לאָמיר קורץ באַטראַכטן די אַנדערע לענדער.

---

*) Prof. Dr Franz Oppenheimer. Sozialismus und soziale Frage, Jena.

**) Wl. Woytinsky. Die Welt in Zahlen. Band III Die Landwirtschaft, Berlin 1925.

אין דייטשלאַנד האָבן אין יאָר 1907 די גרויס קאַטעגאָריעס ביז 10 העקטאַר אויסגעמאַכט כמעט 75 פּראָצענט פון אַלע הויפּט־ווירטשאַפטן און האָבן געהאַט אַ דורכשניטלעכן נוץ־שטח פון נאָר 4 האַ.; די ווירט־שאַפטס־ציילונג פון 1925 באַווייזט, אַז די גרויס־קאַטעגאָריעס פון אַ האַלבן האַ. ביז צען האַ. (מיר לאָזן אַדורך די קאַרליקן־ווירטשאַפט אונטער אַ האַלבן העקטאַר), שטעלן מיט זיך פאָר 82,2 פּראָצענט פון אַלע ווירט־שאַפטן איבער אַ האַלבן העקטאַר און זייער דורכשניטס־שטח איז 4,3 האַ.

אין פראַנקרייך — די סטאַטיסטיק איז ליידער פאַרעלטערט און נישט פולשטענדיק — זיינען 85 פּראָצ. פון אַלע ווירטשאַפטן געווען פון אונטער 1 האַ. ביז 10 האַ. און זייער דורכשניטלעכער נוץ־שטח איז גע־ווען 5, האַ.; צוזאַמענגענומען די גרויס־קאַטעגאָריע פון 10 ביז 40 האַ., באַקומט זיך פאַר 97,5 פּראָצענט פון אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטריבן אַ דורכשניטס־מאָס פון גענוי 5 האַ.

אין איטאַליע האָבן 88 פּראָצ. פון אַלע פויערן־ווירטשאַפטן אַ שטח פון ווייניקער ווי 4 האַ. אין דער שווייץ זיינען 91 פּראָצ. פון אַלע ווירטשאַפטן פון 0,5 ביז 15 האַ., זייער דורכשניט־מאָס איז 4,4 האַ., דער ערשנדער טיפּ פון דער פויערן־ווירטשאַפט איז 5,5 האַ.

אין בעלגיע געהערן 88 פּראָצ. פון אַלע ווירטשאַפטן איבער אַ האַלבן האַ. צו די גרויס־קלאַסן פון 0,5 ביז 10 האַ., און די דורכשניטס־גרויס פון אַ משפּחה־ווירטשאַפט שיינט יעדנפאַלס צו זיין אונטער 3,3 האַ. אין האָלאַנד, אָפּגעזען פון דער באַדייטנדער צאָל פון די קליין־ווירט־שאַפטן אונטער איין האַ., בילדן די ווירטשאַפטן פון איינס ביז צען האַ. רונד 73 פּראָצ. פון אַלע ווירטשאַפטן און זייער דורכשניטלעכער נוץ־שטח איז 3,8 האַ. אין מצרים איז די גרויס פון אַ פעלאַכן־ווירטשאַפט 1,7 פעדאַן, אָדער 0,68 האַ. (ד. ה. 6,8 מעטרישע דונאַם).

כדי צו דערלייכטערן דעם איבערבליק, זיינען אין דער טאַבעלע ג׳ צוזאַמענגענומען געוואָרן די אויבנגעבראַכטע ציפערן איבער די קליין־ און מיטל־באַטריבן, וועלכע קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס פויערן־ווירטשאַפטן, וואָס באַזירן אויף דער אייגענער אַרבעט פון דער משפּחה. די דאָזיקע רשימה פון די לענדער, קודם־כל פון אייראָפּע, וועלכע באַשטעטיקט די פאַרהערשאַפט פונם 5־האַ.־טיפּ, ווי אויך די רעדוקציע פון דער פויערישער ווירטשאַפט אַפילו אונטער 5 האַ. קאָן באַדייטנד פאַרלענגערט ווערן. דער פּראָצעס גייט האַנט ביי האַנט מיט דער אינטענסיווירונג און פּראָדוקציע־שטייגערונג פון דער לאַנדווירטשאַפט און ערמעגלעכט אַ וואַקסנדע גע־דיכטמאַכונג פון דער באַפעלקערונג, נישט נאָר אין לענדער פון אַ שטאַר־קער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג — ווי דייטשלאַנד, ענגלאַנד, בעלגיע, — נאָר אין אַ נישט שוואַכערן טעמפּאָ אויך אין באַדייטנד לאַנדווירטשאַפטלע־כע מלוכות, ווי איטאַליע, האָלאַנד, נישט רעדנדיק שוין פונם לאַנד פון ניל.

כדי צו מאַכן דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג, דייטלעכער זיינען אין דער טאַבעלע ג׳ אַריינגענומען געוואָרן צאָלן איבער דער געדיכטקייט פון דער

באַפעלקערונג און דער הויך פונם גערעטעניש פון איינציקע ווייכטיקע תבואות פּראָ העקטאַר.

טאַבעלע ג׳

דורכשניטלעכער נוץ-שטח פון די קליין- און משפחה-ווירטשאַפטן.

לאַנד	גרויס פון די ווירטשאַפטן	פּראָפּאָרציע פון די ווירטשאַפטן פון אַלע גרויסן אין %	דורכשניטלעכער נוץ-שטח אין הא.	געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג פער קוו. קמ.	גערעטעניש פער הא. אין קווינטאַלס (100 ק"ג) ווייץ	גערשט	קוקו-רוזש
דייטשלאַנד	פון 0,5 הא. ביז 10 הא	82,2	4,3 הא	137,6	20,9	20,7	—
פראַנקרייך	אונטער 1 " " 10 "	85,0	" 2,5	74,9	16,9	17,1	14,5
איטאַליע	" 1 " " 4 "	88,0	" 4 אונט.	133,8	14,8	11,2	16,7
בעלגיע	פון 0,5 " " 10 "	88,0	" 3,3 בערך	264,8	25,0	24,3	—
האָלאַנד	" 1 " " 10 "	72,9	" 3,8	239,7	32,7	34,7	—
שווייץ	" 0,5 " " 15 "	91,0	" 4,4	98,1	21,9	18,5	30,0
ס. ס. ס. ר.	———	—	" 3.5	(* 24.3	6,6	9,1	11,8
מצרים	ביז 20 "	99,0	" 0,68	355,0	18,8	17,0	23,1
ארץ-ישראל	———	—	" 7—10	30 (18)	6,5	6,5	5,5

באַמערקונג: די צפערן בנוגע די גרויס-קאַטעגאָריעס פון די ווירטשאַפטן זיינען צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון „Annuaire International de Statistique Agricole", 1929, 1930 (אינטערנאַצ. יאָרבוך פון לאַנדווירטשאַפטלעכער סטאַטיסטיק) אַרויסגעגעבן פונם אינטערנאַציאָנאַלן לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט אין רוים (דייטשלאַנד, ציילונג פון יאָר 1925, האָלאַנד — 1921) און פונם ווערק פון וול. וואָיטינסקי „די וועלט אין צאָלן" באַנד 3, די לאַנדווירטשאַפט (דייטש): (פראַנקרייך 1892, איטאַליע 1912, בעלגיע 1895, שווייץ 1905, ראַטן-פאַרבאַנד 1922, מצרים 1924). די ציפערן איבער דער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג און דער הויך פונם גערעטעניש פון די דריי תבואות (אין יאָר 1929) זיינען גענומען געוואָרן פונם Annuaire International de Statistique de I. L. I.

*) אין אייראָפּע.

באָדן-נאָרם און ערנערונג: פון אַן עטוואָס אַנדערן שטאַנדפונקט באַהאַנדלט די זעלבע פראַגע סער דניאל האָל. אין זיין אָקספאָרדער פאָרטראַג פאַר דער אַגריקולטור-סעקציע פון דער בריטישער אַסאָסאַציע, (The relation between cultivated area and population. Oxford 1926) אונטערזוכט ער, ווי גרויס דאַרף זיין דער לאַנדווירטשאַפטלעך באַנוצטער שטח, וועלכער איז נויטיק פאַר דער ערנערונג פון איין מענטש. ער קומט צום רעזולטאַט: „אַז ביי די עקזיסטירנדע באַדינגונגען פון דער לאַנדווירטשאַפט ביי די מערב-פעלקער, זיינען נויטיק בערך 2 ביז 2,5 אַקרען (1—0,8 האַ.) פון באַאַרבעטן באָדן, כדי צו דעקן די באַדערפענישן פון אַן איינהייט פון דער באַפעלקערונג, וואָס געפינט זיך אויפן לעבנס-ניוואָ פון די ווייסע פעלקער״ (דאָרט, זייט 5). סער ד. האָל באַגרינדעט זיין באַהויפּטונג דורך אַ ריי עמפּירישע מאָטיוון; ער פאַרגלייכט דעם באַאַרבעטן שטח און די גרויס פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין אַ ריי לענדער אָדער לענדער-גרופּן, וועלכע קאָנען באַטראַכט ווערן, אַז זיי פאַרזאָרגן זיך אַליין מיט ערנערונגס-מיטלען. אַזוי, צ. ב., גרופּירט ער צוזאַמען אַלע אייראָפּעאישע לענדער, חוץ רוסלאַנד, מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע, אויסטראַליע און ניי-זעלאַנד, ד. ה. מיט די ווייסע לענדער, וועלכע זיינען די הויפּט-פאַרזאָרגער פון אייראָפּע מיט אַלע לעבנסמיטלען. מיט געוויסע באַוואָרענישן — די לענדער פון דעם דאָזיקן געוואַלדיקן געביט אימפּאָרטירן דאָך נאָך צוקער פון אַמעריקע, רייז פון מזרח און טיילווייז תבואה פון רוסלאַנד — בילדן זיי פונדעסטוועגן אַ גרויסע טעריטאָריע, וועמעס לאַנדווירטשאַפט איז ביכולת צו פאַרזיכערן די ערנערונג פון איר באַפעלקערונג. דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שטח פון דעם דאָזיקן געביט באַטרעפט, לויט האָל, 464,1 מיליאָן העקטאַר, פון וועלכע עס ווערט ערנערט אַ באַפעלקערונג פון 481,5 מיליאָן מענטשן. אַזוי אַרום פאַלט אויס עטוואָס ווייניקער ווי איין העקטאַר באַאַרבעטער שטח (גענוי 2,4 אַקר) אויף אַ קאָפּ. עס מוז אַלנפאַלס באַריקזיכטיקט ווערן, אַז גראָד אין אַמעריקע און אויסטראַליע, וואָס עקספּאָרטירן ערנערונגס-מיטלען, הערשן נאָך זייער עקסטענסיווע מעטאָדן פון לאַנדווירטשאַפט אוןווירטשאַפטס-טיפּן, וועלכע פאָדערן אַ סך מאָל גרעסערע ערד-שטחים, ווי דער טיפּ פונם זעלבסט-אַרבעטענדן פויער, וואָס איבערוועגט אין אייראָפּע. מיט אַנדערע ווערטער, די באָדן-איינהייט, וועלכע איז נויטיק פאַרן פּראָדוצירן ערנערונגס-מיטלען אויף אַ קאָפּ פון דער באַפעלקערונג, וואָלט געקאָנט ממשותדיק רעדוצירט ווערן, וויבאַלד אַמעריקע און אויסטראַליע וואָלטן אונטערן דרוק פון דער באַפעלקערונג, צוליב דער אויסשעפּונג פון די רעזערוון פון זייער קרקע-בתולה, אָדער צוליב אַנדערע סיבות, אָנגעהויבן צו אינטענסיווירן זייער לאַנדווירטשאַפט אויפן זעלבן אופן, ווי דאָס האָבן שוין געטאָן זייערע אייראָפּעאישע מוטער-לענדער. די אויסרעכענונגען פון סער ד. האָל, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן בנוגע דייטשלאַנד און דענעמאַרק, באַווייזן, אַז אין די דאָזיקע לענדער פון הויך-אַנטוויקלטער לאַנדווירטשאַפט ליפערן

שוין *1,5*, עווענטועל 1,8 אַקרן (0,6 האַ., עווענטועל 0,75 האַ.) דעם סכום פּראָדוקטן, וואָס איז נויטיק פאַר איין פערזאָן. כדי צו פאַרגלייכן די אויס־פירונגען פון סער ד. האָל מיט די אויספירונגען פון אָפּענהיימערן, דאַרף מען נישט איבערזען, אַז, לויט האָל, באַדאַרף אַ 5-קעפּיקע משפחה 10 ביז 12,5 אַקר, אַלזאָ 4—5 האַ., בלויז צום פּראָדוצירן פון איר באַדאַרף אין ערנערונגס־מיטלען. אויב דער ערד־שטח, וואָס איז נויטיק פאַר דער עקזי־סטענץ פון אַ פּויערן־משפּחה זאָל אויסגערעכנט ווערן אויפן דאָזיקן יסוד, דאַן מוז געמאַכט ווערן אַ צושלאַג פאַר די אַנדערע פּאָסטנס פונם משפּחה־בודזשעט, ווי דירה, באַקליידונג א. א.

עס וואָלט אונז צו ווייט געפירט צו פאַרנעמען זיך מיטן רייכן מאַ־טעריאַל איבער בודזשעטן פון פּויערן־משפּחות אין פאַרשיידענע לענדער. דאָס וואָלט אויך געווען קוים צוועקמעסיק, וואָרום די פאַרשיידנקייט פון די לעבנס־באַדינגונגען און פונם לעבנס־שטייגער פון דער דאָרפישער באַפעל־קערונג אין פאַרשיידענע וועלט־טיילן איז צו גרויס. אַזוי זיינען צ. ב., די הוצאות אויף באַהייצונג און באַקליידונג אין די צפון־לענדער פיל העכער, ווי אין די לענדער פון אַ וואַרימען קלימאַט. פון דער אַנדערער זייט, איז דער אידישער פּויער אין ארץ־ישראל געצוואונגען צו מאַכן פיל באַדייטנדערע הוצאות אויף געזונט, ערציאונג און קאָמונאַלע לאַסטן, ווי אַ פּויער אין די אייראָפּעאישע מלוכות. אויב מיר וועלן אַלזאָ לייגן אַלס יסוד די א״י־פאַרהעלטענישן און מיר וועלן אויסרעכענען די הוצאות פון אַ חובות־פרייען אַראַבישן פעלאַך פאַר שטייערן, באַקליידונג א. א. וו., אַזוי ווי די אויס־גאַבן פון אַ אידישן קאָלאָניסט אין עמק פאַר די זעלבע צוועקן, ווי ערצי־אונג, קראַנקען־קאַסע, געמיינדע־הוצאות און דערהאַלטונג פון די בנינים *). דאַן קומען מיר צום רעזולטאַט, אַז זיי בילדן בערך 20—30 פּראָצ. פון פּויערישן משפּחה־בודזשעט. לאָמיר מאַכן בהתאם מיט דעם אַ צושלאָג פון רונד 30 פּראָצ. צו דער באָדן־איינהייט, וואָס איז אויסגערעכנט געוואָרן פון סער ד. האָל. דאַן באַקומען מיר אַלס דורכשניטס־מאָס פאַר דער אויסהאַלטונג פון אַ זעלבסט־אַרבעטנדער פּויערן־משפּחה, אַ ווירטשאַפט פון דער גרויס פון 5—6,5 האַ. עס איז אַזוי אַרום נישטאָ קיין ממשותדיקע דיפערענץ צווישן אָפּענהיימער און האָל, וועלכע קומען מיט דער הילף פון פאַרשיידע־נע מעטאָדן צו כמעט גלייכע רעזולטאַטן.

ווירטשאַפטס־איינהייט אין א״י. די טעזע פון אַ דורכשניטלעכן ערד־באַדאַרף פון 5 האַ, אָדער 50 מ. דונאַם פאַר אַ פּויערי.

---

*) I. Elazari-Volcani. The Fellah's Farm. p. 49, Tel-Aviv 1930. Report of the Experts, J. P. S. L. p. 92 — 93 (Summary of economic data, by Prof. F. Adams), Boston. 1928; Key for the Settlement of Palestine, P. Z. E. Jerusalem 1929.

שער משפחה, איז אַמווייניקסטן פאַרשטענדלעך אין לענדער פון עקסטענסי-
ווער ערד-אַרבעט אויף גרויסע שטחים. אויפן דאָזיקן פונקט באַגעגענען זיך
די פאַרמער פונם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, — וואו דער באַגריף פון אינ-
טענסיטעט איז נישט דער באַגריף פון אַ העכסטן גערעטעניש פונם קלענסטן
שטח, נאָר פון אַ רענטאַבעלסטער אויסנוצונג פון דער מאַשין אויפן גרעסטן
שטח, — מיט די ערד-אַרבעטער פון די אָפּגעשטאַנענע לענדער, וואו די
קליינע ערד-הכנסות און די אָפּטע קריזיס-יאָרן, צוליב דער עקסטענסיטעט
פון דער באַווירטשאַפטונג און דער „גזלנישער" אויסשעפּונג פון דער ערד,
שאַפן די השגה, אַז ס'איז נויטווענדיק צו פאַרגרעסערן דעם לאַנדווירטשאַפט-
לעכן נוץ-שטח. מיט די דאָזיקע ערשיינונגען פון „רעלאַטיווער ערד-הונגער"
אין רוסלאַנד, אַפילו אין די אָן אַ שיעור רייכע אַקערבוי-געביטן פון סיביר,
האָט זיך שוין פאַר דער מלחמה באַשעפטיקט אָ ג אַ נ אָ ווס ק י. ענלעך
וואָרנט אונז סער ד. האָל אין דעם ציטירטן פאָרטראַג: „געוויס, אַ ריקזיכטס-
לאָזע עקספּלואַטאַציע, ווי צ. ב. דאָס כסדרדיקע זייען פון ווייץ אָדער קו-
קורוזע אָן באַמיסטיקונג, וועט מיט דער צייט אויסשעפּן די רעסורסן אַפילו
פון דער סטעפּן-ערד פון מיטל-וועסט און עס זיינען פאַראַן סמנים, אַז איי-
ניקע פון די לאַנג קולטיווירטע אינדישע לענדערייען פאַרלירן זייער פרוכט-
באַרקייט, וואַרשיינלעך נאָר צוליב דעם, וואָס מיסט און אַנדערע אָפּפאַלן,
וואָס דאַרפן צוריקגעגעבן ווערן דער ערד, ווערן פאַרברענט, אָדער פאַרקויפט
אַלס הייץ-מאַטעריאַל; אָבער אין אַלגעמיין, קאָן זיך די ערד דערהאַלטן אויף
אַ באַשטימטער מדרגה פון פּראָדוקטיוויטעט אין משך פון אַן אומבאַגרענעצ-
טער צייט... אין אייראָפּע איז זי לעצטנס אויפגעהויבן געוואָרן".

ביים לייענען פון די שורות מוז מען נישט ווילנדיק טראַכטן וועגן
א״י און דעם הערשענדן מעטאָד פון תּבואה-ווירטשאַפט ביים אַראַבישן פע-
לאַך. איר אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט זיינען קליינע און נישט זיכערע גע-
רעטענישן און אַ גרויסע אָרימקייט פונם פויער וועלכער באַאַרבעט רעלאַטיוו
גרויסע שטחים. די טיפּישע פעלאַכן-ווירטשאַפט איז 100—70 טערקישע דונאַם
(9–5,6 האַ.), לויט דער פּרוכטבאַרקייט פונם לאַנד וואו דער פעדאַן (אַן ערד-
איינהייט, וואָס ווערט געמאָסטן דורך דער לייסטונגס-פעאיקייט פון אַ גע-
שפּאַן אָקסן) דערגרייכט 14—11 האַ., באַשעפטיקט דער פעלאַך בדרך כלל אַ
כאַראַט (אַ דאָרף-אַרבעטער). די אַראַבישע עקספּערטן פאַר דער שאָ-קאָמי-
סיע האָבן אָנגעגעבן 150—100 טערקישע דונאַם (14—9 האַ.), אַלס דעם לאַנד-
באַדאַרף פון אַ פעלאַך. אויפן יסוד פון די דאָזיקע עדות, האָט די שאָ-
קאָמיסיע פעסטגעשטעלט די דורכשניטס-מאָס אויף 130 דונאַם (בערך 120 מ.
ד. און אַזוי ווי לויט אירע אויסרעכענונגען קלעקט דער באָדן וואָס גע-
פינט זיך אין אַראַבישן באַזיץ, אויף אַ חלק פון נאָר 110 דונאַם אויף אַ
דאָרפישער משפחה, איז דער רוב פון דער קאָמיסיע געקומען צו דעם
אויבן-ציטירטן רעזולטאַט, אַז אין א״י באַשטייט שוין היינט לאַנד-מאַנגל.

דער דאָזיקער אויספיר איז שוין צוליב דעם נישט ריכטיק, ווייל מיר
זעען נישט קיין יסוד צו פאָלגן דאָס פּאָליטיש-געפאַרבטע עדות-זאָגן פון די

אַראַבישע „עקספּערטן״ און פעסטצושטעלן די דורכשניטלעכע באָדן־מאָס פון אַ פעלאַכן־ווירטשאַפט אויף מער ווי 100—70 דונאַם, אַ טאַט־זאַך, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך ווילקאַנסקין נאָך אַ פּיליעריקער פאָרשונגס־אַרבעט. בהתאם מיט דעם איז ביי די פעלאַכן פון א״י נישטאָ קיין באָדן־מאַנגל אפילו, ווען מען זאָל מערב־א״י באַטראַכטן פאַר זיך אַליין, און נישט מיטרעכענען עבר־הירדן. דער אַנטשיידנדער פּונקט איז אָבער, אַז גראָד אין א״י קאָן באַוויזן ווערן, און אפשר נאָך בולטער ווי אין אַן אַנ־דער לאַנד, אַז אַפילו ווען רעכנעריש וואָלט געווען אַ מאַנגל אין לאַנד, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ קלאַסישן ביישפּיל פון „רעלאַטיווער לאַנד־נויט״. וואָרום שוין היינט קאָנען מיר דאָרט באַמערקן, ווי מיטן אַריינדרינ־גען פון מערב־מעטאָדן פון לאַנד־באַאַרבעטונג, און מיטן איינפירן נייע קולטורן, אַנטוויקלט זיך אַ ווייטגייענדע און פּראָגרעסיווע רעדוקציע פון דער ערד־איינהייט פּראָ פאַמיליע.

דער איבערגאַנג צו מאָדערנע און אינטענסיווע מעטאָדן פון לאַנד־ווירטשאַפט אין א״י איז אָנגעהויבן געוואָרן דורך די דייטשע קאָלאָניסטן, און איז דורך אונז אידן ווייטער געפירט געוואָרן מיט אַן אָנזעעוודיקן ערפאָלג. דאָס שוין דערגרייכטע באַווייזט, אַז מיר זיינען אויך דאָ אויפן וועג צו דער דורכשניטס־מאָס פון 5 האַ. פאַר אַ ווירטשאַפט, וואָס באַזירט אויף דער אייגענער אַרבעט פון דער משפחה. דורכן איינפירן דעם געמישטן ווירטשאַפטס־טיפּ, וועלכער שטיצט זיך אויף תבואה, מילך־ווירטשאַפט, עופות־צוכט, פלאַנצונגען און גרינסן, האָבן מיר, ווי באַקאַנט, רעדוצירט די באָדן־איינהייט אין דעם תבואה־גאַרטל פון 300־200 דונאַם אין די אַלטע אידישע קאָלאָניעס (אויף וועלכן שטח עס זיינען אַלנפאַלס באַשעפטיקט לוין־אַרבעטער) ביז 120—80 מ. ד. (12—8 האַ.). אין דעם באַוואַסערבאַרן דיס־טריקט פון דעם ברעג־פלאַך עקזיסטירן שוין היינט קאָלאָניעס אויפן באַזיס פון אַ באָדן־נאָרם פון 50 דונאַם, 25 ד. און 20 ד. (ווי מגדיאל, הרצליה, עין גנים, נחלת יהודה), אַלזאָ 5—2 האַ. דער לעצטנס באַשלאָסע־נער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן פאַר 1000 ערד־אַרבעטער־משפחות באַזירט אויף אַ ווירטשאַפט פון 15 דונאַם (בערך 1,5 האַ.) און עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז אַן אָראַנזשן־ווירטשאַפט פון 1 האַ. שטעלט מיט זיך פאַר דעם זיכערסטן באַזיס פון אַן עקזיסטענץ פון אַ משפחה*). גראָד דער כאַראַקטער פון גרויסע טיילן פונם לאַנד, די קלימאַטישע באַדינגונגען, די באַוואַסערונגס־מעגלעכקייטן אין דעם לענג פון ים־ברעג און פון ירדן, די פאַרקערס־לאַגע פון א״י — די און אַנדערע פאַקטאָרן ערמעגלעכן און פאַרלייכטערן די וויט־גייענדע אינטענסיווירונג פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט.

די לאַנדווירטשאַפטס־צייילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר

*) פאַרגלייך ש. קאַפלאַנסקי: די פאַרביליקונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. „Key for Settelment of various ,zones in Palestiue". P. Z. E. אין דער צייטשריפט Palästina, ווין 1928 און 1929.

1927 דורכן קאָלאָניזאַציע-דעפּאַרטאַמענט פֿון דער ציוניסטישער עקזעקוטי- אין די אידישע ישובים, באַווייזט, אַז אין יהודה און אין שרון זיינען פֿון אַלע ווירטשאַפֿטן, אַ חוץ די ווינציקע אונטער 5 דונאַם (אַ האַלבער האַ.), געווען כמעט אַ העלפֿט (49,4 פּראָצ.) אונטער 5 האַ.; די גרויס-קלאַסן פֿון 5 ביז 150 טערקישע דונאַם (בערך 14—0,5 האַ.) האָבן אויסגעמאַכט 80,2 פּראָצ. פֿון אַלע ווירטשאַפֿטן און האָבן געהאַט אַ דורכשניטלעכן שטח פֿון 4,6 האַ. (פֿאַרגלייך, קרן-היסוד, ספר סטטיסטי לארץ-ישראל, 1929, לוח 52). דאָס בילד ווערט נאָך דייטלעכער, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז צווישן די גרויס-ווירטשאַפֿטן איבער 30 האַ. זיינען אויך געציילט געוואָרן אייניקע קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפֿטן (קבוצות), וועלכע האָבן באַאַרבעט שטחים פֿון 2 ביז 3 האַ. פּראָ-משפּחה. ווייטער, אַז אין יאָר 1927 זיינען אין דער דאָזיקער געגנט ביי 10 פּראָצ. פֿון די שטחים געווען אין די הענט פֿון קאַפּיטאַל-אינטענסיווע פּרדסים, וואָס זיינען נישט מער קיין משפּחה-ווירט-שאַפֿטן, אַפֿילו ביי אַ שטח פֿון ווייניקע העקטאַר, און מוזן באַשעפֿטיקן בדרך כלל צו 1 אַרבעטער אויף אַ העקטאַר.

בהתאם מיט דער פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון זיין נאַטור, וועט א״י באַזיצן פֿאַרשיידנסטע ווירטשאַפֿטס-טיפּן. לעבן דער ציטרוס-פֿלאַנצונג פֿון 10 דונאַם און ווייניקער אין עמק-השרון, וועלן אין עמק, אינם באַרג-לאַנד, אין גליל און אין דער הויך-פֿלאַך פֿון עבר-הירדן פֿונקט ווי ביז אַהער באַשטיין אַקערבוי-ווירטשאַפֿטן פֿון 80 און 100 דונאַם. לעבן דער באַנאַנען- אָדער טייטלבוים-פֿלאַנצונג פֿון 25—20 דונאַם אין עמק הירדן, וועלן אין די בערג געדייען ווירטשאַפֿטן פֿון 50 און 75 דונאַם, וועלכע וועלן באַקליידן די טעראַסן מיט וויינגערטנער און איילבערטן-וועלדלעך; בעת אין דעם רעגן-אָרימען נגב וועט זיין דער כלל אַ משפּחה-ווירטשאַפֿט פֿון 200 דונאַם און מער. אָבער פֿונקט ווי אין דייטשלאַנד, אָדער אין איטאַליע, וועט אויך אין א״י דער שטח פֿון 5 האַ. ווערן די דורכשניטס-מאָס פֿון אַ משפּחה-ווירט-שאַפֿט נאָך אַן אַנטוויקלונג, וואָס איז געוויס באַרעכנט אויף דורות.

דאָס באַדייט, אַז אויף דעם קולטור-שטח פֿון 2,140,000 האַ. קאָנען באַזעצט ווערן בערך 428,000 דאָרפֿישע ווירטשאַפֿטן. און אַז א״י קאָן ער-נערן אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכע באַפֿעלקערונג פֿון 2,140,000 מענטשן. די דאָר-פֿישע באַפֿעלקערונג פֿון גאַנץ א״י, אַריינגערעכנט כמעט די העלפֿט פֿון די בעדואינער, באַטרעפֿט היינט בערך 700,000 מענטשן. מיר קומען בכן אַזוי אַרום צום וויכטיקן רעזולטאַט, **אַז די קאָלאָניזאַציע-פֿעאיקייט פֿון א״י דערמעגלעכט אַ פֿאַרדרייפֿאַכונג פֿון איר לאַנדווירטשאַפֿטלעך-טעטיקער באַפֿעלקערונג.**

די פֿאַרשאָפֿלונג פֿונם פֿויערטום דער נאָענטסטער שריט. אַז די דאָזיקע קאַלקולאַציע איז נישט קיין גרויע (אָדער זאָלן מיר זאָגן: נישט קיין גרינע?) טעאָריע, ווייזט זיך אַרויס פֿון אַ באַרעכע-נונג פֿון דער מעגלעכער קאָלאָניזאַציע-געדיכטקייט פֿון פֿאַרשיידענע לאַנד-ווירטשאַפֿטלעכע דיסטריקטן אין א״י, אויפֿן יסוד פֿון ווירטשאַפֿטס-טיפּן, וואָס

זיינען שוין היינט אויסגעפּרואווט געוואָרן און האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס רענטאַבל פאַר אַ קאָלאָניסט פון אידישן לעבנס-ניוואָ. עס איז אויך דער מעטאָד, וואָס ד״ר רופּין האָט אָנגעווענדעט ביים אויסאַרבעטן דעם קאָלאָניזאַציע-פּלאַן פאַר די באַוואַסערטע פלאַכן פון מערב-א״י, וועלכער איז פאָרגעלייגט געוואָרן פון דער אידישער אַגענץ פאַר סער דזשאָן האָפּ סימפּסאָן*). דערביי גייען מיר ארויס צוליב מער זיכערקייט, פון מיטעלע שטחים. אַזוי צ. ב. נעמען מיר אָן אַלס דורכשניטס-מאָס פאַר דער באַוואַסערטער זאָנע פון דער ברעגן-פלאַך, אַ ווירטשאַפט פון 2 האַ.; אין די נישט באַוואַסערטע לאַנד-שטחים פון מערב-ירדן-לאַנד — דעם טיפּ פון 10 האַ.; דערפאַר רעכענען מיר אין מזרח-ירדן-לאַנד, נישט קוקנדיק אויף געוויסע באַוואַסערונגס-מעגלעכקייטן אויך אין טיילן פון דער הויך-פלאַך נאָך אַלץ מיט אַ ווירטשאַפטס-איינהייט פון 12 האַ. און אין דעם נישט אויסגעפאָרשטן נגב, מיט אַן איינהייט פין 30 האַ.; אין אויבערשטן עמק-הירדן פאָלגן מיר נאָך די עקספּערטן פון דער אידישער אַגענץ און טיילן דעם שטח אויף 3 כמעט גלייכע גאַרטלען — אַ באַוואַסערבאַרער, אַ טייל-ווייז באַוואַסערבאַרער און אַ טרוקענער — וואו די באַטרעפנדע ווירטשאַפטס-איינהייטן זיינען 2,5 האַ., 10 האַ., און 12 האַ. די באַוואַסערונגס-מעגלעכקייטן אינם טאָל יזרעאל (נורים) ווערן פאַרזען, און אין דער ברעגן-פלאַך ווערט גענומען אין חשבון נאָר די עקאָנאָמיש-באַוואַסערבאַרע העלפט פונם שטח. לויט דידאָזיקע פאָרזיכטיקע און באַגרענעצטע השערות קומען מיר, ווי עס ווייזט די טאַבעלע ד׳, צו דער מעגלעכקייט פון באַזעצן איבער 175 טויזנט משפחה-ווירטשאַפטן אין מערב-ארץ-ישראל און פון 96 טויזנט ווירטשאַפטן אין עבר-הירדן — צוזאַמען איבער 271 טויזנט ווירטשאַפטס-איינהייטן פאַר גאַנץ ארץ-ישראל, מיט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג פון 1,355,000 מענטשן. (זע טאַבעלע ד׳, זייט 377.).

מיט אַנדערע ווערטער. דאָס נעכסטע קאַפּיטל פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון ארץ-ישראל איז אַ פאַרטאָפּלונג פון זיין פויערן-באַפעלקערונג אין די ראַמען פון די שוין אויסגעפאָרשטע און אויסגעפּרואוווטע מעגלעכקייטן.

געוויס, אויך דער דאָזיקער פּרק פון אַנטוויקלונג וועט פאַרענדיקט ווערן נישט אין יאָרן, נאָר אין צענדליקער יאָרן. מ׳דאַרף דערצו האָבן אַלס פאָרויסזעצונג קודם-כל אַ פּלאַנמעסיקע אויסנוצונג פון די פאַראַנענע באַוואַסערונגס-מעגלעכקייטן אויפן ברעג פונם מיטללענדישן ים און אין עמק הירדן; אַ פאַרגרעסערונג פון דעם שטח פון טרוקענע פלאַנצונגען אין באַרג-לאַנד און אויך אין די פלאַכן; דאַן אַ לפּחות טיילווייזע אינטענסי-ווירונג פונם אַקערבוי און דעם איבערגאַנג צום געמישטן ווירטשאַפטס-טיפּ. דער לעצטער פּראָצעס איז, מסתמא דער שווערסטער. די אידישע קאָלאָ-

*) Palestine Land settlement, Urban Development, and Jmmigration, London. 1930.

טאַבעלע ד׳

די לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזעצונגס־פעאיקייט פון ארץ־ישראל.

(ביי דער ווירטשאַפטס־אינטענסיוויטעט, וואָס קאָן שוין היינט דערגרייכט ווערן)

לאַנד־דיסטריקט	קולטור־שטח אין הא.	ווירטשאַפטס־נאָרם אין הא.	צאָל פון משפחה ווירט־שאַפט
1. ברעגן־פלאַך			
(באַוואַסערבאַר)	150.000	2,0	75.000
(אומבאַוואַסערט)	150.000	10,0	15.000
2. עמק־יזרעאל	39.000	10,0	3.900
3. טאָל־יזרעאל (גוריס)	9.500	10,0	950
4. אויבערשטער עמק־הירדן	34.000	2,5 באַוו. 12 אומב.	6.500
5. אונטערשטער עמק־הירדן	23.000	2,0	11.500
6. חולה	13.000	2,5	5.200
7. נגב	220.000	30,0	7.300
8. באַרג־לאַנד	500.000	10,0	50.000
צוזאַמען מערב־א״י	1.138.500	—	175.350
9. עבר־הירדן			
עמק־הירדן	40.000	2,5	16.000
הויך־פלאַך	960.000	12,0	80.000
צוזאַמען מזרח־ירדן־לאַנד	1.000.000	—	96.000
ס״ה	2.138.500	—	271.350

ניסטן אין עמק און אין ירדן־טאָל האָבן באַדאַרפט האָבן אַ צענדליק יאָר אייגענע ערפאַרונג און דעם נסיון פון די עלטערע קאָלאָניעס, כדי צו העכערן די תבואה־גערעטעניש מיט 50 פּראָצ., איינצופירן פּאַשע־קולטורן און אויסהאָדעווען אַ ראַסע פון קי, וועלכע גיבן 3 ביז 4 מאָל מער מילך, ווי די אָרטיקע קי פון די פעלאַכן. די אַראַבישע פּויערן וועלן פון איין זייט ציען נוצן פון די דערוואָרבענע ערפאַרונגען, אָבער פון דער אַנדערער זייט וועט זייער פּראָגרעס אָפּגעהאַלטן ווערן דורך זייער נידעריקער בילדונגס־שטופע און דורך דער טראַדיציאָנעלער אינערציע פון פּויערן. אָבער די ריכטונג פון דער אַנטוויקלונג איז געגעבן געוואָרן, די אַנטשיידנדע פּראָבלעמען זיינען דורך דער אידישער קאָלאָניזאַציע־ און פאָרשונגס־אַרבעט פאַרענטפערט געוואָרן אָדער זיינען נאָענט צו דער פאַרענטפערונג, און דער רעזולטאַט קאָן נישט זיין אין ספק: דאָס פריימאַכן פון ברייטע שטחים פאַר נייער קאָלאָניזאַציע, פאַר אַ ממשותדיקער פאַרגרעסערונג און געדיכטער ווערן פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, ביי גלייכצייטיקער דערהויבונג פון דעם לעבנס־ניוואָ פונם אַראַבישן פעלאַך צו אַ ווירדיקער, מענטשלעכער עקזיסטענץ. אַזוי פירט אונז די דאָזיקע אונטערזוכונג צום אויספיר, אַז מיטן איינפירן מאָדערנע, אינטענסיווע מעטאָדן פון דער באָדן־פּראָדוקציע, שאַפט די אַגריקולטור פון א״י די מעגלעכקייט אויפצובויען הונדערטער טויזנטער נייע ווירטשאַפטן, נישט אַרויסשטופנדיק פון דער ערד קיין איין איינציקע פעלאַכן־ווירטשאַפט. די דאָרף־באַפעלקערונג קאָן, אפשר שוין אין דעם נעכסטן דור, פאַרטאָפּלט ווערן און שפּעטער פאַרדרייפאַכט ווערן. וואָס פאַרא מיטלען פון פּראָדוקציע־שטייגערונג וועט אונז געבן די פאָרויסגייענדע אַגריקולטור־טעכניק נאָך דעם, ווי עס וועט דערגרייכט ווערן די דאָזיקע באַזעצונגס־געדיכטקייט פון 2 מיליאָן, — דאָס קאָנען מיר נישט פאָרויסזען היינט. פּונקט ווי סער ווילי אַם בעווערידזש גלויבן מיר, „אַז די גרענעצן פון לאַנדווירטשאַפטלעכער עקספּאַנסיע זיינען אומבאַשטימט ווייט" (ציטירט, לויט סער ד. האָל).

אַגראַר־באַזיס און פאָלקס־ווירטשאַפט. וואָס פאַר אַ באַציאָנאַלע ווירטשאַפט וועט אַנטשטיין אויפן דאָזיקן באַזיס פון 2 מיליאָן פּויערן?

דאָס פאַרהעלטעניש צווישן שטאָט און דאָרף קאָן נישט גענוי אויסגערעכנט ווערן. די מעגלעכקייט פון אינדוסטריאַליזירונג, די פאַרקערס־לאַגע, די ריכטונג פון די וועגן פונם וועלט־האַנדל, פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, — די דאָזיקע און אַנדערע פאַקטאָרן באַשטימען די מדרגה פון דער פאַרשטאָטלעכונג פון אַ לאַנד. צו דעפינירן זיי שוין היינט בנוגע צו א״י איז נישט מעגלעך. פּונקט אַזוי קאָן די קאָמפּליצירטע פראַגע נישט פאַרענטפערט ווערן פולשטענדיק ריכטיק מיט דער הילף פון אַנאַלאָגיעס. אין רוב לענדער פון אייראָפּע איז איין פּויער מפרנס 2 שטאָט־איינוואוינער; דאָס איז על כל פנים זער נישט קיין גענויער אויסדרוק־אופן, וואָרום אין רוב מלוכות מיט 33 פּראָצ. לאַנדווירטשאַפט און 66 פּראָצ. מלאכה,

אינדוסטריע און האַנדל, ווערן לעבנס־מיטלען אימפּאָרטירט. אָבער אויך א״י וועט נישט זיין קיין לאַנד פון אויטאָרקיע (אַבסאָלוטע אליין־פאַרזאָרגונג). עס וועט געוויס עקספּאָרטירן זיינע ווערטפולע פּרות, פריע גרינסן און אַנדערע ערנערונגס־מיטלען. נאָך אַנטשיידנדער איז אָבער דער מאָמענט, אַז א״י וועט נישט בלייבן קיין איבערוועגנד אַגראַר־ווירטשאַפטלעך לאַנד. מיר האָבן אַרויסגעזאָגט די מיינונג ביי דער באַהאַנדלונג פון דער דאָזיקער פראַגע אין יאָר 1916, און די אַנטוויקלונג זייט דעמאָלט האָט די דאָזיקע טענדענץ אונטערגעשטראָכן.

די אינדוסטריעלע און האַנדלס־מעגלעכקייטן פון א״י זיינען אַ טעמע, וועלכע פאָדערט פאַר זיך אליין אַ מער גרינדלעכע אויספאָרשונג, ווי דאָס לאָזן צו די ראַמען פון אונזער היינטיקער אַרבעט. דער אויבנדערמאָנטער מעמאָראַנדום פון דער אידישער אַגענץ אַנטהאַלט ווערטפולן מאַטעריאַל בנוגע מלאכה און אינדוסטריע, זייער היינטיקן מצב און זייערע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט. מיר זיינען אפילו נישט גענייגט צו אַקצעפּטירן די אַביסל ווייטגייענדע באַהויפּטונג פונם מחבר, אַז „פונם שטאַנדפּונקט פון דער אינדוסטריע איז דאָס גאַנצע געדעריי וועגן דער אויפנאַמספּעאיקייט פונם לאַנד נישט אויפן פּלאַץ". געוויס האָט אויך דער פאָרשריט פון אינדוסטריע און האַנדל אין ארץ־ישראל זיינע גרענעצן. אָבער נישט די היינטיקע אָרימקייט און קליינקייט פונם לאַנד, און נישט דאָס אויספעלן פון געוויסע רוי־שטאָפן און נאַטור־אוצרות, ווי קוילן און מינעראַלן, זיינען דעצידירנד. א״י האָט גענוג וואַסער־כחות פאַר באַקומען עלעקטריציטעט; זיין הויפּט־פּאָרט חיפה וועט גאָר באַלד ווערן דער טערמינוס פאַר די נאַפט־רערן פון מעסאָפּאָטאַמיע; די עקספּלואַטאַציע פון די מינעראַל־אוצרות פון ים־המלח עפנט מעגלעכקייטן פאַר אַ באַדייטנדער כעמישער אינדוסטריע; די נאַטור־שיינקייטן און דער היסטאָרישער כאַראַקטער פונם לאַנד שטיצן די טוריסטיק און די פרעמדן־אינדוסטריעס; א״י איז דאָס טויער פאַרן גאַנצן נאָענטן מזרח; אלע שכנותדיקע לענדער, ביז פערסיע און טערקיי, קומען אין באַטראַכט אַלס זיינע אָפּזאַץ־מערק; אַלס אַ בריק צווישן 3 וועלט־טיילן, באַזיצט א״י אַ באַהערשנדע פּאָזיציע אַלס טראַנזיט־לאַנד, און איז אַ קנויט־פּונקט פון די באַן־ליניעס פון סטאַמבול ביז קהיר, און פון חיפה קיין באַגדאַד און טעהעראַן; אין דער אידישער איינוואַנדערונג באַקומט א״י אַ מענטשן־עלעמענט, וואָס איז באַזונדערס צוגעפּאַסט עקאָנאָמיש און פּסיכאָלאָגיש צום אויסנוצן פון די אַלע מעגלעכקייטן. צוליב די דאָזיקע און ענלעכע סיבות גלויבן מיר, אַז די אינדוסטריעלע און שטאָטישע קאָלאָניזאַציע וועט איבעריאָגן די דאָרפישע קאָלאָניזאַציע.

אגב אורחא זאָל אָנגעוויזן ווערן אויף דעם, אַז שוין היינט האָט א״י אַ פאַרהעלטנישמעסיק הויכן פּראָצענט פון שטאָטישע איינוואוינער. באַטראַכטן מיר די באַזעצטע באַפעלקערונג פון מערב־ירדן־לאַנד, זעען מיר, אַז אין יאָר 1922 איז זי באַשטאַנען פון 264 טויזנט שטאָט־איינוואוינער און 390 טויזנט דאָרף־איינוואוינער. אין 1930 איז די צאָל שטאָט־איינוואוי־

נער געשאַצט געוואָרן אויף 350 טויזנט, די דאָרפישע באַפעלקערונג אויף 500 טויזנט, ד. ה. 40 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג איז שטאָטיש.

ווי אַזוי וועט זיך, אַלזאָ, קאָנען אויסבילדן די פּראָפּאָרץ צווישן דאָרף און שטאָט אין א״י, וועלכעס האָט אין דער פולער מאָס אַנטוויקלט זיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקט ווי אינדוסטריעלע פּאָטענצן? מיר רעדן שוין נישט פון הויך-אינדוסטריעלע לענדער, ווי גרויס-בריטאַניע, דייטשלאַנד אָדער בעלגיע, וואו די פויערישע באַפעלקערונג איז געזונקען ביז 10 פּראָצ., 23 פּראָצ. און 21 פּראָצ. אין פראַנקרייך בילדעט די באַפעלקערונג, וואָס לעבט פון לאַנדווירטשאַפט, קנאַפּע 50 פּראָצ., אין איטאַליע— 52 פּראָצ., אין דער שווייץ — 26 פּראָצ., אין האָלאַנד – אונטער 25 פּראָצ., אין די פאַראייניקטע שטאַטן — 30 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל איינוואוינער. די דאָזיקע ציפערן, אַרויסגענומען פונם שוין דערמאָנטן אינטערנאַציאָנאַלן יאָרבוך פאַר אַגראַר-סטאַטיסטיק, באַזירן אויף ציילונגען נאָך דער מלחמה.

לויט דעם, וועלכן קאָעפיציענט מיר נעמען אָן פאַר א״י — דעם קאָעפיציענט פון איטאַליע אָדער דעם פאַר דער שווייץ — באַקומען זיך שאַצונגען פון דער דערגרייכבאַרער באַפעלקערונג אין א״י, וועלכע ליגן צווישן די ווייטע גרענעצן פון 4 ביז 8 מיליאָן. די געבראַכטע ביישפּילן זיינען נישט אַזוי קרום, ווי זיי קאָנען ערשיינען אויפן ערשטן בליק. אין היינזיכט פון קלימאַט, כאַראַקטער פון באָדן און פאַרקערס-לאַגע, זיינען די צווי מיטל-ים-לענדער, איטאַליע און א״י, טראָץ דעם קעגנזאַץ צווישן רוים און ירושלים, זייער ענלעך. די שווייץ איז אַ טיפּיש באַרגיק לאַנד, אמת, געלעגן אינם האַרץ פון אייראָפּע, בעת האָלאַנד געניסט אַ באַפּאָרצוגטע טראַנזיט-לאַגע אויפן וועג פון אייראָפּע קיין אַמעריקע, ווי א״י איז עס באַרופן צו פאַרנעמען אויף דער קרייצונג פון די האַנדלס-וועגן צווישן אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע.

עס פעלט אונז לע״ע אַ רעאַלער שטיצפּונקט פאַר דעם עגטפער אויף דער פראַגע, וואו וועט ליגן צווישן אַזעלכע ווייט-ליגנדע גרענעצן די אַנטשיידונג פון דער געשיכטע; צי די רעזולטאַנטע פון די ווירקנדע סאָציאָלאָגישע כחות וועט גיין אין דער ריכטונג פון דער מיטל-צאָל פון 6 מיליאָן, אָדער זי וועט אָפּטרעטן אַראָפּ אָדער אַרויף פון דער ליניע, צו וואָס מיר קומען, איז די פעסטשטעלונג, אַז די מאַנדאַט-טעריטאָריע פון א״י קאָן נאָך אויפנעמען מיליאָנען אַרבעטנדע מענטשן און קאָן ערנערן אַ באַפעלקערונג, וועלכע איז פיר מאָל, פינף מאָל און נאָך מער אַזוי גרויס ווי די איצטיקע איינוואוינערשאַפט פונם לאַנד.

פון דעם דרינגען אַרויס צווי אויספירן: איינער בנוגע דעם פאַרהעלטעניש צווישן אידן און אַראַבער; דער צווייטער — בנוגע דעם ספּע-

ציפישן געוויכט פון דער אידישער ארץ־ישראל־קאָלאָניזאַציע אין אונזער פאָלקסלעבן.

די תשובה אויף דער פראַגע פון אַ אידיש־אַראַבישן אינטערעסן־קאָנפליקט איז פון זיך אַליין געדרונגען. מיר ווייסן, עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס קוים האַנדלט עס זיך וועגן אידן אין א״י, אינטערפּרעטירן זיי דעם פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט אַזוי, אַז די איינוואוינער פון אַ ווייניק באַפעלקערט, נישט אַנטוויקלט לאַנד האָבן אַן אַבסאָלוטן אייגנטומס־רעכט איבער אים, אַ רעכט, וואָס זיי קאָנען געברויכן און מיסברויכן. לויט דערדאָזיקער טעאָריע קאָנען שוואַך באַזעצטע לענדער און געביטן פאַרשלאָסן ווערן פאַר דער איינוואַנדערונג פון לאַנדלאָזע, אַרבעטסזוכנדע מענטשן, וואָס וואָלטן זיי געקאָנט אויספּילן און באַרייכערן מיט זייער אַרבעט. לויט דעם כּלל וואָלט מען די אָרגאַניזירונג פון דער וועלט־ווירטשאַפט, וועלכע שרייט נאָך פאַרמערטע אַרבעטס־געלעגנהייטן, נאָך מער רוי־מאַטעריאַלן און לעבנסמיטלען, געדאַרפט אָפּהאַלטן צוליב דעם וואונטש פון נאָמאַדיזירנדע אָדער באַזעצטע שבטים, ריכטיקער פון זייערע פעאָדאַלע הערן און שייכן, אַריינצונעמען אין זייערע הענט נישט באַאַרבעטע אָדער אָפּגעשטאַנענע טעריטאָריעס און צו האַלטן זיי אין די אַלטע פּראָדוקציע־פאָרמען. לויט דעם דאָזיקן וואולגאַר־רעסטריקציאָניזם, וועלכער טוט זיך גערן אָן אַ סאָציאַליסטיש מאַנטעלע, קאָן א״י פאַרשלאָסן ווערן פאַר אידן שוין צוליב דעם, ווייל זייער איינוואַנדערונג ענדערט דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פונם לאַנד.

מיר וואָלטן נישט געוואָלט שאַפן דעם רושם, אַז מיר רעדן פאַר אַ פולשטענדיק אומבאַגרענעצטער פרייהייט אויפן געביט פון עמיגראַציע, עס דאַרף נישט געלייקנט ווערן דאָס רעכט פון יעדער באַפעלקערונגס־גרופּע און פון יעדן געמיינוועזן צו שיצן זיך קעגן דריי זאַכן: קעגן דער אַראָפּנידערונג פונם לעבנס־ניוואָ און פון דעם וואוילשטאַנד דורכן אַריינשטראָמען פון מענטשן מיט קלענערע באַדערפעונישן און מיט אַ נידעריקער שטופע פון קולטור; קעגן סכּנות פאַר זייער נאַציאָנאַלער אייגנאַרט; קעגן פּאָליטישער פרעמד־הערשאַפט. עס איז נישט נויטווענדיק דאָ צו באַגרינדן דעם באַנאַלן אמת, אַז די אַראַבישע באַפעלקערונג פון א״י ווערט נישט געבראַכט אין סכּנה פון קיין איינעם פון די דאָזיקע שטאַנדפּונקטן. דער א״י־מאַנדאַט איז דאָך טאַקע אַ פּרוואו פון אַזאַ אינטערנאַציאָנאַל־געשיצטער און רעגולירטער ניי־קאָלאָניזירונג פון אַ לאַנד דורך אַ נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט, וועלכע שטרעבט צו אַ באַנייאונג פון איר מלוכה־לעבן אויפן באָדן פון פולער גלייכווערטיקייט מיט דער אַראַבישער געמיינשאַפט אינם לאַנד, וועמעס באַשטאַנד און אינטערעסן זיינען אויך אינטערנאַציאָנאַל געזיכערט. פאַר די רעסטריקציאָניסטן אין און מחוץ א״י, וועלכע זוכן צו פאַרמאַסקירן זייער קעגנערשאַפט צו דער אידישער א״י־זאַך מיט אַ טערמינאָלאָגיע, וואָס איז אויסגעבאָרגט ביי דער טעאָריע פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט, איז עס גלייכגילטיק, וועלכע ווירטשאַפטלעכע און

סאָציאַלע ווירקונגען וועט אַרויסרופן די אידישע ניי־קאָלאָניזירונג פון ארץ־ישראל. פאַר אונז אָבער, אַלס אידישע סאָציאַליסטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן, און פאַר אונזערע פריינד צווישן אַנדערע פעלקער, זיינען די אויספירן איבער דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט פון א״י אַנטשיידנד פאַרן אידיש־אַראַבישן פראָבלעם. מיר קאָנען מיט אַ רואיק געוויסן ווייטער פירן אונזער ווערק. עס באַדייט נישט קיין סכנה אָדער עקספּראָפּריאַציע פון דער דאָרט־זיצנדער אַראַבישער באַפעלקערונג, עס קאָן נישט באַשטיין קיין דויערנדער קעגנזאַץ צווישן די אַרבעטנדע מאַסן פוןביידע פעלקער. דער רעוואָלוציאָנערער זין פון דער באַהעפטונג פון אידישער אַרבעט מיט די פּראָדוקציע־קוואַלן פון א״י באַשטייט אין דעם, וואָס עס אַנטשטייען מער פּלאַץ און מער וואוילשטאַנד.

די אַנדערע פראַגע — פונם ווערט פון א״י פאַר אונז — ווערט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַרטונקלט דורכן שטרייט איבער אַ נייער דעפיניציע פון די ענד־צילן פונם ציוניזם. עס טומלען זיך ווידער אַרום די אַלטע פאָרמולעס און השגות, ווי אידנשטאַט און קולטור־צענטער.

מיר פאַראורטיילן די דאָזיקע פרוכטלאָזע מחלוקת שוין צוליב דעם, ווייל דורך איר ווערט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַריינגעטראָגן אַ נאַציאָנאַליסטיש טומלעריי, נאַציאָנאַליסטישע שלאָג־ווערטער און אַ פּאָליטיק דורך פאָכען מיט פענדלעך.

כדי צו כאַראַקטעריזירן אונזער שטעלונג וואָלט איך וועלן ציטירן דאָס פיל באַקעמפטע וואָרט פון עדוואַרד בערנשטיין איבערן ענד־ציל פון סאָציאַליזם. „וואָס מען רופט געוויינלעך אָן דעם ציל פון סאָציאַליזם איז גאָרנישט. די באַוועגונג איז אַלץ״. נישט קוקנדיק אויף דער סכנה שלעכט אויסגעטייטשט צו ווערן, ווי בשעתו בערנשטיין, וועלן מיר זאָגן:

וואָס מען דעפינירט געוויינלעך אַלס ענד־ציל פונם ציוניזם איז גאָרנישט, דער עקאָנאָמישער אינהאַלט פון דער באַוועגונג און פונם אויפבוי־ווערק איז אַלץ.

מיר ווייסן זער גוט, אַז קאָלאָניזאַציע און די שאַפונג פון אַ נייער ווירטשאַפט קאָנען נישט זיין אידענטיש מיט דער פאַרענטפערונג פון די אוממיטלבאַרע נויטן פון דער אידישער איינוואַנדערונג. מיר קאָנען נישט פאַר יעדן איינציקן איד, וועלכער שטייט מוכן ומזומן אויסצואוואַנדערן, תיכף געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון זיין היימאַטלאָזיקייט. אָבער ווען אין א״י וועלן ווירקלעך הונדערטער־טויזנטער און מיליאָנען איינגעוואָרצלט ווערן אין ערד, אַרבעט, מלאכה און אינדוסטריע, דאַן איז אפשר נישט פאַרענטפערט די היימאַטלאָזיקייט פון יעדן יחיד, אָבער עס וועט באַזייטיקט ווערן די ה י י מ אַ ט ל אָ ז י ק י י ט פ ו נ ם א י ד י ש ן פ אָ ל ק. דאָס אידישע פאָלקס־לעבן וועט באַקומען אין א״י אַ נייעם ש ווערפּונקט, צו וועלכן עס וועלן גראַוויטירן אַלע כחות פון דער ווירטשאַפטלעכער אומשיכטונג, סאָציאַלער באַנייאונג און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

צום אַנאַליז פון דעם האָפּ־סימפּסאָן־ראַפּאָרט.

פאַרבאַמערקונג.

אונזער סטודיע וועגן דער קאָלאָניזאַטאָרישער אויפנאַמספּעאיקייט פון א"י איז געווען דער יסוד פון רעפעראַט איבער דער זעלבער טעמע, וועלכן איך האָב געהאַלטן סוף סעפּטעמבער 1930 ביים קאָנגרעס פאַרן אַרבעטענדן ארץ־ישראל אין בערלין. קנאַפּ אַ חודש שפּעטער איז פּובליקירט געוואָרן דער באַריכט פון סער דזשאָן האָפּ־סימפּסאָן, וועלכער איז אין מאַי 1930 פון דער בריטישער רעגירונג, דעלעגירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל כדי אויסצופאָרשן די מעגלעכקייטן פון אימיגראַציע און לאַנדווירטשאַפטלעכער באַזעצונג. מיר ווילן אין אונזער אַנאַליז פאַרנעמען זיך מיט די טיילן פון דעם ראַפּאָרט, וועלכע זיינען נוגע די פון אונז באַהאַנדלטע פראַגן. די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג, וועלכע סער דזשאָן האָפּ־סימפּסאָן האָט דורכגעפירט אין משך פון צוויי חדשים, אונטערשיידן זיך גאָר שטאַרק פון אונזערע מסקנות בנוגע די לאַנדווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן פון ארץ־ישראל. האָפּ־סימפּסאָן מיינט׳ אַז דער קולטור־פעאיקער שטח פון ארץ־ישראל איז אַ סך קלענער, איידער ס׳איז ביז איצט אָנגענומען געוואָרן פון וועלכער נישט איז קאָמפּעטענטער אינסטאַנץ; דערפאַר זאָל די לאַנדנאָרם, וועלכע איז נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פעלאַכן־משפחה אַ סך העכער זיין און צוליב דעם זאָל דער לאַנד־באַדאַרף פון דער באַשטייענדער אַראַבישער באַפעלקערונג אַפילו גרעסער זיין ווי דער פאַראַנענער נוצבאַרער שטח. ארץ־ישראל זאָל בכן שוין היינט שטיין ביים ברעג פון לאַנדנויט, וועלכע ווערט פאַרשאַרפט דורך דעם באַשטאַנד פון אַ לאַנדלאָזן פּראָלעטאַריאַט פון 29,4% פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג. „עס האָט זיך גאַנץ דעפיניטיוו אַרויסגעוויזן, אַז איצט און ביי די היינטיקע מעטאָדן פון דער אַראַבישער לאַנדאַרבעט איז נישטאָ קיין איבעריקע ערד פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע פון נייע אימיגראַנטן.״ (H. S. Rep. p. 141).

מיר שאַצן נישט גרינג די שווערקייטן פון אַן אָביעקטיווער אויספאָרשונג פון די פּראָבלעמען און רעאַליטעטן פון דער מאַנדאַט־טעריטאָריע ארץ־ישראל. די קינסטלעכע צוטיילונג פון דעם לאַנד אין מערב־ארץ־ישראל און עבר־הירדן, די רעלאַטיווע קליינקייט און אָרימקייט פונם לאַנד, וואָס מר

אויפפאַלן אַ באַטראַכטער, וועלכער איז געוואוינט צו אומבאַגרענעצטע שטחים פון קרקע בתולה אין די קאָלאָניזאַציע־לענדער פון אַפריקע און אַמעריקע, די צושטערנדע ווירקונגען פון דעם אַגראַר־ווירטשאַפטלעכן קריזיס אין דער גאַנצער וועלט, וועלכער האָט זיך געלאָזט פילן אין ארץ־ישראל גראָד אין דער צייט, בשעת סער דזש. ה. סימפּסאָן האָט דורכגעפירט זיינע אויספאָרשונגען — די אַלע פאַקטאָרן האָבן געהאַט זייער חלק און האָבן גורם געווען דערצו, אומגינסטיק משפיע צו זיין אויף זיין אורטייל. אָבער זיי גיבן נישט קיין גענוגנדע ערקלערונג פאַר דעם צומאָל אייגנווייליקן און אומבאַגרינדעטן אופן, לויט וועלכן עס ווערן גרופּירט און אויסגעטייטשט פאַקטן און ציפערן. דער פּועל־יוצא דערפון איז: אַ פאַרקריפּלט און פאַלש בילד פון דער ווירקלעכקייט און די פּערספּעקטיוון פון ארץ־ישראל.

עס איז געווען אַ גרויסע מעלה פאַר דעם אַנאַליז, וואָס מיר האָבן געקאָנט אויסנוצן צוויי אין דער צייט ערשינענע זער פאַרדינסטפולע פּובליקאַציעס: דעם באַריכט איבער דעם „עקאָנאָמישן מצב פון פויערן אין ארץ־ישראל״ (J. C.) פון דער אַזויגערופענער דזשאָנסאָן־קראָסבי־קאָמיסיע, וועלכע האָט אין זומער 1930 אין דעם נאָמען פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג דורכגעפירט אַן אַנקעטע אין 104 אַראַבישע דערפער, און די סטודיע „דעם פעלאַכס ווירטשאַפט״ (F. F.) פון אַגר. י. ווילקאַנסקי (וואָלקאַני). אויף ביידע ווערק שטיצט זיך אָפט סער דזש. ה. סימפּסאָן.

I. דער קולטיווירבאַרער שטח פון ארץ־ישראל.

א. די ביזאיצטיקע אָפּשאַצונגען.

ס'איז נישטאָ קיין זיכערער באַזיס צו באַרעכענען די פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פון לאַנד אין ארץ־ישראל. די זייט אייניקע יאָרן אונטערגענומענע לאַנד־אויסמעסטונג האָט ביז איצט דערגרייכט דעם שטח פון פיר מיליאָן דונאַם (4000 קוו. קילאָמעטער), ס'רוב ביים ים־ברעג און אין עמק־הירדן (H. S. p. 159). מיר נעמען נישט אין חשבון דעם מדבר־טייל פון דעם באר־שבע־געביט, צו דרום פון דער פּאַראַלעלע 31⁰N; דאָן זיינען נאָך נישט אויסגעמאָסטן קיין 25% פון דעם לאַנד. מיר מוזן זיך דערפאַר שטיצן אויף אָפּשאַצונגען.

סער דזש. ה. סימפּסאָנען זיינען פאָרגעלייגט געוואָרן מצד צוויי רעגירונגס־אַנשטאַלטן אַזעלכע אָפּשאַצונגען פון דעם קולטורפעאיקן שטח: פון דעם לאַנד־קאָמיסאַר, ד. ה. פון דעם יושב־ראש פון דעם אַמט, וואָס האָט צו טאָן מיט דער אויפשטעלונג פון דעם גרונד־בוך, און פון דעם דירעקטאָר פון דעם לאַנדאויסמעסטונגס־דעפּאַרטאַמענט (H. S. p. 21/22).

דער לאַנד־קאָמיסאַר האָט, דעם 30־טן אַפּריל 1930, געשאַצט דעם קולטיווירבאַרן שטח פון ארץ־ישראל לויט פאָלגנדער רשימה:

דאָס פלאַכלאַנד פון דעם אונטערדיסטריקט באר-שבע	1.641.000 מ. דונאַם.
די פינף וויכטיקסטע טאָלן אין צפון פון באר-שבע	5.216.000 „ „
דאָס באַרגיקע לאַנד	5.376.000 „ „
סך-הכל	12.233.000 מ. דונאַם

לגבי דעם האָט דער אויסמעסטונגס-דירעקטאָר, אין יולי 1930, געמאַכט פאָלגנדע אויפשטעלונג:

די באר-שבע-געגנט	1.500.000 מ. דונאַם.
די פינף טאָלן	4.094.000 „ „
דאָס באַזעצטע בערגלאַנד	2.450.000 „ „
סך-הכל	8.044.000 מ. דונאַם.

דער חילוק איז אַלזאָ גאָר אַ באַדייטנדער. ער באַטרעפט קרוב צו 4.200.000 מ. ד.; די צווייטע אָפּשאַצונג איז מיט מער ווי אַ דריטל נידעריקער פון דער ערשטער.

סער דזש. ה. סימפּסאָן האָט אַקצעפּטירט די דאַטן פון דעם דירעקטאָר פון לאַנדאויסמעסטונג און זיי געמאַכט צום יסוד פאַר זיין ראַפּאָרט. דערביי איז ער נאָך אַ שריט ווייטער געגאַנגען. ער האַלט דאָס אַלס קולטור-פעאיק באַצייכנטע פלאַכלאַנד אַרום באר-שבע (דעם אַזוי גערופענעם נגב) „נישט אַלס אַ שטח, אין וועלכן ס'איז איצט מעגלעך קאָלאָניזאַציע" (H. S. p. 23) און שליסט עס אויס פון די ראַמען פון זיינע אויספאָרשונגען. „דער גאַנצער שטח", ערקלערט ער, „אויף וועלכן עס וואָלט מעגלעך געווען לאַנדבאַזעצונג, אויב עס וואָלט געוועזן דאָרט איבעריקע ערד, באַטרעפט 6,544.000 דונאַם אין די בערג און אין די פינף טאָלן". (H. S. p. 23). אַזוי רעדוצירט זיך אונטער סער דזש. ה. סימפּסאָנס שאַרף אויג דער קולטיווירבאַרער שטח פון ארץ-ישראל ביז צו $6^1/_2$ מיליאָן דונאַם לגבי די קרוב צו $12^1/_4$ מיליאָן דונאַם אין דער אויפשטעלונג פון דעם לאַנדקאָמיסאַר.

פנים אל פנים מיט אַזאַ דיפערענץ איז ערלויבט די פראַגע, צי סער דזש. ה. סימפּסאָן האָט געהאַט גענוגנדע טעמים, אָפּצופּטרן די העכערע שאַצונגען פון דעם גרונדבוך-דירעקטאָר אַלס „מער אָדער ווייניקער אינטעליגענטע סברות" (H. S. p. 22). ווייל די דאָזיקע דאַטן זיינען בכלל בהסכם מיט אַ שורה פריערדיקע אָפּשאַצונגען פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג.

אין זיין אין יאָר 1922 געשריבענעם „איבערבליק איבער דער אַגריקולטורעלער סיטואַציע אין ארץ-ישראל" (R. A. S.) האָט דער דירעקטאָר פון דער לאַנדווירטשאַפט, קאָל. ע. ר. סאָער, צום ערשטן מאָל געפּרואווט דורכפירן אַ קלאַסיפיקאַציע פון די ערד-סאָרטן אין ארץ-ישראל. ער נעמט אָן דעם גאַנצן שטח צום צפון פון דער פּאַראַלעל-ליניע 31^0N מיט

18.200.000 דונאַם (1.820.000 העקטאַר); פון זיי זיינען פאַראַן דאָטן איבער 15.140.000 דונאַם. לויט זיי זיינען געווען אינם יאָר 1920 5.014.000 מ. ד. לאַנדווירטשאַפטלעך גענוצט, 3.081.000 דונאַם באַאַרבעטונגס-פעאיק, אָבער נישט באַאַרבעט, צוזאַמען 8,095.000 דונאַם; 7,045.000 דונאַם זיינען „אָפּ-געשריבן" אַלס נישט קולטיווירבאַר (פּאַשע, וואַלד און זומפּן אַריינגערעכנט); דער רעשט פון רונד 3.000.000 דונאַם, וועלכע ליגן מחוץ דעם באר-שבע-דיסטריקט, זיינען נישט קלאַסיפיצירט. דער פּראָצענטזאַץ פון דער קולטור-פעאיקער ערד באַטרעפט 53 0/0; נעמט מען אים אָן אַלס גילטיק פאַר דעם „גאַנצן עקספּלוּאַטאַציע-פעאיקן שטח" (tolal exploitable surface) מאַכט עס אויס אַ קולטיווירבאַרן-שטח פון 9,640.000 מ. ד. קאַל. סאַער באַהאַנדלט דאָן די אַלס נישט באַאַרבעטונגספעאיק קלאַסיפיצירטע פאָרמאַציעס און שליסט מיט דער באַמערקונג: „עס באַשטייט די באַרעכטיקטע האָפנונג, אַז די פּראָפּאָרץ פון דעם אומפּראָדוקטיוון לגבי דעם פּראָדוקטיוו באַווירטשאַפטונגס-פעאיקן לאַנד קאָן ממשותדיק און פּראָגרעסיוו רעדוצירט ווערן דורך אַ קאָמבינאַציע פון פאַרשיידענע מיטלען." (R. A. S. p. 4.). פינף יאָר שפּעטער, אין מאַי 1925, האָט די ארץ-ישראל-רעגירונג דורך דעם מויל פון לאָרד סטענהאָפּ אין לאָרדן-הויז מודיע געווען, אַז דער קולטיווירבאַרער שטח פון ארץ-ישראל איז צו שאַצן אויף 11 1/2 מיליאָן מ. דונאַם (12 1/2 מיליאָן אַלטע טערקישע דונאַם). דערפון זיינען באַצייכנט געוואָרן 5 1/2 מיליאָן דונאַם אַלס באַאַרבעט פון אַראַבער, 2.750.000 דונאַם אַלס נישט פערמאַנענט באַאַרבעט לאַנד אין אַראַבישן באַזיץ, 2.300.000 דונאַם אַלס קולטורפעאיק, אָבער נישט קולטיווירט, און 900.000 מ. ד. אין באַזיץ פון אידן און אַנדערע.

עס מוז אויפפאַלן, אַז די צווייטע שאַצונג מצד דער ארץ-ישראל-רעגירונג איז כמעט מיט 2 מיליאָן דונאַם העכער, איידער דער שטח, וועלכן מיר האָבן באַרעכנט אויפן יסוד פון דעם סאָער'שן קאָעפיציענט.

די אָפּשאַצונג פון דעם לאַנד-קאָמיסאַר פונם יאָר 1930 ווייזט אַ ווייטערע פאַרגרעסערונג פון דעם אַלס קולטורפעאיק קלאַסיפיצירטן שטח מיט כמעט 750.000 דונאַם.

עס איז כדאי אָפּצושטעלן זיך אויף דעם, אַז די האָפּ-סימפּסאָנישע אָפּשאַצונג פון דעם קולטיווירבאַרן שטח, וואָס שטייט, לויט זיין חשבון, אינם רשות פון דער אַראַבישער לאַנדווירטשאַפט, איז אידענטיש מיט די צאָלן איבער דעם אַרעאַל, וואָס ווערט שוין באַאַרבעט פון די פעלאַכן. סער דזש. ה. סימפּסאָן רעכנט אָפּ פון דעם קולטור-שטח פון 6.544.000 מ. ד. אַן אַרעאַל פון 900.000 מ. ד., וועלכער געפינט זיך אין אידישן באַזיץ, אַזוי אַז „פאַר די נישט-אידישע פויערן בלייבט היינט-צוטאָגס איבער אַ שטח פון 5.644.000 מ. דונאַם" (H. S p. 24). דערפון איז געדרונגען, אַז דער פון האָפּ-סימפּסאָן קאַלקולירטער שטח לאַנד, וואָס איז מסוגל פאַר לאַנדאַרבעט און קומט אין רעכענונג פאַר די פעלאַכן, ווערט שוין היינט

פון זיי באַארבעט. וואָרום די אינם יאָר 1925 אָנגעגעבענע צאָלן זיינען באַקרעפּטיקט געוואָרן דורך צוויי רעגירונגס-אַנקעטעס, וועלכע זיינען דורכ-געפירט געוואָרן אין משך פון די לעצטע יאָרן אין ארץ־ישראל און וועגן וועלכע עס אינפאָרמירט אונז דער דזשאָנסאָן-קראָסבי-ראַפּאָרט.

די מושא-לאַנד-קאָמיסיע, וועלכע האָט אינם יאָר 1923 שטודירט די באַדינגונגען פון לאַנד-אייגנטום צווישן די פעלאַכן, האָט געשאַצט דעם שטח, וואָס ווערט באַארבעט אין 753 דערפער, מיט 4.876.000 דונאַם (J. C. p. 45). אַזוי ווי אין ארץ-ישראל זיינען געציילט געוואָרן בסך-הכל 844 אַראַבישע דערפער, קאָן מען אָננעמען, אַז דער גאַנצער שטח, וואָס ווערט פון זיי באַארבעט, באַטרעפט 5 ביז 5,5 מיליאָנען דונאַם.

די אַנקעטע פון דער דזשאָנסאָן-קראָסבי-קאָמיסיע גופא ווייזט, אַז פון 104 דערפער מיט א באַפעלקערונג פון 126.000 נפשות זיינען באַארבעט געוואָרן אינם יאָר 1930 רונד 1,25 מיליאָן דונאַם. לויט די אינפאָרמאַציעס פון דעם געזונטהייטס-דעפּאַרטאַמענט געפינט זיך אין די 104 דערפער עפּעס מער ווי דער פערטער טייל פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג פון ארץ-ישראל. עס איז מעגלעך, אַז דער לאַנד-באַזיץ פון אָט די דערפער איז פּראָפּאָרציאָנעל עפּעס אונטער זייער פּראָצענטועלן חלק אין דער דאָרף-באַפעלקערונג. אָבער אויך מיט דער קאָרעקטור באַווייזן די דאָזיקע צאָלן, אַז מען דאַרף שאַצן דעם שטח, וועלכן די פעלאַכן באַארבעטן, אויף 5 ביז 6 מיליאָנען דונאַם.

צום סוף שיקן מיר אָפּ דעם לעזער צו דער אָפּשאַצונג פון דעם שטח, וואָס ווערט באַארבעט פון די פעלאַכן, וועלכע מיר האָבן גע-מאַכט אויפן יסוד פון דער גערעטעניש-סטאַטיסטיק פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג בעת די לעצטע 10 יאָרן (זע „די קאָלאָניזאַטאָרישע אויפנאַמס-פעאיקייט פון א״י״). נעמט מען אָן, אַז די עושר-אָפּשאַצונגען זיינען בדרך כלל אַרום 30 פּראָצ. צו נידעריק, קומט מען אויך אויף דעם אופן צו א באַארבעטן שטח פון בערך $5^1/_2$ מיליאָן דונאַם.

עס קאָן על פי שכל נישט געלייקנט ווערן, אַז די דעפּאַרטאַמענטן פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דאָ-זיקע אָפּשאַצונגען און דאַטן — דער דעפּאַרטאַמענט פאַר לאַנדווירטשאַפט, דער לאַנד-דעפּאַרטאַמענט, דאָס גרונדבוך-אַמט, דאָס שטייער-אַמט — זיינען באַרעכטיקט צו רעדן איבער די ענינים מיט א גרויסער מאָס פון זאַך-קענ-טעניש און אויטאָריטעט. זיי שטייען אין א שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער לאַנדווירטשאַפט, זיי העלפן די פעלאַכן מיט עצות אין נויטפאַלן, זיי שאַצן זייערע גערעטענישן און זייער לאַנד און ציילן זייערע בהמות צוליב שטיי-ער-צוועקן, זיי קאָנטראָלירן די לאַנד-טראַנזאַקציעס, באַשעפטיקן זיך מיט דער רעגולירונג פון די לאַנדאייגנטומס-באַדינגונגען און פירן אויס א סך אַנדערע פונקציעס. סער דשאָן ה. סימפּסאָן האָט ווייניק צוטרוי צו דער אין משך פון צען יאָר אקומולירטער ערפאַרונג און בקיאות פון אַלע די אַנשטאַלטן. געשטעלט פאַר א ממה-נפשך צו קלייבן צווישן א שאַצונג פון

איבער צוועלף מיליאָנען און אַזאַ פון אַכט מיליאָנען דונאַם, באַשליסט ער לטובת די השערות פון דעם דירעקטאָר פאַר לאַנדאויסמעסטונג אַלס „די סאַמע זיכערסטע ביז איצט אויפגעשטעלטע אָפּשאַצונג". די פונם לאַנד-אויסמעסטונגס-דעפּאַרטאַמענט אָנגעוועגדעטע מעטאָדן, וועלכע ווייזן זיך אויס צו זיין באַזונדערס איבערצייגנד פאַר סער דזשאָן ה. סימפּסאָן, מוזן דערפאַר נעבעטער באַטראַכט ווערן.

די דעצידירנדע דיפערענץ צווישן די פאַראַנענע אָפּשאַצונגען ליגט אין דעם באַרגיקן לאַנד. סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן שאַצט דעם קולטיווירבאַרן שטח אין די בערג מיט 2 מיליאָן 926 טויזנט מ. ד. וויינקער, מיט אַנדערע ווערטער, אַ ראַדיקאַלע פאַרקלענערונג מיט גאַנצע 54 פּראָצ. לגבי די שאַצונגען פון דעם לאַנד-קאָמיסאַר. די דאָזיקע הנחה באַזירט נישט אויף אויסמעסטונגען אינם בערגלאַנד. פון דעם האָפּ-סימפּסאָן-ראַפּאָרט איז געדרונגען, אַז אין דעם באַרגיקן לאַנד זיינען נאָך נישט דורכגעפירט געוואָרן ק ײ ן ש ו ם אויסמעסטונגען (H. S. p. 159) די אָפּשאַצונג שטיצט זיך אויסשליסלעך אויף דער לויט סער דזש. ה. סימפּסאָנס אינסטרוקציעס דורכגעפירטער פּליצייג-פ אָ ט אָ ג ר אַ פ י ע פ ו ן ד ע ם צ ע נ ט ן ט ײ ל פון דעם באַוואוינטן בערגלאַנד. זיין גאַנצער שטח ווערט פון דעם לאַנדאויסמעסטונגס-דירעקטאָר אָנגענומען מיט רונד 6 מיליאָן הונדערט טויזנט דונאַם און זיין קולטיווירבאַרער שטח ווערט אויפן יסוד פון דער לופט-פאָטאָגראַפיע באַרעכנט מיט 40 פּראָצ. עס איז דערפאַר זער וויכטיק קלאָרצושטעלן אַ שורה פראַגן: א) אויף ווי ווייט קאָנען פאָטאָגראַפיעס געמאַכט פון אַ פליענדיקן עראָפּלאַן בכלל ליפערן אַ יסוד פאַר אַ מיינונג איבער דער קולטיווירבאַרקייט פון לענדערייען; ב) אין וועלכער מאָס קאָן אַ לופט-פאָטאָגראַפיע פון אַ צענט-חלק פון דעם שטח זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אויספאָרשונג פון דעם גאַנצן געביט; ג) שליסלעך דאַרף מען אויך באַרירן די פראַגע, אויב די אָנגענומענע גרענעץ-ליניע צווישן באַוואוינבאַרן און אומבאַוואוינבאַרן בערגלאַנד איז ריכטיק.

ב. ד אָ ס ב ע ר ג ל אַ נ ד א ו ן ד י ל ו פ ט - פ אָ ט אָ ג ר אַ פ י ע.

די לופט-פאָטאָגראַפיע איז אַ ניי טעכניש הילפסמיטל, פון וועלכן מען קאָן אַ סך ערוואַרטן אויף פאַרשיידענע געביטן פון דער וויסנשאַפט, בפרט ביי דער אויסאַרבעטונג פון קאַרטעס און פּלענער פון גרויסע שטחים אין אַ קורצער צייט. זי קאָן ליפערן מאַטעריאַל און פּרוכטבאַרע איינפאַלן פאַר דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, אָבער זי קאָן נישט פאַרנעמען איר אָרט. קיינער קאָן נישט רעדן אין דער פראַגע מיט מער אויטאָריטעט ווי דער פירנדער ענגלישער ערד-עקספּערט, סער דזשאָן ראַסעל, וועלכער איז אַזוי פריינדלעך געווען, צו ענטפערן אויף מיין אָנפראַגע צו אים מיט פאָלגענדן בריוו:

„טאָפּאָגראַפישע פאָטאָגראַפיעס פון דער לופט זיינען נוצלעך ביים אָפּשאַצן לענדערייען, וואָס זיינען געראָטן אין אויסזען זיי. פאַרצייכענען,

למשל, שטחים פון וואַלד, פון מדבר, באַאַרבעטע און נישט באַאַרבעטע ערד, מיט פּעלזן באַדעקט לאַנד און אַנדערע מינים ערד, וועלכע מען קאָן באַ-שײַנפּערלעך אונטערשיידן פון זייער סביבה. וואו עס עקזיסטירן שאַרפע גרענעצן, קאָן די לופט-פאָטאָגראַפיע זיין גענוג אַקוראַט; וואו עס איז נישט פאַראַנען קיין שאַרפער גרענעץ, קאָן מען אויפן יסוד פון דער אויסשטודיר-טער קאַרטע זיך אַנטשיידן פאַר באַשטימטע פּרינציפּן און אַרבעטן לויט זיי. דער מעטאָד טיילט איין דאָס לאַנד כמעט גענוי אין אַ צאָל פון קאַטע-גאָריעס, וועלכע מ׳קאָן באַצייכענען מיט א׳, ב׳, ג׳, ד׳, א. אַ. וו.

אָבער לופט-פאָטאָגראַפיע קאָן נישט אינטערפּרעטירן קאַרטעס, אָדער זאָגן וואָס עס באַדייטן די דאָזיקע קאַטעגאָריעס. כדי צו אינטערפּרעטירן, מוזן דורכגעפירט ווערן אויספאָרשונגען אויפן אָרט דורך מומחים, וואָס קאָנען זאָגן, צי די גרעסטנקייט אין אויסזען באַזירט אויף דער גלייכאַרטיקייט פון עיקרדיקע אייגנשאַפטן אָדער אויף אַ צופעליקן אָדער נישט עיקרדיקן חילוק. אָנגענומען, אַז די ערד פון אַ געוויסער קאַטעגאָריע ערשיינט לגמרי גלייכ-אַרטיק אויפן גאַנצן שטח, וואָלט מען געקאָנט אָננעמען אַלס ערשטע הנחה, אַז אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שיטה, וועלכע איז אָנגעווענדעט געוואָרן מיט הצלחה אין אַ טייל פון דעם שטח, קאָן אָנגעווענדעט ווערן מיט לאָקאַלע מאָדיפיקאַציעס אויף דעם גאַנצן שטח. מען וואָלט אָבער געמוזט דורכפירן אַ דעטאַלירטע אונטערזוכונג און עקספּערימענטן אין אַ גרויסער צאָל, כדי צו זיין אַבסאָלוט זיכער. די מעלה פון דער לופט-פאָטאָגראַפיע באַשטייט דע-רין, אַז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער עקספּערט ווערט דורך אַזעלכע קאַרטאָ-גראַפישע אויפצייכענונגען פון אַ געביט באַזאָרגט מיט אינפאָרמאַציעס בנוגע דער רעלאַטיווער אויספּרייטונג פון פאַרשיידענע רעגיאָנען פון זיין לאַנד און איז אימשטאַנד צו זען דאָס פּראָבלעם פון דער לאַנדאַנטוויקלונג אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיווע.

פּערזענלעך וואָלט איך עס געהאַלטן פאַר געפערלעך, מסיק צו זיין פון אַ פאָטאָגראַפיע פון צען פּראָצ. פון אַ שטח, וואָס עס זיינען די אייגנ-שאַפטן פון די איבעריקע ניינציק פּראָצ., און דאָס איז בפרט ריכטיק בנוגע ארץ-ישראל, וואו די כמות פון רעגן בייט זיך קווער דורכן לאַנד פון פּאַס צו פּאַס. עס איז אוממעגלעך אויסצוגלייכן צווישן זיך די אָפּשאַצונגען פון דעם קול-טור-פעאיקן לאַנד, ווי זיי זיינען געגעבן אויף ז. 22 און 23 פון דעם ראַ-פּאָרט, צוליב דער גרויסער שוועריקייט צו דעפינירן די קולטיווירבאַרקייט, און צוליב דער גרויסער השפּעה פון די ענדערונגען אין דער יערלעכער כמות פון רעגן. אַ סך לענדערייען ליגן בהכרח אויפן גרענעץ; אין יאָרן פון שטאַרקע רעגנס קאָנען זיי באַאַרבעט ווערן מיט האָפנונג אויף ריוח; אָבער אין יאָרן פון אַ נידעריקער כמות רעגן וועט דאָס נישט קאָנען געשען. אויב מען רעכנט (אַלס קולטיווירבאַר) אַלע לענדערייען וואָס קאָנען באַאַרבעט ווערן מיט פּראָפיט איינמאָל אין פינף יאָר, באַקומט מען נאַטירלעך אַ סך אַ העכערע צאָל, איידער אויב מען נעמט אַלס קריטעריום דעם ריוח פון פיר יאָרן אין משך פון פינף.

די מעטאָדן פון באַהאַנדלען אַזעלכע גרענעץ-לענדערייען ווערן אַלץ מער פאַרבעסערט. אין מערב-אויסטראַליע ווי אין קאַנאַדע האָט זיך דער אַקערבוי שטאַרק פאַרשפּרייט אין געגענטן, וועלכע זיינען אַמאָל געווען פּוסט און וויסט, אַזוי אַז די דעפיניציע פון קולטיווירבאַרקייט ווערט נאָכאַנאַנד ברייטער".

דערפון ווערט לחלוטין קלאָר, אַז די לופט-פאָטאָגראַפיע קאָן זיין נוצלעך ביי דער אָפּגרענעצונג פון ערד-קאַטעגאָריעס, „וועלכע מען קאָן באַשיינפּערלעך אונטערשיידן פון זייער סביבה". מען וואָלט געקאָנט מיט אַזאַ מעטאָד ביי גינסטיקע אומשטענדן, למשל, פעסטשטעלן, וועלכע לענדערייען זיינען באַאַרבעט און וועלכע בלייבן אומבאַאַרבעט. „אָבער לופט-פאָטאָגראַפיע קאָן נישט אינטערפּרעטירן קאַרטעס, אָדער זאָגן, וואָס די (פעסטגעשטעלטע) קאַטעגאָריעס באַדייטן". אָן אַ גענויער אונטערזוכונג אויפן אָרט, אָן „עקספּערימענטן אין אַ גרויסער צאָל" און גרינדלעכע פאָרשונגס-אַרבעט דורך ערד-מומחים און לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערטן קאָן מען אויפן יסוד פון אַ לופט-פאָטאָגראַפישער קאַרטע נישט קאָנסטאַטירן, אויב דאָס אַזוי אויפגעצייכנטע אַרעאַל איז קולטורפעאיק אָדער נישט, אָדער דורך וועלכע מעטאָדן פון לאַנדבאַאַרבעטונג וואָלט מען עס געקאָנט מאַכן קולטיווירבאַר.

דאָס איז נאָך ווייניקער מעגלעך אויפן יסוד פון אַ פלוגמאַשין-פאָטאָגראַפיע פון נאָר 10 פּראָצ. פון דעם קוועסטיאָנירטן געביט. מיר לאָזן אָפן די פראַגע, אויב די „אַלס רעפּרעזענטאַטיוו אויסגעקליבענע שטחים" (H.S.p. 23) זיינען באמת כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן בערגלאַנד. די צום ראַפּאָרט צוגעלייגטע קאַרטע נר. 2 אין דעם מאַסשטאַב 1/750.000 גיט נישט קיין אינפאָרמאַציע וועגן דעם פונקט. אָבער דאָס קומט ווייניקער אין באַטראַכט. דעצידירנד איז די פון סער דזשאָן ראַסעל מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט אַרויסגעזאָגטע מיינונג, אַז עס וואָלט געווען „געפערלעך מסיק צו זיין פון אַ פאָטאָגראַפיע פון 10 פּראָצ. פון אַ שטח, וואָס עס זיינען די אייגנשאַפטן פון די איבעריקע 90 %". די עראָפּלאַן-פאָטאָגראַפיע פון דעם צענטן טייל פון דעם בערגלאַנד וואָלט אַלזאָ געקאָנט מעגלעך מאַכן סער דזש. ה. סימפּסאָן, מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער גענויקייט אַרויסצולייענען פון דער קאַרטע, וויפיל פון דעם דאָזיקן שטח איז היינט ק ו ל ט י ו ו י ר ט און וויפיל נישט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין מאַטעריאַל פון וויסנשאַפטלעכן ווערט פאַר דער פאַרענטפערונג פון דער פראַגע, וועלכע אינטערעסירט אונז, וועלכער טייל פון דעם אויף אַזאַ אופן פאָטאָגראַפירטן באַרגיקן שטח איז ק ו ל ט י ו ו י ר ב אַ ר אָדער וואָלט עס געקאָנט ווערן דורך אָנווענדונג פון וויסן, אַרבעט און קאַפּיטאַל.

גראָד אין ארץ-ישראל פאָדערט זיך צוליב דער אייגנאַרטיקייט פון דעם לאַנד אַ באַזונדערע פאָרזיכטיקייט. סער דזש. ראַסעל ווייזט אָן אויף איין סיבה, פאַרוואָס מען מוז זיך היטן פאַר גענעראַליזירונגען: „דאָס איז באַזונדערס ריכטיק בנוגע ארץ-ישראל, וואו די כמות פון רעגן בייט זיך קווערדורכן לאַנד פון פּאַס צו פּאַס". דאָס מאַכט די דעפיניציע פון דער קולטור-

פעאיקייט באַזונדערס שווער, ווייל דער באַגריף ענדערט זיך נאָכאַנאַנד מיט דער פאַרבעסערונג פון די באַאַרבעטונגס-מעטאָדן אין רעגן-אָרימע געגענטן. אַ בליק אויף די צום סימפּסאָן-ראַפּאָרט בייגעלייגטע קאַרטע (נר. 5), וואָס ווייזט די פּונקטן פון גלייכער כּמות פון רעגן, לערנט אונז ווי וויכטיק עס איז אָט די התראָה. אַ שניט פון יפו איבער רמה-אללה קיין יריחו שניידט דורך געגענטן מיט אַ רעגנפאַל פון 100 ביז 800 מילימעטער אין יאָר. און אַזוי שאַרף פאַלט און שטייגט די רעגן-ליניע אויף פון צפון קיין דרום.

מען דאַרף ווייטער אין זינען האָבן, אַז אין ארץ-ישראל הענגט אָפּ די גענויקייט ביים אונטערשיידן צווישן באַאַרבעטער און נישט-באַאַרבעטער ערד זער שטאַרק דערפון, צי די פאָטאָגראַפיע איז געמאַכט געוואָרן אין אַ צייט, ווען די תבואה שטייט אינם פעלד. די לופט-פאָטאָגראַפיעס זיינען געמאַכט געוואָרן אין יוני אָדער יולי, ד. ה. אין אַ צייט, ווען די תבואה איז שוין צום גרעסטן טייל אין די שייערס. ס'איז דורכאויס מעגלעך, אַז צוליב דעם איז באַאַרבעטע ערד קלאַסיפיצירט געוואָרן אַלס נישט באַאַרבעט און נישט קולטור-פעאיק.

גרויסע טיילן פון די ארץ-ישראלדיקע בערג זיינען באַדעקט מיט דעם אַזוי גערופענעם נארי-שטיין, אַ ווייכער קאַלך-שיכט, וועלכן מ'קאָן אינם פלוג אָפט שווער אונטערשיידן פון אומפּרוכטבאַרע פעלזן, וועלכע זיינען אָבער גוט מסוגל פאַר פלאַנצונגען מכּל המינים.

עס איז על כּן קיין ספק נישט, אַז דורך די פליציייג-פאָטאָגראַפיע וואָלט מען געקאָנט אין בעסטן פאַל אָפּשאַצן דעם לאַנד-שטח, וועלכער ווערט שוין היינט באַאַרבעט אין דער בערגיקער געגנט. אייניקע ווענדונגען אין דעם באַריכט באַווייזן, אַז אויך סער דזש. ה. סימפּסאָן שיינט דאָס צו וויסן. אַזוי שרייבט ער אויף זייט 60: „צוליב די צוועקן פון דער איצטיקער אונטערזוכונג... ווענדן מיר אונזער באַטראַכטונג אויף די קולטיווירטע שטחים אין דער באַרג-געגנט און אין די פינף טאָלן, וועלכע זיינען שוין באַשריבן. דער גאַנצער קולטיווירבאַרער שטח פון די ביידע געביטן באַטרעפט 6 544.000 דונאַם". דאָ ווערן גלייכגעשטעלט די באַגריפן קולטיווירטע און קולטורפעאיקע ערד. דערפאַר קאָנען נאָר זיין צוויי ערקלערונגען. אָדער האָפּ-סימפּסאָן איז נישט דייטלעך מבדיל צווישן „באַאַרבעטן" לאַנד און לאַנד וואָס איז מסוגל צו באַאַרבעטונג – דאַן האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ באַדויערלעכן בלבול המושגים. אָדער עס איז זיין מיינונג, אַז די גאַנצע קולטורפעאיקע ערד פון ארץ-ישראל ווערט שוין טאַקע פאַקטיש קולטיווירט, דאַן איז ער אַרויסגעגאַנגען פון אַ פאַלשער הנחה, וועלכע האָט געמוזט האָבן אַן אומגליקלעכע השפעה אויף דעם גאַנג פון זיין אונטערזוכונג. וואָלט ער אַביסל קריטישער אַנאַליזירט די רעזולטאַטן פון דער פלוג-פאָטאָגראַפיע, וואָלט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן און פאַרטראַכטן. ווייל ערנסטע אָפּשאַצונגען פון דעם ערד-שטח, וועלכער ווערט פאַקטיש באַאַרבעט אין דער באַרגיקער געגנט, באַווייזן, אַז ער איז שוין איצט גרעסער ווי די 2.450.000 דונאַם, וועלכע סימפּסאָן האָט אָנגענומען אַלס בכלל קולטיווירבאַר.

לויט דער ציילונג פונם יאָר 1922 האָט באַטראָפן די באַפעלקערונג אין די 581 דערפער פון דעם באַרגיקן לאַנד קרוב צו 284.000 נפשות. אָט די צאָלן לערנען אונז אַ סך. לויט זיי געפינען זיך אינם בערגלאַנד מער ווי צוויי דריטל פון די אַראַבישע דערפער און קנאַפּע דריי פערטל פון דער אַראַבישער פעלאַכן-באַפעלקערונג. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס באַרגיקע לאַנד איז געווען און איז נאָך אַלץ דער ווירטשאַפטלעכער באַזיס פאַר דעם רוב מנין ורוב בנין פון דער אַראַבישער לאַנד-באַפעלקערונג. אויפן יסוד פון דער סטאַטיסטיק פון דעם געזונטהייטס-דעפּאַרטאַמענט האָט זי זיך פאַרמערט אין משך פון די 8 יאָר, 1922 ביז 1930, מיט 24,6 פּראָצ. מיר האָבן אומזערע ספקות לגבי דעם דאָזיקן גוזמהדיק הויכן פאַרמערונגס-קאָעפיציענט, אָבער מיר אַקצעפּטירן אים אין דעם פאַל. דאַן לעבן היינט אין דער באַרגיקער געגנט 353.000 אַראַבישע דאָרף-באַוואוינער. לויט דעם דזשאָנסאָן-קראָסבי-ראַפּאָרט באַשטייט אַ פעלאַכישע משפחה פון 6 נפשות; די צאָל פון די פויערן-משפחות אינם בערגלאַנד איז דערפאַר 58.800. לויט דעם גלייכן באַריכט (J. C. p. 4) באַווירטשאַפטן 104 דערפער מיט אַן איינוואוינערשאַפט פון 21.066 פאַמיליעס אַ שטח פון 1.247.500 דונאַם. דאָס מאַכט אויס אַן ערד-חלק פון 59.2 דונאַם אויף איין פאַמיליע. לויט דער צאָל פון די ערד-אייגנטימער אין די דאָזיקע דערפער באַרעכנט האָפּ סימפּסאָן, אַז אויף איין משפחה קומען אויס 75 דונאַם, בכן ווייניקער ווי דער פון אים פאַר גאַנץ ארץ-ישראל באַרעכנטער דורכשניט פון 91,9 דונאַם (H. S. p. 64). דאָס באַווייזט, אַז די פון דער דזשאָנסאָן-קראָסבי-קאָמיסיע אויסגעפאָרשטע דערפער געפינען זיך בנוגע ערד-באַזיץ פאַר קיין פאַל נישט אין אַ גינס-טיקן מצב. מיר בלייבן אַלזאָ אין די גרענעצן פון זער פאָרזיכטיקער שאַ-צונג, אויב מיר ווענדן אָן דעם אויבן באַרעכנטן חלק פון 59,2 דונאַם פּראָ פאַמיליע אויפן גאַנצן בערגלאַנד. דאָס פירט צום פועל-יוצא, אַז די 58.800 פעלאַכן-משפחות אינם בערגלאַנד באַאַרבעטן 3.480.000 דונאַם. דערצו מוזן צוגערעכנט ווערן בערך 230.000 דונאַם, וועלכע געפינען זיך אין רכוש פון אידישע דערפער. צוזאַמען איז עס אַ שטח פון 3.710.000 דונאַם, וועלכע ווערן היינט קולטיווירט. דאָס זיינען געווי 50 פּראָצ. מער איידער האָפּ-סימפּסאָן איז גרייט אָנצוערקענען אַלס קולטורפעאיק אינם בערגלאַנד.

די אומריכטיקייט פון דער צאָל 2.450.000 דונאַם איז געדרונגען אויך פון פאָלגנדער קאָנטראָלירנדער אויסרעכענונג. אָן דעם אידישן חלק פון קנאַפּע 230.000 דונאַם, קומען אויס אויף די אַראַבישע דערפער אין די בערג אינגאַנצן 2.220.000 דונאַם, אָדער 39,3 פּראָצ. פון דעם גאַנצן קול-טיווירבאַרן שטח פון 5.644.000 מ. ד., וועלכע לויט האָפּ-סימפּסאָן „בלייבן איבער היינט צו טאָג פאַר די נישט-אידישע פויערן" (H. S. p. 24). מיר ווערן אַלזאָ געשטופּט צו דער זער איבעררעשנדער מסקנה, אַז קרוב צו 75 פּראָצ. פון דער אַראַבישער דאָרפישער באַפעלקערונג באַאַרבעטן נישט מער ווי קנאַפּע 40 פּראָצ. פון דעם אַראַבישן לאַנד. דערפון וואָלט געווען געדרונגען, אַז די ווירטשאַפטן פון די פעלאַכן אין די בערג זיינען כמעט

האלב אזוי גרויס ווי דער דורכשניט פאַרן גאַנצן לאַנד און פיר מאָל קלענער ווי די ווירטשאַפטן פון די אַראַבישע פּויערן אינם פּלאַכ-לאַנד! ס'איז אמת, די פּלאַנצונגען אין די בערג מאַכן מעגלעך אַ רעדוק-ציע פון דעם נוציקן לאַנד-שטח, אָבער עצי-זיתים, למשל, זיינען אויך פאַראַנען אין די טאָלן, און די לעצטע האָבן נאָך דערצו די גרעסערע מעלה פון אינטענסיווירונג דורך באַוואַסערטע קולטורן. ס'איז אין דער ווירקלעכקייט גישטאָ קיין באַווייז דערפאַר, אַז צווישן דער גרויס פון די פּעלאַכן-ווירטשאַפטן אין בערגלאַנד און אינם פּלאַכלאַנד איז דאָ אַ באַמערק-באַרער אונטערשייד. אויף די דאָזיקע באַקלערונג וואָלט באַדאַרפט ערנסט וואָרענען סער דזש. ה. סימפּסאָן קעגן זיינע הנחות.

אַ ווייטערער לאָגישער פּועל-יוצא פון דער האָפּ-סימפּסאָנישער אָפּ-שאַצונג וואָלט געווען, אַז עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן דעם קולטיווירבאַרן שטח אין די בערג איבער די פון אים באַרעכנטע 2,5 מיליאָן דונאַם. ווייל דער רעשט לאַנד איז דאָך נישט „קולטורפעאיק". קיין איינציקער עקספּערט, וועלכער האָט שטודירט דאָס ארץ-ישראלדיקע בערגלאַנד, קאָן נישט גערופן ווערן אַלס עדות פאַר אַזאַ באַהויפּטונג.

מיר ווייזן אָן בפרט אויף די ראַפּאָרטן און עקספּערטיזעס פון ערשט-קלאַסיקע מומחים בנוגע די האַרטי-קולטורעלע מעגלעכקייטן פון דעם בערג-לאַנד: אויף דעם ראַפּאָרט פון מר. ט. וו. בראון, דירעקטאָר פון דער פּלאַנצונגס-סעקציע אינם מיצרישן מיניסטעריום פאַר לאַנדווירטשאַפט, וועל-כער האָט באַזוכט ארץ-ישראל אינם יאָר 1919 און שרייבט וועגן דער באַ-וואַלדערונג און פּלאַנצונג פון פרוכטבוימער; אויף דער סטודיע פון דעם אַמעריקאַנישן עקספּערט, מר. נאַלס רייערסאָן איבער „די האַרט-קולטו-רעלע מעגלעכקייטן פון ארץ-ישראל" פונם יאָר 1927; און אויף דעם רע-פעראַט פון דעם דירעקטאָר פאַר לאַנדווירטשאַפט, קאָל. ע. ר. סאָער, איבער דער „ווידעראויפריכטונג פון דעם בערגלאַנד פון ארץ-ישראל". עס איז די גוט באַקלערטע מיינונג פון די אַלע מומחים, אַז דער אין אַלטער-טום מיט איילבוימער, פייגנבוימער, וויינטרויבן און אַנדערע פרוכט- און וואַלד-בוימער באַפּלאַנצטער שטח פון די בערג פון ארץ-ישראל איז געווען אַ סך גרעסער ווי ער איז היינט צו טאָג, אַז אָט די קולטורן האָבן אָן עקאָנאָמיש געזיכערטן אָפּזאַץ, און אַז דאָס בערגלאַנד פון ארץ-ישראל איז פאַר זיי באַזונדערס פּאַסיק סיי קלימאַטיש סיי לאַנדווירטשאַפטלעך. ס'איז דערפאַר דורכאויס מעגלעך, ממשותדיק צו פאַרגרעסערן דעם מיט אַזעלכע פּלאַנצונגען קולטיווירטן שטח.

אגב וואָלט מען געקאָנט אַפילו פון דעם האָפּ-סימפּסאָן-באַריכט ציטירן שטעלן, וועלכע גיבן צו די מעגלעכקייט פון אַן אויסשפּרייטונג פון דעם קולטורפעאיקן שטח אין די בערג. אינם קאַפּיטל „דאָס בערגלאַנד" אויף זייט 14, לייענען מיר:

„אויף די בערגזייטן איז די ערד נישט טיף און אומפרוכטבאַר, און יד גרויס פונם ערדהונגער איז בולט פון דעם פאַקט, אַז יעדעס פאַראַנענע

שטיקל ערד איז קולטיווירט... פון דער אַנדערער זייט, אפילו אויף די סאַמע פּעלזיקסטע בערג־שפּוּעים וואַקסן בוימער, ספּעציעל איילבירטן, און ווען עס וואָלט פאַראַנען געווען קאַפּיטאַל, וואָלטן אַ סך פון די, וואָס באַאַרבעטן די דאָזיקע מאָגערע און אומפּרוכטבאַרע שטיקער ערד, געווען בכח צו האָבן פּרנסה דורך דער קולטיווירונג פון פּרוכטבוימער און אָליוון. אָט די פּויערן האָבן אָבער נישט קיין קאַפּיטאַל און קאָנען זיך נישט ערלויבן מותר צו זיין אפילו אויף די מאָגערע גערעטעניש־ן וועלכע זיי קריגן דורך די פיר אָדער פינף יאָר, וואָס פאָדערן זיך ביז די פּרוכטבוימער גיבן הכנסה״...

די באַמערקונג פון סימפּסאָן, אַז די פּעלאַכן קאָנען נישט אויסנוצן די פאַראַנענע מעגלעכקייטן פון אינטענסיווירונג צוליב פעלן פון קאַפּיטאַל, פירט אונז צו אַ ווייטערער פראַגע — צו דער דעפיניציע פון דער ק ו ל ט ו ר פ ע א י ק ײ ט פונם טעכנישן און ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. אונזערע טענות אין דעם פּונקט גילטן נישט נאָר פאַרן בערגלאַנד, נאָר אויך פאַרן פלאַכלאַנד און די טאָלן. האָפּ־סימפּסאָן ציטירט מיט הסכמה די דעפיניציע פון דעם לאַנד־קאָמיסאַר, לויט וועלכער נאָר די ערד ווערט באַטראַכט אַלס קולטיווירבאַר, „וועלכע ווערט פאַקטיש באַאַרבעט אָדער קאָן ווערן קולטיווירט דורך דער אָנווענדונג פון אַרבעטסמעטאָדן און פינאַנץ־מיטלען פון אַ דורכשניטלעכן ארץ־ישׂראלדיקן פּויער״ (H. S p. 21).

מיר זיינען מסכּים אין דער קריטיק פון דער דעפיניציע מיט דר. א. רופּין (זע Palästina Nr 3—4, S. 98, Wien 1931). דער באַגריף פון קולטיווירבאַרקייט פון דער ערד איז פאַר דעם אידישן קאָלאָניסט, וואָס איז פאַרזאָרגט מיט די היינטיקע מיטלען פון טעכניק און וויסן, ווי אויך מיט מער קאַפּיטאַל, גאַנץ אַנדערש ווי דער באַגריף, וועלכער גילט פאַר דעם פּעלאַך. לענדערייען, וואָס זיינען נישט קולטיווירבאַר פאַרן אָפּגעשטאַנענעם און אָרימען פּעלאַך, מוזן נישט בכלל זיין נישט מסוגל פאַר אַמעליאָראַציע און לאַנדווירטשאַפטלעכער עקספּלואַטאַציע.

האָפּ־סימפּסאָן האָט באַדאַרפט דורכפירן אַ קלאָרן חילוק צווישן די שטחים, וועלכע זיינען נישט קולטורפעאיק מיט די איצטיקע אַראַבישע אַרבעטסמעטאָדן, און אַזעלכע שטחים, וועלכע קאָנען נישט געמאַכט ווערן קולטורפעאיק אפילו מיט די פאַרבעסערטע אידישע מעטאָדן. דאַן וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לענדערייען, וואָס ווערן לויט דער אויבנגעגעבענער דעפיניציע קלאַסיפיצירט אַלס נישט קולטורפעאיק, קאָנען מיט די מאָדערנע מיטלען פון טעכניק געמאַכט ווערן דורכאויס מסוגל פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע. פון דעם שטאַנדפּונקט קאָן מען אונטערשיידן פאָלגנדע קאַטעגאָריעס פון לאַנד, וואָס בלייבט נישט באַאַרבעט.

א) נישט באַאַרבעט לאַנד, וואָס וואָלט געקאָנט קולטיווירט ווערן אַפילו מיט די היינטיקע מעטאָדן פון דעם פּעלאַך (לויט דעם דזשאָנסאָן־קראָסבי־ראַפּאָרט זיינען 6,2% פון דער קולטורפעאיקער ערד אין די 104 דערפער געווען נישט באַאַרבעט);

ב) נישט קולטיווירט לאַנד, פּאַסיק פאַר פלאַנצונגען, וועלכע פאַרלאַנ־גען טעכניש וויסן און גרויסע קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס, וועלכע דער פעלאַך פאַרמאָגט נישט (למשל, לייכטע ערד אינם פלאַכלאַנד ביים ים-ברעג, וועלכע טויג פאַר אָראַנזשען־פּלאַנטאַציעס, אָדער באַרגיק לאַנד, וואָס קאָן פאַרפלאַנצט ווערן (נאָך טייערע טעראַסירונגס־אַרבעטן);

ג) לאַנד, וואָס בלייבט אומבאַאַרבעט צוליב נישט גענוג רעגן, וואָס מען וואָלט אָבער געקאָנט קולטיווירן, וויבאַלד מען פאַרשאַפט גרונדוואַסער אָדער וואַסער פון נישט ווייטע טייכן און באַנוצט עס פאַר באַוואַסערונג (למשל, לענדערייען אין עמק הירדן און אין געוויסע טיילן פון נגב);

ד) אומקולטיווירט לאַנד, וואָס מען וואָלט געקאָנט מאַכן קולטורפעאיק דורך אַמעלאָראַציעס, וואָס פאַרלאַנגען אַ סך צייט און גרויסע קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס (למשל, זומפּן ווי אין חולה און אַנדערשוואו).

ה) אומבאַאַרבעט לאַנד, וועלכעס סיי אַראַבער, סיי אידן קאָנען נישט מאַכן היינט ווירטשאַפטלעך נוצבאַר (למשל, דער מדבר אין דרום, נאַקעטע פעלזן).

* *
*

בסך-הכל, מוז דער פּרואוו פונם האָפּ-סימפּסאָן-ראַפּאָרט צו רעדוצירן דעם קולטור-שטח אינם בערגלאַנד, אָפּגעוואָרפן ווערן אַלס אַבסאָלוט אָן שום יסוד. די פלוגמאַשין-פאָטאָגראַפיע, און נאָך דערצו פון אַ קליינעם טייל פונם בערגלאַנד, האָט נישט געקאָנט האָבן קיין וויסנשאַפטלעכן ווערט און די פון האָפּ-סימפּסאָן דערפון געמאַכטע מסקנות האָבן נישט קיין שום סאָלידן יסוד. ווי לייכטזיניק זיי זיינען, באַווייזט דער פאַקט, אַז לויט באַרעכענונ־גען, אויף וועלכע מען קאָן זיך פאַרלאָזן, ווערט שוין היינט אינם בערג־לאַנד באַאַרבעט אַ סך אַ גרעסערער שטח, איידער ס'איז פאַראַנען קולטור־פעאיקע ערד לויט האָפּ-סימפּסאָן. אַ חוץ דעם זיינען אַלע מומחים דערין מסכים, אַז דער קולטיווירבאַרער שטח אינם בערגלאַנד קאָן נאָך ממשותדיק פאַר־גרעסערט ווערן, דהיינו פאַר פלאַנצונגען. מיט אַנדערע ווערטער, די פונם גרונדבוך-דירעקטאָר אָנגענומענע גרויס פון דעם קולטורפעאיקן שטח אינם בערגלאַנד איז אַ סך נענטער צום אמת, אַלס די הנחות, וועלכע סער דזשאָן האָפּ סימפּסאָן האָט אַקצעפּטירט אַלס די ריכטיקע.

ג. דאָס אומבאַוואוינטע בערגלאַנד.

די לופט-פאָטאָגראַפיע איז נישט דער איינציקער מקור פון פעלערן אין דעם האָפּ-סימפּסאָן-ראַפּאָרט. עס באַשטייען באַגרינדעטע ספקות אויך בנוגע דער ריכטיקייט פון דער דעלימיטאַציע (גרענעץ-פירונג) צווישן באַ־וואוינטן און אומבאַוואוינטן בערגלאַנד. דאָס לעצטע ווערט פון דעם לאַנדאויס־מעסטונגס-דירעקטאָר באַצייכנט אַלס „בערג-וויסטעניש". די באַצייכענונג איז בעצם נישט גיי; דער זער משופּעדיקער און צום טייל רעגן-אָרי־

מער אָבהאַנג אין מזרח פון די הרי יהודה ווערט שוין אין תנ"ך אָנגערופן „מדבר יהודה". מען האָט עס געוויינלעך פאַרטײַטשט „די וויסטעניש פון יהודה". אָבער דער לאַנדקאַרטעס-דירעקטאָר און מיט אים סער דזשאָן האָפּ-סימפּסאָן נעמען משמעות אָן, אַז דאָס הייבט נישט באַזעצטע בערגלאַנד איז בכלל אומבאַוואוינבאַר. די גרויס פון דער „בערג-וויסטעניש" ווערט אין דעם סימפּסאָן-באַריכט אָנגעגעבן מיט 2,738,000 מ. ד.; דאָס באַוואוינבאַרע בערגלאַנד איז בכן 6,124,000 מ. ד., גרויס (H. S. p. 22). ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, שטיצן זיך די דאָזיקע דאַטן נישט אויף וועלכע נישט איז לאַנד-אויסמעסטונגען. אַנטקעגן די השערות, באַרעכענען די עקספּערטן פון דער אידישער אַגענץ דעם באַזעצונגס-פעאיקן טייל פון די בערג מיט 7,144,000 מ. ד. (P. L. S. p. 55, מעמאָראַנדום פון דער אידישער אַגענץ צו האָפּ-סימפּסאָן. לאָנדאָן, 1930), אַלזאָ מיט אַ מיליאָן דונאַם מער. לויט דעם וואָלט מען באַדאַרפט שאַצן דאָס אומבאַוואוינבאַרע בערגלאַנד אויף בערך 1,700.000 ביז 1,800.000 מ. ד. אָט די אָפּשאַצונג דעקט זיך מיט אַן אויפשטעלונג פון דעם לייטער פון דער חברת הכשרת הישוב (F. F. p. 123). זי שאַצט אָפּ די באַזעצטע שטחים פון דעם בערגלאַנד אויף פאָלגענדן אופן: אינם אונטערדיסטריקט פון חברון 622,600 מ. ד., אין דעם פון בית-לחם 280.000 מ. ד. אין דעם פון שכם 468.800 מ. ד.; אויב מיר וועלן צוגעבן דערצו 422.000 מ. ד. דעם באַרגיקן טייל פונם דיסטריקט פון יריחו, קומען מיר צו אַ שטח פון ס"ה 1,800.000 מ. ד. ווי ערקלערט זיך דער חילוק פון אַ מיליאָן דונאַם?

עס ווייזט באמתן אויס, אַז דער גרענעץ צווישן באַוואוינטן און אומבאַוואוינטן בערגלאַנד איז פון האָפּ-סימפּסאָן פאַררוקט געוואָרן צו ווייט קיין מערב, אַזוי אַז איצט באַזעצטע און לאַנדווירטשאַפטלעך באַאַרבעטע בערגטיילן זײַנען צוגערעכנט געוואָרן צו דער „וויסטעניש". די באַטרעפנדע צו דעם באַריכט בײַגעלייגטע קאַרטע נר. 2 איז צו קליין, כדי צו דערמעגלעכן אַ גענויע קאָנטראָל פון דער אָפּגרענעצונג. זי ווייזט פונדעסטוועגן, אַז אַ שורה פון דערפער מיט אַ גרעסערער באַפעלקערונג און גרעסערן ערדבאַזיץ איז געבליבן מחוץ פון דעם באַזעצטן בערגלאַנד. באַזונדערס „פאַרוויסטנדיק" איז די דעלימיטאַציע אין די הרי אפרים, צו דרום-מזרח פון שכם ביז צו די הרי גלבוע; דאָ אַליין זײַנען איבער 400.000 מ. ד. אָפּגעריסן געוואָרן פון דעם באַזעצטן לאַנד. די דערפער ר ב א, ט י ע ס י ס (146), ת מ ן (1345), ט ו ב אַ ס (3442), ב י ת - ד ג ן (847), ד ו מ ה (155) ליגן לויט דער קאַרטע נר. 2 אין דעם אומבאַוואוינבאַרן טייל פונם בערגלאַנד. אין די קלאַמערן איז אָנגעגעבן די צאָל נפשות אין די באַטרעפנדע דערפער לויט דער ציילונג אינם יאָר 1922. דעסגלייכן זײַנען די דערפער ב נ י - נ ע י ם (מיט 1279 נפשות) און ס מ ו ע (1.600) בײַ חברון צוליב דער גרענעץ-פירונג אַרײַנגעפאַלן אין „מדבר". דאָס אומבאַוואוינטע בערגלאַנד קאָן דערפאַר נישט זײַן אַזוי גרויס, ווי עס נעמט אָן דער האָפּ-סימפּסאָן-באַריכט. זײַנען אָבער די נידעריקערע אָפּשאַצונגען

ריכטיק, דאַן פאַרגרעסערט זיך דער קולטיווירבאַרער טייל פון דעם בערג-לאַנד, לויט דעם אָנגענומענעם קאָעפיציענט פון קולטורפעאיקייט, מיט 400.000 ביז 600.000 מ. ד.

עס בלייבט נאָך די פראַגע צי איז ריכטיק אויסצושטרייכן דאָס גאַנ-צע איצט אומבאַוואוינטע בערגלאַנד אַלס לחלוטין נישט באַזעצונגספעאיק און לאַנדווירטשאַפטלעך ווערטלאָז.

באַדייטנדע קענער פון ארץ-ישראל, ווי, למשל, דער באַקאַנטער געאָגראַף דר. בראַווער און פראָפ. ס. קליין פון דער ירושלימער אוניווער-זיטעט, זאָגן זיך בפירוש אַרויס קעגן אַזאַ מיינונג, ספּעציעל שטיצנדיק זיך אויף דער געשיכטלעכער ערפאַרונג. הער פראָפ. קליין, וועלכער האָט געהאַט די פריינדלעכקייט זיך שריפטלעך אַרויסזאָגן אין דער פראַגע, ווייזט אָן, אַז די „איצטיקע גרענעץ פון שטענדיקן וואוינען" איז נישט די אייגענע ווי אין די אַלטע צייטן. נאָכדעם ווי ער דערמאָנט אַ שורה פונקטן פון אַ באַדייטענדן שטאָטיקן און דאָרפישן ישוב, וועלכע זיינען געווען אין דער „וויסטעניש" אין די צייטן פון תנ"ך, פון די חשמונאים און אונטער ביזאַנטינישער הערשאַפט, זאָגט פראָפ. קליין, אַז עס איז בכלל אַ טעות צו איבערזעצן די העברעאישע באַצייכענונג „מדבר" מיט „וויסטע" אָדער „וויסטעניש"; די ריכטיקע איבערזעצונג וואָלט געווען „טריפט, אַ פלאַץ, אויף וועלכן מען האָט אין פרילינג געפּאַשעט די שאָף". ער זאָגט דאַן ווייטער:

„מען מוז קודם כל וויסן, אַז נעבן די טריפטן אין יהודה האָבן עקזיסטירט שטעט, וועלכע זיינען היינט נישט באַוואוינט, און עס איז באַקאַנט, אַז זיי זיינען געווען ערטער מיט אַ וויכטיקן ישוב. פון דעם מין זיינען געווען, צום ביישפּיל: מ ע ו ן אין דרום פון חברון (היינט חורבית און תל-מעון) אַ באַוואוינט אָרט פון ימי דוד ביז צום צווייטן בית-המקדש און נאָכן חורבן; ז י ף אין צפון דערפון, דעסגלייכן צו אַלע צייטן באַקאַנט אַלס באַזעצטער אָרט; כ ר מ ל צווישן מעון און זיף, פון וועלכן עס גילט דאָסזעלבע. ווער עס באַטראַכט מיט אַ קריטיש אויג די קאַרטע פון פישער-גוטע, וועלכע גיט אָן נעבן די אַראַבישע נעמען פון די שטעט אויך די היסטאָרישע, דער זעט, ווי שטאַרק איז געווען באַוואוינט אין די אַלטע צייטן דער דרום און דרום-מזרח טייל פון יהודה, וועלכער ליגט מחוץ פון דעם איצטיקן ישוב. איך ווייז אָן, למשל, אויף: תל-ערוד, קריות, כפר ברוכה, אַריסטובולאָס, תקוע, הרודיום, חרבית-ברכות (עמק-הברכה) א. אַז. וו. — אַלע אין יהודה".

ד. דאָס פלאַכלאַנד, נֶגֶב און עֵבֶר-הַיַּרְדֵּן.

די דיפערענצן צווישן די הנחות אינם האָפּ-סימפּסאָן-באַריכט און אַנדערע אָפּשאַצונגען בנוגע דעם קולטיווירבאַרן שטח אין דעם פלאַכלאַנד און אין די טאָלן פון מערב-ארץ-ישראל זיינען נישט אַזוי ענאָרם ווי

בנוגע דעם בערגלאנד. די פאלגנדע טאבעלע ה׳ גיט די מעגלעכקייט צו פארגלייכן אונזערע אייגענע בארעכענונגען (זע „קאלאנ. אויפנאמס-פעאיקייט פון א״י) מיט די פון דעם גרונדבוך-קאמיסאר און דעם לאנד-אויסמעסטונגס-דירעקטאר. די דאטן פון דעם לעצטן, וועלכע באזירן צום טייל אויף שוין דורכגעפירטע אויסמעסטונגען, זיינען מיט רונד 830.000 מ. ד. נידעריקער ווי אונזערע, און די רעדוקציע לגבי די צאלן פון דעם גרונד-בוך-דירעקטאר באטרעפט בערך 1.260.000 מ. ד. מיר ווייסן אבער נישט, פון וועלכער דעפיניציע פון דער קולטור-פעאיקייט, דער טעכנישער און ווירטשאפטלעכער, איז ארויסגעגאנגען דער לאנדאויסמעסטונגס-דירעקטאר ביי זיין קלאסיפיקאציע. מיר האבן אויך נישט קיין גרונד אנצונעמען, אז די נידעריקערע אפשאצונגען זיינען שטענדיק די ריכטיקערע. די דאטן מכח דעם פלאכלאנד ביים ברעג ים (עמק עכו, עמק השרון און עמק פלשתים) זיינען א וויכטיקער באווייז דערפאר.

טאבעלע ה׳

פארגלייכנדע אויפשטעלונג פון די קולטיווירבארע שטחים אין די פלאכן פון מערב-ארץ-ישראל.

פלאכלאנד	לויט טאבעלע א׳ *) מ. ד.	לויט דעם לאנדאויסמעסטונג-דירעקטאר מ.ד.	לויט דעם לאנד-קאמיסאר מ. ד.	קאריגירטע צאלן (צו דער טאבעלע א׳)
פלאכלאנד ביים ים :				
עמק פלשתי, עמק השרון .	3.032.300	2.663.000		3.400.000
עמק עכו		379.000		
עמק יזרעאל	394.100	372.000		
טאל יזרעאל (נוריס)	94.600		5.216.000	
עמק הירדן העליון (בית-שאן, צמח)	341.200	554.000		
עמק הירדן התחתון (יריחו) . .	231.800			
חולה	128.800	126.000		
נגב	2200.000	1.500.000	4.641.000	1.800.000
בסך הכל . .	6.422.800	5.594.000	6.857.000	

דער האפ-סימפסאן-ראפארט איז זער באמיט צו באווייזן, אז די פון אים אנגענומענע דאטן זיינען שטארק אין איינקלאנג מיט די פון דעם אמעריקאנישן לאנד-עקספערט מר. א. ט. סטרעהארן (H. S. p. 23). דאס איז אבער נאר לפנים ריכטיק. דער קולטורפעאיקער שטח פון דעם פלאכ-

*) זע „קאלאנ. אויפנאמספעאיקייט פון א״י.

לאַגד ביים ים-ברעג (פלשת, השרון און עמק עכו צונויפגענומען) איז ביי סטרעהאָרן אָנגעגעבן מיט 3.032,000 מ. ד., ביים אויסמעסטונגס-דירעקטאָר מיט 3.042,000 דונאַם. אויף ערשטן בליק — אַ מערקווירדיקע אידענטיטעט, אָבער די אָנגענומענע גרענעצן אין דרום און דרום-מזרח פון דעם ים-פלאַך זיינען אין ביידע אָפּשאַצונגען זער פאַרשיידן. די דיפערענצן זיינען פון צוויי־ערליי מינים: צום צפון פון ואַדי עזה, והשנית צו דרום פון אים — צווישן עזה און דעם גרענעץ מיט מצרים. ביי סטרעהאָרן איז דער גרענעץ פונם ים-פלאַך קיין מזרח תמיד די ניוואָ-ליניע פון 150 מעטער, און איר דרום-גרענעץ בילדעט די ליניע פונם ואַדי-סיסטעם עזה-שעריה-אימלה, בערך 5 ביז 7 קילאָמעטער צו דרום פון דער ליניע עזה-באר-שבע. דערפאַר איז לויט דער קאַרטע (נר. 2) פון דעם אויסמעסטונגס-דעפּאַרטאַמענט די גרענעץ־ליניע צווישן דעם עמק פלשתים און די הרי יהודה, ווי אויך דעם נגב אַן אַנדערע: זי איז אידענטיש מיט די אַדמיניסטראַטיווער גרענעץ צווישן דעם דיסטריקט פון עזה און דעם פון באר־שבע. קעגן אַזאַ דעמאַרקאַציע באַשטייען גאָר ערנסטע ספקות. די אַדמיניסטראַטיווער גרענעץ אין צפון פון דער ואַדי־ליניע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער; זי קרייצט די 150 מעטער ניוואָ-ליניע אין אייניקע פונקטן און שניידט זיך טיף אַריין אין דעם עמק פלשתים; דורך דעם ווערט דער ים-פלאַך צו מזרח און דרום פון עזה פאַרקלענערט דורך גרויסע שטחים לאַנד, וואָס געהערט בנוגע קוואַליטעט, קולטורן און כמות פון רעגן נישט צו באר־שבע, נאָר צו דער ים-פלאַך-געגנט. פון דער אַנדערער זייט איז עס פון אַ לאַנד-טעכנישן שטאַנדפּונקט ריכטיק, אַז דער ים-ברעג-שטח ענדיקט זיך נישט ביי דער סטרעהאָרנשער גרענעץ, נאָר ציט זיך אין אַ פּאַס ביים ברעג ים צו דרום ביז קיין רָפָה. אין דעם טייל איז דער אַדמיניסטראַטיווע גרענעץ פון סוב-דיסטריקט עזה בערך אידענטיש מיט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער; מיט דער קאָרעקטור פאַרגרעסערט זיך דאָס פלאַכלאַנד ביים ים מיט אַ שטח פון 300.000 ביז 400.000 מ. דונאַם. דורך דער טעותדיקער אָפּגרענעצונג פון דער צפון-זייט פון דער ואַדי-ליניע האָט מען צונישט געמאַכט די דאָזיקע פאַרגרעסערונג און אויף אַזאַ אופן צושטאַנדגעבראַכט אַ צופעליקע אידענטיטעט פון ביידע אָפּשאַצונגען. פאַרריכט מען די אַגריקולטורעלע גרענעץ פון עמק פלשתים צו צפון פון דער ואַדי-ליניע לויט סטרעהאָרן, דאַן פאַרגרעסערט זיך דער קולטורפעאיקער און ס׳רוב באַוואַסערטער שטח פון דעם ים-ברעג מיט קרוב צו 350.000 מ. דונאַם, לגבי דער אָפּשאַצונג אינם האָפּ-סימפּסאָן-ראַפּאָרט. אין אונזער אייגענער אויפשטעלונג פאָלגט פון דער קאָרעקטור אַ רעדוקציע פון דעם קולטיווירבאַרן שטח פון נגב אויף 1.800.000 מ. ד. בערך לטובת דעם פלאַכלאַנד ביים ים.

אין עמק הירדן, צו וועלכן עס ווערן גערעכנט אין דעם האָפּ-סימפּסאָן-באַריכט דער נוריס-טאָל, בית-שאָן, מיט צמח און דער אונטערשטער עמק־הירדן, באַשטייט צווישן אונזער אָפּשאַצונג (667.000 מ. ד.)

און דער פון דעם לאַנד-אויסמעסטונגס-דירעקטאָר (554.000 מ. ד.) אַ דיפע-רענץ פון 113.000 מ. ד. סימפּסאָן אַליין האַלט אָבער, אַז די נידעריקערע ציפער נויטיקט זיך אין אַ קאָרעקטור. לויט אַן עקספּערטיזע פון מומחים פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג, וועלכע ער האָט באַשטעלט, באַטרעפט דער קולטיווירבאַרער שטח אין אויבערשטן און אונטערשטן עמק-הירדן 514.000 דונאַם, צו וואָס מען דאַרף נאָך צורעכענען דעם נוריס-טאַל (מאַכט אויס בסך הכל ביי 610.000 מ. ד.). סימפּסאָן באַמערקט דערצו: „ס׳איז דורכאויס אין די גרענעצן פון מעגלעכקייט אָנצונעמען מיטלען, וועלכע וועלן ליפערן אַ גרעסערע כמות וואַסער ווי מען קאָן איצט ערוואַרטן, גראַד אַזוי איז מעגלעך, אַז אַ גרעסערער שטח לאַנד וועט זיך אַרויסווייזן אַלס קולטור-פעאיק ווי דער, וועלכער ווערט איצט צוגעגעבן און איז אַריינגערעכנט אין דעם קולטיווירבאַרן אַרעאַל״ (H. S. p. 85—86).

אַ סך וויכטיקער איז אָבער דער פאַקט, אַז סער דזש. ה. סימפּסאָן האָט אינגאַנצן פאַרזען און עלימינירט דעם קולטורפעאיקן טייל פון נ ג ב (דיסטריקט פון באר-שבע) און דעם ע ב ר - ה י ר ד ן.

דעם באַוואוינבאַרן טייל פון נגב (בדרך כלל ווערט די פּאַראַלעל-ליניע 310N באַטראַכט אַלס די בערכדיקע גרענעץ צווישן אים און דעם מדבר) שאַצט דער לאַנדאויסמעסטונגס-דעפּאַרטאַמענט אויף 3.200.000 דונאַם. דערפון זאָל אַ קנאַפּע העלפט זיין באַאַרבעטונגס-פעאיק. סער דזש. ה. סימפּסאָן גיט צו, אַז אויב מען וועט דאָרט געפינען די מעגלעכקייט פון באַוואַסערונג, „איז אין דער באר-שבע-געגנט פאַראַנען אַזוי גוט ווי אַ נישט אויסצושעפּנדער רעזערוו פון קולטורפעאיקער ערד״ (H. S. p. 20). אָן באַ-וואַסערונג קאָן מען נישט אַנטוויקלען דעם געביט. די דאָזיקע קאָנסטאַטי-רונגען באַרעכטיקן געוויס נישט די אַבסאָלוטע עלימינירונג פון דעם נגב. אין דעם ראַפּאָרט פון דער פּאַראייניקטער ארץ-ישראל-אונטערזוכונגס-קאָמיסיע פון דער אַגענץ, וועלכן האָפּ-סימפּסאָן ציטירט אַזוי אָפט, הייסט עס בנוגע דעם באר-שבע-געביט אין דעם ראַפּאָרט פון א י נ ז ש. ה ע נ ר י ק ע ס: „לויט מיין מיינונג זיינען דאָ פאַראַנען באַדייטנדע ערדישטחים, וואו מען וואָלט געקאָנט געפינען גענוג וואַסער פאַר איריגאַציע אין אַן עקאָנאָמישער טיף, ביחוד אין על-עודשא און אַסלודש״ (J. P. S. C. p. 404). די דער-מאָנטע ערטער ליגן 55 ק״מ צו דרום-מערב און 25 ק״מ צו דרום פון באר-שבע. די גלייכע מיינונג האָט אויך מר. ב ל י י ק, דער געאָלאָג פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג. אין זיין ווערטפולער סטודיע „די געאָלאָגיע און די וואַסער-רעסורסן אין ארץ-ישראל״ שרייבט ער נאָך אַן איבערזיכט פון דער פאַרטיילונג פונם וואַסער אין פאַרשיידענע טיילן פון נגב (p. 45):

„עס זיינען אָבער פאַראַנען באַווייזן, אַז אַ גרויסער שטח צו מערב פון באר-שבע, ביז צו מזרח פון תל-על-מישא — אַ מרחק פון ווייניקסטנס 20 ק״מ — וואָלט געקאָנט אַנטוויקלט ווערן פאַר באַוואַסערונגס-צוועקן... די פאָלגנדע צאָלן גיבן אַ באַגריף פון דער אויסשפּרייטונג פון דעם וואַ-סערבעקן פון צפון קיין דרום: 15 ק״מ צו צפון-מזרח פון באר-שבע, אין

ביר-על-מאַקראַנע, הויך 1.200 פוס, ווערט דערגרייכט וואַסער אין דער טיף פון 20 מ., די כמות איז אומבאַקאַנט. 20 ק״מ צו דרום פון באר-שבע, אין אַסלודזש, הויך 100 פוס, געפינען זיך עטלעכע ברונעמער פון 10 מעטער טיף, ווי מען גיט איבער, מיט אַ סך וואַסער. אין כאַלאַסאַ, 800 פוס הויך — 14 ק״מ צו צפון-מזרח פון אַסלודזש — איז אַ ברונעם 25 פוס טיף; די וואַסער-כמות זאָל זיין זער אַ גוטע. אין על עודזשאַ איז דער ברונעם בערך 20 מ. טיף; צו דרום דערפון געפינען זיך צוויי ברונעמער 80 און 100 פוס טיף, וואו ס׳איז פאַראַנען אַ סך וואַסער״.

אויך דאָרט, וואו מען קאָן נישט האָפן אויף וואַסער, איז אין נגב מעגלעך אומבאַוואַסערטער אַקערבוי אויף גרויסע שטחים לויט די מעטאָדן פון דריי-פאַרמינג (טרוקענער אַקערבוי). נישט אומבאַדייטנדע שטחים ווערן אויך איצט באַאַרבעט מיט גערשטן דורך די בעדואינער אויף אַ גאָר עקס-טענסיוון אופן. סער דזשאָן ראַסעל ווייזט מיט רעכט אָן, אַז „די מעטאָדן פון באַהאַנדלען אַזעלכע גרענעץ-לענדערייען (געמיינט איז לאַנד מיט אַן אומ-זיכערער כמות רעגן) ווערן אַלץ מער פאַרבעסערט; אין מערב-אויסטראַליע ווי אין קאַנאַדע האָט זיך דער אַקערבוי זער שטאַרק אויסגעשפּרייט אין געגענטן, וועלכע זיינען פריער געווען פוסט און וויסט״. דער נגב נויטיקט זיך אין אַ הידראָגראַפישער אונטערזוכונג און לאַנדווירטשאַפטלעכער אויס-פאָרשונג. זיין אויף 1,5 ביז 2 מיליאָן דונאַם געשאַצטן קולטיווירבאַרן שטח איינגאַנצן צו פאַרנאַכלעסיקן איז אַן אומבאַגרינדעטע רעדוקציע פון דעם נוצבאַרן שטח פון מערב-ארץ-ישראל.

דאָסגלייכן אומבאַרעכטיקט איז, וואָס האָפּ-סימפּסאָן באַהאַנדלט, ביי דער אויספאָרשונג פון די ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון ארץ-ישראל און בפרט פון דער לאַנדפראַגע, דעם ע ב ר - ה י ר ד ן ווי אַ לאַנד, וואָס ליגט מחוץ דעם מאַנדאַט-געביט. מיט רעכט קאָנסטאַטירט דער ראַפּאָרט פון דער ארץ-ישראל-פאַרוואַלטונג פאַרן יאָר 1921 אַז „ביידע טעריטאָריעס בילדן אַן איינהייט סיי ווירטשאַפטלעך, סיי אין אַ סך באַציאונגען אויך געאָגראַ-פיש״. באמתן וואָלט דער עבר-הירדן נישט געקאָנט עקזיסטירן אָן דעם צוגאַנג צום מיטללענדישן ים און וואָלט שוין היינט געווען פינאַנציעל באַנקראָט אָן דער מאַטעריעלער הילף פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג און פון דעם בריטישן שאַץ-אַמט. דאָסגלייכן איז פאַר ארץ-ישראל דער עבר-הירדן געווען פון שטענדיק אָן זיין נאַטירלעך הינטערלאַנד. דער ירדן איז פונקט אַזוי ווייניק אַ ווירטשאַפטלעכע גרענעץ ווי עס איז די טעמזע, דער סיין אָדער די עלבע.

פּאָליטיש איז עבר-הירדן אַ חלק פון דער מאַנדאַט-טעריטאָריע ארץ-ישראל, ווען אויך אונטער אַן אָפּגעזונדערטער אַדמיניסטראַציע. הגם בנוגע דער אידישער נאַציאָנאַלער היים גילטן נישט פאַר דעם עבר-הירדן די אַנטשפּרעכנדע מאַנדאַט-תקנות, מינדערט דאָס אָבער נישט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער דאָרטיקער פאַרוואַלטונג און פון דער פאַר איר פאַראַנטוואָרטלע-כער מאַנדאַטאַר-מאַכט, צו זיכערן די אידן פולשטענדיקע באַזעצונגס-פריי-

הייט אוןווירטשאַפטלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, גלייך ווי אַלע בירגער פון ארץ-ישראל און פון די מיטגלידס-שטאַטן פון דעם פעלקער-בונד. די אַראַ-בער פון עבר-הירדן געניסן אַזעלכע רעכט אין מערב-ארץ-ישראל און באַנוצן זיך דערמיט. פאַרוואָס זאָלן גראָד די לאַנדלאָזע פעלאַכן פון ארץ-ישראל, ווען דאָרט וואָלט געהערשט לאַנד-נויט, ווי האָפּ-סימפּסאָן וויל אונז איינרעדן, נישט קאָנען גיין קיין עבר-הירדן, כדי צו פאַראַקערן דאָרט די גרויסע נישט באַאַרבעטע ערד-שטחים? די באַדינגונגען פון קלימאַט, אַקערבוי, סביבה זיינען די גלייכע אויףביידע זייטן פון ירדן. מיר טיילן בשום אופן נישט — דאָס מוז קלאָר זיין — די מיינונג פון סער דזש. ה. סימפּסאָן, אַז נאָר דורך עמיגראַציע וואָלט מען געקאָנט שאַפן לופט אין די בערג-געגענטן פון א״י און מיר באַטראַכטן דעם עבר-הירדן נישט אַלס אַ רעזערוו פאַר דער באַזעצונג פון אַראַבער אויס מערב-ארץ-ישראל. דער עבר-הירדן מוז לויט אונזער מיינונג געעפנט ווערן פאַר דער קאָלאָ-ניזאַטאָרישער באַטעטיקונג פון די אידן און אַראַבער אין אַ גלייכער מאָס. אָבער דוקא דערפאַר טאָר מען נישט פאַרזען, אַז עקאָנאָמיש זיינען ביידע טיילן פון דעם מאַנדאַט-געביט קאָמוניצירנדע כלים. ס'איז אוממעגלעך ביי דער באַהאַנדלונג פון אַ פּלאַן פון שאַפן פּלאַץ פאַר נייע קאָלאָניסטן אויף דער מאַנדאַט-טעריטאָריע נישט צו נעמען אין אַכט די גאָר שיטער באַפעל-קערטע לאַנד-רעזערוון פון עבר-הירדן און זיי קינסטלעך אָפּשניידן פון דעם ארץ-ישראלדיקן שטח. די פּאָליטישע גרענעצן פון עבר-הירדן, וואָס זיין שטח ווערט אָנגענומען מיט 40.000 קוו. ק״מ, נעמען אין זיך אריין אויסגעשפּרייטע סטעפּעס און מדבריות. נעמט מען בערך די העדזשאַס-באַן אַלס דעם מזרח-גרענעץ פון דעם באַזעצונגס-פעאיקן טייל, באַטרעפט ער ביי 15.000.000 דונאַם (15.000 קוו. ק״מ), פון וועלכע בערך צוויי דריטל, אָדער צען מיליאָן דונאַם, זיינען באַאַרבעטונגס-פעאיקע ערד. אויף אָט דעם געביט, וואָס איז כמעט גלייך גרויס ווי מערב-ארץ-ישראל, וואוינט אַ באַזעצטע באַפעלקערונג פון קנאַפּע 130.000 נפשות, חוץ 120.000 האַלב-נאָמאַדן און 50.000 בעדואינער.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן ווי שטאַרק עס וואָלט זיך געענדערט דאָס בילד, ווען האָפּ סימפּסאָן וואָלט נישט אייגנווילִיק רעדוצירט דעם קולטיווירבאַרן שטח פון דעם בערגלאַנד, וואָלט נישט עלימינירט דעם דרום און מזרח פון ארץ-ישראל פון זיין אויספאָרשונג און וואָלט נישט געמאַכט פון די צוויי אַדמיניסטראַטיווע דיסטריקטן פון מערב-ארץ-ישראל אַ מין קינסטלעכן תחום-המושב, וואָס דערמאָנט זער אָן דער אומגליקלעכער רוסי-שער „טשערטאַ". אויך ווען מען אַקצעפּטירט די גוזמהדיקע אָפּשאַצונגען פון האָפּ-סימפּסאָן בנוגע דער דאָרפישער באַפעלקערונג פון ארץ-ישראל און מען רעכנט כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון עבר-הירדן צו דער לאַנדווירט-שאַפט, אויך דאַן זיינען פאַראַן אין גאַנץ ארץ-ישראל אין קיילעכדיקע צי-פערן 120 טויזנט פויערן-פאַמיליעס. ביי אַ קולטיווירבאַרן שטח פון רונד 22 מיליאָנען דונאַם קומט אויס אויף איין פאַמיליע אַ לאַנד-חלק פון איבער

180 דונאַם, בכן צוויי מאָל אַזויפיל ווי דער דורכשניטלעכער שטח, וועלכער פאַלט אויס לויט האָפּ סימפּסאָן אויף אַ פעלאַכן-משפחה אין ארץ-ישראל, און אַ סך מער ווי דער מינימום-באַדאַרף פון 130 דונאַם פּראָ משפחה, וועלכן ער רעכנט אויס.

איצט קאָנען מיר צוטרעטן צו באַטראַכטן אַט דעם צווייטן פאַקטאָר אין די חשבונות פון האָפּ סימפּסאָן — די נויטיקע לאַנד-איינהייט און דעם דערפון שטאַמענדן לאַנד-באַדאַרף פאַר דער אַגריקולטורעלער באַפעלקערונג פון ארץ-ישראל.

II. לאַנדנאָרם און לאַנדבאַדאַרף פון די פעלאַכן.

בעת אין דער פראַגע פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעך באַנוצבאַרן שטח פון ארץ-ישראל קלייבט אויס דער סימפּסאָן-ראַפּאָרט די סאַמע אומגינסטיקע צאָלן און רעדוצירט ארץ-ישראל אויף 6500 קוואַדראַט קילאָמעטער, איז דער מחבר אין דער פראַגע פון דער לאַנדנאָרם זער ברייטהאַרציק און שטאַרק באַמיט צו שאַצן דעם נויטיקן לאַנד-חלק וואָס מעגלעך העכער. זיין דעצידירנדע קאָנקלוזיע איז בזה הלשון: „ס'איז אויך באַוויזן געוואָרן, אַז אַ שטח פון מינדעסטנס 130 דונאַם איז נויטיק, כדי מפרנס צו זיין אַ פעלאַכן-משפחה אין די אומבאַוואַסערטע לאַנד-געגענטן אויף אַ מענטשלעכן לעבנסניוואָ... ביי אַ דורכשניטלעכן ווירטשאַפטס-שטח פון 130 דונאַם וואָלטן געווען נויטיק בערך אַכט מיליאָנען דונאַם קולטורפעאיקע ערד" (H. S. p 141—142). די כונה איז זער דורכזיכטיק, מרמז צו זיין, אַז עס באַשטייט אַן אקוטע לאַנדנויט פון בערך 2,5 מיליאָנען דונאַם. די מסקנה באַזירט אויף צוויי הנחות: אַז דער מינימאַלער שטח פון אַ פעלאַכן-ווירטשאַפט פאַר אומבאַוואַסערטן אַקערבוי באַטרעפט 130 מ. ד., און אַז די דאָזיקע לאַנדנאָרם גילט פאַר גאַנץ ארץ-ישראל. ביידע הנחות האַלטן נישט אויס קיין זאַכלעכע קריטיק.

סער ד. ה. סימפּסאָן ווייס ווי שווער עס איז צו פיקסירן די לאַנד-איינהייט, וועלכע איז נויטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ פויערן-משפחה, בפרט ביי דער פאַרשיידנאַרטיקייט פונם לאַנד און פון זיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע דיסטריקטן. „ס'איז אוממעגלעך צו באַשטימען דעם שטח פון אַ ווירטשאַפט, וועלכער וואָלט געקאָנט גילטן אַלס נאָרמאַלער באַטריב אין באַוואַסערטע און אומבאַוואַסערטע געגענטן. הגם ס'איז אמת, אַז מען וואָלט נישט געקאָנט פעסטשטעלן אַזאַ לאַנד-נאָרם, איז עס גוט אַרויסצוגעפינען אַ בערכדיקן דורכשניטס-שטח פאַר לענדערייען פון פאַרשיידענע מינים." (H. S. p. 61). צו דעם צוועק באַנוצט ער מאַטעריאַל, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון פאַרשיידענע עקספּערטן אין פאַרבינדונג מיט דער אידישער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט, ווי אויך די אַנקעטע פון דער דזשאָנסאָן-קראָסבי-קאָמיסיע איבער דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די פעלאַכן.

דער פּועל־יוצא פון דער דזשאָנסאָן־קראָסבי־קאָמיסיע בנוגע דעם לאַנד־באַדאַרף פון אַ פעלאַכן־ווירטשאַפט אין דער אומבאַוואַסערטער געגנט, וואָס באַזירט קודם־כל אויף תבואה־בוי, דעקט זיך אין אַ גאַר גרויסער מאָס מיט דעם פאָרשונגס־רעזולטאַט פון אגר. ווילקאַנסקי אין זיין סטודיע איבער דער פעלאַכן־ווירטשאַפט. די קאָמיסיע געפינט, אַז אַן אַראַבישער פויער, וועלכער איז אייגנטימער פון זיין ערד, דאַרף האָבן 75 דונאַם. אַזאַ טיפּישער באַטריב באַשטייט פון בערך 65 דונאַם תבואה־לאַנד און 10 דונאַם פאַר אומבאַוואַסערטע פלאַנצונגען.

אגר. ווילקאַנסקי שרייבט: „אַ געוויינלעכער פעלאַך האָט אַ חלק אינם דאָרפלאַנד פון 70—100 דונאַם. ער באַאַרבעט דעם גאַנצן שטח אָן דרויסנדיקער הילף. ווער עס האָט מער לאַנד, דינגט זיך אַ כאַראַט (לאַנד־אַרבעטער)" (F. F. p. 54). לויט דעם וואָלט געווען דער דורכשניט 85 דונאַם, אָבער ווילקאַנסקי האָט געהאַט אין אויג אַ ריינע תבואה־ווירטשאַפט, לגמרי אָן בוימער, ווי עס ווערט קלאָר פון זיין אויפשטעלונג פון די הכנסות און הוצאות פון אַ פעלאַך (F. F. p. 49). האָפּ סימפּסאָן לויבט טאַקע אָט די „צוויי ערנסטע אויספאָרשונגען" (H. S. p. 60), ער איגנאָרירט זיי אָבער לגמרי. ער קריטיקירט די מיינונג פון דער דזשאָנסאָן־קראָסבי־קאָמיסיע און פרואווט דערביי זיך צו שטיצן אויף די דאַטן איבער דעם ערד־באַדאַרף פון אַ אידישער ווירטשאַפט. אין ביידע פונקטן — אין זיין קריטיק ווי אויך אין דעם אופן ווי ער באַנוצט זיך מיט דעם אידישן מאַטעריאַל — איז ער נישט גערעכט און זיינע מסקנות זיינען אומבאַגרינדעטע און אומבאַוויזן.

די דזשאָנסאָן־קראָסבי־קאָמיסיע האָט אויפן יסוד פון אַ גענויער אונטערזוכונג, אויפגעבויט אויף אַ רייכן מאַטעריאַל, באַרעכנט, אַז „כדי צו זיכערן די מינימאַלע לעבנס־הוצאות פון אַ משפחה, ווייזט אויס צו זיין נויטיק פאַר דעם פויער־אייגנטימער אַ שטח פון 75 דונאַם, בשעת אַ פעכטער דאַרף האָבן 130 דונאַם" (J. C. p. 22). האָפּ סימפּסאָן וואַרפט אָפּ די מסקנה מיט דער באַגרינדונג, אַז די באַרעכענונג פון די הכנסות פון אַזאַ באַטריב איז באַזירט אויף די פרייזן פון די יאָרן 1924—1928; פאַרקערט, ער מאַכט דעם חשבון אויפן יסוד פון די פרייזן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן ווי זיי זיינען געשטאַנען אין א״י בעת זיין באַזוך, ווען אַלע מקחים זיינען געפאַלן מיט פופציק פּראָצ. (H. S. p. 63). ראשית איז נישט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָפּ סימפּסאָן באַטראַכט די איצטיקע ירידה אין פרייזן, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער אַגראַר־ווירטשאַפט פון דער וועלט, אַלס אַ פּערמאַנענטע ערשיינונג. אויף קיינער פון די לעצטנס אָפּגעהאַלטענע קאָנפערענצן מיטן צוועק צו באַקעמפן דעם אַגראַר־קריזיס איז מען נישט אַרויסגעגאַנגען פון אַזעלכע האָפנונגסלאָזע מיינונגען, און די פירנדע ווייץ־לענדער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַקלערן אַ רעדוקציע פון זייערע שטחים אונטער ווייץ. יעדנפאַלס, קומט עס אויס משונהדיק און

נישט דערלאָזבאַר, צו באַזירן די באַרעכענונג פון דער לאַנדנאָרם אויף די תּבואה-פּרייזן פון איינאיינציקן יאָר.

דאַן האָט סער ד. ה. סימפּסאָן פאַרזען דעם פונדאַמענטאַלן פאַקט, אַז דער אַראַבישער פעלאַך איז נאָר אין אַ באַגרענעצטער מאָס אָפּהענגיק פון דעם מאַרק. ער פּראָדוצירט קודם-כל פאַר זיין אייגענעם באַדאַרף, און נאָר אַ קלענער טייל פון זיינע פּראָדוקטן קומט אין באַטראַכט פאַר דעם פאַרקויף. אַזוי, למשל, גיט איבער די דזשאָנסאָן-קראָסבי-קאָמיסיע, אַז פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון די אויסגעפאָרשטע 104 דערפער, אינם ווערט פון 799 טויזנט פונט, קומען נאָר 106 טויזנט פונט אויפן מאַרק (J. C. p. 23), ד. ה. 13,3 פּראָצ. פון דער פעלד-געדערטעניש. עס איז, אמת, מעגלעך, אַז אויף די אינפאָרמאַציעס מצד די פעלאַכן קאָן מען זיך נישט פאַרלאָזן און אַז דער רעשט פאַרן מאַרק איז העכער. אַזוי זעט עס אויס לויט די אויפשטעלונגען פון דער דזשאָנסאָן-קרסאָבי-קאָמיסיע און פון אַגר. ווילקאנסקי, איבער די הכנסות און הוצאות פון אַ טיפּישער פעלאַכן-ווירטשאַפט. לויט דעם קאָמיסיע-באַריכט באַטרעפן די הוצאות פון אַ פעלאַכן-משפּחה פאַרן לעבן, פאַר שטייערן און ווירטשאַפטלעכע הוצאות 55 פונט אינם יאָר. דער גרעסטער טייל דערפון ווערט געדעקט פון די אייגענע פּראָדוקטן פון דער ווירטשאַפט. נאָר פאַר דער הוצאה אין דער הויך פון 9 פונט און כדי צו באַצאָלן בערך 7 פונט שטייערן נויטיקט זיך דער פעלאַך אין מזומן, מוז אַלזאָ פאַרקויפן פּראָדוקטן אינם ווערט פון 16 פונט. ביי אַ הכנסה פון 64 פונט פון אַלע צווייגן פון אַ 100-דונאַם-באַטריב וואָלטן עס געווען 25 פּראָצ. פון די הכנסות (J. C. p. 18—20 Tab. XX—XXII).

לויט ווילקאנסקי באַטרעפן די מזומנע הוצאות פון אַ פעלאַך צירקא 16,50 פונט אויף 58,50 פונט הכנסות פון פעלד-ווירטשאַפט; ער וואָלט אַלזאָ געמוזט פאַרקויפן בערך 28 פּראָצ. פון זיינע פּראָדוקטן. אין דורכשניט, קומט אויס, באַטרעפט דער רעשט, וועלכן דער פעלאַך פאַרקויפט אויפן מאַרק, 20—25 פּראָצ. אַ ירידה אין די פּרייזן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, אפילו זי וואָלט געווען פערמאַנענט, וואָלט באַרירט דעם פעלאַך נאָר בנוגע 20—25 פּראָצ. פון זיין פּראָדוקציע. מוז ער ביי אַ ווירטשאַפט-שטח פון 75 דונאַם ברענגען אויפן מאַרק די פּראָדוקטן פון דורכשניטלעך 17 דונאַם, אַזוי מוז ער האָבן ביי אַ פּרייז-ירידה פון 50 פּראָצ. כדי צו באַפרידיקן די גלייכע הצטרכותן, אַ הוספה פון 17 דונאַם. זיין ערד-באַדאַרף וואָלט געמוזט דאַן באַטרעפן אנשטאט 75 ד. בערך 92 דונאַם, אָבער אַלץ נאָך נישט 130 דונאַם, ווי עס לערנט דעם פּשט סער ד. ה. סימפּסאָן.

אַ ווייטערער ביישפּיל פון פאַרגרייזטע מעטאָדן איז די פון האָפּ סימפּסאָן אונטערגענומענע איבעררעכענונג פון די ציטירטע דזשאָנסאָן-קראָסבי-טאַבעלן אויפן יסוד פון די היינטיקע פּרייזן (H. S. p. 67—68). דערביי באַרעכנט סער דזש. ה. סימפּסאָן די הכנסות פון דעם פעלאַך לויט די נידעריקע פּרייזן פון דעם יאָר 1930, אָבער די הוצאות לאָזט ער שטיין אין זייער פולער הויך לויט זייערע מאַרק-מקחים אינם יאָר 1928 (H.S.p. 69).

ס׳איז באמת נישט נויטיק צו באַנוצן אַזעלכע רעכענונגען, כדי צו באַווייזן, אַז דער ארץ־ישראלדיקער פעלאַח לעבט אין אָרימקייט, און אַז דער איצטיקער אַגראַר־קריזיס דריקט אויף אים זער שווער!

נאָך אַן אַרגומענט קעגן די 75 דונאַם־איינהייט, אויף וועלכן האָפּ סימפּסאָן באַרופט זיך, איז די „פאַר די צוועקן פון דער אונטערזוכונג אונטערגענומענע גענויע אויספאָרשונג פון דעם מצב אינם דאָרף באר־זית אינם בערגלאַנד״ (H. S. p. 63). די דאָזיקע אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז אינם דאָרף זיינען פאַראַנען 180 משפחות. די לאַנדנאָרם פאַר אַ ווירטשאַפט באַטרעפט דאָרט 112 דונאַם, אַזוי אַז דער שטח פון דעם דאָרף קלעקט אייגנטלעך נאָר פאַר 65 פאַמיליעס. די עקזיסטענץ פון די 115 כלומרשט איבעריקע משפחות ערקלערט האָפּ סימפּסאָן מיט געלט־אָנווייזונגען פון דאָרף־איינוואוינער, וועלכע זיינען קיין אַמעריקע אויסגעוואַנדערט, מיט הכנסות פון טאָג־לוין און „צובאָרגן פון וואָכערניקעס״ (H. S. p. 63). עס לוינט זיך צו באַלויכטן עפּעס נענטער אָט דעם משל.

לויט די דאַטן אינם האָפּ־סימפּסאָן־באַריכט וואָלט אַ 112־דונאַם־ווירטשאַפט אין באר־זית געמוזט באַשטיין פון 30 דונאַם איילבוימער, 9 דונאַם פייגנבוימער, 20 דונאַם ווייַנשטעק און 53 דונאַם תבואה. דער דזשאָנסאָן־קראָסבי־באַריכט פאַרמאָגט גענויע און זער פּאָזיטיווע ידיעות וועגן די הכנסות פון אָט די פאַרשיידענע קולטורן. לויט זיי ברענגט אַ דונאַם איילבוימער „נישט ווייניקער ווי 1,750 פונט אַ יאָר״ (J. C. p. 12). דער ריוח פון איין דונאַם פייגנבוימער איז לויט דער טאַבעלע XX (J. C. p. 18) מיט 1,5 פונט אָפּגעשאַצט זער נידעריק; און דעסגלייכן ווילן מיר אָננעמען, אַז אַ דונאַם טרויבן וואָלט געבראַכט די אומגעווײַנלעך נידעריקע הכנסה פון 1,5 פונט. דער אַקערבוי ברענגט נאָר 0,50 פונט פון דונאַם (J C.p.10).

אַ ווירטשאַפט אין באר־זית וואָלט אַלזאָ געמוזט טראָגן פאָלגנדע הכנסות:

30	דונאַם	צו	1,75	פונט	=	52,5 פונט
29	„	„	1,50	„	=	43,5 „
53	„	„	0,50	„	=	26,5 „
צוזאַמען פון דער פעלד־אַרבעט						122,5 פונט.
פון מילך־בהמות און עופות						7,0 „
סך־הכל						129,5 פונט

רעכנט מען אָפּ די ווירטשאַפטס־הוצאות (22 פונט) און די שטייערן (12,50 פונט) בלייבט אַ ריינע הכנסה פון 95 פונט. דאָס איז כמעט דריי מאָל אַזויפיל ווי די פון דער דזשאָנסאָן־קראָסבי־קאָמיסיע אויסגערעכנטע נעטאָ־הכנסה פון אַ 100 דונאַם־ווירטשאַפט (35 פונט). דאָס הייסט, אַז אַ פעלאַכן־משפחה אין באר־זית, וואָס באַזיצט 112 דונאַם, פון וועלכע 53

פּראָצ. זיינען באַפּלאַנצט מיט פּרוכטבוימער און 47 פּראָצ. מיט תּבואָה, וואָלט נישט נאָר געקאָנט לעבן ווייט איבער דעם מינימום פון 26 פונט אינם יאָר, נאָר וואָלט געקאָנט באַטראַכט ווערן אַלס אַבסאָלוט פאַרמעגלעך.

דער געמאַכטער חשבון באַווייזט אויך, אַז אין נאָרמאַלע יאָרן קאָנען פון 112 דונאַם אין באר־זית עקזיסטירן 2 ביז 3 משפּחות. נישט קיין וואונדער. ווייל אַ דונאַם פלאַנצונגען איז מינדעסטנס 3—4 מאָל אַזויפיל ווערט ווי אַ דונאַם אַקערבוי, און אַ ווירטשאַפט פון 40 דונאַם, פון וועלכע 20 דונאַם זיינען פּרוכטבוימער, איז פּונקט אַזוי פיל ווערט ווי אַ תּבואה־ווירטשאַפט פון 80—100 דונאַם. דאָס איז אַן ערק.ערונג פאַר דעם פאַקט, אַז „באר־זית ווערט באַטראַכט אַלס איבער דעם דורכשניט פאַרמעגלעך צווישן די דערפער אין די בערג" (H. S. p. 64), אַן ערקלערונג, וואָס לייגט זיך גיכער אויפן שכל איידער סער דזש. ה. סימפּסאָנס באַהויפּטונג, אַז דאָס דאָרף ווערט אויסגעהאַלטן פון אַמעריקאַנישע קרובים און וואָכע־רערס.

נאָכדעם ווי סער דזש. ה. סימפּסאָן האָט געפּרואווט אויף דעם נאָר וואָס ־ כאַראַקטעריזירטן אופן אָפּצושוואַכן די קאָנסטאַטירונגען פון דעם דזשאָנסאָן־קראָסבי־באַריכט ערקלערט ער: „עס איז קלאָר, אַז אויף נישט איריגירטער ערד באַטרעפט די לאַנדנאָרם נישט ווייניקער ווי 130 דונאַם" (H. S. p. 64). וויל ער מיט דער דאָזיקער נישט מאָטיווירטער פעסטשטע־לונג מרמז זיין, אַז ער רעכנט נאָר מיט ריינע אַקערבוי־ווירטשאַפטן אָן שום בוים־פלאַנטאַציעס?

דאַן מוז מען דערויף אָנווייזן, אַז אַפילו אין די אומבאַוואַסערטע געגענטן פון ארץ־ישראל טאָר מען זיך נישט אָפּזאָגן פון דעם אינטענסיווי־רונגס־ווערט פון פלאַנצונגען, ווי ס'איז אָקאָרשט באַוויזן געוואָרן אויף דעם באר־זית־משל. אין די 104 דערפער פון דער דזשאָנסאָן־קראָסבי־אַנקעטע באַטרעפן די הכנסות פון אייל־ און אַנדערע פּרוכט־בוימער 220.000 פונט פון בס"ה 800.000 פונט הכנסה פון דער פעלד־ווירטשאַפט, ד. ה. 27,5 פּראָצ. (J. C. 14).

די איינהייט פון 130 דונאַם שטאַמט פון דעם דזשאָנסאָן־קראָסבי־ראַפּאָרט, וואו דער שטח ווערט באַרעכנט אַלס דער מינימום, אין וועלכן עס נויטיקט זיך אַ פּעכטער־באַטריב. דער פּעכטער מוז נעמלעך אָפּצאָלן בערך אַ דריטל פון זיין הכנסה אַלס פּאַכט (אַרענדע) דעם גרונד־באַזיצער; דאָס העכערט זיינע הוצאות מיט 15 פונט (J. P. p. 18), און אַחוץ דעם פלאַנצט ער נישט קיין בוימער *). עס וואָלט געהאַט אַ זין אָנצונעמען אַלס נאָרם דעם לאַנדבאַדאַרף פון דעם אַרענדאַטאָר, ווען די אַרענדע וואָלט געווען די דאָמינירנדע פאָרם פון לאַנדבאַזיץ אין ארץ־ישראל, דאָס איז אָבער בשום

*) אַנשטאָט 10 דונאַם פּרוכטבוימער דאַרף מען האָבן אין אַ ריינער תּבואה־ווירטשאַפט בערך 30 דונאַם, און נאָך אַמאָל 30 דונאַם תּבואה זיינען נויטיק, כדי צו דעקן דעם צוגאָב פון 15 פונט הוצאות.

אופן נישט אַזוי, נישט קוקנדיק אויף דער סאָציאַלער העגעמאָניע פון די פּעאָ־דאַלע פּריצים. עס זיינען נישטאָ קיין גענוגע צאָלן איבער דער פאַרשפּרייטונג פון פויערישן לאַנדאייגנטום און פון לאַנדפּאַכט אין א"י. בכלל שטייגן נישט איבער די אָפּשאַצונגען פון דעם פּאַכט-שטח די ציפער פון 30% פון דעם באַאַרבעטן שטח. אין די פון דער דזשאָנסאָן-קראָסבי-קאָמיסיע אונטערזוכטע 104 דערפער זיינען געווען אויף בס"ה 1,247.580 דונאַם 29,7 % אַרענדירטע ערד (J. C. p. 20); אָבער אין דעם זיינען אַריינגערעכנט 126,522 דונאַם אַרענדירט פון אַ נ ד ע ר ע ד ע ר פ ע ר, ד. ה. לאַנד וואָס איז אייגנטום פון פויערן. דאָס פּאַכטלאַנד אין ארץ-ישראל קאָן געשאַצט ווערן אויף קנאַפּע 25 % פון דעם באַאַרבעטן שטח. די נאָרם פון 130 דונאַם גילט אַלזאָ נאָר פאַר אַ פערטל פון די ארץ-ישראלדיקע פעלאַכן. ווען אָבער פון פיר פויערן-ווירטשאַפטן זיינען דריי צו 75 דונאַם גרויס און די פערטע איז 130 דונאַם, דאַן איז דער דורכשניט – קנאַפּע 90 דונאַם אויף אַ ווירטשאַפט.

סער ד. ה. סימפּסאָן גלויבט, אַז „די דורכשניטלעכע באַשטייענדע פעלאַכן-ווירטשאַפט קלעקט פאַקטיש נישט אויף צו ערמעגלעכן אַפילו אַ בערך אַנשטענדיקע לעבנס-מדרגה" (H. S. p. 46); דערביי זאָגט ער עס רעדנדיק וועגן אַ פעדאַן פון 120 דונאַם. ער שטיצט זיין מיינונג באַרופנדיק זיך אויף די אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע איינגעפירטע אָדער דיסקוטירטע לאַנדנאָרמען.

אַזוי ציטירט ער דעם „שליסל פאַר דער באַזעצונג פון פאַרשיידענע נעגענטן אין ארץ-ישראל". דאָרט ווערט פאַר דעם טיפּ פון אַ „מאָדערנער קאָלאָניע אויף שווערער ערד" באַצייכנט אַלס נויטיק דער ערד-שטח פון 150 ביז 250 דונאַם.

ס'איז נאָר אַ שאַד, וואָס סער דזש. ה. סימפּסאָן האָט ביים לייענען פון דעם ציטאַט, ווייזט אויס, נישט גענוג אויפמערקזאַם שטודירט די דערביי אָפּגעדרוקטע טאַבעלע 5, וואָס רעזומירט דעם סטאַטיסטישן מאַטעריאַל. פון דער אויפשטעלונג איז דהיינו צו זען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן באַטריבן, וועלכע באַשעפטיקן תמיד 3 ביז 4 מענטשלעכע אַרבעטס-כחות (און 2—3 אַרבעטס-בהמות), ד. ה. דאָס זיינען נישט קיין פאַמיליען-ווירטשאַפטן, נאָר מיטעלע פויערן-ווירטשאַפטן מיט 1—2 שטענדיקע לוינאַרבעטער. זייערע ברוטאָ-הכנסות שוואַנקען צווישן 507 און 591 פונט אינם יאָר; דאָס כאַראַקטעריזירט קלאָר גענוג דעם הויכן לעבנס-ניוואָ פון זייערע אייגנטימער — דייטשע קאָלאָניסטן (מפתח וכו' ז. 6). דערפון קאָן מען נישט ברענגען קיין ראיה פאַר אַ פאַמיליען-ווירטשאַפט פון אַ פעלאַך.

דער צווייטער משל פון אַ „פאַרבעסערטער ווירטשאַפט פון באַשטענדיקער סטרוקטור" איז שוין גענומען פון דעם טיפּ פון אַ באַטריב וואָס באַזירט אויף אייגנאַרבעט פון אַ משפּחה. אין דער תבואה-געגנט ווערט די לאַנד-איינהייט באַרעכנט מיט 130 דונאַם; דאָרט, וואו מען קאָן איריגירן 10 דונאַם, וואָלט מעגלעך געווען צו רעדוצירן דעם שטח אויף 80 ביז 90

דונאַם. עס איז אָבער גאָר וויכטיק דערביי צו נאָטירן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אידישע קאָלאָניסטן, וועמעס הוצאות פאַר לעבנס-אונטערהאַלט און קאָלאָניע-אויסגאַבן „קאָנען נישט זינקען אונטער 110 ביז 120 פונט אַ יאָר" (מפתח וכו׳ ז. 8). מען קאָן פשוט נישט מאַכן קיין גזרה-שוהס צווישן זאַכן וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגלייכן איינע מיט דער אַנדערער.

דאָס זעלבע גילט וועגן דער רעקאָמענדאַציע פון די אַמעריקאַנישע עקספּערטן (מיד-קאָמיסיע J. P. S. C. p. 53–54), צו פאַרזאָרגן די ווירטשאַפטן אין דער טרוקענער אַקערבוי-געגנט מיט 160 ביז 320 דונאַם. זיי ווייזן אָן בפירוש דערביי אויף אַן עקספּערטיזע פון צוויי ערשטקלאַסיקע פּראָפעסאָרן פון דער קאַליפאָרנישער אוניווערזיטעט — דר. ה. י. וועבער און דזשאָן וו. גילמאָר — וועלכע, ווי מען מוז מודה זיין, האָבן געהאַט אין זינען קודם כל קאַליפאָרנישע און אַמעריקאַנישע באַדינגונגען און מאַסשטאַבן.

לויט דער גלייכער שיטה באַטראַכטן טאַקע די עקספּערטן די דייטשע און פּיק"א-קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל אַלס זייער מאָדעל. דאָס אַלץ מיינט ווירטשאַפטן מיט שטענדיקע לוינאַרבעטער. אונזערע ארץ-ישראלדיקע מומחים האַלטן, אַז די מיינונג פון די אַמעריקאַנער עקספּערטן איז נישט בהסכם אַפילו מיט די באַדינגונגען פון אידישער לאַנדווירטשאַפט, על אחת כמה וכמה האָט עס נישט קיין זין, צו ברענגען פון זיי ראיות בנוגע דער גרויס פון אַן אַראַבישער פעלאַכן-ווירטשאַפט.

אויב מען דאַרף שוין זוכן אַנאַלאָגיעס, ווייזט זיך אונז אויס צוועק-מעסיקער צו וואַרפן אַ בליק קיין גריכנלאַנד, וואו סער דזשאָן האָפּ סימפּסאָן האָט אָנגעפירט מיט דער קאָלאָניזאַציע פון גריכישע פּויערן פון אַנאַטאָליע, וועלכע זיינען פון אַ סך שטאַנדפּונקטן זייער ענלעך צו אָריענטאַלישע פּויערן. לייענען מיר טאַקע אין אַ רעפעראַט, געהאַלטן פון סער דזש. ה. סימפּסאָן אַליין וועגן דער „טעטיקייט פון דער קאָמיסיע פאַר דער באַזעצונג פון גריכישע פּליטים": „צוליב דעם פעלן פון קולטורפעאיקער ערד אין גריכנלאַנד איז די דורכשניטלעכע ווירטשאַפט פון אַ פּליטים-פאַמיליע נאָר $3\frac{1}{2}$ העקטאַר גרויס, אַלזאָ ווייניקער ווי 9 עקרס. 9 עקרס תבואה זיינען נישט גענוג, כדי צו זיכערן אַ משפחה אַן אַקצעפּטאַבלע לעבנס-מדרגה. די קאָמיסיע האָט דערפאַר נישט נאָר געמאַכט יעדע אָנשטרענגונג צו פאַרגרעסערן דעם איינטראָג פון תבואה-קולטורן, נאָר אויך איינצופירן קולטורן וואָס האָבן אַ העכערן ווערט אויפן מאַרק ווי תבואה, ספּעציעל אַזעלכע וואָס קאָנען בדרך כלל עקספּאָרטירט ווערן". וואו ס׳איז מעגלעך באַוואַסערונג, האָט מען רעדוצירט דעם פאַר די קאָלאָניסטן באַשטימטן שטח אויף 14—18 דונאַם. (Journal of the Royal Institution of International Affairs Nov. 1929 p. 587) מען פילט ווינציק פון די גריכישע ערפאַרונגען און אַנאַלאָגיעס אין האָפּ-סימפּסאָנס ראַפּאָרט.

די מעגלעכקייטן פון באַוואַסערונג זיינען אַ פּראָדוקציע-פאַקטאָר פון גרויסער באַדייטונג אין ארץ-ישראל, און זיי זיינען טאַקע באַמערקט געוואָרן פון סער דזש. ה. סימפּסאָן. ער פאָרמולירט אַלס זיין קאָנ-

קלוזיע: „וואו עס איז פאַראַנען איריגאַציע און ס׳איז מעגלעך מילך-ווירט-שאַפט, קאָן דער ווירטשאַפטס-שטח רעדוצירט ווערן אויף 40 דונאַם, דערפון די העלפט באַוואַסערט. וואו עס ווערן איינגעפירט פלאַנצונגען, קאָן די לאַנדנאָרם ביי די איצטיקע פּרייזן פון יפּוער אָראַנזשן און באַנאַנעס אָנגע-נומען ווערן מיט 15 ביז 20 דונאַם״ (H. S. p. 64). אויך אין דעם פאַל זאָגט זיך אַרויס סער דזש. ה. סימפּסאָן אָן שום שאלות ומענות, מיט אַפּאָדיקטישער זיכערקייט, אָבער אָן דער טרחה פון אַ באַווייז, לטובת העכערע שטחים. מיר האַלטן מער פון די גענויערע קאַלקולאַציעס פון דער עקספּערטן-קאָמיסיע וועגן די טיפּן פון איריגירטער לאַנדווירטשאַפט, וואָס זיינען מעגלעך אין דער פּלאַנטאַציע-געגנט, וועלכע מיר האָבן באַנוצט אַלס מאַטעריאַל פאַר אונזערע באַרעכענונגען אין דער שריפט איבער דער קאַפּאַציטעט פון א״י. אָבער אַ סך וויכטיקער און משונהדיק איז דער פאַקט, אַז האָפּ סימפּסאָן האָט לחלוטין פאַרזען אָדער איגנאָרירט אָט די אינטענסיווערע ווירטשאַפטס-טיפּן ביי דער באַרעכענונג פון דער דורכשניטלעכער מאָס פון אַ פעלאַכן-ווירטשאַפט ווי אויך פון דעם ערד-באַדאַרף פון דער גאַנצער אַראַבישער לאַנדבאַפעלקערונג.

די באַוואַסערונג איז שוין היינט נישט אָן אַ באַדייטונג אין דער אַראַבישער לאַנדווירטשאַפט, הגם עס איז אמת, אַז די אויסנוצונג פון די איריגאַציע-מעגלעכקייטן פון ארץ-ישראל איז נאָך אין איר אָנהויב. פונדעסט-וועגן זיינען שוין היינט צו טאָג אין דער ים-ברעג-געגנט 60.000 דונאַם אָראַנזשן-לאַנד אין אַראַבישן באַזיץ, וועלכע באַשעפטיקן פּערמאַנענט 6000 אַרבעטס-כחות. די צאָל פון די אַראַבישע קליין-פויערן, וועלכע פאַרזאָרגן מיט גרינצייג די גרעסערע שטעט — ירושלים, שכם, חיפה, יפו, תל-אָביב — מיט אַ באַפעלקערונג פון 250 טויזנט נפשות, ווערט געשאַצט אויף 2 טויזנט און דער פון זיי באַאַרבעטער שטח — אויף צוואַנציק טויזנט דונאַם. האָפּ סימפּסאָן באַריכטעט ווייטער, אַז אין דעם עמק הירדן התחתון „ווערן שוין בערך 54 טויזנט מ. ד. באַוואַסערט״ (H. S. p. 19) און אויך אין בית-שאָן און אַנדערע טיילן פון ארץ-ישראל בלייבט דאָס וואַסער נישט איינגאַנצן אומ-באַנוצט. די צאָל פון די אינטענסיווע אַראַבישע ווירטשאַפטן איז דערפאַר מיט צען טויזנט נישט צו הויך געשאַצט; זיי מאַכן אויס אַ חשובן פּראָ-צענט פון דער ארץ-ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט און טאָרן בשום אופן נישט איגנאָרירט ווערן ביי דער באַרעכענונג פון דעם דורכשניטלעכן שטח פון אַ ווירטשאַפט. נעמט מען, למשל, אַז נאָר 20 פּראָצ. פון די פעלאַכן-משפחות באַאַרבעטן אינטענסיווע ווירטשאַפטן פון דורכשניטלעך 20 דונאַם גרויס (צו וואָס עס וואָלט נויטיק געווען נאָר אַ באַשיידענע פאַרגרעסערונג פון דעם שוין היינט איריגירטן שטח), בשעת אין דער טרוקענער לאַנדווירטשאַפט בלייבט די לאַנדנאָרם 75 דונאַם פאַר דעם פויער-אייגנטימער און 130 דונאַם פאַר דעם פּעכטער, דאַן דערגרייכן מיר אַ „בערכדיקן דורכשניטס-שטח פאַר באַרשיידענע מינים לענדערייען״ פון 76 דונאַם, און נישט פון האָפּ-סימפּסאָן אויסגערעכנטן מינימום פון 130 דונאַם.

עס איז גראַד אַזוי קלאָר, אַז האָפּ-סימפּסאָן וואָלט נישט געקאָנט מאַכן אַ חשבון פון דעם ערד-באַדאַרף פון דער פאַראַנענער אַראַבישער לאַנדווירטשאַפט מיט 8 מיליאָנען דונאַם, ווען ער וואָלט נישט באַהאַנדלט גאַנץ ארץ-ישראל אַלס אַ ריין תבואה-לאַנד, וואָס איז באַפעלקערט פון לויטער פעכטער, וואָס זיצן אויף ווירטשאַפטן אָן אַ בוים און אָן וואַסער. כדי צו רעקאָנסטרואירן די אמתע סיטואַציע, לאָמיר אָננעמען מיט האָפּ-סימפּסאָן, אַז די אַראַבישע דאָרף-באַפעלקערונג באַטרעפט 478 טויזנט נפשות, הגם מיר האָבן גרויסע ספקות בנוגע זיינע דאַטן (H. S. p. 25). דאָס זיינען, ביי 6 נפשות אויף אַ משפחה (J. C. p. 4) רונד 80 טויזנט משפחות. אויך אינם אַראַבישן דאָרף זיינען נאַטירלעך פאַראַנען אייננוואוינער, וועלכע האָבן נישט קיין לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָפעסיעס. (האָפּ סימפּסאָן ווייס עס זער גוט—H. S. p. 158; רעכנט זיך אָבער נישט מיט דעם פאַקט און אידענטיפיצירט אומעטום די מושגים לאַנדבאַפעלקערונג און לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג). אין די אידישע קאָלאָניעס בילדן די נישט לאַנדווירטשאַפטלעך טעטיקע פּערזאָנען 33% פון דער אייננוואוינערשאַפט. אין דעם אַראַבישן דאָרף נעמען מיר זיי אָן מיט 10% ביז 15%. דאַן זיינען פאַראַן 70 טויזנט פעלאַכן-משפחות. פון זיי נוציקן זיך 10 טויזנט אינטענסיווע ווירטשאַפטן אין 200 טויזנט מ. ד. בערך, און די אַנדערע 60 טויזנט אַקערבוי-ווירטשאַפטן (פון 75 דונאַם און 130 מ. ד. גרויס) אין 5 325.000 מ. ד. מיט אַנדערע ווערטער, דער קאַלקולירטער לאַנד-באַדאַרף פון דער באַשטייענדער אַראַבישער פויערן-ווירטשאַפט שטייט אויף ביי די איצטיקע עקסטענסיווע מעטאָדן פון ערד-באַאַרבעטונג אין הסכם מיט די באַרעכענונגען פון דעם שטח, וואָס ווערט שוין היינט באַאַרבעט — 5 1/2 מיליאָנען דונאַם.

ווי וואָלט עס אויך געקאָנט זיין אַנדערש? ווען ארץ-ישראל וואָלט געליטן פון לאַנדנויט און איבערבאַפעלקערונג אין אַזאַ מאָס, ווי עס נעמט דאָס אָן סער דזש. ה. סימפּסאָן, דאַן וואָלט עס שוין פון לאַנג געמוזט קומען צו קענטיקע דערשיטערונגען פונם ווירטשאַפטלעכן לעבן. עס וואָלט זיך באַדאַרפט אָנהויבן אַ שטאַרקע ע מ י ג ר אַ צ י ע איבערן ים; אָדער די לאַנדלאָזע פויערן וואָלטן זיך אַ לאָז געטאָן צו די פרייע לענדערייען אין ע ב ר - ה י ר ד ן און אַפילו אין נ ג ב; אָדער עס האָט זיך באַדאַרפט מאַניפעסטירן אַ פּראָגרעסיווע פ אַ ר אָ ר י מ ו נ ג און אַראָפּנידערונג פון דעם לעבנס-ניוואָ. פון די אַלע סימנים איז גאָרנישט צו זען אין ארץ-ישראל. די אַראַבישע עמיגראַציע איז אָן באַדייטונג און קלענער ווי פאַר דער מלחמה אָדער ווי די אויסוואַנדערונג פון דער שכנותדיקער סוריא; מען שפּרייזט נישט אַריבער דעם ירדן פון מערב-זייט; דערפאַר אָבער ציט צו ארץ-ישראל טויזנטער אַראַבער פון עבר-הירדן; און אין די לעצטע צען יאָר איז ארץ-ישראל געוואָרן דאָס לאַנד פון די העכסטע לוינען אינם נאָענטן מזרח. דאָס אַלץ זיינען נישט קיין סימפּטאָמען פון וואַקסנדער נויט און פאַרעלנדונג.

געוויס, דער לעבנס-שטייגער פון די פעלאַכן, גראַד אַזוי ווי דער מצב פון זייער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, איז בדרך כלל נישט

איבער דעם עקזיסטענץ-מינימום; אָבער ער איז גאַנץ באַשטימט נישט טיפער,
פאַרקערט, דער גאַנצער פאַקטישער מאַטעריאַל פירט גיכער צו דער מסקנה,
אַז ער איז העכער ווי דער לעבנס-שטייגער פון די פעלאַכן אין די שכנות-
דיקע אַראַבישע לענדער אָדער גאָר אין אינדיע. די העכערונג פון דעם
לעבנס-שטייגער פון די פעלאַכן איז נישט צו זוכן אָדער צו דערגרייכן אויפן
וועג פון אַ פאַרגרעסערונג פון די שטחים פון דעם פרימיטיוון אַקערבוי. ווי
ווילקאַנסקי באַווייזט אויף אַן איבערצייגענדן אופן, וואָלט דורך דעם מיטל
מעגלעך געווען אַ פאַרגרעסערונג פון די הכנסות פון דעם פעלאַך נאָר דורך
„דער אומבּרחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע פון דעם כאַראַט, וועלכער לעבט
צוליב דעם אונטער דער גרענעץ פון אָרעמקייט... דער פּועל-יוצא איז דער-
פאַר דער, אַז יעדע פאַרגרעסערונג פון דעם לאַנד-שטח, וואָס שטייגט איבער
די אַרבעטס-פעאיקייט פון אַן אַליינאַרבעטנדער משפחה, קאָן נישט הייבן
דעם לעבנס-מצב פון איין מענטש נישט אַראָפּדריקנדיק דעם לעבנס-מצב
פון אַן אַנדערן מענטשן. די איינציקע פאַרענטפערונג ליגט אין דער שטיי-
גערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ערד און פון דער אַרבעטס-לייס-
טונג פון דער משפּחה" (F. F. p. 84, 89).

דער סימפּסאָנישער טעזיס פון דער לאַנדנויט אין ארץ-ישראל האַלט
פונקט אַזוי ווייניק אויס קריטיק ווי זיינע השערות וועגן דער לאַנדנאָרם,
און עס קומט זיי נישט צו קיין כּח פון דער זער סענסאַציאָנעלער אַנט-
דעקונג פון סער דזש. ה. סימפּסאָן, אַז אין ארץ-ישראל איז פאַראַן אַ לאַנד-
לאָזער פּראָלעטאַריאַט פון 29,4 % פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג, אָדער
פון איבער 25 טויזנט פעלאַכישע משפּחות.

III. לאַנדלאָזע אַראַבער

סער דזשאָן האָפּ סימפּסאָן שרייבט ווערטלעך (H. S. p. 142): „דאָס-
גלייכן איז געדרונגען, אַז פון די 86.980 אַראַבישע משפּחות אין די דער-
פער זיינען 29,4 פּראָצ. לאַנדלאָז. עס איז נישט באַקאַנט, וויפיל פון די
משפּחות, וועלכע האָבן פריער באַאַרבעט דאָס לאַנד, האָבן דערווייל פאַרלאָזן
זייער ערד". עס ווערט אַלזאָ פון האָפּ סימפּסאָן קאָנסטאַטירט, אַז אינם
אַראַבישן דאָרף איז פאַראַנען אַ לאַנדלאָזער קלאַס, וואָס זיין גרויס אין צאָל
ווערט אָנגעגעבן מיט מאַטעמאַטישער גענויאיקייט. עס איז אויך דאָ אַן
אָנצוהערעניש, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס פון אָפּרייסן זיך פון דער ערד
איז אַ רעזולטאַט פון די לעצטע יאָרן, אַלזאָ פון דער „אידישער אינוואַזיע".
צום גליק האָט סער דזש. ה. סימפּסאָן אָנגעגעבן דעם מקור פון זיין אינ-
פאָרמאַציע, אַזוי אַז מיר זיינען ביכולת צו אונטערזוכן איר ריכטיקייט. דער
מקור איז דער ראַפּאָרט פון דער דזשאָנסאָן-קראָסבי-קאָמיסיע. „אַן אויספאָר-
שונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די פויערן איז דורכגעפירט געוואָרן
אין 104 רעפּרעזענטאַטיווע דערפער פון אַ קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט
געוואָרן פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג. אין אט די דערפער ווײַזן 23,573

משפּחות, פון וועלכע 16.633 פּאַרמאָגן ווירטשאַפטן, בשעת 6.940 האָבן נישט קיין ווירטשאַפטן. מיט אַנדערע ווערטער: עס זיינען פאַראַן אין די דערפער 29,4 פּראָצ. משפּחות, וועלכע זיינען זיך מפרנס נישט דירעקט דורך ערד-אַרבעט, נאָר פון לוינאַרבעט אין דאָרף אָדער מחוץ דעם דאָרף און אויף אַן אַנדערן אופן" (H. S. p. 26). לאָמיר אַלזאָ עפענען דעם דזשאָנסאָן-קראָסבי-באַריכט, וואו מיר געפינען אויף דער 21-טער זייט די טאַבעלע 24, אויף וועלכע עס באַרופט זיך האָפּ סימפּסאָן. די זאַך איז פון אַזאַ וויכטיגקייט, אַז עס איז כדאי איבערצוגעבן די טאַבעלע וואָרט ביי וואָרט, כדי צו זען, ווי האָפּ סימפּסאָן האָט זי געלייענט און אינטערפּרעטירט.

אָנגעגעבענע ווירטשאַפטן אין 104 דערפער לויט זייער גרויס.

פויערן-אייגנטימער, וועלכע עקזיסטירן נאָר פון זייער ווירטשאַפט:

איבער 2 פעדאַן	3873
פון 2—1 פעדאַן	1604

פויערן-אייגנטימער, וועלכע אַרבעטן אויך אַלס לוינאַרבעטער:

פון 2—1 פעדאַן	1657
אונטער 1 פעדאַן	8396
נאָר בוימער	1103
לוינאַרבעטער	6940
ס"ה	23.573

מיר זעען, אַז די קאָמיסיע אונטערשיידט צוויי קאַטעגאָריעס פון פעלאַכן: אַזעלכע, וועלכע זיינען אייגנטימער פון לאַנד, און אַזעלכע וואָס פאַרמאָגן נישט קיין לאַנד אַלס אייגנטום. די 16.633 פויערן-אייגנטימער זיינען גרופּירט לויט דער גרויס פון זייערע ווירטשאַפטן. די באַנוצטע לאַנד-איינהייט פון אַ פעדאַן איז 120 דונאַם, גלייך 12 העקטאַר. די טאַבעלע אינפאָרמירט אויך דעריבער, וויפיל פון די פויערישע לאַנדבאַזיצער פאַרמאָגן נאָר פלאַנצונגען אָדער זיינען אָפּהענגיק פון אַ נעבן-הכנסה דורך לוינאַרבעט. אַלע אַנדערע דאָרפבאַוואוינער אין דער צאָל פון 6940 משפּחות, זיינען צונויפגענומען אונטער דעם קאָלעקטיוו-נאָמען "Labourers„ — „לוינאַרבעטער".

אָט די באַצייכענונג איז געוויס אַ שווערער טערמינאָלאָגישער טעות. עס איז קלאָר, אַז אין די פון דער אַנקעטע באַהאַנדלטע דערפער זיינען אַ חוץ פויערן-אייגנטימער און לוינאַרבעטער פאַראַנען אויך אַנדערע קאַטעגאָריעס פון דאָרף-איינוואוינער: קודם כל מוזן דאָרט זיין פעכטער, ווי אויך מענטשן באַשעפטיקטע אין נישט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָפעסיעס. עס איז געוויס געווען אַ טעות מצד דער קאָמיסיע צונויפצומישן פויערן-פעכטער מיט לאַנדאַרבעטער, בעלי-מלאכות און אַנדערע דאָרף-באַוואוינער און זיי אַלע צו קלאַסיפיצירן אַלס „אַרבעטער". ווער עס לייענט אָבער מיט קאָפּ די

טאַבעלע, קאָן קוים פאַרזען דעם פאַקטישן מצב, און ס'איז זיך צו וואונדערן, מיט ווי ווייניק גענויאיקייט סער דזש. ה. סימפּסאָן האָט שטודירט אָן אויפשטעלונג, אויף וועלכער ער האָט געבויט אַזעלכע ווייטגייענדע פאַראַלגעמיינערונגען.

בפרט קאָן מען נישט איגנאָרירן די קאַטעגאָריע פּ ע כ ט ע ר. לויט דעם באַריכט פון דער דזשאָנסאָן־קראָסבי־קאָמיסיע האָבן די 104 דערפער צו זייער אייגענער ערד נאָך אַרענדירט 245,275 דונאַם פון „אַבסענטי לענדלאָרדס", ד. ה. פון שכנישע גרויסגרונדבאַזיצער, און 126,522 דונאַם פון שכנישע דערפער, צוזאַמען 371,797 דונאַם, אָדער רונד 30 פּראָצ. פון דעם גאַנצן פון זיי באַאַרבעטן לאַנד. סער דזש. ה. סימפּסאָן האָט נישט קיין שום סבה אָנצונעמען, אַז אָט דער גרויסער שטח פון אַרענדירטער ערד ווערט לגמרי און נאָר באַאַרבעט פון די פעלאַכן, וועלכע זיינען אַליין לאַנדאייגנטימער, דער דזשאָנסאָן־קראָסבי־באַריכט זאָגט וועגן דעם בזה הלשון: „עס באַשטייט נישט קיין ליסטע פון די ווירטשאַפטן פון די פּעכטער, וועלכע באַאַרבעטן 245.275 דונאַם, וואָס געהערן צו אָבוועזנדע גרויסגרונדבאַזיצער, און 126,522 דונאַם, וועלכע זיינען אַרענדירט פון אַנדערע דערפער". (J. C. p. 21). עס איז גענוג באַקאַנט, אַז די ערד פון די גרויסע פּריצים ווערט ס'רוב אָדער אינגאַנצן אַרענדירט און באַאַרבעט פון „פּערזאָנען, וועלכע פאַרמאָגן נישט קיין ערד און קיין בוימער". ד. ה. פון פויערן, וועלכע ווערן אין דער באַהאַנדלטער טאַבעלע על פּי טעות באַצייכנט אַלס „לאַנדאַרבעטער", און וועלכע ווערן פון סער דזש. ה. סימפּסאָן קלאַסיפיצירט אַלס „לאַנדלאָזע אַראַבער". אַפילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז אַלע 6.940 משפּחות פון אָט דער קאַטעגאָריע זיינען זיך מפרנס פון דער אַרענדירטער ערד, וואָלטן נאָך אַלץ אויסגעקומען 54 דונאַם אויף יעדער משפּחה. באמתן איז אָבער נישטאָ קיין שום ספק, אַז על כל פּנים אַ טייל פון די אַזויגערופענע „לוינאַרבעטער" זיינען גאָרנישט קיין אַרבעטער, נאָר אַרענדאַרן. אין קיין שום לאַנדווירטשאַפטלעכער סטאַטיסטיק ווערן פויערן־פּעכטער נישט אַריינגערעכנט אין דער גלייכער קאַטעגאָריע ווי לאַנדלאָזע אַרבעטער. אין ענגלאַנד מיט וויילס, למשל, זיינען געציילט געוואָרן אין דעם יאָר 1921 — 70.000 פויערן־באַטריבן און נישט ווייניקער ווי 350.000 פּעכטער־באַטריבן, וועלכע ווירטשאַפטן אויפן אייגענעם חשבון. עס וואָלט אַרויסגערופן דעם גרעסטן ווירוואַר, ווען מען שטעלט די דאָזיקע פּעכטער, וועלכע באַשעפטיקן אַליין לוינאַרבעטער, אין איין שורה מיט לאַנדאַרבעטער.

צווישן די פאַרצייכנטע 6940 משפּחות זיינען אַ טייל געוויס לאַנדלאָזע פּראָלעטאַריער. די ציטירטע טאַבעלע באַווייזט, אַז אויך אין די ארץ־ישראלדיקע דערפער קומט פאָר אַ געוויסע סאָציאַלע דיפערענצירונג. פון די 16.630 פויערן־אייגנטימער באַזיצן נישט ווייניקער ווי 3870 מער ווי 240 דונאַם לאַנד אויף אַ משפּחה, און אַנדערע 1600 האָבן ווירטשאַפטן פון 120 ביז 240 דונאַם גרויס. די מערהייט פון די דאָזיקע פעלאַכן, און

אפשר אַלע, קאָנען צוליב דער גרויס פון זייערע ווירטשאַפטן זיך נישט באַגיין אָן הילפס-כחות און באַשעפטיקן דערפאַר לאַנדאַרבעטער (כאַראַטן) אָדער לאַנדאָרימע פויערן. מיר זיינען נישט אימשטאַנד אָפּצושאַצן די צאָל פון די דאָזיקע כאַראַטן מיט גענוגנדער גענויקייט. אָבער עס איז נישטאָ קיין ספק, אַז זיי בילדן אַ טייל פון די 6948 משפחות.

צום סוף, זיינען פאַראַן אינם אַראַבישן דאָרף, ווי אומעטום אויף דער וועלט, איינוואוינער, וועלכע לעבן נישט פון דער ערד-אַרבעט, נאָר פון אַנדערע פרנסות, ווי בעלי-מלאכות, קרעמערס, אין לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטריען באַשעפטיקטע פּערזאָנען א. אַ. וו. די צאָל פון די לעצטע איז נישט אומבאַדייטנד, ווי עס באַווייזן די אינטערעסאַנטע ציפערן פון דעם דירעקטאָר פאַר לאַנדווירטשאַפט, קאָל. ס אָ ע ר, וועגן דעם באַדאַרף פון אַרבעטס-הענט אין די דאָרפישע אינדוסטריען (R. A. S. IV p. 26).

די דאָרף-איינוואוינער פון די אַלע קאַטעגאָריעס — פּעכטערס, לאַנדאַרבעטער, נישט אין דער לאַנדווירטשאַפט טעטיקע — זיי אַלע צו באַצייכענען אַלס לאַנדלאָזן, אָדער אַלס משפחות, „וועלכע האָבן געדאַרפט באַאַרבעטן דאָס לאַנד, אָבער קאָנען עס נישט” (H. S. p. 23), איז אַ פאַרטונקעלונג פון דעם אמתן מצב, וועלכע איז מסוגל צו ערוועקן דעם איינדרוק, אַז אינם אַראַבישן דאָרף אין ארץ-ישראל איז פאַראַנען אַ לאַנדלאָזער פּראָלעטאַריאַט פון קרוב צו 30% פון דער באַפעלקערונג. דער צוועק איז כמעט דערגרייכט געוואָרן אין לאָרד פּאַספּילדס ווייסבוך פון 1930.

עס וואָלט אַגב געווען אינטערעסאַנט געוואָר צו ווערן, פאַרוואָס סער דזש. ה. סימפּסאָן איז דוקא אין ארץ-ישראל אַזוי נתפעל געוואָרן פון דער עקזיסטענץ פון אַ געוויסן פּראָצענט פון לאַנדלאָזע פויערן; אַזוי ווי דער דאָזיקער סאָציאַלער פענאָמען וואָלט געווען בנמצא אַך ורק אין ארץ-ישראל, אָדער אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט אָנגענומען אַ באַזונדערס גרויסן היקף. דאַן האַלטן מיר פאַר געוואונשן צו דערמאָנען אָן די פאָלגנדע פאַקטן: אין ד ײ ט ש ל אַ נ ד (לויט דער ציילונג פונם יאָר 1925) זיינען פאַראַנען 2.202.000 זעלבסטשטענדיקע פויערן און לאַנדבאַזיצער, לגבי 2.607.000 באַזיצלאָזע לאַנדאַרבעטער; אין אַ קליינפויערלעכן לאַנד ווי ב ע ל ג י ע זיינען דאָ 252.000 זעלבסטשטענדיקע פויערן אַנטקעגן 224.000 לאַנדאַרבעטער; אין א י ט אַ ל י ע שטייען 5.887.000 פויערן און פּעכטער אַנטקעגן אַ לאַנד-פּראָלעטאַריאַט פון 4.292.000; און גרויסבריטאַניע אַליין ציילט אין רונדע צאָלן 400.000 פויערן און פּעכטער און 907.000 לאַנדאַרבעטער (זע Institut Internationale d'Agriculture. Annuaire Internationale de statistique Agricole, 1929—30). עס איז על כן קלאָר, אַז אין ארץ-ישראל איז די צאָל פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע לוינאַרבעטער פּראָצענטועל אַ סך ק ל ע נ ע ר, ווי אין די מייסטע לענדער פון דער פּראָגרעסיווסטער לאַנדווירטשאַפט. ווי קומט עס, אַז האָפּ-סימפּסאָן ווערט נישט נתפעל פון דעם געוואַלדיקן לאַנד-פּראָלעטאַריאַט אין ענגלאַנד גופא? פירושים זיינען נישט גויטיק.

* *
*

אונזער אַנאַליז האָט נישט קיין פּרעטענזיעס אויף פולשטענדיקייט. דאָך דוכט זיך אונז, אַז מיר האָבן באַוויזן מיט גענוגנדער דייטלעכקייט, אַז די עיקרדיקע טעזיסן פונם האָפּ-סימפּסאָן-באַריכט קאָנען נישט אויסהאַלטן קיין ערנסטע צוגלידערונג. די רעדוקציע פון די קולטיווירבאַרע שטחים אויף בערך אַ דריטל פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן באַאַרבעטונגס-פּעאיקן שטח פון דער מאַנדאַט-טעריטאָריע איז אַ פּסעוודאָ-וויסנשאַפטלעך באַפּאַרבטער סאָפיזם, באַאיינפלוסט פון מאָטיוון פון פּאָליטישער צוועקמעסי-קייט. די פיקסירונג פון אַ לאַנדנאָרם פון 13 העקטאר און די באַרעכענונג פון דעם ערד-באַדאַרף אויפן יסוד פון אָט דעם „מינימאַל-שטח" איז כאַראַקטעריזירט דורך דער גלייכער אייגנוויליקער, פאַרגרייזטער און טענדענציעזער באַהאַנדלונג פון פאַקטן און צאָלן. די קאָנסטאַטירונג פון דער כלומרשטער עקזיסטענץ פון 29,4 פּראָצענט לאַנדלאָזע באַזירט אויף דער פאַלשער אויסטייטשונג פון אַן איבערפלעכלעך געלעזענער און שלעכט-פאַרשטאַנענער טאַבעלע. אַזוי פאַלן איין די קאָנסטאַטירונגען און מסקנות פון סער דזשאָן האָפּ סימפּסאָן און מיר ווערן געשטופּט צו דער קאָנקלוזיע, אַז זיין באַריכט איז נישט צו באַטראַכטן אַלס אַ ווערק פון אָביעקטיווער פאָרשונג, נאָר אַלס אַ פּאָליטישע טענדענץ-שריפט.

לאָנדאָן, מערץ, 1931.